STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00504

KRITIK UN KRITIKER

Samuel Niger

Permanent preservation of this book was made possible by
Jacob & Shirley Steinberg
in memory of
Abraham & Mary Moskow

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. ניגער

קריטיק און קריטיקער

אַלייִד
קולטור-קאָנגרעס

ש. ניגער

קריטיק און קריטיקער

אַרגענטינער אָפּטייל פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור-קאָנגרעס
בוענאָס-איירעס
ה׳ תשי״ט — 1959

Copyright 1959, by
Asociación Pro Cultura Judía
Buenos Aires

Hecho el depósito que previene la Ley 11.723
IMPRESO EN LA REPUBLICA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINA

Este libro se terminó de imprimir el día 3 de Septiembre de 1959, en los Talleres Gráficos ZLOTOPIORO HNOS., San Luis 3149, Bs. Aires.

דאָס דאָזיקן בוך איז סובסידירט געוואָרן
פון יוסף און חיה (קלאַראַ) אָוסעכעוויטש
אין אָנדענק פון זייער שווער און פאָטער
אייזיק גאָלאָמב ע״ה.

אינהאַלט

פון פאַרפאַסער 9

ערשטער טייל

דער לייענער און דער שרייבער 13

טעלעכע אַלגעמיינע באַמערקונגען. — וואָס הייסט לייענען? — דער אמתער פאַרגעניגן און אמתער נוצן פון לייענען. — ווי אַזוי נישט צו לייענען. — וויפל טיפן שרייבערס, אַזוי פיל טיפן לייענערס. — דער לייענער און די ליטעראַטור. — דער פּראָלעטאַרישער לייענער — און די ליטעראַטור. — נאָך וועגן דער ליטעראַטור און דעם פּראָלעטאַרישן לייענער.

צווייטער טייל

לייענערס, דיכטערס, קריטיקערס 75

דער דיכטער און דער קריטיקער (מאָנאָלאָג). — גאַנצע און האַלבע דיכטערס. — דער יונגער דיכטער — און דער קריטיקער (דיאַלאָג). — דאַרפן נישט די דיכטערס זיין אויך די קריטיקערס?

דריטער טייל

קריטיק — איר הויפּטוועֶרט, אירע צילן, אירע מיטלען, אירע פּראָבלעמען 119

דער שרייבערישער ווערט. — אַנדערע ווערטן — לעזערישע, לערערישע. — קריטיק און חטאים־זוכעריי. — קריטיקערס־חסידים און קריטיקערס רביים. — קריטיק פון לויטער אַדיעקטיוון. — „אָביעקטיווע" און „סוביעקטיווע" קריטיק. — קריטיק פון „וואָס" און קריטיק פון „ווער". — קריטיק — און געשטאַלטן, אידייען, טענדענצן. — קריטיק פון אייבעמס אייבציקע ווערק און קריטיק פון זיין גאַנצן שאַפן.

פערטער טייל

סאָציאַל־עטישע און נאַציאָנאַל־עטישע קריטיק 209

אַ פּאָר באַמערקונגען. — ליטעראַטור־געשיכטע. — מאַרקסיסטישער וואַריאַנט פון סאָציאַל־עטישער ליטעראַטור־קריטיק. — ל. טראָצקי ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער. — משה ליטוואַקאָוו. — נאַציאָנאַל־עטישע קריטיק. — „משיחיסטישע קריטיק". — קולטור־קריטיק און קונסט־קריטיק (געאָרג בראַנדעס). — קריטיק און רעצענזיע. — ליטעראַטור־קריטיק און קריטיק פון טעאַטער. — רעגיאָנעלע קריטיק.

פינפטער טייל

אונדזערע קריטיקערס 305

קריטיקערס יידן און יידישע קריטיקערס. — שמעון דובנאָוו (1860—1941) ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער. — י. ח. ראַבניצקי (1859—1944) ווי אַ יידישער קריטיקער. — דוד פרישמאַן (1860—1922). — בעל־מחשבות (1873—1924) דער עסייאיסט און קריטיקער.

פון פאָרפּאָסטער

א. דעם מאַטעריאַל פאַר דעם דאָזיקן בוך האָב איך גענומען פון פאַר־שיידענע אַרבעטן, וואָס זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין די ערשטע צוויי בענד פון „געקליבענע שריפטן" אונטערן נאָמען: „לעזער, דיכטער, קריטיקער (ניו־יאָרק, 1928) ווי אויך פון עסייען וואָס זיינען נישט אַריין אין יענע צוויי בענד. כ'זאָג „מאַטעריאַל", ווייל די אַלע אָפּהאַנדלונגען זיינען אַ היפּש ביסל געענדערט, רעדאַקטירט און דער עיקר סיסטעמאַטיזירט געוואָרן. פון די אַלע חומר ולבנים האָב איך געפּרוּווט אויפשטעלן אַ בנין.

ב. נישט בלויז אין דעם פינפטן, לעצטן, אָפּטייל פונעם בוך, ווו עס רעדט זיך וועגן גאַנץ באַשטימטע ליטעראַרישע פּערזענלעכקייטן, — אויך אין די ערשטע פיר, מער אַלגעמיינע טיילן, זיינען דעם מחברס הנחות און אויספירונגען גאַנץ אָפט פאַרבונדן מיט די אַרבעטן פון גאַנץ באַשטימטע שרייבערס, ייִדישע און נישט־ייִדישע. דאָס איז דערפאַר ווייל זיין שטעלונג צו די ווערטן, די צילן, מיטלען און פּראָבלעמען פון קריטיק זיינען נישט קיין אַבסטראַקטע און אוודאי נישט קיין דאָגמאַטישע. זי איז קריסטאַליזירט און קאָנקרעטיזירט געוואָרן אינעם פּראָצעס פון זיין אייגענער אַרבעט, ווי אַ רעזולטאַט אָדער אַ סך־הכל פון דער דאָזיקער פּאָזיטיוו־קריטישער אָדער פּאָ־לעמיש־קריטישער אַרבעט. מיט די אָפטע ציטאַטן — דערהויפּט פון ווערק וואָס זיינען מיר צום האַרצן — איז דער מחבר נישט אויסן צו באַווייזן די ריכטיקייט פון זיין צוגאַנג, אויך ברענגט ער זיי נישט ווי סתם אַזוי אַ תנא דמסייע. גיכער זיינען זיי אַ מין סטיל־באַפּוצונג, — טאַקע לתפארת המליצה. אַפילו פאַר אַן אייגענעם געדאַנק זוכט מע נישט אַלע מאָל אוים דעם בעסטן אויסדרוק, — און אַז מען געפינט ביי אַן אַנדערן אַ ווערטל אָדער אַ בילד, וואָס דיר דאַכט זיך אַז ער האָט עס ביי דיר „פון מויל אַרויסגענומען", — ברענגסטו זיך אַליין אַ מין קליין גאולהלע מיטן איבערזאָגן עס בשם אמרו. דאָס איז דער סוד פון ציטאַטן ביי אַ שרייבער, וואָס זיין שטייגער איז צו פאַרצייכענען נאָר דאָס, וואָס ער ווייס פון זיין אייגענער אינטע־לעקטועלער און עמאָציאָנעלער לעבנסדערפאַרונג.

ערשטער טייל

דער לייענער און דער שרייבער

1. עטלעכע אַלגעמיינע באַמערקונגען

מען שרייבט ביי אונדז אַ היפּש ביסל קריטיק, זייער ווינציק — וועגן קריטיק. מען איז געוווינט אויפצוכאַפּן דעם דיכטערס, אָבער נישט דעם קריטיקערס פּראָ־בלעמען. מען זוכט — און עס טרעפט אויך אַז מען געפינט — אַ שליסל צו די רעטענישן פון יענעמס ווערק. עס קאָן אָבער טרעפן אַז דער יצר־הרע זאָל אָנריידן דעם קריטיקער מפסיק צו זיין ממשנתו, פאַרמאַכן אויף אַ ווײַלע דעם אַנדערנס ספר, אומקוקן זיך און זען, צי איז אַ מאָל נישט כדאי צו געפינען אַ באַשייד אויף די רעטענישן פון זיין אייגענער אַרבעט. קריטיק האָט אירע אייגענע פּראָ־בלעמען, — און נישט בלויז פּראַקטישע, אויך טעאָרעטישע פּראָבלעמען. די עצם עובדא פונעם קריטיקער, זיין „רעזאָן ד׳עטר״, שוין נישט צו ריידן וועגן זיינע קאָנקרעטע אויפגאַבעס, זיינע מעגלעכקייטן, ווי אויך זיינע גרענעצן — זיינען ווייט נישט אַלעמען קלאָר, אַפילו נישט פאַר אַלע קריטיקערס, און אוודאי נישט פאַר אַלע שרייבערס און לייענערס. איז רעכט, אַז מען זאָל מיט אַ מאָל דערהערן טענות און מענות, וואָס מ׳האָט געהאַט צו קריטיקערס אין מלך סאָביעסקיס צייטן. אין מיטן דערינען דערמאָנט זיך, אַ שטייגער, אַ פּאָעט, אַז זיין ליד איז דאָס אייבערשטע פון שטויסל און אַז נאָר ער אַליין איז פול מיט חידושים, בעת די קריטיק, נעבעך, האָט „אַ ליידיקן טייסטער״. זי קען נאָר „רייסן און בייסן פון די פּאַרטיקע ווערק פון די מייסטערס״. ביי לייטן איז דאָ אַ גאַנצע ליטעראַטור וועגן גענייסן און אָפּ־שאַצן און איבערשאַצן און אויסטייטשן „די ווערק פון די מייסטערס״, ווי אויך וועגן אויסגעפינען די שייכות, וואָס זיי האָבן צו צייט און אָרט און איינע צו די אַנדערע. וועגן קריטיק זיינען דאָ נישט ווינציקער טעאָריעס ווי וועגן איר מאַיעסטעט, דער פּאָעזיע אַליין. אין דער עצם קונסט פון שרייבן וועגן קונסט איז די צאָל פון שיטות און שולן און מעטאָדן און סטילן נישט קלענער, אויב נישט נאָך גרעסער, ווי אין דער „קרעאַטיווער ליטעראַטור״. ביי לייטן שטודירט מען, מען פאָרשט די פונקציעס און די רעזולטאַטן פון קריטיק, אירע מצוות און אירע עבירות, אירע אויפטואונגען און אירע דורכפאַלן, מען באַנוגנט זיך נישט דערמיט וואָס מען איז זי, פון איין זייט, מבטל, און פון דער אַנדערער — מאָנט מען ביי איר „אָנערקענונג״. מען זוכט אין איר עפּעס, וואָס איז מער — און מער ווערט — ווי רעקלאַמע. און ניט נאָר די, וואָס ריידן זיך איין, אַז קריטיק איז, בהסכם מיטן בוכשטעבלעכן מיין פונעם וואָרט אין גריכיש, — אַ ריכטערן, אַ „פּסוק אחרון״ און אַז זי שטייט

העכער אי פונעם לייענער, אי פונעם שרייבער — אויך יענע, וואָס באַטראַכטן זי ווי אַ פאַרמיטלערן צווישן דעם שאַפער און דעם אויפנעמער פון קונסט, אָדער ווי אַ מיטשאַפערן און מיטאויפנעמערן, וואָס באַגלייט זיי ביידן, העלפן איר זוכן ענטפערס אויף אירע שווערע פּראָבלעמען...

וואָס זיינען עס פאַר אַ פּראָבלעמען? זיי וועלן אונדז, האָף איך, קלאָר אָדער קלערער ווערן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלעך. פריער ווי אַלץ איז נאַטירלעך די פראַגע, צי איז איינער, וואָס איז (אָדער וואָס האַלט, אַז ער איז) אַ קריטיקער, פּאַסיק צו שרייבן וועגן קריטיק און קריטיקערס. ווען פּאָעטן שרייבן וועגן אַנדערע פּאָעטן, אָדער ראָמאַניסטן וועגן די ראָמאַנען, וואָס אַנדערע האָבן געשריבן — טרעפט אַז זיי פאַלן אַריין אין סוביעקטיוויזם. קאָן נישט טרעפן אַ מאָל דאָס אייגענע מיט די קריטיקערס?

די פראַגע וועגן קינסטלערס און זייער פּאַסיקייט אָדער אומפּאַסיקייט פאַר דער קונסט פון קריטיק וועט אויספירלעך אַרומגערעדט ווערן אויף די עמודים פון דעם בוך. דערווייל וויל איך אָנרירן נאָר אַ פּאָר פונקטן, כדי צו זען ווי מ׳קאָן אָדער מען קאָן נישט פאַרגלייכן די פּראָבלעם פונעם קריטיקער, וואָס שרייבט וועגן קריטיק, מיט דער פּראָבלעם פונעם דיכטער, וואָס שרייבט וועגן דיכטונג.

די ערשטע זאַך איז נייטיק קלאָר צו מאַכן — צי איז טאַקע באַרעכטיקט די מורא, אַז אַ קינסטלער וועט נישט קאָנען זיין גענוג אומפּאַרטייאיש, ווען ער וועט זיך נעמען פאַר דער אָפּשאַצונג פון אַ קאָלעגעס ווערק און אויב יאָ — וואָס זיינען די סיבות. ווען מיר וועלן וויסן די מאָטיוון, וועלן מיר זען, צי זיינען זיי חל אויך אויף קריטיקערס.

לאָמיר נישט פאַרגעסן אַז צווישן קינסטלערס איז פאַרשפּרייט אַ מיינונג, וואָס איז פּונקט דער היפּוך פון דער נאָר־וואָס געבראַכטער מיינונג. קינסטלערס און דיכטערס האָבן נישט איין מאָל דערקלערט, אַז נישט בלויז קאָן נישט זיין קיין רייד וועגן פסלנען זייער עדות זאָגן אָדער וועגן נישט לאָזן זיי זיין קיין שופטים, ווען עס רעדט זיך וועגן די ווערק פון אַנדערע מייסטערס נאָר אַז, פּונקט פאַרקערט: די שאַפערס און נאָר זיי אַליין זיינען די וואָס זיינען ראוי און מסוגל צו זיין די ריכטיקע עדות, עקספּערטן אָדער ריכטערס, ווען עס קומט צו קינסטלערישע שאַפונגען. אמת טאַקע, דער בעש״ט האָט געזאָגט, אַז „ווער עס באַנעמט די מעלה פון חכמה, האָט שוין ממילא אויך אַ שייכות צו חכמה גופא“, אָבער — טענהן קינסטלערס אָפט מאָל, — דאָס איז בלויז אַ דרויסנדיקע שייכות, בעת עס איז נייטיק, אַז דער, וואָס שרייבט וועגן קונסט, זאָל האָבן געוועזן אינעווייניק אין איר פּרדס, — און געוועזן דאָרטן זיינען זיי, די קינסטלערס. זיינען זיי די איינציקע, וואָס וויסן יעדן סוד אירן, די איינציקע, וואָס קאָנען אויסזאָגן דעם סוד פון איר חדר. וואָס קאָן איינער, פרעגן זיי, וואָס האָט קיין מאָל נישט געשריבן קיין לידער אָדער דערציילונגען, אונדז זאָגן וועגן פּאָעזיע אָדער בעלעטריסטיק? נו, בערנאַרד שאָו, ווען ער איז געווען אַ טעאַטער־קריטיקער, האָט אויף דער דאָזיקער פראַגע שוין לאַנג געגעבן זייער אַן איינפאַכן און הערצו נאָך אַ בילדלעכן ענטפער: „כ׳קאָן, האָט ער געזאָגט, נישט לייגן קיין אייער, אָבער אַז איך פאַרזוך דעם טעם פון אַן איי, קאָן איך זאָגן, צי זי איז פריש אָדער נישט“. נישט געקוקט אויף דעם דאָזיקן ענטפער און אויף אַנדערע ענטפערס, זיינען אַלע מאָל געווען און עס זיינען אויך איצט

פּאַראַן דיכטערס, וואָס האַלטן אַז זיי זיינען די איינציקע, וואָס זיינען ראוי צו זיין קריטיקערס. דער אמת איז, אַז אין אַלע ליטעראַטורן און אויך אין דער יידיש־העברעיִשער ליטעראַטור זיינען געווען און עס זיינען פּאַראַן דיכטערס, וואָס האָבן געשריבן און שרייבן זייער ווערטפולע און איינפלוסרייכע קריטיק. פון דער אַנדערער זייט אָבער זיינען צווישן זיי גופא דאָ אַזוינע, וואָס זיינען זיכער, אַז דיכטערס און קינסטלערס זיינען נישט די סאַמע פּאַסיקע קאַנדידאַטן פאַר דעם פּאָסטן פון קריטיק. דזשאָרזש זאַנד האָט (אין אַ בריוו צו פלאָבערן) געשריבן אַז „דער קינסטלער איז צופיל פאַרנומען מיט זיין אייגענעם שאַפן, אַז ער זאָל, ווילנדיק אָפּשאַצן דאָס שאַפן פון אַנדערע, קאָנען פאַרגעסן אָן זיך אַליין״. נאָר קלערער האָט עס געזאָגט ראָמען ראָלאַן (אין זיין בוך וועגן טאָלסטאָיען): „מען קאָן״, האָט ער געשריבן, „נישט פאָדערן פון דעם שעפערישן זשעני קיין אָביעקטיווע קריטיק. ווען אַ וואַגנער אָדער אַ טאָלסטאָי ריידן וועגן בעטהאָווענען אָדער שעקספּירן, ריידן זיי נישט וועגן בעטהאָווענען אָדער שעקספּירן, נאָר וועגן זיך אַליין. זיי דריקן אויס זייער אייגענעם אידעאַל״. האָט טאַקע ווירדזשיניאַ וואולף געזאָגט וועגן דעם אַלטן ענגלישן קריטיקער לאָקהאַרט, אַז — „מסתמא דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַליין אַ ראָמאַניסט, איז זיין קריטיק פון בעלעטריסטישע ווערק געווען עקסצענטריש און זיין באַגייסטערונג פאַר די ראָמאַנען פון גאָדווין און הוק ווייזט, אַז זיי האָבן סטימולירט זיין אייגענע שאַפונגס־קראַפט און טאַקע דערפאַר פאַרקריפּלט זיין חוש פאַר קריטיק״.

דאָס איז די הויפּט־סיבה פאַר וואָס אַ סך האַלטן, אַז דער וואָס איז אַליין אַ ראָמאַניסט איז נישט אַלע מאָל אַן אידעאַלער קריטיקער פון ראָמאַנען. אָבער אויב דאָס איז די הויפּט־סיבה, איז, דוכט מיר, ווינציקער פאַראַן וואָס מורא צו האָבן פאַרן קריטיקער, אַז אויך ער זאָל זיין איינזייטיק און פּאַרטייִיש, ווען ער וועט שרייבן וועגן די ווערק פון אַנדערע קריטיקערס און אָט פאַר וואָס מיר דוכט זיך אַזוי. דעם קריטיקערס עצם־פונקציע אין דער ליטעראַטור, זיין שולונג און זיין גאַנצע פּסיכאָלאָגיע מאַכן אים מער מסוגל ווי דעם פּאָעט, צו באַנעמען און רויִק אָפּשאַצן די צילן און מיטלען פון זיינע קאָלעגן, אַפילו ווען זיי זיינען אַנדערש ווי זיינע אייגענע צילן און מיטלען. דער דיכטער האָט, אמת טאַקע, אַ טאַלאַנט צו זיין ברייט, פילזייטיק און אָביעקטיוו, אָבער דאָס איז בנוגע צום לעבנס־שטאָף, וואָס ער נוצט, נישט בנוגע צו שאַפונגס־מעטאָדן און שאַפונגס־צילן. אין זיי לייגט ער אַריין די אינדיווידועלסטע און אינטימסטע אייגנשאַפטן וואָס ער פאַרמאָגט, און ווען ער שטויסט זיך אָן אין די ווערק פון אַן אַנדערן דיכטער אויף צילן און מיטלען, אייגנשאַפטן און אייגנאַרטיקייטן וואָס זיינען דער היפוך (אָדער בלויז אַנדערש) פון זיינע, איז אים שווער זיי אויפצונעמען און אַפילו בלויז צו באַנעמען: פּונקט אַזוי קאָן ער זיין אַ מאָל גרייט צו פאַרזען ביי אַן אַנדערן די גרעסטע פעלערן, אויב נאָר יענער איז פון זיין חדר. גאָר אַנדערש איז דער קריטיקער וואָס איז אַליין נישט קיין דיכטער. זיין קריטישע אויפנעם און שאַפונג־אַרבעט פאָדערט פון אים געדולד, נייגעריקייט, פילזייטיקייט און בייגעוועדיקייט בנוגע צו די אויפנעם־ און שאַף־אופנים פון יעדער מדרגה און יעדן מין. אַ קריטיקער, וואָס קאָן פאַרשטיין און איבערלעבן נאָר ווערק פון איין באַשטימטן מין און איין באַשטימטער ריכטונג קאָן אויך זיי נישט פאַרשטיין און איבערלעבן אין זייער גאַנצער פולקייט.

אַ קריטיקער מוז זיין בטבע נייגעריק צו יעדן סאָרט שאַפן, אויב נישט, איז ער שוין צו ווייט פון דעם אידעאַל פון אַן אמתן קריטיקער. עס איז אמת טאַקע פאַראַן אַ גרענעץ צו מענטשלעכער סענסיטיוויטעט, און דער אידעאַלסטער קריטיקער האָט זיינע באַגרענעצטקייטן. ער מוז אָבער זיין בכח (און וואָס לענגער ער טוט זיין אַרבעט, אַלץ מער ווערט ער מסוגל) בייצוקומען זיינע אינעווייניקסטע עקשנותן אין איינזייטיקייטן. להיפוך צום דיכטער, וועלכער זאָגט צו זיך אַליין (אַן ווערטער), וואָס באַלזאַק האָט געזאָגט, כאָטש ער איז געווען אַ קינסטלער פון אַזאַ ריזיקן פאַרנעם, אַז „עס איז נישט גענוג צו זיין אַ מענטש, מען מוז זיין אַ סיסטעם; עס איז נישט גענוג צו דענקען, מען מוז דענקען אין אַ באַשטימטער ריכטונג". — להיפוך צום דיכטער, מוז דער קריטיקער מאַכן פאַר זיין מאָטאָ נישט די ציטירטע דערקלערונג פון דעם גרויסן פראַנצויזישן ראָמאַניסט, נאָר די ווערטער פון סעינט בעיוו, דעם גאון פון דער פראַנצויזישער קריטיק: „לאָמיר זיין", האָט ער געזאָגט, „פילאָסאָפן און אַפילו האָבן אַ פילאָסאָפיע, אָבער לאָמיר נישט בלייבן איינגעשפּאַרט ביי איין באַשטימטער פילאָסאָפיע". ער האָט געמיינט דערמיט צו זאָגן: לאָמיר נישט זיין טויב צו אַ לעבנס־באַנעם און אַ קונסט־באַנעם, וואָס איז נישט אונדזערער. סעינט בעיוו אַליין האָט זיכער געהאַט אויערן, וואָס זיינען געווען סענסיטיוו צו יעדן קלאַנג, אַפילו דעם ווייטסטן און דעם פרעמדסטן. זיין טאַלאַנט אַלץ צו פאַר־שטיין, שרייבט עמיל פאַגע, איז „געווען אַזוי שטאַרק, אַז די געמיט־צושטאַנדן וואָס זיינען געווען אים פרעמדער ווי אַלע אַנדערע האָט ער בעסער ווי אַלע אַנדערע געקאָנט דערקלערן!" און ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר דעם קריטיקערס הויפּט־אייגנשאַפט און הויפּט־מעלה. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט סעינט בעיוו שטאַרק גע־לויבט היפּאָליט טענען, כאָטש אין אַ סך עיקר־זאַכן האָט ער מיט אים נישט מסכים געווען — דערפאַר, וואָס „ער ווייס, אַז פאַר גרויסע און איידעלע גייסטער איז דאָ מער ווי איין קלימאַט, מער ווי איין ווינט־אָרט" און וואָס ער ווייס ווי זיי צו שאַצן, אַלץ איינס ווו זיי זאָלן זיך נישט געפינען, אין וואָס פאַר אַ סביבה זיי זאָלן נישט האָבן זיך איינגעלעבט. יאָ, דער טיפּישער קריטיקער מוז זיך לייכט און גיך אַקלימאַטיזירן. זיין גייסט איז אַ פּעמינינער. מיט פרייד נעמט ער אויף יעדע ווירקונג, פון יעדן מין שעפערישקייט ווערט ער באַפרוכפּערט.

אָסקאַר ווייַלד האָט נישט אומזיסט געזעען אינעם קריטיקער עפּעס פון אַ טעאַטער־קינסטלער. זיי האָבן ביידע די פעיקייט זיך שעפעריש אַריינצולעבן אין די פאַרשיידנסטע געשטאַלטן, טיפּן, כאַראַקטערן. ביידע לעבן זיי היינט אין איין וועלט, מאָרגן — אין אַן אַנדערער, איבערמאָרגן — אין אַ דריטער. אַ גוטע אי־לוסטראַציע דערצו געפינען מיר אין אַ פאַקט וואָס געמליעל ברעדפאָרד, דער אַמע־ריקאַנער קריטיקער און ביאָגראַף, האָט דערציילט אין זיין „טאָגבוך":

„מיט אַ יאָר צוריק, האָט ער פאַרצייכנט, זיינען אַלע מיינע טעג און נעכט געווען פול מיט דזשאָרזש זאַנד. איצט האָב איך זי פאַרגעסן אַזוי פולשטענדיק, ווי איך האָב פאַרגעסן ראָבערט אי. לי. עס זיינען נישט אַריבער קיין דריי חדשים זינט איך האָב זיך באַשעפטיקט מיט (סאַראַ) בערנאַר, און מיר האָט זיך געדוכט, אַז איך האָב געלעבט אין איר נשמה. איצט קאָן איך זיך קוים דערמאָנען, וואָס פאַר אַ סאָרט פרוי זי איז געווען. און דאָס אייגענע איז אַפילו מיט נינאָן, וואָס איך האָב זיך אָפּגעגעבן מיט איר ערשט מיט דריי אָדער פיר וואָכן צוריק... וואָס

פאַר אַ סאָרט נשמה האָב איך, וואָס קאָן זיך אויף אַ קורצער צייט אַזוי פולשטענדיק צונויפגיסן מיט אַן אַנדערער און דערנאָך זי אין גאַנצן פאַרגעסן?". ער האָט די נשמה, — וואָלט ברעדפאָרד געקאָנט ענטפערן זיך אַליין — פון אַ טיפּישן קריטיקער, און אָט דאָ ליגט דער טיפסטער אונטערשייד צווישן אים און דעם טיפּישן דיכטער. דער לעצטער איז געוויינטלעך פאַרטאָן און פאַרקאָכט נאָר אין איין לעבנס־געפיל, אין איין געדאַנקענגאַנג, אין איין שאַפונג־מעטאָד, אין איין סטיל — זיין אייגענעם, בעת דער קריטיקער איז לויט זיין עצם־כאַראַקטער און באַרוף מסוגל צו זיין באַגייסטערט פאַר די פאַרשיידנסטע שיטות, מעטאָדן, סטילן. דערפאַר איז נישט שייך צו זאָגן אַז אַזוי ווי דעם דיכטער איז שווער צו זיין אָביעקטיוו, ווען ער שרייבט וועגן אַנדערע דיכטערס, קאָן אויך דער קריטיקער נישט שרייבן קיין אומפּאַרטייאישע קריטיק וועגן אַנדערע קריטיקערס. ניין, ער קען, ער מוז קענען. אַנדערשדיקייט איז דאָס וואָס וועקט זיין אינטערעס, רייצט זיין נייגעריקייט, שאַרפט זיין אויפנעם־פעיקייט. פּאַראַפראַזירנדיק וואָלטערס באַרימטן אויסדרוק, זאָגט ער, אַז אַלע סאָרטן קריטיק, אַזוי ווי אַלע סאָרטן קונסט, זיינען גוט, אַ חוץ די לאַנגווייליקע.

אמת, ער איז אויף זיין שטייגער אַ שאַפער, אַ געבער, נישט נאָר אַ נעמער, נישט נאָר אַן אויפנעמער; אָבער אַזוי ווי זיין עצם שאַפן באַזירט ער אויף יענעמס שעפערישקייט, נישט ווי דער דיכטער, אויף רויע ווירקלעכקייטן; אַזוי ווי ער איז געוווינט צו באַהעפטן זיין פּערזענלעכקייט מיט פּערזענלעכקייטן, נישט ווי דער דיכטער, מיט פּערזאָנען, — רעספּעקטירט ער אויך זיין קאָלעגעס, דעם קריטיקערס אינדיווידואַליטעט, און אויב זי האָט אַן אמתן ווערט, איז ער מסוגל זי אויפצודעקן און אָפּצושאַצן.

עס קען, פאַרשטייט זיך, טרעפן, אַז די אויפדעקונג־ און אָפּשאַצונג־אַרבעט זאָל אים נישט געלינגען, אָבער ווען דאָס טרעפט, איז די סיבה דערפון נישט דאָס וואָס ער איז אַליין אַ קריטיקער. אַזאַ מין שטער, חזר איך איבער, קאָן זיין ביי דעם פּאָעט, ווען ער שרייבט וועגן אַנדערע פּאָעטן, נישט ביי דעם קריטיקער, ווען ער פּרווט אָפּשאַצן די ווערק פון זיינע קאָלעגן. ער איז, ווי געזאָגט, געוווינט צו זוכן און אַקצעפּטירן די אַנדערשדיקייט פון שעפערישע פּערזענלעכקייטן, איז אים נישט אַזוי שווער זי אויפצונעמען אויך ביי אַ חבר אין פאַך, ווען ער געפינט זי ביי אים. די זעלביקע אָביעקטיוויטעט און פּילזייטיקייט, וואָס דער קינסטלער ווייזט אַרויס בנוגע צו זיין שטאָף — דעם לעבנס־שטאָף, וואָס ער באַנוצט, — אַנטפּלעקט דער קריטיקער בנוגע צום אָביעקט פון זיין קונסט — דער קונסט... ער קאָן נישט זיין אַבסאָלוט זיכער אַז אין זיין שרייבן וועט זיך נישט אַריינגנבענען קיין אומבאַוווסטזיניקער סוביעקטיוויזם. אָבער לויט זיין מעטאָד און זיינע עצם־אויפגאַבעס שטרעבט ער נישט צו זיין איינגעשלאָסן אין זיין אייגענעם קרייז, נאָר, פאַרקערט, אַריינצולעבן זיך אין די צילן, וואָס אַנדערע שטעלן זיך, און פּרווון צו פאַרשטיין די מיטלען און מעטאָדן, וואָס אַנדערע באַנוצן.

אָבער ווי קומט ער צו צום אָביעקט פון זיין קונסט — צום בילד, צום בוך? דורך באַטראַכטן דאָס בילד און — אין פאַל פון ליטעראַטור — דורך לייענען דאָס בוך.

דאָס לייענען איז דעם ליטעראַטור־קריטיקערס ערשטער טריט. איז כדאי אויסצופאָרשן וואָס אָט־דער טריט מיינט און ווהין ער פירט.

2. וואָס הייסט לייענען?

אפילו דער אינטעליגענטערער לייענער באַגנוגנט זיך דערמיט וואָס ער לייענט; זיין פראַגע איז: „וואָס זאָל מען לייענען?" נישט „ווי אַזוי"? און נישט „צוליב וואָס". ער איז נייגיריקער צו וויסן דעם סוד פון שרייבן, איידער די פּסיכאָלאָגיע פון לייענען, כאָטש (אָדער וויל) דאָס איז זיין אייגענע פּסיכאָלאָגיע. ער פאַרגעסט אַז ער האָט נישט קיין אַנדער שליסל צו דעם דיכטערס רעטעניש אַ חוץ דעם, וואָס ליגט באַהאַלטן אין זיין אייגענעם לייענען.

אַ פּאָעט קאָן וויסן פון זיין אינעווייניקסטער דערפאַרונג וואָס עס איז אַזוינס פּאָעזיע; אויב ער קאָן עס נישט פאַרשטיין, קאָן ער עס פילן. אָבער וואָס וויס דער לייענער פון אַ ליד, איידער ער לייענט עס איבער? און וואָס איז נאָך דעם ווי ער האָט עס שוין איבערגעלייענט? קען ער דאָס ליד? ער קען נאָר דעם איינדרוק פון זיין לייענען. דעם דיכטערס שאַפן עקסיסטירט פאַר אים נאָר דורך זיין, דעם לייענערס, געניסן. וויל ער האָבן אַ שייכות צום ענין שאַפן, מוז ער זיך פאַרטיפן אין דעם סוד פון אויפנעמען דאָס געשאַפענע. וויל ער דערגיין וואָס עס איז פאַר אים דער שרייבער, מוז ער וויסן וואָס ער, דער לייענער, זוכט — און געפינט — ביי אים. ער מוז אָנהייבן פון זיך אַליין. און די ערשטע פראַגע וואָס ער מוז זיך שטעלן, איז: צוליב וואָס לייענט ער? ווען דאָס זאָל אים קלאָר ווערן וועט אים זיין נישט שווער צו ענטפערן אויף די פראַגעס: וואָס צו לייענען און ווי אַזוי צו לייענען? אָן דעם מאָטיוו, וואָס באַוועגט אונדז צו נעמען אַ בוך אין האַנט, ווענדט זיך דער „וואָס" און דער „ווי אַזוי" פון אונדזער לייענען. נישט אַלע זיינען גלייך אין דעם ענין לייענען, אַזוי ווי נישט אַלע שרייבן גלייך דאָס וואָרט „לייענען" — אין דעם זינען, אין וועלכן עס ווערט איצט געברויכט — איז אין יידיש אַ ניי וואָרט בערך. אַמאָל, אַז מ'האָט געזאָגט „לייענען", האָט מען געמיינט לייענען די תורה אין שיל בעתן דאַווענען. אַזוי אַ ספר האָט מע נישט געלייענט, נאָר געלערנט. אַ חוץ „לערנען" זיינען געווען נאָך אַנדערע אויסדריקן וואָס האָבן פאַרביטן דאָס וואָרט „לייענען" — „נעמען אַ ספר אין האַנט", „אַריינקוקן (אָדער מעיין זיין) אין אַ ספר". לייענען איז חל געווען נאָר אויף לייכטערע און ווייניקער חשובע ווייבערשע ספרים אָדער אויף אַ מעשה־ביכל: די מאַמע האָט געלייענט דעם צאינה וראינה; די שוועסטער האָט געלייענט „טויזנט און איין נאַכט", די „בבא־מעשה" אָדער אַן אַנדער מעשה־ביכל, אָבער דער טאַטע — ער האָט געלערנט אַ בלאַט גמרא, אַ פּרק משניות.

די מאָטיוון פון לערנען זיינען געווען נישט די זעלביקע ווי פון לייענען. לערנען האָט מען געלערנט פון מיצווה־וועגן. די, וואָס האָבן געלערנט אַ סך און געהאַט אַ גוטן זכרון, אַ שאַרפן מוח, זיינען געוואָרן לומדים, מופלגים, גדולים, גאונים, מנהיגי־הדור, אָבער נישט די לומדות, נישט די גאונות איז געווען דער ציל; דער ציל איז געווען — לערנען. דאָס איז געווען אַ ציל פאַר זיך אַליין. דאָס איז געווען אַ מין עבודה. מען פלעגט, אמת טאַקע, ריידן וועגן תורה און עבודה, ווי וועגן צוויי באַזונדערע זאַכן; אין תוך אָבער איז לערנען תורה — געווען אַ שטיק עבודה.

איז, בכן, פאַרצייטנס ניט שייך געווען צו גריבלען זיך אין דער פראַגע: וואָס און ווי זאָל מע לערנען? פון איין זייט האָט מע מקיים געווען אַ מיצווה, ווען מען האָט געלערנט, אַלץ איינס — ווי און וואָס; פון דער אַנדערער זייט איז געווען קלאָר,

אז יעדער דאַרף לערנען דאָס צו וואָס ער איז מסוגל, וואָס ער קאָן משיג זיין: איז ער אַ פּראָסטער ייִד, לערנט ער „עין יעקב״, נישט אַזאַ פּראָסטער — משניות, אַ למדן — ש״ס און פּוסקים.

אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער מין לערנען האָט מען אין דער אָדער יענער צייט געקאָנט קוקן קרום: אַ מאָל האָט מען ניט געוואָלט ליידן, ווען איינער טוט זיך צופיל אַריין אין נסתר, אין קבלה, אַ מאָל איז פּילפּול געווען נישט געווונטשן, אַ מאָל — חקירה־ספרים, פילאָסאָפיע. די אַלע באַגרענעצונגען האָבן זיך גענומען פון געוויסע אַלגעמיינע, רעליגיעזע אָדער עטישע כללים. עס זיינען געווען אַנגענומענע ספרים — און פּונקט אַזוי איז געווען אויך אַן אַנגענומענער אופן פון לערנען.

אַנדערש איז מיטן לייענען. לייענען האָט מען שוין גאָר אַמאָל געלייענט נישט פון מיצווה וועגן, נאָר פון דעם אייגענעם נוצן אָדער פאַרגעניגן וועגן. די וויל־קענעוודיקע ייִדענע וואָס האָט געלייענט דעם טייטש־חומש אָדער דעם שבט־מוסר, האָט עס געטאָן מיטן פרייען ווילן. זי איז נישט געווען מחויב עס צו טאָן. ווער רעדט מעשה־ביכלעך — דאָס איז אוודאי נישט געווען קיין מוז זיך צו קאָכן אין זיי. גאָר פאַרקערט, עס איז געווען אַ זינד צו לייענען די „וועלט־ביכער״, אָט די אַלע „נאַרישע מעשיות״. אויב מען האָט זיי דאָך געלייענט, איז עס געווען דערפאַר, ווייל דער יצר־הרע האָט צוגערעדט זיי צו לייענען. שפּעטער, אַז עס איז געקומען די צייט פון השכלה, פון וועלטלעכקייט, און מען האָט זיך שוין מער נישט גערעכנט מיט די אַלטע אויטאָריטעטן, איז דאָס לייענען אין גאַנצן געוואָרן (און אויב עס איז נישט געוואָרן, האָט עס געקאָנט ווערן) אַ זאַך פון יעדן איינציקנס גוסט, פון יעדן איינציקנס פרייען אויסקלייב.

עס האָט זיך אָבער געמערקט און עס מערקט זיך ביז איצט, אַז עס איז דאָ אַ גוסט און אַן אויסקלייב, נישט אַזוי פון איינציקע פּערזאָנען ווי פון גאַנצע גרופּעס.

פון די צוויי פאַרשפּרייטסטע טיפּן לייען־גרופּעס לייענט איינער דערהויפּט פון פאַרגעניגן וועגן, דער אַנדערער — דערהויפּט פון נוצן וועגן.

עס פאַרשטייט זיך, אַז די צעטיילונג דאַרף נישט גענומען ווערן פּעדאַנטיש: ווען אַ בוך (אָדער אַן אַרטיקל) ברענגט נוצן דעם לעזער, איז אין דעם דאָ אויך אַ שטיקל פאַרגעניגן און אין יעדן אמתן פאַרגעניגן, וואָס מען האָט פון לייענען, איז ווידער פאַראַן אַ געוויסער נוצן. פון דעסטוועגן קאָן מען ריידן וועגן אַזאַ מין לייענען, ווו דער עיקר איז דאָס אויסלערנען זיך אָדער דאָס אָפּלערנען זיך עפּעס, און אַזאַ לייענען ווו די הויפּטזאַך איז די הנאה, — ווי וועגן צוויי גאָר באַזונדערע סאָרטן לייענען.

מיר וועלן זיך פרייִער אָפּשטעלן אויפן צווייטן מין לעזער — אויף דעם, וואָס לייענט נאָר פון הנאה וועגן, — און זעען צי קאָן מען עס שטענדיק אָנרופן מיטן נאָמען לייענען.

עס זיינען דאָ מענטשן, זייער אַ סך מענטשן, וואָס זוכן און געפינען אַ באַפרידיקונג אין ביכער און פון דעסטוועגן איז זייער לייענען נישט קיין לייענען. פאַרוואָס?

ווייל זייער הנאה איז אַ צו שוואַכע, אַ צו אָרעמע, אַ צו אויבנאויפיקע? ניין, דאָס וואָלט זיי געמאַכט נאָר פאַר לעזערס פון אַ נידעריקערער מדרגה, נישט פאַר אויס לעזערס. מ׳קאָן דאָך נישט פאַרלאַנגען פון מענטשן מיט פאַרשיידענע כאַראַקטערן, מיט אַ פאַרשיידענעם מין דענקען און פילן אָדער מיט אַ פאַרשיידענעם גראַד

בילדונג, לעבנסקענטעניש און דערפאַרונג, אַז זיי זאָלן, לייענענדיק אַ ראָמאַן, ליד אָדער אַן עסיי, האָבן אַ גלייך שטאַרקע גייסטיקע פרייד. יעדער לייענט אַרויס פון אַ ווערק אַזוי פיל וויפל ער איז פעיִק אין דעם אַריינצולייענען. נאָר אין מאַטעריעלן לעבן איז „אַ נעמער נישט קיין געבער". גייסטיק קאָן מען אַנדערש נישט נעמען, סיידן מען גיט. מ׳מוז ווערן אַ שותף למעשה בראשית, אויב מען וויל באַנעמען גאָטס אָדער אַ מענטשנס שאַפונג. מע מוז אין דעם שותפות אַריינלייגן אַ חלק. ווענדט זיך אַלץ ממילא אָן דעם, וואָס פאַר אַ חלק מע לייגט אַריין, ד״ה מיט וואָס מע קומט צום ווערק. האָט איינער אַ פאַרשלאָפענעם מוח, טעמפּע חושים, אַן אָרעמע פאַנטאַזיע, איז אוממעגלעך, אַז אַ ליד, פּאָעמע אָדער אַ נאָוועלע זאָל אים פאַרשאַפן אַזאַ הנאה, ווי די, וועלכע עס וועט האָבן פון איר אַ מענטש מיט אַ וואַכן געדאַנק, מיט פיינע געפילן און אַ לעבעדיקן כוח־הדימיון. ובכן, נישט פון אַן אָרעמערן און אַ בלאַסערן לייענען רעדט זיך דאָ, נאָר וועגן אַזאַ לייענען, וואָס איז גאָר קיין לייענען נישט. אַזוינס איז אַ סך מער פאַרשפּרייט, ווי מען שטעלט זיך עס פאָר. עס איז דער פאַל, ווען מען זוכט אין ביכער אַזעלכע סאָרטן פאַרגעניגנס, וואָס מע קאָן האָבן אויך נישט־לייענענדיק קיין ביכער. ווען מע נעמט זיך, צום ביישפּיל, פאַר אַ בוך נאָר כדי צו פאַרטרייבן דעם אומעט אָדער אָפּצושטופּן אַ אָוונט און מ׳איז גרייט צו פאַרמאַכן דאָס ביכל און פאַרגעסן אָן אים ווי נאָר עס וועט זיך געפינען אַן אַנדער מיטל צו פאַרטרייבן די צייט, — איז עס נישט קיין לייענען. אין ליטעראַטור, אין קונסט, איז פאַראַן עפּעס אַזוינס, וואָס נאָר אין ליטעראַטור, נאָר אין קונסט קאָן מען עס געפינען. און וואָס אָט דער עפּעס באַשטייט, וועלן מיר שפּעטער זען. דערווייל וויל איך זאָגן, אַז ווען איינעם איז אומעטיק מיט זיך אַליין און אים איז אַלץ איינס ווי אַזוי פּטור צו ווערן פון דעם אומעט, ד״ה פון זיך אַליין, צי דורך עפּעס אַן „אינטערעסאַנטן" ראָמאַן, צי דורך קריגן אַ „האַנט" אויף צו שפּילן אין קאָרטן, צי דורך זיצן און דרעמלען אין קינאָ, צי דורך עפּעס אַן אַנדער פאַרווײלונג, איז עס אַ סימן, אַז ער האָט צו ליטעראַטור גאָר קיין שייכות נישט און זיין לייענען איז אַ טויטע זאַך. און מיר ווייסן טאַקע אַז נישט איינער פון אָט די טויטע לעזערס האָט גאָר אין גאַנצן אויפגעהערט צו לייענען זינט עס זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אַזעלכע מיטלען צו פאַרברענגען די צייט, ווי אויטאָמאָביל־רייזע, קינאָ, ראַדיאָ, אד״ג. און ווען מען דערמאָנט זיך אַז דאָס רוב ראָמאַנען אין אַלע שפּראַכן פון דער וועלט ווערן געלייענט (און געשריבן) פון (און צוליב) אָט דעם מין לעזער, ווילט זיך אַז עס זאָלן זיך צוריק אומקערן יענע צייטן, ווען מען האָט ווייניקער געשריבן און ווייניקער געלייענט, אָדער אַז עס זאָל שוין ענדלעך אָנקומען „די געבענטשטע תקופה", ווען קינאָ־טעאַטער, וואָדעוויל, ראַדיאָ, טעלעוויזיע און אַנדערע „אויפטועון פון דער ציוויליזאַציע" וועלן שוין אין גאַנצן איבעריק מאַכן און אַוועקהרגענען אָט דעם סאָרט ביכער־פּראָדוקציע*). דער לי־

*) אלדאוז האַקסליין, דעם ענגלישן שריפטשטעלער, וואָס האָט זיך באַזעצט אין אַמעריקע, האָט דער מין ליטעראַרישע פּראָדוקציע אַזוי דערצערנט, אַז ער האָט, האַלב אין שפּאַס, פאָרגעלייגט איינצופירן זייער אַ הויכן שטייער אויף פּאַפּיר, כדי עס זאָל זיין אוממעגלעך צו דרוקן אַזויפיל צייטונגען, זשורנאַלן און נאַרישע ביכער. „נאָר ווען ביכער, האָט ער געשריבן, וועלן זיין אַזוי זעלטן, ווי זיי זיינען געווען אין די צייטן פון מילטאָן, וועט דעם הייַנטיקן מענטשן ווידער אָנכאַפּן יענע תאווה צו ליטעראַטור, יענע רעליגיעזע ערפאַרכט פאַר קולטור, מיט וועלכער עס האָבן זיך אויסגעצייכנט די מענטשן פון פאַרצייטנס".

טעראַטור וועט דערפון קיין שאָדן נישט אַרויסקומען. אַזוי ווי דער קינעמאַטאָגראַף קאָן שעדיקן נאָר די „ביזנעס" פונעם „לעבעדיקן טעאַטער", אָבער נישט פאַרבייטן זיין קונסט, אַזוי ווי דער ראַדיאָ־ראָמאַן קאָן נישט זיין קיין במקום פון אַן אמתן ראָמאַן, אַזוי קאָנען די אַלערליי סאָרטן פאַרווייַלונגען נישט איבעריק מאַכן דעם באַזונדערן פאַרגעניגן, וואָס עס וואַרט אין דער ליטעראַטור פאַר יענע, וואָס האָבן אַ געשמאַק צו איר און פילן אין איר אַ טעם...

דער וואָס לייענט ביכער נאָר כל־זמן ער האָט נישט קיין אַנדערע פאַרווייַלונג איז נישט קיין אמתער לעזער, כאָטש אַזאַ ליטעראַטור־מענטש ווי געאָרג בראַנדעס איז מקיל אין דעם פּרט. „אפילו דאַן, שרייבט ער, ווען דאָס לייענען ברענגט אונדז נאָר אומשולדיקע פאַרווייַלונג, האָט דאָס אַ ווערט אין דער לאַנגווייַליקייט און אייַנפאָרמיקער מאַטערניש פון טאָג־טעגלעכן לעבן. דאָס לייענען נאָר פון פאַרגעניגן וועגן דאַרף בשום אופן נישט פאַראַכט ווערן — אויב נאָר דאָס פאַרשאַפט אונדז פאַרגעניגן". און אויב — וואָלט איך פון דעסטוועגן צוגעגעבן — דאָס איז יענער מין פאַרגעניגן, וועלכן מען קאָן האָבן נאָר פון לייענען...

דאָס רוב פרויען און מענער (פרויען קומט זיכער דער אויבן אָן אין דעם פאַל) לייענען נישט „פון נוצן וועגן", נישט דערפאַר ווייל זיי האָפן צו ווערן אײדעלער, קליגער, געבילדעטער פון די מעשה־ביכלעך, — ניין, דאָס לייענען איז ביי זיי נישט מער ווי אַ צייט־פאַרטרייב. און דער ווערט דערפון ווענדט זיך אָן דעם, וואָס פאַר אַ מין אַמוזירונג דאָס איז: אויב אַזאַ, וואָס זיי קאָנען געפינען אויך ערגעץ אַנדערשוואו, איז אפשר טאַקע גלייכער אַז זיי זאָלן עס זוכן דאָרטן, נישט אין דער וועלט פון ביכער. אויב, אַ שטייגער, זיי פאַרכאַפּט אין אַ ראָמאַן נאָר די מעשה, וואָס ווערט דאָרטן דערציילט, און עס מאַכט זיי נישט אויס ווי אַזוי זי ווערט דערציילט, און עס גייט זיי נישט אָן, צי דער דערציילער האָט אַ שאַפנדיקן אָדער נאָר אַ פלאַנטערנדיקן כוח פון פאַנטאַזיע, און עס אינטערעסירט זיי נישט דעם שרייבערס פעיִקייט אָדער אומפעיִקייט צו געפינען פאַר אַלץ פאַסיקע און פרישע, לעבעדיקע, נישט קיין אָפגעניצטע ווערטער, דעם שרייבערס פעיִקייט אָדער אומפעיִקייט צו שאַפן כאַראַקטערן, צו לאָזן פאַר אונדז אויפלייכטן טונקלקייטן, צו לאָזן פאַר אונדז אויפבליצן טיפענישן פון דער נשמה, צו אַנטפּלעקן פאַר אונדז נייע איבערלעבונגען, אומגעריכטע ניואַנסן פון געפיל, אומבאַקאַנטע לעבנס־ריטמען, פאַרהוילענע טרוים־וועלטן, — אויב זיי זיינען גלייכגילטיק צו די דערמאָנטע און פאַרשיידענע אַנדערע נישט־דערמאָנטע אויפגאַבעס און אויפטוען פונעם שרייבער, און דאָס איינציקע וואָס זיי ווילן איז גאָר אָנקוועלן פון עפּעס אַ טשיקאַווער געשיכטע. דאַן דאַרפן זיי נישט לייענען דווקא טאָלסטאָי אָדער פלאָבער. די צייטונג־כראָניק, דער קינעמאַטאָגראַף, די שכנה, דער שכן קאָן זיי דערציילן מעשיות וואָס וועלן אפשר זיין פאַר זיי נאָך אינטערעסאַנטער, נאָך טשיקאַווער. און ווי באַלד זיי קאָנען האָבן פון אַ צייטונג־באַריכט, פון קינאָ אָדער גאָר פון רכילות דעם זעלביקן פאַרגעניגן וואָס זיי געפינען אין מעשה־ביכל, איז זייער לייענען אַזוי אָרעם, אַז מען קאָן עס באמת נישט רעכענען פאַר אַ לייענען. איי וואָס, עס קאָן טרעפן — אַז פון פוסטן לייענען זאָל מע קומען צו אַן אמתן אינטערעס פאַר ביכער; אַז אין אָנהייב זאָל מען זוכן ביים שרייבער טאַקע גאָר אַן „אינטערעסאַנטע" געשיכטע, אַ מעשה מיט אַ דעטעקטיוו, אַ פלאָנטער מיט אַן אָרעמער שניידערקע וואָס האָט

חתונה געהאַט פאַר אַ גראַף — און דערווייל זאָל מען קריגן די געווינקייט צו „האַלטן אַ ביכל אין האַנט". מתוך שלא לשמה בא לשמה און ביסלעכווייז זאָל מען זיך אויסלערנען צו געפינען אין ביכער נאָך עפּעס, אַ חוץ ליבע־באַשרייבונגען און אַנדערע „שיינע געשיכטן"? איי וואָס, אַ גאַנץ ביליק מעשה־ביכל קאָן אַ מאָל אויפוועקן אַ מענטשן און אַרויספירן אים שיר־נישט אויף אַ נייעם וועג. אין די צייטן פון השכלה, צום ביישפּיל, האָבן אַפילו אַזעלכע נאַרישע ביכלעך ווי שמ"רס אָדער בלאָשטיינס „העכסט־אינטערעסאַנטע ראָמאַנען" געשפּילט אַ געוויסע ראָלע אין דער גייסטיקער אויפוואַכונג פון דער יוגנט. אַ קליינשטעטלדיק יידיש בחור'ל וואָס האָט געמיינט אַז הינטער זיין כתרילעווקע לאָזט זיך דער הימל אַראָפּ אויף דער ערד און עס הייבן זיך אָן די הרי־חושך, האָט פון שמ"רס אַ ביכל זיך דערוווּסט אַז עס איז דאָ אויף דער וועלט אַזאַ זאַך ווי פּאַריז, לאָנדאָן, ליבע, לאָרדן — און „די אויגן האָבן זיך אים געעפנט". דאָס איז געווען פאַר אים דער ערשטער שריט אויפן וועג צו אַ נייעם, ברייטערן לעבנס־באַנעם. אָבער... אויב דאָס איז באמת געווען פאַר אים אַזאַ שריט, איז ער ביי די שמ"רס נישט געבליבן. די מעשה־ביכלעך האָבן געהאַט פאַר אים נאָר די באַדייטונג וואָס זיי האָבן געעפנט פאַר אים אַ טירעלע צו אַ וועלט, וועלכע האָט אים דערווייטערט פון אַזעלכע ביכלעך. דאָס איז געווען אַ שטאַפּל וואָס ער האָט אויף אים געדאַרפט אַרויפגיין נאָר כדי אויפצוהייבן זיך אויף אַן אַנדערן שטאַפּל, אַ העכערן.

דאָס אייגענע קאָן מע זאָגן וועגן אַלע די, וואָס לייענען נאָר פון דעם סיפּור־המעשה וועגן. אויב ביסלעכווייז לערנען זיי זיך אויס צו פילן דעם אינעווייניקסטן זין און די קינסטלערישע שיינקייט, ניט נאָר דעם אויבנאויפיקן פלאָנטער פון דער געשיכטע, ווערן זיי אמתע לעזערס. אָבער אויב זיי בלייבן — און מיר ריידן וועגן די וואָס בלייבן — ביים אויבנאויף פון דעם סיפּור־המעשה און ביי דער פּוסטער נייגעריקייט צו וויסן וואָס דער סוף איז געווען, איז זייער לייענען ווינציק וואָס ווערט, בפרט נאָך אַז זיי וואַרפן אַוועק דאָס לייענען ווי נאָר זיי קאָנען זיך אַמוזירן אויף אַן אַנדער אופן, אַ „מער לעבעדיקן", ווייל זיי האָבן לכתחילה זיך גענומען פאַרן בוך, נישט פון בוך וועגן, נאָר ווייל זיי האָבן נישט געהאַט וואָס צו טאָן... קעגן קליינע קינדער, וואָס כאַפּן זיך פאַר אַ ביכל, ווען זיי האָבן נישט אין וואָס אָדער מיט וועמען זיך צו שפּילן, האָבן מיר נישט קיין טענות. זיי פאַרשעמען נישט דעם שרייבער, ווען זיי פאַרברענגען מיט די מענטשעלעך און אַמוזירן זיך מיט די מעשהלעך, וואָס ער האָט אויסגעטראַכט. פאַרקערט, ער שעצט זיך גליקלעך, ווען ער פאַרשאַפט זיי פרייד און מאַכט זייערע אויגן בלישטשען פון טרערן. עס איז אים גוט אין זייער ריינער, קליינער וועלט. אָבער אַ דערוואַקסענער, דוכט זיך מיר, באַליידיקט דעם שריפטשטעלער, ווען ער קומט צו אים נאָר דערפאַר, ווייל עס גיסט אַ רעגן און מען קאָן נישט גיין צו געסט. דער שרייבער האָט די רייכסטע, די פולסטע, די הייליקסטע שעהן פון זיין לעבן אָנגעצונדן און פאַרברענט ווי אַ קרבן, אין זיין בוך, — און דער קומט צו אים מיט זיין פּוסטקייט, מיט זיין לאַנגווייל, מיט זיין וואָכעדיקן אומעט!

פאַרצייטנס האָבן מענטשן געהאַט יראת־הכבוד פאַרן ספר. זיי האָבן זיך געפילט ווי אין דער געזעלשאַפט פון אַ גרויסן מענטשן אָדער אַ הייליקן גייסט, ווען אַ ספר איז געלעגן פאַר זיי. עס זיינען, אגב, געווען אַמאָל ווינציקער ביכער ווי

איצט, און דאָס רוב זיינען זיי נישט פּראָדוצירט געוואָרן אויף אַזאַ מעכאַנישן אופן ווי היינט, כאָטש מ׳האָט זיך שוין דעמאָלט געקלאָגט אויף עשות ספרים הרבה אין קץ. אַמאָליקע ספרים זיינען געווען אָדער אָנגעזאַמלטע חכמה פון דורות, ירושה פון טויזנטער יאָרן מענטשלעכע דערפאַרונג אָדער וווּנדערלעכע אויסשטראַלונגען פון אינדיווידועלער געניאַליטעט. די מאַסנפּראָדוקציע האָט וואָכעדיק געמאַכט דעם מאָדערנעם בוך. אָבער עס זיינען דאָך איצט אויך פאַראַן ווערק, ווו דער מענטשלעכער גייסט פייערט זיינע גרויסע און אמתע ימים־טובים. און קעגן אָט די שאַפונגען זינדיקט דער לעזער, וואָס וועגן אים רייד איך דאָ, ווען ער נעמט דעם דיכטערס „פונק פון האַרצן און צינדט־אָן ביי דעם זיין פּאַפּיראָסל״, לויט ביאַליקס אַן אויסדרוק. אָט די ווערק פאַרשוועכט ער, ווען ער פירט זיך אויף ווי אין אַ שענק, בעת ער געפינט זיך אין זייער טעמפּל. ביי דעם מין לעזער איז רעכט צו נעמען זיך פאַר אַ בוך אַפילו נישט צוליב צייטפאַרטרייב, נאָר צוליב הוילער באַרימעריי: ער זאָל קאָנען זיך אויספּיינען פאַר זיינע באַקענטע, ער זאָל קאָנען מאַכן דעם אָנשטעל פון געבילדעטקייט, כאַפּט ער אַ קוק אין די ווערק פון דעם אָדער יענעם שרייבער, און דאָס וואָס איז אָפּט דער שטאָלץ פון דער נאַציע, די וויזיע פון אַ דור, ווערט אַ מיטל אָנצוזעטיקן די פּוסטע גאווה פון אַ ליידיקגייער. אָט דער פּוסטאונפאַסניק דערנידעריקט די ליטעראַטור ביז צו דער נייסטער מאָדע. אינאיינעם מיט אַ ניימאָדישן שניפּס אָדער אַ מאָדישן הוט קויפט ער אָדער זי דעם „נייסטן״, „מאָדערנסטן״ בוך. פון אַזאַ מין לייענער נעמט נקמה דאָס פאַרשוועכטע בוך. עס פאַרשליסט זיך פאַר אים, ווי אַ בלום פאַר קעלט. עס באַהאַלט פון אים זיין אַראָמאַט, זיין אינעווייניקסטע פּראַכט. אפילו קיין ביליקן פאַרגעניגן האָט נישט אַזאַ פּוסטער לעזער פון זיין לייענען. ער לאַנגווייליקט זיך, נעבעך, ער מוטשעט זיך לייענענדיק. נישט אומזיסט פאַרבייט דער האַלב־אינטעליגענטער לייענער דעם נייעם בוך אויף אַ רעצענזיע וועגן דעם. די רעצענזיע איז קירצער און גיט „גענוג מאַטעריאַל״ פאַר „אינטעליגענטע״ שמועסן.

אָבער בעסער זאָלן גאָר נישט געשריבן ווערן אַזעלכע רעצענזיעס, אויב זיי ווערן אַ במקום בוך. דער אמתער רעצענזענט וויל נישט אַז זיין אַרבעט זאָל זיך שטעלן ווי אַ וואַנט צווישן דעם גוטן בוך און דעם לעזער. פאַרקערט, ער וויל אָפּראַמען דעם וועג פאַרן שרייבער. ער וויל אויפוועקן אין דעם לעזער אַן אינטערעס, אַ חשק, אַ דורשט צום שרייבערס אויפטו. אָבער דער לעזער, וואָס וועגן איםריידן מיר דאָ, קוקט אויף דער רעצענזיע ווי אויף אַלץ וואָס ער לייענט, נאָר ווי אויף אַ מיטל צו באַפרידיקן זיין נאַרישע גאווה. ער איז געגליכן צו קליינשטעטלדיקע איינוווינערס וואָס ווען עס איז אַ מאָל געקומען צו זיי אַ וואַנדער־טרופּע, וועלכע האָט אַרויסגעשיקט אַ פּאָר פון אירע פאַרביק אָנגעטאָענע קאָמעדיאַנטן אויף אַן אויסגעפּוצט אייזעלע, איינגעשפּאַנט אין אַ טשיקאַווון וועגעלע מיט גלעקלעך, כדי אָנצוזאָגן דעם עולם, אַז חברה פּורים־שפּילערס זיינען דאָ, — האָבן זיי, די שוטים, געמיינט, אַז דאָס איז שוין דער ספּעקטאַקל און זיי זיינען נישט געקומען אין טעאַטער. די דאָזיקע זיינען כאָטש געווען נאַיוו. דער לעזער, וואָס ביי אים האַלטן מיר, אָט דער לעזער־פּאַראַזיט, ווייסט, אַז דאָס וועגעלע מיט די גלעקלעך, — די רעצענזיע, — איז נישט דאָס שפּיל אַליין, נאָר אַן אָנזאָג אויפן ספּעקטאַקל — דעם בוך, — אָבער ער דאַרף דאָך נאָר מאַכן דעם אָנשטעל אַז ער „שטייט נישט

אָפּ פון דער צייט", אַז ער איז „מאָדערן" אאַז"וו. דער איז נאָך ערגער פון יענעם מין לייענערס, וואָס זוכט אין בוך נאָר דאָס אָרעם ביסל „פאַרווײַלונג". יענער איז אויפריכטיק, דער איז אַ צבֿועק. איך ווינטש נישט קיין אמתן שרייבער אַזעלכע פאַלשע לעזערס. אַן עכטער שרייבער וויל נישט אַז דער לעזער זאָל אַראָפּנעמען נאָר דעם שוים פון דעם פולן בעכער, וואָס ער דערלאַנגט אים. אַן אמתער שרייבער דורשט נאָך אַ לייענער, וואָס זאָל דעם טייערן געטראַנק, וואָס ער האָט פאַר אים צוגעגרייט, אויסטרינקען ביזן דעק. אויסטרינקען מיט אַ דאַנק איז אַ ברכה און אַן אומפאַרגעסלעכע פרייד.

3. דער אמתער פאַרגעניגן און אמתער נוצן פון לייענען

אומפאַרגעסלעכער פאַרגעניגן און דויערנדיקער נוצן — יאָ, אָט דאָס איז דאָס פאַרגעניגן און דער נוצן, וואָס מיר האָבן פון גוטע ביכער, ווען מיר לייענען זיי ווי געהעריק. מיר קאָנען פאַרגעסן די נעמען, די איינצלהייטן, אפילו די אידייען פון דעם בוך, אָבער נישט די שעהען וואָס מיר האָבן פאַרבראַכט אויף דעם, נישט די פרייד פון יענע שעהען, נישט דעם ווונדער, נישט די טיפקייט פון יענע שעהען. זיי בלייבן אין אונדזער געדעכעניש ווי אַן אויסערגעווייטלעכע פאַסירונג, ווי אַ יום־טוב. זיי בלייבן אין אונדזער פילן, אין אונדזער דענקען, ווען אַפילו מיר געדענקען נישט אַקוראַט וואָס מיר האָבן געלייענט, בפרט נאָך ווען מיר געדענקען. זיי בלייבן — אָט וואָס עס איז די הויפּטזאַך, דאָס איז דער וויכטיקסטער אונטערשייד צווישן די פּולע, זאַטע רגעס, וואָס עס לעבט איבער אַן אמתער לייענער, און יענע מאָגערע שעהען, וועלכע עס פאַרברענגען די וואָס אַ בוך איז ביי זיי נאָר אַ מיטל צו פאַרטרייבן די צייט.

דער אמתער לייענער פאַרטרייבט נישט די צייט; פאַרקערט, ער היט זי אויף. ער היט זי אויף ווי אַ געבענטשטע דערינערונג — און נישט נאָר ווי אַ דערינערונג אַליין. יענע שטילע, אַנטציקטע מינוטן וואָס ער פאַרברענגט אין דער געזעלשאַפט פון גוטע ביכער זיינען מינוטן פון גייסטיקער נערונג, מינוטן פון באַפרוכפּערונג. ווי קאָנען זיי פאַרשווינדן? דאָס וואָס נערט און באַרייכערט און באַפרוכפּערט אונדזער גייסט, געהערט צו אונדזער זיין, צו אונדזער שפּעטער זיין, צו אונדזער ווערן.

אַ פּוסט בוך אָדער אַפילו אַ גוט בוך, געלייענט פון אַ פּוסטן לייענער פאַרגייט ווי אַ שאָטן און לאָזט איבער נאָך זיך אַ פּוסטקייט. פון אַ גוט־געלייענטן בוך גייען מיר אוועק פולע, — ניין, מיר גייען נישט אַוועק פון אַזאַ בוך, מיר נעמען דאָס מיט, דאָס ווערט איינער פון אונדזערע לעבנס־באַגלייטערס, דאָס ווערט פאַר אונדז וואָס מרימס ברונעם איז געווען פאַר די יידן אין מידבר — אומעטום און תמיד העלפט עס אונדז שטילן אונדזער דורשט...

אַ בוך וואָס מען לייענט נאָר פון מאָמענטאַנעם פאַרגעניגן אָדער פון פּראַקטישן נוצן וועגן (מען וויל זיך, אַ שטייגער, אויסלערנען עפּעס אַ טעכנישע זאַך) — איז אַזוי ווי אַ בלום וואָס מען האָט אָפּגעריסן פון וואָרצל. אַנדערש זיינען די

ביכער וואָס גיסן זיך אויף שטענדיק צוגויף מיט אונדזער דענקען און פילן, די ביכער וואָס ווערן פאַר אונדז אַ קוואַל פון אומאויסשעפּלעכן גייסטיקן פאַרגעניגן און דויערנדיקן אינטעלעקטועלן נוצן — זיי זיינען ווי די טיף־פאַרוואָרצלטע פלאַנצונגען וואָס בליִען־אָפּ און בליִען צוריק אויף. זיי זיינען פאַר אונדז דאָס וואָס שפּייז איז פאַר אַ קינד, ד״ה, זיי זיינען נייטיק און ניצלעך פאַרן וווקס, נישט נאָר פאַר דער אויפהאַלטונג פון אונדזער אָרגאַניזם. מיטן אמתן בוך זיינען מיר צו־פרידן צוליב דער הנאה און דעם געשמאַק פון לייענען און „צעקייען" און פאַר־דייען דאָס געלייענטע; אָבער נאָך מער האָבן מיר דערפון הנאה שפּעטער, ווען דאָס ווערט אויפגעלייזט, צעגאַנגען אין אונדז, ווען דאָס ווערט, ווי אַ קערנדל אין שויס פון דער ערד, גרייט אַרויסצושפּראָצן, פונאַנדערצובליִען זיך און טראָגן פּרוכט. ווייל נישט נאָר געדאַנקען גיט אונדז דאָס אמתע לייענען; עס העלפט אונדז דענקען. נישט נאָר באַקענט עס אונדז מיט די געפילן פון פאַרשיידענע מינים מענטשן; עס לערנט אונדז אַליין פילן פיינער, שאַרפער, טיפער. נישט נאָר פירט עס אונדז אַריין אין די ווונדערלעכע ספערן פון דיכטערס פאַנטאַזיע: עס וועקט און צינדט־אָן אונדזער אייגענע פאַנטאַזיע. עס באַנייט און מאַכט ברייטער און פרייער אונדזער אייגענע אינעווייניקסטע וועלט, נישט נאָר עס עפנט פאַר אונדז פרעמדע וועלטן... „מען לערנט גאָרנישט, ווען מען לייענט אים", האָט געזאָגט געטע וועגן ווינקלמאַנען. „אָבער מען ווערט עפּעס". און דאָס איז ריכטיק וועגן יעדן גוטן בוך. עס העלפט אונדז ווערן — אין דעם ליגט די העכערע פרייד און דער הויפּט־זין פון לייענען.

וואָס איז אונדזער לעבנס־דערפאַרונג אָן ביכער? די דערפאַרונג פון איין מענטשן. זייער אַ באַגרענעצטע דערפאַרונג. אַפילו דער, וואָס לעבט אַ רייכן און אַ פילזייטיקן לעבן, טרעפט זיך און ווערט נאָענט מיט אַ סך מענטשן, פאָרט איבער דער וועלט און זעט זיך אָן אַלערליי הימלען, חיות, קאָלירן, בלומען, — אַפילו דער קאָן ניט זען אַלץ און אוודאי ניט אַלץ איבערלעבן. ער מוז אָנקומען צו די דערפאַרונגען פון אַנדערע, אויב ער וויל זיך נישט באַנוגענען מיט דעם ביסעלע, וואָס ער אַליין האָט געזען, געהערט און אויסגעפּרוווט. ער מוז איינ־שטעלן אין זיין וועלט אַזעלכע געהיימע אַפּאַראַטן, וואָס זאָלן צו אים דערנעענטערן די קלאַנגען, וועלכע ער האָט נישט פאַרנומען, די פאַרבן וואָס זיינען געבליבן פאַרהוילן פון אים, די לעבנס וועלכע ער האָט נישט געלעבט. אַזעלכע ווונדער־לעכע אַפּאַראַטן זיינען ביכער. זיי זיינען ווי שלוחים, וואָס קומען צו אונדז פון אַלע עקן וועלט. זיי ברענגען אונדז גרוסן פון די ווייטסטע שטערן, פון די פרעמדסטע נשמות. זיי באַקענען אונדז מיט די ווילדסטע שבטים, זיי פאַרבינדן אונדז מיט די גרעסטע גאונים... אַ רייזנדער האָט אויסגעפאָרשט דאָס לעבן פון ערגעץ אַ פאַרוואָרפענעם אינדזל, אַן אַסטראָנאָם האָט אין די הימלשע רוימען אַנטדעקט אַ נייע וועלט, אַ דיכטער האָט אַ נייע וועלט באַשאַפן — וואָס וואָלט דאָס פאַר אונדז געווען אָן ביכער? אַ דאַנק זיי ווערט עס אַ באַרייכערונג פון אונ־דזער וויסן, אַ לייטערונג פון אונדזער באַוווסטזיין, אַ ניי ליכט אויפן שמאָלן און טונקעלן וועג פון אונדזער עקסיסטענץ, אַ נייער שטראַלנדיקער פאָדעם וואָס ציט זיך צו אונדז פון די אייביקע געהיימענישן...

דורך לייענען גוטע ביכער ווערט אונדזער לעבן אויסגעצויגן אין דער לענג

און אין דער טיף, נישט נאָר אין דער ברייט. צו דער קורצער און פלוצלונג זיך איבעררייסנדיקער קייט פון אונדזערע באַשערטע „זיבעציק יאָר״ וועט צוגעלייגט, אַ דאַנק די כראָניקעס, דער געשיכטע, דער מיטאָלאָגיע, און אומענדלעכע צאָל פריִערדיקע רינגען — די רינגען פון די אבות! עס וועט פאַר אונדז מעגלעך צו לעבן (אין אונדזער באַוווסטזיין) אויף צוריק. מיר וואַקסן־אַריין אין דער פאַרגאַנגענהייט. דאָס דאַרע צווייגל פון אונדזער לעבן ווערט אַ טייל פון אַ טיף־איינגעוואָרצלטן און מעכטיקן יחוס־בוים. אַלע פריִערדיקע דורות ווערן אונדזער מישפּחה און עס ווערן אין איר אַריינגענומען אויך די קומענדיקע דורות. נביאים, אוטאָפּיע־דיכטערס, גרויסע בעלי־חלומות רופן זיי אַרויס פון די פאַרבאָרגענישן פון שפּעטערדיקע צייטן... מיר וואַקסן אַריין אין דער צוקונפט... מיט אונדזער באַוווסטזיין יאָגן מיר איבער אונדזער זיין — און פאַרלענגערן עס... דאָס וואָרט פון טרוים (וואָס זיינען דען אַלע גרויסע דיכטונגען, אַלע וויזיעס פון דער מענטש־הייט, אויב נישט קיין חלומען אויפן וואָר?), דער טרוים פון וואָרט וועבט אונדז אַריין אין אַ געוועב, וואָס פאַרלירט זיך מיט זיין אָנהייב און זיין סוף אין דער אומ־ענדלעכקייט. אָבער אויך אונדזער לעבן היינט ווערט טיפער, אינטענסיווער, ווען עס הערט אויף צו זיין אַ צופעליק ברוכשטיק פון דער וועלט און ווערט אַ רינג אין דער קייט, וואָס באַהעפט אונדז מיטן אַמאָל און דעם שפּעטער. אַ דאַנק די אַלע נייע דערפאַרונגען, מיט וועלכע עס באַקענען אונדז די ביכער, ווערט אינטענ־סיווער אונדזער דערפאַרונג־פעיִקייט. „דאָס לייענען, זאָגט געאָרג בראַנדעס, קאָן מאַכן שאַרפער אונדזערע חושים און שטאַרקער — אונדזער כשרון אויפצונעמען דאָס ווערטפולע״... מיר נעמען אויף פולער און באַנעמען בעסער אונדזער אייגן לעבן, ווען מיר ווערן באַקאַנט מיט די לעבנס פון אַנדערע — פון אַנדערע מענטשן, אַנדערע דורות, אַנדערע פעלקער, אַנדערע נאַטור־ספערעס.

דער ווערט פון וויסנשאַפטלעכע ווערק ליגט דערהויפּט אין דעם, וואָס זיי סטימולירן אונדזער דענקען און מאַכן רייכער, פאַרשיידנאַרטיקער, איינהייטלעכער און באַוווסטזיניקער אונדזערע באַציִונגען צו דער רעאַלער וועלט. קינסטלערישע שאַפונגען האָבן נאָך גאָר אַן אַנדערע באַדייטונג: זיין טראָגן אונדז אַריבער אין אַנדערע וועלטן, זיי ברענגען אונדז אין באַרירונג מיט דעם לעבן, וואָס איז אַ פּראָדוקט פון מענטשלעכער פאַנטאַזיע, פון מענטשלעכער שאַפונג־קראַפט. אָט דער קוואַל פון פרייד קאָנען מיר געפינען נאָר אין די ווערק פון קינסטלערס און דיכטערס, צו וועלכע עס געהערן אָפּט אגב, אויך דענקערס און פילאָסאָפן. נאָר זיי אַליין קאָנען שטילן אונדזער דורשט נאָך אמתער פרייהייט, נאָר זיי אַליין קאָ־נען אָזוי פונאַנדעררוקן די גרענעצן פון אונדזער באַוווסטזיין אַז אונדז זאָל זיך דוכטן, אַז עס זיינען גאָר נישטאָ קיין גרענעצן. נאָר זיי אַליין קאָנען זאָגן: „עס זאָל זיין ליכט!״ ווו עס איז געווען טונקלקייט און כאַאָס... יאָ, גובר זיין דעם כאַאָס אינאיינעם מיט די גרענעצן פון דרויסנדיקן לעבן — דאָס איז אַ וווּנדער וואָס נאָר קינסטלערס, פּאָעטן און פילאָסאָפן קאָנען ווייזן. נאָר זיי אַליין קאָנען אונדז פאַרשאַפן אָט די אומבאַגרענעצטע פרייד. און זיי קאָנען זי אונדז פאַרשאַפן מיט זייערע ווערק מער ווי מיט זייער פערזענלעכער נאָענטקייט. „די ווערק, זאָגט שאָפּענהויער, זיינען די קווינטעסענץ פון אַ גייסט: זיי ווילן אונדז מער געבן דערפאַר, ווי דאָס פאַרברענגען מיט דעם מענטשן, מעג ער אַפילו זיין דער גרעס־

טער, זיי וועלן פֿאַרנעמען דאָס אָרט פֿון דעם פֿאַרבײַרגאַנגענעם, — נאָך מער, זיי וועלן דאָס איבעריאָגן און לאָזן עס הינטער זיך"... — "מען קאָן דערפֿאַר, — זאָגט שאָפּענהויער ווײַטער — לייענען די ביכער פֿון מענטשן, וואָס מיט זיי אַליין פֿאַרברענגען איז אפֿשר גאָרנישט אינטערעסאַנט, און דערפֿאַר, ווידער, ברענגט הויכע קולטור פֿון גייסט אונדז ביסלעכווײַז דערצו, אַז מיר זאָלן שוין זוכן אונ־טערהאַלטונג כמעט נאָר אין ביכער, נישט אין מענטשן".

ביכער זײַנען דער בעסערער, דער העכערער, דער מער געלײַטערטער איך פֿון די מענטשן, וועלכע האָבן זיי געשאַפֿן. ביכער צייכענען זיך אָבער אויס אויך מיט אַן אַנדער גרויסער מעלה: זיי פֿירן אונדז אַריין אין דער געזעלשאַפֿט פֿון יענע גרויסע מענטשן, מיט וועלכע מיר וואָלטן נישט געקאָנט קומען אין פּערזענלעכער באַרירונג, אַפֿילו ווען מיר זאָלן עס וועלן. זיי דערנענטערן אונדז צו די גאָניאַלע פּערזענלעכקייטן פֿון די ווײַטסטע לענדער און ווײַטסטע, שוין לאַנג פֿאַרגאַנגענע, צײַטן... אַ גוטע ביבליאָטעק איז אַן אָרט, אַ פּאַלאַץ, וווּ די הויכע גייסטער פֿון אַלע פֿעלקער, פֿון אַלע דורות באַגעגענען זיך. איז עס נישט קיין וווּנדערלעכער פּלאַץ? איז עס נישט קיין ליכטיקער פּאַלאַץ? איז נישט קיין פֿרייד דאָרט צו זײַן? איז נישט קיין צענפֿאַכע פֿרייד צו פֿילן זיך ראוי צו זײַן דאָרטן? אָבער ווי ווערט מען ראוי דערצו? די פֿראַגע ווערט גאָר באַזונדערס וויכטיק, ווען מ'האָט אין זי־נען, אַז זײַן אַ גוטער קריטיקער הייסט, פֿריִער ווי אַלץ, זײַן אַ גוטער לייענער.

4. ווי אַזוי נישט צו לייענען

עס איז נישט שייך צו געבן עצות ווי צו לייענען, און איך שרײַב דאָ נישט קיין רעצעפּטן. איך האָב עס נישט געטאָן אויך אין די פֿריִערדיקע קאַפּיטלען, ווו איך האָב באַטראַכט די פֿראַגע צוליב וואָס מיר לייענען. עס איז דאָ אוממעגלעך צו געבן עצות. זיי וואָלטן, אגב, נישט געהאָלפֿן. פֿון ווײַסן, אַז עס זײַנען דאָ הע־כערע מאָטיוון ביים אַרײַנקוקן אין אַ בוך, ביז האָבן זיי — אין אַ גרויסער מהלך. אַ מאָל איז איינער אַן אויסגעצייכנטער לייענער — און ער גיט זיך נישט אָפּ קיין חשבון פֿון דעם. פֿאַרקערט, אָפֿט ווייס איינער צוליב וואָס און ווי אַזוי מען דאַרף לייענען, אָבער דאָס ווירקט נישט אויף אים. דער אופֿן און די מאָטיוון פֿון אַלע אונדזערע האַנדלונגען און אויך פֿון אונדזער לייענען, ווענדן זיך אָן אונדזער כאַראַקטער, אָן אונדזער דערציִונג, אָן אונדזערע געוווינהייטן, אָן דער מדרגה פֿון אונדזער בילדונג, אָן דער סביבה, אין וועלכער מיר געפֿינען זיך, — און מיט מוסר און עצות קאָן מען דאָ, ווי אומעטום, ווייניק וואָס אויפֿטאָן. אויך קאָן מען נישט מאַכן קיין כללים, וואָס זײַנען גוט פֿאַר אַלעמען. וואָס איך בין אויסן, איז — נאָר אַן אַלגעמיין טעאָרעטישע באַטראַכטונג פֿון דעם ענין לייענען, ווי ווײַט דאָס לייענען אַ בוך באַהאַלט אין זיך די קערנדלעך פֿון קריטיקירן עס.

די ערשטע זאַך וואָס מען מוז האָבן אין זינען, ווען מען וויל ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע ווי אַזוי צו לייענען, איז — אַז ווען מען קוקט אַרײַן אין אַ בוך, געפֿינט מען זיך ניט אין אַ צושטאַנד פֿון פּאַסיוויטעט. לייענען הייסט זײַן גייסטיק אַקטיוו. לייענען הייסט אַרבעטן מיטן קאָפּ, נישט נאָר מיט די אויגן. אגב זעט

מען גאָרנישט מיט די אויגן, ווען די געדאַנקען זײַנען ערגעץ אַנדערשוווּ, נישט אין בוך. ווײַל מע זען ווערטער, נישט „שוואַרצע פּינטעלעך", מוז מע טראַכטן וועגן דעם זין פון די ווערטער. ווען מען לייענט מוז דער געדאַנק זײַן וואַך, דער מוח מוז אַרבעטן. דאָס איז, אין פּלוג, אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אָבער — נישט פאַר אַלעמען. אָט האָט שאָפּענהויער געשריבן: „ווען מיר לייענען, דענקט אַן אַנדערער פאַר אונדז: מיר חזרן נאָר איבער זײַן מענטאַלן פּראָצעס. עס איז אַזוי ווי בײַם לערנען שרײַבן, ווען דער תּלמיד פירט מיט דער פּען איבער די אותיות, וועלכע דער לערער האָט אָנגעצייכנט מיט אַ בלײַשטיפט. די אַרבעט פון דענקען ווערט בײַם לייענען מערסטנטייל בײַ אונדז צוגענומען". דער פילאָ־סאָף האָט עס געשריבן, נאָר צוליב אַ פּאָלעמישן ציל. אין דער אמתן ווערט בײַם לייענער פאַרמינערט נאָר די זעלבשטענדיקייט פון אונדזער דענקען (און דאָס האָט שאָפּענהויער געמיינט), נישט די עצם דענק־אַרבעט. געדאַנקען, אויך ווען זיי זײַנען יענעמס, נישט אייגענע, קאָן מען נישט „איבערחזרן" אַזוי מעכאַניש, ווי דער תּלמיד פירט מיט דער פּען איבער דעם לערערס בלײַשטיפט־צייכענונגען. מען מוז יענעמס כוונה, יענעמס פאַנטאַזיעס תּופס זײַן, און דאָס קאָן מען נישט אַנ־דערש, סײַדן מ'איז אַליין פעיִק און אויפגעלייגט צו דענקען, צו פאַנטאַזירן. לייענען הייסט נישט, ווי שאָפּענהויער מיינט, „דענקען מיט אַ פרעמדן קאָפּ אַנשטאָט מיטן אייגענעם". לייענען הייסט דענקען מיט דעם אייגענעם קאָפּ אין דער אָנוועזנהייט פון אַן אַנדערן דענקנדיקן קאָפּ. לייענען, ווען דער מוח שלאָפט, איז אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. נישט נאָר קאָן מען נישט האָבן קיין נוצן פון אַזאַ מין פאַרשלאָפענעם לייענען — מען האָט דערפון שאָדן. מען קאָן מיט אַזאַ מין לייענען אָוועקהרגענען און אָנווערן דעם וווּנדערלעכסטן בוך. מען קאָן אָפּפּסקענען אַז עס איז אַ לאַנגווײַ־ליק ווערק, בעת אין דער אמתן קאָן דאָס אונדז זייער פיל געבן, ווען מען זאָל עס נישט לייענען מיט אַ פּוסטן מוח. מען קאָן, אין בעסטן פאַל, נעמען נאָר אַ קליינעם טייל פון בוך, וואָס מען לייענט אויבנאויפיק און דאָס איבעריקע לאָזן גיין לאיבוד — איז עס נישט אַ שאָד? איז די גלײַכסטע זאַך נישט נעמען זיך פאַר אַ בוך, ווען דער קאָפּ איז פאַרנומען מיט אַנדערע זאַכן אָדער ווען מען איז מיד און אויסגע־שעפּט... ווינציקער ווי אַלע אַנדערע, מעג דער לעזער, וואָס איז אַ קריטיקער, זיך פאַרגינען צו לייענען אין אַזאַ מין צושטאַנד... אויף דער טעמע: „ווי איך לייען?" האָבן פעיִקע קינדער פון אַ ייִדישער שול אין ווילנע, איידער זי איז **חרוב** געוואָרן, געגעבן אָט די ענטפערס:

„אַז איך לייען אַ בוך, בין איך אַרײַנגעטאָן אין דעם מיט דער גאַנצער נשמה, אַזוי, אַז די וועלט קאָן זיך איבערקערן, הער איך נישט".

„...ווען איך לייען אַ בוך, בין איך ווי פאַרכישופט"... „איך פאַרגעס וועגן אַלץ (בײַם לייענען). כ'עס שוין גאָרנישט. כ'טו שוין גאָרנישט, כ'זיץ און בין פאַרטיפט אין לייענען"... „...נאָכן ענדיקן דאָס בוך כאַפּ איך זיך אויף ווי פון שלאָף, אַזוי ווי איך וואָלט קומען פון אַן אַנדער וועלט".

(„שול־פרײַנד", ווילנע, יוני 1938)

אַזוי לייענען קלוגע קינדער — און אויך דערוואַקסענע, וואָס זײַנען ווערט צו טראָגן דעם נאָמען לעזערס, וואָלטן געדאַרפט לייענען אַזוי.

די פליסיקע, שוין אַ ביסל צו־פליסיקע לייענערס דאַרף מען בעטן אַז זיי זאָלן רחמנות האָבן, אויב נישט אויף זייערע אויגן, איז אויף די פּאַרפאַסערס פון די ביכער. דער שרייבער וויל שטילן דעם הונגער פון אונדזער גייסט, נישט פון אונדזערע אויגן. ער וויל וועקן אונדזער געדאַנק, נישט אים פאַרשלעפערן. ער וויל, אַז מיר זאָלן האָבן פאַר אים אָפענע, נישט קיין פאַרשטאָפּטע אויערן און נישט קיין פאַרטומלטע. איז ער דען נישט באַרעכטיקט דערצו? וואָלטן מיר דען אָפּגערעדט צו טרעפן זיך מיט אַ פריינד, וואָס מיר ווילן זיך דורכריידן מיט אים וועגן אַ וויכטיקן ענין, — אויף אַזאַ פּלאַץ, ווו עס טומלט אַזוי אַז מ׳הערט נישט וואָס מען רעדט? זיינען דאָך ביכער פאַר די וואָס לייענען זיי, די בעסטע און טייערסטע פריינד זייערע, הײַנט פאַרוואָס זאָלן זיי אַליין פאַרשטערן דעם יום־טוב פון זייערע באַגעגענישן? וואָס פאַר אַ פריינד, וואָלט איך פאַראַפראַזירט דעם נביא פון קאַליל גיבראַן, — קאָנען זיי דען זיין, אויב מ׳זוכט זיי בלויז אין לאַנגווייליקע שעהען? זוכט זיי אין די לעבעדיקסטע שעהען פון אייער לעבן. זיי זיינען באַרופן צו־פרידנשטעלן אייער נויט און נישט אייער לאַנגוויל... די, וואָס לייענען מעכאַניש און בלויז פון געוווינהייט צו האַלטן עפּעס פאַר די אויגן, וואָלט מען געדאַרפט עצהן שוין בעסער לייענען שוואַכע זאַכן, אויב זיי קאָנען נישט אַנדערש און מוזן האַלטן פאַר די אויגן עפּעס געדרוקטס. שוואַכע ווערק פאַרדינען אפשר נישט קיין בעסערן מין לייענער. עס זיינען דאָ ביכער, וואָס לייענענדיק זיי האָבן מיר דעם געפיל, האָט געזאָגט דער דייטשער דיכטער העבעל, אַזוי ווי מיר זאָלן געבן דעם פאַרפאַסער אַ נדבה... אָבער די ביכער, וואָס זיי לוינט זיך צו לייענען מיט קאָפּ, איז אַ שאָד און פּשוט אַ זינד (קעגן זיך אַליין און קעגן די פאַרפאַסערס) צו געבן זיי אַזאַ קאַלטן אויפנעם. זיי דאַרפן מיר טראָגן אַנטקעגן אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן, פאַר זיי דאַרפן מיר עפענען דאָס האַרץ און דעם מוח, דאַן וועלן אויך זיי פאַר אונדז זיין אָפן און פרייגיביק. זיי דאַרפן מיר אָפּגעבן די שטילסטע שעהען, פאַר זיי דאַרפן מיר אויסזוכן דעם בעסטן פּלאַץ. ערשט דעמאָלט וועלן מיר הערן וואָס זיי האָבן אונדז צו זאָגן... בעסער צו לייענען איין שעה מיט קאָפּ, ווי צען שעה מיט די אויגן. בעסער דורכצונעמען גוט איין בלעטל, איידער נאָר דורכצובלעטערן אַ גאַנצן בוך, הגם אַ מאָל איז גענוג נאָר בלעטערן... „אַ מאָל, ווערט איבערגעגעבן אין ר׳ חיים וואָלאָזשינערס נאָמען, דאַרף מען לערנען איין בלאַט גמרא צען שעה און אַ מאָל — צען בלאַט גמרא איין שעה“... מען קאָן נישט לייענען אַלע מאָל גלייך. ווי אין שרייבן איז וויכטיק, וואָס און ווער עס שרייבט, אַזוי איז אויך אין לייענען אַן אונטערשייד, וואָס מען לייענט און — ווער עס לייענט.

עס זיינען דאָ מענטשן וואָס האָבן איינגעשלונגען גאַנצע ביבליאָטעקן און זיינען געבליבן עם־הארצים. דאָס זיינען די, וואָס האָבן זיך נישט אויסגעלערנט צו לייענען, כאָטש זיי לייענען זייער גאַנץ לעבן. זיי האָבן זיך נישט אויסגעלערנט — און וועלן זיך עס נישט אויסלערנען, קיין מאָל נישט. עס פעלט זיי די געבוירענע פעיִקייט, וואָס מ׳דאַרף האָבן צו זיין אַ גוטער לייענער — די פעיִקייט צו באַנעמען און אָפּצושאַצן וואָס יענער זאָגט, די פעיִקייט צו לייענען אַקטיוו.

נאָר די, וואָס קאָנען לערנען פון זיך אַליין, ד״ה, פון דער אייגענער דערפאַרונג, קאָנען לערנען עפּעס פון אַנדערע. עס זיינען דאָ מענטשן, וואָס האָבן זיך אָנגעזען און אָנגעהערט אַן אַ שיעור זאַכן — און ס׳איז גלייך ווי גאָרנישט. זיי

האָבן גאָרנישט ניט געלערנט פון לעבן, דערוויסן זיי זיך גאָרנישט אויך פון ביכער.

ביכער קאָנען קליגער מאַכן דעם קלוגן, נישט דעם נאַר. דעם נאַר מאַכן זיי נאָך נאַרישער. ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט די פאַקטן וואָס ער געפינט אין די ביכער, אַזוי ווי ער ווייסט נישט וואָס צו טאָן מיט די לעבנס־פאַקטן. פון די כל־ערליי „אידייען און געדאַנקען" ווערט ביי אים אין קאָפּ אַזאַ פּלאָנטער, אַז עס איז גאָטס רחמנות אויף אים...

כסדר און נאָכאַנאַנד לייענען איז פאַר קיינעם נישט קיין מעלה. דאָס איז אַזוי ווי זיין תמיד אין געזעלשאַפט. מען מוז אַ מאָל זיין אַליין. מ'טאָר נישט איינגעשלונגען ווערן פון אַנדערע און פון דער אויפמערקזאַמקייט צו זיי, מעגן זיי זיין אַפילו די קליגסטע און די גייסטרייכסטע. מען מוז זיך צוהערן צו דער אייגענער שטים אויך. און דאָס איז אפשר נייטיקער ווי אַלע מאָל, ווען מ'הערט ריידן גרעסערע פון זיך, ד"ה, ווען מען לייענט גוטע ביכער. דאַן איז באַזונדערס גרויס די געפאַר צו פאַרלירן דעם אייגענעם איך. דאַרף מען, לייענענדיק אַ בוך, שטיין אויף דער וואַך. מ'דאַרף זיך אי לאָזן, אי נישט לאָזן באַהערשט ווערן פון דעם. די מעלה פון אַ בוך (אין פאַרגלייך מיט אַ לעקציע אָדער אַ רעדע אָדער אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג) איז, וואָס מען קאָן דאָס פאַרמאַכן אין מיטן — און טראַכטן, פאַרטראַכטן זיך. אינטעליגענטע לייענערס נוצן־אויס די דאָזיקע מעגלעכקייט. זיי כאַפּן נישט, זיי שלינגען נישט דעם בוך. זיי מאַכן פויזעס ביים לייענען. זיי נעמען איין יענעמס שאַפונג ווי גוטן וויין, טראָפּנווייז. זיי לייענען אין די מינוטן, ווען דאָס בוך ליגט אָפּגערוקט פון זיי, ווי דאַן, ווען זיי זיינען פאַרטיפט אין אים. זיי פילן אַ טעם אין דעם וואָס זיי לייענען, זיי פאַרדייען עס. זיי לייענען נאָר אַזוי פיל, וויפל זיי קאָנען פאַרדייען. דאָס לייענען איז ביי זיי אַ סטימול צום טראַכטן. וואַכט אויף זייער אייגענער געדאַנק, צינדט זיך אָן זייער אייגענע פאַנטאַזיע, — לייגן זיי דעם בוך אַוועק אָן אַ זייט. זיי לייענען, כדי צו קאָנען אַליין עפּעס זאָגן, נישט נאָר צו הערן וואָס אַנדערע זאָגן. זיי דענקען וועגן דעם וואָס זיי לייענען, דערפאַר געדענקען זיי וואָס זיי לייענען, און נאָר אַזאַ געדענקען האָט אַ ווערדע. עס זיינען דאָ מענטשן וואָס זייער געדענקען וואָס זיי לייענען, נעמט זיך דערפון, וואָס זיי לייענען נאָר מיטן זכרון. (עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס שרייבן בלויז מיטן זכרון). זייער געדאַנק אַרבעט נישט, ווען זיי קוקן אַריין אין בוך, זייער פאַנטאַזיע שלאָפט, זיי האָבן נאָר אַ באַזונדער פעיִקייט אויפצוהיטן אין זייער מאַרך עפּעס אַ מין אָפּדרוק, שיר נישט אַ קאָפּיע פון דעם וואָס זיי האָבן געלייענט. ווען איר זאָלט זיי פרעגן, וועלן זיי אייך איבערזאָגן אַלץ, וואָס אין בוך שטייט, אַפילו די דרוק־פעלערן. זיי זיינען, ווי די חוזרים, וואָס זיינען געווען אַמאָל ביי חסידישע רביים. וואָרט אין וואָרט, אות באות פלעגט דער חוזר איבערגעבן דעם רבינס תורה. אָפט האָט ער נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער צדיק האָט געמיינט. אָבער ער האָט זיך געפלייסט צו געדענקען און איבערצוחזרן אַלץ, וואָס דער הייליקער רבי האָט געזאָגט, און — פונקט אַזוי ווי ער האָט געזאָגט. איז, מילא. ביי חסידים איז יעדעס וואָרט, וואָס ער, זאָל לעבן, האָט אַרויסגעבראַכט פון מויל, געווען הייליק. אָבער ביי דעם מין לייענערס, וועגן וועלכן איך רייד איצט, נעמט זיך נישט דאָס געדענקען פון דעם וואָס ער פאַרהייליקט אַזוי דאָס געלייענטע. גיכער קומט עס דערפון וואָס ער

געדענקט מער, ווייל ער דענקט. האָט ער, אַנשטאָט אַן איינדרוק, אַן אָפּדרוק פון בוך. ער קלייבט נישט אָפּ דאָס וויכטיקסטע, ער טיילט נישט אויס וואָס עס האָט באַפּרוכפּערט זיין געדאַנק, געוועקט זיין פאַנטאַזיע בעתן לייענען (קענטיק, אַז קיין זאַך האָט אים נישט באַזונדערס פאַרכאַפּט, ביי אים איז אַלץ גלייך, אַלץ גלייכגילטיק), געדענקט ער יעדעס ברעקעלע. ער היט אין זיך אויף ווי אַ פאָנאָ־גראַף, אַלץ, וואָס איז אין אים אַריינגערעדט געוואָרן. ער ווייסט נעבעך נישט, אַז לייענען, אַזוי ווי שרייבן, איז אַ פּראָצעס פון אויסקלייבן און אָפּקלייבן. עס קומט אים אָפּילו נישט אויפן זינען אַז לייענען הייסט זיין גייסטיק וואַך, שעפעריש... „נישט נאָר די, וואָס שרייבן", האָט געזאָגט איבסען, „אויך די, וואָס לייענען, זיינען פּאָעטן... אָפּט זיינען זיי נאָך מער פּאָעטיש, ווי דער פּאָעט אַליין..." איז דאָס אפשר אַ גוזמא. אָבער עפּעס פון אַ דיכטער מוז זיכער זיין אין יעדן אמתן לייענער. און אַזוי ווי דער דיכטער גיט אונדז נישט אַלץ און דאַרף אונדז נישט געבן אַלץ, וואָס ער האָט איבערגעלעבט, אַזוי דאַרף אויך דער לייענער נישט אַלץ אין זיך אַריינגעמען.

ער קאָן גאָרנישט אויפנעמען און אויפהיטן אַלץ, ווען ער זאָל אַפּילו וועלן, אויב נאָר ער איז נישט קיין לייען־מאַשין. „וועלן", זאָגט שאָפּענהויער, „אַז איינער זאָל געדענקען אַלץ וואָס ער האָט ווען עס איז געלייענט, איז אַזוי ווי וועלן, אַז ער זאָל טראָגן אין זיך אַלץ וואָס ער האָט ווען עס איז געגעסן. פון דעם האָט ער קערפּערלעך, פון יענעם האָט ער גייסטיק געלעבט און איז דורך דעם געוואָרן, וואָס ער איז. אָבער אַזוי ווי דער קערפּער אַסימילירט נאָר דאָס וואָס פּאַסט פּאַר אים, אַזוי וועט יעדער אָפּהיטן אין זיין זכרון נאָר דאָס, וואָס אים אינטערעסירט, ד"ה, נאָר דאָס, וואָס פּאַסט זיך אַריין אין סיסטעם פון זיינע געדאַנקען".

די צרה מיט דעם לעזער וואָס איך האָב פריער דערמאָנט, איז, וואָס ער האָט נישט קיין געדאַנקען־סיסטעם און בכלל נישט קיין געדאַנקען, ער האָט נאָר אַ זכרון. און איך גלייב נישט, אַז אים האָבן עס געמיינט אונדזערע פאַרצייטיקע חכמים, ווען זיי האָבן צו גוטן דערמאָנט דעם תלמיד וואָס איז ווי אַ „בור סיד שאינו מאבד טפה" — ווי אַן אויסגעפּלאַסטערטע גרוב, וואָס פאַרלירט נישט קיין איין טראָפּן. דער סאָרט לערנער אָדער לעזער, וועגן וועלכן איך רייד דאָ, „פאַרלירט נישט" דערפאַר, ווייל ער געפינט נישט. פאַר אים איז „געַנוג" ווען ער לייענט אַ זאַך איין מאָל. טיפער וועט ער סיי ווי נישט אַריינדרינגען אין בוך, ער מעג עס לייענען צען מאָל, און דעם אויבנאויף — די נעמען, די ווערטער — וועט ער נישט פאַרגעסן, ווען ער וועט עס האָבן געלייענט נאָר איין מאָל. אַנדערש איז מיט דעם לייענער וואָס פאַרדייעט דאָס לייענען. דער מוז גוט צעקייען. און עס קאָן טרעפן, אַז איין מאָל לייענען אַ בוך זאָל זיין פאַר אים ווינציק. עס זיינען דאָ ווערק, וואָס זיינען ענלעך צו קוואַלן, וואָס באַהאַלטן זיך טיף אין דער ערד. מ'מוז לאַנג גראָבן, ביז מ'דערגייט צו זיי. י. ח. ברענער האָט געשריבן (אין אַ בריוו) וועגן גנעסינס „הצדה", אַז ער האָט עס געלייענט צוויי מאָל, און ערשט צום צווייטן מאָל האָט ער דערפילט, אַז גנעסין האָט אָנגעשריבן „אַ גרויסע זאַך". אָבער אַפּילו די ביכער, וואָס מען קאָן דערפילן אין זיי אַ טעם שוין דעם ערשטן מאָל, שאַדט נישט צו לייענען נאָך אַ מאָל, וויבאַלד נאָר זיי האָבן פאַר אונדז אַ ווערט. „ביים צווייטן מאָל לייענען", זאָגט דער שוין נישט איין מאָל ציטירטער שאָפּענהויער, „באַנעמט מע בעסער די שייכות צווישן די פאַרשיידענע טיילן. דעם אָנהייב פון

בוך פאַרשטייט מען ערשט גוט, ווען מען קען דעם סוף". אַ חוץ דעם, „קומט מען צו יעדער שטעלע אין בוך —ביים צווייטן מאָל לייענען — מיט אַן אַנדער שטימונג, מיט אַן אַנדער געמיט־צושטאַנד, ווי ביים ערשטן מאָל, און דאָס מאַכט, אַז מען זאָל קריגן גאָר אַן אַנדער איינדרוק, אַזוי ווי ווען מ׳זעט אַ זאַך אין אַ נייער באַלייכטונג". קאַרלעיל האַלט, אַז אַ בוך וואָס ווערט נישט בעסער ווען מען לייענט עס נאָך אַ מאָל, איז בכלל נישט ווערט אַז מען זאָל עס לייענען.

גאָר באַזונדערס אינטערעסאַנט איז צו לייענען נאָך אַ מאָל, ווען מ׳ווערט עלטער, די ווערק, וועלכע מ׳האָט געלייענט אין דער יוגנט. מען זוכט — און מען געפינט — אין ביכער אייגן זאַך, ווען מען איז יונג און מען לעבט נאָך מער מיטן געפיל ווי מיטן שכל, און גאָר אַן אַנדער זאַך איז ווען מע ווערט פון יאָרן און לעבנס־דערפאַרונג קילער אָדער קליגער. עס זיינען דאָ ביכער וואָס זיינען אונדז ליב און טייער נאָר דערפאַר, ווייל מיר האָבן זיי געלייענט אין די יונגע יאָרן. פּרוווט נאָך אַ מאָל אַריינקוקן אין זיי, ווען איר זייט עלטער געוואָרן, וועט איר גאָרנישט ניט געפינען, אַ חוץ יוגנט־זכרונות. אָדער, פאַרקערט, איר וועט דערזען גאָר אַ ניי ליכט.

„אַמאָל האָב איך באַוווּנדערט קאָרנעלן און פאַראַכט ראַסינען, איז זיך מודה זשול לעמעטער, און איצט באַוווּנדער איך ראַסינען און פאַראַכט קאָרנעלן". אָבער נישט נאָר די יאָרן קאָנען ווירקן אויפן כאַראַקטער און רעזולטאַט פון לייענען. אויך אַנדערע ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין אונדזער אינעווייניקסטן לעבן, קאָנען ווייזן אונדז אַ בוך, וואָס מיר האָבן אַ מאָל שוין געלייענט, פון גאָר אַ נייער זייט.

„ווען איך האָב ייִנגלווייז, נאָך נישט גוט פאַרשטייענדיק, געלייענט גאַטעס „וואהלפערוואַנדשאַפטען" (דערציילט הערמאַן העססע) איז דאָס געווען „גאָר אַן אַנדער בוך, ווי די „וואהלפערוואַנדשאַפטען, וועלכע איך לייען איצט שוין אפשר צום פינפטן מאָל"... „מיר ענדערן זייער זעלטן אונדזער געשמאַק, שרייבט דער ענגלישער קריטיקער י. א. ריטשאַרד, גיכער זעען מיר זיך אַרום אַז ער איז געענדערט. מיר קערן זיך אום צו די לידער, פון וועלכע עס האָבן זיך געגאָסן ביי אונדז ליכטיקע טרערן, ווען מיר זיינען געווען יונג און געפינען אויס, אַז אין זיי איז מער גאָרנישט ניטאָ, אַ חוץ פוסטע מליצה". עפּעס ענלעכס צו דעם שרייבט יעקב גלאַטשטיין:

„אַז מען לייענט שעקספּירן אין דער יוגנט איז ער אַליין אויך יונג, פול מיט שיינע ווערטער, מיט פּאַעטישן פייער און מיט דער מוזיק פון אַ יונג האַרץ. אַז מען לייענט אים אין די מיטעלע יאָרן, דערזעט מען אין אים די גאַנצע דערפאַרונג פון די אָפּגעלאָפענע וואָסערן פון לעבן. די מוזיק פון די ווערטער ווערט אויך אָנגעלאָדן מיט מיין און מען בלייבט שטיין מיט אים אויף דער גרענעץ פון טרויער און פרייד און אייגענע בענקשאַפטן. נאָר אַז מען נעמט לייענען שעקספּירן אויף דער עלטער, ווערט שעקספּיר אַליין אַן אַלטער, רייפער, טרויעריק־קלוגער קינסטלער, וואָס ווייסט אַלץ און פאַרשטייט גאָרנישט, וואָס באַלייכט אַלע באַהאַלטענע ווינקעלעך פון לעבן, כדי צו ווייזן ווי טונקל אַלץ איז און ווי אומפאַרשטענדלעך. אַזוי־אַ עלטערן מיר שעקספּירן לויט אונדזערע אייגענע יאָרן, מיר דערזעען אין אים דאָס, וואָס יאָרן האָבן אונדז באַשערט אין אים צו זען. שעקספּיר פאַרמאָגט

אין זיך געניג פון דעם סוד, וואָס מען רופט צייט, זיינע ווערטער צייטיקן זיך און געשטאַלטיקן זיך מיט דער רייכער דערפאַרונג פון אונדזער אייגן לעבן".

„אַ געוויסנהאַפטיקער קריטיקער", זאָגט בראַנדעס, „מוז בדרך כלל לייענען פיל מאָל, אין פאַרשיידענע פעריאָדן פון זיין אַנטוויקלונג, דאָס ווערק, וואָס ער קלייבט זיך צו דערקלערן און אָפּצושאַצן. ביי יעדן מאָל לייענען ווערט ער איבער־ראַשט פון עפּעס נייעס אין דעם ווערק, און צום סוף שטעלט ער עס זיך פאַר פון אַזוי פיל פאַרשיידענע שטאַנדפּונקטן, אַז אַן אַ געוויסער אָנשטרענגונג איז אים אוממעגלעך צו האַלטן זיך ביי איין שטימונג אָדער איין באַשטימטן שטאַנדפּונקט". און דאָס וואָס בראַנדעס זאָגט וועגן קריטיקער איז ריכטיק וועגן יעדן אינטעלי־גענטן לייענער. קיין לעזער דאַרף זיך נישט באַנוגענען מיט לייענען אַן אמת גוטן בוך נאָר איין מאָל. בראַנדעס גייט אַזוי ווייט, אַז ער זאָגט (אין אַ ספּעציעלן עסיי וועגן לייענען): „אויף דעם דאָזיקן, אפשר דעם איינציקן געביט גילט דער כלל אַז איין מאָל איז קיין מאָל, און דער וואָס האָט זיך באַנוגנט דערמיט, וואָס ער האָט איין מאָל נאָר איבערגעלייענט אַ גוטן בוך, געהערט צו יענע, פון וועלכע דער אינהאַלט פון בוך שפּרינגט אָפּ: אַנדערש וואָלט ער געוויס זיך געמוזט האָבן אומגעקערט צום בוך". וועגן זיך אַליין דערציילט דער באַרימטער דענישער קריי־טיקער, אַז די ביכער פון וועלכע ער האַלט, האָט ער אָפט געלייענט מער ווי צען מאָל און וועגן אַ טייל פון זיי וואָלט אים געוועזן, זאָגט ער, אוממעגלעך אָנצוגעבן, ווי אָפט ער האָט זיי געלייענט. ער צעקאָכט זיך אַזוי, אַז ער זאָגט: „מען קאָן גאָר אַ בוך נישט, ווען מע קאָן עס נישט כמעט אויף אויסווייניק".

דאָס איז, פאַרשטייט זיך, ריכטיק נאָר וועגן אַ געוויסן — גאָר הויכן — מין ווערק. נישט אַלץ דאַרף מען לייענען מיט אַזאַ כוונה, ווען אַפילו מ'דאַרף עס לייע־נען. עס זיינען דאָ ביכער, וואָס עס איז גאַנץ גענוג צו לייענען זיי איין מאָל אָדער אַפילו גאָר אַ האַלבן מאָל.

וועגן דעם, אַז פאַרשיידענע סאָרטן ביכער דאַרף מען לייענען אויף אַ פאַר־שיידענעם אופן, מיט אַ פאַרשיידענעם גראַד אַריינטאָן־זיך ווערט אָפט ציטירט אַ וואָרט פון בייקאָן: „עס זיינען דאָ ביכער", האָט געשריבן דער ענגלישער פי־לאָסאָף, „וואָס זיינען נאָר צום פאַרזוכן, אַנדערע דאַרף מען אַראָפּשלינגען און נאָר זייער אַ קליינע צאָל ביכער זיינען פאַראַן, וואָס מען דאַרף זיי צעקייען און פאַר־דייען. דאָס הייסט: אין אַ סך ביכער זיינען דאָ נאָר טיילן צום לייענען, אַנדערע דאַרף מען לייענען אין גאַנצן, אָבער נישט שטאַרק זיך אַריינטאָן אין זיי, און נאָר זייער אַ קליינע צאָל ביכער דאַרף מען לייענען פון אָנהייב ביזן סוף מיט התמדה און גרויס כוונה".

דאָס לייענען מיט כוונה און דאָס איבערלייענען און איבערחזרן איז וויכטיק גאָר באַזונדערס, ווען עס רעדט זיך וועגן פּאָעטישע שאַפונגען. פּאָעזיע האָט אין זיך נישט די באַשטימטקייט און די פעסטקייט וואָס עס איז דאָ אין פּראָזע. דער־הויפּט אין וויסנשאַפטלעכער פּראָזע. אַ וויסנשאַפטלעך ווערק האָט נאָר איין זין, און ער ענדערט זיך נישט. פּאָעזיע ווערט פון יעדן אויפגענומען אויף אַ באַזונ־דערן אופן. אַן עכט פּאָעטיש ווערק, ווי אַן אמת שיין געזיכט, איז רייך אין אומ־ענדלעכע ענדערונגען. אָט האָט עס אַזאַ שמייכל אויף די ליפּן און אָט — אַן אַנדערן. אָט זיינען די שאָטנס דאָ און אָט — דאָרטן. עס ווענדט זיך פון וואָסער

זייט מיר קוקן אויף דעם און מיט וואָס פאַר אַ אויגן. אין אַ גוטער פּאָעמע, ווי אין יעדן אמתן קונסטווערק, קאָנען מיר דערפאַר יעדן מאָל, ווען מיר לייענען עס, פילן גאָר אַ נייעם טעם. אין פּאָעזיע (אַלץ איינס צי אין פערזן אָדער נישט אין פערזן) האָבן מיר, אַ חוץ אַלעם, הנאה פון די קלאַנגען און די ריטמען, נישט נאָר פון דעם לאָגישן זינען. און קלאַנגען, ווען זיי זיינען מוזיקאַליש, זיינען שטענדיק אַנגענעם, וויפל מאָל מיר זאָלן זיי נישט הערן... אַ פּרק שפּינאָזע אָדער אַ בלאַט קאַנט, ווען איר האָט עס נאָר איין מאָל גוט דורכגענומען, וועט עס אייך שוין מער נישט אַזוי אַנטציקן, ווי צום ערשטן מאָל. אָבער אַ קאַפּיטל תהילים אָדער היינעס אַ ליד, פון די געשמאַקערע, וועט אייך שטענדיק נעמען, וויפל מאָל איר זאָלט עס נישט האָבן געלייענט. פּאָעטישע ווערק זיינען פאַר אונדז ווי תפילות פאַר אַן אמת פרומען. ער זאָגט זיי יעדן טאָג מיט אַ נייער כוונה, מיט אַ נייער פרישקייט.

אין אַ וויסנשאַפטלעכן ווערק זוכן מיר תכלית. מיר זוכן אין דעם אַ פּועל־יוצא, אַן אויספיר. באַקענען מיר זיך מיטן רעזולטאַט פון דער פאָרשונג, איז דער פּראָ־צעס, וואָס האָט געפירט דערצו, שוין נישט אַזוי וויכטיק. ביים געניסן קינסטלע־רישע שאַפונגען איז דער עיקר דער פּראָצעס: נישט אַזוי דאָס האָבן געלייענט, ווי דער עצם לייענען. לאַמעד שאַפּיראָ איז גערעכט, ווען ער זאָגט אַז „דער (קינסטלערישער) שרייבער איז מחויב נישט אַזוי אַנצוזעטיקן דעם לייענער, ווי אים הונגעריק צו מאַכן, כדי דערמיט אים אַריינצוציִען אינעם פּראָצעס פון יצירה".

5. וויפל טיפן שרייבערס, אַזוי פיל טיפּן לייענערס

נישט נאָר זיינען דאָ פאַרשיידענע סאָרטן לייענען, — אויך לייענערס זיינען דאָ פאַרשיידענע. און אַזוי ווי דער קריטיקער איז פריִער ווי אַלץ אַ לייענער, איז כדי צו באַנעמען פאַרוואָס עס עקסיסטירן פאַרשיידענע מינים קריטיקערס, וויכטיק צו באַקענען זיך מיט אַלערליי סאָרטן לעזערס, נישט נאָר מיט די פאַרשיידענע מדרגות און מינים פון לייענען.

בכדי עס צו טאָן, איז נייטיק אַריינצוקוקן אין די פאַרשיידענע שייכותן, וואָס עקסיסטירן אָדער קאָנען עקסיסטירן צווישן דעם לייענער און דעם שרייבער. אין אָט דעם פּאַרל איז דער שרייבער... די זי. דער לעזער, אַז ער האָט ליב אַ דיכטער, זאָגט ער פּשוט, אָן חכמות: ער געפעלט מיר. און ווער רעדט נאָך אַז אַ דיכטער ברענגט אים אַריין אין התפעלות, שעמט זיך נישט דער לעזער און זאָגט: איך בין אַנטציקט פון אים, איך פאַרגעטער אים, איך קאָן זיך מיט אים נישט שיידן, אד"ג. ביים שרייבער אָבער איז זיין בענקען נאָכן לייענער פול מיט „ווייבערישע קאַפּ־ריזן", מיט ברוגז־ווערן, מיט חנדלען; זיין יאָ ליגט איינגעוויקלט אין עפּעס אַ נעפּלדיקן ניין...

דער געניטער לייענער וויס עס. ווערט ער נישט נתפּעל, ווען אַן „איינזאַמער דיכטער" „וואַרפט אים דעם גט אין פּנים": נישקשה, ער וועט זיך איבערבעטן. טראַכט זיך דער פאַרשטענדיקער לייענער, ער האָט זיך שוין, אייגנטלעך, איבער־געבעטן: ער רעדט צו מיר אָט די אַלע ברוגזע רייד און נישט — צו דער וואַנט.

ווען ער זאָל „נישט וועלן וויסן" פון מיר, אָרעמען לייענער, וואָלט ער געפונען אַ לייכטערן מיטל, ווי אויסצודריקן מיר זיין פּאַראַכטונג, איידער צו דערקלערן זיך מיר אין גלייכגילטיקייט מיט דער הילף פון אויסגעפּוצטער פּראָזע און זיך חנדל־דיקע פּערזן... אַזוי זאָגט צו זיך אַליין דער לעזער, — און ער ווערט נאָך מער פּאַראינטערעסירט אין דעם שרייבער, וואָס „בלאָזט אָן די ליפּעלעך" (אויב דאָס קליידט אים) און שטויסט פון זיך אָפּ דעם „פּרעכן" לייענער (נישט פּאַרגעסנדיק צו מאַכן דערביי אַ שעלמיש חנעוודיקע מינע). דער לעזער זאָגט עס צו זיך אַליין (ער איז נישט קיין שרייבער: קאָן ער זיך פּאַרגינען ריידן מיט זיך אַליין). דער שרייבער וואָס לייענט דעם מענטשנס געדאַנקען הויך אויפן קול אַזוי, אַז אַלע זאָלן הערן, — דער שרייבער כאַפּט־אויף דעם לייענערס ספקות און ענטפערט אויף זיי אין פרייע פערזן אָדער אין געבונדענער פּראָזע (אָבער נאָך אַלץ אין אַ ברוגזן טאָן):

— דו פּרעגסט, צוליב וואָס און וועמען שליף איך אַזוי מיין פּראָזע. דו פּאַר־שטייסט נישט, וואָס (אָדער וועמען) מיינט דער חן פון מיינע זינגענדיקע שורות? דו באַנעמסט עס נישט, ווייל דו ביסט נישט קיין דיכטער. ביסט אַ סטאַדע־מענטש. אַ דיכטער פּוצט זיך נישט פאַר קיינעם. ער שרייבט פאַר זיך אַליין. ער איז אַליין זיין לייענער, קיין אַנדערע לייענערס דאַרף ער נישט. ער שרייבט פיין, אייגנאַרטיק, קונסטפול, ווייל אַנדערש קאָן ער נישט. אָבער ער וויל קיינעם נישט געפעלן, נאָר זיך אַליין.

אַזוי זאָגט דער שרייבער, און אויב ער האָט עס גוט — „פיין, אייגנאַרטיק, קונסטפול" — געזאָגט (און אויב אַפילו — נישט גאָר גוט), לאָזט ער עס דרוקן: „פאַר זיך אַליין". אין אַ קליינער צאָל עקזעמפּלאַרן: וויפל דאַרף מען פאַר זיך אַליין? (דערצו האָפט מען אויף אַ צווייטער אויפלאַגע און אויף די קומענדיקע דורות, וואָס וועלן שוין באַזאָרגן אַ פאַלקס־אויסגאַבע). דעם דיכטער וואָלט נישט אַרן, אַז די ערשטע אויסגאַבע זאָל זיין נאָך קלענער (עס זייבען דאָ מאַטריצן), אָבער וואָס טוט מען מיט די פריינד און פּאַרערערס? און דאַן — די רעצענזענטן...

פון די צען מאָס לייענער־פּאַראַכטונג, וואָס עס האָט דער דיכטער, קריגט ניין מאָס יענער אומדאַנקבאַרסטער פון אַלע אומדאַנקבאַרע לייענערס, וועלכער פּאַרשטעלט זיך אונטערן נאָמען רעצענזענט אָדער קריטיקער. אָבער דאָס שטערט נישט — פּאַרקערט, דאָס מאַכט נאָך אינטערעסאַנטער — די שייכותן צווישן דער האַלב־ברוגזער, האַלב־שפּילעוודיקער קונסט־דאַמע און דעם קריטישן מאַנספּאַר־שוין. דער לעצטער קען זי, אַזוי ווי עס קענען זי אַלע אַנדערע געניטע לייענערס. אַזוי ווי יענע וויים ער אַז איר ברוגזן זיך איז אָפט אַן אויסדרוק פון איר שטילן ליידנשאַפטלעכן פּאַרלאַנג צו געפעלן.

פון דעם קריטיקער, ווי פון אַלע פּאַרשטענדיקע לייענערס איז נישט פּאַר־הוילן אַז די „אומדאַנקבאַרקייט פון המון", די „טפשות פון דער מערהייט" און אויך פון דער מינאָריטעט („די מינאָריטעט איז פּונקט אַזוי אומגערעכט ווי די מאַיאָריטעט", זאָגט איינער פון אונדזערע „שרעקלעך אייגזאַמע" — און קריגט שיטערע, אָבער פּאַרדינטע אַפּלאָדיסמענטן) — איז אַן „אייביקע פּראָבלעם" אין דער דיכטונג, פּונקט אַזוי ווי ליבע, טויט, אד"גל. זינט עס זיינען דאָ דיכטערס אויף דער וועלט, קלאָגן זיי זיך אויפן עולם־גולם און טענהן, אַז דער לעזער טויג נישט,

אַז ער איז ניט ווערט אַז דער שרייבער זאָל זיך מיִען פאַר אים אַזױ. זיי כאַפּן זיך אָן אין דער טעמע: „לייענער", ווי אָן אַ קראַנק אָרט. וואָס העפּטיקער זיי טוען עס, אַלץ מער איז עס אַ סימן אַז עס טוט זיי וויי. עס איז זיי אַ פּאַרדראָס, וואָס דער לייענער קומט נישט צו לויפן אויסצונאַרן ביי זיי די ברכהס, שילטן זיי אים...

עס זיינען בייז אויפן לעזער נישט נאָר די, וואָס „דאָס איינזאַם־זיין", דאָס זיין פאַר זיך, אין זיך איז ביי זיי אַ (באַנאַלע) טעמע, אַ „נאַיִווע" „פּראָגראַם" אָדער גאָר אַ קאָקעטעריי. אויך די אמת איינזאַמע פלוכן דעם לייענער. ערשט זיי פעלט ער מיט אַן אמת. זיי האָבן אים דאָך טאַקע וואָס צו זאָגן. אָבער זיי זיינען אויף אים אויפגעבראַכט נישט דערפאַר, וואָס ער איז אַ לעזער (אָ, ווען ער זאָל באמת זיין אַ לעזער, ווען ער זאָל האָבן דעם „טאַלאַנט צו זיין אַ לעזער"!), זיי זיינען בייז אויף אים דערפאַר, וואָס ער איז אַ טאַלאַנטלאָזער, אַ פאַנטאַזיעלאָזער, אַ טעמפּער, אַ גלייכגילטיקער לייענער. זיי קאָנען אים און זיינע מיליאָנען חברים נישט אָנזען דערפאַר וואָס זיי לייענען — און לייענען נישט; דערפאַר, וואָס עינים להם — ולא יראו, אזנים — ולא ישמעו... „זיי לייענען דאָך די טויטע בוכשטאַבן. די אויגן זייערע טאַפּן די ווערטער און די ווערטער זיינען פאַר זיי נישט מער ווי בליי. זיי גייען נישט ווייטער פון די אויגן". אַזוי האָט אויסגעגאָסן זיין שרייבעריש האַרץ יונה ראָזענפעלד און אומזיסט האָט מען אים חושד געווען, אַז ער וויל ניט מען זאָל אים לייענען. ער האָט געזאָגט נאָר דאָס, וואָס עס האָבן פאַר אים אַ סך מאָל שוין געזאָגט אַנדערע שרייבערס. אפילו דעם אויסדרוק, אַז מען דאַרף געבוירן ווערן מיט אַ טאַלאַנט צו געניסן, נישט נאָר צו שאַפן קונסט, האָט ראָזענפעלד נישט אויסגעטראַכט דער ערשטער, כאָטש ער האָט זיכער זיך אַליין דערטראַכט צו דעם. די, וואָס האָבן זיין מיינונג אַזוי זעלבסטצופרידן אויסגעלאַכט, וועלן מוזן איבעראַשט ווערן, ווען איך וועל זיי איבערזעצן דעם ווייטערדיקן זאַץ פון ביעלינסקי, וועלכער איז זיכער אַן אויטאָריטעט אין זייערע אויגן. אָט וואָס עס האָט אַמאָל געשריבן דער גרויסער רוסישער קריטיקער: „די פעיִקייט אויפצונעמען איינדרוקן פון דאָס שיינע איז אַ געוויסער סאָרט טאַלאַנט; מען קאָן זי נישט קריגן נישט דורך וויסנשאַפט, נישט דורך בילדונג, נישט דורך איבונג, זי איז אַ גאָב פון דער נאַטור". דאָס אייגענע, נאָר מיט אַנדערע ווערטער, האָט געזאָגט דער דייטשער דראַמאַטיקער העבעל. מ'געפינט עס אויך ביי אַנדערע דיכטערס. זיי אַלע זיינען נישט צופרידן מיט דער טאַלאַנטלאָזיקייט פון דעם לעזער־עולם. אָבער דאָס הייסט נישט, אַז זיי ווילן נישט האָבן קיין לעזערס. גיט זיי אַ גוטן לעזער (אַזאַ „וואָס זאָל פאַרגעסן זיך, מיך, די גאַנצע וועלט און לעבן נאָר אין מיין בוך", ווי געטע האָט אויסגעדריקט זיין אידעאַל פון אַ לייענער) — וועלן זיי זיין פול מיט ליבשאַפט צו אים און מיט דאַנקבאַרקייט... זיי וועלן זיך נישט חנפענען צו אים (אַ גוטער לייענער האָט פיינט, אַז מען חנפעט אים), אָבער זיי וועלן בענטשן זיין קומען.

— ווו נעמט מען אַ גוטער לייענער! — דאָס איז דער בת קול, וואָס רופט פון די אַלע תהומען פון „פאַראַכטונג", וואָס דער שרייבער האָט צום „המון", צו זיין מערהייט אָדער מינדערהייט. דער אמתער שרייבער האַסט נישט דעם לייענער (פאַרקערט, ער בענקט נאָך אים טיף אין האַרצן); ער האַסט נאָר דעם פלאַך־לעזער,

דעם שלעכט־לעזער... „ברודער שריפטשטעלער“, האט אויף זיין אופן געשריבן משה נאדיר („פון מענטש צו מענטש“) — „ברודער שריפטשטעלער, דורך דער קלענסטער נשמה מוזסטו דורכגיין, ווי דורך אן אויג פון א נאדל, דורך יעדן ענגען געהירן מוזסטו דורכציִען, דורך יעדן שמאלן הארץ מוזסטו זיך דורכפלאטערן. און וואס בלייבט פון דיר, ווען דו קומסט ארויס א דורכגעלעזענער? דער פיינער שמעטערלינג־שטויב פון דיינע געדאנקען־פליגל ווערט פון די רויע פינגער אפגעריבן. און וואס בלייבט? גארנישט. שטערן־ און לבנה־שימער דורך א גראבן זאק. שנייפייערן דורך רויכערדיקע לאמפן. דער איידלסטער געדאנק קומט ארויס פארשמירט, דורכגעלעזערט, צעבלוטיקט, פארביטערט. צו זיין א שעקספיר מוז מען געפעלן ווערן די לעזערס — די פרעמדסטע, די ערגסטע, די פארשלאפנסטע. דער רום פון היינריך היינע שטייט איין אין די הענט פון נאפט־סוחרים. די אומשטערבלעכקייט פון קיניג שלמה וווינט אין די הערצער פון גמרא־מלמדים. ווי טרויעריק דאס איז“... צום סוף האט משה נאדיר זיך פאררעדט, ווי דאס טרעפט ביי אים. אבער ס'איז נישט קיין איראניע. ס'איז אין יעדן פאל נאר א שאטן, א שאטירונג פון אן איראניע, ווען אונדזער סענטימענטאלער ליריקער, וואס מען וויל אים מיט געוואלט מאכן פאר א הומאריסט, זאגט: ווי טרויעריק דאס איז. עס איז באמת טרויעריק.

עס וואלט נישט געווען טרויעריק, ווען דער „ברודער שריפטשטעלער“ זאל זיך קאנען אין גאנצן באגיין אן לייענער. ער קאן זיך אבער נישט באגיין אן זיי. ער מוז זיי האבן, אזוי ווי א רעדנער מוז האבן צוהערערס, א בינע־קינסטלער — צוזעערס. יענע מוזן האבן דאס פובליקום פאר זיך בעתן שאפן (דאס איז דער געפערלעכער שטריך פון זייער נישט־אינטימער קונסט). דער שרייבער שאפט ביחידות, צוליב דער קונסט און דעם גענוס פון שאפן; זיין זעלבסט־אויסדרוק איז א פרייד פאר אים, אבער נאר דאן, ווען עס געלינגט אים, ד״ה ווען זיין איך ווערט ניט־איך און ווען עס איז דא א מעגלעכקייט אז אויך אנדערע (מעגן זיי זיין ווי ווייניק) זאלן עס געניסן אין דער אדער יענער מאס.

א שרייבער וויל געפעלן זיך אליין — געוויס. אבער ער געפעלט זיך אליין דערפאר, וואס ער איז זיכער, אז פריִער אדער שפעטער וועט ער געפעלן אויך אנדערע. „אפילו אויף אן אומבאזוצטן אינדזל וועט א קינסטלער, זאגט אפטאן סינקלער, טראכטן, אז ווען־עס־איז וועט קומען אהער א שיף“... א דיכטער קאן אויסקומען אן ווירקלעכע, אבער נישט אן פאטענציעלע לייענערס. ווען ער זאל זיין פארשאלטן צו בלייבן אויף שטענדיק א ראבינזאן קרוזא, וואלט ער נישט געהאט גאר קיין באדערפעניש — און ממילא אויך נישט קיין פרייד — פון שאפן. די דיכטערס שאפן „פאר זיך אליין“ דערפאר, ווייל זיי זיינען אין דער אמתן קיין מאל נישט אליין (אין דער פאנטאזיע, ווייניקסטנס). אפילו א פויגל וואלט נישט געזונגען, ווען ערגעץ־ווו זאל נישט זיין נאך א פויגל. יעדער קלאנג אין דער נאטור רופט ארויס א ווידערקלאנג, און ווער ווייס — אפשר וואלט אן נאכקלאנגען נישט מעגלעך געווען גאר קיין קלאנגען אין דער וועלט? אן לייענערס וואלטן זיכער נישט געווען קיין שרייבערס אויף דער וועלט.

אפילו אזא שטאלצער און פאראכטונגספולער שריפטשטעלער ווי שאפענהויער האט דעם גאנצן כעס און גיפט פון זיין סארקאזם אויסגעלאזן צו די — פילאסאפישע

לייענערס פון זיין צייט, נישט ווייל ער האָט זיי נישט געוואָלט האָבן, נאָר, פאַרקערט, ווייל ער האָט זיי זייער שטאַרק געוואָלט. ער האָט זיין פּאָעמע (זיין פילאָסאָפיע איז אַ פּאָעמע) וועגן דער וועלט „אַלס ווילע אונד פאָרשטעלונג" געשריבן אין גרויס איינזאַמקייט, — „פאַר זיך אַליין"; אָבער אים האָט מוראדיק פאַרדראָסן, און ער האָט נישט געקאָנט פאַרגעסן קיין איין רגע, אַז קיינער שאַצט אים נישט אָפּ, אַז קיינער פאַרשטייט אים נישט. און וואָס די ערשטע אויסגאַבע פון זיין געניאַלן ווערק איז פאַרנוצט געוואָרן שיער נישט אויף פּאַק־פּאַפּיר. ער וואָלט זיכער נישט אויסגעהאַלטן זיין פיינלעכע איינזאַמקייט, אויב ער זאָל נישט גלייבן אין קומענדיקן טריומף פון זיין פילאָסאָפיע. ער וואָלט נישט געקאָנט אַרבעטן, ער וואָלט נישט געקאָנט לעבן, אויב ער זאָל רעכענען אַז ער האָט נישט קיין לעזערס. אָבער ער האָט זיי געהאַט: דאָס זיינען די לייענערס פון די קומענדיקע דורות. זיי האָבן אים פאַרביטן די סימפּאַטיע פון זיין דור. וועגן דעם לעצטן האָט ער גערעדט מיט גיפט נאָר דערפאַר, ווייל מיט די אויגן פון זיין געניאַלער פאַנטאַזיע האָט ער געזען די ערפאַרכטיקע און דאַנקבאַרע לייענערס וואָס וועלן שפּעטער קומען... און דאָס איז ריכטיק וועגן אַלע אמת־גרויסע מענטשן. ס'דאַכט זיך אונדז, אַז זיי זיינען איינזאַם; אין דער אמתן פילן זיי זיך אַרומגערינגלט מיט אַ פראַכטפולער געזעלשאַפט, מיט אַ געזעלשאַפט, וואָס הערט זיך צו צו יעדן וואָרט זייערן: — דאָס איז די געזעלשאַפט פון דעם צוקונפטיקן מענטשן...

ניטשע, נאָך דעם ווי ער האָט געשאַפן דאָס אומפאַרשטענדלעכסטע פון אַלע זיינע ווערק — עקקע האָמאָ — האָט געשריבן צו בראַנדעסן: „איך שווער אייך אַז אין צוויי יאָר אַרום וועט די גאַנצע וועלט אויפציטערן קאָנוולסיוו פון דער גרויסער איבערקערעניש, ווייל איך בין דער פאַטום". שוין דעמאָלט איז ער געווען נישט גאָר ביים זינען, אָבער אומבאַוווסטזיניק האָט ער אויך פריער געגלייבט (און נאָר דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט) אַז עס וועט קומען אַ צייט, ווען מ'וועט אים פאַרשטיין. ער האָט געוואָרט אויף יענער צייט, ער האָט געבענקט נאָך איר. ער, אָט דער איינזאַמער אַריסטאָקראַט פון גייסט, דער נביא פון דעם איבער־מענטש, איז קינדיש צופרידן געווען, ווען ער האָט געקאָנט מיטטיילן זיין באַגייסטערטן קריטיקער, בראַנדעסן, אַז עס לייענען זיינע ווערק עטלעכע מענטשן, פון וועלכע ער האַלט זייער שטאַרק. „עטלעכע לייענערס, צו וועלכע דו האָסט אַכטונג (האָט ער געשריבן) און ווייטער קיינע לייענערס נישט — דאָס איז אייגנטלעך מיין פאַרלאַנג. וואָס ווייטער, האָב איך אַלץ ווייניקער האָפענונג אַז דער לעצטער טייל פון מיין פאַרלאַנג זאָל זיך פאַרווירקלעכן (זאָגט ער כמעט קאָקעטיש); דערפאַר האָב איך אַ מזל צו די עטלעכע, צו די גוטע לייענערס". און ער רעכנט אויס אַ קורצן צעטל פון אָט די אויסדערוויילטע לעזערס. קיין גרויסן פּובליקום האָט ניטשע נישט געוואָלט האָבן, מחמת ער האָט געוווסט, אַז קיין סך „גוטע לייענערס" (פאַר זיינע ווערק) זיינען נישטאָ, און ער האָט, ווי יעדער אמתער שרייבער, געוואָלט נאָר גוטע לייענערס.

גוטע לייענערס האָט ער, פונקט אַזוי ווי שאָפּענהויער, געוואָלט, געחלשט צו האָבן. און ער איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט צו וויסן וואָס זיי טראַכטן, וואָס זיי זאָגן וועגן אים און זיינע ווערק. ווען בראַנדעס, וואָס איז געווען אין דעם צעטל פון זיינע „גוטע לייענערס", האָט אים מיטגעטיילט, אַז ער האָט אין קאָפּענ־

האָבן געהאַלטן וועגן אים אַן עפנטלעכן פּאָרטראַג, האָט ער אויפריכטיק געוואָלט וויסן וואָס בראַנדעס האָט געזאָגט וועגן אים. „איך בין זיך מודה, האָט ער געשריבן צום דענישן קריטיקער אַז איך בין אַ נייגעריקער מענטש. אַזוי ווי איך האָב נישט געהאַט די מעגלעכקייט צוצולייגן אַן אויער צום לעכל פון דער טיר פונעם אוניווער־סיטעט־זאַל און הערן עפּעס וועגן מיר אַליין מיט אייגענע אויערן, וואָלט איך זייער געוואָלט הערן דאָס פון אייך. שרייבט מיר אַ פּאָר שורות וועגן אייער פּאָר־טראַג. ווי פיל וועל איך אַרויסלייענען פון דריי ווערטער"...

אַזוי איז מיט דיכטער־פילאָסאָפן. דיכטערס וואָס זיינען נישט קיין פילאָסאָפן, זיינען אין זייער פאַרלאַנג צו האָבן „פריינד און פאַרערערס" אָדער פשוט, לייענערס, — נאָך מער אומגעדולדיק. „אין רוסלאַנד, ווען דאָרט איז נישט געווען קיין פּאַפּיר, — האָט דערציילט דער רוסישער דיכטער יעסענין, — האָב איך געדרוקט מיינע פערזן אינאיינעם מיט קוסיקאָוו און מאַריענהאָף (צוויי יונגע רוסישע דיכטערס) אויף די ווענט פון סטראַסטנאָי מאָנאַסטיר אָדער געלייענט זיי ערגעץ (פאַר די דורכ־גייערס?) אויף אַ בולוואַר"... יעסענין איז געווען אַן „אימאַזשיניסט". ער וואָלט עס זיכער אויך געטאָן ווען ער זאָל זיין אַן „אינזיכיסט". יעדער דיכטער זאָגט צו זיך, ווי פּושקין: „ביסט אַ קייסער; זיי אַליין". אָבער, ווי יעדער קייסער, מוז דער דיכטער האָבן אַ פאָלק.

להיפוך צו אַ קייסער וויל דער דיכטער, אַז זיין פאָלק זאָל אים פאַרשטיין, נישט נאָר פאַרערן. ער וויל אַז זיין לייענער זאָל, ווי געזאָגט, האָבן טאַלאַנט צום לייענען. אָבער טאַלאַנט איז נאָך נישט אַלץ. אַ באַגאַבטער שרייבער קאָן אַ מאָל אָנשרייבן אַ שלעכטע זאַך; אַזוי קאָן אַ גוטער לעזער אַ מאָל שלעכט לעזן. צום לייענען מוז מען זיין צוגעגרייט, אַזוי ווי צום שרייבן. איז דען יעדער שרייבער מסוגל צו שרייבן וועגן אַלץ? טרעפט דען נישט אַז איינער איז אַ גוטער ליריקער, אָבער אַ שוואַכער ראָמאַניסט? מוז אַ דראַמאַטיקער קאָנען שרייבן לידער? אָבער נישט נאָר דער מין ליטעראַטור — אָפט שפּילט אַ ראָלע דער סטיל, דער מאָטיוו, אַפילו בלויז די טעמע פון אַ ווערק. עס זיינען דאָ דיכטערס וואָס זיי איז צוגענגלעך נאָר אַ געוויסער שטייגער שרייבן, און עס זיינען דאָ דיכטערס וואָס עס איז באַ־גרענעצט דער קרייז פון זייערע מאָטיוון, אָדער אַפילו סיוזשעטן. אַ קינסטלער קאָן אַרויסווייזן זיכערע פעיִקייטן אויפן געביט פון אינדיווידועלער פסיכאָלאָגיע און דורכפאַלן ווען ער נעמט פאַר אַ טעמע די נשמה פון קאָלעקטיוו. אַן אַנדערער קאָן, פאַרקערט, זיין אַ מייסטער אין מאָלן דעם מאַסנלעבן און ער קאָן זיין אומבאַהאָלפן, ווען עס קומט צו איינציקע פערזאָנען. אַזוי איז עס אויך מיטן לייענער. ער קאָן זיין מער מסוגל צו לייענען ליריק, איידער דראַמעס, און פאַרקערט. ער קאָן הנאה האָבן פון רייזע־באַשרייבונגען און נישט האָבן קיין געדולד צו געטעס „פאַוסט". אַפילו אויף איין און דעם זעלביקן ליטעראַרישן געביט קאָן אים, ווי דעם שרייבער, איין סטיל זיין מער צום האַרצן ווי דער אַנדערער. אַפילו די טעמע אַליין קאָן מאַכן, אַז איין ווערק זאָל אים זיין נאָענט און אַן אַנדערס — פרעמד, כאָטש ביידע האָבן זיי גרויסע מעלות. דאָס איז אַ באַגרענעצטקייט, אַן איינזייטיקייט, און דער לייענער, וואָס זיין „שאַפן" איז אויפנעמענדיק, נישט אַזוי אַקטיוו, קאָן זי לייכטער בייקומען, איידער דער שרייבער. ווען ער קומט זי אָבער נישט ביי, מאַכט זי אים נישט פאַר אויס לייענער, זי מאַכט אים נאָר פאַר אַ באַגרענעצטן לייענער.

מוז דער שרייבער זיך ווינטשן צו האָבן נישט סתם אַ „גוטן לעזער“, נאָר אַ לעזער, וואָס איז גוט פאַר זיינע ווערק, פאַר זיין סאָרט שרייבן, פאַר זיינע טעמעס.

אָבער אויך דאָס איז נישט גענוג. אַ גוטער לייענער קאָן אַ מאָל שלעכט לייענען אַ ווערק, כאָטש עס איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר אים אי לויט זיין אינהאַלט, אי לויט זיין פאָרעם. עס ווענדט זיך ווען און ווי אַזוי ער לייענט עס. ווען ער איז נישט אויפגעלייגט, ווען זיינע געדאַנקען זיינען פאַרשלאָפן, זיין פאַנטאַזיע איז אָן פליג־לען, קאָן פון זיין לייענען גאָרנישט ניט אַרויסקומען. אים וועט זיך דאַכטן אַז דאָס בוך זאָגט גאָר נישט: אין דער אמתן זיינען די אויערן זיינע פאַרשטאָפט און ער הערט נישט, וואָס דער שרייבער רעדט צו אים *).

אויך דאָ איז פאַראַן אַן ענלעכקייט צווישן דעם „פראָדוצירער“ און דעם „גע־ניסער“. ווען מ׳זאָגט אויף אַ שרייבער אַז ער האָט טאַלאַנט, הייסט עס נישט אַז ער האָט עס שטענדיק. אַ מאָל קאָן ער וואָכן, חדשים לאַנג וואַרטן אויף דער שכינה. עס איז ווי דוד המלכס פידעלע: אַז דער ווינט גיט אַ בלאָז, הייבן די סטרונעס אָן צו ציטערן און צו שפּילן פון זיך אַליין, אָבער אַז דער ווינט קומט נישט? „עס זיינען דאָ געוויסע צייטן“, שרייבט מענדעלע אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען, — „וואָס אויף מיר רוקט זיך אָן אַ שטאַרקע מרה שחורה און דענסטמאָל זיץ איך מיר פאַרטראַכט, פאַרזאָרגט, אַליין, אָפּגעזונדערט פון מענטשן — און שווייג. דענסט־מאָל טאָר קיין טינט און פען, ווי חמץ אין פסח, זיך אין מיין גבול נישט געפינען“. דאָס איז אַן אינעווייניקסטע „מרה שחורה“. און אַ מאָל זיינען דאָ דרויסנדיקע שטע־רונגען, וואָס לאָזן נישט זיין פראָדוקטיוו, דאַן העלפט נישט אַפילו דער שטאַרקסטער רוח הקודש.

וויפל געדאַנקען, בילדער און זעאונגען גייען פאַרלוירן, ווען מ׳האָט נישט די מעגלעכקייט צו פאַרצייכענען זיי אין צייט? „אַ מאָל פליט דורך עפּעס אין דער מחשבה, זאָגט ר׳ נחמן בראַסלאַווער, אַזוי ווי אַ גיך־פּלי׳ענדיקער פויגל. מען דאַרף האָבן פיל כוח און שכל דעם פויגל צו כאַפּן“. ווי אַ שטומע נשמה האָט דער פויגל געפלאַטערט, געקלאַפּט אין טיר פון באַוווסטזיין, געבעטן אַ תיקון. מען האָט נישט געטאָן זיין ווונטש אין דער גליקלעכער רגע: איז ער אַוועקגעפלויגן... מיט אַ ווײַלע צוריק האָט זיך עפּעס אַנטפּלעקט פאַר דעם שרייבער, ער האָט געזען שאַרפער, ווי געוויינטלעך; קלאַנגען פון ווייטע, געהיימע וועלטן זיינען צו אים דערגאַנגען, זיינע אַלע חושים זיינען אָפן געווען — און איצט? אַ פאַרהאַנג האָט זיך אַראָפּגע־לאָזן, זיין וועלט איז אַזוי קליין געוואָרן, אַזוי ענג.

„נישטיקער פון אַלע נישטיקע מענטשן“ איז דער דיכטער (אַזוי האָט פּושקין געזאָגט), כל־זמן אַפּאָלאָ רופט אים נישט אויף צום הייליקן קרבן. פול מיט צופלוס און אָפּפלוס פון כוחות איז דעם דיכטערס לעבן, באַרג־אַרויף און באַרג־אַראָפּ פירט זיין וועג. אַז ער פאַלט, פאַלט ער נידעריקער, ווי אַלע, אָבער זיין פאַלן „טראָגט אין זיך דאָס אויפקומען“, ווי עס זינגען די חסידים אין אַן־סקיס „דיבוק“; אָט איז ער מיד, אַפּאַטיש, אָפּגעלאָזן, אויסגעלאָשן, אויסגעליידיקט. אין אַ ווײַלע אַרום ווערט ער ווידער שטאַרק, מוטיק, אַ ליכט איז אים אויפגעגאַנגען אין דער נשמה, אַ ליכטיקייט איז אין אים אַריינגעגאָסן געוואָרן, עס זיינען אים אויסגעוואַקסן

*) זע פריער דעם קאַפּיטל „ווי צו לייענען און ווי אַזוי נישט צו לייענען“.

פליגלען. דער דאַזיקער אויסערגעוויינטלעכער צושטאַנד פון אינספּיראַציע, באַגייס־טערונג אָדער רוח־הקודש איז נישט איין מאָל באַשריבן געוואָרן. אַט איז אַ פּאָר שורות פון ניטשען. זיי געפינען זיך אין זיינעם אַ בריוו צו בראַנדעסן. „אַזעלכע העלע וואָכן, ווי כ׳האָב געהאַט אין טורין, שרייבט ער אין אַ בריוו, אַזעלכע פי־לאָסאָפישע וואָכן האָב איך שוין לאַנג נישט געהאַט. כמעט יעדן טאָג זיינען מיינע קרעפטן אין משך פון אַ שעה־צוויי געווען אַזוי שטאַרק אָנגעשטרענגט און פּאַטענ־צירט אַז איך בין געווען פעיִק צו באַנעמען מיין גאַנצע קאָנצעפּציע פון אָנהייב ביזן סוף; די גאַנצע פיל־פאַרביקייט פון פּראָבלעמען ליגט אויסגעצויגן צו מיינע פיס, געצייכנט מיט שאַרפע, קלאָרע ליניעס, ווי אין רעליעף. דאָס פאָדערט אַזוי פיל קראַפט און אָנשטרענגונג אַז איך האָב קיין מאָל נישט געהאַפט אַז איך וועל דאָס דערלעבן״. ניטשע האָט נישט געהאַפט אַז ער וועט דערלעבן צו באַנעמען זיין אייגענע פילאָסאָפיע אין איר פולער גאַנצקייט. עס האָבן געדאַרפט אָנקומען באַזונ־דערס גליקלעכע, באַזונדערס אָנגעשטרענגטע שעהען, כדי זיין האָפענונג זאָל מקוים ווערן. און ניטשע איז נישט קיין אויסנעם. וועגן איינער פון ראַפאַעלס מאַדאָנעס (דער, וואָס געפינט זיך אין דער דרעזדענער קונסט־גאַלעריע) ווערט דערציילט אַז דער מאָלער האָט אַ לאַנגע צייט זיך געגרייט זי צו מאָלן. עס איז שוין געווען אָנגעצויגן דער לייוונט. אָבער ער האָט אַלץ נישט געקאָנט אָנהייבן זיין אַרבעט. די „אידייע״, די „פאַנטאַזיע״ איז געווען, אָבער עס איז נישט געווען קיין כוח זי אויסצופירן; אַזוי ווי די שכינה וואָלט זיך אָפּגעטאָן פון אים. איין מאָל איז ער, טראַכטנדיק וועגן דער מאַדאָנע, אַנטדרעמלט געוואָרן, ווען ער האָט זיך אויפגעכאַפּט האָט ער אויסגעשריגן: זי איז דאָ! — און גלייך גענומען זיך פאַרן פּענדזל. אין האַלבן שלאָף, אין לייטערנדיקן שלאָף האָט אויף אים אַראָפּגענידערט דער רוח הקודש...

אַזוי איז עס מיטן שאַפן — אַזוי איז עס אויך מיטן געניסן קונסטווערק. אויך זיי אויפצונעמען זיינען מיר נישט שטענדיק פעיִק, נישט שטענדיק צוגעגרייט, מעגן מיר האָבן אין זיך אַלע פּאָטענציעלע מעלות פון אַ קונסטגעניסער. פיל מאָל שטייען מיר פאַר אַ בילד אָדער לייענען אַ פּאָעמע, אָדער זיצן אין טעאַטער — און מיר זיינען קאַלט, גלייכגילטיק, פּאַסיוו. מיר זעען — און זעען נישט, הערן — און הערן נישט. פּלוצלינג וואַכט אויף עפּעס אין אונדז, אַ העלע, ליכטיקע רגע קומט אָן — און דאָס בילד אָדער דאָס בוך אָדער דאָס שפּיל אַנטפּלעקט אונדז זיין סוד, זיין געהיימען לעבן, גלייך ווי אַ טיר וואָלט זיך געעפנט פאַר אונדז אין אַ וווּנדערלעכער וועלט. מיר זיינען פאַרכישופט, דורכגענומען, דורכגעלויכטן פון דער שיינקייט פון דעם ליכט וואָס מיר האָבן דערזען, פון דער אַנטציקונג, וואָס האָט אָנגעפילט אונדזער גאַנצן מהות.

מיט דער נאַטור איז דאָך אויך אַזוי. נישט נאָר ווירקט זי נישט אויף אַלעמען גלייך, זי ווירקט נישט אַלע מאָל גלייך. מיר זעען נאָר די שיינקייט אירע, וואָס מיר טראָגן אין זיך; מיר געפינען נאָר דאָס וואָס מיר זוכן אין איר. נישט אַלע מאָל טראָגן מיר אין זיך שיינקייט, נישט תמיד זוכן מיר זי און נישט שטענדיק זיינען מיר פעיִק זי אויפצונעמען... איר זיצט שטיל ביים ים. זיין גרויסקייט האָט אייך באַרויִקט און אויפגערעגט, האָט אייך האַלב דערווייטערט פון זיך אַליין, האַלב נעענטער געמאַכט. עס איז אַ קלאָרקייט אין אייך, איר זעט זאַכן, וואָס זיינען ביז דאַן געווען פאַרשלאָסן פאַר אייך. איר זעט דעם ים אַזוי ווי איר האָט אים קיין מאָל ביז דאַן

נישט געזען. פלוצלינג האָט זיך דערהערט פון דער זייט אַ יאָמערלעך וואָיען פון אַ הונט, ווי ער וואָלט פאַר עמעצן פאַרמסרט די וועלט. ווען איר האָט זיך אָפּגעקערט, האָט איר אים דערזען לויפנדיק אויף דריי פיס: דער פערטער איז געווען פאַרווונדעט. דאָס האָט אייך צעשלאָגן די געדאַנקען: דער פּרעדיקער ים איז נישט מער געווען... די מינדסטע קלייניקייט קאָן ווערן אַ וואַנט צווישן אונדז און דער נאַטור. נאָך לייכטער קאָן פאַרשטעלט ווערן פון אונדז אַ קונסטווערק.

איך האָב דערציילט וועגן דער „דרעזדענער" מאַדאָנע, אַז ראַפאַעל האָט אַ לאַנגע צייט זיך נישט געפילט פעיִק זי צו מאָלן. דער רוסישער דיכטער זשוקאָווסקי גיט איבער אַז ער איז לאַנג נישט געווען פעיִק זי צו זען. „איך האָב עטלעכע מאָל געקוקט אויף איר, שרייבט ער אין איינעם פון זיינע בריוו, אָבער געזען זי, ווי געהעריק איז, האָב איך נאָר איין מאָל". אים האָט דאָ געשטערט עפּעס אַ „פיגורל" מיט אַן „אָנגעפּודערט קעפּל", וואָס איז געשטאַנען פאַרן בילד און עס קאָפּירט, דאָ דער „פירער", וואָס האָט געגעבן דעם עולם איינגעחזרטע דערקלערונגען וועגן ראַפאַעלן, דאָ עפּעס אַ באַקאַנטע דאַמע, וואָס איז צוגעגאַנגען צו אים און אים איינגערוימט אַ סוד אויפן אויער, אַז זי האָט געזען אַמאָל נאַפּאָלעאָנען שטיין פאַר דער מאַדאָנע. ער האָט נישט געקאָנט זיך אַריינטאָן אין דעם בילד. די וואָכעדיקע מענטשן וואָס אַרום, האָבן אים געשטערט. עס איז געבליבן ביי אים צו קומען אין דער קונסט־גאַלעריע גאָר פרי, ווען קיינער איז נישטאָ. ער האָט אַזוי געטאָן. און עס איז אים געלונגען צו דערגרייכן יענע מדרגה, וואָס עס איז אים נייטיק געווען צו זען ווי געהעריק ראַפאַעלס בילד פון „גאָטס מוטער". „איך בין געווען, שרייבט ער, אַליין; אַרום איז אַלץ געווען שטיל; אין אָנהייב איז מיר געווען שווער אַריינצוטאָן זיך אין זיך אַליין; דערנאָך האָב איך גענומען קלאָר פילן, אַז מיין נשמה שפרייט זיך אויס: עפּעס אַ רירנדיק געפיל פון גרויסקייט איז אַריין אין איר; דאָס וואָס קאָן נישט אויסגעמאָלט ווערן, איז פאַר איר אויסגעמאָלט געוואָרן און זי איז געווען דאָרטן, וווּ זי קאָן זיין נאָר אין די בעסטע מינוטן פון לעבן. דער זשעני פון ריינער שיינקייט איז געווען מיט איר"... דאָס איז געווען אַן עקסטאַז, אַן עלית־נשמה פון קונסט־געניס, ענלעך צו דער שכינה וואָס רוט אויפן מענטשן, ווען ער שאַפט אָדער ער איז ראוי צו שאַפן קונסט.

די, וואָס מיינען אַז מ'קאָן שטענדיק לייענען אַ בוך — עס איז נאָר אַ פראַגע פון פרייער צייט — האָבן קיין מאָל אין זייער לעבן ווי געהעריק קיין בוך נישט געלייענט. לייענען (כ'מיין פּראָדוקטיוו, שעפעריש לייענען) אַ בוך איז אַן עבודה, אַ הייליקע דינסט, וואָס פאָדערט די העכסטע און ריינסטע כוונות, אַזוי ווי שרייבן אַ בוך. מען קאָן נישט שטענדיק לייענען ווי מען קאָן נישט שטענדיק דאַווענען. און מ'דאַרף לייענען אַזוי ווי מ'דאַוונט. די בעסטע לייענערס זיינען נישט די פיל־לייענערס נאָר די פרום־לייענערס. און ווען איך זאָג פרום, מיין איך נישט אַ פרומע אומקריטישע באַציִונג צום פּאָרפאַסער, כ'מיין אַ געוויסן רעליגיעזן צושטאַנד, אינעווייניקסטע באַגייסטערונג, ערפאָרכטיקייט.

אין אַזאַ מין דערהויבענעם צושטאַנד געפינען זיך אייניקע אָפטער, אַנדערע זעלטענער, אָבער קיינער געפינט זיך נישט שטענדיק אויף דער דאָזיקער מדרגה. דערפאַר איז ווייניק צו האָבן טאַלאַנט צו געניסן קונסט, עס איז נייטיק אַז אין דעם מאָמענט, ווען מיר קומען אין באַרירונג מיטן קונסטווערק, זאָל דער טאַלאַנט זיין

אין אונדז וואָך. און אין דעם וואָך־זייך, אין דער באַגייסטערטקייט אָדער אינעם טאַלאַנט גופא, זיינען פאַראַן אַלערליי מדרגות. אַ גוטער לייענער, פונקט ווי אַ גוטער שרייבער, קאָן אַפילו אין די „גוטע״, טאַלאַנטפולע שעהען פון זיין לעבן זיין גוט אויף פאַרשיידענע אופנים און אין פאַרשיידענע גראַדן.

*

יאָ, און פאַראַן פאַרשיידענע מינים לייענערס.

איין לייענער צייכנט זיך אויס מיט דעם, וואָס ער זוכט צו טרעפן „דעם אמתן מיין״, „די ריכטיקע כוונה״ פון דעם וואָס ער לייענט. ער וויל אין דעם גאָרנישט ניט אַריינלייענען. ער וויל עפּעס מער ווי די סוביעקטיווע איינדרוקן. ער גלייבט אַז די בילדער און געשטאַלטן, געדאַנקען און געפילן, וואָס דער פאַרפאַסער האָט אַרויסגעבראַכט, קאָנען ווערן פון אים אויפגענומען פונקט אַזוי „ווי זיי זיינען״. ער איז אַן אָביעקטיווער לייענער. ער איז ענלעך צום שרייבער פון נאַטוראַליסטישן שניט. יענער וויל אונדז געבן אַ נאַטור־טריי בילד פון לעבן, דער זוכט צו בלייבן געטריי דעם מיין פון שרייבער. זיי ביידע נאַרן זיך. אַפילו דער אָביעקטיווסטער און רעאַליסטישסטער קינסטלער גיט אונדז נישט די נאַטור און די מענטשן „ווי זיי זיינען״. ער ווייזט זיי אונדז אַזוי ווי ער זעט זיי און ווי זיינע קינסטלערישע מאַטעריאַלן און מיטלען דערלויבן עס אים. „קונסט איז אַ שטיק נאַטור, געזען דורך דעם קינסטלערס טעמפּעראַמענט״ (זאָלאַ). ווען דער קינסטלער זאָל אונדז געבן בלויז אַן אָפּשפּיגלונג פון לעבן, וועלן מיר האָבן רעכט צו פרעגן: אויף וואָס דאַרפן מיר די אָפּשפּיגלונג, דעם שאָטן, די קאָפּיע, אַז ס׳איז דאָ דער אָריגינאַל? און וואָס פאַר אַ קונסט איז עס סתם — קאָפּירן? דאָס איז מלאכה, טעכניק. אין דער אמתן איז יעדעס בילד וואָס אַ קינסטלער גיט אונדז פון לעבן, צו גלייכער צייט אויך אַן אויסטייטשונג, אַ באַלייכטונג, אַ באַרייכערונג, אַ באַנייונג פון לעבן. און אויך דער לייענער, אַפילו דער אָביעקטיווסטער, האָט פון אַ בוך נישט מער ווי זיין אויסטייטשונג, זיין באַלייכטונג פון בוך. אַנדערע קאָנען עס אַנדערש אויסטייטשן, אַנדערש באַלייכטן. אַפילו די איינפאַכסטע און אָפּנסטע זאַך זעט איין מענטש אַזוי, דער אַנדערער — אַנדערש. אַ פּשיטאַ שוין — אַזאַ פאַרוויקלטע און פאַרשטעלטע זאַך, ווי אַ קונסטווערק...

„שיינקייט, האָט דער פילאָסאָף דעיוויד יום שוין געוווּסט, איז נישט קיין אייגנ־שאַפט פון די זאַכן גופא. זי עקסיסטירט נאָר אין דעם גייסט פון דעם, וואָס באַטראַכט זי״. יום, זיינע רביים און תלמידים רײדן וועגן נאַטור־שיינקייט. נאָך ריכטיקער איז עס וועגן דער שיינקייט פון קונסטווערק.

„ווען מענטשן ווערן אַנטציקט פון שעקספּירן, בעטהאָווענען — האָט געשריבן טאָלסטאָי אין זיין טאָגבוך, דעם 14טן אָקטאָבער 1897, — ווערן זיי אַנטציקט פון זייערע אייגענע געדאַנקען, פון די טרוימען, וואָס עס וועקט אין זיי אויף שעקספּיר, בעטהאָווען, אַזוי ווי פאַרליבטע האָבן ליב נישט דעם „קעגנשטאַנד״, נאָר דאָס וואָס ער רופט אין זיי אַרויס״. עס קאָן נישט זיין קיין אַבסאָלוטע אָביעקטיוויטעט אין לייענען, ווי דאָס קאָן נישט זיין אין שרייבן. ס׳קאָן דאָך געמאָלט זיין אַ דערנענ־טערונג צום אָביעקטיוון אופן לייענען. יעדער לעזער, ווי יעדער שרייבער, לייגט טאָקע אַרויף אויף דער זאַך, וואָס ער רירט זיך צו צו איר, זיין פערזענלעכן

שטעמפּל, אָבער ביי איינעם איז אָט דער סוביעקטיווער חותם אַזוי בולט, אַז דער „אָביעקט" ווערט אין גאַנצן פאַרשטעלט, ביי אַן אַנדערן זעט מען אויך דעם „אָביעקט", און וועגן אָט דעם לעצטן קאָן מען ריידן ווי וועגן אַן אָביעקטיוון לעזער. דאָס איז יענער מין לייענער, וואָס וועגן אים האָט געמוזט טרוימען געטע, ווען ער האָט געוואָלט זיין לייענער זאָל פאַרגעסן אים, זיך אַליין און לעבן נאָר אין זיין ווערק. און נישט נאָר געטע — אַלע שרייבערס בענקען נאָך אַזאַ מין לייענער. ער איז אויפמערקזאַם, ער איז באַשיידן. ער איז ווי אליעזר בן הורקנוס, אַ בור סיד שאינו מאבד טיפה. אָבער עס איז דאָ אַן אַנדער מין לייענער — פון אליעזר בן ערך'ס טיפּ. ער איז כמעין המתגבר, נישט קיין „אויסגעפּלאַסטערטע גרוב", וואָס היט אין זיך אויף די פון רעגן אָנגעקליבענע וואַסער, נאָר — אַ קוואַל, וואָס שלאָגט פון זיך אַליין און וואָס ווערט אַלץ שטאַרקער. פאַר אים איז דער שרייבער אַן אָנהייב און נישט דער סוף פון זיין דענקען, זיין פילן און טרוימען. פאַר אים איז דער שרייבער נישט קיין ציל פאַר זיך אַליין, נאָר אַ וועג, וואָס ער גייט אויף אים צו זיינע אייגענע צילן; פאַר אים איז דער שרייבער אַ פייער וואָס צינדט אים אָן, נישט נאָר אַ ליכט, וואָס לייכט אים. אָפט איז דאָס ווערק פאַר אים בלויז מאַטעריאַל, וואָס ער שאַפט פון דעם אין זיין פאַנטאַזיע גאָר אַ ניי ווערק. ער שאַפט עס איז דער געשטאַלט און לויט דער פורעם פון דיכטער, אָבער ער שאַפט עס אַליין. ער לעבט נישט אין דעם ווערק, ווי דער לייענער פון דעם פריִער דערמאָנטן אָביעקטיוון טיפּ; ער וויל, אַז דאָס ווערק זאָל לעבן — אין וואַקסן — אין אים, ער וויל באַרייכערן דאָס בוך וואָס ער לייענט, נישט נאָר פון דעם באַרייכערט ווערן.

מיט דעם דאָזיקן מין לייענער איז דער שרייבער נישט תמיד צופרידן. ער וויל אַ מער פעמינינישן לייענער, ער וויל אַ לייענער וואָס זאָל האָבן אויגן, וואָס לייכטן פון באַגייסטערונג און ערפאַרכט פאַר אים, נישט פון זייערע אייגענע פייער־לעך. ער וויל אַ „בור סיד", ווו עס היט זיך אויף זיין לעבעדיק וואַסער, נישט קיין „מעין המתגבר", וואָס האָט זיינע אייגענע שטראָמען, זיינע אייגענע וועגן.

דער אמת אָבער איז, אַז דער זעלבשטענדיקער אינדיווידועלער לייענער איז ווערטפול נישט נאָר פאַר זיך אַליין, נאָר אויך פאַר דעם ווערק וואָס ער באַפּרוכ־פּערט נאָך דעם ווי ער איז פון אים אַליין באַפּרוכפּערט געוואָרן. „וואָס מער מיר זעען אין אַ קונסטווערק", שרייבט לעסינג אין „לאַאָקאָאָן", „אַלץ מער מוזן מיר קאָנען צוטראַכטן. וואָס מער מיר טראַכטן צו, אַלץ מער זעען מיר". לעסינג זאָגט עס וועגן מאַלעריי און סקולפּטור. דאָס איז ריכטיק וועגן יעדן קונסטווערק. וואָס מער אַ לייענער האָט פאַנטאַזיע, וואָס אַקטיווער און שעפערישער עס איז זיין געדאַנק, וואָס רייכער זיין דערפאַרונג, וואָס טיפער און שטאַרקער זיין געפיל־לעבן, אַלץ אַ בעסערער און אַ רייכערער לייענער איז ער...

„די גרויסע קונסט", זאָגט דער פראַנצויזישער עסטעטיקער א. פוליע, „איז געגליכן צו דער גרויסער נאַטור: יעדער לייענט אין איר איבער אַלץ, וואָס ער קאָן איבערלייענען, יעדער געפינט אין איר אַ מער אָדער ווייניקער טיפן זינען — דאָס ווענדט זיך אָן דעם, ווי טיף ער קאָן אַריינדרינגען". דעם שרייבער קאָן זיך דאַכטן, אַז דער לייענער איז „פאַרקראָכן אין אַן אַנדערער זייט", „אַראָפּ פון וועג", האָט אַריינגעטייטשט, אַריינגעפאַנטאַזירט אין זיין ווערק זאַכן וואָס זיינען דאָרט נישטאָ. אָבער דער שרייבער פאַרגעסט, ווען ער טראַכט אַזוי, אַז דער לייענער קאָן פאַרטיפן

זיין ווערק און אַנטפּלעקן אין דעם כוונות וואָס זיינען געווען פאַרהוילן פאַר אים אַליין. אגב, נישט אַלע שרייבערס פאַרגעסן עס. „ויכולין לראות בהספר“, האָט ר׳ נחמן בראַסלאַווער געזאָגט צו ר׳ נתנען — „מה שבעל המחבר לא כיוון לזה כלל“ — מען קאָן געפינען אין אַ ספר עפּעס, וואָס דער מחבר האָט עס גאָר נישט געהאַט אַפילו אין זינען... „די לייענערס, האָט געזאָגט איבסען, דיכטן גאַנץ שיין וועגן דעם דיכטערס ווערק, — יעדער לייענער, בהסכם מיט זיין פּערזענלעכקייט, נישט בלויז די, וואָס שרייבן — אויך די וואָס לייענען — שאַפן. זיי זיינען מיטשאַפערס. אָפט זיינען זיי מער פול מיט פּאָעזיע ווי דער פּאָעט אַליין“.

„דער לייענער, שרייבט יהואש, האָט פיל מאָל אַ גרעסערן חלק אין פּראָצעס פון שאַפן, ווי דער שריפטשטעלער — — — אַ סך געדאַנקען ווערן געשריבן אין אַ סאָרט ראשי תיבות און עס פּאַסירט, אַז דער מחבר, ווען מ׳זאָל צו אים צושטיין, וואָלט אויך נישט געקאָנט אויסטייטשן די ראשי תיבות. קומט אַ לייענער און דערפרישט די פאַרבאָרגענע שפּראַך און דער מחבר האָט אַ נייע גלוי שכינה“. און נאָך זאָגט יהואש: „אַלע טרערן וואָס זיינען אין די פּסוקים פון תהילים אַריינגעוויינט געוואָרן אין הונדערט דורות, וויינען פון דאָרטן צוריק אַרויס פאַר אונדז — — — אַלע ביטערע פּראָטעסטן, וואָס אַלע לייענער פון איוב אין אַלע יאָרהונדערטער האָבן אין זיינע שורות אַריינגעשריִען, שרייען צו אונדז צוריק, ווען מיר עפענען אונדזער איוב“...

די נשמות פון דורות לייענערס לעבן אין יעדן גרויסן ווערק, נישט נאָר דעם דיכטערס נשמה.

„יעדער פיינער פערז פון אַן אמתן דיכטער“, שרייבט אַלפרעד דע מיוסע, „האָט אין זיך צוויי אָדער דריי מאָל מער ווי דאָס, וואָס דער פּאָעט אַליין האָט געזאָגט. דעם לייענער בלייבט צוצוגעבן דאָס, וואָס ס׳פעלט, — לויט דער מדרגה פון זיינע כוחות, געדאַנקען און געשמאַק“. דער לייענער קאָן צוגעבן צו דעם וואָס דער דיכטער האָט געזאָגט, און ער קאָן צוגעבן אַלץ מער, וואָס רייכער זיין געדאַנק איז, וואָס שעפערישער זיין פאַנטאַזיע.

אָבער מיר האַלטן דערווייל ביי די פאַרשיידענע מינים, נישט ביי די מדרגות פון לייענער. מינים לייענערס קאָנען זיין נאָך אַ סך אַנדערע, אַ חוץ דעם אָביעקטיוו־אויפנעמענדיקן אָדער „רעאַליסטישן“ מין און דעם סוביעקטיוו־שעפערישן אָדער „אידעאַליסטישן“ מין לייענער, וואָס זיינען דערמאָנט געווען.

עס זיינען דאָ אַזוי פיל קאַטעגאָריעס לייענערס וויפל עס זיינען דאָ טיפּן שרייבערס.

עס זיינען דאָ, צום ביישפּיל, עפּישע, לירישע, דראַמאַטישע לייענערס. כ׳מיין נישט אַזוינע וואָס לייענען עפּישע, לירישע אָדער דראַמאַטישע ווערק. נישט וועגן שטאָף, נאָר וועגן דעם אופן לייענען רעדט זיך דאָ. איינער האָט אַ לירישן כאַראַקטער, לייענט ער ליריש אַלץ, אַפילו דראַמעס. אין אַן אַנדערן פּולסירט דראַמאַטיש בלוט, איז דער אופן פון זיין אויפנעמען אַ ווערק דראַמאַטיש.

אדרבה, באַטראַכט אויף אַ קונסט־אויסשטעלונג די באַזוכערס, קוקט זיך צו צו זיי, ווען זיי שטייען פאַר די בילדער, באַמערקט דעם אויסדרוק פון זייערע געזיכטער, הערט זיך צו צו זייערע שטילע אָדער רווישיקע געשפּרעכן — איז אויב איר האָט אין זיך אַ געניג גרויסן גראַד אָבסערווירונג־פעיִקייט און לעבנס־דערפאַרונג,

וועט איר מיט אַ גרעסערער אָדער קלענערער אפשרקייט קאָנען זאָגן, ווער פון זיי עס איז אַ לירישער קונסט-געניסער און ווער אַן עפּישער; איר וועט אפשר אויך קאָנען באַשטימען, ווער פון זיי וואָלט געווען געניגט מער צום רעאַליזם, ווען ער זאָל אַליין זיין אַ קינסטלער, ווער עס וואָלט געווען אַ ראָמאַנטיקער, ווער אַן אימ־פּרעסיאָניסט, אַן עקספּרעסיאָניסט אד״גל.

מען קאָן, אגב, טרעפן אַ מאָל דעם מין, פּונקט אַזוי ווי דעם גראַד פון איינעמס געשמאַק, אַפילו ווען מ׳זאָל נישט זיין באַקאַנט מיטן אופן פון זיין געניסן קונסטווערק. עס איז גענוג גוט צו קענען זיין פּערזענלעכקייט.

איינעמס געניסן, ווי איינעמס שאַפן קונסט ווענדט זיך אַן זיין כאַראַקטער.

אָבער אויך אַזוינע זאַכן, ווי דער עלטער פונעם לייענער, קאָנען ווירקן אויפן שטייגער לייענען. עס איז שוין פריִער דערמאָנט געוואָרן אַז אין די יונגע יאָרן לייענט מען אַנדערש, ווי אין די מיטעלע יאָרן און אויף דער עלטער. און דאָס איז נישט נאָר אַ פראַגע פון רייפקייט. עס איז ריכטיק אויף וואָס עס איז געווענדט דעם לעזערס אויפמערקזאַמקייט. יעדער מענטשלעכער עלטער האָט זיין אייגענעם צענטער פון אויפמערקזאַמקייט. פּרוווט איבערלייענען נאָך אַ מאָל אַ בוך, וואָס איז אייך באַקאַנט געווען נאָך אין דער יוגנט. איר וועט האָבן איצט גאָר אַן אַנדער איינדרוק. איר וועט געפינען זאַכן, וואָס איר האָט פריִער נישט באַמערקט. שטעלן, וואָס האָבן אייך אַמאָל אַנטציקט, וועלן אייך איצט איבערלאָזן קאַלט, און פאַרקערט. ווען האָט איר דאָס בוך „בעסער פאַרשטאַנען״ — איצט אָדער אַמאָל? איר האָט עס ביידע מאָל „פאַרשטאַנען״, נאָר יעדעס מאָל אויף אַ באַזונדער אופן. דאָס בוך האָט פאַר אייך פּונקט אַזוי פיל זינען, וויפל מאָל איר לייענט עס, אויב איר ענדערט זיך צווישן איין מאָל לייענען און דעם אַנדערן. דאָס בוך ענדערט זיך מיט אייך אינאיינעם.

די ענדערונג פון ווערטער קאָן אַ מאָל ענדערן דעם כאַראַקטער און דעם ווערט, וואָס עס האָט פאַר אונדז אַ בוך.

אָבער אַ חוץ די פאַרשידענע מינים — זיינען, ווי געזאָגט, דאָ פאַרשיידענע מדרגות אין לייענען. וואָרעם, ווי באַלד עס זיינען פאַראַן טאַלאַנטלאָזע לייענערס און טאַלאַנטפולע לייענערס, מוזן זיין אויך מער טאַלאַנטפולע און ווייניקער טאַלאַנט־פולע, אַזוי ווי עס זיינען דאָ שרייבערס מער באַגאַבטע און ווייניקער באַגאַבטע.

אַ לייענער נעמט פון דעם בוך, וואָס ער לייענט, אַזוי פיל, וויפל ער איז פעיִק צו נעמען. איינער פון אלדאוז האַקסליס פאַרשוינען זאָגט: „אַ לעזער וואָס האָט נישט קיין קאָנטאַקט מיט דעם שרייבערס הויפּטשטימונג, וועט זיך פילן שרעקלעך געלאַנגווייליקט פון זאַכן, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן מיטן גרעסטן ענטוזיאַזם אָדער... ער קאָן זיך אָנכאַפּן פאַר עפּעס, וואָס פאַרן שרייבער איז עס גאָר נישט וויכטיק, און מאַכן עס פאַרן תוך און תמצית פונעם בוך״. קאָן מען אויף דער פראַגע, צי די גרויסע מאַסע לייענערס פאַרשטייט אָדער פאַרשטייט נישט, וואָס זי לייענט, נישט ענטפערן נישט יאָ און נישט ניין סתם אין דער וועלט אַריין. עס ווענדט זיך וואָס מען רופט אַן „פאַרשטיין״. איינער פאַרשטייט דעם פירוש המלות און אַן אַנדערער, מיט אַ רייכער פאַנטאַזיע און אַן אָריגינעלן דענקען — באַרייכערט אַ בוך אַזוי, אַז ער ווערט זיין צווייטער מחבר... צווישן די צוויי מדרגות קאָנען זיין אַן אַ שיעור צווישן־שטופעס. קיין לייענער דאַרף נישט מיינען אַז ער האָט שוין

דערגרייכט די העכסטע מדרגה וואָס ער קען דערגרייכן אין לייענען. אויב ער איז אַ גוטער לייענער, קאָן ער ווערן נאָך אַ בעסערער. „די גוטע לייט ווייסן נישט, האָט אַמאָל געזאָגט געטע, וויפל עס האָט געקאָסט איינעם צייט און מי ביז וואַנען ער האָט זיך אויסגעלערנט לייענען. איך האָב אויף דעם אָפּגעגעבן אַכציק יאָר און כ׳קאָן נישט זאָגן, אַז כ׳האָב שוין דערגרייכט דעם ציל״. געטע איז צו אַכציק יאָר נאָך נישט געווען זיכער אַז ער האָט זיך שוין „אויסגעלערנט לייענען״! היינט וויפל דאַרף לעבן און לערנען דער געוויינטלעכער מענטש אויף צו פאַרדינען אָט דעם הויכן טיטל — לייענער? און וויפל פאָדערט זיך פון יענעם לייענער, וואָס וויל אַליין ווערן אַ שרייבער — און שרייבן, אויב נישט קיין ראָמאַנען, פּאָעמעס און דראָמעס, איז וועגן זיי?

6. דער לייענער און די ליטעראַטור

די ליטעראַטור שטעלט זייער הויכע פאָדערונגען צום לייענער בכלל און נאָך העכערע — צו יענעם לייענער, וואָס ווערט אַליין אַ שרייבער — דעם לייענער־קריטיקער.

איז דאָס אַ מיינונג, וואָס איז פון אַלעמען אָנגענומען? ניין, אין די לעצטע עטלעכע צענדלינג יאָרן איז פאַרשפּרייט געוואָרן אַ שיטה, וואָס איז פּונקט דער היפּוך פון דער דערמאָנטער מיינונג. לפי יענער שיטה קאָן און דאַרף דער לייענער־עולם — ריכטיקער, זיינע אַ פּירנדיקע גרופּע, „אַ פּראָלעטאַרישע״, „אַ פּאַטריאָטישע״, אַ „נאַציאָנאַליסטישע״ אָדער אַן אַנדערע זאָגן דעות דעם שרייבער און דער ראָמאַניסט, דער פּאָעט ווי אויך דער קריטיקער מוז דערגיין וואָס דער אויסדערוויילטער, פּריווילעגירטער, „קעמפנדיקער״, „רעוואָלוציאָנערער״ וכדומה־ קלאַס לייענער און זיינע פאָנענטרעגערס ווילן אָדער וואָס עס איז „אין זייערע אינטערעסן״, וואָס עס „שטימט מיט זייערע אידעאַלן״ און וואָס „דינט״ זיי, — כדי ער זאָל וויסן, ווי, וואָס און וועגן וואָס צו שרייבן. ער דאַרף אויספּירן, ווי עס רופט זיך אין דעם דאָזיקן זשאַרגאָן, זייער „סאָציאַלע באַשטעלונג״. ער דאַרף וואַרטן נישט (ווי מען פלעגט אַמאָל זאָגן) ביז די שכינה, דער רוח הקודש וועט אויף אים רוען, נאָר ביז עס וועט דערגיין צו אים דאָס לעצטע וואָרט, די נייעסטע רעזאָלוציע וועגן דער ניי־פאָרמולירטער „באַשטעלונג״. סיידן ער איז אַזאַ בריה אַז ער קאָן עס אַליין טרעפן. אָבער בעסער (פאַר אים פערזענלעך) איז, אַז ער זאָל נישט ריזיקירן און נישט אַריינלאָזן זיך אין טרעפענישן... די פראַגע איז נאָר, וואָס זאָל טאָן יענער שרייבער וואָס איז באמת ווערט צו טראָגן דעם נאָמען שרייבער, ווייל ער האָט צו זאָגן עפּעס נייעס, עפּעס אייגנס, עפּעס, וואָס דער לייענער ריכט זיך גאָרנישט דערויף, וואָס איז קעגן דעם לייענערס מיינונגען און געוווינהייטן? דער דאָזיקער מין שרייבער געפינט זעלטן ווען פאַר זיך דעם לייענער אַ גרייטן; ער דאַרף אים ערשט צוגרייטן פאַר זיך, באַפריינדן מיט זיך — „באַקערן״. ער פּאַסט זיך נישט צו צום לייענער, ער וויל און מוז אים „צופּאַסן״ צו זיך. און דאָס איז אָפט זייער שווער. אַפילו אַזאַ „לייכטער״, אַזאַ פּאָפּולערער דיכטער ווי אונדזער שלום־עליכם, האָט גלייך אין אָנהייב נישט געהאַט דעם גאַנצן עולם זיינעם. מיט

אַ געוויסער מאָדערנער לייענער־גרופּע, האָט ער אַ היפּשע צייט געדאַרפט זיך שטילערהייט ראַנגלען ביז ער האָט זיי איינגענומען...*)

די שרייבערס וואָס קומען אויף אַלעם פּאַרטיקן, די שרייבערס וואָס דער עולם דערקענט אין זיי זיך אַליין, זיינען געוויינטלעך די ביליקסטע, די באַנאַלסטע, די אומגייטיקסטע. זיי האָבן נישט קיין פּנים, כאָטש אַלע ווייסן ווער און וואָס זיי זיינען. זיי זיינען בני בלי שם, כאָטש זיי זיינען אַ שם דבר. פּאַרקערט, שרייבערס וואָס זיינען אין אָנהייב אַזוי ווי פרעמד דעם לייענער, ווערן דערנאָך מיט אים זייער באַפריינדט. זיי זיינען אַזוי ווי יוסף, וועלכער האָט זיך נישט געכאַפּט האַלדזן און קושן מיט זיינע ברידער גלייך ווי ער האָט זיי דערזען. ער איז אַ היפּשע צייט געשטאַנען פאַר זיי אַ שטרענגער, אַ פרעמדער, אַ הערשער: דערפאַר איז דערנאָך אַזוי הייס געווען זייער ברידערלעך אַרומנעמען זיך...

אייגנטלעך וויל דער לייענער גופא, אויב ער ווייס וואָס ער וויל, אַז דער שרייבער זאָל אים מיט עפּעס איבעראַשן, פאַרווונדערן. נאָר דער גייסטיק באַשרענקטער, דער, וואָס זיין געדאַנק האָט אויפגעהערט צו וואַקסן, זוכט אין ביכער אַ הסכמה אויף זיינע אייגענע טראַכטעניש. דער מענטש, וואָס איז נאָך פעיק עפּעס צו לערנען, באַנוגנט זיך נישט מיט אַן עכאָ פון זיין אייגענער שטים. ער וויל הערן יענעמס שטים. ער דורשט נאָך נייע, אומבאַקאַנטע טענער. ער וויל אַז זיין גייסט זאָל אַרויסגעריסן ווערן פון די ווייכע אָרעמס פון שלאָף, צו וועלכע עס ציט אים, — און דער שרייבער וואָס האָט זיין אייגענעם קוק אויפן לעבן, וועט אים שטאַרקער, ווייס ער, וועקן, און מער באַאומרויקן, מער סטימולירן ווי דער, וואָס געהערט מיט אים צו איין לאַגער.

וואָלט מען אייגנטלעך געדאַרפט מאַכן דעם אויספיר, אַז וואָס מער אַ שריפטשטעלער וויל זיך רעכענען מיטן לייענערס אמתע באַדערפעניש אַלץ ווינציקער זאָל ער אים אין זינען האָבן און אַז וואָס געטרייער ער וויל דינען דעם בעסערן עולם, אַלץ געטרייער זאָל ער זיין צו זיך אַליין... אָבער מיר האַלטן נאָך נישט ביי מאַכן אויספירן. דער געדאַנק, וואָס איך האָב נאָר וואָס אויסגעדריקט און וואָס אַ סך פון אונדז איז ער אַמאָל געווען אַזוי קלאָר, ווערט נישט פון אַלעמען אָנגענומען אין די לעצטע עטלעכע צענדליגג יאָרן. ווי געזאָגט, נאַציאָנאַליסטישע קריטיקערס פאָדערן פון דער ליטעראַטור נאַציאָנאַליסטישקייט, פּראָלעטאַרישע — פּראָלעטאַרישקייט אָדער „סאָציאַליסטישן רעאַליזם", כאָטש אַליין ווייסן זיי נישט אַלע מאָל וואָס דאָס מיינט. עס איז געווען אַ צייט ווען אַפילו אַזאַ סובטילער פּאָעט און קענער פון ליטעראַטור ווי מלך ראַוויטש, האָט געמיינט, אַז דער שרייבער דאַרף שואל עצה זיין דעם לייענער. און „דער יידישער לייענער, האָט ער געשריבן, מאָנט סאָציאַלע ליטעראַטור, מאָנט דעם גרויסן סאָציאַלן ראָמאַן און די גרויסע סאָציאַלע דראַמע. ער מאָנט צוריק דעם גרויסן און באַגייסטערנדיקן העלד פון די בלעטער פון בוך און פון די ברעטער פון דער בינע, דעם זעלביקן העלד, וואָס ער האָט אים מיט גרויסן מסירות־נפש און צו יעדער צייט פון די נייע צייטן געשטעלט אויף דער גרויזאַמער און בלוטיקער בינע פון לעבן. צאָל אים דיין חוב, יידישער

*) זע, ש. ביגער: שלום עליכם, זיינע ווערקסטע ווערק, זיין הומאָר און זיין אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור", ניו־יאָרק, 1928, ז"ז 6—16.

דיכטער!" קאָן קיינער פון אונדז, פאַרשטייט זיך, גאָרנישט ניט האָבן קעגן דעם „גרויסן סאָציאַלן ראָמאַן", „דער גרויסער סאָציאַלער דראַמע", דעם „גרויסן און באַגייסטערנדיקן העלד" אד"גל. אדרבא ואדרבא, זאָלן אַנדערע דיכטערס, אויב זיי קאָנען, אונדז געבן אַזעלכע ראָמאַנען, אַזעלכע דראַמעס, אַזעלכע העלדן, אָבער נישט וועגן דעם רעדט זיך דאָ. עס רעדט זיך וועגן דעם לייענער ווי וועגן אַ „מאָנער". איז ריכטיק, אַז ער קאָן עפּעס מאָנען ביי די שרייבערס? איז אמת, אַז דיכטערס דאַרפן שרייבן אַזוי און נישט אַנדערש, ווייל זיי דאַרפן דעם לייענער צאָלן עפּעס אַ חוב?

דאָס איז אַן אַלטע פראַגע, אָבער זי איז אין אונדזער צייט ווידער געוואָרן אַקטועל. און זי דאַרף פאַרענטפערט ווערן במזומן, אָן שום שייכות צו יענעם קאָנקרעטן סכום (דעם סאָציאַלן מאָטיוו אאַז"וו), וואָס די אָדער יענע לייענערס מאָנען. היינט פאָדערן זיי אַזאַ זאַך, מאָרגן וועלן זיי פאַרלאַנגען עפּעס אַנדערש. איין גרופּע לייענערס האָט אַזעלכע טענות ותביעות, אַן אַנדערע גרופּע קאָן אַרויסקומען מיט אַנדערע פאָדערונגען. אויב מ'זאָל אָנערקענען אין פּרינציפּ דעם שרייבערס חובות לגבי די לייענערס זע איך נישט איין פאַרוואָס זאָל ער מוזן צאָלן נאָר די ליטעראַטור־חובות וואָס ער „קומט" איין סאָרט לייענער און נישט אויך די שונד־„חובות", וועלכע עס פאָדערט אַן אַנדער מין לייענער. און אויב אַלע זיינען מודה אַז דער שרייבער מעג און מוז מיט פאַראַכטונג אָפּוואַרפן שונדיסטישע פאַרלאַנגען פונעם עולם, — מעג ער האָבן זיין געשמאַק און זיין שטעלונג אויך בנוגע צו „ליטעראַרישע" לאַזונגען? און נאָך אַ פראַגע: אויב ער זאָל זיך דאַרפן רעכענען מיט די „סאָציאַלע" טענות פון סאָציאַליסטן, דאַרף ער אפשר אויך האָבן אין זינען די „נאַציאָנאַלע" תביעות פון נאַציאָנאַליסטן? און אויב נאַציאָנאַליזם אָדער נישט־נאַציאָנאַליזם איז דעם שרייבערס פּריוואַט־זאַך, מוז ער אפשר האָבן דאָס זעלביקע רעכט אויף פרייער זעלבסטבאַשטימונג אויך בנוגע צו אַלע אַנדערע „איזמען"?

קורץ, די פראַגע וועגן דעם שרייבערס חוב לגבי דער סאָציאַליסטישער, עטישער, עסטעטישער אָדער שונדישער „באַשטעלונג" פונעם לייענער דאַרף באַטראַכט ווערן אין פּרינציפּ און אָן קיין שום שייכות צו דעם אָדער יענעם קאָנקרעטן אינהאַלט פון דער לייענערישער „באַשטעלונג"...

*

ווי איך האָב געזאָגט, איז עס אַן אַלטע פראַגע. און איך מוז צוגעבן אַז עס איז געווען אַמאָל אַ צייט ביי אונדז גופא, ווען מ'האָט צו ליטעראַטור געהאַט אַ שטעלונג וואָס איז ענלעך צו דער איצטיקער טעאָריע און פּראַקטיק פון „סאָציאַלער באַשטעלונג". הייסט עס, איך מוז מודה זיין אַז אַט־די מיינונג, וואָס איז מיר אַזוי פרעמד, שטיצט זיך אויף אַן אַלטער ליטעראַרישער טראַדיציע. די דאָזיקע טראַדיציע האָט אָנגעפּולט, קאָן מען זאָגן, די גאַנצע עלטערע יידישע ליטעראַטור. וואָס פאַר אַ פאַרצייטיקן יידישן ספר אָדער מעשה־ביכל איר וועט נעמען אין האַנט, וועט איר כמעט שטענדיק אויפן שער־בלאַט אָדער אין דער הקדמה געפינען אַ דערקלערונג וועגן דעם לעזער אָדער דער לעזערן, וואָס דער פאַרפאַסער איז אים אָדער איר אויסן געווען מיט זיין שרייבן. דער אַלטער עברי־טייטש־מחבר האָט נישט נאָר סתם אַזוי אין זינען געהאַט דעם עולם, וואָס וועט לייענען זיין ספר; ער האָט צו אָט דעם עולם זיך בפירוש צוגעפּאַסט. ער האָט געוווסט אַז עברי־טייטש לייענען

דערהויפּט „די ווייבער און דאָס געמיין פאָלק, דאָס ניט קאָנען תורה לערנען״, און ער האָט געשריבן וועגן אַזעלכע ענינים און אין אַזאַ נוסח, וואָס זאָל זיין פאַרשטענדלעך און אינטערעסאַנט פאַר „די ווייבער און דאָס געמיין פאָלק״.

די גאַנצע עלטערע יידישע ליטעראַטור אַזוי ווי, אגב, דער גרעסטער טייל פון דער מיטלעלטערישער ליטעראַטור אין דער גאַנצער וועלט איז אין אַ געוויסן זינען אַ לעזער־ (אָדער אַ לעזערין־) ליטעראַטור, נישט קיין שרייבער־ליטעראַטור, ד״ה זי איז אינספּירירט און דיקטירט געוואָרן פון די פאַר וועמען זי איז באַשאַפן געוואָרן און נישט פון די, וועלכע האָבן זי געשאַפן. און אָט די טראַדיציע האָט ביי אונדז יידן אָנגעהאַלטן שיר נישט ביזן סוף נײַנצנטן יאָרהונדערט.

אַלע השכלה־שרייבערס האָבן געשריבן ניט סתם אַזוי, נאָר פאַר אַ באַשטימטן מין לייענער. דער אונטערשייד צווישן זיי און די אַלטע רעליגיעזע מחברים איז באַשטאַנען נאָר אין דעם, וואָס יענע האָבן דעם לייענער געוואָלט פרימער מאַכן, בעת די האָבן אים געזוכט קליגער צו מאַכן. אי צווישן די אַלטע, אי צווישן די נייע פאַרפאַסערס זיינען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן מער גאָרנישט ניט געוואָלט ווי נאָר צו אַמוזירן דעם עולם, — און די האָבן זיך אוודאי צוגעפּאַסט צו זיין געשמאַק.

מ׳איז געווען אַזוי צוגעוווינט צו זען, ווי די יידישע שרייבערס „ניאַנטשען זיך״ מיטן פאָלקס־לייענער, אַז ווען מענדעלע מוכר ספרים האָט זיך דערוועגט צו פאַרגעסן (אין דער „קליאַטשע״, אַ שטייגער) דעם פּראָסטן עולם און אָנצורירן העכערע ענינים, איז עס געווען אַן אומגעריכטע זאַך. „דער נייער ר׳ מענדעלע, אָט טאַקע דער פון דער „קליאַטשע״, שרייבט יעקב דינעזאָן אין זיינע זכרונות, — האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, וויל שוין די איינפאַכע צוהערער כמעט נישט קענען — — — און וויבאַלד אַז יאָ אַזוי, האָט זיך מיר געוואָלט וויסן, צוליב וואָס און צוליב וועלכן טעם האָט ער געשריבן די „קליאַטשע״ אין עברי־טייטש דווקא, און נישט אין לשון הקודש? — — — צווישן די לעזער פון נישט מער ווי עברי־דייטש האָב איך צו יענער צייט געזוכט און נישט געפונען כמעט איינעם אָדער איינע, וואָס פאַרשטייען דעם נייעם מענדעלען פון דער „קליאַטשע״ און האָבן התפעלות פון דעם, וואָס ער דערציילט אאַז״וו. היינט וויבאַלד אַז די לייענערס האָבן נישט קיין התפעלות, איז צו וואָס בכלל שרייבן? דעם עצם ענין שרייבן איז אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי געזאָגט, באַרעכטיקט געוואָרן נישט דורך דעם שרייבערס פּערזענלעכקייט, טאַלאַנט און וויסן, נאָר פאַרקערט, דורך דער אומוויסנקייט און די קליינע השגות פון דעם ברייטן עולם.

ובכן, איז עס נישט קיין נייעס אָט דאָס, וואָס אין דער סאָוועט־יידישער פּרעסע, איידער מען האָט איר אין גאַנצן פאַרמאַכט דאָס מויל, האָט מען פון יידישע שרייבערס פאַרלאַנגט אַז זיי זאָלן צאָלן „זייער חוב״ דעם לייענער. דאָס איז שיר־נישט אַ טראַדיציאָנעלע פאָדערונג אין דער יידישער ליטעראַטור.

אָבער... אָט־די טראַדיציע איז שוין לאַנג, דאַנקען גאָט, איבערגעריסן געוואָרן. די יידישע ליטעראַטור האָט לאַנג שוין אויפגעהערט צו זיין בלויז אַ לייענער־ליטעראַטור. מענדעלע, פּרץ, שלום־עליכם און די אַלע וואָס זיינען נאָך זיי געקומען, האָבן פאַר זיך אויסגעקעמפט דאָס רעכט אויף שרייבערישער אינדיווידואַליטעט, אויף דיכטערישער זעלבסטבאַשטימונג. מענדעלע און פּרץ האָבן זיך פאַרגונען צו

שרייבן מיט פינטעלעך און רמזים, ווען דער ייִדישער לייענער־עולם איז נאָך גע־וווינט געווען אַז מ׳זאָל אים „צעקייען און אין מויל אַריינלייגן״. שלום עליכם האָט געהאַט דעם מוט צו לאַכן און פריילעך זיין, ווען דער לייענער, וואָס האָט זיך אויפגעהאָדעוועט אויף מוסר־ און השכלה־ספרים, האָט געגלייבט אַז אַ שרייבער מוז זיין אָנגעצויגן און האָבן ערנסטע כוונות. יעדער פון אונדזערע שפּעטערדיקע פּראָזע־דיכטערס, ליריקערס, עסייאיסטן אין ביידע לשונות האָט געזאָגט זיין וואָרט, געשריבן אויף זיין אייגענעם שטייגער און אָנגערירט זאַכן וועלכע האָבן אים אַליין אינטערעסירט, נישט וואָרטנדיק אויפן לייענערס „באַשטעלונג״.

ערשט נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע, נאָך דעם ווי מ׳האָט העברעיִש און העברעיִשע ליטעראַטור אין סאָוועט־רוסלאַנד אין גאַנצן פאַרווערט, האָט מען דאָס וואָרט־שאַפן אויף ייִדיש געוואָלט אומקערן צוריק צו יענער הויכער מדרגה, אויף וועלכער עס האָט זיך געפונען ערב דער נייער עפּאָכע, און — נאָך ערגער. דאָן, און אין די צייטן פון דער השכלה־באַוועגונג, האָט מע געערעדט אין נאָמען פון אַלע ייִדישע לייענערס און מ׳האָט זיך באַגנוגנט בלויז מיט איין פאָדערונג — דער פאָ־דערונג פון פאַרשטענדלעכקייט (מ׳האָט נישט פאַרלאַנגט פון דעם שרייבער אַז ער זאָל אימיצן חנפענען); נאָך „אָקטאָבער״ האָט מען אין זינען געהאַט נאָר איין גרופּע לייענערס, די אַרבעטער־גרופּע און פון איר האָט מען גענומען נאָר איין טייל, דעם באָלשעוויסטישן, און פון אָט־דעם טייל האָט מען ערשט אויסגעטיילט יענע וואָס נעמען־אָן סטאַלינס נייסטע אויסטייטשונגען פון קאָמוניזם. דערביי האָט מען זיך נישט באַגנוגנט מיט שטעלן ספּעציעלע פאָדערונגען צו דער שפּראַך און צו דער הסברה פונעם שרייבער; מ׳האָט זיך אַריינגעמישט אויך אין דעם אינהאַלט, — אין דעם תוך פון זיין שרייבן — מען האָט אים דיקטירט די טעמעס, די מאָטיוון, די אידייען — אַלץ. מען האָט דעם פאַרטיי־לייענער, ריכטיקער, דעם פאַרטיי־פירער געמאַכט פאַר דעם משגיח, פאַר דעם דיקטאַטאָר, פאַר דעם צענזאָר פון דער ליטעראַטור... און וואָס האָט ער געוואָלט — און וואָס וויל ער — פון איר? אַז זי זאָל אים און זיין פאַרטיי העלפן מאַכן (אָדער איבערמאַכן) די רעוואָלוציע, אַז זי זאָל דירעקט אָדער אינדירעקט זיין זיין איינציקער אָביעקט. איי וואָס, רעוואָלוציע איז אַן אויסנעם־צושטאַנד, אַן איבערגאַנג־צושטאַנד, אַן איבערבראָך, אַ קאַטאַס־טראָפע — און דער דערציילונג־קונסט איז ווי יעדער קונסט לייכטער זיך צו שטיצן אויף אַ לעבן, וואָס איז איינגעשטעלט, סטאַביל, פעסט. איי וואָס, רעוואָ־לוציע איז אַ שטורעם וואָס האָט נישט קיין דויער — און קונסט, אויך די קונסט פון וואָרט, זוכט דווקא דאָס דויערהאַפטיקע. איי וואָס, דער ליטעראַטור, יעדער ליטעראַטור, נישט נאָר דער ייִדישער, איז לייכטער צו נעמען שטאָף פאַר זיך אין דער פאַרגאַנגענהייט ווי אין דער קעגנוואַרט. און וואָס איז שייך דעם היינט, איז דער טייל זיינער וואָס איז אַ סך־הכל פונעם נעכטן, נעענטער און קלערער דעם קינסטלער, ווי יענער טייל זיינער מיט וועלכן עס הייבט זיך אָן, אויב עס הייבט זיך אָן, דער מאָרגן. איי וואָס, נישט געקוקט אויף דער עקסיסטענץ פון פּראָלעטאַרישע פאַר־טייען, רעוואָלוציאָנערע יחידים, איז דאָס לעבן און אַפילו דאָס אַרבעטער־לעבן, נישט פּראָלעטאַריש און נישט רעוואָלוציאָנער, וואָרעם לעבן (דערהויפּט פאַרן קינסטלער) איז דאָך נישט די סומע מיטינגען, רעזאָלוציעס, בראָשורן, רעדעס, דעמאָנסטראַ־ציעס, שיסערייען, נאָר דער סכום פון אַלע מענטשלעכע איבערלעבענישן, איינ־

דרוקן, דערפאַרונגען, פאַרלאַנגען, תאווהס, קאָנפליקטן. די דאָזיקע און אַנדערע רייך־ליטעראַרישע פראַגן אינטערעסירן נישט דעם אידעאָלאָג און דעם פראַקטיצירער פון „רעוואָלוציאָנערער" אָדער „פראָלעטאַרישער" ליטעראַטור. פאַר אים עקסיסטירט נאָר די טעאָריע און די פראַקטיק פון „רעוואָלוציאָנערער" אָדער „פראָלעטאַרישער" דיקטאַטור. ליטעראַטור איז פאַר אים אַ פאַרטייאיש קאַמפגעווער און — אין בעסטן פאַל — אַ מיטל צו „פאַראייביקן" די „העלדישקייטן" פון זיין פאַרטיי, — אַ מין פראָלעטאַרישער סנאָביזם, וואָס איז מער נאַיוו, מער אויפריכטיק, אָבער נישט מער באַרעכטיקט ווי דער סנאָביזם פון אַנדערע גרופעס, וואָס ווילן, אַז די קונסט זאָל פאַראייביקן זייערע העלדן, זייערע פירערס.

און דער עיקר איז, וואָס מען קאָן די אַלע פאָדערונגען, ווען אַפילו זיי זאָלן זיין גערעכטע, נישט אויספירן, סיידן נאָר מעכאַניש און קינסטלעך.

אָט האָבן אַלע יידישע שרייבערס אין סאָוועט־רוסלאַנד, איידער זיי זיינען פאַרשטומט געוואָרן, זיך געהאַט אַ נעם געטאָן פאַר דער שילדערונג פון דער רעוואָלוציע, פון דעם בירגער־קריג, פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אאַז״וו. האָבן זיי באמת רייכער געמאַכט די יידישע ליטעראַטור? האָבן זיי זייער אייגענעם לייענער געזאָגט עפעס אַזוינס, וואָס ער האָט נישט געוווּסט? האָבן זיי געשאַפן כאָטש עפעס ענלעכס צו די לעבנס־סינטעזעס, די קונסט־געשטאַלטן, וואָס עס האָבן אונדז געגעבן די נישט־סאָוועטישע יידישע שרייבערס?

און נישט נאָר אין סאָוועטנלאַנד, אויך אין אַנדערע לענדער האָבן גרופעס לינקע פאַרטיי־מענטשן, אונטער דער ווירקונג פון פאַרטיי־קריטיקערס, זיך גענומען דאָס רעכט צו פאָדערן פון דער יידישער ליטעראַטור דאָס טעלערל פון דער רעוואָלוציע — און געוואָלט אונדז איינריידן, אַז דאָס פאָדערט דער יידישער לייענער. „דער לייענער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט — האָבן מיר געלייענט אין אַן ענטפער אויף אַן אַנקעטע — פאַרלאַנגט נישט קיין מעשהלעך אָדער שילדערונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט. אים אינטערעסירט די קעגנוואַרט"... איי וואָס, „אַ סך לייענערס פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט" לייענען דווקא „מעשהלעך און שילדערונגען פון דער פאַרגאַנגענהייט"? איי וואָס, אין אַלע לענדער, אַפילו אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווערן אייניקע קלאַסיקערס נאָך אַלץ מער געלייענט ווי היינטיקע רעוואָלוציאָנערע שרייבערס? איי וואָס, לייענערס און אויך אַרבעטער־לייענערס, האָבן גראָד ליב באַשרייבונגען נישט פון זייער אייגענעם לעבן, וואָס האָט זיי גענוג דערעסן, נאָר פונעם לעבן פון אומבאַקאַנטע, ווייטע, פרעמדע, אויסטערלישע מענטשן? דאָס שטערט נישט דעם פאַרטיי־טוער צו ריידן אין נאָמען פון אַלע לייענערס, פון אַלע אַרבעטערס — און צו דערקלערן אַז „דער לעזער פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט" אָדער „דער יידישער אַרבעטער־לעזער" וויל נישט קיין אַנדער זאַך אַ חוץ באַשרייבונגען פון רעוואָלוציאָנערע העלדנטאַטן אד״גל.

אין דער אמתן איז גאָר נישטאָ אַזאַ זאַך ווי „דער יידישער אַרבעטער־לייענער". עס זיינען דאָ פאַרשיידענע מינים לייענערס צווישן יידישע אַרבעטערס, און די פון זיי וואָס זיינען אינטעליגענט אין ליטעראַרישן, נישט אין פאָליטישן זינען, ווייסן, אַז דעם שרייבערס רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג, אויף פרייען אויסקלייב פון טעמעס, מאָטיוון און פאָרמען איז וויכטיק פאַרן לייענער און נישט נאָר פאַרן שרייבער. דער אינטעליגענטערער אַרבעטער־עולם ווייס אַז עס איז נישט אין די

אינטערעסן פון קיינעם אַ חוץ פון געוויסע פּאַרטיי־גרופּעס, צו טעראָריזירן די ליטעראַטור און צוצושטיין צו איר מיט פּאָדערונגען, וועלכע זי קען נאָכקומען נאָר דאַן, ווען זי וויל זיי צופרידנשטעלן (און אמתע ליטעראַטור וויל נאָר דאָס וואָס זי קען).

7. דער פּראָלעטאַרישער לייענער — און די ליטעראַטור

נישט געקוקט אויף דעם, האָט מען נישט אויפגעהערט צו מאָגען און צו פּאָדערן פון דער יידישער ליטעראַטור אַז זי זאָל זיין אַן „אַרבעטער־ליטעראַטור".

אין דער פּרעסע פון די יידישע קאָמוניסטן אין סאָוועט־רוסלאַנד און אויך אין פּוילן און אין אַמעריקע איז נישט איין מאָל אַרויסגעזאָגט געוואָרן די מיינונג אַז די יידישע ליטעראַטור (און די גאַנצע יידישע קולטור) „וועט זיין אַ קאָמוניסטישע אָדער זי וועט גאָר נישט זיין"*). אָט־די מיינונג איז נישט אין גאַנצן ניי. נאָך פאַר דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד זיינען געווען יידישע סאָציאַליסטן וואָס האָבן נישט איין מאָל געזאָגט און אַפילו געשריבן אַז די נייע יידישע ליטעראַטור איז אַ פּראָדוקט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג, און עס איז דערפון געמאַכט געוואָרן דער אויספיר אַז די ליטעראַטור אויף יידיש „וועט זיין אַ פּראָלעטאַרישע אָדער זי וועט גאָר נישט זיין".

וואָס עס איז אַזוינס „פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור", האָבן סאָציאַליסטן נישט געוווּסט אויף קלאָר, אַזוי ווי קאָמוניסטן קאָנען אונדז נישט זאָגן אויף זיכער וואָס אייגנטלעך מיינען זיי מיטן וואָרט „קאָמוניסטישע" ליטעראַטור. עס איז אָבער אינטערעסאַנט דער עצם־פאַקט וואָס אַ לאַנגע צייט פאַרן איינפירן די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" איז ביי אונדז שוין געווען דער באַגריף פון „פּראָלעטאַרישער" ליטעראַטור**). נאָך אינטערעסאַנטער איז פעסטצושטעלן אַז כאָטש דער דאָזיקער באַגריף איז אַנגעווענדט געוואָרן צו איינעם פון די נישט־פּראָלעטאַרישסטע פעלקער אין דער וועלט, — צו יידן און עס איז געווען מאָדנע צו הערן ריידן וועגן אַ „פּראָלעטאַרישן" שאַפן, ווו עס איז, לויט דער מיינונג פון אַנדערע, נאָך גאָר נישט געווען אַפילו קיין אמתער פּראָלעטאַריאַט — האָט דאָך אין די דאָזיקע רייד געשטעקט אַ שטיק היסטאָרישער אמת. מען וואָלט נאָר באַדאַרפט געברויכן אַ ביסל אַן אַנדערע, אַ מער ברייטע, טערמינאָלאָגיע. מען וואָלט נישט געדאַרפט זאָגן: די נייע יידישע ליטעראַטור איז אַ רעזולטאַט פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. דאָס איז נישט ריכטיק: די יידישע ליטעראַטור — און נישט נאָר די פּאַרצייטיקע, אויך די היינטיקע, ריין־וועלטלעכע, יידישע ליטעראַטור — האָט זיך אָנגעהויבן אַ סך פריער איידער ס'איז אויפגעקומען די יידישע אַרבעטער־באַוועגונג; זי איז געווען ווען די סאָציאַלע דיפערענצירונג ביי יידן האָט זיך גענומען בלויז פון „אָרעם און רייך", גביר און קבצן, נישט פון יענעם קאָנפליקט צווישן אַרבעטער

*) די דאָזיקע נביאות איז, צום באַדויערן, מקויים געוואָרן אויף פאַרקערט. גראָד די קאָמוניסטיש־יידישע ליטעראַטור אין סאָוועטנלאַנד איז ליקווידירט געוואָרן, כאָטש, אמת, קעגן איר אייגענעם ווילן.

**) די אַמעריקאַנער יידיש־סאָציאַליסטישע זשורנאַליסטן און קריטיקערס ל. בודיאַנאָוו (בודין), יעקב מילך און אַנדערע האָבן שוין אין די 90ער יאָרן גענוצט דעם אויסדרוק „פּראָלעטאַרישע פּאָעזיע", „פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור".

און אַרבעטגעבער, פּראָלעטאַריאַט און בורזשואַזיע, וועלכע רופט אַרויס די היינ־טיקע סאָציאַלע באַוועגונג.

עס איז בפירוש אַן אומווויסנקייט צו טראַכטן אַז די גאַנצע היינטיקע יידישע ליטעראַטור איז אַ קינד פון דעם יידישן אַרבעטער־קאַמף. ס'איז אָבער ריכטיק אַז זי איז אַמאָל געווען אַן אויסדרוק פון דער סאָציאַלער באַוועגונג ביי יידן, אויב מען זאָל אונטער סאָציאַלע באַוועגונג פאַרשטיין די אויפוואַכונג פון די פאָלקס־מאַסן און אויב מ'זאָל די דאָזיקע אויפוואַכונג אויסטייטשן אין אַ ברייטערן זינען, אין דעם זינען, וואָס אַ טייל — זאָל זיין אַפילו אַ קליינער טייל — פון פאָלק האָט מער נישט געוואָלט זיך באַגנוגענען מיט די רעשטלעך וואָס עס האָבן פאַר אים איבער־געלאָזן די יחסנים און ער האָט געפּרוווט פאַר זיך אַליין מאַכן שבת, פּראַווען אַן אייגענעם טיש, אַרויסבערגנגען פון זיך אייגענע מחברים, „קריגן לשון" און אַרויס סוף־כל־סוף מיט אָפענע טענות קעגן די בעלי־טובות, דער כנופיאַ קהלס לייט אאַ"וו.

אין אָט־דעם ברייטערן זין איז נישט בלויז די נייע, נאָר אַפילו די עלטערע און אויך די רעליגיעזע ליטעראַטור אויף יידיש געווען אין אַ געוויסן זינען אַן אויסדרוק פון דעם שטילן קאַמף וואָס האָט זיך פון קדמונים אָן געפירט צווישן די מאַטעריעל־ און גייסטיק־הערשנדיקע פון איין זייט, און די אָרעמע און שטומע שיכטן — פון דער אַנדערער זייט. דער דאָזיקער קאַמף איז — אין זיין ליטעראַרי־שער פאָרעם — אין אָנהייב געווען פאַרשטעלט, פאַרשטיקט, אָפט מאָל אַפילו גאָר אומבאַוווסטזיניק: די וואָס האָבן מיט אַ יאָר זיבן־אַכט הונדערט צוריק אָנגעהויבן שרייבן אויף עברי־טייטש, האָבן נישט געזאָגט און אויך נישט געוווסט, אַז זיי ווילן באַפרייען די „געמיינע לייט" און די פרויען פון עפּעס אַן אַפּוטרופּסות — פון דער הערנשאַפט פון די לומדים און יחסנים; זייער באַוווסטזיניקער ציל איז, פאַר־קערט, געווען צו דערנעענטערן דאָס פאָלק צו דער תורה, צו דער מאָראַל און דער לעבנספירונג פון די לומדים, די גייסטיקע פירערס. אייניקע פון זיי האָבן סתם אַזוי געוואָלט אַמוזירן דעם עולם, פאַקטיש אָבער האָבן זיי אויף יידיש, אויף דער איינציקער שפּראַך, וואָס די פאָלקסמאַסן האָבן פאַרשטאַנען, געשאַפן עפּעס אַזוינס וואָס טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון די דאָזיקע מאַסן. זיי האָבן געשאַפן ליטע־ראַטור וואָס אין איר האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דאָס דענקען און פילן און דער גאַנצער לעבנסטיל פון „פאָלק", פון „המון". דער וואָס שטודירט מיט קאָפּ די אַלטע יידישע ליטעראַטור, זעט אַז אַפילו דאָס וואָס זי האָט גענומען — און זי האָט זייער אַ סך גענומען — פון לשון־קודש, האָט זי גענומען מיט אַן אויסרעכענונג און נאָך אַ גע־וויסן אָפּקלייב. זי האָט אָפּגעקליבן און אויסגעקליבן דאָס, וואָס האָט זיך געפּאַסט פאַרן גייסט און גוסט פון „פאָלק", און אַפילו אָט־דאָס סעלעקטירטע האָט זי אָפט איבערגעאַרבעט און איבערגעאַנדערשט בהסכם מיט דעם דאָזיקן גייסט און גוסט. אָבער נישט ווינציקער ווי פון העברעיִש, האָט זי גענאַשט פון גוייִשע ליטעראַטורן, פון יענע „וועלט־ביכער", פון יענע ריטער־ראָמאַנען, פון יענעם אינטערנאַציאָנאַלן מיטלעלטערלעכן רעפּערטואַר וואָס רבנים און לומדים האָבן געהאַט צו אים די טיפסטע פאַראַכטונג.

דאָס איז געווען אַמאָל בלויז אַן אומבאַוווסטזיניקער אויסדרוק פון דער מילחמה וואָס איז פאָרגעקומען אין דער שטיל צווישן די „העכערע" און די „ני־דעריקערע" שיכטן. שפּעטער, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די השכלה־באַוועגונג, איז

אַט דער אויסדרוק געוואָרן מער באַוווסטזיניק*). די השכלה־ליטעראַטור אויף ייִדיש איז אַ לאַנגע צייט פּאַר מענדעלעס „טאַקסע“ געווען שוין אַ ליטעראַטור פון סאָציאַלן פּראָטעסט. די „טאַקסע“ — דער דעמאָלטיקער סימבאָל פון עקאָנאָמישער עקספּלואַטאַציע און סאָציאַלער אונטערדריקונג ביי ייִדן — האָט קריטיקירט שוין ריב״ל אין „הפקר־וועלט“, וואָס איז אין דעם צווייטן פערטל פון 19טן יאָרהונדערט פאַרשפּרייט געוואָרן אין מאַנוסקריפּט. דער סאָציאַלער מאָטיוו איז דער הויפּט־מאָטיוו פון דער ייִדיש־ליטעראַטור און ביזן אָנהייב פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט איז די ייִדישע ליטעראַטור אין אירע הויפּט־ווערק געווען דער אָרגאַן, דער שופר פון דער ייִדישער סאָציאַלער באַוועגונג, און זיי, די ייִדישע ליטעראַטור און די ייִדישע סאָציאַלע באַוועגונג, האָבן איינע אויף דער אַנדערער קעגנזייטיק געווירקט.

די דאָזיקע קעגנזייטיקע ווירקונג איז געוואָרן אַלץ שטאַרקער, וואָס מער דער סאָציאַלער קאָנפליקט איז ביי אונדז געוואָרן אָרגאַניזירט און ציל־באַוווסט. אַזוי איז געווען אין אַמעריקע; אַזוי איז געווען אויך, אָנגעהייבן פון די ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט — אין רוסלאַנד, ווו עס האָבן פונקציאָנירט די אַזוי־גערופענע „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן“. צו זייערע גייסטיקע אינספּיראַטאָרס האָבן געהערט אַזוינע שריפטשטעלערס ווי י. ל. פּרץ און דוד פּינסקי, און זייער ציל איז געווען — „פאַרשפּרייטן גוטע ליטעראַטור צווישן ייִדישע אַרבעטער, גרינדן ייִדישע אַרבעטער־ביבליאָטעקן אין דער פּראָווינץ און אַרויסגעבן פּאָפּולער־וויסנשאַפטלעכע און בעלעטריסטישע ביכער אויף ייִדיש“. די גרינדערס פון די „זשאַרגאָנישע קאָמיטעטן“ אין מיטן די 90ער יאָרן זיינען געווען די פּיאָנערן פון דער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג אין דער ליטע, די, וואָס האָבן שפּעטער אָרגאַניזירט דעם „בונד“.

זיי זיינען ניט אויסן געווען די אַנטוויקלונג אָדער די פאַרשפּרייטונג פון דער ייִדישער ליטעראַטור. אַזוי ווי די „בורזשואַזע“ משכילים, האָבן אויך זיי ניט געהאַלטן פון ייִדיש. אַ חוץ אַ פּאָר אויסנאַמען, „זיינען אַלע טוער“, שרייבט אין זיינע זכרונות א. ליטוואַק, „געווען אַסימילירט, האָבן שלעכט גערעדט און כמעט ניט געקאָנט לייענען אויף ייִדיש“. און אויב זיי האָבן אַראָפּגענומען די האַנט פון האַרצן און אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן צווישן ייִדישע אַרבעטערס ליטעראַטור אויף ייִדיש, איז עס געווען דערפאַר וואָס זיי האָבן דערפילט אַז זי קאָן אַ סך מער אויפטאָן פאַר דער פאַרשפּרייטונג פון סאָציאַליזם צווישן די ייִדישע מאַסן איידער דער רוסישער אלף־בית. ייִדישע אַרבעטערס און אַרבעטער־אינטעליגענטן זיינען אַליין אויך שטאַרק נתפּעל געווען פון רוסיש (צווישן די ייִדישע אַרבעטערס האָט זיך ערשט דעמאָלט איינגעטלעך אָנגעהויבן די השכלה־באַוועגונג, און גראַמאַטיקע אָדער דיקדוק איז געווען דער אָנהייב און דער יסוד פון השכלה), אָבער זיי האָבן געפילט אַ נאַטירלעכע צוגעבונדנקייט צו ייִדיש און צו דער ייִדישער ליטעראַטור, און זי, פון איר זייט האָט אָנגעהויבן באַוווסטזיניק און סיסטעמאַטיש העלפן דער סאָציאַלער אויפוואַכונג פון די ייִדישע מאַסן. צווישן די ייִדישע שרייבערס אין רוסלאַנד זיינען דאַן געווען אייניקע וואָס אַזוי ווי ד״ר י. קאַמינער, מ. ל. ליליענבלום און

*) די חסידות־באַוועגונג, די שאַרפסטע קעגנערין פון השכלה, וואָס איז אָבער, אַזוי ווי אַט די לעצטע, כאָטש אין אַ גאַנץ אַנדערן זינען, געווען אַ טייל פון דער ייִדישער אויפלעבונג־באַוועגונג — האָט נאָך מער ווי די השכלה דערהויבן דעם פאָלקס־מענטש און ממילא אויך זיין שפּראַך.

אַנדערע אין דער העברעיִשער ליטעראַטור, זײַנען זיי געשטאַנען נאָענט צום סאָ־ציאַליסטישן געדאַנקענגאַנג און האָבן געהאַט פאַרבינדונגען מיט זייערע פירערס. דאָס זײַנען געווען יצחק גוידאָ (ב. גאָרין) אין ווילנע, י. ל. פרץ און דוד פינסקי אין וואַרשע. דאַן איז עס באַשאַפן געוואָרן אַ מין פערזענלעכע יוניע צווישן די פּראָגרעסיווע פאַרשטייערס פון דער יידישער ליטעראַטור און דער יידישער אַר־בעטער־באַוועגונג. און אַט דעמאָלט האָט זיך עס אָנגעהויבן וועבן די לעגענדע אַז די יידישע ליטעראַטור איז די ליטעראַטור פון יידישן אַרבעטער־קלאַס.

אין דער אמתן איז עס אויך דאַן געווען נישט מער ווי אַ ווייטער־שפינען דעם אַלטן פאָדעם פון דער שאַרף־אויסגעדריקטער סאָציאַלער טענדענץ פון דער יידיש־ליטעראַטור; מער נישט, וואָס אין די נײַנציקער יאָרן, ווען עס האָט זיך אָנגע־הויבן צו אָרגאַניזירן אַ יידיש־סאָציאַליסטישע באַוועגונג איז פון דער אומבאַשטימ־טער סאָציאַלער טענדענץ געוואָרן אַ מער־באַשטימטע סאָציאַליסטישע שטרעמונג. אין רוסלאַנד איז עס געווען פאַרשטעלט צוליב די צענזור־באַדינגונגען און דער „אונטערערדישקייט" פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אין אַמעריקע — אָפן; אין רוסלאַנד איז עס געווען אין אַ קלענערן מאַסשטאַב, צוליב דער בערך קלענער צאָל פון יידישע אַרבעטער דאָרט. אין אַמעריקע, וווּ דער גרעסטער טייל פון דער יידי־שער אימיגראַציע איז פּראָלעטאַריזירט געוואָרן — האָט די „סאָציאַליזירונג" פון דעם יידישן וואָרט סוף נײַנצנטן יאָרהונדערט געהאַט אַ גרעסערן פאַרנעם. אָבער אי דאָ, אי דאָרטן איז די יידישע ליטעראַטור געווען נישט דאָס קינד פון דער יידי־שער אַרבעטער־באַוועגונג, נאָר פאַרקערט, איר דערציִערין. און אי דאָ, אי דאָרטן האָט די יידישע ליטעראַטור אָנגעהויבן אַרומנעמען וואָס ווײַטער אַלץ מער און מער ספערן פון לעבן און ממילא האָט זי אָנגעהויבן ווערן אַלץ מער און מער אַלגעמיין־נאַציאָנאַל גראָד דאַן, ווען לויט דער מיינונג פון דער פּאַרטייאישער ליטעראַטור־געשיכטע, האָט זי געזאָלט ווערן אָדער געשטרעבט צו ווערן „פּראָלעטאַריש".

דער אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער גייסט פון דער יידיש־ליטעראַטור איז געוואָרן אַלץ קענטיקער און אַלץ רײַכער סוף 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט, ווען אירע קלאַסיקערס, וואָס צווי פון זיי — מענדעלע מוכר ספרים און י. ל. פרץ — זײַנען אויך קלאַסיקערס פון דער נײַער העברעיִשער ליטעראַטור, האָבן דערגרייכט דעם שפּיץ פון זייער רײַפקייט און ווען עס האָבן אײַנער נאָך דעם אַנדערן אָנגע־הויבן צו ווײַזן זיך פאַרשטייערס פון דעם ייִנגערן דור יידישע און יידיש־העברעיִשע פּראָזע־דיכטערס, פּאָעטן און קריטיקערס — פריִער אַזוינע ווי שלום עליכם, מאָ־ריס ראָזנפעלד, ח. נ. ביאַליק, מיכה יוסף בערדיטשעווסקי, יהואש, א. ליעסין, לעאָן קאָברין, אברהם רייזען און שפּעטער אַ ביסל שלום אַש, ה. ד. נאָמבערג, בעל־מחשבות, ז. שניאור, י. ד. בערקאָוויטש, פרץ הירשביין, לאַמעד שאַפּירא, י. י. שוואַרץ, יוסף ראָלניק, א. מ. ווייסענבערג, יונה ראָזנפעלד, משה נאַדיר און צענדליג־גער, ממש צענדליגער אַנדערע. אָבער אַפילו דאַן זײַנען אין די ראַדיקאַל־סאָציאַ־ליסטישע קרײַזן געווען אַזוינע וואָס האָבן ליטעראַריש — נישט נאָר פּאָליטיש און געזעלשאַפטלעך — זיך אָריענטירט נישט אויפן פאָלק, נאָר אויפן קלאַס, אויפן אַרבעטער־קלאַס. זייער צאָל איז, פאַרשטייט זיך, געוואַקסן ערב און נאָך דער אָק־טאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד. אָבער אַפילו דאַן האָבן זיי, אַ חוץ אין ראַטנ־פאַרבאַנד, נישט פאַרנומען קיין אָרט אויבן אָן. און ווען אייניקע פון זיי האָבן גע־

פרווט שרייבן ליטעראַרישע קריטיק „פון פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט“, האָט נישט קיין אַנדערער ווי משה אָלגין, וואָס שפּעטער איז ער געוואָרן זייער פירער, זיי אויסגעלאַכט.

„אין גרונד פון אַזוינע אָנשויאונגען“ — האָט ער געשריבן — „ליגט די מיינונג אַז די ליטעראַטור איז נישט קיין קולטורעלע מאַכט פאַר זיך, אַז זי איז נישט קיין גלייך ווערטפולע זאַך צווישן די אוצרות פונעם מענטשלעכן גייסט. די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע, ווי יעדע אַנדערע ריין דעמאָקראַטישע, ריין פּאָלקסטימלעכע באַוועגונג האָט, צום גליק, שוין לאַנג פאַרלאָזן אַזאַ שטאַנדפּונקט. דער הייניקער פּראָלעטאַריער זאָגט: Homo Sum — איך בין אַ מענטש, און אַלעס מענטשלעכע איז מיר נישט פרעמד. דער פּראָלעטאַריער דאַרף קענען פּאָליטישע עקאָנאָמיע און נאַטור־וויסנשאַפט און אַלצדינג וואָס העלפט אים צו פאַרשטיין די וועלט און די געזעלשאַפט, פּונקט אַזוי דאַרף ער האָבן די שיינע ליטעראַטור, די קונסט, די מוזיק — אַלצדינג, וווּ עס אַנטפּלעקט זיך די אינערלעכע מענטשלעכע וועלט, די אינטימסטע באַוועגונגען פון דער מענטשלעכער נשמה. און פּונקט אַזוי דאַרף ער האָבן נישט נאָר איין סאָרט ליטעראַטור, וועלכן ס'וועט באַווילן צו באַשטימען פאַר אים אַ קריטיקער „פון פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט“, נאָר טאַקע די גאַנצע ליטעראַטור אין אירע בעסטע דערשיינונגען און אירע אויסגעפיינטע, אויסגעאיידלטע פאָרמען“...

אַזוי האָט מ. אָלגין געשריבן אין זיין בוך „אין דער וועלט פון געזאַנגען“. דאָס בוך איז אַרויס אין יאָר 1919. דאָס קאַפּיטל „פון פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט“ איז געשריבן געוואָרן פריִער, אָבער ווען דער פאַרפאַסער זאָל האָבן חרטה געהאַט אויף דעם וואָס ער האָט געזאָגט אין יענעם קאַפּיטל, וואָלט ער עס נישט אַריינגענומען אין זיין בוך. ובכן, שוין נאָך מתן תורה פון אָקטאָבער און אַ גאַנץ קורצע צייט איידער מ. אָלגין האָט זיך איבערגעקערט אויפן לינקן זייט, האָט ער געהאַלטן, כאָטש ער איז אויך דאַן געווען אַ שטרענגער מאַרקסיסט, אַז דער אַרבעטער דאַרף זיך נישט באַנוגענען מיט יענעם „סאָרט ליטעראַטור אויף וועלכן ס'וועט באַווילן צו באַשטימען פאַר אים אַ קריטיקער „פון פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט“. דער „פּראָלעטאַרישער שטאַנדפּונקט“ האָט נאָך דאַן געהאַט פאַר אים איראָנישע געגנצפּיסלעך. און נישט נאָר פאַר אים אַליין. אַ סך פון זיינע דעמאָלטיקע חברים, סאָציאַל־דעמאָקראַטן, האָבן נישט געוווּסט, און ווייסן אויך איצט נישט, ווי און ווו עס דאַרף קומען צום אויסדרוק אָט דער „פּראָלעטאַרישער שטאַנדפּונקט“ אין דער יידישער ליטעראַטור און צי איז בכלל באַרעכטיקט אַזאַ מין שטאַנדפּונקט אין דעם קינסטלערישן שאַפן. אָבער נישט געקוקט אויף דעם האָבן נאָך פאַר דער באָלשעוויסטישער רעוואָלוציע זיך געהערט ביי אונדז שטימעס, וואָס האָבן געפאָדערט פון דער יידישער ליטעראַטור, אַז זי זאָל זיך „שטיצן נאָר אויף דער יידישער אַרבעטערשאַפט“. און נישט נאָר אויף דעם יידישן וואָרט אַליין, — אויף דער יידישער דערציִונג און אויף דער גאַנצער יידישער קולטור האָט מען געוואָלט אַרויפצווינגען אַ „פּראָלעטאַרישקייט“, וועגן וועלכער עס איז ביי סאָציאַליסטן גופא נאָך נישט געווען קיין איינשטימיקייט, נישט קיין קלאָרקייט. האָט טאַקע אָט די נישט־קלאָרקייט און נישט־באַשטימטקייט פון די „פּראָלעטאַרישע“ תביעות צו דער יידישער ליטעראַטור אָפּגעשוואַכט זייער ווירקונג. נאָך „אָקטאָבער“ זיינען די תביעות אָפּ־

געפרישט געוואָרן. מער קלאָרקייט האָבן זיי נישט צוגעקראָגן, אָבער די, וואָס האָבן זיי אַרויסגעשטעלט האָבן געהאַט מער תקיפות. זיי האָבן איצט שוין ניט גערעדט אין נאָמען פון קעמפנדיקן פּראָלעטאַריאַט. זיי זיינען, האָבן זיי געטענהט, שלוחים פון דעם זיגרייכן אַרבעטער־קלאַס — פון דעם אַרבעטער־קלאַס אין ראַטן־פּאַר־באַנד. איז ביי דער פּאָרמולע „די יידישע ליטעראַטור פאַר די יידישע אַרבעטער" אויסגעוואַקסן אַן עק, און זי האָט זיך שוין געלייענט אַזוי: „די יידישע ליטעראַטור פאַר די יידישע אַרבעטער, וועלכע זיינען אין אָדער, ווינציקסטנס מיט סאָוועט־רוסלאַנד". פון דער יידישער שאַפונג האָט מען איצט שוין פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל זיך שטיצן נישט סתם אַזוי אויף די יידישע אַרבעטערס, נאָר דווקא אויף די קאָמוניסטישע יידישע אַרבעטער. די פאָדערונג, וואָס מען האָט איצט אַרויסגעשטעלט צו איר, איז געווען אַ פאָדערונג אין אַ פאָדערונג: די יידישע ליטעראַטור מוז, ערשטנס, זיין פּראָלעטאַריש און, צווייטנס, מוז איר פּראָלעטאַרישקייט זיין דווקא אַזאַ, וואָס זאָל געפעלן ווערן די יידישע קאָמוניסטן, דאָס הייסט, די פירערס פון די יידישע קאָמוניסטן אין רוסלאַנד. עס איז ווינציק, הייסט עס, וואָס די ליטעראַטור מוז זיך פענטען אַליין די פיס; די פענטעס מוזן זיין דווקא „מעיד אין פ. ס. ס. ר.", אונטער דער דירעקטער השגחה פון דער קאָמוניסטישער יידישער סעקציע...

משה ליטוואַקאָוו האָט אָט וואָס געשריבן אין אַריינפיר צו זיין בוך „אין אומרו" (צווייטער באַנד, פאַרלאַג „שול און לעבן", מאָסקווע, 1926): „... די יידישע מאַסן פון אויסלאַנד, דער עיקר פון אַמעריקע און פוילן, קענען נישט און ווען נישט בלייבן אָן אַ זייעריקער ליטעראַטור — און אַזאַ ליטעראַטור מוז און וועלן פאַר זיי שאַפן און באַשאַפן די דאָרטיקע שרייבער און דיכטער, אָבער נאָר דאַן, ווען זיי וועלן זיך אַריענטירן נישט בלויז קיין מאָסקווע, נאָר דער עיקר אויף מאָסקווע, לויט מאָסקווע"... און ווער האָט געזאָלט באַשטימען, צי די יידישע שרייבערס אין פוילן אָדער אין אַמעריקע זאָלן זיך אָריענטירן „בלויז קיין מאָסקווע" אָדער „אויף מאָסקווע, לויט מאָסקווע"? נישט דער מאָסקוועער רב. אויב אַזאַ איז נאָך געווען, האָט געזאָלט פסקענען די שאלה, און אויך נישט דער מאָסקוועער אָדער מינסקער אַרבעטער, נאָר דער אָרגאַן פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי, — קאָנקרעט, „דער עמעס", — נאָך קאָנקרעטער, משה ליטוואַקאָוו, דער זעלביקער ליטוואַקאָוו, וואָס אין גיכן האָט ער אַליין אָנגעוואָרן דאָס רעכט צו פּסקענען קאָמוניסטישע שאלות, ווי אויך דאָס מער עלעמענטאַרע רעכט צו לעבן אויף דער וועלט. פאַקטיש האָט דאָס געהייסן: איבערענטפערן די ליטעראַטור אין די הענט פון די מאָמענטאַנע פאַרטיי־פירערס און פאַרטיי־פּאָליטישנס...

דאָס איז געווען קלאָר פאַר יעדן, וואָס האָט ניט געוואָלט נאַרן זיך אַליין און אַנדערע. אָבער ווען איך האָב אַזוי אויסגעטייטשט די פאָדערונג, אַז די ליטעראַטור זאָל זיין נישט סתם פּראָלעטאַריש, נאָר „פּראָלעטאַריש לויטן נוסח פון „עמעס", האָט דוד בערגעלסאָן אויף מיר שטאַרק פאַראיבל געהאַט, און אין זיין ענטפער (אין ניו־יאָרקער „פרייהייט" פון 22סטן אויגוסט, 1926) אויף מיין „אָפענעם בריוו" צו אים, האָט ער, זיך באַהאַלטנדיק הינטער די מאַרטירערישע פלייצעס פון דעם געשאָסענעם לעמבערגער יידישן קאָמוניסט נפתלי באָטווין, אונדז געוואָלט איינריידן, אַז ווי באַלד צווישן קאָמוניסטן זיינען דאָ אידעאַליסטישע און העלדישע יונגע לייט, מעגן מיר רויק שטעלן די ליטעראַטור אונטער דעם קאָנטראָל פון קאָמו־

ניסטישע פּאַרטיי־פּאָליטישנס. צי מעגן מיר בלייבן רויִק, ווען מיר זאָלן עס טאָן, וואָלט דוד בערגעלסאָן געקאָנט לייכט אויסגעפינען על פּי דער אויפנאַמע וואָס דער מאָסקווער „עמעס" האָט געגעבן דעם זשורנאַל „אין שפּאַן", וואָס בערגעלסאָן האָט אין 1926 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אין בערלין, איידער ער האָט זיך צוריק אומגעקערט קיין סאָוועט־רוסלאַנד. איז ער דאָך געווען זיכער אַז זיין זשורנאַל אָריענטירט זיך נישט „בלויז קיין מאָסקווע", נאָר טאַקע „אויף מאָסקווע, לויט מאָסקווע". אָבער ער האָט געמאַכט, ווייזט זיך אַרויס, דעם חשבון אָן דעם בעל־הבית. דער בעל־הבית, דער, וואָס איז געווען ממונה אויפן ייִדיש־קאָמוניסטישן „עמעס", האָט דערקלערט אַז בערגעלסאָן איז נאָך זייער ווייט פון עמעסן קאָמוניזם און אַז זיין זשורנאַל „אין שפּאַן" איז נישט מער ווי אַן אָרגאַן פון „קליינבירגערלעכע ייִדישיסטישע קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן". בערגעלסאָנס דערקלערן זיך אין פלאַם־פייערדיקער ליבע צו דער רעוואָלוציע האָט לגמרי נישט געהאָלפן. ער איז געקומען צו שפּעט. די שטרענגע דאַמע האָט איר הארץ שוין אָפּגעגעבן אַנדערע קאַוואַליערן, און נאָר זיי ווייסן ווי אַזוי צו געפינען חן און לייטזעליקייט אין אירע אויגן. דוד בערגעלסאָנען אַליין מעג מען טאַקע אַריינלאָזן אין רוסלאַנד, ער האָט זיך געמאַכט נישט שעדלעך. אָבער לאָזן אים דאָרט אַרויסגעבן אַ זשורנאַל און זאָגן אַ דעה — דאָס נישט. אויף זאָגן דעות זיינען דאָ אַנדערע. „די ייִדישע אַרבעטערשאַפט און האַרעפּאַשנע מאַסן, האָט מ. ליטוואַקאָוו געשריבן (אין „עמעס" פון 20סטן יוני 1926) שעפּן זייער קאָמוניסטישע אידעאָלאָגיע פונעם ערשטן קוואַל. זיי האָבן זייערע ערשטראַנגיקע פּרעסע־אָרגאַנען און נייטיקן זיך נישט אין קאָמוניסטישער שפּייז פון צווייטן, דריטן און נאָך נידעריקערן סאָרט. די אַרבעטערשאַפט פון פּוילן, פון אַמעריקע? אויך זיי האָבן קאָמוניסטישע פּאַרטייען — די לאַנד־סעקציעס פון קאָמאינטערן"*).

און אין דעם דאָזיקן טאָג, ווען אין מאָסקווער „עמעס" איז געדרוקט געוואָרן מ. ליטוואַקאָווס נאָר־וואָס ציטירטע רעצענזיע וועגן „אין שפּאַן", איז אין ניו־יאָרקער „טאָג" פאַרעפנטלעכט געווען מיין „בריוו" צו דוד בערגעלסאָן. אין אָט־דעם „בריוו" האָב איך אים געשריבן אַז די אַרבעט וואָס ער טוט אין זיין זשורנאַל איז „אַן אַרבעט וואָס אַנדערע קאָנען עס טאָן בעסער פון אייך, קאָלעגע בערגעלסאָן", און אָט די אַנדערע זיינען טאַקע אַרויס מיטן האַרבן וואָרט און געזאָגט צו בערגעלסאָנען: „אויב קאָמוניזם, לאָזט אונדז! מיר ווייסן בעסער, וואָס עס הייסט אָריענטירן זיך אויף מאָסקווע, לויט מאָסקווע!". דער בריוו־אויסבייט איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דאָזיקן ליטעראַריש־געזעלשאַפטלעכן געראַנגל, איז בכן כדאַי אים איינצושליסן אין אָט־דעם עסיי וועגן ליטעראַטור און לייענער.

„ליבער דוד בערגעלסאָן:

מיט אַ כיוון אַדרעסיר איך מיינע באַמערקונגען וועגן דעם פּראָגראַם פון אייער חודש־זשורנאַל „אין שפּאַן" צו אייך פּערזענלעך. איך בין עטלעכע מאָל אויפגערעגט געוואָרן, ווען איך האָב געלייענט די אַרטיקלען אין דעם ערשטן נומער, האָב איך מורא אַז עס וועט מיר פעלן די רויִקייט, דער ישוב־הדעת וואָס איז נייטיק

*) מער וועגן משה ליטוואַקאָוו ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער זע ווייטער.

אויף צו באַטראַכטן די וויכטיקע אַקטועלע פראַגן, וועלכע איר האָט אָנגערירט. ווען איך וועל זיך אָבער ווענדן צו אייך פערזענלעך, וועט מיין טיפע אַכטונג צו אייערע קינסטלערישע אויפטואונגען מיך פאַרהיטן, האָף איך, פון נישט געווינטשטער היציקייט.

איך וויל אין יעדן פאַל אויסמיידן אַלע קאַפּע־ריידערייען און ריין־פּערסאָנאַלע זאַכן (הלוואי וואָלט אויך איר עס פאַרבייגעגאַנגען אין אייערע פּאָלעמישע נאָטיצן) — און איך וועל זיך אָפּשטעלן בלויז אויף די פּרינציפּיעלע פּונקטן אין אייער פּראָ־גראַם. די וויכטיקסטע פון אָט די פּונקטן וועט איר מיר אפשר דערלויבן צו פאָר־מולירן אַזוי:

1. די גרעסטע, אויב נישט די איינציקע, האָפענונג פון דער יידישער ליטע־ראַטור איצט איז, ווי איר דריקט זיך אויס, „דער אויפּלעבנדיקער יידישער צענטער אין רוסלאַנד".

2. די יידישע ליטעראַטור דאַרף און קאָן זיך שטיצן נאָר אויף די יידישע אַרבעטער.

3. „די אָפּגעגאַנגענע תקופה קאָן נאָר אין דער פאָרעם פון מעמוארן קומען צום וואָרט" (אייערע אייגענע ווערטער).

מאַכט נישט אויס וואָס די אַלע דריי טעזיסן זיינען לאַנג שוין אַרויסגעזאָגט געוואָרן פון די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן דעם מיטלסטן טעזיס געבאָרגט, פון זייער זייט, ביים „בונד", און איר האָט נאָר געגעבן אויף זיי אייער פּאַרשפּעטיקטע הסכמה; די קאָמוניסטן, אַזוי ווי זייערע אַמאָליקע חברים פון „בונד" און אַלע איבעריקע סאָציאַליסטן, זיינען גערעכט אין אַ סך פּרטים, — איז ווען זייער פאַרהאַלטן זיך צו דער יידישער ליטעראַטור זאָל זיין אַזוי ריכטיק, ווי אייניקע אַנדערע פּונקטן אין זייער פּראָגראַם, וואָלט איך אונדז געלעגן אַ חוב זיי צו שטיצן. אָבער איר נעמט אָן דעם קערנדל אמת, וואָס איז דאָ אין דעם „פּראָלעטאַרישן" „אני מאמין", אינאיינעם מיט דער גאַנצער אָנגעוואָקסענער שאָלעכץ פון אומפאַראַנטוואָרטלעכע און שעדלעכע גוזמאות. און אָט דאָס וווּנדערט מיך. איך קאָן נישט פאַרשטיין ווי אַזוי האָט אַ קינסטלער מיט אַ שאַרפן און ברייטן בליק, ווי איר זייט, זיך געקאָנט לאָזן פאַרפירן פון אַזעלכע איינזייטיקייטן.

איר האָט (איך נעם דעם ערשטן פון די דריי פּונקטן) אונטערגעכאַפּט דעם געשריי: „רוסלאַנד איבער אַלעס". איז מעגלעך, אַז איר זאָלט נישט וויסן, נישט פילן, אַז דער סאָוועטישער „אתה בחרתנו" איז פּונקט אַזוי פאַלש און פאַרפירעריש ווי דער געשריי „פּאַלעסטינע איבער אַלעס"? וועט איר זאָגן, אַז איר פאַרלייקנט נישט אין גאַנצן די איבעריקע צוויי יידישע צענטערס — פּוילן און אַמעריקע. איז עס אמת: איר רעדט וועגן אונדזערע אַלע „דריי צענטערס". אָבער ווי, אין וואָס פאַר אַ טאָן רעדט איר וועגן זיי? לייענט איבער, איך בעט אייך, נאָך אַ מאָל, וואָס איר (אינאיינעם מיט אייער מיטאַרבעטער אַלעקסאַנדער כאַשין) האָט געשריבן, וועט איר זען דעם מגושמדיק־טענדענציעזן אונטערשייד וואָס איר מאַכט צווישן רוסלאַנד און די איבעריקע טיילן פון דער יידישער וועלט. אויף רוסלאַנד לאָזט איר קיין שפּרינקעלע נישט פאַלן. אין רוסלאַנד איז אַלץ גוט און שיין.. נאָר ווען איר קוקט אויף פּוילן און אַמעריקע טפּענען זיך ביי אייך די אויגן און איר הייבט אָן זען די שאָטנס. איז טאַקע אין דער אמתן גאַרנישט אויפגעטאָן געוואָרן אין פּוילן און אין

אַמעריקע פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר? זיינען דאָרט טאַקע אויסגעטריקנט געוואָרן אַלע קוואַלן? און נאָר אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַלץ פיין און אַלץ וווּנדערלעך? דאָרט איז נישטאָ קיין זאַך וואָס זאָל זיך נייטיקן אין אויסבעסערונג? קיין זאַך וואָס זאָל אונדז מאַכן פאַרביטערט?

איך וואָלט געווען אמת צופרידן ווען איר זאָלט זיך שטעלן פאַר אַן אויפגאַבע צו באַלייכטן דאָס פאָזיטיווע, וואָס עס איז דאָ אין דעם נייעם יידישן לעבן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווען איר זאָלט דערמאָנען דעם עולם אַז נישט נאָר חורבן און צעשטערונג איז דאָרט, עס קומען פאָר אויך פּראָצעסן פון אויפבוי, פון אויפלעבונג. דאָס וואָלט געווען אַ גרויסער אויפטו. אָבער נאָר דאָן, ווען דאָס זאָל געטאָן ווערן מיט אָפענע, נישט מיט פאַרמאַכטע אָדער פאַרגלאָצטע אויגן.

מאַכן פון רוסלאַנד אַן אָפּגאָט, ברענגען פאַר אַ קרבן אויף זיין מזבח דעם יידישן לעבן און דעם יידישן שאַפן פון אַלע אַנדערע לענדער און שרייען „אלה אלהיך, ישראל!" — דאָס איז אַן אַרבעט, וואָס אַנדערע קאָנען עס טאָן בעסער פון אייך, קאָלעגע בערגעלסאָן. דאָס איז אַן אַרבעט פאַר הורא־קאָמוניסטן, פאַר מעלאָ־דראַמאַטישע אַגיטאַטאָרס, פאַר די וואָס זיינען בלינד אויף אַלע אַנדערע פאַרבן, אַ חוץ רויט און שוואַרץ, פאַר די, וואָס זייער גאַנצער אינעווייניקסטער לעקסיקאָן באַשטייט פון „לעבן זאָל!" און „נידערו!". איר דענקט דאָך נישט אין ערך פּיל־זייטיקער, איר האָט אַן אויג פאַר אַלע, אויך פאַר די שטילערע קאָלירן, איר זעט די איידעלע ניואַנסן בעסער נאָך ווי די רויע, גראָבע פאַרבן, — איז עס דען **אייער** מיסיע „פּייקלדיק צו פּייקלען" אין די פּאַרטייאישע קעסל־פּויקן?

עס איז שוין דאַכט זיך דאָ גענוג טומל אויף דער יידישער גאַס. גענוג שרייט מען און מען ליאַרעמט און מ'הערט נישט וואָס מען רעדט אין אַלע מחנות, פון רעכטס און פון לינקס. קומט איר, איינער פון אונדזערע פיינסטע קינסטלער, און **שפּאַנט** זיך אויך **איין** אין דעם טומלדיקן וואָגן מיט די פּוסטע פּעסער?

איך פיל אייער „היים־ווייי", מיר איז נאָענט אייער גלויבן אין דער צוקונפט פון רוסלאַנד און פון דעם יידישן קיבוץ אין רוסלאַנד*). איך האָב שטענדיק גע־האַלטן פאַר אַ זינד און אַ פאַרברעך, וואָס מען האָט די דאָזיקע גרויסע מדינה מיט אירע גרויסע און טראַגישע וועלט־היסטאָרישע עקספּערימענטן, אָפּגעזונדערט, אי־זאָלירט פון דער וועלט. אָבער דאָס ערשטע און גרעסטע רעכט, וואָס מוז צוריק־געגעבן ווערן צו רוסלאַנד איז — **דאָס רעכט באַטראַכט צו ווערן אָביעקטיוו.** עס איז נישט קיין פּריווילעגיע, נאָר אַ דערנידערונג פאַר רוסלאַנד, ווען מען מוז ריידן וועגן איר נישט אַנדערש ווי וועגן אַ גן־עדן התחתון. עס מוז נעמען אַ סוף צו די ווילדע העצעס, פון איין זייט, און צו די — פּונקט אַזעלכע ווילדע — הורא־גע־שרייען, פון דער אַנדער זייט. די, וואָס העצן קעגן דער סאָוועטן־רעפּובליק, ווייזן, אַז זיי האָבן נאָך אַלץ מורא פאַר איר. די, וואָס האַלטן אין איין דערציילן וועגן איר נסים ונפלאות, ווייזן, אַז זיי גלייבן נאָך אַלץ נישט אין איר כוח. זייליידן, ווי אַלע באַרימערס, פון דעם וואָס מען רופט אַן אַ „קאָמפּלעקס פון אינפעריאָריטעט". אָבער אויב עס איז ריכטיק, וואָס איר טראַכט און זאָגט וועגן דעם יידישן לעבן אין רוסלאַנד, קאָן עס דאָך שוין באַשטיין זיין שטעטל אַליין און דאַרף נישט מורא

---

*) דער אָפענער בריוו איז געשריבן אין 1926.

האָבן פאַר קריטיק. היינט פאַר וואָס גייט איר אויף דעם אויסגעטראָטענעם וועג פון געוויסע „קאָמאינטערן״־לייט, וועלכע טיילן איין די וועלט, ווי אַ מעלאָדראַמע, אין צוויי מחנות: אין אַ מחנה פון נישט־סאָוועטישע רשעים, פון איין זייט, און אַ מחנה פון סאָוועטישע צדיקים, פון דער אַנדערער זייט?

ווען איר רעכנט אויס די גרויסע מעלות וואָס דאָס נייע רוסלאַנד האָט פאַר דעם ייִדישן וואָרט, זאָגט איר אַ סך אמת. אָבער איר זאָגט נישט דעם גאַנצן אמת, און דערמיט שוואַכט איר אָפּ אייער אייגענע פּאָזיציע. דאָס ליכט, וואָס קומט פון רוסלאַנד וואָלט געווען קענטיקער און ממשותדיקער, ווען מ׳זאָל זען אויך די שאָטנס אויפן בילד. איר באַהאַלט די שאָטנס, איר שרעקט זיך פאַר זיי. איר פאַרשווייגט, צום ביישפּיל, דעם זייער וויכטיקן און זייער טרויעריקן פאַקט, וואָס אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קאָן נאָך אַלץ אַ ייִדישער שרייבער נישט זאָגן וואָס ער טראַכט, אויב ער וויל נישט באַיקאָטירט ווערן פון זיינע אייגענע חברים. איר מאַכט זיך נישט־וויסנדיק פון די טיף־דעמאָראַליזירנדיקע מיטלעלטערלעכע און שיער נישט אינקוויזיטאָרישע פאָרמען פון „תשובה״ און „חרטה״, וואָס זיינען דאָרט איינגעפירט געוואָרן פאַר שרייבער, וועלכע האָבן געזינדיקט קעגן דער אָנגענומענער פאַרטייאישער אידעאָלאָגיע. אָדער האַלט איר, אַז אויך **דאָס** איז גוט און גינסטיק פאַר דער פרייער אַנטוויקלונג פון ליטעראַרישן שאַפן?

אייערער אַ נאָענטער מיטאַרבעטער שרייבט אַז עס איז נייטיק אַז די ייִדישע ליטעראַטור זאָל זיך אומקערן צוריק צו דער ייִדישער „געזעלשאַפטלעכקייט״. צי איז אָבער נייטיק אַז די ייִדישע ליטעראַטור זאָל **קאָנטראָלירט** ווערן פון דער „סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקייט״, ווי דאָס קומט איצט פאָר אין רוסלאַנד?

אָט־די פראַגע, ווי אויך אַנדערע פראַגן, וואָס וואַרפן אַ שאָטן אויפן ייִדישן לעבן און אויף דער ייִדישער ליטעראַטור אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, רירט איר נישט אָן. איר ווילט שאַפן דעם איינדרוק אַז אומעטום איז שלעכט, נאָר אין רוסלאַנד איז גוט. איז דאָס, קאָלעגע בערגעלסאָן, די אויפגאַבע פון אַ ליטעראַרישן זשורנאַל? ניין, דאָס קאָן זיין נאָר די מיסיע פון אַ קאַזיאָנעם סאָוועטישן פאַרטיי־אָרגאַן. און עס וועט אייך דערפאַר נישט דאַרפן וווּנדערן, וואָס קאָלעגן, וועלכע האָבן מיטן גאַנצן האַרצן געוואָלט אייך העלפן אין דער אַרבעט, **קאָנען** אייך נישט העלפן. זיי קאָנען נישט און זיי טאָרן נישט העלפן **בינדן** די ייִדישע ליטעראַטור. זיי קאָנען נישט און טאָרן נישט העלפן מאַכן אונדזער פאָלקס־ליטעראַטור, וועלכע שטרעבט צו ווערן אַ נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, פאַר אַ גרופּן־ אָדער קלאַסן־ליטעראַטור. זיי דאַרפן זען אַז זי זאָל אין זיך אַריינעמען די רעוואָלוציע, נישט אַז זי זאָל איינגעשלונגען ווערן פון דער רעוואָלוציע.

און אָט דאָ גיי איך איבער צו דעם צווייטן טעזיס פון אייער פּראָגראַם. איר זייט זייער פּאַרזיכטיק, ווען איר חזרט איבער דעם אַלטן געדאַנק פון ייִדישע סאָציאַליסטן, אַז די ליטעראַטור אויף ייִדיש איז אַן אַרבעטער־ליטעראַטור, אָבער דאָס מאַכט אייער פּאָזיציע אין דעם דאָזיקן ענין נאָך אומקלאָרער. וועט איר מיר דערלויבן צו שטעלן אייך אַ פּאָר פראַגעס:

וואָס הייסט שטיצן זיך אויף די ייִדישע אַרבעטער? שטיצן זיך אויף זייער אידעאָלאָגיע? אָבער איז דען די אַרבעטער־אידעאָלאָגיע אַזאַ באַשטימטע זאַך, ווי מען מאַכט געוויינטלעך דעם אָנשטעל, ווען מ׳רעדט וועגן איר? עס זיינען, ווי איר

וויסט, דאָ ביי ייִדן אַרבעטער, וואָס גייען דריי מאָל אַ טאָג אין שול דאַווענען און פאָרן צו אַ גוטן־ייִדן; עס זיינען דאָ אַרבעטער, וואָס האַלטן נאָר פון העברעיִש און פון ארץ־ישראל. אַפילו דער סאָציאַליזם איז ביי זיי פאַרבונדן מיט דער שפּראַך און דעם לאַנד פון די אָבות. ווידער זיינען דאָ ייִדישע אַרבעטער, וואָס גלייבן, אַז די „דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט" אין רוסלאַנד איז אַ דיקטאַטור נישט **פון**, נאָר **איבער** דעם פּראָלעטאַריאַט, און עס זיינען, פאַרקערט, דאָ פּראָלעטאַריער, וואָס האַלטן יעדן נישט־קאָמוניסט פאַר אַ פיינט און אַ פאַררעטער פון אַרבעטער־קלאַס. „אָריענטירן זיך" אויף די אַלע גרופּעס ייִדישע אַרבעטער מיט איין מאָל איז אוממעגלעך. וואָס ביי איינער איז טאָג, איז ביי דער אַנדערער נאַכט. מוז מען — נישט אמת? — אויסקלייבן **איינע** פון אָט די אַלע גרופּעס. און דאָס הייסט, פּשוט, אויסקלייבן זיך אַ פּאַרטיי, צופּאַסן זיך צו אַ פּאַרטיי. און דאָס זאָל טאָן די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור! גלייבט איר, חבר בערגעלסאָן, אַז אָט אַזאַ מין זאַך וועט אַריינברענגען אין איר לעבן און אויפלעבונג? איך רעכן אַז איר ווייסט אַזוי גוט ווי איך, אַז אַ פּאַרטיי — דאָס זיינען אירע פירערס, אירע „פּאָליטישנס", און אַז אונטערגעבן זיך אַ פּאַרטיי הייסט פאַקטיש ווערן אַ שפּילעכל אין די הענט פון אַ קליינער גרופּע „פּאָליטישנס".

קאָן איך זיך דערפאַר נישט פאָרשטעלן אַז איר זאָלט עס וועלן. איך קאָן זיך אויסמאָלן פּאַרטיי־פּאָליטיקערס וועלכע זאָלן וועלן אויסשפּרייטן זייער מאַכט און זייער קאָנטראָל איבער דעם שאַפן פון קינסטלערס און דיכטערס. איך קאָן זיך נישט פאָרשטעלן אַ דיכטער, און בכלל אַן אמתן שריפטשטעלער, וועלכער זאָל זיך פרייוויליק וועלן פאַרשקלאַפן אָדער זיך אַליין אָנטאָן אַ מיתה גייסטיק.

זייט איר אפשר אויסן, ווען איר רעדט פון אַרבעטער, אָנצווייזן בלויז אויף דעם פאַקט, וואָס דער גרעסטער אָדער בעסטער טייל לייענערס פון דער ייִדישער ליטעראַטור זיינען ביי היינטיקן טאָג אַרבעטערס? ווילט איר מאַכן פון אָט דער נויט „איינע טוגענד"? פון דעם טרויעריקן פאַקט, וואָס מען דאַרף זוכן אָפּצוּשוואַכן זיין ווירקונג, ווילט איר מאַכן אַ פּרינציפּ? ווייסט איר דען נישט, אַז פאַר די ייִדישע אַרבעטער־לייענערס, נישט נאָר פאַר דער עצם ליטעראַטור, איז **שלעכט**, וואָס מיר האָבן אַ סאָציאַל־באַגרענעצטן און קולטור־ענגן לייענער־עולם? ווייסט איר דען נישט, אַז דווקא דערפאַר וואָס די ייִדישע אַרבעטער־מאַסן איז כמעט אומעטום אָנגעוויזן **נאָר** אויף דער ייִדישער ליטעראַטור, פאָדערט **איר** גייסטיקער און ממילא אויך **איר** סאָציאַלער וווּקס, אַז דער ווירקונג־קרייז און דאָס אַרבעט־פעלד פון דעם ייִדישן וואָרט זאָל ווערן ברייטער און וואָס פאַרשיידנאַרטיקער? קאָנט איר דען נישט באַנעמען דעם אין פלוג פּאַראַדאָקסאַלן געדאַנק, אַז דווקא דער ברייט־פאַרשטאַנענער קלאַסנקאַמף פון ייִדישן פּראָלעטאַריאַט זאָל פאַרלאַנגען אַז די ייִדישע ליטעראַטור, אָט דער וויכטיקסטער קוואַל פון זיין גייסטיקער נערונג זאָל **ניט** זיין קיין ענגע קלאַסן־ליטעראַטור? איר קאָנט עס געוויס באַנעמען. איר קלאָגט זיך אַליין אויף דער איינטאָניקייט פון דער „קרעמעריש־איינהייטלעכער מאַסע". אָבער די פּראָלעטאַריש־איינהייטלעכע מאַסע מוז זיין פּונקט אַזוי איינטאָניק, ווי די קרעמערישע.

די ייִדישע ליטעראַטור מוז גובר זיין איר איינטאָניקייט און איר איינזייטיקייט. דערצו זייט איר מסכים. אָבער אויב אַזוי, טאָרט איר נישט העלפן איזאָלירן די

ייִדישע ליטעראַטור פון די ברייטע פאָלקס־מאַסן, דערווייטערן זי פון דער פאָלקס־אינטעליגענץ און מאַכן זי פאַר דער ליטעראַטור פון בלויז איין אַרבעטער־גרופּע, און נאָך ערגער — פון בלויז איין אַרבעטער־**פּאַרטיי**.

איך זיי אַזוי, האָט קיין פּאַראיבל נישט, צעטומלט געוואָרן פון אייער „נייער" „מאַרקסיסטישער" ליטעראַטור־טעאָריע, אַז איר האָט זיך געאײַלט אָפּצופּסקענען, אַז „אַלס פּאַרמיטלעריש־פּאַראורטיילטער עלעמענט איז זי (די ייִדישע מאַסע) שוין במילא פאַראורטיילט ווי אַ קולטור־שאַפנדיקער פאַקטאָר סיי אין אַלגעמיין־מענטשלעכן, סיי אין איר אייגענעם לעבן". אָבער אויף וואָסער סמך האָט איר עס אַרויסגעטראָגן אַ גייסטיקן טויט־אורטייל אויף דער ייִדישער פאָלקס־מאַסע? איר ווייסט זייער גוט אַז זי איז שוין לאַנג געווען „פּאַרמיטלעריש־פּאַראורטיילט", פון דעסטוועגן האָט עס איר נישט געשטערט אָנטיילצונעמען אין דער שאַפונג פון דער נייער ייִדישער ליטעראַטור. אירע שאַפערס, אייך איינגעשלאָסן, שטאַמען ווייט נישט אַלע פון אַרבעטער־פאַמיליעס. היינט פאַר וואָס רעכנט איר אַז די ייִדישע מאַסן, וועלכע האָבן ביז אַהער אַרויסגעגעבן פון זיך וואונדערלעכע שאַפונגס־כוחות, וועלן מיט אַ מאָל ווערן אומפּרוכטבאַר? וואָס פאַר אַ רעכט האָט אייער זשורנאַל צו שרייבן, אַז אַ שטייגער „שלום אַש איז איצט פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור אין פוילן נישט מער ווי אַ טראַדיציע, פאַרגאַנגענהייט, און אַז בכלל קאָן פוילן „נישט ליווערן" קיין „רוי־שטאָפן" פאַר „נייער אַקטועלער קונסט"? שטאַמען נישט צוויי פון די בעסטע פּראָזע־דיכטערס, וואָס זיינען אויפגעקומען אין די לעצטע יאָרן, — שטאַמען נישט י. י. זינגער און אייער מיטאַרבעטער א. מ. פוקס, — פון פוילן? אָדער זיינען די ווערק זייערע פון **קינסטלערישן** שטאַנדפּונקט נישט „ניי" און נישט אַקטועל"?

מ. ל. האַלפּערן, ה. לייוויק, משה נאַדיר, ברוך גלאַזמאַן און אַנדערע האָבן ביז דאָ נישט לאַנג נישט געהאַט קיין שייכות צו דעם, וואָס איר רופט אָן פּראָ־לעטאַרישע גרעסלשאַפטלעכקייט; איר אַליין האָט דאָ גאָר נישט לאַנג אַ גאַנץ קנאַפּע שייכות געהאַט צו איר: זייט איר, זיינען זיי דאַן געווען אומפּרוכטבאַר? איז באמת טאַקע „דער עמעס" אָדער „די פרייהייט" ביי אונדז דער איינציקער באָדן, וואָס טראָגט פּרוכט?

ווען עס זאָל זיין ריכטיק, אַז נאָר ייִדישע אַרבעטערס און נאָר רעוואָלוציאָנערע ייִדישע אַרבעטערס קאָנען שאַפן און געניסן ליטעראַטור אויף ייִדיש, וואָלט אין רוסלאַנד די לאַגע געווען אַזוי שלעכט ווי אין אַנדערע לענדער, וואָרעם דער פּראָצענט פון אמתע ייִדישע אַרבעטערס איז דאָרט, ווי איר ווייסט, נישט קיין סך גרעסער ווי אומעטום.

און וואָס איז שייך צו דער פאַרשיידנקייט פון דעם שטאָף, וואָס איר, קאָלעגע בערגעלסאָן, גלייבט צו געפינען אין רוסלאַנד, וואָלט איך אייך לייכט געקאָנט וויזן, אַז אָן ענלעכע פאַרשיידנאַרטיקייט, ווען מען זאָל נאָר ווילן, קאָן מען געפינען אומעטום. ס'איז אמת, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען איצט דאָ לעבנס־פאָרמען וועלכע זיינען נישטאָ אין אַנדערע לענדער; דערפאַר זיינען אין אַנדערע לענדער פאַראַן אַזעלכע „מאַטעריאַלן", וועלכע פעלן אין דעם היינטיקן רוסלאַנד. אָבער איך קאָן זיך מער אויף דעם איצט נישט אָפּשטעלן. מיין בריוו איז שוין אַזוי אויך צו לאַנג. איך וועל נאָר זאָגן כאָטש עטלעכע ווערטער וועגן דעם דריטן טעזיס אייערן.

איך מיין אייער — פאַר מיר לחלוטין אומגעריכטע און קינסטלערישע אוממעגלעכע — באַמערקונג, אַז „די תקופה וואָס איז ליקווידירט עקאָנאָמיש און סאָציאַל, איז אויך ליקווידירט ווי בוי־מאַטעריאַל פאַר אונדזער היינטיקער קונסט״. איך האָב ענלעכע געדאַנקען געלייענט היפשע עטלעכע מאָל אין די לעצטע יאָרן, אָבער איך האָב, ווי מען זאָגט, נישט געגלייבט מיינע אויערן, ווען איך האָב עס געהערט פון אייך. איך האָב גערעכנט, אַז פאַר אייך, ווי פאַר אַ קינסטלער, איז נישטאָ און קאָן נישט זיין אַזאַ זאַך, ווי „אַן אָפּגעגאַנגענע עפּאָכע״. איר ווייסט, אַז אַ קינסטלער זוכט אין לעבן און אין דער געשיכטע נישט דאָס אייגענע, וואָס עס זוכט דאָרט אַ פּאָ־ליטיקער, אַ פּובליציסט, אַ פּראַקטישער טוער. פאַר זיי איז דער עיקר דאָס, וואָס איז גוט פאַרן **איצט**, דאָס וואָס מאָרגן וועט אפשר קיין זכר דערפון נישט בלייבן. דער דיכטער אָבער דריקט אויס **דאָס מענטשלעכע**, דאָס, וואָס איז איינס אין אַלע זיינע פאַרשיידנסטע פאָרמען... די עפּאָכע פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן און אַלעק־סאַנדער דעם ערשטן איז פאַר טאָלסטאָיען (אין „וואָינאַ אי מיר״) געווען פּונקט אַזוי לעבעדיק ווי זיין אייגענע צייט, די צייט פון „אַנאַ קאַרענינאַ״. פאַר אייך אַליין, חבר בערגעלסאָן, איז אייער צייטגענאָסין מירל דען געווען אַ בעסערער שטאָף, ווי איר „אָפּגעגאַנגענער״ פאָטער, ר׳ גדליה? איר האָט אַליין אַמאָל, דאַכט זיך מיר, געשריבן (און אַ סך אַנדערע דיכטערס האָבן צוגעגעבן), אַז דאָס וואָס ווערט געננו־מען פון אַן איינגעשטעלטן און אַ קריסטאַליזירטן לעבנס־שטייגער איז פאַרן קינסט־לער, דערהויפּט פאַרן פּראָזע־קינסטלער, אַ נישט אין ערך „פּלאַסטישערער״ שטאָף, ווי דאָס אומרו:קע און אומפעסטע פון דעם נישט־זיכערן **היינט**. קומט איר צוגיין און זאָגט אַז ווי באַלד „אין שפּאַן״ „אָריענטירט זיך אויפן איבערבוי פונעם יידישן לעבן אויף נייע יסודות״, טאָר זיינער אַ מיטאַרבעטער נישט נעמען קיין „בוי־מאַטעריאַל״ פון דעם אַלטן לעבנס־שטייגער. אויף אַזאַ אופן וואָלט איר נישט גע־טאָרט דרוקן אין אייער זשורנאַל „די גאָלדענע קייט״ פון י. ל. פּרץ, מחמת דער „בוי־מאַטעריאַל״ פאַר ר׳ שלמהן איז גענומען פון דער אַלטער שטייגער־וועלט? אפשר האָט איר שוין פאַרשפּעטיקט מיט אייער — פאַר מיר, אגב, זייער אינטערע־סאַנטן — „מידת הדין״, מחמת איר האָט גענומען דעם „בוי־מאַטעריאַל״ פון די יאָרן 1924—1925 און איצט איז שוין... 1926?

איך לאַך נישט, חבר בערגעלסאָן. דאָס האָט איר אַזוי געשטעלט די פראַגע, אַז מען מוז קומען צו אַבסורדן. איך בין נישט שולדיק אין דעם, איך בין נאָר טיף פאַרוווּנדערט, וואָס אויף גרויסע פראַגן פון לעבן און קונסט האָט איר **געבאָרגט** ענטפערס ביי אַ געדאַנקענגאַנג וואָס **איז** נישט און קאָן נישט זיין דער געדאַנקענ־גאַנג פון אַ גייסטיק־שאַפנדיקן און פריי־דענקענדיקן מענטשן. איך האָף און גלייב אַז איר וועט לאַנג נישט בלייבן ביי דעם. איך ווינטש עס אייך פון גאַנצן האַרצן... מיר האָבן נישט קיין סך בערגעלסאָנס, און עס טוט וויי דאָס האַרץ און מען נעמט זיך שרעקן פאַר דער צוקונפט, ווען מען זעט זיי בלאָנדזשען.

אייער,

ש. ניגער״.

אין איין טאָג מיט אָט דעם בריוו, פאַרעפנטלעכט אין ניו־יאָרק, איז, ווי גע־זאָגט, געדרוקט געוואָרן מ. ליטוואַקאָווס רעצענזיע וועגן בערגעלסאָנס „אין שפּאַן״, און זי האָט קלאָר באַוויזן אַז נישט די קינסטלערס, נאָר די קאָמוניסטישע פאַרטיי־

פירערס דאַרפן באַשטימען, וואָס עס הייסט „אָריענטירן זיך אויף מאָסקווע“. לויט אָט דער באַשטימונג זייערער טאָרן די „שרייבער און דיכטער“ פון פוילן אָדער אַמעריקע נישט באַנוגענען זיך דערמיט, וואָס זיי פאָרן אָדער ווילן פאָרן קיין מאָסקווע; זיי דאַרפן זען, אַז וואַרשע און ניו־יאָרק זאָלן, — ווינציקסטנס ליטעראַריש — ווערן מאָסקווע, און ווערן זאָלן זיי עס נישט ווען עס איז אין דער אומבאַשטימטער צוקונפט, ווען עס וועט מקוים ווערן די נבואה, אַז „עתידה סאָוועט־רוסלאַנד שתתפשט בכל הארצות“, — ניין, איצט שוין, דעקרעטירט מ. ליטוואַקאָוו, „דאַרפן זיי איבערבויען זייער אינערלעכן פראָנט, זיי דאַרפן באַהערשן זייער צעשויבערטע (!) און ווילקירלעכע (!) אינטויציע לויט אַ באַשטימטן קלאַסן־פּלאַן, זיי דאַרפן פאַרבינדן זייער שאַפונג מיטן לעבעדיקן לעבן פון די אַרבעטער־מאַסן אין זייער קאַמף פאַר באַפרייונג; זיי דאַרפן זאָרגן דערפאַר, אַז די אָנקומענדיקע רעוואָלוציע זאָל אין דער ליטעראַטור נישט טרעפן קיין פוסט אָרט, נאָר זי זאָל געפינען אַ רייכע וועלט פון דיכטערישע געשטאַלטן און פיגורן, וואָס זאָל קענען איר מיטהעלפן אין איר אַרבעט פון צעשטערן און שאַפן, אַ רייכן וואָרט־מאַטעריאַל, מיט וועלכן מען זאָל זיך קענען פרוכטבאַר באַנוצן“...

איר פאַרשטייט? די ליטעראַטור דאַרף זיין רעוואָלוציאָנער נישט נאָר דאַן און דאָרט, ווו עס איז פאָרגעקומען אַ רעוואָלוציע; די ליטעראַטור דאַרף זיין פראָלעטאַריש ניט נאָר אין דעם לאַנד, ווו עס הערשט די „דיקטאַטור פון פראָלעטאַריאַט“; אויך אין פוילן און אין אַמעריקע, ווו עס איז נאָך ווייטלעך פון אַ רעוואָלוציע און ווו דער פראָלעטאַריאַט איז נישט קיין הערשנדיקער, נאָר, פאַרקערט, אַן אונטערדריקטער קלאַס — דאַרף די יידישע ליטעראַטור זיין רעוואָלוציאָנער און פראָלעטאַריש! זי דאַרף זיך, הייסט עס, מאַכן נישט וויסנדיק פון די עקאָנאָמישע, סאָציאַלע און פאָליטישע אומשטענדן, וואָס עקסיסטירן אַרום איר איצט. דער עיקר דאַרף זיין פאַר איר דער „לעתיד לבוא“ — די צוקונפטיקע רעוואָלוציע...

איז עס אַ ביסל אַ צו „אידעאַליסטישער“ סאָרט מאַרקסיזם, אַ מאַרקסיזם וועלכער האָט זיך געשטעלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און זיך פלוצלינג אַרומגעזען אַז נישט דאָס זיין, נאָר דאָס זאָל זיין באַשטימט דעם באַוווסטזיין פון דער ליטעראַטור, אַ מאַרקסיזם וואָס איז מודה, אַז די ליטעראַטור איז נישט מחויב צו זיין דער אויסדרוק און די אָפּשפּיגלונג פון דער עקסיסטירנדיקער קלאַסן־סטרוקטור, נאָר אַז זי קאָן און דאַרף, לויט דער אינסטרוקציע פון אידעאָלאָגן וואָס לעבן גאָר אין אַן אַנדער וועלט — נעמען זיך שאַפן „געשטאַלטן און פיגורן“ פון „וואָרט־מאַטעריאַלן“ וואָס געהערן צו דער צוקונפט. איז עס, זאָג איך, אַ ביסל, און טאַקע מער ווי אַ ביסל, אַ צו... צוקונפטיקער, אַ צו נישט־מאַטעריאַליסטישער מאַרקסיזם. און עס שטימט זיכער נישט מיט דער הויך־אויטאָריטאַטיווער מיינונג פון דעם רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיסט דוד בערגעלסאָן. פאַרזעענדיק, ווי עס ווייזט, דעם אָקערשט ציטירטן טעקסט פון אונדזער קאָמוניסטישן פּוסק אחרון, האָט ער אונדז געגעבן גאָר אַן אַנדערע אויסטייטשונג פון... בעלעטריסטישן מאַרקסיזם. אין זיין „ענטפער ש. ניגערן“ („פרייהייט“, 22סטן אויגוסט, 1926), האָט ער אַליין געפרעגט און אַליין געענטפערט פאַר וואָס זיין ראָמאַן „אין פאַרטונקלטע צייטן“ איז געבליבן נישט פאַרענדיקט. אין דעם דאָזיקן ראָמאַן האָט ער „זיך פאַרמאָסטן, דערקלערט ער אונדז, צו געבן אויף אַ ברייטן לייוונט דעם יידישן מיטלשטאַנד אין רוסלאַנד, צו־

זאַמען מיט דער אַזוי־געראָפּענער ייִדישער גרויס־בורזשואַזיע". דערווייל איז אָנ־געקומען די רעוואָלוציע, „איז דער פּלאַץ, דערציילט בערגעלסאָן, אויף וועלכן איך האָב מיינע „העלדן" פריער געזען, שוין געווען הויל און פּוסט, אָפּגעווישט אַזוי אַז קיין שטויבעלע זייערס איז אויף אים נישט געבליבן, און איך האָב שוין נישט געהאַט וואָס וועגן זיי צו שרייבן". ובכן, לויט דער מיינונג פון דוד בערגעלסאָן, קאָן מען נישט שרייבן קיין ראָמאַן (און מען קאָן אים נישט ענדיקן, אויב מ'האָט אים אָנגעהויבן שרייבן), סיידן די העלדן געהערן צו אַ קלאַס וואָס געוועלטיקט אי־בערן געזעלשאַפטלעכן לעבן. הייַנט ווי אַזוי קאָנען די ייִדישע דיכטערס אין פּוילן אָדער אין אַמעריקע צוליב טאָן מ. ליטוואַקאָוון און פאַבריצירן „געשטאַלטן און פיגורן" פאַר דער „אַנקומענדיקער" הערשאַפט פון פּראָלעטאַריאַט, ווען דער הער־שנדיקער קלאַס איז דערווייל נאָך אַלץ די בורזשואַזיע? האָט דער פּראָלעטאַרישער דיכטער אַזאַ כשוף־שפּרוך, אַזאַ פּסוק, מיט וועלכן ער זאָל קאָנען אָפּשאַפן די גע־זעצן פון קאַרל מאַרקס און זיין נייעם נביא בערגעלסאָן?

אָדער איז דער פּראָלעטאַריאַט דערפאַר מער יחסן, ווייל ער האָט אַן אידייע, בעת די בורזשואַזיע איז אָן אַן אידייע? אָבער אויב די בורזשואַזיע האָט נישט קיין „אי־דייע", איז זי דאָך געווען אָן אַן אידייע אויך דאַן ווען בערגעלסאָן האָט געשריבן די ערשטע קאַפּיטלעך פון „אין פאַרטונקלטע צייטן". פון דעסטוועגן האָט ער זיי גע־שריבן. מסתמא איז דער עיקר נישט די אידייע, נאָר די סאָציאַל־הערשנדיקע ראָלע פון דער בורזשואַזיע. ווי נאָר זי האָט אויפגעהערט צו זיין די הערשערן, האָט בער־געלסאָן, זאָגט ער, מער נישט געהאַט וואָס צו שרייבן וועגן איר... איז דאָס, פאַר־שטייט זיך, אומזין: וואָרעם ווען אַ דיכטער דערציילט אונדז אַפילו וועגן מענטשן פון אַ געוויסן קלאַס, אינטערעסירט אים מער דאָס וואָס זיי זייַנען מענטשן, ווי דאָס, וואָס זיי געהערן צו דעם אָדער יענעם קלאַס: דורך זייער קלאַסן־אָנגעהעריקייט ווייזט ער אונדז זייער שייכות צו דער מענטשהייט, ד"ה צו אונדזער אַלעמענס מענטשלעכ־קייט. און דאָס האָט בערגעלסאָן געקאָנט טאָן אויך נאָך דעם, ווי זיינע העלדן זייַנען דעקלאַסירט געוואָרן. איז זיין דערקלערונג פאַר וואָס ער האָט נישט פאַרענדיקט זיין ראָמאַן „אין פאַרטונקלטע צייטן", מער פאַרטונקעלונג ווי אַ דערקלערונג. אָבער אויב עס איז נישטאָ אַפילו קיין שאָטן פון אמת אין דעם געדאַנק אַז מ'קאָן נישט שרייבן וועגן פאָרשטייערס פון אַ סאָציאַלער גרופּע וועלכע איז אַראָפּ פון בענקל, איז יאָ דאָ אַ געוויסער טייל אמת אין דעם אַז עס איז שווער און אָפט אוממעגלעך צו שאַפן פיגורן און געשטאַלטן, פאַר וועלכע עס איז נישטאָ נאָך גענוג רוישטאָף אין אַרומיקן לעבן. דערפאַר וואָלט גראַד די ליטעראַטור, וואָס מ. ליטוואַקאָוו האָט פאַרלאַנגט אַז מיר זאָלן זי שאַפן, כדי די רעוואָלוציע זאָל שפּעטער „נישט געפינען קיין פּוסטן אָרט" — געווען אַ ליטעראַטור וואָס הענגט אין דער לופטן און האָט נישט קיין לופט אַרום זיך...

אָבער נישט געקוקט אויף דעם האָט מ. ליטוואַקאָוו און זיין נייער תלמיד בערגעלסאָן פאַרלאַנגט אַז די ייִדישע ליטעראַטור אין פּוילן אָדער אין אַמעריקע זאָל לויט איר גייסט זיין נישט פּויליש אָדער אַמעריקאַניש, נאָר... מאָסקוויש!

און איצט?

איצט איז שוין סיי דער רבי, סיי דער תלמיד שטום, און האָבן טענות צו זיי הייסט אפשר גאָר זיין אַ לועג לרש.

8. נאָך וועגן דער ליטעראַטור און דעם פּראָלעטאַרישן לייענער

וואָלט מען עס פאַרלאַנגט נאָר אין נאָמען פון רעוואָלוציע, דער איצטיקער אָדער אַפילו דער קומענדיקער, נישט אין נאָמען פון דער ליטעראַטור, וואָלט מען עס נאָך געקענט ווי עס איז פאַרשטיין. מ׳וואָלט געקאָנט זאָגן: אמת טאַקע, דער ליטעראַטור וועט קיין געזונט נישט צוקומען דערפון וואָס זי וועט זיך לאָזן פאַר־שלינגען דורך דער אַבסטראַקטער אידייע פון דער קומענדיקער רעוואָלוציע אָדער דער שוין אַ ביסל צו קאָנקרעטער העגעמאָניע פון דער געקומענער רעוואָלוציע, אָבער — פאַרפאַלן. מען קאָן זיך נישט העלפן. דער גאָט פון דער צוקונפט, פונקט ווי אַלע געטער, וויל קרבנות, אויך גייסטיקע קרבנות, — מוז מען זיי ברענגען. די ליטעראַטור עקסיסטירט דאָך סוף כל סוף פאַרן מענטשן — וואָלט מען געקאָנט זיך אַריינלאָזן אין דרוש, — נישט דער מענטש פאַר דער ליטעראַטור. און אויב די „קומענדיקע האַרמאָניע״ פון דער מענטשהייט פאָדערט, אַ חוץ „קינדערשע טרערלעך״ און בלוט פון מיליאָנען דערוואַקסענע, נאָך אויך די באַגרענעצונג פון קינסטלערישער פרייהייט און די פּאַרטייִשע השגחה איבער דער ליטעראַטור — לאָמיר בייגן אונדזערע קעפּ מיט טראַגישער הכנעה פאַר דעם באַפעל פון דער געשיכטע! וועט, מילא, נישט זיין קיין אמתע, קיין פרייע, קיין אַלזייטיקע קינסט־לערישע ליטעראַטור אין משך פון אַ געוויסער צייט. אויב עס איז רעכט צו טרעטן מיט די פיס די פּרינציפּן פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט אין נאָמען פון זייער טריומף אין דער צוקונפט, איז צוליב דעם צוקונפטיקן רעכט אויף פּאָעזיע, ווי ל. טראָצקי האָט ער אָנגערופן, אפשר כדאי אויך אָפּצוזאָגן זיך דערווייל פון פּאָעזיע... מ׳דאַרף, אמת, זיין זיכער אַז דאָס איז אַזוי, דאָס הייסט, אַז עס איז טאַקע אין די אינטערעסן פון דער רעוואָלוציע אָט־דער צוים אויפן קינסטלערישן וואָרט און נישט סתם אַזוי, קיין דעספּאָטישער שטיקנדיקער קאַפּריז פון מאַכטהאָבערס. מ׳דאַרף זיין זיכער אַז דערפון וואָס די פאַנטאַזיע, דער געדאַנק און די שאַפונג־קראַפט פון דעם פאָלקס בעסטע קינדער וועט אויף אַ געוויסער צייט „נאַציאָנאַלי־זירט״ ווערן, וועט געווינען דאָס פאָלק און נישט די קליקע, וועלכע רייט אין דעם מאָמענט אויף דער שטומער קליאַטשע. איז מען אָבער זיכער אין דעם און מ׳האַלט, אַז נאָר אויף אָט דעם פיינלעכן און געפערלעכן וועג פון גייסטיקער זעלבסט־באַ־שרענקונג און גייסטיקער זעלבסט־אָפּפערונג קאָן מען קומען צום ציל פון אַ שענערן און אַ מער מענטשלעכן לעבן, — מוז מען זיין גרייט צו פירן דעם איינאונאיינציקן זון (און אַליין גיין) צו דער עקדה...

איז ווען מ׳זאָל איינקוועטשן די ליטעראַטור אין אַ „פּראָלעטאַרישן״ קאָרסעט פון מאָסקווער מאָדעל, צוליב דער קומענדיקער גליקלעכער האַרמאָניע, וואָלט, ביי געוויסע אומשטענדן, געקאָנט זיין דערין אַ גרויסער, ווען אַפילו אַ טראַגישער, זין. אָבער די רעוואָלוציאָנערן ווילן אונדז איינריידן, אַז „דער קאָרעס וויל, מען זאָל אים בראָטן אין סמעטענע״ און אַז די ליטעראַטור וויל צוליב אירע אייגענע אינ־טערעסן, צוליב איר אייגענער צוקונפט זיך לאָזן בראָטן אין דער פּאַרטייאיש־קאָ־מוניסטישער פאָן... דאָס, זעט איר, לייגט זיך שווערלעך אויפן שכל. מוז מען באַ־טראַכטן דעם ענין מיט גרויס ישוב הדעת. מ׳מוז זיך צוהערן מיט קאָפּ צו די אַלע

ראיהס און די אַלע טענות און זען, צי וועט עס טאַקע פאַר דער ליטעראַטור, פאַר איר וווקס און איר צוקונפט זיין אַ גליק אָט דאָס איינשפאַנען זיך אין וואָגן פון דער אַזוי־אָנגערופענער פּראָלעטאַרישקייט.

וועט דאָס זיכער זיין אַ גליק פאַר דער יידישער ליטעראַטור, האָט אונדז געזאָגט בערגעלסאָן. דאָס וועט זי, פשוט, ראַטעווען פון טויט. זי וועט, זאָגט ער, מוזן אומקומען, אויב זי זאָל זיך נישט „אָריענטירן אויף מאָסקווע". (ובא ולא ידע מה נבא — קאָן מען זאָגן אין דעם פאַל: די יידישע ליטעראַטור איז אומגעקומען, — אָבער דווקא אין מאָסקווע און ווי אַ רעזולטאַט פון דעם וואָס זי האָט זיך „אָריענטירט אויף מאָסקווע"). זי וועט אויסגיין, ערשטנס, פון גלייכגילטיקייט און אַסימילאַציע; צווייטנס, פון איינטאָניקייט; דריטנס, פון געטאָ־פּסיכאָלאָגיע („דער שרעקלעכסטער פון אַלע שרעקלעכע יידישע געטאָס").

וועגן דער געפאַר פון „געטאָ", וועגן דעם, אַז עס פעלט אין דער יידישער ליטעראַטור כלומרשט אַן „אַלמענטשלעכע אידייע", האָט דוד בערגעלסאָן זיך דערמאָנט צו ריידן ערשט שפּעטער. אין זיין פּראָגראַם־אַרטיקל פון זשורנאַל „אין שפּאַן" האָט ער זיך נאָך געזאָרגט נישט אַזוי פאַר דער „אַלמענטשלעכקייט", ווי פאַר דער עצם־עקסיסטענץ פון דער יידישער ליטעראַטור. דער טראָפּ איז דאָרט געשטאַנען נאָר אויף דער יידיש־נאַציאָנאַלער, נישט אויף דער אַזוי־אָנגערופענער „אַלמענטשלעכער" זייט. ער האָט געפּרוווט ווייזן אַז אַלע אַנדערע גרופּעס פון יידישן פאָלק, אַ חוץ די אַרבעטער, — זיינען — ווינציקסטנס שפּראַכלעך — אַסימילאַטאָריש אָדער אינדיפערענט און אַז דאָס יידישע וואָרט קאָן זיך האַלטן נאָר אויף די יידישע אַרבעטער. עס איז, הייסט עס, אין די אינטערעסן — האָט ער אונדז געוואָלט זאָגן — פון דער יידישער ליטעראַטור גופא צוצופּאַסן זיך צו... אירע קליענטן און געבן זיי אַזאַ סחורה, וואָס זיי פאַרלאַנגען. דאָס איז נישט געזאָגט געוואָרן בפירוש, און אין זיין „ענטפער" האָט אונדז בערגעלסאָן געוואָלט איינריידן, אַז ער איז בכלל נישט אויסן געווען צו זאָגן אַז די יידישע ליטעראַטור דאַרף זיך שטיצן אויף דער יידישער אַרבעטערשאַפט „ווי אויף אַן אָפּזאַץ־מאַרק פאַרן יידישן בוך", אָבער אין זיין אַרטיקל „דריי צענטרען" (אין דעם ערשטן נומער „אין שפּאַן") האָט מען געפילט אַז זיין וויכטיקסטער אַרגומענט פאַר דער „פּראָלעטאַרישער" אָריענטאַציע פון יידישע שרייבערס איז דאָך דאָס, וואָס „דער יידישער באַוווסטזיניקער אַרבעטער איז אונדזער איינציקער פאַרבינדעטער". איז נייטיק זיך אָפּצושטעלן אויף דעם אַרגומענט. מיר האָבן אים געהערט אויך פון אַנדערע שרייבערס, נישט נאָר פון בערגעלסאָנען. מ'דערציילט אונדז אָפט מיט אַ כיטרען ווונק פון די אויגן וועגן די פייערלעכע קבלת־פּנימס, וואָס קאָמוניסטן מאַכן פאַר זייערע שרייבערס און דעם גרויסן כבוד, וואָס זיי גיבן זיי אָפּ... מ'שעמט זיך נישט צו זאָגן אָפן, אַז די קינסטלערס „קומען" נישט דערפאַר ווייל זיי ווערן קאָמוניסטן, נאָר, פשוט, ווייל די קאָמוניסטן ווייסן ווי זיי אָפּצושאַצן... וויל איך נישט ריידן וועגן דעם, וואָס עס איז דורכויס פיליסטעריש, און לחלוטין נישט „פּראָלעטאַריש" — אָט דאָס גיין זוכן קאָמפּאַניע צו די אַרבעטערס אָדער צו די קאָמוניסטן. איך וויל אויך נישט מאריך זיין וועגן דעם, וואָס עס איז נידעריקער פון אַ מענטשנס (און ממילא אויך פון אַ שרייבערס) ווערדע צו באַהעפטן זיך מיט אַ באַשטימטער סאָציאַלער גרופּע און אַ באַשטימטער סאָציאַלער פּראָגראַם נאָר כדי פּטור צו ווערן

פון „איינזאַמקייט", אַזוי ווי אַ סאָציאַלער קלאַס וואָלט געווען עפּעס אַ מין קלוב, וווּהין מען גייט פאַרברענגען. איך פאַרשוויַיג אויך דאָס פאַרשוועכן דעם כבוד פון דער „פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע" דערמיט, וואָס מען ראַט שרייבערס אַנצו־נעמען זי דערפאַר, ווייל אַרבעטערס לייענען זייערע ווערק און מאַכן זיי יובילייען... עס איז קלאָר, אַז פאַר אַ שרייבער, ווי פאַר יעדן מענטשן, קאָן זיין נאָר איין מאָטיוו צו „קעמפן אין די רייען פון אַרבעטער־קלאַס" — דער מאָטיוו פון קעמפן פאַר סאָציאַלער גערעכטיקייט. איז דער שרייבער באַגייסטערט פאַר די צילן און איז גרייט אָנצונעמען די מיטלען פון דער אָדער יענער אַרבעטער־פּאַרטיי, איז ער און מוז ער זיין נאָענט צו איר, אַלץ איינס צי די אַרבעטער לייענען זיינע ווערק אָדער ניט. אַלץ איינס צי זיי זיינען פאַר אָדער קעגן דער שפּראַך, אויף וועלכער ער שרייבט. דער עצם־מעטאָד פון אָנגעבן אין נדן די סימפּאַטיעס, וואָס יידישע אַרבעטערס אָדער קאָמוניסטן האָבן כלומרשט צו יידיש און פון פאַרלאַנגען דערפאַר בחזרה אַרבע־טער־פריינדשאַפט אָדער סאָוועטן־קולט, — דער עצם־מעטאָד איז אַ ביליקער, אַ קליינלעכער, אַ פאַסקודנער. ער פּאַסט פאַר קרעמערס, פאַר פּאָליטישנס, פאַר צי־ניקערס, נישט פאַר מענטשן פון גייסט... אָבער איך וויל זיך לאַנג נישט אָפּשטעלן אויף דעם. לאָמיר אויף אַ ווילע צולאָזן אַט דעם געדאַנק, מעג ער אונדז זיין ווי דערווידער — אַז אויב יידישע אַרבעטערס העלפן „אונדז", שרייבערס, אויפהאַלטן אונדזער יידישע ליטעראַטור, דאַרפן מיר „זיי" דערפאַר העלפן מאַכן זייער סאָ־ציאַלע רעוואָלוציע (אַזוי ווי די ליטעראַטור וואָלט געווען נאָר אונדזער זאַך און די סאָציאַלע פראַגן נאָר זייער זאַך). — לאָמיר זיך אָנטאָן אַ כוח און אָננעמען אויף אַ ווילע אַט דעם ווילדן און פריקרען געדאַנקענגאַנג: שטיצט ער זיך אויף רעאַלע פאַקטן? איז די יידישע אַרבעטערשאַפט טאַקע באמת דער איינציקער סאָציאַלער אָנהאַלט און דער „איינציקער פאַרבינדעטער" פון דער יידישער שפּראַך, פון דער יידישער ליטעראַטור, פון דער נייער יידישער שול, פון דער גאַנצער יידישער קולטור־באַוועגונג? זיינען יידישע אַרבעטערס טאַקע אין דער אמתן די איינציקע, וואָס לייענען יידישע ביכער, יידישע ציַיטונגען? די איינציקע, וואָס שיקן זייערע קינדער אין די נייע יידישע שולן? די איינציקע, וואָס גיבן אַרויס פון זיך יידישע שרייבערס, יידישע לערערס, יידישע קולטור־טוערס? האָבן די „ברייטע" יידישע פאָלקסמאַסן — דאָס „קליינבירגערטום" — גאָר קיין שייכות נישט אָדער גאָר אַ קליינע, אַ נישטיקע שייכות צו אַט די אַלע זאַכן?

מיר האָבן נישט קיין סטאַטיסטיק און מיר מוזן זיך אין דער, ווי אין אַ סך אַנדערע ענינים, פאַרלאָזן אויף סברות און השערות. די נאָענטסטע סברה און זי־כערסטע השערה איז, אַז יידישע אַרבעטערס שטעלן־צו ביי היינטיקן טאָג בערך אַ גרעסערן פּראָצענט יידישע לייענערס, יידישע שול־קינדער, יידישע לערערס, יידישע שרייבערס און קולטור־טוערס, ווי אַנדערע גרופּעס. אָבער איך בין, ערשטנס, נישט זיכער אַז אַט דער גרעסערער פּראָצענט מיינט פּאַקטיש אַ גרעסערע צאָל (דער צאָלרייכסטער קלאַס פון דער יידישער באַפעלקערונג איז נאָך עד היום — אַפילו אין סאָוועט־רוסלאַנד — די קליין־בורזשואַזיע*), און, צווייטנס, גלייב איך, אַז דער אַקטיווערער און מער פּראָדוקטיווער אינטערעס פון די יידישע אַרבעטער

*) געשריבן אַרום 1926.

צום יידישן קולטור־לעבן נעמט זיך נישט אַזוי דערפון, וואָס זיי זיינען מער צוגע־
בונדן צו דער יידישער פאָלקס־קולטור, ווי דערפון, וואָס דער אַרבעטער־קלאַס
פאַרמאָגט ביי היינטיקן טאָג (אויך ביי אַנדערע פעלקער, נישט נאָר ביי אונדז אַליין)
מער קולטורעלע עלעמענטן און אידעלערע גייסטיקע אינטערעסן, ווי די קליינ־
בירגערלעכע מאַסע. צווישן אַרבעטערס זיינען דאָ מער מענטשן וואָס לייענען און
מער מענטשן, וואָס טראַכטן און פאַרטראַכטן זיך, ווי צווישן הענדלערס און קרע־
מערס. די אַרבעטערס זיינען אויך בעסער אָרגאַניזירט און מער געוווינט צו גע־
זעלשאַפטלעכער אַרבעט און שותּפותדיקייט, ווי די לעצטע. די אַרבעטערשאַפט איז
אומעטום, נישט בלויז ביי יידן, אַ מער דאַנקבאַרע און מער פרוכטבאַרע סביבה
פאַר קולטור־אַרבעט און גייסטיקן שאַפן, ווי די מאַסע הענדלערס און קרעמערס.
איז עס אַ פאַקט, וואָס מ׳דאַרף געוויס האָבן אין זינען. אָבער דאָס הייסט נאָך נישט,
אַז די גאַנצע נייע יידישע קולטור איז אַ קולטור נאָר פון און פאַר אַרבעטערס. זי
איז אַ פאָלקס־קולטור. און די יידישע אַרבעטער אַליין זיינען, אגב, קולטורעל און
כּאַציאַל פאַראינטערעסירט אַז איר ווירקונגס־קרייז זאָל זיין וואָס ברייטער, נישט
וואָס שמעלער, ווי מען וויל עס מאַכן. יידישע אַרבעטערס וועלן האָבן בעסערע צײַ־
טונגען און ביכער, אויב די יידישע פרעסע און ליטעראַטור וועט וואַקסן אויף אַ
באָדן, וואָס איז סאָציאַל דיפערענצירט און ברייט, נישט קליינלדיק. די יידישע אַר־
בעטער־קינדער וועלן האָבן בעסערע לערערס, ליכטיקערע, גרעסערע שולן, אויב
די שול־באַוועגונג וועט אַרומכאַפּן ברייטע שיכטן פון דער יידישער באַפעלקערונג און
נישט זיין נאָר די זאַך פון אַ קליינער און מאַטעריעל אָרעמערע גרופּע. דאָס יידישע
טעאַטער וועט זיין רייכער אין קינסטלערישע און אַנדערע מיטלען, ווען עס וועט
זיין אַ פאָלקס־טעאַטער, נישט סתּם אַ טעאַטער, נאָר פאַר און פון אַרבעטערס. דער
אַרבעטער־קלאַס קאָן זיך בכלל נישט פאַרגינען אין דער היינטיקער געזעלשאַפט
צו איזאָלירן זיך קולטורעל פון דער אַרומיקער וועלט. די איזאָלאַציע וואָלט אים
נישט אָפּגעשיידט פון דעם „בורזשואַזן גייסט“, זי וואָלט אים נאָר אָפּגעשניטן פון
יענע בילדונגס־מיטלען, אָן וועלכע ער קאָן נישט פירן זיין גרויסן און שווערן
קאַמף. די טובה וואָס די בערגעלסאָנס טוען אונדז, דערלויבנדיק אויך אַנדערע
יידישע שיכטן צו גרופּירן זיך אַרום דער „פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור“, איז אַ
קנאַפּע טובה, ווען די ליטעראַטור זאָל זיך אָריענטירן אויף מאָסקווע, וואָלט זי נישט
געהאַט קיין אינטערעס אַפילו פאַר אַ גרויסן טייל יידישע אַרבעטערס, שוין נישט
גערעדט וועגן קליינבירגערטום.

עס מוז אויך קלאָר ווערן, אַז ווען עס רעדט זיך וועגן אַ באַוווסטזיניקער
קולטיווירונג (און אין דער אַטמאָספערע פון אַסימילאַציע, אין וועלכער מיר אַלע
לעבן, מוז זיין אַ באַוווסטזיניקע קולטיווירונג און אַ קולט) פון דער יידישער שפּראַך
און ליטעראַטור, דערציִונג און קונסט, — איז די זיכערסטע שטיצע און דער
שטאַרקסטער אָנהאַלט נישט די „פּראָלעטאַרישע“ אינטעליגענץ, נאָר, פאַרקערט,
יענע אינטעליגענץ, וועלכע איז, לויט איר צונעמעניש, „קליינבירגערלעך“. די פּראָ־
לעטאַרישע אינטעליגענץ שרעקט זיך פאַרן קולט פון גייסטיקע נאַציאָנאַלע ווערטן.
אין אירע אויגן איז עס אַ זינד צו „צאַצקען זיך“ מיט ליטעראַטור און קונסט אָדער
אַפילו מיטן ענין פון דערציִונג, ווי מיט אַ ציל פאַר זיך אַליין. זי טוט עס אַ מאָל,
אָבער זי טוט עס מיט אַן אומרויִקן געוויסן. זי זינדיקט — און האָט חרטה, זינדיקט

— און קוקט זיך אום אין אַלע זייטן, אַז מ׳זאָל זי, חלילה, נישט באַריידן. זי העלפט בויען יידישע שולן און האָט מורא צו זאָגן, אַז זי טוט דאָס פון די שולן וועגן. ניין, דאָס איז ביי איר, זאָגט זי, אַ פּאַרעם פון קלאַסן־קאַמף. יידישע ליטעראַטור און יידיש טעאַטער איז ביי איר נישט יידישע ליטעראַטור און יידיש טעאַטער, נאָר — אַ צו־להכעיס דער בורזשואַזיע. אויסלעבן זיך קולטורעל אין דער אייגענער שפּראַך און אויף אַן אייגענעם אופן, מחמת דאָס איז דאָס פּראָדוקטיווסטע און נאַטירלעכסטע אויסלעבן זיך — איז די אידייע פון יידישיזם, און יידישיזם איז ביי דער „פּראָלעטאַרישער" אינטעליגענץ טריף. יידישיזם, אָט דער באַוווסטזיניקער אויסדרוק פון־נעם וווקס פון דער נייער יידישער קולטור, אָט דער פּרווו צו פאַרשטאַרקן און פאַרשנעלערן דעם וווקס, — איז פון די וואָס שטייען אויפן „פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט", אַלע מאָל באַקעמפּט געוואָרן. זיי אָנערקענען דעם פאַקט פון יידיש, אָבער זיי לאָזן נישט אויפוועקן צו אים אַ מער הייסערן, נאָר אַ ריין־פּראַקטישן, אינטערעס. אין דעם פּרט זיינען זיי ערגער פון דער קאָנסערוואַטיווער מאַסע, וועגן וועלכער בערגעלסאָן האָט אונדז דערציילט אַ נייעס, אַז „מיט איר יידיש ריידן איז די דאָזיקע מאַסע ווייט נישט אויסן די צוועקן פון מאָדערנער יידישער קולטור". דאָס איז אמת. די דאָזיקע מאַסע איז אוודאי נישט אויסן די צוועקן פון דער מאָדערנער יידישער קולטור, אָבער זי האָט נישט קיין מורא פאַר איר אייגענער צוגעבונדנקייט צו יידיש. די טרעגערס פון דער „פּראָלעטאַרישער" אידעאָלאָגיע האָבן מורא. זיי האַלטן אין איין שרעקן זיך, אין איין זיין אייפערזיכטיק, טאָמער וועט דער יידישער אַרבעטער האָבן עפּעס אַ ראָמאַנטישע באַציִונג צו זיין שפּראַך. עס מעג זיין ביי אים אַ רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק, נישט קיין קולטור־ראָמאַנטיק. קולטור, דערהויפּט יידישע קולטור, איז, לויט אָט דער שיטה, נאָר אַ מיטל, נישט קיין ציל פאַר זיך אַליין, — אַ מיטל פאַר פּראָפּאַגאַנדע... דער אַלטער קוק אויף יידיש און יידיש־קולטור, מיט דעם אונטערשייד וואָס אַמאָל איז עס געווען השכלה־פּראָפּאַגאַנדע, וואָס שפּעטער איז עס געוואָרן סאָציאַליסטישע פּראָפּאַגאַנדע און נאָך שפּעטער — פּראָפּאַגאַנדע פון קאָמוניזם, אָבער אַלץ נישט מער ווי פּראָפּאַגאַנדע!

די אידעאָלאָגיע פון יידיש און דער יידישער קולטור האָט אין סאָוועט־רוסלאַנד געמאַכט אַ מוראדיקן שריט צוריק. עס איז דערגאַנגען דערצו, אַז מענטשן וואָס אין האַרצן האָבן זיי ליב די יידישע פאָלקס־קולטור, מענטשן, וואָס זיינען אין איר אויסגעוויקט, האָבן געשטיקט אין זיך זייערע געפילן, געשעמט זיך אָדער מורא געהאַט צו ריידן וועגן זיי, — אַזוי לאַנג געשעמט זיך, אָדער מורא געהאַט זיך איינצושטעלן פאַר זייער שפּראַך און קולטור, ביז... עס איז נישט געבליבן פאַר וואָס זיך איינצושטעלן. צום גליק איז עס פאָרגעקומען נאָר אין לענדער פון דיקטאַטור, נישט אין פרייע מדינות.

צווייטער טייל

לייענערס, דיכטערס, קריטיקערס

1. דער דיכטער און דער קריטיקער

(מאָנאָלאָג)

מיר, די קריטיקערס, האָבן געוויינטלעך צו טאָן נישט מיט זיך אַליין, נאָר מיט אַנדערע שרייבערס. מיר זיינען בודק, מיינט מען, זייערע ציצות, צי זיי זיינען כשר. יעדער פון אונדז, קריטיקערס, איז עפּעס אַ מין ישמעאל, וואָס טשעפּעט זיך צו אַנדערע און אַנדערע טשעפּען זיך דערפאַר צו אים. אַזוי טראַכטן אָפט לייענערס, און זיי וועלן זיך וווּנדערן: וואָס פאַר אַ שייכות האָט אַ ליטעראַטור־קריטיקער צו מאָנאָלאָגן? ווי קומט ער צו ריידן צו עמעצן אָדער מיט זיך אַליין? וואָס האָט ער דען זיך אַליין צו זאָגן? ער וועט דאָך נישט זאָגן זיך אַליין קיין מוסר? ער וועט דאָך אין זיין אייגענעם שרייבן נישט זוכן קיין פעלערס? ער וועט דען צוגעבן אַז אויך ער קאָן אַ מאָל האָבן אַ טעות?

נו, איך אַליין וואָלט זיך פאַרגונען עס צוצוגעבן. פאַרשטייט זיך, נישט ווייל איך בין בעסער פאַר אַנדערע, נאָר ווייל איך האָב קיין מאָל נישט געקוקט אויף קריטיק ווי אויף עפּעס אַ מין ווונדער־אינסטרומענט, וואָס דעקט אויף אויטאָמאַ־טיש ליגנס אָדער אמתן, פעלערס אָדער מעלות. די קונסט פון קריטיק איז פאַר מיר תמיד געווען די איינפאַכע און שווערע קונסט פון לייענען, די קונסט צו זאָגן, וואָס מען האָט פונעם ווערק אַרויסגעלייענט, אַ מאָל אויך וואָס מען האָט אין דעם אַריינגעלייגט; די קונסט צו ווייזן, ווי נאָענט מ׳איז צום שרייבער אָדער ווי ווייט מען איז פון אים; אויך די קונסט צו קומען אין אַן אינעווייניקסטער באַרירונג מיט אַנדערע לייענערס און זיי צו העלפן ווערן מער סענסיטיווע, מער באַוווּסטזיניקע און מער פילזייטיקע לייענערס. הכלל, מיין מיינונג איז תמיד געווען, אַז אויב אין ליטעראַרישער קריטיק איז דאָ עפּעס וואָס קאָן העלפן שאַפן בעסערע שרייבערס, איז עס דערהויפּט דער פרווו אירער (דער דאָנקיכאָטישער פרווו) צו שאַפן בעסערע לייענערס. און ווי באַלד אַז איך האָב, דער עיקר, צו טאָן מיט די וואָס ווילן אויפ־נעמען ליטעראַטור און נישט מיט די, וואָס שאַפן זי, און ווי באַלד אַז כ׳וואָלט אַליין וועלן זיין דערהויפּט אַ געניסער, אַ לייענער, — קאָן איך זיך דאָך פאַרגינען צו פירן אַ שמועס מיט זיך אַליין — און צו ריידן אַפילו וועגן די אייגענע טעותן. מיט וואָס בין איך דען ערגער אָדער בעסער פון אַנדערע לייענערס? זיי מעגן טראַכטן און אַפילו ריידן וועגן זייערע ריין־לעזערישע דערפאַרונגען, איבערלעבונגען אָדער

איינדרוקן, פאַרוואָס זאָל עס נישט טאָרן טאָן דער לייענער, וואָס איז געוואָרן אַ שרייבער? זיי מעגן זיך מודה זיין אַז דער אָדער יענער שרייבער, אַזאַ אָדער אַן אַנדער ווערק זיינס איז נישט פאַר זייער געשמאַק אָדער פאַרשטאַנד אָדער וועלט־באַנעם, פאַרוואָס זאָל עס נישט טאָרן טאָן דער קריטיקער, וואָס אין זיינע אויגן איז ער אויך נישט מער, כאָטש נישט ווינציקער, ווי אַן אינטעליגענטער לייענער?

דער אמת איז אָבער, אַז אויב עפּעס איז שולדיק אין מיין איצטיקן טראַכטן הויך אויפן קול, איז עס נישט מיין לייענען די אָדער יענע ווערק און מיין שרייבן וועגן זיי, נאָר, פאַרקערט, דאָס, וואָס וועגן אַ היפּשער צאָל נייע ביכער האָב איך נאָך נישט באַוויזן צו שרייבן און וואָס אַ היפּשע צאָל פון זיי האָב איך נאָך אַפילו נישט געלייענט. דאָס איז, אין פּלוג, נישט קיין חטא. איז פאַראַן דען אַזאַ סעיף אין שולחן־ערוך, אַז מען מוז לייענען אַלץ וואָס ווערט געדרוקט? עס ווערט, ברוך־השם, אַזויפיל געדרוקט, נישט געקוקט אויפן „קריזיס אין דער יידישער ליטעראַטור", אַז לייענען אַלץ איז גאָרנישט מעגלעך. און איז עס דען נייטיק? איז עס דען גוט — פונעם שטאַנדפּונקט פון גייסטיקער היגיענע — צו לייענען אַלץ וואָס מען דרוקט? איז נישטאָ דען קיין געפאַר פאַרטעמפּט צו ווערן פון לייענען, ווי פון נישט־לייענען? דער עיקר אָבער איז, וואָס דער קריטיקער, אַזוי ווי יעדער לייענער, איז נישט קיין לייען־מאַשין, אַזוי ווי ער איז נישט קיין מאַשין, וואָס פּראָדוצירט „מיינונגען". ער דאַרף, אגב, האָבן מער צייט אויף אַריינצולעבן זיך אין אַ בוך, ווי אַ געוויינט־לעכער לייענער; ער מוז לייענען מיט אַ באַזונדערן חוש פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט... הכלל, ער מוז זיך פאַרשפּעטיקן — און ער פילט זיך באַרעכטיקט צו פאַרשפּעטיקן זיך אַפילו ווען עס רעדט זיך וועגן ווערק, וואָס זיינען ווערט אַז מען זאָל זיי לייענען. פון דעסטוועגן ליגן די ביכער, וואָס איך האָב נאָך נישט באַוויזן זיי דורכצושטודירן — אויפן געוויסן ביי מיר, אַנשטאָט צו ליגן רויק אויף דער פּאָליצע, און ווען אָט דער געוויסן זאָל נישט זיין אַזאַ שטום באַשעפעניש, וואָלט דאָס, וואָס איך שרייב איצט, געווען מסתמא אַ דיאַלאָג, נישט קיין מאָנאָלאָג. יעדער תירוץ מיינער וואָלט פון מיין געוויסן, ווען ער זאָל „אַרויס מיט דער שפּראַכע", געקאָנט לייכט אָפּגע־פרעגט ווערן. אָבער ער טראָגט, ווי געזאָגט, די לאַסט — שווייגנדיקערהייט. אַ פּנים, אַז ער האָט זיך צו איר שוין צוגעוווינט. אויב מיך אַליין לאָזט דאָס בערגל אומרעצענזירטע דרוק־זאַכן נישט רוען, איז עס, ערשטנס, דערפאַר וואָס עס ווערט אַלץ העכער און העכער און עס שטעכט מיר פּשוט אין די אויגן, און צווייטנס, דערפאַר, וואָס צוגעשיקטע ביכער ווערן געוויינטלעך באַגלייט — פון בריוו. די בריוו שרייבן געוויינטלעך די פאַרפאַסערס, און פאַרפאַסערס האָבן אַ טבע אַז אויב מען ענטפערט זיי, שרייבן זיי אַ צווייטן מאָל, און אַז מען האָט נישט קיין מעגלעכ־קייט זיי צו ענטפערן, שרייבן זיי סיי־ווי אַ צווייטן מאָל און — ווען עס איז נייטיק — אויך אַ דריטן און אַ פערטן מאָל. דערביי איז עס אַזאַ מין סאָרט שרייבן, וואָס אַפילו אַ שטיין (און אַפילו אַ פּראָפעסיאָנעלן קריטיקערס פאַרשטיינערט האַרץ) קאָן צעגיין. דערצו דאַרף מען נישט פאַרגעסן, אַז די דאָזיקע, זייער אויספירלעכע, בריוו ווערן אָפט נאָכגעפאָלגט פון נאָך מער אויספירלעכע טעלעפאָן־שמועסן, און אין טעלעפאָן זיינען קריטיקערס נישט מער ווי מענטשן; אייניקע פון אונדז זיינען דאָן אַפילו העפלעך, און כדי צו פאַרקירצן אָט די העכסט־אַנגעשטרענגטע מינוטן זיינען מיר גרייט צוצוזאָגן, וואָס מען פאַרלאַנגט פון אונדז. דאָס מאַכט די לאַגע

נאָך קאָמפּליצירטער. וואָרעם אויב די בריוו, וואָס קומען־אָן גלייך מיט די ביכער, זיינען העפלעך, פריינדלעך, אָפט אַפילו צו פריינדלעך, הייבט די פּאָסט אָן צו ברענגען נאָך די טעלעפאָן־געשפּרעכן מיט די אויטאָרן און נאָך זייערע ערשטע אויסדרוקן פון פריינדלעכקייט — אַזוינע בריוו וואָס זיינען מער ענלעך אויף איינלאַדונגען צו שטעלן זיך פאַרן געריכט, ווי אויף אַ פריינדלעכער קאָרעספּאָנדענץ צווישן צוויי קאָלעגן... אַזוי, אַז די קונסט פון קריטיק ווערט, סוף־כל־סוף, ענלעך צו עפּעס אַ מין קונסט זיך צו מאַכן שונאים...

אָט די נישט־אָנגענעמע לאַגע האָט מיר נישט איין מאָל געצוווּנגען אויסצוזאָגן „סודות פון דער פּראָפעסיע" און צו מאַכן אַזוינע דערקלערונגען, וואָס דעם לייענער, וואָס איז אַליין נישט קיין שרייבער (און עס איז פאַראַן אַזאַ לייענער אויך), קאָנען זיי אויסזען מאָדנע. נאָך ערגער איז, וואָס דער שרייבער, וועלכער איז נישט קיין לייענער (און וויפל זיינען פאַראַן שרייבערס, וואָס זיינען לייענערס?), לייענט נישט די אַלע דערקלערונגען, און אויב ער לייענט זיי, איז ער זיכער, אַז מען מיינט עס אַנדערע, נישט אים, און אַז עס גייט איבער אַ געוויסע צייט — און ער לייענט נישט קיין אָפּשאַצונג פון זיינע אַרבעטן, קאָן מען דען האָבן צו אים טענות פאַר זיינע טענות און תביעות? געוויס נישט. אָבער אויך ער וואָלט נישט געדאַרפט זיך ברוגזן און אוודאי נישט קאָכן זיך און נישט זידלען זיך, סיידן ווען עס זאָלן זיין ביי אונדז ספּעציעלע אָרגאַנען פאַר קריטיק און רעצענזיעס. אויף אינסטיטוציעס קאָן מען אַרויפלייגן אַ פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דער שווערסטער זאַך. אָבער אַ קריטיקער אַ יחיד — פאַרוואָס זאָל ער ווערן דער שעיר לעזאזל פונעם שרייבערס צער און צאָרן? פאַרוואָס זאָל ער מוזן דעם שרייבער מיטהעלפן דעקן די הוצאות, וואָס ער האָט געמאַכט מיטן דרוקן זיין בוך? פאַרוואָס זאָל ער דאַרפן זאָרגן, ווען ער שרייבט וועגן אַ ראָמאַן אָדער אַ פּאָעמע, אַז דער פאַרפאַסער זאָל, חלילה, נישט פאַרשעמט ווערן פאַר זיינע פריינד? פאַרוואָס זאָל ער, לייענענדיק אַ בוך, נישט קאָנען זיין אַזוי פריי, ווי דער שרייבער איז געווען, ווען ער האָט עס געשריבן? פאַרוואָס זאָל ער געשטערט ווערן פון זייטיקע זאַכן? און ער ווערט געשטערט. ער קריגט, ווי געזאָגט, פריִער פריינדלעכע און דערנאָך פיינטלעכע בריוו פון פאַרפאַסערס; סיי די גרויסע פריינדלעכקייט, סיי די בייזקייט און די ביטערקייט לייגן זיך ווי אַ שטיין אויפן וועג און דאָס איז דאָך אַ וועג וואָס דאַרף פירן צו קריטישער אָביעקטיווקייט אָדער אומפּאַרטייִשקייט! דער וועג איז סיי־ווי אַ שווערער; פאַרוואָס זאָל ער דערצו נאָך זיין פול מיט שטיינער און שטרויכלונג? דעם קריטיקער קומט נישט לייכט אָן בייצוקומען זיינע נאַטירלעכע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. פאַרוואָס זאָל ער נאָך דאַרפן זיך ראַנגלען מיט אַן אַטמאָספערע פון גוטפריינדשאַפט אָדער ברוגזדיקייט, וואָס מען שאַפט אַרום אים?

אָבער אַ מענטש, וואָס איז געווען אַזוי נישט פּראַקטיש אַריינצולאָזן זיך אין אַ מלאכה, וואָס איר ריזיקאַלישער אויסגאַנג איז אָדער אַ סך האַס, אָדער אַ ביסעלע פריינדלעכקייט אָדער אמתע שינאה אָדער צווייפלהאַפטע ליבשאַפט, — אַזאַ מענטש וואָלט זיך באַדאַרפט ריכטן אויף אָט דעם רעזולטאַט און נישט אַזוי שטאַרק נתפעל ווערן. אָבער ער וויל — און מעג ווועלן — פאַרדינען סיי די פילן פון ביטערקייט, וואָס זיינען אַזוי אָפט, סיי דעם — מער זעלטענעם — אויסדרוק פון אָנערקענונג, — און פאַרדינען דאַרף ער איין זאַך אָדער די צווייטע, נאָר מיט

שרייבן וועגן ביכער און נישט מיט נישט־שרייבן וועגן זיי. און ווען עמעצער זאָל זיך צוהערן צו אָט דעם אַ ביסל צו־לאַנגען און צו־נערוועזן שמועס, וואָלט איך וועלן אַז ער זאָל סיי די אריכות, סיי די נערוועזיטעט צושרייבן די נישט גאָר אָנגענעמע דערפאַרונגען, וואָס אַ קריטיקער האָט דערהויפּט אין פאַרבינדונג מיט ביכער, וועגן וועלכע ער האָט נישט געשריבן. פאַר נישט־שרייבן ווילט זיך אים נישט האָבן אַזוינע אָנגענעמלעכקייטן. ער האָט זיי געגנוג, ווען ער שרייבט.

דעם קריטיקערס נישט־שרייבן וועגן איינעמס אַ בוך איז דאָך אַ פּראָבלעם. ס'איז אַ ריין־פּערזענלעכע — און אויך אַ ליטעראַרישע פּראָבלעם.

און אַזוי ווי מיין מאָנאָלאָג האָט זיך שוין סיי־ווי פאַרצויגן, וועל איך נאָך אַ ביסל מאריך זיין וועגן אַ קריטיקערס נישט־שרייבן, איידער איך וועל איבערגיין צו זיין שרייבן.

ריין־מענטשלעכע שוועריקייטן שאַפט זיין נישט־שרייבן, ווייל מחברים זיינען בטבע אומגעדולדיקע, און ווען זייערס אַ ווערק ווערט „פאַרשוויגן" אָדער עס ווערט נישט אָפּגעשאַצט גלייך ווי עס גייט אַרויס פון דרוק, פילן זיך אַ סך פון זיי באַ־עוולהט און נישט נאָר ווערן זיי ברוגז אויף די קריטיקערס, — זיי ווערן אויך פול מיט חשדים. עפּעס, טראַכטן זיי, איז דאָ נישט גלאַט. מסתמא האָט דער קריטיקער פניות, פּערזענלעכע חשבונות. אַזוי טראַכטן די, וואָס גלייבן אַ ביסל צופיל אינעם „סוביעקטיוון פאַקטאָר". אַנדערע וואַרפן זיך נישט מיט חשדים סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין. זיי רעכענען אַז דער קריטיקער איז, פּשוט, נישט בכוח אָפּצושאַצן דעם ווערט פון זייער אויפטו, און אַזוי ווי זיי זיינען זייער פריינדלעכע מענטשן, זיינען זיי גרייט אַרויסצוהעלפן אַ חבר — און זיי גיבן אים אַ פאַרטיקן מאַטעריאַל פאַר אַ קריטיק, ער זאָל זיך נישט דאַרפן מאַטערן. זיי רעכענען אויס דעם גאַנצן צעטל מיט מעלות, וואָס זיי האָבן געפונען אין זייער אייגענער אַרבעט. דעם קרי־טיקער בלייבט נאָר איבערצושרייבן עס אַלץ אויף ריין. און אויב ער געהערט נישט צו די, וואָס גלייבן באמת אַז... „זכה — מעשיו נעשים על ידי אחרים", און ער וויל נישט אַנדערע זאָלן אים פאַרשפּאָרן די טירחא אַליין צו טראַכטן — ווערט פאַרלענ־גערט די פּריזער־דערמאָנטע אהובי־ידידי־קאָרעספּאָנדענץ צווישן דעם מחבר און דעם קריטיקער, די קאָרעספּאָנדענץ, וואָס ווען זי פאַרציט זיך (און דער קריטיקער האָט נאָך אַלץ נישט אויסגענוצט דעם מאַטעריאַל, וואָס דער מחבר איז געווען אַזוי פריינדלעך אים צוצושטעלן) — ווערן אין איר די ליבע־דערקלערונגען אַלץ מער ענלעך אויף קריג־דערקלערונגען, — און דאָס געשעט, ווייל דער קריטיקער, כאָטש ער איז אַזאַ בריה אויף מאַכן זיך שונאים, איז נישט אַלע מאָל אויפגעלייגט אַליין צו ווערן אַ שונא דעם צד שכנגד און פירן מיט אים מילחמות.

דאָס איז די ריין־פּערזענלעכע זייט. אָבער דער ענין האָט אויך אַ געזעל־שאַפטלעכן און אַ ליטעראַרישן אַספּעקט.

דער געזעלשאַפטלעכער אַספּעקט פון די טענות, וואָס מחברים האָבן צום קריטיקער, — אויב ער שרייבט נישט וועגן זייערע ווערק — באַשטייט אין דעם, וואָס קעגן זיין ווילן מאַכט מען אים פאַר אַ קהלשן מענטשן. ער וואָלט, ווי יעדער שרייבער, וועלן טאָן זיין אַרבעט אין דער שטיל, אָבער ער ווערט — על אפו ועל חמתו, — אַריינגעשלעפּט אין קהלשע געשעפטן, כאָטש ער איז נישט קיין קהלשער קאָכלעפל.

דער אמתער קהלשער מענטש האָט ליב זיך צו קהלען. ער האָט הנאה פון טומלען זיך. אַרום איז אַ הו־האַ, אַ יאַריד, עס קאָכט ווי אין אַ קעסל־גרוב און ער איז דער „קאָכלעפל" — איז אים גוט... אָבער ווען איז עס גערעדט געוואָרן? ווען ער איז טאַקע באמת געבוירן מיט דעם טאַלאַנט זיך צו מישן אין קהלשע זאַכן און ער פילט זיך „אויפן יאַריד" ווי אַ פיש אין וואַסער... ווי איז אָבער דער דין, ווען מען מאַכט איינעם פאַר אַ קהלשן מענטשן, כאָטש ער וויל עס גאָר נישט און ער טויג נישט דערצו?

אין אַזאַ מין לאַגע געפינט זיך בעל כרחו דער קריטיקער. ער האָט זיך איינ־גערעדט אָדער אַנדערע האָבן אים איינגערעדט אַז אויף אים האַלט זיך די וועלט (ווייניקסטנס, די וועלט פון ליטעראַטור). ער קאָן זי חרוב מאַכן און ער קאָן זי אויפבויען. קומט מען צו אים ווי נאָר עס איז עפּעס אַ צרה אָדער מען מיינט, אַז עס איז אַ צרה אין דער ליטעראַטור (ווען עס איז אַלץ גוט און גלאַט, פאַרגעסט מען אָן אים, אָבער ווי נאָר עס איז עפּעס נישט גלאַט, קומט מען צו אים) מיט טענות: ס'טייטש, ווי דערלאָזט ער עס? וואָס מישט ער זיך נישט אַריין? ווער זאָל עס טאָן, אויב נישט ער? צו וואָס דאַרף מען אים אין גאַנצן, אויב ער זאָל נישט „שטיין אויף דער וואַך"?... אַאַז"ו, אַאַז"ו.

מען קרוינט אים פאַר אַ שופט, פאַר אַ מענטשן וואָס ווייס אַלץ און וואָס אים געהערט דאָס „לעצטע וואָרט" אין אַלע ליטעראַרישע פראַגן און מיינונגס־פאַרשיידנ־קייטן — און אויב ער זעצט זיך נישט צו דער מינוט אויפן „ריכטער־שטול" און זאָגט נישט אַרויס זיין מיינונג (איר'ט ווען געזען — אַ מענטש זאָל נישט אַנדערש ווי מוזן „זאָגן זיין מיינונג"?) אָדער ער דריקט אויס אַ מיינונג, וואָס נישט אַלעמען געפעלט זי (אַ מיינונג מוז דאָך טאַקע נישט אַנדערש ווי אַלעמען געפעלן זיין!) אָדער ער זאָגט גאָר אַרויס אַ פאַלשע מיינונג (אַ מענטש מעג דאָך אַ מאָל אַ טעות האָבן אויך — ער איז דאָך נישט מער ווי אַ מענטש) — באַפאַלט מען אים גלייך און מ'מאָנט ביי אים: ס'טייטש, פאַרוואָס פאַרשוועכט ער די „קרוין", וועלכע מען האָט אויף אים (מיט גוואַלד!) אָנגעטאָן. אָבער אָנשטאָט צו נעמען אָט די נאַרישע קרוין און צעברעכן זי פון כעס אויף פיצפּיצלעך, טוט מען זי אָן אויף אַ צווייטן, דערנאָך אויף אַ דריטן און דאַן אויף אַ פערטן — אַבי עס זאָל זיין ביי וועמען צו מאָנען... מען מאַכט דעם קריטיקער פאַר אַ „גאַנצן סולטאַן", כדי יעדער איינער זאָל קענען קומען און שרייען: „ס'טייטש, ער איז דאָך נישט קיין סולטאַן, נאָר אַ יעוונוד! ווי באַלד אַז ער האָט זיין אייגענעם און נישט אַן אַנדערנס געשמאַק — איז ער איבעריק".

ווען איינער זאָגט עפּעס אין גראַמען אָדער אָן גראַמען, נאָר אין בלאַנקע אָדער פרייע פערזן, וואָס אַנדערע האָבן פריִער שוין הונדערטער מאָל געזאָגט אין אַלע שפּראַכן און דיאַלעקטן פון דער וועלט, איז עס פּראָדוקטיוו־שעפעריש, קינסט־לעריש אאַז"וו. אָבער דער וואָס צינדט אָן אין דער טונקלקייט פון אַ ווערק זיין אייגן ליכט, דער וואָס זאַמלט אויף איינציקע שטריכן און מאַכט פון זיי אַ בילד, דער וואָס שפּינט געדאַנקען־פעדעם, פאַרוועבט זיי און פאַרוואַרפט זיי, ווי נעצן, אין די טיפענישן פון אַ גרויסן גייסט און ציט פון דאָרט אַרויס אַ לעבן, אַ פערזענ־לעכקייט, אַ וועלט אַ גאַנצע, — דער ווערט מיט אַ מאָל אַ פּאַראַזיט, אַ גאַרנישט. ווען איינער „מאָלט אויס" פאַר אונדז זיינע פּוסטע חלומות אָדער ער „באַזינגט" די

לאַנגווייל און די נודנעקייט פון זיין עלנטער נשמה, איז ער אַ „שעפּפער". אָבער ווען איינער דערציילט אונדז, וואָס ער האָט געטראַכט און געפילט, ווען ער איז געקומען אין באַרירונג מיט אַ רייכן קרעאַטיוון לעבן, ווען ער איז באַלויכטן און אויפגעציטערט געוואָרן פון אַ גרויסן ווערק — דער איז אויף גאָטס וועלטל אַן איבעריק באַשעפעניש...

גיין, ער איז נישט איבעריק. מען דאַרף אים האָבן פאַר... אַ שעיר לעזאזל.

מען שטעלט זיך פאָר דעם קריטיקער ווי אַ מענטשן וואָס שטייט מיט אַ בייטש איבער דער ליטעראַטור, כּדי צו קאָנען דערנאָך טענהן אַז ער מאַכט זי מיט זיינע „גיפטיקע סקאָרפּיאָנען" פאַר אַ קאַליקע, אָנשטאָט זי צו טרייבן פאָרויס... מען שרייבט אַזוי: „פון אַזוינע סקאָרפּיאָנען הענגט לרוב (אָפּ) דער שיקזאַל פון די ערשטע בלומען פון מענטשלעכן זשעני, זיינע ערשטע און זיכערע טריט פון אַ וועלט־באַשאַפונג. די ערשטע צאַרטע בלומען פרירן נישט זעלטן שוין בלויז פון קעלט, די גאַל אָבער פון אַ סריס און קריטיקער איז אָפט פאַר זיי אַ זיכערער טויט"... און דערנאָך שרייט מען אויס: „דער אינסטיטוט פון קריטיקער איז פונקט אַזאַ אומגעהייער ווי דער אינסטיטוט פון סריסים, און ביידע דאַרפן אָפּגעשאַפט ווערן פון דער וועלט!"*) אָבער צו־וואָס צושרייבן דער קריטיק אַזאַ מאַכט? צו־וואָס זיין — אָדער מאַכן זיך — נאַיוו און גלייבן אַז דער „מענטשלעכער זשעני" ליגט אין די הענט פון די אַזוי־גערופענע קריטיקערס? מיר האָט זיך נאָך נישט געמאַכט צו זען אַ „זשעני" אָדער אפילו אַ פּשוטן טאַלאַנט אָדער אפילו נאָר אַ פּשוטן גראַ־פאָמאַן, וואָס זאָל אויפהערן שרייבן צוליב אַ בייזער קריטיק. ווען אַ „בייזע" אָדער אַ „גוטע" קריטיק וואָלט פאַרן שרייבער געווען טאַקע מיט אַן אמת אַ פראַגע פון „לעבן און טויט", וואָלט יעדער שרייבער דאָך געמוזט כּאָטש עטלעכע מאָל אין זיין לעבן אָוועקשטאַרבן און עטלעכע מאָל פון דאָס ניי געבוירן ווערן! וועגן יעדן שרייבער דרוקט מען אי „בייזע", אי „גוטע" „קריטיקן": וואָלט ער פון דער בייזער קריטיק געדאַרפט קריגן דעם „זיכערן טויט", און פון דער „גוטער" — צוריק אויפשטיין תּחית המתים... צום גליק נעמט זיך דער אמתער טאַלאַנט גאָר נישט אַזוי שטאַרק צום האַרצן, ווען מען שרייבט וועגן אים „שלעכט", און ער ווערט נישט אַזוי שטאַרק נתפּעל, ווען מען „לויבט אים"... און איך רעכן, אַז אַזוי טוען אויך די, וואָס מען רופט זיי (הלוואַי וואָלט מען זיי בעסער נישט אָנגערופן) „קרי־טיקערס". אויך זיי טוען דאָס זייעריקע — און אַ מיינונג וועגן זיי מעג זיך יעדער איינער, טראַכטן זיי, האָבן וואָסערע ער וויל, פונקט אַזוי ווי זיי אַליין ווילן האָבן די פרייהייט צו טראַכטן וועגן אַנדערע וואָס זיי ווילן.

אויב אַ קריטיקער נעמט זיך און דאַרף זיך נעמען עפּעס צום האַרצן, איז עס, ווי געזאָגט, דאָס, וואָס בעת אַ געוויינטלעכער שרייבער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זיך אַליין, איז דער קריטיקער אַ מין קהלשע אינסטיטוציע...

קיינער וועט נישט זאָגן, אַז דראַמע אָדער ליריק דאַרף אָפּגעשאַפט ווערן פון דער וועלט — וואָס איז? מענטשן וואָס שרייבן שלעכטע דראַמעס אָדער שלעכטע לידער זיינען אין דער ליטעראַטור דאָ מער ווי פאַרפאַסערס פון גוטע דראַמעס און גוטע לידער. אָבער ווען עמעצן איז נישט געפעלן איינעמס „קריטישע" טעטי־

*) „די פעדער", ניו־יאָרק, מאַרץ, 1920.

קייט, גיט ער זיך אַ קרים און זאָגט: אָ, די קריטיק! און ער איז מבטל נישט דעם אָדער יענעם פאַרשטייער פון אָט דער ליטעראַרישער פאָרעם, נאָר די עצם־פאָרעם, דעם עצם־פאַך. ווי באַלד אַז צווישן די וואָס שרייבן קריטיק זיינען דאָ אַזוינע וואָס זיינען אימפּאָטענט (געוויס זיינען צווישן קריטיקערס דאָ אַזוינע נישט ווייניקער ווי צווישן ליריקערס, דראַמאַטיקערס אאַז״וו), הייסט עס, אַז קריטיק איז אַן „אינסטיטוט פון סריסים“...

אַזאַ באַציִונג צו קריטיק מוז באמת אַרויסרופן ביי אונדז טרויעריקע געדאַנקען. אַזאַ שטעלונג באַווייזט ווי פאַלש מען פאַרשטייט דעם עצם־ענין פון קריטיק, בעת זי איז פונקט אַזאַ פרייע און אינדיווידועלע פאָרעם פון שאַפן ווי אַלע אַנדערע פאָרמען, האָט מען גענומען און געמאַכט פון איר עפּעס אַ מין קהלשן האַנטעך, עפּעס אַזוינס וואָס עקסיסטירט נישט צוליב זיך אַליין, נאָר צוליב איר השגחה אויף ליטעראַרישער כשרות אָדער צוליב די שרייבערס וואָס וואַרטן אויף אירע קאָמפּלימענטן.

מען טראַכט אַזוי: דער קריטיקער שרייבט וועגן ליטעראַטור — הייסט עס: ער איז איבער איר דער אויפזעער, און ווי באַלד ער איז דער אַפּוטרופּוס, איז — אָדער: זע, אַז פון דאַך זאָל נישט רינען און ווינטער זאָל זיין וואַרעם און זומער — קיל, אָדער: „מיר דאַרפן נישט קיין משגיחים“. מען קוקט אויף דעם קריטיקער ווי אויף אַ כהן־גדול — און מ׳הייסט אים זיין אַ שמש.

דער לייענער וויל, אַז די קריטיק זאָל אים באַדינען. פאַרן שרייבער עקסיסטירט זי נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל ער קאָן פון איר מאַכן אַ... פּרעסע־אַגענט. אַנדערש, זאָגט ער, דאַרף ער זי נישט האָבן. אים פאַלט נישט איין אַז זי איז אַ ציל פאַר זיך אַליין, ווי אַלע אַנדערע פאָרמען פון ליטעראַרישן שאַפן. ער שטעלט זיך נישט פאָר, אַז איינער זאָל מאַכן פאַר זיין טעמע ליטעראַטור אָדער קונסט און דערביי האָבן אין זינען נישט די ליטעראַטור אָדער די קונסט, נאָר זיין אייגענע באַדערפעניש (און זיין אייגענע פעִקייט) אויסצודריקן די געדאַנקען און די געפילן און די חלומות וואָס ער האָט, בעת ער לייענט אַ בוך אָדער באַטראַכט אַ קונסט־ווערק. ער פאַרגעסט אַז אַ שרייבער מעג מאַכן פאַרן אָביעקט פון זיין שרייבן ליטעראַטור אָדער קונסט און דאַך נישט נעמען אויף זיך מער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, מער התחייבותן ווי דער, וואָס שרייבט וועגן די איינדרוקן, וואָס ער האָט פון אַ זונפאַרגאַנג, פון דעם רעש אין שטאָט, פון דער געליבטער, פון קריג, פון רעוואָלוציע.

מען האָט זיך שוין צוגעוווינט צו דעם געדאַנק אַז אַ ליריקער אָדער אַ דראַמאַטיקער איז נישט מחויב צו ווירקן אויפן עצם „לעבן“, וואָס ער שילדערט; עס איז גענוג וואָס ער ווירקט אויף אונדז. בלויז פון דעם, וואָס מען רופט־אָן קריטיקער, פאַרלאַנגט מען, אַז ער זאָל אויסבעסערן דעם אָביעקט פון זיין שרייבן, די ליטעראַטור און נישט באַנוגענען זיך מיט דער ווירקונג, וואָס ער האָט אויף אונדז. אַזוי ווי עס זאָל גאָר נישט מעגלעך זיין אַז איינדרוקן פון ליטעראַטור זאָלן זיין פונקט אַזוי וויכטיק און באַדייטנדיק ווי די איינדרוקן וואָס אַנדערע שרייבערס (פּאָעטן, ראָמאַניסטן, דראַמאַטיקער) באַקומען פון לעבן.

מ׳נעמט אָפּ ביי דעם קריטיקער די רעכט, וואָס עס האָבן אַנדערע שרייבערס — און פאָדערונגען שטעלט מען אים גרעסערע, ווי אַלעמען; מען פאַרלאַנגט פון אים אַז נישט נאָר זאָל ער אַליין זיין אַ גוטער שרייבער, נאָר, אַז ער זאָל אַנדערע

איך מאַכן פאַר גוטע שרייבערס. מ'ליגט אויף אים אַרויף די גרעסטע התחייבותן, מען גיט־איבער אין זיין רשות די לייענערס מיט די שרייבערס אינאיינעם, מען הייבט אים אויף אויף דער העכסטער הייך, און דערנאָך, ווערנדיק ברוגז, וואַרפט מען אים אַראָפּ לבירא עמיקתא. מען לייגט אים אַריין צען איילן אין דער ערד.

אַ קהלשער מענטש! — מעג יעדער קומען צו אים מיט זיינע טענות!

אַזוי אַ שרייבער וועט קיינער נישט זאָגן קיין דעה, וועגן וואָס ער זאָל שרייבן און וועגן וואָס — נישט. אויב ער האָט ליב צו נעמען זיך דווקא פאַר אַזאַ מין טעמע און אַן אַנדערע מיידט ער אויס — וועט מען עס אויסנוצן אויף צו כאַראַקטעריזירן זיין געשמאַק, זיין טעמפּעראַמענט אד"גל. מ'וועט נישט פרעגן קיין קשיות, פאַר וואָס ער שילדערט אַזוינע טיפּן און נישט קיין אַנדערע. ער נעמט דעם שטאָף, וואָס ער דאַרף פאַר זיין שאַפן. קריטיקערס אָבער האָבן אַפילו נישט די פרייהייט זיך אויסצוקלייבן זייערע טעמעס. יעדערער גיט זיי עצות, יעדער האָט עפּעס אַ רעכט אויף זיי: שרייבן זיי וועגן פּאָעזיע, האָבן פאַראיבל די וואָס האָפן געבויט צו ווערן פון זייער פּראָזע־קריטיק; וועלן זיי אָנהייבן וועגן פּראָזע, וועט זיך קרימען אַן אַנדערער... און אַ דריטער וועט זאָגן: נישט וועגן פּאָעזיע און נישט וועגן פּראָזע דאַרף מען „זיי" לאָזן שרייבן, וואָרעם פּראָזע פאַרשטייען נאָר די, וואָס זיינען מייסטערס פון פּראָזע, און פּאָעזיע פאַרשטייען נאָר פּאָעטן... און אויב זיי וועלן זאָגן צו אים: היינט ווי אַזוי קאָנסטו שרייבן וועגן קריטיק — דו ביסט דאָך נישט קיין קריטיקער? וועט עס זיין אומזיסט. וואָרעם אַ קריטיקער קאָן נישט האָבן קיין טענות, מען קאָן נאָר צו אים האָבן טענות: ער איז אַ קהלשער מענטש...

ער וואָלט זיך אָבער געשעצט גליקלעך, ווען מען זאָל אים לאָזן צורו און נישט אַרויפלייגן אויף אים קיין שום אַנדערע התחייבות, אַ חוץ די וואָס עס טראָגט אויף זיך יעדער שרייבער.

די איינציקע פליכט, וואָס ער וואָלט געקאָנט און געדאַרפט נעמען אויף זיך, איז די פליכט נישט צו שרייבן וועגן ביכער וואָס זיינען נישט גוט און נישט שלעכט... דאָס איז דער פּריזער־דערמאָנטער ליטעראַרישער אַספּעקט פון זיין נישט שרייבן.

...אַ שלעכט בוך איז שלעכט. ערגער איז אַ בוך, וואָס איז — „נישט גוט און נישט שלעכט". דאָס איז דער אומפּרוכטבאַרסטער מאַטעריאַל פאַר קריטיק.

אַ שלעכט בוך קאָן אייך אַרויסברענגען פון די כלים און אַריינברענגען אין כעס: איז עס שוין אויך עפּעס אַ זאַך! ביכער, וואָס זיינען „נישט גוט און נישט שלעכט", לאָזן אייך קאַלט, גלייכגילטיק, פּאַסיוו; איר האָסט זיי אַפילו נישט!

אַז איר דערזעט אַן אייגנאַרטיק געזיכט, אַזוי עפּעס אַ מאָדנע אומגעריכט בילד, — שטעלט איר זיך אָפּ קוקן. איז עס שיין, איז גוט; העסלעך, — איז עס אַ מאָל נאָך אינטערעסאַנטער. ווי אָפט קוקן מיר זיך צו צו עפּעס אַן אומגעלומפּער־טער אויסגעקרימטקייט פון אַ ליניע, צו אַ ווילדן מישמאַש פון פאַרבן, צו אַ מום אויף אַ קערפּער, צו עפּעס אַ העסלעכן אויסדרוק פון אַ געזיכט, צו עפּעס אַ פּי־פערנאָטערישער געשטאַלט פון אַ האַלב־פאַרגליווערטן וואָלקן! מיר קוקן זיך צו אַזוינע זאַכן נאָר דערפאַר, ווייל זיי זיינען אויסטערליש... אויסטערלישקייט איז דעם יצר־הרעס געלונגענסטע מאַסקע. לילית פאַרשטעלט זיך נישט אַזוי פאַר אַ שיינער, ווי פאַר אַזאַ וואָס איר האָט נאָך קיין מאָל נישט געזען. מיר שאַצן צו

ווייניק אָפּ די ראָלע, וואָס נייגעריקייט שפּילט אין אונדזער לעבן (און אויך אין אונדזער עסטעטישן לעבן)... אַ שלעכט בוך איז אָפּט מאָל גוט שוין דערמיט אַליין, וואָס עס רייצט אונדזער חוש פאַר טשיקאַוועקייט. ווען אַפילו עס רייצט אים נאָר אויף, אָנשטאָט אים צו באַפרידיקן, — איז עס אויך אַן ענין: זיין אָפּגעענטפערט איז אַן ענדערונג אין אונדזער פּסיכישן צושטאַנד, און יעדע ענדערונג לאָזט אין אונדז איבער די אָדער יענע שפּורן. אַנדערש איז אַ בוך וואָס איז „נישט גוט און נישט שלעכט": עס פאַרשווינדט אָן אַ זכר, אַזוי ווי עס זאָל קיין מאָל נישט האָבן געווען אויף דער וועלט. עס בלייבט נישט קיין פלעק אויף דעם אָרט, וווּ עס איז געלעגן. עס אַנטוישט אונדז נישט, ווייל עס האָט נישט באַוויזן אויפצוּוועקן אין אונדז האָפענונגען.

אַ שלעכט בוך קאָן אונדז אַ מאָל אַמוזירן — מיט זיין לעכערלעכקייט. איך האָב געקענט אַ געבילדעטן גראַפאָמאַן, וואָס ער האָט אויפגעשריבן אַ... צווייטן „פאַוסט"; ס'איז געווען נישט קיין לאַנגווייליקער, כאָטש אַ זייער אומבאַהאָלפענער חיבור. איך האָב עס געלייענט ווי אַ פאַראַדיע. דעם פאַרפאַסערס פייערלעך־אָנגע־שטרענגטער ערנסט האָט די פאַראָדיע־האַפטיקייט פון בוך געמאַכט נאָך קענטי־קער, אויסדרוקפולער. איך האָב געזען פאַר זיך אַ קליינגעוויקסיקן מענטשעלע, וואָס האָט מיט זיין קאָמיש אויסגעצויגן הענטעלע זיך פאַרמאָסטן אַראָפּצונעמען די קרוין פונעם קאָפּ פון אַ ריז און זי אָנטאָן אויף זיך. דאָס האָט זיך שיר נישט געפּאַסט פאַר טשאַפּלינס אַ „קינאָ"־בילד... אַ בוך, וואָס איז „נישט גוט און נישט שלעכט" וועט אייך קיין מאָל נישט געבן אַזאַ איינדרוק. אין אַזאַ בוך זיינען די צילן און די מיטלען קיין מאָל נישט אַזוי דיספּראָפּאָרציאָנעל אַז איר זאָלט זיך צעלאַכן. די צילן אין אַזאַ מין שאַפונג זיינען אַזוי אומבאַדייטנדיק אַז איר מערקט גאָרנישט, ווי און ווען זיי ווערן... נישט דערגרייכט. אַזעלכע „נישט גוטע און נישט שלעכטע ווערק" זיינען שלעכט נאָר אויך דערמיט וואָס זיי מאַכן אייך פאַר אַן אומדאַנקבאַרן מענטשן: איר גראַטולירט נישט זייער פאַרפאַסער, איר דריקט אים נישט די האַנט, איר ווייזט אים נישט אַרויס דעם מינדסטן סימן פון צופרידנקייט, כאָטש ער האָט זיין זאַך אפשר גאַנץ גוט געטאָן. איר זענט אומדאַנקבאַר, אָבער איר זענט נישט שולדיק; איר האָט נישט דערזען די גוטסקייט פון דער זאַך, אַזוי ווי איר וואָלט מסתמא נישט באַמערקט אויך, ווען זי זאָל זיין נישט גוט... איר האָט איינפאַך נישט קיין אויג, קיין אויער, קיין שום חוש פאַר אַזאַ מין זאַך, ווייל איר האָט פאַר איר קיין מאָס נישט. קאָנט איר פאַרגלייכן די אַרבעט פון איין מוראַשקע מיט דער אַרבעט פון אַן אַנדערער? עס קאָן זיין אַז צווישן מוראַשקעס זיינען פונקט אַזוי, ווי צווישן מענטשן, פאַראַן גוטע אַרבעטער און שלעכטע, גאָר גוטע און גאָר שלעכטע; אָבער כדי עס צו קאָנען אָפּשאַצן, כדי עס צו וויסן, מוז מען אַליין זיין אַ מוראַשקע! דער חסרון פון די ווערק, וואָס וועגן זיי רעדט זיך דאָ, איז נישט דאָס, וואָס זיי זיינען נישט גוט און נישט שלעכט; זיי זיינען אפשר שלעכט? און אפשר זיינען זיי גאָר גוט? אָבער נישט זייער גוטסקייט און נישט זייער שלעכטקייט עק־סיסטירט פאַר אונדז. עס איז אַזוי ווי אַ געריכט וואָס מען האָט פאַרגעסן אין דעם אַריינצושיטן זאַלץ: ווער קאָן וויסן, צי עס איז געשמאַק אָדער נישט?

פון אַ שלעכטן בוך, איך מיין פון אַזאַ בוך, וואָס שטעלט אייך נישט צופרידן, אָבער עס ליגט אין דעם פעלד פון אייער ראיה און אייערע ווערטן — קאָנט איר

עפּעס לערנען: איר קאָנט לערנען פון אים, ווי מען דאַרף נישט שרייבן און פאַרוואָס מען דאַרף נישט שרייבן אַזוי. דאָס קאָנט איר פון אַ שלעכטן בוך לערנען גיכער ווי פון אַ גוטן. אַ גוט ווערק וועט אייך אויסלערנען דעם ווי, אָבער נישט דעם פאַרוואָס. אין אַ גוטן בוך זיינען פאַראַן אָדער גאָר נישטאָ קיין פעלערן, אָדער (און דער פאַל איז אַ סך אָפטער) די פעלערן זיינען באַהאַלטן אַזוי, אַז איר זעט זיי נישט, אָדער (און דאָס איז דער אָפטסטער פאַל) די מעלות פאַרנעמען, פאַרכאַפּן אייך אַזוי, אַז עס בלייבט נישט ביי אייך קיין אויפמערקזאַמקייט פאַר די פעלערן. לערנען זיך אָבער קאָן מען נאָר ווען מען איז צו די פעלערן אויפמערקזאַם, און אויפמערקזאַם איז מען צו זיי מער ווי אַלע מאָל, ווען אַן אַנדערער האָט זיי געמאַכט (אָדער ווען מען האָט זיי גאָר אַליין געמאַכט, אָבער מען איז איצט שוין פאַר זיך אַליין — אַן אַנדערער) — און ווען מען האָט זיי געמאַכט אַזוי, אַז זיי זיינען קענטיק. אין אַ בוך, וואָס איז „נישט גוט און נישט שלעכט" זיינען זיי נישט קענטיק. ווילט איר זיי זען (און אויסמיידן), מוזט איר פון צייט צו צייט לייענען ביכער, וואָס זיינען שלעכט.

זייער מעלה איז, וואָס זייערע חסרונות זיינען פונקט אַזוי בולט, ווי אין גוטע ביכער — די מעלות. און אַזוי ווי לערנען זיך אויסמיידן פעלערן איז לייכטער ווי לערנען זיך האָבן מעלות, זיינען, אין אַ געוויסן זין, שלעכטע ביכער (פאַר גוטע תלמידים) אַ בעסערער לערער, איידער גוטע ביכער. גוטע ביכער דערציִען אייער געשמאַק, נישט אייער באַוווסטזיין. האָבן אַ גוטן געשמאַק איז געוויס וויכטיקער איידער וויסן, וואָס איז אַ גוטער געשמאַק און פאַרוואָס איז ער גוט, אָבער אויך וויסן איז וויכטיק. און אַזוי ווי דאָס קאָן מען זיך אויסלערנען דווקא פון אַ שלעכטן בוך, איז ניצלעך צו לייענען, אַ חוץ גוטע, אויך שלעכטע ווערק. די גוטע — וועלן דערציִען אייער געשמאַק (אויב ער איז ראוי דערצויגן צו ווערן), די שלעכטע — אייער באַוווסטזיין. די גוטע — וועלן מאַכן, אַז איר זאָלט זיך צוגעווינ[ע]ן צו גוטס, די שלעכטע — אַז עס זאָל זיין ביי אייך נישט בלויז אַ געוווינהייט, נאָר אויך אַ ווערט.

שלעכטע ביכער קאָנען פאַרדאַרבן דעם געשמאַק. אָבער דאָס איז, ווען מען לייענט נישט קיין גוטע ווערק. לייענט מען אויך גוטע, — דאַן העלפן די שלעכטע בעסער צו פאַרשטיין און העכער צו שעצן די גוטע ווערק. אַ שלעכט בוך קאָן אַ מאָל געשריבן זיין דווקא פון אַ טאַלאַנטפולן שרייבער, און אין דער גרעזעלשאַפט פון אַ טאַלאַנט איז גוט צו זיין אַפילו ווען ער דערגרייכט נישט זיין ציל, נאָר ער קעמפט פאַר אים. פאַר וואָס קעמפן פאַרפאַסערס פון ביכער, וואָס זיינען „נישט גוט און נישט שלעכט"? אַן אמת־טאַלאַנטפולער מענטש וועט נישט אָנשרייבן קיין „פאַרעווע" בוך. ער וועט אונדז מיט עפּעס שטענדיק פאַראינטערעסירן — אויב נישט מיט זיין ציל, איז מיט זיין וועג, אויב נישט מיט זיין וועג, איז מיט זיינע אומוועגן, מיט זיין בלאָנדזשען. אַ באַגאַבטער מענטש וועט צען מאָל געשטרויכלט ווערן, צען מאָל פאַלן, אָבער דאָס וועט זיין אַ „פאַלן, וואָס האָט דאָס אויפקומען אין זיך". ער וועט פאַלן שטייגנדיק. עס וועט תמיד זיין עפּעס אַ קראַפט, אַ ווילן, אַ געוואַגטקייט, אַ פּרווו — און ממילא אויך אַן אָנלערנונג און אַן אויפטו — אין זיין נישט־געלונגענעם ווערק. אַ נישט־געלונגען ווערק פון אַ שעפערישן מענטשן, — ווי אָפט איז עס דער אָנהייב פון אַ געלונגענעם ווערק! עס טרעפט אַ געבורט פאַר דער צייט, דאָך איז עס אַ געבורט; עס איז אַ טויט־געבוירן באַשעפעניש, ס'איז דאָך געשטאַנען אויפן שוועל פון לעבן. ווערק, וואָס זיינען „נישט גוט און נישט שלעכט", שטייען אויף

יענער זייט שוועל. זיי זיינען נישט „נידעריקער פֿון יעדער קריטיק". זיי זיינען אויסער קריטיק. אַ שלעכט בוך קאָן באַפֿרוכפּערן דעם קריטיקער, אַזוי ווי אַ גוט בוך. עס זיינען פֿאַראַן קריטיקערס וואָס דווקא נישט־געלונגענע שאַפֿונגען סטימולירן זייער אויסדרוק־פֿעיִקייט. גיט זיי אַ גוטע זאַך, האָבן זיי נישט וואָס צו זאָגן וועגן איר: זייער אַנטציקונג איז אַ שווייגנדיקע; זייער צאָרן אָבער רעדט. זיי „ווערן געבויט פֿון דעם אַנדערנס חורבן"... אָבער ביכער, וואָס „זיינען נישט גוט און נישט שלעכט" — אויף זיי איז קיינער נישט אין כּעס, קיינער האָט צו זיי גאָר־נישט, אַפֿילו דעם בייזסטן קריטיקער וועלן זיי נישט דערצערענען. זיי רופֿן נישט אַרויס קיין פּראָטעסט, קיין ווידערשטאַנד. זיי מאַכן אונדז געגעצן, זיי מאַכן קאַליע אונדזער אַפּעטיט צום לייענען. אַנדערש איז אַ שלעכט בוך. אויב זיינע שוואַכקייטן זיינען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אַ גאַנצער קאַטעגאָריע שרייבערס, אויב זיי ווייזן אונדז די פֿאַלשקייט פֿון אַ געוויסן מין צוגאַנג צום עצם ענין שרייבן, קאָנען זיי ווערט זיין רעצענזירט צו ווערן אַפֿילו פֿון איינעם, וואָס מיידט אויס נעגאַטיווע קריטיק. וועגן אַזאַ מין ווערק וואָלט מען אין שלום עליכמס נוסח געקאָנט זאָגן, אַז טויגן — טויגן זיי נישט, אָבער פֿאַר אַ קריטיק טויגן זיי. זיי לערנען אונדז, וואָס נישט צו טאָן, ווי נישט צו שרייבן. דער חסרון פֿון אַ גרויסן טייל נייע (און אַלטע) ביכער איז, וואָס נישט בלויז זייערע מעלות זיינען קיין מעלות נישט, אויך זייערע חסרונות זיינען נישט קיין חסרונות. דאָס הייסט: חסרונות זיינען זיי, נאָר נישט פֿון אַזאַ מין אָדער גראַד, וואָס זאָל קאָנען כאָטש מאַכן פֿון זיי אַ וואָרענונג פֿאַר אַנדערע. ווען אַ שטייגער, איינער האָט עפּעס וואָס צו זאָגן, נאָר ער מאַכט צופֿיל וועזן דערפֿון אָדער ער פּראָוועט צופֿיל מליצה, לוינט זיך אויף דעם אָנצו־ווייזן, כּדי אַנדערע זאָלן זען ווי נאַריש עס איז, ווען מען בלאָזט זיך און מען מאַכט אָנשטעלן. אָבער ווען אַ בוך איז נישט־שלעכט געשריבן, אָבער טאַקע נישט מער ווי „נישט שלעכט", ס'איז אַזוי ווי צענדליגער אַנדערע ביכער פֿון דעם סאָרט און אויף דער טעמע, נישט ערגער און נישט בעסער, ווען עס איז אַזאַ מין פּאַרעווע זאַך, נישט מילכיק און נישט פֿליישיק, אַ גרוי שטיק מיטלמעסיקייט, איז נישט נאָר שווער עס צו לויבן — עס איז נישטאָ קיין חשק עס „אַרונטערצורייסן". און אָט דאָ קום איך צו אַ פּונקט, וואָס אַ סך פֿאַרזעען אָדער פֿאַרגעסן. כ'מיין טאַקע אָט דעם חשק, וואָס איז נייטיק פֿאַר יעדער אַרבעט — אָט דעם סטימול, דעם אימפּולס, אָדער — רופֿט עס, אויב איר ווילט — די אינספּיראַציע, וואָס אַפֿילו אַ קריטיקער מוז האָבן, ווען ער זעצט זיך שרייבן.

אַ קריטיקער איז, סוף כּל סוף, אויך אַ שרייבער, און ס'איז נישט גענוג פֿאַר אים, וואָס דער אַנדערער האָט געשריבן. דער „אַנדערער" מוז עפּעס האָבן אין זיך, עפּעס וואָס זאָל פֿון אַ פּאָזיטיוון (אָדער אַ נעגאַטיוון) שטאַנדפּונקט — וועקן דעם קריטיקערס געדאַנק. דעם קריטיקערס, ווי יעדן איינעמס, געדאַנקען־לעבן מוז גענערט ווערן; דעם קריטיקערס פּען, ווי יעדנס פּען, מוז סטימולירט ווערן. מען מוז האָבן וואָס צו זאָגן, און מען מוז עס וועלן זאָגן. מען מוז האָבן אַפּעטיט צום שרייבן. עס דאַרף „בייסן די פֿינגער". עס מוז זיין יענע שטילע אומרויִקייט, יענער ציטער פֿון דער נשמה, וואָס באַגלייט יעדן שאַפֿונג־פּראָצעס... דאָס איז אין פֿלוג אַ זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט. אָבער אַז עס קומט צו קריטיק, פֿאַרגעסט מען אָפֿט זעלבסטפֿאַרשטענדלעכע זאַכן. מען שטעלט זיך פֿאָר דעם קריטיקער, ווי איינעם,

וואָס האָט אַ פּאַרטיקע „מאָס" אין קעשענע — אָט אַזאַ מאָס אָן ערד, ווי די, מיט וועלכע אַמאָליקע שניידערס פלעגן זיך אַרומטראָגן, און מען איז זיכער אַז ווי נאָר אָט דער מענטש מיט דער פּאַרטיקער מאָס דערזעט אַ ניי בוך, כאַפּט אים אָן אַ חשק אַרויסצוכאַפּן די „קראַיקע" פון דער אייבערשטער קעשענע און זען — און אָנזאָגן דער וועלט — צי עס „כאַפּט" די מאָס און „ס'טויג", אָדער עס „כאַפּט נישט" די מאָס און עס טויג נישט...

מען האָט אַ צו־איינפאַכע אָדער, ריכטיקער, אַ צו־פאַנטאַסטישע פאָרשטעלונג וועגן דעם קריטיקער און זיין אַרבעט.

מען פאַרגעסט, אַז ווי יעדער אַנדערער שעפערישער פען־מענטש, איז ער נישט „אַלע מאָל גרייט" צו שרייבן און אַז ער איז נישט גרייט צו שרייבן וועגן אַלץ און אַלעמען. צווישן אים און זיין „קרבן" מוז זיין עפּעס אַ שייכות — אויב נישט קיין גייסטיקע קרובהשאַפט, איז, פאַרקערט, אַ גייסטיקע פּאָפּולאַריטעט... ער איז נישט קיין געדונגענער „תליון".

אַ חוץ דעם, וואָס מען מוז זיך טיף אינטערעסירן מיט דעם ענין, וועגן וועלכן מען שרייבט, אויב מען וויל, אַז דאָס שרייבן זאָל האָבן אַן אינטערעס, מוז מען זיך פילן פריי, ווען מען נעמט די פען אין האַנט, — פריי פון „פּערזענ־לעכע פניות" און דערהויפּט פריי פון אַלערליי אַנדערע השפעות, אויב זיי קומען נישט דירעקט פונעם בוך. מען מוז זיין מיט דעם אַנדערנס אַרבעט — ביחידות. מ'וויל, אַז דער פאַרפאַסער אַליין זאָל זיך נישט אַריינמישן. מען וויל זיך דער־וויסן עפּעס פונעם ווערק וועגן זיין אויטאָר, נישט פונעם אויטאָר — וועגן זיין ווערק. דער, וואָס דערציילט דעם קריטיקער, וואָס ער איז אויסן געווען מיט זיין שאַפונג, וואָס ער האָט אויפגעטאָן און מחדש געווען, — טוט זיך נישט קיין טובה דערמיט. ער דערגרייכט פּונקט דעם היפוך דערפון, וואָס ער האָט געוואָלט דער־גרייכן. ער האָט געוואָלט קומען דעם רעצענזענט צו־הילף און אים צואיילן. דער געוויסנהאַפטיקער קריטיקער וועט אין דעם פאַל זיך גראָד נישט איילן צו רעצענ־זירן דאָס בוך. ער וועט מיט זיין שרייבן אָפּוואַרטן. ער וועט וועלן פריִער פאַר־געסן, וואָס דער פאַרפאַסער האָט אים דערציילט. ער איז נישט קיין פּרעסע־אַגענט. און דער עיקר איז, וואָס ער איז, ווי אים דאַכט זיך, נישט אַזוי אָרעם אין געדאַנק, אַז ער זאָל דאַרפן נוצן דעם פאַרפאַסערס „סוגעסטיעס". עס שטייט אים גאָר נישט אָן איבערצוזאָגן, וואָס ער האָט געהערט פון אַן אַנדערן, בפרט נאָך אַז יענער האָט עס געזאָגט וועגן זיין אייגענעם גייסטיקן קינד — און איז אַ נוגע בדבר. נישט איין פאַרפאַסער איז אַליין דעריבער שולדיק אין דעם, וואָס זיין ווערק ווערט „פאַרשוויגן". האָט ער נישט געזאָלט זיין קיין תובע בפה.

דערהויפּט מאַכט שווער די אַרבעט פאַרן קריטיקער אַ פריִער שוין דער־מאָנטער מין מחברים, — דער, וואָס פאַרלאַנגט פון קריטיקער, אַז ער זאָל אים העלפן אַרויסקריכן פון די חובות, וואָס ער האָט געמאַכט צוליבן נייעם בוך. ער לאָזט דעם קריטיקער ממש נישט צורירן זיך צו זיין בוך. ער צווינגט אים וואַרטן ביז ער וועט נישט זען מער דעם רחמנותדיקן בליק אין דעם פאַרפאַסערס אויגן — און ער וועט אין זיי קענען אַריינקוקן. — להיפוך צו דער אָנגענומענער מיי־נונג און צו דער באַרימטער בעקלין־קאַריקאַטור איז אַ קריטיקער נישט קיין גזלן, און אַז מען גיט אים אָנצוהערעניש וועגן זיין מיינונג, אַז זי קאָן אַ מאָל העלפן

אָדער שאָדן דעם שרייבער צו פּרנסה, איז ביי אים רעכט זיך אָפּצוהאַלטן פון צו זאָגן מיינונגען. ער וועט בעסער גאָר אין גאַנצן נישט לייענען דאָס בוך, ווי באַלד אַז ס'איז נישט אַזוי דאָס בוך ווי די בוכהאַלטעריע...

וואָס איז שייך צו „נייע טאַלאַנטן“, וואָס אַ סך גלייבן אַז מע דאַרף זיי געבן די שענסטע עליה, צערטלען און קעכלען, איז כדאַי צו דערמאָנען אַז קלוגע מאַמעס קעכלען נישט זייערע קינדער, מעגן זיי זיין אַפילו וווּנדער־קינדער. און אויב קלוגע מאַמעס טוען עס נישט, דאַרפן קריטיקערס וואָס זיינען גיכער טאַטעס ווי מאַמעס, אוודאי עס נישט טאָן. בפרט נאָך, אַז אין זייערע אויגן איז אַ שרייבער נישט קיין קליין קינד, וואָס מ'דאַרף עס נעמען פאַר אַ הענטעלע און פירן, ביז עס וועט זיך אויסלערנען גיין. אַ שרייבער איז אַ דערוואַקסענער מענטש, ווען אַפילו ער האַלט נאָך אין וואַקסן ליטעראַריש, — און ער דאַרף נישט פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל זיך מיט אים אַרומטראָגן ווי מיט אַ בן־יחידל. ער טוט אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט, ער נעמט זיך אָן אויפצודעקן עפּעס, וואָס איז פאַרבאָרגן, דאַרף ער זיך ריכטן, אַז מען וועט ביי אים עפּעס מאָנען, נישט אַז מען איז אים עפּעס שולדיק. ער דאַרף וויסן, אַז זיין פרייד איז די פרייד פון געבן, זיין גליק — דאָס גליק פון שאַפן. שכר מיצווה — מיצווה. נישטאָ קיין גרעסערער שכר.

ער מעג אויך וויסן, אַט דער טאַלאַנט, וואָס וואַרט אויף דערמוטיקונג, אַז קריטיק, ווען זי וויל זיין שעפעריש, מוז אינספּירירט ווערן פונעם שרייבער, איידער זי ווערט פאַר אים אַ קוואַל פון אינספּיראַציע (און רעקלאַמע). אויך דער קריטיקער גיט זיך גערן אָפּ מיט שרייבערס וואָס זיינען רייף און פרוכטבאַר, איז עס נישט דערפאַר, ווייל ער וויל זיי עפּעס געבן, נאָר ווייל זיי גיבן אים עפּעס. זיי סטימולירן זיין געדאַנק, זיי וועקן זיינע קרעאַטיווע כוחות. לויט זיין עצם טבע איז ער געניסעריש, אויפנעמעריש, און וואָס גרעסער עס איז זיין גענוס פון אַ בוך, אַלץ מער האָט ער וואָס צו זאָגן וועגן אים. וואָס מער ער נעמט, אַלץ מער גיט ער. ער איז אַ שרייבער, וואָס איז אַ לעזער. און ווי יעדער לעזער, וואָס איז אינטעליגענט, וואָלט ער וועלן האָבן צו טאָן נאָר מיט די בעסטע ביכער פון די בעסטע שרייבערס. ער וואָלט ווינציקסטנס וועלן ווערן אַ שותף צו די שאַפונגען פון אייגנאַרטיקע קינסטלערס, נישט פון גרויע מיטלמעסיקייטן, — אַ שותף צו די ווערק פון גאַנצע, נישט פון האַלבע אָדער פערטל שרייבערס.

2. גאַנצע און האַלבע דיכטערס

האַלבע אָדער פערטל שרייבערס זיינען אפשר גאָר דריטל־ און אפשר פינפטל שרייבערס — ווער קאָן דאָס וויסן? אַפילו די וואָס מעסטן אינטעליגענץ און פירן איין סטאַטיסטישע מעטאָדעס אין ליטעראַרישער קריטיק, האָבן נאָך נישט אויסגעפונען קיין מיטל ווי צו באַשטימען ווער עס איז הונדערט פּראָצענט און ווער נאָר פופציק אָדער צען פּראָצענט שריפטשטעלער. פּרעטענדירט נישט דער טערמין „פערטל שרייבער“ אויף מאַטעמאַטישער פּינקטלעכקייט. איך בין נאָר אויסן צו האָבן אַ וואָרט פאַר יענעם איינדרוק, וואָס זאָגט אונדז, אַז איינער איז נישט אין גאַנצן קיין פרעמדער אין דער ליטעראַרישער מישפּחה, און דאָך איז ער נישט

קיין אמתער שרייבער. אַזאַ איינדרוק באַקומען מיר גאַנץ אָפט. יענע פאַלן ווען מיר האָבן אַ רעכט צו זאָגן אויף אַ ווערק, אַז עס איז הוילע „גראַפאָמאַניע“, אָן קיין שום שייכות צו ליטעראַטור, זיינען זעלטן. און וואָס איז, אייגנטלעך, גראַ־פאָמאַניע? איז עס באמת טאַקע דער אַבסאָלוטער היפוך פון וואָרט־קונסט? איז עס אַ מאָל נישט איינער פון יענע פיל טונקעלע און פאַרוויקלטע עלעמענטן, וועל־כע גייען אַריין אין יעדער שרייבער־פסיכאָלאָגיע? איז דען נישט אמת, אַז יעדער וואָס קאָן שרייבן האָט ליב צו שרייבן? און אויב יעדער ליטעראַט האָט אין זיך עפּעס פון דעם גראַפאָמאַן, האָט אין זיך אפשר יעדער גראַפאָמאַן עפּעס פון אַ שרייבער? נישט קיין אַנדערער ווי שלום־עליכם האָט דערציילט, אַז „דער ערשטער חשק צו שרייבן איז אים געקומען דערפון, וואָס ער האָט נישט געקאָנט גלייכ־גילטיק צוזען ווייס, גלאַט פּאַפּיר — ער האָט עס געמוזט פאַרשרייבן...“ איז געוויס פאַראַן אַ גרויסער אונטערשייד צווישן שלום־עליכמען און אַנדערע, וועלכע קאָנען נישט גלייכגילטיק צוזען ווייס, גלאַט פּאַפּיר — זיי מוזן עס פאַרשרייבן. וואָס אונדזער גרויסער הומאָריסט האָט, אַ חוץ דעם חשק צו פאַרשרייבן ווייס, גלאַט פּאַפּיר, געהאַט נאָך אויך אַנדערע אייגנשאַפטן, אימפּולסן, פעיקייטן, בעת די וועל־כע מיר רופן גראַפאָמאַנען, האָבן נישט קיין שום אַנדער זאַך אַ חוץ זייער קרענק־לעכע הנאה פון האַלטן אַ פּען אין האַנט. אָבער די הנאה איז דאָך אַ טייל פון יענעם גרויסן און וווּנדערלעכן געניוס, וואָס איז דאָ אין אמתן ליטעראַרישן שאַפן... דאָס איז אַן אומפּרוכטבאַרע ליבע, אָבער — ווען דער וואָס שרייבט סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין, זאָל גאָר נישט האָבן קיין שייכות צום ליטעראַרישן גע־שלעכט, וואָלט נישט געווען מעגלעך, אַז ער זאָל ליידן אויף דער פּאַפּירענער ליבע־קראַנקייט. עפּעס מוז זיין אין אָט דעם ווילן שרייבן אַן אָנוּנג, אַ שטומע, אומ־באַהאָלפענע אָנונג פון קענען. עס מוז זיין באַהאַלטן הינטער דעם עפּעס אַ בענק־שאַפט, אַ לעכצן נאָך אויפטו. די אַלע טויטע ווערטער, אין וועלכע דער גראַפאָ־מאַן פאַרלירט זיך, זיינען אפשר אַ סוראָגאַט פון דעם לעבעדיקן וואָרט, אין וועלכן ער וויל זיך געפינען... ער שטייט טאַקע אויף יענער זייט שוועל פון וואָרט־שאַפן, אָבער ער וויל נישט אַוועקגיין פון שוועל, ער שטייט און קלאַפּט עקשנותדיק אין טיר... און עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס די טיר עפנט זיך פאַר זיי, — פריִער אָדער שפּעטער. זיי טרעטן־איבער די שוועל — און קאָנען וויטער נישט גיין; זיי האָבן נישט קיין כוח צו מאַכן אפילו איין טראַט; אָבער זיי בלייבן אינעווייניק, זיי זיינען איבעריקע אין דער מישפּחה, אָבער — צי מען אַדאָפּטירט זיי אָדער נישט — זיי פּרעטענדירן צו האָבן אַ חלק אין דער ירושה... וואָס טוט מען מיט אָט די פּרע־טענזיעס? עס קאָן טרעפן, אַז זיי זאָלן האָבן אַ געוויסע באַרעכטיקונג...

איינער האָט טאַקע אַ פּוסטן מוח און אַ ליידיקע נשמה, אָבער אַ געוויסן חוש פאַר ריטעם, שרייבט ער נאַרישע, אָבער נישט שלעכט קלינגענדיקע פערזן, ער איז אַ שטיקל פּאָעט. אַן אַנדער ווייסט נישט, וואָס עס איז אַזוינס מענטש־לעכער כאַראַקטער, וואָס זיינען די מאָטיוון פון זיינע האַנדלונגען, אָבער ער קאָן אָנפּלאָנטערן עפּעס אַ געשיכטע, ער האָט אַ שטיקל פאַנטאַזיע, און ווען ער זאָל האָבן אַנדערע פעיקייטן וואָס זיינען דערצו נייטיק, וואָלט ער פון זיין כוח־הדמיון געקאָנט עפּעס מאַכן, איצט איז ער נאָר אַ האַלבער, נאָר אַ פערטל אָדער גאָר אַ צענט חלק דערציילער... נאָך איינער האָט, אָנשטאָט ליטעראַרישן טאַלאַנט, אַ ביסל

לעבנס־דערפאַרונג, נישט קיין שלעכטן קאָפּ און גענוג שפּראַכלעכע קענטעניש צו קאָנען אויפבויען אַ מער אָדער ווייניקער קאָמפּליצירטן זאַץ. ער וואָלט אפשר געקאָנט אויסלערנען זיך די מלאכה (נישט די קונסט) פון אַ זשורנאַליסט; ער וויל אָבער זיין אַ קינסטלער און ער שרייבט ראָמאַנען, דערציילונגען. איר פילט נישט אין זיי דעם טעם פון קונסט, זיי האָבן דאָך אין זיך עפּעס פון ליטעראַטור. איר קאָנט אַזאַ איינעם נישט צורעכענען צו די אמתע וואָרט־שאַפערס, אָבער איר קאָנט אים אויך נישט אַוועקשטעלן מחוץ למחנה: ער איז פון די, וואָס מען קאָן זיי אָנרופן האַלבע אָדער פערטל־ אָדער אַכטל־שרייבערס, ווען עס זאָל מעגלעך זיין אַ כעמישער אַנאַליז פון ליטעראַרישע פּראָדוקטן, וואָלט מען אין דעם טינט־בלוט פון אָט דעם סאָרט מענטשן געקאָנט אפשר אויפזוכן אַ גאַנץ באַשטימטן פּראָצענט פון יענעם שטאָף, וועלכער איז נייטיק פאַר ליטעראַרישן שאַפן...

אַזוי צי אַזוי איז אינטערעסאַנט צו זען ווי עס מישן זיך שטענדיק צונויף פאַרשיידענע שטאָפן, פאַרשיידענע אימפּולסן, און עס קאָן זיין, אַז די קריטיק דאַרף אויך אָט דעם סאָרט שרייבן נישט איגנאָרירן. עס קאָן זיין, אַז עס איז נישט ריכטיק איינצוטיילן די וועלט פון פען־מענטשן אין שרייבערס און נישט קיין שרייבערס, נאָר אין שרייבערס וואָס זיינען איינסן און אין ברוך־שרייבערס...

אין יעדן פאַל קען נישט זיין קיין שום ספק, אַז ליטעראַרישע איינסן, גאַנצ־קייטן זיינען פאַר דער קריטיק אַ מער שעפערישער סטימול, ווי ברוך (חשברת) און ברוכוואַרג. פונקט אַזוי וואָלט זי וועלן, ווען זי זאָל קאָנען, אויסמיידן די מיטל־מעסיקייט, — דעם פאַרפאַסער פון ביכער וואָס זיינען „נישט גוט און נישט שלעכט”. אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר דעם סאָרט ווערק פאַרגליכן מיט ביכער, וואָס זיינען אָדער גוט, אָדער שלעכט. אונדזער אויספיר איז געווען, אַז שלעכטע ווערק קאָנען אַ מאָל דינען בעסער די צילן פון שעפערישער קריטיק, ווי זאַכן, וואָס זיינען מיטלמעסיק. דאָ וויל איך צוגעבן, אַז דעם קריטיקערס שטעלונג צו דער מיטלמעסיקייט, ווי צו אַן אָביעקט פון שרייבן, איז פון אַ היסטאָרישן שטאַנדפּונקט, נישט אַלע מאָל גלייך. אַלץ ווענדט זיך אָן דעם צושטאַנד, דערהויפּט אָן דעם אַנטוויקלונגס־פאַזיס, אין וועלכן די געגעבענע ליטעראַטור געפינט זיך. אָט איז אַ ביישפּיל פון דער נייער ליטעראַטור אויף ייִדיש. ווען זי האָט ערשט אָנגעהייבן צו בויען איר בנין, זיינען אירע פּשוטע ליים־קנעטערס און ציגל־טרעגערס פונקט אַזוי נייטיק געווען, ווי קינסטלער־אַרכיטעקטן. ווער עס האָט נאָר געקאָנט האַלטן אַ פען אין האַנט, איז צוניץ געקומען. קוקט, אדרבא, אַריין אין אונדזערע עלטערע פעריאָדישע אויסגאַבעס — און נישט דווקא אין צעדערבוימס „קול מבשר”, וואָס איז אַרויס נאָך אין די 60ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, — גיט אַ בלעטער ספּעקטאָרס „הויז־פריינד”, שלום־עליכמס „ייִדישע פאָלקס ביב־ליאָטעק”, פּרצעס „ייִדישע ביבליאָטעק” פון סוף 80ער און אָנהייב 90ער יאָרן אָדער אפילו „דעם יוד” און די ערשטע טעגלעכע צייטונגען אין רוסלאַנד, וואָס זיינען שוין גאָר נאָענט צו אונדזער צייט, וועט איר דאָרט געפינען אַ היפּש ביסל נעמען, וואָס זיינען לאַנג שוין פאַרגעסן געוואָרן, נעמען, וואָס האָבן קיין שום שפּורן אין דער ייִדישער ליטעראַטור נישט איבערגעלאָזן. איר וועט זען, אַז אינאיינעם מיט די ווערק פון מענדעלע מוכר ספרים, שלום־עליכם, פּרץ, פרישמאַן, יהואש, פרוג, דוד פּינסקי, אַז אינאיינעם מיט די ווערק פון די דאָן נאָך גאָר יונגע —

רייזען, אַש, נאָמבערג, שניאור, ל. שאַפּיראָ, ווייסענבערג, יונה ראָזענפעלד, י. ד. בערקאָוויטש, י. ח. ראַבניצקי, חיים זשיטלאָווסקי, בעל־מחשבות און אַנדערע — זיינען דאָרט געדרוקט געוואָרן לידער, דערציילונגען, אַרטיקלען, וואָס איצט וואָלט פאַר זיי אין אַ ליטעראַרישער אויסגאַבע נישט געווען קיין פלאַץ. זיי זיינען גע־שריבן געוואָרן פון שרייבער, וואָס זיינען אָפּט נישט געווען אַפילו מיטלמעסיק, דאָך זיינען זיי נישט געווען איבעריק. מען האָט זיי געדאַרפט האָבן. מען האָט געדאַרפט האָבן יעדן איינעם, וואָס האָט געשריבן ייִדיש. אַפילו אַזעלכע, ווי שמ״ר און בלאָשטיין, שוין נישט גערעדט וועגן אַ יעקב דינעזאָן, אַ מרדכי ספּעקטאָר, אַ ב. גאָרין. ווען מיר קוקן אויף זיי איצט פון אַ היסטאָרישן שטאַנדפּונקט זיינען געווען נייטיק פאַר דעם וווקס און דער פאַרשפּרייטונג פון דעם ייִדישן וואָרט. מען האָט געדאַרפט צוגעוווינען דעם עולם צו היינט־וועלטיקע ביכלעך. און דער עיקר איז, וואָס מען האָט אים געוואָלט מאַכן וועלטלעכער, געבילדעטער, אויפגעקלערטער און ס׳איז נישט געווען ווער עס זאָל דאָס טאָן. מען האָט גע־שריבן העברעיִש אָדער רוסיש. פּראָסט ייִדיש, „זשאַרגאָן״, איז אַ געוויסן סאָרט שרייבער נישט אָנגעשטאַנען צו שרייבן. דער ייִדישער לעזער־עולם האָט געהאַלטן אין איין וואַקסן, און עס איז נישט געווען, ווער עס זאָל באַפרידיקן זיין באַדער־פעניש אין אַ ביכל. עס איז נישט געווען וואָס צו געבן אים לייענען... קוקט דורך די רשימות פון די ייִדישע ביכער, וואָס זיינען געדרוקט געווען אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, וועט איר זען, ווי קליין עס איז געווען די צאָל פון ייִדיש־שרייבערס. אַז שלום־עליכם האָט געוואָלט האָבן פאַר זיין „ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק״ רעכטע מיטאַרבעטערס, האָט ער זיך געמוזט ווענדן צו די העברעיִשע אָדער רוסיש־ייִדישע שרייבערס און איינריידן זיי צו שרייבן ייִדיש. די אַנטוויקלונג פון דער טעגלעכער פּרעסע אויף יענער זייט ים און דער־הויפּט דאָ אין אַמעריקע, די ייִדישע אַרבעטער־באַוועגונג, דער פאָלקיזם און אויך דער ציוניזם האָבן מעגלעך געמאַכט דעם וווקס פון דער ייִדיש־ליטעראַרישער מישפּחה. אָבער נישט געקוקט אויף דעם איז די צאָל פון ייִדישע (אגב, אויך פון העברעיִשע) שרייבערס פאַרן ערשטן וועלטקריג געווען נאָך אַלץ קליין אין פאַר־גלייך מיט זייער שפּעטערדיקער צאָל. די ערשטע פאַר־מלחמה־אויסגאַבע פון זלמן רייזענס „לעקסיקאָן״ (1913) האָט אין איין באַנד אַרומגענומען די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור און פּרעסע, די אַלטע אַזוי גוט ווי די נייע, בעת די צווייטע אויסגאַבע, וואָס האָט קיינעם פון די עלטערע שרייבערס נישט אַריינגענומען, פאַרנעמט גאַנצע פיר בענד. און דאָס איז נישט נאָר דערפון, וואָס דער פאַרפאַ־סער פונעם „לעקסיקאָן״ איז פריִער געווען מער אויסקלייבעריש. עס איז פּשוט געווען ווינציק ייִדישע שרייבערס. קלענער דער עולם, מער שימחה. אַ קלענערער טיש, איז יעדערער געווען נעענטער צום אויבנאָן. און מען האָט זיך אויף יעדן איינעם מער אומגעקוקט... האָט זיך געוויזן אַ נייער מענטש, האָבן זיך אַלע אויפ־געשטעלט אַ קוק טאָן, ווער ס׳איז געקומען... יעדעס נייע ביכל, יעדע נייע זאַמ־לונג, שיר נישט יעדע נייע דערציילונג איז רעצענזירט געוואָרן.

מען האָט געהאַט שוין אַ מאָס אין האַנט און מען האָט געוווּסט, וואָס גרויס איז און וואָס קליין. אָבער עס איז געווען אַן אָרט פאַר יעדן איינעם, וואָס איז געקומען מיט אַ נייער טעמע, מיט אַ נייעם מאָטיוו, מיט דער מינדסטער אָנצו־

הערעניש אויף אַ נייעם טאָן. עס מאַכט נישט אויס, וואָס עס איז געווען שוין אַ קדשי־קדשים מיט אַ כהן־גדול, — דער בנין איז נאָך נישט פאַרטיק געווען, און מען האָט געדאַרפט האָבן בויערס אויף פאַרן פּאַליש, מען האָט געדאַרפט אויך צוגרייטן שמשים, נישט נאָר כהנים... „די ליטעראַטור", האָב איך דאַן געשריבן, „דאַרף האָבן אויך מיטעלע טאַלאַנטן. אין אַ טעמפּל זיינען פאַראַן אי כהנים, אי משרתים. די גרויסע בויען נייע פעסטונגען אין דער ליטעראַטור, די קליינע — היטן זיי. די גרויסע שאַפן נייע אידייען, נייע פאָרמען, די קליינע פאַרשפּרייטן זיי. נישט נאָר די וויסנשאַפט, אויך די קונסט האָט אירע פּאָפּולאַריזירער"...

עס איז אין דער יידישער ליטעראַטור געווען אַן אָרט אויך פאַרן מיטל־מעסיקן שרייבער, אָבער ער אַליין האָט געוווסט זיין אָרט... נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז געוואָרן פונקט קאַפּויר. די צאָל פון „נישקשהדיקע" שרייבערס איז אַזוי געוואַקסן, אַז מיט איינעם מער צי מיט איינעם ווינציקער איז נישט גע־ווען אַזאַ גרויסער אונטערשייד. מיר האָבן שוין געזוכט דאַן איכות. דער עצם מין יידישע שרייבערס האָט זיך שטאַרק פאַרמערט און איז נישט געווען מער קיין יחסן, אָבער די פּרעטענזיעס פון דער מיטלמעסיקייט זיינען נישט אין ערך גרע־סער געוואָרן. דער זעלבסטבאַוווסטזיין פון דעם מיטלמעסיקן שרייבער איז גע־וואַקסן אין אַ פּאַרקערטער פּראָפּאָרץ צו זיין ראָלע אין דער ליטעראַטור. וואָס ווייטער ער איז געווען לויט זיין אמתן ווערט פון דער ליטעראַרישער מיזרח־וואַנט, אַלץ מער האָט ער זיך געריסן צו איר. וואָס ווינציקער אַנדערע האָבן זיך אויף אים אומגעקוקט, אַלץ מער האָט ער זיך אַליין געפּעסטשעט (געצערטלט). אַ חוץ אָט דער אורזאַך זיינען געווען נאָך אויך אַנדערע סיבות פאַר דעם „בונד פון די שוואַכע" און דעם בונט פון יעדן איינעם פון זיי קעגן זיין נישט גענוג אָנגע־זעענעם פּלאַץ אין דער ליטעראַרישער וועלט. אויף עטלעכע פון די דאָזיקע סיבות וועל איך דאָ אָנווייזן:

א) די מילחמות, די פּאָגראָמען, דער הונגער, די פּאָליטישע און סאָציאַלע איבערקערענישן אין מיזרח־אייראָפּע האָבן פאַרקירצט די יאָרן פון דער קינדהייט און דער יוגנט. „יוגנט? — (לייענען מיר אין רעמאַרקס „אויפן מערב־פראָנט איז אַלץ רויק") — קיינער פון אונדז איז נישט מער ווי צוואַנציק יאָר, אָבער יונג? יוגנט? דאָס איז געווען אַמאָל, אַמאָל. מיר זיינען אַלע אַלטע לייט"... צו פופצן־זעכצן יאָר איז מען שוין אַ דערוואַקסענער מענטש. צו צוואַנציק גלייבט מען שוין אַלץ צו האָבן געזען און אויסגעפּרוווט. מען איז אַלט געוואָרן, נישט רייף ווערנדיק... אין דער ליטעראַטור האָט דאָס געפירט דערצו, אַז אפילו דער, וואָס האָט אָקאָרשט אָנגעהויבן שרייבן, האָט זיך נישט געפילט ווי אַן אָנהייבער, וואָס דאַרף זיך ערשט לערנען. ער האָט שוין אַזוי פיל דורכגעמאַכט, ער איז שוין אַזוי נישט יונג — וועט ער גיין אין חדר אַריין? ער וועט גיכער אַליין נעמען אַ טיטל אין האַנט, און טאַקע אַ קאַנטשיק אויך, איידער לאָזן אַנדערע זאָלן אים מדריך זיין... עס זיינען אין לעבן (דערהויפּט אויף יענער זייט ים, פון וואַנען עס קומען אַלע אונדזערע שרייבערס) — נישט געווען קיין יונגע מענטשן וואָס זאָלן זיך פילן נישט־דערוואַקסן — זיינען אין דער ליטעראַטור ממילא נישט געווען קיין אָנ־פאַנגערס, קיין תלמידים. אַלע זיינען געווען רביים. דער אָנפאַנגער פאַנגט אָן פון אַ זשורנאַל, ווו ער איז אַליין דער רעדאַקטאָר, אָדער ער הייבט אָן דערמיט וואָס

ער „רייסט אַרונטער" זיינע קאָלעגן. ער פילט, אַז ער דאַרף אַנדערע געבן סמיכה, נישט אַנדערע — אים...

„עס איז נישטאָ פּרץ", האָט מען געזאָגט, נישטאָ קיין פּירנדיקע פּערזענלעכקייט. עס איז בלויז געווען אַ תירוץ. עס זיינען נישט געווען קיין פּירערס, ווייל עס איז נישט געווען ווער עס זאָל זיי אָנטאָן די קרוין אויפן קאָפּ. די חסידים קומען פריִער פאַרן רבין. איז איצט אַ דור אָן חסידים, זיינען נישטאָ קיין רביים... און דאָ קומען מיר צו אַ צווייטער סיבה, וועלכע האָט אויך אירע וואָרצלען אין דעם וועלטקריג.

ב) די מילחמה און די אַלע איבערקערענישן, וואָס זיינען נאָך איר געקומען, האָבן אין דעם מענטשן, דערהויפּט אין דעם סענסיטיוון ליטעראַרישן מענטשן, אויפגעוועקט אַ פּראָטעסט קעגן יעדער הירארכיע, קעגן יעדן אויטאָריטעט, קעגן יעדער סיסטעם פון העכער און נידעריקער. אַזאַ אָרדענונג קאָן זיך איצט האַלטן אין די גאָר שטאַרק צעטרייסלטע לענדער — נאָר מיט דער הילף פון דיקטאַטור. „מיט געוואַלט, זאָגט דער נאָך־מילחמה מענטש, קאָנסטו טאָן מיט מיר וואָס דו ווילסט, מיטן גוטן ווילן וועל איך זיך נישט אונטערגעבן"... איז דאָרט, ווו עס איז נישטאָ קיין דיקטאַטור, נישטאָ קיין העכער און קיין נידעריקער. אַלע זיינען גלייך, און אַלע שטופּן זיך אויבן אָן. דערהויפּט אַרבעטן מיט די איילנבויגנס די וואָס זייער כוח ליגט מער אין חוצפּה, ווי אין טאַלאַנט...

ג) די ליטעראַרישע באַדינגונגען זינט נאָך דער ערשטער מילחמה זיינען ביי אונדז גאָר באַזונדערס גינסטיק פאַר שוואַכע טאַלאַנטן מיט שטאַרקע איילנבויגנס. די עלטערע שרייבערס זיינען אין די מילחמה־יאָרן כמעט אַלע אויסגעשטאָרבן. די זוויכטיקע „שטעט" אין מיזרח־וואַנט שטייען ליידיק און רייצן די אַזוי־אויך צערייצטע אַפּעטיטן פון דעם ניי־אויפגעקומענעם ליטעראַרישן דור. דערצו איז נאָך צוגעקומען אַן אַנדער זאַך, אַ פיל וויכטיקערע.

ד) די וועלט פון דעם יידישן וואָרט איז צעפאַלן געוואָרן אויף שטיקער. נישט געווען שוין מער קיין גאַנץ און איינהייטלעך ליטעראַרישן לעבן. עס איז געווען אַ סאָוועטיש־יידישע ליטעראַטור, עס איז געווען אַ יידישע ליטעראַטור אין פּוילן, און אַ יידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע. עס איז געווען אַ באַזונדער ליטעראַרישער מנין אין ליטע, אַ דאַוון־שטיבל אין לאַטוויע, און אַ קלייזל אין רומעניע און נאָך איינס אין אַרגענטינע — און ווו נישט? אָנשטאָט איין גרויסע בימה, זיינען אויסגעוואַקסן אָן אַ שיעור בימהלעך מיט אָן אַ שיעור שלישים, שישים, מפטירס האָט זיך געפירט ווי אַמאָל אין די שולן. די בעל־מלאכות האָט מען געשטאָפּט מיט איינס פאַר אחרון, — זיינען זיי אַוועק, געמאַכט אַ פּועלי צדק מנין און זיך אַליין מכבד געווען מיט די פעטסטע עליות... ווערן אַ ליטעראַרישער גדול אין וואַרשע אָדער אפילו אין ווילנע, כל־זמן זי איז נישט געווען אָפּגעריסן פון דער גרויסער יידישער וועלט, איז געווען אַ שווערער ענין. אָבער אַז ליטעס הויפּטשטאָט איז קאָוונע, דער צענטער פון לאַטוויע — ריגע, פון בעסאַראַביע — קישענעוו; פון אַרגענטינע — בוענאָס־איירעס, — איז... במקום שאין איש אַזאַ"וו אין ליליפּוטנלאַנד איז גוליווער — אַ ריז. איז באַשאַפן געוואָרן אַ לאַגע, ווען די יידישע ליטעראַטור איז באַשטאַנען פון גאַלע גדולים. איז איינער נישט געווען אַנגעזעען אין ניו־יאָרק אָדער אין וואַרשע, אָדער אין קיִעוו, איז ער לייכט גע־

וואָרן אַ ליטעראַרישער מנהיג הדור אין ריגע, אין מינסק, אין ריאָ דע זשאַנייראָ... אַזאַ איינער, וואָס אין אַ ווילנער, אַ וואַרשעווער אָדער אַ ניו־יאָרקער צענטראַלן זשורנאַל וואָלט ער נישט זוכה געווען מען זאָל אים דרוקן, האָט איצט געהאַט זיין אייגענע טריבונע, אָפּט אויך זיין אייגענע אָרטאָגראַפּיע.

ה) דערצו זיינען נאָך אָנגעשטאַנען די „נייע ריכטונגען". אַזוי ווי די נייע מלוכהלעך, האָבן אויך זיי געעפנט אָן אַ שיעור וואַקאַנסיעס פאַר מיניסטערשע קעפּ און נישט אָנערקענטע זשעניעס. די נייע ריכטונגען האָבן זיך געמוזט פאַרזאָרגן מיט אייגענע „גדולים", — און דאָס איז געווען די קלענסטע זאָרג. ווערן פּרעזידענט אין עסטאָניע איז לייכטער, ווי צו זיין אַ פּאָליציי־מייסטער אין בערלין. עס איז בכלל נישט שווער צו זיין אַ פירער פון אַ „ריכטונג". די ליטעראַטור פון אַ פאָלק איילט זיך נישט אויסצוקלייבן זיך אַ מנהיג, אָבער אַ „פּאָעטישע שולע"? — מען שאַפט זי אַליין און מען טוט זיך אַליין אָן די קרוין אויפן קאָפּ... זיינען די נייע „שולן" אָדער „ריכטונגען" אויך שולדיק (כאָטש זיי האָבן זייערע פאַרדינסטן) אין דעם, וואָס מאַניאַ גראַנדיאָזאַ איז געוואָרן ביי אונדז אַן עפּידעמישע קראַנקייט. אינאיינעם מיט די פּריער־דערמאָנטע אומשטענדן האָבן אויך זיי געפירט דערצו אַז עס זאָל זיך צעוואַקסן ביי אונדז די צאָל פון מיטלמעסיקייטן, וואָס שטעלן אַרויס זייער קאַנדידאַטור אויף אומשטערבלעכקייט גראָד אין אַזאַ צייט, ווען מיר נייטיקן זיך אין גרויסע און גאַנצע טאַלאַנטן, ווייל מיטלען און האַלבע האָבן מיר גענוג.

אַט דאָס מערן זיך און פּרוכפּערן זיך פון מיטלע און מיטלמעסיקע שרייבערס האָט דעם וווקס פון דער יידישער ליטעראַטור צוגעגעבן אַ קוואַנטיטאַטיוון כאַראַקטער, און דאָס האָט אויך די קריטיק געשטעלט אין אַ שווערער לאַגע. זי מוז זיך אָפּגעבן מיט ליטעראַרישע עקסיסטענצן, בעת איר אמתע באַגייסטערונג און איר שעפערישע ראָלע הייבט זיך אָן דאָרט, ווו עס זיינען דאָ שריפטשטעלערישע לעבנס.

די יידישע ליטעראַטור צווישן ביידע מילחמות האָט אוודאי אַרויסגעבראַכט אויך שרייבערס, וואָס לעבן, נישט נאָר זיי עקסיסטירן, שרייבערס מיט אייגענע פּנימער און מיט גאָר גרויסע אויפטואונגען, אָבער דער עקסטענסיווער וווקס פון דער ליטעראַטור האָט פאַר דער קריטיק געשטעלט די אַלע אָנגעוווקענע פּראָבלעמען. און זיי זיינען גאָר באַזונדערס שאַרף. עס רעדט זיך וועגן יונגן דור און יונגע טאַלאַנטן!

די יוגנט, דערהויפּט די ליטעראַרישע יוגנט, איז אומעטום אַ גרויסע יחסנטע. דערהויפּט שטעלט מען זיך איין פאַר איר ביי אונדז. מען מאָנט פון דער קריטיק דערמוטיקונג פאַר די „יונגע טאַלאַנטן". זיי זיינען ביי אונדז די הייליקע קו אָדער דאָס הייליקע קעלבל. מען טאָר זיי נישט פוגע בכבוד זיין. דער יונגער יידישער שרייבער, סטראַשעט מען אונדז, איז אַזאַ סאָרט מענטש, וואָס אויב מען וועט, חלילה, נישט פאַרזען זיינע חסרונות און מען וועט גיין אַזוי ווייט, אַז מען וועט פון אים אַזש פאָדערן אַז ער זאָל קאָנען עברי, ד"ה אָנשרייבן אַ זאַץ ווי געהעריק איז, אויף יידיש — קאָן ער נאָך אַ מאָל ברוגז ווערן און גאָר אין גאַנצן אויפהערן שרייבן! שרייבן יידיש איז, משמעות, אַזאַ גרויסער און הייליקער קרבן מצד די, וואָס טוען עס, אַז אַלע זייערע זינד, איינגעשלאָסן גראַמאַטיקאַלישע, דאַרפן זיי פאַרגעבן

ווערן! און נישט בלויז אינעם זכות פון דעם „קרבן", וואָס זיי ברענגען, דאַרף מען זיי אַלץ מוחל זיין במחילה גמורה, נאָר אויך — און דער עיקר — צוליב „דעם יידישן וואָרט", וואָס נייטיקט זיך אַזוי אין „פרישע, ענערגישע, טאַלאַנטפולע כוחות"... דאָס יידישע וואָרט! וואָס וועט מען נישט טאָן ביי אונדז פונעם „יידישן וואָרט" וועגן? און עס איז אַרויסגעוואָרפן די מי צו פרווון דערקלערן די ריטערס פונעם „יידישן וואָרט" אַז נישט אַלע „ענערגישע" כוחות זיינען פריש און טאַלאַנט־פול. עס איז אומזיסט די טרחה צו פרווון זיי געבן צו וויסן, אַז אונדזערע „יונגע שרייבערס" זיינען אָפט אַפילו נישט יונג. עס איז אויך נישטאָ קיין האָפענונג, אַז מען זאָל זיי קאָנען, אַ שטייגער, געבן צו פאַרשטיין, אַז ווען מען ברענגט, ווי אַן אילוסטראַציע, עטלעכע נישט גאָר געראָטענע מוסטערן פון אַ בוך, מיינט עס נישט, אַז נאָר אָט די „מוסטערן" זיינען פעלערהאַפטיק, בעת דאָס גאַנצע בוך איז מוסטערהאַפטיק, נאָר ס׳מיינט, אַז די פעלערן אילוסטרירן דעם גאַנצן שטייגער שרייבן פונעם „יונגן, פרישן, ענערגישן אאַז״וו טאַלאַנט..." דאָס איז אַ האָפענונגס־לאָזער פרווו. די, וואָס שטעלן זיך איין פאַרן „יידישן וואָרט", זיינען געשטיצט און פאַרפאַנצערט קעגן לאָגישער אַרגומענטאַציע. דאָס „יידישע וואָרט" איז געוואָרן עפּעס אַן איררעציאָנעלע זאַך, עפּעס אַ שטיק הייליקייט, אַ דבר שבקדושה.

ווי באַלד אַז איינער איז גוט צו יידיש, דאַרפן מיר זיין גוט צו אים. ווי נאָר מיר זעען, אַז איינער איז „זיך מקריב" פאַרן „יידישן וואָרט", דאַרפן מיר נעמען גלייך פּאָמפּען אין אים אַריין „קוראַזש און אינספּיראַציע". מיר טאָרן נישט אַפילו אַ קוק געבן, צי איז די כלי אַ מאָל נישט קיין געלעכערטע און צי וועט נישט אויס־רינען פון איר די אינספּיראַציע, וואָס מיר ווילן טאָן טאָן גיסן אין איר. אונדזער זאַך איז — שטיין און גיסן „אינספּיראַציע" אין דער פּוסטער כלי אַריין, גיסן, וויפל עס וועט אַריינקריכן. אונדזער „חוב" איז צו דערמוטיקן יעדן איינעם, וואָס „פריינד" דרוקן אָפּ זיינס אַ ביכל. אונדזער הייליקע פליכט איז צו קלאַפּן אים איבערן פּלייצע, גלעטן אים איבערן בעקעלע, — און זאָגן:

— נישקשה, פּאַל נישט אַראָפּ ביי זיך, שרייב מיט גרייזן, — אַבי שרייב.

אַזאַ קוק האָט אַמאָל, גאָר אַמאָל, געהערשט אין דער העברעישער מליצה־ליטעראַטור. יעדער „מושך בשבט סופר", יעדער קליינשטעטלדיקער משכיל, האָט געהאַלטן פאַר זיין נאַציאָנאַלן חוב צו ברענגען קרבנות אויפן מזבח פון „השפה. היפה השרידה, היחידה" אאַ״וו אאַ״וו. און מען האָט אַזוי לאַנג געמליצהוועט, אַזוי לאַנג „געגאָסן דאָס האַרץ" און די טינט אויפן פּאַפּיר ביז די אמתע שרייבערס האָבן גענומען מאַכן גוואַלדן און זוכן מיטלען ווי זיך צו ראַטעווען פון דער פאַרפּלייצעניש.

אויך ביי אונדז איז דאָ די געפאַר פון אַ וואָרט־פאַרפּלייצעניש, כאָטש עס דאַכט זיך, אַז מען לעבט אין אַ ליטעראַרישן מידבר, און כאָטש עס איז אַזוי שווער אָפּצודרוקן און צו פאַרשפּרייטן אַ רעכט יידיש בוך. עס מערן זיך ביי אונדז ליב־האָבערס און פריינד פונעם יידישן וואָרט, וואָס מען דאַרף באמת בעטן גאָט, ער זאָל אונדז היטן פון זיי. זיי שטעלן זיך איין און זיינען גרייט שיעור נישט מוסר נפש צו זיין זיך פאַר יעדן איינעם, וואָס „מיט זיך" לטובת יידיש. מעג עס אין אמתן זיין גאָר אַפילו טערקיש אָדער תרגום־לשון, — ווי באַלד נאָר עס איז מיט יידישע אותיות געשריבן, איז עס הייליק... בפרט נאָך ווען דער שרייבער איז אַ בויט־

באַדערפטיקער... ליטעראַטור איז פאַר אַ געוויסן מין חובבי שפת יידיש געוואָרן אַ כלל־זאַך און אַפּט אויך אַ צדקה־זאַך. דער אַנעקדאָטישער טויזנט און ערשטער פּירוש אויף דער הגדה ווערט ווידער אַ מאָל וויכטיק נאָר דערפאַר, ווייל דער מחבר האָט אַ טאָכטער, א בוגרת, — און מיט די ביז־אַהעריקע געדרוקטע פּירו־שים קאָן ער נישט אויפקלייבן קיין נדן, — איז פאַרוואָס טאַקע נישט געבן קיין הסכמה אויף דעם „נייעם״ ספר פון דעם אַלטן אבי הכלה? ווער רעדט נאָך ווען דער מחבר איז באמת אַ יונגער טאַלאַנט, — ווערט די פראַגע פון דערמוטיקונג באמת זייער אַן ערנסטער ענין, — און עס שאַדט נישט צו האָבן וועגן דער ליטעראַרישער יוגנט — און פאַרוואָס טאַקע נישט מיט איר אַליין? — אַן ערנסטן שמועס.

3. דער יונגער דיכטער — און דער קריטיקער

(דיאַלאָג)

יונגער שרייבער: — מעג איך אייך שטעלן נישט קיין באַשיידענע פראַגע?

קריטיקער: — נישט צו זיין באַשיידן איז דער יוגנטס פּריווילעגיע.

יונגער שרייבער: — פאַרוואָס זיינען אייך די אַמאָליקע שרייבערס נעענטער ווי די היינטיקע?

קריטיקער: — פון וואַנען איז׳ס געדרונגען, אַז די אַמאָליקע שרייבערס זיינען מיר נעענטער?

יונגער שרייבער: — דערפון, וואָס איר האָט געשריבן וועגן זיי לענגערע אָפּהאַנדלונגען, שיר ניט ביכער גאַנצע.

קריטיקער: — נו, זיי אַליין האָבן אויך אַ סך געשריבן. אַז איר, יונגע, וועט האָבן לענגער געלעבט און ממילא אויך מער געשאַפן, מער אויפגעטאָן, וועט די קריטיק ביי אייך מסתמא אויך געפינען מאַטעריאַל פאַר „לענגערע אָפּהאַנדלונגען, שיר נישט ביכער גאַנצע״, — אויב דאָס איז אַזוי וויכטיק.

יונגער שרייבער: — ניין, נישט וועגן קוואַנטיטעט רעדט זיך, — איר פאַר־שטייט׳ס דאָך אַליין. כ׳האָב אין זינען געהאַט די אינעוויייניקסטע באַציִונג. ווען איר שרייבט וועגן אַ פאַרשטייער פון דער עלטערער ליטעראַטור, גרונטעוועט איר זיך, אַזוי ווי איר זאָלט זיין זיכער, אַז אויפן דעק ליגן און וואַרטן אויף אייך אוצרות. אָט די זיכערקייט, און טאַקע דאָס עצם פאַרטיפן זיך, דאָס אַריינטאָן זיך מיט לייב און לעבן פילט זיך נישט (איר האָט דאָך מיר געגעבן דאָס רעכט צו זיין אומ־באַשיידן?) ווען איר שרייבט וועגן דעם יינגערן דור שרייבערס. פאַרוואָס איז עס אַזוי?

קריטיקער: — פאַרוואָס (וועט איר מיר דערלויבן צו ענטפערן אויף אייער פראַגע מיט אַ פראַגע?) — פאַרוואָס ווייזן די מיינסטע אינטעליגענטע לעזער אַרויס מער אינטערעס צו עלטערע דיכטערס ווי צו יונגע, דערהויפּט ווען עס רעדט זיך וועגן פּאָעזיע? אויב איר וועט צוגעבן אַז דאָס איז ריכטיק, וועט אפשר אייך נישט זיין אַזוי שווער צו פאַרשטיין, פאַר וואָס אויך דער קריטיקער ווערט שטאַרקער סטימולירט פון דעם פריִערדיקן דור (אָדער די פריִעדיקע דורות) שרייבערס. דער

קריטיקער איז דאָך אויך אַ לייענער — פרי̇ער ווי אַלץ. ער איז פרי̇ער אַ לייענער, אַ נעמער, דערנאָך ערשט אַ שרייבער, אַ געבער. איז ממילא אַלץ, וואָס איז חל אויפן פובליקום, חל אויף אים אויך. און אויב עס איז אמת אַז דער אינטעליגענ־טערער לעזער געפינט אין אַ טייל פון דער נישט־היינטיקער ליטעראַטור עפּעס אַזוינס, וואָס פאַרכאַפּט אים גאָר באַזונדערס, איז אפשר נישט מער ווי נאַטירלעך, אַז אויך זיין אָרגאַן, די קריטיק, זאָל עס געפינען? פאַרשטייט זיך, אַז...

יונגער שרייבער: — איך מוז אייך איבעררייסן — און טאַקע אויפן שטיי־גער פון אייער שלום־עליכמס מעשה מיטן טעפּל: ערשטנס, איז נאָך נישט באַ־וויזן געוואָרן, אַז עס איז באמת דאָ אַזאַ נאָענטע שייכות צווישן „די קלאַסיקערס" און דעם לעזער (עס איז מעגלעך, אַז די אַזוי־גערופענע מוסטער־ליטעראַטור איז נישט מער ווי אַ גוט־רעקלאַמירטער אַרטיקל: ווערט זי דאָך „געבומט" סיי אין שול פון די לערערס סיי אין דער ליטעראַטור און אין דער פּרעסע פון די קרי־טיקערס, פון די יאָרצייט־פּראָווערס, פון די אַלע פאַראַדן־מאַכערס!) און צווייטנס, איז פון די לעזערס קיין ראיה נישט. זיי מעגן זיך זיין (און זיי זיינען אָפּט) קאָנ־סערוואַטיוו, אָבער דער קריטיקער! ער קאָן זיך נישט פאַרגינען צו בלייבן ביים אַלטן; ער טאָר זיך נישט באַנוגענען דערמיט, וואָס עס איז שוין דערגרייכט גע־וואָרן. ער מוז שטיין מיטן פּנים צום מאָרגן, צו דער יוגנט. ווער, טאַקע אין דער אמתן, זאָל וויסן ווי צו שעצן אַ נייעם דרייסטן שריט פאָרויס, אַ נייעם אויפטו, אַ ניי וואָרט, אַ נייעם טאָן, אויב נישט ער? ווער זאָל וועקן, מינטערן, שטיצן פרישע כוחות, ניי־געקומענע שריפטשטעלערס, אויב נישט דער וואָס אַ סך לייענערס (און נאַיווערע שרייבערס) קוקן אויף אים, ווי אויף זייער פירער און וועגווייזער?

קריטיקער: — דאָס זיינען ריכטיקע באַמערקונגען, אָבער (דערלויבט מיר „אַריינצוגיין" אין מיין קריטיקער־ראָלע) נישט אויפן ריכטיקן אַדרעס. מיט דער גערעכטער פאָדערונג, וועלכע איר האָט נאָר וואָס אַרויסגעשטעלט, וואָלט איר זיך געדאַרפט ווענדן צום ליטעראַרישן זשורנאַליזם, נישט צו דער ליטעראַרישער קריטיק.

יונגער שרייבער: — איז עס דען נישט איין זאַך ?

קריטיקער: — ניין, נישט איין זאַך. אמת טאַקע, זיי זיינען פאַרבונדן צווישן זיך (די אַנטוויקלונג, ווען אַפילו נישט דער אויפקום, פון קריטיק האָט אַ נאָענטע שייכות צו דער אַנטוויקלונג פון דער פעריאָדישער פּרעסע), אָבער דאָס זיינען צוויי גאָר באַזונדערע זאַכן. דער ליטעראַרישער, ווי יעדער, זשורנאַליזם איז אַק־טועל. ער רופט זיך אָפּ אויף די געשעענישן פון טאָג. און אַ „לויפנדיקע" לי־טעראַרישע פאַסירונג (מעג זי לויפן און — אַנטלויפן, פאַרשווינדן) איז אויך אַ פאַסירונג. ווער רעדט נאָך, אַ נייער כוח, אַ פרישער טאַלאַנט — מיט אים מוז דער ליטעראַרישער פובליציסט אוודאי און אוודאי זיך אָרומטראַגן. אים מוז ער אַרויפזעצן אויפן פערד און, כאָטש (אָדער אויב) ער איז נישט קיין המן, לויפן פאַר אים און שרייען: „ככה יעשה"... אָבער ליטעראַרישע קריטיק — זי גיט זיך אָפּ מיט ווערק, מיט ווערטן, מיט דויערנדיקע ווערטן, נישט מיט מאָמענט־זאַכן. זי פירט נישט, ווי דער זשורנאַליזם, די כראָניק פון דער ליטעראַטור, זי דערקלערט איר געשיכטע...

יונגער שרייבער: — וואָס מיינט עס?

קריטיקער: — דער כראָניקער, און אויך דער ליטעראַטור־כראָניקער, פאַר־צייכנט אַלץ, וואָס ער זעט און הערט. דער היסטאָריקער, און אויך דער קריטי־קער, איז אַריינגעטאָן אין דעם, וואָס איז ווערט געזען און געהערט צו ווערן, אין דעם, וואָס לאָזט נאָך זיך איבער שפורן, טיפע און קענטיקע שפורן...

יונגער שרייבער: — איך זע שוין וווהין איר פירט, — און איך מוז אייך ווייטער אַ מאָל איבערמישן די רייד: איר ווילט אוודאי זאָגן אַז צווישן די יונגע שרייבערס זיינען דאָ אַזוינע, וואָס וועלן שנעל פאַרגעסן ווערן, אַזוינע, וואָס איי־דער נאָך זיי וועלן האָבן באַוויזן זיך פונאַנדערצעבליִען, וועלן זיי פאַרוועלקט ווערן? איר וועט דאָך אָבער נישט באַהויפּטן, אַז דאָס וועט זיכער זיין דער גורל פון אַלע יונגערע שרייבערס? אייניקע פון זיי, וועט איר אַליין מוזן צוגעבן, וועלן ווערן אפשר „קלאַסיקערס“... איי־וואָס, נישט אַלע? נו, און די עלטערע זיינען דען אַלע געבליבן?

קריטיקער: — ניין, נישט אַלע, — געציילטע...

יונגער שרייבער: — נו, געציילטע ווערטפולע שרייבערס גיט אַרויס פון זיך אויך דער יונגער דור, היינט פאַר וואָס זאָל ער איבערגעלאָזן ווערן אין רשות פו־נעם ליטעראַרישן זשורנאַליזם, ווי איר רופט עס אָן? פאַר וואָס זאָל ער נישט זוכה זיין „באַדינט“ צו ווערן, אויב דאָס איז אַזאַ זכיה, פון דער ליטעראַרישער קריטיק בכבודה ובעצמה?

קריטיקער: — נישט ער האָט נישט די זכיה, נאָר, פאַרקערט, זי פילט זיך נישט געענוג צוגעגרייט דערצו. זי פילט זיך נישט פעיִק צו זען און אָפּצושאַצן אַ האַלבע אַרבעט... זי האָט נישט קיין מאָס פאַר אַ לעבן, וואָס וויקלט זיך ערשט אַרויס פון זיינע טונקלקייטן... זי האָט נישט דעם מוט פון טרעפערס און נביאות־זאָגערס...

יונגער שרייבער: — אַזוי נישט־דרייסט איז זי?

קריטיקער: — אַזוי נישט־פאַרטיק און נישט־קלאָר איז ער, דער יונגער דיכטער.

יונגער שרייבער: — נו, און דער ליטעראַרישער זשורנאַליסט? וואָס פאַר אַ טעם קאָן ער פילן אין דער פרוכט, אויב זי איז נישט צייטיק?

קריטיקער: — ער דאַרף נישט קיין צייטיקייט, ער לעבט מיט צייטלעכקייטן. אים אַרט נישט, וואָס אַ זאַך האַלט ערשט אין ווערן...

יונגער שרייבער: — און דער קריטיקער?

קריטיקער: — דער קריטיקער האַלט פון זאַכן, וואָס זיינען געוואָרן!

יונגער שרייבער: — אינטערעסירט אים דען נישט דער פּראָצעס פון ווערן, דער ווונדער פון וואַקסן? און איז דען נישט זיין מיסיע — העלפן דעם שרייבער ווערן וואָס ער איז, העלפן אים וואַקסן?

קריטיקער: — דאָס איז די מיסיע, אויב איר ווילט דווקא היכע ווערטער, פון דעם זשורנאַליסט און דעם דערציִער. דער קריטיקער איז אַ מאָל אויך אַ זשור־נאַליסט און אַן אויפקלערער, נעמט ער אויף זיך אויך די דאָזיקע אויפגאַבע, אָבער דאָס איז נישט זיין אייגנטלעכע אַרבעט.

יונגער שרייבער: — וואָס איז דען זיין אייגנטלעכע אַרבעט?

קריטיקער: — צוגיין (נאָר נישט צו נאָענט) צו אַ בוים, וואָס איז אויסגעוואַקסן, אַריינקוקן טיף אין די וואָרצלען, וואָס נערט אים, אין די קוואַלן, וואָס טרינקען זיי אָן, אויסצופאָרשן כעמיש אָדער באַקטעריאָלאָגיש דעם באָדן, באַטראַכטן דעם שטאָם, די צווייגן, דאָס ליכט, וואָס פאַלט אויף זיי, און — העלפן געניסן די פּירות, וואָס וואַקסן אויף זיי, לערנען געניסן, וואָרעם עס איז אַ קונסט, — אַט דער געניוס פון קונסט...

יונגער שרייבער: — הייסט עס, אַז וועגן ביימער וואָס האַלטן נאָך ערשט אין וואַקסן, וועגן יונגע שרייבערס קאָנען זיין נאָר „זשורנאַליסטישע", אָבער נישט קיין „קריטישע" אָפּשאַצונגען? האָב איך ריכטיק פאַרשטאַנען?

קריטיקער: — יאָ, וועגן יונגע און נישט קיין צייטיקע טאַלאַנטן קאָנען זיין נאָר אַזוינע אָפּשאַצונגען, וואָס זיינען פונקט אַזוי נישט פעסט, נישט זיכער, ווי די טריט פון יענעם, וועלכער זוכט ערשט זיין וועג און זיין ציל.

יונגער שרייבער: — זיינען נישט באַקאַנט דען קיין פאַלן, ווען קריטיקערס האָבן וועגן אַ שרייבערס ערשטע שריט אַרויסגעזאָגט געדאַנקען, איבערגעגעבן איינדרוקן, פאַרגונען זיך נביאותן, וועלכע האָבן געהאַט אַ דויערנדיקן ווערט?

קריטיקער: — דאָס זיינען געווען אויסנעם־פאַלן. בדרך־כלל טאָפּן אָנפאַנגערס אין דער פינצטער (און שרייבערס זיינען לענגער אָנפאַנגערס ווי זיי אַליין גלייבן). קאָן מען דעם אָדער יענעם פון זיי פאָראויסזאָגן אַז ער וועט געפינען זיין וועג, עס איז אָבער שווער און אָפט אוממעגלעך צו וויסן וואָס פאַר אַ וועג דאָס וועט זיין... נעמט, אַ שטייגער, אונדזערע אייגענע קלאַסיקערס. ווער וואָלט עס געקאָנט גלייבן אַז דער פאַרפאַסער פון „גאַטאַשע" אָדער „צוויי שטיינער", וועלכע זיינען מיט קרוב צו זיבעציק יאָר צוריק פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין פּעטערבורגער „יידישן פאָלקסבלאַט" — וועט אָנשרייבן אַזוינע ווערק, ווי „טוביה דער מילכיקער" אָדער „מאָטל פּייסי דעם חזנס יינגל"? קיין שפּור און קיין סימן פון הומאָר איז נישט געווען אין שלום עליכמס ערשטע דערציילונגען. פונקט אַזוי איז שווער געווען צו דערקענען אין דעם משכילישן „שטריימל" אָדער אַפילו אין „מאָניש" דעם שפּעטערדיקן דיכטער פון „פאָלקסטימלעכע געשיכטן"... מען האָט געמוזט וואַרטן, ביז שלום־עליכם וועט אויסוואַקסן, ביז פּרץ וועט זיך פאַרנאַנדערבליִען, כדי צו וויסן, ווער און וואָס זיי זיינען געווען.

יונגער שרייבער: — אָבער אַז, אַ שטייגער, פּרץ איז געווען אַ טאַלאַנטפולער שרייבער, — דאָס האָט מען געזען, געקאָנט זען גלייך, דאָס קאָן מען זען ביי דעם גרעסטן טייל יונגע שרייבערס, — און איז דען נישט איינע פון די קריטיקערס אויפגאַבעס צו ענטפערן אויף דער פראַגע, צי האָט דער שרייבער טאַלאַנט אָדער נישט?

קריטיקער: — יאָ, דאָס איז איינע פון דעם קריטיקערס אויפגאַבעס, אָבער ערשטנס, האָט מען ביי אַזאַ שרייבער, ווי שלום־עליכם, נישט געקאָנט אין אָנהייב וויסן אַפילו, צי ער האָט אמתן טאַלאַנט, און צווייטנס איז דאָס נישט די וויכטיקסטע אויפגאַבע פונעם קריטיקער.

יונגער שרייבער: — וואָס־זשע דען איז זיין וויכטיקסטע שליחות, לויט אייער מיינונג ?

קריטיקער: — זיין וויכטיקסטע אויפגאַבע, לויט מיין מיינונג, איז נישט די קאָנסטאַטירונג, נאָר די אויספאָרשונג פונעם שרייבערס טאַלאַנט.

יונגער שרייבער: — וואָס מיינט עס?

קריטיקער: — דאָס מיינט, אַז דער קריטיקער קאָן זיך נישט באַנוגענען מיט זאָגן: „ראובן האָט אַ פּונק" אָדער „שמעון איז געבענטשט מיט אַ פלאַמפייער". ער מוז אויסגעפינען מיט וואָס איז איין שרייבערס ליכט אַנדערש פון דעם אַנ־דערנס. עס שאַדט נישט, ער זאָל אויך וויסן, פון וואַנען דאָס ליכט קומט און וואָס עס באַלייכט... איך קאָן איצט נישט באַטראַכטן די דאָזיקע פראַגע, ווי ברייט און טיף זי איז. איך וויל נאָר זאָגן, אַז וואָס פאַר אַ שטאַנדפּונקט, וואָס פאַר אַ מעטאָד און וואָס פאַר אַ ציל אַ קריטיקער זאָל נישט האָבן, קאָן ער נישט יוצא זיין מיט געבן אַ הסכמה אויפן שרייבערס טאַלאַנט...

יונגער שרייבער: — אָבער... איר זענט גערעכט, מיר דערווייטערן זיך טאַקע פון אונדזער טעמע.

קריטיקער: — מיר זיינען נאָר אין גפאַר זיך צו דערווייטערן פון איר. ביז איצט האָבן מיר די געפאַר אויסגעמיטן. די פּאָר ווערטער וואָס איך האָב געזאָגט וועגן דעם אונטערשייד צווישן קאָנסטאַטירן און אויספאָרשן אַ שרייבערס טאַ־לאַנט, זיינען נייטיק געווען צו ווייזן אַז מען מוז וואַרטן, ביז אַ שרייבערס כוחות און קוואַלן וועלן זיך עפענען, כדי צו וויסן נישט נאָר, אַז ער האָט אין זיך עפּעס אַ קרעאַטיווע קראַפט, נאָר אויך — וואָס פאַר אַ מין קראַפט דאָס איז.

יונגער שרייבער: — מען מוז, זאָגט איר, וואַרטן, — גוט, זאָל זיין אַזוי, אָבער ווי לאַנג זאָל מען וואַרטן? ביז דער שרייבער וועט אַלט ווערן? ביז ער וועט האָבן געזאָגט זיין „לעצט וואָרט"? איר אַליין האָט, אגב, געשריבן וועגן דיכטערס ווען זיי האָבן נאָך געהאַלטן אין רעכטן מיטן בלי̇ען — און נישט קיין „זשורנאַ־ליזם", דערלויבט איך צו זאָגן אַ קאָמפּלימענט אין די אויגן, נאָר דווקא דאָס, וואָס הייסט אויף אייער לשון „קריטיק", און דאָך (אומקערנדיק זיך צו אונדזער טעמע און מאָדיפיצירנדיק זי) איז אין דעם אימפּעט און אין דעם פאַרנעם פון אייער שרייבן דאָ אַן אונטערשייד צווישן די עלטערע און די מאָדערנע דיכטערס — לטובת די ערשטע... פאַרוואָס איז עס אַזוי? דערפאַר, וואָס איר זענט אַליין געווען יינגער, ווען איר האָט געשריבן וועגן די אַלטע? דערפאַר, וואָס אין אייך אַליין איז דער קריטיקער געווען דאַן שטאַרקער, ווי דער זשורנאַליסט?

קריטיקער: — אפשר... אָבער דאָס זיינען פּונקטן, וואָס האָבן נישט קיין אַל־געמיינעם אינטערעס, און עס איז נישט כדאי זיך אַריינצולאָזן אין זיי. איך וויל אייך אָנווייזן אויף אַן ענין, וואָס האָט אַ מער אַלגעמיינעם ווערט: די עלטערע שרייבערס (און צו זיי רעכן איך צו כמעט אַלע די, וועלכע האָבן פאַרנומען אַן אָרט אין דער יידישער ליטעראַטור פאַרן ערשטן וועלטקריג) זיינען טיף פאַר־וואָרצלט געווען אינעם יידישן כלל־לעבן, אין דער יידישער קולטור־סביבה, אין דער יידישער קולטור־טראַדיציע. אפילו אַ בערגעלסאָן מיט זיין פּראָלעטקולטישן „פּענעק" איז געוואָרן אַ כלל־ישראל שרייבער. אַנדערש זיינען די, וועלכע האָבן זיך געוויזן נאָכן קריג. זיי זיינען אַלע, אַ חוץ אַ פּאָר אויסנאַמען, אָפּגעריסענע, אויסגעוואָרצלטע. זיי רעפּרעזענטירן זיך אַליין, בעת היינטער דעם שרייבער פון דעם פאַרמילחמה־טיפּ שטייען דורות, וועלטן גאַנצע...

יונגער שרייבער: — מאַכט דאָס לייכטער אָדער שווערער די אויפגאַבע פון דער קריטיק?

קריטיקער: — עס איז נישט קיין פראַגע פון לייכט אָדער שווער. עס איז אַ פראַגע פון לעבנס־שפע, אַ פראַגע פון רייכערע אָדער אָרעמערע אידייען־פאַר־בינדונגען, פון גרעסערער אָדער קלענערער סוגעסטיוויטעט. דער איינגעוואָרצלטער שרייבער האָט דערמיט גופא שוין אַ ווערט און אַ ווערדע, וואָס ער איז נישט אַליין. זיינע געשטאַלטן, ווי אויך די מיטלען פון זיין שפראַך סימבאַליזירן מיט זיך אַ קאָלעקטיוו, אַן עפּאָכע, אַ דור, און זיי וועקן אונדזער געדאַנק, אונדזער פאַנ־טאַזיע, ווען אַפילו דער שרייבער אַליין איז נאָך פון דעם גראַד פון אַ מרדכי ספעקטאָר אָדער אַ יעקב דינעזאָן.

יונגער שרייבער: — ווי אַזוי איז עס פּאָרט געשען, וואָס גאַנץ אומבאַדייטנ־דיקע שרייבערס האָבן באַקומען אַזאַ באַדייטונג?

קריטיקער: — דאָס איז געשען אַ דאַנק דעם, וואָס כמעט יעדער פון זיי האָט געהאַט אַ שותף — דאָס פאָלק. דאָס שאַפן פון אַ פערזענלעכקייט געכפלט אויפן לעבן פון דורות — דאָס זיינען די ווערק נישט נאָר פון מענדעלען, שלום־עליכמען, פרצן, ליעסינען, אַשן, אויך פון אַנדערע עלטערע שרייבערס. אָבער דער היינטיקער שרייבער רעפּרעזענטירט דאָס רוב נאָר זיך אַליין און אַפילו דער היינ־טיקער שרייבער, דער וואָס גיט אונדז צו פילן דעם טעם פון אַ פאָלקס־לעבן און אַ פאָלקס־גזע, דער, וואָס גיט אונדז נאָר צו פאַרזוכן אָדער דעם ביטערן טעם פון זיין פאַרעלנטן איך, אָדער דעם שיטערן טעם פון סאָציאַלע אַבסטראַקציעס. — ער וואָלט געדאַרפט זיין, ווינציקסטנס, אַ מענדעלע, אַ פרץ, כדי אונדז אויפ־צוּוועקן, — און וויפל האָבן מיר אַזוינע?

יונגער שרייבער: — יאָ, דאָס איז אַ פראַגע, עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע פראַגעס אויך...

קריטיקער: — צו וואָס נאָך פראַגעס? מיר וואָלטן געקאָנט נאָך אַ סך, אַ סך שמועסן וועגן אייער ערשטער פראַגע, אָבער עס וועלן זיין נאָך געלעגנהייטן.

4. דאַרפן נישט די דיכטערס זיין אויך די קריטיקערס? *)

ווען גאָט האָט די וועלט באַשאַפן, האָט ער איינגעזען, אַז „ס'איז גוט". איז דאָס נישט געווען דען די איינציק־קאָמפּעטענטע „קריטיק" וועגן אונדזער וועלט? עס האָט זי אַרויסגעזאָגט דער שאַפער אַליין. אַלע אַנדערע „קריטיקן" (וויפל מאָל האָבן מיר עס שוין געהערט?) שטאַמען פון לויטער דילעטאַנטן: האָט דען ווער פון זיי שוין געפּרווט אַ מאָל שאַפן אַ וועלט? און עס וואָלט געווען אַ יושר, מיינען אַ סך, אַז אויך אַנדערע שאַפערס, — דיכטערס, קינסטלערס, — זאָלן גיין אין גאָטס וועג און אַליין ווערן די קריטיקערס פון זייערע ווערק. און באמת: ווער דען קאָן וויסן אַזוי גוט ווי זיי אַליין, וואָס זיי האָבן געמיינט? ווער דען קאָן בעסער ווי זיי אַליין אויסטייטשן זייערע פאַרבאָרגענע כוונות? און וואָס איז שייך צו מבינות, איז

---

*) זע „אַלגעמיינע באַמערקונגען" אינעם ערשטן טייל פונעם בוך.

דאָך קלאָר, אַז קיין גרעסערער מבין אויף קונסט, ווי דער קינסטלער אַליין, קאָן נישט געמאָלט זיין. און נישט נאָר איז ער דער גרעסטער, — ער איז דער איינ־ציקער מבין אויף קונסט. ווי קומען מענטשן, וואָס האָבן קינסטלעריש נישט עפּעס אויפּצוטאָן, אַרויסצוזאָגן מיינונגען וועגן קונסט? קאָן דען, אַ שטייגער, איינער וואָס איז נישט קיין אינזשיניער, מבינות זאָגן אויף אַ בריק? אַזוי וואָלט אויך דער. וואָס איז אַליין נישט קיין קינסטלער, נישט געדאַרפט האָבן קיין דעה אין קונסט־זאַכן...

דאָס איז אַ מיינונג וואָס איז זייער פאַרשפּרייט. און זי זעט אויס פון אויבנ־אויף צו זיין גאַנץ שכלדיק. טאַקע, מיט וואָס זאָל קונסט זיין אַנדערש פון וויסנ־שאַפט אָדער טעכניק? פון די, וואָס שרייבן מכוח טעכנישע און וויסנשאַפטלעכע ווערק, פאָדערן מיר אַז זיי זאָלן האָבן וויסן און זיין אַליין וויסנשאַפט־מענטשן; פאַר־וואָס זאָלן מיר נישט פאַרלאַנגען אויך פון קונסט־קריטיקערס אַז זיי זאָלן אַליין זיין קינסטלער? האָט טאַקע דער ענגלישער פּאָעט דראַידען, וואָס איז אויך געווען אַ קריטיקער, דערקלערט אַז „די פּאָעטן אַליין זיינען די פּאָסיקסטע, ווען אַפילו נישט די איינציקע (האָט ער צוגעגעבן) קריטיקער". און אַרטור סאַימאָנס, אַ מאָ־דערנער ענגלישער שריפטשטעלער חזרט עס איבער: „בעת, זאָגט ער, עס איז דאָ אַ גרויסע מאַסע ווערטפולע קריטיק, געשריבן פון קריטיקערס, וועלכע זיינען נאָר קריטיקערס, איז דאָך די ווערטפולסטע און די עיקרדיקסטע קריטיק געשריבן גע־וואָרן פון שעפערישע שרייבערס, דאָס רוב פון פּאָעטן".

כדי צו פאַרשטיין בעסער דעם ענין, — לאָמיר זיך פּרווון פאָרשטעלן אַז מיר פאָדערן פון קונסט־קריטיקערס אַז זיי זאָלן זיין אַליין קינסטלער און — לאָמיר זיך ווידער איינריידן — אַז אונדזער פאָדערונג איז צופרידנגעשטעלט געוואָרן: וועגן קונסט שרייבן נאָר קינסטלערס. וועלן מיר דאַן וויסן וועגן איר מער וויפל איצט? וועלן זיך באמת דאַן אַנטפּלעקן פאַר אונדז אַלע אירע סודות און רמזים?

לאָמיר פריִער נעמען דעם פאַל, ווו דער קינסטלער שרייבט וועגן זיין איי־גענעם ווערק. דאָ וואָלטן דאָך אין פלוג געדאַרפט זיין די גינסטיקסטע באַדינגונ־גען, אויב עס זאָל זיין ריכטיק, אַז וואָס אַ מענטש איז נעענטער צו אַ זאַך, אַלץ בעסער קאָן ער זי אָפּשאַצן: דאַרף מען דען זיין נעענטער צו אַ ווערק ווי דאַן, ווען מען איז אַליין זיין שאַפער? ובכן נעמען מיר דעם פאַל, ווען דער קינסטלער ווערט אַליין דער קריטיקער פון זיין שאַפונג. און לאָמיר זיך פאָרשטעלן (הגם עס איז נישט אַזוי לייכט זיך עס פאָרצושטעלן), אַז ער באַנוגנט זיך נישט מיט יענעם איינ־איינציקן וואָרט („גוט"), אין וועלכן עס האָט זיך אויסגעדריקט די גוטמוטיקע „זעלבסט־קריטיק" פון דעם גנאָדיקן שאַפער פון אונדזער וועלט. לאָמיר האָפן אַז דער מענטש־קינסטלער וועט נישט זיין אַזוי לאַקאָניש, ווי דער שאַפער פון אַלע שאַפערס, און ער וועט אונדז פריינטשאַפטלעך נעמען פאַרן האַנט, כדי אונדז צו פירן, פאַמעלעך און שטיל, דורך די אַלע פאַרבאָרגענע וועגן און טונקעלע שטעגן פון זיין שאַפן. וועט ער זיין אַ גוטער פירער?

איך בין זיך מודה אַז איך בין נישט זיכער אין דעם. נישט אויף יעדן וועג, אויף וועלכן מען גייט אַליין, קאָן מען פירן אַנדערע. עס זיינען דאָ וועגן, וואָס מיר גייען אויף זיי, ווי מיט פאַרבונדענע אויגן: דאָס זיינען אָפט (כאָטש נישט שטענ־דיק) די וועגן פון שאַפן. אַהין זיינען מיר געגאַנגען: עפּעס אַ שטערן, אַ ווייטעניש

האָט אונדז געצויגן, עפּעס האָט אונדז געשטופּט, געטריבן; צוריק קאָנען מיר אָפּט שוין אַליין נישט טרעפן דעם וועג, נישט גערעדט שוין וועגן פירן אויף אים אַנדערע...
„זיי קומען צו מיר און פרעגן, — האָט זיך געטע אַ מאָל געקלאָגט פאַר אַקער־מאַנען, — וואָס זיינען די אידייען, וואָס איך האָב געוואָלט פאַרקערפּערן אין „פאַוסט“. אַזוי ווי ווען איך זאָל עס וויסן און זיי קאָנען אינפאָרמירן“. מער באַ־קאַנט איז דער ענטפער, וואָס ראָבערט בראַונינג, דער ענגלישער פּאָעט, זאָל האָבן געגעבן איינער אַ דאַמע, וואָס האָט נישט אַנדערש געוואָלט אַז ער זאָל איר זאָגן, וואָס ער האָט געמיינט מיט איינעם פון זיינע נישט גאָר קלאָרע לידער: „מאַדאַם, — האָט ער איר געענטפערט, — ווען איך האָב דאָס ליד געשריבן, האָבן צוויי געוווּסט וואָס עס האָט געמיינט — גאָט און ראָבערט בראַונינג. איצט ווייס עס נאָר גאָט אַליין“...

„קיינער ווייס נישט — לייענען מיר ביי טורגעניעוון אין „דוואָריאַנסקאָיע גניעזדאָ“ — קיינער האָט נישט געזען און קיינער וועט קיין מאָל נישט זען ווי דאָס קערנדל, וואָס איז באַרופן צו לעבן און פונאַנדערבליִונג, גיסט זיך אָן און צײַ־טיקט אין שויס פון דער ערד“. קיינער ווייס נישט דעם סוד פון דעם קערנדלס צײַטיק־ווערן; ווייניקער ווי אַלע ווייס עס דאָס קערנדל אַליין... „איך שעם זיך אייך צו זאָגן דעם אמת, בירגער — האָט זיך אויסגעדריקט סאָקראַטעס אין זיין „אַפּאָלאָגיע“, ווי פּלאַטאָ גיט זי אונדז איבער — אָבער איך וועל עס אייך זאָגן; שיער נישט אַלע, וואָס זיינען געווען ביי אונדזערע שמועסן, האָבן גערעדט בעסער, ווי זיי (די דיכטערס) וועגן די ווערק וואָס זיי האָבן אַליין געשאַפן. איך האָב דע־מאָלט שנעל באַגריפן מכח די פּאָעטן, אַז זיי ווערן געפירט, ווען זיי שאַפן זייערע ווערק, נישט דורך דעם פאַרשטאַנד, נאָר דורך עפּעס אַ נאַטירלעכער גאָב און רוח־הקודש, פּונקט אַזוי ווי די פּריסטערס און די אָראַקעלס. זיי זאָגן דאָך אויך אַ סך שיינע זאַכן, מער נישט זיי וויסן אַליין נישט וואָס זיי ריידן“... דאָס איז תמיד אַזוי *), אָבער אָפט טרעפט אַז פּאָעטן וויסן אַליין נישט, וואָס זיי ריידן. זיי זיינען ווי דאָס קערנדל, וואָס ציט זיך צו דער זון, ווען עס ווערט פול מיט זאַפט און מוז אַרויס־שפּראָצן, אָבער וווהין און צוליב וואָס עס ציט זיך און שפּראָצט און וואַקסט, ווייס עס נישט. „דעם פּאָעט אַליין, זאָגט לענדאָר, איז נישט קלאָר אַלץ, וואָס ער ווייס, און ער זעט אויס צו וויסן פון דעם אַזוי ווינציק, ווי ווינציק עס ווייס דער זייד־וואָרעם פון דער פיינקייט פון זיין פאָדעם“. אַפילו דער דיכטער עדגאַר עלען פּאָ, וואָס גלייבט אין באַוווּסטזיניקן שאַפן און וואָס האָט אונדז געגעבן אַזאַ קלאָרן און ניכטערן אַנאַליז פון דעם אופן, ווי אַזוי ער האָט געשריבן „די ראָב“, מוז דאָך מודה זיין, אַז „דורכויס נישט אָפט איז אַן אויטאָר אין שטאַנד אָנצוצייכענען דעם וועג, אויף וועלכן ער איז געקומען צו זיין ציל“. און אַפילו זיין עצם־ציל איז ער נישט תמיד אין שטאַנד צו פאָרמולירן. וואָלט, אַ שטייגער, סערוואַנטעס געקאָנט אונדז זאָגן דעם ציל און מיין פון „דאָן קיכאָט“? ניין, ער וואָלט עס אונדז נישט געקאָנט זאָגן. ער האָט עס נישט געוווּסט. ער האָט באמת געגלייבט אַז זיין מיין איז אויסלאַכן און אויסצוראָטן די ריטער־ראָמאַנען, — און ער האָט „אַליין עס נישט וויסנדיק אויף קלאָר, אָנגעשריבן די גרעסטע סאַטירע קעגן דעם מענטשלעכן ענ־

---

*) זע מיין אָפּהאַנדלונג „שאַפן און אַרבעטן“ אין „געקליבענע שריפטן“, I, ז"ז 353־350.

טוזיאַזם״, ווי היינע זאָגט, אָדער אפשר גאָר פאַרקערט — אַליין נישט וויסנדיק, האָט ער אונדז געגעבן דעם העלסטן מוסטער פון מענטשלעכן ענטוזיאַזם. און דער זעלביקער דאָן קיכאָט, וואָס אין די אויגן פון זיין שאַפער און זיין דור איז ער געווען אַ קאָמישע פיגור, איז פאַר אונדז, היינטיקע לייענערס אַ טראַגישער סימבאָל. דאָס איז ריכטיק אויך וועגן אַזאַ געשטאַלט, ווי שיילאָק... „דער זשעני פון דעם דיכ־טער (האָט געשריבן היינע), דער וועלטגייסט, וואָס געוועלטיקט איבער אים, שטייט תמיד העכער פון זיין פריוואַטן ווילן״. דער „פריוואַטער ווילן״ פון שעקספיר איז אויסן געווען צו שאַפן פון שיילאָקן אַ העלד פאַר אַ קאָמעדיע אָבער דער „וועלט גייסט״, דער רוח הקודש האָט פון דער קאָמעדיע געמאַכט אַ טראַגעדיע. אויך אונ־דזער אייגענער מענדעלע מו״ס האָט זיין פאַראָדיע אויף „דאָן קיכאָט״, זיין „קיצור מסעות בנימין השלישי״, געשריבן ווי אַ סאַטירישע — און מיר לייענען עס איצט ווי אַ הומאָריסטישע דערציילונג. טשעכאָווס „קאַרשנגאָרטן״ איז אין מאָסקווער קונסט־טעאַטער אויפגעפירט געוואָרן ווי אַ טראַגעדיע, כאָטש געשריבן געוואָרן איז עס ווי אַ קאָמעדיע. ווען דעניעל דעפאָ האָט געשריבן זיין „ראָבינזאָן קרוזאָ״ האָט ער נישט געוווסט, אַז ער שרייבט אַ בוך פאַר יונגוואַרג, אַזוי ווי סוויפט האָט עס נישט געוווסט, ווען ער האָט געשאַפן זיין געניאַלע פאָליטישע סאַטירע „גוליווערס נסיעה״

יאָ, נישט שטענדיק ווייס דער דיכטער דעם ציל און דעם וועג פון זיין שאַפן. אָפט ווערט ער געפירט פון אַ קראַפט וואָס ער ווייס נאָר, אַז זי איז פאַראַן, אָבער נישט — וואָס זי איז. דער באַוווסטזיין, מעג ער ווי שטאַרק אָנטיילנעמען אין דעם דיכטערס שאַפן, איז ער דאָך נאָר איינער פון די קוואַלן, וואָס נערן אים. עס זיינען דאָ נאָך קוואַלן, באַהאַלטענע און אומבאַוווסטע. כדי דאָס צו פאַרשטיין, דאַרף מען גאָר נישט זיין באַקאַנט מיט פרוידס פסיכאָאַנאַליז. כמעט יעדער דיכטער לערנט עס פון זיין אייגענער דערפאַרונג... און אויב ער וועט אונדז וועלן דערציילן, וואָס ער ווייס פון זיין ווערק, וועט ער זייער אָפט וויניק האָבן אונדז צו דערציילן אָדער ער וועט אונדז איבערגעבן זאַכן, וואָס צום אמתן זינען פון זיין שאַפונג האָבן זיי גאָר אַ קנאַפע שייכות...

דאָס הייסט נישט, אַז וואָס דער דיכטער זאָגט אונדז וועגן זיין אייגענעם שאַפן, האָט פאַר אונדז נישט קיין ווערדע. ניין, עס האָט זייער אַ גרויסע ווערדע. אויב עס העלפט אונדז נישט שטענדיק פאַרשטיין זיין ווערק, ניצט עס אונדז אים אַליין בעסער צו באַנעמען. און דאָס איז זייער פיל. אָבער דאָס איז נישט גענוג. מיר קענען דאָך נישט אין גאַנצן דעם דיכטער אַליין, כל־זמן מיר קענען נישט גוט זיין שאַפן. אַפילו ער אַליין קאָן נישט האָבן וועגן זיך קיין קלאָרן באַגריף, אויב ער באַגרייפט נישט זיינע אינטויִטיוו־געשאַפענע ווערק, און אויב עס איז ריכטיק, אַז אָפט ווייס ער אַליין נישט אַלץ וועגן זיין שאַפן, איז ממילא אויך אמת אַז ער ווייס נישט אַלץ וועגן זיך אַליין.

אָבער לאָמיר לאָזן אָן אַ זייט דעם מין קינסטלער, וואָס נאָר די אינטויִציע, דער רוח־הקודש רעדט פון אים אַרויס. לאָמיר זיך פאָרשטעלן אַ קינסטלער פון דעם טיפ, וועגן וועלכן עס שרייבט עדגער עלען פאָו אָדער אָסקאַר ווײַלד — אַ קינסטלער, וואָס שאַפט „באַוווסטזיניק״. וואָלט זיין פירוש אויף זיין אייגענעם ווערק געווען פאַר אונדז גענוג? ניין, אויך זיין קריטיק קאָן אונדז נישט פאַרשפאָרן די קריטיקן

פון אַנדערע... פאַרוואָס? מחמת ער מוז זיין סוביעקטיוו און „פּאַרטייִש“ צו זיך אַליין? ניין, דער מאָטיוו אַינטערעסירט מיך נישט שטאַרק, וואָרעם איך האָב דאָ נישט אין זינען די קריטיק, וואָס מעסט די גרייס פון טאַלאַנט און זאָגט: „גוט“ אָדער „שלעכט“, נאָר יענע קריטישע מעטאָדע וואָס פאָרשט די נשמה פון אַ ווערק און זאָגט: וואָס און ווי עס איז באַשאַפן געוואָרן. אָבער אַפילו פאַר אָט דעם נישט שאַצנדיקן, נאָר כאַראַקטעריזירנדיקן מין קריטיק איז קנאַפּ וואָס דער ריכטער אַליין זאָגט. מעג זיין פּירוש זיין ווי אָביעקטיוו און אומפּאַרטייִש, איז עס דאָך נישט מער ווי זיין פּירוש — און עס קאָנען זיין פאַרשיידענע אַנדערע פּירושים. די אַנדערע קאָמענטאַרן קאָנען אַפילו סותר זיין איינע די אַנדערע. דאָס איז נישט קיין אומגליק. אָפט איז עס אַ גוטער סימן. „נאָר וועגן גאָר אָרעמע ווערק זיינען די מיינונגען פאַראייניקט — זאָגט דער ראָמאַנטישער דיכטער און עסטעטיקער זשאַן פּאַול; — וועגן מיטלמעסיקע זיינען זיי וואַקלדיק; וועגן די בעסטע אָבער זיינען זיי קעגנזעצלעך“. און — „אלו ואלו דברי אלהים חיים“. קליגערע קריטיקערס ווייסן עס, — פאָלגן זיי עמאַנועל קאַנטן וואָס ראָט נישט צו זאָגן: „דיזער ווייַן שמעקט גוט“, נאָר „ער שמעקט פיר מיך גוט“... די גרויסקייט פון אַ ווערק באַשטייט אין דעם, וואָס יעדער איז אים משיג לויט זיין מדרגה. אַפילו דער דיכטער אַליין האָט דאָ נישט וואָס צו זאָגן, נאָך דעם ווי זיין ווערק איז שוין באַשאַפן. ער קאָן לערנען אין זיין שאַפונג איין פּשט און דער לייענער — אַן אַנדערן. דעם דיכטערס פּשט איז נישט קיין מוז פאַר דעם לעזער. דער רוסישער פילאָלאָג און שאַפונג־טעאָרעטיקער פּאָטעבניאַ שרייבט: „דער הערער קאָן אַ סך בעסער פאַר דעם ריידער פאַרשטיין, וואָס עס ליגט פאַרבאָרגן הינטער דעם וואָרט, און דער לעזער קאָן בעסער פון דעם דיכטער אַליין תופס זיין דעם רעיון פון זיין ווערק *). דער תוך, דער כוח פון אַ ווערק ליגט נישט אין דעם, וואָס דער אויטאָר האָט געוואָלט מיט אים זאָגן, נאָר אין דעם, ווי עס ווירקט אויפן לעזער אָדער צוהערער, אַלזוי, אין זיין אומאויסשעפּלעכן מעגלעכן אינהאַלט“.

עס וואָלט באמת געווען נאַיִוו צו טראַכטן, אַז אַ גרויס ווערק האָט נאָר איין באַשטימטן זינען. „תורה נדרשת לכמה פנים“, זאָגט די גמרא: די תורה קאָן אויסגעטייטשט ווערן אויף פאַרשיידענע אופנים, און איר ליגט פון אָנהייב אָן פאַרבאָרגן „אַלץ, וואָס אַ תלמיד ותיק וועט ווען עס איז אויפטאָן“. עפּעס ענלעכס האָט געשריבן דאַנטע וועגן זיין „געטלעכער קאָמעדיע“: „דאָס דאָזיקע ווערק — לייענען מיר אין זיין „ווידמונג“ — האָט נישט איין וואָסער עס איז באַשטימטן זינען, נאָר עס קאָן אָנגערופן ווערן פּאָליסענסום, דאָס הייסט אַזאַ, וואָס האָט עטלעכע זינען“... אָבער אפשר איז עס ריכטיק בלויז וועגן דער „קאָמעדיע“ וואָס דער דיכטער איז מיט אַ כיוון אויסן געווען צוצוגעבן איר אַ געוויסע פילדייטיקייט? לייענט דאַן, וואָס טורגעניעוו האָט געזאָגט אין זיין באַרימטער רעדע וועגן „האַמלעט און דאָן קיכאָט“... „אין דעם, האָט ער געזאָגט, ליגט די באַזונדערע מעלה פון גרויסע פּאָעטישע ווערק, אין וועלכע דער זשעני פון זייער שאַפער האָט אַריינגעאָטעמט אַ ניט־שטאַרבנדיקן לעבן, וואָס די מיינונגען וועגן זיי, ווי וועגן לעבן בכלל — קאָנען זיין אומ־

*) איך אַ ביסל אַן אַנדער זינען האָט שלום עליכם אַמאָל (אין אַ בריוו צו י. ח. ראַבניצקין) געשריבן: איך האַלט תמיד דעם לעזער פאַר אַ גרעסערן מבין ווי דעם מחבר“.

ענדלעך פֿאַרשיידן, אַפֿילו סתירהדיק — און אין דער אייגענער צייט זיין גלייך געראַכט". אַנדערע האָבן דאָס אייגענע געזאָגט ביי אַנדערע געלעגנהייטן. דער רו־סישער קריטיקער פּיסאַרעוו האָט וועגן ביעלינסקיס פּושקין־קריטיקן געשריבן: „די לעזער און אפשר אויך ביעלינסקין אַליין האָט זיך געדאַכט, אַז פּושקין מיט זיינע ווערק האָט עס אַרויסגערופֿן אָט די אַלע ווונדערלעכע געדאַנקען; אין דער אמתן אָבער געהערן זיי אין גאַנצן דעם קריטיקער און דעם פּאָעט אַליין וואָלטן זיי מסתמא גאָר נישט געפֿעלן געוואָרן. ביעלינסקי האָט איבערגעטריבן די באַדייטונג פֿון אַלע פּושקינס הויפּט־ווערק און ער האָט יעדן פֿון זיי צוגעשריבן אַזאַ ערנסטן און טיפֿן זינען, וועלכן דער אויטאָר אַליין האָט נישט געקאַנט און גאָר נישט געוואָלט אין זיי אַריינלייגן". פּיסאַרעוו איז אויסן געווען אָפּצושוואַכן דערמיט דעם איינדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט אויף דעם רוסישן לעזער ביעלינסקיס קאָנגעניאַלער פּירוש אויף פּושקינס פּאָעזיע. דאָס איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען אַ פֿעלער פֿון פּיסאַרעווס זייט, אַ פֿעלער, וואָס האָט זיך גענומען פֿון זיין כלומרשט רעאַליסטישן דענק־מעטאָד; אָבער דער עצם פֿאַקט, וואָס וועגן אים רעדט ער, איז אַ ריכטיקער. ביע־לינסקי האָט טאַקע אַריינגעלייגט, אַריינגעלייענט, אַזוי צו זאָגן, אין פּושקינס, ווי אין אַלע אַנדערע ווערק, זיינע אייגענע רעיונות, פּונקט ווי פּיסאַרעוו אַליין האָט זיינע רעיונות אַריינגעלייגט אין טורגעניעווס באַזאַראָוו, פּונקט אַזוי ווי יעדער לע־זער און יעדער קריטיקער, וועלכער איז דאָך אויך, פֿריִער ווי אַלץ, אַ לעזער, טראָגט אַריין זיינע געדאַנקען, טרוימען און געפֿילן אין די ווערק, וואָס ער לייענט. דער לעזער, וועלכער איז ווערט צו טראָגן דעם נאָמען לעזער, איז שטענדיק ממשיך (יעדער לעזער אויף זיין שטייגער) וואָס דער דיכטער הייבט אָן.

דער לעזער מוז האָבן אַ שם המפורש, אַ שאַפֿנדיקע און באַלעבנדיקע פֿאַנ־טאַזיע, כדי דעם דיכטערס ווערק זאָל נישט בלייבן פֿאַר אים קיין גולם, קיין גוף אָן אַ נשמה. נישט אומזיסט זאָגט דער דייטשער דיכטער העבעל, אַז „פּאָעזיע צו געניסן איז פּונקט אַזוי אַ טאַלאַנט, ווי צו שאַפֿן פּאָעזיע". און דער רוסישער קרי־טיקער און ליטעראַטור־פֿאָרשער גאָרנפֿעלד דריקט זיך אויס, אַז „יעדער נייער לייענער פֿון „האַמלעט" איז אַזוי ווי זיינער אַ נייער פֿאַרפֿאַסער ,יעדער נייער דור איז אַ ניי בלאַט אין דער געשיכטע פֿון יעדן קונסטווערק". יעדער נייער דור באַפּרוב־פֿערט דאָס קונסטווערק מיט זיין נייעם לעבן און רופֿט אין אים אַליין אַרויס אַ נייעם לעבן. אויב ס'טרעפֿט, אַז אַ קונסטווערק שטאַרבט אויף אַ געוויסער צייט, איז עס אָן אילוזיע. דאָס ווערק איז אין דער אמתן נישט געווען טויט, נאָר דער עפּאָכע האָט געפֿעלט דער חוש פֿאַר דעם. קומט אַ נייע תקופה — לעבט דאָס ווערק אויף. אַזוי איז געווען מיט שעקספּירס דראַמעס און מיט פֿיל אַנדערע גרויסע שאַ־פֿונגען. די אומשטערבלעכקייט פֿון אַ קונסטווערק מיינט — זיין פֿעיִקייט אויפֿצו־שטיין נאָך יעדן טויט זיינעם תחית־המתים. אָבער — און דאָס איז פֿאַר אונדז דער עיקר — אַפֿילו אין די צייטן ווען עס לעבט, לעבט עס אַ סך פֿאַרשיידענע לעבנס. „ווער וועט זאָגן — שרייבט דער שוין פֿריִער דערמאָנטער רוסישער ליטעראַטור־פּסיכאָלאָג פּאָטעבניאַ — אַז די אויסטייטשונג און די ווירקונג פֿון דער גריכישער סקולפּטור איז איינע און די זעלביקע אין דעם בליִונגס־פּעריאָד פֿון גריכנלאַנד און איצט? דעמאָלט און איצט — דאָס זיינען צוויי גאָר פֿאַרשיידענע שאַפֿונגען פֿון קונסט. זיי האָבן נאָר איין און דעם זעלביקן מאַטעריעלן סובסטראַט, אָבער נישט,

אַזוי צו זאָגן, די זעלביקע נשמה. און די דאָזיקע פאַרשיידנקייטן בייטן זיך נישט נאָר לויט די צייטן, נאָר אויך לויט די פעלקער". יעדע צייט, יעדעס פאָלק און יעדער איינציקער לעזער לעבט־איבער דעם קונסטווערק אויף זיין אייגענעם שטייגער, לייגט אין אים אַריין זיין אייגענעם „אינהאַלט", מאַכט אויף אים זיין אייגענעם פירוש, — און דערפאַר מעג די אויסטייטשונג, וואָס דער קינסטלער אַליין גיט זיין ווערק, זיין פאַר אונדז ווי וויכטיק, קאָן זי נישט פאַרבייטן אַלע אַנדערע אויס־טייטשונגען.

אַ ווערק קאָן פון אונדז נישט פאַרשטאַנען ווערן פונקט אַזוי ווי דער דיכטער האָט עס פאַרשטאַנען, שוין דערפאַר אַליין, וואָס דער יסוד, דער אור־אַטאָם, אַזוי צו זאָגן, פון יעדער ליטעראַרישער שאַפונג — דאָס וואָרט — ווערט פון יעדן איי־נעם אויפגענומען גאָר אויף אַ באַזונדערן אופן. „ווען צוויי פערזאָנען, זאָגט א. פאָטעבניא, וואָס ריידן אויף איין לשון, פאַרשטייען איינס דאָס אַנדערע, איז דער אינהאַלט פון דעם געגעבענעם וואָרט ביי זיי פאַרשיידן". און פאָטעבניאָס אַ תלמיד, גאָרנפעלד, שרייבט, אַז „קיינער טראַכט נישט, זאָגנדיק אַ וואָרט, פונקט דאָס איי־גענע, וואָס אַן אַנדערער קאָן טראַכטן". און אויך הערנדיק אַ וואָרט, וויל איך צוגעבן, הערט קיינער נישט פונקט דאָס אייגענע, וואָס אַן אַנדערער קאָן הערן. דאָס ווייס מען אויך אָן דער וויסנשאַפט פון סעמאַנטיק. „אַ וואָרט — לייענען מיר אין שלום אַשס ראָמאַן „פעטערבורג" — איז פונקט אַזוי ווי אַ פרוכט: מען באַדאַרף אַ וואָרט קאָנען אויפעסן — און דערפילן דעם טעם דערפון. אָבער דער, וואָס „עסט עס אויף", פילט אָפט דערין גאָר אַן אַנדערן טעם, ווי דער וואָס האָט עס געזאָגט אָדער גע־שריבן.

וואָס רייכער אַ וואָרט איז אין אינהאַלט, וואָס פיינער עס איז, אַלץ ווינציקער מעגלעכקייטן איז דאָ, אַז אַלע זאָלן עס גלייך פאַרשטיין. און אויב איין וואָרט איז אַזוי, היינט וואָס איז שוין צו ריידן וועגן אַ גאַנצן ווערק? שרייבט טאַקע מענדעלע וועגן דער „קליאַטשע", אַז „איטלעכער וועט זי פאַרשטיין כפי זיין פאַרשטאַנד און זיין מדרגה". און דאָס איז ריכטיק וועגן יעדן בוך. איטלעכער מענטש — און איט־לעכער דור — פאַרשטייט עס „כפי זיין פאַרשטאַנד און זיין מדרגה". אַן אַלטער יידישער מחבר, מנחם מאַן, האָט עס זייער בילדלעך אויסגעדריקט אין דער געגראַמ־טער פאָררעדע צו זיין „שארית ישראל" (אַמסטערדאַם, 1743):

עס איזט איין ספר אָדער איין בוך אַזאַ געשטעלט
גלייך מיט איין גראָז באַוואַקסען אויפן פעלד:
דען דער אָקס טוט דאָס גראָז צו זיין שפייז ד'רויס רייסן,
די בינען טוען האָניק און וואַקס פון די בלומען בייסן
דאָס חזיר — דאָס ווילט (ריעט) און גראָבט די וואָרצלס אויס
די שטאָרק קריגט דרין דען עקדיש און די קאַץ די מויז.
דער מענטש קלייבט דרויס קרייטיך אום דערמיט צו היילן איין ווונד
און די שפין זויגט דרויס גיפט, דאָס וויל מאָל דען מענשען מאַכן אומגעזונד.
זאָ אורטיילט איין יעדער מענטש, דער איין ספר טוט לעזן,
גלייך זיין אַרט איז און זיין נאַטירלעך פאַרשטאַנד און וועזן...

(איך האָב נישט אָפגעהיט די אָרטאָגראַפיע פון אָריגינאַל, כדי עס זאָל זיין לייכטער צום לייענען).

און אין אַ געוויסן זינען איז וועגן אַלע אמתע דיכטערס ריכטיק וואָס ביעלינסקי האָט געשריבן וועגן פּושקינען (און וואָס אַנדערע קריטיקערס האָבן, ווי איך האָב פריִער שוין דערמאָנט, געשריבן וועגן אַנדערע גרויסע קינסטלער). ביעלינסקי האָט געזאָגט וועגן אַלעקסאַנדער פּושקין, אַז „ער געהערט צו די אייביק לעבנדיקע און זיך באַוועגנדיקע דערשיינונגען, וועלכע בלייבן נישט שטיין אויף יענעם פּונקט, ווו עס האָט זיי געטראָפן דער טויט, נאָר וועלכע אַנטוויקלען זיך ווייטער אין דעם באַוווסטזיין פון דער געזעלשאַפט. יעדע עפּאָכע טראָגט אַרויס וועגן זיי איר אור־טייל, און ווי ריכטיק זי זאָל זיי פאַרשטיין, וועט זי שטענדיק איבערלאָזן דער קו־מענדיקער תקופה צו זאָגן עפּעס נייעס און מער ריכטיקס און קיינער וועט קיין מאָל נישט אַרויסזאָגן אַלץ"...

דאָס הייסט, פאַרשטייט זיך, נישט, אַז ס'איז „הפקר אַ וועלט", און מען קאָן טייטשן און פּשטלען אַ קונסטווערק ווי איינעם פּאַלט איין. ניין, חס וחלילה! אַ געוויסער תּוך, אַ געוויסע סובסטאַנץ איז דאָ אין יעדן ווערק, וואָס באַשטימט די אַלגעמיינע ריכטונג פאַר די פאַרשיידענע באַלייכטונגען און קאָמענטאַרן, אָבער אין ראַמען, אין די גרענעצן פון דער אַלגעמיינער ריכטונג זיינען דאָ אָן אַ שיעור מעג־לעכקייטן — און יעדער פאַרווירקלעכט זיי אויף זיין אופן, לויט זיינע השגות. אין דער אויפנעמונג פון קונסט איז עס אַזוי ווי אין איר שאַפונג: זיינען דען נישטאָ אין איר קיין באַשטימטע, כאָטש נישט שטענדיק פאַר אונדז קלאָרע, געזעצן? אָבער יעדער קינסטלער האָט די פרייהייט זיי אַנצווענדן אויף זיין אייגענעם שטייגער... אַזוי איז עס אויך מיט דער אויסטייטשונג פונעם איצטיקן וואָרט און פון אַ גאַנצן ווערק. יעדעס וואָרט קאָן פון פאַרשיידענע מענטשן, ווי מיר האָבן געזען, פאַרשיידן אויפגענומען און פאַרטייטשט ווערן, אָבער די פאַרשיידענע טייטשן קאָנען נישט זיין צו ווייט איינס פונעם אַנדערן: זיי מוזן אַלע האָבן אַ שייכות צו דער זאַך, וואָס ווערט דורך דעם דאָזיקן וואָרט אויסגעדריקט. אַזוי איז עס אויך מיט אַ גאַנצן ווערק. די פּשטיב וואָס ווערן אין דעם געלערנט, קאָנען נישט זיין גאָר אין גאַנצן ווייט איינס פון דאָס אַנדערע, אָבער זיי קאָנען זיין שטאַרק פאַרשיידן. און ממילא — חוזר איך איבער — קאָן אַ ווערק אויסגעטייטשט ווערן אַנדערש, ווי דער דיכטער אַליין האָט געטראַכט *).

דער דיכטער איז דיכטער כל־זמן ער שאַפט. הייבט ער אָן מאַכן פּירושים, ד"ה שרייבן קריטיק אויף קינסטלערישע ווערק, מעגן דאָס זיין זיינע אייגענע ווערק, — הערט ער אויף צו זיין קינסטלער אין דעם אייגנטלעכן זינען פון וואָרט און

---

*) אין זיין ראָמאַן „אַ טאָג עולם הזה", דערציילט ז. שניאור, ווי דעם קינסטלער ברינס באַקאַנטער פריינד באַבראַנסקי האָט אים איבערגעגעבן „ווי אַזוי „מאָנפּאַרנאַס" טייטשט־אויס דעם „מאָן־איזוער", וואָס דער לוקסעמבורגער מוזעאום האָט ביי אים אָפּגעקויפט. דאָס האָט ביי ברינען אַרויסגערופן אַן אויפרייסן ביידע אויגן. נאָך אַ ווײַלע טראַכטן האָט ער אַ הייב־געטאָן די פּלייצעס און זיך ביטער צעלאַכט:

— הען, קאַנאַליעס! וואָס פאַר אַ פיינע נעזער זיי האָבן דאָס... זיי האָבן מיין קאָמפּאָ־זיציע פאַרשטאַנען בעסער ווי איך אַליין...

און ווירקלעך, דער קאָמענטאַר וואָס דער בולוואַר מאָנפּאַרנאַס האָט פאַרעפנט־לעכט, האָט ברינען קלאָרער געמאַכט זיין אייגענעם קינסטלערישן שוווּנג. בשעת ער האָט דאָס געמאָלן האָט ער זיך אַליין קיין חשבון נישט אָפּגעגעבן וואָס, אייגנטלעך, עס טרייבט אים צום אייגזאַמען שניי־מענטשן און וואָס ער וויל דערמיט זאָגן".

ווערט — קריטיקער. קריטיק איז אָבער גאָר אַן אַנדער מין קונסט. נישט יעדער דיכטער פאַרמאָגט די פעיִקייט צו זיין אַ קריטיקער.

מיר האָבן געזען, אַז אַ געוויסער מין דיכטער — די וואָס לעבן נאָר מיט דער אינטויִציע אָדער מיטן רוח־הקודש — קאָנען נישט וויסן אַ מאָל דעם מיין פון זייערע אייגענע ווערק, און אַפילו דאַן, ווען זיי גיבן אונדז זייער אויסטייטשונג, איז זי נישט קיין מוז פאַר אַנדערע. נאָך ווינציקער איז אַ קינסטלער מסוגל אויפצונעמען און אויסצוטייטשן די ווערק פון אַנדערע קינסטלערס.

*

„דער גרויסער טעות, — זאָגט היינע — באַשטייט תמיד אין דעם, וואָס דער קריטיקער שטעלט די פראַגע: וואָס זאָל דער קינסטלער? פיל ריכטיקער וואָלט געווען די פראַגע: וואָס וויל דער קינסטלער? אָדער גאָר: וואָס מוז דער קינסטלער?“. דאָס איז אַ קורצע, אָבער זייער אַ קלאָרע כאַראַקטעריסטיק פון צוויי גאָר פאַרשיידענע מינים קריטיק: דער דאָגמאַטישער מין קריטיק און דער פרייער אָדער, ווי איך וואָלט אים אָנגערופן, דער אימאַנענטער מין קריטיק.

דער דאָגמאַטישער קריטיקער האָט אַ פאַרטיקן שולחן־ערוך. דאָרט זיינען פאַרשריבן די כללים און פרטים פון קונסט. האָט דער פאַרפאַסער אָפּגעהיט די אַלע כללים, דינים און מינהגים פון זיין שולחן־ערוך? אויב יאָ גיט דער דאָזיקער מין קריטיקער אים אַ „גלעט איבערן בעקעלע“; טאָמער, חלילה, נישט, גיט ער אויף אים אַ בייזן קוק און מאַכט פון אים אַש און רויך. עס איז נאָך אַ גליק, וואָס פריִער אָדער שפּעטער זוכט זיך אָפּ אַן אַנדער קריטיקער מיט אַן אַנדערן שולחן־ערוך, און יענער פּסקנט אַז עס מאַכט נישט אויס, — פאַרקערט, עס איז גאָר אַ מעלה, — וואָס דער קינסטלער האָט עובר געווען אויף די געבאָטן פון יענעם קריטיקער, אַבי ער האָט אָפּגעהיט דעם נייעם קריטיקערס כללים.

אַנדערש קוקט אויף דער זאַך די פרייע אָדער אימאַנענטע קריטיק. זי האָט נישט קיין פאַרטיקע און פאַר אַלעמען גילטיקע כללים. זי פאַרשרייבט נישט קיין עסטעטישע רעצעפּטן. זי זוכט די מאָס פאַר אַ קונסטווערק אין אים גופא. יעדער קינסטלער, ווייס זי, איז „זיך אַליין אַן אַריסטאָטעלעס“, ד״ה יעדער קינסטלער גיט דעם אַלגעמיינעם געזעץ פון קונסט זיין אייגענעם אויסדרוק און ווענדט אים אָן אויף זיין אייגענעם אינדיווידועלן שטייגער. די פרייע קריטיק פרעגט נישט — אויף היינעס לשון גערעדט: — „וואָס זאָל דער קינסטלער?“ נאָר „וואָס וויל אָדער וואָס מוז ער, שטעלנדיק זיך אָט־די און נישט קיין אַנדערע צילן און געברויכט די און נישט קיין אַנדערע מיטלען?“. אַזוי טוט דער פרייער קריטיקער, וואָס שאַפט נישט אַליין קיין קונסטווערק.

אָבער דווקא דער קינסטלער איז מסוגל צו פרעגן גיכער „וואָס זאָל“, איידער „וואָס וויל און מוז — דער קינסטלער?“. דווקא דער, וואָס אין זיין אייגענעם שאַפן איז ער פריי, איז עלול צו ווערן דאָגמאַטיש, ווען ער מישפּט דאָס שאַפן פון אַנדערע. פאַרוואָס? ווייל ער איז כסדר אַרומגערינגלט מיט זיין אייגענער לופט, ער האָט זעלטן־ווען די מעגלעכקייט און דעם ווילן אַריינצואָטעמען אין זיך די לופט פון אַן אַנדערן. ער האָט זיין אייגענעם שאַפונג־מעטאָד, אַ מעטאָד וואָס שטאַמט פון דעם גאַנצן סכום פון זיין אייגענער, מענטשלעכער און קינסטלערישער, דערפאַרונג, —

און ער קאָן זיך נישט פאָרשטעלן קיין אַנדערע וועגן. ער איז צופיל פאַרכאַפּט, פאַרכישופט פון זיין אייגענעם איך... קינסטלערס האָבן נישט איין מאָל זיך מודה געווען, אַז אַזוי איז עס. אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָבן מיר געבראַכט עטלעכע ביישפּילן פון אַזעלכע קינסטלערס. לאָמיר דאָ ברענגען נאָך אַ פּאָר ביישפּילן. דעל־מאור שוואַרץ, דער אַמעריקאַנער קריטיקער, וואָס איז אַליין אַ פּאָעט, האָט דעם מוט צו זאָגן וועגן טי. עס. עליאָט, דעם רבין פון דעם יינגערן דור אַמעריקאַנער פּאָעטן און קריטיקערס; דעם, וואָס האָט געקראָגן די נאָבעל־פּרעמיע פאַר דער גרויסער ווירקונג, וואָס ער האָט געהאַט אויף דער מאָדערנער פּאָעזיע מיט זיין קריטיק, נישט נאָר מיט זיין פּאָעטישן שאַפן, אַז „ביי אַ פּאָעט, וואָס שרייבט קריטיק, איז נאַטירלעך די טענדענץ צו פּרובירן באַרעכטיקן און לויבן אין זיין קריטיק דאָס, וואָס ער פלייסט זיך צו דערגרייכן אין זיין פּאָעזיע". אַפילו דאַן, ווען דער קינסטלער איז באַשיידן און ווייס די אומפולקאָמענקייטן פון זיין אייגענעם שאַפן, איז נאַטירלעך, אַז ער זאָל טראַכטן נאָר וועגן בייקומען די דאָזיקע פעלערן און אַרויפברענגען זיין קונסט אויף אַ העכערער מדרגה, נישט וועגן גאָר אַן אַנדער מעטאָד און תוך פון שאַפן. טאָמער טרעפט זיך אַ מאָל, אַז ער מאַכט אַ מרידה קעגן זיך אַליין און שטעלט זיך גאָר אויף אַ נייעם וועג, ווערט אָט דער נייער וועג פאַר אים דער איינציקער וועג. און עס איז נישטאָ אין דעם פּרט קיין אונטערשייד צווישן אַ „קאָנסערוואַטיוון" קינסטלער און אַ „רעוואָלוציאָנערישן": דער „קאָנסערוואַטיווער" קינסטלער פילט נישט קיין טעם אין די „נייע", ביי דעם רעוואָלוציאָנער ווידער זיינען פאַרהאַסט די „אַלטע"; ביידע זיינען זיי אַריינגעטאָן אין דער ספערע פון זייער אייגענעם שאַפן. און מיר דאַרפן עס זיי נישט נעמען פאַר אומגוט. זיי קאָנען נישט אַנדערש; זייער איך איז דער קוואַל פון זייער קונסט; זייער איך איז זייער איינציקער וועג צום נישט־איך, צו דער וועלט... מאַכט נישט אויס, וואָס אין לעבן איז דער קינסטלער ס׳רוב נישט דאָגמאַטיש, ער דינט אי דעם גאָט, אי יענעם, — אין דער קונסט מוז ער האָבן נאָר איין גאָט, פאַר אים מוז ער מקריב זיין אַלע זיינע קרבנות. בנוגע צו זיין לעבנס־שטאָף זאָגט ער, ווי דער רוסישער פּאָעט (וועלכער איז, אגב, געווען מער קריטיקער ווי פּאָעט) ברויסאָוו: „מיר זיינען זיס אַלע טרוימען, מיר זיינען טייער אַלע רייד, און פאַר אַלע געטער הייליק איך אַ ליד"... אין לעבן בייט זיך זיין איך און בייגט זיך; אין דער קונסט איז עס פעסט, שטייף, עקשנותדיק. אין לעבן איז ער דאָס, וואָס דער טיפּישער קריטיקער איז אין קונסט — אַ גענויסער: פליט ער, ווי אַ בין (און ווי דער קריטיקער אין דער קונסט), פון בלום צו בלום, פון בלאַט צו בלאַט, און ווו נאָר אַ טראָפּן זאַפט און ווו נאָר אַ קאַפּעלע זיסקייט און אַ טראָפּן ביטערקייט, זויגט ער עס אין זיך אַריין. אין קונסט איז ער שאַפער, און אַקטיוו שאַפן קאָן מען נישט אָן איינהייטלעכקייט און פעסטקייט און אָפּגעצאָמטקייט פון ווילן. האָט ער נישט אין קונסט יענע שוואַכקייט, וועלכע איז דעם קריטיקערס קראַפט — די שוואַכקייט פון „דילעטאַנטיזם", פון בייגעוודיקייט און בייטעוודיקייט... „וואָס פאַר אַ לעזער, האָט געטע געזאָגט, וויל איך? — אַזאַ וואָס זאָל פאַרגעסן מיך, זיך אַליין און די גאַנצע וועלט און ר׳זאָל לעבן נאָר אין מיין בוך". אַזאַ לעזער קאָן דער, וואָס איז אַליין אַ דיכטער, זעלטן ווען ווערן. זעלטן־ווען פאַרגעסט ער זיך אַליין און זיינע אייגענע ביכער אַזוי גרינטלעך, אַז ער זאָל זיך אָפּגעבן אין גאַנצן דער שאַפונג פון אַן אַנדערן. אָבער אמתע קריטיק

קאָן שאַפן נאָר אַט אַזאַ זיך אָפּגעבנדיקער לעזער. אמתע קריטיק קאָן געבויט זיין נאָר אויף אַ ברייטער און אַן אַלזייטיקער אויפנעמונגס־פעיִקייט.

אַן אומבאַגרענעצטע נייגעריקייט איז, אמת טאַקע, אַ סימן פון נישט זיין קאָנצענטרירט, אַ צייכן פון אַ געוויסן סאָרט דילעטאַנטיזם. דאָס איז ריכטיק. אָבער אַט דעם סאָרט דילעטאַנטיזם האָט סעינט בעוו געהאַלטן דווקא פאַר אַ גרויסער מעלה אין קריטיק. „מאַניען, שרייבט ער, האָט איין מעלה, ווען ער באַהאַנדלט אַ קעגנשטאַנד אָדער אַ בוך, — אַ מעלה, וואָס איז זייער נייטיק פאַר דער אומפּאַרטייִשקייט: אינדיפערענטיזם. איך וויל זיך צו זאָגן, אַז אַט דער סאָרט אינדיפערענטיזם שליסט נישט אויס נישט די נייגעריקייט, נישט די באַוווסטזיניקייט, אַט די צוויי מידות טובות פון קריטיק און ער לאָזט זיי אַפילו איבער אַ גרויסע פרייהייט פון האַנדלונג... מאַניען איז דורכויס אומפּערזענלעך — דאָס איז אַ גרויסע מעלה פאַר אַ קריטיקער". די דאָזיקע מעלה איז דער היפּוך פון פערזענלעכן געשמאַק, אַ פאָדערונג, וועלכע מען שטעלט זייער אָפט צו קריטיקערס. אמתע קריטיק רעכנט זיך מיטן געשמאַק נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל ער באַגרענעצט נישט די ברייטקייט פון סימפּאַטיזירנדיקער אויפנעמפעיִקייט. די פּאָפּולערע טעאָריע אַז קריטיק דאָס איז געשמאַק, געהערט צו די פאַלשסטע מיינונגען וועלכע זיינען ווען עס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן וועגן קריטיק. „קריטיק", שרייבט דער שוין פריִער ציטירטער עמיל פאַגע, — „קריטיק דאָס איז אַנאַליז פון דעם אַנדערנס גייסט; געשמאַק איז... דער אַנאַליז פון מיין אייגענעם גייסט, וואָס איך מאַך אין פאַרבינדונג דערמיט, וואָס איך לייען. איך לייען און בין אַנטציקט. פאַרוואָס בין איך אַנטציקט? און אַט דאָ גיב איך זיך אָפּ אַ רעכענונג אין זיך אַליין — — — דאָס איז דער היפּוך פון קריטיק, וועלכע באַשטייט אין אָפּגעבן זיך אַ רעכענונג פון דעם אַנדערנס געמיטצושטאַנד און אויב מעגלעך אין מגילגול ווערן אין אים, כדי אים בעסער צו פאַרשטיין"...

געשמאַק — דאָס איז די פעסטונג — און די באַגרענעצטקייט — פון דעם דיכטער. „וואָס זאָל דער קינסטלער?" איז זיין פראַגע. דער קריטיקער פרעגט: „וואָס וויל דער קינסטלער?".

„דער קריטיקער, האָט סעינט־בעוו געשריבן, איז נישט מער ווי אַ מענטש, וואָס קאָן לייענען און וואָס לערנט לייענען אַנדערע". אָבער קאָנען לייענען הייסט קאָנען ווערן „אַנגעשטעקט" פון דעם בוך, וואָס מען לייענט, קאָנען ווערן באַלויכטן פון זיין ליכט, באַשאָטנט פון זיינע שאָטנס. קאָנען לייענען הייסט קאָנען עפענען די נשמה פאַר די שטילע זוימען פון דעם אַנדערנס שאַפן, ווי די בלום עפנט זיך פאַר דעם טוי פון דער נאַכט און די שטראַלן פון דער זון. קאָנען לייענען און לערנען דעם אַנדערן לייענען הייסט נישט, ווי פילע מיינען, קאָנען זוכן און לערנען אַנדערע זוכן פעלערן און גרייזן. (דאָס דאַרף מען אויך קאָנען, אָבער דאָס איז נישט דער עיקר, דאָס איז אַ ביי־זאַך). קאָנען לייענען און לערנען לייענען דעם אַנדערן הייסט קאָנען אַנטציקט און באַגייסטערט און באַפרוכפּערט ווערן אַליין און לערנען אַנדערע אַנטציקט און באַגייסטערט און באַפרוכפּערט ווערן פון טאַלאַנט, פון גאָטס גאָב, פון דעם הייליקן פונק, אַלץ איינס ווו און ווי עס זאָל זיך נישט אַרויסווייזן. קאָנען לייענען הייסט קאָנען זאָגן אינאיינעם מיט דעם רוסישן קריטיקער אייכענוואַלד, אַז „עס איז פאַראַן נאָר איין שטענדיקע ריכטונג, איין אומפאַרענדלעכער

סטיל, און ער איז שטענדיק מנצח. דער דאַזיקער אייביקער טרױמפאַטאָר — דאָס איז די באַגאַבטקייט ווי זי ווייזט זיך אַרויס, וואָס פאַר אַ פאָרעם זי קלייבט זיך אויס — דאָס איז לחלוטין אַלץ איינס: אַבי זי איז פאַראַן״. בייגן זיך פאַרן טאַלאַנט, פאַלן אַנטציקט כורעים פאַר אים און נישט בלויז לאָזן אים זיין, וואָס ער איז, נאָר בענטשן אים דערפאַר, וואָס ער איז אַזוי, ווי ער איז, און נישט ווי אַן אַנדערער, דערפאַר, וואָס ער פאַרמערט גאָטס פאַרבן און פאָרמען און עפנט אויף פאַר אונדז נייע ווינקלען פון לעבן און נייע מעגלעכקייטן פון שאַפן, — אָט וואָס אַ לייענער און אַ לערער פון לייענען — דער קריטיקער און יעדער קונסט־געניסער — דאַרף קאָנען זיין פריַער פאַר אַלץ. און נישט נאָר דאָס אַליין מוז ער קאָנען. ער מוז האָבן דעם מוט איינצושטימען מיט אַ צווייטן רוסישן קריטיקער, קאָרניי טשוקאָווסקי, וועלכער איז דרייסט געגאַנגען צו זאָגן, אַז „סנאָביזם, פשיטיזם האָט, ווי אַלע אַנדערע זאַכן, דאָס רעכט צו זיין אין דער קונסט, און פון דעם קינסטלער דאַרפן מיר פאָדערן נאָר איינס: ער זאָל וואָס פולער, וואָס פּרעכטיקער, וואָס בולטער אַרויסווייזן פאַר אונדז זיין נשמה, און זאָל אונדז נישט אַרן, וואָס „פאַר אַ נשמה״ דאָס איז, — אויב נאָר, וויל איך אויסטייטשן, דאָס איז באמת די נשמה פון אַ קינסטלער. דער קינסט־לער מעג און מוז מסכים זיין מיט ר׳ זישא אַנאַפּאָליער, וואָס האָט געטענהט, אַז אויף יענער וועלט וועט מען נישט מאָנען ביי אים, פאַר וואָס ער איז נישט געווען אַ בעל־שם, נאָר פאַר וואָס ער איז נישט געווען וואָס ער האָט געקאָנט זיין — זישא. און אויך דער קריטיקער טאָר נישט פאָדערן פון ר׳ זישאַן, אַז ער זאָל זיין ר׳ ישראל בעש״ט, נאָר — אַז ער זאָל זיין ר׳ זישא אַנאַפּאָליער, מעג ער ווי הויך שעצן דעם בעש״ט...

קיין שום געבונדנקייט טאָר נישט זיין אין קריטיק. און אויך קיין שום צוגע־בונדנקייט, וועלכע שליסט אויס אַנדערע צוגעבונדנקייטן. קריטיק ווייס נישט פון גייסטיקער „מאָנאָגאַמיע״. זי איז שטענדיק גרייט זיך צו פאַרליבן. זי איז אָפן פאַר אַלע שולן, אַלע עפּאָכעס, אַלע ריכטונגען און אַלע סטילן אין דער קונסט. „זי זאָגט אייך נישט, — האָט עס באַשטעטיקט איינער פון אירע גלענצנדסטע פאַרשטייערס, היפּאָליט טען, — „פאַראַכט די האָלענדישע קונסט: זי איז צו גראָב; ליבט נאָר די איטאַליענישע קונסט״. זי זאָגט אייך אויך נישט: „פאַראַכט די גאָטישע קונסט: זי איז קראַנקהאַפטיק; ליבט נאָר די גריכישע קונסט״. זי לאָזט יעדן די פרייהייט צו פאָלגן זיינע פּערזענלעכע נייגונגען און באַזונדערקייטן, אויסצוקלייבן דאָס וואָס איז צוגעפּאַסט צו זיין געמיט און אַריינצוטאָן זיך אין דעם, וואָס שטימט מער מיט זיין גייסט״. און ווייטער זאָגט אונדז טען, אין נאָמען פון קריטיק, אַז זי ליבט גלייך אַפילו די קונסטפאָרמען און קונסטשולן, וואָס זעען אויס סותר צו זיין איינע די אַנדערע. זי נעמט זיי אַלע אָן פאַר אַנטפּלעקונגען פון מענטשלעכן גייסט, זי רעכנט, אַז וואָס רייכער זיי זיינען אין צאָל און וואָס פאַרשיידענער און קעגנזעצלעכער, אַלץ אויף אַ בייערן און פּילזייטיקערן אופן מאַניפעסטירן זיי דעם מענטשלעכן געניוס.

אמת, אָסקאַר ווײַלד (אין זיין דיאַלאָג: „דער קריטיקער אַלס קינסטלער״) זאָגט, אַז „נאָר אַ קונסטהענדלער קאָן גלייך אומפּאַרטייִש באַוווּנדערן אַלע קונסט־שולן״. אָבער באַלד (טאַקע אויפן צווייטן זייטל) האָט ער אַליין חרטה אויף אָט דעם פּאַראַדאָקס, און ער גיט־צו, אַז „דער אמתער קריטיקער וועט אַלע מאָל זיין אויפ־ריכטיק אין זיין איבערגעגעבנקייט צו דעם פּרינציפּ פון שיינקייט, אָבער ער וועט

תמיד זוכן שיינקייט אין יעדער תקופה און אין יעדער שולע און וועט קיין מאָל נישט וועלן זיין באַגרענעצט דורך איין איינגעשטעלטער רגילות פון געדאַנק אָדער אַ סטערעאָטיפּישן אופן צו באַטראַכטן זאַכן. ער וועט זיך אַליין אַרויסווייזן אין אַ סך פאָרמען און אויף טויזנט פאַרשיידענע אופנים און ער וועט שטענדיק זיין דורשטיק נאָך נייע עמפּינדונגען און נייע שטאַנדפּונקטן".

פּונקט אַזוי קלאָר האָט זיך אויסגעדריקט וויליאַם העיזליט, אַן עלטערער ענגלישער קריטיקער. ריידנדיק אין איינעם פון זיינע „טיש־געשפּרעכן" וועגן די צוויי ריכטונגען אין דער ליטעראַטור, דער, וועלכער האָט ליב איינפאַכקייט, און יענער, וואָס איר אידעאַל איז עלעגאַנץ, זאָגט ער: „טאָלעראַנץ, נישט אויסגעגליכנקייט פון מיינונג איז דאָס, וואָס פאָדערט זיך אין דעם פאַל, און ביידע צדדים וואָלטן געדאַרפט צוגעבן, אַז יעדערער פון אָט די ביידע סאָרטן שרייבער איז אויף זיין שטייגער גוט". און אין אַן אַנדער אָרט זאָגט ער: „איך וואָלט בעסער וועלן זיין אַ מענטש מיט אַ אָנפּניותדיקן געשמאַק און אַ פרייען געפיל צו זען און אָנערקענען אמת און שיינקייט אומעטום ווו איך געפין עס, איידער צו זיין אַ מענטש מיט אַ גרעסערן און מער אָריגינעלן געניוס און צו האַסן, מקנא זיין און פאַרלייקענען יעדן גרויסן אויפטו, אַ חוץ מיין אייגענעם..."

אָבער גראָד אַזעלכע מענטשן זיינען אָפט די קינסטלערס. „אַלץ", זאָגט דער נאָר־וואָס ציטירטער העיזליט, — „אַלץ וואָס אָטעמט נישט מיט זייער אייגענעם שניט און שטייגער שרייבן, זעט זיי אויס צו זיין באַנאַל און לאַנגווייליק". און אַן אַנדערש מאָל ליידט פון אָט דער איינזייטיקייט אַפילו אַ געבוירענער קריטיקער, אויב נאָר ער איז דערצו נאָך אויך אַ דיכטער. אַ ביישפּיל איז סעינט־בעוו. אָט דער גרויסער און טיפּישער קריטיקער איז נישט געווען געגנוג פרייגייסט און ברייטהאַרציק, ווען ער האָט געשריבן וועגן זיינע צייט־חברים. ער האָט זיי, פּשוט, מקנא געווען, זאָגט עמיל פאַגע, „ער זאָל נישט פאַרגונען די, וועלכע האָבן, ווי דיכטערס, געהאַט אַ גרעסערן דערפאָלג ווי ער. ער האָט נישט ליב געהאַט די ראָמאַניסטן, וועלכע האָבן פאַרפאַסט אינטערעסאַנטערע ראָמאַנען ווי זיין „וואָליופּטע", און די פּאָעטן, וועלכע האָבן געשריבן בעסערע פּערזן ווי זיינע „אויגוסט געדאַנקען". און אויב דאָס האָט געקאָנט פּאַסירן מיט סעינט־בעוון, וואָס בטבע איז ער געווען מער קריטיקער ווי דיכטער, — היינט וואָס איז שוין צו ריידן וועגן ריינע קינסטלער־נאַטורן? אַפילו דאַן, ווען זיי זיינען פריי פון אַזעלכע מענטשלעכע און קינסטלערישע שוואַכקייטן ווי קנאה און עגאָצענטריזם, זיינען זיי זעלטן ווען מסוגל אַרויסצווייזן אַ פולשטענדיקע טאָלעראַנץ צו ווערק, וואָס זיינען געשאַפן אין אַן אַנדער סטיל און געהערן צו אַן אַנדער ריכטונג, ווי זייערע. עדמאָנד ווילסאָן, אייגער פון די סובטילסטע קריטיקערס אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור פון אונדזער צייט, ווייזט אָן אויף דעם פעלער פון אָט־די דאָזיקע. ער דערמאָנט די טענדענציעזקייט פון דיכטערס־קריטיקערס, ווען זיי שרייבן רעצענזיעס וועגן אַנדערע פּאָעטן. אַזאַ קריטיק בויט אויף פאַלשע הנחות, דערצערנט ממילא די מחברים. דער אייגענער מחבר, זאָגט ער, וואָס איז בייז — און איז גערעכט, וואָס ער איז בייז — אויף דער דאָגמאַטישער און פאַרטייִשער קריטיק, וועלכע האַלט אין איין האָבן טענות צו דער קונסט פאַר וואָס זי פאָלגט נישט אירע עצות, — דער אייגענער שרייבער ווערט צען מאָל דאָגמאַטישער, פאַרטייִשער און אומטאָלעראַנטער, ווען

אים אַליין קומט אויס זיך אַרויסצוזאָגן וועגן קונסטווערק, וואָס זיינען נישט אין זיין גייסט... „ווען אַ קריטיקער — ציטירן מיר ווייטער עמיל פאַגע, — מישפּט די ווערק פון אַנדערע, בעת ער אַליין האָט געשאַפן און שאַפט קונסטווערק איז דאָ אַ געפאַר, אַז ער וועט צופיל טראַכטן וועגן זיך אַליין, אַז ער וועט זיך אַליין נעמען פאַר אַ מוסטער און וועט יעדעס ווערק באַטראַכטן פון אָט דעם שטאַנדפּונקט״.

דאַרף מען דען אַן אָביעקטיווערע פּען, ווי די וואָס האָט געשריבן די „סעוואַס־טאָפּאָליער דערציילונגען״, „די קאָזאַקן״, אָדער די ערשטע טיילן פון „קריג און פרידן״? און אָט דער זעלביקער לעוו טאָלסטאָי שרייבט וועגן שעקספּירן. טאָלסטאָי איז גרייט געווען צו געבן זיין הסכּמה אַפילו אַ דריטקלאַסיקן בעלעטריסט, אויב נאָר ער איז געגאַנגען— אָדער ער האָט אַפילו נאָר געהינקט — אין זיינע וועגן, אָבער ער האָט נישט סובל געווען דעם געניאַלן דיכטער, וואָס האָט געהאַט זיין אייגענעם וועג. ער האָט אָפּגעפּסקנט, אַז „שעקספּיר קאָן נישט זיין אנערקענט נישט נאָר פאַר אַ גרויסן און געניאַלן, נאָר אַפילו פאַר אַ מיטלמעסיקן שרייבער... ביי שעקספּירן איז נישטאָ קיין שילדערונג פון כאַראַקטערן״... האָט טאָלסטאָיען דעם קריטיקער אפשר געשטערט דער „פּראָפּאַגאַנדיסט״ און דער „סעקטאַנט״, וואָס איז געזעסן אין אים (הגם טאָלסטאָיען דעם קינסטלער האָט עס גאָרנישט געשטערט)? אָבער אָט האָט גטעט זיך נישט אָפּגעגעבן מיט פּראָפּאַגאַנדע, און קיין „סעקטאַנט״ איז ער אוודאי נישט געווען. פון דעסטוועגן זאָגט היינע אין זיין „ראָמאַנטישע שולע״, אַז „געטע האָט מורא געהאַט פאַר יעדן זעלבשטענדיקן אָריגינעלן שריפט־שטעלער, און ער האָט געלויבט אַלע אומבאַדייטנדיקע קליינע גייסטער. יאָ, נאָך מער: ער האָט דאָס געטריבן אַזוי ווייט, אַז אַ הסכּמה פון געטען איז געווען אָנגע־נומען פאַר אַן אַטעסטאַט פון מיטלמעסיקייט״. דאָס איז, קאָן זיין, היינעס אַ גוזמא, אָבער אויך אַנדערע, ווייניקער איראָנישע שריפטשטעלערס, זאָגן עדות, אַז דער אָלימפּיש־רויִקער געטע איז אין זיינע באַציִונגען צו אַנדערע קינסטלער געווען ווייט נישט רויִק, ווייט נישט טאָלעראַנט. דאָס אייגענע האָט פּאַסירט — און פּאַ־סירט — אויך מיט אַנדערע, גרויסע און קליינע, קינסטלערס. דערהויפּט אָבער טרעפט עס מיט יענע, וועלכע שאַפן אייגענע שולן. דערמאָנט זיך אָן וויקטאָר הוגאָס באַרימטער פאָררעדע צו „קראָמוועל״ — אָן אָט דעם „מאַניפעסט פון ראָמאַנטיזם״! מיט וואָס פאַר אַ ביטול רעדט ער דאָרט וועגן די טראַדיציעס און די ווערק פון דעם פראַנצויזישן קלאַסיציזם! דער באַגרינדער פון דער ראָמאַנטישער ריכטונג האָט נישט געוואָלט וויסן פון אַזוינע קונסטווערק, וואָס זיינען נישט אין זיין גייסט. מיט אַ דרייסיק־פערציק יאָר שפּעטער האָט אין דעם אייגענעם פראַנקרייך עמיל זאָלאַ, דער שאַפער פון דער „נאַטוראַליסטישער״ שול, געמאַכט אַ קופּע אַש פון ראָמאַנטיזם... דער נאַטוראַליזם, האָט זאָלאַ געגלייבט, איז אַ שטיין אונטער וועלכן דער ראָמאַנטיזם ליגט אַ באַגראָבענער.

אָבער נישט נאָר אַ פרעמדע ריכטונג, אַ פרעמדן מעטאָר וועט אַ דיכטער זעלטן ווען אָנערקענען. אים בלייבט אָפט פרעמד יעדע ליטעראַרישע פאָרעם, צו וועלכער ער איז נישט געוווינט. איך קען אַ ייִדישן דיכטער, וועלכער שרייבט נאָר סקיצן און קורצע דערציילונגען, — האַלט ער נישט פון ראָמאַנען... איך קען פּראָזע־דיכטערס וואָס פאַרשטייען נישט, ווי קאָן מען זיך אָוועקזעצן שרייבן — אָדער לייענען — אַ ליד... עס זיינען דאָ שרייבערס, וואָס האָבן בכלל נישט קיין איב־

טערעס פֿאַר שאַפֿונגען, וועלכע שטאַמען נישט פֿון זיי אַליין. די דאָזיקע שרייבערס זיינען אַזוי אַריינגעטאָן אין זיך, אַז אַנדערע עקסיסטירן נישט פֿאַר זיי, סיידן נאָר ווי אַ קוואַל פֿון אייפֿערזוכט. ס'איז באַקאַנט דער אַנעקדאָט, וואָס ווערט דערציילט וועגן האַנס אַנדערסען. אַ דאַמע, וואָס איז געזעסן לעבן אים ביי אַ מאָלצייט, צו וועלכן זיי זיינען ביידע געווען פֿאַרבעטן, איז געווען נישט פֿאָרזיכטיק און האָט געפֿרעגט ביי אים עפּעס — נישט וועגן אים אַליין, נאָר וועגן הענריק איבסען. „מאַדאַם, — איז געווען זיין קורצער און ברוגזער ענטפֿער, — האָט איר אַ מאָל געהערט פֿון דעם דענישן פּאָעט האַנס קריסטיאַן אַנדערסען?“.

נישט אַלע דיכטערס זיינען, פֿאַרשטייט זיך, אַזוי עגאָצענטריש. עס זיינען דאָ אַזוינע, וואָס זיינען גרייט צו לייענען אַנדערע שרייבערס און אַפֿילו לערנען זיך ביי זיי, (ביי אונדז אַליין איז געווען אַזאַ: ביאַליק!), אָבער עס טרעפֿט זייער זעלטן, אַז דיכטערס זאָלן האָבן אין זיך אַזאַ ברייטע, אַזאַ אַלזייטיקע אויפֿנעמפֿעיִקייט בנוגע צו פֿאָרמען און מעטאָדן פֿון אַנדערע שרייבערס ווי די, וועגן וועלכער עס רייד טען, העיזליט און אַנדערע קריטיקערס. דאָס רוב דיכטערס געהערן צום סוג פֿון יענע שאַרפֿע און אָריגינעלע מענטשן, „פֿון וועלכע עס קומען אַרויס“, לויט דער מיינונג פֿון העיזליט, „שלעכטע קריטיקער“... פֿאַרקערט, זאָגט ער, „מענטשן, וואָס האָבן ווינציקער אייגענע מיטלען און זיי מוזן זיך אָפֿטער ווענדן צום אַלגעמיינעם אוצר, געוווינען זיך צו ברייטער און פֿרייער צו שעצן וואָס זיי געפֿינען ביי אַנדערע. זייער געשמאַק ווערט נישט קיין קרבן פֿון זייער עגאָטיזם און זייער גאווה, און זיי באַרייכערן דעם באָדן פֿון זייערע גייסטער מיט כסדרדיקע דערוואַרבונגען פֿון געבאָרגטער קראַפֿט און שיינקייט. צו אָט דעם סאָרט מענטשן געהערן יענע, וואָס דעם מאַטעריאַל פֿאַר זייער שאַפֿן נעמען זיי נישט פֿאַר זייערע אוממיטלבאַרע לעבנס־איינדרוקן, נאָר פֿון זייערע רייכע קונסט־דערפֿאַרונגען, יענע, וואָס דער קוואַל פֿון זייער שאַפֿן איז געניסן קונסט. אין זייער שטעלונג צו קונסטווערק זיינען זיי מסוגל אַרויסצוווייזן יענע אומענדלעכע אויפֿמערקזאַמקייט, וועלכע קינסטלערס ווייזן אַרויס אין זייער פֿאַרהאַלטן זיך צו לעבנס־דערשיינונגען. זיי קאָנען זיך אויפֿגיסן יעדעס מאָל מיט אַן אַנדערן קינסטלער און יעדעס מאָל לעבן אין אַן אַנדער שאַפֿונג, פֿאַרגעסנדיק זיך און אַלע ווערק, וואָס האָבן זיי פֿריִער אַ מאָל באַפֿרוכפּערט און אַנטציקט... „ער האָט געזוכט, — זאָגט אַ היסטאָריקער פֿון דער דייטשער ליטעראַטור, ווילהעלם שערער וועגן הערדערן, — ער האָט געזוכט צו ווערן מיט די העברעער אַ העברעער, מיט די אַראַבער — אַן אַראַבער, מיט די סקאַלדן — אַ סקאַלד, מיט די באַרדען — אַ באַרד“. און דאָס איז ריכטיק נישט נאָר וועגן יענעם הערדערן וואָס האָט איבערגעזעצט אויף דייטש לידער פֿון פֿאַרשיידענע פֿעלקער; דאָס איז ריכטיק אויך וועגן הערדערן דעם קריטיקער. און נישט נאָר וועגן אים אַליין. אויך וועגן אַ צווייטן גרויסן דייטשן איבערזעצער און קריטיקער, וועגן ווילהעלם שלעגל לייענען מיר ביי אַ באַקאַנטן דייטשן ליטעראַטור־היסטאָריקער, עריך שמידט, אַז „דער מאַן, וועלכער קאָן נישט קוקן אויף דעם אַנדערנס פּאָעזיע, נישט באַגערנדיק זי אין האַרצן, פֿאַרשטייט נישט נאָר צו איבערזעצן דיכטעריש יעדע זאַך לויט איר כאַראַקטער, נאָר אויך אַריינצוטאָן זיך אַזוי אין דעם שניט־און־שטייגער פֿון אַן אַנדערן, אַן אַלטן אָדער אַ מאָדערנעם, אַ היימישן אָדער אַ פֿרעמדן, אַז זייער ווייניק שרייבערס קאָנען דערגרייכן זיין מדרגה אין דער קונסט פֿון ליטעראַטור־היסטאָרישן פּאָרטרעט“.

דערביי איז אָבער נייטיק צו געדענקען, אַז לעבן אין יענעמס וועלט הייסט נישט אויפהערן אַליין צו לעבן. דאָס הייסט נאָר פאַראינטערעסירן זיך מיט יענעם, וועלן אים פאַרשטיין — און ריכטיק אויסטייטשן.

אַז מען האָט געאָרג בראַנדעסן, וואָס האָט דער ערשטער געשריבן באַגייסטערט וועגן ניטשען, אויפגעוואָרפן, וואָס ער איז פּלוצלינג געוואָרן כלומרשט אַ ניטשעאַנער, האָט ער געענטפערט אַז ער איז גאָר נישט געוואָרן קיין חסיד פון ניטשעס פילאָסאָפיע, ער האָט זיך נאָר פאַראינטערעסירט מיט זיין פערזענלעכקייט און איז פאַרכשופט געוואָרן פון זיין אייגנאַרטיקייט. „בעמענדיק אין האַנט אַ פילאָסאָפיש בוך, האָט בראַנדעס געשריבן, פרעג איך נישט פריִער פון אַלעמען, צי איז דאָס, וואָס דער אויטאָר זאָגט, ריכטיק אָדער פאַלש, נאָר פריִער פאַר אַלץ זוך איך אין דעם ווערק דעם מענטשן, וואָס איז באַהאַלטן אין אים. איך פרעג זיך: האָט דער דאָזיקער מענטש עפּעס אַ באַדייטונג? איז ער אינטערעסאַנט? אויב ער איז עס, לייען איך אים ווייטער".

עס איז לחלוטין נישט נייטיק, אַז דער קריטיקער זאָל ווערן אַ ניטשעאַנער, כדי ער זאָל קאָנען שרייבן ענטוזיאַסטיש וועגן ניטשען, אַזוי ווי דער אַקטיאָר דאַרף נישט זיין דווקא אַליין אַ האַמלעט, כדי ער זאָל קאָנען שפּילן די ראָלע פון האַמלעט. ער דאַרף נאָר זיין פעיִק אַריינצולעבן זיך אין זיין העלדס אינעווייניקסטן לעבן.

„די אייגנטימלעכקייט פון זיין מוח, — זאָגט בראַנדעס וועגן זיין לערער אין דער קריטיק, סעינט־בעוו, — איז באַשטאַנען אין זיין פעיִקייט משיג צו זיין און צו דערקלערן אַן אויסערגעוויינטלעכע צאָל אַנדערע מוחות". אויב בראַנדעס איז, אַזוי ווי עמיל פאַגע, נישט אין גאַנצן צופרידן מיט סענט־בעיוון, איז עס דערפאַר, וואָס „צווישן די גייסטער, וועלכע ער האָט פאַרשטאַנען, זיינען נישט געווען אַזעלכע פּרוכטבאַרע, נישט ראַפינירטע גאונים, ווי באַלזאַק, און אַזעלכע גרויסע וווּנדער־לעכע גאונים, ווי בעיל". אַ קריטיקער מוז זיין ראוי און מסוגל פאַרכשופט צו ווערן פון יעדן טאַלאַנט. ווי האָט געזאָגט ביעלינסקי, דער גרויסער ענטוזיאַסט פון דער קריטישער קונסט? „מען קאָן נישט פאַרשטיין קיין דיכטער, נישט זייענדיק אַ גע־וויסע צייט אונטער זיין אויסשליסלעכער ווירקונג, נישט ליב־קריגנדיק צו קוקן מיט זיינע אויגן, הערן מיט זיין געהער, ריידן מיט זיין שפּראַך. מען קאָן נישט באַנעמען בייראָנען, נישט זייענדיק אַ געוויסע צייט אין האַרצן אַ בייראָניסט, מען קאָן נישט באַנעמען היינען, נישט זייענדיק קיין היינעסט אַ געוויסע צייט, שילערן — נישט זייענדיק קיין שילעריסט אַאַז"וו". כמעט בוכשטעבלעך דאָס אייגענע זאָגט אַן אַנ־דערער רוסישער קריטיקער: „יעדער בוך, זאָגט ער, איז פאַר מיר אַנשטעקנדיק: לייענענדיק טשעכאָוון בין איך טשעכאָוו, לייענענדיק אוספּענסקין בין איך אוס־פּענסקי — לויט דער לעבנס־אויפנעמונג, לויט דעם גייסטיקן טאָן און כאַראַקטער פון אַלע מיינע שפּירונגען". אַזוי מוז זיין יעדערער וואָס וויל זיך אָפּגעבן מיט קריטיק, אויב נאָר ער ווייס אַז קריטיק איז נישט „לויבן" אָדער „זידלען", נאָר — די קונסט אויפצונעמען אין זיך אַ פרעמדנס ווערק; אויפצונעמען עס מיט שע־פערישער ליבע, אויפצונעמען עס אַזוי ווי די פּרוכטבאַרע ערד — דאָס קערנדל, וואָס ווערט אין איר פאַרזייט און צוריק עס אומקערן אַן אויפגעבליטס.

ס'וועט אונדז נאָך אויסקומען צו ריידן וועגן אָט דער באַרייכערונג, וואָס דער קריטיקער גיט דעם ווערק, פון וועלכן ער איז אַליין רייכער געוואָרן. דאָ האָב איך

געוואָלט נאָר אויפּווייזן דעם טעות, וואָס ליגט אין דער פאַרשפּרייטער מיינונג, אַז וועגן קונסט דאַרפן שרייבן די, וואָס שאַפן אַליין קונסטווערק, אַזוי ווי נאָר וויסנשאַפטמענטשן קאָנען שרייבן וועגן וויסנשאַפט. איך האָב געוואָלט אויפווייזן, אַז געניטן קונסט איז אַ קונסט פאַר זיך אַליין, — און אַז דאָס איז קונסט פון קריטיק, די פעיקייט צו איר פעלט אָבער אָפט דווקא ביי די, וואָס שאַפן אַליין קונסטווערק. כאַראַקטעריסטיש איז זי, ווי מיר האָבן געזעען, פאַר יענע, וואָס זייער קונסט איז די קונסט פון קריטיק. אַזוינע עכטע און גרויסע קריטיקערס, ווי הערדער, סעינט־בעוו, טען, ביעלינסקי, זיינען אין זייערע קריטישע אַנאַליזן און סינטעזן געווען ווייט אין ערך גרעסער, ווי אין זייערע ריין־קינסטלערישע פּרוון. אַפילו לעסינג האָט מיט זיין „לאַאָקאָאָן" און „האַמבורגער דראַמאַטורגיע" מער אויפגעטאָן ווי מיט זיינע דראַמעס.

דאָס הייסט נישט, פאַרשטייט זיך, אַז אַ קריטיקער איז, ווי מען וויל אונדז איינריידן „אַ נישט־געלונגענער דיכטער" און אַז יעדער טויגעניכטס אויפן געביט פון קונסט קאָן „קערן וועלטן" אין דער קריטיק פון קונסט. דאָס הייסט נאָר, אַז קריטיק איז ווי געזאָגט אַ זאַך פאַר זיך אַליין און אַז עס זיינען נייטיק צו איר גאָר באַזונדערע פעיקייטן, אַנדערע ווי די, וועלכע עס האָט דער אייגנטלעכער קינסטלער.

געוויס זיינען דאָ גוטע קינסטלערס, וואָס זיינען אויך אויסגעצייכנטע קריטיקערס, — דערהויפּט, ווען זיי שרייבן נישט וועגן זייערע קאָלעגן, נאָר וועגן קונסט בכלל. אין אַ ווייטערדיקן קאַפּיטל, ווו מיר וועלן ריידן וועגן קריטיק, ווי וועגן אַ קונסט, וועלן מיר אָנרופן היפּשע עטלעכע נעמען פון דיכטערס וואָס זיינען אויך קריטיקערס. דערווייל וויל איך נאָר דערמאָנען, אַז מיר אַליין האָבן אין דער „גילדענער עפּאָכע" פון ספר געהאַט אַ פּאָעט, וואָס איז געווען אויך אַ קריטיקער, — אמת, אַ דאָגמאַטישער קריטיקער — משה אבן עזרא און אַז אין אונדזערע טעג איז יעקב פיכמאַן, דער פיינער פּאָעט, איינער פון די אונדזערע פיינסטע און סענסיטיווסטע קריטיקערס. דאָך זיינען גערעכט, גלייב איך, די וואָס האַלטן אַז נישט צווישן דיכטערס און זיכער נישט דווקא צווישן זיי דאַרף מען זוכן געשטאַלטן פון דעם אידעאַלן קריטיקער.

דריטער טייל

קריטיק - איר הויפּטוועגט, אירע צילן, אירע מיטלען, אירע פּראָבלעמען

1. דער שרייבערישער ווערט

וואָס איז דעם קריטיקערס הויפּט־אויפגאַבע, ווען ער כאַראַקטעריזירט און שאַצט־אָפּ אַ קונסטווערק? אויסצוגעפינען (און אויסצודריקן אין ווערטער), וואָס דער קינסטלער האָט געטאָן און אויפגעטאָן מיטן שטאָף פון זיין ווערק. האָט דער אויטאָר באַוויזן צו פאָרמירן אים ווי געהעריק איז? איז אים געלונגען אַריינצודרינגען אינעווייניק אין דער מאַטעריעס טונקלקייט און מאַכן זי דורכזיכטיק? איז אַ דאַנק זיין „יהי אור" ערגעצוווּ ליכטיק געוואָרן? האָט ער, מיט אַנדערע ווערטער, געפונען אַזאַ מין שם־המפורש פאַר זיין שטאָף — פאַר אָט דעם גולם, אַז ער, דער גולם, זאָל געבענטשט ווערן מיט זיין אייגענעם לעבן און אַז צו גלייכער צייט זאָל ער ווערן אַן אַנטפּלעקונג פון לעבן בכלל? אויב יאָ, — פון וואָס פאַר אַ מין און פון וואָס פאַר אַ גראַד לעבן? דאָס זיינען פראַגעס אויף וועלכע דער קינסטלער מוז האָבן געענטפערט. אויף ענלעכע פראַגעס זוכן מיר אַ תשובה, ווען מיר לייענען קריטיק. האָט דער קריטיקער, פרעגן מיר, געלאָזט אויפלייכטן דאָס באַטראַכטע ווערק פון אינעווייניק? וועט דער לעזער, ווען ער זאָל עס איצט לייענען, נישט טאַפּן מער אין דער פינצטער? וועט אים לייכטער זיין צו געפינען דעם אַריינגאַנג אין דעם שרייבערס וועלט, דעם צוגאַנג צו איר? וועט ער זען און הערן אין איר איצט מער, ווי פריער? וועט זיין ראיה ווערן שאַרפער און זיין אויער — איידעלער, סובטילער, פיינער? האָט דער קריטיקער, מיט אַנדערע ווערטער, רייכער און ריינער, פולער און געלייטערטער געמאַכט דעם לעזערס אינעווייניקסטן קאָנטאַקט מיט דעם שרייבערס שעפערישקייט, אַזוי ווי דער שרייבער מאַכט דעם לעזערס מענטש־און נאַטור־באַנעמונג, זיין גאַנצע לעבנס־דערפאַרונג פולער און פיינער?

אַזעלכע און ענלעכע פראַגעס שטעלן מיר זיך, ווען מיר ווילן כאַראַקטעריזירן און אָפּשאַצן דעם קריטיקערס צילן און וועגן.

אַזוי ווי בנוגע צום קינסטלער פרעגן מיר, צי האָט ער געלייטערט און באַרייכערט פון אַזאַ אָדער אַן אַנדער שטאַנדפונקט, דעם לעבנסשטאָף, וואָס איז געוואָרן דער שטאָף פון זיין ווערק? אַזוי איז די ערשטע זאַך, וואָס אונדז אינטערעסירט, ווען מיר טראַכטן וועגן דעם קריטיקערס אַרבעט, — וואָס האָט ער געטאָן און אויפגעטאָן אין שייכות צו זיין שטאָף — דעם לייענשטאָף? אין וואָס פאַר אַ זינען

— און אין וואָס פֿאַר אַ גראַד — האָט ער אונדז אויסגעזאָגט דעם סוד און קלאָרער (און אפֿשר אויך גרעסער) געמאַכט דעם ווערט פֿון דער שאַפֿונג, וועגן וועלכער ער האָט געשריבן?

עס מאַכט נישט אויס, וואָס אַנדערע קריטיקערס האָבן וועגן איר געשריבן אָדער וועלן שרייבן אַנדערש, אַזוי ווי עס שטערט נישט צו געניסן אַ פּאָעמע אָדער אַ דערציילונג אויף אַ באַשטימטער טעמע דאָס, וואָס אַן אַנדער פּאָעט אָדער דער־ציילער האָט אויף דער זעלביקער טעמע געשריבן אויף אַן אַנדער אופֿן.

ווען מען לייענט עכטע שעפֿערישע קריטיק, קאָן מען אַ מאָל גאָר פֿאַרגעסן, אַז איר אויטאָר שרייבט וועגן אַזוינע ווערק וואָס אַנדערע האָבן געשאַפֿן. מען קאָן אַ מאָל זיין אַזוי פֿאַרכשופֿט פֿון זיין אייגענער דענק־ און וואָרט־קונסט, אַז מען זאָל טראַכטן נאָר וועגן איר אַליין און נישט וועגן דעם בוך, דעם בילד אָדער דער סקולפּטור וואָס איז געוואָרן די טעמע, דער אויסגאַנגפּונקט פֿון זיין קרי־טישן עסיי. אַזוי ווי ביי דעם קינסטלער, וואָס מאָלט בילדער אָדער שרייבט דער־ציילונגען איז דער עיקר, וואָס ער אַליין האָט באַוויזן צו שאַפֿן, נישט דער מאַ־טעריאַל וואָס ער האָט באַנוצט פֿאַר זיין ווערק, אַזוי קאָן אויך אַ מאָל דעם קרי־טיקערס אייגענער אויפֿטו, דער אויסדרוק פֿון זיין גייסטיקער קראַפֿט און די קראַפֿט פֿון זיין אויסדרוק, זיין אַזוי ווערטפֿול, אַז מיר זאָלן שוין מער ביי אים קיין אַנדער זאַך נישט דאַרפֿן זוכן. דער „האַלב קינסטלער", וואָס זיצט אין דעם קריטיקער, קאָן אַ מאָל ווערן אַ גאַנצער קינסטלער, דער „נישט־געראָטענער דיכטער", דאָס צונעמעניש וואָס באַלזאַק האָט געגעבן דעם קריטיקער, קאָן ווערן — אַ געראָ־טענער, און זיין קריטיק זאָל ממילא ווערן קונסט, פּאָעזיע.

עס קאָן אַפֿילו טרעפֿן, אַז לויט איר אויסדרוק־אופֿן, נישט נאָר אין תוך, זאָל די קריטיק האָבן דעם כאַראַקטער נישט פֿון קיין אַרטיקל אָדער עסיי, נאָר פֿון אַ ליד, פֿון אַ דערציילונג, פֿון אַ קינסטלערישן דיאַלאָג. עס קומט מיר אויפֿן זינען אַ טעאַטער־קריטיק — אַ ליד פֿון פּעטער אַלטענבערג וועגן יאָזעף קאַינץ. אויך אַנדערע לידער אין פּראָזע זיינען דאָ ביי אַלטענבערגן, וואָס זיינען אייגנטלעך קרי־טיקן. דער רוסישער דיכטער באַלמאָנט האָט געגעבן אויסגעצייכנטע כאַראַקטע־ריסטיקעס פֿון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשי, פֿון עדגאַר עלען פּאָ און אַנדערע אין דער פֿאָרעם פֿון סאָנעטן. דער ענגלישער פּאָעט פּאָעט לענדאָר האָט אויסגעמאָלן אין אַ ליד דעם פּאָרטרעט פֿון בראַונינג. שעלי האָט געגעבן אין פֿערזן אַ כאַראַקטעריסטיק פֿון קאַלדערידזש. ווילהעלם שלעגעל, דער קריטיקער פֿון דער ראָמאַנטישער שול אין דייטשלאַנד, האָט געשריבן אַ סאָנעט וועגן — סאָנעט.

אויך אין אונדזער ליטעראַטור זיינען דאָ קריטיקן — לידער: יהואשעס „ווי עס ווערן לידער פֿאַרפֿאַסט", ליעסינס לירישע כאַראַקטעריסטיק פֿון העברעיִש און ייִדיש, ר. אייזלאַנדס לידער וועגן לעוו טאָלסטאָי און אַנדערע, געוויסע קאַפּיטלעך אין משה נאַדירס „פֿון מענטש צו מענטש", פּאָעמעס וועגן י. ל. פּרצן, געשריבן פֿון אברהם רייזען, ה. לייוויק, מנחם באָריישאָ און אַנדערע פּאָעטן, ל. פֿיינבערגס פּאָעמע „ייִדיש" (ניו־יאָרק, 1950), — אַ זאַמלונג לידער וועגן כמעט אַלע וויכ־טיקערע ייִדישער דיכטערס... און ווער קען נישט דאָס ליד, אין וועלכן ביאַליק האָט אָפּגעשאַצט אחד־העמען?

עס זיינען אויך דאָ לירישע פּאָעמעס, דראַמעס און אַפילו ראָמאַנען, וואָס אין גאַנצן געגומען זיינען זיי נישט שייך צו קריטיק, אָבער זיי האָבן אין זיך טיילן, ווו עס רעדט זיך אויף אַן עכט־קריטישן אופן וועגן דער פּסיכאָלאָגיע פון קונסט און קינסטלערס. עס איז גענוג צו דערמאָנען געטעס „טאָרקוואַטאָ טאַססאָ״, גרילפּאַרצערס „סאַפּפאָ״, פּושקינס „יעווגעני אָניעגין״, אָסקאַר ווײַלדס „פּאָרטרעט פון דאָריאַן גרעי״, קאַפּיטלעך אין שלום אַשס ראָמאַן „ביים אָפּגרונט״. ווי לייכט וואָלט געווען צו באַנוצן שטעלן פון די דאָזיקע ווערק פאַר אַן אַנטאָלאָגיע פון פּאָעזיע־קריטיק! עס איז נישטאָ גאָר אין דער אמתן קיין איין גרויסער דיכטער, וואָס זאָל אונדז נישט האָבן געגעבן אין דעם אָדער יענעם פון זיינע ווערק טיפע פּאָעטישע אַנאַליזן און בילדלעכע אויסטייטשונגען פון קינסטלערישן שאַפן. אַזעלכע זאַכן, ווי פּושקינס „מאָצאַרט און סאַליערי״ און „דער פּאָעט״, שעליס פערזן וועגן קאַלדרידזשן, אָדער געטעס „פּאָרשפּיל אין טעאַטער״ פון „פּאַוסט״ זיינען נישט נאָר קונסטווערק, — זיי זיינען אויך מוסטערן פון קינסטלערישער קריטיק. די וועלט־ליטעראַטור פאַרמאָגט גאַנצע פּאָעמעס, וואָס געהערן צו דער קלאַסיק ווי קונסט־קריטישע, אויב נישט ווי קינסטלערישע שאַפונגען. עס איז גענוג צו דערמאָנען „אַרס פּאָעטיקאַ״ פון האָראַציוס אָדער אַלעקסאַנדער פּאופּס פּאָעמע מיטן נאָמען „עסיי אָן קריטיסיזם״.

עס וואָלט געווען אַ ווונדער ווען קינסטלערס זאָלן זיך באַנוגענען נאָר מיט דער נאַטור און מיט דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און נישט וועלן נעמען פון צייט צו צייט ווי שטאָף פאַר זייער שאַפן דאָס שאַפן גופא. איז די וועלט פון קונסט דען נישט פּונקט אַזוי אינטערעסאַנט, אויב נישט נאָך אינטערעסאַנטער ווי אַנדערע וועלטן? וואַכט דען נישט אויף און ווערט דען נישט אָנגעצונדן דעם קינסטלערס שאַפנדיקע פאַנטאַזיע, ווען ער זעט פאַר זיך אַ ווערק, וואָס איז אַליין פון פאַנטאַזיע געשאַפן? האָבן טאַקע אַ סך דיכטערס, ווי אויך מאַלערס און סקולפּטאָרס, גענומען די טעמעס און דעם מאַטעריאַל פון זייערע ווערק נישט בלויז פון מענטשנס לעבן, נאָר אויך פון זיין שאַפן — פון רעליגיעזן מיטאָס, פון לעגענדעס, פון פאָלקס־מעשיות אָדער פון אינדיווידועל־ליטעראַרישע ווערק, וואָס פריִערדיקע דורות האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזן. האָמער און דאַנטע און שעקספּיר און מילטאָן און געטע, פּידיאַס און מיקל אַנדזשעלאָ און רעמבראַנדט, אונדזערע אייגענע בעלי אגדה, דער זוהר, אַמאָליקע אָדער היינטיקע העברעיִשע און ייִדישע דיכטערס, — אַלע זיינען זיי באַפרוכפּערט געוואָרן פון קאָלעקטיווע אָדער אינדיווידועלע וואָרט־שאַפונגען — פון דער אָריענטאַלישער, דער גריכישער, דער קריסטלעכער מיטאָלאָגיע, פון תנ״ך, פון דעם נייעם טעסטאַמענט, פון מיטלעלטערלעכע לעגענדעס, — אַלע האָבן זיי באַפרוכפּערט, באַנייט און אויסגעטייטשט די אָדער יענע קונסט־געשטאַלטן. אַלע זיינען זיי געווען קינסטלער־קריטיקערס. און נישט נאָר זיי אַליין. וואָס פאַר אַ קאַפּיטל איר זאָלט נישט לייענען אין דער געשיכטע פון ליטעראַטור און קונסט, וועט איר דאָרט געפינען ווערק, וואָס זיינען פון ס׳ניי באַלויכטענע, ניי־אויסגעטייטשטע אָדער אויף אַ נייער קינסטלערישער שפּראַך איבערגעזעצטע ווערק פון פריִערדיקע דורות. ליטעראַטור איז נישט נאָר „קריטיק פון לעבן״, ווי אַרנאָלד האָט זיך אויסגעדריקט. ליטעראַטור איז אָפט אויך קריטיק פון ליטעראַטור. איך האָב אָנגערופן לידער, ראָמאַנען, דראַמעס, וואָס האָבן אין זיך קריטיק, כאָטש די פאַר־

פּאַסערס זיינען אויסן געווען צו שאַפן לידער, דראַמעס, ראָמאַנען, נישט קיין קרי־טישע עסייען. אָבער עס זיינען דאָ אַזעלכע דיכטערישע ווערק, ווו די פּאַרפאַסערס האָבן זיך באַוווסטזיניק געשטעלט פּאַר אַ ציל — קריטיק. נעמט, אַ שטייגער, די פּאָעמעס פון עמיל ווערהאַרן וועגן די פלעמישע מייסטערס, אָדער די פאַרשיידענע דיאַלאָגן וועגן ליטעראַטור און קונסט — פון פּלאַטאָ ביז אָסקאַר ווילד. האָבן דען נישט אַ סך פון זיי קיין ריין דיכטערישע באַדייטונג, כאָטש זיי זיינען לויטער קריטיק?

און פּונקט אַזוי, ווי עס קאָן זיין דיכטונג־קריטיק, קאָן אויך זיין קריטיק־דיכטונג. דערמאָנט זיך אָן יענע זייטלעך אין דער „ראָמאַנטישער שולע“, ווו היינע הערט אויף צו זיין אַ זשורנאַליסט און ווערט צוריק היינע — געפינט איר דאָרט נישט אַזעלכע איראָניש־לירישע שורות ווי אין זיינע ליבע־לידער, אָדער זיין עסיי וועגן „דאָן קיכאָט“? איז עס נישט קיין ליריק? לייענט דעם אָנהייב פון זאָלאַס אַרטיקל וועגן באַלזאַק — איר וועט צוגעבן אַז דאָס איז קונסט. לייענט קאַלרידזשס „ביאָגראַפיאַ ליטעראַריאַ“...

דיכטערס זיינען טאַקע זעלטן ווען אָביעקטיוו אין זייער קריטיק, ווי עס איז געזאָגט געוואָרן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל, אָבער דיכטעריש, שעפעריש זיינען זיי, און ווייל זיי זיינען עס, פילט זיך טאַלאַנט אויך אין דער קריטיק, וואָס זיי שרייבן, האָט זי אַ ליטעראַרישע באַדייטונג, אַלץ איינס וואָס פאַר אַ מיינונגען עס ווערן אין איר אַרויסגעזאָגט.

אָבער וואָס איז, וועט מען פרעגן, מיט די וואָס שרייבן נישט קיין ראָמאַנען און קיין לידער, נאָר קריטיק אַליין? קאָן געמאָלט זיין, אַז אויך זייער שרייבן זאָלן מיר, פריער פאַר אַלץ, געניסן ווי ליטעראַטור? איז עס מעגלעך, אַז אויך זיי זאָלן אונדז פאַרכאַפּן אַזוי מיט דער שיינקייט פון זייער ווערק, אַז מיר זאָלן זיי דערפאַר גופא שוין דאַנקען און ליבן? נישט נאָר, ענטפער איך, איז עס מעגלעך. עס איז אַבסאָלוט נייטיק. אַ קריטיקער מוז, קודם כל, האָבן טאַלאַנט צו שרייבן. ער מוז זיין אַ לעזער וואָס איז אַליין אַ שרייבער. אויב נישט, איז ער נישט ווערט מער ווי אַנדערע אינטעליגענטע לעזערס. צווישן זיי טרעפן זיך אָפט מענטשן, וואָס האָבן וועגן די ביכער, וועלכע זיי לייענען, אינטערעסאַנטע און ווערטפולע מיינונגען. פון דעסטוועגן זיינען זיי נישט קיין קריטיקערס, מחמת זיי זיינען „שטומע נשמות“. זיי האָבן נישט קיין כוח אויסצודריקן און אַרויסצוברענגען אויף דער ליכטיקער שיין דאָס בילד, וואָס זיי האָבן פון דעם איבערגעלייענטן ווערק. זיי זיינען קריטיקערס נאָר פאַר זיך אַליין, אַזוי ווי עס טרעפן זיך מענטשן, וואָס זיינען פאַר זיך אַליין פּאָעטן. אָבער אַן אמתער פּאָעט איז דער, וואָס זיין פּאָעטישע וועלט איז אָפן אויך פאַר אַנדערע. אַזוי איז אַן אמתער קריטיקער נאָר דער, וואָס לאָזט אונדז אַלעמען אַריינקוקן אין דער ספערע פון זיינע לעזערישע איינדרוקן.

פריער פאַר אַלץ מוז ער זיין אַ גוטער לעזער, ד״ה אַזאַ, וואָס באַפּרוכפּערט דאָס ווערק, פון וועלכן ער אַליין איז באַפּרוכפּערט געוואָרן, אָבער אינאיינעם דער־מיט מוז ער האָבן דעם כשרון צו לאָזן אַרויסלייכטן זיין אינעווייניקסטע גייסטיק לעבן, אַרויסלייכטן אַזוי, אַז מענטשן זאָלן עס קאָנען און וועלן זען.

ס׳איז אַ פאַקט, אַז מיר באַוווּנדערן אין יעדן עכטן קריטיקער די שרייבע־רישע, נישט נאָר די לעזערישע קראַפט, וואָס ער פאַרמאָגט. והראיה, עס געפעלט

אונדז, זאָגן מיר, אין דער רוסישער קריטיק ביעלינסקי און מיר קאָנען אויך הנאה האָבן פון פּיסאַרעוון, כאָטש זיי האָבן גאָר פאַרשיידענע און כמעט פאַרקערטע מיי־נונגען וועגן ליטעראַטור און קונסט. עד היום לייענען מיר אייניקע ווערק זייערע (די, וואָס זיינען נישט אין גאַנצן פאַרעלטערט געוואָרן) און האָבן פון זיי פאַרגע־ניגן, נישט דערפאַר וויל מיר זיינען מסכים מיט אַלץ וואָס זיי זאָגן: מיר האָבן הנאה פון זייער שרייבן. איך האָב עס באַזונדערס שטאַרק געפילט, ווען איך האָב געלייענט פּיסאַרעוון. עס איז מיר געווען אַזוי פרעמד, אַזוי פיינטלעך דער וועג — און די אונטערשטע שורה — פון זיין דענקען. דערפאַר אָבער בין איך נאָך פרייער געווען צו קוויקן זיך מיט דעם ברען, מיט דעם פייער פון זיין שטורעמ־דיקער פּאָלעמיק. זיין אַנטי־־עסטעטיזם האָט מיר פאַרשאַפט עסטעטישן גענוס.

אַן ענלעכע דערפאַרונג האָב איך געהאַט מיט אַ קריטיקער פון אַ נישט אין ערך העכערער קולטור־מדרגה ווי פּיסאַרעווס — מיט היפּאָליט טען. זיין „נאַטור־וויסנשאַפטלעכער" מעטאָד האָט מיך נישט געצוומען, זיין מיליע־טעאָריע איז פאַר מיר נישט קיין קונסט־טעאָריע, זי איז גוט נאָר פאַר קולטור־געשיכטע, אָבער — וואָס פאַר אַ פּרעכטיקע בילדער ער גיט אונדז פונעם קולטור־היסטאָרישן לעבן! וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכע אַרכיטעקטור אין גאַנצן ווערק און אין יעדן זאַץ! וואָס פאַר אַ קלאָרקייט פון געדאַנק, וואָס פאַר אַ בילדלעכקייט פון אויסדרוק! איר מעגט ווי שטאַרק האַלטן פון טענס טעאָריעס, וועט איר דאָך נישט טראַכטן, ווען איר לייענט זיינע ווערק, וועגן די קולטור־היסטאָרישע „געזעצן" פון „ראַסע", סביבה און צייט־גייסט. איר וועט זיין אַריינגעטאָן אין אים אַליין, איר וועט באַוווּנדערן זיין שריפטשטעלערישע פּערזענלעכקייט, איר וועט אים דאַנקבאַר זיין פאַר זיין מייסטערשאַפט. איר וועט איינשטימען מיט גיזאָ, וואָס האָט אַמאָל געזאָגט צו אים: „אייער טאַלאַנט צעשטערט אייער סיסטעם — און ראַטעוועט אייך אַליין". איר וועט פילן, אַז סעינט בעוו האָט געמעגט אָנרופן היפּאָליט טענען „קינסטלער און לאַנדשאַפט־מאָלער" און אַז זשיול לעמעטער איז בפירוש גערעכט געווען, ווען ער האָט געזאָגט, אַז טען איז אין זיינע קריטישע און ליטעראַטור־היסטאָרישע ווערק אַ פּאָעט — אַ „פּאָעט־לאָגיקער".

און נישט נאָר וועגן טענען איז׳ס ריכטיק. אפילו געאָרג בראַנדעס, וואָס איז געווען צו־פּראָדוקטיוו און אָפט צו־שיטער — זשורנאַליסטיש *). אַפילו ער האָט קאַפּיטלעך, ווו איר פילט פריִער פאַר אַלץ און שטאַרקער פאַר אַלץ דעם שעפע־רישן שריפטשטעלער! נישט קיין קלענערער ווי איבסען, האָט בראַנדעסעס מאָ־נאָגראַפיעס וועגן לאַסאַל און דיזראַעלי אָנגערופן „פּאָעמעס" און זיין ווערק וועגן שעקספּירן — „גראַנדיעזער עפּאָס"! דער פראַנצויזישער שריפטשטעלער זשאַן קאָקטאָ רעכנט־צו זיין קריטיק צו זיינע פּאָעטישע ווערק. ער טיילט איין זיין שאַפן אין פּאָעטישע ראָמאַנען, פּאָעטישע קריטיק אאַז״וו.

בראַנדעס האָט געהאַלטן, אַז דער יסוד פון יעדער אמתער קריטיק איז אינ־טויציע. „אפילו נאָך לאַנגער און איינגעשפּאַרטער אַרבעט, האָט ער געשריבן, ווען דער קריטיקער זעט, אַז ער האָט שוין דורכויס באַהערשט זיין קעגנשטאַנד, איז ער נאָך אַלץ נישט געקומען צו דער מדרגה, ווען ער קאָן זיך נעמען פאַר דער

*) זע ווייטער דעם קאַפּיטל וועגן בראַנדעסן.

אמתער אַרבעט, — און ער וועט זיך נישט זעצן שרייבן ווען ער וועט נישט דער־פילן, אַז אין אים לעבט יענע פּערזאָן, וועלכע ער קלייבט זיך צו כאַראַקטעריזירן — און אָפט קומט אים אויס צו וואַרטן אויף דעם חדשים״... אָבער ווען ער דער־וואַרט זיך, „קאָן ער אַ מאָל שאַפן, זאָגט בראַנדעס, עפּעס אַזוינס וואָס אַ ווערק פון פּאָעזיע וועט זיך נישט קאָנען גלייכן דערמיט. אַפילו דאָן, ווען אַ פּאָעטיש ווערק איז העכער פון קריטיק מיט זיין פרישקייט און שיינקייט, — זעען מיר אָבער זעלטן אָדער גאָר קיין מאָל נישט אַז אַ פּאָעט זאָל קאָנען אויסמאָלן פאַר אונדז דעם גייסט פון אַ מענטשן מיט אַזאַ קלאָרקייט און אָריגינעלקייט, ווי דאָס איז מעגלעך פאַר קריטיק. פּאָעזיע שילדערט כאַראַקטערן און האַנדלונג, אָבער נישט דאָס לעבן פון שעפערישן און פילאָסאָפישן גייסט און זעלטענער ווי אַלץ מאָלט זי דעם זשעני״...

ווי מיר זעען, האָט בראַנדעס, אַזוי ווי אָסקאַר ווײַלד, געזוכט אין קריטיק די פּאָטענץ פון אַ שעפערישקייט וואָס איז העכער ווי פּאָעזיע. אין יעדן פאַל איז קריטיק, לויט זיין מיינונג, נישט נידעריקער פון פּאָעזיע. וועגן סעינט־בעוון, וואָס אין אַ געוויסן זין איז ער זיינער אַ תלמיד, זאָגט בראַנדעס, אַז — „זיין קריטיק שאַפט אַן אָרגאַניזם, אַ לעבן, ווי די פּאָעזיע גופא טוט עס״.

און אַזוי ווי אין דער פּאָעזיע איז דער עיקר דער „אָרגאַניזם״, דאָס „לעבן״, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן, און נישט דער שטאָף, פון וועלכן עס איז באַשאַפן, אַזוי איז אויך אין קריטיק דאָס וויכטיקסטע דער גראַד, די מדרגה פון גייסטיקן לעבן, וואָס דעם שרייבער געלינגט אַרויסצוברענגען, ריידנדיק וועגן דעם ווערק אָדער דער פּערזענלעכקייט פון אַן אַנדער שרייבער.

דאָס איז דער העכסטער אָבער נישט דער איינציקער ווערט, וואָס מיר זוכן און געפינען אין קריטיק. זי האָט נאָך אויך אַנדערע ווערטן — און פונקציעס.

2. אַנדערע ווערטן — לעזערישע, לערערישע

דער קריטיקער איז אַ שרייבער —פריִער פאַר אַלץ. ער איז אָבער אַן אייגנ־אַרטיקער מין שרייבער. די טעמעס ווי אויך דעם סטימול, נעמט ער אין ווערק וואָס אַנדערע האָבן געשאַפן. ער קומט צום שרייבן פון לייענען. זיין שאַפן נערט זיך פון זיין געניסן אַן אַנדערנס שאַפן. איז וויכטיק דערפאַר זיין אופן לייענען, זיין געניסן ליטעראַטור, פונקט אַזוי ווי עס איז וויכטיק דעם קינסטלערס פאַרהאַלטן זיך צו דעם שטאָף, וואָס ער נעמט פון לעבן. דער קינסטלער באַלעבט און באַרייכערט דעם לעבנס־שטאָף. אַזוי ווערט אויך, ווי מיר האָבן שוין איין מאָל געזאָגט, דעם קינסטלערס ווערק נאָכן קריטיקערס לייענען ברייטער, טיפער, פולער.

יעדער לעזער, ווייסן מיר, לייענט עפּעס אַריין אין בוך. „יעדער נייער לעזער פון האַמלעט איז אַזוי ווי זיינער אַ נייער פאַרפאַסער״ — האָט געזאָגט דער רוסי־שער קריטיקער גאַרנפעלד. אָבער אויב דאָס איז וועגן יעדן לעזער ריכטיק, איז עס נאָך ריכטיקער וועגן דעם לעזער, וואָס איז געוואָרן אַ שרייבער, — וועגן דעם קריטיקער. ער איז דער בעסטער, דער אַקטיווסטער, דער שעפערישסטער פון אַלע לעזערס: דאַרף ער מער ווי אַלע אַנדערע באַרייכערן און באַפרוכפּערן דאָס ווערק, וואָס ער לייענט.

אָבער אין דעם פאַקט, וואָס דעם קינסטלערס ווערק איז דעם קריטיקערס „מאַטעריאַל“, ליגט באַהאַלטן די זעלביקע געפאַר, קעגן וועלכער דער קינסטלער מוז זיך אַליין וואָרענען, ווען דאָס לעבן ווערט פאַר אים „שטאָף“. דער קינסטלער מוז זיך היטן, אַז זיין „אָבסערוווירן“ דאָס לעבן זאָל נישט פירן דערצו, אַז ער זאָל זיך בלויז צוקוקן צום לעבן און אויפהערן עס צו לעבן און איבערצולעבן. אַזוי מוז אויך דער קריטיקער זען אַז ער זאָל נישט אָנווערן דעם אוממיטלבאַרן גוסט צום לייענען, דעם גוסט וואָס עס האָט דער געוויינטלעכער לייענער. אָבער די געפאַר איז פאַרן קריטיקער נישט אַזוי גרויס. מען קאָן לייענען מיט אַ נאָטיץ־ביכל און אַ בליישטיפט אין האַנט — און דאָך זיין (אָדער — ערשט דאַן זיין) אַ גוטער לייענער. לעבן איז איין זאַך און לייענען איז ווידער אַן אַנדער זאַך. דאָס לעבן איז געמאַכט געוואָרן צום לעבן, נישט צו חקירהן זיך וועגן דעם, אָבער לייענען הייסט נאָכדענקען וועגן דעם, וואָס מען לייענט. דער, וואָס טוט עס נישט, איז נישט ווערט צו טראָגן דעם נאָמען: לייענער. דער, וואָס לייענט גאָרנישט אַריין אין דעם בוך, וואָס ליגט פאַר אים, איז נישט מסוגל עפּעס פון אים אַרויסצולייענען.

לייענען הייסט לייענען אַקטיוו, שעפעריש. און דאָס מיינט, אַז איינעם לעזער, וואָס ווערט אַ שרייבער (אונדזער פאָרמולע פאַרן קריטיקער) — מוזן ביזן העכסטן גראַד זיין אַנטוויקלט די צוויי וויכטיקסטע אייגנשאַפטן פון יעדן קונסט־געניוס — די אויפנעמפעיִקייט, די פעיִקייט זיך אַריינצולעבן אין אַן אַנדערנס שאַפונגס־וועלט, און די אויפטו־פעיִקייט, דער טאַלאַנט אַליין זיך שעפעריש אויסצולעבן אין אָט דער וועלט. ער דאַרף, מיט אַנדערע ווערטער, קאָנען זיך אָפּגעבן דעם אַנדערנס גייסט, לאָזן זיך באַאיינפלוסן פון אים און צו גלייכער צייט דאַרף ער קאָנען זיין אַליין אַ געבער און אַ באַאיינפלוסער.

און דאָס איז שייך נישט נאָר בנוגע די פאָרשטייערס פון דער אַזוי־אָנגערופענער אימפּרעסיאָניסטישער קריטיק. דאָס איז אַ כלל, וואָס גילט פאַר אַלע סאָרטן קריטיקערס. אַלע מוזן זיי דערגרייכן אַ הויכע מדרגה אי ווי שרייבערס אי ווי לעזערס. היפּאָליט טען איז זיכער נישט געווען קיין אימפּרעסיאָניסט. ער האָט, פאַרקערט, געגלייבט אַז ער באַנוצט און אַז יעדער פון זיין פאַך מוז באַנוצן אַן אָביעקטיוון וויסנשאַפטלעכן מעטאָד. פון דעסטוועגן גיט ער אונדז פאַקטיש נישט מער, אָבער אויך נישט ווינציקער, ווי די האַרמאָנישע צונויפגיסונג פון זיין אייגענער פערזענלעכקייט מיט דער פערזענלעכקייט פון דעם דיכטער, וואָס ער „באַהאַנדלט“. ער שפּינט ווייטער און וועבט ווייטער די פעדעם פון דעם דיכטער. דאָס פילט זיך אין ערגעץ נישט אַזוי קלאָר ווי אין דעם וואָס ער שרייבט וועגן שעקספּירן. דאָ זעט איר באַשיימפּערלעך, ווי ער זייעט אין שעקספּירס בייטן זיינע אייגענע קערנדלעך. ער פילט אָן אונדזערע אויערן מיט די שטורעמווינטן פון שעקספּירס פּאַטאָס און מיט די מעכטיקע, די פאַרשכורנדיקע קלאַנגען פון שעקספּירס שפּראַך; ער ברענט אונדז מיט דעם פייער פון שעקספּירס אידייען און אַנטפּלעקט פאַר אונדז די קיניגלעכע רייכקייט און די וועלטן־בויענדיקע מאַכט פון שעקספּירס „פאַקיולטע מעטרעסס“ (הויפּט־פעיִקייט) — פון שעקספּירס פאַנטאַזיע. — ער גיט אונדז, מיט איין וואָרט, צו טרינקען פון שעקספּירס פולן בעכער; אָבער מיר פאַרגעסן קיין איין מינוט נישט, אַז ער, נישט קיין אַנדערער, סערווירט עס פאַר אונדז. אויב מיר האָבן געהאַט אונדזער אייגענעם שעקספּיר, האָבן מיר נאָך דעם, ווי מיר האָבן

געלייענט טענען, אַ נייעם שעקספיר, — טענס שעקספיר. אינאיינעם מיט דעם שרייבער טען איז פאַר אונדז וויכטיק געוואָרן טען דער לייענער.

נאָך ווערטפולער איז דער לייען־מייסטער, וואָס איז געווען אין טענס פאַרגייער, — סעינט־בעוו. ער האָט בפירוש געזאָגט, אַז ער זעט אין דעם קריטיקער אַ לעזער, וואָס שאַפט. „איך טראַכט וועגן קריטיק, האָט ער געשריבן, צוויי זאַכן, וואָס זעען אויס צו זיין סתירהדיק און וואָס זיינען עס נישט אין דער אמתן: ערשטנס, איז דער קריטיקער אַ מענטש, וואָס קאָן לייענען און וואָס לערנט לייענען אַנדערע; צווייטנס, איז קריטיק כסדרדיקע אויסגעפינונג און שאַפונג". און ער אַליין טאַקע האָט נישט נאָר „געקאָנט לייענען", — ער האָט לייענענדיק געשאַפן. „ער האָט דאָס ווערק (פון אַ געוויסן סאָרט שרייבער), זאָגט עמיל פאַגע, איבערגעמאַכט, ער פלעגט דאָס אויסטראַכטן און פון ס'ניי באַשאַפן. ער האָט געהאַט די געוווינהייט עס אויסצובעסערן, פאַרשטעלנדיק עס פאַר די לעזער און ער פלעגט אַריינלייגן אין דעם אַזוי פיל אייגענע געניאַליטעט, וויפל עס האָט אַריינגעלייגט דער פאַרפאַסער אַליין".

און אין דער אָדער יענער מאָס טוט עס יעדער אמתער קריטיקער. לאָמיר נעמען אַ ביישפיל פון אונדזער אייגענער ליטעראַטור — בעל־מחשבות *). פאַר אים האָט מען אויך געשריבן ביי אונדז וועגן מענדעלען און שלום־עליכמען, אָבער קיינער האָט נישט געשריבן אַזוי אינהאַלטרייך און אַזוי אינטערעסאַנט ווי ער; פאַרוואָס? ווייל קיינער האָט די צוויי שריפטשטעלערס נישט אַזוי שעפעריש געלייענט, ווי ער. זעט איר, פרצן האָט ער שוין נישט געלייענט מיט יענעם גרויסן אינטערעס, וואָס ער האָט געהאַט פאַר די אָריגינעלע שילדהערערס פון דעם יידישן כלל־לעבן, איז אויך זיין שרייבן וועגן אים אין אַנהייב נישט געווען אַזוי פרוכטבאַר... (ערשט נאָך פרצעס טויט האָט בעל־מחשבות געשריבן וועגן פרצן גייסט־ און געדאַנקען־רייך).

דער פאַקט, וואָס דעם קריטיקערס אידעאַל איז צו זיין אי אַן אידעאַלער לעזער, אי אַן אידעאַלער שרייבער איז אַ טאָפּלטקייט, וואָס פון איר נעמען זיך היפּשע עטלעכע סתירות און שוועריקייטן. איינע פון זיי באַשטייט אין דער אינעווייניקסטער פאַרשיידנקייט, וואָס איז דאָ צווישן דעם לעזערישן און דעם שרייבערישן טיפּ מענטשן. דעם לעזערס טבע איז אויפצונעמען זאַכן, בעת דעם שרייבערס נייגונג איז צו געבן. דער לעזער אינעם קריטיקער וויל וויסן, וואָס דער דיכטער זאָגט, דער שרייבער אין אים וויל אַליין עפּעס זאָגן. מוז ער זוכן צו פאַראייניקן אין זיך זיין לייענערישע אָדער פעמינינע אָנפּנעמפעיקייט מיט זיין שרייבערישער אָדער מאַסקולינער שעפערישקייט. ער מוז, מיט אַנדערע ווערטער, צוהערן זיך אי צו יענעם, וועגן וועלכן ער שרייבט, אי צו זיך אַליין. ער מוז לאָזן אונדז הערן אַזאַ עכאָ, וואָס זייערעביידנס שטימען זאָלן אין דעם זיך צונויפגיסן און ווערן איינס... אָט דאָס „ווערן איינס" פונעם לעזער און פונעם שרייבער אינעם קריטיקער ווערט נישט אַלע מאָל מקוים, אַ מאָל איז דער שרייבער אין דעם קריטיקער ווערטפולער ווי דער לעזער אין אים (אַזוי איז, צום ביישפיל, דוד פרישמאַן געווען אַ בעסערער שרייבער ווי אַ לעזער, און אַ מאָל איז פאַרקערט, דער לעזער — רייכער און אייגנ־

---

*) זע ווייטער דעם קאַפּיטל „בעל מחשבות", אין דעם אָפּטייל „קריטיקערס".

אַרטיקער ווי דער שרייבער אין דעם קריטיקער. דער אידעאַל פון קריטיק איז, ווי געזאָגט, אַ געוויסער סאָרט גלייכגעוויכט צווישן דער שרייבערישער און דער לעזערישער פעיִקייט. דער אידעאַלער קריטיקער דאַרף אונדז קאָנען פּאַראינטערעסירן אי מיט די רעזולטאַטן פון זיין לייענען, אי מיט דעם אופן, ווי ער מאַכט אונדז באַקאַנט מיט אָט די רעזולטאַטן.

און ווען איך זאָג אַז ער דאַרף אונדז קאָנען פּאַראינטערעסירן, מיין איך נישט, אַז ער דאַרף אונדז דווקא מ אַ כ ן א יי נ ש ט י מ י ק מיט אים. מיר קאָנען זיך בלייבן ביי אונדזערע אייגענע איינדרוקן פון שעקספּירן, מיר קאָנען זיך האָבן אונדזער אייגן בילד פון מענדעלען אָדער שלום־עליכמען, אָבער דאָס פּאַרמינערט אויף אַ האָר נישט דעם ווערט, וואָס עס האָבן פאַר אונדז טענס איינדרוקן פון שעקספּירן אָדער בעל מחשבותעס בילדער פון מענדעלען און שלום־עליכמען. עס זיינען דאָ אַזויפיל שעקספּיר־וואַריאַנטן און אַזוי פיל וואַריאַציעס פון פושקינען אָדער הײנען, אָדער פּרצן, אָדער ביאַליקן, וויפל עס זיינען דאָ ביי זיי שעפערישע לעזערס. פאַר־וואָס זאָלן מיר זיך באַנוגענען מיט דעם, וואָס מיר אַליין האָבן איבערגעלעבט און איבערגעטראַכט, ווען מיר האָבן געלייענט יהודה הלוין, פושקינען אאַז״וו? לאָמיר זיך באַקענען מיט די געפילן און די רעיונות און די אידייען־פאַרבינדונגען און די טרוימען, וואָס אַנדערע האָבן געהאַט, ווען זיי האָבן געלייענט די ווערק פון די דערמאָנטע אָדער אַנדערע דיכטערס. מיר האָבן אונדזערע אייגענע איינדרוקן פון זון־פאַרגיין, פון ים, פון שטורעם, פון ליבע, פון שפילן זיך מיט קינדער, אָבער דאָס שטערט אונדז נישט צו לייענען גערן אויך וואָס אַנדערע שרייבן וועגן די אַלע זאַכן, כאָטש אונדזער דערפאַרונג קאָן זיך זיין גאָר אַנדערש, ווי זייערע. איז פאַרוואָס זאָלן מיר זיך איינשליסן אין די פיר איילן פון אונדזערע אייגענע איבער־לעבענישן, ווען עס רעדט זיך וועגן קונסטווערק? איז דען נישט אינטערעסאַנט צו באַקענען זיך מיט די שפּורן, וואָס לערמאַנטאָוו, לאָמיר זאָגן, האָט איבערגעלאָזן אין ביעלינסקין, נאָוואַליס — אין היינען?

דאָס געניסן קונסט איז, ווי מיר האָבן געזען, פּונקט אַזוי אינדיווידועל און פונקט אַזוי פאַרשיידנאַרטיק ווי דאָס שאַפן. זוכן מיר ביים קריטיקער נישט נאָר זיין שאַפונג־אופן, נאָר אויך די אייגנאַרטיקע פאָרעם און אינהאַלט פון זיין געניסן...

און וואָס איז מכח זיין מבינות? וועט פרעגן דער לעזער. איך האָב גערעדט וועגן דעם קריטיקער ווי וועגן אַ שרייבער און ווי וועגן אַ לעזער. איז ער דען נישט אויך אַ לערער?

יאָ, געוויס איז ער אויך אַ לערער. אָבער זיין לערעריי איז מער און אַנדערש ווי געוויינטלעכע מבינות־זאָגעריי. דער מבינות־זאָגער, דער סמיכה־געבער, גלייבט אַז עס איז דאָ אַ שולחן־ערוך, לויט וועלכן מען קאָן פּסקענען, וואָסער בוך איז גוט און וואָסער — איז שלעכט. אַנדערש איז דער קריטיקער. ער שטעלט נישט דעם טראָפּ אויף דער פראַגע: וואָס זאָל מען לייענען און וואָס נישט? ער ווייסט, אַז וואָס עס איז גוט פאַר איינעם צו לייענען, קאָן זיין שלעכט פאַר אַן אַנדערן און פאַר־קערט. זיין פונקציע איז צו לערנען אונדז נישט וואָס, נאָר ווי צו לייענען. ער עפנט פאַר אונדז די וועלט פון זיין געניסן אַ קונסטווערק, און מיר ווערן זיינע מיטגע־ניסער, אַזוי ווי דער דיכטער מאַכט אונדז פאַר מיטשאַפער, אַריינפירנדיק אונדז אין דער וועלט פון זיין שאַפן. די ביכער, וואָס זיינען באַפרוכפּערט און באַרייכערט

געוואָרן פון קריטיקערס, לייענען מיר מיט אַן אויפגעוועקטן געדאַנק און מיט אַ מער באַפליגלטער פאַנטאַזיע. דער אמתער קריטיקער מאַכט אונדז אַליין פאַר קרי־טיקערס — און דאָס איז אַ סך וויכטיקער פאַר אונדז, ווי די פאַרטיקע מיינונגען, וועלכע מיר געפינען ביי אים. העברי מענקען, וואָס האָט אַ געוויסע צייט געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, זאָגט וועגן דעם קריטיקער אַז ער „מאַכט דאָס קונסטווערק לעבן פאַר דעם צוקוקער און דעם צוקוקער — לעבן פאַר דעם קונסטווערק".

דער קריטיקער מאַכט אונדז אָפט אויפמערקזאַם אויף אַזוינע שטריכן אינעם ווערק, וואָס אַליין וואָלטן מיר אפשר נישט באַמערקט. ער העלפט אונדז אויסגע־פינען דעם הויפּט־שטריך פונעם ווערק — און דאָס איז איינע פון זיינע הויפּט־אויפגאַבעס. אַ בוך, אַזוי ווי אַ בילד פון אַ מאָלער, קאָן מען דאַן נאָר אויפנעמען ווי געהעריק איז, ווען מען געפינט דעם ריכטיקן פונקט, פון וועלכן עס צו באַטראַכטן. דער קריטיקער מיט זיין לעזערישער געניטקייט און לעזערישן טאַלאַנט העלפט אונדז אויסצוגעפינען אָט דעם פונקט. און אויך דאָס ווירקט אַז דער קריטיקער, דעם שרייבערס בעסטער לעזער, זאָל ווערן דעם לעזערס בעסטער לערער. דאָס איז גורם, אַז דער קריטיקער זאָל זיין, אַזוי צו זאָגן, העמאַאַפראָדיטיש — און פּאַראַיי־ניקן אין זיך דעם לעזערס רעסעפּטיווע שעפערישקייט מיט דער באַפּרוכפּערנדי־קער קרעאַטיוויטעט פון דעם לערער. און אָט די טאָפּלטע לעזעריש־לערערישע פונקציע זיינע איז, אַזוי ווי זיין ריין שרייבערישער אויפטו, נישט אין ערך ווערט־פולער ווי דאָס אָנווייזן אויף די אָדער יענע איינציקע „מעלות" אָדער איינציקע פעלערן. געפעלט אונדז אַ זאַך אין גאַנצן גענומען, אַרט אונדז נישט אַזוי שטאַרק אירע איינציקע „חסרונות". געפעלט זי אונדז אָבער נישט, העלפן נישט די „מעלות". אַ ווערק מוז גענומען ווערן גאַנצערהייט. פּאַלמעסן עס, פונאַנדערנעמען עס אויף שטיקלעך, אויף „חסרונות" און „מעלות", הייסט טויטן דעם איינדרוק, וואָס מיר האָבן פון דעם, ווי פון אַ גאַנצער זאַך. אַ ווערק מוז כאַראַקטעריזירט ווערן איידער עס ווערט אָפּגעשאַצט. נישט מעסטן און וועגן איז די הויפּט־אויפגאַבע פון דער קריטיק, נאָר אויפנעמען, אויסטייטשן און כאַראַקטעריזירן.

ענטפערן אויף דער פראַגע: „וואָס איז דאָס ווערק?" הייסט שוין האָבן ממילא אויך אַן ענטפער אויף דער פראַגע: „וואָס איז עס ווערט?". דער ווערט פון אַ ווערק איז תמיד עפּעס מער — און עפּעס אַנדערש, — ווי דער ריין אַריטמעטישער סך־הכל פון אַ צאָל „מעלות" מינוס אַ צאָל „חסרונות". אויך אָט דער חשבון געהערט צום סכום פון דעם קריטיקערס אויפגאַבעס, אָבער דאָס איז נישט זיין הויפּט־אויפגאַבע, ווי מיר וועלן עס זען אין קומענדיקן קאַפּיטל.

*

מכח די לעזערישע און לערערישע פונקציעס און ווערטן פון קריטיק, וויל איך נאָך צוגעבן, אַז זיי זיינען גאָר באַזונדערס קלאָר און בולט אין דער אַזוי־אָנגערופענער טעקסט־קריטיק.

איינער פון די עלטסטע און באַרימטסטע טעקסט־קריטיקערס ביי ייִדן איז, ווי באַוווּסט, רש"י. דער נאָמען קריטיקער איז פאַר אים אפשר נישט־פּאַסיק. ער איז געווען אַ מפורש. אָבער אַ מפורש איז אייגנטלעך דאָס, וואָס מען האָט שפּעטער גענומען רופן מיטן נאָמען קריטיקער.

וואָס איז דען אַ קריטיקער? אַ ריכטער? — איינער, וואָס זאָגט צי דער מחבר איז גערעכט אָדער אומגערעכט, צי ער איז גרויס, קליין אָדער מיטלמעסיק? אָדער איז ער אַ חטאים־זוכער, אַ הסכמה־געבער? אָדער איז ער גאָר אַ פּסיכאָלאָג, וואָס עפנט פאַר אונדז די אינעווייניקסטע קוואַלן, די פאַרבאָרגענע כוחות און סטימולן פון שאַפנדיקן מענטשן? אָדער איז ער אפשר גאָר אַ סאָציאָלאָג, וואָס געפינט אויס, פון וואָס פאַר אַ סאָציאַלער סביבה אַ ווערק אָדער אַ גאַנצע ליטעראַטור פון אַ געוויסער תקופה איז אויסגעוואַקסן? אַ קריטיקער קאָן זיין דאָס אַלץ; ער קאָן נאָך אויך אַנדערע אויפגאַבעס האָבן, אָבער פריִער ווי אַלץ מוז ער זיין דאָס, וואָס רש״י איז געווען — אַ מפרש, אַן אויסטייטשער פונעם טעקסט, איינער, וואָס לייענט גוט דעם ספר אַליין און לערנט אויך אַנדערע אים גוט צו קאָנען לייענען.

איידער מען ווייסט, וואָס אַ ספר אָדער אַ שרייבער איז ווערט, מוז מען וויסן, וואָס אָדער ווער ער איז. אַז מען ווייס, וואָס ער איז, ווייסט מען שוין ממילא אויך ווי עס איז פריִער געזאָגט געוואָרן, וואָס ער איז ווערט. אָבער איידער מען פאַרשט־אויס די אינעווייניקסטע כוחות, וועלכע האָבן געשאַפן די ליטעראַטור, און די דרויסנדיקע אומשטענדן, וועלכע האָבן געהאָלפן אָדער געשטערט איר אַנט־וויקלונג, מוז מען זי אַליין שטודירן, מוז מען טיף אַריינדרינגען אין אירע כוונות, לערנען אין איר פּשט.

רמז, דרוש, סוד — דאָס מעג מען אויך, פאַרוואָס נישט? „די תורה ווערט געדרשנט אויף אַלערליי אופנים". יעדער דור, אויך יעדער יחיד, קאָן געפינען אין אַ ווערק עפּעס אַזוינס, וואָס אַנדערע האָבן נישט געפונען. אָבער דאָס זיינען אַלץ שפּעטערדיקע זאַכן, לוקסוס־זאַכן. פריִער ווי אַלץ איז— פּשט... רש״י האָט אין תנ״ך, אין תלמוד געלערנט פּשט. רש״י איז געווען דאָס ברויט פון די, וואָס האָבן געלערנט תורה. אָן אים האָט מען זיך נישט געקאָנט באַגיין ,ווי מען קאָן נישט אויסקומען אָן ברויט. די „בעלי־התוספות", די וואָס זיינען נאָך אים געקומען, האָבן געפרעגט קשיאָס, געענטפערט תירוצים. מקובלים האָבן געזוכט סודות אין דער תורה — נסתר; פילאָסאָפן, — אַלעגאָריעס, סימבאָלן... אַלע זיינען זיי אויף זייער שטייגער געווען קריטיקערס, אָבער קיינער פון זיי איז ביים פאָלק, ביי די לערנערס און ביי די לערערס, נישט געווען אַזוי אָנגענומען און אַזוי באַליבט, ווי רש״י. פאַרוואָס?

„רש״י — שרייבט ד״ר א. גינזבורג אין זיין בוך „יידישע דענקערס און פאָעטן" — „רש״י האָט באַגלייט דעם יידישן פאָלק אין אַלע זיינע גלות־לענדער. ווו דאָס פאָלק האָט געוואַנדערט, איז אים רש״י נאָכגעגאַנגען". ער האָט זיך אַזוי צוגעקלעפּט צו די צוויי מאָנומענטאַלע ווערק פון אונדזער קלאַסישער ליטעראַטור, דעם תנ״ך און דעם תלמוד, ער איז מיט זיי אַזוי צונויפגעוואַקסן און געוואָרן איינס, אַז ס׳איז נישט געווען גאָר קיין אַנדער קיין חומש און קיין אַנדער גמרא, סיידן נאָר „חומש מיט רש״י" און „גמרא מיט רש״י". דאָס פאָלק האָט זיין איינגעגלייבט־זיין אין דער ריכטיקייט פון רש״יס פּירוש אויף דער תורה אויסגעדריקט אין אַ מעשהלע וואָס דערציילט, אַז משה רבינו איז געקומען צו רש״ין, האָט אים אַ קוש געטאָן אין קאָפּ און געזאָגט: „שלמה, מיין קינד, דו ביסט דער ערשטער, וואָס האָט געטראָפן מיין כוונה"... נו, אַ „שרייבער", און נאָך אַזאַ גדול, ווי משה, זאָל זיין צופרידן מיטן „קריטיקער, מעג עס זיין אַפילו רש״י, — דאָס איז אַ וווּנדער. און ס׳איז

טאָקע נישט מער ווי אַ לעגענדע. דער אמת איז, אַז רש״י האָט זיך נישט באַנוגנט מיט משהס כוונות, אַזוי ווי קיין קריטיקער באַנוגנט זיך נישט מיט די כוונות פונעם מחבר. חומש מיט רש״י איז נעענטער צו דעם חומש פון דער תלמוד־צייט און פון די שפּעטערדיקע דורות, ווי צו משהס תורה. רש״י איז געווען אַ קריטיקער, און ווי יעדער קריטיקער, — האָט ער געמעגט זיין ווי „אָביעקטיוו״, — האָט ער דאָך אין זיין פּשט־לערנען אויסגעדריקט מער דעם גייסט פון זיין אייגענער תקופה, ווי דעם גייסט פון יענער צייט, ווען דאָס ווערק איז באַשאַפן געוואָרן. אָבער רש״יס פּשטות, זיין קלאָרקייט, האָט געוועקט צו אים טיפן צוטרוי, און דער עולם האָט געגלייבט אַז וואָס „רש״י מאַכט״, איז תורת משה.

רש״י האָט זיך, אגב, פאַרגונען צו זאָגן, אַז ער „ווייסט נישט״, ווען ער האָט עפּעס נישט געוווּסט, — אַ זאַך, וואָס קריטיקערס פאַרגינען זיך עס זייער זעלטן, — און אויך דאָס האָט פאַרשטאַרקט זיין אויטאָריטעט... נאָר דער המון־עם וויל, אַז דער פירער זאָל אַלץ וויסן. דאָס פאָלק איז קליגער. דאָס פאָלק שעצט זיין פּי־רערס אָרנטלעכקייט און באַשיידנקייט. ווייסט דאָס פאָלק ווי צו שעצן אויך רש״יס מודה זיין זיך, אַז ער „פאַרשטייט נישט״, ווען ער פאַרשטייט נישט. דאָס פאָלק פילט, אַז דווקא דערפאַר קאָן עס זיך אויף אים פאַרלאָזן... איז רש״יס פּירוש נישט אומזיסט געווען דער ערשטער ספר, וואָס יידן האָבן זיך געכאַפּט אָפּצודרוקן (אין יאָר 1475), ווי נאָר די דרוק־קונסט האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפּרייטן. רש״י איז צווישן די אַלע גרויסע מפרשים געוואָרן דער מפרש, אָדער, ווי מיר וואָלטן היינט זיך אויסגעדריקט, דער קריטיקער פון חומש און גמרא. ווי אַ סך אַנדערע קריטיקערס, איז ער געווען אויך אַ „דיכטער״: ער האָט געשריבן פּיוטים. אָבער שטאַרקער איז ער געווען אין זיין „קריטיק״ — און אויך אין דעם פּרט איז ער ענלעך געווען צו אַנדערע גרויסע קריטיקערס. אויך זיי האָבן געהאַט די אַמביציע צו זיין דיכטערס, אָבער אַ בלייבנדיקן ווערט האָט בלויז זייער קריטיק... און נאָך אין אַ וויכטיקן פּרט איז רש״י געווען ענלעך צו אַנדערע קריטיקערס. אַזוי ווי זיי, האָט ער זיך באַנוגנט מיט מאַכן קלאָר און פאַרשטענדלעך, וואָס אַנדערע האָבן געשריבן: ער האָט זיך געמיט צו זיין אַליין אויך קלאָר און פאַרשטענדלעך.

דאָס הייסט נישט, אַז ער האָט פאַרוואָסערט און שיטער געמאַכט זיין שרייבן. מיט זיין חוש האָט ער געוווּסט, אַז ס׳איז פאַלש די מיינונג פון יענע, וועלכע מיינען, אַז מסביר זיין הייסט מאריך זיין, צעצ׳ען, צעקייען און אין מויל אַריינלייגן. די קונסט קלאָר צו מאַכן אַן ענין, האָט ער געוווּסט, איז די קונסט צו קירצן, — אויסצולאָזן אַלע זייטיקע און נישט גאָר נייטיקע רייד. און — „ביי אים איז יעדעס וואָרט געציילט און געמאָסטן, יעדער אויסדרוק געפיילט און געשליפן. כל ימיו איז ער נישט מיד געוואָרן זיין פּירוש אויף תלמוד אויף ס׳ניי צו רעדאַקטירן, אים מאַכן וואָס פּשוטער און פאַרשטענדלעכער״ (דאָס איז גענומען פון י. צינבערגס „די געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי יידן״, — און איך בין צופרידן, וואָס דאָס איז שוין דאָס צווייטע יידישע בוך, וואָס איך האָב אַ מעגלעכקייט צו ציטירן, כאָטש איך שרייב וועגן אַ לשון־קודשדיקן און נישט קיין וועלטלעכן מחבר).

רש״י איז פאַר אַ סך פון אונדז געשיכטע און נישט מער ווי געשיכטע, ווי ווייט ער איז געווען אַ פרומער אויסטייטשער פון רעליגיעזע ספרים. ווי ווייט אָבער ער איז געווען אַ שריפטשטעלער, איז ער נאָך עד היום אַ מוסטער, און מען קאָן

אין דער גאַנצער היינטיקער ליטעראַטור, אינאיינעם מיט רעשטלעך פונעם מהרש״א־נוסח, — אַ נוסח, אויף וועלכן מיר האָבן געבראַכן אונדזערע גמרא־קעפּלעך אין חדר און ישיבה, — שפּירן אויך די טראַדיציע פון נוסח־רש״י, דעם נוסח פון קלאָרקייט און פּשוטקייט. אַלע היינטיקע ביכער וואָלט מען געקאָנט איינטיילן אין מהרש״א־ספרים, וועלכע זיינען אַן אַנדערש מאָל טיף און זייער אָפט מוטנע, און אין רש״י־ספרים, וועלכע זיינען תמיד לויטער און זייער אָפט טיף. „רש״י" (שליס איך מיט נאָך אַ פּאָר אויסדרוקן פון ד״ר גינזבורגס „יידישע דענקערס און פּאָעטן", אַן עכטן רש״י־ספר) — „רש״י געפינט אַלע מאָל ס׳פּאַסיקסטע וואָרט אויסצודריקן דעם געדאַנק וואָס ער וויל. דאָרטן ווו אַנדערע דאַרפן האָבן גאַנצע שורות צי אַפילו עמודים, איז פאַר רש״ין גענוג אַ וואָרט צי צוויי" — — — „ער רעדט צום גרויסן עולם, צו דעם יונגן תלמיד, וואָס האָט נאָך אָקאָרשט געעפנט זיינע אויגן, פונקט ווי צו דעם אַלטן למדן, און ער לאָזט קיין זאַך נישט דורך, וואָס ניי־טיקט זיך אין אַ דערקלערונג". — „ער העלפט דעם לעזער, ער ווייזט אים דעם וועג, ער פירט אים אַפילו פאַר דער האַנט, אָבער ער לאָזט אים אַליין גיין, ער לאָזט אים געברויכן זיין אייגענעם שכל, ער דערלויבט אים זיך אַליין אָנצושטויסן"...

רש״י האָט אַמאָליקע לערנערס געלערנט לערנען חומש און גמרא. אונדז, היינטיקע קריטיקערס און לעזערס, וואָלט ער געקאָנט לערנען לייענען און שרייבן. ער האָט אויף אַ מוסטערהאַפטיקן אופן אויסגעפירט דער קריטיקס לעזערישע און לערערישע פונקציעס.

3. קריטיק פון חטאים־זוכעריי

א.

„עס איז דעם קריטיקערס פריידצו לויבן", שרייבט דער ענגלישער קריטי־קער אַרטור סיימאָנס, „אָבער כ׳גלייב נישט, אַז לויבן איז אַ טייל פון זיין אויפ־גאַבע. עס קאָן זיך אים אָפט דאַכטן, אַז זיין חוב איז צו טאַדלען, אָבער עס איז אַ ספק צי טאַדלען איז אַ נייטיקער טייל פון זיין אַרבעט". נו, דאָס איז אַ גוזמא. עס לאָזט זיך נישט אויסשליסן אין גאַנצן פון דעם קריטיקערס אַרבעט דעם ענין פון זאָגן שבחים אַ שרייבער און אָנווייזן אויף חסרונות. אָבער זיין הויפּט־ציל איז עס נישט, און עס איז נישטאָ קיין ערגערער פאָראורטייל וועגן קריטיק, ווי די פאַרשפּרייטע מיינונג אַז קריטיקירן הייסט זוכן פעלערן. אין דעם טאָגטעגלעכן שפּראַכגעברויך איז אָט דאָס רייכע וואָרט טאַקע דעגראַדירט געוואָרן ביז צו דעם אָרעמען באַגריף פון חטאים־זוכעריי, אָבער אויף דער שפּראַך פון ליטעראַטור מיינט דאָס וואָרט „קריטיק" ווי מיר האָבן געזען, גאָר עפּעס אַנדערש און עפּעס מער. אויף דער דאַזיקער שפּראַך איז אַ קריטיקער נישט קיין „קענער", באַנוצנדיק געטעס אַן אויסדרוק, נאָר אַן ענטוזיאַסט... אָט ווי געטע גיט־איבער די שטימונג פונעם ענטוזיאַסט און זיין מיינונג וועגן דעם אַזוי־גערופענעם קענער. זיי זיינען ביידע, דער קענער און דער ענטוזיאַסט געווען אין אַ קונסט־גאַלעריע. דערציילט דער ענטוזיאַסט:

Mein Busen war so voll und bang,
Von hundert Welten trächtig;
Ihm war bald was zu kurz, zu lang,
Wägt' alles gar bedächtig.

Da warf ich in ein Eckchen mich
Die Eingeweide brannten.
Um ihn versammelten Männer sich
Die ihn einen Kennen nannten.

די לעזערס (און די קריטיקערס) וואָס האָבן הנאה פון זוכן חסרונות, האָבן קיין הנאה נישט פון לייענען. זיי זיינען שלעכטע לעזערס, ממילא זיינען זיי אויך שלעכטע קריטיקערס. אין זייער אויג איז אַזוי ווי אַריינגעפאַלן אַ שטויב־קערנדל פון יענעם שדישן שפּיגל, וועגן וועלכן אַנדערסען דערציילט אין דער „שניי־מלכה". דער דאָזיקער שפּיגל האָט געהאָט די אייגנשאַפט, אַז „אַלעס גוטס און שיינס, וואָס האָט זיך אין אים אָפּגעשפּיגלט איז צונישט געוואָרן, דערפאַר אָבער איז אַלץ וואָס איז שלעכט און מיאוס, זייער קלאָר געוואָרן, און האָט זיך אַרויסגעוויזן נאָך ערגער און מיאוסער ווי עס איז געווען אין דער אמתן"...

דאָס איז יענער סאָרט קוואַזי־קריטיקער, וואָס בעקלין האָט געמאַכט אויף אים זיין באַרימטע קאַריקאַטור — דאָס בילד ווו דער קריטיקער האַלט די פּען אין מויל, ווי אַ שוחט דעם חלף און זעט אויס ווי עפּעס אַ בייזער מכשף. דאָס איז יענער מין קריטיקער, וואָס אַ סך דיכטערס האָבן וועגן אים געשריבן עפּיגראַמען, פול מיט ביטול און פאַראַכטונג. אַזוי איז, צום ביישפּיל, ביי ד"ר שלמה עטינגער דאָ אַן עפּיגראַם:

אָט דער קענער —

צו אַ קריטיקער זאָגט פאַר זיין טויט
טאַקע זיין בעסטער גוטער פריינד:
„דו ביסט דאָך גאָר אין אַזוי אַ נויט
קיין מאָל נישט געווען ווי היינט;
קענסטו דעם אויבערשטן דאָרט אויבן
כאָטש היינט זיין לויב אָפּצוגעבן".
„ניין, ניין!" שרייט ער: „איך קאָן נישט לויבן!"
און האָט אויפגעהערט צו לעבן.

אַפילו פאַרן טויט און אַפילו גאָט אַליין האָט ער „נישט געקאָנט לויבן" און ס'איז גאָר קיין חידוש נישט. לויט י. ל. פּרצעס אַ סאַטירישן ליד, איינעם פון זיינע ערשטע העברעישע שירים, אַ וואַריאַנט פון עפּעס אַן אַראַבישן משל („חלוקת החכמות", פאַרעפנטלעכט אין „השחר", 1876, העפט 4), האָט דער קריטיקער פאַרשפּעטיקט גאָטס „צעטיילונג פון חכמות". ער איז נעבעך געקומען נאָך אַלעמען. דער רבונו־של־עולם האָט שוין אַלע אוצרות פון חכמה געהאָט צעטיילט צווישן פאַרשיידענע סאָרטן מענטשן —

———————————————

אך חכמה כבר אפסה, לא נותרה דעת,
והוא בוכה, מתיפח, מדבר בתפלה —
אף נכמרו רחמיו, הטה אוזן שומעת
ופותר אך אפס, — לו נתן השלילה.

בה ישלול חכמת סופרים, יגלה ערותם,
כבוד מתים יאלול ובתושיה ישקר...
חיש ידעו החכמים את הרע מצאתם
כי מחסרון חכמה נעשה מקבר.

איז יהואש געדעכט געווען, ווען ער האָט צו אָט דעם סאָרט „קריטיקערס" געזאָגט:

אַן עקר ביסטו און פאַרגינסטו נישט קיין געבערן.
רונדע שטיינדלעך קאָן איך הערן
שאָרשקען אין דיין אָרעמען געמיט,
דיין איינציקן רעפריין פון ניין און ניט *).

די אמתע קריטיק נערט זיך נישט פון „ניין און נישט". זי איז שעפעריש און זי לערנט אויך אונדז, לייענערס, צו זיין שעפעריש. און נאָר זי, נישט די „ניין און נישט"־קריטיק, אַנטפּלעקט פאַר אונדז אין דעם אידעאַלן קריטיקער יענע דריי כוחות, וועגן וועלכע איך האָב גערעדט: א) דעם כח פון אַ שרייבער, ב) דעם לעזע־רישן און ג) דעם לערערישן כח.

די „ניין און ניט"־קריטיק איז נאָר איינע פון די פאָרמען — און האָט נישט פון די גאָר געהייבענע פאָרמען, וואָס עס נעמט אָן די קריטישע קונסט. דאָס איז די פּאָלעמישע קריטיק. זי איז אַזוי פאַרשפּרייט, אַז עס געפינען זיך לעזערס, וואָס מיינען, אַז מען קאָן גאָר נישט באַטראַכטן קריטיק און פּאָלעמיק ווי צוויי באַזונ־דערע זאַכן. סטייטש, טענהן זיי, קריטיקירן אַ שרייבער הייסט דאָך אים אָנווייזן זיינע פעלערן — נישט אמת? — און דאָס הייסט נישט זיין מיט אים איינשטימיק, האָבן מיט אים אַ וויכוח, — פּאָלעמיזירן מיט אים! היינט ווי קאָן מען ריידן וועגן קריטיק און פּאָלעמיק ווי וועגן צוויי גאָר באַזונדערע זאַכן? קריטיק איז פּאָלעמיק! אָבער אַזוי איז דאָס נאָר פאַר די, וועלכע מיינען, אַז קריטיק איז ניין־זאָגעריי, פאַר די וועלכע שטעלן זיך פאָר דעם קריטיקער, ווי אַ פּראָפעסיאָנעלן חטאים־זוכער. אָבער צי דען איז דער קריטיקער באמת אַזאַ מין פאַרשוין, וואָס וואַרט נאָר אַז אַ ליטעראַט זאָל געשטרויכלט ווערן, וועט ער פאַרקאַשערן די אַרבל און נעמען זיך פאַר דער פּען? האָט ער באמת גאָרנישט צו זאָגן וועגן יענעמס אויפטו און נאָר עמעצנס אַ דורכפאַל איז פאַר אים אַ טעמע און אַ סטימול צום שרייבן? איז ער באמת געגליכן צו ארמילוס הרשע וואָס וועגן אים ווערט דערציילט אַז ער איז

---

*) אַן אַנדער יידישער פּאָעט, מאַני לייב, האָט אין אַ דיאַלאָג „דער פּאָעט און דער קריטיקער" געלאָזט זאָגן דעם פּאָעט: „דעם קריגער די שווערד און דעם שוסטער די לייסט, דעם גאָלדמינצער — גאָלד אין זיין טייסטער; דעם קריטיקער — הונגער, וואָס רייסט און וואָס בייסט פון פּאַרטיקע ווערק פון די מייסטער. ער איז ווי די מויז אין אַ הויז, וועמענס ברויט ליגט תמיד פאַרגרייט ביז דער שעה פון זיין טויט".

געווען טויב אויפן רעכטן אויער און אַז ווען מען פלעגט אים זאָגן עפּעס גוטס, פלעגט ער אָנשטעלן אָט דעם טויבן אויער?

ווען דאָס זאָל אַזוי זיין, וואָלט דער קריטיקער געדאַרפט האָבן צווישן די „שאַפנדיקע מענטשן" נאָך מער שונאים, וויפל ער האָט. ער וואָלט זיך אַליין גע־דאַרפט ווערן אַ שונא. יאָ, ער וואָלט געמוזט פּאַרמיאוסט ווערן אין זיינע אייגענע אויגן, ווען זיין גורל זאָל זיין — בויען אויף יענעמס חורבות, נערן זיך נאָר פון יענעמס טעותן, אויפבליען אויף יענעמס מיסט... עס וואָלט אים געמוזט דערעסן אָט דאָס לויפן פאָרויס פאַר יעדן טויגעניכטס און שרייען: „לאָזט זיך נישט נאַרן, ס'איז אַ שלימזלניק!". אָט דאָס שטענדיקע וואָרענען: „היט זיך, ס'איז אַ מצורע!". עס וואָלט באמת געווען אַ מלאכה בזויה.

ווען דאָס זאָל הייסן זיין „דאָס געוויסן פון דער ליטעראַטור", איר „גערטנער", איר „טרייער וועכטער" און ווי מען רופט עס דאַרטן, וואָלט איך מיינע גוטע פריינד בעסער געוווּנטשן צו זיין פּשוטע לעזערס, איידער צו שפּילן די אומדאַנקבאַרע ראָלע פון דעם „אויסראַמער פון די דערנער אין ווייַנגאָרטן". עס איז, אמת טאַקע, אַ ניצלעכע מלאכה, אָבער מאַלע וואָס עס זיינען דאָ אויף דער וועלט ניצלעכע מלאכות!

אויב קריטיק איז „דאָס געוויסן פון דער ליטעראַטור", דאַרף זי זיך אויס־דריקן מער אין אַרויסברענגען און קלאָר מאַכן די אויפטואונגען פון שרייבערס, ווי אין אויפדעקן זייערע זינד. אויב דער קריטיקער איז, ווי די מליצה זאָגט, אַ גערטנער, איז זיין עובדה נישט נאָר צו טויטן די שעדלעכע ווערעם, צו פאַריאָגן די פּאַראַזיטן און אויסצוראָטן דאָס ווילדגראָז, נאָר אויך צו פרייען זיך מיט דעם וווּקס פון די יונגע שפּראָצונגען, אויפצובליִען מיט דעם בליִען פון דיביימער און זעטיקן זיך מיט דעם זאַפט פון די פּירות!

עס איז אמת, אַז דער קריטיקער, אַזוי ווי דער פּאָלעמיקער, האָט צו טאָן מיט אַנדערע שרייבערס, אָבער להיפוך צו דעם פּאָלעמיקער איז ער אַ גענישער, אַ זאַמלער און אַ פּאַרמערער, נישט אַ צעשטערער פון דעם אַנדערנס גוטס.

געוויס עקסיסטירט אויך דער טיפּ פון אַ נעגאַטיוון קריטיקער, אָבער... ער דערמאָנט מיך אָן דעם טראַפיק־פּאָליסמאַן *)... לעבן אַ וועג, ווו עס פאָרן אָפּט און אַ סך אויטאָמאָבילן, זיצט ער אויף אַ „מאָטאָציקל" — און „לויערט". עס ווערט אים מיאוס זיצן און גאָרנישט צו טאָן. עס איז אים לאַנגווייליק. נאָר אָט האָט זיין געניט אויער דערהערט פון וויטן, אַז עמעצער פאָרט דאָרט „צו שנעל". איז אין אים אַריין גאָר אַ נייע נשמה, ער איז גאָר אַן אַנדער מענטש געוואָרן: ער וועט זיך שוין מער נישט לאַנגווייליקן, עס וועט זיין „אַרבעט"... זיינען אוודאי דאָ אויך קריטיקערס אַזעלכע, וואָס זיצן און „לויערן", זיצן און וואַרטן ביז עמעצער וועט עובר זיין אויף עפּעס אַ געזעץ... מיט וואָס פאַר אַן אימפּעט וואַרפן זיי זיך עס אַרויף אויף דעם, וואָס איז באַגאַנגען עפּעס אַ חטא! וואָס פאַר אַ טריפהנע פייערלעך צינדן זיך עס אָן אין זייערע אויגן!

יאָרנלאַנג האָט אַ שרייבער געשריבן, געשאַפן. זיי איז עס נישט אָנגעגאַנגען

---

*) דער פּאָליציסט, וואָס גיט אַכטונג אויפן גאַסן־טראַנספּאָרט.

אַזוי ווי עס גייט נישט אָן דעם פּאָליציסט דער מאַנאַטאָנער גאַנג פון די „מאַשי־נעס" וועלכע היטן אָפּ די כללים פון פאַרן. אָבער אַט האָט דער שרייבער זיך פאַרזינדיקט און — זיי זיינען דאָ! פון וואַנען האָבן זיי זיך פלוצלינג גענומען? עס זעט באמת אויס, אַזוי ווי זיי זאָלן האָבן געזעסן און געוואַרט מיט גרויס אומגע־דולד טאָמער וועלן זיי פּאַרט קאָנען כאַפּן עמעצן ביי אַן עבירה.

די קאָמישסטע צווישן זיי זיינען די וואָס זוכן קליינע עבירהלעך, ברעקלעך פאַרזעענס — אַ גרייז אין אַ וואָרט, אַ פאַלשע דאַטע, אַן איבעריקער „דגש" אד"גל. מען קאָן עס געפינען ביי די גרעסטע שרייבערס. קומען זיי, אַט די קליינקריטיקערס און לאָזן זיך ווילגיין. האָט וועגן זיי נאָך מיט הונדערט יאָר צוריק געזאָגט דער ענגלישער קריטיקער העיזליט, אַז „זיי דעגראַדירן (די ליטעראַטור) דורך דעם, וואָס זיי רעדוצירן איין צו זייער אייגענער מאָס. וואָרעם די מעלות, וועלכע זיי געפינען נישט ביי איין אָדער די חסרונות, קעגן וועלכע זיי פּראָטעסטירן, זיינען אַזוי ניש־טיק, אַז באַווייזן, אַז איר פאַרמאָגט יאָ די ערשטע אָדער אַז איר זייט פריי פון די צווייטע, הייסט מאַכן זיך אינצווייען לעכערלעך. קליינקייט איז זייער סטיכיע, און זיי גיבן־צו אַ געמיינעם כאַראַקטער אַלץ, צו וואָס זיי רירן זיך נאָר צו..."

נישט קיין סך בעסער זיינען אַנדערע סאָרטן קריטיקערס פון דעם מין, וואָס האַלטן זיך אין איין „טשעפען" צום שרייבער. זיי האָבן נישט קיין באַדייטונג, אָבער עס איז דאָך נייטיק זיך אָפּצושטעלן אויף זיי. עס איז דאָ עפּעס אַזוינס, וואָס מאַכט, אַז זייער אַקטיוויטעט זאָל זיין זייער פאַרשפּרייט און אפילו פּאָפּולער: דאָס איז די באַזונדערע הנאה, וואָס מענטשן האָבן פון יענעמס פעלערן. דער דערמאָנטער מין קריטיקער ווייס, אַז ביים לעזער־עולם (און אויך ביים עולם שרייבערס ווערט ער שטאַרק „אויסנעמען", ווען ער ווערט דערגנידעריקן יענעמס ווערק, — אַ סך שטאַרקער, ווי ווען ער ווערט עס דערהייבן. דערצו איז ער אַליין דאָך אויך „נישט מער ווי אַ מענטש", רייצט אים דער טריפהנער פאַרגעניגן צו ביליקער הנאה פון „דערהייבן" זיך אַליין דורך נידעריק מאַכן דעם אַנדערן (להתכבד בקלון חברו). פאַר דעם סאָרט קריטיק נעמט זיך אָפּט דער מין מענטש וואָס באַגלייט דעם חכם פון דעם אַלטן „ספר המדות": „עס גיינג איין חכם, זאָגט דער בעל המשל, אונ' נאָך איינער... אויף דען מאַרק. דאָ לאָג (איז געלעגן) איין נבלה אים וועג, די שטינקט נאָר זייער. דאָ שפּראַך דער מיט דעם חכם גינג: „פפוי! ווי שטינקט די נבלה אַזוי איבלו!". דאָ שפּראַך דער חכם: „זיך (זע) ווי האָט די נבלה היפשע ווייסע ציין". נון, אַפילו דער חכם, ווען ער ווערט אַ קריטיקער, איז נישט מחויב צו זוכן ביי אַ נבלה שיינע ווייסע ציינער; ער האָט בכלל קיין חשק נישט זיך אָפּצו־געבן מיט נבלות. עס זיינען אָבער דאָ קריטיקערס, וואָס עוסקן זיך מיט זיי. זיינען זיי די אמתע רעפּרעזענטאַנטן פון דער קונסט פון קריטיק? אָ, ניין, די אמתע קונסט פון אמתער קריטיק ליגט, חזר איך איבער, אין באַוונדערן די וווּנדערס פון שאַפן, אין קלאָר מאַכן דעם זינען פון קונסט, נישט אין אויפדעקן דעם אומזין פון אומ־קונסט. „ווו עס איז נישטאָ קיין ליבע צו קונסט, האָט געזאָגט פּושקין, איז נישטאָ אויך קיין קריטיק". „ווילט איר זיך באַקענען מיט קונסט, האָט געעצהט ווינקלמאַן, זעט ליב קריגן דעם קינסטלער, זוכט שיינקייט אין זיינע שאַפונגען". קריטיק איז שיינקייט־זוכעניש; קריטיק איז ליבע. ווי איז דער קריטיק, וואָס נערט זיך פון האַס. האַס איז אומפּרוכטבאַר, סיידן ער גופא איז אַן אויסדרוק פון ליבע. דער

קוואַל פון קריטיק איז קונסט, נישט אומקונסט. ווערט די קונסט ביי אַ פאָלק פאַר־טריקנט, איינגעשרומפּן, וועלקט אויך דער צוויַיג אירער, וואָס הייסט קריטיק. בליט אויף די קונסט, בליט און וואַקסט און ווערט פול מיט זאַפט איר כשרע פּרוכט, די קריטיק. זי קומט מיט איר דאַנקבאַרקייט, מיט איר באַגייסטערונג, מיט איר מיטפילן און מיטדענקען און מיטשאַפן, נישט נאָר מיט קשיות, טענות און תביעות ווי די פּאָלעמיק.

דער קריטיקער איז דעם שרייבערס צד, נישט זיין צד שכנגד, ווי דער פּאָ־לעמיקער.

ווען דער קריטיקער בייזערט זיך, ווען ער איז אין כעס, טוט ער נישט זיין אייגנטלעכע אַרבעט — די שאַפונג־אַרבעט פון געניסן. און אפשר מאַכט דאָס טאַקע שאַרפער זיין בייזקייט — דאָס, וואָס עס איז נישט געשטילט געוואָרן זיין דאָרשט צו געניסן... שטעלט זיך פאַר, אַז מ׳האָט אייך אונטערגעטראָגן אַ בעכער מיט אַן ערנסטער איינלאַדונג צו טרינקען — און ער איז פּוסט! וועט עס אייך נישט פאַרדריסן?

דער קריטיקער איז בטבע אַ לעזער, אַן אויפנעמער, אַ נעמער, ער איז תמיד אויפנעמונג־דאָרשטיק, מיט אַ גרייטן דאַנק אויף די ליפּן. ער איז עס אויך דאַן, ווען דער שרייבער אָדער זיין ווערק איז אים נישט געפעלן, מער נישט, וואָס דאַן איז ער אַ נישט־באַפרידיקטער, אַן אָפּגענאַרטער און דערפאַר אַ ברוגזער לעזער. ער איז ברוגז אויפן שרייבער. ער איז אויך ברוגז דערפאַר, וואָס ער דאַרף פּטרן צייט און מי אויף... ברוגזן זיך. ווען דער קריטיקער איז נישט צופרידן, ווען ער „רייסט־אַרונטער״ אַ בוך, ווי מען רופט עס אויפן וווּלגאַרן לשון, איז ער געגליכן צו אַ גוטן לערער, ווען ער באַשטראָפט זיין תלמיד. ער מוז אים (ער מיינט, אַז ער מוז אים) באַשטראָפן, אָבער בעסער איז אים, ווען ער האָט אַ געלעגנהייט אים צו לויבן און צו דערמוטיקן.

די בעסטע ווערק פון דער קריטיק זיינען שטענדיק געווען די, ווו זי איז באַ־גייסטערט געוואָרן פאַר די שרייבערס, נישט יענע ווו זי האָט זיך געפילט אָפּגענאַרט פון זיי. אין אַן עפּאָכע, וואָס פאַרמאָגט גרויסע שריפטשטעלערס, איז אויך די קרי־טיק באַדייטונגספול. דער גרויס־שעפערישער שרייבער וועקט ליבע צו זיך, און ליבע איז אויך אין קריטיק, ווי געזאָגט, פּרוכטבאַרער ווי פיינטשאַפט...

היינט פאַרוואָס איז פאַרט אַזוי פאַרשפּרייט די מיינונג, אַז דער קריטיקער אין אַ ביין־זאָגער, אַ פאַרלייקענער? פאַרוואָס ווערט דאָך אַזוי אָפט קריטיק צונויפ־געמישט מיט פּאָלעמיק? אָט פאַרוואָס:

דער פּאָלעמישער עלעמענט אין קריטיק איז סענסאַציאָנעל. פּאָלעמיק ציט צו זיך צו די אויפמערקזאַמקייט פון די אַרומיקע, אַזוי ווי יעדער געשלעג. פּאָלע־מישע קריטיק קאָן זייער לייכט אויפהערן צו זיין קאַמף און ווערן געשלעג, און, מענטשן, אַפילו פרידלעכע, האָבן ליב צו הערן ווי אַנדערע שלאָגן זיך, בפרט נאָך ווען אָט די אַנדערע זיינען פאַרשטייערס פון ליטעראַטור... אַז איר „לויבט״ אַ שרייבער איז עס אינטערעסאַנט נאָר פאַר די, וואָס האָבן אים אַליין געלייענט. אַטאַקירט איר עמעצן, איז יעדערער גרייט צוצושטעלן אַן אויער. אַפילו אַזאַ, וואָס ווייסט נישט, וואָס איז דאָ דער טומל.

דאָס איז איינע פון די סיבות, פאַר וואָס פּאָלעמישע קריטיק פאַרשטעלט און

פאַרטונקלט די מער פּאָזיטיווע פאָרמען פון קריטיק. עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע סיבות, אָבער דאָ וויל איך נישט ריידן וועגן זיי. איך וויל נאָר זאָגן, אַז דער פּאָפּולעריקער, כאָטש ער מאַכט אָן אַ צו־גרויסן טומל און פאַרנעמט (טאָקע דערפאַר) אַ מער אָנגעזעענעם אָרט, ווי דאָס וואָס אים קומט, — איז דאָך נישט קיין איבעריקער אין דער מישפּחה פון קריטיקערס. ער האָט אַ באַשטימטע פונקציע — די פונקציע פון אָפּרייניקן דעם פּלאַץ פאַר דער בוויונג פון ליטעראַטור, די פונקציע פון צוגרייטן דעם באָדן פאַר אמתער קריטיק — און ווען ער פירט אויס זיין שליחות ווי געהעריק, קומט אים אַ יישר־כח.

אַפילו דער אמתער קריטיקער, דער, וואָס האָט מער הנאה פון יאָ, ווי פון ניין, פון זיין צופרידן, ווי פון בייזערן זיך, — מוז אַ מאָל אָוועקלייגן זיינע פרידלעכע כלים און נעמען זיך פאַר קריגסגעווער. אַפילו ער מוז אַרויס אַ מאָל מיט טענות און תביעות. דאָס רוב אָבער טוט עס — און מיט מער ברען — דער ספּעציעלער ניין־זאָגער, דער, וואָס פּאָלעמיק איז ביי אים נישט איינע פון זיינע קריטישע פונקציעס, נאָר זיין איינציקע, זיין באַשטימטע פונקציע, זיין גאַנצער חיות.

אַזאַ איינער איז אין דעם עלטערן דור יידישע קריטיקערס געווען דוד פרישמאַן *). צווישן די יינגערע איז אויף דעם וועג געגאַנגען משה גראָס.

פרישמאַן האָט געשריבן אויך פּאָזיטיווע קריטיק (וועגן מענדעלען, צום ביישפּיל), אָבער זיין אמתן טעמפּעראַמענט, זיין אייגנאַרטיקייט, זיין איך, האָט ער אַרויסגעוויזן, ווען ער האָט זיך געקאָכט און איז געווען אין כעס, פאַר וואָס דער אָדער יענער שרייבער איז נישט געווען אַזוי ווי ער האָט געוואָלט. ווען ער האָט נאָר געהאַט די מינדסטע געלעגנהייט צו אַטאַקירן, צו דערנידעריקן און אויסצולאַכן אַ שרייבער, האָט ער עס געטאָן. אַן אינטערעסאַנטער ביישפּיל אין דעם פּרט איז זיין עסיי וועגן ביאַליקן. ער האָט הויך געשעצט ביאַליקן, אָבער — אין זיין עסיי גיט ער זיך אָפּ נישט מיט אויסטייטשן ביאַליקס פּאָעזיע, נאָר מיט אויסלאַכן יענע, וועלכע האָבן זי פאַלש אויסגעטייטשט. קאָן ער נישט פּאָלעמיזירן מיטן דיכטער, פּאָלעמיזירט ער מיט זיינע קריטיקערס. פּאָלעמיק איז געווען דאָס וואָס האָט אים סטימולירט צו שרייבן וועגן ליטעראַטור. פון קיין שום אַנדער סאָרט שרייבן האָט ער אַזוי נישט הנאה געהאַט, ווי פון דעם סאַטיריש־פּאַמפלעטיסטישן. קיין מאָל איז ער נישט געווען אַזוי אויפגעלייגט, אַזוי אימפּעטיק און אַזוי גלאַנצנדיק ווי דאַן, ווען ער האָט — אנשטאָט וועגן — געשריבן קעגן עפּעס. ער האָט געגאָלטן פאַר אַ קריטיקער, ער איז געווען דערהויפּט אַ פּאָלעמיקער.

אויף אַזאַ פּאָלעמישן קריטיקער האָט זיך געשניטן דער טאַלאַנטפולער יידישער שרייבער משה גראָס. ער האָט געהאַט אַ „פּראָגראַם״ („געשטאַלט״ און נישט „אידייע״, שלום עליכם און נישט פּרץ). אָבער באַגייסטערט ווערט ער נישט אַזוי פון זיין אייגענער ריכטונג ווי פון זיין קעגנערשאַפט צו אַנדערע. זיינע פּאָזיטיווע „געשטאַלט־טעאָריעס״ ברענגט ער אַרויס אין אַבסטראַקטע, געמאָטערטע, פאַרפּלאָנטערטע און פאָרמלאָזע זאַצן. קאָנקרעט, לעבעדיק, געשטאַלטיק ווערט ער, ווען ער אַטאַקירט די „אידייע״ פון זיינע (אמתע אָדער כלומרשטע) קעגנערס. ער דאַרף זיי דאַנקבאַר זיין פאַר זייער וועקן זיין שרייבעריש בלוט, וואָרעם בעת אַנדערע

*) זע ווייטער דעם קאַפּיטל וועגן דוד פרישמאַנען.

מוזן האָבן וואָס צו זאָגן, מוז ער האָבן קעגן וואָס צו שרייבן. אים איז תמיד ליבער אָפּצוגעבן זיך מיט די, וואָס ער האָט נישט ליב, ווי מיט די וואָס געפעלן אים... דאָס פירט און מוז פירן צו אַ געוויסער איינזייטיקייט. דאָס נעגאַטיווע איז אין דער ליטעראַטור, ווי אין לעבן, גלייך צו זיך אַליין און איז תמיד איינס און דאָס זעלבע. אָבער אָט די איינזייטיקייט האָט די מעלה, וואָס זי איז שאַרף, בולט, אויסדרוקספול, — די גרעסטע מעלה פון דער פּאָלעמישער קריטיק.

ב.

פּאָלעמישע קריטיק, קריטיק פון חטאים־זוכעריי האָט אויך מעלות און ביי געוויסע אומשטאַנדן קאָן זיך פון איר פון נישט אָפּזאָגן, ווי מיר האָבן געזען, אַפילו דער, וואָס בטבע זוכט ער זוערטן, נישט אומווערטן. אָבער טאַקע דערפאַר מוז מען זיין געוואָרנט קעגן אירע געפאַרן.

די גרעסטע שטרויכלונג, וואָס ליגט אויפן וועג פון פּאָלעמיק, איז, וואָס זי איז אַן אידייען־ און ווערטער־קריג, און ווי יעדן קריג איז לייכטער אים צו אָנ־הייבן, איידער צו ענדיקן. אָנהייבן אַ פּאָלעמיק קאָן יעדערער, וואָס עמעצער האָט וועגן אים אַליין אָדער זיינעם אַ ווערק עפּעס אָנגעשריבן: מען קאָן תמיד געפינען וואָס אָפּצופרעגן אָדער אויף וואָס צו ענטפערן... אָבער נאָך דעם ווי מען האָט זיך שוין אַריינגעלאָזן אין אַזאַ מין וויכוח, איז מען שוין מער אויף אים נישט קיין בעל־הבית: עס זיינען שוין דאָ צוויי צדדים, — און עס דאַרף געשען אַ נס, אַז זיי זאָלן זיך געבן די הענט גלייך נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך אַ ביסל דורכגעווערטלט — און זיין קוויט. געוויינטלעך וויל יעדערער בלייבן דער גערעכטער — און זיין דער לעצ־טער... איז עס אַ מעשה אָן אַן עק. טראַכט מען: בעסער זיך נישט אָנהייבן. פון דער אַנדערער זייט איז אָבער דער יצר־הרע פון פּאָלעמיק זייער גרויס. און עס איז, אין תוך גענומען, אַ גאַנץ געזונטער און אַ כשרער יצר־הרע. זאָל ער נאָר נישט ווערן קליינלעך און פּעדאַנטיש, קאָן ער אונדז העלפן אַרויסברענגען ניואַנסן פון גע־דאַנק, וואָס אָן דער פּאָלעמיק וואָלטן זיי געבליבן פאַרהוילן. זי קאָן בכלל אויפ־וועקן די דינערע סטרונעס פון אונדזער טראַכטן און פילן. זי קאָן אונדז אויך פאַרפירן — געוויס. זי קאָן מאַכן אונדזער פּען בייסיקער און ביטערער, ווי מיר אַליין ווילן. דאָס איז די געפאַר פון וויכוחים, אָבער אויב די וואָס פירן זיי, זיינען דיסציפּלינירט און דערהויפּט אויב זיי האָבן דרך־ארץ פאַרן צד שכנגד, קאָנען זיי זי לייכט אויסמיידן.

אויך די סביבה קאָן דאָ אַ סך אויפטאָן. אין אַ ציוויליזירטער געזעלשאַפט מוזן די פאַרביסנסטע מענטשן זיין אַ ביסל מער איינגעהאַלטן. און די פּראָבלעם פון קריטיק, וואָס איז פּאָלעמיש און פירט צו פּאָלעמיק איז אין אַ גרויסער מאָס די פּראָבלעם פון דעם אָרום... ווי גוט וואָלט געווען, ווען מען זאָל זיך קאָנען אויס־קלייבן אַ קעגנער אויף צו פּאָלעמיזירן מיט אים! צום באַדויערן קאָן מען נאָר צווישן פריינד מאַכן אַן אויסוואַל, נישט צווישן קעגנערס און שונאים. זיי צווינגען זיך אַרויף אויף דיר. און דו מוזסט זיך אַ מאָל קריגן מיט מענטשן, מיט וועלכע דו האָסט נישט קיין שותפותע שפּראַך, — און זי איז נייטיק אַפילו אויף נישט צו פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן... אָן אַ שותפותער שפּראַך קאָן מען זיך אַפילו נישט קריגן. ווען יענער רעדט... טערקיש, מעג ער ריידן וואָס ער וויל: דיך אַרט עס נישט.

וואָלט מען געדאַרפט מתקן זיין אַ תפילה און בעטן דעם רבונו־של־עולם ער זאָל אונדז צושיקן קעגנערס, וואָס עס זאָל אונדז אָנשטיין און עס זאָל זיך לוינען צו פירן מיט זיי וויכוחים.

וויכוחן זיך אָדער פאָלעמיזירן איז, ווי געזאָגט, אַן ענין וואָס מען קאָן אים נישט אַוועקמאַכן אונטער דער האַנט. דערהויפט ביי אונדז, ווו כמעט אַלע אינעווייניקסטע מילחמות זיינען, פריִער ווי אַלץ, מילחמות פון וואָרט און געדאַנק. אָבער ווי קאָן מען זיי פירן, ווען די לופט איז פול מיט גיפטיקע גאַזן פון לשון־הרע און סתם אַזוי אויסטראַכטעניש? אין אַזאַ לופט מוז דאָס אידעלע קאָמפּסגעווער, דאָס געווער פון וואָרט און געדאַנק פאַרזשאַווערט ווערן. ווייל מען ניצן דאָס דאָזיקע כלי־זיין, מוז זיין אַרום אַ ריינערע לופט. און דאָס איז נישט נאָר אַ פראַגע פון מיטלען און מאַנירן, הגם זיי זיינען אויך זייער וויכטיק. דאָס איז אַ סך אַ האַרבערע שאלה. ווי אַלע ווייסן, מוז מען זיך היטן, ווען מען לאָזט זיך אַריין אין אַ פאָלעמיק, נישט צו מאַכן פון אַן אידייען־שטרייט קיין פערזענלעכע מחלוקת, אָבער ווי קאָן מען זיך איינהאַלטן? עס איז אַזוי שווער צו בלייבן שטיין אויפן גרענעץ, וואָס טיילט אָפּ איינעמס מיינונגען פון זיין פערזאָן; דער חשק איבערצוגיין דעם גרענעץ איז אַזוי גרויס. און אַ מאָל דאַכט זיך אַז ס׳איז גאָר נישטאָ דאָ קיין גרענעץ. וואָס ערנסטער און אויפריכטיקער אַ שרייבער איז, אַלץ מער רירט מען אים אָן פערזענלעך, ווען מען „טשעפּעט זיך" צו זיינע אידייען. מעג מען אין גאַנצן פאַרשוויגן זיין פערזאָן, — פילט ער, ווען מען רעדט שלעכטס אויף זיין געדאַנקענגאַנג, אַז מען רעדט אויף אים אַליין שלעכטס. און טאַקע אין דער אמתן: ער און זיינע מיינונגען — זיינען זיי דען נישט איינס? און פאַרוואָס עפּעס נאָר מיינונגען? איז דען דער שרייבער נישט איינס מיט זיין גאַנצן ווערק? און אַז מען זאָגט אויף זיין בוך אַז עס איז שלעכט געשריבן, איז עס דען נישט קיין „פערזענלעכע" באַליידיקונג? אַ מענטש, וואָס גלייבט, אַז ער איז אָדער קאָן זיין שעפעריש, פילט זיך אומגליקלעך, ווען מען שרייבט וועגן אים, אַז ער האָט נישט קיין טאַלאַנט, — און ווי באַלד אַז ס׳איז אַזוי, איז מען יורד לחייו, מ׳פאַרשאַפט אים ריין פערזענלעך יסורים, ווען מען שרייבט וועגן זיינער אַ שאַפונג אַ דורכויס נעגאַטיווע קריטיק... און אַז מען פאַרשוויגט אים, — איז עס דען נישט נאָך ערגער? איך אַליין בין באַשטראָפט געוואָרן מיט הערן אַ באַשולדיקונג אין... שפיכת דמים, סיי פאַר וואָס איך האָב געשריבן, סיי פאַר וואָס איך האָב נישט געשריבן... און אויב אַזוי האָט יעדע קריטיק אין זיך אַ „פערזענלעכן מאָמענט", — אַפילו די, וואָס מען האָט נישט געשריבן... אָבער אויב דאָס זאָל הייסן זיין פערזענלעך, וואָלט מען וועגן אַ יווערק, וואָס איז נישט כולו זכאי, בכלל נישט געטאָרט שרייבן. איך רעכן אָבער, אַז כל־זמן מען רירט נישט אָן דירעקט דעם מחברס פערזאָן, מ׳פרעגט נאָר אָפּ זיינע אידייען אָדער מען ספקט אין זיין טאַלאַנט, הייסט עס נישט, אַז מען שרייבט פערזענלעכע קריטיק. אמת, עס טרעפט אָפּט, אַז דער צווייטער צד נעמט עס אַזוי אויף: כ׳ווייס — און יעדער קריטיקער ווייס — פון פערזענלעכער דערפאַרונג, אַז אַ פּאָעט און אויך אַ פראַזאַיִסט און אַפילו אַ וויסנשאַפטלעכער פאָרשער קאָן אַ מאָל ווערן דעם קריטיקערס אַ פערזענלעכער שונא, כאָטש יענער האָט געשריבן נאָר וועגן זיין ווערק, נישט אָנרירנדיק זיין פערזאָן. אין דעם פאַל איז דער קריטיקער אָדער דער פאָלעמיקער, פאַרשטייט זיך, נישט שולדיק; שולדיק איז דעם צד שכנגדס

צו שאַרפע אָדער צו קרענקלעכע סענסיטיוויטעט. אַנדערש איז ווען מען שרייבט נישט וועגן יענעמס ווערק, נאָר וועגן זיינע מאָראַלישע אָדער, ריכטיקער, אוממאָראַלישע מאָטיוון, ווען מען וואַרפט הייסט עס, אַ חשד אויף יענעמס אָרנטלעכקייט אָדער אָנשטענדיקייט. דאָס איז גאָר עפּעס אַנדערש, ווייל עס איז דאָ אַ גרויסער חילוק צווישן נישט האַלטן פון יענעמס טאַלאַנט און — פאַרלייקענען זיין פערזענלעכע אָרנטלעכקייט. טאַלאַנט איז גאָטס גאָב; מען קאָן לעבן און רעספּעקטירט ווערן פון מיטמענטשן אויך ווען מען שרייבט נישט קיין גוטע לידער אָדער ווען מען שרייבט גאָרנישט. אַנדערש איז אָנשטענדיקייט: דאָס פאָדערט זיך פון יעדן מענטשן. זאָגט מען אויף איינעם אַז ער איז פּשוט נישט אָרנטלעך, פסלט מען אים, דאָס מיינט אַז מען מישפּט און מען פאַרמישפּט אים אַליין, נישט נאָר זיין ווערק, אָבער ווי קאָן מען מישפּטן און פאַרמישפּטן אַ מענטש, אויב מען היט נישט אָפּ, לכל הפחות, די עלעמענטאַרע געזעצן פון אַן ערלעכער און אומפּאַרטייאישער געריכט־פּראָצעדור, אויב מען הערט נישט אויס קיין עדות פון ביידע צדדים, אויב מען האָט פאַר זיך נישט קיין דאָקומענטן און (וואָס עס איז דאָס וויכטיקסטע) אויב מען האָט נישט אין זינען אַלע מעגלעכע, אָפט זייער פאַרפלאָנטערטע און טיף־פאַרבאָרגענע מאָטיוון, נישט נאָר די ערשטע, כלומרשט עלעמענטאַרע מאָטיווירונג, וואָס איז איינעם געקומען אין קאָפּ. עס איז, דעריבער, קלאָר, אַז אַלץ איינס, וואָס דער קריטיקער טראַכט וועגן דעם מחבר, — שטעלט ער אויף זיך שוין צופיל, איגנאָרירט שוין צופיל דעם אַנדערנס רעכט, אויב ער מאַכט זיך אַליין פאַר זיין ריכטער — און פאַרמישפּט אים ריין פערזענלעך *).

---

*) מען דאַרף אָבער אויך נישט פאַרגעסן די גאַנץ אָפטע פאַלן, ווען נישט דער קריטיקער שטעלט דעם מחבר אין פאַרלעגנהייט, נאָר ווען, פאַרקערט, די, וואָס האָבן די טבע אָדער די תאווה צו דרוקן ביכער, שאַפן אַ העכסט אומאַנגענעמע לאַגע פאַרן קריטיקער. כדי צו שאַפן ביי זיך אַליין אַן אילוזיע, אַז עס איז דאָ אַ רפואה צו אָט דער מכה, האָב איך אַ מאָל האַלב אין שפּאַס, געגעבן דעם נאָר־וואָס דערמאָנטן סאָרט פאַרפאַסערס אָט־די כלומרשט פּראַקטישע עצות:

א. לויבט נישט צו שטאַרק דעם קריטיקער, ווען איר שיקט אים צו אייער בוך, — איר זאָלט קיין חרטה האָבן.

ב. זידלט אים נישט צופיל, אויב ער האָט נאָך נישט געשריבן קיין רעצענזיע: אפשר איז בעסער ער זאָל נישט שרייבן.

ג. אויב די אייגנציקע זאַך, וואָס איר ווילט פון אים, איז, ווי איר דריקט זיך אויס, ער זאָל זאָגן זיין מיינונג, — צו וואָס ווילט זיך אייך אַזוי זאָגן אייער מיינונג? ווייס ער דען נישט וואָס פאַר אַ מיינונג איר האָט וועגן אייער דערציילונג, דראַמע, פּאָעמע? אויב איר ווילט ער זאָל זאָגן וואָס ער טראַכט,— העלפט אים נישט טראַכטן, ס'וועט נישט העלפן.

ד. שיקט אים נישט, אינאיינעם מיטן בוך, דעם „חשבון" פונעם דרוקער, וואָס איר האָט נאָך נישט באַצאָלט. ער (דער קריטיקער, נישט דער דרוקער) וועט מיטפילן מיט אייך, אָבער — וואַרט איר דען אויף רחמנות? איר ווילט דאָך פאַרערונג.

ה. שיקט אים אויך נישט קיין מתנות, סיידן איר ווילט נישט ער זאָל אייער בוך לייענען.

ו. פירט מיט אים נישט קיין אונטערהאַנדלונגען דורך אייערע (אָדער זיינע) פריינד. פירט מיט אים בכלל נישט קיין אונטערהאַנדלונגען: זייט איר דען צוויי צדדים? ער האָט זיך, אגב, נישט געמישט אין אייער אַרבעט, איידער זי איז איבערגעגעבן געוואָרן דער עפנטלעכקייט; מישט זיך נישט אין זיין אַרבעט.

ז. פאַרהאַלט זיך צו אַ „גוטער" קריטיק אַזוי קריטיש ווי צו אַ „שלעכטער". האַלט נישט דעם קריטיקער פאַר אַ מבין נאָר דאַן ווען ער טראַכט אַזוי ווי איר, אויב איר רעכנט זיך

אָבער אַפּילו דאַן ווען דער קריטיקער היט זיך אויס פון ריין פּערזענלעכער פּאָלעמיק און פון אַלע אַנדערע געפאַרן פון נעגאַטיווער קריטיק, איז ער דאָך גליקלעכער און שעפערישער, ווען ער האָט אַ געלעגנהייט אויסצוטייטשן און אָפּצושאַצן אַ ווערק, וואָס פאַרכאַפּט אים אַזוי, אַז פאַר אים עקסיסטירט נאָר די גאַנצקייט פון זיין תוך — און עס מאַכט אים גאָרנישט אויס צי אָט די גאַנצקייט מיינט שלימות אָדער נישט. דער קריטיקער איז אין דעם פאַל אַזוי אַנטציקט און באַגייסטערט פון דעם ווערקס שפע, פון זיין אינעווייניקסטער מאַיעסטעטישקייט, פון זיין פאַרמעסט און פאַרנעם, אַז טאָמער פעלט עפּעס דאָ אָדער דאָרטן אינעם גראַנדיעזן בנין, באַמערקט ער עס נישט אָדער אים אַרט עס נישט.

אין דעם פּרט בין איך נישט מסכים מיט מיין יינגערן קאָלעגע, דעם פּילזייטיק טאַלאַנטירטן פּאָעט, דערציילער און קריטיקער יעקב גלאַטשטיין, און מיר פאַרדריסט, וואָס איך קאָן מיט אים נישט איינשטימיק זיין. איך בין איינער פון דער גרויסער צאָל באַוווּנדערערס וואָס ער האָט. כ'ווייס, אַז ער איז נישט אַזאַ געדולדיקער און רעספּעקטיוועך לייענער, ווי אַ קריטיקער דאַרף זיין, דערפאַר אָבער איז ער אַ לעבעדיקער, אַ מער שפּילעוודיקער און שאַרפזיניקער שרייבער, ווי דער געוויינטלעכער קריטיקער איז. אַזוי ווי אין דער פּאָעזיע, איז ער אויך אין דער קונסט פון קריטיק, פריער ווי אַלץ, אַ גרויסער בריה אַ זאָג צו טאָן עפּעס אַזוינס, אויף וואָס דער לעזער (און אָפט אויך ער אַליין) האָט זיך נישט גערעכנט. ער האָט אַן אויפפלאַמענדיקן, נישט קיין שטיל לייכטנדיקן געדאַנק. זיין זאָג איז אַ בליציקער זיג־זאַג. זיין בעסט אויסדרוק־מיטל איז, דעריבער, דאָס ווערטל, נישט דאָס וואָרט. זיין מייסטערשאַפט ליגט נישט אין די ווערטער, וואָס ער נוצט, נאָר אין דעם אופן ווי ער פּאָרט זיי, אין דער גראַציע, מיט וועלכער ער גיט זיי אַ שטעל, אַ כאַפּ, אַ וואָרף. דער איינפאַכסטער אויסדרוק, אָדער אידיאָם, ווען גלאַטשטיין גיט אים כּישופדיק אַ קער אָן אַ זייט, אַ דריי־אויס — לייכט ער פלוצלינג אויף און צעשמייכלט זיך מיט די לעבעדיקסטע שמייכלען. נישטאָ קיין געדאַנקלעכער ניואַנס, וואָס ער זאָל נישט קענען אַרויסציִען פון די אָדער יענע וואָרטקלאַנגען; נישטאָ קיין חן, וואָס ער זאָל נישט לאָזן אין זיי אויפציטערן. און אָפט דאַכט זיך, אַז נישט זיין געדאַנק נוצט די שפּראַך פאַר זיך ווי אַן אינסטרומענט פון אויסדרוק, נאָר אַז פאַרקערט, דאָס וואָרט, דאָס ווערטל, וועקט און באַוועגט זיין רעיון. לייען איך מיט דער טיפסטער נייגעריקייט וואָס ער שרייבט וועגן שרייבער, וועגן זייערע ווערק, — און ווען עס טרעפט אַפילו, אַז איך בין נישט מסכים מיט אים, האָב איך נאָך אַלץ הנאה פון דער לייכטער און שפּילעוודיקער חנעוודיקייט, מיט וועלכער ער

מיט זיין מיינונג, ווען זי שטימט מיט אייערער, רעספּעקטירט זי אויך דאַן, ווען זי שטימט נישט... און שליסלעך —

ח, זוכט נישט קיין אַנדערע דערקלערונגען פאַר וואָס דעם קריטיקער געפעלט נישט אייער ווערק, אַ חוץ די, וואָס ער אַליין האָט אָנגעגעבן. אויב איר ווילט נישט אָדער קאָנט נישט מסכים זיין, אַז אייער בוך איז שלעכט, טראַכט, אַז דער קריטיקער האָט אַ שלעכטן געשמאַק, אָדער ער האָט סתם אַזוי געהאַט אַ טעות. טראַכט נישט אויס, אַז איר געהערט צו עפּעס אַ נייער ריכטונג, בעת דער קריטיקער איז אַן „אַקאַדעמיקער", אַ קאָנסערוואַטאָר. דערציילט נישט, אַז איר ווייסט ווייט פון דעם קריטיקער, און יענער האָט ליב צו זאָגן גוטע מיינונגען נאָר וועגן זיינע, דעם פאַרפאַסערס שכנים, אָדער אַז איר טראָגט געלע שיך, און דער קריטיקער האָט פיינט שרייבערס, וועלכע גייען אָנגעטאָן אין געלע שיך...

הויכט אַריין אַן אָטעם פון קאַליפּולן לעבן נישט נאָר אין זיינע אמתן, נאָר אויך אין זיינע האַלבע אמתן און פולע אילוזיעס. וואָס פּאַראַדאָקסאַלער עס איז זיינע אַ הנחה, וואָס ווינציקער ער אַליין איז זיכער אין איר פעסטקייט, אַלץ מער פליסט ער זיך — און אַלץ אָפטער געלינגט אים אַרומצוזינגלען זי מיט דער לופט פון עפּעס אַ פרישקייט, אַזוי, אַז דער טעזיס האַלט זיך ווי אַ פאַרביקער באַלאָן אין דער לופטן, און עס מאַכט נישט אויס, וואָס ער האָט אפשר גאָר נישט קיין באָדן אונטער זיך. האָט ער אַזאַ מין לופט־רעיון גלאַט אַזוי זיך געלאָזט פליִען וועגן דער מאָס און וואָג, וואָס אַ קריטיקער מעג און דאַרף האָבן פאַר גרויסע ווערק, פון איין זייט, און פאַר מיטלמעסיקע — פון דער אַנדערער. אין גרויסע ווערק, האָט ער געשריבן, דאַרף מען, אַזוי ווי ביי אַ תלמיד חכם, נישט דערלאָזן אַפילו קיין „רבב על בגדו״, — קיין מינדסטער פלעק טאָר נישט זיין, וואָס דער קריטיקער זאָל אין זיי נישט באַמערקן, ווייל „וויפל דו וועסט פון זיי, זאָגט ער, נישט צעשטערן אָדער מינערן, וועלן זיי אַלץ אַרויסקומען גאַנץ און נישט געשעדיקט *). ווי באַלד עס וועט זיי, הייסט עס, נישט שאַדן, מעג מען און ס׳איז אַפילו אַ מיצווה זיי צו טרענען די אָדערן. אָבער צו־וואָס, פרעגט זיך, זאָל מען עס טאָן? צוליב וואָס זאָל דער קרי־טיקער פּרוּוון „צעשטערן״ אַ שיינעם בנין, — בלויז כדי איינצוזען, אַז די געביידע וועט סיי ווי בלייבן גאַנץ און נישט־געשעדיקט?״, בלויז צו וויזן אַ קונץ? צו וואָס איז די קונצנמאַכעריי? ממה נפשך, איז עס אַ בוך, וואָס זיינע מעלות וואַקסן באמת אַריבער די חסרונות אָדער אַזאַ שאַפונג, וואָס אירע מעלות מאַכן, אַז געוויסע חסרונות זאָלן זיין אומפאַרמיידלעך, — זיינען דאָך די מעלות דער עיקר, — איז פאַרוואָס זאָל דער קריטיקער נישט אַריינטאָן זיך אין גאַנצן אינעם עיקר? צו וואָס זיך אַליין קאַליע מאַכן דעם אַפּעטיט, ווען דו האָסט פאַר זיך אַזאַ געשמאַקן און אַ געזונטן מאכל? מאַך אַ ברכה און לאָז זיך ווױלגיין, לאָז זיך נישט אַריין אין זוכן פלעקן אויף דער זון, וואָס איז אַ ברכה לבטלה! דאָס זאָגט אונדז דער שכל־הישר פון קריטיק. די קריטיק פון שכל־הישר (און גלאַטשטיין האָט ליב זיך אַ שפּיל צו טאָן מיט אָט דעם סאָרט קריטיק) זאָגט: „אַ גרויס ווערק אָדער אַ גרויסן שרייבער מעגסטו מעסטן לויט דיין מאָס. אַנגענומען, אַז דו ווילסט דאָס טעלערל פון הימל; אַנגענומען, אַז דו ווילסט פּרימע שבפּרימע, דאַרפסטו זיך נישט אָפּהאַלטן צוצו־טרעטן נאָענט צום ווערק און עס באַטראַכטן לויט די העכסטע מאָסן און בעסטע געשמאַקן״. ווי איז אָבער דער דין, ווען דו ווייסט, אַז צוטרעטנדיק צום גרויסן ווערק צו נאָענט, וועסטו נישט זען ווי גאַנץ און גרויס עס איז, — וועסטו זען נאָר איינצלהייטן? און ווי איז, אַ חוץ דעם, ווען דאָס לייענערישע און קריטישע געוויסן זאָגט דיר, אַז דו דאַרפסט און זאָלסט זיין גערעכט צום גרויסן שרייבער, צו זיין שאַפן און צו דער מאָס פון זיין שאַפן — און נישט נוצן דיין אייגענע מאָס, וואָס איז אפשר זייער אַ גוטע מאָס, אָבער בלויז פאַר דיר, נישט פאַר אים? איך קען זיך פאָרשטעלן אַזאַ שטומען שמועס צווישן דעם קריטיקערס עגאָ און זיין געוויסן:

עגאָ: כ׳וויל דאָס טעלערל פון הימל, אָבער אָט דער גרויסער קינסטלער האָט מיר געגעבן בלויז דאָס שיסעלע פון דער ערד...

געוויסן: אָבער ער האָט זיך דאָך גאָר נישט אונטערגענומען צו געבן דיר דאָס

*) „אין תוך גענומען״, ניו־יאָרק, פאַרלאַג „מתנות״, 1947, ז׳ 250.

טעלערל פון הימל, נאָר דאָס שיסעלע פון דער ערד, — און דאָס האָט ער דיר אונטערגעטראָגן אויף אַ זילבערנער טאַץ, איז — וואָס פאַר אַ טענות האָסטו צו אים? פאַרוואָס זאָלסטו אים מוסרן הלמאי ער האָט נישט אויפגעבויט אַ בנין לויט עפּעס אַ פּלאַן, וואָס איז דיר איינגעפאַלן, בעת דו דאַרפסט אים גאָר זינגען אַ לויב־געזאַנג פאַר דעם בנין, וואָס ער האָט אַזוי גוט אויפגעשטעלט, בהסכם מיט זיינע אייגענע פּלענער?

עגאָ: טאַקע דערפאַר, וואָס ער איז אַזאַ בריה, אַזאַ מייסטער, איז מדת־הדין פאַר אים נישט צופיל, און מען דאַרף אים מישפּטן פאַרן מינדסטן פעלער...

געוויסן: אָבער איז דען נישט יעדן גרויסן קינסטלער דערלויבט צו זיין זיין אייגענער געזעצגעבער? קען מען דען קומען צו אים מיט דינים און מינהגים פון דרויסן אָדער גאָר פון דער פרעמד?

דאָס איז צו לאַנג פאַר אַן אינעווייניקסטן דיאַלאָג, — און דער קריטיקער וואָלט אים געוויס איבערגעריסן אין מיטן און ר׳וואָלט געווען גערעכט: עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז אויב יעקב גלאַטשטיין זאָל האָבן געמיינט ערנסט, אַז נאָר אַ מיטלמעסיק ווערק דאַרף מען מעסטן „לויט דעם באַגרענעצטן געשמאַק פונעם מחבר אָדער לויט דער ענגער מאָס, וואָס דאָס ווערק אַליין באַשטימט פאַר זיך“, בעת דווקא צום מייסטערווערק זאָל מען צוגיין נישט מיט זיין אייגענער גרויסער מאָס, נאָר מיט דער מאָס פון דעם קריטיקערס „טעלערל פון הימל“, — וואָלט זיך געשאַפן אַ מאָדנע פאַראַדאָקסאַלע לאַגע: צו דעם אומבאַדייטנדיקן שרייבער וואָלט דער קריטיקער צוגעגאַנגען ווי מען דאַרף צוגיין צו אַ שרייבער, — פון אינעווייניק, און צום גרויסן שאַפער — פון דרויסן. בנוגע צום ערשטן וואָלט דער קריטיקער געווען גערעכט, בנוגע צום צווייטן — אומגערעכט. און דאָס מיינט, אַז דער קריטיקער וואָלט צו זיך אַליין געווען אומגערעכט. ווייל נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער וואָלט אין דעם רייכן ווערק נישט געפונען „דאָס טעלערל פון הימל“, וואָס ער זוכט, וואָלט ער געפילט און געוווסט, אַז דאָרטן איז יאָ פאַראַן עפּעס אַ פיין „טעלערל“, כאָטש נישט פון דעם „הימל“ אויף וועלכן אים איז גראָד איינגעפאַלן צו פאַרקוקן זיך. און נאָך דעם ווי ער וואָלט געהאַט אָנגעווענדט גלאַטשטיינס רעצעפּט און אָפּגעמאָסטן עפּעס אַ פאַרעווע שאַפונג „לויט דער ענגער מאָס, וואָס זי אַליין באַשטימט פאַר זיך“ און אַ העכסט ווערטפול ווערק — לויט דער מאָס פון סתם עפּעס אַזוי אַ „פרימע שבפרימע“, — וואָלט ער זיך אַליין געמוזט גוט אויסשייגעצן. „זע נאָר, וואָס דו האָסט געטאָן“, וואָלט ער געמוזט זאָגן צו זיך אַליין: „פאַרן בוך, וואָס איז לא מעלה ולא מוריד, האָסטו באַשטימט דעם ריכטיקן אָרט; אַז עס איז אָבער געקומען צו אַ ווערק, וואָס דו אַליין באַוווּנדערסט, ביסטו געוואָרן אַ חטאים־זוכער, אַנשטאָט צו זיין אַ באַוווּנדערער“...

„שטרענגשאַפט“, זאָגט גלאַטשטיין זייער ריכטיק, „איז אָפט מאָל אַ דערהייבונג“. אָבער אַ בוך, וואָס האָט אַן אמתן ווערט, האָט זיין אייגענע אינעווייניקסטע דערהויבנקייט, אַ חוץ דער דערהייבונג פונעם קריטיקערס שטרענגשאַפט אָדער שטרענגקייט, — און זיין ערשטער חוב און ערשטער ווונטש איז, דאַכט זיך מיר, קלאָר און העל צו מאַכן אָט די אינעווייניקסטע גרויסקייט פונעם ווערק, נישט אָנלייגן זיך אויף אים מיט דער אייגענער וואָג נאָר דערפאַר, וואָס עס קען אויסהאַלטן. אויפדעקן און באַלייכטן די פאַרבאָרגענע וועלט פון אַ בוך — דאָס פאַרשאַפט

דעם קריטיקער מער פרייד און ברענגט מער נוצן דעם לעזער, ווי ווען מען שענקט קאַלטע אויפמערקזאַמקייט אַ ווערק, וואָס אַלץ אין אים איז קלאָר און קליין.

לערנען דעם לעזער הנאה האָבן פון עכטע שאַפונגען און זיי באַוואונדערן, איז וויכטיקער, ווי אָנווייזן אים אויף די קליינע און אַפילו די גרויסע פעלערן, וואָס זיי האָבן. אמת טאַקע, איגטעליגענטע לעזער — און קריטיק איז נאָר פאַר אינ־טעליגענטע לעזער — "זיינען ראוי", ווי גלאַטשטיין שרייבט, אַז מיר זאָלן שטרענג מישפטן וויכטיקע ווערק, ווייל אויך זיי, זאָגט ער, זיינען שטאַנדהאַפטיק, גענוג אויסצוהאַלטן די קריטיק איבער די ווערק, וואָס זיי האָבן אויסגעקליבן און אָפּגע־קליבן". זיי קענען די קריטיק "אויסהאַלטן" — דאָס איז אמת. אָבער וויכטיקער פאַר זיי איז דאָך צו זען דעם וועג, אויף וועלכן דער שרייבער גייט, זיי מיטנעמענ־דיק, פאַרכאַפּנדיק זיי, ווי צו קוקן אויף זיין געשטרויכלט ווערן. ווי לייענערס געווינען זיי אַ סך פון דעם שרייבערס דערגרייכונגען; זיינע דורכפאַלן זיינען פאַר זיי דורכ־פאַלן, מער גאָרנישט. ווען זיי זאָלן וועלן און קענען ווערן אַליין שרייבערס, וואָלטן זיי געלערנט עפּעס פון דעם ווערקס פעלערן אויך, נישט נאָר פון זיינע מעלות. אָבער זיי זיינען לעזערס, אויפנעמערס, און אויב דער קריטיקער קען — און ער קען געוויס — זיי העלפן זיין גוטע לייענערס, דאַרף ער, די ערשטע זאַך, העלפן זיי אויפנעמען, וואָס דאָס ווערק פאַרמאָגט. ער דאַרף זיי לערנען די קונסט צו געניסן אַ גוט ווערק, די קונסט צו זען, וואָס דאָרט ליגט פאַרבאָרגן, די קונסט צו געפינען זיך אין דער געזעלשאַפט פון אַ שעפערישן גייסט און צו ווערן אַ שטילער און אַ באַשיידענער שותף צו זיין "מעשה בראשית".

לייענט די קריטישע ווערק, וואָס זיינען געבליבן לעבן אינאיינעם מיט די שאַפונגען, וועלכע האָבן זיי אינספּירירט, וועט איר זען, אַז דאָס איז כמעט שטענ־דיק געווען נישט אַ קריטיק, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף די אָדער יענע פעלערן, נאָר אַ קריטיק, וואָס איז באַגייסטערט געוואָרן פון גרויסע אויפטואונגען און דערגריי־כונגען. אַפילו בעלעטריסטיק אָדער פּאָעזיע קען זיין גרויס נאָר דאַן, ווען זי כשופט פאַר אונדז אַרויס די וויטענישן פון דער וועלט, אָדער לאָזט אונדז אַריינקוקן אין איר טיפעניש, — מעג עס זיין אַפילו די טיפעניש פון תהומות; בפרט נאָך קרי־טיק — איר עובדה איז געוויס צו ווייזן דעם לעזער, וואָס אין דער וואָרט־קונסט און אין יעדער קונסט איז פאַראַן, נישט וואָס עס פעלט אין איר. אַפילו אירע חסרו־נות זיינען פאַרן קריטיקער נאָר אַ קורצער אומוועג, וואָס פירט אים אַרויף אויפן וועג פון אירע וווּנדערלעכע און אומענדלעכע מעגלעכקייטן... יעקב גלאַטשטיין וועט, גלייב איך, מסכים זיין דערצו, אָבער זיין ווונטש צו געפינען אַ באַרעכטיקונג פאַר אַ געוויסער מאָס אויפמערקזאַמקייט צו שוואַכערע ווערק, און "רחמנות" אויף זיי האָט אים דערמאָנט, דורך אַ קאָנטראַסט־אַסאָציאַציע, אַז די שטאַרקע און גרוי־סע ליטעראַרישע אויפטואונגען — איז אים איינגעפאַלן אָפּצופּסקענען, אַז דווקא ווען עס קומט צו די צדיקים פון דער ליטעראַטור, דאַרף מען זיין זייער שטרענג און מקפיד זיין אַפילו אויף אַ האָר, וואָס איז ניט ווי עס דאַרף צו זיין. און אין דער וועלט פון רעליגיעזער און עטישער שלמות איז עס טאַקע אַזוי, אָבער אויפן געביט פון קינסטלערישער שאַפונג וואָלט געווען אַ גרויסע זינד אָפּצושטעלן זיך קוקן אויף עפּעס אַ פאַלשן שריט, וואָס איז געמאַכט געוואָרן, בעת עס שפּרייטן זיך פאַר אונדז רחבותדיקע וועגן און יעדע מינוט ווילט זיך אויסשרייען: ווי שיין אָט דער בוים איז און ווי ווונדערלעך עס איז דאָס פעלד!

4. קריטיקערס־חסידים און קריטיקערס־רביים

א.

דער קריטיקער, וואָס איז דער היפּוך פון אַ חטאים־זוכער, דער קריטיקער, וואָס האָט הנאה נאָר פון זינגען תהלות ותשבחות, געהערט צום חסידישן טיפּ קריטיקערס. ער איז דערמיט בלויז אַנדערש פונעם חסיד, וואָס ער באַנוגנט זיך נישט מיט איין רבין. ביי אים איז רעכט צו דערציילן היינט נסים ונפלאות פון איין שרייבער און מאָרגן — פון אַן אַנדערן. זיין פעיקייט אַריינצופאַלן אין התפעלות האָט נישט קיין גרענעץ, זיין ליבע איז נאָך פון פאַרן חרם דרבנו גרשון. אָבער דאָס שטערט אים נישט צו זיין התלהבותדיק־חסידיש.

האָט מען צו אים טענות וואָס ער זעצט זיך אָן אויף די דיכטערס, וועלכע ער האָט ליב, און שטייט־צו צו זיי, טראָגט זיי ממש אויף די הענט. ער פאַרמאַטערט זיי, זאָגט מען, מיט זיינע שוין צו הייסע עקסטאַזן.

זיינען עס אפשר ריכטיקע טענות, דאָך נישט קיין גערעכטע. צווישן אַזוי פיל קאַלטע מתנגדישע קריטיקערס מעג זיך געפינען נישקשה איינער אַ חסיד, אַ ברען. להיפּוך צו דעם קריטיקער, וואָס איז אַליין אַ רבי און האָט הנאה פון זיך אַליין, ווערט דער קריטיקער דער חסיד נתפּעל פון זיינע רביים און לאָמיר אים פאַרגינען דעם נחת, וואָס ער קלייבט פון זיי. לאָמיר איינעם פון אָט דעם ליבן מין נישט איבעררייסן אין מיטן, ווען ער שרייבט עפּעס אַ מין „שבחיה...״ און דערציילנדיק זיינע נסים ונפלאות לאָזט ער אונדז, אַ שטייגער, צו וויסן, אַז דער אדמור פלוני בן האדמור אלמוני, וואָס צו בר מיצווה האָט ער נאָך נישט געיכולט די מלאכת הכתיבה, האָט צו צוואַנציק יאָר שוין גענומען אויף זיך „די אויפגאַבן צו שאַפן אַ נייע קינסטלערישע ליטעראַטור אין דער יידישער אַמעריקע״ (דאָס איז בפירוש אַ ציטאַט, כאָטש אָן אַ מראה מקום). אַ געוויינטלעכער קריטיקער, נישט קיין חסיד, וואָלט געהאַלטן פאַר זיין חוב צו באַווייזן מיט פאַקטן, ווי אַזוי אָט דער רבי האָט אויסגעפירט — און צי האָט ער טאַקע אויסגעפירט — די גרויסע שליחות, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען. פאַר אַ קריטיקער אַ חסיד איז גענוג צו זאָגן אַז ער, זאָל לעבן, איז געוועזן שיר נישט אַזאַ רבי אין אַמעריקע, ווי פּרץ איז געוועזן אין דער אַלטער היים.

אָט דער מין חסידישע קריטיקערס איז יוצא מיט שיטן פּעך און שוועבל אויף די, וואָס האָבן אויפגעהערט צו פאָרן זיך פּראַווען צו אים, זאָלן לעבן. און וואָס איז שייך צו יענע קריטיקערס וואָס קומען אָפן אַרויס מיט זייערע ספקות וועגן זיין רבין, — זיי זיינען, גאָר פּשוט, מתנגדים.

וואָס איז שייך צו וואַרטן אויף עפּעס רעכטס פון אַ מתנגד? אַ בלינדער, — זעט ער נישט, אַז דער וועגן וועמען עס רעדט זיך, איז „דער פונדאַמענט פון אַ נייער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע״ — ווי עס שטייט געשריבן: צדיק יסוד עולם... פון דעם קריטיקער דעם חסיד איז, ווי פון קאָמיזם צו דערהויבנקייט, איין טריט צו דעם קריטיקער, וואָס איז אַליין אַ רבי. אויף פאַרשיידענע אופנים טוען זיי איינגעטלעךביידע איין זאַך: זיי זיינען מגלה די סודות פון רבינס הויף. בכלל איז צווישן דעם חסיד און זיין רבין נישטאָ גאָר אַזאַ גרויסער אונטערשייד, ווי עס

דאַכט זיך. איז דאָך דער חסיד זיין רבינס שאָטן, אָפּט זיין רבינס מויל, זיין חוזר; אַז דער רבי איז נישטאָ, איז ער אַליין אַ שטיקל רבי. פון דער צווייטער זייט, איז דער רבי... זיין אייגענער חסיד; אַז ס'איז נייטיק שעמט ער זיך נישט און זאָגט שבחים און זינגט ליבגעזאַנגען זיך אַליין, ד"ה זיין „הויף", זיין גזע, זיין שיטה. אַזוי, אַז דער אונטערשייד צווישן חסיד און רבי איז אַן אונטערשייד מער אין גראַד, ווי אין תוך, און אַזוי איז עס אויך אין דער קריטיק. דער קריטיקער, וואָס שרייבט מיט חסידישן ברען, און דער, וואָס זיין קריטיק האָט אין זיך עפּעס פון אַ רבינס תורה, זיינען גאָר נישט אַזוינע צוויי קאָנטראַסטן. ביידע לויבן זיי זייער שטאַרק דעם דיכטער; ביידע זוכן זיי אים צו דערהייבן, מער נישט, וואָס דער ערש־טער קרוינט אים פאַר זיין גרויסן רבין, בעת דער צווייטער מאַכט אים גרויס דער־מיט, וואָס ער דערקלערט אים פאַר זיין גרויסן חסיד. דער ערשטער שעצט זיך גליקלעך, וואָס ער איז אַזאַ וווּנדערלעכן דיכטערס אַפּאָסטאָל, דער צווייטער איז העכסט צופרידן, וואָס דער חשובער פּאָעט איז זיין אַפּאָסטאָל און פאַרשפרייט זיין תורה.

עס איז אַ כבוד צו האָבן אַ גרויסן רבין; נאָך מער נעמט מען זיך איבער מיט אַ גרויסן תלמיד. זוכט סיי דער קריטיקער — דער חסיד, סיי דער רבי אַ וואָס מער אָנגעזעענעם אָרט פאַר „זיין" דיכטער אויף דער מיזרח־וואַנט. דערביי היט זיך דער קריטיקער, וואָס פראַוועט אַליין טיש, אַז דער דיכטער זאָל נישט צונעמען ביי אים די קרוין פון רבישאַפט... רעדט ער מיט די לייענערס בערך אַזוי וועגן זיין דיכטער:

— ער האָט טאַקע דערגרייכט, — זאָגט ער, — אַ הויכע מדרגה, אָבער דאָס איז אַלץ נאָר אין זכות פון מיין תורה... עס פאַרשטייט זיך, — דערקלערט ער ווייטער, — אַז דער דיכטער האָט נאָך אַלץ נישט דערגרונטעוועט זיך ביז צו אירע טיפסטע טיפענישן; אירע ליכטיקסטע פּערל דאַרף ער ערשט אויסגעפינען, אָבער ער איז תופס מיין כוונה, און אויב ער וועט אויך ווייטער זיין אַזאַ גוטער תלמיד מיינער, ווי ער איז געווען, וועלן מיר, אי"ה, פון אים האָבן נחת... דערווייל קלייבט ער נחת און האָט הנאה פון זיך אַליין. אַנדערש איז, ווי געזאָגט, דער קריטיקער דער חסיד. ער איז נתפעל נישט פון זיך, נאָר פון זיין רבין, און עס איז נישטאָ קיין שיעור און קיין גרענעץ צו זיין התפעלות. פון דעם קריטיקער, וואָס טראָגט אַליין אַ שטריימל, באַקומען מיר דעם איינדרוק, אַז אייגנטלעך האָט ער עס אויפ־געהויבן דעם דיכטער און אים אַוועקגעטראָגן אין די הויכע — דערווייל נאָך נישט אין די גאָר הויכע — עולמות. אָבער דער קריטיקער, וואָס דאַרשט נאָך אַ רבין, איז באַשיידן. ער כאַפּט זיך אַרויף אויפן דיכטערס פייערדיקן רייטוואָגן, און מיר זעען באַשיימפּערלעך ווי אַנטציקט ער איז דערפון, וואָס יענער נעמט און טראָגט אים העט־העט ווייט און הייבט אים אויף הויך, אַזוי הויך, אַז דער אָטעם פאַרכאַפּט אים... און מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם ווערט ער דעם דיכטערס נושא כלים. דער קרי־טיקער, וואָס טראָגט זיך אַרום מיט זיין אייגענער תורה, איז גאָר עפּעס אַנדערש. ער וואַרפט אַרויף דעם דיכטער אויף „די פּלייצעס זיינע אייגענע „כלים", זיין אייגן פּעקל רעיונות: נישקשה, דער דיכטער איז נישט חולה עס צו טראָגן; נישט אומזיסט האָט ער אין זיך דעם רבינס (דעם קריטיקערס) אַ ניצוץ...

קריטיקערס־רביים זיינען דאָך גישט נישט אַלע גלייך. איינער שלינגט־איין דעם דיכטער — און פאַרנעמט זיין אָרט, גאָר אַן צערעמאָניעס. דער צווייטער לאָזט זיך

כלומרשט איינשליגגען פונעם דיכטער — און רעדט דערנאָך אַרויס פון אים, ווי אַ דיבוק.

דער ערשטער שטעלט זיך אָפּ לכתחילה אויפן שרייבערס אַ פּסוק און מע קאָן מיינען, אַז ער קלייבט זיך לערנען פּשט אין יענעמס ווערק; אָבער ער גייט שנעל איבער פון פּשט צו דרוש און אַזוי דרשנדיק עסט ער אויף דעם אָרעמען דיכ־טער, ווי די זיבן מאָגערע קי האָבן אויפגעפרעסן די זיבן פעטע — ולא נודע כי באו אל קרבן... — ער איז געגליכן צו אַן עראָפּלאַן, וואָס פאָרט זיך פונאַנדער אונטן, אויף דער ערד (אויף דעם דיכטערס באָדן), אָבער באַלד פאַרלאָזט ער די זינדיקע ערד (אָט דעם דיכטערס באָדן) און פליט ווו זיין האַרץ גלוסט... ער זאָגט אַז ער קומט נאָר אַנטפּלעקן דעם דיכטערס סודות, אַרויסברענגען די באַהאַלטענע מעגלעכקייטן פון זיין ווערק, דעררײדן זיינע רייד, דערחלומען זיינע חלומות. דער סוף אָבער איז, אַז ער ווערט עפּעס אַ מין שם־המפורש, וואָס מען לייגט אונטער דעם גולם אונטערן צונג... און צוליב דעם קריטיקערס מיטשאַפונג און איבער־שאַפונג זעט מען נישט דעם דיכטערס שאַפונג. דער קריטיקער פאַרטונקלט דעם, וועמען ער דאַרף באַלייכטן. ער ווערט אַ שותף פון יענעמס מין, וואָס לאָזט זיין קאָמ־פּאַניאָן פיגורירן נאָר אויפן שילד. איז דאָס, וואָס ער ווערט מיטן דיכטער אַ שותף, נישט קיין חסרון; אדרבה, אין צוויי איז שטאַרקער. אָבער — עס איז נישט „אין צווייען״, וואָרעם אַנשטאָט דעם דיכטער, ווערט דער קריטיקער דער גאַנצער בעל־הבית. — דער קריטיקער, וואָס פאַרמעסט זיך צו זיין אַ רבי, אַנשטאָט צו זיין אַ חבר. דער צווייטער סאָרט קריטיקער־רבי בלייבט אויפן דיכטערס באָדן, און כאָטש ער הייבט זיך אויך אַ מאָל אויף און גיט אַ פלי אין דער לופטן, קערט ער זיך דאָך באַלד אום צוריק צום פעלד פון דיכטערס שאַפן. אָבער ער זייעט אין דעם זיינע אייגענע קערנדלעך, לאָזט אויפגיין די שפּראָצונגען פון זיין אייגענעם געדאַנק, מאַכנדיק אַ גאָוהדיק־באַשיידענעם אַנשטעל אַז דאָס איז נישט זיין געדאַנק, נאָר דעם דיכטערס. ער איז, קאָן מען זאָגן, נישט דעם דיכטערס רבי, נאָר זיין... מיט־רבי, אויב מען מעג זיך אַזוי אויסדריקן, ער איז אַ רבי — אַ חבר. דער אמתער רבי אין דער קריטיק איז דער רבי פון ערשטן סוג. ער האָט זיין אייגענע תורה און איז אָפּט טאַקע כופה הר כגגית אויפן שרייבער, אַזוי, אַז יענער מוז נעבעך אָננעמען זיין תורה, אויב נישט, מאַכט ער פון אים אַ באַרג אַש. און אויב עס האָט אַ געוויסע עקסיסטענץ־באַרעכטיקונג אָט דער מין קריטיקער־רבי איז פאַר וואָס זאָל ווי זיין קעגנגעוויכט נישט עקסיסטירן אויך דער טיפּ קריטיקער — אַ חסיד, דער קרי־טיקער וואָס האָט אין אײן דערציילן חידושים פון אים, זאָל לעבן, דער וואָס זאָגט איבער זיינע ווערטלעך מיט גרויס התפעלות, וואָס זינגט־איבער מיט פאַרמאַכטע אויגן, מיט דבקות און מתיקות זיינע נגונים... נאָר ניכטערע און טרוקענע מתנגדים וועלן לאַכן פון אַזאַ מין פאַרדבקהט־לייענערישער, עכט־חסידישער קריטיק. פאַר־וואָס זאָל מען פון איר לאַכן? זי רינגלט אַרום דעם דיכטער מיט אַ לופט פון הייסער פאַרערונג און דערהויבנקייט. די לייענערס וועקט זי אויף פון שלאָף, און אויב איר משקה איז שטאַרק און שאַרף גענוג, גיט זי אין זיי אַריין עפּעס פון איר גייסטיקער פאַרשיכורטקייט. און נישט נאָר זי אַליין איז פול מיט חסידישן ברען, נאָר זי מאַכט אויך די לייענערס פאַר חסידים, זי צינדט אויך אין זיי אָן אַ פייערל, און זינ־גענדיק און טאַנצנדיק באַהעפטן זיי זיך מיטן רבינס גייסט.

אויב דער שרייבער איז באמת טאַקע אַ רבי (און דאָס אייגענע קאָן מען זאָגן וועגן דעם רבישן קריטיקער: אויב ער איז באמת טאַקע אַ רבי), איז — מהיכי תיתי! אָבער דער אידעאַל פון קריטיק איז עס נישט. דער אידעאַל איז — באַהעפטונג פון דעם קריטיקער מיט דעם דיכטער, — באַהעפטונג, נישט באַהערשונג. נישט באַהערשונג פון דעם דיכטערס זייט ווען דער קריטיקער איז מער חסיד ווי רבי, נישט באַהערשונג פון דעם קריטיקערס זייט, ווען ער איז מער רבי, ווי חסיד. דער אידעאַל איז — אַ גלייכגעוויכט צווישן דעם קריטיקערס חסידישע און רבישע אייגנשאַפטן.

ב.

מוסטערן פון רבישער קריטיק האָט אונדז געגעבן דער פריצייטיק־פאַרשטאָרבענער ב. ריווקין (1883—1945) *). זיין נאָמען פאַר קריטיק איז געווען — „ליטעראַטור־פאַרוואַלטונג **), עס איז אַ ביסל אַ צו טעכנישער, אַ צו טרוקענער אויסדרוק, און מען קאָן זיך וווּנדערן, ווי קומט ער צו אַזאַ ענטוזיאַסטישן שרייבער ווי עס איז געווען ריווקין. דאָך דאַרף מען נישט טראַכטן אַז דאָס איז געווען ביי אים סתם אַזוי אַ ווערטל, ווי היפש עטלעכע אַנדערע, גלייכע אָדער קרומע ווערטלעך, „באַן מאָ׳ס״, וואָס זיינען אַרויסגעשווומען אויף דעם שוימיקן שטראָם פון זיין שרייבן, ווען ער האָט זיך צעכוואַליעט. ער זאָגט בפירוש וועגן דער יידישער קריטיק, אַז זי איז „ספּעציעל באַרופן צו זיין נישט נאָר אַ מיטשאַפערן, נאָר אויך די אידיישע פירערן פון דער ליטעראַטור, די אָרגאַניזאַטאָרן פון איר באַוווסטזיין, איר שפּייזערן מיט אידייען אאַז״וו ***). סאָ׳יז, הייסט עס, קלאָר אַז די קריטיק — אין יעדן פאַל די יידישע קריטיק — דאַרף, לויט ב. ריווקינען, נישט זיין באַשיידן, און זיך אַליין אַנגאַזשירן פאַר דער יידישער ליטעראַטורס פאַרוואַלטערן. דאָס פאַדערן די לעבנס־אינטערעסן פון דעם יידישן וואָרט גופא, נישט נאָר דעם קריטיקערס — אַ ביסל צו גרויסע און צו הייסע — אַמביציעס. די יידישע ליטעראַטור וויל, זי חלשט ממש, אַז ער זאָל איינוויליקן צו נעמען אויף זיך דעם שווערלעכן עול פון אַ ליטעראַרישן „צאַר״ — והוא ימשול בה, און ער זאָל אין איר, איבער איר קאָמאַנדעווען. זי וואָרט און קען זיך נישט דערוואָרטן ביז יעדער יידישער קריטיקער וועט, ענדלעך, ווערן וואָס ב. ריווקין ע״ה איז געווען, אָדער וואָלט געקענט זיין, ווען מען זאָל אים לאָזן. אויב דאָס זאָל, חלילה וחס, נישט געשען, וועט די בלינדע ליטעראַטור, נעבעך, בלאָנדזשען, נישט האָבנדיק קיין פירער; איר באַוווסטזיין וועט בלייבן נישט אָרגאַניזירט און — וואָס עס איז דאָס ערגסטע — זי וועט, פשוט, אויסגיין פון אידיישער בלוטאָרעמקייט, פון גייסטיקן נישט־דערעסן. ובכן — פון איר טובה וועגן מוז דער קריטיקער, דער פאַרוואַלטער, דער פירער, וואָס איז, ווי מיר ווייסן, שטענדיק אויסן נאָר יענעמס טובה, ווערן איר אידייען־שפּייזער. ער מוז איר צושטעלן גייסטיקן פּראָוויאַנט, שוין נישט גערעדט וועגן אַמוניציע.

און ב. ריווקין איז געווען אַ נאה מקיים, נישט נאָר אַ נאה דורש. ער האָט זיין

---

*) זע ווייטער, קאַפּיטל „משיחיסטישע קריטיק״.

**) גרונט־טענדענצן פון דער יידישער ליטעראַטור, ניו־יאָרק 1948, ז׳ 274.

***) דאָרט, ז׳ 267.

לערע פון פאַרוואַלטונג־און פראָוויאַנטירונג קריטיק פּראַקטיצירט. דערביי האָט ער זיין גייסטיקע באַשפּייזונג־פּאָליטיק געפירט מיט אַ ברייטער האַנט, בשפע, נישט אויפן שטייגער פון צנע.

עדות זיינען די פיר ביכער, וואָס זיינען אַרויס נאָך זיין טויט: „אַ גלויבן פאַר אומגלייביקע״, צונויפגעשטעלט פון מינאַ באָרדאָ־ריווקין, רעדאַקטירט פון אבא גאָרדין און אַרויסגעגעבן פון דוד איגנאַטאָוו ליטעראַטור־פאָנד (ניו־יאָרק, 1947); „ייִדישע דיכטער אין אַמעריקע״, ערשטער באַנד, (ציקאָ ביכער פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1947); דאָס שוין פריִער־דערמאָנטע בוך „גרונט־טענדענצן פון דער ייִדישער ליטעראַטור״; און „יוסף אָפּאַטאָשוס גאַנג״, פאַרלאַג גרשון פּאָמעראַנץ עסיי־ביבליאָטעק, טאָראָנטאָ, קאַנאַדע, 1948). פון די דאָזיקע אַלע ביכער ווי אויך פון די שריפטן, וואָס זיינען נאָך אין בוך־פאָרעם ביז איצט נישט אַרויס, קאָן מען זען, אַז די דיעטע, וואָס דער פאַרשטאָרבענער ליטעראַטור־פירער האָט באַשטימט פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור איז געווען אַ ביסל מאָנאָטאָן (כמעט אַלע ייִדישע שרייבערס, מעגן זיי זיין ווי פאַרשיידן איינע פון די אַנדערע, מעגן זיי האָבן געהערט צו די פאַרשיידנסטע עפּאָכעס און ריכטונגען, האָט ער באַזאָרגט מיט די זעלביקע געריכטן: „גרויס־תכלית״, „כמו־טעריטאָריע״, „געשטאַלט־געבונג״, „מענטש־שאַפונג״, „משיחיזם״). אָבער די עצם גייסטיקע „שפּייז״ האָט ער נישט געקאַרגט. די חלקים אָדער פּאָרציעס, וואָס ער האָט אויסגעטיילט, האָבן פאַרנומען הונדערטער דרוק־זייטן.

מיט קליינע אויסנאַמען זיינען זיי אַלע פול מיט דעם ליטעראַטור־פאַרוואַלטערס אינסטרוקציעס — און מיט פאַרגלייכונגען צווישן זיי און די ווערק פון די פאַרוואַלטעטע שרייבערס. די פאַרגלייכונגען האָבן געזאָלט ווייזן, ווי ווייט דער אָדער יענער שריפטשטעלער האָט אויסגעפירט אָדער נישט אויסגעפירט דעם פאַרוואַלטערס, ד״ה דעם קריטיקערס נישט פינף־יאָריקע, נאָר פּערמאַנענטע אידייען־פּלענער.

נעמט, אַ שטייגער, דעם פּאָעט משה לייב האַלפּערן (1886—1932). לויט ב. ריווקינס מיינונג איז ער געשטאָרבן „אויפן האַלבוועג צו גאונות״. פאַרוואָס עפּעס אויף דעם האַלבוועג? ס׳טייטש, ער איז, לויט ריווקינען, געווען „אַ קינסטלערישער געשטאַלט־געבער פון געבורט, וואָס מיט איין שנעל פון זיינע שפּיץ־פינגער פלעגן געשטאַלטן זיך נעמען טראָגן אין דער לופטן, שטייגנדיק אין אַ ספּיראַל צו דער קרוינענדיקער ייִדישער גרויסגעשטאַלט״.*). פאַרוואָס־זשע איז די קרוינונג נישט געקומען? פאַרוואָס איז דעם פּאָעטס גאונות געבליבן אויפן „האַלבוועג״? איז דער תירוץ: עס זאָל זיך אין מיטן האָבן אַריינגעמישט די פאַלשע קריטיק, — די קריטיק, וואָס איז נישט פון פאַרוואַלטערישן מין און ראַנג — „און אין רעכטן מיטן איז די פּראָצעסיע (צו דער קרוינונג) צעשאָטן געוואָרן...״ די שלעכט־ (אָדער גאָר־נישט־) פאַרוואַלטנדיקע קריטיק האָט ביי משה לייב האַלפּערן געפונען „צוערשט בונטאַרישקייט, דערנאָך איינגעשטילטקייט, וואָס דאָס איז ביי איר געווען אַ סימן פון זיין „רייף ווערן״, — וואָס דאָס מיינט, אַז ער איז שוין ראוי געווען אַלט צו

*) דאָרט, ז׳ 277.

ווערן און צו שטאַרבן, און ער איז געשטאָרבן, פּריצייטיק אומגעקומען, אַ פּאַר־הונגערטער גייסטיק און מאַטעריעל*).

ווי איר זעט, איז — לויט דער דאָזיקער שיטה, — החיים והמות ביד הלשון פונעם קריטיקער. איז ער אַ גוטער ליטעראַטור־פּאַרוואַלטער, פּירט ער דעם שרייבער — צו קרוינונג; אויב אָבער נישט, פירט ער אים — אין רעכטן מיטן גאַנג צו גאונות — אין אַ פּונקט פאַרקערטער ריכטונג, ער פאַרהונגערט אים גייסטיק און לאָזט אים פּריצייטיק אומקומען, גאָר פּשוט.

וואָלט מען אפשר געקענט פרעגן: ווו איז געווען אַזאַ געניטער און געטרייער ליטעראַטור־באַשפּייזער, ווי ב. ריווקין אַליין? ער איז געווען משה לייבס אַ צייט־חבר; פאַרוואָס־זשע האָט ער אים נישט באַזאָרגט מיט אידייען־שפּייז באַצייטנס? מילא, מאַטעריעל האָט ער אים נישט געקאָנט העלפן; אָבער פאַרוואָס האָט ער אים גייסטיק געלאָזט פאַרהונגערן? אָבער... איך האָב נישט דערמאָנט דעם מ. ל. האַל־פּערן־פאַל, כדי צו פרעגן קשיות. כ׳בין נאָר אויסן געווען צו ברענגען אַן אילוסטראַציע פון דעם פאַרוואַלטעריש̄ן צוגאַנג צו ליטעראַריש־קריטישער דיאַגנאָסטיק. איך האָב געוואָלט ווייזן, אַז לויט אָט דעם צוגאַנג, איז די קריטיק, וואָס נעמט אויף זיך אַליין די התמנות פון ליטעראַטור־פאַרוואַלטונג, אַזוי מעכטיק, אַז אָן איר ווענדט זיך דער גורל — און דער גאַנג צו גאונות — פון דער גאַנצער ליטעראַטור, נישט נאָר פון אַזוינע איינציקע פאַרשטייערס אירע ווי משה לייב האַלפּערן ע״ה. יאָ, לויט ב. ריווקינס זעלבסט־זיכערע דערקלערונגען קומט־אויס אַז די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור אין אַמעריקע האָט געליטן און ליידט (און קומט־אום!) — ווייסט איר, פון וואָס? דערפון, וואָס... ד״ר חיים זשיטלאָווסקיס גייסטיקע דיעטע פאַר ייִדישע שרייבערס האָט נאָר טיילווייז, אָבער נישט אין גאַנצן געשטימט מיט ב. ריווקינס אידייען־מעניו. ווען זשיטלאָווסקי זאָל האָבן געווען טריי ריווקינס מעטאָד פון משי־חישער געשטאַלט־געבונג און וואָלט געפּירט ייִדישע שרייבערס אויף אירע וועגן, וואָלט לאַנג שוין געקומען די גאולה... אַזוי גרויס זאָל זיין דער כח פון דעם קרי־טיקער דעם רבין!

5. קריטיק פון לויטער אַדיעקטיוון

גוט אָדער שלעכט? גרויס, קליין אָדער מיטלמעסיק? דאָס זיינען די פראַגעס וואָס לייענערס זוכן אויף זיי געוויינטלעך אַן ענטפער, ווען זיי לייענען קריטיק. דער־הויפּט זוכן דעם דאָזיקן מין ענטפערס לעזערס, וואָס זיינען אַליין שרייבערס. זיי ווילן וויסן „די אונטערשטע שורה". און ס׳איז נאַטירלעך, אַז זיי זאָלן עס וועלן וויסן. די פראַגע איז נאָר, ווי, אויף וואָס פאַר אַן אופן דער קריטיקער קאָן עס זיי געבן צו וויסן; ער קאָן גיין אויף צווי וועגן — אַ לאַנגען און אַ קורצן...

דער קורצער אָדער פאַרקירצטער וועג איז — דירעקטע מבינות־זאָגעריי, עקספּערטיזע.

אויף דעם וועג גייען די, וואָס רעדוצירן די פונקציע פון קריטיק צו — לויבן דאָס, וואָס איז, לויט זייער מיינונג, ווערט געלויבט צו ווערן, און פסלנען פסולת.

---

*) דאָרט.

איניקע פון זיי זיינען אין זייער רגילות צו פאַראיינפאַכן דעם ענין קריטיק אַזוי עקסטרעם, אַז אַפילו די עלעמענטאַרסטע אויפגאַבע פון דעם קריטיקער, ווי אַ שופט, — דער בוכשטעבלעכער טייטש פונעם וואָרט „קריטיקער" אין גריכיש, די אויפּגאַבע אויסצוגעפינען „די מעלות און די חסרונות" אָדער צו געבן אַ וואָרט אי דעם פּראָקוראָר, אי דעם אַדוואָקאַט, איידער ער טראָגט אַרויס דעם פּסק־דין, — אַפילו די דאָזיקע פּרימיטיוווסטע פליכט פונעם קריטיקער מינימיזירן זיי אָדער איגנאָרירן אין גאַנצן: זיי קומען גלייך אַרויס מיט זייער ווערדיקט.

זיי טוען עס דערפאַר ווייל זיי קוקן נישט אויפן קריטיקער ווי אויף איינעם, וואָס גיט אָפּ אַ שעפערישן דין־וחשבון פון זיין לייענען, — אַ באַריכט, וואָס קאָן האָבן אַ ווערט אַפילו אָדער דווקא דאַן, ווען אין די איינדרוקן פון דעם קריטיקער, ווי אַ לעזער און אַ שרייבער, פילן זיך שטאַרק די שפּורן פון זיין גייסטיקן איך. ניין, זיי באַטראַכטן די קריטיקערס און זיך אַליין ווי „אויפזעערס" אָדער „גערט־נערס". זייער ציל איז דעריבער אַכטונג צו געבן אויף די גוטע פלאַנצונגען אַז זיי זאָלן געדייען, און — אויסצוראָטן די דערנער פון ווייַנגאָרטן, זיי ממש עוקר מן השורש צו זיין. דערביי גלייבן זיי (דערהויפּט גלייבן אַזוי קריטיקערס וואָס זיינען אַליין דיכטערס) אַז דאָס בעסטע מיטל דערצו איז — „דערמוטיקן" דעם אמתן טאַלאַנט, פון איין זייט, און פון דער אַנדערער זייט — דערנידעריקן און פאַרטרייבן פון קונסט־טעמפּל דעם פאַלשמינצער, דעם נאָכמאַכער, די טאַלאַנטלאָזיקייט... לויבן זיי דעם ערשטן ביזן הימל; דעם צווייטן לייגן זיי ניין איילן אין דער ערד אַריין.

יעדער פון אָט די קריטיקערס איז אַבסאָלוט זיכער, אַז ער האָט נישט קיין טעות, אַז ער ווייס אַקוראַט וועמען עס קומט אַ גאָלדענער (אָדער אַ גינגאָלדענער) מעדאַל און ווער עס איז דער, וואָס פאַרדינט די האַרבסטע שטראָף. די זיכערקייט האַלט זיך אויף צוויי הנחות. די ערשטע הנחה איז, אַז ווערטן פון ליטעראַטור און קונסט האָבן אַן אַבסאָלוט אָביעקטיוון כאַראַקטער. די צווייטע הנחה — אַז דער קריטיקער האָט אין זיך גענוג אָביעקטיוויטעט צו קאָנען פּסקענען די שאלות פון ליטעראַרישן כשר־און־טריף.

האָבן מיר שוין נישט איין מאָל אָפּגעפרעגט דעם ערשטן טעזיס, ריידנדיק וועגן דעם, ווי ווייט ליטעראַריש־קינסטלערישע אָפּשאַצונגען זיינען פאַרבונדן אָדער נישט־פאַרבונדן מיט יעדן איינעמס אינעווייניקסטער וועלט. וואָס עס איז שייך צו די, וועלכע נעמען זיך אונטער צו זאָגן מבינות, וואָס ס'איז אַ ליטעראַרישער דימענט און וואָס — נישט מער ווי אַ בלישטשענדיק שטיקל גלאָז, — קאָן וועגן זיי קיין שום ספק נישט זיין, אַז זיי זיינען אָפּט גאַנץ סוביעקטיוו. מען זעט עס דערפון, וואָס, — בהסכם מיט די אָדער יענע ריין־פּערזענלעכע שטריכן פון זייער כאַראַקטער, — זיינען איניקע פון זיי גרויסע מחמירים און אַנדערע, פאַרקערט, מקילים. דער ערשטער פון אָט דעם מין „אמתע מבינים" האַלט אין איין זינגען לויב־געזאַנגען די שרייבערס, אין איין אונטערטראָגן זיי (אמת, פאַפּירענע) בלומען, בעת דער צווייטער האָט, פאַרקערט, הנאה פון פּסלענען זיי אָדער זיי „אַרונטעררייסן", — ווי מען רופט עס אין דער ליטעראַריש־טעאַטראַלישער קיבעצאַרניע.

צווישן אָט דעם מין קריטיקערס־ריכטערס זיינען געוויס פאַראַן אויך אַזעלכע, וואָס טוען ביידע זאַכן. פאַרן ליטעראַרישן צדיק עפענען זיי ברייט — און מיט אַ ברייטן ברוך־הבא — די גילדענע טויערן פון גן־עדן; דעם רשע וואַרפן זיי אַריין

מיט אַ צוגאָב פון טויטע קללות אין דעם שאול תחתיה פון גיהנום. זייער אָפּט אָבער ווערט די דאָזיקע טאָפּלטע פונקציע צעטיילט צווישן זיי באַזונדערע מבינים, און בעת איינער פון זיי האַלט אין איין קלאַפּן שרייבערס איבער די פּלייצעס און גלעטן די יונגערע און שוואַכערע פון זיי איבער די בעקלעך, פאַרנעמט זיך דער צווייטער מיט אויסבראַקירן שרייבערס — הורטאָם און לאחדים.

מיט אַ צייט צוריק זיינען מיר כמעט גלייכצייטיק געקומען אונטערן האַנט צוויי קריטישע איבערבליקן איבער דעם איצטיקן צושטאַנד פון דער יידישער ליי־טעראַטור, — און ווען איך האָב זיי איבערגעלייענט, האָב איך געהאַט פאַר זיך, קאָן מען זאָגן, צוויי קלאַסישע מוסטערן פון דעם נאַר־וואָס דערמאָנטן סאָרט פאַר־קירצטע קריטיק. מער נישט, וואָס איינער האָט קורץ און שאַרף און שפּיציק אַלץ אָדער כמעט אַלץ „ארונטערגעריסן", דער אַנדערער — האָט פאַרקערט, אַלץ, אַ חוץ עטלעכע גאָר ווערטפולע זאַכן, — באַזונגען.

דער ערשטער — יצחק וואַרשאַווסקי, — וואָס עס איז קיין סוד נישט, אַז דאָס איז אַ פּסעוודאָנים פון יצחק באַשעוויס (זינגער), דעם העכסט אינטערעסאַנטן און אָריגינעלן דערציילער און ראָמאַניסט — האָט אָן קיין שום קאָנקרעטע באַווייזן געמאַכט (אין „פאָרווערטס", 5טן יוני, 1949) דעם אויספיר, אַז אַמאָל, ד"ה דאָן, ווען „פּרץ, פרישמאַן און אפילו שלום עליכם האָבן זיך פאַרנומען מיט קריטיק", איז געווען ביי אונדז „אַזאַ געראַטעניש פון (אויף) טאַלאַנט, אַז די טאַלאַנטלאָזיקייט האָט כמעט נישט געהאַט קיין פּלאַץ"... אָבער איצט?... „עס האָבן זיך איצט, דער־ציילט קאָלעגע וואַרשאַווסקי, אָנגעזאַמלט אין אונדזער ביכער־שראַנק אַ סך ביכער. אָבער ווי טראַגיש דאָס זאָל נישט קלינגען, — עס איז כמעט נישטאָ וואָס צו לייע־נען"... ווי אַזוי זאָל זיין, וואָס צו לייענען? אַז „אַ גאַנצע ריי עלטערע יידישע שריפט־שטעלערס האָבן זיך פּשוט אויסגעשריבן, ווי מען זאָגט... אַ צאָל יונגע שרייבערס וואָרצלען אין גאַנצן נישט אין יידישן לעבן"... הכלל, „די יידישע ליטעראַטור, זאָגט ער, ליגט אין היגערפלעט, נישט ווייל עס פעלן קונים, נאָר ווייל די סחורה ווערט ערגער פון יאָר צו יאָר"... נישט די „סחורה" פון אונדזער ליטעראַטור, הייסט עס, ליידט דערפון, וואָס עס פעלן אויף איר בעלנים, נאָר (אַ מאָדנע לאָגיק!) עס איז פאַראַן אַ מאַרק מיט וואַרטנדיקע קונים, אָבער עס איז נישטאָ ווער עס זאָל ליפערן די ריכטיקע וואַרע...

אין רעצענזיעס וועגן איינציקע ביכער טרעפט, אַז יצחק וואַרשאַווסקי, אַ הויך־טאַלאַנטירטער שריפטשטעלער, ווייזט אַרויס שכל הישר און געניטקייט, אָבער דער דערמאָנטער ליטעראַרישער סך־הכל איז אַן אומברחמנותדיקער באַשולדיקונגס־אַקט — און מער גאָרנישט.

פונקט אַזוי איז דער צווייטער פון די דערמאָנטע דאָקומענטן — פאַרקערט, אַן אויסגוס פון עפּעס אַ שטיק סענטימענטאַל־רחמנותדיקן „צער בעלי חיים", — און ער שטאַמט פון דעם נישט לאַנג פאַרשטאָרבענעם זייער פּאָפּולערן און באַליבטן פּאָעט און דערציילער אברהם רייזען (1873? — 1953). ער האָט פריוויליק גענומען אויף זיך די ראָלע פון אַ סניגור, פון איינעם וואָס איז מלמד זכות אויף אַלץ און אויף אַלעמען. אין זיינע לידער און דערציילונגען שפּילט ער אָט די ראָלע פון זיין גוט צו מענטשן און צו דער וועלט מיט קינסטלערישער מאָס, — און אַזוי ווי ער איז דערצו נאָך איינער פון די, וואָס האָבן געלייגט דעם פונדאַמענט פון אונדזער

אינדיווידועל לירישער פּאָעזיע און וואָס האָבן אַריינגעבראַכט אַן אייגענעם טאָן אין אונדזער דערציי־קונסט, — האָבן מיר אַלע פאַר אים גרויס דרך־ארץ, אָבער טאַקע דערפאַר האָבן מיר זיך נאָך מער געוווּנדערט, וואָס ער האָט נישט אַרויסגעוויזן קיין שום געפיל פון מאָס אין זיין וועלן זיין גוט צו שרייבערס נאָר דערפאַר, וואָס זיי האַלטן אַ פען אין האַנט און וואָס די פען איז אַ יידישע. ער האָט געוויס אַליין געוווּסט, אַז צו שרייבערס און אויך צו יידיש־שרייבערס, מוז מען שטעלן העכערע פאָדערונגען ווי די, וואָס מען שטעלט צו יידן פון אַ גאַנץ יאָר. דאָך האָט ער שוין אינעם אַריינפיר צו איינעם פון זיינע גאַנץ אָפטע „ליטעראַרישע רעוויוען" אין „די פעדער" (זאַמלשריפט פאַר ליטעראַטור, קונסט און קריטיק, רעדאַקטירט פון אהרן קאַרלין), געשריבן וועגן „די ערשינענע ביכער אין די לעצטע פאַר יאָר", ד"ה וועגן די זעלביקע יידישע ביכער, וועגן וועלכע עס שרייבט יצחק וואַרשאַווסקי, — אַז „אַזאַ שפע — און נישט נאָר אין כמות, נאָר טאַקע דער עיקר אין איכות — האָט קיין ליטעראַטור פון קיין פאָלק נישט געהאַט".

אַ היפּשער קאָנטראַסט — נישט אמת?

לויט דעם אויספיר פון איין צד, דעם קטיגור, איז אין דער איצטיקער יידי־שער ליטעראַטור (אַ חוץ די ווערק פון יצחק באַשעוויסן) „כמעט נישטאָ וואָס צו לייענען", „ווייל די סחורה ווערט ערגער פון יאָר צו יאָר". בעת דער עקספּערט פון צווייטן צד, אַ לאַנגאָניקער מומחה אויף זאָגן קאָמפּלימענטן, רימט די יידישע ליטעראַטור און זאָגט, אַז נישט נאָר האָט זי ביי זיך נישט וואָס אַראָפּצופאַלן, נאָר אַז זי מעג, נישקשה, זיין שטאָלץ, איבער־שטאָלץ, ווייל — „קיין ליטעראַטור פון קיין פאָלק" — (איר הערט? קיין ליטעראַטור פון קיין פאָלק) — האָט אין די לעצטע פאַר יאָר נישט געהאַט אַזאַ „שפע פון ערשינענע ביכער — און נישט נאָר אין כמות, נאָר טאַקע דער עיקר אין איכות"!

קיינער פון אָט די צוויי זייער חשובע דיכטערס־קריטיקערס האָט נישט גע־האַלטן פאַר נייטיק צו מאַכן קאָנקרעטע אַנאַליזן פון דער ליטעראַטור, וואָס איי־נער פון זיי דערקלערט, אַז זי איז „נודנע" און דער צווייטער, — אַז זי איז אומפּאַר־גלייכלעך. וואַרשאַווסקי קאָנפראָנטירט נישט אויף אַ קאָנקרעטן אופן די ליטע־ראַרישע ווערק פון די לעצטע יאָרן מיט די ווערק, וואָס מען האָט געשריבן אין די צייטן פון פרץ, פרישמאַן און שלום־עליכם. פונקט אַזוי האָט זיך אברהם רייזען נישט געגעבן די מי אויסצופאָרשן די ליטעראַטורן פון אַנדערע פעלקער און צו ווייזן אונדז מיט וואָס אַן ערך זיי שטייען־אָפּ „אין כמות און דער עיקר טאַקע אין איכות" פון דער ליטעראַטור אויף יידיש.

ביידע אָפּערירן דערהויפּט מיט אַדיעקטיוון און אַדווערבן. ביי איינעם זיינען זיי נעגאַטיווע, ביי דעם צווייטן — פּאָזיטיווע; אָבער ביידע זיינען זיי גלייך אין דעם פּרט, וואָס זיי גלייבן אַז דאָס בעסטע אָדער דאָס איינציקע מיטל צו העלפן שאַפן אַ „גערעטעניש" אָדער אַ „שפע" פון גוטע ביכער, איז — זעצן זיך אויפן ריכטער־שטול אָדער (לויט וואַרשאַווסקין) פאַרמישפּטן די טאַלאַנטלאָזע מחברים, אָדער (לויט אברהם רייזענען, וועלכער האָט בכלל נישט געגלייבט, אַז אין יידיש זאָל עמעצער קאָנען זיין טאַלאַנטלאָז אָדער מיטלמעסיק) מכבד זיין מיט גרויסע שבחים און דערמוטיקן און דערהייבן אונדזערע טאַלאַנטן. ביידע גלייבן זיי אין דער מאַכט פון אַדיעקטיוו. מער נישט, וואָס ביי אברהם רייזענען איז עס אָפט געווען אַ סופּער־

לאַטיוו. דאָס האָט זיך מסתמא גענומען דערפון, וואָס, אַ שטייגער, „גרויס״ איז ביי אים געווען אַזאַ וואָכעדיקע זאַך, אַז כדי אַ שרייבער זאָל פון אים „דערמוטיקט״ ווערן, האָט ער געמוזט זאָגן וועגן אים, אַז ער איז ווינציקסטנס דער גרעסטער, כאָטש ער קאָן אויך זיין „געניאַל״ — „כמעט״ אָדער „ממש״.

מענטשן און ווערק זיינען אַזוי אָפט געווען גרויס ביי אברהם רייזענען, אַז אויף אים אַליין האָט עס שוין אָפּנים נישט געמאַכט קיין גרויסן רושם. האָט ער געפּרוווט אַ מאָל אָפּפרישן זיין דערמוטיקונג־קריטיק מיט אַנדערע לויב־אַדיעקטיוון און דער עיקר טאַקע מיט סופּערלאַטיוון. אַ שטייגער: „באַרימטער״, „גרויסער און אידעלער״, „פון די גרעסטע דיכטער פון יידישן פאָלק״, „גרויסער, אפשר גרעס־טער נאַציאָנאַלער דיכטער״... עס זיינען אָבער געווען מאָמענטן, ווען ער האָט גע־פילט, אַז אַפילו דער סופּערלאַטיוו גופא נייטיקט זיך אין פאַרשטאַרקונג... אין אַזאַ פאַל האָט ער געשריבן: „אָריגינעלסטער יידישער (און אפשר אויך וועלט־)דיכ־טער״... אָדער: „בייער נביא״, אָדער „אפשר גרויס ווי פּושקין״, אָדער: „איינער פון די גרעסטע יידישע און אויך אַלגעמיינע געלערנטע אין גאַר דער וועלט״... נישט קיין גאַר וואָכעדיקער טיטל איז געווען ביי אים „הייליק״. „עפּאָכע־מאַכנדיק״ איז אויך אַ גאַנץ נישקשהדיקע דערמוטיקונג, הגם עס קומט נישט צו „עפּאָפּייִש גע־זאַנג, וואָס גרענעצט זיך מיט העלזעריי״... און אַז די אָרגיע פון שיר נישט פער־ווערזע אַדיעקטיוון האָט זיך געהאַלטן ביי אָפּקילן, האָט ער זיך צעוואָרעמט מיט אַזוינע אויסדרוקן, ווי: „שיין ווי גאָלד — די דאָזיקע פערזן — און ווייטער נאָך שענער, טיפער און מעכטיקער״.

די פראַגע איז נאָר: אויב שיר נישט אַלץ, איז שיר נישט ביי יעדן איינעם „שיין ווי גאָלד... און ווייטער נאָך שענער, טיפער און מעכטיקער״, — איז וואָס דער אונטער־שייד צווישן איין שרייבער און אַ צווייטן? „אַ שטעטעלע אין פּוילן״, וואָס איז „שיר אַ פּאָעמע״ פון דעם „זייער באַרימטן טאַלאַנטפולן דערציילער און דיכטער, יצחק בלום״ לייענט זיך „מיט הייליק־רעליגיעזן ציטער״ — און ה. סמאָליאַרס „פון מינסקער געטאָ״ איז אויך „אַ הייליקע כראָניק״: — איז מיט וואָס איז, סוף־כל־סוף, איין „הייליקע״ שריפט אַנדערש פון דער צווייטער?

און דער עיקר: אויב דער הויפּט־ציל פון קריטיק זאָל זיין דערמוטיקונג, — וואָס פאַר אַ מין דערמוטיקונג קאָן אַ שרייבער געפינען אין די אַלע לויבנדיקע אַדיעקטיוון און רימענדיקע סופּערלאַטיוון, אויב מען איז מיט זיי מכבד נישט איי־נעם און נישט צען, נאָר שיר נישט יעדן איינעם, וואָס האַלט אַ פעדער אין האַנט? אַ שרייבער, ווי יעדער בשר ודם, האָט הנאה, ווען מען איז אים מכבד מיט אַן עליה, אָבער — עם כל הנערים?

עס איז קלאָר, אַז דער מעטאָד פון אַהולנע לויב־געזאַנגען קאָן ברענגען נאָך ווינציקער גוטע רעזולטאַטן, ווי שטראָף־עקספּעדיציעס. אויב קאַלעגע וואַרשאַווסקי געפינט ווינציק וואָס צו לייענען אין דעם שלל נייע יידישע ביכער, וועט דער גראַפאָמאַן, ווען ער זאָל אים גלייבן, טראַכטן אַז ער איז נישט ערגער פון אַלע־מען. פאַר דעם צווייטן עקסטרעם עקסיסטירן נישט אין דער יידישער ליטעראַטור קיין טאַלאַנטלאָזע שרייבערס. איז אויב אַלע זיינען ווירטיק, — וואָס איז דער יחוס מיט דעם, וואָס איז מיט אַן אמת ווירטיק?

דער אמת איז, אַז מען האָט אין קיין שום ליטעראַטור (און אויך אין דער

ייִדישער) נאָך קיין מאָל נישט אָפּגעשראָקן גראַפּאָמאַנען און מיטלמעסיקייטן מיט שטראָף־רייד, און אַז פּונקט אַזוי קאָן מען נישט העלפן דערציִען אַ טאַלאַנט מיט סתם אַזוי לויב־געזאַנגען. אויב די עצם־שאַפונג ווערט נישט שעפעריש אויפגענומען און אויסגעטייטשט; אויב זי ווערט נישט פּילזייטיק אַנאַליזירט און קאָנקרעט אָפּגעשאַצט, — וואָס פאַר אַ באַדייטונג קאָנען האָבן די אַלע, פּאָזיטיווע אָדער נעגאַטיווע, בענטשנדיקע אָדער „אַרונטעררייסנדיקע“ אַדיעקטיוון?

דער אמתער קריטיקער מוז מיט דעם שרייבערס ווערק, מיט זיין שאַפן בכלל קומען אין אַ טיף־אינעווייניקסטער, קרעאַטיווער באַרירונג — און געפינען פאַר איר אַ שפּראַכלעכן אויסדרוק. און אָט דעם אויסדרוק, ווען ער איז געלונגען, פילט זיך, מוז זיך פילן דער גרעסערער אָדער קלענערער ווערט, וואָס דאָס ווערק אָדער דער שרייבער האָט — ווינציקסטנס פאַר דעם לייענער וועלכער שרייבט די קריטיק.

6. „אָביעקטיווע“ און „סוביעקטיווע“ קריטיק

„אָביעקטיוויזם“ און „סוביעקטיוויזם“ אין קריטיק איז איינע פון די פראַגעס, וואָס מען קאָן אויף זיי נישט ענטפערן נישט יאָ און נישט ניין, — מחמת דעם פּשוטן טעם, וואָס אין יעדער קריטיק, ווי אין יעדן קרעאַטיוון ווערק, זיינען דאָ ביידע עלעמענטן און אָפט זיינען זיי אַזוי באַהעפט און צונויפגעגאָסן איינס מיט דעם אַנדערן, אַז מען קאָן זיי נישט — און מען דאַרף זיי אפשר גאָר נישט — צעשיידן. דאָס איז עפּעס אַ מין אַטאָם, וואָס זיין שפּאַלטונג קאָן פירן צו אַן עקספּלאָזיע און צו צעשטערונג. דאָך שאַדט נישט אָפּצוגעבן זיך אַ חשבון אין דעם ענין, און אויב נישט פונאַנדערפלאָנטערן דעם קנויל, איז כאָטש נישט לאָזן אים נאָך מער פאַרפלאָנטערט ווערן. ער האָט אַ נאָענטע שייכות צו דער פראַגע וועגן די פונקציעס פון קריטיק. אייניקע אַספּעקטן פון אָט דעם פּראָבלעם האָבן מיר נישט איין מאָל שוין אָנגערירט אין פריִערדיקע קאַפּיטלען.

וואָס זאָל דער קריטיקער טאָן מיט דעם שרייבערס איך? זאָל ער עס אויסמאָלן, ווי עס איז? (ווייס ער, קאָן ער וויסן, ווי עס איז?) זאָל ער עס אונדז ווייזן, ווי ער זעט עס? אָדער אפשר זאָל ער אונדז גאָר אויסזאָגן דעם סוד, ווי ער שטעלט זיך עס פאָר אין זיין חלום, אין זיין פאַנטאַזיע?

דאָס זיינען, ווי דער לייענער זעט, כמעט די זעלביקע פראַגעס וואָס דער דיכטער און יעדער קינסטלער שטעלט זיך (באַוווּסטזיניק אָדער אומבאַוווּסטזיניק) וועגן דעם לעבן, וואָס ער נוצט ווי שטאָף פאַר זיינע ווערק. ווי זאָל ער דעם לעבנשטאָף באַאַרבעטן אָדער פאָרמירן? ווי ער איז „אין דערווירקלעכקייט“? אָדער ער קאָן אים אונדז געבן אַזוי ווי ער נעמט אים אויף מיט זיינע חושים און מיט זיין פאַרשטאַנד? אָדער אפשר זאָל ער גאָר וועגן אים עפּעס אויסטראַכטן, אויספאַנטאַזירן? דאָס זיינען די אַלטע, די אייביקע פראַגעס פון אָביעקטיווער און סוביעקטיווער שאַפונג; די פראַגעס פון רעאַליזם, אימפּרעסיאָניזם, ראָמאַנטיזם, און כאָטש דאָס זיינען אַלטע פראַגעס, אינטערעסירן זיי נאָך אַלץ אי די קינסטלערס אי די קריטיקערס. די קריטיקערס — מער ווי די קינסטלערס, ווייל זיי, די קריטיקערס, גיבן זיך אָפּ אַ

חשבון (איינע פון זייערע אויפגאַבעס איז — זיך אָפּצוגעבן אַ חשבון) אין דעם, וואָס זיי אַליין טוען, ווי אין דעם, וואָס אַנדערע טוען, בעת דער קינסטלער קאָן זיך פאַר־גינען, כאָטש נישט אַלע מאָל פאַרגינט ער זיך, צו זיין „אינטויטיוו"...

אָט אין צוויי בריוו וואָס איך קלייב זיך צו ציטירן און צו דיסקוטירן, ווערן צווישן אַנדערע זאַכן אָנגערירט אויך אָט די אַלגעמיינע פּראָבלעם פון דער שייכות, וואָס איז דאָ אָדער דאַרף זיין צווישן דעם קריטיקער און זיין „קרבן", דעם שריי־בער, וואָס ער כאַראַקטעריזירט און שאַצט־אָפּ. זיי ווערן אָנגערירט נישט סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין, אַבסטראַקט, נאָר אין פאַרבינדונג מיט אַ גאַנץ באַשטימטער געשעעניש — משה נאַדירס פּריצייטיקן טויט און די הספּדים, וואָס זיינען אויף אים געמאַכט געוואָרן. משה נאַדיר (1943—1885) איז געווען אַ פּראָבלעם, ווען ער האָט געלעבט; ווען ער איז אַוועק פון אונדז, איז ער נאָך אַלץ אַ פּראָבלעם. און ס'איז קיין וווּנדער נישט, וואָס ער האָט אויפגערודערט אונדזער ליטעראַטור־קרי־טישן געדאַנק. אויפרודערן אונדז, אונדז פּראָוואָצירן, אונדז צווינגען „זיך אָפּצו־שטעלן, קוקן און איינהערן זיך", מאַכן אונדז נייגעריק, מאַכן אַז מיר זאָלן זיך וווּנדערן, זיין פאַרחידושט — איז געווען זיין טבע, זיין תאווה, ווען ער האָט גע־לעבט. און אַזוי ווי ער לעבט נאָך אַלץ אין אונדזער זכרון און אין אַ טייל פון זיינע ווערק, שטייען מיר נאָך אַלץ פאַרוווּנדערטע, פאַרחידושטע, האַלב־אָפּגענאַרטע, האַלב־פאַרכשופטע און מיר פרעגן זיך אַליין: וואָס איז עס געווען פאַר אַ מאָדנע, שיער נישט פאַנטאַסטישע, באַגעגעניש צווישן אים און אונדז? ווער און וואָס איז ער געווען? אַ קונצן־ און כשוף־מאַכער? אַ קינסטלער? איז ער בכלל געווען אָדער ער האָט זיך אַליין אויסגעטראַכט? און אויב ער איז געווען אַן אויסגעטראַכטער — איז עס געווען די גרויסע קונסט פון אָנשטעל אָדער אַ גרויסער אָנשטעל פון קונסט?

אָט די און ענלעכע פראַגעס האָבן געשוועבט איבער די אַרטיקלען, וואָס זיינען וועגן אים געשריבן געוואָרן, ווי אויך אין די מינדלעכע הספּדים, וואָס זיינען אויף אים געמאַכט געוואָרן. דאָס זיינען אויך די פראַגעס און ספיקות און די ספק־ספיקות, וואָס שלענגלען זיך צווישן די שורות פון די דערמאָנטע בריוו. אין איינעם פון זיי, געשריבן פון דעם סובטילן קריטיקער און פּאָעט א. טאַבאַטשניק, איז אויס־געדריקט געוואָרן אומצופרידנקייט מיט מיינעם אַ הספּד אויף משה נאַדירן, — דערהויפּט מיט איין אויסדרוק מיינעם. ווען משה נאַדיר האָט גענומען די פּען אין האַנט — איז געווען דער תוך פון יענעם אויסדרוק (די ווערטער געדענק איך נישט) — האָט זיך פון איר ממש געגאָסן טאַלאַנט, אָבער ער איז עפּעס אַזוי ווי צערונען געוואָרן צווישן די פינגער... האָט א. טאַבאַטשניק אָט די „צערונענקייט" גענומען אונטער זיין שוץ.

„אין תוך, האָט ער געשריבן, זענט איר גערעכט. דער גאַנצער „געשפּריץ" אַרום דעם וואָרט „צערונענקייט" איז נישט וואָס ער איז נישט קיין פּאַרזיכטיקער, נאָר נישט קיין פּינקטלעכער. ווי דאָס זיינען אַלע דעפיניציעס און כאַראַקטעריסטיקעס, וואָס זיינען געבויט אויף „איינדרוק" און „אויסדרוק". אויב איר געדענקט אָבער, איז דאָס וואָרט „צערונענקייט" — אייערס. איר האָט דאָס באַנוצט ביי נאַדירס אָפּע־נעם אָרון. איז עס פון אָנהייב־אָן געווען אַ „שיין, אָבער נישט פּאַרזיכטיק וואָרט", און עבירה גוררת עבירה. „שוין דאַן, ווען איר האָט גערעדט, האָב איך געטראַכט: פון וואַנען, אייגנטלעך, ווייסט ניגער וועגן נאַדירס צערונענקייט, אויב נישט פון

זיין נאַדירס, אָנגערונענקייט?.. איז פאַרוואָס האָט מען נישט געקאָנט אויסמיידן די רייד, אַמוויניקסטנס ביים אָפענעם אָרון, וועגן נאַדירס צערונענקייט און ריידן בלויז וועגן זיין אָנגערונענקייט?

„נאַדירס פראַגמענטאַרישקייט און ברעקלדיקייט איז גוט באַוווּסט. אַפילו איך, נאַדירס אַ חסיד, האָב וועגן דעם געשריבן ביי זיין לעבן אין אַ רעצענזיע וועגן דעם בוך „טעג פון מיינע טעג". אָבער די פראַגמענטן נאַדירס, זיינע בליצן, זיינע „גע־ניאַלע איינפאַלן", זיינע מיניאַטור־בילדלעך און קליינקונסט־זאַכעלעך האָבן זיך ביי איינעם, וואָס האָט אין פאַרלויף פון יאָרן נאָכגעפאָלגט די נאַדירשע „אויפטריטן" און אויפבליצן, סוף־כל־סוף צונויפגעגאָסן אין איין גרויסער זאַך וואָס הייסט משה נאַדיר, — נאַדיר ווי אַן אויסערגעוויינטלעכער, ממש פענאָמענאַלער, וואָרט־קינסט־לער אין ברייטערן זין פון דעם וואָרט...

„נאַדיר איז געווען אַן עכטע קינסטלערישע נאַטור. עס האָט אין אים געשלאָגן אַ שטאַרקער און אומאויפהערלעכער שאַפונג־קוואַל. זיין קינסטלערישקייט האָט זיך אָבער צוליב סוביעקטיווע און אפשר נאָך מער אָביעקטיווע סיבות אָפט אָנט־פּלעקט אויף אַ פראַגמענטאַרישן אופן. דער קוואַל איז אָפט געווען בלויז אַ פאָנטאַן, וואָס זיין שיינקייט ליגט אין דעם אויפשפּריצן און צעפאַלן זיך אויף פינקלדיקע טראָפּנס (אָט דאָס, אייגנטלעך, האָב איך געמיינט, ווען איך האָב געזאָגט, אַז דער זין פון נאַדירס שאַפן איז געווען אין זיין צערונען ווערן). נאַדיר איז אָפט געווען צו אייליק, צו ספּאָנטאַן, און דערפאַר מער אימפּראָוויזאַטאָר ווי בוי־מייסטער און פאַראָנקערער. ער האָט אַ גרויסן טייל פון זיין קונסט אויסגעלעבט צוליב אומ־שטענדן, וואָס זיינען אָפט געלעגן אויסער זיין קאָנטראָל, אויף אַ בחפזונדיק־זשור־נאַליסטישן אופן; אָבער דאָס ענדערט נישט דעם עצם־פאַקט פון נאַדירס פענאָמע־נאַלן קרעאַטיוון כוח און זיין פולבלוטיקער קינסטלערישקייט.

„אַ קורא ותיק מעג זיך פאַרגינען דעם לוקסוס צו סומירן, סינטעטיזירן די באַזונדערע מאָמענטן און פראַגמענטאַרישע אַנטפּלעקונגען פון אַ דיכטער. ער האָט אַ רעכט אויפן גרונט פון טיילווייזן אויפשטעלן דאָס פולע און גאַנצע. אַ לייענער, אָדער אַ קריטיקער, מוז נישט זיין קיין פּאָטאָגראַפּשטשיק אָדער רעגיסטראַטאָר, ווי איר אַליין האָט עס פיל מאָל אָנגעוויזן, נאָר מעג אויך מיטשאַפן און פאַרענדיקן, וואָס דער דיכטער האָט צוליב אַזאַ אָדער אַנדער סיבה בלויז אָנגעהויבן. דער איינ־ציקער באַדינג, אַז די פראַגמענטן, די איינצלנע מאָמענטן זאָלן קומען פון אַן איינ־הייטלעכן מקור און פאַרמאָגן קאָנטינויִטעט. און קאָן מען לייקענען, אַז מיט זיין גאַנצער פראַגמענטאַרישקייט האָט נאַדיר פאַרמאָגט די דאָזיקע איינהייטלעכקייט און המשכדיקייט?

„און בכלל, וואָס איז דאָ מורא צו האָבן, אויב מען גיט אַ וווּנדערלעכן שריי־בער אַ ביסל מער ווי אים קומט לויט דער טאַבעלע, לויט דעם אינטש און דעם קווינטל? אויף דעם געביט פון לייענען ברענגט אַזאַ מקח וממכר נישט אַריין קיין צו גרויסן ריווח. צו אַזאַ מין האַנדלען און רעכענען זיך מיטן שרייבער דערלייגט דער קריטיקער אויב נישט די הויפּטזאַך, איז דאָך אַ וויכטיקע זאַך, — די הנאה צו באַגייסטערן זיך און זינגען אַ לויב דעם „בורא". איך וועל איך זאָגן דעם אמת, ווען איך וואָלט געהאַט דעם גייסטיקן כוח, וואָלט איך אַרום יעדן וויכטיקן יידישן שרייבער וואָס איז שוין ניט מער צווישן די לעבעדיקע, געשאַפן אַ לעגענדע. שוין

בלויז צוליב דעם וואָס „לעגענדעס לעבן לענגער״ מסתמא דערפאַר ווייל זיי זיינען „אמתער פון געשיכטע״, ווי עס דריקט זיך אויס אַן ענגלישער ליטעראַטור־היסטאָ־ריקער.

„עס שאַדט נישט צו געבן אַ גוטן שרייבער אַ ביסל מער ווי אים קומט און „דערלאַנגען״ אַ פריקרע שרייבער אַ ביסל מער ווי ער פאַרדינט. פינקטלעך קאָן מען מערסטנס זיין ווען מען איז גלייכגילטיק. און גלייכגילטיק איז מען צו מיטלמע־סיקייטן און צו שרייבערס וואָס האָבן שוין לאַנג פאַרלוירן זייער אַקטועלן ווערט; אָבער זיי מעג מען איבערלאָזן צו ביבליאָגראַפן און פאַרשער. קריטיק אָבער איז אַ לעבעדיקע זאַך; און אַז מען לעבט איז מען שטענדיק אין געפאַר פון אַן אַקצידענט. ווי פאַרזיכטיק מען זאָל נישט זיין, פאַרשטייט זיך, ס'איז נישט הפקר אַ וועלט״...

די לעצטע פאַראַגראַפן פון א. טאַבאַטשניקס בריוו, רירן אָן אי די פונקציעס און די צילן פון קריטיק, אי אירע מעטאָדן און וועגן. עס איז אָבער אויך אינטע־רעסאַנט דער פונקט וואָס איז שייך צום פריציייטיק פאַרשטאָרבענעם משה נאַדירן און זיינע קריטיקערס. ביי זיין אָפענעם אָרון, מיינט טאַבאַטשניק, האָט מען נישט געדאַרפט נוצן אַזאַ וואָרט, ווי „צערונענקייט״. מען האָט מסתמא „נישט געדאַרפט״ זאָגן אַנדערע ווערטער אויך... כבוד־המת... נו, איך האַלט גראָד פון דעם מין אָפ־געהיטקייט. אָבער משה נאַדיר אַליין האָט ווינציק וואָס געהאַלטן פון צערעמאָניעס. ער וואָלט נישט געווען וואָס ער איז געווען, ווען ער זאָל האָבן געהיט שטאַט. האָב איך געפילט, אַז זיין ביי זיין אָרון „צירלעך־מאַנירלעך״ וואָלט נישט געווען אינעם משה־נאַדירשן גוסט. דאָס וואָלט הייסן שאַפן אַן אַטמאָספערע פון גייסטיקער, נישט נאָר פיזישער, טויטקייט. דאָס וואָלט געהייסן זיין אַ פרעמדער אויף זיין לוויה. דאָס וואָלט געווען נישט גוט. מיר פערזענלעך וואָלט אין יעדן פאַל געווען אומ־מעגלעך צו קומען אָפּגעבן דעם לעצטן כבוד משה נאַדירן „דעם קעמפער״, „דעם אידעאַליסט״, „דעם מאָראַליסט״. אפשר איז געווען אַזאַ משה נאַדיר, איך האָב אים נישט געקענט, און אויב איך וואָלט אים געקענט, וואָלט ער געווען פאַר מיר נישט משה נאַדיר, נאָר עמעצער אַנדערש, אַ ווילד־פרעמדער, וואָס מיר וואָלט נישט איינ־געפאַלן אים מספיד צו זיין. משה נאַדיר איז סיי דאַן, ווען ער איז געווען אַ פאַר־בלאָנדזשעטער זון *), סיי דאַן, ווען ער האָט זיך אומגעקערט צוריק צום פאָטערס טיש, געווען איינגעוואַקסן אין אונדזער ליטעראַרישער מישפּחה, און וועגן מישפּחה זאָגט מען אָדער וואָס מען טראַכט, אָדער גאָרנישט. און בכלל איז אַפילו אין אַ הספד, דאַכט זיך מיר, דאָס איינציקע מיטל ערלעך צו האַלטן אַ מענטשן — זיין ערלעך צו אים, ד״ה זיין אויפריכטיק. איך האָב זיך געמיט עס צו זיין... דאָס איז די ריין פערסאָנאַלע זייט. וואָס איז שייך דער קינסטלערישער אָפּשאַצונג פון משה נאַדירס צערונענעם אָדער צעברעקלטן טאַלאַנט, איז דער אונטערשייד צווישן א. טאַבאַטשניקן און מיר, אין תוך גענומען, מער אַן אונטערשייד אין ווערטער ווי אין תוך. איך רוף עס אָן פשוט צעברעקלטקייט, צערונענקייט. אויף זיין מער פּאָעטי־שער שפּראַך הייסט עס: „צעשפּריצן זיך אין פינקלדיקע טראָפּנס״. כ'לייען נישט די שיינקייט פון צעשפּריצטע פינקלדיקע טראָפּנס. כ'בין גרייט צו שטיין און קוקן ווי די טראָפּנס פינקלען, ווען זיי צעשפּריצן זיך אין דער זון. אָבער דאָס מיינט

*) ער האָט יאָרן לאַנג מיטגעאַרבעט אין דער קאָמוניסטישער פּרעסע.

נישט, אַז זיי הערן־אויף צו זיין טראַפּנס, און דערצו נאָך צעשפּריצטע, צערונענע טראַפּנס. הערן זיי עס אויף צו זיין אין א. טאַבאַטשניקס אויגן? ווען איך האָב גע־לייענט זיין אַרטיקל אין „צוקונפט", האָב איך געמיינט, אַז יאָ. אין זיין בריוו שרייבט ער: „דער קוואַל איז אָפּט געווען בלויז אַ פּאַנטאַן, וואָס זיין שיינקייט ליגט אין דעם אויפשפּריצן און צעפאַלן זיך אויף פינקלדיקע טראַפּנס". די שיינקייט פון אַ פּאַנטאַן. א. טאַבאַטשניק וועט, גלייב איך, צוגעבן, אַז דאָס איז נישט די נאַטירלעכע און די דויערנדיקע שיינקייט פון אַ קוואַל. און וועגן דעם אייגנטלעך רעדט זיך. עס רעדט זיך אויך וועגן דעם (און דאָ וועט קאָלעגע טאַבאַטשניק מסתמא נישט מסכים זיין מיט מיר), וואָס די פילפאַרביקע באַלייכטונג פונעם „פּאַנטאַן" איז גאַנץ אָפט (דער־הויפּט אין די לידער) געווען קינסטלעך, און וואָס עס זיינען געווען פאַלן, ווען די ליכט־קאָלירן האָבן זיך נישט געפּאַסט איינס צום אַנדערן. זאָג איך עס, „כדי אים (משה נאַדירן) נאָך מער צו פּאַרמינערן און צו צעברעקלען"? אָ, ניין, איך זאָג עס נאָר, כדי די, וואָס „ווילן זיך נישט שיידן מיט דעם נאַדיר־צויבער", זאָלן נישט שאַפן קיין קינסטלעכן צויבער־נאַדיר. צו־וואָס זאָלן זיי האָבן די אילוזיע פון אַ וואַסערפאַל, ווען זיי שטייען פאַר אַ פּאַנטאַן? צו־וואָס זאָלן זיי זיך אויסמאָלן עפּעס אַ גאַנצן בנין, ווו עס איז נישטאָ אַפילו קיין זכר פון אַ פונדאַמענט?

קאָן מען פרעגן (און דאָ קער איך זיך אום צוריק צו דער פראַגע פון סוביעק־טיוויזם און אָביעקטיוויזם אין אויפנעמען אַ ווערק און זיין שאַפער): — וואָס אַרט עס אַז לעזערס אָדער קריטיקערס האָבן אילוזיעס וואָס ווערט מען אָן ווען מע „גיט אַ גוטן שרייבער אַ ביסל מער ווי אים קומט?" האָב איך דען אַליין נישט געשריבן, — דערמאָנט מיר קאָלעגע טאַבאַטשניק, — אַז דער קריטיקער „מעג אויך מיט־שאַפן און פאַרענדיקן, וואָס דער דיכטער האָט, צוליב אַזאַ אָדער אַן אַנדער סיבה, בלויז אָנגעהויבן..." יאָ, געוויס, נישט נאָר מעג דער קריטיקער מיטשאַפן מיטן דיכטער, ער דאַרף עס טאָן — און אַזוי ווי משה נאַדיר איז, ווי טאַבאַטשניק האָט זיך ריכטיק אויסגעדריקט, אַ קונסט־געשטאַלט, וואָס משה נאַדיר אַליין האָט גע־שאַפן, וואָלטן מיר, קריטיקערס, נישט געדאַרפט דען מיטגיין מיט אָט דעם „נאַדיר־גאַנג" און שאַפן אונדזער אייגענעם, גאַנצן און פאַרענדיקטן משה נאַדירן פון די נאַדיר־פראַגמענטן און נאַדיר־ברעקלעך, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזן?... דער חסרון איז, וואָס משה נאַדיר אַליין איז געווען אַן אויסגעטראַכטער — און אויס־טראַכטן אַן אויסגעטראַכטן פּאָעט איז נישט אין ערך שווערער, ווי אַן אמתן אויס־טראַכטן. בפרט נאָך אַז די קונסט־געשטאַלט משה נאַדיר איז אין דער אמתן דאָך נאָר — שטיקלעך און ברעקלעך פון אַ קונסט־געשטאַלט. מען קאָן גרויס מאַכן גרעסער, מען קאָן אַפילו קליין גרויס מאַכן, ווען עס איז גאַנץ, אָבער אַ צעבראָכן טעפּל קאָן מען נאָר איינדראַטעווען, גאַנץ מאַכן עס קאָן מען נישט. אַ שברי־כלי, מעג עס זיין גאָלד און זילבער, קאָן נישט ווערן קיין כלי שלם...

בכלל אָבער מעג אַ קריטיקער, חזר איך איבער, מאַכן פון גרויס גרעסער. אַזוי ווי דער דיכטער, איז אויך ער נישט מחויב צו אַנטדעקן דעם אָביעקט, וואָס אינספּי־רירט אים צו שרייבן, ער מעג אים אויך אַ ביסעלע דערפינדן, ד"ה דערשאַפן. עס איז נאָר נייטיק אַז דאָס וואָס ער גיט־צו דעם קעגנשטאַנד, וואָס דינט אים פאַר אַ מאָדעל, אַזוי צו זאָגן, זאָל זיין פון דעם זעלביקן שטאָף, פון וועלכן דער מאָדעל איז געקנאָטן. דער קריטיקער מעג, מיט אַנדערע ווערטער, אויסציִען די

ליניע פון דעם שעפערישן מענטשן, וועגן וועלכן ער שרייבט, — בתנאי, ער זאָל זי זעען אין יענעמס ריכטונג. ער מעג שאַפן פון אַ קלענערן יש אַ גרעסערן, אָבער נישט קיין יש מאַין. באַגייסטערונג, עקסטאַז קאָן זיין אַ טייל פון קרעאַטיווער קריטיק, עס איז אָבער נישט קיין ציל פאַר זיך אַליין. עס ווענדט זיך — פון וואָס און פון וועמען מען כאַפּט התפעלות. סתם אַזוי אַריינפאַלן אין עקסטאַז איז קיין קונץ נישט. יידיש האָט אַ וואָרט פאַר דעם: קעלבערנע התפעלות. דאָס בילד, וואָס מיר זעען פאַרגרעסערט אינעם קריטיקערס מיקראָסקאָפּ, דאַרף זיין ווערט פאַרגרעסערט צו ווערן. עס דאַרף אויך זיין מסוגל געזען צו ווערן אין אַ פאַרגרעסערטן פאָרמאַט. עס זיינען דאָ זאַכן, אויך פאָרטרעטן, וואָס עס איז בעסער פאַר זיי, ווען זיי זיינען נישט מאַסיוו; מען מאָלט זיי געוויינטלעך אין מיניאַטור־פאָרעם... סתם אַזוי פאַרגרעסערונג איז אָפט נישט מער ווי גוזמא, און מגזם־זיין מיינט אָפט נישט וועלן מאַכן עפּעס (אָדער עמעצן) גרעסער, נאָר, פאַרקערט גאָר, באַהאַלטן די מורא, טאָמער איז עס (אָדער ער) אַזוי קליין, אַז אָן אַ פאַרגרעסער־גלאָז וועט מען (אָדער אים) בכלל נישט זעען. ווו די מורא איז נישטאָ, איז סתם אַזוי פאַרגרעסערן מעלות פונקט אַזוי נישט פּאַסיק, ווי פאַרגלעטן פון חסרונות. דאָך שאַדט נישט צו געדענקען, אַז ווען עס רעדט זיך נישט וועגן פאַרשענערן אייניציקע שיינע שטריכן און פאַרגלעטן אייניציקע פעלערן, נאָר מען נעמט אַ שרייבער, וואָס מען האָט אים ליב, און מען מאַכט פון אים אַ לעגענדע, מען הייבט אים אויף אויף אַ העכערער מדרגה. דאָס איז, אַזוי צו זאָגן, ראָמאַנטישע קריטיק, — און ראָמאַנטיק איז אין קריטיק פון קונסט נישט ערגער ווי אין קונסט גופא.

עס קאָן אָבער אויך געמאָלט זיין אַ קריטיק, וואָס זאָל זוכן אויסצומיידן יעדן ראָמאַנטישן אָדער אַפילו בלויז אימפּרעסיאָניסטישן סוביעקטיוויזם.

דעם אידעאַל פון אַזאַ מין אָביעקטיוויסטישער קריטיק האָט אין אַ בריוו צו מיר אויסגעדריקט נ. ב. מינקאָוו, אַ קריטיקער, וואָס אַזוי ווי א. טאַבאַטשניק, איז ער אויך אַ פּאָעט. „אידעאַליזירן אָדער מינימיזירן, שרייבט ער, איז נישט גאָר שווער. שווער איז טאַקע צו זיין גערעכט, שווער איז צו געפינען יענע מדרגה אָביעקטיווקייט, וואָס זאָל זיין פשוט, פאַרשטענדלעך און באַפרייט פון דעם עמאָציאָנעלן כלאַם. וואָרעם בלויז דער עמאָציאָנעלער באַלאַסט (באַגייסטערונג אָדער אין־כעס־ווערן) שטערט צוצוקומען צום אמת. און עס איז דאָ אַן אמת, וואָס מיר אַלע פילן און דערקענען. די דיאַלעקטיק וויל אונדז בלויז צעטומלען: אַז ווייס איז, אונטער געוויסע אומשטענדן, שוואַרץ, און אַז שוואַרץ קאָן, אונטער ספּעציעלע באַדינגונגען, אויסזען ווי ווייס. די זאַך איז אַ סך טיפער; ווייס איז ווייס און שוואַרץ איז שוואַרץ. דעריבער צווייפל איך אין דעם גאַנצן ענין קריטיק. אויב זי איז אַ קונסט, האָט זי נישט קיין קריטישן ווערט, איז זי דעמאָלט נאָך אַ זשאַנער אין דער שיינער ליטעראַטור און נישט מער. אויב זי קאָן נישט זיין קיין וויסנשאַפט, האָט זי (דאָך) בלויז דעמאָלט אַ ווערט, ווען מען באַפרייט זי פון אַלע אימפּולסיווע, עמאָציאָנעלע צודעקן, ווען מען קען דורך איר דערזען די סאַמע עניוותדיקע טעטיקייט פון גייסט — זיך דערשלאָגן צום ריינעם קערן פון דערקענטעניש. דעריבער, טראַכט איך אָפט, האָט אַנאַליז אַ ווערט בלויז אויף אַזוי פיל אויף וויפל ער פירט צום פשוטסטן סך־הכל, צום אמת. (זיין ציל איז) אורטיילן אָן שום עמאָציאָנעלן אַריינמישן זיך, אורטיילן — אָט ווי ספּינאָזאָ האָט געלערנט. און דאָס פעלט

דער קריטיק. זייער ווייניק קריטיקערס גיט זיך עס איין. און אויב עס גיט זיך איין — איז בלויז פון צייט צו צייט. אַזעלכע זעלטענע פּאַלן שעץ איך זייער הויך. זיי זיינען די מיילשטיינער, די וועגווייזערס. מיר, דער יינגערער דור, מיר קענען צופיל שמד־שטיק, מיר זיינען גאַנצע חכמים... דער איינציקער וועג אונדזערער דאַרף זיין: באַפרייען זיך פון די סאָפיסטישע, דיאַלעקטישע אַנוווקסן. זאַכלעכקייט, פּשוטע זאַכלעכקייט, ערלעכע, אָן טרוים וועגן לאָרבער־קראַנצן, אָן די אַלע פּאָזעס. אויך שיין־שרייבעריי איז אַזאַ פּאָזע. אויך דאָס איז אַ מין עקסהיביציאָניזם. און איך געטרוי נישט די שיין־שרייבער. „טרוקענער" סטיל איז ערלעכער סטיל. דאָס, וואָס פינקלט נישט אויף דער אויבערפלאַך, קאָן זייער אָפט לייכטן אינעווייניק".

געפעלן מיר עטלעכע אויסדרוקן אין ג. ב. מינקאָווס בריוו זייער שטאַרק, — דער־הויפּט איז מיר נאָענט זיין איינשטעלן זיך פּאַר זאַכלעכקייט. כ׳וואָלט אויך אָנגע־נומען זיין עפּיגראַם: „טרוקענער סטיל איז ערלעכער סטיל". איך וואָלט אים נאָר אַ ביסל איבערגעדרייט. כ׳וואָלט געזאָגט: „ערלעכער סטיל איז „טרוקענער" סטיל („טרוקענער" אין געגנזנפּיסלעך). „טרוקנקייט" אַליין פּאַר זיך איז נאָך נישט קיין סימן פון געדאַנקלעכער ערלעכקייט. אַ מאָל נעמט זי זיך דערפון וואָס די געדאַנ־קען זיינען טרוקענע, הילצערנע, טויטע. ס׳איז אָבער ריכטיק, אַז דער, וואָס דענקט ערלעך פּוצט זיך נישט, מאַכט נישט קיין אָנשטעלן, קאָקעטירט נישט מיט שיינע ווערטער, חנפט זיך נישט מיט זיינע זשעסטן, — איז „זאַכלעך". און אוודאי איז ריכטיק וואָס ג. ב. מינקאָוו זאָגט (אין אַ נישט־ציטירטן פּאַראַגראַף פון זיין בריוו) וועגן ווירטואָזיטעט. געוויס דאַרף מען זי נישט צונויפמישן מיט מייסטערשאַפט. דער מייסטער פון וואָרט זאָגט גוט אַלץ, וואָס ער וויל זאָגן. דער ווירטואָז וועט אייך גע־פינען ווערטער פּאַר אַלץ וואָס איר ווילט. אים קומט דאָס אָן לייכט — און איר זעט אָט די לייכטקייט. דער מייסטער מוז שווער האָרעווען ביז אים געלינגט וואָס ער וויל, אָבער איר זעט נאָר דעם רעזולטאַט, נישט דעם פּראָצעס פון זיין שווער־האָרעווען. דאָס האָבן אונדז דערציילט אַ סך שרייבערס, צווישן זיי אויך דזשאָן גאַלסוואָרטי. אין זיין אָריינפּיר צו וו. ה. האָדסאָנס „גרין מענשאָנס" האָט ער דער־קלערט: „גוט שרייבן, אַפילו נאָר קלאָר שרייבן איז אַ האַרבער עניין, אַן עניין, וואָס מען מוז זיך לאַנג און שווער גרייטן צו אים, דאָס איז נישט קיין מתנה פון הימל", — בעת ווירטואָזיטעט איז אָפט באמת „אַ געשאַנק פון הימל", אָבער גאָר נישט אַזאַ טייערער געשאַנק... דאָס איז אַלץ אמת. ס׳איז אויך ריכטיק, אַז „די סאַמע עניוות־דיקע טעטיקייט פון גייסט" איז — „זיך צו דערשלאָגן צום ריינעם קערן פון דעדקענטעניש". די פראַגע איז נאָר, ווי דערשלאָגט מע זיך צו אָט דעם „ריינעם קערן", — דערהויפּט ווען עס רעדט זיך וועגן דעם קערן פון אַ קונסטווערק אָדער אַ קינסטלער. „שיינקייט" — האָט דייוויד יום שוין געוווסט — „איז נישט קיין אייגנ־שאַפט פון די זאַכן גופא; זי עקסיסטירט נאָר אין גייסט פון דעם, וואָס באַ־טראַכט זיי". און נישט נאָר שיינקייט אַליין, יעדע אַנדערע אייגנשאַפט פון זאַכן עקסיסטירט, לויט דער פילאָסאָפיע פון יום, זיינע רבי׳ים און תלמידים, נאָר אין אונדזער אויפנעמען די זאַכן. אָבער לאָמיר זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין אָט דער אַלגעמיין־פילאָסאָפישער פראַגע. בנוגע צו קונסטווערק ווייסן מיר פון אונדזער אייגענער דערפאַרונג אַז די אָביעקטיוויטעט, וועגן וועלכער עס רעדט ג. ב. מינ־קאָוו, איז שווער און אפשר גאָר אוממעגלעך צו דערגרייכן. נישט נאָר שאַפט יעדער איינער אויף זיין אייגענעם שטייגער; אונדזער אויפנעמען, וואָס דער קינסטלער

שאַפט, איז אויך ביי איינעם אַזוי און ביי אַן אַנדערן אַנדערש. „אידעאַליזירן" אָדער „מיניִמיזירן" איז אין קריטיק, דעריבער, אומפאַרמיידלעך. און דאָס איז גאָר נישט אַזוי לייכט, ווי חבר מינקאָוו מיינט. עס איז לייכט סתם אַזוי מגזם צו זיין — אין פּאָזיטיוון אָדער נעגאַטיוון זין; אָבער אידעאַליזירן מיט אַ מאָס און מיניִמיזירן אַזוי, אַז עס זאָל נישט זיין גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין ביטול, — איז גאָר נישט גרינג. זעלטן ווען און זעלטן ווען דאָס געלינגט. אָבער ווען דאָס געלינגט, הייסט עס „זיין גערעכט", כאָטש מען איז נאָך אַלץ סוביעקטיוו.

„זיין גערעכט" איז אין קונסט־פראַגעס נישט אַלע מאָל אידענטיש מיט זיין אָביעק־טיוו. עס איז גענוג, ווען איינער איז גערעכט צו זיך אַליין און צו אַזוינע ווי ער. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, גענוג נאָר דאַן, ווען ער און זיינס גלייכן האָט אַ ווערט. נישט יעדער סוביעקטיוויזם איז באַרעכטיקט. עס ווענדט זיך — ווער דער „סוביעקט" איז. אויב טאָלסטאָיען געפעלט נישט שעקספּיר, איז פאַר אונדז כדאי צו הערן פאַר וואָס, ווען מיר זאָלן אַפילו זיין מיינונג נישט אָננעמען. אויב הײַנע גיט אַ נייע אָפּשאַצונג פון דאָן קיכאָט אָדער שײַלאָק, איז זי זייער ווערטפול, מעג זי זיין ווי אינדיווידועל.

קיין אַנדערע אָפּשאַצונגען און קיין אַנדערע כאַראַקטעריסטיקעס פון קינסטלער אָדער קונסטווערק, ווי אינדיווידועלע — זיינען נישטאָ, קאָנען נישט זיין. אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָב איך געבראַכט דערצו ראיות, — און איך וויל זיך צו זיי נישט אומקערן. כ'וויל נאָר ציטירן, וואָס איך האָב דאָ נישט לאַנג אָפּגעשריבן פון אַלדאָוז האָקסליס אַ העלד, — כ'געדענק שוין נישט זיין נאָמען: „אַ לעזער פון אַ בוך", זאָגט אָט דער העלד האָקסליס, „וואָס האָט נישט קיין קאָנטאַקט מיט דעם שרייבערס הויפּט־שטימונג, וועט זיך פילן שרעקלעך געלאַנגווייליקט פון זאַכן, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן מיט דעם גרעסטן ענטוזיאַזם, אָדער... ער קאָן זיך אָנכאַפּן פאַר עפּעס, וואָס פאַרן שרייבער איז עס גאָר נישט וויכטיק, און מאַכן עס פאַרן תוך און תמצית פונעם בוך". און נישט נאָר אַ געוויינטלעכער לעזער, אויך אַ קריטיקער קאָן עס אַ מאָל טאָן. אָבער ער דאַרף זיך מיִען עס אויסצומיידן. זיין ערשטע און וויכטיקסטע אויפגאַבע איז „צו האָבן אַ קאָנטאַקט" מיט דעם שרייבערס הויפּט־שטימונג און אָנגעשטעקט צו ווערן פון זיין ענטוזיאַזם. אָבער ערשט דאַן, ווען ער ווערט פאַרכאַפּט פונעם שרייבערס באַגייסטערונג, אָדער ווען ער ווערט, פאַרקערט, דורכגעדרונגען פון דעם שרייבערס ניכטערקייט, איז זיין קריטיק נישט מחויב צו זיין ענלעך צו דער קריטיק פון אַן אַנדערן. ווייל אויב זי האָט אַ ממשות און ווערט איז עס נאָר דערפאַר, וואָס זיין איך, — זיין אופן אויפנעמען און אויסדריקן זאַכן, — האָט אַ ווערט, און אויב דאָס איז אַזוי, מיינט עס, מוז עס מיינען, אַז זיין אויפנע־מען און זיין איבערגעבן דאָס, וואָס ער געפינט ביים שרייבער, טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פון זיין איך און איז ווערטפול דערפאַר, ווייל עס איז אַנדערש (און איז אַנדערש פון דעם אופן ווי אַ מענטש מיט אַן אַנדער דערפאַרונג און אַן אַנ־דער כאַראַקטער וואָלט עס אויפגענומען און פאָרמולירט.

דאָס מיינט נישט, אַז נ. ב. מינקאָוו איז אומגערעכט, ווען ער באַהויפּט, אַז „עס איז דאָ אַן אמת, וואָס מיר אַלע פילן און דערקענען". עס איז געוויס דאָ אַזאַ אמת, און מיר אַלע פילן אים און דערקענען אים, אָבער נישט אין דעם זעלביקן גראַד און אויך נישט אין דער זעלביקער פאָרעם. כמה פנים לתורה. די זעלביקע

תורה און דאָס זעלביקע קונסטווערק קאָן מען „פילן און דערקענען“ אויף די פּאַרשיידנסטע אופנים.

אָט איז אַ ביישפּיל פון מיין קאָרעספּאָנדענט, נ. ב. מינקאָוו, און מיר אַליין. „די דיאַלעקטיק, זאָגט ער אין זיין בריוו, וויל אונדז בלויז צעטומלען: אַז ווייס איז, אונטער געוויסע אומשטענדן, שוואַרץ, און אַז שוואַרץ קאָן, אונטער ספּעציעלע באַדינגונגען, אויסזען ווי ווייס. די זאַך איז, זאָגט ער, אַ סך טיפער: ווייס איז ווייס און שוואַרץ איז שוואַרץ“. געפעלט מיר אָט דער פּאַראַגראַף מינקאָווס סיי סטיליסטיש, סיי אינהאַלטלעך. פון דעסטוועגן איז מיין אויספיר, ווייל מיין אויסטייטש פון דעם, וואָס מינקאָוו האָט דאָ געזאָגט, איז אַנדערש ווי זיינער. פון מיין אויסטייטשונג וואָלט מען געקאָנט דרינגען, אַז גראָד צוליב דער טיפער ריכטיקייט פונעם זאַץ, אַז שוואַרץ איז שוואַרץ און ווייס איז ווייס, איז נייטיק צו האָבן אין זינען די דיאַלעקטישע באַהויפּטונגען, אַז ביי געוויסע אומשטענדן און פון אַ געוויסן רעלאַטיוויסטישן שטאַנדפּונקט קאָן געמאָלט זיין, אַז שוואַרץ זאָל נישט זיין שוואַרץ און ווייס זאָל נישט זיין ווייס. דערהויפּט קאָן עס טרעפן אין דער וועלט פון קינסטלערישן שאַפן און קינסטלערישן גענוס. דאָרט קאָנען אַ מאָל די קאָלירן און די ניואַנס־פאַרבן וואָס צווישן שוואַרץ און ווייס, שפּילן אַ גרעסערע ראָלע ווי דאָס דורכויס שוואַרצע און דאָס דורכויס ווייסע.

מינקאָווס רעוואָלטירן קעגן אַזעלכע זאַכן, ווי „עמאָציאָנעלער באַלאַסט“, אָדער געזאַנקלעכע דיאַלעקטיק, איז מיר פּסיכאָלאָגיש פאַרשטענדלעך. די דאָזיקע זאַכן ווערן אַזוי אָפט גענוצט אויף אַן אָפּנאַרערישן אופן, אַז מען קאָן אין כעס ווערן און וועלן אַנטלויפן פון זיי צום פּשוטן עלעמענטאַרן און ערלעכן „צוויי מאָל צוויי איז פיר“, אָדער „שוואַרץ איז שוואַרץ און ווייס איז ווייס“. אָבער דאָס וואָלט געווען פּונקט אַזאַ עקסטרעם ווי יענער סאָרט דיאַלעקטישע שיינשרייבעריי, וואָס ווישט אָפּ אַלע גרענעצן, דערווייטערט זיך פון אַלע לעבעדיקע אמתן און פאַבריצירט אַזאַ מין אימפּרעסיאָניסטישע קריטיק, וואָס איז נישט אימפּרעסיוו און נישט קריטיש.

דער אמתער און ערלעכער אימפּרעסיאָניזם אין קריטיק צעטומלט אונדז נישט און פאַרשטעלט נישט פון אונדז דעם וועג צום אמת, נאָר, פאַרקערט, עפנט פאַר אונדז אַ סך פאַרשיידענע וועגן צו די פאַרשיידענע געשטאַלטן פונעם אמת.

אַזוי ווי נ. ב. מינקאָוו וואָלט איך נישט אַפּלאָדירט די קונצנמאַכערס, וואָס „טאַנצן אויף שימערירנדיקע דראָטן“, כ'וואָלט, אַזוי ווי ער, געוואָלט זען, צי זיי קאָנען מאַכן ערלעכע טריט אויף דער ערלעכער ערד, אָבער — וואָסערע טריט זיינען עכט און ערלעך און וואָסער נישט, ווען איז טאַנצן אויף שימערירנדיקע דראָטן נישט מער ווי אַ קונץ און ווען איז עס קונסט, — וועגן דעם וואָלטן מיר מסתמא נישט אין גאַנצן און נישט אַלע מאָל געווען איינשטימיק... אָט דאָס איז די אילוסטראַציע צום פּשוטן געדאַנק, אַז נישט אַלע „דערקענען און פילן“ דעם אמת, דערהויפּט דעם קינסטלערישן אמת אויף איין און דעם זעלביקן אופן, אין איין און דעם זעלביקן גראַד. און דאָס מיינט, אַז אַ. טאַבאַטשניקס וועג, דער וועג פון לעגענדע, קאָן אונדז אַ מאָל אויך פירן צום קינסטלערס אמת. ס'איז נישט קיין גלאַטער וועג, ס'איז אויך נישט קיין גלייכער וועג; מען קאָן לייכט פאַרבלאָנדזשען; אָבער אַ וועג איז עס, — און אין געוויסע פאַלן איז עס דער וועג.

7. קריטיק פון „וואָס" און קריטיק פון „ווער"

קאָן די קריטיק זיך באַנוגענען מיטן ווערק, וואָס זי באַטראַכט, אָדער זי מוז זיך אויך רעכענען מיט דעם פּערזענלעכן כאַראַקטער און דער פּערזענלעכער אויפ־פירונג פונעם אויטאָר? דאַרף פאַר איר עקסיסטירן בלויז זיין פּערזענלעכקייט, ווי ווייט זי אַנטפּלעקט זיך אין זיין שאַפן, אָדער אויך זיין פּריוואַטע פּערזאָן?

אונדזערע פּאַרצייטיקע חכמים האָבן געהאַלטן, אַז דער וואָס האָט נאָר תורה אַליין, האָט קיין תורה אויך נישט... דער, וואָס זיין לערנען איז מער ווי זיין טאָן (מצוות), איז געגליכן צו אַ בוים, וואָס האָט מער צווייגן ווי וואָרצלען: דער מינדס־טער ווינט קאָן קומען און אים אומוואַרפן... איז עס געווויס ריכטיק וועגן תורה און בכלל וועגן ספרים, וואָס האָבן צו טאָן מיט אמונה־זאַכן, מיט פרומקייט. אמת, לערנען תורה אַליין — לערנען פון לערנען וועגן — איז אַ גרויסע מצווה; דער עיקר תכלית איז דאָך וויסן וואָס מ׳מעג און וואָס מ׳טאָר נישט, און וויסן נישט צוליב וויסן, נאָר כדי צו געפינען דעם וועג, וואָס מען דאַרף אויף אים גיין און אויסצומיידן קרומע וועגן... דאָס זאָגן אונדזערע הייליקע ספרים — און עס פאַרשטייט זיך, אַז דער, וואָס שרייבט אַזוינע ספרים און האָט די כוונה מענטשן פרימער צו מאַכן, מוז אַליין זיין אַ נאה מקיים, נישט בלויז אַ נאה דורש. ער מוז זיין אַליין פרום; אויב נישט, וועט זיך עס פילן אין זיין ריידן, אין זיין שרייבן, און ער וועט נישט קאָנען ווירקן אויף אַנדערע. דאָס איז קלאָר.

אָבער מיר האָבן שוין לאַנג אַ נייעם סאָרט ספרים — אַזוינע, וואָס זיינען נישט קיין מוסר־ספרים. מיר האָבן ביכער. זיי פאַרשאַפן אונדז פרייד — פון אַן איינפאַכערן אָדער אַן איידעלערן מין. דאָס זיינען קונסטווערק, ווי אויך די וויסנ־שאַפטלעכע ווערק פון שעפערישע מענטשן, — און כאָטש צווישן זיי זיינען זיכער דאָ אויך אַזוינע, וואָס קאָנען אונדז מאַכן בעסער, אַפילו פרימער, ווי מיר זיינען — איז זייער טבע דאָך פריִער ווי אַלץ צו זיין פאַר אונדז אַן איבערלעבונג, ד״ה נישט צו לערנען אונדז וואָס גוט און וואָס שיין איז, וואָס אמת איז און וואָס שקר, נאָר צו געבן אונדז פאַרזוכן דעם טעם פון פיינקייט און שיינקייט און אמתדיקייט — דעם טיפערן און פאַרבאַרגענעם טעם פון לעבן בכלל, און נישט נאָר פון זיין געהויבנ־קייט, אויך פון זיינע שטרויכלונגען און סכנות — זיינע אָפּגרונטן. דאָס שאַרפט אונדזערע חושים, מאַכט רייכער און טיפער אונדזער וויסן, אויך אונדזער געפיל־וועלט; דאָס פאַרגרעסערט אונדזער אינעווייניקסטע לעבנס־דערפאַרונג. אָבער וואָס איז שייך צו קונסט, איז זי פריִער ווי אַלץ אַליין אַ שטיק ווונדערלעכע דערפאַרונג, אַפט ווונדערלעכער, ווי דער גענוס פון נאַטור־שיינקייטן. דעם שיינעם פּייזאַזש, האָט געזאָגט אַ פראַנצויזישער עסטעטיקער — דאַכט זיך, גיוֹאָ — שאַפן מיר אַליין, בעת אויפנעמענדיק אַ קונסטווערק זיינען מיר זאַלבענאַנד: שותפים צום פאַרמעגן און צו דער שעפערישקייט פון אַ קינסטלער. און ער לייגט אַריין נאָך אַ גרעסערן חלק ווי מיר...

איז די פראַגע: צי קאָנען מיר זיך באַנוגענען מיט דער עלית נשמה, וואָס ער האָט בעתן שאַפן און וואָס שטראַלט אַרויס פון זיין שאַפונג, אָדער מיר דאַרפן זיך נאָכפרעגן אויך אויף די וואָכעדיקע טעג פון זיין לעבן און זען צי האָט אויך זייער נשמה אין זיך אַ ניצוץ פון זיין שעפעריש־שבתדיקער נשמה יתירה. די

פראַגע איז, מיט אַנדערע ווערטער: צי איז אַ קונסטווערק כשר נאָר דאַן, ווען דער שאַפער שטייט אויף איין מדרגה מיט זיין שאַפונג, אָדער עס איז רעכט אַז ער זאָל זיבן מאָל פאַלן, אויב נאָר ער שטייט־אויף און הייבט זיך אויף, ווען עס רוט אויף אים די שעפערישע שכינה?

דאָס איז אַן אַלטע פראַגע, אָבער אין אונדזערע צייטן שטעלט מען זי זייער זעלטן בנוגע צום קינסטלערס אָדער דעם דיכטערס ריין־פערזענלעכער הנהגה: מע מאַכט זיך נישט ווויסנדיק פון איר אָדער מען געפינט אויף איר, ווען זי געפעלט אונדז נישט, כלערליי תירוצים: „קינסטלערישער טעמפעראַמענט“ „ירידות, וואָס פירן צו עליות“ וכדומה. אַנדערש איז, ווען דער קינסטלער ווערט געזעלשאַפטלעך אָדער פאָליטיש געשטרויכלט: דאַן טרעפט אויך אין אונדזערע טעג אַז מען וואַרפט אים אַריין אין חרם, און נישט נאָר אויף אים אַליין איז מען גוזר, אַז לא יבוא בקהל — מען פסלט זיינע ווערק, און מען פסלט זיי אַפילו דאַן, ווען זיי האָבן אין זיך נישט קיין שמץ פון דעם חטא, וואָס פאַר אים איז דער שרייבער אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון דער מחנה.

דאָס איז געווען דער וועג פון די נאַציס, ווען זיי זיינען געווען ביי דער מאַכט: זיי האָבן געברענט די ביכער, געאסרט די מאַלערייען און סקולפטורן פון זייערע געזעלשאַפטלעך־פאָליטישע שונאים: די ייִדן און די באָלשעוויקעס. דאָס איז אויך דער באָלשעוויסטישער מעטאָד: נישט איין מאָל האָבן מיר געלייענט אַז אין דער אָדער יענער סאָוועטישער מדינה האָט מען „אויסגערייניקט“ אַלע ביבליאָטעקן, ד״ה מען האָט אַרויסגעוואָרפן פון זיי די ווערק פון שרייבערס, וואָס זיינען נישט קיין קאָמוניסטן, אַזוי ווי מען שליסט זיי אויס פון די ענציקלאָפעדיעס וכדומה אויסגאַבעס. און מען טוט עס נישט צוליב דער נישט־כשרקייט פון די ביכער וואָס זיי האָבן געשריבן, נאָר, גאָר פשוט, דער שרייבער איז נישט מער קיין פערסאָנאַ גראַטאַ ביי דער פאַרטיי — איז טריף זיין בוך, כאָטש אַליין פאַר זיך איז עס אָן אַ סרכא.

אַזוי קוקן אויפן ענין טאָטאַליטאַריער פון אַלע קאָלירן: נישט בלויז וואָס איינער שרייבט איז וויכטיק — אויך ווער עס שרייבט עס. צום באַדויערן זיינען זיי נישט די איינציקע, וואָס האָבן אַזאַ קוק.

אַ סך פון די, וואָס פראָטעסטירן, ווען מען באַשולדיקט זיי אין ניצן מעטאָדן פון פאַשיזם אָדער באָלשעוויזם, האַלטן פון דעסטוועגן, אַז אויב, אַ שטייגער, קנוט האַמסון איז פאָליטיש און געזעלשאַפטלעך געשטרויכלט געוואָרן און נידעריק געפאַלן, דאַרפן זיינע ווערק באַשטראָפט ווערן פאַר זיינע זינד — כאָטש פאַקטיש ווערן מיר אַליין באַשטראָפט, ווען מיר וואַרפן אַרויס פון אונדזער ביבליאָטעק גוטע ביכער נאָר דערפאַר, וואָס דער שרייבער האָט געטאָן שלעכטע זאַכן.

אין אַ סך פון אונדז איז אַריין דער דיבוק פון פאַנאַטיזם — פון אַ פאַנאַטיזם, וואָס היינטער אים באַהאַלט זיך אָפט גאָר צביעות — און ווי נאָר אַן אלישע בן אבויה, אַ גרויסער אָדער אַ קליינער, ווערט אַ שטיקל אחר, זאָגן מיר נישט, אַז מיר וועלן זיך דערווייטערן פון אים אַליין און פון זיין קליפה, אָבער זיין תוך, זיינע ווערק וועלן מיר נישט אויפהערן צו געניסן (תוכו נאכל וקלפתו נזרק) — ניין, ווי־באַלד אַז ער האָט זיך פאַרזינדיקט, פסקענען מיר, זיינען אונדז דערווידער אויך זיינע גוטע אויפטואונגען.

זיינען מיר גערעכט?

מענטשן, וואָס האָבן אַ קאָנטראָל איבער זיך אַליין און לאָזן נישט זייערע עמאָציעס, שוין נישט גערעדט וועגן זייערע פּאַראורטיילן, באַהערשן זייער געדאַנק, האַלטן, אַז מיר זיינען אומגערעכט.

אַזאַ גייסטיקן אַליין־קאָנטראָל האָבן אַרויסגעוויזן די רעדאַקטאָרן פון דעם אַמעריקאַנער זשורנאַל „פּאַרטיזען רעוויו" אין דעם יאָר 1949. ווי האָבן געדרוקט אַפּרופן פון העכסט אָנגעזעענע אַמעריקאַנער און ענגלישע שרייבערס אויף דער באָללינגען־פּרעמיע, וואָס מען האָט דעמאָנסטראַטיוו געגעבן דעם ענגליש־אַמעריקאַנער פּאָעט עזרא פּאַונד. ווי באַוווּסט, האָט פּאַונד בעת דער מילחמה געלאָזט זיך אויסנוצן פון דעם איטאַליענישן פאַשיזם און געהאַלטן ראַדיאָ־רעדעס קעגן אַמעריקע, קעגן דעמאָקראַטיע, קעגן יידן. מען האָט אים שפּעטער געמישפּט פאַר פאַרראַטן זיין פאָטערלאַנד, און אויב מען האָט אים נישט פאַרשיקט אין תפיסה, איז עס געווען דערפאַר, וואָס מען האָט אים (אַ דאַנק שתדלנות פון גוטע פריינד און פאַרערערס) אַריינגעזעצט אין אַ משוגעים־הויז. אָבער נישט געקוקט אויף דעם האָט אַ זשורי, וואָס איז באַשטאַנען פון העכסט אויטאָריטאַטיווע פּאָעטן און קריטיקערס מיט טי. עס. עליאָט בראש — אים צוגעטיילט די פּרעמיע פון דער באָללינגען פונדאַציע. די מערהייט פון דער זשורי האָט זייער גוט געוווּסט, אַז עס זיינען דאָ טיף־ערנסטע געזעלשאַפטלעך־מאָראַלישע מאָטיוון קעגן באַערן עזרא פּאַונדן מיט אַ פּרעמיע פאַר זיינע לידער (ווינציקסטנס, איינער פון די זשורי־מיטגלידער, דער פּאָעט קאַרל שאַפּיראָ, האָט שריפטלעך אָנגעגעבן זייער וואָגיקע אורזאַכן, פאַר וואָס ער שטימט קעגן פּרעמירן דאָס בוך פון אַ פּאָעט, וואָס איז אין אַ משוגעים־הויז). דאָך האָט די זשורי געגעבן עזרא פּאַונדן די פּרעמיע. זי האָט זיך גערעכנט, האָט זי דערקלערט, בלויז מיט דעם קינסטלערישן ווערט פון זיינע „קאַנטאָס". „צו לאָזן אַנדערע באַטראַכטונגען, אַ חוץ דעם מאָטיוו פון פּאָעטישער אויפטואונג, צו ווירקן אויף דעם באַשלוס, וואָלט צעשטערט, האָט די זשורי געשריבן, די באַדייטונג פון דער פּרעמיע און וואָלט פּרינציפּיעל פאַרלייקנט די גילטיקייט פון יענער אָביעקטיווער אויפפאַסונג פון ווערטן, אויף וועלכער יעדע ציוויליזירטע געזעלשאַפט מוז זיך האַלטן".

צי איז די דאָזיקע דערקלערונג באמת טאַקע אָביעקטיוו און אומפּאַרטייאיש און ווי ווייט קאָנען ווערטן, בפרט נאָך עסטעטישע און עטישע ווערטן, בכלל האָבן אַן אַבסאָלוט־אָביעקטיוון כאַראַקטער — דעם דאָזיקן אַבסטראַקטן ענין וויל איך דאָ נישט אָנרירן, אַזוי ווי איך וויל זיך דאָ נישט אַריינלאָזן אין חקירות וועגן דער מער קאָנקרעטער פראַגע פון עזרא פּאַונדן, זיין פּאָעזיע, זיין אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם. כ'האָב דעם עפּיזאָד דערמאָנט נאָר כדי אָנצווייזן אויף דעם אופן, ווי דער דערמאָנטער הויך־קולטורעלער זשורנאַל האָט אויף אים רעאַגירט. ער איז נישט אַריינגעפאַלן, ווי מען פאַלט אַריין אַזוי אָפט ביי אונדז אין היסטעריע, האָט נישט געמאַכט קיין גוואַלדן, כאַטש ווי אַן אַרגאַן, אין וועלכן עס קומען צום וואָרט דערהויפּט אַנטי־פאַשיסטן און יידן, איז ער געווען אַבסאָלוט קעגן דער זשורי און קעגן איר דערקלערונג, פאַר וואָס זי האָט געהאַלטן פאַר איר חוב אָפּצוגעבן עזרא פּאַונדן גראָד איצט אַזאַ כבוד. „פּאַרטיזען רעוויו" האָט זיך נישט געכאַפּט זידלען דער זשורי־מערהייט, שוין נישט גערעדט וועגן וועלן שטעלן אירע מיטגלידער מחוץ למחנה אָדער, ווינציקסטנס, אויפהערן דרוקן זייערע ווערק. ניין, דער זשורנאַל האָט

זיך נישט פאַרגונען קיין חרם־ און באַיקאָט־שטימונג. וואָס־זשע דען? ער האָט פאַרעפנטלעכט אַ לייט־אַרטיקל, אין וועלכן ער האָט פּאָלעמיזירט מיט דער זשורי וועגן די פּרינציפּן און די מעטאָדן פון וואָרט־קונסט און קריטיק. אין דעם זעלביקן נומער אָבער האָט ער געבראַכט אַן אויספירלעכע קריטישע אָפּשאַצונג פון עזרא פּאונדס פּאָעזיע, געשריבן פון דזשאַן בעררימאַן, איינער פון פּאַונדס הייסטע חסידים. דערמיט האָט דער זשורנאַל באַוויזן, אַז ער שטייט, ווי אַלע מאָל, שטאָל און אייזן פאַר דער פרייהייט און אומאָפּהענגיקייט פון קינסטלערישער קריטיק. בעררימאַן אָדער עליאָט מעג זיך האָבן זיין מיינונג, — און אַ רעדאַקטאָר פון „פּאַרטיזען רעוויו" מעג האָבן זיין מיינונג, ווען עס קומט צו אַזאַ פראַגע, ווי געבן אָדער נישט געבן אַ פּרעמיע אַ פּאָעט, וואָס איז פאַשיסטיש און אַנטיסעמיטיש. דער רעדאַקטאָר האַלט, אַז מען האָט אים די פּרעמיע נישט געטאָרט געבן. אויב מען האָט אים זי געגעבן, איז עס דערפאַר, גלייבט ער, וואָס די צו פאָרמאַליסטישע אַמעריקאַנער ליטעראַטור־קריטיק פון די 40ער יאָרן האָט צופיל איבערגעבויגן אין דער צווייטער זייט דעם שטעקן פון דער פריערדיקער דעקאַדע, ווען די ליטעראַטור־קריטיקערס זיינען געווען צופיל פאַרכאַפּט פון (מאַרקסיסטישער) פּאָליטיק. אַזוי צי אַזוי, — „פּאַרטיזען רעוויו" האָט געהאַט שאַרפע טענות קעגן עזרא פּאַונדן און קעגן די, וואָס זיינען גרייט געווען אים אַלץ מוחל צו זיין פאַר זיינע פּאָעטישע אויפטואונגען און זיין קינסטלערישער ווירקונג אויף די מאָדערנע פּאָעטן, אָבער כאָטש דער זשורנאַל איז אַרויסגעטראָטן קעגן זיי, איז ער נישט געווען גרייט זיי דורס צו זיין. און ער דרוקן זייערע דערקלערונגען אינאיינעם מיט די דערקלערונגען פון די וואָס זאָגן קלאָר אַז זיי זיינען קעגן פּרעמירן אַזאַ פּאָעט ווי עזרא פּאונד, ערשטנס דערפאַר, וואָס ער איז אַן אַנטיסעמיט און צווייטנס דערפאַר, ווייל זיי גלייבן נישט אַזוי ווי אַנדערע גלייבן אַז עס איז מעגלעך, אַז אַ מענטשנס העסלעכע אידייען און נידעריקע געפילן זאָלן זיך נישט אָפּרופן אויף זיין פּאָעטישן שאַפן. אָבער אַפילו זיי פּראָטעסטירן נישט קעגן דעם, וואָס דער זשורנאַל דרוקט אַרטיקלען, וואָס לויבן עזרא פּאַונדס לידער. אַפילו זיי פאַלט נישט איין צו טראַכטן אַז ווי באַלד עזרא פאונד, ווי אַ פּערזאָן, געפעלט אונדז נישט, דאַרפן מיר מער נישט האָבן צו טאָן מיט זיינע ביכער. זיי פאַלט עס נישט איין, כאָטש זיי זאָגן אָפן אַז שפּורן פון זיין האַס צו יידן מערקן זיך דאָ און דאָרט אויך אין זיין פּאָעטישן שאַפן. אַזוי ווי בכלל אָבער איז זיין פּאָעזיע פריי פון זיינע פּערזענלעכע פאָראורטיילן און האָבן אין זיך שטאַרקע סימנים פון אָריגינאַליטעט, זיינען זיי נישט גרייט מוותר צו זיין אויף די ווערטן, וואָס זי פאַרמאָגט...

איז עס אפשר דערפאַר, וואָס זיי זיינען גויים אָדער פאַרגויישטע און דינען דער „עבודה זרה" פון קונסט? אפשר. אָבער אָט איז לודוויג לויסאָן, אַ יידישער און מ׳קאָן זאָגן — אַ יידישלעכער שריפטשטעלער, כאָטש ער שרייבט ענגליש. האָט ער אָנגעשריבן אַ באַגייסטערט בוך וועגן געטען. ווייס נישט לויסאָן, אַז געטעס און זיינע ווערק זיינען נישט געווען פריי פון אַנטי־יידישע און אַנדערע פאָראורטיילן? ער ווייס עס. אָבער, שרייבט ער צו ד"ר טרודע ווייס־ראָזמאַרין, רעדאַקטאָרין פון זשורנאַל „דזשויש ספּעקטייטאָר", זיין העכסט־פּאָזיטיווע שטעלונג צו דעם דיכטער פון „פאַוסט" איז נישט „קיין פּרווו רייניצוואַשן אַפילו געטען אַליין, וואָס איך באַוואונדער אים און ליב אים און באַטראַכט אים ווי דאָס בעסטע מיטל קעגן

דער גייסטיקער בהלה פון אונדזער צייט. ייִדן מוזן איין מאָל פאַר אַלע מאָל פאַרשטיין דעם כאַראַקטער פון די גייסטיקע רעאַקציעס פון דער מערב־וועלט בנוגע צו זיי ווי אַ היסטאָרישן פענאָמען. אויב מיר זאָלן אויסמיידן אָט דעם אַקט פון אינטע־לעקטועלער אַקצעפּטירונג, וואָלטן מיר פאַרמישפּט געוואָרן צו אַ האָפענונגלאָזן פּראָווינציאַליזם. דאָס איז שווער, אָבער דאָס איז דער איינציקער אויסוועג. וואָלט איר וועלן, פרעגט ער, אויפהערן צו לייענען, לאָמיר זאָגן, טשאָסער, גיבבאָן, וואָל־טער, טעקערײ, דיקענס, שעקספּיר אָדער קומענדיק צו אונדזער צייט, סקאָט, פּיטצ־דזשעראַלד, דרייזער און טאָינבי און טאָינביס פאָרגייער אייטש. דזש. וועלס? וואָלט איר וועלן אויסמיידן טי. עס. עליאָטן?" עס קאָן זיין, זאָגט ער, אַז עס איז דאָ אַ טיפער, כאָטש אַ באַגרענעצטער, אמת אינעם ווערטל אַז „אַלע גויִים זיינען רשעים", אָבער... לוִיסאָן האַלט, אַז צוליב דער רשעותדיקער קליפּה פון דער מערב־קולטור קאָנען מיר נישט אַוועקוואַרפן איר תוך...

איז ער גערעכט?

אַ סך גלייבן אַז ער איז אומגערעכט. דאָס אתה בחרתנו־געפיל בנוגע צו ייִדישקייט, נישט בלויז צום ייִדישן פאָלק, איז לעצטנס שטאַרק אין דער מאָדע. — און זעלטן ווער עס דערוועגט זיך איינצושטימען מיט אַ לודוויג לוִיסאָן אָדער אַ מאַרטין בובער, אַז די געטעס, די גויִים, האָבן אונדז אויך וואָס צו זאָגן. איך דער־וועג זיך אָבער צו צווייפלען צי מיר ייִדן האָבן אַ חזקה אויף דעם געדאַנקענגאַנג, וואָס האַלט, אַז אויב דער פריץ, דער מחבר, איז טריפה, — איז טריפה אויך זיין גייסטיקער גראָשן — און אַפילו זיין גייסטיקער מיליאָן און אַז מיר האָבן בכלל גענוג אייגנס און דאַרפן צו פרעמדס נישט אָנקומען. דאָס איז אַ גאַנץ פאַרשפּרייטע און גאַנץ אַלטע שיטה. איך דערמאָן זיך, אַז אַזאַ נישט־ייִד ווי קאַליף אָמאַר זאָל האָבן געזאָגט עפּעס ענלעכס. ער האָט געפסקנט, אַז די באַרימטע ביבליאָטעק אין אַלעקסאַנדריע האָט קיין שום ווערט נישט געהאַט און אַז מ'האָט זי, דעריבער, געמעגט און געדאַרפט פאַרברענען. ממה נפשך, האָט ער געטענהט: איז אין אַלע מאַנוסקריפּטן וואָס האָבן זיך דאָרט געפונען, געשטאַנען דאָס אייגענע וואָס אין קאָראַן (דעם קאַליפס תורה), זיינען זיי געווען איבעריק, און אויב זיי האָבן אין זיך געהאַט עפּעס וואָס איז אין קאָראַן נישטאָ, זיינען זיי געווען שעדלעך... און דער פאַרשטייער פון דער מוסולמאַנישער אמונה איז נישט געווען דער איינציקער גוי, וואָס האָט גע־האַלטן, אַז אין זיין תורה איז דאָ דער גאַנצער אמת. אַזוי האָבן געגלייבט און גלייבן אויך איינגעגלייבטע מענטשן פון אַנדערע אמונות, נישט דווקא פון אונ־דזער ייִדישער אמונה. בין איך, דעריבער, נישט זיכער צי דער וועג פון די צווישן אונדז, וואָס זיינען איצט נוטה מבטל צו זיין די גאַנצע וועלט, איז באמת טאַקע דער איינציק ייִדישער וועג. עס איז גאַנץ מעגלעך, אַז אַזוי ווי דער אַראַ־בישער מושל וואָלט געקאָנט געפינען פאַר זיך היפּשע עטלעכע ווערטפולע זאַכן אין דער צענטראַלער ביבליאָטעק פון דער אַמאָליקער מערב־קולטור, אַזוי קאָנען מיר ייִדן נישט אַזוי לייכט אָפּזאָגן זיך פון די „ספרים חיצונים", וואָס עס שאַפן די „רשעים", די גויִים, די רעפּרעזענטאַנטן פון דער היינטיקער קולטור.

איי־וואָס, מיר האָבן טענות — און שטאַרקע טענות — צו די פון זיי, וואָס פּערזענלעך זיינען זיי נישט פריי פון רשעות? איז, ערשטנס, סתם רשעות, נישט דווקא קעגן ייִדן, אויך אַ רשעות, — און פון איר זיינען אונדזערע אייגענע מחברים

אויך נישט אַלע מאָל פריי. וואָלט מע זייערע ווערק אויך געדאַרפט אַריינלייגן אין חרם, און צווייטנס — און דאָס איז דער עיקר — אַזוי ווי אין דער ספּערע פון טאָג־טעגלעכע מעשים אינטערעסירן אונדז די מעשים גופא (און אַפילו אַז עס קומט צו שלעכטע מעשים, זוכן מיר אויסצוראָטן „די זינד, נישט דעם זינדיקן”), דאַרף אויך אין דער וועלט פון קינסטלערישער און וויסנשאַפטלעכער שעפערישקייט זיין וויכ־טיק פאַר אונדז וואָס איינער האָט געשאַפן, נישט ווער עס איז דער, וואָס האָט עס געשאַפן.

דערמיט וויל איך, פאַרשטייט זיך, נישט זאָגן, אַז עס איז נישטאָ קיין שום שייכות צווישן דעם טאַלאַנט, וואָס פילט זיך אין דעם קינסטלערס ווערק, און זיין פּערזענלעכן כאַראַקטער. אָ, ניין, טאַלאַנט און כאַראַקטער האָבן צווישן זיך אַ זייער נאָענטע שייכות, — און די קריטיק טאָר עס נישט פאַרגעסן. זי מוז אָבער אויך אין זינען האָבן דעם פאַקט, אַז נישט שטענדיק זיינען זיי ביידע דער פאַרמעגן פון איין מענטשן... „נישט קיין טאַלאַנט, דערפאַר אָבער אַ כאַראַקטער”, האָט היינע איראָניזירט וועגן אַטטאַ טראָל, דעם „טענדענציעזן בער”. וועגן היינען אַליין האָט מען, פאַרקערט, געזאָגט: „כאַראַקטערלאָז, אָבער וואָס פאַר אַ טאַלאַנט!” צי איז עס טאַקע ריכטיק געווען, וואָס בערנע און אַנדערע האָבן געטראַכט וועגן היינעס „כאַ־ראַקטערלאָזיקייט” — איז אַן אַנדער פראַגע. עס איז אָבער קיין שום ספק נישטאָ, אַז בכלל איז טאַלאַנט מיט כאַראַקטער אינאיינעם נישט אַזאַ אָפטע זאַך, ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין. אָפטער טרעפט זיך טאַלאַנט באַזונדער און כאַראַקטער באַזונ־דערס, וואָס זייער הויפּט־כוח איז דער כוח פון ווילן, פון התמדה, כאָטש אַ מאָל גליקט זיי אָפּ און זיי אַרבעטן זיך, אַזוי צו זאָגן, אַרויף אויף טאַלאַנט. פאַרקערט, זיינען דאָ אַזוינע, וואָס זינגען, „ווי דער פויגל זינגט”, געבוירענע טאַלאַנטן. זיי אַרבעטן נישט אויף זיך, זיי קולטיווירן נישט די פעיִקייטן, מיט וועלכע זיי זיינען גע־בענטשט געוואָרן פון דער נאַטור. און אַ גרויסן טייל שרייבער וואָלט מען געקאָנט שאַצן לויט דעם, וואָס עס שפּילט אין דעם פּראָצעס פון זייער שאַפן אַ גרעסערע ראָלע — זייער איינגעשפּאַרטע ווילנסקראַפט, זייער שטרענגע דיסציפּלינירטקייט, זייער קלאָרער צילבאַוווסטזיין און בכלל זייער עטישע פּערזענלעכקייט אָדער יענע פרייע און פלאַטערדיקע גאָטס גאָב וואָס מיר רופן־אָן טאַלאַנט.

אַזאַ מין אָפּשאַצונג איז שווער צו מאַכן, ווייל עס איז אין דער אמתן זייער שווער און כמעט אוממעגלעך אָנצוצייכענען דעם גרענעץ, וואָס טיילט אָפּ אַרבעט פון שאַפונג אָדער כאַראַקטער פון טאַלאַנט *). אָבער ווען עס זאָל געלינגען דורכ־צופירן אָט דעם גרענעץ, וואָלט מען געקאָנט ריידן וועגן צוויי גאָר באַזונדערע לי־טעראַרישע אויפטואונגען: א) אַזוינע, אויף וועלכע עס ליגט דער שטעמפּל פון גרויסער מאָראַלישער אָנשטרענגונג אָדער מסירת־נפש, און ב) אַזוינע, וואָס זייער הויפּט־קוואַל איז „טאַלאַנט”. עס וואָלט דאַן קלאָר געוואָרן, ווי זעלטן עס זיינען שרייבערס, אין וועלכע כאַראַקטער און טאַלאַנט גיסן זיך האַרמאָניש צונויף.

און ווען איך רייד וועגן אָט דעם האַרמאָנישן צונויפגיסן זיך פון טאַלאַנט און כאַראַקטער, מיין איך נישט דעם געוויינטלעכן פאַל, ווען איינער, וואָס שרייבט, זאָגן מיר, עכטע לירישע לידער אָדער גוטע דערציילונגען, איז צו גלייכער צייט אויך

---

*) זע מיינע „געקליבענע שריפטן” I, ז״ז 327—352.

אַ מאָראַלישע פּערזענלעכקייט. דאָס איז „קיין קונץ נישט". דאָס איז, פאַרקערט, גאָר אפשר אַ מוז. וואָרעם, אויב מען איז נישט מחויב צו זיין אַ קינסטלער, כדי צו זיין מאָראַליש (הגם עס איז אַ קונסט — צו זיין מאָראַליש) מוז מען זיכער האָבן אין זיך עפּעס פון עטישן באַוווסטזיין — מען מוז האָבן אַ חוש פאַר ווערטן — צו זיין שעפעריש. צווישן דעם „עטישן" און דעם „עסטעטישן" איך אונדזערן איז געוויס דאָ אַ גרעסערע אינעווייניקסטע שייכות ווי אַ סך טראַכטן, און ס'איז גאַנץ נאַטירלעך און אפשר גאָר אומפאַרמיידלעך, אַז דער וואָס איז מיט אַן אמת באַגאַבט, זאָל זיך אויסצייכענען מיט זיין געפיל פון מאָראַלישער פאַראַנטוואָרטלעכקייט, ווייל וואָס איז, סוף־כל־סוף, באַגאַבטקייט, אויב נישט די אָדער יענע פאָרעם פון פאַר־שטאַרקטער סענסיוויטעט? וואָס איז דען טאַלאַנט אויב נישט די אינטענסיווע פעי־קייט צו פילן און אַרויסצוברענגען דעם ווערט פון זאַכן? און וואָס איז, פון דער אַנדער זייט, דער תוך פון כאַראַקטער, אויב נישט אָט די טיפע צוגעבונדנקייט צו ווערטן? ובכן, נישט דאָס צוזאַמענטרעפן זיך פון טאַלאַנט און כאַראַקטער איז זעלטן; זעלטן איז, אַז זיי זאָלן אייגס דאָס אַנדערע דורכנעמען און דורכדרינגען אַזוי, אַז דאָס, וואָס מיר רופן אַן קינסטלערישע דערגרייכונג, זאָל אויסזען צו זיין די עסענץ און דער אָרגאַן פון אַ באַוווסטזיניק־עטישן איינשטעל און אַז, פאַרקערט, דאָס, וואָס איז באַקאַנט אונטער דעם נאָמען כאַראַקטער אָדער ווילן־פעסטקייט און איך־גאַנצקייט, זאָל ווערן אַ דינאַמישע קראַפט פון אויסדרוק, אַ כוח וואָס שאַפט פּאָעזיע אָדער פילאָסאָפיע. אַזאַ פאַל פון האַרמאָניע צווישן מאָראַלישן באַוווסטזיין און קינסטלערישן דראַנג האָבן מיר געהאַט אינעם שאַפן פון אברהם ליעסין. ווען איך זאָל אין צוויי ווערטער וועלן אויסדריקן דעם כאַראַקטער פון א. ליעסינס פּאָעזיע, וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס איז פּאָעזיע פון כאַראַקטער. אָבער דאָס איז אַ זעל־טענער פאַל. נישט אין ערך אָפטער הערן מיר וועגן קינסטלערס און שריפטשטע־לערס דאָס, וואָס מען האָט אַזוי אָפט געזאָגט וועגן היינען: אַ ריזיקער טאַלאַנט, אָבער אַ שוואַכער כאַראַקטער... ווען מען זאָל גלייבן וואָס ביאָגראַפן דערציילן וועגן וואָלטערן אָדער וואָס זשאַן זשאַק רוסאָ דערציילט וועגן זיך אַליין, וואָלט מען נישט געקאָנט קומען צום אויספיר, אַז ווו געניאַליטעט, דאָרט איז מאָראַלישע פעסטקייט. טאָלסטאָי, וואָס אין דעם פּרט, אַזוי ווי אין אייניקע אַנדערע פּרטים, איז ער געווען רוסאָס אַ תלמיד, האָט זיך אַליין אין זיין „קאָנפעסיע" („ווידוי") נישט אַרויסגעשטעלט פאַר קיין גרויסן צדיק. און שוין אין יאָר 1864, ווען ער איז געווען נאָך גאָר יונג, האָט ער אין זיין טאָגבוך פאַרשריבן, אַז — „דער פּאָעט נעמט אָפּ דאָס בעסטע ביי זיין לעבן און לייגט עס אַריין אין זיין שרייבן. דערפאַר איז זיין שרייבן שיין און זיין לעבן מיאוס". קיין כלל איז עס נישט, פאַרשטייט זיך, אָבער אויפן סמך פון אונדזערע אייגענע באַקאַנטשאַפטן מיט טאַלאַנטפולע שרייבערס וואָלט שיר נישט יעדער פון אונדז געקאָנט אילוסטרירן די באַהויפּטונג, אַז טאַלאַנט און כאַראַקטער זיינען שיר נישט תרתי דסתרי.

אָבער דער ענין איז נישט אַזוי פשוט. שוין דערפאַר אַליין, וואָס ווען עס קומט צו באַשטימען יענעמס כאַראַקטער אָדער כאַראַקטערלאָזיקייט, זיינען מיר אַלע נאָך מער סוביעקטיוו, ווי ווען מיר פּרווון אָפּשאַצן דעם אַנדערנס טאַלאַנט אָדער טאַ־לאַנטלאָזיקייט. עס קען, דעריבער, זיין, אַז אין דעם אָדער יענעם קאָנקרעטן פאַל האָבן מיר אַ טעות: אונדז דאַכט זיך, אַז דער און דער איז נישט קיין שיינער מענטש,

כאַטש ער שאַפט אַזױנע שײנע זאַכן; אין דער אמתן אָבער האָט זײן לעבן אפשר גאָר נישט װאָס צו שעמען זיך פאַר זײן שאַפן, נאָר בעת זײנע װערק ליגן פאַר אונדז אָפן, איז זײן אױפפירונג פאַר אונדז אַ בוך, װאָס איז פאַרשלאָסן מיט זיבן שלעסער... יענעמס נשמה איז פאַר אונדז אַ טונקעלער סוד, זאָגט אַ רוסיש װערטל, און אין פרק שטײט דעריבער: אל תדין את חברך עד שתגיע למקומו, — מישפט נישט דעם אַנדערן, װוּ דו װײסט נישט — און װען װײסטו? — אַלע אומשטענדן פון זײן לעבן. און אױב אײנער זוכט מאָראַלישקײט בײ אַנדערע, דאַרף ער זיך נישט אײלן צו דערקלערן, אַז ער האָט זי ניט געפונען. אפשר האָט ער נישט גע־זוכט, װוּ מען דאַרף. אפשר האָט ער נישט געזוכט װאָס מען דאַרף. פון װאַנען איז ער עס אַזױ זיכער, אַז ער װײסט פונקט װאָס ס׳הײסט זײן גוט און פרום? גראָד דער, װאָס װיל אַלײן זײן גוט און פרום, װאָלט נישט געדאַרפט װעלן נעמען אױף זיך די פאַראַנטװאָרטלעכקײט פאַר זײן אַזױ אײנגעגלײבט אין זיך אַלײן און אין דעם אײגענעם מאָראַלישן געשמאַק... אָבער לאָמיר אָננעמען, אַז עס זײנען דאָ און אַז עס זײנען אַלע מאָל געװען דיכטערס און דענקערס װאָס זײער לעבן איז אָפּגעשטאַנען פון זײער שאַפן. לאָמיר גײן װײטער און צוגעבן, אַז עס זײנען תמיד געװען און אַז עס זײנען דאָ אַפילו אַזױנע, װאָס זײער לעבן זעט אױס צו זײן דער היפוך פון זײערע װערק. מײנט עס, אַז עס איז באמת טאַקע אַ סתירה צװישן זײער עטישן און עסטעטישן (אָדער פילאָסאָפישן) איך און אַז זײ האָבן באמת טאַקע נישט קײן חוש פאַר מאָ־ראַלישע װערטן? כ׳בין כלל נישט זיכער אין דעם. ס׳איז בײ מיר אַפילו אַ ספק, צי מוז דער נאה דורש זײן תמיד אַ נאה מקיים, ד״ה צי איז ער נישט דערמיט גופא, װאָס ער איז אַ נאה דורש, שױן אױך אַ נאה מקיים. געװיס קאָן טרעפן, אַז ער זאָל זײן אַן אײנפאַכער צבועק, אָבער אין דעם פאַל איז ער קײן נאה דורש אױך נישט. קײנער װעט נישט באַװירקט װערן פון זײן „פרײדיקן װאַסער״, אױב פון זײן מױל (אָדער זײן פען) הערט זיך דער ריח פון „דעם װײן, װאָס ער טרינקט״. אָבער אמתע װערטער, אמתדיק געזאָגט, זײנען נישט קײן „װערטער, װערטער, װערטער״, נאָר — װערטן, נישט קײן פוסטער דרש, נאָר לעבן, געדאַנקען־לעבן, גע־פיל־לעבן, װוּ דאָס לעבן פון געדאַנקען װעקט געדאַנקען אין אַנדערע, דאָס לעבן פון געפילן צינדט אָן יענעמס געפיל, אַזױ, אַז דעם שרײבערס שעפערישע ענערגיע װערט אַ קװאַל פון נײער ענערגיע. דאָמען ראַלאַנס מײנונג אַז „אַ געדאַנק, װאָס פירט נישט צו האַנדלונג איז אַ פאַרױס באַשטימטער דורכפאַל אָדער אַ פאַרראַט״, האָט נישט קײן ממשות, װײל אַן אמתער געדאַנק פירט, פריִער אָדער שפּעטער, צו אַקציע. ער איז אַזױ װי אַ דינאַמאָ־מאַשין. זי מאַכט אַז רעדער זאָלן זיך דרײען. מעג זי זײן װי אָפּגערוקט פון זײ... די װערק פון אַ טאָלסטאָי, אַ דאָסטאָיעװסקי, אַ ניטשע זײנען געװען און געבליבן אַ קװאַל פון מעכטיקער װירקונג, — און מיר זוכן אַן ענטפער אױף דער פראַגע, װי אַזױ איז עס מעגלעך. װי אַזױ האָט אַ טאָלסטאָי געקאָנט מאַכן אַנדערע פאַר אַסקעטישע קריסטן, בעת אין אים אַלײן האָט געלעבט אַזאַ גרױסער עולם הזהניק און אַזאַ שטיק געצנדינער? װי אַזױ האָט אַ דאָסטאָיעװסקי געקענט אױפרודערן דעם עטישן באַװוּסטזײן פון דער מענטש־הײט, װען עס זאָל אַפילו נאָר טײלװײז זײן אמת, װאָס מען דערצײלט װעגן אים אַלײן? װי האָט אַ ניטשען געקענט געלינגען די געשטאַלט — און די פילאָסאָפיע — פון דעם איבערמענטש מיט זײן װילן צו מאַכט, אױב ער אַלײן, װי זײן שװעסטער דערצײלט, איז געװען אַ רך־לבב?

דער תּירוץ איז: נישט אַלע מאָל לייגט דער שאַפער אַריין אין זיינע ווערק דאָס, וואָס איז אַ טייל פון זיין וואָר; אָפט איז זיין שאַפן די פאַרווירקלעכונג פון זיין חלום און זיין חלום איז, ווי איר ווייסט פון פרוידן, זיין אונטערבאַוווסטזיין. וואָס ער קען נישט דערגרייכן אין דער ווירקלעכקייט, פאַרקערפערט ער אין זיינע ווערק. דאָס וואָס בלאָנדזשעט אַרום, ווי אַ נאַקעטע נשמה, אָן אַ קערפער, אין דעם לעבנס עולם התוהו, געפינט אַ תּיקון אין רעליגיע, אין פילאָסאָפיע, אין קונסט.

אויף אירע נידעריקערע טרעפ איז קונסט אַן אָפּרוף; אויף אירע העכערע מדרגות איז זי — אַן אַרויסרוף. זי ווייזט עפּעס דעם לעבן און פרעגט: „האָסט עס"? מיט אַנדערע ווערטער, דער קינסטלער פון וואָרט, און יעדער אַנדערער קינסטלער, גיט אונדז אַ מאָל אין זיינע שאַפונגען נישט וואָס ער איז, נאָר וואָס ער וויל זיין. דאָס וועלן זיין עפּעס, דאָס בענקען און לעכצן נאָך עפּעס איז אפשר אַ טיפערער קוואַל פון שעפערישקייט, ווי דאָס, וואָס מען איז. ווער ווייסט, צי וואָלט טאָלסטאָי זיך געריסן אַזוי צום „געטלעכן קיניגרייך" און צי וואָלט ער געקענט שרייבן וועגן דעם אַזוי איבערצייגנדיק און אַזוי שטאַרק ווען ער זאָל נישט האָבן געווען אַזוי מענטשלעך און אַזוי ערדיש? ווער ווייסט צי זיינע ווערק וואָלטן געהאַט אַזאַ ווירקונג אויף די גאַנדיס, ווען ער זאָל אַליין האָבן געווען אַ מאַהאַטמאַ גאַנדי? און — דער עיקר — ווער ווייסט, צי ער וואָלט דאַן גאָר געהאַט דעם סטימול און דעם כּוח צו שרייבן זיינע ווערק? גאַנדי, דער מייסטער פון גרויסער טאַט, איז נישט געווען קיין גרויסער קינסטלער פון וואָרט. און ווען טאָלסטאָי זאָל האָבן פּראַקטיצירט דאָס, וואָס פילט־אָן זיין שאַפן, וואָלט ער אָדער זיך צופרידנגעשטעלט מיט זיין גוטן לעבן און נישט געהאַט מער קיין אימפּולס צו שרייבן, אָדער ער וואָלט אויסגעשעפּט געוואָרן פון די גרויסע מעשׂים און מער נישט געהאַט קיין כּוח פאַר גרויסע קונסטווערק...

די אויבנדערמאָנטע סתּירה צווישן טאָלסטאָיס פּערזאָן און זיין פּערזענלעכקייט, דער געראַנגל צווישן זיין לעבן און זיין שאַפן ווייזן קלערער, ווי יעטווידער אַנדער ביישפּיל, די קאָמפּליצירטקייט, די דראַמאַטישע אָדער, אויב איר ווילט, טראַגישע קאָמפּליצירטקייט פון דער פראַגע, וואָס מיר באַטראַכטן איצט, — פון דער פראַגע: וואָס? אָדער ווער? לויבט ד'עריבער לענגער זיך אָפּצושטעלן אויף דער פּראָבלעם „טאָלסטאָי".

די ערשטע זאַך איז כּדאַי זיך צו דערמאָנען אַז ער אַליין האָט זיך נישט איין מאָל געקלאָגט אויפן פעלן פון האַרמאָניע צווישן זיינע עטישע אידעאַלן און זיין ווירקלעכקייט. ער האָט נישט געוואַרט ביז אַנדערע וועלן קומען און אים אָנווייזן אויף דעם.

ער האָט פון דער אינעווייניקסטער סתּירה מוראדיק געליטן — און געזוכט אַ רעטונג. ער האָט נישט איין מאָל געוואָלט אויפגעבן זיין קינסטלערישע טעטיקייט כּדי זיך אַריינצוטאָן אין גאַנצן אין פאַרווירקלעכן זיין לעבנס־פילאָסאָפיע. ער האָט מער ווי איין מאָל געמאַכט פרווון אַוועקצוגיין פון זיין סביבה, פון זיין פאַמיליע, וועלכע איז געווען נישט אין זיין גייסט. ביידע זאַכן זיינען אים נישט געלונגען: ער האָט נישט אויפגעהערט, נישט געקאָנט אויפהערן צו שאַפן קונסטווערק און ווען ער איז, ענדלעך, אַ קראַנקער צוויי־און־אַכציק־יעריקער זקן, אַנטלאָפן פון יאַסנאַיאַ־פּאָליאַנאַ — האָט אים אָנגעיאָגט דער טויט... באַדויערט מען וואָס עס איז נישט געווען קיין פולער פרידן צווישן דעם שאַפן און דעם לאַנגן און רייכן לעבן

פון דעם געניאַלן שריפטשטעלער. נאָר צי איז טאַקע אַט דער ריס געווען אַזוי גרויס, אַזוי טיף, ווי מען רעכנט? און אויב יאָ — פון וואַנען האָט ער זיך גענומען? און נאָך אַ וויכטיקע פראַגע: ווי אַזוי איז עס מעגלעך געווען אַז דער ריס זאָל דעם זקן פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ נישט שטערן צו מאַכן אַזאַ מעכטיקן רושם אויף דער מענטשהייט סיי מיט זיינע ווערק, סיי מיט זיין פּערזענלעכקייט? אויב די מאָראַלישע טענדענץ און די קינסטלערישע ענערגיע זיינען אין זיינע ווערק נישט געוואָרן איינס, היינט ווי קאָנען זיי זיין אַזוי גרויס, אַזוי איין־און־איינציק? עס האָט געדאַרפט פּאַרמינערט ווערן אָדער זייער מאָראַלישער, אָדער זייער עסטעטישער ווערט. און אויב עס איז אמת, אַז טאָלסטאָיס לעבן איז געווען פול מיט סתירות צווישן וואָרט און טאַט, כוונות און מעשים — היינט פאַר וואָס האָבן אַפילו די גרעסטע קעגנערס זיינע, וועלכע האָבן דאָס אים אויפגעוואָרפן, געהאַט דאָך צו אים פערזענלעך דעם טיפסטן צוטרוי?

מיר דאַכט זיך, אַז די פראַגעס אַליין צווישן אונדז צו טראַכטן, אַז די דיסאָנאַנסן אין טאָלסטאָיס לעבן און שאַפן זיינען גאָר נישט געווען אַזוי טיף און אַזוי שאַרף ווי ער אַליין און אַנדערע האָבן גערעכנט. דאָס זאָגט אונדז אויך דער אומ־מיטלבאַרער איינדרוק, וואָס מיר האָבן פון טאָלסטאָיען. דאָס איז נישט קיין איינדרוק פון צעריסנקייט, — פאַרקערט, ס'איז אַ רושם פון מאַכט און אינעווייניקסטער גאַנצקייט. נישט נאָר די יוגנט־ראָמאַנען, אויך די עטיש־פילאָסאָפישע, פּעדאַגאָגישע און רעליגיעזע שריפטן זיינע האָבן געקאָנט שטאַמען נאָר פון אַ מענטשן וואָס איין ציל האָט אַנגעפילט זיין גאַנצע גרויסע נשמה און וואָס איין איינהייטלעכער ווילן האָט אים געפירט אויף זיין וועג. אַ מענטש וואָס איז צעקריגט מיט זיך אַליין, האָט נישט אַזאַ קלאָרע שטים, גייט נישט מיט אַזאַ פעסטן טראָט. האָט געמעגט זיין ווי אויפריכטיק זיין שלאָגן זיך על חטא אין האַרצן און זיין כאַפּן זיך אַליין ביי סתירות און נישט־אויסגעהאַלטנקייטן — בלייבט דאָך דער איינדרוק פון אים ווי פון אַ פולן שטראָם וואָס אָן וויפל פעלדזן און אָן וויפל דאַמבעס ער זאָל זיך נישט אָנשטויסן, גייט ער זיין וועג... קראַפט, זיכערקייט, זוניקע קלאָרקייט — ווי קומען אַהער סתירות, ריסן, טאָפּלטקייטן?

טרעפן זיי זיך טאַקע אין דער אמתן נאָר אויף די ברייוועגן, נישט אויפן דרך המלך פון טאָלסטאָיס שאַפן. אין עצם איז קיין מאָל נישט געווען ביי אים קיין סתירה צווישן זיין זעען דאָס לעבן און זיין זוכן דעם זין פון לעבן. זיין אָפענע מאָראַלישע טענדענץ (און זי איז געווען שוין אין זיינע יוגנט־ווערק) האָט נישט צעשטערט און אַפילו נישט געשטערט זיין גרויסע קונסט. זיינע טיפע קינסטלערישע קוואַלן האָבן נישט אויפגעהערט צו שלאָגן און צו קוויקן אונדז מיט זייער פרישקייט אויך אין אַזוינע ווערק ווי „קרייצער סאָנאַטע" אָדער „תחית המתים", כאָטש זיי זיינען געשריבן מיט אַ גאַנץ באַשטימטער כוונה. דער דיכטער פון „קאָזאַקן", זיין יוגנט־ווערק, האָט אונדז גלייך אין אָנהייב געזאָגט, אַז וואָס מיינט ביי אים פאַר וואָס און צוליב וואָס. אין „קאָזאַקן" איז שוין געווען דער גאַנצער טאָלסטאָי! און ווען מען לייענט אַפילו די שטעלן, וואָס שטאַמען פון טאָלסטאָי דעם פרייידיקער, דאַכט זיך, אַז זיי זיינען אַן אָרגאַנישער טייל פון זיין שאַפן. ווי אַזוי דאָס ווערט דערגרייכט — דאָס איז דער סוד פון דעם געניאַלן מייסטער און מענטשן... אַפּלערנען דערפון, אַז אַלע מעגן און מוזן זיין טענדענציעז, איז אַן אומזין. נישט אַלע קאָנען, נישט

אַלע מעגן טאָן וואָס עס פאַרגינט זיך אַ טאָלסטאָי. אָבער נישט וועגן דעם רעדט זיך דאָ. איך האָב געוואָלט זאָגן אַז גראָד ער, טאָלסטאָי, וועלכער האָט אַזוי שטאַרק און אַזוי אָפט מאָראַליזירט און פילאָסאָפירט אין זיינע ווערק — האָט ווינציקער ווי יעדער געליטן פון דעם קעגנזאַץ וואָס איז געוויינטלעך דאָ צווישן דעם סאָציאַל־רעפאָרמאַטאָרישן און דעם קינסטלערישן סאָרט שרייבן.

אויב מען קאָן און מען מוז רעדן וועגן אַ דראַמאַטישן קאָנפליקט אין פאַר־בינדונג מיט דעם שאַפער פון „קריג און פרידן", איז עס די קאָליזיע, וואָס איז געווען אין זיין טאָג־טעגלעכן לעבן.

אין זיין פערזענלעכן לעבן איז באמת נישט געווען קיין פרידן, קיין איינשטי־מיקייט צווישן זיינע כוונות און זייער פאַרווירקלעכונג. מיט אַלע כוחות פון זיין נשמה האָט ער געוואָלט איבערמאַכן די גאַנצע וועלט — און געמוזט זי דולדן, ווי זי איז אין זיין נאָענסטער סביבה. פון אַלע לענדער איז מען געקומען פרעגן צו אים עצות, לערנען זיך ווי צו לעבן אויף דער וועלט — און אויף זיינע אייגענע פרוי און קינדער (אַ חוץ אַ פּאָר פון די טעכטער) האָט ער ניט געהאַט די מינדסטע ווירקונג. עס איז דערגאַנגען ביז צו טראַגישע לעכערלעכקייטן. אַ שטייגער: מען זעצט זיך צום טיש עסן. דערלאַנגט מען אים און זיינע פריינד מילכיקס — אַליין אָבער עסן די פרוי און די קינדער פלייש... דער „גרויסער שרייבער פון דער רוסי־שער ערד" קאָן נישט אויספירן, אַז מען זאָל אין הויז ביי אים נישט טאָן דאָס, וואָס באַליידיקט און פאַרשעמט אים... צו זיין שטים הערט זיך צו די גאַנצע מענטשהייט, נאָר נישט זיין הויזגעזינד! „ביי דעם טיש, ווען טאָלסטאָי האָט גערעדט, דערציילט לערואַ באָליע, האָבן די זין שלעכט פאַרמאַסקירט זייער לאַנגווייליקייט און אומ־צופרידנהייט ...

ער וויל אין גאַנצן אַוועקגיין פון הויז — און האָט קיין כוח נישט אויסצופירן דעם באַשלוס. שוין אין יאָר 1897, דרייצן יאָר פאַר זיין טויט, האָט ער אָנגעשריבן אַ בריוו צו זיין פרוי, ווו ער האָט איר געמאָלדן, אַז ער האָט, ענדגילטיק, נאָך לאַנגע יסורים, באַשלאָסן צו טאָן דאָס, וואָס ער האָט שוין לאַנג געוואָלט טאָן: אַוועקגיין — און איז געבליבן אין דער היים. „ער איז געווען שוואַך, זאָגט ראָמען ראָלאָן, — ער איז געווען אַ מענטש, און דערפאַר אייגנטלעך האָבן מיר אים ליב". דאָס איז אמת. אָבער פאַרוואָס איז ער פאָרט געווען אַזוי שוואַך, ווען עס איז געקו־מען צו דער פאַרווירקלעכונג פון די טיפסטע ווונטשן פון זיין נשמה?

ווען ער זיצט ביי זיין שרייבטיש, שאַפט ער און מאַכט חרוב וועלטן; מיט די גרעסטע און מיט די קלענסטע מענטשן טוט ער וואָס ער וויל; אַן איינפאַכער פויער, אַ פּלאַטאָן קאַראַטאַיעוו, ווערט ביי אים אַ פילאָסאָף; נאַפּאָלעאָן — אַ קאַרליקל; וויל ער — דערהייבט ער נשמות, און אַז ער וויל — ווערט פון זיי שטויב. אַלץ קאָן ער, ווען ער איז ביי זיך אין קאַבינעט און האַלט די פען אין האַנט. אָבער אין הויז ביי זיך איז ער קיין באַלעבאָס נישט; דאָרט קיניגט די באַאַבטע, דעספּאָטישע, האַלב־היסטערישע סאָפיאַ אַנדרייעוונאַ. זי האָט אַלץ, וואָס זי האָט פאַרמאָגט, אָפּ־געגעבן דער קונסט פון לעבן, בעת אַלע זיינע געניאַלע כוחות זיינען אַוועק אויפן לעבן פון דער קונסט... הונדערטער טויזנטער מענטשן אין אַלע עקן וועלט ווערן טאָלסטאָיאַנער, גייען אַוועק פון דער מאָדערנער ציוויליזאַציע און ענדערן דעם שניט און שטייגער פון זייער לעבן... זייער פאַסיווער ווידערשטאַנד צו מיליטער־

דינסט ברענגט זיי אין תפיסה, פאַרשאַפט זיי יסורים, אָבער זיי בלייבן פעסט, זיי גיבן זיך נישט אונטער... זיי, די פשוטע חסידים, זיינען שטאַרקער פון רעגירונגען; ער, דער רבי, דער גרויסער גייסטיקער פירער, איז ביי זיך אין הויז אָנמאַכטיק... זיינער אַן אָנהענגער, גאַנדי, ווערט אַ געפאַר פאַר דער ענגלישער אימפּעריע און אין זיין אייגענעם לעבן מאַכט ער אַן אמתע איבערקערעניש, אָבער גאַנדיס לערער, טאָלסטאָי, קאָן נישט טאָן וואָס ער וויל מיט די רעכט אויף זיינע אייגענע ווערק, ווייס נישט ווי אַרויסצופּלאָנטערן זיך פון היימישע סצענעס. זיינע אינטימע טאָג־ביכער מוז ער אויסבאַהאַלטן ווי אַ שול־יינגל, און טאָמער פירט ער יאָ עפּעס אויס, איז עס נאָר מיט דער הילף פון טשערטקאָוון... יאָ, דער מיטלמעסיקער סעקטאַנט טשערטקאָוו איז „שטאַרק״, און ער, דער גאון עולם, דער שטאָלץ פון דורות, — איז „שוואַך״ און „אומבאַהאָלפן״!

ער האָט, אָפּנים, געקאָנט נאָר שרייבן, נאָר ריידן — זאָגן די פּיליסטערס — און פון ריידן צום טאָן — לייגן זיי אַרויס זייער חכמה — איז אַ גרויסער מהלך... און זיי ווייזן־אָן זעלבסטצופרידן אויף דער אָנמאַכטיקייט פון וואָרט.

אָבער אין דעם האָט זיך, אין דער אמתן, אַרויסגעוויזן די מאַכט פון וואָרט. די אויסערגעוויינטלעכע מאַכט וואָס נעמט־צו אַפילו ביי דעם רייכסטן גייסט די גאַנצע ענערגיע, אַלע לעבנס־כוחות... ווען גאַנדי זאָל האָבן געווען אַ גרויסער שריפט־שטעלער, אַ מענטש פון וואָרט און געדאַנק, וואָלט אויך ער מסתמא געבליבן אין זיין רייכן הויז אין דרום־אַפריקע, אַזוי ווי טאָלסטאָי איז געבליבן אַ געפאַנגענער אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. אָבער גאַנדי איז געווען אַ מענטש פון טאַט, האָט ער אוי־בערגעמאַכט זיך אַליין, זיין הויזגעזינד — און פּראַקטיש געווירקט אויף מיליאָנען. דער מאַהאַטמאַ איז געווען אַ גאון פון ווילן, בעת טאָלסטאָיס גרויסער כוח איז דער כח פון וואָרט.

דאָס גרויסע וואָרט פאַרלאַנגט און פאַרשלינגט דעם גאַנצן מענטשן, — אַזוי ווי די גרויסע טאַט. אַפילו אַזאַ פּילזייטיקער גאון, ווי געטע האָט (אין איינעם פון זיינע שמועסן מיט עקערמאַנען) זיך געקלאָגט, וואָס ער האָט זיך נישט קאָנצענטרירט אויפן ליטעראַרישן שאַפן. „ווען איך זאָל זיך האָבן מער צוריקגעהאַלטן פון עפנט־לעכע און געזעלשאַפטלעכע האַווענישן און געקאָנט לעבן מער אין איינזאַמקייט, וואָלט איך געווען גליקלעכער און אַ סך מער אויפגעטאָן ווי אַ דיכטער״.

גרויסע אנשי מעשה, מאַכטיקע פירערס פון פעלקער האָבן זעלטן ווען איי־בערגעלאָזן נאָך זיך געניאַלע שריפטן. זיי זיינען געווען טוערס, נישט קיין מענטשן פון וואָרט. אין דער לעגענדע האָט משה געגעבן די תורה, דוד המלך — תהלים, שלמה — שיר השירים. אין דער אמתן זיינען זייערע אַלע שאַפונג־כוחות צוגע־בונדן און אויסגעשעפּט געוואָרן פון זייערע גרויסע מעשים.

אַזוי האָט טאָלסטאָי זיין שעפערישע אַקטיוויטעט אויסגעגעבן ביזן לעצטן טראָפּן אויף זיינע ביכער. ער האָט אַזוי פיל לעבן אַריינגעלייגט אין די נאַטאַשאַס, אין די באָלקאָנסקיס, אין די אַנאַס, אין די נעכליודאָווס, אין די לעווינס, אַז פאַר אים איז ווייניק־וואָס געבליבן. עס איז גיכער צו באַוווּנדערן דאָס וואָס ער האָט יאָ דערגרייכט (און ער האָט זייער פיל דערגרייכט) אין פּראַקטישן לעבן, ווי דאָס, וואָס אים איז נישט געלונגען אויפצוטאָן. עס איז אפשר גאָר צו באַדויערן, וואָס אַ

טייל פון זיין ענערגיע האָט ער דאָך אָפּגעגעבן אויף אַנדערע געביטן, נישט אויף דעם געביט פון דער וואָרט־קונסט.

אויפן פעלד און אַפילו אין שול האָט טאָלסטאָיען לייכט געקאָנט פאַרבייטן יעדער געזונטער פויער, יעדער ריכטיקער פעדאַגאָג. אין דער ליטעראַטור האָט זיין אָרט קיינער נישט געקאָנט פאַרנעמען, און ווען ע. מ. דע וואָגיוע האָט אַ מאָל דערזען אַ בילד, ווו טאָלסטאָי איז געווען פאָטאָגראַפירט אין פויערשע קליידער מיט אַ זעג אין די הענט, האָט ער זיך געווענדעט צו אים מיט אַ פּאַטעטישן רוף: „מייסטער פון פּרעכטיקע ווערק, דאָס איז נישט אייער געצייג! אונדזער געצייג איז די פּען, אונדזער פעלד — די מענטשלעכע נשמה, וועלכע נייטיקט זיך אויך אין שוץ און נערונג. דערלויבט אייך דערמאָנען דעם אויסגעשריי פון אַ רוסישן פויער, דעם ערשטן רוסישן דרוקער אין מאָסקווע, ווען מען האָט אים געשלעפּט צוריק צום אַקער: „ס'איז נישט מיין אַרבעט צו פאַרזייען די קערנדלעך פון געוויקסן, נאָר צו פאַרשפּרייטן די קערנדלעך פון גייסט". דע וואָגיוע האָט געמאַכט אַ טעות, ווען ער האָט געמיינט, אַז טאָלסטאָי האָט ווען עס איז געוואָלט אָוועקוואַרפן זיין פּען־געצייג, אָבער ער איז געווען גערעכט, ווען ער האָט דערקלערט, אַז דער, וואָס איז מסוגל צו פאַרשפּרייטן „קערנדלעך פון גייסט" איז פּטור פון דער מיצווה צו זייען סתּם אַזוי קערנדלעך... דער שרייבער איז בטבע מער אַ מענטש פון גייסטיקער, ווי פון פיזי־שער זריעה, מער אַ מענטש פון טראַכטן, ווי פון טאָן. ער האָט צופיל אינטערעס פאַר דעם אַלגעמיינעם זין פון לעבנס־פּראָצעס, אַז ער זאָל זיך קאָנען אַריינטאָן אין די איינצלהייטן, וועלכע זיינען וויכטיק פאַר דעם פּראַקטיקער. ער טויג אַנצוציִען דעם זייגער, נישט צו ווערן זיינס אַ רעדל...

איז קיין חידוש נישט, וואָס טאָלסטאָי האָט אַזוי ליכטיק און מיט אַזאַ מאַכט געלאָזט ברענגען זיין ווילן און זיין נשמה אין דעם פייער פון וואָרט, אַזוי, אַז ווען עס איז געקומען צו טאָטן, האָבן די טשערטקאָווס און די סאָפיאַ אַנדרייעוונאַס גע־מוזט זיין שטאַרקער און ענערגישער פון אים. דערצו דאַרף מען געדענקען, אַז דאָס גרויסע וואָרט־שאַפן האָט אים נישט נאָר אויסגעשעפּט. עס האָט אים אויך געגעבן אַ גרויסע מאָראַלישע באַפרידיקונג אָדער לייזונג. ער האָט שוין מער אפשר גאָר נישט געפילט אַזאַ ברענענדיקן דאַרשט צו זיין אַ נאה מקיים נאָך דעם ווי ער איז געווען אַ נאה דורש. דאָס וואָרט איז געווען פאַר אים טאָט. נישט נאָר לעווין אָדער נעכליודאָוו אָדער קאַראַטייעוו האָבן אויסגעלעבט און פאַרווירקלעכט זיינע אי־דייען; איינאיינעם מיט זיי האָט ער אַליין זיי געלעבט... אויב גאָגאָל האָט פון אַ סך געמיינהייטן, ווי ער האָט געשריבן, זיך באַפרייט דורך דעם, וואָס ער האָט זיי אָפּגעגעבן זיינע העלדן, פאַר וואָס זאָל מען נישט פילן זיך פרייער אויך פון גוטע און אידעלע שטרעבונגען נאָך דעם ווי מען האָט זיי פאַרקערפּערט אין קינסטלערישע געשטאַלטן? איז דען נישט ריכטיק אַז דאָס וואָרט, ווען עס קומט אַרויס פון דער טיפעניש פון אונדזער נשמה, לאָדט אונדז אויס און נעמט פון אונדז אַראָפּ די לאַסט? האָט דער פאַרצייטיקער נביא נאָך דעם ווי ער האָט גערעדט, נישט געפילט, אַז ער האָט געטאָן גאָטס שליחות? האָט ער דען געדאַרפט נאָך עפּעס טאָן? אַזוי האָט אויך טאָלסטאָי דורכגעפירט זיין מיסיע אין זיינע ווערק. אין זיי האָט ער רעאַליזירט זיינע אידעלסטע שטרעבונגען און מקיים געווען אַלע זיינע מיצוות...

מען איז זיך אָפּט סומך אויף פאַרצייטיקע זינגערס, פּאָעטן, וואָס פלעגן באַ־

גלייטן די אַרמיי אין קריגסצייט און זי באַגייסטערן. דערפון וויל איך דרינגען, אַז אַ פּאָעט דאַרף עפּעס „טאָן" אויך. דערפון אָבער איז געדרונגען פונקט דער היפוך. נישט געקוקט אויף דעם וואָס אין עקסטרעמער געפאַר פלעגט דער זינגער מסתמא אוועקלייגן די לירע און נעמען די שווערד אָדער די שפּיז אין האַנט, האָט ער אָבער מער ווי מיט זיין שווערד און שפּיז אויפגעטאָן מיט זיין לירע.

אונדזער אייגענער מאָריס ווינטשעווסקי, דער „זיידע", פון דער יידישער קאַמפּס־פּאָעזיע, האָט געזאָגט וועגן דעם רעוואָלוציאָנערן שלאַכטפעלד, אַז —

דאָרטן וועל איך מיינע ברידער
פירן נישט אַלס גענעראַל,
איך וועל נאָר מיט פרייהייט־לידער
זיי דערמונטערן איבעראַל.

דען צום קאַמף וועט מען באַדאַרפן,
יענעם טאָג פון היץ און דראַנג,
חוץ דעם ביקס, דעם שווערד דעם שאַרפן,
אַ באַגייסטערטן געזאַנג...

אַ באַגייסטערטן געזאַנג קאָן אָבער שאַפן נאָר דער, וואָס איז אַ פּאָעט, אַ קינסטלער, דאַרף ער דאָס טאָן און נישט אַרויפשלעפן אויף זיך די גענעראַלישע קליידער, וועלכע פּאַסן אים נישט...

איז אַ פאַקט, אַז טאָלסטאָי איז געווען טאָלסטאָי ווען ער האָט געשריבן, נישט דאַן, ווען ער האָט זיך איבערגעטאָן ווי אַ פּויער און געהאַלטן אַ זעג אין האַנט. ער איז געווען ער אויך אין דער יוגנט, ווען די שטורעמס פון זיינע ליידנשאַפטן האָבן אים אָפט נישט געלאָזן הערן דעם געשריי פון זיין געוויסן און דער גרויסער אומרו פון זיין נשמה האָט נאָר צייטנווייז זיך אַריינגעריסן אין זיינע ווערק. אָבער וואָס ווייטער אַלץ הייסער, אַלץ פיינלעכער איז געוואָרן די אומצופרידנקייט, דער פון זיין גייסט, האָט דאָס פולער געמאַכט זיין שרייבן, וואָס דאָס איז געווען זיין לעבן, און ווען ער איז געזעסן און האָט געשריבן, איז ער געווען מער טאָלסטאָיאַ־נער און האָט מער מקיים געווען טאָלסטאָייזם, ווי דאַן, ווען ער איז געשטאַנען אַ באָרוועסער, אין אַ פּויעריש העמדל און געזעגט האָלץ... אין זיין „ניע מאָגו מאָל־טשאַט", בעט ער אויף זיך מיט אַ גרויזאַמער אויפריכטיקייט דעם „אַנגעזייפטן שטריקל" — און ווען ער שרייבט דאָס, גייט ער צו דער תליה און איז זיך מקריב. אין זיינע טאָגביכער און אין זיינע בריוו דערציילט ער, אַז ער קאָן מער נישט אַרי־בערטראָגן דאָס לעבן אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ — און אַז ער שרייבט דאָס גייט ער אַוועק פון דער פּריצישער היים גייסטיק, און דאָס איז זיין אמתדיק אַוועקגיין, בעת דאָס שפּעטערדיקע אַנטלויפן איז נישט מער ווי אַ סימבאָל...

איז ווער זאָגט דאָס, אַז ער האָט נישט געלעבט אין פולן הסכם מיט די פאָ־דערונגען פון זיין געוויסן, פון זיין מאָראַל? ער האָט דורכויס געלעבט טאָלסטאָייִש אין זיינע שריפטן — דאָרט וווּ עס איז זיין אמת לעבן, זיין אייביק לעבן.

בנוגע צו אַזאַ ווי טאָלסטאָי קאָן קיין שום ספק נישט זיין אַז וואָס אונדז אינטערעסירט אין זיינע ווערק איז — נישט ווער, נאָר וואָס. אָבער ביי אים איז,

ווי מיר האָבן געזעען, דער קאָנטראַסט צווישן זיין שעפערישער פערזענלעכקייט און זיין פּריוואַט־פּערזאָן גאָר נישט געווען אַזוי שאַרף. ביי אַנדערע איז ער נישט איז ערגער שאַרפער. נישט קיין קלענערער פּאָעט ווי פּושקין האָט עדות געזאָגט אַז „ביז ווען אַפּאָלאָ רופט אים נישט צו זיין הייליקן מזבח, איז צווישן אַלע נישטיקע מענטשן דער נישטיקסטער — דער פּאָעט". אָבער נישט נאָר אין פּערזן, אויך אין איינפאַכער פּראָזע האָבן שעפערישע מענטשן נישט איין מאָל אָנגעוויזן אויף אַ דיס־האַרמאָניע צווישן איינעמס שאַפן און זיין לעבן. אַפילו אָסקאַר ווײַלד, וואָס האָט זיך באַרימט, אַז ער האָט זיינע ווערק אָפּגעגעבן זיין טאַלאַנט און (אומשטיינס גע־זאָגט) זיין לעבן — זיין געניאַליטעט, — אַפילו ער האָט געוווסט, אַז בכלל זיינען די טאַלאַנטפולסטע דיכטערס אין זייער לעבן זייער אָפט טאַלאַנטלאָז. פּרוונדיק פאָרמולירן האַמלעטס טראַגעדיע, האָט דער דיכטער פון „דע פּראָפונדיס" געשריבן: „ער איז אַ טרוימער און איז באַרופן צו האַנדלען. ער האָט די נאַטור פון אַ דיכטער — און מען פאַרלאַנגט פון אים, ער זאָל זיך ראַנגלען מיט דער געוויינטלעכער פאַר־פלאָנטערונג פון אורזאַך און ווירקונג, מיט דעם לעבן אין זיין פּראַקטישער גע־שטאַלט, פון וועלכן ער ווייסט גאָר נישט און נישט מיטן לעבן אין זיין אידעאַלן וועזן, פון וועלכן ער ווייסט אַזוי פיל"... דעם דיכטער, וואָס גיט זיך אָפּ מיטן לעבן „אין זיין אידעאַלן וועזן", איז, הייסט עס, שווער אויסצוקומען מיט דער „פּראַק־טישער געשטאַלט" פון לעבן... און נישט נאָר דער אונטערשייד צווישן „אידעאַל" און „פּראַקטיק" ווירקט דאָ. אויך דער פאַקט, וואָס דעם מענטשנס (און אויך דעם שעפערישן מענטשנס) כוחות זיינען, סוף־כל־סוף, באַגרענעצט, האָט דאָ עפּעס וואָס צו זאָגן. נישט יעדערער פאַרמאָגט אַזוי פיל אינעווייניקסטע שיינקייט אַז ער זאָל זי קאָנען פאַרקערפּערן אי אין זיינע ווערק, אי אין זיין טאָגטעגלעכער אויפפירונג.

„מיין לעבן — האָט זיך מודה געווען העבריך דעיוויד טאָראָ, — איז געווען די פּאָעמע, וואָס איך וואָלט געשריבן, אָבער אי לעבן זי, אי זי אויסדריקן — וואָלט איך נישט געקענט". און אויב דאָס האָט געזאָגט טאָראָ, וואָס זיין „וואָלדען" איז אין דער אמתן אי אַ קונסטווערק, אי אַ שטיק אויטאָביאָגראַפיע, — היינט וואָס איז שוין צו ריידן וועגן אַנדערע שרייבער? פון זיי קאָן מען דאָך אוודאי נישט פאַר־לאַנגען אַז זיי זאָל געלינגען אי שרייבן אַ פּאָעמע, אי זי לעבן. מען דאַרף זיך אפשר נישט וווּנדערן וואָס מען געפינט נישט אַ מאָל אין זייער וואָר דאָס, וואָס איז דאָ אין זייער חלום און אין זייער ווערק. מען דאַרף טראַכטן: אפשר וואָלט דאָס גאָר נישט געקענט פאַרקערפּערט ווערן אין ליטעראַרישע שאַפונגען, ווען דאָס זאָל האָבן רעאַליזירט געוואָרן אין לעבן... אפשר וואָלט א. ליעסין, וואָס איז פריער דערמאָנט געוואָרן, גאָר נישט געווען אַזוי העראָיש אין זיינע פּאָעמעס, ווען ער זאָל זיין העלדנטרוים געקענט זען פאַרווירקלעכט? אפשר וואָלט י. ל. פּרץ, ווען ער זאָל האָבן געווען אַ חסיד, נישט געשאַפן זיין „חסידיש"? אפשר וואָלט ער דאַן גאָר יוצא געווען מיטן לעבעדיקן חסידיש? סאָמערסעט מאָהם האָט געשריבן וועגן עמערסאָנען, אַז יענער „וואָלט אפשר געווען אַ בעסערער שרייבער, ווען ער זאָל נישט האָבן געווען אַזאַ שיינער מענטש", און אויב דאָס איז נישט אין גאַנצן ריכטיק וועגן „דעם חכם פון קאָנקאָרד", איז עס ריכטיק וועגן אַנדערע שרייבערס. די שיינקייט פון זייערע ווערק נערט זיך פון זייער פּערזענלעכער שיינקייט — און עסט זי אויף; זייער שאַפן איז אָפט אַ מין אויבערשטער שטאָק, וואָס וואַקסט אויס פון

דער געפּאַלנקייט, דער מורא און דער בענקשאַפט נאָך ריינקייט, וואָס הערשט אונטן... אין דער גייסטיקער וועלט, נישט נאָר אין יאַנקל שאַפּשאָוויטשעס אונ־טערוועלט איז דאָ אַזאַ זאַך ווי צווייִשטאָקיקייט. די ביאָגראַפיעס פון גרויסע רעלי־גיעזע פירערס באַשטייען כמעט אַלע פון צוויי טיילן: א) זינד; ב) הייליקייט. וואָס נידעריקער דער אלף איז געווען אַלץ העכער איז דער בית. עס איז אָבער פאַראַן אַן אונטערשייד צווישן דעם דואַליזם פון רעליגיעזע פירערס, וואָס זיינען געווינט־לעך מענטשן פון טאַט, און דער צוויי־אייניקייט פון וואָרט־קינסטלערס. ביי יענע איז עס אַ צייט־איינטיילונג: פריִער זינד, דערנאָך הייליקייט. ביי די איז עס אַן איינטיילונג אין אָרט: דאָ (אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן) שוואַכקייט, קליינקייט; דאָרט (אינעם שאַפן) מעכטיקייט און גרויסקייט.

אָסקאַר ווײַלדס נאָר וואָס דערמאָנט עדות־זאָגן אויף זיך אַליין, אַז ער האָט זיינע ווערק געגעבן נאָר זיין טאַלאַנט און זיין לעבן — זיין גאונות, — ווערט אָפּ־געפרעגט פון זיין אייגענעם „דע פּראָפונדיס״. זיין וואונדערלעכער ווידוי ווייזט, אַז אין דער אמתן איז אויך ער אין זיין שאַפן געווען גרעסער, ווי אין זיין לעבן, — גרעסער און שענער.

מיינט עס אַז עס איז ביים שרייבער דאָ אַן אָרגאַנישע סתירה צווישן וואָרט און טאַט? ניין, דאָס מיינט נאָר, אַז זיין וואָרט איז, ווי עס איז פריִער שוין געזאָגט געוואָרן, — זיין טאַט. און נישט נאָר דערפאַר ווייל ער לעבט זיך אַליין אויס אין זיין וואָרט. אויך פאַר אַנדערע איז זיין וואָרט אַ לעבנס־קוואַל... אַפילו פון אַ ריין מאָראַלישן שטאַנדפּונקט איז די ווירקונג פון טאָלסטאָיס ווערק דויערנדיקער, ווי גאַנדיס פּראָפּאַגאַנדע דורך טאַט, ווייל אין טאָלסטאָיס ווערק ליגן פאַרבאָרגן אַלע טאַטן פון אַלע איצטיקע און אַלע קומענדיקע גאַנדיס...

און אויב בנוגע צו אַ טאָלסטאָי מעגן מיר זיך רעכענען מיטן וואָס, ווייל ווער איז אויך אַן סכנות, — מוזן מיר אין זינען האָבן וואָס און נישט ווער, ווען עס קומט צו געווייִנטלעכע שרייבערס. קיין אַנדער ברירה האָבן מיר נישט. קריטיק פון ליטעראַטור און קונסט וואָלט אין דעם גרעסטן טייל פאַלן געווען אָדער אוממעגלעך אָדער בלויז נעגאַטיוויסטיש, ווען איר אויסגאַנג־פּונקט זאָל זיין נישט אײנעמס ווערק, נאָר זיין פּערזאָן. מיר האָבן שוין פריִער געבראַכט עטלעכע קאָנקרעטע ביי־שפּילן פון כשרע ווערק, וואָס צוליב זייערע פאַרפאַסערס וואָלטן זיי געהאַט אויף זיך אַ סרכא. נאָך אַ פּאָר ביישפּילן וועלן ווייזן, אַז דאָ רעדט זיך נישט וועגן אויס־נעם־פאַלן. אָט איז אַ דערקלערונג פון דעם ענגלישן שרייבער סט. דזשאָן אירווין. ער האָט זי געמאַכט נאָך דעם ווי ער האָט איבערגעלייענט אַלדאָוז האַקסליס בוך „ענדס ענד מינס״. אין יענעם עסיי וועגן „צילן און מיטלען״ האָט דער ענגלישער ראָמאַניסט געשריבן אַז עס איז שווער צו געפינען אַן אַקטיאָר, וואָס זיין פּראָ־פעסיע זאָל נישט האָבן פאַרדאָרבן זיין כאַראַקטער. האָט דער טעאַטער־קריטיקער סט. דזשאָן אירווין אים באַצאָלט מדה כנגד מדה און געענטפערט, אַז אין פאַר־גלייך מיט שרייבער זיינען אַקטיאָרן — צדיקים: „פרוווט, אדרבה, זיין אייך אַ שימחה, ווו עס זיינען פאַרזאַמלט אַ הונדערט אויטאָרס, וועט איר זען הונדערט קעץ אין איין זאַק. מען רעכנט דאָך, אַז פּאָעטן זיינען די נאָבלסטע גאָטס באַשעפענישן, דאָך איז נישטאָ קיין ערגערער ספּעקטאַקל, ווי ווען פּאָעטן זאָגן איינע וועגן די אַנדערע מיינונגען״... און בכלל, פרעגט ער: „איז דען דאָ נאָך אַ פּראָפעסיע, וואָס

זאָל אַזוי זיין איבערגעפּילט מיט טעמפּע און גייסטלאָזע מענער און פרויען, ווי די שרייבערשע?״ אָבער דאָס, וועט מען זאָגן, איז אַ פּאָלעמישער אָפּרוף, נישט קיין קאָנסטאַטירונג פון פאַקטן. קיין פאַקטן פעלן אָבער נישט. עס שווינבלט און גריבלט מיט זיי די געשיכטע פון יעדער ליטעראַטור. לייענט זי, וועט איר זען, אַז נישט נאָר פראַנסואַ ווילאָן, דער פראַנצויזישער פּאָעט פון 15טן יאָרהונדערט וואָס האָט געשריבן אַזוינע טיף־לירישע און טיף־מענטשלעכע לידער, איז באַשולדיקט געוואָרן אין גנבה, גזלה און רציחה. יעדע ליטעראַטור און שיער נישט יעדע עפּאָכע אירע איז פול מיט ווילאַנס, כאָטש אפילו זייערע ביאָגראַפיעס זיינען נישט אַזוי מעלאָ־דראַמאַטיש און זייערע ווערק נישט אַזוי פּאָעטיש, ווי דעם פראַנצויזס. און אויב איר ווילט זיך פאַרשפּאָרן אַרבעט, באַקענט זיך מיטן ענגלישן בוך: „אַנאַלס אָוו טהי פּאָעטס״, געשריבן פון טש. פּי. סמיט, באַקענט זיך מיט די אַלע ביאָגראַפישע פּרטים, וואָס ער האָט אויפגעזאַמלט, וועט אייך קלאָר ווערן, אַז אויב אַ מער אָדער ווינציקער אָביעקטיווע און גערעכטע קריטיק איז בכלל מעגלעך, איז זי מעגלעך נאָר ווי די קריטיק פון וואָס, נישט ווי די קריטיק פון ווער.

8. קריטיק — און געשטאַלטן, אידייען, טענדענצן

א.

קריטיק נישט פון ווער, נאָר פון וואָס — דאָס איז דער אויספיר וואָס צו אים זיינען מיר נאָר וואָס געקומען. גוט. אָבער אין וואָס זאָל דער קריטיקער זיין מער אַריינגעטאָן, ווען ער לייענט אַ ראָמאַן, אַ דראַמע, אַ פּאָעמע און ווען ער שרייבט וועגן זיי, — אין זייערע אידייען אָדער אין זייערע געשטאַלטן? אין דעם לעבן און די לעבנסווערטן, וואָס וועגן זיי רעדט זיך אין די ווערק, אָדער אין דעם אופן, ווי זיי ווערן געשילדערט, געשטאַלטיקט, געמאָלן?

דער ענטפער איז, פאַרשטייט זיך, דער באַרימטער קלוגער ענטפער ביים קלוגן קינד, ווען מען פרעגט עס, וועמען עס האָט העלטער, דעם טאַטן צי דער מאַמען: „ביידן, זאָגט עס, העלטער!״. קיין אַנדער תשובה קאָן נישט זיין, אויב עס איז ריכטיק אַז אַ קריטיקער — דאָס איז אַ גוטער לייענער וואָס איז געוואָרן אַ גוטער שרייבער. יעדער גוטער קריטיקער שטרעבט דערצו אַז די זאַך, וואָס וועגן איר שרייבט ער, זאָל ער אַרומנעמען פון אַלע זייטן, דערגרונטעווען זיך ביז צו איר תוך און אַנטפּלעקן זי פאַר אונדז אַזוי גאַנץ, ווי זי איז. נישט יעדער שרייבער דערגרייכט עס, אָבער יעדער שטרעבט דערצו. יעדערער ווייכט פון איינזייטיקייט ווי פון עפּעס, וואָס פאַרקריפּלט און פעלשט דאָס בילד פון לעבן, ווי אויך די קונסט־געשטאַלט, — און אויך דער אויפנעמער פון אַ ווערק וויל נישט קוקן נאָר אין איין זייט, אין איין ווינקל. ער וויל נעמען, וואָס אים ווערט אונטערגעטראָגן, ווי אַ לעבעדיקע גאַנצקייט. איז עס אַ מענטשלעכע געשטאַלט, וויל ער זי זען, נישט נאָר הערן, וואָס זי רעדט. ער וויל האָרכן ווי עס קלאַפּט אין איר דער לעבנס־פּולס, נישט נאָר וואָס ביי איר איז אויפן צונג... אידייען? זייער שיין, אָבער דאָס דאַרפן זיין נישט סתם אַזוי אידייען, אַבסטראַקציעס; זיי מוזן העלפן אונדז זען דעם כאַראַקטער, וואָס

דריקט זיי אויס, און דאָס מיינט, אַז זיי מוזן קומען פון אים אַליין, פון זיין אייגענעם אינעווייניקסטן יש, נישט פונעם שרייבער... מאַלע וואָס פאַר אַ געדאַנקען אַ שרייבער קען האָבן! ער קען זיי אַריינלייגן אין מויל היינט איין פאַרשוין, מאָרגן אַן אַנדערן. אים קען אַ מאָל נישט אַרן ווער און וואָס זיין העלד איז, אַבי ער העלפט אים פּאָפּולער מאַכן זיינע שטרעבונגען. אַזאַ אידייען־שרייבער קען זיך זיין דער גרעסטער אידעאַליסט, אָבער ער האָט אַ פּניה, און אַ שרייבער, וואָס האָט אַ פּניה, אַפילו אַן אידעאַליסטישע פּניה, ווייזט אונדז נישט דאָס לעבן אין זיין פרייען און פולן גאַנג, ער קערעוועט עס וווהין ער וויל, ער פאַרקרימט עס, פאַרהוויקערט עס. (ווי ווייסן מיר, צי דער שרייבער האָט אַ פּניה אָדער נישט, — וועגן דעם אין קומענדיקן קאַפּיטל). אויב ער האָט דאָך אייגנאַרטיקע געדאַנקען, שעצן מיר אים זייער הויך, אָבער — ווי אַ דענקער, נישט ווי אַ דיכטער. אגב, זייער זעלטן טרעפט, אַז אַ דיכטער, וואָס שטעלט אונדז נישט צופרידן קינסטלעריש, זאָל באמת טאַקע האָבן אָריגינעלע אידייען. וואָס איז דען אַן אָריגינעלער געדאַנק? אַן אייגנאַרטיקע לעבנסדערפאַרונג, — פול אויסגעדריקט. וואָלט דער דיכטער זיך באמת געשטיצט אויף נייע לעבנס־דערפאַרונגען, וואָלט ער געזוכט זיי אונדז צו געבן אין אַ נאַטירלעכער, נישט אין אַ פאַרקריפּלטער געשטאַלט. פאַלשע קונסט איז געוויינטלעך אַ שטראָף פאַר פאַלשן, דערהויפּט איינזייטיקן דענקען, ווו ס׳האָט נישט קיין קינסטלערישע געשטאַלט, איז זעלטן ווען דאָ אַ קינסטלערישע, ד״ה אַ לעבנספולע אידייע... געשטאַלט און אידייע — ווער ווייס עס נישט? — זיינען איינס אין קינסטלערישן שאַפן, אַזוי ווי פאָרעם און אינהאַלט זיינען איינס. זיי דרינגען דורך איינס דאָס אַנדערע אין דעם שאַפונג־פּראָצעס — און אויך אינעם פּראָצעס פון געניסן דאָס געשאַפענע. מען קאָן נישט כאַפּן דעם אידייען־תוך פון אַ ליד אָפּגעטיילט פון זיין פּאָעטיש־בילדלעכן אויסדרוק. און פאַרקערט — דער פּאָעטישער אויסדרוק פאַרשאַפט אונדז פרייד אין אַ ליד נאָר דערפאַר, ווייל דאָס ליד דריקט עפּעס אויס. וואָס פולער און באַדייטונגפולער עס איז דאָס, וואָס איז אינעם ליד פאָרמירט געוואָרן, אַלץ מער אַנטציקט זיינען מיר פון דער „פאָרעם“. דאָס אייגענע איז אין אַ ראָמאַן. וואָס דראַמאַטישער און וואָגיקער עס איז זיין האַנדלונג און וואָס וויכטיקער, — איר הויפּט־טרעגער, דער העלד, אַלץ ווערטפולער איז פאַר אונדז די אידייע, וואָס לייכט־דורך די געשעענישן און דערקלערט דעם מענטשן. מיר געניסן נישט די „אידייע“ באַזונדער און די „קונסט“ באַזונדער. דאָס איז אַזוי עלעמענטאַר, אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך, — אַז מען וואָלט זיכער נישט געדאַרפט זיך אומקערן צו אָט דעם אלף־בית, ווען עס זאָלן נישט זיין קיין לעזער און קיין קריטיקער, וואָס האָבן ליב צו פאַרקריכן אָן אַ זייט. ווייסן זיי דען נישט אַז מען דאַרף גיין אין מיטן, דאָרט, ווו אידייע און געשטאַלט גיסן זיך צונויף און ווערן איינס? זיי ווייסן עס, דער מוח האָט זיי נישט אויסגעדאַרט. אָבער זיי האָבן עפּעס אַ משונה־ווילדע הנאה פון אַרויסציִען איין פאָדעם פון אַ שרייבערס שאַפונג־קנויל, ציִען דעם פאָדעם און שפּינען אים און דרייען אים און פלאָנטערן אים, ביז עס ווערט שפּינוועבס. טרעפט, אַז איינער פון אָט דעם מין איינפאָרעמדיקע קריטיקערס פאַרקאָכט זיך אינעם פאָרעם פון „געשטאַלט“: ער וויל נישט קיין „אידייען“, כאָטש טו אים עפּעס, ער וויל „ריינע“ געשטאַלטונג, אַזוי ווי ווען עס זאָל מעגלעך זיין אַזאַ זאַך, ווי „ריינע“ קינסטלערישע געשטאַלטן אָן אידייען. ביי אַזאַ מין קריטיקער איז רעכט

אויסצושליסן פּרצן פונעם דיכטער־פאַך, — וואָס איז? פּרצעס שאַפן שטימט נישט מיט זיין טעאָריע פון „רייגער" געשטאַלטונג. אַן אַנדער קריטיקער האָט נאָך מער ליב צו ציִען שפּינוועבס פון איין פאָדעם, האַלט ער זיך פאַרן דינעם אידייען־שטריקל, און טאָמער וויל אימעצער אַריינקוקן אינעווייניק אינעם זאַק פון קונסט און נישט באַנוגענען זיך מיטן שטריקל, — איז יענער אַ שונא פון אידייען... אין דעם פאַל איז גאָר באַזונדערס קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן איינזייטיקן, אָפּט אַ מאַניאַקאַליש איינזייטיקן דענקען. דאָס איז אַ קריטיק, וועלכע האָט זיך איינגערעדט, אַז איר עובדה איז נישט אַלזייטיק צו געניסן און צו העלפן אַנדערע געניסן אַלזייטיק די קונסט פון דיכטער, נאָר צו זיין זייער „אידייען־שפּייזער". אָפּט איז עס אַ קריטיק, וואָס גלייבט, אַז זי טוט אַ טובה דעם דיכטער דערמיט, וואָס זי טייטשט אַריין אין אים אירע אייגענע טייטשן, פּשטלט אין אים אַריין אירע אייגענע פּשטלעך. זי מיינט, די דאָזיקע קריטיק, אַז זי באַלייכט דערמיט דעם קינסטלערס ווערק — זי פאַרטונקלט עס. זי טוט עס דערפאַר ווייל זי איז ביז גאָר עגאָצענטריש, זי וויל אַז מען זאָל זי אויסהערן, נישט הערן, וואָס דער דיכטער זאָגט. זי פאַרמאָגט נישט די הויפּטפעיִקייט פונעם געוווּנטשענעם סאָרט לעזער, כאָטש דער אידעאַלער קריטיקער איז פריִער ווי אַלץ אַ אידעאַלער לעזער — זי האָט נישט די פעיִקייט צו „פאַרגעסן אַן זיך און אַן דער גאַנצער וועלט און צו לעבן נאָר אינעם ווערק „פונעם דיכטער" (געטע). זי שטעלט זיך, ווי אַ וואַנט, צווישן דעם שאַפער און דעם געניסער, פאַרשטעלנדיק דעם שאַפער און פאַרשטעלנדיק זיך אַליין פאַר אַ שאַפער. ביי דעם דאָזיקן סאָרט קריטיקער איז רעכט צו נעמען די ווערק פון דיכטער, וועלכע האָבן איינע צו די אַנדערע קיין שייכות נישט, אַרומ־שפּינען זיי אַלע מיט דעם קלעפּיקן פאָדעם פון איין „אידייע" און לאָזן זיי אַלע פלאָנטערן זיך אין אָט דעם שפּינוועבס. ווי באַלד נאָר זיי זיינען אַלע געכאַפּט גע־וואָרן פונעם קריטיקערס אידייען־נעץ, מאַכט שוין נישט אויס, וואָס דאָרט אונטן וואָרפן זיך, אַן אָטעם, אַ העכט אָדער אַ פּלאָטקעלע. מעג אַ ראָמאַן נישט האָבן קיין לייב און לעבן, מעג עס זיין נישט קיין ראָמאַן, נאָר סתם אַזוי עפּעס אַ טאָגבוך פון אַ לירישן געמיט, מעג עס האָבן געבליבן נאָר איינע פון די גוטע כוונות, מיט וועלכע עס איז אויסגעבעטן דער וועג, וואָס פירט נישט צו דער וועלט פון קינסט־לערישן געניוס, — ווי באַלד נאָר די כוונה איז גוט פאַר דעם קריטיקערס אידייען־„מיסיע", לויבט ער זי ביזן הימל אַריין, מאַכט אויף איר גאַנצע פּירושים, מאַכט פון איר אַ פּירוש. דער עיקר איז דאָך נישט דעם דיכטערס שאַפן, און דעם לעזערס געניסן, נאָר דעם קריטיקערס אידייע. און אַז מען זאָגט אים אַז אַן אידייע אַליין, אַן אידייע אָן אַ געשטאַלט איז נישט קיין קונסט־אידייע, זי וועקט נישט אונדזער פאַנטאַזיע, זי גיט זיך אונדז בכלל נישט איבער, זי בלייבט הענגען אין דער לופטן און האָט נישט קיין ממשות, — ענטפערט ער אייך, אַז איר „רודפט אידייען". אַז מען זאָגט אים, אַז אַ ליטעראַריש ווערק מוז, ווי יעדעס קונסטווערק, לעבן אויף זיין אייגענעם חשבון און אַז ס'איז נישט געניוג, וואָס דער קריטיקער נעמט עס אַריין אין יענעם אידייען־סך־הכל, וואָס ער אַליין פירט, — דעם קריטיקערס חשבונות מעגן זיין ווי גוט, געהערן זיי צו זיין אייגענער בוכהאַלטעריע, און זיי פאַרשפּאָרן נישט דעם דיכטער די אַרבעט צו באַלאַנסירן זיין ליטעראַרישן בודזשעט. — ווען מען זאָגט עס אים באַפאַלט ער אייך, פאַר וואָס איר האַלט כלומרשט אַז „אידייען זיינען אַן אומגליק פאַר דער ליטעראַטור". ער קאָן זיך נישט פאָרשטעלן, אַז מען

זאָל זייער גוט וויסן ווי צו שעצן דעם גייסטיקן אינהאַלט פון אַ קונסטווערק, און דאָך נישט האַלטן פון אַזאַ מין אינהאַלט, וואָס ווערט צו אים צוגעטשעפּעט פון דרויסן.

דער דאָזיקער מין קריטיקער איז אַזוי פּאַרטאַן אין רעקלאַמירן זיין אייגענעם אידייען־מעטאָד, אַז ווי נאָר ער „זעט אַן „אידייִיש־באַפּרוכפּערט בוך", וואַרפט ער זיך אויף דעם אַרויף, ווי אויף אַ טייערער מציאה, און עס מאַכט אים נישט אויס, וואָס פון דער „אידייִישער באַפּרוכפּערונג" איז גאָרנישט ניט אַרויסגעקומען. עס אַרט אים נישט, וואָס עס איז געבוירן געוואָרן אַ זיבעלע אָדער עס איז געווען אַ מפּיל, אַבי עס איז „אידייִיש באַפּרוכפּערט". די עצם־ווערק הערן אויף צו עקסיסטירן, עס עקסיסטירט נאָר עפּעס אַן אַבסטראַקטע אידייע, און אויך זי איז אָפּט מער אַ פּראָדוקט פון דעם קריטיקערס פאַנטאַזיע, ווי פונעם דיכטערס שאַפן. אַזאַ אידייע קאָן האָבן אָדער נישט האָבן קיין ווערט — דאָס ווענדט זיך אָן איר קאָנקרעטן אינ־האַלט, — אָבער פונעם שטאַנדפּונקט פון ליטעראַרישער אָפּשאַצונג איז זי אָפּט אַ מיטל צו פּאַרטונקלען דאָס ווערק און פאַרטומלען דעם לעזער, נישט קיין סגולה צו באַלייכטן וואָס דער שרייבער האָט אויפגעטאָן, נישט קיין מיטל צו דערנענ־טערן דעם לעזער צום שרייבערס אויפטו. כדי באמת צו זיין אַ פאַרמיטלער, און נישט קיין וואַנט, צווישן דעם שאַפער און דעם געניסער פון קינסטלערישע ווערק, דאַרף מען געוויס נישט „רודפן" די אידייען, וואָס באַפּרוכפּערן זיי, מען דאַרף אָבער נישט יאָגן זיך נאָך אומפּרוכטבאַרע, ווייל דרויסנדיקע רעיונות. מען דאַרף זוכן און העלפן אַרויסברענגען דאָס גלייכגעוויכט — צווישן געשטאַלטונג און אידייען־אינהאַלט. מען דאַרף נישט לאָזן איבערוועגן נישט דעם, נישט יענעם טייל פון קינסטלערישן שאַפן. און אַוודאי דאַרף מען נישט אויסטיילן, איזאָלירן איין עלע־מענט פונעם ווערק — אַלץ איינס צי איז עס דער עלעמענט פון „פאָרעם" אָדער עלעמענט פון „אינהאַלט", — און מאַכן דערפון אַזאַ וועזן, אַזוי ווי ווען דאָס זאָל זיין די גאַנצע שאַפונג, נישט אַ טייל אירער. די שאַפונג אין איר פילזייטיקער גאַנצקייט — צו איר דאַרף שטרעבן אי דער דיכטער, אי דער לעזער, אי דער, וואָס העלפט זיי זיך צו דערנענטערן — דער קריטיקער.

ד"ר חיים זשיטלאָווסקי (1865—1943), וואָס ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער איז ער געווען נעענטער צום טיפּ אידייען־קריטיקער אָדער קולטור־קריטיקער, האָט, ווינציקסטנס טעאָרעטיש, מודה געווען אַז „דער קריטיקער איז אַ גאַנצער מענטש און (אַז) אויף אים מוזן ווירקן אַלע זייטן פון יענעם שטיק לעבן, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט אין דעם קינסטלערס ווערק. ער קאָן נישט פונאַנדערשפּאַלטן זיך גופא אין צוויי מענטשן: דעם עסטעטיקער און דעם סתם מענטשן" *). אין זיין אייגענער ליטעראַריש־קריטישער פּראַקטיק האָט ער אָפּט דורכגעפירט אַ צו שטרענגן גרע־נעץ צווישן די ריין־עסטעטישע און אַלע אַנדערע ווערטן, וואָס שאַפן יענע גאַנצקייט וואָס איז באַקאַנט אונטערן נאָמען קונסט. אָפּט, צו אָפּט, האָט ער גערעדט וועגן דעם עסטעטישן און דעם סאָציאַל־עטישן צוגאַנג צו ליטעראַטור, ווי וועגן צוויי צוגאַנגען, וואָס שליסן אויס איינס דאָס אַנדערע. דאָס האָט געמאַכט אַ ביסל אומ־

---

*) ד"ר חיים זשיטלאָווסקי: אַלע ווערק, באַנד 3 („וויזיע און געדאַנק"), איקוף־פאַרלאַג, ניו־יאָרק, 1951, ז' 59.

קלאָר און מטושטש אַזוינע אַרבעטן זיינע ווי „פרייע קונסט און פרייע קריטיק", אָדער „דער קינסטלער און דער הדיוט"*). אין די דאָזיקע זייער לעבעדיק געשריבענע אַרטיקלען זיינען דאָ שטעלן, וואָס קאָנען מאַכן דעם איינדרוק, אַז פאַרעם און אינהאַלט זיינען צוויי גאָר באַזונדערע זאַכן און אַז פאַר דעם קינסטלער עקסיסטירט נאָר „ווי", — „וואָס" איז אים נישט נוגע, בעת, פאַרקערט, דער „הדיוט" ווייס נאָר פון אינהאַלט-ווערטן. ער האָט צו ערנסט גענומען פאַרשיידענע איינזייטיקע דערקלערונגען פון קינסטלער-פאָרמאַליסטן — און מורא האָבנדיק פאַר זייער זיין אַריינגעטאָן נאָר אין די פּראָבלעמען פון קינסטלערישן אויסדרוק, האָט ער איבערגעבויגן דעם שטעקן אין דער צווייטער זייט און קאָנצענטרירט זיך פּאַקטיש אויף די פילאָסאָפיש-עטישע אַספּעקטן „פון יענעם שטיק לעבן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם קינסטלערס ווערק", כאָטש ער האָט, ווי געזאָגט, זייער גוט געוווּסט, אַז „דער קריטיקער... קאָן זיך גופא נישט פונאַנדערשפּאַלטן אויף צוויי מענטשן: דעם עסטעטיקער און דעם סתם-מענטשן". אַפילו צווישן זיינע גייסטרייכע אַרבעטן וועגן פּרצן איז פאַראַן נאָר איינע, וואָס הייסט „פּרץ דער קינסטלער", די נעמען פון די איבעריקע אַרטיקלען זיינען: „פּרץ דער דענקער", „י. ל. פּרצעס נאַציאָנאַלע באַדייטונג", „פּרץ דער נביא פון קאַמף". אָפט געדענקט ער אַז אין קיין שרייבער, בפרט נאָך אין אַזאַ ווי פּרץ, קאָן מען נישט אָפּטיילן דעם דענקער פון דעם קינסטלער, און אַז אַפילו ווען מען וויל באַשטימען זיין נאַציאָנאַלע (אָדער סאָציאַלע) באַדייטונג מוז מען האָבן אין זינען דעם גאַנצן סכום פון זיינע שטרעבונגען און דערגרייכונגען, אַלע זיינע גייסטיקע כוחות, נישט נאָר דעם אָדער יענעם טייל זייערן, נוצט ער אויס, אַ שטייגער, די אָפּטקייט פונעם ווערב ביי פּרצן צו אילוסטרירן זיין וואָלונטאַריזם, ד"ה דעם עלעמענט פון ווילן אין זיין פּסיכיק. ער מאַכט זייער אַ גרעסטענע סומירונג אין אַזאַ זאָץ ווי: „פּרצעס גייסט איז געווען אַ וווּנדערבאַרער אָרגאַניזם מיט הונדערטער שפּיריקע נערוון, תמיד אָנגעצויגענע, וויברירנדיקע, — יעדער נערוו מיט זיין אייגענעם טאָן". ער רעדט אין אַן אַנדער אָרט וועגן „פייער-פאַרבן וואָס ברענגען אַריין דאָס געמאָלטע אין מוח און אין האַרץ, און ווי אמת קינסטלערישע געמעלן (איז ער מוסיף) רופן זיי אַ מאָל אַרויס דעם איינדרוק, אַקוראַט ווי אַרום זיי וואָלט זיך אַרומגעטראָגן אַ גאַנצער שוואַרם (אַ שלל, אַ שפע) פון געדאַנקען וואָס זיינען אפשר נישט קלאָר געווען דעם קינסטלער אַליין, וואָס האָבן אָבער דאָך אומבאַוווּסט זיך גערירט און גערודערט אין זיין נשמה, וואָס זיינען אַרויסגעשטראָמט אינאיינעם מיט דער אַרבעט פון זיינע פינגער און זיינען געבליבן הענגען אַרום דעם בילד". דאָ האָבן מיר פאַר זיך נישט דעם לאָגיקער זשיטלאָווסקי, נישט דעם סאָציאַלן אָדער נאַציאָנאַלן דענקער, נאָר דעם קונסט-אויפנעמער. מיר האָבן אים פאַר זיך אויך דאַן, ווען ער זאָגט, אַ שטייגער, וועגן מאָריס ראָזענפעלדס פּאָעזיע, אַז זי איז „אַ גאָלד-טראָגנדיק זאַמדפעלד" — אַזוי רופט מען (פאַרטייטשט ער) יענע זאַמדיקע סטעפּעס, אין וועלכע עס געפינען זיך נישט נאָר איינצלנע גאָלד-קערנער, צונויפגעמישט מיטן פּשוטן זאַמד, נאָר אויך גאַנצע „קלומפּן", „גאַנצע שטיקער אמתע ריינע גאָלד", מיר פילן דעם עכטן ליטעראַטור-אויפנעמער און ליטעראַטור-קריטיקער אין זשיטלאָווסקין אויך ווען מיר לייענען זיין אַרבעט „שלום אַש „אין אַ קאַרנאַוואַל-נאַכט" און ל. שאַפּיראָס „דער צלם". אויך דאָ אינטערעסירט אים „דאָס

*) ד"ר חיים זשיטלאָווסקי: אַלע ווערק, באַנד 3.

שטיקל לעבן, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין דעם קינסטלערס ווערק" מער, ווי דער אופן און דער גראַד, אין וועלכן דעם קינסטלער איז געלונגען עס אויסצודריקן; אויך דאָ איז זשיטלאָווסקי מער קולטור־קריטיקער ווי קונסט־קריטיקער. אָבער דער עצם־פאַקט, וואָס ער ווייס ווי צו שעצן יעדע פון די דערמאָנטע צוויי — אַזוי פאַרשיידענע — דערציילונגען, ווייזט, אַז ליטעראַטור איז פאַר אים דאָך געווען ליטעראַטור, נישט סאָציאָלאָגיע, נישט פילאָסאָפיע, נישט עטיק. ריין סאָציאָלאָגיש, פילאָסאָפיש אָדער עטיש וואָלט ער געדאַרפט איין זאַך אָנגענומען און די צווייטע פאַרוואָרפן. פון די נאָר וואָס דערמאָנטע, נישט־קינסטלערישע, שטאַנדפּונקטן, שליסן זיי איינס דאָס אַנדערע אויס. „שאַפּיראָס ענטפער (אויף דער פראַגע „די יידישע וועלט און די גויישע" — ש. נ.) איז, לויט זשיטלאָווסקיס אויסטייטשונג, אַ ריין־נאַציאָנאַלער, דיקטירט פון אַן אומענדלעכן האַס צום צלם. אַשס ענטפער קאָן מען אָנרופן אַן אַלגעמיין־מענטשלעכן"... „צוויי שטימען פון לעבן... צוויי היפוכים פון דעם מאָדערנעם יידישן געפיל" — דאָס זיינען, ווי זשיטלאָווסקי אַליין זאָגט ביים שלוס פון זיין אַרטיקל, די צוויי דערציילונגען. אָבער דאָס שטערט אים נישט אָנהייבן זיין עסיי מיט די ווערטער: „די צוויי דערציילונגען פון שלום אַש און ל. שאַפּירא „בעטן זיך", ממש, מען זאָל זיי פאַרגלייכן.ביידע זיינען זיי, ערשטנס, שטאַרק און טאַלאַנטפול געשריבן; זיי געהערן ביידע אָן שום ספק צו די בעסטע פּערלען פון דער ניי־יידישע ליטעראַטור". עס מאַכט, הייסט עס, נישט אויס, וואָס זיי זיינען צוויי באַזונדערע שטימען פון לעבן, צוויי קאָנטראַסטן, און וואָס סאָציאַל־עטיש און קולטורעל קאָן מען, ממילא, זיך סאָלידאַריזירן נאָר מיט איינער פון זיי, — ווי באַלד זיי זיינען „טאַלאַנטפול געשריבן", זיינען זיי ביידע ליטעראַרישע פּערל... אויפן שיינעם האַלדז פון דער ליטעראַרישער קונסט איז יעדע פּערל, הייסט עס, שיין. אין לעבן קאָן מען וועגן די צוויי שטימען פרעגן, ווי עס פרעגט זשיטלאָווסקי: ווער וועט ווערן איבערהילכן, אָדער מוז אפשר קומען אַ דריטע שטים, וואָס וועט „אַריבערהילכן זיי ביידן?" — אָבער נאָר אין לעבן עקסיסטירט אָט דער „אָדער — אָדער". אין דער לופט פון קינסטלערישן שאַפן האָבן ביידע שטימען — האָבן אַלע שטימען —אַ רעסאָנאַנס. דאָס איז דער צוגאַנג פונעם קינסטלערישן קריטיקער.

און מען דאַרף נישט צונויפמישן קינסטלערישע — מיט עסטעטישער קריטיק.

ב.

די ריין־עסטעטישע (אָדער פאָרמאַליסטישע) קריטיק איז פונקט אַזוי איינזייטיק, ווי די ריין־אידייִשע אָדער אינהאַלטלעכע (סאָציאַלע, עטישע וכדומה) קריטיק. דאָס, וואָס מען רופט אָן מיטן נאָמען: קינסטלערישע קריטיק איז אין זיך כולל אַלץ, אַזוי ווי קונסט איז — אַלץ־אַרומנעמענדיק. אָבער אַזוי ווי קריטיק, וואָס טוט זיך אַריין דער עיקר אינעם „אינהאַלט" פון אַ קונסטווערק, כאָטש עס איז אַזוי שווער אים צו איזאָלירן פונעם ווערקס גאַנצקייט, איז זייער פאַרשפּרייט, לוינט זיך אָפּצושטעלן לענגער אויף אָט דעם סוג קריטיק.

פריער ווי אַלץ איז נייטיק צו אָריענטירן זיך און אונטערשיידן, אויף וועלכן מיר האָבן פריער שוין אָנגעוווּנקען, — אויף דעם אונטערשייד צווישן אידייען אין ליטעראַטור און טענדענצן. דאָס זיינען צוויי מדרגות, אַ נידעריקערע און אַ העכערע.

דער נידעריקערער שטאַפּל איז טענדענץ־ליטעראַטור, דער העכערער: אידייען־ליטעראַטור.

די, וואָס גיבן זיך נישט אָפּ קיין קלאָרן חשבון אין דעם ענין טענדענץ און האַלטן דאָס וואָרט פאַר אַ סינאָנים פון ריכטונג, פון שטרעבונג, אידייען־כוונה פון אַזאַ אָדער אַן אַנדער פּסיכאָלאָגישן, פילאָסאָפישן אָדער עטישן איינשטעל, — פרעגן אַ קשיה:

— אויב איר ווילט מיט אַן אמת פאַריאָגן פון דער ליטעראַטור יעדע טענדענץ, היינט פאַרוואָס טראָגט איר אין איר אַריין אייער אייגענע טענדענץ — די טענדענץ פון טענדענצלאָזיקייט? ממה־נפשך, — רײדן זיי ווייטער, כדי מען זאָל זיי נישט חושד זיין, אַז זיי שטעלן אַ סכאָלאַסטישע פראַגע און פּלפּולן זיך סתם אַזוי אין דער וועלט אַריין, — ממה־נפשך: טאָר אַ שרייבער זיך פאַר קיין זאַך נישט איינשטעלן, היינט ווי מעג ער זיך איינשפּאַרן און וועלן דווקא אומטענדענציעזישקייט? מוז ער זיין אין גאַנצן אָביעקטיוו, אומפּאַרטייִיש, טאָלעראַנט און ווי דאָס הייסט דאָרטן, היינט פאַרוואָס זאָל ער עפּעס פּרעפערירן איין מין ליטעראַטור איבער דעם אַנדערן? פאַרוואָס זאָל ער נישט זיין אומפּאַרטייִיש, אָביעקטיוו, טאָלעראַנט און ווי דאָס הייסט דאָרטן צו יעדן סאָרט שאַפן? ווי קאָן ער בכלל מאַכן אַן אונטערשייד פון גוט און שלעכט אין דער ליטעראַרישער וועלט, אויב ער האָט נישט קיין ליטעראַרישן אידעאַל?

אַזוי פרעגט מען, — און עס וואָלט געווען נישט־פּראַקטיש דער פּרוּוו אָפּצוטיילן ליטעראַרישע שטרעמונגען פון געזעלשאַפטלעכע, מאָראַלישע, פילאָסאָפישע, אד"גל און דערקלערן, אַז האַלטן פאַר נישט נייטיק די לעצטע, הייסט נאָך נישט אָפּזאָגן זיך פון ריין־ליטעראַרישע ווערט־מאָסן. מען וואָלט שלעכט פאַרשטאַנען געוואָרן, ווען מען זאָל עס פּרוּוון טאָן. מען וואָלט באַטראַכט געוואָרן פאַר אַ פאָרמאַליסט, ד"ה פאַר איינעם, וואָס האַלט, אַז ליטעראַטור האָט נישט צו טאָן מיט געזעלשאַפטלעכע, פילאָסאָפישע און ענלעכע ווערטן, פאַר איינעם, וואָס גלייבט, אַז ליטעראַטור איז בלויז אַן ענין פון פאָרעם, — און מען וואָלט זיך ווידער געווענדט צו אייך מיט אַ פראַגע, — און זייער אַ האַרבער פראַגע:

— ס'טייטש, ווי קאָן עס געמאָלט זיין פאָרעם אָן אינהאַלט?

איז בעסער נעמען זיך פאַרטייטשן דעם עצם וואָרט טענדענץ און נישט אַריינלאָזן זיך דערווייל אין חקירות וועגן די אָדער יענע קאָנקרעטע טענדענצן.

טענדענץ הייסט אין אונדזער פאַל נישט סתם אַזוי שטרעבונג, נייגונג, ציל, כוונה. זיין קעגן טענדענציעזער ליטעראַטור הייסט נישט באַקעמפן יעדע באַשטימטע שטרעבונג, נייגונג, כוונה אין ליטעראַרישע ווערק. דאָס נאָענטסטע ייִדישע וואָרט צו טענדענץ און טענדענציעזישקייט וואָלט געווען — פּניה. האָבן אַ טענדענץ הייסט האָבן פּניות. זיין קעגן טענדענציעזישקייט הייסט זיין קעגן פּניות. אַ טענדענציעזער שרייבער איז, מיט אַנדערע ווערטער, נישט דער וואָס האָט כוונות (וועלכער אמתער שרייבער האָט זיי נישט?). אַ שרייבער מיט אַ טענדענץ איז דער וואָס האָט זייטיקע כוונות.

אָבער וואָס, וועט מען פרעגן, הייסט עס „האָבן זייטיקע כוונות? ווי קאָן מען וויסן, צי דאָס, וואָס דער מחבר איז אויסן מיט זיין ווערק אָדער מיט אַ טייל פון זיין ווערק, איז אַ זייטיקע אָדער נישט קיין זייטיקע זאַך? מען קען עס, ענטפער איך,

וויסן לויט דעם אָרט, וואָס די כוונה אָדער די טענדענץ פאַרנעמט אינעם ווערק, און לויט דעם אופן ווי דער פאַרפאַסער „פאַרקויפט" זי אונדז, באַנוצנדיק אַן ענגלישן אויסדרוק. אויב זי וואַרפט זיך אונדז צופיל אין די אויגן, אויב זי שוועבט די גאַנצע צייט צווישן אונדז און די פאַקטן אָדער פערזאָנען, וואָס ווערן געמאָלן, אויב זי שמאַיעט־אַרום, האַוועט און וויל נישט אַנדערש ווי זיין די פאַרמיטלערן צווישן אונדז און זיי; אויב זי לאָזט אונדז זיי נישט פריי אָנקוקן; אויב זי שטערט אונדז זיי אַלזייטיק צו באַטראַכטן; אויב זי וויל אונדז פאַרשפאָרן די אַרבעט צו צ־ען אַליין שלוסן און צו פאָרמירן זעלבשטענדיק אַן איינדרוק, — אויב זי וואַרפט זיך אונדז, קורץ, אויפן האַלדז און האָט נישט קיין געדולד צו וואַרטן, ביז מיר וועלן אַליין פאַר איר באַגייסטערט ווערן, — איז עס אַ סימן, אַז זי איז נישט איינס מיטן ווערק, איז עס אַ באַווייז אַז זי פליסט נישט אַרויס פון זיין עצם־תוך, נאָר זי קומט פון דרויסן, פון אַ זייטיקן קוואַל. אַנישט, וואָלט זי זיך פאַרלאָזן אויף דעם גאַנג פון די געשעענישן, אויף די פאַקטן, אויף די כאַראַקטערן, אַז זיי אַליין וועלן שוין העלפן איר אריינגנבבענען זיך צו אונדז אין האַרצן אַריין...

אָט איז אַ ביישפּיל: דוד בערגעלסאָנס ראָמאַן „פּענעק". דאָרט זיינען דאָ אי נישט־זייטיקע, אי זייטיקע כוונות. דער הויפּט־העלד פונעם ראָמאַן, פּענעק, נאָך גאָר אַ יינגל, איז די פאַרקערפּערונג און אויך דער פאַרקערפּערער פון בערגעלסאָנס „פּראָלעטאַרישער" טענדענץ. אָבער עס זיינען דאָ שטעלן, ווו אָט די טענדענץ, ד"ה פּענעק, לאָזט די פאַקטן ריידן פאַר זיך אַליין, — שטעלן ווו ער מישט זיך נישט צופיל אַריין, מאַכט נישט קיין צו גרויסע פּירושים, קנעלט נישט מיט אונדז און טייטלט נישט מיטן טייטל: דאָרט איז די טענדענץ נישט קיין שטער. עס מאַכט אונדז נישט אויס, וואָס בערגעלסאָן האָט אַ מיין; אונדז אַרט נישט, וואָס ער וויל בפירוש אַז מיר זאָלן מיטפילן מיט די אָרעמע בעל־מלאכות פון שטעטל און זאָלן פיינט האָבן די גבירים, די כלי־קודש. אדרבה, זאָל ער האָבן אַזעלכע גוטע און נישט־פּרומע כוונות. ווי ווייטביידע צדדים, ביידע קלאַסן אין „פּענעק" לעבן זיך אויס ווי צדדים, אויף אַ נאַטירלעכן און אַן אָרגאַנישן אופן; ווי ווייט מיר זעען זיי און הערן זייער דופק קלאַפּן, — האָבן מיר פון זיי אַ קינסטלערישן גענוס, און אינאיינעם מיט דער קונסט זאַפּן מיר אין זיך איין אויך דעם שרייבערס כוונה. מיר זיינען אים אַפילו מוחל דאָס, וואָס אויפן בילד פון איין צד, פון דעם אָרעמען, „פּראָלעטאַרישן" צד איז דאָ מער ליכט און אויפן צווייטן צדס בילד — מער שאָטנס. אַבי עס איז פאַראַן אַ בילד, אַ פּאָרטרעט, און מיר קאָנען עס זען, באַטראַכטן, — ווען אַפילו נאָר אין פּראָפיל... שלעכט איז, ווען פּענעק מישט זיך אַריין און לאָזט אונדז נישט קוקן אַליין, לאָזט אונדז נישט אַליין טראַכטן. שלעכט איז, ווען פּענעק שטעלט זיך אַוועק צווישן אונדז און דעם אויסגעמאָלענעם לעבן — שטעלט זיך אַוועק און וויל, אַז מיר זאָלן אַלץ זען מיט זיינע אויגן און טראַכטן — מיט זיין שכל. דאַן איז עס לויטער טענדענ־ציעזישקייט.

טענדענץ ביי אַ קינסטלער ווערט, בכן, אָפּגעוואָרפן נישט דערפאַר וואָס זי ווייזט אונדז, אַז ער האָט אַ באַשטימטע כוונה — דאָס איז אַ מעלה, נישט קיין חסרון, — נאָר דערפאַר וואָס די כוונה וואַרפט זיך אויף אַרויף, צווינגט זיך אַרויף, דערפאַר ווייל זי וויל אין אונדז אַריינגעפּויקט, אַריינגעפּאַמפּעט ווערן, אַנשטאָט דעם, אַז מיר זאָלן ווערן פון איר אַנגעשטעלט, באַנוצנדיק טאָלסטאָיס אַן אויסדרוק...

אין „פּענעק“ זיינען דאָ טיילן ווו מיר ווערן פון זיין טענדענץ אָנגעשטעקט. יענע טיילן זיינען צוליב איר נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, גיכער — פאַרקערט. אָפּגעשוואַכט אָדער אין גאַנצן פּסול ווערט „פּענעק“ דאָרט, ווו די מאָראַל איז אַ צוגעשריבענע, אַ צוגעטשעפּעטע, — ווען זי פאַרלאָזט זיך נישט אויף אונדז (און אויף איר אייגענעם אמת, אויף איר אייגענער קונסט), ווען זי פילט זיך געצוווּנגען צו בודיען אונדז מיט אַגיטאַציע, צו מאַטערן — מיט פּראָפּאַגאַנדע... אָבער — טענהט אַפּטאָן סינקלער אין זיין בוך „טאַממאָנאַרט“ — „יעדע קונסט איז פּראָפּאַגאַנדע“... „ווען קינסטלערס אָדער קונסט־קריטיקערס, זאָגט ער, פאַרזיכערן אונדז אַז קונסט שליסט אויס פּראָפּאַגאַנדע, זאָגן זיי דערמיט נאָר, אַז זייער סאָרט פּראָפּאַגאַנדע איז קונסט, בעת אַנדערע סאָרטן פּראָפּאַגאַנדע זיינען נישט קיין קונסט“. נון, ווען עס זאָל זיין אַפילו ריכטיק, אַז „יעדע קונסט איז פּראָפּאַגאַנדע“, וואָלטן מיר פון דעסטוועגן געמוזט צוגעבן אַז נישט יעדע פּראָפּאַגאַנדע איז קונסט, און אַז אויב שוין יאָ לאָזן זיך אויפקלערן, איז בעסער פון אַ שעקספּירן, אַ געטען אָדער אַ טאָלסטאָיען, איידער פון אַן אַפּטאָן סינקלערן. דער אמת אָבער איז, אַז סינקלער לייגט אינעם וואָרט „פּראָפּאַגאַנדע“ אַריין אַזאַ ברייטן און אומבאַשטימטן זינען, אַז עס האָט קיין שום זינען נישט. ער האַלט פאַר אַ ווערק פון פּראָפּאַגאַנדע יעדעס ווערק, וואָס ווערט אויסגענוצט אָדער קאָן ווערן אויסגענוצט פאַר פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן, כאָטש געשאַפן איז עס גאָר צוליב אַנדערע צילן. זייענדיק קאָנסעקווענט, דערקלערט ער אַפילו „די קונסט פון שיינקייט“ פאַר פּראָפּאַגאַנדע. וואָס איז? די הערשנדיקע קלאַסן נוצן־אויס אָדער קאָנען אויסניצן די דאָזיקע קונסט פאַר זייערע אינטערעסן: זיי קאָנען מיט איר הילף פאַרשלעפּערן די מאַסן, וואָרעם זי פאַרדעקט די ווונדן, די העסלעכקייטן פון לעבן, זי גלאָריפיצירט די עקסיסטירנדיקע אָרדענונג. און „אַפילו, זאָגט ער, אין דעם פאַל, ווען דער קינסטלער איז אינסטינקטיוו און נאַיִוו איז אָבער דער קלאַס, ביי וועלכן ער איז אָנגעשטעלט, נישט נאַיִוו. ער, דער קלאַס, ווייס וואָס עס איז „זיכער“ און וואָס עס האָט אַ „געזונטע טענדענץ“. ער גיט זיין הסכמה אויף אַזאַ מין קונסט און — געלט זי אויסצוהאַלטן“. אין דעם איז זיכער דאָ אַ שטיק אמת, אָבער אויב מען זאָל דערפון קאָנען דרינגען, אַז עס איז נישטאָ קיין אַנדער קונסט, אַ חוץ פּראָפּאַגאַנדיסטישער, וואָלט מען געמוזט קומען צום אויספיר, אַז דאָס אייגענע איז ריכטיק אויך וועגן וויסנשאַפט, נישט נאָר וועגן קונסט אַליין. מאַכט מען דען נאָר קינסטלערישע שאַפונגען פאַר אַ מיטל צו באַאיינפלוסן די מאַסן, די עפנטלעכע מיינונג? מען עקספּלואַטירט צוליב דעם דאָזיקן ציל אויך וויסנשאַפטלעכע טעאָריעס, און נישט דווקא סאָציאַלאָגישע און פילאָסאָפישע. אויך נאַטורוויסנשאַפטלעכע פאָרשונגען דינען אָפּט (קעגן דעם ווילן און אָן דעם וויסן פון די פאָרשערס) סאָציאַלע און פּאָליטישע באַוועגונגען. אַזוי צום ביישפּיל איז דאַרוויניזם געווען, פון איין זייט, אַ שטיצפּונקט פאַר דער מאַרקסיסטישער, היסטאָריש־מאַטעריאַליסטישער וועלטאָנשויונג און פון דער אַנדערער זייט — אַ „ראיה“ צו דער אולטראַ־בורזשואַזער טעאָריע, אַז דער קאַמף פון אַלע קעגן אַלע און דער ניצחון פון די שטאַרקע איבער די שוואַכע, פון די „צוגעפּאַסטע“ איבער די וואָס קענען זיך נישט צופּאַסן, — איז אַ נאַטור־געזעץ... איז דאַרווין, דעריבער, געווען נישט קיין וויסנשאַפטלעכער פאָרשער, נאָר אַ... פּראָפּאַגאַנדיסט?

ניין, נישט יעדעס ווערק, וואָס ווערט געברויכט אָדער מיסברויכט מיטן ציל

צו צוזיצן מענטשן, מאַסן, צו אַ געוויסער געזעלשאַפטלעכער אָדער פּאָליטישער סיסטעם, איז פּראָפּאַגאַנדע. פּראָפּאַגאַנדע איז אַ ווערק, וואָס איז לכתחילה צוגע־שניטן געוואָרן צו אָט דער כוונה, אַ ווערק, וואָס האָט נישט קיין אַנדער זין, קיין אַנדער ווערט אַ חוץ אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישן. פּראָפּאַגאַנדע איז צום ביישפּיל אַ גרוי־סער טייל דערפון וואָס אַפּטאָן סינקלער אַליין האָט געשריבן אין בעלעטריס־טישער פאָרעם. נישט קיין פּראָפּאַגאַנדע איז (אויב שוין יאָ באַנוצן ביישפּילן פון דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור) — אַ גרויסער טייל דערפון וואָס, זאָגן מיר, טעאָ־דאָר דרייזער האָט געשריבן. פאַרוואָס? דרייזער איז געווען פּונקט אַזאַ ראַדיקאַל ווי סינקלער. אָבער סינקלער פאַרגעסט קיין איין מינוט נישט, אַז ער איז אַ סאָ־ציאַליסט און ער לאָזט עס אויך אונדז נישט פאַרגעסן, בעת דרייזער, כאָטש ער איז געווען אַ שונא פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדענונג, איז ער אַ דערציילער, אַריינ־געטאָן נישט אין זיין שנאה און נישט אין זיין ליבע, נאָר אינעם בילד פונעם לעבן, אין די כאַראַקטערן פון די מענטשן וואָס ער מאָלט. און אָט דאָס איז אייגנטלעך דער אונטערשייד צווישן טענדענציעזער און קינסטלערישער ליטעראַטור.

דער קינסטלער האָט אוודאי אויך אַן אידייע, אַ ציל, — ער האָט אַן אידעאַל, וואָס ער וואָלט וועלן זען פאַרווירקלעכט, און אַ לעבנס־בילד וואָס אים געפעלט נישט און וואָס ער וואָלט עס וועלן פאַרניכטן — אָבער ער איז נישט קיין אַגיטאַ־טאָר: ער לאָזט זיין אידייע אַליין ריידן און ווירקן; ער לאָזט איר ריידן און ווירקן דורך די געשטאַלטן און בילדער, פאַקטן און געשעענישן, אין וועלכע זי איז פאַר־קערפּערט. ער ווייס, אַז זי איז נישט קיין גולם, דאַרף ער איר נישט אַריינלייגן קיין שם־המפורש אין מויל. דער פּראָפּאַגאַנדיסט — און דאָס איז דער פאַרפאַסער פון יעדן סאָרט טענדענץ־ליטעראַטור — ער שאַפט נישט קיין בילדער און קיין געשטאַלטן, וואָס זאָלן עטעמען מיט דעם אָטעם פון זיין אידייע און מאַכן אונדז מיט־אָטעמען מיט איר. ער שאַפט גולמס. מוזן זיי האָבן אַ שם־המפורש אונטערן צונג, און מיטן שם־המפורש זיינען זיי ערשט גולמס. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אַפילו יענע, וואָס קיינער וועט נישט חושד זיין אין מורא פאַר טענדענץ אין ליטעראַטור, שטייען פון דעסטוועגן אויף דער וואַך און היטן די שרייבערס, זיי זאָלן נישט גע־שטרויכלט ווערן, וואָרעם זיי ווייסן ווי לייכט עס איז נכשל צו ווערן, ווען מען האָט אַ פּניה... אַפילו אַזאַ טיפּישער קינסטלער־קעמפער, ווי בערנסטערנע־ביערנסאָן האָט געוווסט, אַז מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק מיט טענדענץ אין קונסט: „אַ טענ־דענץ", האָט ער געשריבן אין זיין עסיי וועגן „דעם ציל פון פּאָעזיע", — „אַ טענ־דענץ קאָן מער ווי יעטוועדער אַנדערע זאַך צוגעבן דער קונסט אַ שטראַלנדיקע היץ, אָבער, פון דער אַנדערער זייט, קאָן די טענדענץ זיי דערשטיקן. „איך ריעכע די אַב־זיכט אונד ווערדע פערשטיממט"... ציטירט ער פון דייטש. און אָט איז נאָך אַ ביי־שפּיל. עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אַ בריוו, וואָס פרידריך ענגעלס האָט, אין יאָר 1885, געשריבן צו מינע קויטסקי, אַ דייטשער פאַרפאַסערן, וועלכע האָט אָנ־געשריבן אַ ראָמאַן אין סאָציאַליסטישן גייסט. שרייבט ענגעלס: „איך בין אין קיין פאַל נישט קיין קעגנער פון טענדענציעזער פּאָעזיע אַלס אַזעלכער. דער פאָטער פון דער טראַגעדיע, עסכיל, און דער פאָטער פון דער קאָמעדיע, אַריסטאָפאַן, זיינען געווען ביידע שאַרף אויסגעדריקטע טענדענציעזע פּאָעטן. און אַזוי אויך דאַנטע און סערוואַנטעס. און די הויפּט־מעלה פון שילערס „קאַבאַלע אונד ליבע" באַשטייט

גראַד אין דעם, וואָס דאָס איז די ערשטע דייטשע פּאָליטיש־טענדענציעזע דראַמע. די מאָדערנע רוסישע און נאָרוועגישע ראָמאַנען זיינען דורך און דורך טענדענציעזע. נאָר איך רעכן, אַז די טענדענץ דאַרף אַרויסדרינגען פון דער לאַגע און פון דער האַנדלונג אַליין פון זיך, אָן שום באַזונדערע אָנווייזונגען דערויף, און אַז דער שרייבער איז נישט מחויב אָנצובינדן דעם לעזער די קינפטיקע היסטאָרישע לייזונג פון די געזעלשאַפטלעכע קאָנפליקטן, וועלכע ער מאָלט"... אָבער דאָס איז דאָך טאַקע דער חסרון פון טענדענציעזער פּאָעזיע, וואָס עס מוז געשען אַ נס, אַז די טענדענץ זאָל אַרויסדרינגען פון דער לאַגע און דער האַנדלונג פון זיך, אָן קיין שום באַזונדערע אָנווייזונגען דערויף. געוויינטלעך געשען נישט קיין וווּנדער, און די טענדענץ דרינגט נישט אַרויס פון דער לאַגע אַליין פון זיך; דאַן מוז דער שרייבער „דעם לעזער אָנבינדן די לייזונג פון די געזעלשאַפטלעכע קאָנפליקטן וועלכע ער מאָלט". און דאַן — ליידט זיין טענדענץ, נישט נאָר זיין קונסט, וואָרעם מענטשן האָבן נישט ליב, אַז מען קנעלט מיט זיי, זיי ווילן אַליין לערנען...

טענדענץ־ליטעראַטור איז אַזאַ וואָרט־שאַפונג, אין וועלכער די טענדענץ און די ליטעראַטור שוואַכן זיך קעגנזייטיק אָפּ. דער הויפּט־פעלער פון אַ טענדענץ־ווערק איז נישט די טענדענץ, נאָר דאָס, וואָס זי ווערט נישט דערגרייכט...

ענגעלס האָט זיך נישט געניי אויסגעדריקט אָדער, ריכטיקער, ער האָט באַנוצט דאָס וואָרט „טענדענץ" נישט אין דעם זינען, אַז „די מאָדערנע רוסישע און נאָרוועגישע ראָמאַנען זיינען דורך און דורך טענדענציעזע" און אַז ער איז „נישט קיין קעגנער פון טענדענציעזער פּאָעזיע". פון די „מאָדערנע" רוסישע און סקאַנדינאַווישע ראָמאַנען זיינען „דורך און דורך טענדענציעז" נאָר אַזוינע, ווי זאָגן מיר, טשערנישעווסקיס „וואָס טוט מען?", סטרינדבערגס „ווידוי פון אַ נאַר" אָדער האַמסונס „רעדאַקטאָר לינגע", אָבער די דאָזיקע ראָמאַנען זיינען זייער שוואַך קינסטלעריש, און זיי זיינען נישט כאַראַקטעריסטיש נישט פאַר דער רוסישער און נישט פאַר דער סקאַנדינאַווישער ליטעראַטור. די ווערק, וועלכע זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר זיי און די ווערק, וועלכע זיינען ענגעלסן, ווי ער שרייבט, געפעלן געווען, אין דער אַלטער גריכישער און אין דער מאָדערנער דייטשער דיכטונג — זיינען אין דער אמתן נישט קיין טענדענציעזע ווערק, נאָר, ווי איך וואָלט זיי אָנגערופן, אידייען־ווערק.

זיי געהערן צו אַ צווייטן, אַ העכערן, שטאַפּל און עס קאָן אַ מאָל טרעפן אַז דעם טענדענציעזן שרייבער זאָל געלינגען זיך צו דערהייבן ביז צו דער מדרגה פון אידייען־ליטעראַטור. אַזוי איז, פּאַרקערט, דער אידייען־שרייבער אין געפאַר צו ווערן טענדענציעז. אָבער ווען עס גליקט אים אָפּ און ער דערגרייכט זיין ציל, מיידט ער די געפאַר אויס. ער האָט טאַקע אַ טענדענץ, אָבער זי דרינגט אַרויס, ווי ענגעלס האָט זיך אויסגעדריקט, „פון דער לאַגע און דער האַנדלונג אַליין פון זיך, אָן קיין שום באַזונדערע אָנווייזונגען דערויף". ער האָט טאַקע אַן אידייע, אָט דער אידייען־שרייבער, אָבער ער זוכט זי אונדז צו ווייזן, נישט צו באַווייזן אַז זי איז גוט. ער העלפט איר נישט צו מיט אַבסטראַקטע ראיות, ער קומט איר נישט צו הילף מיט קונציק־געמאַכטע, דאָך געמאַכטע, קאָנסטרויִרטע עפּיזאָדן, ווי מיר זעען עס אָפט אין בערגעלסאָנס „פּענעק", ער אילוסטרירט זי נישט מיט פיגורן, וועלכע באַוועגן זיך נאָר ווען ער אַליין גיט אַ צי ערגעץ אַ שטריקל. ער לאָזט איר אַליין

אויפגיין, אַרויסשפּראָצן, בליִען און געבן פרוכט ווי אַ קערנדל וואָס איז פאַרזייט געוואָרן אין אַ פרוכטבאַרן און גוט־צוגעגרייטן באָדן.

ער שטייט צווישן דעם טענדענציעזן שרייבער און יענעם, וועלכער שרייבט, „ווי דער פויגל זינגט״, — און איז אַנדערש פון זיי ביידן.

פון דעם טענדענץ־שרייבער איז ער אַנדערש דערהויפּט דערמיט, וואָס ער לאָזט צורו די פאַקטן און די מענטשן, וועגן וועלכע ער דערציילט אונדז. ער איז צו זיי, אמת טאַקע, נישט גלייכגילטיק, ער איז טיף פאַראינטערעסירט אין זיי, מיר פילן, אַז דאָס געפעלט אים און דאָס — נישט, אַז דער איז אים אַ פריינד און יענער — אַ שונא, אָבער ער טשעפּעט זיי נישט, ער לאָזט זיי זיך פריי אויסלעבן, ער פאַרלאָזט זיך אויף זייער פרייען אויסלעבן זיך. ער פילט אין זיך, אַ חוץ דעם דורשט צו שאַפן, אויך אַ דראַנג צו בויען; ער ווערט, אַזוי ווי דער טענדענץ־שרייבער, סטימולירט פון אַן עטישן ציל, נישט נאָר פון דער ריין־קינסטלערישער באַדערפעניש אויסצודריקן זיך אַליין און צו ווייזן, וואָס ער קען; אָבער די „מאָראַל״, וואָס ביים טענדענציעזן שרייבער איז זי אַלץ אָדער דער עיקר און זי טאַרטשעט אַרויס ביי אים (זאָל מיר דערלויבט זיין צו ציטירן מיט קליינע ענדערונגען, וואָס איך האָב אַליין געשריבן וועגן דעם מיט עטלעכע צענדליגע יאָר צוריק אין אַן אַרטיקל וועגן דוד פּינסקין) — „זי טאַרטשעט אַרויס ווי שטרוי פון אַ לעכערדיקן זאַק, ווי שטרוי, וואָס לעכערט דעם זאַק, וווּ ער איז נאָך גאַנץ, אַזוי, אַז מער זעט מען גאָרנישט, ווי שטרוי, — די זעלביקע מאָראַל איז ביי דעם אידייען־שרייבער נאָר אַ געווירץ צום קינסטלערישן געריכט, אַ געווירץ וואָס אַ מאָל בלייבט עס טאַקע שווימען פון אויבן, און דאָס טויג נישט, אָבער אַ מאָל אַז עס גילט אָפּ, ווערט עס צעקאָכט און עס צעגייט: מען פילט דעם טעם דערפון, אָבער אין די אויגן וואַרפט זיך עס נישט מער״...

פון דעם אַזוי גערופענעם ריינעם קינסטלער שיידט זיך דער אידייען־דיכטער אָפּ דערמיט, וואָס „ווען ער פירט אונדז אַריין אין לאַבירינט פון לעבן, ווען ער פירט אונדז אום איבער אַלע זיינע ווינקעלעך, טרעפּ־אַרויף און טרעפּ־אַראָפּ, גייט ער נישט, ווי יענער, וואָס שאַפט „קונסט פון קונסט וועגן״, אַ רויִקער און אַ שמייכלענדיקער, לעבן אונדז אָדער הינטער אונדז, אויסן־זייענדיק נאָר אויפצווייזן אונדז אַלץ וואָס ער האָט געשאַפן, נאָר ער גייט פאָרויס. יאָ, פאַר אונדז גייט ער מיט איילקע טריט, מיט בלישטשנדיקע, ברענענדיקע אויגן, וואָרעם ער פאַרגינט זיך נישט דעם נחת אומצופירן אונדז גלאַט אַזוי אין דער וועלט אַריין. ער וויל אונדז ערגעץ ברענגען צו פירן, ער האָט אַ ציל״...

אין איינעם פון זיינע עסייען האָט י. ל. פּרץ זיך אָפּגעגעבן מיט דער שילדערונג פון אָט דעם סאָרט אידייען־דיכטער. ער האָט געוויזן מיט וואָס דער דיכטער איז אַנדערש פון דעם קינסטלער (אָן אַנדערשקייט, וואָס איז נישט איין מאָל שוין פאַרמולירט געוואָרן, נאָר פון אַנדערע שטאַנדפּונקטן): „פריי, האָט פּרץ געשריבן, איז דער „קינסטלער״, ער מעג מאָלן דעם אויפגאַנג, דעם אונטערגאַנג פון דער זון; ים, שטורעם און סטעפּ; נאַכיאָגן זומערפייגעלעך, פונקען פון קוימען ביים שמיד; גאָלד־גלאַנצן פון אויגן אויף בלאַסע געזיכטער באַזינגען. נישט פריי איז דער דיכטער: זיין וועג איז דער טוריסטן־וועג, וואָס שלענגלט זיך צווישן פעלזן און אָפּגרונטן און אויף דער הויך, ווו עס שפּילט זיך אָפּ די מענטשלעכע טראַגעדיע, ווו צווישן שרעק,

געפֿאַר און שגעון עס ווערן געוויגן די גרעסטע מענטשלעכע פּראָבלעמען: וואָס איז לעבן? וואָס איז טויט? ווער בין איך און וווּהין פירט מיין וועג?". פּרץ אַליין איז געווען און האָט געשטרעבט צו זיין אַזאַ מין דיכטער, אַן אידייען־דיכטער. (און אויך ער האָט אין אַזאַ זאַך ווי „דאָס שטריימל", זיך געווען אַראָפּגעלאָזן ביז צו טענדענציעזישקייט). די גאַנצע ייִדישע און העברעישע ליטעראַטור, די אַלטע און די נייע, איז פול מיט אידייען־דיכטונג. יעדער באַדייטנדיקער שרייבער ביי אונדז איז, אַזוי אָדער אַנדערש, אויסן געווען צו בויען (און איבערצובויען) דאָס לעבן, נישט נאָר צו שאַפן קונסט. ביי אונדז זיינען כמעט נישטאָ קיין „קינסטלער", נאָר „דיכטער" — אין דעם זין ווי פּרץ האָט געברויכט די דאָזיקע צוויי ווערטער. „אויף ייִדיש איז קונסט אַזוינס, האָט פּרץ געזאָגט אַ מאָל אין אַ רעדע, — אַזוינס, וואָס שטייט איבערן לעבן און ציט עס צו זיך, וואָס שאַצט דאָס לעבן פון העכערן, אידעאַלן שטאַנדפּונקט און לויבט און שטראָפט עס". ביי אונדז האָבן אַלע, מער אָדער ווייניקער, פירנדיקע פּערזענלעכקייטן איינגעשטימט מיט ר' בער, דעם מגיד פון מעזריטש: „אַז דו זעסט אַ שיינע כלי, מוזסטו פאַרשטיין אַז די מאַטעריע פון דער כלי האָט גאָר אַ קליינעם ווערט און אַז איר שיינקייט ליגט אין דעם צד פון איר רוחניות"... ביי אונדז האָט אַפילו היינריך היינע, כאָטש ער האָט געשריבן אויסערלעך דייטש און נאָר אינערלעך ייִדיש, — געשטעלט העכער שילערן פון געטען אין אַ געוויסן זין — דערפאַר, וואָס „געטעס דיכטונגען רופן נישט אַרויס קיין מעשים, ווי דאָס איז דער פאַל מיט שילערס דיכטונגען", דערפאַר, וואָס געטעס מוזע זאָל האָבן געווען אַ קאַלטע אומפּרוכטבאַרע מירמלשטיין־סטאַטוע...

ביי אונדז איז די קונסט מער ווי ביי אַלע אַנדערע פעלקער איינגעשלונגען געוואָרן פון דער עטיק, אָבער עס וואָלט געווען אַ טעות צו גלייבן אַז מיר האָבן אַ חזקה אויף רעליגיעזער, עטישער אָדער אידייען־ליטעראַטור. מיר האָבן די ערשטע אַריינגעטראָגן אין דעם כאָר פון דער וועלט־פּאָעזיע דעם נביאישן טאָן, אָבער אויך אַנדערע פעלקער האָבן אין געוויסע עפּאָכעס פון זייער געשיכטע געשאַפן נביאישע אָדער, ווי אַנדערע רופן עס, העראָישע ליטעראַטורן. אַזוי, צום ביישפּיל, איז „די רוסישע ליטעראַטור פאַרן רוסישן לעזער", ווי עס זאָגט דער ליטעראַטור־היסטאָריקער ס. ווענגעראָוו, — „תמיד געווען אַ הייליקייט, וואָס באַהעפטנדיק זיך מיט איר איז ער געוואָרן אי ריינער, אי בעסער, און וואָס ער האָט שטענדיק געהאַט צו איר אַן עכט־רעליגיעזן געפיל"... „אַ קונסטווערק, זאָגט ער ווייטער, דרינגט אַריין אין דער נשמה פונעם רוסישן לעזער נאָר דאַן, ווען עס וועקט אין אים אויך אַן עטישע, נישט נאָר אַן עסטעטישע, עמאָציע. נאָר דאַן, ווען עס טראָגט אים אַוועק אין דער ליכטיקער בלויקייט פון אַן אידעאַל, ווען עס שאַפט ביי אים יענע העראָישע שטימונגען, וועלכע כאַראַקטעריזירן די פּסיכאָלאָגיע פון די העלדן אין די רוסישע קונסטווערק. און מיר דאַכט זיך, קומט ס. ווענגעראָוו צום אויספיר, מיר דאַכט זיך, אַז די גרונט־אויפגאַבע פון יעדער געשיכטע פון דער נייער רוסישער ליטעראַטור איז — אַרויסצוברענגען אָט די גייסטיקע איינהייט און צו ווייזן, ווי האַרמאָניש עס האָבן זיך אין דער נייער רוסישער ליטעראַטור צונויפגעגאָסן עסטעטיק מיט עטיק, קינסטלערישע פולקאָמענהייט מיט מאָראַלישער קראַפט"...

נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָט זיך כמעט ביי אַלע פעלקער באַוויזן אַ אַק־

טיוויסטישע ריכטונג, אַ ריכטונג וועלכע האָט מיטן שעפערישן וואָרט געוואָלט העלפן אויפרייסן די אַלטע וועלט און אויסבויען אַ נייע אויף אירע חורבות, אַ ריכטונג, וועלכע האָט זיך געראַנגלט און ראַנגלט זיך נאָך איצט מיטן דעפע־טיזם, אָבער די וואָס האָבן אימפּעטיק גענומען פּאָדערן פון שרייבערס אַז זיי זאָלן זיך צוהערן צום נויט־געשריי פון לעבן און העלפן עס איבערבויען אָדער איבער־קערן, האָבן אין תוך נישט אויפגעטאָן קיין נייעס. עס איז געווען אַ נייע דריסט־קייט אין זייער שטים, אָבער די שטים, איז אַן אַלטע! אמתע דיכטערס, גרויסע דיכטערס האָבן זיך קיין מאָל נישט אָפּגעזונדערט פון לעבן, האָבן קיין מאָל נישט געוואָלט און נישט געקאָנט זיך איזאָלירן פון אים. דער „העלפאַנט־ביינערנער טור־רעם״, אין וועלכן דער אָדער יענער פון זיי זאָל זיך האָבן אָפּגעשיידט פון דער וועלט, איז אַ לעגענדע. ליטעראַטור איז גרויס נאָר אין דעם זין, וואָס זי „העלפּט״, לויט וואָלט וויטמאַנס אַן אויסדרוק, „דעם וווקס פון דער מענטשהייט״.

די צרה מיט איניקע ניי־געבאַקענע פּריידיקערס פון אידייען־ליטעראַטור באַ־שטייט אין דעם וואָס זיי ווילן, זי זאָלן העלפן דעם וווקס נישט פון דער מענטש־הייט, נאָר פון זייער פּאַרטיי, פון זייער קלייזל. זיי ווילן די ליטעראַטור נישט פאַר־טיפן, נישט דערהייבן, נאָר דערנידעריקן ביז צום... באַשלוס פון זייער אייגענעם לעצטן צוזאַמענפאָר. דערפאַר און נאָר דערפאַר ווערן זיי באַקעמפט און מוזן באַ־קעמפט ווערן פון אַלע די, וועלכע קאָנען נישט פאַרטראָגן די דערנידערונג, פון אַלע די, וועלכע ווייסן, אַז ליטעראַרישע שאַפונגען זיינען גרויס און דויערהאַפטיק נאָר ווען זיי זיינען פריי צו זוכן — גרויסע און דויערנדיקע ווערטן.

דער אונטערשייד צווישן דער אַזוי גערופענער פּראָלעטאַרישער קריטיק און דער ליטעראַרישער קריטיק באַשטייט נישט אין דעם, וואָס יענע זוכט סאָציאַלע אידייען און אַ סאָציאַלע וועלט־אַנשויונג אין דער ליטעראַטור און די האָט כלומרשט נישט קיין אידייען און קיין וועלט־אַנשויונג. בלויז קליינע אָדער פּוסטע מוחות קאָ־נען מיינען, אַז ווען איינער האַלט נישט פון זיי, זייערע אידייען און זייערע שיטות, האָט ער בכלל נישט קיין אידייע און קיין שיטה. דענקנדיקע מענטשן פאַרשטייען אַז אַ סך פון אונדז האָבן קיין הנאה נישט פון די פּראָדוקטן פון דער נייער אַזוי אָנגערופענער סאָציאַלער ליטעראַטור און פּראָלעטאַרישער קריטיק נישט דערפאַר, וואָס זיי זיינען סאָציאַל און אַפילו נישט דערפאַר, וואָס זיי זיינען פּראָלעטאַריש, נאָר ווייל זיי זיינען פּראָדוקטן פון אַ פלאַך־געוואָרענער פּאָליטיזירטער ליטעראַטור און נאָך מער פלאַכקעפּיקער קריטיק.

דער עצם פאַקט, וואָס די דאָזיקע ליטעראַטור־קריטיק איז חושד יעדן איינעם וואָס וויל נישט האָבן צו טאָן מיט איר קלייזל און קלייזלדי־קייט, אַז ער האָט נישט און זוכט נישט „קיין געזעצן און ווערטן אין דער ליטע־ראַטור״ („מאָרגן־פרייהייט״ פון 17טן יולי 1933), — שוין דער פאַקט אַליין ווייזט ווי נאַיִוו איינגעגלייבט זי איז אין זיך אַליין, ווי קורצזיכטיק זי איז און ווי אומ־ווויסנדיק. ווען זי זאָל האָבן אַ ביסל אַ ווייטערן קוק, ווען זי זאָל זיין מער אינפאָר־מירט און מער אויפריכטיק, וואָלט זי געוווסט, אַז אַ חוץ די עקסטרעמע פּרעדי־קערס פון דער — אין אַ געוויסער צייט און סביבה אומפאַרמיידלעכער — טעאָריע פון „ריינער קונסט״ אָדער „קונסט פון קונסט וועגן״, — איז יעדער שריפטשטע־לער גרייט צו זאָגן אינאיינעם מיט דעם נאָרוועגישן דיכטער (אין זיין פריִער דער־

מאָנטן עסיי): „ווי מאָדנע זעט מיר אויס די שיטה אַז שרייבערס און שרייבערנס מוזן זיך באַפרייען פון דעם באַוווסטזיין פון גוט און בייז, איידער זיי נעמען זיך פאַר זייער אַרבעט... איך נעם זיך נישט אָן אויסצוגעפינען ווי ווייט אַ מענטש מיט אַ געזונטן גייסט וואָלט זיך געקאָנט באַפרייען פון דעם, וואָס דורך אַ באַוווסטזיין, געירשנט פון מיליאָנען תקופות, האָט עס באַהערשט אַלע דורות. איך פרעג נאָר: ווי קומט עס וואָס די, וועלכע גלייבן אין אָט דער שיטה, גיבן אונדז גראָד אַזאַ און נישט אַן אַנדער בילד פון לעבן? פּאַסירט עס שטענדיק בלויז מעכאַניש? איך גלייב נישט אַז עס איז נייטיק צו ענטפערן אויף דער פראַגע. זיי זיינען נישט מער, ווי מיר אַלע, מסוגל צו באַפרייען זייערע אידייען פון די געירשנטע מאָראַלישע אָפּשאַצונגען. כ׳וויל נאָר ווייזן, אַז אַ סך פון די, וואָס לייקענען, אַז פּאָעזיע מוז האָבן אַ טענדענץ (אויף אונדזער לשון וואָלט עס הייסן: אַן אידייע — ש. נ.), ווייזן אַרויס די דאָזיקע טענדענץ (אָדער אידייע) אין זייערע אייגענע ווערק. און איך וויל צוגעבן, אַז וואָס העכער מיר קלעטערן אַרויף אויפן לייטער פון אינטעלעקטועלער פרייהייט, אַלץ שטאַרקער איז די טענדענץ. די גרויסע פּאָעטן פון גריכנלאַנד האָבן געבראַכט אין אָרדענונג די עדה פון געטער און מענטשן. שעקספּירס דיכטונג איז אַ געוואַלדיקע גערמאַנישע וואַלהאַלאַ (פּאַלאַץ פון אומשטערבלעכע העלדן), אַ מאָל שיינענדיק און אַ מאָל איינגעוויקלט אין שטורעם-וואָלקנס. אין אָט דער וואַלהאַלאַ האָט דאָס גאַנצע לעבן ווידער אויפגעוואַכט צום קאַמף, אָבער אַלע מאָל באַהערשט פון שעקספּירס חוש פאַר גערעכטיקייט, פון זיין אינטענסיוון און טיפן גלויבן אין דער אייביקער שפע און געבענטשטקייט פון לעבן אַזוי״. יעדער אמתער שריפטשטעלער איז איינשטימיק, מוז זיין איינשטימיק מיט דעם אַלגעמיינעם זינען פון ביערנסטערנע ביערנסאָנס דערקלערונג. יעדער שריפטשטעלער ווייסט אַז וואָס גרעסער אַ ווערק איז, אַלץ רייכער איז עס אין אידייען-אינהאַלט. אָבער וואָס פאַר אַן אינהאַלט איז עס? אַזאַ, וואָס דויערט אַ היסטאָרישע רגע? אַזאַ, וואָס היינט לעבט ער און מאָרגן — אויס? אַזאַ, וואָס האָט אַ ווערט, אַ ווערדע נאָר פון דעם שטאַנדפּונקט פון פּאָליטישע קלייזלעך און קליקעס? אַזאַ, וואָס רירט אָן נאָר דעם אויבערפלאַך פון לעבן? ניין. דער אינהאַלט, די אידייע פון דער אמתער אידייען-ליטעראַטור באַשטייט אין זוכן אויף טויזנט וועגן נאָך נישט-דערגרונטעוועטע טיפעניש, נאָך נישט-דערגרייכטע הויכקייטן פון דער וועלט; באַשטייט אין זוכן דאָס, וואָס האָט אַ גרויסן ווערט היינט און וואָס וועט אַלע מאָל האָבן אַ גרויסן ווערט. צייט-פראַגעס, מאָמענט-זאַכן עקסיסטירן אוודאי אויך פאַר דער אידייען-ליטעראַטור; אָבער — אין אַ גאַנץ אַנדערן זינען, ווי זיי עקסיסטירן פאַר דער טעגלעכער פּרעסע, פאַר דער זשורנאַליסטיק בכלל. זי, די טאָג-פּובליציסטיק, גיט זיך אָפּ מיט זיי דערפאַר ווייל זיי זיינען טאָג-פראַגעס, מאָמענט-אויפגאַבעס. אַ גאַנץ אַנדער באַציִונג האָט צו זיי די קינסטלערישע און די פילאָסאָפישע ליטעראַטור. זי באַשעפטיקט זיך מיט זיי כאָטש זיי האָבן נישט קיין דויערנדיקע עקסיסטענץ. זי אינטערעסירט זיך מיט זיי, ווייל זי איז געבענטשט מיט דער פעִיקייט צו זען הינטער דער שאָלעכץ פון היינטיקן טאָג אַ קערן פון דויערהאַפטיקייט און צו פילן הינטער די קליינִיקייטן און וואָכעדיקייטן פון דער סביבה עפּעס אַזוינס, וואָס נעמט אַלץ אַרום און זעטיקט-אָן אַלץ מיט לעבן און שעפערישקייט...

מאַקסים גאָרקין וועט קיינער נישט חושד זיין אין גלייכגילטיקייט צו לעבנס-

פראַגעס און צו נויט־באַדערפעניש פון די מאַסן; ער איז, לכל הדעות, אַן אידייען־דיכטער. איז דערפאַר גאָר באַזונדערס אינטערעסאַנט צו הערן, וואָס פאַר איס איז ליטעראַטור: „ליטעראַטור", האָט ער אַנומלט געשריבן אין אַ פאָרוואָרט צו דעם קאַטאַלאָג פון אַ גרויסן סאָוועטישן פאַרלאַג — „ליטעראַטור איז דאָס האַרץ פון דער וועלט, באַפליגלט מיט אַלע אירע פריידן און ליידן, מיט אַלע חלומות און האָפענונגען פון מענטשן, מיט זייער פאַרצווייפלונג און צאָרן, מיט זייער ערפאָרכט פאַר דער שיינקייט פון דער נאַטור און זייער פאָרכט פאַר אירע געהיימענישן. אָט דאָס האַרץ איז אייביק פול מיטן דאָרשט צו קענען זיך אַליין, אַזוי ווי אַלע עלע־מענטן און כוחות פון דער נאַטור, וועלכע האָבן געשאַפן די מענטשלעכע פּערזענ־לעכקייט, ווי דעם העכסטן אויסדרוק פון זייער קאָמפּליצירטקייט און ווייזהייט, וואָלטן אין אָט דעם האַרצן געזוכט קלאָר צו מאַכן דעם מיין און ציל פון לעבן"... און ווייטער: „...דאָס ליטעראַרישע שאַפן, פּראָזע און פּאָעזיע, איז אַנגעזעטיקט מיט דער איינהייט פון די געפילן, די געדאַנקען, די אידעאַלן, וועלכע עס האָבן אַלע מענטשן, מיט דער איינהייט פון דעם מענטשנס הייליקער שטרעבונג צו געניסן די פרייהייט פון גייסט, מיט דער איינהייט פון דעם מענטשנס אומצופרידנזיין מיט דעם לעבנס נויטן, מיט דער איינהייט פון זיינע האָפענונגען אויף דער מעגלעכקייט פון העכערע לעבנס־פאָרמען און מיט דעם אַלגעמיינעם דאָרשט נאָך דעם, וואָס לאָזט זיך נישט אויסדריקן מיט דער הילף פון וואָרט אָדער געדאַנק, פון דעם, וואָס עס איז קוים מעגלעך אָנצוכאַפּן עס מיטן געפיל, — פון דעם מיסטעריעזן עפּעס, וואָס מיר האָבן עס אָנגערופן מיט דעם בלאַסן נאָמען שיינקייט און וואָס בליט ערגעץ נישט אַזוי שיין און אַזוי פּרעכטיק, ווי אין אונדזערע הערצער"... און ווייטער: „...מער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער קונסט פון וואָרט איז איר הייסער פאַרלאַנג אויפצוהייבן דעם מענטשן איבער זיינע דרויסנדיקע עקסיסטענץ־באַדינגונגען, צו באַפרייען אים פון די קייטן פון דער דעגראַדירנדיקער אַקטואַליטעט, אַרויסצו־שטעלן אים פאַר זיך אַליין נישט ווי אַ שקלאַף פון דער סביבה, נאָר ווי איר הער־שער, ווי דער פרייער שאַפער פון לעבן, — און אין דעם זין איז ליטעראַטור שטענדיק רעוואָלוציאָנער"...

יאָ, אין דעם זינען איז זי רעוואָלוציאָנער, אָבער נישט אַגיטאַטאָריש־רעוואָלו־ציאָנער, נישט טענדענציעז־שרייעריש־רעוואָלוציאָנער, נאָר שעפעריש־קינסטלעריש־רעוואָלוציאָנער. און ווען זי איז עס, איז זי ניט קיין טענדענץ־ליטעראַטור אין דעם אויבן כאַראַקטעריזירטן זינען, נאָר אידייען־ליטעראַטור, וואָס ווען דער, וועלכער שאַפט זי, איז אַ קינסטלער, איז זי אַ ליטעראַטור פון בילדער און געשטאַלטן.

ג.

אַזוינע שרייבערס, ווי די פריער ציטירטע ביערנסטערנע־ביערנסאָן, מאַקסים גאָרקי און אַנדערע פילן און פאַרשטייען די אָרגאַנישע פאַרבינדונג צווישן אידייען און זייער געשטאַלטונג אין קונסט. עס זיינען אָבער אויך דאָ אַזוינע, וואָס כאָטש זיי פּראַקטיצירן אָט די אָרגאַנישע פאַרבינדונג, ווען זיי שרייבן אַליין ראָמאַנען אָדער פּאָעמעס — מאַכן זיי נישט פון זייער אייגענער פּראַקטיק קיין אַלגעמיינע אויספירן, און אין זייער טעאָרעטיזירן וועגן ליטעראַטור פאַלן זיי אָפט אַריין אין

אייגנזייטיקייטן. קעגן אָט די אייגנזייטיקייטן מוז דער קריטיקער זיך אַליין אין אַנדערע נישט אויפהערן צו וואָרענען. מיר אַליין איז עס אויסגעקומען צו טאָן פּריוואַט און עפנטלעך, אין פאַרבינדונג מיט צוויי זייער באַדייטנדיקע פאָרשטייערס פון דעם ייִדישן וואָרט, — י. י. זינגער (1893—1944) און מנחם באָריישאָ (1888—1949). ביידע זיינען זיי פריצייטיק געשטאָרבן. דאָס איז אפשר די איינציקע ענלעכקייט, וואָס איז געווען צווישן זיי. אין אַ סך אַנדערע זאַכן זיינען זיי געווען צוויי היפּוכים. און נישט אַזוי דערפאַר, וואָס י. י. זינגער איז געווען אַ פּראָזע־שרייבער, אַ דערציילער און אַ ראָמאַניסט, בעת מנחם באָריישאָ האָט זיך דערהויפּט אויסגעצייכנט ווי אַ פּאָעט, כאָטש ער האָט געשריבן אויך דראַמעס, עסייען, ליטעראַטור־ און טעאַטער־קריטיק. איינער פון זייערע הויפּט־אונטערשיידן איז באַשטאַנען דערין, וואָס בעת זינגער האָט אין זיין דענקען געזוכט צו פאַראיינפאַכן זאַכן און געלערנט פּשט אין דער וועלט, האָט מנחם באָריישאָ, פאַרקערט, ליב געהאַט זיך צו גריבלען און צו כאַפּן אַ שפּאַציר איבער די פאַרבאָרגענע און פאַרדרייטע וועגן פון פּרדס. אויף אַזאַ פראַגע, אַ שטייגער, ווי: „וואָס איז דער תכלית פון דער וואָרט־קונסט?“, האָט י. י. זינגער געענטפערט:

— הערט אויף צו זוכן תכליתים אין שיינער ליטעראַטור. זי איז שיין, פאַרשאַפט זי אונדז גענוס, פאַרווילט זי אונדז, האָט זי דערמיט אַליין שוין דערגרייכט איר ציל. מער דאַרפן מיר פון איר נישט פאַרלאַנגען. מער האָט זי נישט — און זי קאָן אונדז נישט געבן מער, וויפל זי האָט.

אַזוי זיכער איז י. י. זינגער געווען אין דעם פּשט, וואָס ער לערנט אין קונסט, אַז אַלע די, וואָס האָבן נישט אָנגענומען זיין, שוין אַ ביסל צו פּשוטן, פּשט זיינען געווען אין זיינע אויגן „אַנטי־קינסטלערישע מענטשן, אַסקעטן, וועלכע האָבן נישט קיין זין פאַר גענוס און באַטראַכטן אים פאַר אַ נידעריקן ענין...“. און אָט האָב איך מיט אַ קורצער צייט פריִער, איידער איך האָב געלייענט. י. י. זינגערס אַרטיקל, געקראָגן אַ בריוו וועגן דעם זעלביקן ענין קונסט פון מנחם באָריישאָן, האָט ער דאָרט, די ערשטע זאַך, פּראָטעסטירט קעגן וואָלטערס באַרימטן אויסדרוק, אַז „אַלע מינים קונסט זיינען גוט, אַ חוץ דעם מין, וואָס איז לאַנגווייליק“. מנחם באָריישאָ האָט געהאַלטן, אַז „נישט זיין לאַנגווייליק“ אָדער, ווי י. י. זינגער דריקט זיך אויס, „פאַרווילן“ דעם עולם איז פאַר אַ קונסטווערק נישט גענוג. דער אמת איז, אַז וואָלטער אַליין וואָלט זיך מיט דער ראָלע פון אַן אַמוזירער קיין מאָל נישט באַנוגנט. מיט זיינע אייגענע ווערק האָט ער געוואָלט מענטשן קליגער און פרייער מאַכן, נישט נאָר פאַרשאַפן זיי פרייד. אָבער נישט וועגן דעם פראַנצויזישן שריפטשטעלער רייד איך דאָ, נאָר וועגן אונדזערע אייגענע צוויי, העכסט אָנגעזעענע, ייִדישע שרייבערס און זייער שטעלונג צו דעם ענין אידייען, טענדענצן און געשטאַלטן. בעת איינער פון זיי זאָגט, אַז „שיינע ליטעראַטור, איז שיין — און מער גאָרנישט“, גייט דער אַנדערער אַזוי ווייט אַז ער מאָנט ביי איר — „קדושה“. ביידע זיינען אַזוי ווי מסכים, אַז ליטעראַרישע שיינקייט און קדושה זיינען צוויי וועלטן, צוויי צדדים, וואָס ראַנגלען זיך צווישן זיך; דער אונטערשייד צווישן זינגער און באָריישאָן באַשטייט אַזוי ווי נאָר אין דעם צד, וואָס יעדער פון זיי איז גרייט צו שטיצן. זינגער שטייט שטאָל און אייזן פאַרן „קונסט“־צד, פאַרן צד פון קינסטלערישן גענוס און קינסטלערישער געשטאַלטונג, באָריישאָ וויל אַז די אייבער־

האָט זאָל האָבן די „סיטרא קדישא". זינגער באַדויערט טיף, וואָס „דאָס טראַגישע יידישע לעבן האָט געשאַפן פאַרהעלטענישמעסיק (יידיש האָט אַ וואָרט פאַר דעם: „בערך") אַ צו גרויסע צאָל מקוננים, תכלית־זוכערס, פּראָבלעמען־לייזערס, מוסר־ניקעס, פאַרזאָרגערס אאַז"וו, אאַז"וו". מנחם באָריישאָ איז, פּונקט פאַרקערט, זיך מצער, וואָס אונדזערע מאָדערנע אָדער וועלטלעכע יידן האָבן זיך אַריינגעלאָזן אין „גוייִשער פּאָעזיע און עסטעטיק" און ער איז העכסט צופרידן, וואָס אין אים אַליין איז „דער קדושה־באַגערער... שטאַרקער ווי דער קינסטלער", וואָס ער האָט זיך „געמאַטערט צו געבן דער קדושה די אויבערהאַנט איבער דער קונסט", און וואָס ער גלייבט אַז „אויב מיר וועלן דאַרפן לעבן אין דער וועלט, וועלן מיר לעבן בלויז דעמאָלט, ווען די קדושה וועט די קונסט אויפעסן, פאַרדייען און דאָס אומנייטיקע אויסשפּייען"...

ווי דער לעזער אַליין זעט, זיינען עס צוויי עקסטרעמען. לויט מיין מיינונג איז צווישן קינסטלערישער „שיינקייט" און „קדושה" אָדער בכלל צווישן קינסט־לערישע און אַנדערע העכערע ווערטן נישטאָ גאָר קיין סתירה. דאָס זיינען טאַקע צוויי גאָר באַזונדערע ספערן, אָבער זיי שליסן נישט אויס איינע די אַנדערע; פאַר־קערט, ביי גליקלעכע אומשטענדן קאָנען זיי איינע מיט דער אַנדערער קומען אין באַרירונג און באַפרוכפּערן איינע די צווייטע. כדי עס איינצוזען, דאַרף מען זיך צוקוקן צום נאַטירלעכן גאַנג פון קינסטלערישן שאַפן און קינסטלערישן געניסן, און נישט ברענגען קיין ראיות פון אַזוינע עקסטרעמע און שיער נישט פּערווערזע פאַלן, ווי די, וואָס י. י. זינגער דערמאָנט. ער דערמאָנט די באַרימטע „אויסטייטשער פון גרעסטן ראָמאַנטישן ווערק שיר השירים, (די אויסטייטשערס וואָס האָבן אויס־געטייטשט), אַז „שני שדיך" מיינט מען משה ואהרן אד"גל אַזעלכע „אויסטייטשערס" זיינען אין מיטעלעלטער געווען, אגב, ביי קריסטן אויך, נישט נאָר ביי יידן, — און זינגער איז געוויס גערעכט, ווען ער זאָגט, אַז דאָס זיינען געווען מענטשן (און איך וואָלט צוגעגעבן: מענטשן, וועלכע האָבן רעפּרעזענטירט גאַנצע תקופות — ש. נ.) פון דעם שניט, וואָס גענוס איז פאַר זיי סם"... אָבער דאָס געהערט דאָך נישט צום ענין. דאָס איז נישט געווען קיין פּירוש אויף אַ ליטעראַרישן אָדער אַ קינסטלערישן ווערק: „שיר השירים" (און גאַנץ תנ"ך), איז פאַר יענע אויסטייטשערס נישט גע־ווען קיין ליטעראַטור אָדער קונסט, נאָר אַ הייליקע שריפט, גאָטס וואָרט. די, וואָס האָבן געלייענט און לייענען שיר השירים, ווי אַ זאַמלונג פון געזאַנגען, פון לידער, פון ליבע און טאַנץ־לידער, — האָבן זיכער געהאַט און האָבן די הנאה, די פרייד, וואָס איז י. י. זינגערן אַזוי צום האַרצן. און אויב עמעצער פון זיי זאָל זיין גענוס, זיין פרייד וועלן (און קענען) אויסדריקן אין ווערטער, וועט דאָס, וואָס ער וועט אָנשרייבן, זיין קריטיק, — און אויף אַזאַ מין קריטיק וואָלט אַפילו י. י. זינגער, גלייב איך, נישט געברוגזט זיך. אָבער דאָס מיינט נישט אַז יעדע קריטיק מוז זיין פריי פון די עלעמענטן, וואָס זינגער רופט זיי אָן מיט פאַראַכטונג „מוסר השכלס און אויסטייטשונגען". עס קאָנען זיך געפינען לייענערס (און ממילא אויך קריטיקערס) וואָס כאָטש זיי האָבן פונעם ווערק דעם עסטעטישן פאַרגעניגן, וואָס זיי זיינען מסוגל צו האָבן, פאַרגינען זיי זיך דאָך און מוזן זיך פאַרגינען אין געוויסע פאַלן אַלערליי „מוסר השכלס און אויסטייטשונגען" — און ווען זיי טוען עס, ווערן זיי דורך דעם נישט קיין „אַנטי־קינסטלערישע מענטשן, אַסקעטן, וועלכע האָבן נישט קיין זין

פאַר גענוס אאַז״וו״. זיי קאָנען זיך זיין גאַנץ קינסטלערישע און „געניסערישע״ בשר ודמס — און דאָך — ווען זיי נעמען־אויף אַ פּאָעמע, אַ דערציילונג אָדער אַ ראָמאַן — האָבן אַזוינע אידייען־אַסאָציאַציעס, אַזוינע לייענערישע איבערלעבונגען, וואָס זייַנען שייך פּראַגעס פון געזעלשאַפטלעכן לעבן, צו פּסיכאָלאָגישע פּראָבלעמען, צו אַנגעלעגנהייטן פון מאָראַלישער אויפפירונג און אַפילו צו רעליגיע. איך זאָג נישט, אַז וואָס מען זאָל נישט לייענען מוזן ביי יעדן לעזער אויפקומען אין געדאַנק אָדער אין דער פאַנטאַזיע די אַלע און אַנדערע „זייטיקע״ זאַכן; כ׳זאָג אַז זיי קאָנען אויפבליצן אין דעם באַוווסטזיין פון דעם אָדער יענעם ליטעראַטור־געניסער, און אַז אויב דאָס פּאַסירט, איז עס נישט קיין באַווייז, אַז דער געגעבענער לעזער אָדער (ווען דער לעזער ווערט אַ שרייבער) דער געגעבענער קריטיקער איז אַנטי־קינסטלעריש, אַסקעטיש אאַז״וו.

י. י. זינגער אַליין גיט צו, אַז „די אופנים פון פאַרווײַלונג אָדער גענוס זייַנען פאַרשיידן ביי מענטשן, אָפּהענגיק פון זייער געשמאַק, דערציִונג״ אאַז״וו. און ער וועט זיכער נישט לייקענען, אַז די אופנים פון קינסטלערישן גענוס זייַנען נאָך מער פאַרשיידן, און אַז זיי ווענדן זיך נאָך מער אָן דעם געניסערס געשמאַק, דערציִונג אאַז״וו. איז פאַרוואָס זאָל נישט מעגלעך זיין ביי דעם אָדער ביי יענעם פון אונדז, לייענערס, אַזאַ מין געשמאַק, אַזאַ מין דערציִונג און אַזאַ מין אינטערעסן־קרייז וואָס ווען ער לייענט „די ווערק פון האָמער, סערוואַנטעס, פלאָבער, טאָלסטאָי און אַנדערע גרויסע שרייבער״ — זאָלן זיי, אינאיינעם מיט אַזאַ אָדער אַן אַנדער גראַד עסטעטישער באַפרידיקונג, אַרויסרופן ביי אים אויך געוויסע עטישע, פילאָסאָפישע, רעליגיעזע און אַנדערע אידייען־פאַרבינדונגען? ווי שטייט עס, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך ביי מענטשן, ווי אַן איזאָלירט עסטעטיש לעבן? ווי ווייט מיר ווייסן פון דערפאַרונג (און פון דער „געשטאַלט־פּסיכאָלאָגיע״) איז נישטאָ גאָר אַזאַ זאַך, ווי אַ באַזונדער „עטישער״ מענטש, אַ באַזונדער „פילאָסאָפישער״ מענטש אאַז״וו. די אַלע כלומרשט פאַרשיידענע און אָפּגעזונדערטע, מענטשן גיסן זיך אין יעדן פון אונדז צונויף אין איין מענטשן, און ווען מיר לייענען אַ ווערק פון טאָלסטאָי אָדער פלאָבער, י. י. זינגער אָדער מנחם באָריישאָ, שטעלן מיר נישט פאַר מיט זיך עפּעס אַ טיש פול מיט שופלאָדן און מיר לייגן נישט אַריין אונדזערע עסטעטישע איינדרוקן אין איין נשמה־שופלאָד, אונדזערע עטישע אָפּשאַצונגען — אין אַ צווייטן, אונדזערע פילאָסאָפישע רעיונות — אין אַ דריטן, אאַז״וו. ניין, אין אונדז וואַכט אויף, ווען מיר לייענען אַ ווערק וואָס איז באמת אַ קונסטווערק, עפּעס אַזוינס וואָס נעמט אין זיך אַריין און גיסט און מישט צונויף אַלץ מיט אַנאַנדער — דעם גענוס פון פּאָסיקע קלאַנגען און ריטמען מיט דעם גענוס פון נייע ניואַנסן פון געפיל און געדאַנק, די פרייד פון אָבסערווירן עפּעס אַן אייגנאַרטיקן פּייזאַזש אָדער אַן אינטערעסאַנטן מענטשלעכן כאַראַקטער מיט דעם באַזונדערן פאַרגעניגן וואָס מיר האָבן פון דערהייבן זיך איבער דער טאָג טעגלעכקייט און שוועבן אין ווייטע און ווונדערלעכע וועלטן, די הנאה פון עפּעס אַ געלונגענעם אויסדרוק, אַ פרישן פאַרגלייך, אַן אָריגינעלער כאַראַקטעריסטיק, אַ נייער שילדערונגס־טעכניק מיט דער דערהייבונג פון פאַרטיפן זיך אין די טונקלקייטן אָדער אינעם ליכט פון דער מענטשלעכער נשמה, די באַוווּנדערונג פון דעם שרייבערס שפּראַכלעכער מייסטערשאַפט מיט דעם ענטוזיאַזם, וואָס עס וועקט אין אונדז אויף די דרייסטקייט, מיט וועלכער ער קוקט

אַריין אין תהומען פון זינד אָדער עפּנט פאַר אונדז טויערן פון קדושה... ביים אויפ־נעמען, ווי ביים שאַפן, אַ קונסטווערק, ווערן די גרענעצן צווישן די אַלע זאַכן כמעט אין גאַנצן אָפּגעווישט. זיי מוזן אָפּגעווישט ווערן. עס קאָן גאָר אַנדערש נישט זיין. עס קאָן גאָר נישט געמאָלט זיין אַז ווען מיר לייענען, אַ שטייגער, י. י. זינגערס ראָמאַן „חבר נחמן", זאָלן מיר זיין אַריינגעטאָן נאָר אין די שיינע מעשיות, וואָס ווערן דאָרט דערציילט, און ניט ווערן טיף פאַראינטערעסירט אין נחמנס מענטש־לעכן גורל, אין זיין נאַיוון גלויבן, אין זיינע טרויעריקע ספיקות. עס וואָלט געווען קינסטלעריש און בשום אופן נישט קינסטלעריש צו רעאַגירן אויף דער געשיכטע, וואָס זינגער דערציילט, און נישט אויף „דער מאָראַל פון דער געשיכטע". עס וואָלט געווען גאָר אוממעגלעך אָפּצושאַצן די קונסט פון זיין דערציילן, נישט אָפּשאַצנדיק צו גלייכער צייט דעם אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישן און געזעלשאַפטלעך־עטישן ווערט פון דעם, וואָס ער דערציילט. פּונקט אַזוי פאַלש וואָלט געווען צו מעסטן יעדן פון די צוויי „ברידער אשכנזי" (אויך אַ ראָמאַן פון י. י. זינגער), בלויז מיט דער מאָס פון זיין קינסטלערישער לעבעדיקייט און נישט וועגן אים אויך אויף דער וואָג פון זיין מאָראַלישער אָדער אַמאָראַלישער אויפפירונג. דער ראָמאַניסט וואָלט גע־ווען דער ערשטער צו פּראָטעסטירן קעגן אַזאַ מין צערייסן דעם העלד זיינעם אויף שטיקער. דער שרייבער פליסט זיך צו געבן אונדז יעדן פאַרשוין זיינעם אין זיין גאַנצקייט, — און אויך מיר, לעזערס און קריטיקערס, מעגן און מוזן זען אַז אונדזער אויפנעמען אָדער געניסן זיין ווערק זאָל זיין גאַנץ טאָטאַל, און דאָס מיינט, אַז עס זאָל נישט אויסשליסן, נאָר, פאַרקערט, איינשליסן אין זיך אַלערליי „אויסטייטשונ־גען און מוסר־השכלס".

קינסטלערישער געניס איז, ווי מיר ווייסן, אַנדערש פון יעדן אַנדערן מין געניס דערמיט, וואָס ער איז נישט פאַראיבערגייענדיק, וואָס, אַ חוץ דעם, וואָס ער נערט אונדז, העלפט ער אונדז, ווי שפּייז, וואָס מען גיט אַ קינד, וואַקסן — און פאַרוואָס איז ער אַזוי דויערהאַפטיק? פאַרוואָס לאָזט ער אין אונדז איבער אַזוינע טיפע שפּורן? ווייל ער ווירקט אויף אונדזער גאַנצן יש, אויף אונדזער באַוווסטזיין, נישט נאָר אויף די חושים אונדזערע, ווייל זיין מין איז — נישט ווי דער מין פון גע־ווינטלעכן געניס צו פאַרגעסן זיך, נאָר פאַרקערט, — זיך דערמאָנען, געדענקען... ווי האָט געזאָגט ר' נחמן בראַסלאַווער? „די וועלט זאָגט, אַז מעשיות זיינען גוט איינצושלעפערן, און איך זאָג, אַז מיט מעשיות וועקט מען אויף..." עס זיינען, אין דער אמתן, דאָ צווייערליי „מעשיות": אַזוינע, וואָס זיינען גוט „איינצושלעפערן", ד"ה, ריין אַמוזירנדיקע, און אַזוינע וואָס „וועקן מענטשן פון שלאָף", ד"ה, קינסטלערישע...

מיט זיין אייגענעם קינסטלעריש־„וועקנדיקן" שאַפן האָט י. י. זינגער אָפּגע־לייקנט זיין טעאָריע פון „איינשלעפערנדיקן" געניס. זיינע אייגענע ווערק בעטן זיך, ווי מיר האָבן געזען, „אויסגעטייטשט" צו ווערן; זיי געפעלן אונדז נישט ווייל מיר האָבן סתם אַזוי הנאה פון זיי, נאָר ווייל מיר געפינען אין זיי אַ שליסל צו פאַר־שיידענע פּראָבלעמען, — און דאָס מאַכט, אַז אונדזער הנאה אָדער געניס זאָל זיין נאָך טיפער, נאָך ברייטער.

פּונקט אַזוי ווייזט די פּאָעמע „דער גייער", מנחם באָריישאָס מאָנומענטאַל ווערק, אַז דאָס, וואָס ער רופט אָן קדושה, האָט זיך נישט וואָס צו שרעקן פאַר פּאָעזיע אָדער קונסט, אַזוי ווי פּאָעזיע אָדער קונסט וויכט נישט און דאַרף נישט

ווייכן פון „קדושה". להיפוך צו זיינע טעאָרעטישע באַטראַכטונגען, האָט ער פּאַק־טיש געזוכט אין זיין פּאָעמע נישט „צו געבן דער קדושה דעם איבערגעוויכט אי־בער דער קונסט", נאָר צו געפינען דאָס גלייכגעוויכט צווישן זיי, צו זען, אַז זיי זאָלן איינע די אַנדערע דורכדרינגען, דורכלייכטן און באַרייכערן.

צוליב קדושה אָדער עטישער דערהויבנקייט, איז נישט נייטיק אָפּצוזאָגן זיך פון קונסט; פּונקט אַזוי איז קונסט נישט מחויב אויסגעליידיקט צו ווערן פון קדושה.

דאָס שטימט אפשר נישט מיט דער אָדער יענער קונסט־טעאָריע; דאָס קינסט־לערישע שאַפן באַשטעטיקט עס. געשטאַלטן און אידייען (אויב דאָס זיינען אידייען, נישט קיין טענדענצן) — זיינען אין קינסטלערישע ווערק איינס.

9. קריטיק פון איינעמס איינציקע ווערק און קריטיק פון זיין גאַנצן שאַפן

וואָס זאָל פאַר דעם לעזערס (און דעם קריטיקערס) פּרווו צו כאַראַקטעריזירן און אָפּצושאַצן אַ שרייבער זיין דער אויסגאַנג־פּונקט און דער ציל — דעם שריי־בערס באַזונדערע שאַפונגען אָדער זיין שאַפן אין גאַנצן גענומען? מיט אַנדערע ווערטער: זאָל מען אָפּוועגן און אויסמעסטן יעדן פון זיינע גאָלדענע אָדער זיל־בערנע רינגען, דערנאָך זיי איבערציילן און מאַכן דעם חשבון, וואָס הייסט חיבור, אָדער מען זאָל זיי כפּלען איינע אויף די אַנדערע, קייטלען איינע מיט די אַנדערע — און דאָס זאָל זיין דער סך־הכל?

דאָס איז נישט קיין ריין טעכנישער, אויך נישט קיין דורכויס מעטאָדאָלאָגישער ענין. עס רעדט זיך וועגן דעם עצם־תוך פונעם שעפערישן מענטשן: איז פאַראַן און דאַרף מען זוכן אין אים — עפּעס אַן אינעווייניקסטע איינהייטלעכקייט, כאָטש זי אַנטפּלעקט זיך אויף די פאַרשיידנסטע אופנים און אין אַלערליי מדרגות, נידע־ריקערע און העכערע, אָדער עס איז רעכט, אַז ער זאָל האָבן אין זיך עפּעס פון דוד המלכס פידעלע וואָס יעדעס ווינטל מאַכט ציטערן זיינע סטרונעס, — און אַזוי ווי דאָס רוח הקודשדיקע ווינטל קומט איין מאָל פון צפון־זייט און אַ צווייט מאָל פון דרום־זייט, קאָן עס פון דער וווּנדערלעכער שפּיל־כלי אַרויסכישופן אַ מאָל אַזוינע קלאַנגען און אַ מאָל לחלוטין אַנדערע? אויב דעם קינסטלערס אַלע ווערק זיינען, — פון אַ העכערן שטאַנדפּונקט און אין אַ ברייטערער פּערספּעקטיוו געזען — איין ווערק, איין וועלט, האָט די קריטיק, וואָס וויל זאָגן ווער און וואָס ער איז, איין מין אויפגאַבע פאַר זיך: אויב אָבער יעדע שאַפונג זיינע איז פאַר זיך אַליין אַ וועלט, אַ פּראָדוקט פון זיינעם אַן אייגנאַרטיקן און אַ פּאַרטיקולאַרן געמיט־צושטאַנד אָדער גאָר אַ פּרוכט פון צופעליקע אומשטענדן, איז די אויפגאַבע, וואָס די קריטיק דאַרף זיך שטעלן גאָר אַן אַנדערע. אין ערשטן פאַל דאַרף זי פריער ווי אַלץ, זוכן און גע־פינען וואָס דעם שרייבערס אַלע ווערק האָבן בשותפות, אין צווייטן פאַל — דאָס, וואָס טיילט זיי אָפּ איינס פונעם אַנדערן.

נון, מיר אַליין האָט זיך אַלע מאָל געדאַכט, אַז כאָטש דער קריטיקער דאַרף געוויס האָבןביידע זאַכן אין זינען — אי די גאַנצקייט פונעם שרייבערס געשטאַלט, אי די פאַרשיידענע פאָרמען און פאַזן, אין וועלכע זי אַנטפּלעקט זיך, ווען מען

פאָרשט־אויס זיינע איינציקע שאַפונגען, — איז דער עיקר דאָך נישט דער אָדער יענער אויסדרוק פונעם שרייבערס געזיכט, מעג ער זיין ווי וויכטיק, נאָר דעם שרייבערס פּנים, דער אַלגעמיינער כאַראַקטער פון זיין פערזענלעכקייט, פון איר לעבן־ און וועלט־געפיל... אַזוי האָט זיך מיר אַלע מאָל געדאַכט. נאָך מער: כ׳האָב געמיינט אַז דאָס איז אַזוי עלעמענטאַר און אַליינפאַרשטענדלעך אַז ס׳איז נישטאָ גאָר וועגן דעם קיין מיינונג־פאַרשיידנקייט. כ׳בין געווען זיכער אַז בלויז די דערגרייכונג פון אָט דעם ציל איז אַ פּראָבלעם פאַרן ליטעראַרישן פאָרשער, נישט דער ציל אַליין. ערשט עס זיינען דאָ קריטיקערס — און דווקא גוט אינפאָרמירטע און זייער פעיִקע קריטיקערס, וואָס פרעגן־אָפּ דעם ציל גופא אָדער זיי האָבן וועגן אים ספיקות. די קריטיקערס זיינען ל. דאָמאַנקעוויטש, אַ גייער כוח אין דער ייִדי־שער ליטעראַטור און דער פּילזייטיקער און זייער פּראָדוקטיווער אבא גאָרדין.

ל. דאָמאַנקעוויטש דערמאָנט „דאָס געזעץ פון אומגעזעצלעכקייט אין דער קונסט". עס איז, זאָגט ער, „אין מוקדם ומאוחר אין דער וועלט פון דיכטונג" („קיום", אויגוסט־סעפּטעמבער, פּאַריז 1951). דערפאַר האַלט ער, אַז די „אָרדענונג", וואָס איך האָב געפּרוווט אַריינברענגען, אַ שטייגער, אין דער ספערע פון ה. לייוויקס שאַפן, איז „פּעדאַנטיש". ער איז קעגן דעם אַז מען זאָל נעמען „די שטימונגען און וויזיעס פון דיכטער", וואָס לויט זיין מיינונג זיינען זיי אָפט נישט מער ווי „אַ דיכטערישע הוראת שעה", אַ „שטעלונג־נעמונג צום מאָמענט" — און זיי „אַריינ־קלאַמערן" אין תקופות און אונטער־תקופות. איז ער געוויס גערעכט אויב ער האָט אין זינען די שטייפע, פאַרגליווערטע סכעמעס, אין וועלכע מען פּרוּווט אָפט אַריינקוועטשן אַ דיכטערס שאַפונגען אָדער די סקאַרבאָווע קוויטלעך, וואָס מען וויל צו זיי צוקלעפּן. אָבער ער האָט אַ פאַלשן איינדרוק פון דער כראָנאָלאָגישער אָרדענונג אין מיין בוך וועגן ה. לייוויקן. פאַקטיש זיינען די כראָנאָלאָגישע דאַטן נישט מער ווי גראַפישע צייכנס פאַר געוויסע עטאַפּן אויף דעם פּאָעטס וועגן און אומוועגן, ווייכע און בלייכע ראַמען פאַר באַשטימטע פּסיכישע איינשטעלונגען, וואָס אָט ווערן זיי שטאַרקער און אָט שוואַכער. זייערע שפּורן אין לייוויקס לירישן און דראַמאַטישן שאַפן פון פאַרשיידענע צייטן זיינען טיף און דויערהאַפטיק; בשום אופן קאָן מען זיי נישט באַטראַכטן, ווי אַ „שטעלונג־נעמונג צום מאָמענט". דאָס זיינען נישט קיין מאָמענטאַנע אָדער צופעליקע זאַכן... אָבער נישט וועגן דעם ענין לייוויק אָדער אַן אַנדער איינציקן פאַל רייד איך דאָ. אויך ל. דאָמאַנקעוויטש, כאָטש ער שרייבט וועגן לייוויקן, האָט אין זינען די קריטישע אויסטייטשונג פון אַ דיכ־טערס ווערק בכלל: „צו־וואָס בכלל", פרעגט ער, „אַרויסציִען אַלגעמיינע מסקנות פון די ווערק פון פּאָעט? צו־וואָס אויטערציִען סך־הכלען?" צו־וואָס, הייסט עס, ווערלן איבערזעצן דעם פּאָעטס „פליסנדיקע... געפיל־רעאַקציעס" אויף דער שפּראַך פון עפּעס אַזוינס וואָס מאַכט דעם איינדרוק פון אַ גאַנצער לעבנס־פילאָסאָפיע?

נון, דעם פּאָעטס, ווי יעדן שעפערישן מענטשס, „געפיל־רעאַקציעס" זיינען געוויס טאַקע פליסיק, דינאַמיש, און אויף דער מער אַבסטראַקטער און גענעראַלי־זירנדיקער שפּראַך פון קריטיק זיינען זיי באמת אין געפאַר אָנצוּווערן דעם דינאַ־מיזם פון די קלאַנגען, ריטמען, בילדער און סימבאָלן, אין וועלכע דער פּאָעט האָט זיי אויסגעדריקט... פון דער דאָזיקער געפאַר דאַרף דער קריטיקער זיך היטן ווי ווייט נאָר ער קאָן עס געוויס. אָבער די פליסנדיקייט פון דעם פּאָעטס „עמאָציאָ־

נעלע" אַפּרופן שטערט זיי נישט צו האָבן אין זיך עפּעס, וואָס איז מער אָדער ווינ־ציקער סטאַביל, עפּעס וואָס ווייזט אַז זיי קומען אַלע פון איין מקור, עפּעס וואָס לייגט אויף זיי אַלע אַרויף איין חותם, — דעם חותם פונעם דיכטערס איך, וואָס איז גאָר נישט אַזוי קאַפּריזנע, ווי עס קאָן זיך דאַכטן, און וואָס וועט גיכער איבערשאַפן די וועלט, וואָס אַרום אים, אין זיין פאַרעם און לויט זיין געשטאַלט, איידער לאָזן זיך פון איר איבערשאַפן...

איז דאָ עפּעס מער פליסנדיקס, ווי אַ שטראָם וואַסער? דאָך איז עס מיט יעדן טראָפּן זיינעם — וואַסער. ווי אימפּעטיק איז אַ פלאַמפייער? דאָך איז ער מיט יעדן פונק זיינעם פייער. אַזוי איז דעם דיכטערס „פליסנדיק" און פלאַמעדיק איך: וואָס מער עס ענדערט זיך, אַלץ מער בלייבט עס וואָס עס איז...

אַז דאָס איז אַזוי, וועט דער יונגער באַגאַבטער קריטיקער, גלייב איך, נישט לייקענען. ער פּרווט אַליין מאַכן אַ סך־הכל פון ה. לייוויקס פאַרשיידענע „הוראת שעהן". ער שרייבט, אַ שטייגער: „נאָר צו די צווישנמענטשלעכע באַציִונגען זיינען געווענדט זיינע אויסגעפיינטע חושים, נאָר דאָס בין־אדם־לחברודיקע איז זיין גע־ביט". איז עס טאַקע אַזוי? איז נישט לייוויקס געביט אויך דאָס בין־אדם־לעצמודיקע? איז זיין דיאַלאָג נישט אָפט אַן אינעווייניקסטער? באַשטייט נישט אָפט אָט דער דיאַ־לאָג פון צוויי מאָנאָלאָגן וואָס מישן־איבער איינער דעם אַנדערן? אָבער נישט די ריכטיקייט אָדער פאַלשקייט פון דאָמאַנקעוויטשעס דערמאָנטער גענעראַליזאַציע אינטערעסירט מיך אין דעם מאָמענט. איך האָב געוואָלט נאָר ווייזן אַז אויך ער „ציט אַרויס אַלגעמיינע מסקנות און ציט־אונטער סך־הכלען". אַנדערש קאָן עס נישט זיין. יעדער מין שעפעריש שרייבן, אויך דעם קריטיקערס שרייבן, איז אַ סומי־רונג. איך קאָן זיך גאָר נישט פאַרשטעלן אַ פּאַעטס שאַפן, וואָס זאָל זיין נישט מער ווי אַ באַשטימטע צאָל „אַפּרופן" אויף אַ באַשטימטער צאָל „מאָמענטן", — און דערביי זאָלן די „אָפּרופן" זיין פונקט אַזוי פאַרשיידן, ווי פאַרשיידן עס זיינען די פּאַסירונגען אָדער די אומשטענדן וואָס האָבן זיי אַרויסגערופן. אַ דיכטער, ווי יעדער מענטש, קאָן אַ מאָל האָבן „אַ טאָפּלטע פּערזענלעכקייט", אָבער אויב עס זאָל זיין מעגלעך אַז ער זאָל גאָר קיין פּערזענלעכקייט נישט האָבן, אַז ער זאָל זיין נישט מער ווי אַ בינטל צופעליקע „רעפלעקסן", אַ סכום „שטימונגען", וואָס שטימען נישט איינע מיט די אַנדערע, — וואָס פאַר אַ ווערט און וואָס פאַר אַ ווערדע וואָלטן גע־האַט דאַן זיינע ווערק? וואָס וואָלט זיי געגעבן די דויערהאַפטיקע ממשותדיקייט, וואָס זיי האָבן, ווען נישט די דינאַמישע סטאַביליטעט פון דעם דיכטערס פּערזענ־לעכקייט? אַפילו גאָט אַליין באַנייט יעדן טאָג זיינע מעשי בראשית, כדי זיי זאָלן האָבן אַ המשכדיקן קיום; בפרט נאָך אַ שאַפער וואָס איז אַ בשר־ודם, — ער דאַרף געוויס שטיין פעסט הינטער זיין ווערק, זיין קינד, אויב ער וויל, אַז עס זאָל נישט אויסגיין, ווי אַ ליכט, אינאיינעם מיט דעם „מאָמענט", וואָס איז געווען זיין הייבאַם. דאָס זעט מיר אויס צו זיין (חזר איך איבער) אַזאַ אַלטער און איינגעפונדעוועטער אמת, אַז עס איז מיר שווער צו באַנעמען, ווי אַזוי און פאַר וואָס ביי אבא גאָרדינען זיינען ל. דאָמאַנקעוויטשעס ספקות וועגן „מאַכן סך־הכלען" שוין נישט קיין ספקות אפילו. ער איז זיכער, אַז יעדעס ליד, וואָס דער אָדער יענער פּאָעט שרייבט אָן, איז פאַר זיך אַליין אַ וועלט און אַז דער סכום פון אַלע זיינע לידער איז נישט מער ווי די סומע פון עפּעס אַ מין „איינזאַמע וועלטן". קוואַליטעט הייסט עס, זאָל האָבן

נאָר יעדע איינציקע שאַפונג; דעם דיכטערס שאַפן אין גאַנצן גענומען זאָל זיין אַ ריין קוואַנטיטאַטיווע זאַך... „אפשר וואָלט געווען בעסער", פרעגט אבא גאָרדין אין „הדואר" (נומער 8, 1952), „אַז מיר זאָלן אַ פּאָעטס לידער אויפנעמען אַזוי, ווי ער גיט זיי אונדז — יעדעס ליד באַזונדער?" דאָס איז אַ רעטאָרישע פראַגע, און אבא גאָרדין גיט גלייך אויפן אָרט זיין ענטפער: „קאָנסעקוועטקייט (עקביות) איז גוט אין וויסנשאַפט, אין קונסט איז איר ניצלעכקייט צווייפלהאַפטיק". און ער פרעגט ווידער (און ווידער אַ מאָל איז עס אַ ריין רעטאָרישע פראַגע): „דאָס בעסטע אין אַ שיר איז אפשר גאָר זיין אָפּגעזונדערט־ און אָפּגעשיידט־זיין פון (דעם פּאָעטס) אַלע איבעריקע שירים? דער וועג פון קינסטלערישער שאַפונג פאַרלירט זיך" זאָגט ער, „אין דער טונקלקייט. זי, די שאַפונג שפּאַצירט אַרום ביינאַכט אַליין, זי בלאָנדזשעט אַרום אין דער וואַכער נאַכט פון געפילן און וויזיעס, נישט מורא האָבנדיק פאַר קיין שדים... זי איז נישט קיין סאָציאַלע און קיין מישפחהדיקע באַשעפעניש, זי דאַרף נישט קיין קאָמפּאַניע, זי מיידט אויס דעם המון (פון אַנדערע לידער). און ווען אַפילו די אַלע שאַפונגען פון איין מחבר זאָלן האָבן איין פאָטער, האָבן זיי נישט איין מוטער... די שאַפונגס־שכינה איז ווי אַ מלאך: אָפּגעטאָן איר שליחות, גייט זי אַוועק און קערט זיך מער נישט אום"... דאָס איז שיין געזאָגט, אָבער... איז עס אמת? איז אמת, אַז יעדער פּאָעט איז שולדיק אין עפּעס אַ מין פּאָליגאַמיע? איז עס ריכטיק, אַז יעדעס ווערק פון אַ דיכטער האָט זיין אייגענע מוטער, זיין אייגענע מוזע — אָט די שכינה („שכינת היצירה"), וואָס רוט אויף (אָדער מיט) דעם דיכטער, „אינספּירירט" אים — און אַנטלויפט? איז דער פּראָצעס פון אַ לידס געבורט באמת טאַקע אַ דרייאייניקייט־פּראָצעס? קאָן מען אין דעם פאַל ריידן וועגן מוטערשאַפט — וועגן דער „שכינה", — ווי וועגן עפּעס, וואָס איז אַנדערש ווי פאָטערשאַפט? קאָן מען וועגן שעפערישן רוח הקודש טראַכטן ווי וועגן עפּעס אַזוינס וואָס קומט פון דרויסן און נישט פון אינעווייניק? עפּעס אַ שכינה, ניצנדיק גאָרדינס מעטאַפאָר, אַנטפּלעקט זיך פאַרן דיכטער, ווערט אויף אַ ווײַלע זיין „בעסערע העלפט", — און שיידט זיך מיט אים; דאַן „יאַוועט זיך" אַ צווייטע „שכינה", אַ דריטע אאַז"וו. מיר דאַכט, אַז דאָס וואָלט געווען עפּעס אַ צו נאַיווע, נישט נאָר אַ צו מגושמדיקע, אויסטייטשונג פון דעם ענין אינספּיראַציע, רוח־הקודש אָדער ווי מען רופט עס.

ס'איז געוויס אמת, אַז קרעאַטיוויטעט איז ביי דעם שעפערישסטן מענטשן אַפילו נישט מער ווי אַ פּאָטענציעלער כוח: נישט תמיד איז ער אַקטיוו, נישט שטענדיק וואַך. עס מוז זיין עפּעס, וואָס זאָל אים אויפוועקן, אויפטרייסלען, ברענגען אין באַוועגונג. עס מוז זיך עפּעס אָנזאַמלען... ווי האָט געזאָגט פּושקין, דער פּאָעט, וואָס אין קענען דעם גייסט פון שאַפן איז ער געווען נישט ווינציקער גרויס, ווי אין שאַפן גופא, — ווי האָט ער זיך אויסגעדריקט וועגן זיינס גלייכן? כל־זמן, האָט ער געזאָגט, אַפּאָלאָ רופט אים נישט צום הייליקן קרבן, —

עס שווייגט זיין הייליק־ריינע לירע
אַ שלאָף אַ קאַלטער דריקט אים שווער,
און צווישן אַלע ערדנקינדער,
קאָן זיין דער נישטיקסטער איז ער.

אַזוי האָט עס פאַרייִדישט דער יונג־פאַרשטאָרבענער לייבניידוס (1890־1918), לויט ל. פיינבערגס „רוסישער אַנטאָלאָגיע" זאָל עס הייסן;

— — — — — — — — — — — — — — —

זיין לירע שטומט אין פּיין אין בלינדער,
זיין האַרץ מיט קאַלטן שלאָף באַשווערט.
פון אַלע נישטיקסטע גאָטס קינדער,
דער נישטיקסטער איז אפשר ער.

אָבער אָט איז ער מיט אַ מאָל זוכה צו עפּעס אַ מין גילוי אַפּאָלאָ אָדער, לויט דעם יידישן נוסח, גילוי אליהו, — און גאָטס שליח באַווייזט דעם ווונדער צו מאַכן פון דעם „נישטיקסטן מענטשן“ — איינעם, וואָס „ברענט מיט זיין וואָרט מענטשלעכע הערצער“... פון וואַנען נעמט זיך מיט אַ מאָל אָט דער ברען, דער געטלעכער פייער פון דרויסן? איז באמת דאָ ערגעץ ווו, אַ חוץ אין די פאַרבאָרגענישן פון דעם פּאָעטס וועזן, אַ הייליקער גייסט, אַ מלאך, אַ האַלבער גאָט, וואָס פּלוצלינג מאַכט ער פון דעם קליינעם מענטשן אַ גרויסן און פון דעם עקר — אַ קוואַל פון פרוכטבאַרקייט?

יעדער וועט מוזן מודה זיין, אַז ווען עס רעדט זיך וועגן גייסטיקע שאַפונגען איז דער פּאָטער אויך די מוטער פונעם קינד, און מען קאָן נישט זאָגן אַפילו נאָר בדרך מליצה וועגן די לידער (אָדער אַנדערע סאָרטן ווערק) פון איין מענטשן, אַז יעדעס פון זיי האָט זיין באַזונדערע מוטער, כאָטש זיי אַלע האָבן איין פּאָטער? אגב, שוין דאָס אַליין, וואָס זיי זיינען אַלע קינדער פון איין טאַטן, ווען אַפילו זיי זאָלן נישט זיין פון איין מאַמען, מאַכט זיי פאַר לייבלעכע ברידער, — און מען מעג און מען דאַרף (אויב אַזוי) אויסגעפינען די שטריכן, די פאַמיליע־שטריכן, וואָס זיי האָבן אַלע בשותפות, כאָטש יעדער פון זיי האָט זיין אייגענעם פנים. סיידן מען זאָל רעכענען, אַז ס'איז נישטאָ אַזאַ זאַך ווי פאַמיליע־ענלעכקייט אָדער אַז דער פּאָטער פון דער פאַמיליע, — אין אונדזער פאַל, דער שאַפער פון די לידער אָדער די דראַמעס אָדער אַנדערע ווערק — פאַרמאָגט נישט קיין שום דויערנדיקע אייגנשאַפטן, קיין שום פעסטע כאַראַקטער־שטריכן, קיין שום צייכנס פון אינעווייניקסטער גאַנצקייט, וואָס זאָלן איבערגיין צו די קינדער בירושה. קאָן מען דען דאָס אָננעמען? קאָן מען דען זיך פאָרשטעלן, אַז אַ מענטש, וואָס איז היינט אַזאַ און מאָרגן אַן אַנדערער און איבערמאָרגן ווידער אַן אַנדערער, — אַז אַ מענטש — אַ קאַמעלעאָן, אַ מענטש וואָס זיין לעבן צעפאַלט זיך אויף „מאָמענטן“, וואָס זיין כאַראַקטער באַשטייט פון „שטימונגען“, וואָס זיין אופן רעאַגירן אויף דער סביבה ווענדט זיך נישט אָן אים אַליין, נאָר אָן איר, אָן דעם ווינט, וואָס בלאָזט אין איר, אָן דעם קאָליר וואָס זי האָט, — קאָן מען זיך פאָרשטעלן, אַז אַזאַ מין צעפאָרענער נפש, אַז אַזאַ מין „איבערגעדרייט שלעסל“ זאָל זיין שעפעריש? אפשר קאָן ער אַ מאָל אָנשרייבן עפּעס אַ לידל, וואָס איז נישט שלעכט, און נאָך אַ לידל, וואָס זאָל טויגן; אפשר קאָן ער אַ מאָל זיין אַפילו אַ מענטש, וואָס שרייבט פּאָעזיע; ער קאָן נישט זיין קיין פּאָעט. אַפילו היינע וואָלט עס נישט געווען, ווען זיין קעגנער בערנע וואָלט גערעכט געווען, אַז ער, היינריך היינע, איז געווען אַ טאַלאַנט, אָבער נישט קיין כאַראַקטער. עס איז פאַרן שאַפנדיקן מענטשן נישט גענוג צו האָבן טאַלאַנט, דער טאַלאַנט מוז אים האָבן — און האָבן אים — ווינציקסטנס, פּאָטענציעל — אין גאַנצן, נישט נאָר די אָדער יענע „שטימונגען“ אין די אָדער יענע „מאָמענטן“ פון זיין לעבן. איז טאַלאַנט דען עפּעס אַ באַזונדערע אייגנשאַפט, עפּעס אַ ספּעציעלער

כוח אָדער כישוף, עפּעס אַ מין קמיע, וואָס מען האָט אָנגעהאָנגען אויפֿן האַלדז טאַלאַנט אָדער שעפֿערישקייט איז דער סך־הכּל, יאָ, דער סך־הכּל פֿון אַ מענטשנס אַלע פּסיכישע אייגנשאַפֿטן און גייסטיקע פּאָטענצן. טאַלאַנט איז די עסענץ, דער תּמצית פֿון זיין גאַנצן איך, — און אָט דעם תּמצית קאָן מען און מע דאַרף אויפֿזוכן אין דעם לייטמאָטיוו, אין דעם נשמה־ניגון פֿון דעם פּאָעטס שאַפֿן, באַטראַכטנדיק זיינע שאַפֿונגען ווי וואַריאַציעס אָדער גילגולים פֿון איין ניגון.

פערטער טייל

סאָציאַל־עטישע און נאַציאָנאַל־עטישע קריטיק

אַ פּאָר באַמערקונגען

קינסטלערישע קריטיק, להיפּוך צו ענג־עסטעטישער אָדער פאָרמאַליסטישער קריטיק, אויך להיפּוך צו לויטער סאָציאָלאָגישער קריטיק, רופט זיך אָפּ אָדער קאָן זיך אָפּרופן אויף אַלע עלעמענטן, אויף אַלע אַספּעקטן פונעם קינסטלערס שאַפן, — סיי אויף די, וואָס זיינען שייך צו זיין אויסדרוק־אופן און זיין גאַנצן קינסטלערישן איך, סיי אויף די וואָס האָבן צו טאָן מיט זיין שטאָף, מיט זיין טעמאַטיק, מיט זיין סאָציאַלער אָדער נאַציאָנאַלער סביבה, מיט דעם גייסט פון זיין צייט אאַז״וו אאַז״וו. דער קונסט — און ממילא אויך דער קינסטלערישער קריטיק — איז קיין זאַך, וואָס איז מענטשלעך (אינעם אינדיווידועלן אָדער סאָציאַלן זינען פונעם וואָרט מענטשלעך) — נישט פרעמד. קונסט־קריטיק, ווען זי איז אויסלעבנדיק, כאָטש זי מוז עס נישט זיין, איז אינטעגראַל. אָבער עס זיינען דאָ אויך ספּעציעלע אָדער איינזייטיקע מאַניפעסטאַציעס פון קריטישן געדאַנק, און ווען זיי פּרעטענדירן נישט אויף פולקייט, ווען זיי זאָגן בפירוש, אַז זיי האָבן אין זינען נאָר איין באַשטימטן צוגאַנג צום ווערק אָדער צום שרייבער, קאָן יעדע פון זיי האָבן איר ספּעציעלן, אָבער בלויז איר ספּעציעלן, ווערט.

די וויכטיקערע פון זיי וועלן מיר באַטראַכטן און אילוסטרירן אין די קומענדיקע קאַפּיטלעך.

1. ליטעראַטור - געשיכטע

זי איז שטאַרק רעפּרעזענטירט געווען אין דער רוסישער ליטעראַטור־קריטיק פון 19טן יאָרהונדערט. איינער פון אירע בולטסטע מוסטערן איז פּעטער קראָפּאָטקינס „אידייען און ווירקלעכקייט אין דער רוסישער ליטעראַטור“ *). דאָס בוך איז אויסגעוואַקסן פון לעקציעס וואָס דער פירער פון עטישן אַנאַרכיזם האָט געלייענט, אין באָסטאָן אויף ענגליש אַזוי שפּעט ווי אין 1910, אָבער זיין מעטאָד איז דער קלאַסישער מעטאָד פון דער רוסישער ליטעראַטור־קריטיק — דער מעטאָד פון „טשערנישעווסקי, דאָבראָליובאָוו, פּיסאַרעוו און זייערע נאָכפאָלגערס: מיכאַי־

---

*) איבערגעזעצט אויף יידיש פון ה. ראָזנפעלד און אַרויסגעגעבן פון דער קראָפּאָטקין־ליטעראַטור געזעלשאַפט, 1922.

לאָווסקי, אַרסעניעוו, סקאַביטשעווסקי, ווענגעראָוו און אַנדערע". די דאָזיקע רוסישע קריטיקערס האָבן אין ליטעראַטור געזוכט מער געזעלשאַפטלעכע און עטישע, ווי אַלגעמיין-קינסטלערישע ווערטן. קריטיק איז געווען פאַר זיי נישט אַ מיטל אַרויס־צוברענגען דעם קינסטלערס פּערזענלעכקייט, אויך נישט אַ מיטל אויסצודריקן די אייגענע פּערזענלעכקייט, נאָר — אַ געווער אין קאַמף פאַר געוויסע עטישע און גע־זעלשאַפטלעכע אידעאַלן. עס זיינען ביי זיי כמעט אָפּגעווישט געוואָרן די גרענעצן צווישן קריטיק און פּובליציסטיק. קראָפּאָטקין רעכנט צו צו זיי אין זיין פאָררעדע אויך ביעלינסקין. אין זיין בוך פילט זיך אָבער ביעלינסקיס גייסט אַ סך ווייניקער, ווי דער גייסט פון די דערמאָנטע פּובליציסטישע קריטיקערס. ביי ביעלינסקין איז געווען קינסטלערישער ברען, און אָט די קינסטלערישקייט האָט זיך געפילט אַפילו אין זיינע פּובליציסטישע און פילאָסאָפישע באַטראַכטונגען. ער האָט אין יעדן דיכטער באַוווּנדערט פריִער פאַר אַלץ זיין שאַפונגס-קראַפט, זיין קינסטלערישע אייגנאַר־טיקייט; די עטישע אָדער געזעלשאַפטלעכע אידייען זיינען געקומען דערנאָך. ביי קראָפּאָטקינען, ווי ביי זיינע רביים טשערנישעווסקי, פּיסאַרעוו, דאָבראָליובאָוו און אַנדערע, זיינען זיי געווען דער עיקר. ער דערמאָנט געוויס אויך די קינסטלערישע זייט פון די ווערק וואָס ער באַטראַכט, אָבער ער באַנוגנט זיך דערביי מיט אַזעלכע אַלגעמיינע באַגריפן, ווי „רעאַליסטיש", „מייסטערהאַפט", „מעלאָדיש", „איינדרוק־פול", „גרויס" אד"גל.

רעאַליזם האָלט קראָפּאָטקין פאַר דעם גרעסטן אויפטו און דער הויפּט-אייגנ־שאַפט פון דער רוסישער ליטעראַטור אין דעם נייַנצנטן יאָרהונדערט, און אין דעם קאַפּיטל ווו ער רעדט וועגן גאָגאָלן, גיט ער זייער אַ ברייטע דעפיניציע פון דעם רוסישן רעאַליזם, להיפוך צום רעאַליזם אָדער, ריכטיקער, נאַטוראַליזם פון אַזאַ שרייבער, ווי זאָלאַ. „לויט אונדזער באַגריף, — שרייבט ער, — קאָן זיך דער רעאַליזם נישט באַגרענעצן בלויז מיט דער אַנאַטאָמיע פון דער געזעלשאַפט: ער מוז האָבן אַ העכערן הינטערגרונט (אין אָריגינאַל איז עס בעסער אויסגעדריקט — ש. נ.): די רעאַליסטישע באַשרייבונגען מוזן זיין אונטערגעוואָרפן צו אַן אידעאַ־ליסטישן צוועק" אאַז"וו. דאָס איז ריכטיק, אָבער עס איז נישט גענוג. עס איז דאָ אַן אונטערשייד נישט נאָר צווישן דעם רעאַליסטישן אידעאַליזם פון די רוסן און דעם אַזוי-גערופענעם נאַטוראַליזם פון אַ טייל פראַנצויזן. ביי די רוסישע שרייבערס האָט יעדערער זיין אייגענעם רעאַליזם. דער מאָספולער האַרמאָנישער פּושקין, טור־געניעוו, וואָס האָט פון נאַטור געמאַכט קונסט, טאָלסטאָי, וואָס ביי אים איז, פאַר־קערט, פון קונסט געוואָרן נאַטור, אַ נייע, אַ מער אינטענסיווע נאַטור, און דער ווילדער זשעני גאָגאָל אָדער דאָסטאָיעווסקי — דאָס זיינען דאָך גאָר באַזונדערע וועלטן. עס איז ווידער נישט גלייך דער לייכטער, ליכטיקער, הומאָרפולער רעאַליזם פון פּושקין מיט דער שווער-באַלאָדענער, טיף-אָטעמדיקער לעבנס-שילדערונג פון טאָלסטאָי. אויך זיינען די גראָטעסקע, מגוזמדיקע, פון לעבן און לאָכן געשאַפענע געשטאַלטן פון גאָגאָל אַנדערש, ווי דער פאַרטיפטער און צעשרויפטער רעאַליזם פון דאָסטאָיעווסקיס נשמה-קראַנקייטן און גייסטיקע אָפּגרונטן. יעדער גרויסער רוסישער „רעאַליסט" האָט זיין אייגענעם צוגאַנג צו דער וועלט, זיין אייגענעם מע־טאָד פון שאַפן. מאַכן אים קלאָר, אויפדעקן זיינע וואָרצלען אין די ווערק פון פריִער־דיקע שרייבערס אויסזוכן זיינע שפּורן אין דער שפּעטערדיקער ליטעראַטור, —

באַלייכטן זיין ריין־קינסטלערישן מהות — איז די אויפגאַבע פון דעם היסטאָריקער, וואָס ליטעראַטור איז פאַר אים — קונסט. אויך פאַר קראָפּאָטקינען איז ליטעראַטור — קונסט, אָבער — מיט אַלע אירע עלעמענטן האָבן פאַר אים אַ גלייכן ווערט; אים אינטערעסירן דערהויפּט אירע סאָציאַל־עטישע אַספּעקטן. ער דערמאָנט שוין אין זיין פאָררעדע, אַז די רוסישע ליטעראַטור „האָט אָט דעם כאַראַקטעריסטישן שטריך, וואָס זי טראָגט אַריין אין מלכות פון קונסט — פון דער פּאָעמע, דערציילונג, דראַמע — כמעט אַלע יענע פּראַגעס, סאָציאַלע און פּאָליטישע וואָס ווערן אין מערב־אייראָפּע און אַמעריקע, ווייניקסטנס אין אונדזער איצטיקן דור, דיסקוטירט אין די פּאָליטישע ווערק פונעם טאָג. אָבער זעלטן ווען אין דער ליטעראַטור" (אַ טייל פון דער נייער אַמעריקאַנער ליטעראַטור האָט, אגב, אויך ליב צו צו דיסקוטירן סאָציאַלע פּראַגעס, מער נישט וואָס איר פעלט די טיפקייט און די אינהאַלט־רייכקייט פון דער רוסישער ליטעראַטור). און מיט אָט די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע פּראַגעס גיט זיך דערהויפּט אָפּ קראָפּאָטקין. זיין בוך הייסט „אידעאַלן אוןווירקלעכקייט אין דער רוסישער ליטעראַטור" — און ווי עס רופט זיך, אַזוי איז עס. דעם פּראָפעסער האָבן די רוסישע שרייבערס אינטערעסירט דערהויפּט ווי ווייט זיי האָבן אין זיך אָפּגעשפּיגלט די „ווירקלעכקייט" פון דעם רוסישן פאָלק און די „אידעאַלן" פון דער פאָלקס־טרייער רוסישער אינטעליגענץ. צו פּושקינען, וואָס איז נישט גענוג טיף פאַרבונדן מיט „די אידעאַלן פון דער רוסישער אינטעליגענץ", איז קראָפּאָטקין קאַלט. עס איז רעכט ביי אים צו זאָגן, אַז פרידריך שילער איז העכער פאַר פּושקינען. וואָס איז? שילער האָט געהאַט הויכע אידייען, אָבער פּושקין — „די שיינע פאָרעם, דער געלונגענער אויסדרוק, די אומפּאַרגלייכלעכע באַהערשונג פון פערז און גראַם זיינען כאַראַקטעריסטישע שטריכן — נישט די שיינקייט פון זיינע אידייען. אין פּאָעזיע אָבער זוכן מיר געוויינטלעך די העכערע אינספּיראַציע, די געהייבענע אידייען, וואָס העלפן אונדז ווערן בעסער". אַזוי שרייבט קראָפּאָטקין. מען קאָן באמת מיינען אַז „געהייבענע אידייען" קאָנען אויסגעדריקט ווערן אויף אַזאַ אַבסטראַקטן דענקערישן אופן ווי שילער האָט זיי אָפּט אויסגעדריקט. דער אמת אָבער איז, אַז אין אייניקע לידער פּושקינס, אַפילו אין זיין „לייכטן" „יעווגעני אָניעגין" איז דאָ מער געהויבענע אידייען" ד"ה אַ טיף אַריינקוקן אין דעם מענטשנס לעבן און אין לעבן בכלל און ממילא אויך אַ גרעסערע מעגלעכקייט אונדז צו באַגייסטערן און אַנטציקן (און ממילא אויך אונדז „בעסער צו מאַכן"), ווי אין שילערס רעטאָריק. אָבער קראָפּאָטקין, אַזוי ווי די גאַנצע „ראַדיקאַלע" רוסישע אינטעליגענץ, האָט נישט פאַרגעסן די תורה פון די „נאַראָדניקי", אַז די קונסט, ווי אַלץ אין דער וועלט, דאַרף דינען דעם „פאָלק", ווי זיי האָבן עס פאַרשטאַנען.

לערמאָנטאָוו איז פאַר קראָפּאָטקינען פריִער פון אַלץ אַ הומאַניסט — „אַ טיף הומאַניטאַרער דיכטער". גאָגאָל איז גוט דערמיט, וואָס זיין קונסט „איז ריינער רעאַליזם, וואָס איז אָבער אין גאַנצן דורכגעדרונגען מיטן ווונטש צו שאַפן פאַר דער מענטשהייט גוטס און גרויס". ריידנדיק וועגן לעוו טאָלסטאָיס „קריג און פרידן", פאַרגעסט נישט דער פּראָפעסאָר צו זאָגן אַז דער ראָמאַן איז „אַ מעכטיקער באַשולדיקונג־אַקט קעגן מילחמה". וועגן טורגעניעוון שרייבט ער מיט מער באַגייסטערונג, ווי וועגן אַזעלכע ריזן פון דער וועלט־ליטעראַטור, ווי טאָלסטאָי און

דאָסטאָיעווסקי: ביי טורגעניעוון איז מער דאָ פון דעם מין, וואָס רופט זיך אָן „אידעאַלן אוןווירקלעכקייט" פון דער רוסישער אינטעליגענץ. מחמת דעם איי־גענעם טעם גיט ער אָפּ אַ גאַנצן קאַפּיטל נעקראַסאָוון און נאָר עטלעכע שורות טיוטשעוון און פעטן. טיוטשעוו און פעט האָבן געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דער מאָדערנער רוסישער פּאָעזיע, זיי האָבן אָבער געהאַט אַ קנאַפּע אָדער גאָר אַ נעגאַטיווע שייכות צו דער רוסישער פרייהייט־באַוועגונג: האָט דער פּראָפעסאָר פון „אידעאַלן און ווירקלעכקייט אין דער רוסישער ליטעראַטור" אַ קנאַפּן אינטערעס פאַר זיי.

הכלל, עס איז אַן איינזייטיק בוך וועגן דער רוסישער ליטעראַטור — אַ רעזולטאַט פון דעם איינזייטיקן סאָציאַל־עטישן מעטאָד. אָבער מיט איין זייט — מיט דער געזעלשאַפטלעכער און אַלגעמיין־קולטור־עלער זייט פון דער ליטעראַטור — מאַכט עס דעם לעזער באַקאַנט.

די סאָציאַל־עטישע קריטיק איז, ווי געזאָגט, נאָר איין פאָרעם — און אַ גאַנץ באַגרענעצטע פאָרעם — פון קריטיק, אָבער אין אירע אייגענע גרענעצן קאָן זי זיין ניצלעך און האָבן אַ געוויסע באַרעכטיקונג. גייט זי אַרויס פון אָט די גרענעצן און אידענטיפיצירט זיך מיט קריטיק בכלל, פּרעטענדירט זי אויף אַ טראָן, וואָס איז פאַר איר צו ברייט און צו הויך.

איר שמאָלקייט און איינזייטיקייט ווערט גאָר באַזונדערס בולט אין די ווערק, ווו דער סאָציאַל־עטישער קריטיקער פאַרמעסט זיך צו שרייבן געשיכטע פון ליטעראַטור. אין אַזוינע ווערק זעט מען באַשיימפּערלעך אַז דאָס איז די געשיכטע פון סאָציאַלע ווירקלעכקייטן און סאָציאַל־עטישע אידעאַלן, נישט קיין ליטעראַטור־געשיכטע. מען זעט, אַז דער פּראָפעסאָר פילט נישט דעם גרויסן אונטערשייד צווישן אַ פאָלקס אַלגעמיינער געשיכטע און דער געשיכטע פון זיין קינסטלערישן שאַפן. דעם פאָלקס אַלגעמיינע געשיכטע האָט שוין לאַנג טאַקע אויפגעהערט צו זיין די געשיכטע פון זיינע פירשטן, פון זיינע פירערס. אָבער אין דער וועלט פון ליטעראַטור פאַרנעמען פאָרט די פירערס און די פירשטן פון גייסט דעם אויבנאָן, ווי וויט עס רעדט זיך וועגן עיקר־זאַכן. אין אירע פּרטים קאָן זיך די געשיכטע פון ליטעראַטור זיין נישט מער ווי אַ שפּיגל אָדער אַן אָפּשפּיגלונג פון דער אַלגעמיינער לעבנס־עוואָלוציע, ד״ה, עפּעס אַזוינס, וואָס איז נישט זעלבשטענדיק. אָבער אין תוך איז עס די געשיכטע פון שאַפן, פון וואַגן, — די געשיכטע פון גיין קעגן דעם לעבנס־שטראָם. אין תוך איז עס די געשיכטע פון יענע, וועלכע זיינען מורד אין געשיכטע!

וויל מען זיך עפּעס דערוויסן מכּוח דעם עצם פון אַ ליטעראַטור איז גענוג צו האָבן אַ בילד פון אירע וויכטיקסטע פאָרשטייערס — און עס איז נישט קיין צו גרויסער חסרון ווען קלענערע ווערק און ווינציקער אָריגינעלע שרייבערס ווערן נישט דערמאָנט... מיר הייבן אויף אונדזערע אויגן צו די העכסטע פּונקטן, צו די שפּיצן, ווען מיר קוקן אויף בערג... די צרה מיט סאָציאַל־עטישע קריטיקערס איז, וואָס עס קאָן טרעפן, אַז זיי זאָלן אונדז גאָר נישט וויזן די פון דער זון־באַלויכטענע אָדער אין וואָלקנס־איינגעטונקטע באַרג־שפּיצן פון דער ליטעראַטור. זיי רופן נאָר אָן זייערע נעמען. זיי קאָנען אַ מאָל נישט מאַכן אַפילו קיין פּרוּוו אויסצומאָלן פאַר אונדז די קינסטלערישע אָריגינאַליטעט פון אַ דאַנטע, אַ סערוואַנטעס, אַ שעקספּיר,

אַ מאַליער, אַ געטע, אַ פּושקין. זיי ריידן וועגן דער סביבה, נישט וועגן די דיכטערס. אַזוי ווי דער עיקר וואָלט געווען דער פאַקט, וואָס דאָס אַרומיקע האָט געווירקט אויף זיי, נישט דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַט אין זיך דעם כוח נאָך מער צו ווירקן אויף דער וועלט.

זיי מאַכן אַ ווערט פון דער צייט, ווען די גרויסע דיכטערס האָבן געלעבט, בעת אין דער אמתן איז יענע עפּאָכע שוין לאַנג טויט, בעת זיי לעבן נאָך, און אונדז אינטערעסירט נישט אַזוי דאָס, וואָס זיי האָבן געלעבט אין אַ געוויסער היסטאָרי־שער תקופה ווי דאָס וואָס זיי האָבן זי איבערגעלעבט. זיי האָבן פאַרמאָגט עפּעס אַזוינס וואָס איז נישט אין ערך מער ווערט, ווי דאָס וואָס זיי האָבן גענומען פון דער סאָציאַלער סביבה. זיי האָבן אונדז עפּעס וויכטיקס געגעבן, און דאָס איז טויזנט מאָל ווערטפולער, ווי דאָס, וואָס זיי האָבן גענומען. זיי האָבן אונדז געגעבן יעדער עפּעס אַן אַנדער זאַך, יעדער אויף אַן אַנדער אופן, און אָט די אַנדערשקייט, אָט די אייגנאַרטיקייט פון יעדן ליטעראַטור־שאַפער מוז פריִער ווי אַלץ קלאָר ווערן, אויב מען רעדט וועגן די איינציקע פּירערס פון דער ליטעראַטור, נישט וועגן איר אַלגע־מיינעם גאַנג. (ווען מען וויל אויסמאָלן די אַלגעמיינע עוואָלוציע פון ליטעראַטור, אונטער דער ווירקונג פון די דרויסנדיקע היסטאָרישע אומשטענדן, זיינען דאָ די קלענערע, ווינציקער־אָריגינעלע שרייבערס אַ פּאַסיקער מאַטעריאַל און אַ מאָל אַפילו אַ בעסערע אילוסטראַציע, איידער די גרויסע ליטעראַרישע פּערזענלעכקייטן). וואָס מיר ווילן וויסן, איז נישט דאָס וואָס אַ שעקספּיר האָט געהאַט בשותפות מיט אַנ־דערע מענטשן פון זיין צייט און אַפילו נישט דאָס, וואָס מאַכט אים נאָענט צו גרויסע שרייבערס פון אַלע צייטן. וואָס אונדז קאָן עפּעס זאָגן, איז — מיט וואָס איז ער געווען אַנדערש פון אַנדערע מענטשן און מיט וואָס האָט ער זיך אויסגעטיילט און אויסגעצייכנט צווישן די גרויסע דיכטערס פון אַלע צייטן.

אָט לייען איך אין דער „געשיכטע פון די מערב־אייראָפּעיִשע ליטעראַטורן“ *):

„אונדזער אויפגאַבע איז געווען נאָר צו באַווייזן, ווי העל און אַלזייטיק דער דאָזיקער גרעסטער פון די ענגלישע פּאָעטן (שעקספּיר) האָט אויפגענומען די פראַגן און די אידייען, וואָס האָבן אינטערעסירט די אייראָפּעיִשע געזעלשאַפט פון זיין צייט, ווי אים איז געלונגען איבערצוויאָגן יאָרהונדערטער און דערקלערן אונדז די אייביקע, אויך אין אונדזער צייט נישט־אָפּגעשטאָרבענע, זייטן פון מענטשלעכן גייסט... אויך אין אונדזער צייט, ווי אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, בלייבן אַלץ שעקס־פּירס ווערק דער קוואַל, פון וועלכן די מענטשהייט שעפּט לעקציעס פון חכמה“. דער דאָזיקער ליטעראַטור־היסטאָריקער ווייס, אַז מיר שעצן אין אַ שעקספּיר דאָס איבערצייטלעכע, נישט דאָס צייטלעכע, אָבער ווען ער רעדט וועגן די „לעקציעס פון חכמה“, וואָס די מענטשהייט שעפּט פון שעקספּירס קוואַל, פאַרגעסט ער, אַז „לעקציעס פון חכמה“ שעפּט די מענטשהייט אויך פון דענקערס און פילאָסאָפן. ביי דיכטערס זוכן מיר וואָס נאָר זיי אַליין פאַרמאָגן, און דאָס איז — לעבעדיקע און אייביקע געשטאַלטן. אין וואָס באַשטייט דאָס נייע און אייביקע לעבן, וואָס שעקספּיר אָדער סערוואַנטעס אָדער געטע האָט מיט זייער קונסט געשאַפן? אויף דער פראַגע

*) געשריבן פון פ. קאָגאַן אויף רוסיש, איבערגעזעצט אויף יידיש פון פ. הײלפּערן, פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1925.

וועט איר אומזיסט זוכן אַן ענטפער אין פּ. קאָגאַנס „געשיכטע פון די מערב־אייראָפּעישע ליטעראַטורן". אַזוי ווי ווען די געשיכטע פון ליטעראַטור זאָל באמת זיין נאָר אַ געשיכטע פון אידייען, פון מאָראַל, פון סאָציאַלע, פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אומשטענדן! אָבער די געשיכטע פון ליטעראַטור איז און מוז זיין פריִער ווי אַלץ ליטעראַטור־געשיכטע, די געשיכטע פון ליטעראַרישן שאַפן און ליטעראַרישע אַנטוויקלונגען. די אידייען, די מאָראַל, די פּאָליטיק, די עקאָנאָמיק פון דער געגעבענער צייט און די גאַנצע אַזוי־אָנגערופענע סביבה ווירקן געוויס, — און ווירקן זייער שטאַרק — אויף דער ליטעראַטור, אָבער זיי מאַכן זי נישט פאַר אויס ליטעראַטור, זיי נעמען נישט צו ביי איר די מעגלעכקייט פון אַן אייגענער אינעווייניקסטער שעפערישער עקסיסטענץ. זיי פּאַסן זי אַריין אין אַ געוויסער ראַם, אָבער אין דער ראַם פון דער צייט און דער סביבה געפינט זיך דאָך איר בילד, דאָס בילד פון דער וואָרט־קונסט, נישט דאָס בילד פון דער מאָראַל, דער עקאָנאָמיק, דער פּאָליטיק פון דער צייט, נאָר דאָס איבערצייטלעכע קונסטבילד, וואָס קאָן איינגעפּאַסט ווערן אין אַנדערע ראַמען אויך.

אַמאָל, ווען מען האָט זיך גאָר אין גאַנצן נישט גערעכנט מיט דער אַלגעמיינער קולטור־היסטאָרישער און סאָציאַל־עקאָנאָמישער אַטמאָספערע פון ליטעראַרישע אַנטוויקלונגען, ווען מען האָט זיי באַטראַכט און געפאָרשט און געשילדערט אין גאַנצן אָפּגעזונדערט פון דעם אַרומיקן לעבן, אַזוי ווי ווען דער שרייבער זאָל זיך געפינען אויסער דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און נישט געהאַט גאָר קיין שייכות צו דעם גייסט, צו דער קולטור פון דער עפּאָכע, — איז עס געווען אַ גרויסער אויפטו, ווען מען האָט אָנגעהויבן צו פאָרשן און טייטשן ליטעראַטור אין פאַרבינדונג מיט דער אַלגעמיינער קולטור־געשיכטע. עס וועט איצט מער שוין קיינעם נישט איינפאַלן צו איזאָלירן די ליטעראַטור אין גאַנצן פונעם אַרומיקן לעבן. אַלע ווייסן איצט, אַז ליטעראַטור־געשיכטע איז געשיכטע, נישט נאָר ליטעראַטור. מען טאָר דאָך נישט פאַרגעסן, אַז עס איז נישט סתם אַזוי געשיכטע, נאָר געשיכטע פון ליטעראַטור, ד"ה, פון אַ זעלבשטענדיקן און אַ שעפערישן אויסדרוק פון דער אַלגעמיין־היסטאָרישער אַנטוויקלונג, פון אַ צוגאָב צו איר, נישט נאָר פון אירער אַן אָפּשפּיגלונג און נישט נאָר פון אַן אילוסטראַציע צו איר.

2. מאַרקסיסטישער וואַריאַנט פון סאָציאַל־עטישער ליטעראַטור־קריטיק

די מאַרקסיסטישע אָפּשאַצונג פון ליטעראַטור איז אַ קינד, אַן אומגעזעצלעך קינד פון דער סאָציאַל־עטישער קריטיק, און אין איין זייער וויכטיקן פּרט איז זי שוין צופיל נישט געראָטן אין איר סאָציאַל־עטישער מוטער. די לעצטע איז נישט מחויב זיך צו שטיצן דווקא אויף אַ גרופּן־ אָדער קלאַסן־מאָראַל. זי קאָן זיין אויך אַ יחידס אויסטייטשונג פון סאָציאַלער עטיק, ד"ה דער סכום פון זיינע פּערזענלעכע עשה׳ס און לא תעשהס בנוגע צו אַנדערע יחידים אָדער צו דער געזעלשאַפט אין גאַנצן גענומען. אַנדערש זיינען די וואָס שטייען אויפן מאַרקסיסטישן קלאַסן־שטאַנדפּונקט. זייער עטיק איז, — אַ חוץ דעם, וואָס זי איז רעלאַטיוויסטיש, — אַ

גרופּן־עטיק, די עטיק פון אַ קלאַס, פון ארבעטער־קלאַס — אין דער אויסטייטשונג פון דער אָדער יענער פּאַרטיי.

מען דאַרף זי פון דעסטוועגן נישט צונויפמישן מיט דער אַזוי־גערופענער „פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור־קריטיק", וואָס איז דערמאָנט געוואָרן אין אַ פריִער־דיקן קאַפּיטל *). מאַרקסיסטישע ליטעראַטור־קריטיק האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט נאָך איידער עס איז פאָרגעקומען די רעוואָלוציע אין רוסלאַנד, ווו זי איז נישט קיין רעזולטאַט פון דער באַוועגונג צו שאַפן „פּראָלעטאַרישע קונסט". זי איז גיכער, פאַרקערט, געוועזן אַן אָריינפיר צו דער דאָזיקער באַוועגונג. איר ציל איז אין אָנהייב געוועזן נישט אַזוי צו סטימולירן די שאַפונג פון אַ נייער, „פּראָלעטאַריי־שער", קונסט, ווי צו דערקלערן און אָפּצושאַצן אויף אַ נייעם שטייגער די עקסיס־טירנדיקע קונסטווערק. זי האָט זיי געזאָלט דערקלערן און אָפּשאַצן פון דעם שטאַנד־פּונקט פון „היסטאָרישן מאַטעריאַליזם", ספּעציעל פון דעם שטאַנדפּונקט פון קלאַסנ־קאַמף. און איר'ע ערשטע פאָרשטייערס זיינען אויף זייער אופן געווען גערעכט. זיי זיינען, ווינציקסטנס, געווען אויסגעהאַלטן. לויט זייער מיינונג איז „די אַנט־וויקלונג פון די פּראָדוציר־כוחות" דער הויפּט־פאַקטאָר, וואָס באַשטימט דעם כאַ־ראַקטער פון דער גאַנצער קולטור; היינט ווי איז עס מעגלעך, אַז זי זאָל נישט ווירקן אויך אויף דעם כאַראַקטער פון דער קונסט? אויב אָן דעם קאַמף, וואָס קומט פאָר צווישן די געזעלשאַפטלעכע קלאַסן, ווענדן זיך אַלע פאָרמען פון לעבן; איז דאָך קלאָר, אַז אין אָט דעם קאַמף דאַרף מען זוכן אויך דעם שליסל צו די פאַרשיידענע קונסט־פאָרמען: האָט מען גענומען זוכן. אין איין גרופּע קינסטלער האָט מען אויפ־געדעקט די ווירקונג פון דער „פעאָדאַלער ווירטשאַפט". אַן אַנדער גרופּע איז באַ־טראַכט געוואָרן ווי דער אויסדרוק פון קאַפּיטאַליזם. איין קינסטלער האָט מען גע־מאַכט פאַר דעם קלאַסן־אידעאָלאָג פון די פּריצים, אַן אַנדערער האָט זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַ „קליינבירגערלעכער אידעאָלאָג", אאַז"וו.

איז עס קינסטלעריש געווען אומפּרוכטבאַר. מיט סאָציאָלאָגישע מעטאָדן קאָן מען עפּעס דערקלערן אין קונסט, אָבער נישט דעם עיקר, — נישט דאָס קינסט־לערישע אין איר. שוין דערפאַר אַליין, וואָס דער סאָציאָלאָג האָט צו טאָן מיט צאָלן, מיט מאַסן־דערשיינונגען, בעת אין קונסט איז דער ווערט דער עיקר, נישט די צאָל און דאָס איינציקע, דאָס אינדיווידועלע, נישט דאָס מאַסנהאַפטיקע.

אין די ווערק פון אַ לעוו טאָלסטאָי קענען זיך זיין טאַקע שפּורן פון דער „פּריצישער סביבה", וואָס אין איר איז ער אויפגעצויגן געוואָרן, אָבער האָבן דען אָט די „שפּורן" עפּעס אַ שייכות צום עיקר ווערט פון טאָלסטאָיס שאַפן, צו דעם, וואָס קיינער, אַ חוץ אים, האָט נישט געקאָנט געבן? אָט איז אויך בונין, זאָגן מאַרק־סיסטן, אַ „פּריצישער שרייבער". מאַכט עס אים ענלעך אויף טאָלסטאָיען? ווען זיי זאָלן אַפילו ביידע האָבן עפּעס בשותפותדיקס, איז קלאָר, אַז נישט דאָס בשותפות־דיקע איז ווערטפול אין זיי, נאָר פאַרקערט, דאָס אינדיווידועלע, דאָס, וואָס יעדער פון זיי האָט אַרויסגעבראַכט אַליין און אויף זיין אייגענעם אָריגינעלן אופן.

געוויס איז אמת, אַז דער קינסטלער, ווי יעטוועדער אַנדער מענטש, געהערט צו אַ באַשטימטער סאָציאַלער גרופּע. אָבער אַ קינסטלער איז דאָך דערמיט אַנדערש

*) זע לעצטן קאַפּיטל פונעם ערשטן טייל.

פון דעם געוויינטלעכן מענטשן, וואָס דורך זיין סאָציאַלער גרופּע זעט ער — און שאַפט — עפּעס אַזוינס, וואָס איז מער ווי אַ סאָציאַלע גרופּנזאַך. ווען ער זאָל דאָס נישט טאָן, וואָלט ער געווען אַן עטנאָגראַף, אַ מיליע־שילדערער און וואָס איר ווילט אַליין, נאָר נישט קיין קינסטלער. אַפילו די שטרענגסטע מאַרקסיסטן וועלן מודה זיין אַז די טאָלסטאָיס וואַקסן־איבער די קלאַסנמיליע צו וועלכער זיי געהערן, אַזוי ווי זיי לעבן־איבער די עפּאָכע, כאָטש זי ווירקט אויף זיי אין געוויסע פּרטים. גריבלען זיך אין די צייט־ און סביבה־אומשטענדן פון אַ קינסטלער אָדער אַ קונסטווערק האָט דעריבער אַ זינען נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל דאָס ראַמט אָפּ דעם וועג און העלפט אונדז צוקומען צו דאָס איבערצייטלעכע און איבער־סביבהדיקע וואָס אין אים. מאַרקסיסטישע קריטיקערס קאָנען אָבער נישט אַרויסקריכן פון די צייט־ און אָרט־באַדינגונגען. דערפאַר קאָן זייער אַרבעט פירן אפשר צו קולטור־געשיכטלעכע, צו סאָציאָלאָגישע, אָבער נישט צו קיין קינסטלערישע רעזולטאַטן.

די מאַרקסיסטישע אידעאָלאָגן האָבן אויפן געביט פון קונסט־קריטיק נישט געקאָנט זיין פּראָדוקטיוו. אָבער זיי זיינען, ווי געזאָגט, געווען טריי זייער אַלגעמיינער סאָציאָלאָגישער שיטה, און עס איז געווען נאַטירלעך אַז זיי זאָלן זוכן זי אָנצווענדן אויך אין דער קונסט.

אין אָנהייב האָבן זיי זיך באַנוגנט מיט „פּראָלעטאַרישער“ קריטיק פון דער עקסיסטירנדיקער קונסט; אָבער שפּעטער האָבן אייניקע פון זיי — דערהויפּט אין רוסלאַנד — גענומען פּריידיקן די שאַפונג פון אַ נייער „פּראָלעטאַרישער“ קונסט*). זיי האָבן אָנגעהויבן ריידן וועגן נייע, „פּראָלעטאַרישע“, פאָרמען, נישט נאָר, ווי פריִער, וועגן אַ פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע אין דער קונסט. זיי האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו רעוואָלוציאָניזירן די מעטאָדן און דעם אינעווייניקסטן ריטעם פון קינסטלערישן שאַפן, נישט נאָר זיינע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע טענדענצן. זיי האָבן צוגעטראַכט פאַרשיידענע פּראָגראַמען, געמאַכט כלערליי עקספּערימענטן...

אָבער איך וויל דאָ נישט ריידן וועגן די פּרוּוון, וואָס זיי האָבן געמאַכט צו שאַפן אַ „פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור“. מיך אינטערעסירט דאָ נאָר די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור־קריטיק, און עס איז נייטיק צו דערקלערן, אַז נישט אַלע מאַרקסיסטישע קריטיקערס האַלטן אַז עס איז שוין געקומען די צייט (אָדער אַז עס וועט ווען קומען ווען עס איז אַ צייט) פאַר פּראָלעטאַרישער קונסט. אַזעלכע קריטיקערס זיינען געווען ל. טראָצקי אין דער רוסישער ליטעראַטור און מ. ליטוואַקאָוו — אין דער יידישער.

---

*) אויף יידיש האָט מען וועגן „פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור“, „פּראָלעטאַרישער פּאָעזיע“ און קריטיק פון פּראָלעטאַרישן שטאַנדפּונקט אָנגעהייבן צו שרייבן נאָך אין די 90ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט (זע ש. ניגער: „קאַפּיטלעך געשיכטע פון דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור“, „צוקונפט“, ניו־יאָרק, 1940, X, XI, XII).

3. ל. טראָצקי ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער

אין דער פּאָליטישער וועלט איז אָנגענומען העכער צו שטעלן לענינען פאַר טראָצקין. דאָס איז די מיינונג וואָס איז דערהויפּט פאַרשפּרייט צווישן זייערע ביידנס פּאַרטיי־חברים — די קאָמוניסטן, און פון זייער פּאַרטיי־שטאַנדפּונקט זיינען זיי אפשר גערעכט. לענין האָט זיך מסתמא מער געפּאַסט פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן פּאַרטיי־פירער, ווי טראָצקי. לענין האָט אין זיך צייטנווייז פּאַראייניקט פעסטקייט מיט ביי־געוודיקייט. בכלל אָבער האָט ער זיך אויסגעצייכנט מיט אַ גראָדליניקער, ווען אָפילו עלאָסטישער, דעצידירטקייט, מיט אַן אכזריותדיקער איינזייטיקייט, מיט אַ קאָנצענטרירטער, איינגעשפּאַרטער און אומברחמנותדיקער ווילנס־קראַפט. דאָס זיינען מעלות און חסרונות, וועלכע זיינען ביז גאָר נייטיק פאַר אַ רעוואָלוציאָנערן פירער... לענין איז געווען אַ גרויסער כאַראַקטער, און אין דעם זינען האָט זיך אפשר טאַקע קיינער נישט געקאָנט פאַרגלייכן מיט אים אין דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי. אַז מען זאָל אָבער פרעגן ווער איז צווישן די פירנדיקע גייסטער פון דער רעוואָלוציע געווען דער טאַלאַנטפולסטער, דער אַלזייטיקסטער, דער ברילִיאַנטעסטער, וועט מען מוזן ענטפערן: טראָצקי. ער איז געווען שוין אַ ביסל צו באַגאַבט, צו אַלזייטיק און צו טעמפּעראַמענטפול פאַר אַ מענטש, וועלכער מוז היטן דיסציפּלין און אָרגאַניזירן קאַמפּס־אַרמייען. ער איז געווען אויך צופיל פאַרליבט אין דעם כוח און כשוף פון וואָרט. דאָס איז נישט תמיד אַ מעלה פון אַ מאַן פון רעוואָלוציאָנערע מעשים. דאָס איז אָבער שטאַרק צוניץ געקומען טראָצקין דעם רעדנער און אויך דעם שרייבער טראָצקין.

דאָס געשריבענע, ווי דאָס גערעדטע וואָרט איז ביי אים, ווי ביי יעדן אמתן שרייבער און רעדנער, געווען אַ פאָרעם פון זעלבסטאויסדרוק. ער האָט נישט געהערט צו יענע פּאַרטיי־פירערס, וואָס נעמען זיך פאַר דער פען אויס פליכט אָדער לשם פּראָפּאַגאַנדע. ער וואָלט זיך סיי־ווי אָפּגעגעבן מיט ליטעראַטור, וואָרעם שרייבן איז געווען ביי אים אַן אינעווייניקסטע באַדערפעניש, אַ ליידנשאַפט. ער האָט הנאה געהאַט פון שרייבן. אַ געלונגענער זאַץ, אַ שאַרפע כאַראַקטעריסטיק, אַ קרעפּ־טיקער אויסדרוק, אַ וויציקער עפּיטעט, אַ שניידיקע איראָניע און דערהויפּט אַ בייסיק, סאַרקאַסטיש ווערטל, אַ שטעכווערטל, האָט אים פאַרשאַפט פרייד... ער איז באַרימט געוואָרן אין דער וועלט ווי דער אָרגאַניזאַטאָר און דער באַגייסטערער פון דער רויטער אַרמיי. ווי אַ שרייבער איז ער באַקאַנט געווען נאָר אין רוסלאַנד, אָבער זיין אמתער, כאָטש זיכער נישט זיין איינציקער, באַרוף איז געווען — שרייבן. און זיין בוך „ליטעראַטוראַ אי רעוואָלוציאַ" (ליטעראַטור און רעוואָלוציע) וואָלט גע־ווען אינטערעסאַנט פאַר אונדז אויך ווען ער זאָל נישט האָבן געווען קיין וועלט־באַרימטקייט. עס איז אין דעם בוך פאַראַן אמתער סאַרקאַזם, שאַרפע סאַטירע, הייסע פּאָלעמיק, און דערהויפּט — טאַלאַנט...

דער מעטאָד פון טראָצקיס ליטעראַרישער קריטיק איז דער מעטאָד פון היס־טאָרישן מאַטעריאַליזם, פון מאַרקסיזם. אָבער מען איז לחלוטין נישט מחויב אָנצו־נעמען דעם דאָזיקן מעטאָד און די אַלע אויספירונגען, וואָס טראָצקי מאַכט פון אים, כדי צו האָבן אַן אינטערעס פאַר זיין שרייבן. ווי אין יעדער קריטיק, זוכן מיר אויך

אין טראָצקיס בוך וועגן ליטעראַטור, פריזער פּאַר אַלץ, אויסדרוקקראַפט, שאַפונג־פעיִקייט, ליטעראַרישע קונסט, דערנאָך ערשט פרעגן מיר זיך, צי זיינען מיר מסכים מיט דעם פּראָפעסאָר אָדער נישט. מיר לאָזן נישט אונדזער מיינונג ווערן אַ מחיצה צווישן אונדז און דעם שאַפנדיקן גייסט. אַ מיינונג פאַרגייט, אַ מיינונג קומט, דער שאַפונגגייסט בלייבט.

די, וואָס צאַמען־אַרום די קונסט און זיך אַליין מיט די בייזע, שטעכיקע דראָט פון סאָציאַלע און אַנדערע פּאַרטייִישקייטן, ווערן באַשטראָפט פון זייער אייגענער איינזייטיקייט: זי באַגרענעצט זייערע גייסטיקע גענוס־מעגלעכקייטן, זי פאַרשטעלט פון זיי יענע אַלע שאַפונגקוואַלן, וועלכע זיינען טיפער פון סאָציאַלע און אַנדערע סתירות. זי לאָזט איבער אין זייער רשות, ווען זיי זיינען רעוואָלוציאָנער־פּאַרטייִש, נאָר די ווערק, וועלכע „דינען דער רעוואָלוציע”. אַלע איבעריקע — זיינען פאַר זיי „אָסור בהנאה”. זיי ווערן קינסטלערישע אַסקעטן. אַנדערש איז מיט די, וועלכע פילן אַז רעוואָלוציע איז נישט אַלץ (אַפילו אין אַן עפּאָכע פון רעוואָלוציע). זיי אידענטיפיצירן נישט ליטעראַטור מיט רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור. זיי זוכן אין ליטעראַטור — ליטעראַטור, נישט עפּעס אַנדערש. קאָנען זיי געניסן אַפילו ווערק פון זייער פּאָליטישן און סאָציאַלן פיינט. זיי קאָן געפעלן אַפילו אַ ליטעראַרישער קעגנער ווען ער שרייבט גוט. פון דעם שטאַנדפּונקט נעמען מיר אויף טראָצקיס „ליטעראַטור און רעוואָלוציע”.

ער קאָן זיך זיין אונדזערער אַ פּאָליטישער און נאָך מער אַ ליטעראַרישער שונא, אָבער ער האָט אַ לעבעדיקע, אַ שאַרפע און אַן אויסדרוקפולע פען; ער געהערט צו דער שרייבער־מישפּחה און ער איז אונדז נעענטער, ווי יענע, וואָס זייער איינציקע מעלה איז — זייער „ריכטיקע מיינונג” און וואָס אין דער אמתן זיינען זיי אַ פּסול אין דער ליטעראַרישער מישפּחה. טראָצקי געפעלט אונדז נישט מיט זיין וואָס, אָבער זיין ווי ציט אונדז צו אים צו.

זיין בוך איז פול מיט מיינונגען, וואָס לויט מיין מיינונג זיינען זיי דורכויס פאַלש. ער זעט און זוכט אין ליטעראַטור, און אַפילו אין די ווערק פון איינציקע שרייבער, נישט נאָר אין גאַנצע ליטעראַרישע תקופות, דעם אויסדרוק פון קלאַסן־אינטערעסן און קלאַסן־פּסיכאָלאָגיע. ער מאַכט זיך אָפּט נישט וויסנדיק פון די טיפערע און ברייטערע ווערטן, וואָס זיינען דאָ אין יעדן אמתן שאַפן. ער איז גרייט איבערצוגעבן דער רעגירונג — דער „אַרבעטער־און פּויערים־רעגירונג” — דעם קאָנטראָל און די השגחה איבער דער ליטעראַטור. אָט דער גאַנג מוז יעדן איינעם, וואָס איז נישט קיין פּאַרטיי־רעוואָלוציאָנער, זיין פרעמד און דערווידער. אָבער דאָס איז דאָך נישט נאָר טראָצקיס שיטה. אַ גרויסער טייל פון דער מאַרקסיסטישער אינטעליגענץ איז געווען מיט איר דורכגעדרונגען; אין סאָוועט־רוסלאַנד האָט זי געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָלע נאָך איידער עס איז געוואָרן סטאַלין־לאַנד. און אַז מען וויל וויסן, וואָס זי איז אויסן, איז בעסער צו לייענען, וואָס עס האָט געשריבן אַזאַ פאָרשטייער אירער, ווי ל. טראָצקי, איידער צו לייענען אַזעלכע, וועלכע האָבן בכלל נישט קיין שייכות צו קונסט־פראַגן. יענע זיינען נישט נאָר לאַנגווייליק און נישט־אינטערעסאַנט פון אַן אַלגעמיין־ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט, זיי פאַרקריפּלען און מאַכן לעכערלעך זייער אייגענע טעאָריע. זי זעט ביי זיי אויס נאַרישער, ווי זי איז אין דער אמתן, זי ליידט ביי זיי פון זייער אומפעיִקייט און זייער פרעמד זיין

צום ענין ליטעראַריש שאַפן, נישט נאָר פון איר אייגענער פאַלשקייט. ווילן מיר זי קענען, ווי זי איז; ווילן מיר זי האַלטן פאַראַנטוואָרטלעך נאָר פאַר אירע אייגענע און אמתע זינד קעגן קונסט, נישט פאַר די זינד, אין וועלכע אירע טעמפּע פאַר־שטייערס זיינען שולדיק, נישט זי אַליין, דאַרפן מיר לייענען טראָצקיס „ליטעראַ־טור אַ רעוואָלוציאַ".

טראָצקי פילט און פאַרשטייט ליטעראַטור. ער וואָלט זי נאָך טיפער געפילט און בעסער פאַרשטאַנען, ווען ער זאָל זיין פריי און נישט געבונדן פון זיין רעוואָ־לוציאָנערער טעאָריע און רעוואָלוציאָנערער פּראַקטיק. אין זיין אינעווייניקסטער באַציונג צו קונסט איז ער קינסטלערישער, ווי זיין מעטאָד דערלויבט עס אים. עס קומט אין אים פאַר אַ שטילע, פאַרשטיקטע מילחמה צווישן זיין קינסטלערישן געוויסן און זיין „קלאַסנבאַוווסטזיין". עס מערקט זיך ביי אים אַ שטרעבונג, אַן אומבאַוווסטזיניקע שטרעבונג איינצוצאַמען, אנשטאָט אויסצושפּרייטן די דיקטאַטור פון דער „פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע" אינעם קינסטלערישן שאַפן. קאָן עס נישט געפעלן דעם עקסטרעמען אָנהענגער פון „פּראָלעטקולט", אָבער פאַרן זייטיקן מענטשן איז עס ניצלעך. ניצלעך דערמיט, וואָס עס גיט אים די מעגלעכקייט צו באַטראַכטן דעם „קלאַסנשטאַנדפּונקט" אין דער ליטעראַרישער קריטיק נישט דאַן, ווען ער ווערט דערפירט ביז צו לעכערלעכקייט, נאָר דאַן, ווען ער ווייסט זיינע גרענעצן און האָט אַ געוויסן זין.

כמעט אין יעדן פּאַראַגראַף ביי טראָצקין פילט מען, אַז ער הערט זיך צו מיט איין אויער צו די פּאַרטיי־שטימען און מיט דעם אַנדערן — צו דער שטים פון זיין אייגענעם, אינטעלעקטועלן און עסטעטישן, געוויסן. ער זאָגט: „פּראָדוקטן פון קינסט־לערישן שאַפן דאַרפן, פריער ווי אַלץ, געמישפּט ווערן לויט זייערע אייגענע געזעצן, ד"ה לויט די געזעצן פון קונסט אָבער נאָר דער מאַרקסיזם איז פעיִק צו דערקלערן, פאַר וואָס און פון וואַנען האָט זיך אין דער געגעבענער עפּאָכע געצומען די געגעבענע קונסט־ריכטונג, ד"ה ווער און פאַר וואָס האָט פאַרלאַנגט גראָד אַזעלכע און נישט קיין אַנדערע ליטעראַרישע פאָרמען". קאָן מען אים דערמאָנען, אַז נישט נאָר דער מאַרקסיזם, אויך די טעאָריע פון דעם נישט־מאַרקסיסטישן היפּאָליט טען גלייבט אַז זי קאָן דאָס „דערקלערן". אָבער נישט דאָס בין איך אויסן. וויכטיק איז, וואָס טראָצקי איז מודה (הגם נישט תמיד געדענקט ער), אַז מען קאָן זיין אַ מאַרקסיסט און דאָך מישפּטן די ווערק פון קינסטלערישן שאַפן לויט זיינע אייגענע געזעצן פריִער ווי אַלץ.

אַוודאי וויל ער אַז די ליטעראַטור זאָל „דינען" דער רעוואָלוציע, דעם פּראָ־לעטאַריאַט, אָבער ער פאַרשטייט (און האָט דעם מוט צו זאָגן), אַז אַזאַ זאַך, ווי „פּראָלעטאַרישע קולטור איז נישט בלויז נישטאָ, נאָר זי קאָן אויך נישט זיין, און עס איז באמת, זאָגט ער, נישטאָ וואָס צו קלאָגן אויף דעם, ווארעם דער פּראָלע־טאַריאַט האָט פאַרכאַפּט די מאַכט טאַקע, כדי צו מאַכן איין מאָל פאַר אַלע מאָל אַ סוף צו דער קלאַסן־קולטור און כדי צו שאַפן וועגן פאַר דער מענטשלעכער קולטור". אין דער איבערגאַנג־צייט, אין דער עפּאָכע פון דער רעוואָלוציע דאַרף דער אַר־בעטער־קלאַס, לויט טראָצקין, זען איינצוזאַפּן אין זיך די געזונטע און לעבנס־פעיִקע עלעמענטן פון דער עקסיסטירנדיקער קולטור. ערשט דאַן וועט ער קאָנען העלפן שאַפן אַ נייע לעבנס־פאָרעם.

טראָצקי האָט זייער גוט געדענקט, אַז ער איז דער פירער פון דער רויטער אַרמיי (דאָס בוך, וואָס וועגן אים רייד איך דאָ, איז אַרויס נאָך אין יאָר 1923), זאָגט ער אָפן, אַז „אויב די רעוואָלוציע האָט רעכט, ווען עס איז נייטיק, צו צעשטערן בריקן און קינסטלערישע מאָנומענטן, וועט זי אוודאי נישט מורא האָבן אַרויפצולייגן איר האַנט אויף יעדער קונסטריכטונג, וועלכע איז, ביי אַלע אירע פאָרמעלע דערגריי־כונגען, מסוגל אַריינצוטראָגן אַ דעמאָראַליזאַציע אין דער רעוואָלוציאָנערער סביבה אַאַז״וו. אונדזער קריטעריום איז אַ בולט פּאָליטישער, באַפעלערישער און אומטאָ־לעראַנטער״. אָבער צו גלייכער צייט ווייסט טראָצקי (און ער וויל, אַז אויך זיינע חברים זאָלן וויסן), אַז „די צילן, אויפגאַבן און מעטאָדן פון אַרבעטס־קלאַס זיינען נישט אין ערגן מער קאָנקרעט, באַשטימט און טעאָרעטיש באַאַרבעט, אין דער ווירט־שאַפט ווי אין דער קונסט״, און ער ראָט צו זיין זייער פּאַרזיכטיק, ווען עס רעדט זיך וועגן דער קאָמוניסטישער „רעגולירונג״ און אָפּשאַצונג פון קונסטווערק.

טראָצקיס בוך פאַרמאָגט אַ היפש ביסל פּאָזיטיווע געדאַנקען און אָריגינעלע באַמערקונגען וועגן קונסט און ליטעראַטור בכלל און דערהויפּט וועגן יענער קונסט און יענער ליטעראַטור, וועלכע וועלן, לויט טראָצקיס מיינונג, אויסוואַקסן אין דער קומענדיקער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט. די הויפּטבאַדייטונג פון דעם בוך אָבער ליגט אין דעם, וואָס עס ווייזט אונדז אַז מען קאָן זיין אַ מאַרקסיסט און דאָך פאַר־שטיין, אַז ווען מען וויל אָנווענדן דעם מאַרקסיסטישן מעטאָד אין קונסט־פראַגן, מוז מען זיין פאַרזיכטיק און איינגעהאַלטן. די אמתע קונסט האָט שוין איצט אין זיך עפּעס פון דער צוקונפט, פון יענער צייט, ווען די קלאַסן־געזעלשאַפט וועט מער נישט עקסיסטירן. די אמתע קינסטלער שאַפן שוין איצט אַזוינע ווערק, וועלכע גייען איבער דער קלאַסנגרענעץ פון דער עקסיסטירנדיקער אָרדענונג. טראָצקי זאָגט דאָס נישט בפירוש, אָבער ער ברענגט אַזאַ ביישפּיל, וואָס קאָן אַנדערש נישט אויסגעטייטשט ווערן, ווי נאָר אין דעם זינען. ער פרעגט: „אין דער „געטלעכער קאָמעדיע״ האָט זיך געוויס אָפּגעשפּיגלט דאָס לעבן פון באַשטימטע קלאַסן אין אַ באַשטימטער עפּאָכע. הייַנט ווי קאָנען מיר עס נאָך היינט געניסן, ווי אַ קונסטווערק?״. „דאָס דערקלערט זיך״, גיט ער אונדז צו פאַרשטיין, „דורך דעם, וואָס די קלאַסן־געזעל־שאַפט האָט געוויסע שותפותע שטריכן, נישט געקוקט אויף איר גאַנצער פאַרענ־דערלעכקייט. קונסטווערק, וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט אין אַ מיטלעלטערלעכער אי־טאַליענישער שטאָט, קאָנען, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, אָנשטעקן אויך אונדז. וואָס איז דערצו נייטיק? נישט קיין סך: עס איז נייטיק אַז אָט די געפילן און שטימונגען זאָל קריגן אַזאַ ברייטן, אָנגעשטרענגטן, מעכטיקן אויסדרוק, וועלכער זאָל זיי אויפ־הייבן איבער דער באַגרענעצטקייט פון דעם דעמאָלטיקן לעבן. אוודאי איז אויך דאַנטע אַ פּראָדוקט פון אַ באַשטימטער סאָציאַלער סביבה. אָבער דאַנטע איז אַ זשעני, הייבט ער אויף די איבערלעבונגען פון זיין עפּאָכע אויף אַ מוראדיקער קינסט־לערישער הייך״. הייסט עס נישט אַז אין קונסט זיינען דאָ דויערנדיקע אָדער ווי מען רופט עס אָן, אייביקע ווערטן? הייסט עס נישט, אַז אַן אמת קונסטווערק, כאָטש עס איז „אַ פּראָדוקט פון אַ באַשטימטער סאָציאַלער סביבה״, לעבט עס פון דעסטוועגן אויך דאַן, ווען פון דער סביבה אין וועלכער עס איז געבוירן געוואָרן, איז שוין לאַנג קיין זכר נישטאָ? אַפּנים אַז די מאַרקסיסטישע ליטעראַטור־קריטיק האָט אַזויפיל טייטשן וויפל אויסטייטשער זי האָט.

4. משה ליטוואַקאָוו

דער אויסטייטשער פון דער מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־קריטיק אין דער ייִדיש־סאָוועטישער ליטעראַטור איז אַ געוויסע צייט געווען משה ליטוואַקאָוו (1875—1937). איבער אַ צענדלינג יאָר איז דער געוועזענער ציוניסט־סאָציאַליסט געווען דער, וואָס איז געשטאַנען „אויף דער וואַך פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע“ אין דער ייִדישער ליטעראַטור. ער האָט געפּסקנט, צי איז אַ ווערק כשר, צי איז עס טריף אָדער עס האָט אויף זיך אַ סרכא, — לויט דעם קאָמוניסטישן יורה־דעה... איז דער באַנד „אין אומרו“, אין וועלכן עס זיינען אַריין די קריטישע אַרטיקלען וואָס מ. ליטוואַקאָוו האָט געשריבן „אין משך צייט פון 1918 ביז 1926 איינגעשלאָסן“, — אַ מין „שאלות ותשובות“ פון אַ קאָמוניסטיש־קריטישן פּוסק. קוקט מען אין זיי אַריין, באַקענט מען זיך מיט אַ נייעם וואַריאַנט פון דעם מאַרקסיסטישן מעטאָד אין דער ליטעראַרישער קריטיק. מען דערוויסט זיך, ווען מען לייענט די פּאָררייד, „אַז דער מאַרקסיסטישער מעטאָד אין דער אָנווענדונג פון אַ מענשעוויק און דער זעלבער מעטאָד אין דער אָנווענדונג פון אַ קאָמוניסט־לעניניסט איז נישט איינס און דאָס זעלבע — ס׳איז פּאָלג מיך אַ גאַנג“... אין וואָס אָט דער אונטערשייד באַשטייט, איז נישט גאָר קלאָר און עס וואָלט געווען שווער אים צו פאָרמולירן, אָבער איינציקע פּרטים ווייזן זיכער אַז דער פּאַרפאַסער איז נישט סתם אַזוי אַ מאַרקסיסט, נאָר אַ „קאָמוניסטיש־לעניניסטישער“ מאַרקסיסט... וואָסערע פאָדערונגען האָט דער קאָמוניסטיש־לעניניסטיש־מאַרקסיסטישער קריטיקער געשטעלט צו דער ייִדישער ליטעראַטור? האָט ער פאַרלאַנגט פון איר, אַז זי זאָל זיין „פּראָלעטאַריש“? האָט ער, ווי אַנדערע חברים זיינע, געהאַלטן אַז עס דאַרף און קאָן איצט שוין זיין אַזאַ זאַך, ווי פּראָלעטאַרישע קונסט? האָט ער געוווסט וואָס דאָס איז אַזוינס פּראָלעטאַרישע קונסט? ער האָט געגלייבט אַז ער האָט געוווסט, וואָס דאָס איז, אָבער ער האָט געהאַלטן אַז עס איז נאָך נישט געקומען די צייט דערפאַר. ערשט דאַן, זאָגט ער, וועט מעגלעך זיין דאָס, וואָס ער רופט אָן פּראָלעטאַרישע ליטעראַטור, ווען „דער זיגרייכער אַרבעטער־קלאַס וועט שאַפן נישט בלויז אַ פּלאַנירטע ווירטשאַפט, נאָר אויך אַ פּלאַנירטע קולטור (און) אנשטאָט דער סטיכיע פון געפילן וועט הערשן דער באַגייסטערטער רעגולאַטאָר פונעם פאַרשטאַנד. דאָס הייסט נישט, (זאָגט ער) אַז מיר וועלן ווערן עמאָציעלאָזע פאַרשטאַנד־מעכאַניזמען. דאָס הייסט נאָר, אַז עס וועט קומען דער העכסטער סינטעז, ווען געפילן וועלן דערגרייכן די גענויקייט פון פאַרשטאַנד און דער פאַרשטאַנד וועט אין זיך איינזאַפּן די וויברירונגען פונעם וואַכן געפיל“... נו, און דערווייל, כל־זמן די געפילן האָבן נאָך נישט דערגרייכט די נישט גאָר גענויע — „גענויקייט פון פאַרשטאַנד“ און דער פאַרשטאַנד האָט נאָך נישט באַוויזן די קונץ „איינצוזאַפּן אין זיך די וויברירונגען פונעם וואַכן געפיל“? דערווייל האָט מ. ליטוואַקאָוו געהאַט גענוג געפיל פון מאָס און ליטעראַרישן פאַרשטאַנד צו פּראָטעסטירן קעגן יענער „פאַבריק־מליצה און רעוואָלוציאָנערער טאַראַראַם־ליטעראַטור“ וועלכע מאַכט דעם אָנשטעל פון דער איינציק־אמתער „פּראָלעטאַרישער“ פּאָעזיע. דערווייל זאָגט ער אַרויס וועגן דעם גאַנץ קלוגע און געלאַסענע מיינונגען.

„איך לייקן כלל נישט, זאָגט ער, אין דער נייטיקייט פונעם פּראָלעטקולט, ווי אַ לאַ־

באַראַטאָריע, ווו ס'קומען פֿאַר די זוכענישן פֿונעם פּראָלעטאַרישן קונסט־גייסט. איך בין אויך נישט מסכּים מיט אייניקע אויספֿירן פֿון ח' טראָצקי וועגן דער אוממעגלעכקייט פֿון פּראָלעטאַרישער קולטור איבערהויפּט, אָבער דאָס איז געוויס אַז נאָך גאַנץ לאַנג וועט פֿאַרן פּראָלעטאַריאַט שטיין די אויפֿגאַבע נישט אַזוי צו שאַפֿן אַן אייגענע קולטור, נאָר צו ירשענען די אמתע ווערטן פֿון דער אַלטער קולטור און אין דער ערשטער ריי זיך צו באַהעפֿטן מיט קולטור איבערהויפּט — — — פֿריִער באַהערש די עלעמענטאַרע מלאכה פֿון שרייבן, פֿריִער לערן זיך שאַפֿן אַן אייגענע פּרעסע, קאָן פֿריִער האַלטן די פֿען אין האַנט און זי פֿאַרוואַנדלען אין דיין אייגענעם אינסטרומענט, וואָס זאָל דורכעגבערן די געדיכטענישן פֿון פּינצטערניש, פּוילקייט, עוולות און מיסברויכן, וועלכע רינגלען דיך אַרום, — דאַן וועט זיך שוין ממילא שטעלן, און ביי מער גינסטיקע באַדינגונגען, אויך די פּראָבלעם פֿון אַן אייגענער סינטעטישער קולטור"... כּל־זמן, הייסט עס, דער פּראָלעטאַריאַט האָט נאָך נישט באַוויזן צו שאַפֿן זיין אייגענע קולטור, איז די הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון דער קאָמוניסטיש־מאַרקסיסטישער ליטעראַטור־קריטיק אויסצוגעפֿינען און אָנצווייזן וואָסערע ווערטן פֿון דער עקסיסטירנדער ליטעראַטור זיינען „אמתע" און וואָסערע נישט. איז דאָס אייגנטלעך אַן אויפֿגאַבע פֿון יעדער קריטיק. אָבער עס איז דאָ אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דעם נישט־מאַרקסיסטישן און דעם מאַרקסיסטישן קריטיקער אין דער אויסטייטשונג פֿון דעם באַגריף „אמתער ווערט". דער נישט־מאַרקסיסט גלייבט אין דער עקסיסטענץ פֿון אַזעלכע אמתע ליטעראַרישע ווערטן, וועלכע זיינען דויערהאַפֿטיקער ווי די אָדער יענע סאָציאַלע לאַגע פֿון דער אָדער יענער סאָציאַלער גרופּע. דער מאַרקסיסט, אויב ער איז נישט קיין לעוו טראָצקי, האַלט, אַז יעדער געזעלשאַפֿטלעכער קלאַס האָט זיינע באַזונדערע ליטעראַרישע ווערטן, — און דאָס זיינען די ווערק וואָס אין דעם געגעבענעם מאָמענט דינען זיי די צילן פֿון זיין הערשאַפֿט אָדער באַפֿרייונג. אָבער צו גלייכער צייט איז מ. ליטוואַקאָוו מודה, אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך, ווי „קולטור איבערהויפּט". מאַכט עס זיין אויפֿגאַבע שווערלעך. פֿון איין זייט אינטערעסירן אים נאָר די ווערטן, וואָס לויט זיין מיינונג זיינען זיי נייטיק דעם באַפֿרייונג־קאַמף פֿון דעם אַרבעטער־קלאַס; פֿון דער אַנדערער זייט קאָן ער נישט פֿאַרגעסן, אַז אַפֿילו אין דער „בורזשואַזער קולטור" איז דאָ אַזאַ זאַך „וואָס ס'לוינט פֿון איר צו ירשענען און ס'איז ווערט געירשנט צו ווערן". פֿון איין זייט טרעפֿט אַז ער שאַצט־אָפּ זאַכן — און שאַצט אָפּ ריכטיק — פֿון אַ ריין־ליטעראַרישן שטאַנדפּונקט, פֿון אַ שטאַנדפּונקט וואָס באַנוגנט זיך נישט מיט דער אידעאָלאָגיע און דער סאָציאַלער פֿונקציע פֿון אַ קונסטווערק. ער ווייס, צום ביישפּיל, אַז טורגעניעווס „שריפֿטן פֿון אַ יעגער" זיינען אין דער רוסישער ליטעראַטור געווען ווירקזאַמער פֿון גריגאָראָוויטשעס „אַנטאָן גאָרעמיקא", כאָטש „אין זיין צייט האָט דאָס דאָזיקע ווערק געמאַכט אַ שטאַרקן רושם און אין אידעאָלאָגישן זין איז עס געווען „פּראָגרעסיווער"... פֿון טורגעניעווס „שריפֿטן פֿון אַ יעגער". ער שטעלט העכער אַש'ס „קוילער־געסל" פֿון ווייסענבערגס „שטעטל", כאָטש „דאָס שטעטל" איז „אַ ווערק מיט רעוואָלוציאָנערן אינהאַלט, ווו עס שפּיגלט זיך אָפּ דער שטייגער פֿון דער רעוואָלוציאָנערער ייִדישער אַרבעטער־באַוועגונג פֿון ערב און בשעת דעם 1905 יאָר"... ער גיט צו, אַז ס'איז „זעלטן, ווען ריינער אינהאַלט זאָל ווערן אַ באַוועגונג־קראַפֿט אין דער אַנטוויקלונג פֿון קונסט. אָט האָבן מיר, למשל,

אין רוסיש סעראַפימאָוויטשעס „אייזערנער שטראָם" — ער לייענט זיך מיט אינטערעס, ווי „אַ קינסטלערישע קאָרעספּאָנדענץ פונעם פּלאַץ פון די געשעענישן" (לויט טורגעניעווס וואָרט), אָבער קיין קונסט־שפּורן לאָזט דאָס ווערק נישט איבער. דאָס איז אַ געהילף־מיטל צו דער רעוואָלוציאָנערער אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע, וואָס מיר האָבן דאָס שטאַרק נייטיק, אָבער נישט אַזעלכע ווערק וועלן בילדן די קונסט־ירושה, וואָס אונדזער רעוואָלוציע וועט איבערלאָזן די קומענדיקע דורות". די קונסט־ירושה פון דער רעוואָלוציע וועט מוזן, הייסט עס, טראָגן אויף זיך דעם שטעמפּל פון קונסט, נישט נאָר דעם רעוואָלוציע־שטעמפּל. מ. ליטוואַקאָוו ווייסט עס. פון דעסטוועגן איז, פון דער אַנדער זייט, דער גרעסטער טייל פון זיינע קריטישע אַרטיקלען פאַרנומען נישט מיט קונסט נאָר מיט רעוואָלוציע. אין דעם גרעסטן טייל פון זיי מישפּט ער די נייע ליטעראַטור לויט דעם ווערט וואָס זי האָט ווי אַן אויסדרוק פון דער רעוואָלוציע, נישט ווי אַ קונסט־אויסדרוק. און דאָס נעמט זיך נישט נאָר פון זיין טיפן פאַראינטערעסירט־זיין אין קאָמוניזם. דאָס שטאַמט אויך דערפון וואָס דער מאַרקסיסטישער מעטאָד אין דער ליטעראַטור־קריטיק איז אַ ריין סאָציאַלאָגישער מעטאָד, אַ סביבה־מעטאָד. ווי אַ מיליע־קריטיקער מוז זיך ליטוואַקאָוו אָפּגעבן מער מיט די סאָציאַלע אומשטענדן, וואָס רינגלען אַרום דעם קינסטלער, ווי מיט דעם קינסטלער אַליין, און זיינע פעלערן זיינען אין דעם פּרט אָפט די פּעלערן פון זיין מעטאָד. אָפט, אָבער נישט אַלע מאָל. עס טרעפט, אַז זיי נעמען זיך פון זיין פאַלשן אָדער קינסטלעכן אָנווענדן דעם מיליע־מעטאָד. אָט איז אַ ביישפּיל. „מענדעלע" — פּרוּווט אונדזער מאַרקסיסטישער קריטיקער באַשטימען דעם קלאַסן־כאַראַקטער פון אונדזערע קלאַסיקערס, — „מענדעלע האָט אין זיין שאַפונג אויסגעדריקט דעם אומרו פון דעם פּאַטריאַרכאַלישן יידישן כלל ערב זיין צעפאַלן ווערן אונטער די קלעפּ פונעם אָנקומענדיקן קאַפּיטאַליזם. שלום־עליכם — דאָס איז דער אויסדרוק פון דער נאַיווער בהלה פונעם קליינבירגערלעכן יידישן המון צוליב די משונהדיקע נסים און „פּאָטעפּאַלנאָסטן" פונעם קאַפּיטאַליזם, וועלכער האָט זיך שוין געהאַט אַריינגעריסן אין דער יידישער סביבה. פּרץ — דאָס איז שוין די מאַניפעסטאַציע פון דער דיפערענצירטער יידישער בורזשואַזער פּערזענלעכקייט, וואָס איז אָקאָרשט אויפגעקומען, געפינט זי זיך שוין אונטער דער אויפווירקונג פון צוגווינטן, וואָס בלאָזן פון פאַרשיידענע אַזוי איבערגעפלאָכטענע עפּאָכן: פאַרצויגענער יידישער מיטלעלטער, טריומפירנדער קאַפּיטאַליזם און אויפקומענדיקע יידישע אַרבעטער באַוועגונג". פון אויבנאויף קלינגט אָט די כלומרשט סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פראַזעאָלאָגיע העכסט מאַרקסיסטיש. ווען איר טראַכט זיך אָבער אַריין אין דעם, זעט איר איין אַז ס'איז מער פראַזע ווי מאַרקסיזם. איר פרעגט: האָט מ. ליטוואַקאָוו געמאַכט אַן אַנאַליז פון דער סאָציאַל־עקאָנאָמישער סביבה, ווו עס האָבן געלעבט מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ? האָט ער אויסגעפונען, אַז מענדעלע שטאַמט פונעם „פּאַטריאַרכאַלן יידישן כלל", אַז שלום־עליכם איז געווען פאַרבונדן סאָציאַל מיטן „קליינבירגערלעכן יידישן המון", אַז פּרץ האָט געהאַט אַ שייכות צו דער „דיפערענצירטער יידישער בורזשואַזער פּערזענלעכקייט, וואָס" אאַז"וו? ניין, ער האָט אַזאַ אַנאַליז פון דער סביבה נישט געמאַכט און אַזעלכע אונטערשיידן אין איר נישט אויפגעדעקט, נישט געקאָנט אויפדעקן. צוויי פון די כאַראַקטעריזירטע שרייבער, שלום־עליכם און פּרץ, זיינען געווען כמעט אין איינע יאָרן, האָבן געלעבט כמעט אין איין צייט און דעם גרעסטן

טייל פון זייער לעבן געהערט כמעט צו איין „קלאַס״ — צום קלאַס פון אינטעלעקטועלע אַרבעטערס. פאַר וואָס זאָל זיך אין די ווערק פון איין דיכטער פילן אַזאַ „סאָציאַלע פסיכאָלאָגיע״ און אין דער שאַפונג פון דעם אַנדערן — אַן אַנדערע? פאַר וואָס האָט זיך צו שלום־עליכמען צוגעקלעפּט גראָד דער „קליינבירגערלעכער ייִדישער המון״ און צו פּרצן — די „דיפערענצירטע ייִדישע בורזשואַזע פּערזענלעכקייט״? ווו איז די סאָציאַלע אָדער די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע דערקלערונג דערפון? מ. ליטוואַקאָוו באַנוצט דעם מיליע־מעטאָד אויף אַ פאַרקערטן אופן. ער גייט נישט פון דער סביבה צו די שרייבערס (ווי עס טוט, צום ביישפּיל, היפּאָליט טען), נאָר פון די שרייבער צו דער סאָציאַלער סביבה. ווען ער געפינט (אָדער אים דאַכט זיך, אַז ער געפינט) אין אַ דיכטער עפּעס אַ סאָציאַלן שטריך, זעצט ער דעם דיכטער אַריין אין דער געהעריקער קלאַסן־סביבה און מאַכט אים פאַר איר פאָרשטייער. הייסט דאָס דערקלערן די ווערק פון אַ שרייבער דורך דער פּסיכאָלאָגיע פון דעם קלאַס, צו וועלכן ער געהערט? דאָס הייסט צושרייבן דעם דיכטער צו אַזאַ אָדער אַן אַנדער קלאַס בהסכם מיט דעם — ריין־סוביעקטיוון — איינדרוק, וואָס דער קריטיקער האָט פון זיינע ווערק. געפינט ער אין זיי, אָדער אים דאַכט זיך, אַז ער געפינט אין זיי, „פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע״, שטעלט ער אַוועק דעם פאַרפאַסער אין די „ערשטע רייען פון דעם קעמפנדיקן אַרבעטער־קלאַס״. פאַלט אים איין אַז אין די ווערק איז דאָ עפּעס „קליינבירגערלעכס״, פּסקנט ער, אַז דער שרייבער איז אַ נאָענטער קרוב מיט דעם קליין־בירגערטום. ער מאַכט נישט דעם מינדסטן פּרווו אַפילו אָביעקטיוו צו אַנאַליזירן דעם סאָציאַלן אָפּשטאַם און די סאָציאַלע לאַגע פון דעם שרייבער. אים גייט גאָרנישט אָן דעם שרייבערס פאַקטישע קלאַסן־אָנגעהעריקייט. ער איז אַזוי ווי מודה אומבאַוואוסטזיניקערהייט, אַז די סאָציאַל־עקאָנאָמישע סביבה, צו וועלכער דער שרייבער געהערט פאַקטיש, איז נישט וויכטיק: וויכטיק איז, וואָס פאַר אַן „אידעאָלאָגיע״ ער האָט. ער קאָן, הייסט עס, סאָציאַל־עקאָנאָמיש זיין פאַרבונדן מיט איין קלאַס און אידעיש — מיט אַן אַנדערן. די אידעאָלאָגיע, הייסט עס, פון אַ דיכטער דאַרף נישט זיין געבויט דווקא אויפן באַזיס פון זיין „עקאָנאָמיק״. די דיכטערישע אידעאָלאָגיע איז אַזוי ווי אַ זעלבשטענדיקע זאַך... און עס מאַכט נישט אויס, וואָס דאָס איז גיכער אַן אידעאַליסטישער, ווי אַ מאַטעריאַליסטיש־מאַרקסיסטישער געדאַנקענגאַנג. אַבי דאָס גיט דעם „מאַרקסיסטישן״ קריטיקער די מעגלעכקייט צו קאָמאַנדעווען מיט די שרייבערס, צוצוקלעפּן זיי אַזאַ קלאַסן־צעטל, וואָס אים גלוסט זיך און צוצורעכענען זיי היינט צו איין סאָציאַלער גרופּע, מאָרגן צו אַן אַנדערער. פאַר־וואָס טאַקע נישט? ווי באַלד אַז עס רעדט זיך נישט וועגן אָביעקטיווע סאָציאַלע אומשטאַנדן, נאָר וועגן „סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע״, קאָן זיך דער „סאָציאַלער״ קריטיקער פאַרגינען צו זיין גאַנץ סוביעקטיוו און אַריינצוטייטשן אין דעם שרייבער, וואָס פאַר אַ מין „פּסיכאָלאָגיע״ ער וויל נאָר. פּסיכאָלאָגיע, און בפרט נאָך „סאָציאַלע פּסיכאָלאָגיע״, איז זייער אַן עלאַסטישע זאַך. מען קאָן זי בייגן און דרייען אין אַלע זייטן. איז, אַ שטייגער, דוד בערגעלסאָן אויף זייט 86 פון מ. ליטוואַקאָווס בוך „לכתחילה געוואָרן נאָענט דעם אַרבעטער״ „מיטן סאָציאַל־קינסטלערישן אינהאַלט פון זיין שאַפן״, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס ער „האָט זיך געצערטלט דווקא מיטן ייִדישן מיטלשטאַנד״ און אויף זייט 194 פון דעם זעלביקן בוך פאַרלירט שוין בערגעלסאָן „זיין חן און באַדייטונג״ צוליב זיין „קינסטלערישער

אָריענטאַציע אויפן ייִדישן מיטלשטאַנד". פריִער איז בערגעלסאָן, מחמת די אָדער יענע מאָטיוון, געווען געפעלן דעם לעניניסטישן קריטיקער, איז בערגעלסאָן געווען „באָענט דעם אַרבעטער", שפּעטער האָט ער אים אויפגעהערט צו געפעלן, האָט ער זיך מיט אַ מאָל אַרויסגעוויזן צו זיין אַ דיכטער וואָס „אָריענטירט" זיך קינסטלעריש אויפן ייִדישן מיטלשטאַנד"!

די גרעסטע סוביעקטיוויטעט ווערט אַריינגעטראָגן גראָד אין אַ מעטאָד וואָס פּרעטענדירט צו זיין די אָביעקטיוויטעט אַליין! דער קלייזלדיקסטער, פּאַרטייִשסטער און פּערזענלעכסטער קאַפּריז געוועלטיקט דאָרט, ווו מען געברויכט און מען מיסברויכט אַזוי אָפּט די ווערטער „בויטוועגדיקייט", „געזעצמעסיקייט" אאַז"וו.

מען זאָגט אונדז אַז די געשיכטע פון דער ליטעראַטור איז די געשיכטע פון קלאַסנקאַמף; מען גייט נאָך ווייטער און מען דערקלערט, אַז נישט נאָר אין דעם גייסט פון גאַנצע היסטאָרישע עפּאָכעס פילט זיך די קלאַסן־דיפערענציאַציע פון דער געזעלשאַפט, נאָר אַז אין יעדן איינציקן שרייבער און שיער נישט אין יעדן איינציקן ווערק שפּיגלט זיך אָפּ די אידעאָלאָגיע פון דער סאָציאַלער גרופּע, צו וועלכער דער שרייבער געהערט; מען איז זיכער, אַז די אַנטוויקלונג פון ליטעראַרישן לעבן קומט פאָר לויט די שטרענגסטע מאַרקסיסטיש־סאָציאָלאָגישע געזעצן, — און צו גלייכער צייט לאָזט מען צו דעם געדאַנק אַז דער און דער שרייבער אָדער די און די גרופּע שרייבערס איז אייערנעכטן געווען „בורזשואַזיש", נעכטן „המוניש" און היינט איז ער אָדער זי שוין „פּראָלעטאַריש". און מען שטעלט זיך די פראַגע: ווי אַזוי איז עס מעגלעך? האָט זיך אין דער קורצער צייט געענדערט די קלאַסן־לאַגע פון אָט דעם שרייבער אָדער פון אָט דער גרופּע שרייבערס? איז אינעם קלאַס גופא פאָרגעקומען ן ענדערונג אָדער איז קלאַס עפּעס אַ מין חברה וואָס היינט קאָן מע זיך פאַרשרייבן אין איר און מאָרגן זיך אויסשרייבן?

מען רעדט וועגן סאָציאָלאָגיע, בעת אין דער אמתן פאַרמאָגט מען נישט מער ווי סאָציאַלע פּראַזעאָלאָגיע.

איז דען, אין דער אמתן, געווען מער ווי פּראַזעאָלאָגיע די דערקלערונגען פון מ. ליטוואַקאָוו, אַז אַ שטייגער, דוד האָפשטיין האָט (בעתן אויסברוך פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע) „געהאַט אַ קלאָר־אויסגעשפּראָכענע פּסיכאָ־אידעאָלאָגיע פונעם ייִדישן קליינבירגערטום", אַז אָשר שוואַרצמאַן איז געווען „אַן אינערלעך גאַנצער מענטש מיט אָרגאַנישע רעוואָלוציאָנערע נטיות", אַז קוויטקאָ איז אַן „אָנפּאָרמיקע מאַסן־סטיכיע" אאַז"וו? זיינען די דאָזיקע אַלע ריין־סאָציאַלע כאַראַקטעריסטיקעס געבויט אויף אַ וועלכן עס איז אָביעקטיוו־סאָציאַלן אַנאַליז? ניין, דאָס איז אַלץ נישט מער ווי דעם קריטיקערס ריין־פּערזענלעכע אימפּרעסיעס, עפּעס אַ מין אימפּרעסיאָניסטישער „מאַרקסיזם". אַפילו דאַן, ווען אונדזער מאַרקסיסטיש־לעניניסטישער קריטיקער באַנוצט דעם סאָציאָלאָגישן מעטאָד אַזוי, ווי ער דאַרף באַנוצט ווערן, אַפילו דאַן, ווען ער גיט זיך נישט אָפּ מיט צוקלייבן אַ סאָציאַלע סביבה פאַרן שרייבער, נאָר ער הייבט לכתחילה אָן פון דער סביבה, — איז ער ווייט פון צו רעכענען זיך מיט די אָביעקטיווע סאָציאַלע אומשטענדן. אָט, צום ביישפּיל, וויל ער נישט אַנדערש פאַרבינדן פּרצעס „חסידיש" ווי מיט דער רעוואָלוציע פון 1905. ער וויל אונדז איינריידן אַז „ווען עס זיינען אונטערגעקומען די גראַנדיעזע אַרבעטער־שלאַכטן פון דער רעוואָלוציע 1905, האָבן זיי צוזאַמען מיט דער גאַנצער בורזשואַזער אינטעליגענץ

שטאַרק אָפּגעשראָקן אויף פּרצן" און אַז דאָס זאָל האָבן געווען דער לעצטער שטויס צו פּרצעס „חסידיש" און כלומרשטער „תשובה צו ייִדישקייט". אָבער פּרץ איז מיט דעם וויכטיקסטן טייל פון זיינע חסידישע דערציילונגען געווען פּאַרטיק שוין אין יאָר 1900, ווען די „גראַנדיעזע אַרבעטער־שלאַכטן" האָבן אים נאָך נישט געקאָנט אָפּשרעקן. צווישן פּרצעס חסידישער „ראָמאַנטיק" און זיין סאָציאַלן ראַדיקאַליזם איז בכלל גאָר קיין מאָל נישט געווען קיין סתירה. גיכער איז צווישן זיי געווען נאָר אַ נאָענטע קרובהשאַפט. אָבער ליטוואַקאָוון איז נישט געפעלן געווען פּרצעס „תשובה צו ייִדישקייט". האָט ער אונדז דערציילט אַ מעשה, אַז פּרץ האָט זיך דערשראָקן פאַר דער רעוואָלוציע — און ס'איז נישט זיין דאגה, וואָס די רעוואָלוציע מיט אירע „גראַנדיעזע אַרבעטער־שלאַכטן" איז געקומען ערשט נאָך דעם ווי פּרץ האָט שוין געהאַט אָנגעשריבן זיינע חסידישע דערציילונגען. זיין „מאַרקסיזם" שטערט אים נישט צו דערציילן בבא־מעשיות. די אומגעלומפּערטסטע פון זיי איז די, ווו ער דערציילט, אַז ביז אָקטאָבער האָט די ייִדישע ליטעראַטור כמעט גאָר קיין באַטייט נישט געהאַט פאַר דעם באַפרייונגס־קאַמף פון די ייִדישע מאַסן, און „אַזוי אַרום, זאָגט ער, האָט די ייִדישע ליטעראַטור כמעט אויפגעהערט צו האָבן אַ סאָציאַלע פונקציע". ווען דאָס זאָל זיין אַזוי, וואָלט עס הייסן, אַז ביז ליטוואַקאָוון און זיינע תלמידים האָט די ייִדישע ליטעראַטור נישט געהאַט גאָר קיין באַדייטונג און קיין רעכט אויף עקסיסטענץ. וואָרעם „אַ ליטעראַטור", זאָגט ער, „האָט אַן עקסיסטענץ־זין און אַ באַדייטונג אויף אַזוי פיל אויף וויפל זי ווערט געשאַפן פון און פאַר געוויסע קלאַסן אָדער שיכטן פון פאָלק". די פאַר־רעוואָלוציאָנערע ייִדישע ליטעראַטור אָבער האָט „די (קלאַסן), וואָס זי האָט אָפּגעשפּיגלט, נישט באַדינט, און די, וואָס זי האָט באַדינט, האָט זי נישט אָפּגעשפּיגלט"...

איז אמת, אַז די ייִדישע ליטעראַטור האָט נישט געשפּילט קיין שום ראָלע אין דער אויפוואַכונג פון דעם סאָציאַלן באַוווסטזיין פון די ייִדישע מאַסן? איז אמת, אַז די ייִדישע ליטעראַטור איז אין דעם פּרט געווען ווינציקער פּרוכטבאַר ווי די רוסישע? איז אמת, אַז „די ייִדישע ליטעראַטור, ווי עס אינסינויִרט מ. ליטוואַקאָוו, האָט אָפּגעשפּיגלט נאָר די באַוועגונגען פון דער ייִדישער בורזשואַזיע"? פּונקט דער היפּוך דערפון איז אמת. אפילו יענע השכלה־שרייבערס וואָס אין זייערע העברעיִשע ווערק האָבן זיי אָפט אַרויסגעוויזן געוויסע סימנים פון קאָנסערוואַטיזם, זיינען אין זייערע ייִדיש־שאַפונגען געווען ראַדיקאַל און שיער נישט רעוואָלוציאָנער. כמעט די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור אין 19טן יאָרהונדערט פון דעם ריב"לס „הפקר־וועלט" ביז מענדעלעס „טאַקסע" און לינעצקיס העזהדיקע פּאַמפּלעטן, פון אַקסענפעלדס „קבצן־עושר־שפּיל" און בערל בראָדערס בעל־מלאכה־לידער, ביז פּרצעס און פּינסקיס „יום־טוב־בלעטלעך", ביז מאָריס ראָזענפעלדס און באָוושאָווערס און ליעסינס און רייזענס לידער — איז אַ ליטעראַטור פון סאָציאַלן פּראָטעסט.

די קליינלעכע פּאַרטייִש־באָלשעוויסטישע טענדענץ האָט ליטוואַקאָוון געשטערט דורכצופירן די גרעסערע טענדענץ — די טענדענץ פון דעם סביבה־און קלאַסן־מעטאָד. דער „לעניניזם" האָט ביי אונדזער לעניניסטיש־מאַרקסיסטישן קריטיקער איינגעשלונגען דעם „מאַרקסיזם". מען מוז אָבער צוגעבן, אַז ער איז פאַרפירט געוואָרן פון זיין פּאַרטייִשקייט דערהויפּט דאַן, ווען עס האָט זיך גערעדט

וועגן פּאָזיטיוון אָפּשאַצן שרייבערס אָדער ריכטונגען. אַז עס איז אָבער געקומען צו נעגאַציע, צו ביטול, האָט ער אַזוי שטאַרק דערפון הנאה געהאַט, אַז עס איז אים רעכט געווען צו פאַרלייקענען אַפילו אַן אייגענעם פּאַרטיי־חבר, אַבי זאָגן ניין. מיט זיין שאַרפן ניין האָט ער, אגב, נישט איין „רעוואָלוציאָנערן" פּראַזן־שיסער געוויזן זיין ריכטיקן אָרט, — און אין דעם פּרט האָט ער געטאָן אַ ניצלעכע אַרבעט.

מיט זיין ניין האָט ער אַן אַנדערש מאָל געטראָפן אין פּינטל, אָבער צו אָפּט איז ער דערביי אַריינגעפאַלן אין ווילדע און אומגעלומפּערטע גוזמאות. איז בעל־מחשבות ביי אים אַ „באַגרענעצטער קלישע־קריטיקער", און וועגן שלום־עליכמען איז ביי אים רעכט צו זאָגן, אַז ער „איז אַזוי געווען פאַרשלונגען דורך דער רייכקייט פון שטייגער־דעטאַלן, אַז ער איז קיין מאָל נישט געווען בכח דעם סכום זייערן דערהייבן צו אַלגעמיינע אויספירונגען, צו באַדייטפולע סינטעזן"... דער שאַפער פון סטעמפּעניו און מנחם־מענדל און טוביה און מאָטל און אַנדערע קינסטלערישע טיפּן איז פאַרשלונגען געווען אין שטייגער־דעטאַלן און קיין מאָל זיי נישט געקענט דערהייבן צו „אַלגעמיינע אויספירן"!

סטיליסטיש געלינגט אַ מאָל מ. ליטוואַקאָוון אַ גלאַנץ צו טאָן מיט זיין שאַרפקייט און אַ מאָל זיך פיין אַ שפּיל צו טאָן (אַ שטייגער: „ווי שלום־עליכם האָט זיך אין גאַנצן אויסגעשעפּט אין זיין סטיל און זיין סטיל האָט זיך אויסגעשעפּט אין אים, אַזוי האָט נסתר זיך פאַרלוירן אין זיין סטיל און זיין סטיל האָט זיך פאַרלוירן אין אים". אָדער: „ח' לעניז איז נישט געווען אַ שרייבער, וועלכער קעמפּט, נאָר אַ קעמפער, וועלכער שרייבט"). בכלל אָבער איז מ. ליטוואַקאָוס — פון רוסיש און פון דער פּאַרטיי געגומענער — סטיל אַ גאַנץ האַמעטנער. להיפוך צו אַנדערע יידישע שרייבערס, וועלכע שטאַמען פון דרום־רוסלאַנד, איז ער נישט געבענטשט געווען מיט מעלאָדישקייט, און עס טרעפן זיך ביי אים אינאיינעם מיט גראָבע רוסיציזמען, שטאַרק נישט־ווילקלינגענדיקע פראַזן.

זיינע קריטישע אַרבעטן זיינען איצט וויכטיק דערהויפּט ווי אַ דאָקומענט, ווי אַ גאַנץ כאַראַקטעריסטישער דאָקומענט פון דעם יידיש־ליטעראַרישן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד, איידער עס איז אַזוי אכזריותדיק ליקווידירט געוואָרן.

5. נאַציאָנאַל־עטישע קריטיק

א.

נאַציאָנאַל־עטישע קריטיק דאַרף נישט צונויפגעמישט ווערן מיט „נאַציאָנאַלער קריטיק", וואָס אירע מוסטערן קאָן מען געפינען אין די ליטעראַטור־קריטישע עסייען פון בעל־מחשבות *). „נאַציאָנאַלע קריטיק" באַטראַכט אַ פאָלקס ליטעראַטור אָדער אירע איינציקע ווערק אין דער פּערספּעקטיוו פון זיין געשיכטע און זיינע איצטיקע לעבנסאומשטאַנדן. נאַציאָנאַלע קריטיק, ווען זי זאָל ריכטיק אָנגעווענדט ווערן, קאָן אַ מאָל גראָבן טיפער, ווי געוויינטלעכע סאָציאַלע ליטעראַטור־

*) זע דעם קאַפּיטל „בעל מחשבות" אינעם לעצטן טייל פון אָט דעם בוך.

קריטיק. דער „נאַציאָנאַלער" קריטיקער קאָן זיך אַ מאָל נישט באַנוגענען ווי דער „סאָציאַלער" קריטיקער מיט דער סביבה פֿון אַ פֿאָלקס ליטעראַטור. ער קאָן פּרוּוון אַריינדרינגען אין אים אינעווייניק, פֿלייסן זיך צו אַנטפּלעקן פֿאַר אונדז זיינע סודות.

אַנדערש איז „נאַציאָנאַל־עטישע" קריטיק. זי וויל שטעלן די ליטעראַטור אין דינסט פֿון עפּעס אַ באַשטימטער „נאַציאָנאַלער עטיק". זי איז אַ וואַריאַנט און צו גלייכער צייט אַ פֿאַרקריפּלונג פֿון דעם סאָציאַל־עטישן מעטאָד, וואָס איז באַטראַכט געוואָרן אין פֿאָריקן קאַפּיטל. זי איז אַ פֿאַרקרימונג פֿון דער עצם קאָנצעפּציע פֿון סאָציאַלער עטיק, ווייל דער וואָס זוכט אין אַ פֿאָלקס ליטעראַטור (אָדער ער מאָנט ביי איר) עפּעס אַן אייגענע און אַ ספּעציפֿישע עטיק, מוז אַרויסגיין פֿון דער הנחה, אַז יעדעס פֿאָלק האָט אָדער דאַרף האָבן זיינע אייגענע עטישע יסודות, — און דאָס איז, לויט מיין מיינונג, אַן אומעטישער צוגאַנג צו עטיק, אָבער וועגן דעם וועט אונדז נאָך אויסקומען צו ריידן. פֿריִער איז נייטיק צו קאָנסטאַטירן דעם עצם־פֿאַקט, אַז זינט נאָך גזירת־היטלער ווערט אָט די „נאַציאָנאַל־עטישע" מאָס פֿון ליטעראַטור אַלץ אָפֿטער און אָפֿטער געניצט סיי אין העברעיִש, סיי אין ייִדיש. ייִדיש־נאַציאָנאַלער עטיציזם איז געוואָרן ביי אונדז זייער אַ פּאָפּולערע שטרעמונג.

כ׳נוץ מיט אַ כּיוון דאָס וואָרט שטרעמונג, נישט שטראָם... שטראָמען — דאָס זיינען פּערמאַנענטע טענדענצן, שטענדיקע צילן; שטרעמונגען זיינען פֿאַראיבער־גייענדיקע שטרעבונגען, לאַזונגען פֿון מאָמענט, מאָדע־זאַכן. די דערמאָנטע נאַציאָנאַל־עטישע קריטיק איז ערשט לעצטנס אַריין אין דער מאָדע, דאָס איז אַ קריטיק, וואָס מיט איר מויל רעדט כּלומרשט נישט דער יחיד, נאָר דער כּלל. ליטעראַטור, זאָגן די קריטיקערס, וואָס זיינען פֿאַרכאַפּט פֿון אָט דער שטרעמונג, האָט אַ קאָלעקטיווע שליחות אויסצופֿירן, און דעם קריטיקערס שליחות איז אַכטונג צו געבן אויף דעם שרייבער און זען, אַז זיין שטים זאָל, חלילה, נישט ווערן קיין חוצפּהדיקע סאָלאָ, נאָר בלייבן אַ שטים, אַ קול דממה דקה אין דעם כּללס הילכיקן כאָר, אַ טאָן אין דעם אָדער יענעם „קול המון", דעם קול פֿון דער מאַסע, וואָס אויב ער איז נישט „בקול שדי" — גאָטס קול, איז ער זיכער, ווייסן זיי, דעם פֿאָלקס שטים, אַן אָנצוהע־רעניש אויף דעם גאַנג פֿון זיין געשיכטע, גורל, אד"גל.

איז דאָס אַ נייע פֿאָרמולירונג פֿון דעם קריטיקערס הויפּט־אויפֿגאַבע? פֿאַר־שטייט זיך, אַז נישט די פֿאָרמולע איז שוין לאַנג אונדז באַקאַנט. זי איז שוין נישט איין מאָל געווען פּאָפּולער און נישט איין מאָל געוואָרן אויס מאָדע. דאָס איז אַ פּאָדערונג, וואָס קומט אַ מאָל פֿון לינקס, אַ מאָל פֿון רעכטס, — און יעדעס מאָל, ווען זי ווייזט זיך, אַלץ איינס, פֿון וואָסער זייט, איז זי שטאַרק האַפּערדיק, — און זי מעג זיך טאַקע איבערנעמען: ס׳איז עפּעס אַ קלייניקייט? זי רעדט דאָך נישט אין נאָמען פֿון דעם איינציקן מענטשן, זי רעפּרעזענטירט דאָך עפּעס אַ גאַנצן כּלל: אויב דאָס איז נישט קלאַס (דער אַרבעטער־קלאַס!), איז עס פֿאָלק.

מיר אַלע געדענקען נאָך דעם טומל, וואָס עס האָט אָנגעמאַכט די „פּראָלעטאַ־רישע קריטיק", די קריטיק, וואָס האָט געקערט וועלטן אין נאָמען פֿון קלאַסן־קאַמף. אין דער לופֿט שוועבט נאָך דער ווידערקלאַנג פֿון איר שאַלן אין דער מחנה, ווען זי האָט זיך געלאָזט גיין — נייִן, נישט גיין, נאָר מאַרשירן „אין די גאַסן צו די מאַסן" — מאַרשירן מיט פּויקן און טרומייטן. איצט שרייט זי שוין מער נישט אַראָפּ צו אונדז פֿון די עסטראַדעס מיט דער הילף פֿון הילכערס, זי שטייט שוין אַ ביסל

אָן אַ זייט, אַ הייזעריקע. צום וואַך־טורעם קלעטערט ביי אונדז אַ נייע כלל־טעאָריע פון ליטעראַטור־קריטיק. אייגנטלעך נישט קיין נייע — אַן איבערגעטאָנענע: זי טראָגט מער נישט דאָס רויטע העמדל פון פּראָלעטאַרישער אידעאָלאָגיע; זי וויקלט זיך איצט איינעם בלויען טלית פון פאָלקס־געשיכטע, פון נאַציאָנאַלן גורל, אד״גל. אירע אידעאָלאָגן אין דער יידישער ליטעראַטור זיינען זיך סומך אויף אַ גרויסן אויטאָריטעט — יצחק לייבוש פּרץ. נו, פּרץ איז איינער פון די גרויסע, אומרוזיקע און נישט אַלע מאָל קלאָרע גייסטער, וואָס מען קאָן ביי זיי געפינען אַלץ — און מען קאָן עס טייטשן ווי מען וויל. איז געוויס נישט שווער אויפצוזוכן ביי פּרצן אימפּראָוויזאַציעס אויף דער טעמע: „די נאַציאָנאַלע שליחות פון דער יידישער ליטעראַטור“. עס איז געוויס מעגלעך צו באַווייזן, אַז לויט זיין מיינונג דאַרף אין אונדזער וואָרטשאַפונג געפינען איר אויסדרוק נישט די אינדיווידועלע, נאָר די קאָלעקטיווע פּערזענלעכקייט, די כנסת ישראל. האָט דען פּרץ נישט געשריבן (אין זיין עסיי: „וואָס פעלט דער יידישער ליטעראַטור“) אַז „קונסט איז די נשמה פון פאָלק, די נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייט?“ האָט ער דען נישט געפאָדערט, אַז מען זאָל שרייבן יידיש, נישט נאָר אויף יידיש? האָט ער דען נישט געוואָלט, אַז מיר זאָלן זען די וועלט „מיט יידישע אויגן“? אָבער וואָס מיינט עס? געדענקט מען נישט בלויז די ציטירטע, נאָר אויך אַנדערע רייד פּרצעס, קומט מען צום אויספיר, אַז זיין כוונה איז בשום אופן נישט געווען אָפּצושיידן זיך פון דער וועלט און אַז אוודאי און אוודאי איז אים געווען פרעמד דער פאַרלאַנג, אַז דער שעפערישער יחיד זאָל אויפהערן צו זיין אַ רינג, אַן אייגנאַרטיקער רינג אין דעם כללס גאָלדענער קייט, נאָר אַז זי, די ירושה־קייט, זאָל אים חלילה גאָר בינדן הענט און פיס, געדאַנק און געפיל. אָ, ניין. פּרץ, זיין שאַפן, זיין גאַנץ וועזן איז געווען דער היפוך פון יעדער געבונדנקייט און יעדער באַגרענעצטקייט. אָבער אייניקע פון זיינע תלמידים אין אונדזערע טעג האָבן געמאַכט דעם איינדרוק — אויך נישט מיט זייער פּאַקטישן שאַפן, איז מיט זייער טעאָרעטיזירן און פּריידיקן, אַז ממשיך זיין די פּרץ־טראַדיציע אין דער יידישער ליטעראַטור מיינט נישט אויסברייטערן אירע גרענעצן, נאָר, פאַרקערט גאָר, שטעלן איר גרענעצן, אַרומרינגלען זי מיט אַ צאַם: עד כאן — און נישט ווייטער. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט מנחם באָריישאָ געוואָלט זיך אָפּטרייסלען טעאָרעטיש פון „דער עבודה־זרה פון קונסט“. כ׳זאָג: „טעאָרעטיש“, ווייל פּאַקטיש איז ער אין זיין שאַפן געוואָרן אַלץ מער און מער קינסטלעריש (אין דעם פונדאַמענטאַלסטן פון זיינע ווערק — אין „דער גייער“ — איז ער געשטאַלטנדיקער און פּאָעטיש פילגעשטאַלטיקער, ווי ער איז ווען עס איז געווען פריער). אָבער זיין אידעאָלאָגישער ליטעראַטור־קריטישער וועג איז געוואָרן אַלץ מער און מער „דער יידישער וועג“ — און דער „יידישער וועג“ איז, לויט זיין מיינונג, געווען „דער וועג פון מוסר, פון עטיק, פון אידייען“...

איז עס באמת טאַקע געווען דער איינציקער „יידישער וועג“? מוז עס זיין דער איינציקער? קאָנען מיר יידן ניט גיין — און גייען מיר דען נישט — אויך אויפן צווייטן וועג — דעם וועג פון קינסטלערישער שעפערישקייט? זיינען, בכן, די ליניעס פון אָט די צוויי וועגן פּאַראַלעלע ליניעס, ד״ה אַזוינע, וואָס קאָנען איינס דאָס אַנדערע נישט איבערשניידן און אוודאי נישט צונויפגיסן זיך און ווערן איינס? אויף דער פראַגע האָט מנחם באָריישאָ, צום באַדויערן, נישט באַוויזן צו געבן אַ קלאָרע תשובה.

פון איין זייט האָט ער מסכּים געווען, אַז זיין ייִדיש מיינט זיין נאָר קעגן דעם „קולט פון קונסט", אָבער נישט קעגן קונסט. (איז דען דער תנ"ך, האָט ער געפרעגט, נישט קיין „געוואַלדיקער מאָנומענט פון סטיל און ריטעם פון מייסטערשאַפט"? זע: נאָכוואָרט צו זייז „אַ דור", ניו־יאָרק, 1947). פון דער אַנדערער זייט, האָט זיך מנחם באָריישאָ געדאַכט, אַז די הנאה פון קונסט איז „אַן עולם־הזהדיקע הנאה", און אַז כּדי מען זאָל דורך איר נישט פאַרשפּילן, חס ושלום, דעם חלק לעולם הבא, מוז מען זי דורך עפּעס דערהייבן, אויסלייטערן און דערהייבן זי, אויסלייטערן זי, מאַכן זי ריין און כּשר קאָן דער ייִדישער פּאָעט (און ממילא אויך דער ייִדישער קריטיקער) נאָר דורך ווערן „דער יורש פון נאַציאָנאַלער וויזיע... דער יורש פון אמונה און ביטחון, דער יורש פון דראַנג צו קדושה" (דאָרט). אָבער ווער זאָל באַשטימען דעם תּוך פון אונדזער „נאַציאָנאַלער וויזיע"? ווער זאָל אונדז זאָגן וואָס איז קדושה (און דראַנג צו קדושה) און וואָס — נישט? מנחם באָריישאָ איז געווען איינער פון די וואָס האָבן געגלייבט, אַז דעם קריטיקערס מאָס צו מעסטן די גרויס — און זיין וואָג צו וועגן דעם ווערט פון אַ ליטעראַרישער שאַפונג איז נישט קיין אינדיווידועלע, נאָר אַ „נאַציאָנאַלע" מאָס און וואָג. עס עקסיסטירט עפּעס אַזאַ מין זאַך ווי אַ „נאַציאָנאַלע וויזיע" און אַ נאַציאָנאַלער „דראַנג" (ביי ייִדן זאָל עס זיין די וויזיע פון אמונה און ביטחון, דער דראַנג צו קדושה) — און דעם קריטיקערס העכסט פאַראַנטוואָרטלעכע (און שטאַרק ריזיקאַלישע) שליחות זאָל זיין צו באַשטימען, ווי ווייט אַזאַ אָדער אַן אַנדער ווערק, ווי ווייט דער אָדער יענער דיכטער רעפּרעזענטירט אָדער רעפּרעזענטירט נישט דעם פאָלקס „וויזיע" אָדער זיין „דראַנג"... די העכסטע אינסטאַנץ איז — דאָס פאָלק.

מנחם באָריישאָ האָט אַרויפגעקוקט (און געוואָלט, אַז מיר אַלע זאָלן אַרויפקוקן) צום פאָלק. ער האָט געגלייבט, אַז אונדזער פאָלק איז גאָטס פאָלק — און ער האָט געגלייבט אין גאָט.

זיין „פאָלקיסטישן" אָדער „נאַציאָנאַל־עטישן" מאָסשטאָב פון קונסט, דערהויפּט פון „ייִדישער קונסט", האָט ער קלאָר אַרויסגעבראַכט אין איינעם פון זיינע לעצטע עסייען, אין דעם עסיי וועגן שלום אַש *). ער האָט דאָרט דיסקוטירט פּראָבלעמען פון קונסט בכלל און פון „ייִדישער קונסט" בכלל, אָבער אַלץ אין פאַרבינדונג מיט שלום אַשן. זיין צוגאַנג צו אַשן איז, אגב, דער היפּוך פון דעם צוגאַנג, וועלכן עס האָבן כּמעט אַלע די, וואָס עס גייט זיי אין לעבן צו פּסלען שלום אַשן און זיינע ווערק. לויט זייער מיינונג איז נישט בלויז אַש אַליין געוואָרן אַ „מיסיאָנער", אַ „יעזוסיאַנער" און וואָס נישט, נאָר דאָס איז יעדער איינער, וואָס שרייבט וועגן זיינע ביכער, אַפילו ווען ער שרייבט וועגן זיי ווי וועגן ליטעראַריש־קינסטלערישע, נישט ווי וועגן „רעליגיעזע" ווערק. באָריישאָ האָט געהאַלטן, אַז פּונקט פאַרקערט, אַש אַליין איז דווקא אין אַ געוויסן זינען „אַ דורכויס ייִדישער מענטש מיט אַ געזונטן פאָלקס־אינסטינקט און אַ געזונטן חוש פאַר טראַדיציע; ער אידענטיפיצירט זיך כּסדר מיט זיינע העלדן", ווי אַ ייִדישער דיכטער דאַרף טאָן, לויט זיין מיינונג. אלא וואָס דען? „אַש — דערציילט אונדז באָריישאָ — איז פאַרליבט אין זיך און ער ווערט פאַרליבט אין זיינע העלדן, הייבט אָן גלייבן אין זיי, און אַזוי ווי דער

---

*) שלום אַש — דער קינסטלער און דער פּריידיקער, „דער טאָג", ניו־יאָרק, 19טן דעצ' 1948.

נוצרי איז געוואָרן דער העלד פון זיינעם אַ ראָמאַן, האָט אַש זיך אין אים פאַרליבט און אָנגעהויבן גלייבן אין אים"... בלייבט אָפן די פראַגע, וואָס האָט לכתחילה געפירט דערצו, אַז אַ יידישער שרייבער, וואָס האָט אַזאַ „געזונטן חוש פאַר טראַדיציע" זאָל גאָר וועלן מאַכן אַזאַ אַנטי־טראַדיציאָנעלע געשטאַלט, ווי דער מאַן פון נצרת, פאַרן העלד פון זיינעם אַ ראָמאַן... אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. דער עיקר איז, וואָס שלום אַש בכלל איז, לויט באָריישאָן, געבליבן טריי דער יידישער פסיכיק. ער האָט איר פאַרראַטן נאָר אין איין באַשטימטן און זייער וויכטיקן פונקט, בעת יעדערער, וואָס שרייבט וועגן „דעם מאַן פון נצרת" ווי וועגן אַ ליטעראַריש־קינסטלערישן ווערק, איז, לויט באָריישאָן, דורכויס נישט־יידיש... פאַרוואָס? ווייל ער נעמט־אָן דעם נישט־יידישן קוק אויף קונסט — און איז ממילא קינסטלעריש נאָך מער „פאַרגויישט" ווי שלום אַש איז. פאַר אַ ביישפּיל פון אַזאַ מין „פאַרגויישט ווערן" נעמט מנחם באָריישאָ אַ פּאָר פון מיינע באַמערקונגען אין אַן אַרטיקל „אחריות פאַרן פאָלק — און פאַר זיך אַליין". אין איינער פון אָט די באַמערקונגען האָב איך אָנגעוויזן אויף דער גרענעץ־ליניע, וואָס איך האָב שטענדיק דורכגעפירט צווישן אַשס „יודעאָ־קריסטלעכער" אידייע, וואָס איז געוואָרן ביי אים, ווי איך האָב געשריבן, אַן אידייע־פיקס, און צווישן זיינע בעלעטריסטישע שאַפונגען". דערפון האָט מנחם באָריישאָ געוואָלט מאַכן דעם אויספיר, אַז „קונסט איז (לויט מיין מיינונג) להוד און די אידייען וואָס דער שרייבער וויל אַרויסברענגען זיינען גאָר אַ באַזונדערע זאַך". און דאָס איז, לויט באָריישאָס מיינונג, גויש. דאָס, זאָגט ער, איז אַ פּראָדוקט פון דער עפּאָכע פון „וועלטלעכקייט", ווען מיר אַלע זאָלן האָבן אָנגענומען די טעאָריע פון „ריינער קונסט", — וואָס איז, לויט באָריישאָן, אַ גויישע, נישט קיין יידישע טעאָריע...

ווען מיר זיך באַלד אומקערן צום ענין „גויישקייט" און „יידישקייט" אין קונסט, — אַן ענין וואָס איז נאָך אַלץ זייער שטאַרק פאַרנעפּלט. פריער ווי אַלץ איז נייטיק, נאָך אַלץ נייטיק, קלאָר צו מאַכן, וואָס מיינט עס אייגנטלעך באַטראַכטן קונסטווערק פון אַ קינסטלערישן שטאַנדפּונקט. מיינט עס באמת טאַקע אויפשטעלן אַ מחיצה צווישן אַ קינסטלערס שאַפונג און אירע אידייען? אָדער דאָס מיינט בלויז, אַז דעם קינסטלערס אידייען זיינען נישט אַלע מאָל דאָס, וואָס באַשטימט דעם ווערט און דעם עצם־תוך פון זיין ווערק? אין אַרטיקלען וועגן היפּשע עטלעכע שרייבערס, דערהויפּט וועגן אַזוינע, ווי דוד בערגעלסאָן אין די לעצטע פאַר צענדליגג יאָר, האָב איך געפּרוווט באַווייזן, אַז מען איז נישט מחויב אָנצונעמען די סאָציאַל־עטישע אָדער רעליגיעזע אָדער פּאָליטישע אידייען, וואָס דער קינסטלער האַלט פון זיי, כדי צו וויסן ווי צו שעצן דעם קינסטלערישן ווערט פון זיין שאַפן. עס איז אַלע מאָל דאָ אַ גרויסער אונטערשייד צווישן דעם רעזולטאַט פון אייגעמס, מער אָדער ווינציקער, אינטויטיוון שאַפן און די באַוווסטזיניקע צילן, וואָס ער שטעלט זיך מיט זיין ווערק. דאָס מיינט נישט, פאַרשטייט זיך, אַז דעם קינסטלערס שאַפן האָט גאָר נישט צו טאָן מיט באַוווסטזיניקייט און מיט אידייען. אפילו איינער, וואָס שטייט אויפן שטאַנדפּונקט פון פאָרמאַליזם, וועט נישט זאָגן, אַז עס קאָן געמאָלט זיין אַזאַ זאַך ווי פאָרעם אָן אינהאַלט. אָבער „ריינע קונסט" הייסט אין דער אמתן נישט ריין־פאָרמאַליסטישע קונסט. אַ ווערק, וואָס זאָל מער גאָר נישט פאַרמאָגן, אַ חוץ „פאָרעם־מייסטערשאַפט", וואָלט קיין פאָרעם־מייס־

טערשאַפט אויך נישט פאַרמאָגט. עס וואָלט אין דער אמתן בכלל קיין פאָרעם נישט געהאַט. עס מוז דאָך זיין עפּעס וואָס ווערט פאָרמירט, עס מוז אויך זיין עפּעס, וואָס איז ווערט פאָרמירט צו ווערן. ווען מען וועט איינפאַלן צו זוכן אַ קונסט־פאָרעם פאַר, זאָגן מיר, „קמץ אלף — אָ״? און ווי באַלד אַז אַ קינסטלער זוכט עפּעס אויסצודריקן, עפּעס וואָס איז ווערט אויסגעדריקט צו ווערן, איז אָט דער עפּעס — די אידייע פון זיין ווערק, און אויב זי האָט אַ ווערדע און איר געלינגט זי קינסטלעריש צו געשטאַלטן, וועט קיינער נישט זאָגן, אַז זיין קונסטווערק איז איין זאַך און די אידייע, וואָס האָט אים סטימולירט עס צו שאַפן איז גאָר עפּעס אַן אַנדער זאַך. דער גאַנצער אויפטו זיינער ליגט דאָך אין דעם, וואָס אין זיין ווערק האָט ער זיין כוונה אָדער אידייע רעאַליזירט. אָבער די אידייע, וואָס אַ קונסטווערק איז מיט איר איין גוף און איין נשמה, דעקט זיך נישט אַלע מאָל מיט דעם קינסטלערס באַוווסטזיניקע כוונות אָדער טענדענצן. ער קאָן אַ מאָל אין זינען האָבן צוויי זאַכן, און דאָס, וואָס אין זיין ווערק איז קינסטלעריש רעאַליזירט גע־וואָרן, זאָל זיין נאָר איינע פון די צוויי זאַכן. אַזוי, צום ביישפּיל, איז אַש מיט זיין „מאַן פון נצרת״, אַ חוץ דער ריין קינסטלערישער געשטאַלטונג־אידייע, אויסן גע־ווען אויך זיין אידייע־פיקס, די „יודעאָ־קריסטלעכע״ אידייע. אָבער גראָד דער צענטראַלער סימבאָל פון אָט דער אידייע, ישו, איז אַשן נישט געלונגען, בעת עס זיינען ביי אים העכסט לעבנספול אַנדערע געשטאַלטן און דערהויפּט די געשטאַל־טונג פון דער מולטי־קולטורעלער סביבה, וואָס פאַרנעמט אַזאַ גרויסן אָרט אין זיין ראָמאַן. און ווען איך האָב אַשן געלייענט, האָט מיך שטאַרק אינטערעסירט נישט זיין אינדיווידועלער, נאָר זיין קאָלעקטיווער העלד — דער סאָציאַלער און גייסטיק־דיפערענצירטער כלל־ישראל פון יענער צייט... דאָס איז דער תמצית פון ווינציקסטנס איין לעזערס קינסטלערישער באַטראַכטונג פון „דעם מאַן פון נצרת״. — און אין גייסט פון אָט דער באַטראַכטונג האָב איך געזאָגט, אַז וואָס פאַר אַ רעליגיעזע אָדער נאַציאָנאַלע, אָדער אַנדערע כוונות אַש אַליין זאָל נישט האָבן געהאַט, — איז די ליטעראַרישע קריטיק נישט מחויב זיך מיט זיי צו רעכענען. זי קאָן און דאַרף באַטראַכטן זיין ווערק פון דעם שטאַנדפּונקט פון אירע אייגענע ליטעראַריש־קינסטלערישע איינדרוקן — אַלץ איינס צי זיי דעקן זיך אָדער דעקן זיך נישט מיט דעם שרייבערס כוונות. זאָגט מנחם באָריישאָ, אַז דאָס איז נישט דער יידישער וועג. דער יידישער וועג איז „דער וועג פון מוסר, פון עטיק, פון אידייען״, און אויב מען נעמט נישט אָן אַשס „יודעאָ־קריסטלעכע״ אידייען, איז נישט שייך צו זוכן אין זיין ווערק קינסטלערישע דערגרייכונגען. צווישן דער קונסטס דערגרייכונגען און דעם קינסטלערס שטרעבונגען טאָר, לויט „יידישע״ השגות, כלומרשט נישט זיין קיין מחיצה...

דאָך איז דער ערשטער ביישפּיל, וואָס באָריישאָ ברענגט, אַ נישט־יידישער שרייבער — טאָלסטאָי. טאָלסטאָי, זאָגט באָריישאָ, האָט נישט געוואָלט זיין און איז נישט געווען קיין צעשפּאָלטענער מענטש, און די לעזערס אָדער קריטיקערס, וואָס האָבן געזאָגט: „טאָלסטאָי דעם קינסטלער נעמען מיר אָן, טאָלסטאָיען דעם וואָאַנגעליקער ווילן מיר נישט״, — זיינען באַגאַנגען אַ האַרבע זינד קעגן דעם גרויסן קינסטלערס גאַנצקייט. נו, אפשר זיינען זיי באַגאַנגען אַ זינד, אָבער... וואָס לערנט אונדז אונדזער אייגענע דערפאַרונג? מוז מען טאַקע זיין אַ טאָלסטאָיאַנער

כדי צו קאָנען אָפּשאַצן דעם גרויסן עטיש־עסטעטישן אָדער עסטעטיש־עטישן ווערט פון טאָלסטאָיס ראָמאַנען, דערציילונגען, דראַמעס? מוז מען אָננעמען אַזוינע (פון טעאָלאָגיע און אָבערגלויבעניש באַפרייטע) קריסטלעכע השגות זיינע, ווי „נישט שטעלן זיך מיט גוואַלד אַנטקעגן בייז" („ניעסאָפּראָטיוולעניע זלו נאַסי־ליעם") אָדער „צאַרסטוואָ באָזשיע וונוטרי נאַס" („גאָטס קיניגרייך אין אונדז"), — כדי צו קאָנען געניסן די גוואַלדיקע קינסטלערישע און מאָראַלישע שיינקייט פון זיינע ווערק? מוז מען, אַ שטייגער, זיין אַ פּרינציפּיעלער אַסקעט און נישט לאָזן „זיך פאַרפירן" אַפילו פון דער פיינסטער מוזיק, כדי צו קאָנען לייענען און וויסן ווי צו שעצן אַזאַ אַנטי־קונסט קונסטווערק טאָלסטאָיס, ווי „קרייצער סאָנאַטאַ"? ווען מנחם באָריישאָס „יידישער" וועג אין קונסט, וואָס איז אין דער אמתן דער וועג פון באַשטימטע עפּאָכעס (און פון באַשטימטע יחידים אין אַלע צייטן) נישט נאָר ביי יידן אַליין, — ווען זיין וועג זאָל זיין דער איינציק־ריכטיקער אָדער גע־ווונטשענער, וואָלט אַזאַ שרייבער מיט קריסטלעך־עטישע אידייען און טענדענצן, ווי עס איז טאָלסטאָי, נישט בלויז פאַר יידן נישט עקסיסטירט; ער וואָלט פאַר קיי־נעם, אַ חוץ פאַר טאָלסטאָיאַנער אָדער גאַנדיסטן, קיין שום ווערט נישט געקאָנט האָבן...

ווען עס זאָל זיין ריכטיק אַז עס איז אוממעגלעך אָפּצוטיילן די געשטאַלטן און אידייען, וואָס מיר, די לעזערס, געפינען אין אַ קונסטווערק פון דעם מחברס כוונות, טענדענצן און טערמינען, וואָלטן מיר נישט נאָר טאָלסטאָיס שאַפונגען געדאַרפט אַרויסוואַרפן פון אַלע אונדזערע ביבליאָטעקן — די גאַנצע ליטעראַ־טור, אַלע ליטעראַטורן פון פריִערדיקע צייטן וואָלטן דאַן נישט ווערט געווען מיר זאָלן אין זיי אַריינקוקן. צוליב וואָס זאָלן מיר זיי לייענען? זיינען דען די „אידייען" פון אינדישע וועדאַס אונדזערע אידייען? האָבן אין אונדזערע אויגן דען אַ ווערט און אַ ממשות די געטער, די געטשקעס פון דער איליאַדע אָדער אָדיסייע? זיינען מיר דען (כדי צו מאַכן אַ שפּרונג נעענטער צו אונדזערע צייטן) אַזעלכע פּוריטאַנער ווי מילטאָן איז געווען? וואָס קאָנען מיר געפינען אין זיין „פאַרלוירענעם גן עדן", אויב מיר זאָלן זיינע קריסטלעך־מיטאָלאָגישע געשטאַלטן, וויזיעס און אידייען נישט איבערזעצן אויף דער שפּראַך פון אונדזער אייגענעם דענקען און אונדזער אייגענעם פילן?

ווען מיר זאָלן אין אַ שרייבער נישט קאָנען אָפּטיילן דעם קינסטלער פון דעם פריידיקער, וואָלט בכלל קיין שום ליטעראַריש ווערק נישט געקאָנט האָבן פאַר אונדז קיין ווערט, סיידן עס איז געשריבן פון איינעם, וואָס געהערט צום זעלביקן רעליגיעזן, פילאָסאָפישן, עטישן (און פאַרוואָס נישט אויך פּאָליטישן?) חדר, צו וועלכן מיר אַליין געהערן. פרומע יידן וואָלטן געדאַרפט לייענען נאָר פרומע ספרים, און מיר וואָלטן געדאַרפט, אויב נישט באַרעכטיקן, איז, ווינ־ציקסטנס, פאַרשטיין די, וואָס האָבן געברענט דעם „מורה נבוכים" אָדער די, וואָס האָבן אַריינגעלייגט אין חרם דעם „תניא" און זיין מחבר. דאָס זיינען געווען ספרים, אמת טאַקע, פון טיף־רעליגיעזע יידן, אָבער די, וואָס האָבן זיי גערודפט, האָבן געהאַלטן אַז זיי גייען נישט אויפן ריכטיקן „יידישן וועג". און צי דען נאָר פאַרצייטיקע יידן — און צי דען נאָר יידן האָבן געהאַלטן פאַר טריף־פּסול ווערק, וואָס האָבן נאָר זייער אייגענעם געדאַנקענגאַנג. ווייסן מיר דען נישט אין אונדזער

אייגענער צייט פון אַ לאַנד אָדער לענדער, ווו מלוכה האָלט נאָר פון אַזוינע שרייבערס, וואָס זייערע „אידייען" זיינען אירע „אידייען"? און וואָס איז מכח דעם קאַטוילישן „אינדעקס ליבראָרום פּראָהיביטאָרום"?

כ'שטעל די דאָזיקע פראַגע נישט ווייל איך וואָלט באַריישאַס געדאַנקענגאַנג וועלן דערפירן „אַד אַבסורדום". כ'האָב געבראַכט די ביישפּילן בלויז מיטן ציל צו ווייזן צוויי זאַכן: ערשטנס, אַז די טראַדיציאָנעלע יידן, וואָס באַריישאַ האָט געגלייבט אַז ער קאָן זיך אידענטיפיצירן מיט זייער קוק (אָדער, ריכטיקער, מיט זייער פאַרמאַכן די אויגן) אויף קונסט, זיינען נישט די איינציקע, וואָס האָבן אין די אָדער יענע צייטן נישט געמאַכט קיין ווערן פון קונסט און פון איר רעכט צו זיין שעפערישע פריי; געווען אַזעלכע — און עס זיינען פאַראַן אַזעלכע — אויך ביי נישט-יידן; און צווייטנס — און דער עיקר — צו דערמאָנען דעם לייענער, אַז באַריישאַ אַליין וואָלט געוויס געווען צופרידן, וואָס נישט די אַמאָליקע און נישט די היינטיקע, נישט די אינדיווידועלע און נישט די קאָלעקטיווע דיקטאַטאָרס דיקטירן אונדז דעם אָפּקלייב פון ליטעראַרישע ווערק. ער אַליין האָט געוווּסט, אַזוי גוט ווי מיר אַלע, אַז אַן-אָך-און-אַז-ווי וואָלט געווען צו דער „עטיק" און צו די „אידייען", נישט נאָר צו דער „קונסט" פון שעפערישן וואָרט, ווען עס זאָל זיך מוזן האַלטן דווקא ביי אַזאַ און נישט ביי אַן אַנדער דרך. אונדזער עטיק און אונדזערע אידייען וואָלטן איצט, פונקט אַזוי ווי אונדזער קונסט, פאַרגליווערט און פאַרשטיינערט געוואָרן, ווי זיי זיינען פאַרגליווערט און פאַרשטיינערט געוואָרן אין אַלע עפּאָכעס פון אַבסאָלוטן דאָגמאַטיזם, ווי זיי ווערן פאַרשטיינערט און פאַרגליווערט אין אַלע לענדער פון טאָטאַליטאַריזם.

די גרויסע און וווּנדערלעכע מעלה פון קונסט איז, וואָס זי איז סוגעסטיוו, באַוועגלעך, דינאַמיש און זי קאָן געטייטשט ווערן אויף די פאַרשיידנסטע אופנים. אַלץ וואָס זי שאַפט, איז ענלעך צו אַ גוט געשליפענעם דימענט, וואָס אָט לייכט ער אויף אַזוי און אָט אַנדערש. דערמיט דערקלערט זיך, וואָס אַ גרויסער טייל פון חומש, פון די נביאישע רייד, פון תהילים, פון דער אגדה, פון קבלה, פון די מוסר-ספרים, פון חסידות איז נאָך אַלץ פאַר אונדז לעבעדיק. די כוונות אָדער אידייען פון זייערע מחברים זיינען נישט אַלע מאָל אונדזערע, אָבער זייער סימבאָלישע בילדלעכקייט, זייער לירישע פּאָעטישקייט, זייער קונסט איז אַזאַ, אַז איר אינעווייניקסטע קראַפט קאָן פון אונדז טראַנספאָרמירט און איבערגעזעצט ווערן אויף דעם לשון פון אונדזער אייגענער גייסטיקער וועלט. אָט האָט מנחם באַריישאַ אין זיין עסיי דערמאָנט פרצעס „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" און לייוויקס „גולם". אָבער טאַקע אָט די ווערק אילוסטרירן אויפן קלאָרסטן אופן די באַהאַלטנסטע פילגעשטאַלטיקייט און די אומענדלעך רייכע פּאָטענציעלע סוגעסטיוויטעט פון יעדער אינדיווידועלער אָדער קאָלעקטיווער קונסט-שאַפונג. אַ דאַנק אָט די כישופדיקע אייגנשאַפטן פון קונסט האָט נישט איין דיכטער געקאָנט אַריינטייטשן זיינע נייע כוונות אין דעם פראַמעטעאוס-מיטאָס אָדער אין אַן אַנדער מיטאָס; אַ דאַנק זיי האָט פרץ געקאָנט טייטשן די חסידישע ניסים ונפלאות אָדער די געשטאַלט פון אַ חסידישן רבין בהסכם מיט זיינע אייגענע אידייען און אידייען-אַסאָציאַציעס — אַלץ איינס צי זיי האָבן געשטימט אָדער נישט געשטימט מיט די כוונות פון דעם קאָלעקטיוו, וואָס האָט זיי געשאַפן. פרץ האָט לייענענדיק אָדער הערנדיק די אָדער

יענע פּאַלקס־מעשה, דורכגעפּירט אין איר די זעלביקע גרענעץ־ליניע, וואָס מיר פירן־דורך אָדער קאָנען דורכפירן, ווען מיר לייענען אַשן, — די גרענעץ־ליניע צווישן די אידייען און געשטאַלטן וואָס די קונסט סוגעסטירט אונדז, און די צילן, כוונות און טענדענצן, וואָס דער קינסטלער האָט געהאַט. דאָס אייגענע האָט ה. לייוויק געטאָן אין זיינע דראַמאַטישע פּאָעמעס. ער האָט, אַ שטייגער, אין מהר״לס פּאַרצייטיקן יידישן גולם אַנטדעקט דעם וועלט־גולם פון אונדזער צייט, דעם בלינדן אימפּעט פון מילחמות, רעוואָלוציעס, קאָנטר־רעוואָלוציעס. משיח בן יוסף און משיח בן דוד פון דער אַלטער יידישער לעגענדע האָבן אין זיין פּאַנטאַזיע אויפגעלויכטן ווי די לעבינס און די גאַנדיס —די גואלים פון אונדזער דור.

און וואָס דער דיכטער טוט און מעג טאָן, שאַפנדיק און איבערשאַפנדיק קונסטווערק, מעג טאָן און טוט דער לעזער אָדער דער קריטיקער, ווען ער נעמט זיי אויף און טייטשט זיי אויס. ער פילט זיך נישט געבונדן פון די אידייען, וואָס אַש אָדער אַן אַנדער דיכטער פּריידיקט מיט זיין אייגענעם מויל אָדער מיט דעם מויל פון זיינע העלדן. ער גיט זיך אָפּ, אָט דער לעזער אָדער קריטיקער, דער סוגעסטיווער קראַפט, דעם פאַרבאָרגענעם כישוף פון דעם קינסטלערס געשטאַלטן, ווי ווייט זיי זיינען קונסט־געשטאַלטן און זיי לעבן פאַר אים ווי סימבאָלן פון זיינע אייגענע דערפאַרונגען. זייער ליכט באַגלייט אים אויף זיין אייגענעם וועג. אין גייסט פון זיין צייט טוט ער אייגנטלעך דאָס אייגענע, וואָס די אַלטע האָבן געטאָן אין זייער צייט: זיי האָבן, אַ שטייגער, גענומען די פרייע ליבע־שעפּטשערייען אָדער טאַנץ־לידער פון שלמהן און שולמיתן און געמאַכט פון זיי פרומע שמועסן צווישן דעם רבונו־של־עולם און דער כנסת ישראל (ביי די מיטלעלטערלעכע קריסטלעכע טעאָלאָגן איז שולמית, להבדיל, געוועזן די קירך). דער היינטיקער לעזער אָדער קריטיקער נעמט, פאַרקערט, די תפילות, וואָס אַ רבי שלמה אבן גבירול אָדער אַ רבי יהודה הלוי האָט געשריבן מיט די טיפסטע רעליגיעזע כוונות — און לייענט זיי ווי פּאָעזיע.

ער אידענטיפיצירט זיך נישט אין גאַנצן מיט דעם שרייבערס העלד, אַזוי ווי צווישן דעם שרייבער גופא און זיין העלד איז קיין מאָל אין דער אמתן נישטאָ קיין פולער גלייכונגס־צייכן (נאָר די נאַיווע אָדער דאָגמאַטישע פּראָלעטאַרישע קריטיק האָט אונדז געוואָלט איינריידן אַז אין „שלמה נגיד״ האָט אַש געפּריידיקט נגידותשאַפט און אַז אין „חסידיש״ האָט פּרץ געררופן צוריק אין חסידישן שטיבל אַריין). ניין, דער לעזער און דער קריטיקער אידענטיפיצירן גיכער דעם דיכטערס העלד מיט זיך, ווי זיך אַליין — מיט אים. ער זאַפּט אין זיך איין נישט אַלץ וואָס ער געפינט אינעם דיכטערס ווערק, ער זאַפּט איין נאָר דאָס, וואָס ער קאָן און וויל פּאַרדייען... אַזוי האָב איך, לייענענדיק „דעם מאַן פון נצרת״ איינגעשלונגען זיין יידישן און מענטשלעכן תוך, אַוועקוואַרפנדיק זיין „יודעאָ־קריסט־לעכע״ שאָלעכץ (כ׳האָב אייגנטלעך געטאָן וואָס אַ גרעסערער פון מיר האָט געטאָן מיט אַ שאַרפערן אחר, ווי אַש איז). כ׳האָב געמאַכט — און כ׳גלייב, אַז יעדער וואַכער לעזער מאַכט — אַ מחיצה צווישן דער קונסטס תמיד פּילדייטיקע סוגעסטיווע און עלאַסטישע אידייען און דעם קינסטלערס — אָפט באַשטימטע און באַגרענעצטע — טענדענצן. *)

---

*) זע אַ פריערדיקן קאַפּיטל: „קריטיק — און געשטאַלטן, אידייען, טענדענצן״.

און דאָס איז, דאַכט זיך מיר, פּונקט אַזוי ייִדיש ווי דאָס איז מענטשלעך. איך גלייב נישט, אַז דער ייִד איז אַזוי טיף אַנדערש פון אַלע אַנדערע מענטשן, ווי וויט זיי זיינען פריייִע מענטשן, אַז אַפילו אין אַזעלכע פונדאַמענטאַלע ענינים ווי די ענינים פון עטיק אָדער עסטעטיק זאָל נישט ער אַליין זיין דער בעל־הבית איבער זיך, נאָר „דאָס פאָלק". איך קאָן בשום אופן נישט פאַרשטיין יענע, וואָס האַלטן, אַז ווהין דאָס פאָלק גייט, גייען (אָדער דאַרפן גיין) זיינע וואָרט־מייסטערס. אַז זיינע צילן זיינען (אָדער דאַרפן זיין) זייערע צילן... וווהין גייט דאָס פאָלק? וואָס זיינען די צילן וואָס עס שטעלט זיך, אויב עס שטעלט זיך צילן? פאַרשיידענע יחידים, פאַרשיידענע גרופּעס אין יעדן פאָלק גיבן אויף אָט די פראַגעס די פאַרשיידנסטע ענטפערס. שוין דערפאַר אַליין קאָן פאָלק אָדער פאָלקסוויזיע נישט זיין קיין קריטעריום פאַר ליטעראַטור־קריטיק. אָבער נישט נאָר דערפאַר אַליין. עס איז אַ פאַקט, אַז אַפילו די קריטיקערס, וואָס ריידן וועגן ליטעראַטור, ווי עס ריידן דעם פאָלקס שליחי־ציבור, באַנוגענען זיך אָפּט מיט דעם געביט פון אַבסטראַקטער טעאָריע. נישט אַלע מאָל ווענדן זיי אָן די טעאָריע אין זייער קאָנקרעטער ליטעראַריש־קריטישער פּראַקטיק. פאַר וואָס? ווייל נישט אַלע מאָל קאָנען זיי זי אָנווענדן. עס זיינען דאָ דיכטערס, וואָס וויפל מען זאָל זיך נישט מאַטערן, וועט מען נישט געפינען ביי זיי אַזאַ שליחות פון כלל, וואָס זאָל איבערוועגן זייער יחידישע פערזענלעכקייט. און אַפילו דער, וואָס איז בפירוש אַ שליח־ציבור, איז־דיווידואַליזירט אַזוי שטאַרק זיין געזעלשאַפטלעכע אָדער נאַציאָנאַלע שליחות, אויב ער האָט אַן אינדיווידואַליטעט, — אַז מען מוז איינזען, אַז זיין ווערט און ווערדע, ווי אַ שעפערישער כוח, ליגט נישט אַזוי אין דעם, וואָס ער איז רעפּרעזענטאַטיוו פאַר אַ כלל (אַ קלאַס אָדער אַ פאָלק), ווי אין דער אינדיווידועלער אייגנאַרטיקייט פון זיין רעפּרעזענטאַנץ. ווען זי זאָל נישט זיין אַנדערשדיק, וואָלט זי דאָך בכלל געווען אַ קנאַפּער אויפטו. און זאָגנדיק דאָס, וויל איך דערמאָנען, כדי אויסצומיידן פאַלשע אויסטייטשונגען, אַז מיר ריידן דאָ נישט וועגן ליטעראַטור־געשיכטע, נאָר וועגן ליטעראַטור־קריטיק. דער היסטאָריקער פון ליטעראַטור זוכט די גאַנצקייט — די אייניקייטלעכקייט פון דער אָדער יענער עפּאָכע, פון אַזאַ אָדער אַן אַנדערער גרופּע, ריכטונג, שול. איז פאַר אים די ענלעכקייט, וואָס איז פאַראַן צווישן פאַרשטייערס פון איין תקופה אָדער איין גרופּע, פּונקט אַזוי וויכטיק, אויב נישט נאָך וויכטיקער, ווי די אָריגינאַליטעט, וואָס צייכנט־אויס יעדן פון זיי באַזונדער. אַנדערש איז דער קריטיקער. ער זוכט, פריִער ווי אַלץ, דעם באַזונדערן אָרט, וואָס דער געגעבענער שרייבער פאַרנעמט אין דער ליטעראַטור, דאָס, וואָס ער און נאָר ער אַליין האָט געקאָנט אין איר אַריינברענגען; ממילא, מוז דער קריטיקער זיך קאָנצענטרירן אויף די כאַראַקטער־שטריכן, וואָס מאַכן דעם שרייבער ראובן אַנדערש פון דעם שרייבער שמעון, נישט אויף די פאָלקס־שטריכן, וואָס זיינען ביי זיי ביידן, מער אָדער ווייניקער, גלייך. אַזוינע זאַכן, ווי פאָלקס־כאַראַקטער, פאָלקס־מיטאָס, פאָלקס־וויזיע וכדומה, קאָנען אין דער געשיכטע פון אַ ליטעראַטור פאַרנעמען אַן אָרט אויבן אָן. אין איר קריטיק זיינען זיי צווייטראַנגיק.

דער קריטיקער קאָן זיך, אמת, אויך אָפּגעבן מיט פאַרגלייכן שרייבערס איינע מיט די אַנדערע, מיט סאָרטירן זיי לויט זייער ריכטונג, סטיל וכדומה; אָבער

דער ציל פון זיין פאַרגלייכן איז אויסצוגעפינען נישט מיט וואָס איין שעפערישער מענטש איז ענלעך צום אַנדערן, נאָר מיט וואָס און אין וואָס ער איז, פאַרקערט, אַנדערש אַפילו פון די, וואָס שטייען צו אים נאָענט. מיט זיין סאָרטירן און קלאַסיפיצירן שרייבערס איז דער קריטיקער אויסן נישט צו שאַפן אַ שרייבערישן גרופן־טיפ, נאָר, פאַרקערט, אויסצוטיילן דאָס, וואָס באַשטימט די באַזונדערע פּאָזיציע, וואָס דער שריפטשטעלער פאַרנעמט אַפילו אין דעם קאָלעקטיוו, צו וועלכן ער געהערט, — אויב ער געהערט צו אַ קאָלעקטיוו.

עס וואָלט בפירוש געפירט צו קינסטלערישן רעגרעס — דאָס וועלן אומקערן די קריטיק און איר מעטאָדאָלאָגיע צו דעם פרימיטיוון צושטאַנד, אין וועלכן דעם פאָלקס ליטעראַטור האָט זיך געפונען, ווען זי האָט זיך נאָר־וואָס אָנגעהויבן אויסצושיילן פונעם פאָלקלאָר. דאַן איז זי געווען נאָך זייער אָרעם אין אינדיווידואַליטעטן און אין אייגנאַרטיקע פּראָדוקטן פון איך־שאַפונג. אירע אַלע לידער האָבן נאָך געהאַט אין זיך עפּעס פונעם פאָלקס־ליד, אירע דערציילונגען זיינען געווען נאָך נאָענטע קרובות פונעם פאָלקס־עפּאָס; ווי שפּיז פאַר אירע משלים האָט געדינט דאָס גלייכווערטל, דאָס שפּריכוואָרט, דאָס פאָלקס־מעשהלע... יענעם באַזיס פון ליטעראַרישער עוואָלוציע האָבן מיר לאַנג שוין היגטער זיך. צו דער פאָלקס־שעפערישער פאַנטאַזיע איז שוין לאַנג געוואָרן אַ שותף — אַ שותף, וואָס לייגט אַריין אַ נישט אין ערך גרעסערן חלק — דער כוח הדימיון פונעם יחיד; צום פאָלקס־מיטאָס איז צוגעקומען די נישט אין ערך מער דיפערענצירטע און שטאַרקער ניואַנסירטע — אינדיווידועלע קונסט־שאַפונג. און נישט בלויז דעם פאָלקס מיטאָס, אויך זיין עטאָס, ווען אַ פאָלק זאָל אַפילו האָבן זיין אייגענעם עטאָס, איז נישט מער דעם דיכטערס איינציקער אָדער טיפסטער קוואַל פון אינספּיראַציע.

אמת טאַקע, דער שעפערישער מענטש טראָגט אין זיך זיין פאָלקס — אַזוי ווי זיין דורס — קאָלעקטיווע דערפאַרונגען, און וואָס שעפערישער אַ שרייבער איז, אַלץ ווייטערע טיפענישן פון זיין פאָלקס — און דער גאַנצער מענטשהייטס — היסטאָרישן המשך און דערפאַרנקייט עפענען זיך פאַר אים, — אָבער דאָס מיינט נישט, אַז ער ווערט דער טרעגער פון עפּעס אַ פּאַרטיקער, אַן איין־מאָל־פאַראַלע־מאָל געשאַפענער טראַדיציע; דאָס מיינט נישט אַז ער ווערט אָדער דאַרף ווערן דער פאַרשפּרייטער און צעטיילער פון געירשנטע, שוין לאַנג אויסגעגאָסענע און אַ ביסל שוין אָפּגעריבענע מטבעות. אַ, ניין. דער גרויסער מענטש איז אַ גרויסער אָנהייבער, כאָטש ער איז אויך אַ סך־הכל־מאַכער. ער איז אַ שעפערישער באַנעמער, נישט סתם אַזוי אַ נעמער. וואָס מער ער ירשנט פון פריערדיקע דורות, פון פאָלק, פון דער גאַנצער מענטשהייט, אַלץ גרעסער איז די ירושה, וואָס ער אַליין לאָזט־איבער זיין פאָלק, די קומענדיקע דורות, דער מענטשהייט. וואָס מער ער איז אַ נעמער ,אַלץ מער געבער איז ער. און ווי וויכטיק עס זאָל נישט זיין, וואָס און וויפל ער נעמט, איז נאָך וויכטיקער, וואָס און וויפל ער גיט.

און אויב דאָס איז ריכטיק, קאָן די פאָלקס־ירושה, די פאָלקס־וויזיע און יעטוועדער אַנדער קאָלעקטיווער און מער אָדער ווינציקער סטאַבילער עלעמענט נישט זיין די וויכטיקסטע פון די זאַכן, וואָס דער קריטיקער האָט אין זינען, ווען ער נוצט זיינע איינדרוקן פון אַ שרייבערס שאַפן מיטן ציל עס צו כאַראַקטע־

ריזירן אָדער אָפּשאַצן. דעם וויכטיקסטן קריטעריום קאָן אים געבן נאָר זיין אינטימער און פֿרייער קאָנטאַקט מיט דעם שרייבערס אינטימער און פֿרייער פּערזענלעכקייט... אין דער אינעווייניקסטער פֿרייהייט און אין איר רעזולטאַט — דער באַפֿרייטער פּערזענלעכקייט ליגט דער עיקר־אונטערשייד צווישן פֿאָלקס־ליטעראַטור און יעטוועדער אַנדערער „קאָלעקטיוויזירטער“ ליטעראַטור, פֿון איין זייט, און דער מאָדערנער ליטעראַטור פֿון דער אַנדערער זייט. דער מאָדערנער שרייבער איז און וויל און מוז בלייבן אַ פֿרייער שרייבער; ער איז און וויל זיין אינדיווידועל, כאָטש ער איז נישט מחויב צו זיין דווקא אַן אינדיווידואַליסט.

אין דער אידעאָלאָגישער שטרעבונג צו באַוואָפֿענען אים מיט דעם פֿאָלקס כלי־זיין, אין דעם ווילן מאַכן פֿאַר זיין אַפּיר אָדער פֿאַר זיין הויפּט־מקור דעם פֿאָלקס מיטאָס און אַפֿילו זיין עטאָס ליגט אפשר נאָך אַ גרעסערע סכנה פֿאַר דעם שעפֿערישן מענטשנס פֿרייהייט ווי אין אַ דיקטאַטור, וואָס איז גרייט צו נוצן קעגן אים גוואַלד־מיטלען. דער דיקטאַטאָר קומט פֿון דרויסן; דער אידעאָלאָג קאָן ווערן אונדזער פֿרייהייטס אינעווייניקסטער שונא. דער ערשטער זאָגט בפֿירוש אַז זיין ציל איז נישט ליטעראַטור, נישט קונסט; קונסט, אויך וואָרט־קונסט, איז פֿאַר אים בלויז אַ מיטל; מאַכנדיק זי פֿאַר אַ מיטל, מאַכט ער קלענער איר אייגנטלעכן ווערט אָדער ער פֿאַרניכט אים אין גאַנצן. ער פֿעלשט אים נישט. אַנדערש איז דער, וואָס זאָגט, אַז ליטעראַטור זייענדיק ליטעראַטור איז דעם פֿאָלקס קאַרדיאָגראַף — און דאַרף עס זיין. ער רעדט זיך איין און וויל אונדז אַלעמען איינריידן, אַז דאָס אומענדלעכע קיניגרייך פֿון שאַפֿן, וואָס איז דאָס קיניגרייך פֿון פֿרייהייט, בויט אַליין אַרום זיך אַ צאַם, אידענטיפֿיצירנדיק זיך מיט אַזאַ אָדער אַן אַנדער צושטאַנד פֿון דעם פֿאָלקס באַוווּסטזיין און דעם פֿאָלקס געמיט.

די „פֿאָלקס“־טעאָריע פֿון ליטעראַטור פֿאַרגעסט, אַז די העכערע „אָרגאַנישע פֿונקציע“ פֿון ליטעראַטור זינט זי האָט אויפֿגעהערט צו זיין פֿאָלקלאָר איז, אויפֿצוהייבן זיך איבערן פֿאָלק, — איבער זיין לעבן, נישט נאָר איבער זיין שאַפֿן. דער אמתער דיכטער איז, אַזוי ווי שאול, משכמו ומעלה — מיט אַ קאָפּ העכער פֿונעם פֿאָלק. פֿאָלק איז סיי אין זיין לעבן, סיי אין זיין שאַפֿן ניוועלירנדיק; זיין מאָס איז דער דורכשניט. דעם דיכטערס הויפּט־שטריך איז אַנדערשדיקייט, זיין מאָס איז אַליין, וואָס ס'איז איבערן דורכשניט. פֿאָלק איז עפּעס, וואָס איז שוין איינגעשטעלט און דערגרייכט געוואָרן; ליטעראַטור איז פֿאַרקערט — שטרעבונג, ציל, אידעאַל. זי פֿליט, בעת פֿאָלק שלעפּט זיך צופֿוס. נעמענדיק ביים פֿאָלק צדה לדרך, לאָזט זיך דער שעפֿערישער יחיד אַוועק אין אַ לאַנגן וועג, — און אָט דער וועג פֿירט אים אָפּט אַרויס פֿונעם פֿאָלקס גרענעצן. זאָלן מיר אים פֿאַרהאַלטן, זאָלן מיר אים אָפּשטעלן? זאָל ער זיך אַליין זאָגן: עד כאן, — און נישט גיין ווייטער? ווען דאָס זאָל געשען, וואָלט זיין פֿאָלק, נישט נאָר אים אַליין, אַרויסגעקומען אַ רעה. דאָס פֿאָלק וואָלט געבליבן אָן די קאָלומבוסעס, וואָס זוכן נייע וועגן און אַנטדעקן נייע וועלטן. דאָס פֿאָלק וואָלט נישט זוכה געווען צו האָבן די משה רבינוס, וואָס קומען מיט דער וויזיע פֿון איין גאָט און צען געבאָט צו האַלב־ווילדע שבטים, בעת זיי טאַנצן פֿאַרן עגל הזהב; די ישעיהס וואָס זעען און זעען פֿאָרויס, וואָס עס וועט זיין באחרית הימים; די יחזקאלס, וואָס הויכן אַריין אַ לעבנסאָטעם אין עצמות יבשות; די יהודה הלויס, וואָס זייער האַרץ איז אין מיזרח, ווען זיי אַליין

זיינען אין מערב; די ביאַליקס וואָס האָבן דעם מוט צו זאָגן אויף זייער פאָלק, אַז עס איז געפאַלן און אַז אַפילו זיין גאָט איז אַ יורד — און העלפן אים אויפשטיין, אויפהייבן זיך; די פרצעס, וואָס זעען אי די האָפענונג, אי די שרעק פון צייטן, וואָס קומען...

ש. האַלקין, דער העברעיִשער פּאָעט, ראָמאַניסט און קריטיקער, האָט קיין מורא נישט אויסצוזאָגן, אַז ס׳איז אים שווער זיך פאָרצושטעלן אַז דער מקור פון אונדזער „וגר זאב עם כבש״ אָדער פון פּלאַטאָס אידייען־לערע איז די כלל־נשמה *). ער זאָגט אָפן, אַז מען דאַרף זיך נישט נאַרן און טראַכטן, אַז די מאָדערנע העברעיִשע פּאָעזיע איז באמת טאַקע אַ המשך פון דער אַלטער טראַדיציאָנעלער העברעיִשער שאַפונג. דער מאָדערנער פּאָעט זוכט זעלבסט־אויסדרוק און ס׳איז גאָר, זאָגט ער, קיין חידוש נישט, וואָס אַזוי ווי ביי אַנדערע פעלקער איז אויך ביי אונדז דאָ אַ ריס צווישן דעם פאָלק און דעם פאָלקס טראַדיציע, פון איין זייט, און דעם שעפערישן יחיד פון דער אַנדערער זייט. ער גייט אַזוי ווייט אַז ער נעמט־אָן, אויב נישט פאַר ליב, איז פאַר אומפאַרמיידלעך דעם פאַקט, וואָס די נייע העברעיִשע ליטעראַטור האָט ווינציק לעזערס: „אונדזערע שרייבערס, זאָגט ער, זיינען אַריבערגעשפרונגען קיין אייראָפּע, בעת דער העברעיִשער לעזער איז געבליבן שטיין אויפן אָרט, ווייל ער איז געבליבן אַ פאָלקס־מענטש... **)

הכלל, פאָלק איז נישט עפּעס אַזוינס, וואָס גייט און קאָן גיין ווי אַן עמוד האש, פאַר דער ליטעראַטור און דער ליטעראַטור־קריטיק. פּונקט פאַרקערט, די ליטעראַטור און ממילא אויך איר קריטיק גייט פאָרויס, — אויב נישט ווי אַ וועגווייזער, איז ווי אַ וועגזוכערן פאַרן פאָלק. עס קאָן אויך טרעפן אַז דער אָדער יענער פאָרשטייער אירער זאָל גיין נישט פאָרויס, נאָר אָן אַ זייט פון אַלעמען, אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַרחלומטער, איינער אַליין. דאָס דאַרף אונדז נישט שרעקן, אַפילו דאַן, ווען אונדז דאַכט זיך, אַז ער בלאָנדזשעט. עס האָט שוין נישט איין מאָל געטראָפן, אַז אַזאַ איינער וואָס מען האָט מורא געהאַט אַז ער איז אַראָפּ פון גלייכן וועג, איז געוואָרן שפּעטער אַ מורה נבוכים, אַזאַ, וואָס האָט אַרויפגעפירט אויף אַ נייעם וועג יענע, וואָס האָבן טאַקע באמת געבלאָנדזשעט... די געשיכטע פון ליטעראַטור לערנט אונדז, אַז ווי ניצלעך און פרוכטבאַר עס זיינען פאַר איר די אַלטע דערפאַרונגען פון קאָלעקטיווע אינדיווידואַליטעטן, קאָן די נייע שעפערישע דערפאַרונג פון אינדיווידועלע פערזענלעכקייטן פאַר איר זיין נאָך מער פרוכטבאַר און נאָך מער אויפטועריש.

ב.

נישט געקוקט אויף דעם, הערט מען ביי אונדז לעצטנס שטימען אַז די איינציקע מאָס צו מעסטן די קונסט פון וואָרט איז די מאָס פון פאָלק און אַזוי ווי דעם יידישן פאָלקס מאָס איז אין משך פון דורות געווען די מאָס פון קדושה, פון אמונה, קומט מען צו דער היינטיקער יידישער ליטעראַטור מיט פאָדערונגען וואָס נישט אַלע מאָל קאָן זי זיי צופרידן שטעלן. אָבער כאָטש זי איז, לויט מיין מיי־

*) „עראי וקבע״, ניו־יאָרק, 1942, ז׳ 8.
**) דאָרט, ז׳ 34.

נוגג, נישט מחוייב זיך צו רעכענען מיט זיי, שאַדט נישט צו פּרווון זיך נעענטער צו באַקענען מיט די וואָס שטעלן דער קונסט רעליגיעזע פאָדערונגען. אין גאַנצן אויסן וועג זיינען זיי נישט. קונסט און רעליגיע האָבן היפּשע עטלעכע זאַכן בשותּפות. פון זיי זיינען די וויכטיקסטע: דאָס זוכן גאַנץ צו מאַכן דער וועלטס שברי כּלים, געבן אַ תּיקון אירע שטיקלעך און ברעקלעך; דאָס וועלן זי דערנעענטערן צו דער מדרגה פון שלימות, צו אַנטפּלעקן אין איר גאָט; דאָס זעען הינטער אַלץ, אין אַלץ און דורך אַלץ, וואָס מע איז תּופס מיט די חושים — אויך דאָס, וואָס איז איבער אונדזערע חושים... אמתע רעליגיע און עכטע קונסט זיינען צוויי שוועסטער וואָס זיינען איינע אין דער אַנדערער אַזוי גערעאַטן, אַז אויב מע קוקט זיך נישט גענוג גוט איין אין יעדערער פון זיי באַזונדער, איז מען זיי עלול צו פאַרביטן, און עס קאָן קומען צו אַ מכשול, הגם עס איז אָן סכּנות, ווייל די איז נישט די געליבטע רחל און די אַנדערע די שיינע לאה; אַ יעדע פון זיי איז רחל, כאָטש זי האָט אַן אַנדערן נאָמען. אָבער טאַקע דערפאַר איז מעגלעך אַז מע זאָל וועגן אמונה ריידן אויפן לשון פון שירה אָדער פּאָעזיע — און פאַרקערט.

פּרווט מען ביי אונדז אַרויסזעצן אונדזער פּאָעזיע, אונדזער שעפעריש וואָרט בכלל, אויפן קיניגלעכן שטול פון אמונה. מע וויל פון דער יידישער ליטעראַטור פּשוט מאַכן עפּעס אַ מין גלויבן — „אַ גלויבן פאַר אומגלייביקע", ווי עס הייסט אַ בוך פון דעם פּריצייטיק פאַרשטאָרבענעם מייסטער און שקלאַף פון וואָרט *). מען וויל אַז דער יידישער שריפטשטעלער זאָל ווערן „דער יורש פון אמונה און ביטחון, דער יורש פון דראַנג צו קדושה", ווי עס זאָגט דער פריִער שוין דער־מאָנטער מנחם באָריישאָ.

אין קונסט, ווי קונסט, און אין דעם הנאה האָבן פון איר, זעט באָריישאָ נישט קיין שום זאַך וואָס זאָל האָבן אין זיך עפּעס פון רעליגיעזער איבערלעבעניש, עפּעס פון יענער דערהייבונג, פון יענער התרוממות וואָס איז דאָ אין תּפילה־טאָן. אמת, ער פילט אַז דאָס „ריינע" געזאַנג איז נישט קיין קלענערער יחסן ווי אַלע שיינקייטן „וואָס שפּראָצן פון דער ערד"; דאָך גלייבט ער אַז יעדער איינער וואָס איז אַ ייִד און נישט קיין העלענער מוז איינטיילן זיינע הנאות „אין צוויי קאַטע־גאָריעס: עולם־הזהדיקע און עולם־הבאדיקע". און קונסט־געניס מוז ער צורעכע־נען צו תּענוגי עולם־הזה, פאַר וואָס ער מוז אַזוי טאָן און וואָס פאַר אַ שייכות עס האָט צו זיין בלייבן געטריי צום גייסט פון יידישקייט, — איז מיר נישט גאָר קלאָר. זיינען „שיינקייטן וואָס שפּראָצן פון דער ערד", נישט אויך הימלישע שיינקייטן? ווערט אין אונדזער גייסטיקן לעבן דען נישט מקוים יעקבס חלום פונעם לייטער, וואָס דערגרייכט ביזן הימל כאָטש ער שטייט אויף דער ערד? ווער געדענקט דען נישט אויף אויסנווייניק „ברכי נפשי"? זעען מיר דען נישט און הערן נישט דאָרט, ווי איינער פון אונדזערע עלטסטע און פּרומסטע משוררים, דער נעים זמירות ישראל פון תּהילים, באַוווּנדערט און באַזינגט און בענטשט „די שיינקייטן, וואָס שפּראָצן פון דער ערד", פּונקט אַזוי ווי דער הוד והדר וואָס לייכט אין די הימלען? האָט דען ר' נחמן בראַסלאַווער נישט ליב געהאַט אויסצוגיסן זיין האַרץ פאַרן האַר פון דער וועלט אין פעלד, אין וואַלד, צווישן ביימער און גראָזן, ווייל עס „איז גוט

---

*) ב. ריווקין.

פרום צו זיין צווישן זיי". ער האָט צווישן שיינקייטן און פרומקייט נישט געזען, אַפּנים, קיין שום אינעווייניקסטע סתירה; זיי זיינען, פאַרקערט, געווען ביי אים איינס. ווער האָט עס אָפּגעפּסקנט אַז זיין געטריי דער טראַדיציע פון ייִדישן פאָלק הייסט קוקן אויף נאַטור־און קונסט־שיינקייט ווי אויף עפּעס, וואָס איז בלויז „עולם־הזהדיק" אָדער גאָר „עבודה־זרהדיק"? פון איין זייט זיינען געווען ייִדן — און גרויסע ייִדן — וואָס גאָט האָט זיך אַנטפּלעקט צו זיי אין אין שיינקייט און אין קונסט, און פון דער אַנדערער זייט זיינען געווען נישט ייִדן וואָס האָבן, פּונקט אַזוי ווי מנחם באָריישאָ, געוואָלט אָפּטיילן קונסט פון רעליגיע, שיינקייט פון פרומקייט און צוקלעפּן צו איינער אַ צעטל פון טריפה־נער „עולם־הזהדיקייט" און איבערלאָזן פאַר דער צווייטער דעם הכשר פון „עולם־הבאדיקייט". צווישן אָט די טיפּישע נישט־ייִדן איז געווען לעוו טאָלסטאָי (דער פּריידיקער, און נישט דער קינסטלער טאָלסטאָי). באָריישאָ דערמאָנט אים נישט אין זיין „נאָכוואָרט" צו „אַ דור". ער געדענקט אָבער געוויס טאָלסטאָיס אָפּהאַנד־לונגען וועגן קונסט, ווייס ער אַז דאָרט געפינען זיך די שאַרפסטע אַרויסטרעטונ־גען קעגן איר „עולם־הזהדיקייט"... וואָס דאַרף מען מער? וועגן זיין אייגענער וואָרטשאַפונג דערציילט מנחם באָריישאָ אַז „אַ דירעקטן איינפלוס" אויף איר האָבן געהאַט בלויז צוויי: „דער קאַטוילישער תפילהדיקער יאַן קאַספּראָוויטש און דער אימפּעטיקער, גרויס־באַריידעוודיקער וואָלט וויטמאַן — ביידע נישט קיין זינ־גערס, נאָר זאָגערס". הייסט עס, „מיר" האָבן נישט קיין חזקה אויף זאָגן און אויף תפילהדיקייט און, פאַרקערט, נישט אַלע „זיי" דינען „דער עבודה זרה פון ריינער קונסט"... פרעגט זיך: איז דער ענין פון אויפנעמען די וועלט קינסטלעריש און אויפנעמען זי עטיש־רעליגיעז טאַקע בלויז אַן ענין פון „העלענישקייט", נוצנדיק ש"דלס און הײנעס אויסדרוק, אָדער „גוייִשקייט", ווי מע זאָגט איצטער, — און „ייִדישקייט"? איז אמת, אַז אַזאַ טיף מענטשלעכע איבערלעבונג, ווי די איבער־לעבונג פון שאַפן און געניסן קונסט — איז „נישט־ייִדיש"? איז מעגלעך, אַז אַ פאָלק, וואָס צייכנט זיך אַזוי אויס מיט זיין גייסטיקייט, זאָל פון איר אויסשליסן דעם טייל, וואָס הייסט קינסטלעריש שאַפן און קינסטלעריש געניסן? קאָן עס געמאָלט זיין אַז נישט געקוקט אויף אָן אַ שיעור פאַקטן פון אַמאָל און איצט, זאָלן מיר בנוגע צו קינסטלערישן לעבן האַלטן פאַר ריכטיק דעם אַנטיסעמיטישן בלבול, אַז ביי אונדז פעלט דער כוח פון שעפערישקייט? פאַרוואָס־זשע גלייבט מנחם באָריישאָ (און ער איז נישט דער איינציקער, וואָס גלייבט), אַז ביי ייִדן קאָן און דאַרף קונסט, דערהויפּט קונסט פון וואָרט, זיין נישט קיין ציל פאַר זיך אַליין; נישט קיין ציל, וואָס איז אין זיך כולל אַנדערע צילן אויך, נאָר אַ מיטל צו אַנטפּלעקן (און צו פאַרשפּרייטן) דעם אָדער יענעם רעליגיעז־עטישן אמת? פאַר וואָס וויל ער דעם סיאַמער צווילינג פון די צוויי געבוירענע וויזיאָנערן, דעם רעליגיעזן און דעם קינסטלערישן, צערייסן אין צווייען און מאַכן פון זיי, אויב נישט קיין קאָלעקטיוון הבל און קין, איז עפּעס אַ מין יעקב און עשיו אָדער, אין בעסטן פאַל, עפּעס אַ מין יששכר און זבולון? איז איידער צו פאָדערן פון קונסט, אַז זי זאָל ווערן רעליגיע, וואָלט איך בעסער סימפּאַטיזירט מיט יענע, וואָס ריידן, פאַרקערט, וועגן אמונה אויפן לשון פון קונסט.

צו די לעצטע געהערט אברהם יהושע העשל. ער שרייבט אַזוי שיין וועגן רעליגיעזער ייִדישקייט, אַזוי בילדלעך, אַזוי קינסטלעריש, אַז מע פאַרגעסט (און

מע פאַרשפּאַרט) צו פרעגן, צי איז דאָס, וואָס ער זאָגט (אינעם פּראָזאַישן זיבעטן פונעם וואָרט) ריכטיק. פרעגט מען עס דען ווען מע לייענט אַ לידז איז זיי עסיי „דער זינען פון יידישן קיום" זאָגט ד"ר העשל: „לעבן ווי אַ ייד הייסט שפּירן די נשמה. די נשמה אין יענעם און די נשמה אין זיך אַליין. און די נשמה וויל נתעלה ווערן. אַלע זאַכן בענקען נאָך אַ תיקון און וואַרטן אויף אונדז, ווי קנויטן אויף אַ ליכט. אַלע מעשים דאַרפן ווערן באַהויכט מיט אַ ביסל כוונה, מיט אַ ביסל איידל־קייט פון דער נשמה"... וואָס איז דער טייטש „איידל"? „איידל איז דער, וואָס איז רייכער, ווי ער ווייזט אַרויס, איידל איז דער, וואָס פאַרמאָגט מער, ווי ער זאָגט אויס, וואָס באַהאַלט מער, ווי ער דעקט אויף. איידל איז די לײדנשאַפט, וואָס פאַרשטעקט זיך אין שטילקייט אַזױ" אָדער: „די מעשים פון אַ גאַנץ יאָר זיינען אַזוי חשוב, ווי די זאַכן, וואָס גייען קיין מאָל נישט אונטער. יידישקייט וויל אין אונדז אַריינברענגען די פעיִקייט צו קוקן אויף אַ געוויינטלעכער עוולה ווי אויף אַ הימל־געשריי, אויף אָפּנאַרן אַ מענטשן ווי אויף אַ מעטאַפיזיש אומגליק, צו פילן אַ געטלעכע חשיבות אינעם גליקלעך מאַכן אַ מענטשן"... „יידישקייט איז אַ פּרוּוו אַריינצוגעבן אין אונדז די פעיִקייט צו טראָגן אין האַרצן אַ יראת הכבוד אַלע טאָג פון אַ גאַנץ יאָר"... אָדער: „וואָס מיר לערנען זיך אָפּ פון יידיש לעבן, איז, אַז אויב אַ מענטש איז נישט מער ווי אַ מענטש, דאַן איז ער ווינציקער ווי אַ מענטש. יידישקייט איז אַ פּרוּוו צו ווייזן אַז אויף צו זיין אַ מענטש דאַרף מען זיין מער ווי אַ מענטש, אַז אויף צו זיין אַ פאָלק, דאַרף מען זיין מער ווי אַ פאָלק אַזױ". כ'וואָלט געקאָנט ברענגען צענדלינגער און צענדלינגער אַזוינע אויסדריקן, וואָס עס איז נישט שייך צו פרעגן אויף זיי, צי זיי זיינען אמת אָדער נישט. ס'איז גענוג צו זאָגן אַז זיי זיינען שיין. שיינקייט שענקט אונדז איר אייגע־נעם מין אמתדיקייט, און כ'גלייב נישט אַז ס'איז גוט אָדער אַז ס'איז מעגלעך אויפ־צושטעלן אַ גרענעץ — און אַ וואָך, וואָס היט דעם גרענעץ — צווישן דער „דרויסנדיקער" און דער „אינעווייניקסטער" שיינקייט אָדער (נוצנדיק דעם פריִער דערמאָנטן אויסדרוק־אופן) צווישן „העלעניש ער" און „יידישער", „עסטעטישער" און „עטישער" שיינקייט. מיר דאַכט אַז אַזאַ גרענעץ איז אָדער אַ שטיק באַגרע־נעצטקייט, אָדער, וואָס איז נאָך ערגער, אַ שטיק נעגאַטיווע קינסטלעכקייט.

אָבער אַז עס קומט צו דעם דאָזיקן וויכטיקן פּונקט, וואָלט זיך מיר וועלן האָבן אַ שטיקל וויכוח נישט בלויז מיט מנחם באָריישאָן, וואָס וויל דעם אָריגינאַל פון קונסט נישט אַנדערש ווי איבערזעצן אויף דער שפּראַך פון אמונה, כאָטש איך בין זיכער, אַז אַ שטייגער, די אָריגינעלע שלמה און שולמית זיינען אים אַליין אַ סך נעענטער ווי דער רבונו־של־עולם און די כנסת־ישראל פון דער מיטל־עלטערלעך־רעליגיעזער „איבערזעצונג", — נאָר אויך מיט דעם טיף־געשעצטן אברהם יהושע העשל, כאָטש איך ווייס, אַז ער דריקט אויס נישט בלויז זיין אייגענע מיינונג, נאָר די מיינונג פון אַ סך אַמאָליקע און איצטיקע יידישע דענקערס, ווען ער שרייבט אַזוי שיין און, ווי עס דאַכט זיך, אַזוי יידישלעך: „עס איז אַזוי לייכט צו באַוווּנדערן זאַכן וואָס האָבן פּראַכט און גלאַנץ. עס איז אַזוי שווער אַראָפּצורייסן די מאַסקע פון אויסערלעכן חן און צו דערזען וואָס ס'טוט זיך אינעווייניק. וואָלט, למשל, אַ גריכישער פּאָעט געקומען קיין שומרון, די הויפּט־שטאָט פון מלכות אפרים און ר'וואָלט אַרויס פון די כלים און געשריבן אַ געזאַנג וועגן די

פּראַקטיקע פּאַלאַצן, טעמפּלען און מאָנומענטן וואָס די איידל־לייט פון ישראל האָבן אויפגעבויט? אָבער דער נביא עמוס האָט נאָך זיין וויזיט קיין שומרון נישט באַזונגען די פּראַכט פון די הייזער וואָס זיינען געווען געבויט פון עלפנביין. ווען ער האָט זיי באַטראַכט, האָט ער בלויז געזען די גניבות און גזילות, וואָס די איידל־לייט זיינען באַגאַנגען כדי צו בויען די שטאָלצע פּאַלאַצן. דעם נביא עמוס האָט די שיינקייט נישט באַצויבערט, אים האָט אַרומגעכאַפּט אַ גרויל. „איך פאַראומווערדיק דעם שטאָלץ פון יעקב און זיינע פּאַלאַצן האָב איך פיינט" (8, 3), האָט ער אויסגערופן אינעם נאָמען פון גאָט. האָט דען עמוס, דער מאַן מיט דעם צאַרטסטן האַרץ אין זיין דור, נישט געהאַט קיין חוש פאַר שיינקייט?". אַוודאי, ווילט זיך אַריינמישן, האָט עמוס געהאַט אַ חוש פאַר שיינקייט, אָבער דער חוש פאַר גערעכטיקייט איז אין אים געווען שטאַרקער, און דאָס — זיינען מיר אַלע מסכים — איז זייער גוט, אָבער עס איז נישט גוט (און אָט דאָ הייבט זיך אָן די טיפע מיינונג־פאַרשיידנקייט), — עס איז נישט געזונט אַז עס זאָל זיין אַ ריס אָדער גאָר אַ סתירה צווישן אָט די צוויי ווונדערלעכע „חושים". עס איז אַ איינזייטיקייט, עס איז ממש אַ פאַרקריפּלונג פונעם מענטשלעכן גייסט, ווען איין יחיד אָדער איין פאָלק זאָל אין גאַנצן זיין אַריינגעטאָן אין דער פּראַכט פון די הייזער, וואָס זיינען געבויט פון עלפנביין און אַן אַנדערער זאָל זעען נאָר די גניבות און גזילות וואָס די איידל־לייט זיינען באַגאַנגען כדי צו בויען די שיינע פּאַלאַצן. אוודאי איז עס געווען אַ שאַנד, ווען געוויסע שרייבערס אינעם יאָר 1937, בשעת עס איז פאָרגעקומען דער יערלעכער קאָנגרעס פון די נאַציס אין נירנבערג, האָבן, ווי פּראָפ' העשל דערציילט, „נישט געקאָנט אָפּלויבן זיך פון דער קערפּערלעכער שיינקייט, דעם סדר, דער דיסציפּלין און דער ספּאָרטלעכער שלימות פון די צען טויזנט יונגע נאַציס". אַוודאי איז עס געווען אַ בושה און אַ חרפּה וואָס זיי האָבן „נישט דערשפּירט די גיפטיקייט וואָס איז געווען אָנגעזאַמלט אין די הערצער אַזו"ו". אָבער איז דען דערפון געדרונגען אַז די שיינקייט פון האַרצן, די מאָראַלישע שיינקייט, מוז אַלע מאָל בלייבן פאַרבאָרגן אינעווייניק, און אַז אויב זי מעג זיך יאָ אַנטפּלעקן, איז נאָר אין עטישע אָדער רעליגיעזע מצוות און מעשים טובים און נישט אויך אין יענע — אין תוך גענומען — רוחניותדיקייטן, וואָס הייסן מוזיק, מאַלעריי, סקולפּטור, אַרכיטעקטור? געוויס טאָר מען נישט מאַכן פון קונסט קיין עבודה זרה; געוויס טאָר מען אויף אירע פּראַקטיקע מזבחות נישט מקריב זיין קיין מענטשלעכע קרבנות. אָבער איז עס דען אַ מוז? איז דען פּלאַסטישע קונסט, פאַרקערפּערטע שיינקייט בטבע טומאה? פילן מיר דען נישט אַז אמתע קונסטשאַפונג איז, פּונקט פאַרקערט, גאָט־און־מענטש־דינסט, דער היפוך פון דינסט צום מולך? איי־וואָס, עס טרעפט — און עס טרעפט צו אָפט, — אַז שיינע פּאַלאַצן ווערן געשאַפן פון עלפנביין, וואָס איז גנבה און גזלה? איי־וואָס, עס פּאַסירט, אַז מענטשלעכע בלוט און פלייש ווערן איינגעקנאָטן אין די ווענט פון גראַנדיעזע פּיראַמידן און ענלעכע קונסט־דענקמעלער? איז עס אין אונדזערע אויגן געוויס פּונקט אַזוי אומווערדיק ווי אין די אויגן פון דעם נביא עמוס, אָבער — איז עס דען די שולד פון דער קונסט? דאָס איז נישט מער איר זינד, ווי עס איז די זינד פון רעליגיע וואָס אין איר נאָמען האָט מען אָפט אַזוי אָפּגעטאָן — און מע טוט איצט נאָך אָפּ — כל דבר אסור. אַזוי ווי רעליגיע איז אויך קונסט פאַר אירע כהנים נישט פאַראַנטוואָרטלעך.

אין תוך געגומען איז נישטאָ קיין סתירה — און עס דאַרף נישט זיין קיין גרענעץ — צווישן שיינקייט און אמת, צווישן שיינקייט און גערעכטיקייט אַזוי ווי עס איז נישטאָ קיין מחיצה צווישן דער נאַטורס הוד והדר און גאָט, וואָס איז אין זיי „אָנגעקליידט". און כאָטש עס איז געוויס ריכטיק אַז „ייִדישקייט, ווי פּראָפ' העשל לערנט אונדז, אַז שיינקייט ווען מע קויפט זי פאַרן פּרייז פון גערעכטיקייט איז „נמאס ומאוס", מיינט עס נישט אַז דאָס איז, לויט ייִדישע השגות, דער איינ־ציקער פּרייז פאַר וועלכן מע קאָן זי קויפן; עס זיינען דאָ אַנדערע פּרייזן, אַזוינע, וואָס מאַכן זי נאָך שענער און אַז מע צאָלט פאַר איר יענע פּרייזן, נאַרט מען זיך נישט אָפּ, און זי האָט דאַן געוויס איר אייגענע מאָס, איר אייגענע וואָג, איר איי־גענעם ווערט, אַזוי ווי יושר. איך זע נישט אײן פאַר וואָס זאָל די וואָג, אויף וועלכער מע וועגט זי און די מאָס, מיט וועלכער מע מעסט זי, זיין די וואָג און די מאָס פון יושר, ווי פריינד העשל דריקט זיך אויס, און נישט איר אייגענע וואָג און מאָס...

ווען מע זאָל מוזן מאַכן אַן אויסקלייב צווישן די, וואָס בויען זיך אויס פּאַלאַצן פון עלפנביין דורך גניבה און גזילה — און עמוסן וואָס פאַראומווערדיקט זיי איינ־איינעם מיט דער פּראַכט פון זייערע הייזער, — וואָלט מען געוויס געדאַרפט אויסקלייבן עמוסן; אָבער צי דען שטייען מיר אַלע מאָל און אומעטום פאַר אַזאַ מין דילעמע? קאָנען מיר זיך דען נישט אויסמאָלן קיין היכלי שן אָן גנבה און אָן גזלה? און ווער זאָגט עס אַז היכלי שן דערהייבן נישט און לייטערן נישט דעם מענטשן אויף זייער שטייגער, אַזוי ווי יושר און אמת דערהייבן אים און לייטערן אים אויף זייער שטייגער? כ'קאָן בשום אופן נישט פאַרלייקענען די אינעווייי־ניקסטע דערפאַרונג אַז קונסט און רעליגיע זיינען צוויי שוועסטער מיט שותפותדיקע פאַמיליע־שטריכן, אָבער יעדע פון זיי האָט און מוז האָבן איר אייגן פּנים און איר אייגענעם כאַראַקטער.

מיר קאָנען דעריבער נישט אָננעמען דעם שטאַנדפּונקט פון ד"ר העשל אָדער מנחם באָריישאָ, לויט וועלכן דער איינציקער מקור פון שעפערישקייט ביי ייִדן דאַרף זיין גאָטס פאָלק. אונדז איז אָבער אויך פרעמד די שיטה פון אברהם גאָ־לאָמב וואָס האַלט אַז ייִדישע ליטעראַטור דאַרף זיך באַהעפטן מיטן פאָלקס גאָט. גאָלאָמב אַליין גלייבט נישט אין גאָט, אָבער אַזוי ווי דאָס פאָלק האָט אין אים און אין זיין תורה געגלייבט רופט אונדז אברהם גאָלאָמב צוריק צום גאָט פונעם פאָלק. ער אַליין גלייבט טאַקע נישט, אָבער אַזוי ווי דאָס פאָלק גלייבט אָדער האָט געגלייבט אין אים און אין זיין תורה, פאָדערט גאָלאָמב פון ייִדישע שרייבערס און קריטיקערס אַז זייער קריטעריום זאָל זיין — פאָלק, אונדזער אייגן פאָלק. ביי אונדזער פאָלק איז ליטעראַטור אַמאָל געווען נישט קונסט, נאָר תורה: „ביי ייִדן, שרייבט גאָלאָמב, זיינען נישט געווען קיין ביכער, נאָר ספרים, הייליקייטן, און צוזאַמען ווערן די ספרים — אַ תורה. און מיט אַ תורה פאַרווילט מען זיך נישט. מיט אַ תורה לעבט מען" *). פאַרלאַנגט א. גאָלאָמב אַז אויך איצט זאָלן מיר האָבן נישט קיין ביכער נאָר ספרים, אַז די ספרים זאָלן צוזאַמען ווערן אַ תורה, און אַז מיט אָט דער תורה זאָלן מיר לעבן... וואָס זאָל שטיין געשריבן אין אָט דער

*) געקליבענע שריפטן, באַנד 5, ז' 21.

תורה? וואָס עס שטייט אין תנ״ך, אין ש״ס, אין פוסקים? ניין, גאָלאָמבס ייִדיש־קייט איז נישט די אָרטאָדאָקסישע (און אוודאי נישט די רעפאָרמירטע) רעליגיעזע ייִדישקייט. גאָלאָמב איז קעגן רעליגיעזע דאָגמעס, און אויב איך האָב קיין טעות נישט, — קעגן רעליגיע בכלל. אָבער ער האָט אַ גלויבן, אַפילו אַ גאָט: ער גלייבט אין פאָלק; פאָלק איז זיין גאָט. נישט דאָס געבוירענע — דאָס געוואָרענע, ריכטיקער, דאָס ווערנדיקע פאָלק. גאָלאָמב גלייבט אין דעם פאָלקס שעפערישער דינאַמישקייט. איז דאָס פּינטעלע פון דער ייִדישער ליטעראַטור פאַר אים דאָס פּינטעלע ייִד, ד״ה עפּעס אַזוינס וואָס קאָן אונדז העלפן זיך אויסלעבן ווי אַ ייִדי־שער קאָלעקטיוו? זאָגט ער בפירוש אַז די ייִדישע ליטעראַטור, אויב זי וויל האָבן אַ ממשות און אַ ווערט, מוז זי האָבן אַ „געמיינזאַמע אידייע״. דאָס מיינט אַז די ליטעראַטור־קריטיק מוז וועגן יעדן שרייבער וואָס זי וויל אָפּשאַצן, פרעגן פריִער ווי אַלץ, צי זיינען ביי אים דאָ פונקטן, וווּ ער קומט אין באַרירונג מיט אָט דער „געמיינזאַמער אידייע״. „מיליאָנען ביכער אָן אַ געמיינזאַמער אידייע זיינען, לויט זיין מיינונג, נישט קיין ליטעראַטור. הונדערטער שרייבערס אָן אַ געמיינזאַמען „לשם יחוד״ קאָנען נישט און וועלן נישט שאַפן קיין ליטעראַטור פון אַ פאָלק״*). כדי זיי זאָלן זי קאָנען שאַפן, מוזן זיי שטיין מיטן פּנים און מיט די פרום־פאַר־גלאָצטע אויגן צום פאָלק און זאָגן בקול רם אָדער בלחש: „לשם יחוד ייִדיש פאָלק ושכינתא״. די איצטיקע ייִדישע ליטעראַטור איז, לויט א. גאָלאָמבן, נישט קיין ליטעראַטור. זי פאַרמאָגט נישט „די אידייען פון ייִדישן כלל אויף היינט און אויף מאָרגן״... אידעאַלן, פּראָגראַמען, ריכטונגען, אידעאָלאָגיעס — וויפל איר ווילט — און נאָך מער, אָבער די איין און איינציקע אידייע וואָס פאַרבינדט זיי אַלע (ד״ה וואָס בינדט זיי צו) צו איין מאָראַלישן יסוד, צו דעם „אחד״ פון פאָלק — אָט דאָס פעלט אונדז ביי היינטיקן טאָג״ **).

כ׳געדענק די צייט ווען ציוניסטן האָבן ביי ייִדישע (און ביי העברעיִשע) שרייבערס געמאָנט ציוניזם, סאָציאַליסטן — סאָציאַליזם. א. גאָלאָמבן פעלט אין דער ייִדישער ליטעראַטור זיין איין און איינציקע אידייע — דער פאָלקיזם.

נון, די פאָדערונג פון אַ שותפותער אידייע, פון אַן אחד פאַר אַלע שרייבערס האָט אין זיך עפּעס פון יענער אידעאָלאָגישער „גלייכשאַלטונג״, פון יענעם גייס־טיקן טאָטאַליטאַריזם, וואָס וואַרפט אויף אונדז אַלעמען (און געוויס אויך אויף א. גאָלאָמבן), אַן אימה און אַ פּחד. אמת, דאָ רעדט זיך נישט וועגן וועלן אַרויפ־צווינגען אויף אונדז אַלעמען דעם „אחד״, די „געמיינזאַמע אידייע״ — מיט פּי־זישע מיטלען. אָבער צי דען זיינען אָפּשיילעך און געפערלעך בלויז די מיטלען, וואָס פירערס פון טאָטאַליטאַרע מלוכות ניצן כדי צו קאָלעקטיוויזירן די מוחות, צו ווערן די אינזשיניערן פון די נשמות״ און זיי צו גלייכשאַלטן? די עצם כוונה, דער עצם־ציל, אַז אַלע יונים זאָלן האָבן איין גייסטיקן פּנים, וועקט אין אונדז און מוז אין אונדז וועקן אַ געפיל פון מורא און טיפסטן ווידערווילן. מיר וואָלטן נישט געקאָנט פריי עטעמען, שוין נישט גערעדט וועגן דענקען פריי, ווען עס זאָל, חלילה, ווידער אַ מאָל געשאַפן ווערן ביי אונדז דער גייסטיקער קלימאַט וואָס אַזוינע טעאָריעס, ווי א. גאָלאָמבס, קאָנען העלפן שאַפן — דער קלימאַט אין

---

*) דאָרט, ז׳ 28.
**) דאָרט, ז׳ 56.

וועלכן יעדער פון אונדז מוז פילן אַז אויסער זיין געוויסן און איבער אים איז פאַראַן עפּעס אַ ווילן, אַ דראַנג, אַ שטראָם, וואָס ער מוז פאַר אים בייגן זיין קאָפּ, זיינע אַלע כחות, זיין גאַנצע שעפערישע ענערגיע. וואָרעם אַלץ איינס, צי דער העכערער און הערשנדיקער כל־ישראל־ווילן, כל־ישראל־געדאַנק, עמאַנירט פון גאָטס פּאָלק אָדער פון פאָלקס גאָט, — רבי ישראל, דער יחיד, ווערט סיי־ווי פאַרברענט, בטל — און אינאיינעם מיט אים זיין שעפערישקייט. אונטער אַ גייס־טיק־מאָראַלישער דיקטאַטור קאָן דאָס פרייע וואָרט נאָך ווינציקער געדייען, ווי אונטער דער דיקטאַטור פון אַ פּאָליציי־שטאַט. איז אַפילו ווען מען זאָל קאָנס־טאַטירן דעם פאַקט, אַז עס איז נישטאָ קיין ליטעראַטור, אין וועלכער עס זאָל זיך נישט פילן, אַזוי אָדער אַנדערש, דעם פאָלקס כלל־איך, — מוז מען אָבער מודה זיין, אַז קיין ליטעראַטור קאָן נישט וואַקסן, קאָן נישט זיין פריי און פילזייטיק, אויב זי ווערט נישט באַנייט, אויפגעלעבט און אויפגעשטורעמט פון דעם קרעאַטיוון יחידס אייגנאַרטיקן און דינאַמישן איך. אָבער ווי אַזוי קאָן דער יחיד זיין פריי אין זיין שאַפן, אויב עס איז דאָ עפּעס אַ ווילן, — אַלץ איינס אַן אינדיווידועלער צי אַ קאָלעקטיווער ווילן, — וואָס פאַרצאַמט פאַר אים אַלע וועגן, אַ חוץ איינעם. אַפילו וועגן אַזאַ אייגנאַרטיקן שרייבער ווי י. ל. פּרץ שרייבט א. גאָלאָמב, אַז כל־זמן ער „האָט אונדז געוואָלט פאַרמולירן זיינע אייגענע געדאַנקען און אידייען, איז ער גאָרנישט געווען אַזוי גרויס. ערשט ווען ער האָט זיך גענומען איבערגעבן, וואָס עס ריידן די „שטומע נשמות״ פון פאָלק, ווען פּרץ האָט גענומען אויף זיך צו ווערן דער פירזאָגער פון זיינע יוחננס, ווען ער האָט זיך פאַרמאָסטן צו פאַר־מולירן אין קונסט די חכמה פון פאָלק דורך דורות, ערשט דעמאָלט אַאַז״וו *). נון, עס איז געוויס אמת אַז אין זיינע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן״ און זיין „חסי־דיש״ האָט פּרץ געהאַט פאַר אַ שותף דאָס פאָלק, אָבער ס׳איז נאָך אַ גרויסע פראַ־גע, ווער עס האָט אין אָט דעם שותפות אַריינגעלייגט אַ גרעסערן חלק, „די שטומע נשמות״ און די באַריידעוודיקע יוחננס אָדער דער, וואָס האָט מיט זייער מויל גערעדט — פּרץ אַליין. פאַר א. גאָלאָמבן איז עס נישט קיין פראַגע. ער איז זיכער, — והראיה, ער זאָגט — אַז „די נאַרישסטע פאָלקס־לעגענדע איז קליגער פאַר דער קליגסטער אינדיווידועלער שאַפונג״ **). ובכן, קריטיקערס, שעצט נישט אין אַ שרייבער „זיין אינדיווידועלע שעפערישקייט״, מעג זי זיין ווי קלוג״, זוכט דעם פאָלקס־עלעמענט, מעג עס זיין אַפילו „נאַריש״... „נישט אַלץ״ — וויל איך ציטירן גאָלאָמבס נאָך אַ שטעל, דעם לעצטן, — „נישט אַלץ, וואָס איז יידישע ליטעראַ־טור, איז ראוי אַריינצוגיין אין ש״ס פון דער יידישער ליטעראַטור. דער קרי־טעריום אָפּצוקלייבן איז וויפל דאָס ווערק האָט אויסגעניצט די שטייגערישע „תורה שבעל פה״ פון היינטיקן יידישן פאָלק און וויפל „אהבת ישראל״ עס פאַרמאָגט ***).

„אהבת ישראל״ און דעם פאָלק ישראלס „שטייגערישע תורה שבעל פה״ — דאָס איז, לויט א. גאָלאָמבן, דער מאָסשטאָב פאַרן קריטישן אָפּשאַץ אָדער אָפּ־קלייב פון דער יידישער ליטעראַטור. אַ מאָסשטאָב, וואָס שליסט טאַקע נישט אויס

*) דאָרט, ז׳ 75.
**) דאָרט, ז׳ 112.
***) דאָרט, ז׳ 40.

אין גאַנצן דעם דיכטערס און דעם קריטיקערס אינדיווידואַליטעט: ער קאָן אויס־טייטשן דעם מיין פון „אהבת ישראל" און דעם פאָלקס „תורה שבעל פה" אויף זיין אייגענעם אופן. דאָך מוז אַזאַ מין קריטעריום פירן דערצו, אַז אין פּרינציפּ זאָל דער שרייבער און דער קריטיקער נישט קאָנען רעפּרעזענטירן זיך אַליין, נאָר זיין אַ שליח־ציבור.

און א. גאָלאָמב, אַזוי ווי דער פאָרשטאָרבענער מנחם באָריישאָ, האָט אין דער יידישער, ווי אויך אין דער העברעישער, ליטעראַטור־קריטיק מיטגייערס, אויב נישט נאָכגייערס *).

ג.

פּאַראַפראַזירנדיק דעם אויסדרוק „סאָציאַלע באַשטעלונג", דעם „קלאַסישן" אויסדרוק פון דער „פּראָלעטאַרישער" קריטיק, וואָלט מען געקאָנט זאָגן אַז די טעאָריעס פון מנחם באָריישאָ, א. גאָלאָמב און אַנדערע זיינען עלול אין דער פּראַק־טיק רעדוצירט צו ווערן צו עפּעס אַזוינס, וואָס מע וואָלט געקאָנט אָנרופן מיטן נאָמען נאַציאָנאַלע באַשטעלונג אָדער פאָלקס באַשטעלונג. דאָס מיינט צו זאָגן אַז די קריטיק וואָלט לויט זיין מיינונג באַדאַרפט קלאָר מאַכן דער ליטעראַטור, אַז דאָס פאָלק באַשטעלט ביי איר נאַציאָנאַלע כלי־זיין, פאָלקס־דינסט. דער קרי־טיקער וואָלט געדאַרפט, הייסט עס, פאָדערן פון דער ליטעראַטור אין גאַנצן גע־נומען און פון יעדן פון אירע פאָרשטייערס באַזונדער, אַז זיי זאָלן העלפן פירן דעם פאָלקס מילחמות, אַז זיי זאָלן פאָרמולירן אָדער בילדלעך אויסדריקן זיינע היסטאָרישע צילן, ברענגען צו זיין באַוווסטזיין די שליחות, וואָס די געגעבענע תקופה פון זיין געשיכטע לייגט אויף אים אַרויף.

אַז דאָס איז אַזוי זעט מען פון די דערקלערונגען וואָס עס האָט נישט איין מאָל געמאַכט י. ראַפּאָפּאָרט. ער איז איינער פון די סענסיטיווסטע און אימפּעטיקסטע קריטיקערס וואָס די יידישע ליטעראַטור אין פּוילן האָט אַרויסגעגעבן אין דער עפּאָכע פון צווישן די צוויי מילחמות און ער איז אַזוי זיכער אין דער ריכטיקייט פון דער נאָר־וואָס דערמאָנטער ליטעראַרישער שיטה, אַז לויט זיין מיינונג איז גאָר נישט נייטיק צו מאַכן אַ „נאַציאָנאַלע באַשטעלונג" ביי דער ליטעראַטור — כל־זמן זי איז געזונט און געטריי צו זיך אַליין: דאָס איז איר „אָרגאַנישע פונק־ציע". און אַזוי ווי די יידישע ליטעראַטור פונקציאָנירט, ווי ראַפּאָפּאָרט גלייבט, ריכטיק, כדבעי, איז גאָר קיין חידוש נישט, וואָס — „ווי אויף אַ קאַרדיאָגראַם, קאָן מען אויף איר לייענען, ווי אַזוי דאָס האַרץ פון פאָלק האָט געקלאַפּט אין פאַרשיידענע צייטן, — פאַר וואָס עס האָט געקלאַפּט, פאַר וועמען, שטאַרק אָדער שוואַך אאַז"וו **).

דאָס האַרץ פון דער ליטעראַטור איז, הייסט עס, „דאָס האַרץ פון פאָלק". נישט דאָס וואָרט איז אין אָנהייב, — ניין, דאָס פאָלק איז אין סאַמע אָנהייב. דאָס

*) אין דער העברעישער ליטעראַטור־קריטיק פון די לעצטע יאָרן זיינען נאָענט צו דעם נאַציאָנאַלן אָדער צום פאָלקיש־עטישן שטאַנדפּונקט צוגעגאַנגען, ווי ווייט איך ווייס ישעיה ראַבינאָוויטש אין זיין „הספרות במשבר הדור" (ניו־יאָרק, 1944) און אברהם קריב אין „אדברה ויכוח לי" (תל־אביב, 1950).

**) „די שליחות פון דער ליטעראַטור" אין „צוקונפט", ניו־יאָרק, סעפּטעמבער, 1948.

פאָלק איז דער מקור, דער הויפּט־קוואַל; אַ שטראָם וואָס פליסט פון אים אַרויס, — דאָס איז די ליטעראַטור. זי איז נישט די ערשטע סדרה — בראשית, נאָר די לעצטע — וזאת הברכה. זי הייבט אויף אירע הענט, איר קול — און בענטשט דעם פאָלקס... האַרץ־קלאַפּעניש... איז דאָס אַלץ, וואָס זי טוט און טוט אויף? י. ראַפּאָפּאָרט דער קריטיקער ווייס, אַז איר „אָרגאַנישע פונקציע" איז אַ סך אַ טיפערע, אַ מער שעפערישע, אַ מער פאַרשיידנאַרטיקע און אַ מער זעלבשטענדיקע. אָבער ווי אַ טעאָרעטיקער פון קריטיק שרייבט י. ראַפּאָפּאָרט אַז דער ליטעראַטורס (און ממילא אויך דער יידישער ליטעראַטורס) עובדא איז טאַפּן, אַנטאַפּן דעם פאָלקס דופק — און אויסדריקן זיין (הויכן אָדער נידעריקן, נאָרמאַלן אָדער אַב־נאָרמאַלן) בלוטדרוק. אין אונדזערע טעג איז דאָס יידישע פאָלק אָדער, ווי י. ראַ־פּאָפּאָרט שרייבט, „דאָס יידישע לעבן פול געוואָרן (ער האָט, אַפּנים, אָפּגעמאָסטן — און ווייס, אַז עס איז פול געוואָרן) מיט אומגלויבן און פאַראַכטונג צום אַרום און מיט בענקשאַפט אין ליבע צום אייגענעם יש. פונקט ווי פריער איז דער ייד געלאָפן פון זיך צו דער וועלט, אַזוי האָט ער איצט גענומען לויפן פון דער וועלט צו זיך". און י. ראַפּאָפּאָרט איז צופרידן (ווען ער שרייבט קאָנקרעט וועגן ביכער און שרייבער, איז ער זייער זעלטן באַפרידיקט, אָבער דאָ ווערט ער מיט אַ מאָל העכסט צופרידן און אויפגעלייגט), וואָס „די (יידישע) ליטעראַטור שפּיגלט דאָס אָפּ, זי רעגיסטרירט דאָס, זי גיט דעם אַן אויסדרוק און העלפט עס דורך דעם פאַרשטאַרקן, פאַרטיפן, אַרויסברענגען דעם דאַזיקן צושטאַנד פון אומבאַוווּסט־זיניקייט צום באַוווּסטזיין, פון אינסטינקטיוון צו באַזינונגמעסיקן, פון געפיל צום ווילן". און אַז דאָס איז ביי אים נישט נאָר די קאָנסטאַטירונג פון אַ פאַקט, דאָס איינפאַכע רעגיסטרירן דער יידישער ליטעראַטורס „אָרגאַנישע פונקציאָנירונג", נאָר אַן אויסדרוק פון זיין טיפער באַפרידיקונג, וואָס דאָס יידישע וואָרט טוט זיין שליחות באמונה, — זעט מען פון דעם טאָן, אין וועלכן ער דערציילט אונדז אַז „די גאַנצע יידישע ליטעראַטור האָט אָנגעשטעלט איר פלייצע כדי אָנצולאָדן אויף זיך דעם יידישן יאָך און די יידישע אחריות, ווייל דאָס יידישע לעבן דיקטירט איר אָרגאַניש אָט די שליחות; אויסדריקן די בענקשאַפט צום יידישן לעבן און שטאַרקן די הערצער צום קידוש־השם־לעבן"... און ווייטער: „זי (די יידישע ליטע־ראַטור) ווערט ווידער פון אַ לויז־אינדיווידואַליסטישער, אַ קאָלעקטיוו־געשמידעטער כלי־זיין, ווייל דאָס יידישע האַרץ האָט אין די דרייסיקער און פערציקער יאָרן גענומען קלאַפּן אַנדערש ווי אין די צוואַנציקער"... דעם פאָלקס האַרץ קלאַפּט אַנדערש, מוז הייסט עס ממילא אויך דאָס האַרץ פון דער ליטעראַטור אַנדערש קלאַפּן. ניט איר וויזיע דאַרף זיין דעם פאָלקס וועגווייזערין, נאָר, פאַרקערט, דאָס פאָלק דיקטירט דער ליטעראַטור, עס איז איר אַפּיר... אַז דאָס איז ראַפּאָפּאָרטס רעצעפּט פאַר דער יידישער קריטיק, זאָגט ער אַליין עדות: „פאַרשטיין, זאָגט ער, דעם זינען און די אָרגאַנישקייט פון דער ענדערונג אין דער יידישער ליטעראַ־טור און באַוווּסטזיניק שטאַרקן די דאָזיקע נאַטירלעכע טענדענץ, איז די אויפגאַבע פון דער יידישער קריטיק". די יידישע ליטעראַטור־קריטיק, נישט נאָר די יידישע ליטעראַטור, דאַרף לייענען די קאַרדיאָגראַמעס פון דעם פאָלקס האַרץ און זעען אַז יידישע שרייבערס זאָלן ווי עס דאַרף צו זיין איבערשרייבן אָדער איבערזעצן אויף זייער ליטעראַרישער שפּראַך די — נישט גאָר ליטעראַרישע — קלאַפּעניש אָדער פּולסירונגען, וואָס זיינען דאָרט פאַרצייכנט.

די ליטעראַטור־קריטיק, אַזוי ווי די ליטעראַטור אַליין, דאַרף מאַכן פאַר איר מאַטאָ: פוק חזי מאי עמא דבר, גיי, זע אָדער הער, וואָס דאָס פאָלק זאָגט, הער זיך צו צו זיין פולס...

און דאָ רעדט זיך נישט וועגן דער פאַרגאַנגענהייט — וועגן קאָנסטאַטירן די אָדער יענע „פסיכאָ־ביאָלאָגישע פונקציע" אָדער „מיסיע" פון דער ליטעראַטור אין אַזאַ אָדער אַן אַנדערער עפּאָכע — לאחר המעשה. ווען עס זאָל זיך ריידן וועגן געשיכטע קאָן מע זיך פאָרשטעלן אַ ליטעראַטור־היסטאָריקער וואָס זאָל איגנאָרירן די יחידים וואָס האָבן זיך באַהאַלטן אין טורעם פון עלפנביין און זיינען נישט געגאַנגען אין שפּאַן פון דער „צייט" און איר „גייסט"? אָבער י. ראַפּאָפּאָרטן אינטערעסירט נישט אין דעם פאַל וואָס די יידישע ליטעראַטור איז געווען, נאָר — וואָס זי זאָל זיין.

אויב זי זאָל זיין דאָס וואָס י. ראַפּאָפּאָרט האַלט, אַז זי איז עס שוין און אַז זי דאַרף עס נאָך מער זיין, ד"ה אַז זי דאַרף נאָך מיט מער אימפּעט „לויפן פון דער וועלט צו זיך", — פרעגט זיך וואָס זאָל זי טאָן מיט יענע וועלכע האַלטן בכלל נישט פון קאָלעקטיוון „פסיכאָ־ביאָלאָגיזם" אין דעם ליטעראַרישן שאַפן — ספּעציעל מיט יענע וואָס ווילן נישט מיטלויפן מיט אַ ליטעראַטור, וואָס האָט זיך איינגערעדט אַז זי דאַרף און קאָן אַנטלויפן פון דער וועלט; מיט יענע, וואָס ווילן אין קיינעם נישט צינדן קיין חשק צו שפּילן דאָס שפּיל פון זעגענען זיך מיט דער וועלט? וואָס זאָל מיט זיי געשען, אויב זיי זיינען פאַרט נישט גרייט צו פאַרמאַכן די לאָדן, אויסצולעשן די לאָמפּן, און, ווי גוט דערצויגענע, נאָר שלעפעריקע קינדער, זאָגן דער וועלט: „אַ גוטע נאַכט!", ניצנדיק דעם אויסדרוק פון יעקב גלאַטשטיינס אַ ליד. און וואָס זאָלן זיי אַליין טאָן? זאָגן: „שלאָף געזונטערהייט, מיין פאָלק", — און אַנטשטומט ווערן? און דער עיקר: וואָס זאָל זאָגן די „מיסיע" פון אַ „נאַציאָנאַל־עטישער" קריטיק בנוגע צו יענע שרייבערס וואָס נישט געקוקט אויף דער „געענגדערטער שטימונג פון יידישן האַרצן", ווילן זיי זיך נישט אידענטיפיצירן מיט דער כמעט פאַסיווער ראָלע פון אַ „קאַרדיאָגראַף", פון יענע וואָס דערוועגן זיך נאָך אַלץ צו „גלייבן אין סאָציאַלן משיח" אָדער אין „ציוויליזירטן ליבעראַליזם" אָדער אין אַן אַנדערן איזם וואָס איז אַרויס פון דער מאָדע אָדער פון אַלע די, וואָס ווילן אין קיין שום „איזם" נישט גלייבן? וואָס זאָל זיין די „שליחות" פון דער נאַציאָנאַל־עטישער קריטיק בנוגע צו יענע שעפערישע כוחות וואָס האַלטן, אַז אויב די ליטעראַטור האָט יאָ אַ מיסיע, לייגט זי אַרויף אויף זיי די פליכט צו גיין פאַרן פאָלק און נישט נאָכלויפן נאָך אים, ווען עס לויפט — אַלץ איינס וווהין עס לויפט? זאָל מען טאָן מיט די וואָס גלייבן, אַז ס'איז קיין מאָל נישט געווען גוט און אַז ס'איז איצט שעדלעך פאַרן „נאַציאָנאַלן קאָלעקטיוו" צו לאָזן זיינע שעפערישע יחידים נאַציאָנאַל קאָלעקטיוויזירט ווערן? וואָס זאָל מען טאָן מיט זיי — זיי „גלייכשאַלטן?". בכלל איז דער עצם־ענין פון אַ „נאַציאָנאַלער שליחות" אָדער אַ נאַציאָנאַלער פּראָגראַם פאַר אַ ליטעראַטור נאָך מער צווייפלהאַפטיק און נאָך מער פאַרפירעריש, ווי אַ סאָציאַלער פּראָגראַם אָדער שליחות. ווייסן מיר דען וואָס איז די נאַציע אָדער ווער איז „פאָלק"? די סתירותדיקסטע „באַשטעלונגען" האָט מען געמאַכט ביי דער ליטעראַטור — און אַלץ אין נאָמען

פון פאָלק, אין נאָמען פון דעם פאָלקס „אינטערעסן“, פון דעם פאָלקס „וויזיעס“, פון דעם פאָלקס „מיטאָס“!

די סלאַוואָפילן, די קעגנערס פונעם „צעפוילטן מערב“ אין צאַרישן רוסלאַנד, האָבן פון דער רוסישער ליטעראַטור פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל בלייבן טריי דער היס־טאָרישער „אייגנאַרטיקייט“ („סאַמאָביטנאָסט“) פון דעם רוסישן פאָלק, — דער „אייגנאַרטיקייט“, וואָס צוויי פון אירע הויפּט־יסודות זאָלן האָבן געווען: פּראַוואָ־סלאַוויע און זעלבסט־הערשאַפט. שפּעטער האָבן רוסישע פאָלקיסטן („נאַראָדניקי“) אין נאָמען פון דעם זעלביקן פאָלק געפאָדערט פון דער ליטעראַטור, אַז זי זאָל אים העלפן זיך באַפרייען פונעם צאַרישן (און פּריצישן) יאָך... אין נאָמען פון פאָלק האָט גערעדט אהרן־הכהן און עס ריידן אַלע שונדיסטישע עגל־הזהבניקעס נאָך אים — און אויך, להבדיל, משה רבינו, וואָס האָט געגעבן דער וועלט די הייליקע צען געבאָט, — אויך ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַרן פאָלק און איז — אָפּט קעגן זיין ווילן — געווען זיין פירער! ווער האָט דעם פאָלקס האַרץ ריכטיק „געלייענט“ — אהרן אָדער משה?

נאָך וויכטיקער זיכערקייט האָבן מיר ווען מיר ריידן ווי עס רעדט דער דער־מאָנטער קריטיקער וועגן דעם פאָלקס „אינסטינקטן“ אָדער וועגן זיין „בענקשאַפט און ליבע“. קען דען נישט טרעפן אַז פריער זאָלן מיר אָנגעמען די ליטעראַטור פון אַ באַשטימטן פעריאָד אָדער, ריכטיקער, דאָס וואָס אונדז געפעלט אין דער דאָזיקער ליטעראַטור, פאַר דער איינציקער „אָפּשפּיגלונג“ פון דעם פאָלקס גע־מיט־צושטאַנד, פאַר דער פּינקטלעכער „רעגיסטרירונג“ אָדער דעם „קאַרדיאָ־גראַם“ פון זיין האַרצס קלאַפּן — און דערנאָך זאָלן מיר עס מאַכן פאַר דער ליטע־ראַטורס „שליחות“? קאָן עס דען נישט געמאָלט זיין? די געשיכטע ווייס פון היפּשע עטלעכע פאַלן ווען דאָס, וואָס איין גרופּע האָט „רעגיסטרירט“ ווי דעם פאָלקס „ליבע און בענקשאַפט“, האָט אַן אַנדערע באַטראַכט ווי עפּעס אַזוינס וואָס איז דעם פאָלק פיינטלעך און דערווידער...

אין יעדער ליטעראַטור, אויך אין אונדזערער, קאָנען זיין תקופות ווען זי דריקט מער גאָר נישט ניט אויס אַ חוץ דעם פאָלקס געפילן און שטרעבונגען. אָבער זיינען אָט די תקופות, פרעגט זיך, די שעפערישסטע אין דער געשיכטע פון אַ ליטעראַטור? זיינען עס די עפּאָכעס, ווען עס ווערן געשאַפן אירע מער דויערנדיקע ווערטן? אָדער זיינען די פּרוכבאַרסטע ליטעראַרישע צייטן יענע ווען די וואָס צינדן מיט זייער וואָרט דעם מענטשנס האַרץ שאַנעווען נישט „דאָס פאָלק“, זיינע געפילן און זיינע מעשים און הערן זיך צו נישט צום פאָלקס וואָרט, נאָר צו גאָטס וואָרט, צו דער שטים פון זייער אייגענעם געוויסן? אַזאַ צייט — ווענדן מיר זיך צום ביישפּיל, וואָס עס ברענגען אַזוי אָפט די בעלי השליחות פון דער „ליטעראַטור“, — אַזאַ צייט איז געווען די נביאישע תקופה. נו, פרעגט זיך, איז ישעיהו הנביא געווען דעם פאָלקס קאַרדיאָגראַף? האָט אין זיינע פייער־דיקע שטראָפרייד געקלאַפּט דאָס האַרץ פון די זרע מרעים און די בנים משחיתים? איז זייער גאָט געווען זיין גאָט? זיינען די בעלי־מזבחות, אויף וועלכע זיי האָבן געבראַכט זייערע בלוטיקע קרבנות, געווען זיינע מזבחות? און נישט נאָר ישעיהו הנביא, אַלע אמתע נביאים זיינען געווען נישט בלויז קעגן די מלכים און די כהנים, זיי אַלעמען איז דערווידער געווען אויך דאָס לעבן און דאָס שטרעבן פון

דעם פֿאָלקס איבערוועגנדיקער מערהייט. טאַקע דערפֿאַר זיינען נישט זיי, נאָר די נביאי שקר די, וואָס האָבן געזאָגט וואָס דאָס „פֿאָלק" האָט געוואָלט הערן, געווען זיינע ליבלינגס. אין די פֿאַלשע נביאים האָט מען קיין שטיינער נישט געוואָרפֿן... אָבער צו וואָס זיך אומקערן צו דער ווייטער נביאים־תּקופֿה? אין אַלע שפּעטערישע עפּאָכעס זיינען די מער ווערטפֿולע די וואָס גייען נישט מיטן שטראָם פֿונעם „פֿאָלקס" עמאָציע און שטימונגען, נאָר קעגן זיי. די טיפֿערע און עכטערע ליטעראַטור דריקט אַלע מאָל אויס דעם פֿאָלקס באַהאַלטענע מעגלעכקייטן, נישט זייןווירקלעכקייט. די גרעסטע גייסטער אין יעדער צייט רעפּרעזענטירן נישט דעם „צייטגייסט", נאָר די צוקונפֿט.

לויט איר עצם כאַראַקטער און לויט דער דעצידירנדיקער ראָלע וואָס עס שפּילט אין איר אינדיווידואַליטעט, אייגנאַרטיקייט, שעפּערישקייט, איז ליטעראַטור מער אַ שליח יחיד ווי אַ שליח ציבור. אויב שוין יאָ קוקן אויף איר ווי אויף אַ שליח איז זי אַ שליח ניט פֿון, נאָר צום פֿאָלק. אָבער אויך צום פֿאָלק איז ביי היינטיקע צייטן בעסער נישט צו געבן דער ליטעראַטור קיין שום שליחותן. צו־פֿיל פֿאַלן זיינען אונדז באַקאַנט, ווי מען האָט זיך מיט דער ליטעראַטור אַזוי לאַנג אַרומגעשיקט ביז... מ'האָט זי פֿאַרשיקט. אויב נישט פֿאַרשיקט, איז פֿאַרמאַטערט, פֿאַרקריפּלט. ווי נאָר זי ווערט עמעצנס אַ שליח אָדער שליחטע ווערט זי אָן איר זיכערקייט, נישט נאָר איר זעלבשטענדיקייט. עס ווענדט זיך דאָך ווער עס שיקט זי און — וווּהין? עס קאָן דאָך טרעפֿן אַז היינט זאָל אַ היטלער, אַ געבעלס אָדער אַן אַנדער ברויניאַר זי מכבד זיין מיט דער מיסיע אויסצוראָטן דעם קולטור־באָלשעוויזם און מאָרגן זאָלן באָלשעוויסטישע שיקערס זי שיקן אַ גאַנג... ס'איז — פֿאָלג מיך אַ גאַנג! און ווען אַפֿילו דאָס פֿאָלק אַליין בכבודו ובעצמו זאָל זיין דער ליטעראַטורס שליחות־געבער, איז נאָך אויך נישט אַלץ אַזוי גלאַט. ווי עס איז שוין פֿריִער געזאָגט געוואָרן, איז נישטאָ אַזאַ פֿאָלק וואָס זאָל זיין מער מעור אחד: עס האָט אַלערליי ריכטונגען, שיטות, פּאַרטייען און יעדע פֿון זיי רייסט די ליטעראַטור פֿאַר די פּאָלעס, זי זאָל ווערן איר קאָמפּאַס־געווער, איר אָרגאַן... ווי קאָן זי זיך צעררייסן? אַז איין גרופּע שיקט זי קיין מיזרח, אַ צווייטע — קיין מערב און אַ דריטע וויל דווקא אַז די ליטעראַטור זאָל זיך שטעלן מיטן פּנים צו צפֿון־זייט? ניין, אַ ליטעראַטור וואָס פֿאַר אַלע אירע בויערס זאָל געשטעלט ווערן איין ציל, — קאָן געמאָלט זיין בלויז אין אַ לאַנד ווו אַלע זיינען „גלייך", ד"ה „גלייכגעשאַלטעט", אָבער ביי אַזעלכע אומשטאַנדן איז דאָך נישט שייך צו ריידן וועגן מיסיע אָדער קאָמיסיע, נאָר וועגן קאָמיסאַרן... וואָלט איך דעריבער געזאָגט אַז די איינציקע שליחות פֿון דער ליטעראַטור, אויב עס גייט אונדז אין לעבן, אַז זי זאָל האָבן אַ שליחות, — איז... צו זיין, וואָס זי איז: ליטעראַטור. זי מעג, נישקשה, האָבן דעם תּלמיד חכמס שמינית שבשמינית גאווה און זיך נאָכשלעפּן נאָך קיינעם, נישט פֿילן זיך מחויב צו טאָן וואָס אַלע גוטע פֿרומע לייט הייסן איר טאָן. זי מעג, נישקשה, געבן אַ וואָרט אויך די נישט גאָר גוטע און פֿרומע לייט. זי מעג — און זי מוז — זיין פֿילשטימיק און פֿילגעשטאַלטיק. נאָך איר עצם טבע נאָך איז זי נייגעריק צו וויסן אַלץ; זי וויל אַלץ זען, אַלץ הערן און צו אַלץ זיך צוהערן... ממילא, איז איין מיסיע, אַפֿילו די גרעסטע, — אַפֿילו די מיסיע פֿון פֿאָלקס־אויפֿלעבונג, אַפֿילו די מיסיע פֿון אַ נייער וועלט, — פֿאַר איר אַ סדום־

בעטל... ווי קאָן זי טאַקע אין דער אמתן זיך לאָזן גיין אויף איין וועג, אַן אַלטן אָדער אַ נייעם, — אַפילו ווען זי זאָל גרייט זיין עס צו טאָן? האָט זי דען נאָר איין וועגווייזער? אַ פרייע ליטעראַטור האָט אַזוי פיל וועגווייזערס, וויפל שרייבערס זי האָט, — כ׳וואָלט אַפילו געזאָגט — וויפל לייענערס זי האָט. אַ פאָלקס־ליטעראַטור איז, אמת טאַקע, אַ קאָלעקטיוו, אָבער היות ער באַשטייט פון אויפטועריש און שעפערישע יחידים, איז כאָטש יעדער פון זיי האָט זיין אייגענע שטילע שותפות מיט דער קייט פון דורות, וואָס הייסט פאָלק, האָט ער דאָך און דאַרף האָבן די אילוזיע, אַז דער עלטערער פון די צוויי שותפים איז ער. מער נאָך: עס מוז זיך אים דאַכטן, אַז ווען אים זאָל זיך לוינען, איז אויס שותפות. יאָ, אויס שותפות אַפילו מיטן פאָלק אַליין... מיר ווייסן, אַז דאָס קאָן זיך אים נישט לוינען, אַז דאָס קאָן אים קיין גוטס נישט טאָן, אָבער פאַר זיין זעלבסט־באַוווסטזיין און פאַר דער קונסט פון זיין זעלבסט־אויסדרוק, איז נייטיק, אַז ער זאָל זיך אַליין באַטראַכטן נישט ווי דעם פאָלקס, דער געשיכטעס, דער צוקונפטס „שיק־יינגל״, נאָר ווי זייער מייסטער, ווי זייער בויער, ווי זייער בוימייסטער...

די אונטערשטע שורה איז, אַז נישט די ליטעראַטור אין גאַנצן גענומען, נאָר יעדער איינציקער פאַרשטייער אירער גלייבט — און עס איז גוט, וואָס ער גלייבט — אַז ער האָט אַ שליחות. די ליטעראַטור אין גאַנצן גענומען קאָן האָבן נאָר שליחותן — אין מערצאָל, נישט קיין שליחות. זי גייט אַזוי פיל גענג און אויף אַזוי פיל פאַרשיידענע וועגן, וויפל זי האָט שריפטשטעלערס מיט אייגנאַרטיקע צילן און אייגנאַרטיקע מיטלען...

מען רעדט, אמת, וועגן ליטעראַרישע עפּאָכעס. אָבער דאָס איז אַן ענין פון ליטעראַטור־געשיכטע און ליטעראַטור־קריטיק. די ליטעראַטור גופא ווייס נישט אָדער מאַכט זיך נישט וויסנדיק פון אָט די אַלע עפּאָכעס און פעריאָדן. אויב היפּשע טעלעכע יידישע פּאָעטן, אַ שטייגער, זאָגן שוין היפּשע טעלעכע יאָר — און זאָגן מיט האַרץ — קינות אויפן חורבן, אויפן „דריטן חורבן״, איז עס נישט דערפאַר, וואָס ס׳איז עת לבכות, — עפּעס אַ „חיי אָדם״ הייסט זיי אַלעמען זיך זעצן אויף דער ערד און זאָגן איכה. די, וואָס טוען עס נאָר דערפאַר, ווייל אין עפּעס אַ לוח שטייט אַזוי זיינען, פאַרשטייט זיך, קנאַפּע אויפטוערס. די אמתע ווערטן פון אונדזער חורבן־ליטעראַטור האָבן געשאַפן און שאַפן נישט אַזוינע, וואָס האָבן אויסגעפירט עמעצענס אַ שליחות, נאָר יעדער פון די, וואָס זאָגן קינות איז עס געווען זיין אייגענע מיסיע, דאָס געבאָט פון זיין האַרצן; יעדער פון די וואָס האָט אַנדערש נישט געקאָנט און קאָן נישט אַנדערש, ווי זוכן דעם זין און אומזין פון דעם טויט, פון די טויטן אין טרעבלינקע און פון דעם לעבן בלייבן פון די אַלע, וואָס אין טרעבלינקע זיינען זיי נישט געווען. אָבער איך קאָן זיך זייער גוט פאָרשטעלן אַ יידישן שרייבער, וואָס אַז עס קומט צו דער חורבן־טעמאַטיק (חורבן־טעמאַטיק! ווי טעמפּ די שפּראַך קאָן אַ מאָל זיין!) — זאָל ער דווקא צוליב זיין באַזונדערער פיינפיליקייט — אנשטאט „איך קאָן נישט שוויגן״, — זאָגן: „איך קאָן נישט רירן! איך מוז זיין שטום!״ דאָס איז זיין אָפּרוף אויף די צייט־געשעענישן! ובכן, אַפילו דעמאָלט, ווען עס דאַכט זיך, אַז שיר נישט די גאַנצע ליטעראַטור פון דער עפּאָכע שטייט מיטן פּנים צו איין זייט, צו איין פּונקט, — זאָגן מיר, צו די קרעמאַטאָריעס — שטייט און דאַוונט און וויינט בציבור, — אַפילו דאַן

קאָנען און מעגן זיך געפינען יחידים, שעפערישע יחידים, וואָס יעדער פון זיי זאָל שטיין אין זיין באַזונדערן ווינקל און דאַווענען ביחידות.

אַן אמתער שרייבער קוקט נישט — און דאַרף נישט קוקן — אויפן זייגער פון זיין צייט, אויך נישט אויפן „נאַציאָנאַלן" זייגער. — שוין דערפאַר אַליין דאַרף ער אויף אים נישט קוקן, ווייל נישט ביי אַלעמען איז די זעלביקע צייט־רעכע־נונג. אויף דער פראַגע: וויפל איז דער זייגער? ענטפערט מען אין מאָסקווע אַנדערש ווי אין לאָנדאָן און אין לאָנדאָן נישט פונקט אַזוי, ווי אין וואַשינגטאָן. אי דאָ, אי דאָרטן קאָן, אגב, טרעפן, אַז דער גרויסער ווייזער זאָל — נישט צופעליק — זיך פאַרטשעפען אָן דעם שעהיקן ווייזער — און פלוצלינג אים אַ רוק־טאָן — פאַרויס אָדער אויף צוריק — ווער ווייס? ניין, אַ שרייבער דאַרף זיך נישט פאַר־לאָזן אויף דעם טיק־טאַק פון די זייגערס, וואָס אַלערליי זייגער־ און עפּאָכע־מאַכערס רוקן אים אונטער, כאָטש ער הערט געוויס ווי עס קלאַפּט דער דופק פון דער געשיכטע...

קיין לאָזונג, קיין פליכט, קיין שליחות קאָן נישט באַפרייען די ליטעראַטור פון איר נאַטירלעכער פונקציאָנירונג, — דער פונקציאָנירונג, וואָס באַשטייט אין אַרויסכישופן פון דער ווישטאָף אַ לעבן, וואָס איז גאַנצער, פולער, זינ־פולער און אויסדרוקפולער, ווי דער לעבנס־מאַטעריאַל, וואָס זי ניצט...

6. „משיחיסטישע קריטיק"

א.

דער אויספיר וואָס צו אים זיינען מיר געקומען, איז ביז דאָ נישט לאַנג נאָך געווען כמעט זעלבסטפאַרשטענדלעך. אין די לעצטע פאָר צענדלינג יאָר איז עס פאַר אַ סך פון אונדזערע ליטעראַטור־אידעאָלאָגן געוואָרן כמעט אומפאַרשטענד־לעך. האָבנדיק יעדערער זיינע אייגענע — נאַציאָנאַל־רעליגיעזע אָדער נאַציאָנאַל־פּאָליטישע — כוונות, שטעלן זיי אַלע דער ליטעראַטור און דער ליטעראַטור־קריטיק אין צענטראַלע אויפגאַבע: די ערלעכע אויספירונג פון דעם פאָלקס היס־טאָרישן ווילן, די פולע קריסטאַליזירונג פון זיין „ליבע און בענקשאַפט" אין דער געגעבענער תקופה.

נישט נאָר מנחם באָריישאָ, א. גאָלאָמב אָדער י. ראַפּאָפּאָרט, אויך ב. ריווקין מיט זיינע גענעראַליזאַציעס, ווען אַפילו נישט אַלע מאָל מיט זיינע קאָנקרעטע (אָפט ברילאַנטענע) אָפּשאַצונגען, — האָט געמאַכט דעם איינדרוק אַז דער אויס־גאַנג־פונקט און דער ענדציל פון וואָרט־קונסט ליגט נישט אין איר אינעווייניק, נאָר אין עפּעס אַ דרויסנדיקן קאָלעקטיוון ווילן, וואָס רייסט זיך אַרויסצוגיין (און וואָס זי דאַרף אים העלפן אַרויסגיין) מכח אל הפועל. די מאַכט הינטער דעם פּאָעטס טראָן איז נישט זיין אינדיווידועלער ווילן, — נישט זיין אייגענע שעפע־רישע וויזיע, נאָר דער ווילן און די וויזיע פון עפּעס אַ דרויסנדיקער קאָלעקטיווי־טעט. אין איר געמיט דאַרף דער פּאָעט „זיך אַריינריידן", איר געפיל דאַרף ער „דערריידן". אין איין פאַל איז עס די יידישע יוגנט, וואָס די פּאָעטישע קונסט

דאַרף ווערן איר מויל, אין אַ צווייטן פֿאַל איז עס דאָס גאַנצע ייִדישע פֿאָלק. עס זוכט אַ טעריטאָריע אָדער אַ „כמו־טעריטאָריע“, — דאַרף אים די ייִדישע ליטע־ראַטור זי צושטעלן...

יאָ, דער תמצית פֿון דעם פֿאַרשטאַרבענעם, העכסט טאַלאַנטפֿולן, כאָטש אַ היפּש ביסל רעטאָרישן קריטיקערס ליטעראַטור־פֿילאָסאָפֿיע, נאָך דעם ווי מען שיילט זי אויס פֿון די אַלע בלישטשנדיקע שאָלעכצן, אין וועלכע ער האָט זי פֿאַרוויקלט, — דער תמצית איז ביי אים ביי דער זעלביקער, וואָס ביי די פֿריִער דערמאָנטע שרייבערס און קריטיקערס: דאָס פֿאָלק איז דער שטומער באַשטעלער פֿון דער ליטעראַטור, — און דער דאָזיקער באַשטעלער איז תמיד גערעכט. זי טאָר זיך מיט אים נישט קריגן, זי מוז אים שפּעריש נאָכגעבן. בלויז אים נאָכ־געבנדיק קאָן זי אים עפּעס געבן...

אָט האָט אונדזער פֿאָלק זיין אמונה און — לויט איינעם פֿון ריווקינס פֿיינע שפּראַכלעכע איינפֿאַלן — קאָן זי „אַריינזעען גאָט אין אַ ליידיקן מידבר“ *). און אויב זי קען עס — פֿאַר וואָס זאָל עס אונדזער ליטעראַטור נישט קענען? אונדז פֿעלט די תמימות פֿון דעם גלייביקן? אָבער דאָס — האָט ריווקין גערעכנט — איז קיין שטער נישט. האָבן מיר נישט קיין תמימות, — האָבן מיר חכמה און כישוף פֿון קינסטלערישן וואָרט, האָבן מיר די פֿעיִקייט פֿון „מענטש־שאַפֿונג“, אָט „די ייִדישע גרונט־פֿעיִקייט אַרויסצוגעבן פֿון זיך מוסטער־געשטאַלטן און צו האַנדלען, פֿאַרקוקנדיק זיך אויף זיי **).

איז עס באמת טאַקע, פֿרעגן מיר, אַ ספּעציפֿיש־ייִדישער כשרון? האָבן נישט די אומות העולם זייערע אייגענע „מוסטער־געשטאַלטן“ — זייערע אייגענע העלדן און הייליקע? אלא וואָס דען, וועט מען זאָגן, — זיי האַנדלען נישט, פֿאַרקוקנדיק זיך אויף זיי? נו, און מיר ייִדן גייען עס אַלע מאָל אין די פֿוסטריט פֿון אונדזערע מוסטער־געשטאַלטן?

דער פֿאַרשטאָרבענער ענטוזיאַסט פֿון „מענטש־שאַפֿונג“ און „געשטאַלט־גע־בונג“ האָט, אַזוי ווי אַ סך אַנדערע נישט געהאַט ליב צו שטעלן אַזוינע פֿראַגעס. פֿאַר זיינע טעאָריעס האָט זיך בעסער געפּאַסט צו גלייבן אַז מיר זיינען אַן אויסנאַם־פֿאָלק אין אַלע פּרטים. און לויט זיין מיינונג זיינען מיר אַן אויסנעם אויך אין דעם פּרט, וואָס מיר האָבן גאָר אַ באַזונדערן טאַלאַנט פֿאַר „ירושה־פֿאַרוואַנדלונג“, ווי ער האָט עס אָנגערופֿן. קענען מיר, הייסט עס, לייכט איבערזעצן די פּסיכישע כוחות, וואָס אונדזער אמונה האָט אין משך פֿון דורות אין אונדז אָנגעזאַמלט, — אויף דער שפּראַך פֿון ליטעראַטור, פֿון קונסט, — און אונדזער נייע ליטעראַטור קאָן פֿאַרנעמען אויף אַזאַ אופֿן דאָס אָרט פֿון אונדזער אַמאָליקן רעליגיעזן גלויבן, ווערן זיין יורשטע. פֿאַרוואָס נישט? אויב זי קען ווערן אַ „כמו־טעריטאָריע“, פֿאַר־וואָס זאָל זי נישט ווערן אויך אַ „כמו־רעליגיע“?

מיט דעם גאַנצן אימפּעט און מיט דער גאַנצער אומגעהייערער באַריידעוו־דיקייט פֿון זיין פּען, — פֿון זיין פּען, וואָס איז געווען אַלץ מער אימפּעטיק און אַלץ מער באַריידעוודיק, וואָס מער שטאַמלדיק ער איז געווען מיט זיין מויל, — האָט זיך ריווקין געפּלייסט אַריינצוזען, ווינציקסטנס, אַריינצוריידן, אויב נישט

---

*) אַ גלויבן פֿאַר אומגלייביקע, ז׳ 222.

**) „גרונט טענדענצן פֿון דער ייִד׳ ליטעראַטור“, ניו־יאָרק, 1948, ז׳ 211.

גאָט, איז גלויבן — אין דער ליידיקייט פון אַ מידבר. ער האָט פאַרגעסן אַז דער מידבר, אין וועלכן דאָס ייִדישע פאָלק האָט אַמאָל אַריינגעזען גאָט, איז — ווינ־ציקסטנס פאַר יענע ייִדן — נישט געווען אין גאַנצן ליידיק: דאָרט איז געווען דער סנה, דער דאָרן וואָס האָט געברענט און איז נישט פאַרברענט געוואָרן; דאָרט איז געווען דער באַרג סיני, וואָס האָט געברענט אין פייער, געדונערט און געבליצט, און אויף דעם „קליינעם באַרג" איז געווען דער גרויסער און שטראַלנדיקער משה... ריווקין האָט געגלייבט, אַז יעדער שעפערישער מענטש און אַז, פריִער פאַר אַלץ, ער אַליין האָט אין זיך עפּעס אַ ניצוץ פון סיניס פלאַמפייערדיקייט און פון משהס שטראַלנדיקייט. און מיט דעם גאַנצן ברען פון זיין — אָפט מאָל באמת־ עקס־טאַטישן וואָרט, מיט דעם נישט־מיד־ווערנדיקן כוח פון זיין פענס צעהיצטע ענטוזיאַזמען האָט ער געפּרוווט אַריבערשפּרייזן איבער אַלערליי תהומות — אויך איבערן תהום, וואָס ליגט צווישן זיינע אייגענע צוויי גרונט־טעזיסן — דעם טעזיס, אַז די שעפערישע פערזענלעכקייט איז נישט מער ווי אַן אינסטרומענט פונעם פאָלקס קיום און אויסדויער, פון איין זייט, און זיין גרונט־געדאַנק, אַז זי, די קרעאַטיווע אינדיווידואַליטעט, קאָן, פון דער אַנדערער זייט, איבערשאַפן דאָס פאָלק אין איר אייגענעם פורעם און לויט איר אייגענער געשטאַלט — מיט איר „געשטאַלט־געבונג"...

„געשטאַלט־געבונג", „מענטש־שאַפונג" איז, לויט ב. ריווקינען, נישט בלויז די פונקציע און די פעיִקייט פון ליטעראַטור; דאָס איז מער נאָך די עובדאָ און די שליחות פון דער „ליטעראַטור־פאַרוואַלטונג" — דער קריטיק.

אַזוי ווי די קונסט בכלל און די וואָרט־קונסט בפרט איז נישט, לויט ריווקינען, אַ וועלט, וואָס שאַפט אירע אייגענע, אינטענסיווע און באַדייטונגפולע רעאַליטעטן, נאָר וואָס דען? זי שאַפט איבער (אָדער דאַרף איבערשאַפן) די אַרומיקע ווירקלעכקייט — פון וואָרט כישופט זי אַרויס טאַט — אַזוי איז די אויפגאַבע פון דער ליטעראַטור־קריטיק צו געשטאַלטיקן די ליטעראַטור — אָנצייכענען פאַר איר פּלענער, שרייבן פאַר איר רעצעפּטן, באַזאָרגן זי מיט שפּייז און מיט אַלע נייטיקע וויטאַמינען...

ב.

וואָס איז געווען ריווקינס אייגענער פלאַן פאַר דער ייִדישער ליטעראַטור פון אונדזער צייט? וואָס איז געווען דער באַטעמטסטער וויטאַמין, וואָס ער האָט פאַר איר צוגעגרייט?

משיחיזם.

„משיחיש" איז די ייִדישע ליטעראַטור סיי־ווי, אָבער איר „פאַרוואַלטונג", די קריטיק, האָט זי געדאַרפט מאַכן, ווי מען זאָגט אויף ענגליש, „משיח"־באַוווסט־זיניק...

וואָס האָט דאָס געמיינט פאַקטיש און קאָנקרעט?

אויף דער פראַגע איז נישט אַזוי לייכט צו ענטפערן. ביי זיין גאַנצער עלאָקווענץ, ביי אַלע זיינע שפּראַכלעכע פעיִקייטן, האָט ב. ריווקין נישט באַוויזן אונדז צו געבן קיין קלאָרע און באַשטימטע דעפיניציעס. כמעט אַלע זיינע אַלטע און ניי־געשאַפענע טערמינען זיינען אַזוי צעשווומען, אַזוי מטושטש אַז אָט האָבן זיי איין

מיין און אַט אַן אַנדערן. און אַ מאָל טרעפט, אַז מען ווייסט בכלל נישט וואָס זיי מיינען... וואָס מיינט ריוווקינס „משיחיזם"? אין פלוג איז משיחיזם אידענטיש מיט דעם דראַנג צו אויסלייזונג, מיט דעם גלויבן אין גאולה. אָבער ריוווקין באַנוגנט זיך מיט ווינציקער. אַזוי ווי רעליגיע איז ביי אים לאו דווקא — עס איז רעכט „כמו־רעליגיע"; אַזוי ווי אַ „כמו־טעריטאָריע" איז פאַר אים שוין אַ טעריטאָריע, ווערט משיחיזם ביי אים אויך זייער לייכט רעדוצירט צו „כמו־משיחיזם". איז ביי אים רעכט צו זען אין דעם עפּיזאָדישן וואַלד־צדיק פון י. אָפּאַטאָשוס ראָמאַן „טענצערין" אַ „משולח של מעלה", וואָס האָט אין זיך סימנים פון אַ „טעריטאָריע של מעלה" — סימנים, וואָס ווייזן, אַז די יידישע ליטעראַטור (שוין נישט נאָר אָפּאַטאָשו אַליין — די גאַנצע יידישע ליטעראַטור — ש. נ.) אין אַמעריקע „גייט אויפן טראַקט פון „כמו־טעריטאָריע" צו „במקום־רעליגיע" און נאָך ווייטער: צו קינסטלערישן עקוויוואַלענט פון רעליגיע"...*)

דער הויפּט־העלד אין איגנאַטאָװס ראָמאַן „אין קעסלגרוב" איז, פּראָסט־פּשוט, „בבחינת אויסלייזער"**). היינט ווער רעדט נאָך פּרצעס ר' שלמה פון דער „גאָלדענער קייט", וואָס רעדט בפירוש וועגן וועלט־דערלייזונג, — ער איז דאָך געוויס שוין „אַן אָנגעצילעװעטער משיח־ווונק"***. און ווען אַנדערע שרייבערס מאַכן משיחן אַליין (מעג עס זיין אַפילו אַ משיח שקר) פאַר דעם הויפּט־העלד פון זייערע דראַמעס — דאַן קאָן שוין ריוווקין, פּשוט, קאָנסטאַטירן אַ פאַקט: „משיח־דראַמעס" האָבן זיך גענומען מערן, אָנזאָגנדיק משיחס־צייטן****). און עס מאַכט נישט אויס, וואָס די דראַמעס גופא האָבן דאָס רוב גאָר „אָנגעזאָגט", אַז משיח איז נישט געקומען, אַבי משיח איז (אין אינהאַלט־פאַרצייכעניש) פאַראַן צווישן די דראַמאַטיס פּערסאָנע... ריוווקינס משיח קומט צו רייטן נישט אויף אַן אייזעלע, נאָר אויף אַ „געשטאַלט פון געשטאַלט־געבער" און ס'איז ביי אים נישט קיין תוכיקער אונטערשייד, פון וואַנען „די געשטאַלט" נעמט זיך — „פון די אַלט־היימישע דעקאָראַטיווע משיח־דראַמען פון ספר אַרויס", צי פון דעם שרייבערס געמיט, ווי ביי ה. לייוויקן, וואָס נעמט זיין „משיח־געשטאַלט פון זיך אַרויס, פון די געבורטווייען פון דער געשטאַלט אין אים, דעם פּאָעט, גופא". אַלץ איינס קאָן ריוווקין ווערן אַן אליהו הנביא און ברענגען די בשורה, אַז „גראָד אין אַמעריקע האָט די יידישע ליטעראַטור זיך גענומען משיחיזירן"*****).

דער פאַקט וואָס ה. לייוויק האָט נאָך אין מינסקער טורמע, אין 1908 אָנגעשריבן אַ דראַמאַטישע פּאָעמע „די קייטן פון משיח", אָדער דער פאַקט, וואָס אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל האָט ריוווקין אַליין געלאָזט פּרצעס ר' שלמהן, ווייט נישט קיין אַמעריקאַנער גוטן־יידן, „אָנזאָגן משיחס צייטן", — איז נישט מער ווי אַ פאַקט, — און מיט טרוקענע פאַקטן האָט זיך אונדזער קריטיקער־עקסטאַטיקער נישט אַלע מאָל גערעכנט. ער האָט זיך גערעכנט מיט זיי נאָר דאַן, ווען ער האָט זיי געקאָנט „אויפשפּילן"...

---

* דאָרט, ז' 174.

** דאָרט, ז' 176.

*** דאָרט, ז' 260.

**** דאָרט.

***** דאָרט, 267.

אין קיין זאַך האָט אונדזער גלייביקער־אומגלייביקער (און אומגלייבלעכער) קריטיקער נישט אַזוי שטאַרק געגלייבט, ווי אין „שפיל" (איינגעשלאָסן וואָרט־שפיל) און אין „אויפשפילונג". („יאָ", לייענען מיר ביי אים אויף ז' 272, „אויך רעליגיע איז שפיל. יעדע אָנשעפונג פון רוח־הקודש איז שפיל; אַ וואַגונג און צוטרוי, אַ ריזיקע, אַ גלויבנסאַקט, אויפגעשפילטער גלויבן". אויך „משיחיזם", זיין גרונט־טענדענץ, איז פאַר אים עפעס אַזוינס וואָס אָנשעפנדיק זיך מיט רוח־הקודש, קאָן מען עס „אויפשפילן" — און עס מאַכט נישט אויס אויף וואָס פאַר אַן אינסטרומענט און ביי וואָס פאַר אַן אַקאָמפּאַנימענט.

ב. ריוואָקינס „משיחיסטישע" ליטעראַטור־קריטיק איז, ניצנדיק זיינע אייגענע ווערטער, „אַ דערנענטערונג צו דעם מעטאָד פון רעליגיע, וועלכע איז קונסט אין דירעקטער אָנווענדונג אויפן לעבעדיקן לעבן". צוויי לענדער, לייענען מיר ווייטער, גיבן אונדז ביישפילן: סאָוועט־רוסלאַנד און, להבדיל אלף הבדלות, נאַצי־דייטשלאַנד, וווּ ליטעראַטור איז דירעקט אַרויפגעשפילט געוואָרן אויף געזעלשאַפטלעכער בויונג מיט גרויס עפעקט. ווען די יידישע ליטעראַטור וועט אַרויפשפילן דערלייזערישע געשטאַלט־געבונג אויף געזעלשאַפטלעכער בויונג, וועט דער עפעקט זיין נאָך אַ גרעסערער" *).

„דערלייזערישע געשטאַלט־געבונג" אָדער „משיחיזם" ווערט, אין לעצטן סך־הכל, רעדוצירט צו דער ליטעראַטור־טעאָריע און ליטעראַטור־פראַקטיק פון „סאָוועט־רוסלאַנד און, להבדיל אלף הבדלות נאַצי־דייטשלאַנד". דאָס איז די טעאָריע (און די פראַקטיק) פון „אַרויפשפילן ליטעראַטור אויף געזעלשאַפטלעכער בויונג" אָדער מיט אַנדערע, ווינציקער „אַרויפגעשפילטע" ווערטער, די טעאָריע, וואָס דערקלערט, אַז דאָס ציל איז געזעלשאַפטלעכע (היטלעריסטישע, סטאַליניסטישע אָדער, להבדיל אלף הבדלות, יידיש־דערלייזערישע, — „משיחיסטישע") בויונג; ליטעראַטור איז בלויז אַ מיטל — אַ „געשטאַלט־געבעריש", אַ „מענטש־שאַפנדיק" מיטל, דאָך — בלויז אַ מיטל.

נאָך די אַלע „געשטאַלט־פסיכאָלאָגישע", כמו־וויסנשאַפטלעכע, כמו־רעליגיעזע, כמו־משיחיסטישע ריידערייען קומען מיר צו דעם פרימיטיוויזם פון די אַלטע קונסט־פאַרלייקענערס און די נייע קונסט־פאַרגוואַלדיקערס. זיי אַלע האָבן זיך נישט געשעמט און שעמען זיך נישט איבערצולאָזן פאַר דער ליטעראַטור נאָר איינע פון אירע עלעמענטאַרסטע פונקציעס: די פונקציע פון אַגיטאַציע און פראָפאַגאַנדע.

ווען מיר איז ענדגילטיק קלאָר געוואָרן די קריטישע נאַקעטקייט פון אָט דעם קיניג פון פאַרוויקלטער, פאַרנעפלטער פראַזעאָלאָגיע, בין איך אַליין געווען פאַרחידושט. ס'טייטש, אַזוי פיל און אַזוינע נייע „שעפערישע" הנחות — און אַזאַ טריוויאַלער שלום! ווי איז עס מעגלעך?

די קשיה איז נאָך האַרבער געוואָרן, ווען איך האָב זיך דערמאָנט ווי שטאַרק די חסידים פון דער „משיחיסטישער" קריטיק האָבן זיך איבערגענומען מיט דער אָריגינאַליטעט פון איר ליטעראַטור־פילאָסאָפיע אין איר ניי־געבאַקענער טערמינאָלאָגיע: האָבן זיי דאָך זי אָפט אַזוי אַנטקעגנגעשטעלט דער „אימיטאַציע־קרי־

*) דאָרט, ז' 281, אויך 261.

טיק", „דער קריטיק וואָס האָט קיין טערמין נישט צוגעטראַכט, וואָס זאָל באַצייכענען די גרונט־שיטה, וואָס פרעסט זיך דורך דער ייִדישער ליטעראַטור" *). האָבן זיי דאָך אַזוי שטאָלצירט מיטן קענען צוטראַכטן טערמינען און אויסטראַכטן כמו־טערמינען. זיי האָבן געכאַפּט — און כאַפּן — אַזעלכע התפּעלותן פון אירע אויפגעשפּילטע רייד און צעשפּילטע עקסטאַזן; זאָל פון אָט דעם גאַנצן באַרג מיט — אָפּט גאַנץ געלונגענע — ווערטער און ווערטלעך זיך אויסלאָזן אַ פלאַך טייכל פון — ליטעראַטור, ווי אַ מאַרש פאַר אַזאַ אָדער אַן אַנדערער קאַמפּס־אַרמיי? ווי קאָן עס געמאָלט זיין?

האָב איך נאָך אַ מאָל איבערגעלייענט אַלע וואַריאַציעס פון ב. ריווקינס ליטעראַטור־קריטישן קרעדאָ און האָב זיך גאָר באַזונדערס פאַרטיפט אין אַזאַ אַרבעט זיינער ווי „דאָס ליד וואָס ווערט גלייך מקוים" — און (כ'האָב זיך נישט געקאָנט העלפן) — כ'האָב געמוזט בלייבן ביי דעם פריִער געמאַכטן אויספיר. וואָס ב. ריווקין זאָל נישט האָבן געמיינט מיט אַזעלכע אויסדריקן, ווי „נביאישער גאַנג" אָדער „דאָס ליד, וואָס ווערט גלייך מקוים", — פאַקטיש האָט זיין כמו־קאָמפּליצירטע דיאַלעקטיק געפירט צו אַ הכשר אויף דעם — לחלוטין נישט נביאישן — גאַנג פון דער פּראָלעטאַרישער ליטעראַטור מינוס אירע צוואַנג־מיטלען. פאַקטיש האָט ב. ריווקין אַליין נישט געקאָנט מאַכן קיין אַנדערן אויספיר, ווי — אַז „דאָס ליד זאָל אים (דעם לייענער־עולם) אָניאָגן אויף דער פּאָזיציע, וווּ ער שטייט — אין פראָנט פון אַ זיך אָנרוקנדיקער וועלט־סכנה; עס זאָל אים אָנלאָדן, באַוואָפנען צום וועלט־געראַנגל, ווו ער פאַרנעמט אַזאַ געפערלעך אָרט" **). פאַקטיש איז זיין ציל געווען נישט דאָס קינסטלעריש־שעפערישע וואָרט, וואָס איז, ווי יעדער אויסדרוק פון קונסט, אַליין פאַר זיך אַ טאַט, אַן אינעווייניקסטע געשעעניש, כאָטש זי האָט און קאָן האָבן אַ גרויסע שייכות אויך צו אַנדערע, דרויסנדיקע, טאַטן און געשעענישן, — נאָר עפּעס אַ מין שפּרונג־ (אָדער אָפּשפּרונג־) וואָרט — „דאָס מאַגישע ליד, וואָס מאַכט תיכף ומיד דאָס וואָרט צו טאַט" ***). אין בעסטן פאַל האָט ער געשטרעבט צו אַ ליטעראַטור, וואָס לויט אירע צילן, אויב נישט לויט אירע מעטאָדן און מיטלען, זאָל זי זיין ענלעך צו דער מוסר־ליטעראַטור, צום מוסר־ספר, וואָס זוכט דערהויפּט צו ווירקן אויפן מענטשנס מעשים, אויף זיין אויפפירונג, בעת די באַרייכערונג און די אויסאיידלונג פון זיין אינעווייניקסטן לעבן איז אַ בייזאַך.

דאָס איז, לויט מיין איינדרוק, דער סך־הכל פון דער משיחיסטישער ליטעראַטור־פילאָסאָפיע. און אויב ס'איז אַ צו־מאַגערער און אַ צו־טריוויאַלער תמצית, איז עס נישט מיין שולד. ווי דער לעזער זעט, בין איך זיך סומך, ווי ווייט מעגלעך, אויף ריווקינס אייגענע רייד. אָבער — אפשר פאַרשטיי איך זיי נישט ריכטיק? קוק איך אַריין אין „אַ פאָר אַריינפירנדיקע ווערטער" צו „אַ גלויבן פאַר אומגלייביקע" — פון אבא גאָרדין, דעם ייִדיש־העברעיִשן אַנאַרכיסטיש־טעאָלאָגישן פאָרשער, סאָציאָלאָג, עקאָנאָמיסט, ליטעראַטור־קריטיקער אאַז"וו. ער האָט די דאָזיקע זאַמלונג עסייען פון ב. ריווקין רעדאַקטירט, און צו זיין בוך „ייִדישע דיכטער אין

*) ז' 214.
**) ייִדישע דיכטער אין אַמעריקע, ניו־יאָרק, 1947, ז' 24.
***) דאָרט, ז' 32.

אַמעריקע" האָט ער געשריבן אַ באַגייסטערטן ביאָגראַפיש־קריטישן אַריינפיר. איז ער זיכער פריי פון פאָראורטיילן אָדער פניות. דאָך שרייבט ער אין זיינע דער־מאָנטע „אַ פּאָר אַריינפירנדיקע ווערטער": „יידישע ליטעראַטור־שאַפונג איז ביי אים, ביי ב. ריווקינען, געווען אַן עבודה. ער האָט זיך געקריגט מיט די, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז די אויפגאַבע פון בעלעטריסטיק איז — צו אַמוזירן. ער האָט גע־לערנט אַז „זי דאַרף דעם יידישן לייענער מדריך זיין"... (ווי דער לעזער זעט — כמעט דער אייגענער פשט, וואָס איך לערן אין ריווקינס ליטעראַטור־קריטיק)... „אָבער מיט וועלכע מיטלען? ווי אַזוי?" — פרעגט אבא גאָרדין. און זיין ענטפער איז: „דורך שאַפן העלדישע געשטאַלטן וואָס וועלן דינען ווי מוסטערן פון עטישן, העראָישן אויפפיר". הייסט עס, דאָס אייגענע, וואָס די פּראָלעטאַרישע קריטיק פאָ־דערט פון שרייבער; דאָס אייגענע, וואָס יעדע קעמפערישע און יעדע דידאַקטישע קריטיק פאַרלאַנגט פון ליטעראַטור.

אמת, זיי ניצן נישט ריווקינס „גרויס־תכליתדיקע", „מענטש־שאַפנדיקע", „געשטאַלט־געבנדיקע" טערמינאָלאָגיע, און אבא גאָרדין האָט, אַזוי ווי איך, אפשר צופיל פאַראיינפאַכט דעם ריווקיניזם. זיין אייגענע טבע איז — צו נעמען איינפאַכע, עלעמענטאַרע זאַכן — און זיי אַ ביסל „אויפשפּילן", צעבלאָזן, צעפלאַקערן. אָבער אויב דאָס זאָל זיין פאַראיינפאַכונג, האָט ב. ריווקין ע"ה געקראָגן מדה כנגד מדה, ווייל ער איז געווען דער ערשטער צו סימפּליפיצירן זיינע קעגנערס מיינונגען. דערביי האָט זיין פאַראיינפאַכונג נישט איין מאָל זיך געגרענעצט מיט פאַרקריפּ־לונג... אַט ווי ער האָט כאַראַקטעריזירט די קונסט, ווי עס זאָל זי האָבן פאַרשטאַ־נען ד"ר חיים זשיטלאָווסקי „און אַנדערע אימיטאַציע־קריטיקערס": דאָס איז „די קונסט", האָט ער איבערגעזאָגט מיט זיינע ווערטער די חכמה פון דער מאַרקסיס־טיש־לעניניסטישער קריטיק; דאָס איז „די קונסט פון ווילטאָג־פעלקער וואָס פאַר־מאָגן ספּעציעלע ווילטאָג־קלאַסן — קיניגן און פּריצים און גבירים־אדירים, וועלכע (וואָס) אין געיעג נאָך מער ווילטאָג, האָבן זיי געמאַכט די קונסט פאַר זייער אייגענער משרתטע — פאַר אַ ווילטאָג און גענוס־צושטעלערין. אַ רשע וויל אויך האָבן דעם גענוס פון אַ האָרעלע ווי אַ צדיק. זייער קונסט איז עבודה־זרה צו אַ קורטיזאַנע אַאַז"וו, צו באַפרידיקן פּריצישע תאוה..." *). איז דאָס באמת די נישט־יידישע און די יידיש־„אימיטאַטאָרישע" קונסט? און דאָס אַלץ, וואָס מען קאָן געפינען אין די „פּריצישע" ווערק פון פּושקין, טאָלסטאָי אָדער גערצען? איז דאָס די גאַנצע ירושה פון אַלע נישט־יידישע ליטעראַטורן אין אַזיע און אייראָפּע? אָבער — פאַרפאַלן — דאָס איז דער קורצער אויספיר, וואָס מען מוז מאַכן פון ב. ריווקינס לאַנגע דערקלערונגען. מעגלעך, אַז עס איז אַ סימפּליצירטע סומירונג, אָבער — קיין פאַרקריפּלונג איז עס נישט... און דאָך טראָגט עס אַזאַ געהויבענעם נאָמען ווי „משיחיזם".

בין איך אפשר גערעכט געווען, ווען איך האָב גאָר אין אָנהייב געזאָגט, אַז „נאַציאָנאַל־עטישע קריטיק" אין אירע פאַרשיידנסטע פאָרמען האָט די „סאָציאַל־עטישע" קריטיק „נאַציאָנאַליזירט" און פאַרקריפּלט?

---

*) „גרונטטענדענצן...", ז' 273.

7. קולטור-קריטיק און קונסט-קריטיק
(געאָרג בראַנדעס)

א.

קולטור-קריטיק, אַזוי ווי סאָציאַל-עטישע קריטיק, זוכט צו פאַרבינדן דאָס שאַפן פון אַ יחיד אָדער אַ גאַנצן דור מיט „דער ווירקלעכקייט און די אידעאַלן" פון דער צייט. דאָך זיינען קולטור-קריטיקערס און סאָציאַל-עטישע קריטיקערס נישט איין קאַטעגאָריע. פאַר די לעצטע זיינען „די ווירקלעכקייט און די אידעאַלן" אַ מאָס, מיט וועלכער זיי מעסטן דעם ווערט פון דער ליטעראַטור; פאַר די ערשטע — בלויז אַ מעטאָד צו באַשטימען איר כאַראַקטער און זי איינצופאַסן אין דער ברייטער ראַם פונעם קולטור-לעבן. אַ מוסטער פון אַט דעם מין קריטיק איז געאָרג בראַנדעס'עס „די הויפּט-שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון 19טן יאָר-הונדערט" און צום טייל זיינע ביכער וועגן לאַסאַל, ניטשע און איבסען. זיי זיינען אַריין אין דער פופצן-בענדיקער יידישער אויסגאַבע פון בראַנדעס'עס ווערק *).

זיי זיינען מער (אָדער עפּעס אַנדערש) ווי געווייינטלעכע ליטעראַטור-קריטיק און אויך מער ווי די געשיכטע פון איינציקע גרויסע פערזענלעכקייטן. דאָס איז די געשיכטע פון אידייען, געפילן, מינהגים — פון אַזוינע וואָס זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַ שולע, אַ דור, אַ תקופה, נישט נאָר פאַר איינציקע שרייבערס. מיט דער פאַרעם פון ליטעראַרישן שאַפן, מיט דער אַנטוויקלונג פון סטיל און אַנדערע עסטעטישע פראַגעס, גיט זיך בראַנדעס אויך אָפּ; אָבער דאָס איז ביי אים נישט דער עיקר אין די דערמאָנטע ווערק. „די ליטעראַטור פון אַ פאָלק, ווען זי איז פולשטענדיק — זאָגט ער אין ערשטן קאַפּיטל פון „די הויפּט-שטרעמונגען" — שטעלט מיט זיך פאָר די גאַנצע געשיכטע פון זיינע „אַנשויונגען און געפילן". און אַט די „אַנשויונגען און געפילן", נישט דער אופן פון זייער אויסדרוק, איז דאָס וואָס ער זוכט פריִער פאַר אַלץ, אין דער ליטעראַטור פון אַ תקופה, אין די הויפּטווערק פון אַ דור, ווי אויך אין די שאַפונגען פון אַן איינציקן שרייבער. פאַר אים איז ליטעראַטור אי אַ ציל פאַר זיך אַליין, אי אַ רעזולטאַט, אַ סך-הכל פון סאָציאַל-עטישע דערשיינונגען. אויב ער גיט זיך אָפּ מיט ליטעראַטור און נישט דירעקט מיטן לעבן, איז עס נאָר דערפאַר, וואָס די ערשטע איז כולל אין זיך אויך דאָס צווייטע. זי איז, לויט זיין מיינונג, דער מיטלפונקט, דער קנופּ, ווו עס קומען זיך צונויף אַלע פעדים פון לעבן, אַלע דראָטן פון יענער פילפאַכיקער נעץ, וואָס הייסט קולטור. „די הויפּט-שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון נייַנצנטן יאָרהונדערט" גיבן אונדז פאַקטיש אַ בילד פון די הויפּט-שטרעמונגען אין דער קולטור פון נייַנצנטן יאָרהונדערט.

דאָס הייסט נישט, אַז די איינציקע פערזענלעכקייטן, די לעבעדיקע טרעגערס פון די הויפּט-שטרעמונגען אין דער קולטור, עקסיסטירן נישט פאַר בראַנדעסן.

---

*) פאַרלאַג מאַקס מייזעל, ניו-יאָרק.

ניין, אָריגינעלע שאַפּנדיקע גייסטער ווערן פון אים נישט נאָר נישט אַוועקגעמאַכט אונטערן האַנט, נאָר, פאַרקערט, ער גיט זיי אָפּ אַן אָרט אויבן אָן, זיי פאַרכאַפּן מער ווי אַלץ זיין פאָרשנדיקע אויפמערקזאַמקייט. האָט ער דאָך דער ערשטער מיט גרויס באַגייסטערונג געשריבן וועגן ניטשען, כאָטש ער האָט מיט פיל ניטשעאַנישע אידייען נישט איינגעשטימט. איז ער דאָך געווען דער, וואָס האָט באַרימט געמאַכט איבסענען. און בכלל איז פאַר אים די אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט, נאָך דעם אידעאַל פון פריַיהייט, דער העכסטער ווערט. דער פריישאַפנדיקער גייסט, דער גרויסער פּרט, איז פאַר אים אָבער אָפּט וויכטיק, ווי אַן אויסדרוק פון — נאָך אַ גרעסערן — כלל: „פּונקט אַזוי ווי סערען קירקעגאַר שטעלט זיך מיר פאַר, שרייבט ער, ווי אַן אינדיווידואַליזירטער טייל פון דער דענישער קולטור־געשיכטע, אַזוי פּערזאָניפיצירט, נאָך מיין מיינונג, פערדינאַנד לאַסאַל אַ טייל פון דער מאָדערנער רעכט־וויסנשאַפט און פּאָליטישער עקאָנאָמיע". אמת טאַקע, אים אינטערעסירט די „דענישע קולטור־געשיכטע" אין דער אינדיווידואַליזירטער געשטאַלט פון סערען קירקעגאַר און „די מאָדערנע רעכט־וויסנשאַפט" — אין יענער אייגנאַרטיקער פּערזאָניפיצירונג, וואָס הייסט לאַסאַל, אָבער הינטערן פּרט שטייט שטענדיק כמעט אַ כלל. זיין טיפער אינטערעס צו דער סאָציאַלער סביבה שוואַכט נישט אָפּ זיין אויפמערקזאַמקייט צו דער ראָלע פון דעם יחיד אין דער געשיכטע. עס פילט זיך ביי אים, פאַרקערט, אַ דורשט נאָך דעם גרויסן „יחיד". ער האַסט די מיטלמעסיקייט, דער המון איז אים דערווידער. נישט אומזיסט האָט ער זיך אָנגעכאַפּט אַזוי אָן די צוויי גרויסע אינדיווידואַליסטן פון דעם 19טן יאָרהונדערט, איבסען און ניטשע. ביי ניטשען איז אים געפעלן געוואָרן דאָס וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אים אַליין — דער „אַריסטאָקראַטישער ראַדיקאַליזם". ער ווייזט אונדז פעלקער און דורות אויף די העכסטע, נישט אויף די נידעריקסטע, שטופן פון זייער אַנטוויקלונג. ער ווייזט אונדז זיי אין דער געשטאַלט פון זייערע אויסדערוויילטע גייסטער. דערפאַר איז געשיכטע ביי אים אָפּט אַ סומע פון ביאָגראַפיעס. מיר זעען ביי אים ווי די איינציקע פּערזענלעכקייטן, די יחידי סגולה, ווירקן אויפן דור אָדער אויפן פאָלק וואָס האָט זיי אַרויסגעבראַכט, אָבער ער פאַרגעסט נישט צו ווייזן אַז אויך דער דור אָדער דאָס פאָלק ווירקט אויף די אויסדערוויילטע... דער ביאָגראַפישער מעטאָד פון סעינט בעוו און דער היסטאָרישער מעטאָד (די סביבה־טעאָריע) פון היפּאָליט טען — ביידע מעטאָדעס זיינען ביי בראַנדעסן באַהעפט אינאיינעם.

אָבער ביי אים איז דאָ נאָך אַ דריטע זאַך, אַ חוץ זיין טיפן אינטערעס צום לעבן פון דער פירנדיקער פּערזענלעכקייט און דער סביבה, ווו זי אַנטוויקלט זיך: ביי אים איז דאָ נאָך דאָס וואָס איך וואָלט אָנגערופן דער גייסט פון קאַמף און אויפקלערונג. ער באַנוגנט זיך נישט דערמיט וואָס ער שילדערט און מאַכט אונדז קלאָר „די אָנשויאונגען און געפילן "פון אַ תקופה, אַ שולע אָדער אַ פּערזענלעכקייט; ער זוכט צו שאַפן ביים לייענער (און פריִער ווי אַלץ ביים דענישן לייענער) אַ געוויסע באַציִונג צו די אידייען און געפילן וואָס ער שילדערט: אַ סימפּאַטישע באַציִונג — צו די וואָס געפעלן אים, אַן אַנטיפּאַטישע — צו די וואָס ער באַקעמפט. ער איז אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, נישט נאָר אַ קריטיקער. געשיכטע איז פאַר אים אַן

עניין פון פאַרשונג, אָבער נישט נאָר דאָס אַליין. געשיכטע איז ביי אים אויך אַ... לערערן.

דאָס שרייבן וועגן ליטעראַטור איז פאַר אים אַ מיטל צו פאַרשפּרייטן זיינע אייגענע געדאַנקען און געפילן, נישט נאָר צו באַקענען אונדז מיט די געדאַנקען און געפילן פון אַנדערע.

דאָס מאַכט אים נישט טענדענציעז אין זיין אויסטייטשן אַנדערע שרייבערס. ער איז צו אַלזייטיק אויף צו זיין ענג־פּאַרטייִש. ער איז געוווינט קינסטלער — רויק צו באַטראַכטן מענטשן, געוווינט קריטיקער — צו קאָנען זיך אַריינלעבן אין זייערע שאַפונגען. ער פאַרמאָגט דעם עכטן קריטיקערס פעיִקייט זיך שעפעריש אַריינצופילן אין די ווערק פון פאַרשיידנסטע סטילן און עפּאָכן. זיין „אָביעקטיוויטעט" איז אָבער נישט די קאַלטע אָביעקטיוויטעט פון דער „עסטעטישער" נאַטור. דאָס איז די אומפּאַרטייִשקייט פון איינעם וואָס זוכט דעם אמת, די אומפּאַרטייִשקייט, וואָס פּאָרט זיך מיט אַ טיפער פאַראינטערעסירטקייט אין די מיינונגען און צילן פון דעם אָדער יענעם צד.

הכלל, בראַנדעס איז אַ קעמפער פאַר אידייען, אַ קולטור־טרעגער, נישט נאָר אַן אויסטייטשער פון ריין קינסטלערישע ווערטן. „גוטער אייראָפּייער און קולטור־מיסיאָנער", האָט אים ניטשע אָנגערופן, — און דאָס איז ער, כאָטש אין זיינעם אַ בריוו צו ניטשען האָט ער עס געוואָלט פאַרלייקענען.

דערפאַר איז ער אַזוי פּאָפּולער געווען אין די ברייטסטע קרייזן פון דער אייראָפּעיִשער אינטעליגענץ. אים האָבן געלייענט אויך די (און אפשר דערהויפּט די), וואָס זוכן אין ליטעראַטור „געדאַנקען און געפילן", אידייען און אידעאַלן, נישט נאָר קראַפט און אָריגינאַליטעט פון אויסדרוק. בראַנדעסעס ראָלע אין צפון־און מיזרח־אייראָפּע איז אין אייניקע פּרטים געווען ענלעך צו דער ראָלע, וואָס די קריטיק האָט געשפּילט אַמאָל אין רוסלאַנד. די קריטיק פון ביעלינסקי, דאָבּראָליובאָוו, פּיסאַרעוו, טשערנישעווסקי, מיכאַילאָווסקי א״אַנד' איז ווי באַוווּסט געווען אַ געזעלשאַפטלעכע, נישט נאָר אַ ליטעראַרישע אינסטיטוציע. זי האָט געפּסקנט לעבנס־שאלות, נישט נאָר שאלות פון ליטעראַרישן שאַפן. בראַנדעס איז דאָך געווען אַנדערש פון די דערמאָנטע רוסישע קריטיקערס. ער איז געווען אַנדערש דערמיט וואָס ביי אים האָט מען אַ חוץ אַן ענטפער אויף פראַגעס פון מענטשלעכן לעבן, געזוכט אויך — ליטעראַרישע בילדונג, קולטור. בראַנדעסעס ווערק זיינען באמת טאַקע אַ קוואַל פון ליטעראַטור־היסטאָרישע און אַלגעמיין־קולטורעלע קענטענישן. אין זיי איז דאָ אַן אַ שיעור פאַקטן און דאַטעס, נישט נאָר געדאַנקען. די „געדאַנקען" און די אייביקע „פּאָלעמיק" מיט דער „רעאַקציע" האָבן געהאַט אַ באַדייטונג פאַר דענעמאַרק; די פון אַנדערע לענדער קוויקן זיך דערהויפּט מיט די קלאָר געשילדערטע פּאָרטרעטן פון גרויסע פּערזענלעכקייטן און מיט די לעבעדיקע בילדער פון דער ליטעראַרישער פאַרגאַנגענהייט. בראַנדעס איז שטענדיק קאָנקרעט, בילדלעך און אָפט אַמוזאַנט. ער באַשרייבט נישט, ער דערציילט. זיינע עסייען זיינען שמועסן. זיי זיינען פול מיט ביישפּילן, זכרונות, אַנעקדאָטן. די טיפע זאַכקענטענישן פון אַ פאַכמאַן איז אין זיין שרייבן פאַראייניקט מיט דער לייכטקייט פון אַ פּאָפּולאַריזאַטאָר.

דערעסט אַ מאָל דעם פיינערן לייענער אָט דער גלאַטער שליטוועג צווישן

ברייטע, פלאַכע פעלדער, אָן אַ באַרג־אַרויף און אַ באַרג־אַראָפ, אָן אומגעריכקייטן; עס פאַרשלעפערט אים די געלאַסענע און אָפט איינטאָניקע מעלאָדיע פון געניטן אָנטרייבער. אָבער דער דורכשניטלעכער לייענער רוט זיך אָפ דערביי. ער דאַרף זיך נישט אָנטאָן קיין כוח און עס איז אים נישט לאַנגווייליק, ווען ער הערט בראַנדעסעס געשיכטעס, אַנעקדאָטן און קלאָרע געדאַנקען וועגן גרויסע מענטשן. ער פילט נישט קיין פלאַכקייט, ער באַוווּנדערט די ברייטקייט. פלאַך איז בראַנדעס, אגב, נישט שטענדיק און עס איז זיכער צו באַוווּנדערן די ברייטקייט פון זיינע קולטור־היסטאָרישע און ליטעראַרישע האָריזאָנטן.

ער דווקא האַלט נישט פון די וואָס זוכן אַרומצונעמען אין זייער ווערק אַ צו־ברייטן קעגנשטאַנד. אין זיין עסיי „וועגן לייענען" לאַכט ער אויס די פאַרפאַסערס, וואָס גלייבן, אַז זיי קאָנען אונדז געבן אַ בילד פון דער גאַנצער וועלט־ליטעראַטור. „קיין איין מענטש, שרייבט ער, איז נישט פעיִק אָנצושרייבן אַזאַ בוך. און אַזוי ווי אַזעלכע ביכער זיינען דאָך פאַראַן, זיינען זיי מער מסוגל צו פאַרטומלען דעם לעזער, ווי אים עפעס צו לערנען. דער פאַרפאַסער פון אַזאַ מין ליטעראַרישער וועלט־געשיכטע רעדט זיך ברייטלעך וועגן ווערק אין אַ האַלבער מאה שפראַכן, וואָס איז אוממעגלעך אַז ער זאָל מיט זיי האָבן מער ווי אַן אויבנאויפיקע באַקאַנטשאַפט. ווען ער זאָל האָבן אָנגעהויבן צו לייענען איידער ער איז געבוירן געוואָרן און ווען ער זאָל קיין שום אַנדער זאַך נישט האָבן געטאָן — קיין מאָל נישט געניסן פון לעבן, קיין מאָל נישט שלאָפן, קיין מאָל נישט עסן אָדער טרינקען, — נאָר לייענען ביז דעם מאָמענט, ווען ער האָט פאַרעפנטלעכט זיין בוך, וואָלט ער אויך דאַן נישט באַוויזן איבערצולייענען מער ווי זייער אַ קליינעם טייל פון די אַלע ביכער, וואָס ער דערמאָנט און רעדט אַרום"... „אַ בוך, וואָס קאָן אונדז באמת עפעס לערנען, זאָגט ער ווייטער, מוז אַרומנעמען אָדער נאָר איין איינציק לאַנד אָדער נאָר אַ קורצן באַשטימטן פעריאָד". דאָס האָט בראַנדעס געשריבן, ווי עס ווייזט, פאַר אַנדערע, נישט פאַר אַזעלכע אויסערגעוויינטלעך אַרבעטפעיִקע, פראָדוקטיווע און פילזייטיק באַגאַבטע שרייבערס ווי ער אַליין איז. ער אַליין האָט זיך נישט באַנוגנט מיט שרייבן וועגן דער ליטעראַטור פון איין לאַנד אָדער איין היסטאָרישן פעריאָד; ער האָט אונדז דערציילט וועגן די ליטעראַרישע פאָרשטייערס פון אַ סך לענדער אין די פאַרשיידענע פעריאָדן פון דער וועלט־געשיכטע. און דער וואָס לייענט מיט קאָפ אַלע זיינע ווערק, מאַכט דורך אַן אויסגעצייכנטן קורס אין דער געשיכטע פון אַ גרויסן טייל פון דער וועלט־ליטעראַטור. אינטעלעקטועלן און עסטעטישן גענוס קאָן אונדז אַ לעסינג (אַפילו איצט נאָך), אַ סעינט־בעוו, אַ וואָלטער פייטער, אָדער אַ טען, פאַרשאַפן מער, איידער בראַנדעס. קיין ערשטקלאַסיקען שרייבער איז נישט בראַנדעס. אין זיין סטיל איז נישטאָ קיין באַזונדערס הויכע אָריגינאַליטעט, אין אַ סך זאַכן איז ער נישט מער ווי אַ געבילדעטער און זייער באַגאַבטער זשורנאַליסט. אָבער זיינע „הויפט־שטרעמונגען" זיינען, ווי געזאָגט, אַן אויסגעצייכנט מיטל פאַר ליטעראַרישער זעלבסטבילדונג.

עס זיינען דאָ קריטיקערס וואָס עס איז כדאי זיך צו באַקענען מיט דעם וואָס זיי שרייבן וועגן אַנדערע, כדי צו קענען זיי אַליין. דאָס זיינען די קריטיקערס וואָס זייער הויפט־ווערט איז — זייער פערזענלעכקייט, זייער סטיל. בראַנדעס געהערט

נישט צו דעם סוג. מיט אים לוינט צו שליסן באַקאַנטשאַפט צוליב דעם, וואָס דורך אים באַקענען מיר זיך מיט אַנדערע, אייגנאַרטיקע שרייבערס.

ער מישט זיך אָפּט, אפשר צו אָפט, אַריין אין די געדאַנקען און געפילן פון די, וואָס ער שטעלט פאַר אונדז פאָר; ער פאַלעמיזירט מיט זיי. אָבער ער איז נישט צודרינגלעך: ער אַליין בלייבט אין שאָטן; דאָס ליכט פאַלט אויף זיי. זיין סטיל איז נישט אויף אַזוי פיל אינדיווידועל אַז מיר זאָלן זען דורך אים בלויז זיין אייגענעם איך. דערפאַר איז ער געניגט עלאַסטיש צו צייכענען די פנימער פון אַנדערע.

דערפון איז געדרונגען אַז פאַר דעם איבערזעצער פון בראַנדעסעס ווערק איז וויכטיק דערהויפּט איבערצוגעבן דעם ריכטיקן מיין און געדאַנק פון פאַרפאַסער. געוויס דאַרף מען אַכטונג געבן אויך אויף זיין סטיל, אָבער דאָס איז נישט דער עיקר אין דעם פאַל. דער עיקר אין בראַנדעסעס שטייגער שרייבן, וואָס מוז אָפּגעהיט ווערן, איז די לייכטקייט און די קלאָרקייט פון זיין שפּראַך. מאַכן בראַנדעסן שווער אָדער טונקל הייסט קאַליע מאַכן זיין גאַנצן שטייגער שרייבן, הייסט אים פעלשן.

פון דעם שטאַנדפּונקט דאַרף מען באַטראַכטן די יידישע איבערזעצונג. מען דאַרף נישט האָבן צו איר קיין גרויסע טענות, וואָס זי איז, ווי עס ווייזט, נישט פון אָריגינאַל (פון דעניש) נאָר פון אַנדערע שפּראַכן. בכלל דאַרף מען זיכער פאָדערן פון אַן איבערזעצער אַז ער זאָל זיך נישט פאַרלאָזן אויף דעם וואָס אַנדערע איבערזעצערס זאָגן אים, נאָר ער זאָל האָבן פאַר זיך דאָס ווערק, וואָס ער זעצט איבער, אין יענער שפּראַך אויף וועלכער עס איז געשריבן געוואָרן. מ'דאַרף עס פאָדערן מחמת דריי טעמים: ערשטנס מאַכט יעדער איבערזעצער אַ געוויסע צאָל טעותן און אַז מען באַנוצט נישט דעם אָריגינאַל איז מען עלול צוצוגעבן צו די אייגענע טעותן נאָך אויך די, וואָס עס האָט געמאַכט דער פריערדיקער איבערזעצער. צווייטנס איז יעדע איבערזעצונג, אַפילו די בעסטע, נאָר אַ שאָטן פון אָריגינאַל און אַז מען זעצט־איבער פון איר, נישט פון מקור, גיט מען נישט מער ווי אַ שאָטן פון אַ שאָטן; דאָס איז אַזוי ווי מען זאָל מאַכן אַ פאָרטרעט פון אַ פאָרטרעט, נישט האָבנדיק געזען דאָס לעבעדיקע געזיכט. דריטנס, האָט יעדע שפּראַך אירע אייגנטימלעכקייטן און דער איבערזעצער מוז צופּאַסן די אייגנטימלעכקייטן פון זיין שפּראַך צו די, וועלכע עס האָט די שפּראַך פון פאַרפאַסער. ווען עס ליגט אָבער פאַר אים אַן איבערגעזעצטער, נישט דער אָריגינעלער, טעקסט, קאָן ער דאָס נישט טאָן; צווישן אים און דעם פאַרפאַסער שטייט אַ וואַנט. וואָלט געוויס געווען געווונטשן, אַז אויך די ווערק פון דעם דעניש־אייראָפּעישן קריטיקער זאָלן איבערגעזעצט ווערן אויף יידיש פון דער שפּראַך, אויף וועלכער זיי זיינען געשריבן געוואָרן. אָבער בדיעבד מאַכט נישט אַזוי שטאַרק אויס, ווען זיי זיינען איבערגענומען געוואָרן פון אַנדערע שפּראַכן. בראַנדעס איז נישט אַזוי אינטים פאַרבונדן מיט זיין שפּראַך, אַז מען זאָל אים נישט קאָנען אָפּטיילן פון איר. ער האָט אַליין געשריבן אייניקע ווערק אויף אַנדערע לשונות אַ חוץ דעניש. אויף זיין אופן שרייבן ליגט נישט דער שטעמפּל פון אַ באַשטימטער נאַציאָנאַלער שפּראַך. ער איז פריער ווי אַלץ אַ „גוטער אייראָפּייער״, לויט ניטשעס אויסדרוק, און זיין סטיל איז נישט קיין דענישער און נישט קיין יידישער, נאָר אַן... „אייראָ־

פּעישער״. ער איז פיין, אָבער נישט אינדיווידועל. און עס קאָן זיין אַז אַפילו אין אָריגינאַל זיינען דאָ ביי אים סימנים פון אינעווייניקסטער איבערזעצערישקייט. שרייבער פון דעם —יידיש־קאָסמאָפּאָליטישן — טיפּ, וואָס צו אים געהערט בראַנדעס, זיינען פיל־שפּראַכיק און עס איז שווער צו זאָגן, וואָסער שפּראַך איז זייערע און וואָסערע — נישט. זיי האָבן אַ סך שפּראַכן און — קיינע נישט. זיי זיינען אומעטום אין דער היים און אומעטום — אויסלענדער. זיי שרייבן פאַר אַן אינטערנאַציאָנאַלן פּובליקום אויף אַן אינטערנאַציאָנאַלן דיאַלעקט. אויף וואָסער שפּראַך זיי זאָלן נישט שרייבן, שרייבן זיי אַלץ אויף עפּעס אַן עספּעראַנטאָ. איז אפשר נישט קיין גרויסער חילוק, פון וואָס פאַר אַן עספּעראַנטאָ מען זעצט זיי איבער, פון אַ דענישן, אַ דייטשישן אָדער גאָר אַ רוסישן. וואָס עס איז יאָ וויכטיק, איז אַז די שפּראַך פון דער איבערזעצונג זאָל זיך אויסצייכענען מיט יענער קלאָרקייט און לייכטקייט, וועלכע כאַראַקטעריזירן בראַנדעסעס שטייגער שרייבן אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך דאָס זאָל נישט זיין. פאַרפּלאָנטערט מען זיך אין אַ זאַץ, ווי אין אַ נעץ, און מען קאָן נישט אַרויסקריכן, קאָן מען זיין זיכער, אַז דעם פּלאָנטער האָט אָנגעמאַכט דער איבערזעצער, ניט בראַנדעס.*)

ב.

קורץ פאַר זיין טויט (אין יאָר 1927) איז אין דער גאַנצער וועלט אָפּגעריכט געוואָרן זיין פינף־און־אַכציקסטער געבוירנטאָג. ער איז געשטאָרבן, הייסט עס, „אַלט און זאַט אין טעג״. אויך — זאַט אין אַרבעט, אין אויפטואונגען. עס איז שווער צו געפינען נאָך אַ שרייבער, וואָס זאָל — ריין קוואַנטיטאַטיוו — האָבן אויסגעאַרשט און אָנגעשריבן אַזוי פיל, וויפל בראַנדעס. זיין לאַנג לעבן איז געווען אַ לעבן פון לערנען, פון שטודירן, פון אויספאָרן און אָנקוקן מדינות, פון אַרבעטן און שאַפן. צו זעכצן יאָר איז ער שוין געווען אַ שרייבער (ער האָט אָנגעהויבן, ווי דער שטייגער איז, פון לידער). איז ער שיער נישט זיבעציק יאָר נאָכאַנאַנד געווען פּראָדוקטיוו, שיער נישט זיבן צענדליגג יאָר געלערנט זיך אַליין און אַנדערע.

איז אפשר גאָר קיין חידוש נישט וואָס עס איז געבליבן פון אים אַזאַ גרויסע און רייכע ירושה? אָבער עס איז דאָך אַ חידוש... ווען ער איז אַלט געווען נישט מער ווי דרייסיק יאָר, האָט ער שוין אָנגעהויבן צו פאַרעפנטלעכן די גרויסע אַרבעט, וואָס האָט אים שפּעטער באַרימט געמאַכט אין אַלע קולטור־לענדער — „די

*) פון דעם שטאַנדפּונקט איז צו ווינטשן דעם לייענער, וואָס וויל לייענען בראַנדעסן אויף יידיש, אַז ער זאָל נישט אָנהייבן פון באַנד זעקס („דער נאַטוראַליזם אין ענגלאַנד״). דעם דאָזיקן (ווי אויך דעם זיבעטן) באַנד האָט איבערגעזעצט ד״ר יעקב גרינפעלד, און זיין איבערזעצונג איז אין פיל שטעלן אַזוי שווער, אַזוי אומקלאָר, אומבאַהאָלפן, אָדער פשוט אומזיניק, אַז מען ווערט־אָן דעם חשק צו לייענען ווייטער און מען מוז זיך פרעגן: איז דאָס בראַנדעס?

אַלע איבעריקע בענד זיינען איבערגעזעצט געוואָרן קאָרעקט און אין אייניקע פון זיי (ווי צום ביישפּיל, אין די ווערק וועגן ניטשע און איבסען, וואָס עס האָט איבערגעזעצט ק. טעפּער) איז צו זען גרויס קענטשאַפט און אַפילו מייסטערשאַפט. נישט אומעטום פילט זיך יענע „פרייע און גראַציעזע פראַנצויזישע מאַניר פון שרייבן״, וועלכע עס האָט באַמערקט ביי בראַנדעסן ניטשע. אַ געוויסער טייל פון דער „גראַציעזישקייט״ און „פראַנצויזישקייט״ האָט אין דער איבערזעצונג געמוזט פאַרלוירן גיין.

הויפּט־שטרעמונגען אין דער ליטעראַטור פון 19טן יאָרהונדערט". ער איז דאַן אַריבער די גרענעצן פון זיין לאַנד און איז געוואָרן דער אייראָפּייער, נישט נאָר דער דענישער קריטיקער. אָבער דאַן האָט ער זיך נאָך אָפּגעגעבן דערהויפּט מיט דער ליטעראַטור פון זיין צייט און פון דער נאָענטסטער פאַרגאַנגענהייט. שפּעטער האָט ער שטודירט די וויכטיקסטע ליטעראַרישע תקופות און די גרויסע פּערזענלעכקייטן פון די אַלטע צייטן. עס זיינען געבליבן פון אים ביכער וועגן האָמער, וועגן יוליוס צעזאַר, וועגן יעזוס קריסטוס און פּאַולוס, וועגן מיקעל אַנדזשעלאָ, וועגן שעקספּיר, וואָלטער, געטע... עס איז אים, פאַרשטייט זיך, נישט פרעמד געבליבן אויך דאָס שאַפן פון אונדזערע טעג, דאָס שאַפן פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. וועגן דעם רוסישן מאַקסים גאָרקי און דעם אַמעריקאַנער אָפּטאָן סינקלער איז ער געווען אַזוי גוט אינפאָרמירט ווי וועגן די יונגע פאָרשטייערס פון די סקאַנדינאַווישע ליטעראַטורן.

זיין גאונישע בקיאות איז מעגלעך געווען נישט נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס ער האָט לאַנג געלעבט. זי האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען אויך זיין אויסערגעוויינטלעכער התמדה, זיין זעלטענער אַרבעט־פעיִקייט, זיין ווונדערלעכן זכרון, זיין גרויסער ערודיציע און זיין פרוכטבאַרקייט האָבן געמאַכט אַז מען זאָל פריִער פון אַלץ און מער פון אַלץ שעצן דעם ברייטן, ריזיקן פאַרנעם פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט. אין דער אמתן אָבער איז ער געווען אַ חריף, נישט נאָר אַ בקי, אַ שאַפנדיקער גייסט, נישט נאָר אַ פאַרשפּרייטער פון די אידייען און באַגריפן פון זיין צייט, אַ דענקער, נישט נאָר אַ פאַרמיטלער צווישן די ליטעראַטורן פון דער וועלט.

עס איז געוויס אַ גוזמא, וואָס איינער אַן אַמעריקאַנער געלערנטער האָט געזאָגט, אַז „כדי צו געבן אַ ריכטיקע דעפיניציע פון בראַנדעסן, וואָלטן מיר געדאַרפט אויסטראַכטן אַ ניי וואָרט, אָבער עס איז נישט צו גלייבן, אַז מיר וואָלטן האָבן אַ געלעגנהייט צו באַנוצן דאָס דאָזיקע וואָרט נאָך אַ מאָל, ווייל עס איז קוים מעגלעך, אַז די וועלט זאָל ווען עס איז האָבן נאָך אַ בראַנדעסן". דאָס איז, זאָג איך, אַ גוזמא, אָבער זי האָט אַ יסוד אונטער זיך, און דער יסוד איז נישט אַזוי בראַנדעסעס פילזייטיקע געלערנטקייט, ווי די פאַראייניקונג פון געוויסע אייגנשאַפטן זיינע, — די פאַראייניקונג פון זיין מעכטיקער אויפנעם־פעיִקייט מיט זיין שטאַרקער גייסטיקער זעלבשטענדיקייט, די פאַראייניקונג פון דעם טאַלאַנט אַריינצולעבן זיך אין פרעמדע וועלטן מיט דער טרייקייט צו זיך אַליין.

יאָ, בראַנדעס איז געווען אָפּט מיט זיך אַליין. אַפילו דאַן, ווען ער איז געווען „צו געסט" ביי אַנדערע, איז ער נישט בטל געוואָרן פאַר זיי. ער האָט אונדז באַקענט מיט זייער לעבן, מיט זייערע אידייען, ער האָט אָבער געהאַט אויך זיין אייגענעם לעבן, זיינע אייגענע אידייען.

זיין גרויסע פּאָפּולאַריטעט נעמט זיך אייגנטלעך פון זיין קאַמף פאַר זיין זעלבשטענדיקייט, פאַר זיין פרייהייט, ווי אויך פאַר דער זעלבשטענדיקייט, דער פרייהייט פון יעדן מענטשן, דערהויפּט פון דעם שאַפנדיקן מענטשן. דער דאָזיקער קאַמף האָט אים פאַרהאַסט געמאַכט ביי די קאָנסערוואַטיווע קרייזן פון זיין לאַנד און באַליבט צווישן די, וואָס שטרעבן צו דער באַפרייונג פון גייסט אין דער גאַנצער וועלט. עס איז געווען אַ צייט, ווען דער סאָציאַלער קעמפער אין בראַנדעסן האָט פאַרשטעלט פון אים אַליין און פון דער וועלט בראַנדעסן דעם קונסט־

קריטיקער. עס האָט זיך באַקומען דער איינדרוק, אַז ער איז מער פֿאַראינטערע־סירט אין קולטור־פּראָבלעמען, אין אידייען, ווי אין זייער קינסטלערישער פֿאַר־קערפּערונג. דעם דאָזיקן איינדרוק האָט געהאָלפֿן שאַפֿן דערהויפּט זיין — שוין פֿריִער דערמאָנט — ווערק וועגן די הויפּט־שטרעמונגען אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור פֿון 19טן יאָרהונדערט. אָט די מאָנומענטאַלסטע פֿון אַלע זיינע שאַ־פֿונגען איז פֿאַר אַלע אַנדערע איבערגעזעצט און פֿאַרשפּרייט געוואָרן אין פֿאַר־שיידענע שפּראַכן, און אַ גרויסער טייל פֿון די, וואָס האָבן געשריבן — און שרייבן — וועגן בראַנדעסן האָבן אין זינען דערהויפּט די דאָזיקע באַאַרבעטונג פֿון זיינע לעקציעס אין דעם קאָפּענהאַגענער אוניווערסיטעט. אין זיי איז ער אָפֿט טאַקע באמת מער קעמפֿער און פּראָפּאַגאַנדיסט ווי אַ היסטאָריקער און קריטיקער, און מער ברייט ווי טיף...

אַ בוים מיט רייכע צווייגן האָט געוויינטלעך אויך אַ שטאַם אַ מעכטיקן און טיפֿע וואָרצלען, אָבער אין גייסטיקן לעבן איז עס נישט תּמיד אַזוי. גייסטיק איז שווער צו גיין אי אין דער ברייט, אי אין דער טיף, סיידן מען איז אַן אויסער־געוויינטלעכער גאון. בראַנדעס האָט זיך פֿאַרמאָסטן זייער ברייט, ער האָט געהאַט אַ ריזיקן פֿאַרנעם: האָט זיך געדאַכט אַז ער פֿאַרטיפֿט זיך נישט גענוג. און דער איינדרוק איז אָפֿט אַ ריכטיקער. אין אַ סך ביכער זיינע געפֿינען זיך זייטלעך און קאַפּיטלעך, וואָס זיינען, ווי געזאָגט, נישט מער ווי... „זשורנאַליזם" אָדער „אויפֿ־קלערונג". אַז מען שרייבט אַזוי פֿיל, וועגן אַזוי פֿיל ליטעראַטורן און פֿון אַזוינע פֿאַרשיידענע עפּאָכעס, איז אוממעגלעך צו געבן „לויטער גאָלד". אָבער נישט נאָר דערפֿון אַליין האָט זיך גענומען די מיינונג, אַז געאָרג בראַנדעס איז מער בקי ווי חריף און מער פֿאַרשפּרייטער ווי שאַפֿער פֿון גייסטיקע ווערטן. עס איז געווען נאָך אַן אורזאַך פֿאַר אָט דער נישט־גינסטיקער און, אין תּוך גענומען, נישט גע־רעכטער אָפּשאַצונג. ביי זיין טיש זיינען, פֿיגוראַטיוו גערעדט, געזעסן זייער אַ סך גייסטיקע קינדער... צוליב אָט דער גרויסער פֿאַמיליע האָט מען אים אַליין נישט געזען. די געדיכטע און ברייטע צווייגן האָבן פֿאַרשטעלט דעם שטאַם. מען באַ־טראַכט דעם גרויסן פֿאַרנעם פֿון זיין שאַפֿן און מען פֿאַרטיפֿט זיך נישט גענוג אין אים אַליין. מען ליידט דערפֿון, אין וואָס מען האַלט אים שולדיק — מען ווערט פֿאַרשלונגען פֿון דעם רייכן מאַטעריאַל!

בראַנדעס איז אין דער אמתן נישט אין גאַנצן פֿאַרשלונגען געוואָרן פֿון זיין ברייטקייט. די כמות פֿון זיין אַרבעט האָט אפֿשר געשטערט, אָבער נישט צע־שטערט איר וווּנדערלעכע איכות.

ער האָט, אין דער אמתן, געהאַט גענוג צייט צו מאַכן גרינטלעכע פֿאָרשונ־גען און צו פֿאַרטיפֿן זיך אין זאַכן (כמעט זיבן צענדליק יאָר פֿלייסיקע, צוועק־מעסיקע און פּראָדוקטיווע אַרבעט זיינען דאָך כמעט צוויי לעבנס!). נישט גענוג פֿאַרטיפֿט האָבן זיך די, וועלכע האָבן געשריבן וועגן זיין פֿלאַכקייט. זיי האָבן, צום ביישפּיל, פֿאַרשפּרייט די מיינונג אַז בראַנדעס איז געגאַנגען אין די וועגן פֿון דעם פֿראַנצויזישן קריטיקער היפּאָליט טען, און דאָס ווייזט אַז זיי האָבן אים נישט גוט געקענט. וואָרעם נאָר פֿון אויבן אויף קאָן אַזאַ מיינונג אויסזען צו זיין ריכטיק. ווען מען שטודירט זיינע ווערק, זעט מען אַז ער איז געשטאַנען אַ סך

געענטער צו דעם מעטאָד פון סעינט־בעוו, צו דעם מעטאָד, וואָס גיט זיך אָפּ דערהויפּט מיט דער פּערזענלעכקייט פון שרייבער, איידער צו טענס סביבה־קריטיק.

היפּאָליט טען האָט געוויס געהאַט אַ ווירקונג אויף בראַנדעסן. זיי האָבן זיך פּערזענלעך געקענט און אין זיינע יונגע יאָרן האָט בראַנדעס געשריבן כמעט אַ גאַנצן בוך וועגן זיין פראַנצויזישן פריינד און לערער. אין דעם ווערק, וואָס האָט אים פּאָפּולער געמאַכט אין אייראָפּע — „די הויפּט־שטראָמונגען אין דער ליטע־ראַטור פון ניינצנטן יאָרהונדערט״, אַנאַליזירט ער די „אָנשוויונגען און געפילן״ פון דער עפּאָכע, גיט אַ בילד פון דעם גאַנצן גײַסטיקן און פּאָליטישן לעבן פון די פעלקער — און דאָס דערמאָנט אונדז שטאַרק אָן דער טעאָריע פון „ראַסע, סביבה, היסטאָרישער מאָמענט״. אָבער דאָס איז נישט דער גאַנצער בראַנדעס. און דער עיקר — דאָס איז נישט דער אייגנאַרטיקסטער און נישט דער ווערט־פולסטער טייל פון בראַנדעסעס קריטיק. אין די „הויפּט־שטראָמונגען״ איז ליטע־ראַטור פאַר אים געווען נאָר אַ מיטל פאַרן שטודיום פון סאָציאַלער פּסיכאָלאָגיע און סאָציאַלע אידייען. אָבער דאָרט, וווּ ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ליטעראַטור לשם ליטעראַטור, האָט ער געוווּסט, אַז דער עיקר איז נישט וואָס אַרום דעם דיכ־טער, נאָר וואָס אין אים. דאָס האָט אויך טען געוווּסט, ווען ער האָט געשריבן קריטיק און נישט געשיכטע אָדער פילאָסאָפיע פון קונסט. יאָ, אַפילו דער שאַפער פון דער סביבה־טעאָריע האָט זיך מער אַריינגעטאָן אין דער אינעווייניקסטער וועלט פון שרייבער, ווי אין זיין סביבה און עפּאָכע, ווען ער האָט געוואָלט פאַר־שטיין און כאַראַקטעריזירן דעם דיכטערס שאַפן, נישט נאָר זיינע דרויסנדיקע לעבנס־אומשטענדן. אָבער טעאָרעטיש האָט טען דאָך געהאַלטן, אַז דער דיכטער איז אַן אויסדרוק פון „ראַסע, סביבה און היסטאָרישן מאָמענט״. און אָט די טעאָריע האָט בראַנדעס פאַרלייקנט. ער האָט נישט געגלייבט אַז מיט אַזאַ מין דרויסנדיקן מעטאָד קאָן מען דערקלערן די שאַפונג פון אַ גאון. טענס מעטאָד, האָט ער גע־שריבן, קאָן אָנגעווענדט ווערן נאָר צו מיטלמעסיקייטן. „טען, האָט ער געטענהט, לייקנט די אורקראַפט, די שאַפנדיקע קראַפט פון דעם גרויסן אינדיווידואום. טען שרייבט צו די גאַנצע אַקטיוויטעט דער אַרומיקער וועלט. אַלע אידייען קומען אַרויס, סוף־כל־סוף, פון דעם המון. אין דער אמתן אָבער ווערן אין דעם המון נישט געבוירן נישט קיין אידייען, נישט קיין קינסטלערישע פאָרמען. אידייען ווערן געבוירן אין דער פּערזענלעכקייט, וועלכע שטייט העכער פון דער מאַסע און וועל־כע ציט זי צו זיך״. בראַנדעסן האָט, פּונקט ווי זיין אמתן לערער, סעינט־בעוון, אינטערעסירט דערהויפּט די קרעאַטיווע פּערזענלעכקייט. פון וואַנען האָט זיך גע־נומען די פאַרשפּרייטע מיינונג אַז ער גייט אין די וועגן פון היפּאָליט טען? זי האָט זיך גענומען פון די „הויפּט־שטראָמונגען״ וואָס האָבן אים אַזוי פּאָפּולער גע־מאַכט. אים האָט שטאַרק געשאַדט דאָס, וואָס ער איז באַרימט געוואָרן גראָד אַ דאַנק אָט די לעקציעס זיינע. זיי האָבן געוויזן דער וועלט בראַנדעסן דעם קול־טור־קעמפער אָדער „קולטור־מיסיאָנער״, ווי ניטשע האָט אים אָנגערופן. זיי האָבן פאַרשטעלט פון איר בראַנדעסן דעם קריטיקער. עס איז געשאַפן געוואָרן דער איינדרוק, אַז ער גיט זיך אָפּ מער מיט די אידייען און מאָטיוון פון די שרייבערס און מער מיט זייער סביבה, ווי מיט זייער קונסט. אין דער אמתן האָט ער מיט מער מייסטערשאַפט, מיט מער ליבע און מיט אַ גרעסערער מאָס אָביעקטיוויטעט

געשילדערט די קינסטלערישע אייגנשאַפטן פון אַ שרייבער ווי די „אידייען און געפילן“ פון דער עפּאָכע. אַפילו אין די „הויפּט־שטרעמונגען“ זייַנען דאָ אויסגעצייכנטע לעבנסבילדער פון איינציקע שריפטשטעלערס.

די עפּאָכע אָדער די סביבה גופא האָט בראַנדעס אַנדערש נישט געזען ווי אין דער געשטאַלט פון אירע פאָרשטייערס, די אָריגינעלע פּערזענלעכקייטן. די געשיכטע פון אַן עפּאָכע איז פאַר אים פאַקטיש די געשיכטע פון אירע גרויסע מענטשן. נישט נאָר אין ליטעראַרישער קריטיק האָט ער באַנוצט סעינט בעווס ביאָגראַפישן מעטאָד, ער האָט אים אָנגעווענדט אויך אין זיין געשיכטע־שרייבונג. אָבער אין דער געשיכטע ווערט ער פאַרטונקלט ביי אים פון דעם „צייט־גייסט“ און פון די סביבה־שילדערונגען, מיט וועלכע ער גיט זיך אָפּ אַ סך. דערפאַר איז דאָרט נישט קענטיק אַזוי דער טיפער אינטערעס, וואָס ער האָט פאַר דעם אייגנאַרטיקן איך פון דיכטער, און דער קונסט, מיט וועלכער ער אַנאַליזירט אים און גיט אונדז, צום סוף, זיין סינטעז.

אָט דעם אינטערעס און אָט די קונסט צו מאָלן פּאָרטרעטן פון איינציקע שרייבערס און צו לאָזן יעדן פון זיי זיך אויסלעבן פאַר אונדז אויף זיין אייגענעם שטייגער, נאָך זיין אינעווייניקסטן כאַראַקטער — זעען מיר קלאָר און בולט אין די קלענערע עסייען. אין זיי פאַרגעסט ער אַז ער איז אַמאָל געגאַנגען אין חדר פון היפּאָליט טען. אין זיי נעמט ער פון דער סביבה און דער עפּאָכע נאָר דאָס וואָס העלפט אים אַרויסברענגען דעם שרייבערס אינעווייניקסטן איך. ער פאַרגעסט דאַן אַז ער איז אַן אויפקלערער, אַ ראַדיקאַל, אַ קעמפער. ער לאָזט זיך פאַרכישופן פון דעם דיכטערס אָריגינאַליטעט און פון זיין אייגענער פעיִקייט זי אויסצומאָלן. ער געדענקט, וואָס ער האָט געשריבן אין זיין עסיי וועגן די ברידער גאָנקור אַז „יענער אמת איז גוט, וועלכער איז אינדיווידועל“ און אַז „דער אידעאַל איז נישט קיין אַנדערע זאַך ווי די איבעראַרבעטונג פון דער ווירקלעכקייט דורך די ראַפינירטע חושים פון קינסטלער“. פאַר אים לעבט דאַן נאָר דער קינסטלער, זיינע אויסגעאיידלטע חושים און זיין שאַפונג. ער עקסיסטירט פאַר אים דאַן „נאָר כדי באַשריבן צו ווערן“, אַזוי ווי פאַר פלאָבערן האָט די גאַנצע וועלט עקסיסטירט נאָר כדי צו זיין אַ טעמע פאַרן דיכטער. און נישט נאָר דער קינסטלער, אויך דער פילאָסאָף איז פאַר בראַנדעסן ווי פאַר אַ קריטיקער, אַ וועלט און אַ ווערט פאַר זיך אַליין, אַלץ איינס צי ער איז מסכים מיט זיין פילאָסאָפיע אָדער נישט.

אַזוי ווי דעם קינסטלער אַרט נישט צי איז זיין העלד אַ צדיק אָדער אַ רשע, אַבי נאָר ער איז עפּעס, אַזוי איז דעם קריטיקערס העלד דער שאַפנדיקער מענטש: איז דער עיקר זיין שאַפונג־קראַפט, זיין שאַפונג־קוואַל, נישט זיינע מיינונגען. „איך האָב שוין דערקלערט“, האָט ער געשריבן „מיט אַ צייט צוריק, אַז מיין ערשטער געדאַנק בנוגע צו אַ פילאָסאָפישן ווערק איז נישט צו זען, ווי וויַט דאָס, וואָס עס שטייט אין דעם, איז ריכטיק אָדער פאַלש, נאָר צו גיין דורך דעם בוך גלייך צו דעם מענטשן, וואָס הינטער אים. און מיין פראַגע איז: וואָס איז דער ווערט פון אָט דעם מענטשן — איז ער אינטערעסאַנט אָדער נישט? אויב ער איז אינטערעסאַנט, לוינט אַן קיין שום ספק צו באַקענען זיך מיט זיינע ביכער“. און אַזוי האָט ער געקוקט אויך אויף פּאָליטישע קעמפערס, נישט נאָר אויף קינסטלערס און דענקערס. אויך אין די פּאָליטיקערס האָט ער געזוכט פריִער דעם

מענטשן און ערשט דערנאָך די טענדענצן און די אידייען. דער קאָנסערוואַטיווער ביקאָנספילד־דיזראַעלי איז פאַר אים געווען פונקט אַזאַ וויכטיקער „שטאָף", ווי דער רעוואָלוציאָנער לאַסאַל. געזעלשאַפטלעך, אידייִש איז לאַסאַל אים געווען נעענטער, ווי דער פירער פון די ענגלישע טאָריס. ליטעראַריש זיינען זיי בײדע געווען פאַר אים גלייך, וואָרעם זיי בײדע זיינען געווען שעפערישע פערזענלעכקייטן, וועלכע ער, ווי יעדער אמתער קריטיקער, האָט פריִער ווי אַלץ געוואָלט קענען, כאַראַקטעריזירן און דערנאָך ערשט (אָדער דורך דעם גופא) אָפּשאַצן.

קענען און כאַראַקטעריזירן דעם שאַפנדיקן מענטשן, ד"ה אויפדעקן דאָס פּינטעלע פון זיין איך — דאָס איז געווען זיין הויפּט־מיסיע, און אָט די מיסיע האָט ער אויסגעפירט מיט דער לייכטקייט פון אַ זשורנאַליסט און דער גרינטלעכקייט פון אַ פאָרשער מיטן אַנאַליטישן כוח פון אַ דענקער און דער סינטעטישקייט פון אַ קינסטלער.

וועלן פאַרעלטערט ווערן און אפשר זיינען שוין פאַרעלטערט די ביכער, ווו ער איז אַן אויפקלערער, אַ פּראָפּאַגאַנדיסט, ווייל אין זיי איז ער געווען נאָר אַ פאָרשטייער פון זיין צייט, אָבער די ווערק ווו ער איז אַ קונסט־קריטיקער, די ווערק, ווו עס געפינען זיך זיינע פאָרטרעטן פון פערזענלעכקייטן און בילדער פון עפּאָכעס, — זיי וועלן נישט פאַרגעסן ווערן. אין זיי איז ער, ניצנדיק עמערסאָנס אויסדרוק „אַ רעפּרעזענטאַנט פון דער מענטשהייט".

8. קריטיק און רעצענזיע

פאַרוואָס, האָט איינער געפרעגט, אַז מען שרייבט שוין יאָ ביי אונדז וועגן אַ בוך, שרייבט מען נישט קיין רעצענזיע נאָר אַ מאמר, ווי יענער האָט זיך אויסגעדריקט. מיט דעם וואָרט „מאמר" האָט ער עס געוואָלט נאָך מער דערנידעריקן. ס'איז נישט מער, האָט עס געהייסן, ווי פּוסטע חקירה — מאמריסטיק, דאָס אַלץ וואָס מע שרייבט וועגן ביכער. אי צו זיי גופא האָט עס נישט קיין שייכות, אי דעם לייענער ברענגט עס נישט קיין שום נוצן.

זעט איר, אַ רעצענזיע („רעוויו בלע"ז) — דאָס איז עפּעס אַנדערש. אַז איינער לייענט דורך אַ קורצן און זאַכלעכן באַריכט וועגן אַ נאָר־וואָס אָפּגעדרוקטן בוך, קריגט ער אַן השגה פון דער טעמע, דעם אינהאַלט, דעם כאַראַקטער, דעם סטיל און דעם עצם־ווערט פונעם בוך; ער ווייסט וואָס ער קאָן דאָרט געפינען און וואָס — נישט.

ובכן, איז געווען דער מוסר־השכל, מאַכט נישט, איר קריטיקער, קיין פּירושים אויף ביכער, האַלט די איינדרוקן, וואָס איר האָט פון זיי, פאַר זיך אַליין, גיט אונדז נישט איבער די געדאַנקען און די געפילן, וואָס זיי וועקן אין אייך, מאַכט נישט קיין פאַרגלייכן צווישן זיי און אַנדערע ווערק, — פאַרפאַסט נישט, מיט איין וואָרט, קיין קריטישע, פילאָסאָפישע, עסטעטישע, פּסיכאָלאָגישע אָדער סאָציאָלאָגישע טראַקטאַטן — שרייבט רעצענזיעס! זייט ערלעכע מעקלערס, כשרע און באַשיידענע פאַרמיטלערס צווישן דעם שרייבער און דעם לייענער!

וואַרפט אַוועק די מליצות וועגן נאָכשאַפן און מיטשאַפן, נאָכלעבן און מיט־

לעבן, הערט־אויף זיך צו חנען מיט אָסקאַר ווײַלדס „קונסט איבער קונסט״! אַ סוף זאָל עס נעמען צו דער באַרימערישער ראָלע פון נישט־געבעטענע שותפים צו ליטעראַרישע מעשי־בראשית — זײַט שמשים ביים שרײַבער, אויב ער איז עס ווערט אָדער ווערט זײַנע ריכטערס, אויב איר האָט די העזה, אָבער גיט אונדז איבער, פּרינער ווי אַלץ, דעם אינהאַלט פונעם ווערק.

דאָס איז די פאָדערונג וואָס ווערט אָפט געשטעלט דער קריטיק.

און בנוגע צו אַ געוויסן סאָרט ביכער איז עס אפשר טאַקע אַ גערעכטע פאָ־דערונג. איך מיין יענע ווערק, ווו דער עיקר איז די טעמע, דער מאַטעריאַל, ווי אויך דער שטאַנדפונקט און די מיינונגען פון דעם פּראָפעסאָר: אַ שטייגער, וויסנ־שאַפטלעכע ווערק. זיי זײַנען דאָס וואָס זיי זײַנען, נישט וואָס מיר, לעזער, מאַכן פון זיי. זיי עקסיסטירן פאַר אונדז, נישט דורך אונדז. זיי ווילן פון אונדז נישט געלעבט ווערן, זיי ווילן נאָר פאַרשטאַנען ווערן. זיי זײַנען, מיט אַנדערע ווערטער, נישט מחויב דורכצוגיין, דורכצולייכטן זיך, אויסצולײַטערן זיך דורך אונדזער פאַנטאַזיע, דורך אונדזערע געפילן, דורך אונדזער גאַנצער לעבנס־דערפאַרונג. זיי אַפּעלירן נאָר צו איין טייל פון אונדזער גייסטיקן לעבן — צו אונדזער פאַרשטאַנד, צו אונדזער לאָגיק. לאָגיק איז אַן אָביעקטיווע זאַך — זי זוכט, אין יעדן פאַל, אויסצוגעפינען דאָס „אַלגעמיין־גילטיקע״, — איז מעגלעך צו געבן וועגן ווערק פון דעם מין אַ מער אָדער ווייניקער אָביעקטיוון באַריכט. מען קאָן לייכט זען די טעמע פון אַ נאַטור־וויסנשאַפטלעכן און אַפילו פון אַ היסטאָרישן בוך, און עס איז נישט שווער „איבערצוגעבן דעם אינהאַלט״ און אַפילו מאַכן אַ קיצור פון אַזאַ מין ווערק. מען דאַרף נאָר האָבן דערצו געוויסע קענטעניש, פאַרשטאַנד און שרײַבע־רישע געניטקייט. דער מעטאָד, דער שטאַנדפונקט און די הויפּט־פּרינציפּן פון אַ וויסנשאַפטלעכן פּראָפעסאָר לאָזן זיך פאָרמולירן, מער אָדער ווייניקער קלאָר, און אומפּאַרטייִיש. קאָנען מיר באמת האָבן אַ בילד פון זיין ווערק, ווען אַ קאָמפּעטענטער און פּעיִקער מענטש גיט אונדז וועגן דעם אַ באַריכט, אַן איבערבליק, אַ רעצענזיע.

אמת טאַקע, פאַרשפּאָרן אונדז לייענען דאָס עצם־ווערק, קאָן עס נישט. מעג די רעצענזיע זיין ווי גוט און ווי פולשטענדיק, וועט עס אַלץ זיין נאָר אַ סכעמע, אַ פּלאַן, אַ צייכענונג פון דעם בנין, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט אויפגעבויט. אין בעסטן פאַל וועט ער זיין אַן אַנצוהערעניש אויפן סקעלעט פון דעם בוך, נישט זיין פלייש און בלוט און הויט. דאָך קאָן עס אונדז ברענגען נוצן. עס באַקענט אונדז מיט די ראשי פּרקים, מיט דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער און צום טייל אויך מיט דעם ווערט פון בוך...

געוויס קאָנען אויך דאָ זיין טעותן. און נישט נאָר געוויינטלעכע מענטשלעכע טעותן, נאָר טאַקע אַזעלכע, וואָס נעמען זיך פון פאַראורטיילן און פּאַרטייִישער איינזייטיקייט (וויסנשאַפט־לייט האָבן זייערע אייגענע „וויסנשאַפטלעכע״ דאָג־מעס, זייערע אייגענע איינגעשפּאַרטקייטן און פּאַרטייִשקייטן). איז דאָך אונדז באַקאַנט דער ווייַ־געשריי און דער ביטערער, פאַרביסענער פּראָטעסט פון שאַפער־הויערן קעגן די „פּראָפעסאָרן״ וואָס פאַרדרייען און פאַרקריפּלען יענעמס גע־דאַנקען און מיינונגען. האָט ער דאָך דווקא וועגן דער אָביעקטיווער וויסנשאַפט־לעכער „וואַרהייט״ געזאָגט, אַז זי איז „נישט קיין גאַסנפרוי, וואָס וואַרפט זיך

יעדן איינעם אין די חלומות״, נאָר מען מוז איר טריי דינען, ברענגען איר גרויסע קרבנות און האָבן עפּעס גאָר אַ באַזונדערן זכות צו דערזען אויף אירע ליפּן אַ שמייכל... אויך וועגן אַ וויסנשאַפטלעכן ווערק איז בכן נישט לייכט צו האָבן — און צו געבן אַנדערע — אַ ריכטיקן און אַ פּינקטלעכן באַגריף. אָט איז אַ קאָנקרעטער ביישפּיל: קסענאָפאָן און פּלאַטאָ — ביידע האָבן אונדז איבערגעגעבן סאָקראַטעסעס געדאַנקען, אָבער יעדערער אויף זיין שטייגער; קסענאָפאָן (זאָגט מען) פּינקטלעכער און אומפּערזענלעכער, פּלאַטאָ — שעפערישער אָבער סוביעקטיווער... אויך אין דער וועלט פון אידייען איז, הייסט עס, דער בעסטער מקור — דער מקור... נאָך מער איז עס אַזוי ווען עס רעדט זיך וועגן ביכער וואָס ברענגען אונדז נישט דעם אמת פון טרוקענעם פאַרשטאַנד, נאָר יענעם העכערן און טיפערן און מער אומבאַשטימטן אמת, וואָס לאָזט זיך נישט באַנעמען מיטן שכל אַליין, — דעם אמת פון שיינקייט, פון קונסט. דעם דאָזיקן מין ווערק מוז מען אַליין לייענען נישט נאָר דערפאַר וואָס אַנדערש קאָן מען פון זיי קיין הנאה נישט האָבן. (אויך פון וויסנשאַפטלעכע טראַקטאַטן האָט מען קיין הנאה נישט, אויב מען לייענט זיי נישט אַליין און מען באַנוגנט זיך נאָר מיט קאָמפּילאַציעס און איבערזאָגונגען). וועגן אַ בוך פון קינסטלערישן מין קאָן מען אַפילו קיין באַגריף נישט האָבן, אויב מען האָט עס אַליין נישט געלייענט. מע מוז אַליין זען די פאַרבן, די פאָרמען פון אַ בלום; מ׳מוז אין זיך איינזאַפּן איר דופט, אויב מען וויל וויסן וואָס זי איז. קיין באַשרייבונג פון אַ באָטאַניקער וועט דאָ נישט העלפן. און אַזוי קאָן קיין רעצענזענט אונדז נישט פאַרשפּאָרן די אַרבעט פון זעען די קאָלירן און הערן דעם אַראָמאַט פון אַ קונסטווערק. ער קאָן אונדז נישט געבן קיין אָביעקטיווע „באַשרייבונג״ פון אַ ראָמאַן אָדער אַ דראַמע, שוין נישט גערעדט פון אַ לירישער פּאָעמע. ער קאָן אונדז נאָר איבערגעבן וואָס ער האָט געטראַכט, געטרוימט, געזען, געפילט, איבערגעלעבט, ווען ער האָט געלייענט, נישט וואָס יענער האָט געשריבן.

ביז צו אַ געוויסן גראַד איז עס ריכטיק אויך בנוגע וויסנשאַפטלעכע ווערק, אָבער די אויפנעמונג פון וויסנשאַפטלעכן אמת ווערט דאָך נישט אַזוי אינדיווידואַליזירט און איז דאָך נישט אַזוי פאַרשיידנאַרטיק, ווי עס איז דאָס רעאַגירן אויף דער שיינקייט פון אַ קונסטווערק. זי עקסיסטירט נישט פאַר אונדז. זי עקסיסטירט נאָר אין אונדז — אין אונדזער פעיקייט זי צו געפינען און צו געניסן („ווען מיר זאָלן דורכוואַנדערן אפילו די גאַנצע וועלט צו זוכן דאָס שיינע״, זאָגט עמערסאָן „וועלן מיר עס נישט געפינען, אויב מיר טראָגן עס נישט אין זיך אַליין״) און אַזוי ווי יעדער פון אונדז לעבט איבער שיינקייט און שאַפט זי איבער אויף זיין אייגענעם שטייגער, לויט זיין אייגענעם כאַראַקטער און כפי זיין מדרגה, איז דאָס בילד וואָס יעדער איינער (און ממילא אויך דער קריטיקער) גיט אונדז פון אַ קונסטווערק, אַ בילד פון דעם איינדרוק וואָס דאָס ווערק האָט געמאַכט אויף אים, נישט פון דעם ווערק גופא. אַן אַנדערער קאָן האָבן אַן אַנדערן איינדרוק, וועט ער ממילא אָפּגעבן אויך אַן אַנדער „באַריכט״...

זאָגט טאַקע זשול לעמעטער וועגן קריטיק אַז זי „ווערט אומענדלעך וואַריאירט לויט דעם קעגנשטאַנד וואָס ווערט באַטראַכט, לויט דעם גייסט וואָס באַטראַכט אים און לויט דעם שטאַנדפּונקט, אויף וועלכן דער קריטיקער שטייט...

נישט געקוקט אויף אָט דער דערפאַרונג איז נאָך אַלץ פאַרשפּרייט די מיי־

נונג אַז ווען מע שרייבט וועגן אַ קינסטלערישן ווערק, מוז מען — און מען קאָן — אָביעקטיוו אינפאָרמירן דעם לייענער וועגן דעם אינהאַלט פונעם ווערק. טוט מען עס נישט, זאָגט מלך ראַוויטש, אַ הויך־טאַלאַנטירטער פּאָעט, וואָס שרייבט אָפּט קריטיק און רעצענזיעס, — „קאָן אַ מאָל פּאַסירן אַז דו זאָלסט לייענען אַן אויסגעצייכנטן עסיי וועגן אַ געוויסן בוך, טיף און אַנאַליטיש, קינסטלעריש ביז גאָר געשריבן, נאָר אויב דו האָסט אַליין דאָס נעמלעכע קריטיקירטע בוך נישט געלייענט, ווייסטו אַבסאָלוט גאָרנישט ניט וויסן וואָס אין דעם דאָזיקן בוך טוט זיך". ראַוויטש פרעגט זיך נישט, צי וועט מען פון דעם רעצענזענטס „אינפאָרמאַציע" באמת טאָקע דערוויסן זיך וועגן דעם בוך עפּעס אַזוינס, וואָס האָט מער ווי אַ רעלאַטיוון ווערט. צווישן די אַמעריקאַנער ייִדישע ליטעראַטור־קריטיקערס איז דאָ איינער וואָס האָט גאָר אַ באַזונדערע פעיִקייט צו זיין זאַכלעך, — דאָס איז הלל ראָגאָף. און ווי ווייט עס רעדט זיך וועגן „איבערגעבן דעם אינהאַלט" פון אַ ראָמאַן אָדער אַ דערציילונג, וואָלט זיך מיט אים אפשר געקאָנט פאַרגלייכן נאָר איין יעקב באָטאָשאַנסקי, אַ פעיִקער ייִדישער קריטיקער פון אַרגענטינע; פון דעסטוועגן וואָלט קיין אינטעליגענטער לייענער נישט געדאַרפט זיך באַנוגענען אַפילו מיטן געלונגענסטן ליטעראַריש־קריטישן רעפּאָרטאַזש וואָס הלל ראָגאָף אָדער יעקב באָטאָשאַנסקי וואָלט אָנגעשריבן. פאַרוואָס? ווייל, סוף־כל־סוף איז עס דאָס עדות־זאָגן פון איין מענטשן, און אַז עס קומט צו קינסטלערישער ליטעראַטור קאָנען אַפילו צוויי (און אַפילו מער ווי צוויי עדות), מעגן זיי זיין ווי באַגלייבט, נישט פאַרבייטן אַ פערזענלעכע איבערלעבונג. און זיי קאָנען נישט פאַרנעמען איר אָרט אַפילו בנוגע דעם סיפור־המעשה. פון מיין אייגענער דערפאַרונג ווייס איך אַז יעדעס מאָל, ווען איך פרוּוו איבערדערציילן אַ ראָמאַניסטס אָדער אַ נאָוועליסטס אַ געשיכטע, כאַפּ איך זיך אַז אין מיין איבערדערציילן גנבעט זיך אַריין מיין אויסטייטשן די דאָזיקע דערציילונג — איך קאָן זיך נישט העלפן. האָב איך אין אַ בריוו צו מלך ראַוויטשן אַמאָל געשריבן: „צווישן די חסרונות (פון מיין בוך וועגן ה. לייוויקן), וואָס איר רירט אָן*), האָט מיך פאַראינטערעסירט איינער, וועגן וועלכן איך האָב אַ סך מאָל געטראַכט: דאָס איז דעם קריטיקערס חוב „איבערצוגעבן דעם אינהאַלט". איך אַליין כאַפּ זיך אָפּט, אַז איך שרייב פאַר די וואָס האָבן דאָס בוך שוין געלייענט, נישט פאַר די, וואָס דאַרפן אָדער זאָלן עס לייענען. אפשר נעמט זיך עס דערפון, וואָס כ'האָב פשוט נישט די פעיִקייט איבערצוגעבן און דערהויפּט איבערצודערציילן דעם אינהאַלט. ווי נאָר איך הייב עס אָן צו טאָן, כאַפּ איך זיך אַז איך האַלט שוין אין פאַרטייטשן דעם מיין, דעם עיקר מיין פון דעם בוך — און די פּרטים וואָלטן מיך נאָר אָפּגעצויגן פונעם תּוך, אַראָפּגעפירט פון וועג. אַקצענטיר איך נאָר יענע איינצלהייטן, וואָס לאָזן זיך פאַרסך־הכּלען. די צרה איז וואָס אַנאַליזירן אָדער סינטעזירן וואָס איך לייען, סטימולירט מיך צום שרייבן, בעת דאָס איבערדערציילן אַ מעשה לאַנגווייליקט מיך". עס לאַנגווייליקט מיך מסתּמא דערפאַר ווייל איך האָב נישט דעם טאַלאַנט פון אַן אמתן רעפּאָרטער. אָבער נישט דאָס איז דער עיקר. דער עיקר איז וואָס אַז עס

---

*) ציטירט לויט מלך ראַוויטשעס: „וועגן אינהאַלט און אינפאָרמאַציע", אין „די פרעסע", בוענאָס־איירעס, 9טן יאַנואַר, 1952.

קומט צו שעפערישער ליטעראַטור, גלייב איך נישט אַז מען קאָן זי לייענען על ידי שליח אָדער אַז עמעצער קאָן אונדז געבן וועגן איר אַן אָביעקטיוון באַריכט.

„אין פּראַגן, וואָס זיינען שייך צו ליטעראַטור”, זאָגט אַנאַטאָל פראַנס, „איז נישטאָ קיין איין מיינונג, וואָס עס זאָל נישט זיין לייכט איר אַנטקעגנצושטעלן אַ מיינונג, וועלכע איז פּונקט דער היפּוך פון איר”. און דאָס איז ריכטיק אויך וועגן מיינונגען אין שייכות צום סיפּור־המעשה, צו דער פאַבל. אַפילו די טעמע, יאָ, אַפילו די טעמע פון אַ קונסטווערק לאָזט זיך נישט אָביעקטיוו באַשטימען און ריכטיק איבערגעבן. עס קאָן טרעפן, אַז צוויי רעצענזענטן זאָלן איבערדערציילן די פאַבל פון אַ נאָוועלע — און זי זאָל ביי איינעם זיין אַנדערש ווי ביי דעם אַנדערן. האָט איינער „נישט ריכטיק” דערציילט? ניין, פּאַסירט האָט עפּעס אַנדערש, עפּעס אַזוינס וואָס מוז פּאַסירן. עס איז אוממעגלעך איבערצודערציילן אַלץ. עפּעס מוז מען אויסלאָזן. וואָס? דאָס ווייניקער וויכטיקע. האַלט איינער פאַר „נישט גענוג וויכטיק” די פּרטים און דער אַנדערער — אַנדערע. געפינט זיך אין איינעמס איבערדערציילונג דאָס, וואָס אין דעם אַנדערנס פעלט, און פאַרקערט. מוזן ממילא שוין אַרויסקומען צוויי גאַנץ פאַרשיידענע ווערסיעס. און נישט נאָר די פאַבל, אויך די טעמע פון אַ קונסטווערק איז נישט קיין זאַך וואָס לאָזט זיך אָביעקטיוו פאַרמולירן. דעם קינסטלער אַליין איז שווער צו געפינען גענויע ווערטער פאַר זיין טעמע. ער האָט זי אויסגעדריקט אין זיין ראָמאַן, אין זיין דראַמע, אין זיין פּאָעמע. אַנדערש קאָן ער זי נישט אויסדריקן. די טעמע פון אַ קונסטווערק איז דאָס קונסטווערק. עס איז נאַיִוו צו ריידן ווי וועגן צוויי באַזונדערע זאַכן, וועגן דער טעמע פון אַ ליד (אָדער אַפילו אַ ראָמאַן) און איר אויספירונג. די טעמע ווערט געשאַפן אין דעם פּראָצעס פון איר אויספירונג. איידער די פּאָעמע אָדער די דערציילונג איז אָנגעשריבן, ווייסט דער שרייבער אָפט אַליין נישט אַקוראַט, וואָס ער וויל. ער האָט עפּעס אַן אַלגעמיינע — און אָפט זייער אַ נעפּלהאַפטע — „אידייע”, „וויזיע”, „פאַנטאַזיע” אָדער ווי איר וועט עס אָנרופן. דער קינסטלער ווייס, וואָס ער טוט, נישט, וואָס ער וויל... ווען מען זאָל האָבן געפרעגט ביי סערוואַנטעסן, וואָס איז די טעמע פון „דאָן קיכאָט”, וואָלט ער געוויס געענטפערט: „די שעדלעכקייט פון ריטער־ראָמאַנען” (ער זאָגט עס אין זיין אַריינפיר). אָבער די אמתע טעמע פון דעם אומשטערבלעכן ראָמאַן איז דאָך גאָר אַן אַנדערע — אַ נישט אין ערך וויכטיקערע. די באַשטימונג פון דער טעמע, וואָס אַ קונסטווערק האָט, איז ענג פאַרבונדן מיט דער עצם אויסטייטשונג פונעם ווערק. איז עס פּונקט אַזוי סוביעקטיוו, ווי די אויסטייטשונג. היינט ווי קאָן מען פאָדערן פונעם רעצענזענט אָדער קריטיקער, אַז ער זאָל פאַרגעסן אָן זיך אַליין און אונדז געבן אַ „באַריכט” פונעם בוך? אַז עס איז גאָר נישטאָ און עס קאָן נישט זיין אַזאַ זאַך ווי אַן אָביעקטיווער באַריכט. נאָר ווען אַפילו עס זאָל מעגלעך זיין צו באַשטימען די טעמע און ריכטיק איבערגעבן דעם סיפּור־המעשה פון אַ קונסטווערק, וואָלט עס אַלץ נאָך געווען ווינציק, ווייל וואָס קאָן, אַ שטייגער, אַרויסקומען דערפון וואָס איר וועט וויסן, אַז די שיינע געבײדע איז געמאַכט געוואָרן פון האָלץ, פון שטיין אָדער פון שטאָל און אייזן? דער עיקר איז דאָך וואָס עס איז פון דעם מאַטעריאַל געמאַכט געוואָרן און ווי עס איז געמאַכט געוואָרן. און אַז עס קומט צום וואָס און צום ווי פון אַ קינסטלערישער שאַפונג, איז דער, וואָס שרייבט אַ רעצענזיע, פּונקט אַזוי סוביעקטיוו, ווי דער פאַרפאַסער פון אַן אויספירלעכער קריטיק.

דער אונטערשייד צווישן אַ רעצענזיע און אַ קריטיק איז אין דער אמתן נאָר אַ דרויסנדיקער. מיט רעצענזיעס מיינט מען געוויינטלעך קריטיקן וועגן ביכער, וואָס זיינען נאָר־וואָס אַרויס פון דרוק, בעת קריטיקן זיינען רעצענזיעס וועגן ביכער, וואָס זיינען לאַנג שוין פאַרעפנטלעכט געוואָרן. רעצענזיעס זיינען, אַ חוץ דעם, קירצער פון קריטיקן. דאָס מאַכט אַז עס זאָל זיין שווערער — און אַז מען זאָל דאַרפן האָבן מער פעיִקייט — צו זיין אַן אמתער רעצענזענט, ווי צו זיין אַ קריטיקער. וואָס איז אַן אמתער רעצענזענט? איינעם פון די קירצסטע, קלאָרסטע און פּילזייטיקסטע ענטפערס אויף דער פראַגע האָב איך געפונען ביי דעסמאָנד מעקקאַרטי, אַן ענגלישן קריטיקער. „אַ גוטער רעצענזענט, זאָגט ער, דאַרף געבן די לעזערס אַ באַגריף וועגן דעם בוך, וואָס פאַר אַן אינהאַלט עס האָט און וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר. ער דאַרף, ווי ווייט מעגלעך, באַשטימען דעם אָרט, וואָס עס פאַרנעמט צווישן די ביכער, וועלכע גיבן זיך אָפּ מיט דעם זעלביקן ענין. עס שאַדט נישט, אַז די רעצענזיע גופא זאָל זיין אַ באַשיידענער צושטייער צו דער ליטעראַטור פון דעם קעגנשטאַנד. דאָס אַלץ דאַרף דערגרייכט ווערן אין די גרע־נעצן פון זייער אַ קליינעם אָרט און דאַרף געשריבן ווערן אַזוי, אַז עס זאָל צו־ציִען דעם לייענערס אויפמערקזאַמקייט. נו, די ערשטע פאָדערונג איז לחלוטין גאָר נישט אַזוי לייכט ווי זי זעט אויס, און וואָס איז שייך צו דער צווייטער און דער דריטער, איז קלאָר, אַז זיי זיינען נישט פאַר די כוחות פון רעצענזענטן — און עס איז דאָ אַ היפּש ביסל אַזוינע, — וואָס זייער גאַנצע באַקאַנטשאַפט מיטן באַהאַנדלטן קעגנשטאַנד שטאַמט פון דעם בוך וואָס זיי האָבן צופעליק גענומען זיך רעצענזירן“.

צווישן אַנדערע קוואַליפיקאַציעס פאָדערט מעקקאַרטי פונעם רעצענזענט אַז ער זאָל האָבן אַ סך טאַקט, זעלבסטוויסן און אַן עסטעטישן חוש ווי אויך באַקאַנט־שאַפט מיט די מינים פון שאַפן, מיט דער ביכער־וועלט און מיט מענטשן אויסער דער וועלט פון ביכער. ער מוז אויך וויסן ווען צו זיין טאָלעראַנט און ווען זייער שטרענג. אַ בעל־גאווה, זאָגט מעקקאַרטי, קאָן זיין אַ גלענצנדיקער שרייבער אָדער אַ געלערנטער, אָבער נישט קיין גוטער רעצענזענט. פריִער אָדער שפּעטער וועט ער ווערן מוראדיק עגאָיִסטיש אָדער זעלבסטצופרידן. פון דער אַנדערער זייט אָבער מוז דער רעצענזענט זיך פאַרלאָזן אויף זיך אַליין און קאָן זיך נישט פאַר־גינען צו זיין שרעקעוודיק. ער מוז זיין גרייט באַטראַכט צו ווערן פאַר אַ געפער־לעכן מענטשן אָדער פאַר אַ טעמפּן עקשן און דאָס דווקא פון אַזוינע לייענערס, וואָס ער וואָלט געוויס וועלן אַז זיי זאָלן האָבן וועגן אים אַ גוטע מיינונג.

דער רעצענזענט וואָס איז ווערט צו טראָגן דעם נאָמען, שטייט ווי מיר זעען פאַר די זעלביקע פּראָבלעמען וואָס דער אַזוי־גערופענער קריטיקער ,און אפשר נאָך פאַר שווערערע פּראָבלעמען. ווייל ער דאַרף שרייבן לייכט און האָט ווינצי־קער אָרט, אַ חוץ דעם וואָס ער רעצענזירט געוויינטלעך ביכער פון לעבעדיקע, אָפט נאָך גאָר יונגע שרייבערס, און ער האָט נישט דעם הינטערגרונט און עס פעלט אים די פּערספּעקטיוו פון צייט, וואָס עס האָט דער וואָס שרייבט וועגן ווערק פון עלטערע אָדער געשטאָרבענע שרייבערס. דאָס אַלץ מאַכט זיין אַרבעט נישט ווינציקער, נאָר מער פאַראַנטוואָרטלעך.

אָבער אויב עס איז פאַראַן אַ קנאַפּער אונטערשייד צווישן רעצענזיע און

קריטיק, איז זייער גרויס דער חילוק צווישן קריטיק פון ליטעראַטור און טעאַטער־קריטיק.

9. ליטעראַטור־קריטיק און קריטיק פון טעאַטער

די צילן, די אויפגאַבעס, די אַלגעמיינע מעטאָדעס קאָנען אין טעאַטער־קריטיק זיין די זעלביקע וואָס אין דער קריטיק פון ביכער. אי דאָ, אי דאָרט קאָנען דעם קריטיקער אינטערעסירן די פראַגעס: וואָס? פאַרוואָס? אָדער ווער? — וואָס פאַר אַ מין ווערק איז דאָס, וואָס ער האָט געלייענט אין בוך אָדער געזען, געהערט אויף דער בינע? אָדער פאַרוואָס — פאַרוואָס זיינען די ביכער, די ספּעקטאַקלען אַזעלכע און נישט קיין אַנדערע? ד״ה פון וואַנען נעמט זיך דאָס? וואָס פאַר אַ היסטאָרישע אורזאַכן, וואָס פאַר אַ סאָציאַלע אומשטאַנדן, וואָס פאַר אַ אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישע מאָטיוון רופן עס אַרויס? דעם קריטיקערס אויפגאַבע קאָן אויך זיין קלאָר צו מאַכן ווער איז דער שרייבער? ווער זיינען די טעאַטער־קינסטלערס? וואָס פאַר אַ איך, וואָס פאַר אַ כוחות און וואָס פאַר אַ טראַדיציעס האָט יעדער פון זיי? ער קאָן זיך פאַרגינען צו פרעגן: „צוליב וואָס? צוליב וואָס שרייבט מען, צוליב וואָס שפּילט מען אַזאַ אָדער אַן אַנדערע זאַך? וואָס פאַר אַן עסטעטישע, פילאָסאָפישע אָדער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע צילן איז מען דערמיט אויסן? אַלץ איינס, וואָס פאַר אַ סאָרט קריטיק דאָס זאָל נישט זיין, אַ קינסטלעריש־אויסטייטשנדיקע, אַ סאָציאָלאָגיש־דערקלערנדיקע, אַן אינדיווידועל־פּסיכאָלאָגישע אָדער אַ סאָציאַל־עטישע, אַ פריי־אימפּרעסיאָניסטישע אָדער אַ דאָגמאַטישע, אַזאַ וואָס נערט זיך פון לעבעדיקע איינדרוקן אָדער אַזאַ וואָס האַלט זיך אויף אָנגענומענע כללים, — אַלץ איינס קאָן זי אָנגעווענדט ווערן אי צו דער ליטעראַרישער, אי צו דער סצענישער קונסט.

אָבער מעגן ווי גלייך זיין די צילן, די מיטלען פונעם טעאַטער־קריטיקער און דעם ליטעראַטור־קריטיקער — די אומשטאַנדן, די תנאים ביי וועלכע דער און יענער קריגט זיין מאַטעריאַל און פאַרמירט אים, זיינען פאַרשיידן, שטאַרק פאַרשיידן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט וואָס זיי ביידע טראָגן. די דערפאַרונגען וואָס זיי מוזן האָבן, די מניעות וואָס זיי דאַרפן בייקומען, די נסיונות וועלכע זיי מוזן ביישטיין, די געפאַרן וואָס לויערן אויף זיי — זיינען נישט גלייך.

אין געוויסע פּרטים איז די לאַגע פון ביכער־קריטיקער אַן ערנסטערע, אַ שווערערע; עס זיינען אָבער פאַראַן אויך פּונקטן, וואָס מאַכן, פאַרקערט, די מיסיע פון דער טעאַטער־קריטיק גאָר באַזונדערס וויכטיק און קאָמפּליצירט.

איך וועל אָנהייבן פון די אייגנאַרטיקע און ספּעציעל פאַרוויקלטע תנאים מיט וועלכע עס מוז זיך רעכענען יעדער אמתער טעאַטער־קריטיקער. איך וויל ווייזן פריער פאַר אַלץ, ווי ווייט עס איז אין אַ סך זייער וויכטיקע פּרטים שווערער צו זיין אַן אויסטייטשער און אַן אָפּשאַצער פון דער בינע־קונסט, ווי אַ קריטיקער פון ליטעראַטור. איך וויל אָנהייבן מיט דעם, ווייל געוויינטלעך פאָדערט מען פון אַ טעאַטער־קריטיקער ווינציקער ווי פון די וואָס פאַרצייכענען זייערע איינדרוקן פון ביכער און שרייבן כאַראַקטעריסטיקעס אָדער אָפּשאַצונגען פון וואָרט־קינסטלערס. מען גיט זייער אָפּט איבער די פונקציע פון טעאַטער־אָפּשאַצונג פאַרזאָנען,

וועלכע מען וואָלט קיין מאָל נישט אַנגעטרויט די אויפגאַבע פון ליטעראַרישער קריטיק. צייטונג־רעדאַקציעס שיקן זייער אָפט אין טעאַטער אַריין ברענגען באַ־ריכטן דעם „ערשטן בעסטן" רעפּאָרטער.

טעאַטער־רעצענזענטן זיינען אומעטום דאָ אין אַ סך אַ גרעסערער צאָל, ווי ליטעראַטור־קריטיקערס. וועגן ביכער איז רעכט אַז מ'שרייבט אין דער צייטונג און ס'איז רעכט אַז נישט אויך. אָבער טעאַטער איז אַ פּאָפּולערע אינסטיטוציע. טעאַטער איז, אַ חוץ דעם, זייער אַ וויכטיקער קונד פון דער אַנאָנסן־אָפּטיילונג, איז נישטאָ קיין איין פּעריאָדישער אָרגאַן, וואָס זאָל נישט אָפּגעבן זיך מיט דער בינע. ממילא, נייטיקט זיך די וועלט פון טעאַטער־קריטיק אין אַ סך „הענט". איז דאָס מסתמא איינע פון די סיבות, פאַר וואָס מען איז נישט אַזוי שטאַרק מקפּיד אויפן קאָפּ, אויפן געשמאַק, אויף דער גראַד בילדונג און אויף די פעיִקייטן — פון דעם, וואָס איז ממונה אויפן טעאַטער אין דער פּרעסע. אָבער דאָס איז נישט די איינציקע סיבה. מען גיט זיך פּשוט נישט אָפּ קיין רעכענונג פון די גרויסע און שווערע התחייבותן, וואָס ליגן אויף דער טעאַטער־קריטיק. מען טראַכט נישט גענוג וועגן די אומשטאַנדן, וועלכע מאַכן גייטיק אַז אירע פאָרשטייערס זאָלן קינסטלעריש, אינטעלעקטועל און מאָראַליש שטיין גאָר אויף אַ באַזונדער הויכער מדרגה. מען נעמט טעאַטער זייער לייכט (מען קוקט אויף דעם דערהויפּט ווי אויף אַן אַמוזירונג־אינסטיטוציע) און ממילא פאָדערט מען נישט קיין סך אויך פון די, וואָס גיבן־אָפּ די באַריכטן פון טעאַטער־אויפפירונגען.

אין דער אמתן וואָלט מע געדאַרפט זיי שטעלן זייער הויכע פאָדערונגען. און אָט פאַר וואָס:

א. דער טעאַטער־קריטיקער מוז דאָך זיין אויך אַ ליטעראַטור־קענער. לויט אַ שיטה וואָס איז גאָר נישט לאַנג צוריק נאָך געווען זייער שטאַרק אָנגענומען, איז די אויפגאַבע פון דער בינע אויסצוטייטשן און פאַרקערפּערן דעם דיכטערס ווערק. די דראַמע, דאָס ליטעראַריש־דראַמאַטישע ווערק איז, לויט דער דאָזיקער מיינונג, דער צוועק, דאָס שפּיל פון די אַקטיאָרן — דאָס מיטל צום ציל. מוז דאָך דער קריטיקער זיין פעיִק צו באַנעמען און צו באַלייכטן דעם עיקר — די דראַ־מאַטישע דיכטונג, — נישט נאָר דעם טפל — דאָס שפּילן פון דער טרופּע. ער מוז דאָך זיין אַ „מבין" אויף שעקספּירס „האַמלעט", אויף גאָגאָלס „רעוויזאָר", אויף איבסענס „בוימייסטער סאָלנעס", אויף אַשס „גאָט פון נקמה", אויף לייוויקס „גולם", אויף סעקלערס „דעם רבינס נסיעה", נישט נאָר אויף די אַקטיאָרן, וואָס פאַרשטעלן זיך פאַר די העלדן פון די דאָזיקע וואָרט־שאַפונגען... נאָר ווען אַפילו עס זאָלן זיין גערעכט — און עס זיינען אין אַ געוויסן זינען גערעכט — יענע, וועלכע האַלטן אַז טעאַטער איז אַ זעלבשטענדיקע קונסט, אַז עס דינט און מוז דינען זיך אַליין, נישט דער ליטעראַטור, — ווען אַפילו דעם דיכטערס שאַפונג זאָל זיין נאָר „דער מאַטעריאַל", פון וועלכן די בינע־קונסט שאַפט איר אייגן ריין־טעאַטראַליש ווערק, קען אויך די דראַמע נישט איגנאָרירט ווערן פון דעם טעאַ־טער־קריטיקער. דער „מאַטעריאַל" פון דער קונסט איז פאַר איר זייער וויכטיק, בפרט נאָך אַז דער רעזשיסער און די אַקטיאָרן, אַפילו די סאַמע „טעאַטראַלישע" און „אַנטי־ליטעראַרישע", נעמען אָפט ביי דעם וואָרט־קינסטלער נישט קיין רוי־שטאָף, נאָר עפּעס אַזוינס וואָס איז ליטעראַריש־קינסטלעריש פאַרמירט, פאַרענ־

דיקט, מעגן זיי עס ווי שטאַרק ענדערן און צופּאַסן צו זייערע אייגענע צילן און אויפגאַבעס. אַ געוויסער עלעמענט פון וואָרט־שאַפונג איז דאָ און מוז זיין כמעט אין יעדן טעאַטראַלישן ספּעקטאַקל. אַ געוויסע דערציילונג, אַ געוויסע דראַמאַטיש אויסגעשמידטע קייט פון פּאַסירונגען איז דאָ אַפילו אין שטומען טעאַטער. מוז דאָך דער בינע־קריטיקער זיין מסוגל צו באַנעמען און צו דערקלערן אָט די, זאָל זיין נישט אַרויסגערעדטע דערציילונג, אָט די זאָל זיין שטומע דראַמע. ער מוז דאָך (זיך אַליין און אונדז) אָפּגעבן אַ חשבון נישט נאָר פון דעם שפּילן, נאָר אויך פון דעם, וואָס ווערט געשפּילט — פון דעם דורך וואָרט אָדער דורך מימיק, פּלאַס־טיק, קלאַנגען, ליניעס, פאַרבן, זשעסטן, אויסגעדריקטער ליטעראַרישער קאָמפּאָ־זיציע. און ווער רעדט נאָך, אויב ער זאָל היסטאָריש וועלן באַלייכטן די אָדער יענע פּאַסירונג, די אָדער יענע באַוועגונג אָדער שטרעמונג אין דער וועלט פון טעאַטער, וועט ער דאָך אוודאי מוזן זיין באַקאַנט מיט דער געשיכטע און דער עוואָלוציע פון דראַמאַטישער ליטעראַטור נישט ווייניקער ווי מיט דער היסטאָ־רישער אַנטוויקלונג פון אַלע אַנדערע עלעמענטן פון טעאַטער. ובכן, דער טעאַ־טער־קריטיקער מוז אין אַ גרויסער מאָס זיין באַהאַוונט אויך אין ליטעראַטור־ענינים.

ב. די סצענישע קונסט איז אין אַ געוויסן זינען אַ סינטעטישע קונסט. אין דעם פּראָצעס פון איר רעאַליזירונג נעמען אַנטייל פאַרשטייערס פון פאַרשיי־דענע אַנדערע קונסטן, אַ חוץ דעם דיכטער. אַ גרויסע ראָלע שפּילט אין איר די מאַלעריי, געזאַנג, מוזיק, טאַנץ, צום טייל אויך (אין דער לעצטער צייט) אַרכיטעק־טור. דעם אַקטיאָרס עצם שאַפן איז אַ פּילזייטיק שאַפן. זיין מעדיום, זיין אינס־טרומענט איז נישט איין אָרגאַן — נישט דאָס אויג אַליין, נישט דאָס אויער אַליין אד״גל, נאָר זיין גאַנצע קערפּערלעכע, אַזוי ווי זיין גאַנצע פּסיכישע אָרגאַניזאַציע — דאָס הערן, דאָס קוקן, דאָס ריידן, דער אויסדרוק פון געזיכט, די באַוועגונג פון יעדן מוסקול, יעדער מינדסטער ריר, יעדער צאַפּל פון די נערוון. און אויפ־נעמען טעאַטער קאָנען מיר אויך נישט אַנדערש, ווי מיט אַלע אונדזערע חושים. מוז דאָך, ממילא, אויך דער אויסטייטשער און דער באַריכט־אָפּגעבער פון דעם היסטריאָנישן ווערק זיין סענסיטיוו לגבי די איינדרוקן פון די אַלע פאַרשיידענע קונסט־געביטן, פון די אַלע מעגלעכע קונסט־פונקציעס, וועלכע שאַפן די פּילפּאַכע איינהייטלעכקייט פון אַ קינסטלערישער טעאַטער־דערגרייכונג. ער מוז זיין פעיִק און צוגעגרייט צו פילן אַ טעם אין דער מימיק פון דעם אַקטיאָר, אין זיינע פּלאַסטישע באַוועגונגען, אין זיין שטים, אין זיין אויסשפּראַך, אין זיין זין פאַר ריטעם, אין זיין פעיִקייט זיך צו פאַרשטעלן, אין זיין קענען זיך אָנטאָן, אין זיין איינגלעבונג־און כאַראַקטעריזירונג־קונסט. ער מוז האָבן אַ חוש פאַרן ריטעם פון מענטשן־און זאַכן־גרופּירונגען. ער מוז האָבן אַן אויער פאַר דער מוזיק, וואָס באַגלייט דאָס שפּילן און גיסט זיך דערמיט צונויף; ער מוז האָבן אַן אויג פאַר דער מאַלערישער זייט, אַ געניטקייט אין דער גרויסער קונסט פאַר מאָדערנער רעזשי.

אַ סך פון די דאָזיקע זאַכן טאָרן נישט פרעמד זיין אויך דעם ליטעראַרישן קריטיקער, וואָרעם אויך צו זיין קונסט, צו דער קונסט פון וואָרט, ציִען זיך שטילע פעדים פון פיל אַנדערע קונסט־אַקטיוויטעטן — אויך דאָרט שפּילט אַ ראָלע ריט־מישקייט, מוזיקאַלישקייט, מאַלערישקייט, אַרכיטעקטאָניק אאַז״וו. אָבער דאָרט

ווירקט דאָס אַלץ אינדירעקט, בעת אויף דעם געביט פון טעאַטער ווייזט זיך עס אַרויס אָפן און דירעקט. מוז אַ טעאַטער־קריטיקער פשוט זיין אומבאַהאָלפן, ווען ער זאָל נישט פאַרמאָגן אָט די גרויסע פּילזייטיקע דערפאַרונג, אָט די ברייטקייט פון קינסטלערישע אינטערעסן, אויף וועלכע איך האָב דאָ נאָר אָנגעוויזן.

ג. אַ וויכטיקער ענין פאַרן טעאַטער־קריטיקער איז די פּסיכאָלאָגיע פון פּובליקום, מאַסן־פּסיכאָלאָגיע. ער מוז האָבן אַ חוש פאַר איר. ער מוז זי האָבן שטודירט. אויך אַ קריטיקער פון ביכער, אויב ער וויל באַנעמען און דערקלערן די ראָלע פון ליטעראַטור אין דעם אַרומיקן, נישט נאָר אין זיין אייגענעם, לעבן, מוז קענען דעם עולם לעזער און וויסן זיינע פאָדערונגען, זיינע קאַפּריזן, ווי אויך די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר אין דעם געשמאַק פון זיינע פאַרשיידענע עלעמענטן. אַ סך וויכטיקער איז עס אָבער פאַר דעם קריטיקער פון טעאַטער־שפּיל. אין טעאַטער פאַרלויפט דער פּראָצעס פון שאַפן גלייכצייטיק מיט דעם פּראָצעס פון געניסן — דער זאָל ווו עס זיצט דאָס פּובליקום, און די בינע ווו די קינסטלערס געפינען זיך, זיינען נאָר אָפּגעטיילט, נישט אָפּגעזונדערט איינס פון דאָס אַנדערע. זיי זיינען צוויי העלפטן פון איין גאַנצער זאַך. זיי געפינען זיך אין איין געביידע, אונטער איין דאַך און זיי אָטעמען איין און אויס איינע און די זעלביקע לופט. זייער קעגנזייטיקע ווירקונג איז אַ גלייכצייטיקע און אַ דירעקטע. אַלץ, וואָס קומט פאָר אויף דער בינע, מוז גלייך געפינען אַן אָפּקלאַנג ביים פּובליקום; פאַרקערט, דאָס פּובליקום, זיין כאַראַקטער, זיין סענסיטיוויטעט, זיינע סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס, זיינע געוווינהייטן, זיין געשמאַק און זיין אָפּרוף זיך אויפן שפּיל ווירקן דירעקט אויף דעם גראַד פולקאָמענקייט פון די טעאַטער־קינסטלער. צווישן זיי, צווישן די געניסערס און די שאַפערס פון טעאַטער־קונסט איז בכלל פאַראַן אַן איבעוויניקסטע, אַ קינסטלערישע פאַרבינדונג.

אַ פּאָעט אָדער אַ דענקער, ווי באַלד נאָר ער טראַכט נישט צו פאַרקויפן זיינע ווערק, קאָן אין אַ געוויסן זינען איגנאָרירן דעם עולם און שרייבן נאָר „פאַר זיך אַליין" אָדער „פאַר די קומענדיקע דורות". דער טעאַטער־קינסטלער קאָן זיך דאָס נישט פאַרגינען. ער קען נישט שפּילן „פאַר לידיקע בענק". ער קען נישט שאַפן פאַר אַ פּובליקום וואָס דאַרף ערשט אויסוואַקסן. ער מוז גלייך, שפּילנדיק, האָבן פאַר זיך דעם אויפנעמער פון זיין קונסט און נישט איין אויפנעמער און נישט עטלעכע, נאָר אַ „פול הויז", און נישט יעדן פון זיי באַזונדער, נאָר זיי אַלעמען אינאיינעם. דאָס געניסן אַזוי ווי דאָס שפּילן טעאַטער האָט אין זיך עפּעס קאָלעקטיווס. דאָס פּובליקום מוז אָדער לכתחילה זיין מער אָדער ווייניקער פאַראייניקט אין זיינע דערוואַרטונגען און פאַרלאַנגען, אָדער עס מוז צונויפגעגאָסן ווערן אינאיינעם, ווערן אַ פּילקעפּיקע מאַסע אונטער דער היפּנאָטישער ווירקונג פון ספּעקטאַקל. די אַקטיאָרן שפּילן נישט פאַר יעדן פון די טעאַטער־באַזוכערס, נאָר פאַר זיי אַלעמען ווי פאַר אַן איינהייט, און יעדער פון זיי ווערט אַלץ מער פאַרכאַפּט פונעם שפּילן, וואָס ווינציקער ער פילט זיין אָפּגעזונדערטקייט פון די אַרומיקע און, פאַרקערט, וואָס מער ער ווערט צונויפגעגאָסן מיטן עולם, וואָס מער ער איז מסוגל אונטערצוגעבן זיך אָט דעם מאַסן־היפּנאָז אַלץ אַ שטאַרקערן איינדרוק מאַכט אויף אים דאָס שפּילן. ממילא איז דער געמיט־צושטאַנד פון עולם און די פּסיכאָלאָגיע פון זיינע בשותפותדיקע איבערלעבענישן זייער וויכטיק פאַר

דעם קריטיקער פון דער בינע. אויך ער מוז זיך קענען אָריענטירן איןביידע העלפטן פון טעאַטער — אין דער, וואָס געפינט זיך אויף איין זייט און אין דער, וואָס איז אויף דער אַנדערער זייט ראַמפּע. ער מוז פילן און פאַרשטיין דעם כסדר־דיקן ווירקונג־שטראָם, וואָס פליסט אַהער דאַרף פליסן פון דער בינע צום פּובליקום און, פאַרקערט, פון פּובליקום צו דער בינע. ער מוז קענען די פּסיכאָ־לאָגיע און דעם מעכאַניזם פון געניסן דעם אַקטיאָרס קונסט פּונקט אַזוי גוט ווי די אינעווייניקסטע געזעצן פון טעאַטער־שפּיל. אויב די קריטיק פון ביכער קאָן זיין סאָציאַל, קאָן די טעאַטער־קריטיק, ווי די קריטיק פון אַ קאָלעקטיווער קונסט, נישט זיין אַנדערש ווי סאָציאַל, הגם זי מוז אויך קענען די נשמה פון יחיד.

ד. אַט דער קאָלעקטיווער און סאָציאַלער כאַראַקטער פונעם טעאַטער־גענוס לייגט נישט נאָר אַרויף די נאָר־וואָס דערמאָנטע באַזונדערע התחייבותן אויף דעם בינע־קריטיקער. ער שאַפט פאַר אים נאָר אַ באַזונדערע שווערעקייט. ער מאַכט אַז דער טעאַטער־קריטיקער זאָל כסדר דאַרפן פירן אַן אינעווייניקסטן קאַמף פאַר דער זעלבשטענדיקייט פון זיין איינדרוק. ער קאָן נישט געניסן דעם פּראָדוקט פון דער סצענישער שאַפונג ביחידות, אַזוי ווי דער ליטעראַרישער קריטיקער נעמט־אויף אַ בוך. ער מוז קומען אין טעאַטער אַריין. ער מוז זיך זעצן צווישן עולם. נישט ווילנדיק ווערט ער אַ טייל פון פּובליקום און ריזיקירט פאַרשלונגען צו ווערן פון דער מאַסן־לופט, פון דער קאָלעקטיווער שטימונג, וואָס הערשט אין טעאַטער־זאַל... אַט האָט „אויסגעבראַכן אַ שטורעם פון אַפּלאָדיסמענטן". אַ פייער פון עקס־טאַז האָט אַרומגעכאַפּט דעם פיל־הונדערט־קעפּיקן עולם. האָט זיך אַנגעצונדן אַ פונק אויך אין דעם רויקן, קאַלטן, סקעפּטישן קריטיקער. דער פונק וועט וואַרעמען היפּשע עטלעכע שורות אין זיין רעצענזיע. פון וואַנען קומט אַט די וואַרעמקייט? מעגלעך, אַז פון אים אַליין. ס'איז אָבער אויך מעגלעך, אַז ס'איז אַ פונק, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דעם עולמס ענטוזיאַזם און דעם קריטיקערס אייגענער איינ־דרוק וואָלט אפשר געוועזן גאָר אַ ביסל אַנדערש, ווען עס זאָל נישט זיין אַט די סוגעסטיע פון דער קאָלעקטיווער באַגייסטערונג. אַ מאָל קאָן, פאַרקערט, די קאַלט־קייט פון עולם אָפּקילן און אָפּשוואַכן די התפעלות, וואָס דער קריטיקער וואָלט געכאַפּט פון דעם אָדער יענעם מאָמענט אין שפּילן, ווען ער זאָל, אַזוי ווי דער קריטיקער פון ביכער, האָבן די פּסיכישע מעגלעכקייט אויפצונעמען אים אַליין, אָן דער סוגעסטיווער אַריינמישונג פון דער אַרומיקער מאַסע צוזעערס...

אמת, דער „פּראָפעסיאָנאַל" וואָס זיצט אינעם קריטיקער, האַלט אים אין אַ געוויסער מאָס אָן אַ זייט פון פּובליקום און מאַכט אַז ער זאָל קאָנען זיין אַ צוקוקער פונעם עולם גופא, נישט נאָר פון די אַקטיאָרן. דאָס פאַרקלענערט זיין סענסיווי־טעט צו דער שטימונג וואָס הערשט אין זאַל, און לאָזט אים נישט פאַרהיפּנאָטי־זירט ווערן פון איר. אָבער דאָס איז גאָר נישט אַזאַ מעלה. אַ טעאַטער־קריטיקער מוז פריִער ווי אַלץ זיין אַ טעאַטער־באַזוכער, אַזוי ווי אַ ליטעראַרישער קריטיקער מוז זיין, פריִער ווי אַלץ, אַ לייענער, און אַ טעאַטער־באַזוכער דאַרף זיך נישט איזאָלירן פונעם פּובליקום, אויב ער וויל נישט אָפּשוואַכן זיין גענוס־פעיִקייט. דער טעאַטער־גענוס איז בטבע, חזר איך איבער, אַזוי ווי דאָס שאַפן היסטריאָ־נישע קונסט, קאָלעקטיוו. מוז דער קריטיקער זיין מסוגל אָפּצושפּיגלען אין זיך ביז צו אַ געוויסן גראַד דעם געמיט־צושטאַנד פונעם עולם. אויב זיין גענוס־פעיִ־

קייט איז נאָך געגוג געגוג פּריש, געגוג אינטענסיוו און איז נישט מעכאַניזירט אָדער אָפּ־געטויט געוואָרן פון דער פּראָפעסיאָנעלער געוווינהייט, איז בדרך־כלל אַט דער אומבאַוווּסטזיניקער אויסדרוק פון התפעלות אָדער די גלייכגילטיקייט פון דער מאַסע נישט קיין חסרון אין טעאַטער. דער רושם, וואָס די אַקטיאָרן מאַכן אָדער מאַכן נישט אויפן פּובליקום איז זייער אָפט דער אמתער סימן פון טעאַטראַלישער הצלחה אָדער טעאַטראַלישן דורכפאַל. אָבער דאָס איז נישט שטענדיק אַזוי. אָפט מישן זיך אַריין זייטיקע פאַקטאָרן, ווי, צום ביישפּיל, פּאָפּולערע אָדער אומפּאָ־פּולערע דראַמאַטישע מאָטיוון, ריין טעכנישע עפעקטן, נייע אָריגינעלע מעטאָדן, פּערזענלעכער „מאַגנעטיזם" און פּערזענלעכע נישט סימפּאַטישקייט פון אַן אַקטיאָר אָדער אַן אַקטריסע. אָט די זייטיקע זאַכן קאָנען אַ מאָל גורם זיין אַז אַ שוואַכע אויפפירונג זאָל אויסנעמען ביים עולם, אָדער, פאַרקערט, אַז אַ קינסטלעריש איינ־טערעסאַנטער ספּעקטאַקל זאָל דורכפאַלן. ביי אַזעלכע אומשטאַנדן איז נייטיק אַז דער קריטיקער זאָל האָבן די אינעוויי‌ניקסטע מעגלעכקייט נישט אונטערצוגעבן זיך דער אַלגעמיינער שטימונג און אויפנעמען די טעאַטראַלישע פאָרשטעלונג זעלבשטענדיק. אָבער אָט די זעלבשטענדיקייט איז, ווי געזאָגט, דעם קריטיקער פון טעאַטער־שפּיל שווערער אַ סך איינצוהיטן ווי דעם ביכער־רעצענזענט. אָבער נישט נאָר די מאַסן־אַטמאָספערע, די קאָלעקטיווע שטימונג וואָס הערשט אין טעאַ־טער, שטעלט אין געפאַר די אומאָפּגעהאָנגנקייט פונעם טעאַטער־קריטיקערס גע־דאַנק. עס זיינען דאָ נאָך אַנדערע זאַכן, צוליב וועלכע דער טעאַטראַלישער קרי־טיקער מוז זיין מער אויף דער וואַך פון זיין זעלבשטענדיקייט ווי דער קריטיקער פון ביכער.

ה. צו די דאָזיקע זאַכן געהערט די מעגלעכקייט פון פּערזענלעכער ווירקונג מצד די פאַראינטערעסירטע פּערזאָנען. דעם דאָזיקן נסיון האָט דער טעאַטער־קריטיקער בייצושטיין אָפטער און ביי שווערערע אומשטאַנדן ווי דער קריטיקער פון ליטעראַטור, כאָטש פאַר אים איז נישט זייער באַקוועם וואָס הינטער די ביכער, וועגן וועלכע ער שרייבט, שטייען לעבעדיקע מענטשן — כ'מיין די פאַרפאַסערס. זיי ווילן אַז ער זאָל וועגן זיי און זייערע ווערק זאָגן דאָס וואָס זיי אַליין טראַכטן וועגן זיך און זייער שרייבן. זיי ווילן עס און עס טרעפט אַז זיי פאָדערן עס. עס זיינען אַפילו דאָ אַזעלכע וואָס פאַרשטייען נישט דעם חילוק צווישן קריטיק און „פּובליסיטי". אָבער וועגן זיי רייד איך נישט. איך האָב אין זינען יענע מחברים, וועלכע האָבן נישט קיין שלעכטע כוונות, ווען זיי פאַרלאַנגען אַ „גוטע" קריטיק. זיי קאָנען זיך פּשוט נישט פאָרשטעלן אַז אַ פאַרשטענדיקער און אויפריכטיקער לייענער זאָל וועגן זייערע ווערק נישט האָבן קיין גינסטיקע מיינונג. ווען זיי ווילן דער קריטיקער זאָל זיי „לויבן", ווילן זיי נאָר אַז ער זאָל זיין אינטעליגענט און אויפריכטיק. מער גאָר נישט. און אַז זיי לייענען אַ קריטיק וואָס שטימט נישט מיט זייער אייגענער מיינונג וועגן זיך, ווערן זיי פול מיט חשד. דעם חשד זייערן וואָלטן זיי געדאַרפט וואַרפן נאָר אויף דעם פאַרשטאַנד און דעם געשמאַק פונעם קריטי־קער, דאָס רוב אָבער הייבן זיי אָן צו צווייפלען אויך אין זיין ערלעכקייט, און אויב זיי זיינען מיט אים געווען באַפריינדט, באַטראַכטן זיי אים פּשוט ווי אַ בייזוויליקן פאַררעטער. זיי הייבן אָן זוכן די פּערזענלעכע פּניות, וואָס דער קרי־טיקער האָט, לויט זייער מיינונג, געמוזט האָבן. דער רעזולטאַט איז, אַז דער פאַר־

פֿאַסער פֿילט זיך באַרעכטיקט און געצוווּנגען צו ווערן אים אַ שונא. דערביי איז אָבער אינטערעסאַנט צו באַמערקן, אַז דאָס חושד זיין דעם קריטיקער אין בייז־וויליקייט פֿאַרט זיך אָפּט מיטן פֿאָרוווּרף, אַז ער איז נישט קיין מבין אויף אמתער קונסט. דאָס איז, אין פֿלוג, אַ לאָגישע סתירה. וואָרעם ממה נפשך, איז דער קריטיקער פֿערזענלעך פֿאַראינטערעסירט צו שעדיקן דעם פֿאַרפֿאַסער, איז דאָך מעג־לעך אַז אין האַרצן ווייס ער ווי צו שעצן יענעמס ווערק, נאָר ער איז „אַ רשע", וויל ער עס נישט צוגעבן; און אויב ער איז, נעבעך, נישט קיין מבין, קאָן דאָך זיין, אַז ער האָט געהאַט די בעסטע כוונות... אָבער לאָגיק שפּילט, כידוע, אַ קלע־נערע ראָלע, ווי פּסיכאָלאָגיע... און אָט די „פּסיכאָלאָגיע" קען פֿירן דערצו, אַז דער קריטיקער, וועלכער איז דאָך אויך נישט געקנאָטן נאָר פֿון לאָגיק אַליין, זאָל שרייבן נישט אַזוי אָדער נישט אין גאַנצן אַזוי, ווי ער טראַכט, נאָר אַזוי, אַז ער זאָל נישט פֿאַרגרעסערן די צאָל פֿון זיינע שונאים, וואָס איז אַזוי אויך גענוג גרויס. מוז, בכן, יעדער קריטיקער, נישט נאָר דער טעאַטער־קריטיקער, זיך היטן נישט אַרונטערצופֿאַלן אונטער דער ווירקונג פֿון די דערמאָנטע און אַנדערע, נישט דערמאָנטע אומשטאַנדן. ער מוז זיין באַזונדערס שטאַרק געוואָרנט קעגן יענע פּערסאָנעלע ווירקונגען, וואָס קאָנען אומבאַוווּסט פֿאַר אים אַליין זיך אַריינגנבענען אין זיין שרייבן און אין זיין דענקען. ער מוז קאָנען זיך פֿילן ריין פֿאַר זיין אינ־טעלעקטועלן געוויסן. ער מוז קאָנען זאָגן זיך אַליין מיט אַ מאַקסימאַלער זיכערקייט אַז אַלץ וואָס ער שרייבט, צום גוטן אָדער צום שלעכטן — אַז אַלע זיינע יאָ'ס און ניינס זיינען אַ פּראָדוקט פֿון זיינע אייגענע איינדרוקן, פֿון זיין טיפֿער איבער־צייגונג און נישט קיין דירעקטער אָדער אינדירעקטער רעזולטאַט פֿון זיין ווילן עמעצן געפֿעלן אָדער, פֿאַרקערט, פֿון זיין ווילן עמעצן אָפּטאָן אַ שפּיצל... אָט די זיכערקייט האָבן איז איינע פֿון די שווערסטע מאָראַלישע און פּסיכאָלאָגישע פּראָ־בלעמען פֿון יעדן קריטיקער.

„די שריפֿטשטעלערס פֿון אונדזער צייט", האָט געשריבן וויליאַם העיזליט, אַ קלאַסיקער אין דער ענגלישער קריטיק — „די שריפֿטשטעלערס פֿון אונדזער צייט קאָנען בדרך־כלל ווערן איינגעטיילט אין צוויי גרופּעס: אונדזערע פֿריינד און אונ־דזערע פֿיינד. וועגן די לעצטע זיינען מיר געצוווּנגען צו דענקען צו גוט און וועגן די ערשטע האָבן מיר די טבע צו דענקען צו — שלעכט, כדי צו באַקומען פֿון זיי אַ סך אמתן פֿאַרגעניגן און כדי צו קאָנען אָפּשאַצן ריכטיק די פֿאַרדינסטן פֿון יעדן פֿון זיי"... העיזליט איז געגאַנגען אַזוי ווייט אַז ער האָט געהאַלטן ש'ער נישט פֿאַר אוממעגלעך צו שרייבן וועגן די שריפֿטשטעלערס פֿון זיין אייגענעם דור. נאָענט צו אָט דער מיינונג איז געווען אויך געטע. ווען זיין פֿריינד עקערמאַן האָט אים אַ מאָל דערציילט אַז מ'לייגט אים פֿאָר צו שרייבן פֿאַר אַ זשורנאַל קריטיק וועגן דער מאָדערנער דייטשער ליטעראַטור, האָט ער אים נישט געראָטן אָנצונע־מען דעם פֿאָרשלאָג. ער האָט אים אויסגעמאָלן אַ בילד פֿון דער שווערער אַרבעט וואָס אים שטייט־פֿאָר. ער האָט אים געזאָגט אַז ער וועט מוזן פֿטרן שעהן און טעג אויך צו לייענען ביכער, וועלכע זיינען גאָר נישט ניט ווערט און צום סוף האָט ער אים געוואָרנט אַז, ענדלעך, ווען „ער וועט אויסגעפֿינען אַז דאָס שלעכטע איז שלעכט, וועט ער עס אַפֿילו נישט קאָנען זאָגן, אויב ער וועט נישט ווילן שטעלן זיך אין דער געפֿאַר צו זיין צעקריגט מיט דער גאַנצער וועלט"...

אונדזער אייגענער ד״ר ניסן טורוב וואָס האָט אַ סך געלייענט און אַ סך געשריבן וועגן שרייבערישער פּסיכאָלאָגיע, האָט אָנגעוויזן אויף דעם פאַקט וואָס אונדזערע שרייבערס זיינען צו נאָענט איינע צו די אַנדערע, און אַז עס קומט צו קריטיק, איז זי אין געפאַר צו ווערן עפּעס אַ „פאַמיליע אָנגעלעגנהייט" („ענין משפחתי" *).

פאַר אָט דעם נסיון שטייט יעדער וואָס שרייבט וועגן דעם מאָדערנעם שאַפן. יעדער קריטיקער מוז, ווי עמיל פאַגע דריקט זיך אויס, זיין — „נישט גאָר זייער קלוג און זייער פלייסיק און האָבן נאָך אַ חוץ דעם אין זיך שאַפונג־פעיִקייט, — ער מוז אויך זיין שיִער נישט אַ צדיק וואָס איז פריי פון קינאה, פאַרביטערטקייט און האַרץ־שוואַכקייטן"... אָבער גאָר באַזונדערס אָפּגעהיט מוז זיין דער טעאַטער־קריטיקער.

דער וואָס שרייבט וועגן ביכער, ווענדט זיך אָפּט צו די ווערק פון פאַרפאַסערס וואָס זיינען שוין לאַנג געשטאָרבן, אָדער ער שרייבט וועגן אויטאָרס וואָס געפינען זיך ערגעץ ווייט און קומען מיט אים נישט אין קיין שום פּערזענלעכער באַרירונג. און אַפילו דאַן, ווען ער רעצענזירט אַ ווערק פון אַ לעבעדיקן שרייבער, וועלכער איז דערצו נאָך זיינער אַ פריינד, שטייט ער נישט פאַר אַזאַ „פּראָבלעם", ווי דער טעאַטער־קריטיקער, — מחמת אַ ריין־אַריטמעטישן חשבון: אַ בוך האָט נאָר איין פאַרפאַסער און איין פאַרלעגער; די רעצענזיע פון אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג „רירט אָן" צענדליגער אַקטיאָרן און אַקטריסעס, שוין נישט גערעדט וועגן די דירעקטאָרס, די מוזיקערס אָדער יענע פּערזאָנען וואָס זיינען ריין מאַטעריעל פאַראינטערעסירט אין דער טעאַטער־ביזנעס. אַ בוך פאַרן פאַרפאַסער און פאַרן אַרויסגעבער אַפילו האָט, אגב, זעלטן ווען אַזאַ גרויסע פינאַנציעלע באַדייטונג, ווי אַ טעאַטער־אויפפירונג פאַר די בעלי־בתים און זייערע אָנגעשטעלטע. דאָ רעדט זיך אָפּט וועגן אַ געשעפט־אונטערנעמונג, אין וועלכער עס זיינען פאַרמישט צענדליגער, אויב נישט הונדערטער מענטשן. זיי אַלע ווילן, מוזן וועלן, אַז די קריטיק זאָל זיי העלפן „אַרויפאַרבעטן" די ביזנעס, אנשטאָט איר צו שעדיקן. זיי אַלע האָבן נישט קיין אינטערעס פאַר די ריין־קינסטלערישע אויפגאַבעס פון דער קריטיק. פאַר זיי איז זי פריִער ווי אַלץ און נאָך אַלעמען, אַ רעקלאַמע־אָרגאַן. זיי טוען אַלץ וואָס זיי קאָנען צו מאַכן דעם קריטיקער פאַר זייער פאַרשטעלטן — און דערפאַר מער עפעקטיוון — פּרעסע־אַגענט. צוליב דעם דאָזיקן צוועק פּרוּוון זיי אויס די סאַמע „איידעלע" און „ראַפינירטע" מעטאָדעס. זיי שטעלן זיך אָבער נישט אָפּ אויך פאַר די גרעבסטע און וווּלגאַרסטע מיטלען.

דאָס וואָס די צאָל טעאַטער־רעצענזענטן איז אַ גאַנץ היפּשע, מאַכט אַז אין דער דאָזיקער פּראָפעסיע זאָלן זיך אַריינכאַפּן מענטשן אויך פון „לייכטערן" טיפּ און אָפּט אַפילו אַזוינע, וואָס געהערן מער צום אַנאָנס־אָפּטייל ווי צו דער רעדאַקציע פון דער צייטונג. אָט דער סאָרט „קריטיקער" פאַרשטאַרקט דעם חשק ביי די פאַראינטערעסירטע פּערזאָנען אַראָפּצופירן די טעאַטער־קריטיק פון וועג און אויסצוניצן זי פאַר זייערע ריין־געשעפטלעכע צילן. איז דער דאָזיקער אומשטאַנד נישט קיין דירעקטע און אַפילו נישט קיין אומדירעקטע געפאַר פאַר די אמתע,

*) לבקרת לבקרת אין „בצרון", ניו־יאָרק, אב־אלול, תש״ג, ז׳ 291.

פאַראַנטוואָרטלעכע פאָרשטייערס פון דער טעאַטער־קריטיק. אָבער שלעכט איז דאָס אויך פאַר זיי. דאָס רינגלט אָפּט אַרום זייער ערנסטע און וויכטיקע אַרבעט מיט אַן אַטמאָספערע פון קליינלעכקייט און וואָכעדיקייט. דאָס צווינגט אַ מאָל אַ קריטיקער אויסצומיידן יעדע פערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיט די טעאַטער־מענטשן. אַזוי דערציילט דאָס ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט „טהי ניישאַן" וועגן דעם אַמעריקאַנער טעאַטער־קריטיקער רענקין טאַוז (Towse) אַז ער האָט פּשוט אויסגעמיטן צו טרעפן זיך מיט אַקטיאָרן אָדער אַקטריסעס. איין מאָל האָט מען אים פאַרנאַרט און באַקענט מיט זייער אַ שיינער און באַרימטער אַקטריסע. האָט ער שיִער נישט געוויינט וואָס ער האָט געבראָכן אַ מינהג, וועלכן ער האָט שטרענג געהיט אין משך פון דריי און פופציק יאָר.

ער האָט געהאַלטן, — האָט דערציילט אָסוואַלד גאַררִיסאָן ווילאַרד, דער פאַרשטאָרבענער רעדאַקטאָר פון דער דערמאָנטער פובליקאַציע — אַז „מען טאָר זיך נישט באַגעגענען מיט יענע וועלכע מע קריטיקירט, כדי צו קענען זיין פריי פון באַוווסטזיניקע אָדער אומבאַוווסטזיניקע פערזענלעכע פניות"... אָבער דאָס איז נישט שטענדיק באַקוועם און אַ מאָל איז עס נישט גוט אויך. פאַר אַ קריטיקער קען אַ מאָל זיין ניצלעך (הגם נישט שטענדיק) צו קענען דעם קינסטלער פערזענלעך; אַ מאָל קאָן עס אים העלפן בעסער פאַרשטיין און בולטער כאַראַקטעריזירן זיין פערזענלעכקייט. אויך אַנדערע, ריין־טעכנישע סיבות, קענען שטערן — און שטערן — דעם טעאַטער־קריטיקער צו זיין איזאָלירט פון די לעבעדיקע פאָרשטייערס פון דער טעאַטער־סביבה. דאָס שאַפט פאַר אים אַזעלכע שוועריקייטן, וועלכע עס האָט נישט דער קריטיקער פון ליטעראַטור.

און ער באַגעגנט אויך אַנדערע שטרויכלונגען אויף זיין וועג.

ן. ווען ער גיט איבער זיין איינדרוק פון אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, האָט ער זי שוין מער נישט פאַר זיינע אויגן. ער מוז זיך פאַרלאָזן אויף זיין זיכרון. ער קען אונדז נישט דערציילן, וואָס ער זעט און הערט, נאָר — וואָס ער האָט געזען און געהערט.

דאָס איז ריכטיק, וועט מען זאָגן, אויך וועגן דעם וואָס גיט אָפּ אַ באַריכט פון אַ ליטעראַריש ווערק: ער קאָן דאָך נישט איבערלייענען דאָס בוך בנשימה אחת; ער לייענט פריִער איין קאַפּיטל, דערנאָך דעם צווייטן און אַזוי כסדר. ווען ער קוקט אַריין אין לעצטן זייטל, זיינען אַלע פריִערדיקע זייטלעך פאַר אים אַ זאַך, וואָס לעבט נאָר אין זיין זיכרון. אָבער ער קאָן זיך לייכט אומקערן צוריק צום בוך, צום קוואַל פון זיינע איינדרוקן, און קאָנטראָלירן זיי. ווען ביי אים איז דאָ אַ ספק, ווען ער איז נישט אין גאַנצן זיכער, צום ביישפּיל, מיט דעם כאַראַקטער פונעם אַלגעמיינעם ריטעם אָדער פון אַזאַ און אַזאַ איינצלהייט, וואָס ער האָט דערפילט אין דעם שרייבערס סטיל, קאָן ער נאָך אַ מאָל עפענען דאָס בוך און אַריינקוקן אין די אָדער יענע שטעלן. ער קאָן אַפילו איבערלייענען נאָך אַ מאָל דעם גאַנצן בוך, אויב עס איז נייטיק. דער באַריכט־געבער פון אַ טעאַטער־שפּיל האָט נישט אַזאַ מעגלעכקייט. דעם בינע־קינסטלערס שאַפונג עקסיסטירט נאָר בעתן שאַפן. אָפּגעשפילט, איז געבליבן נאָר דער אַקטיאָר און דער איינדרוק פון זיין שפּילן, נישט דאָס שפּילן אַליין. און ווען אַ געוויסער מאָמענט אין ספּעקטאַקל זאָל פאַרן קריטיקער זיין מטושטש, בעת ער שרייבט, מוז אָט די מטושטשדיקייט זיך

פילן אין זיין שרייבן. ער האָט נישט קיין מיטל ווי אַזוי זיך אַליין קלערער צו מאַכן אָט דעם פונקט. ער קען, וועט מען זאָגן, זען די זאַך נאָך אַ מאָל. אָבער ערשטנס, טרעפט, אַז אַ זאַך ווערט געשפּילט נאָר איין מאָל (דאָס טרעפט דערהויפּט אין גאַסטראָלירנדיקע טעאַטערס) און צווייטנס, קאָן מען נישט שפּילן צוויי מאָל פּונקט אויף דעם זעלביקן אופן, אויב מען שפּילט נישט מעכאַניש. דאָס, וואָס מען האָט איין מאָל געזען און געהערט אויף דער בינע, וועט מען פּונקט אין דער זעלביקער פאָרעם שוין מער קיין מאָל נישט זען. מוז זיך דער טעאַטער־קריטיקער פאַרלאָזן אויף דעם כוח פון זיין אויג־און אויער־זיכרון. און דאָס הייסט אַז עס פאָדערט זיך פון אים, ווען ער זיצט ביי אַ פּרעמיערע, גאָר אַ באַזונדער אויפמערקזאַמקייט און גאָר אַ באַזונדער אַריינטאָן זיך. ער טאָר זיך אויף איין רגע נישט אָפּקערן אָן אַ זייט, ער טאָר נישט האָבן אין זינען קיין שום אַנדערע זאַך אַ חוץ דעם וואָס ס׳טוט זיך אויף דער בינע. ער קאָן זיך אַפילו נישט פאַרגינען, ווי דאָס טוט דער, וואָס לייענט אַ בוך, אָפּצושטעלן זיך אויף אַ ווײַלע און פאַרטראַכטן זיך. ער מוז די גאַנצע צייט זיין נאָר אויג און אויער. און דאָס איז גאָר נישט אַזאַ לייכטע זאַך, דערהויפּט פאַר דעם פּראָפעסיאָנעלן קריטיקער, וואָס זיצן אין טעאַטער איז שוין לאַנג געוואָרן ביי אים אַ געוווינהייט.

ז. איך האָב פריִער געזאָגט אַז דעם אַקטיאָרס שאַפונג עקסיסטירט נאָר בעתן שאַפן; דערנאָך פאַרשווינדט זי. און דאָס איז — אין אַ געוויסער מאָס — שייך אויך צו אַנדערע טעאַטער־קינסטלערס ווי, צום בײַשפּיל, דעם רעזשיסער, דעם צייכענער, דעם מאַלער אָדער דעם מוזיקער. דאָס וואָס זיי טוען אויף פאַר יעדער בינע־דערגרייכונג איז טאַקע נישט אַזוי פאַרבונדן מיט זייער פּערזאָן און מיטן מאָמענט פון זייער שאַפן ווי דאָס שפּילן פון דעם אַקטיאָר, וואָס דער מאַטעריאַל און דער מעדיום פון זיין קונסט איז זיין אייגענער קערפּער. דער רעזשיסער אָדער דער מאַלער אָביעקטיווירט זיין אָנטייל אין דעם ספּעקטאַקל דורך צייכענונגען, פּלענער, בילדער און אַנדערע מאַטעריעלע זאַכן, וואָס בלייבן עקסיסטירן אויך נאָכן שפּילן. אָבער זייער אמתע באַדייטונג און זייער אמתן כאַראַקטער קאָן מען, אַזוי ווי די באַדייטונג און דעם כאַראַקטער פון דעם אַקטיאָר, זען און אָפּשאַצן נאָר בעת דער אויפפירונג, נאָר אין פאַרבינדונג מיט אַלע אַנדערע עלעמענטן פון דער אויפפירונג. יאָ, וואָס אַ מאַלער אָדער אַ מוזיקער האָט אָפּגעטאָן פאַר דער בינע, נישט פאַר דער מאַלעריי אָדער מוזיק, קאָן מען וויסן נאָר דאַן, ווען מען זעט אָדער מען הערט זיין שאַפונג אין טעאַטער. ווערט די זאַך מער נישט אויפגעפירט, עקסיסטירט זי נישט מער אין טעאַטראַלן זינען.

און אָט די אייגנאַרטיקייט פון דער בינע־קונסט, אָט דער נישט־פּערמאַנענטער, נישט בלייבנדיקער כאַראַקטער פון אירע שאַפונגען, לייגט אַרויף גאָר אַ באַזונדערע פאַראַנטוואָרטלעכקייט אויף דעם טעאַטראַלן קריטיקער. וואָרעם עס קומט אַ צייט, ווען די טעאַטער־קריטיק איז שיִער נישט דער איינציקער דאָקומענט, וואָס דערציילט אונדז עפּעס וועגן דעם אַקטיאָר און זיין פּערזענלעכקייט, וועגן אַן איינציקן בינע־ווערק און זיין באַדייטונג, וועגן אַ גאַנצן טעאַטער און זיינע אויפטואונגען. אין דעם פּרט איז די טעאַטער־קונסט באמת אַן אויסנעם צווישן אַלע אַנדערע קונסטן. אַלע אַנדערע קונסטן לאָזן נאָך זיך איבער זייערע ווערק, אַפילו דאַן, ווען זיי הייבן אָן צו אַנטוויקלען זיך אין אַ גאָר נייער ריכטונג. אַפילו אַזעלכע

שאַפונגען, וואָס זיינען איינאונאיינציק לויט זייער אָריגינאַליטעט, שטאַרבן נישט אינאיינעם מיט זייער שאַפער. דעם סקולפּטאָרס סטאַטועז, דעם מאַלערס בילדער, דעם מוזיקערס קאָמפּאָזיציעס, דעם שרייבערס ביכער בלייבן נאָך זייער טויט. יעדער נייער דור קאָן זיי פון ס'ניי שטודירן, פון ס'ניי כאַראַקטעריזירן און אָפּ־שאַצן... אַ פּשוטער ביישפּיל. כדי צו קענען שעקספּירס אָדער מאָליערס ליטעראַ־רישע אויפטואונגען, דאַרף מען נישט אָנקומען צו יענע, וועלכע האָבן זיי גע־הערט פון דער בינע, בעת שעקספּיר אָדער מאָליער איז אַליין געווען אַן אַקטיאָר. מיר האָבן זיי אין בוך־פאָרעם. אָבער ווי זאָלן מיר זיך שאַפן איצט אַ באַגריף וועגן דעם אַקטיאָר שעקספּיר, וועגן מאָליער דעם טעאַטער־קינסטלער? אַזאַ באַ־גריף קאָנען אונדז געבן נאָר די וואָס האָבן געלעבט אין זייער צייט, געזען זיי שפּילן און פאַרצייכנט זייערע איינדרוקן פון דעם שפּילן. נאָר אין זייערע באַ־ריכטן, נאָר אין זייער קריטיק האָט געקאָנט בלייבן דאָס בילד פון שעקספּירס אָדער מאָליערס אַקטיאָרישער קונסט.

כל־זמן דער אַקטיאָר לעבט און ווירקט, איז די טעאַטער־קריטיק נישט דער איינציקער עדות פון זיין שפּילן. שטאַרבט ער, אָדער ער הערט אויף צו שפּילן, איז נישטאָ מער קיין אַנדער מיטל צו דערוויסן זיך עפּעס וועגן זיין קונסט, ווי צו לייענען דאָס, וואָס עס האָט געשריבן וועגן אים אין איר צייט די טעאַטער־קריטיק. מיר זיינען נישט מחויב צו פאַרלאָזן זיך, לאָמיר זאָגן, אויף דער „האַמבורגער דראַמאַטורגיע" בנוגע צו די דראַמעס, וואָס זיינען געשריבן און געדרוקט געוואָרן אין לעסינגס צייטן; מיר קאָנען אַריינקוקן אין זיי גופא. אָבער אַז עס קומט צו דער ריין טעאַטראַלישער זייט פון די זעלביקע דראַמאַטישע ווערק, מוזן מיר זיך ווענדן צו לעסינגן און צו אַנדערע דייטשישע טעאַטער־קריטיקערס פון יענער עפּאָכע.

עס איז אמת דאָ אַזאַ זאַך ווי טראַדיציע, און יעדע גרויסע עפּאָכע, ווי אויך יעדע איינציקע גרויסע פּערזענלעכקייט אין דער געשיכטע פון טעאַטער, ווירקט אויף די קומענדיקע דורות און לעבט אין אַ געוויסן גראַד אין זייער שאַפן, אָבער — טאַקע נאָר אין אַ געוויסן גראַד און נאָר אומדירעקט. אַ מער דירעקטן, מער פולן באַריכט פון פאַרגאַנגענע עפּאָכעס און געשטאָרבענע קינסטלערס אין דער וועלט פון טעאַטער גיט אונדז די קריטיק פון דער געהעריקער צייט. און אָט דאָס, זאָג איך, מאַכט איר ראָלע גאָר באַזונדערס וויכטיק און גאָר באַזונדערס פאַראַנט־וואָרטלעך.

ח. אויך פון געזעלשאַפטלעך־מאָראַלישן שטאַנדפּונקט איז די מיסיע פון דעם טעאַטער־קריטיקער העכער און דאַנקבאַרער ווי ס'איז די שליחות, וועלכע עס פירט אויס יעדע אַנדערע קריטיק. טעאַטער איז די געזעלשאַפטלעכסטע פון אַלע קונסטן. טעאַטער זאַמלט אויף אַרום זיך די מאַסן, באַהעפט זיי אינאיינעם און ווירקט אויף זיי שטאַרק און דירעקט. בלויז געזאַנג און מוזיק קענען זיך אין דעם פּרט פאַרגלייכן מיט דער בינע, אָבער זיי האָבן כמעט שטענדיק אַ שייכות צו איר, און אין אַ געוויסן זינען זיינען זיי אַליין טעאַטער. געזאַנג, מוזיק, טעאַטער־שפּיל — דאָס איז די שאַרפסטע וואָפן אין סאָציאַלן קאַמף. וואָס העכער עס הייבט זיך אויף די קוואַליע פון געזעלשאַפטלעכן אויפברויז, אַלץ גרעסער ווערט זייער ראָלע. עפּאָכעס פון רעוואָלוציע זיינען געוויינטלעך נישט קיין וויכטיקע קונסט־

עפּאָכעס (קונסט איז פּאַר זיי אַ לוקסוס), דערפאַר אָבער זיינען עס תקופות, ווען טעאַטער בליט. אַפילו אין געוויינטלעכע צייטן האָט די בינע אַ גרעסערע ווירקונג אויף דער עפנטלעכער מיינונג און אויף די מאַסן־שטימונגען פון פאָלק, ווי מאַ־לעריי, סקולפּטור אָדער אַפילו ליטעראַטור. דערפאַר האָט אויך די טעאַטער־קרי־טיק אַ מעגלעכקייט צו ווירקן מער סאָציאַל־עטיש, — צו ווירקן צום גוטן אָדער צום בייזן, — ווי די קריטיק פון בילדער אָדער ביכער. ממילא איז די מאָראַליש־געזעלשאַפטלעכע ראָלע פון דעם בינע־קריטיקער פונקט אַזוי פילפאַכיק און פאַר־אַנטוואָרטלעך ,ווי זיינע רייך־קינסטלערישע אויפגאַבעס.

ט. און אַז מען האָט דאָס אַלץ אין זינען, פרעגט מען זיך: צי וואָלט טעאַטער־קריטיק נישט געדאַרפט געשריבן ווערן מיט מער ישוב־הדעת און נאָך גרעסערע הכנות, ווי יעטוועדע אַנדערע קריטיק? אין דער אמתן אָבער איז די לאַגע אַזוי אַז גראָד דער טעאַטער־קריטיקער, דערהויפּט דער וואָס איז אַקטיוו אין דער טעגלעכער צייטונג, מוז שרייבן אין גרעסטער איילעניש און אָן דער מינדסטער מעגלעכקייט איבערצוטראַכטן דאָס, וואָס ער וויל זאָגן, אָן די תנאים וואָס זיינען נייטיק צו קאָנען מעסטן און וועגן יעדעס וואָרט... איז אין אָט דער נערוועזער און פיבערהאַפטיקער שנעלקייט דאָ אַ געוויסע מעלה. זי ווירקט סטימולירנדיק און העלפט איבערצוגעבן דעם איינדרוק פריש און צאַפּלדיק. זי לאָזט אים נישט אָפּקילן זיך, אויסגעוועפּט ווערן. אָבער זי לאָזט אים אויך נישט ווערן געלייַ־טערט, און אין די איינדרוקן פון די טעאַטער־רעצענזענטן איז זייער אָפט טאַקע דאָ אַ עפּעס אַ רויקייט. עס פעלן אַרייַז עפּיטעטן און גאַנצע כאַראַקטעריסטיקעס וואָס דער קריטיקער וואָלט זיי געענדערט, געשליפן, אויסגעבעסערט, ווען ער זאָל האָבן מער צייט זיך צו איבערלייגן.

אין דער יידישער פרעסע איילט מען זיך נישט אַזוי מיט פאַרעפנטלעכן באַ־ריכטן וועגן אַ נייער אויפפירונג, שאַפט דאָס פאַרן יידישן טעאַטער־רעצענזענט אַ בעסערע לאַגע. ער קאָן האָבן מער צייט און ישוב־הדעת. געוויינטלעך אָבער ווערן די טעאַטער־קריטיקן געדרוקט גלייך אויף מאָרגן נאָך דער פאָרשטעלונג, ממילא ווערן זיי געשריבן בחיפזון. עס העלפט ווינציק אַפילו דאָס, וואָס אַנדערע רעצענזענטן שרייבן שפּעטער נאָך אַ מאָל וועגן דער אייגענער זאַך, מחמת די מיינונג וואָס איז פריער, אין איילעניש, אַרויסגעזאָגט געוואָרן, האָט שוין געהאַט איר ווירקונג אויפן שרייבער אַליין, נישט נאָר אויפן לייענער...

אָט די אַלע אומשטאַנדן, יעדער פון זיי באַזונדער און אַלע אינאיינעם, מאַכן די אַרבעט פון דעם ערנסטן טעאַטער־קריטיקער שווערער, קאָמפּליצירטער און אחריותדיקער, ווי די קריטיק פון ביכער. עס זיינען אָבער דאָ פונקטן, וווּ, פאַר־קערט, דער באַריכט־אָפּגעבער, שילדערער און אָפּשאַצער פון ליטעראַרישן שאַפן האָט פאַר זיך גאָר באַזונדער פאַרוויקלטע אויפגאַבעס. איך וועל זיך אָפּשטעלן נאָר אויף אייניקע פון זיי, די מער וויכטיקע.

*

א. דער ליטעראַרישער קריטיקער, האָב איך פריער געזאָגט, קריגט זיין מאַטעריאַל, זיינע איינדרוקן און זיין אינספּיראַציע אַליין, ביחידות, נישט בציבור, ווי דער, וואָס שרייבט וועגן טעאַטער. דאָס, האָבן מיר געזען, גאַראַנטירט דער

ביכער־קריטיק, ביי דער גלייכקייט פון אַלע אַנדערע אומשטאַנדן, אַ גרעסערע מאָס זעלבשטענדיקייט און אַ מער זיכערע פרייקייט פון זייטיקע השפעות, ווי די, וועלכע עס האָט דער בינע־רעצענזענט, וועלכער אָטעמט אַריין און אַרויס די לופט פון דעם אַרומיקן עולם. אָבער אָט דאָס, וואָס פאַרלייכטערט דעם קריטיקער פון ליטעראַטור זיין קאַמף פאַר זיין אייגענער מיינונג, מאַכט אַז ער זאָל טאַקע מער ווי דער טעאַטער־אָפּשאַצער, מוזן בויען זיין מיינונג אויף זיינע אייגענע, און נאָר אויף זיינע אייגענע, איינדרוקן.

דער, וואָס שרייבט וועגן דעם בינע־לעבן, איז נאָר אין אויסנעמפאַלן אין אַזאַ לאַגע אַז ער טאָר זיך נישט רעכענען מיטן ענטוזיאַזם אָדער דער קאַלטקייט פון פובליקום וואָס רינגלט אים אַרום. געוויינטלעך איז די ווירקונג וואָס דאָס שפּילן און די גאַנצע אויפפירונג האָט אויפן עולם, איינער פון די אמתע סימנים, וואָס ווייזן דעם קינסטלערישן אויפטו אָדער דעם קינסטלערישן דורכפאַל פון דער פאָרשטעלונג. אַזוי, אַז דער קריטיקער קאָן אין אַ געוויסן זינען מעסטן דעם ווערט פון זיין איינדרוק (און יעדנפאַלס קאָן ער אים פאַרגלייכן) מיט די שפּורן, וואָס די זאַך האָט איבערגעלאָזן אין טעאַטער־זאַל. ער איז נישט מחויב (הגם ער מעג) זיך פאַרלאָזן אין גאַנצן אויף זיך אַליין. ער האָט, אַ חוץ זיין פערזענלעכער מיינונג, אַ געוויסן אָביעקטיוון צייכן — דאָס פאַרהאַלטן זיך פון די צוהערערס. פון דעם קאָנטאַקט אָדער דער פרעמדקייט, וואָס ווערט באַשאַפן צווישן זיי און דער בינע, קאָן דער קריטיקער לערנען עפּעס אַפילו דאַן, ווען זייער גייסטיקער מצב איז אַ סך נידעריקער פון אירן אָדער ווען זי איז פאַר זיי צו ניי, צו אָריגינעל אד״גל. דערהויפּט איז וויכטיק פאַרן טעאַטער־קריטיקער דער אופן, ווי דער עולם רעאַגירט אויפן שפּילן, ווען צווישן אים, דעם פובליקום, און דער אויפפירונג איז נישטאָ קיין באַדייטנדיקער קינסטלערישער אָדער אַלגעמיין קולטורעלער קעגנזאַץ. אין דעם פאַל איז דעם קריטיקערס דערפאַרונג נאָר אַ מער באַוווּסטזיניקער און מער אינטענסיווער אויסדרוק פון דעם, וואָס דער גאַנצער עולם האָט איבערגעלעבט אין טעאַטער. דער בינע־קריטיקער איז אין דעם פאַל אַ שליח־ציבור. ער זאָגט הויך אויפן קול, און זאָגט קלאָר און שיין דאָס, וואָס שטייט ביי אַלעמען אין סידור. גאָר אַנדערש איז די לאַגע פון דעם, וואָס שרייבט וועגן אַ נייעם בוך, און ספּעציעל דאַן, ווען דער פאַרפאַסער פון בוך איז אַ פנים־חדשות. קיין שום אַנדער זאַך, אַ חוץ זיין אייגענעם איינדרוק פון לייענען דאָס ווערק, האָט נישט דער קריטיקער. ער ווייסט נישט, ווי אָט די נייע שאַפונג וועט ווירקן אויף אַנדערע מענטשן פון זיין גראַד. דאָס וועט ער וויסן ערשט שפּעטער — דאַן, ווען דאָס בוך וועט פאַרשפּרייט (אָדער נישט פאַרשפּרייט) ווערן אָדער דאַן, ווען אַנדערע וועלן שרייבן וועגן דעם. אָבער דעמאָלט וועט זיין קריטיק שוין זיין פאַרעפנטלעכט און ווער ווייסט — אפשר וועט זי צום טייל זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער אָדער יענער מיינונג, וואָס וועט באַשאַפן ווערן וועגן דעם געגעבענעם ווערק. אָט די פאַראַנטוואָרטלעכקייט מוז דער ליטעראַרישער קריטיקער טראָגן אויף זיך איינער אַליין, און עס דאַרף אים נישט אויסמאַכן וואָס עס איז נישטאָ ווער עס זאָל זי טיילן מיט אים. ער מוז, לייענענדיק דעם נייעם בוך פונעם נייעם שרייבער, אַריינקוקן אינעווייניק אין זיך אַריין און רעכענען זיך נאָר מיט זיין אייגענער איבערלעבונג. ער מוז אַליין פירן דעם חשבון, אַליין מאַכן דעם סך־הכל,

וואָרעם עס איז נישטאָ קיין פּובליקום, וואָס ער זאָל קאָנען אָדער זיך סומך זיין אויף אים, אָדער זיך אים אַנטקעגן שטעלן, ווי דאָס איז דער פאַל מיטן טעאַטער־רעצענזענט.

אין דעם פּרט איז דאָ אַן אונטערשייד צווישן די וואָס שרייבן וועגן נייע ביכער און נייע שרייבערס און די, וואָס זייער טעמע איז אַ ווערק אָדער אַ שרייבער, וואָס פאַרנעמט שוין אַ געוויסן אָרט אין דער ליטעראַטור. אין לעצטן פאַל איז צווישן דעם ביכער־קריטיקער און דעם קריטיקער פון טעאַטער דאָ אַ געוויסע ענלעכקייט.ביידע ווייסן זיי שוין וואָס פאַר אַן אָפּקלאַנג דאָס בוך אָדער די טעאַטער־פאַרשטעלונג האָט געפונען אין די הערצער פון אַנדערע מענטשן. זיי דאַרפן שוין אַכטונג געבן אַז זיי זאָלן לאָזן הערן זייער אייגענע שטים און נישט זיין קיין עכאָ פונעם אַרום. אָבער אַפילו אין דעם פאַל איז דער וואָס שרייבט וועגן ליטעראַטור, נישט אין גאַנצן גלייך צום טעאַטער־קריטיקער, מחמת דאָס אויסנעמען אָדער נישט־אויסנעמען ביים עולם האָט פאַר דעם ווערט און דער אָפּשאַצונג פון אַ ליטעראַרישן ווערק אַ סך אַ קלענערע באַדייטונג, ווי פאַר דער טעאַטער־קריטיק. מוז אַפילו דער, וואָס שרייבט וועגן קלאַסיקערס און בכלל וועגן „באַרימטע" ווערק, זיך מער פאַרלאָזן אויף זיך אַליין און זיין אייגענער אויסטייטשונג, ווי דער טעאַטער־רעצענזענט.

בפרט נאָך אַז דער באַריכט־אָפּגעבער פון טעאַטער באַנוגנט זיך געווינטלעך מיט אָפּשאַצונג און מבינות, בעת דער ליטעראַטור־קריטיקער גיט זיך אָפּ מער מיט דער אויסטייטשונג און דער כאַראַקטעריזירונג פון דעם ווערק אָדער דעם שרייבער. פאַר אַ נייער אויסטייטשונג און אַ נייער כאַראַקטעריסטיק האָט די שוין פון פריִער אָנגענומענע מיינונג אַ סך אַ קלענערע באַדייטונג, ווי פאַר דער מבינות־זאָגעריי. מעג אַ ווערק אָדער אַ שרייבער זיין ווי באַרימט, איז נאָך אַלץ דאָ אַ מעגלעכקייט פון אַ נייער באַלייכטונג, פון אַ נייעם פירוש, און אין אָט דעם נייעם צוגאַנג צו אַן אַלטער שאַפונג מוז דער, וואָס שרייבט וועגן קלאַסיקער, זיין פונקט אַזוי אָנגעוויזן אויף זיך אַליין, און נאָר אויף זיך אַליין, ווי דער, וועלכער רעצענזירט אַ בוך פון אַ נייעם, נאָך נישט באַקאַנטן שרייבער.

ב. דער פאַקט, וואָס אין דער קריטיק (און אַפילו אין די רעצענזיעס) פון ביכער איז די הויפּט־אויפגאַבע די אויסטייטשונג און די כאַראַקטעריזירונג, בעת דער טעאַטער־רעצענזענט גיט זיך אָפּ מער מיט אָפּשאַצונג און מבינות — דער פאַקט (ווי ווייט ער איז ריכטיק) מאַכט, אַז די ליטעראַרישע קריטיק זאָל זיין ברייטער, נישט נאָר זעלבשטענדיקער, ווי די קריטיק פון טעאַטראַלישע אויפפירונגען. דער אָפּשאַצער האָט פאַר זיך נאָר די פאַרשיידענע מדרגות פון יאָ אָדער ניין, גוט אָדער שלעכט. קיין סך וואַריאַציעס זיינען נישטאָ ניט אין די מיינונגען און נישט אַפילו אין דער מאָטיווירונג פון דעם מבינות־זאָגער. אַנדערש איז אָבער מיט די אויסטייטשערס, קאָמענטאַטאָרס, כאַראַקטעריזירערס. זיי האָבן פאַר זיך אָן אַ שיעור מעגלעכקייטן. דער איינער יאָ, די איינע הסכמה וואָס איז געגעבן געוואָרן אויף אַ ווערק, קאָן האָבן אַזוי פיל פירושים און אַזוי פיל ניואַנסן, וויפל דורות און וויפל יחידים עס האָבן געזאָגט אָט דעם יאָ און געגעבן אָט די הסכמה. דאָס הייסט, מיט אַנדערע ווערטער, אַז בעת יעדעס ווערק לאָזט־צו נאָר עטלעכע אָפּשאַצונגען, אַ פּאָזיטיווע, אַ נעגאַטיווע, אַ מיטעלע, — מאַכט עס אָבער מעגלעך

אַן אַ שיעור פֿאַרשיידענע קאָמענטאַרן. און דערפֿאַר האָט די ליטעראַרישע קריטיק, ווי ווייט זי איז באמת אַ מער כאַראַקטעריזירנדיקע ווי אַ מבֿינות־זאָגערישע, — אַ ברייטערן פֿעלד פֿאַר איר אַקערן און זייען, ווי די טעאַטער־קריטיק, כּל־זמן זי באַנוגנט זיך (און זי באַנוגנט זיך אָפֿט) נאָר מיט אַ יאָ אָדער אַ ניין.

ג. דער ליטעראַטור־קריטיקער (ווי דער קריטיקער פֿון אַ סך אַנדערע קונסטן) האָט אויך אין דעם זינען גינסטיקערע תּנאָים פֿאַר זיין אַרבעט און זיין אַנטוויקלונג, ווי דער טעאַטער־רעצענזענט וואָס ער איז נישט אָנגעוויזן, ווי דער לעצטער, נאָר אויף די שאַפֿונגען פֿון זיינע צייט־חבֿרים. ער קאָן גענייסן (און לערנען אונדז גענייסן) די ווערק פֿון פֿאַרצייטן, נישט נאָר פֿון היינט. ער קאָן פֿון ס׳ניי אָפּשאַצן און כאַראַקטעריזירן אַמאָליקע שאַפֿונגען. די דערציִונג פֿון זיין געשמאַק און זיין גאַנצע קינסטלערישע נערונג באַנוגנט זיך נישט נאָר מיט דער שול און דער שפּייז פֿון דער קעגנוואַרט. ער גייט אין חדר צו די מייסטערס פֿון אַלע צייטן, ער באַרייכערט זיין דערפֿאַרונג דורך דעם, וואָס ער באַקענט זיך מיט די אוצרות, וואָס עס האָט אָנגעזאַמלט פֿאַר אונדז די געשיכטע פֿון דער קונסט.

דער טעאַטער־קריטיקער קאָן אויך וויסן, ווי זיין קונסט האָט אויסגעזען אַמאָל, ווי זי האָט זיך געענדערט און אַנטוויקלט, אָבער — נאָר וויסן קאָן ער עס, נישט גענייסן, נישט דירעקט איבערלעבן, ווי דער וואָס לייענט אַלטע ביכער, באַטראַכט אַלטע בילדער, סטאַטועס, טעמפּלען. דאָס טעאַטער, אַפֿילו דאָס בעסטע און גרעסטע, עקסיסטירט שוין מער נישט, עס עקסיסטירן נאָר געוויסע ידיעות וועגן דעם. קאָן דער טעאַטער־קריטיקער האָבן לעבעדיקע איינדרוקן און קאָן איבערגעבן זיינע איינדרוקן נאָר פֿון די טעאַטער־קינסטלער און טעאַטער־דערגרייכונגען, וועלכע זיינען אַ פּראָדוקט פֿון זיין צייט און אָפֿט מאָל — נאָר פֿון זיין לאַנד אָדער גאָר אַפֿילו נאָר פֿון זיין שטאָט. איז די טעמע, דער אָביעקט פֿון זיין שרייבן און (וואָס עס איז נאָך וויכטיקער) זיין קינסטלערישע דערפֿאַרונג באַגרעניצט.

אַ ליטעראַטור־קריטיקער איז נישט מחויבֿ צו בלייבן פּאַסיוו, נישט ווי אַ לעזער און נישט ווי אַ שרייבער, ווען עס ווערן נישט פֿאַרעפֿנטלעכט אַזעלכע נייע ביכער און עס ווייזן זיך נישט אַזעלכע נייע שרייבערס וואָס זאָלן אים אינטערעסירן. ער קאָן געפֿינען וואָס צו לייענען און וועגן וואָס צו שרייבן אין יענע רייכע אָפּטיילונגען פֿון דער ביבליאָטעק, וווּ עס שטייען די געקליבענע ווערק פֿון די אויסדערוויילטע מייסטערס פֿון אַלע פֿעלקער און אַלע דורות. ער קאָן שטענדיק געפֿינען דאָרט עפּעס סטימולירנדיקס, עפּעס וואָס לעבט נאָך ביז איצט, כאָטש עס איז געבאָרן געוואָרן אין אַן אַנדער צייט און טראָגט אויף זיך דעם שטעמפּל פֿון אַן אַנדער עפּאָכע. אַ טעאַטער־קריטיקער האָט נישט וואָס צו טאָן, ווען דאָס טעאַטער פֿון זיין צייט אָדער אַ מאָל אַפֿילו נאָר פֿון זיין לאַנד ווערט אויף אַ ווײַלע אָפּגעחלשט, פֿאַרשטומט אָדער סתּם אומפּראָדוקטיוו. ער קאָן זיך אָפּגעבן דאַן בלויז מיט טעאָריע, מיט דעראינערונגען אָדער געשיכטע. און אַפֿילו די עצם געשיכטע איז פֿאַר דעם קריטיקער פֿון ליטעראַטור אַ מער לעבעדיקע זאַך, ווי פֿאַר דעם טעאַטער־קריטיקער, ווייל אין דער ליטעראַטור קאָן מען מיט דער פֿאַרגאַנגענהייט (דורך לייענען אירע ווערק) קומען אין דער נאָענטסטער באַרירונג, בעת אין טעאַטער איז דאָ נאָר אינפֿאָרמאַציִע וועגן אַמאָל, נישט דער אַמאָל גופֿא.

ווען אַ ליטעראַטור־קריטיקער שרייבט וועגן תנ״ך, וועגן די ווערדאס אָדער די אָדיסייע, האָט ער אַליין געלייענט די דאָזיקע ווערק. ווען דער, וואָס שרייבט וועגן טעאַטער, דערציילט אונדז עפּעס וועגן דער בינע אין גריכנלאַנד, וועגן דער קאָמעדיע דעל אַרטע אָדער וועגן די וואַנדער־טרופּעס פון זיבעצנטן יאָרהונדערט, דערציילט ער נישט, וואָס ער האָט מיט זיינע אויגן געזען, נאָר וואָס עס דערציילן אַנדערע, וועלכע האָבן עס אויך נישט געזען מיט זייערע אויגן.

ד. די טעאַטער־קונסט (ממילא אויך די קריטיק פון טעאַטער) איז בכלל נישט אַזוי בייגעוודיק, נישט אַזוי רייך אין מעגלעכקייטן ווי די קונסט (און די קריטיק) פון וואָרט. דער וואָרט־קינסטלער קאָן שרייבן אַלץ און וועגן אַלץ. דער בינע־קינסטלער איז געבונדן פון דעם פּובליקום, פון זיין קאָלעקטיווער פּסיכאָלאָגיע און פון די ספּעציעלע דרויסנדיקע באַדינגונגען, אָן וועלכע ער קאָן זיך נישט באַגיין. ער קאָן נישט שפּילן אַלץ (עס זיינען דאָ צו קאָמפּליצירטע, צו טיפע אָדער טעכניש צו ווינציק טעאַטראַלישע דראַמעס). ער קאָן נישט שפּילן אַלע מאָל און אומעטום. ער מוז האָבן אַנדערע קינסטלערס אַ חוץ זיך אַליין און אָפט אויך אַנדערע קונסטן — צו זיין קונסט. קורץ, דאָס טעאַטער און די טעאַטער־קריטיק האָט נישט יענעם ברייטן, כמעט אומבאַגרענעצטן אויסוואַל פון מאַטעריאַל, פון טעמעס און מאָטיוון, האָט נישט יענע רייכקייט פון צילן און מיטלען, וועלכע עס איז דאָ ביי דעם שאַפער און דערהויפּט ביי דעם קריטיקער פון ליטעראַטור.

10. רעגיאָנעלע קריטיק

רעגיאָנעלע קריטיק, ד״ה כאַראַקטעריזירונג און אָפּשאַצונג פון ליטעראַרישע ווערק און זייערע שאַפערס פונעם שטאַנדפּונקט פון זייער געגנט, — ווערט פּראַקטיצירט כמעט אין יעדער ליטעראַטור. און אַט דער „געאָגראַפישער״ צוגאַנג פאַלט אָפט צונויף מיטן „היסטאָרישן״. אַזוי אַ שטייגער האָט ניו־אינגלאַנד אין דער אַמעריקאַנער ליטעראַטור געשפּילט איר הויפּטראָלע אין מיטן 19טן יאָרהונדערט, די ליטעראַרישע ווירקונגען פון מיטל־מערב, פון דרום פאַלן־אויס אין אַנדערע, שפּעטערדיקע פּעריאָדן. די געשיכטע פון אונדזער אייגענער העברעיִשער ליטעראַטור ווייס פון געאָגראַפישע צענטערס, וואָס רעפּרעזענטירן צו גלייכער צייט היסטאָרישע תקופות: די ארץ־ישראל תקופה, די תקופה פון בבל, פון ספרד, פון אשכנז. אויך אין דער געשיכטע און דער קריטיק פון דער נייער העברעיִשער ליטעראַטור וועט איר ביי ד״ר יוסף קלויזנערן, ביי פישל ליאַכאָווערן, ביי י. צינבערגן און ביי אַנדערע געפינען באַזונדערע קאַפּיטלעך וועגן דייטשלאַנד, וועגן גאַליציע, וועגן רוסלאַנד. יעקב פיכמאַן שרייבט וועגן אַן „אָדעסער״ און אַ „וואַרשעווער״ נוסח. אַנדערע האָבן קאָנפראָנטירט ווילנע מיט וואַרשע. נאָך 1914 האָט מען גערעדט וועגן וואַרשע, מאָסקווע און ניו־יאָרק ווי וועגן דריי גאָר פאַרשיידענע ליטעראַריש־קולטורעלע קלימאַטן. אין די לעצטע יאָרן דיסקוטירט מען זייער אָפט דעם היסטאָריש־געאָגראַפישן אונטערשייד צווישן דעם ליטעראַרישן שאַפן אין מדינת־ישראל — און די תפוצות. די אַרט־השפעה, אַזוי ווי די ווירקונג פון צייט ווייזט זיך אַרויס אין די פאַרשיידנסטע פאָרמען, אָבער אין קיין איינער פון זיי

מען איז זי נאָך קיין מאָל גרינטלעך און פּילזייטיק נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן. אויך דער דאָזיקער קאַפּיטל פּרעטענדירט נישט צו באַלייכטן דעם רעגיאָנעלן אַס־פּעקט פון אונדזער ליטעראַטור און ליטעראַטור־קריטיק — פון אַלע זייטן און אין אַלע זיינע אַנטפּלעקונגען. מיר זיינען אויסן נאָר צו שטעלן די דאָזיקע וויכטיקע פּראָבלעם פאַר אונדזער ליטעראַטור־היסטאָרישער און ליטעראַטור־קריטישער פאָרשונג — און מיר שטעלן זי אין פאַרבינדונג מיט אַ העכסט סטימולירנדיקן עסיי, וואָס בעל־מחשבות האָט געשריבן עטלעכע יאָר פאַר זיין טויט. דער עסיי הייסט: „דאָס דרום־(רוסישע) יידנטום און די יידישע ליטעראַטור אין XIX יאָרהונדערט"*). דער קריטיקער גייט אַרויס פון דער הנחה „אַז אַ באַשטימטע טעריטאָריעלע סביבה שפּילט אַ גוואַלטיקע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון איטלעכער געזעלשאַפטלעך־גייסטיקער טעטיקייט", בפרט נאָך ביי אַזעלכע שעפערישע אַקטיוויטעטן ווי ליטעראַטור און קונסט. און דער גרעסטער אויפטו פון בעל־מחשבותעס אַרבעט באַשטייט דערין וואָס ער דערמאָנט אונדז אַז די יידישע ליטעראַטור איז אין דעם פּרט נישט קיין אויסנעם צווישן אַלע אַנדערע ליטעראַטורן. די יידישע שפּראַך און ליטעראַטור זיינען אַזוי ווי דאָס פאָלק האָט זיי געשאַפן, נישט עקסטעריטאָריעל ווי אַ סך מיינען, נאָר פּאָליטעריטאָריעל, אויב מען קאָן זיך אַזוי אויסדריקן. מיר שוועבן נישט — מיט אַנדערע ווערטער — אין דער לופטן, מיר זיינען נישט אָפּגעריסן פון באָדן, וואָס זשע דען? מיר ציִען די חיונה פון פאַרשיידענע באָדנס, געפינען זיך אונטער דער השפּעה פון פאַרשיידענע קלימאַטן, פאַרשיידענע סביבהס. זייער אַלעמענס ווירקונגען באַגעגענען זיך, שטויסן זיך צונויף, צוזאַמען אָדער באַהעפטן זיך אין אונדזער אַלגעמיין נאַציאָנאַלן שאַפן. אין סך־הכל ווערן די באַזונדערע אָרטיקע קרעפטן בטל אָדער האַלב בטל, עס בלייבט זייער פאַראייניקונג, זייער אונטערשטע שורה; אָבער דאָס איז ווען עס רעדט זיך וועגן אונדזער שפּראַך אָדער ליטעראַטור אין גאַנצן גענומען; טיילן זייערע זיינען צו איין געגנט, צו איין פיזישער און היסטאָרישער סביבה מער צוגעבונדן ווי צו אַנדערע געגנטן אָדער סביבות. טיילן פון יידישן פאָלק און זיין שאַפן זיינען טעריטאָריעל. איז דערפאַר וויכטיק צו וויסן וואָס פאַר אַ חלק עס האָט אין אונדזער גייסטיקער און ספּעציעל ליטעראַרישער נחלה דער אָדער יענער פון די דאָזיקע טעריטאָריעלע אייגנסן.

מ'האָט ביי אונדז פיל מאָל גערעדט וועגן דער ליטוויש־יידישער, דער פּויליש־יידישער, דער אוקראַיִניש־יידישער, דער אַמעריקאַניש־יידישער ליטעראַטור; מ'האָט גערעדט וועגן דעם אַבסטראַקט. עס איז שוין לאַנג צייט צו נעמען זיך פאַר דער אויספאָרשונג פון די קאָנקרעטע אויפטוען און די גאַנץ באַשטימטע אייגנאַרטיקייטן פון די אָדער יענע אָרטיקע קיבוצים. בעל־מחשבות האָט אין דער דערמאָנטער אַרבעט געפּרווט מאַכן אַזאַ מין קאָנקרעטע שטודיע. ער האָט זיך געשטעלט פאַר זיין אויפגאַבע צו געבן אונדז אַ בילד פון דער באַזונדערער ראָלע וואָס עס האָט געשפּילט אין דער יידישער ליטעראַטור פון ניינצנטן יאָרהונדערט דער קיבוץ פון דרום־רוסלאַנד. צום באַדויערן האָט בעל־מחשבות זיין אויפגאַבע אַריינגעקוועטשט אין אַ צו ענגער ראַם. אים אינטערעסירט ווער עס האָט מער אויפגעטאָן פאַר דער

*) פאַרעפנטלעכט אין דעם זשורנאַל „צוקונפט", ניו־יאָרק, 1922, 1, 2, 3, און אין אַ באַזונדערער בראָשור, כלל־פאַרלאַג, בערלין, 1922.

יידישער שפּראַך און ליטעראַטור, ווער עס האָט געשפּילט אַ גרעסערע ראָלע אין זייער אַנטוויקלונג — די פּוילישע און ליטווישע אָדער די אוקראַיִנישע יידן? די גאַנצע געגנט־פראַגע אין דער יידישער ליטעראַטור איז פאַר אים נישט מער ווי אַ פראַגע פון גרעסערע אָדער קלענערע ליטעראַרישע דערגרייכונגען אָדער נאָך שמעלער — פון אַ „בעסערער" אָדער אַן „ערגערער" שטעלונג צו דער יידישער שפּראַך.

דער ענין איז אָבער ברייטער און רייכער אַ סך. עס איז נישט נאָר אַ פראַגע פון — „ווער איז גרעסער". אַוודאי איז וויכטיק צו וויסן די גרייס פון דעם חלק, וואָס יעדער קיבוץ האָט אַריינגעלייגט אין דער יידישער ליטעראַטור; נאָך וויכ־טיקער אָבער איז צו קענען די אייגנאַרטיקייט פון יעדערנס אויפטואונגען.

אַ קלענערער אויפטו פון אַ טעריטאָריעלער גרופּע אויף אַ נייעם געביט אָדער לויט אַ נייעם מעטאָד איז אַ מאָל מער ווערט, ווי אַ גרויסער שריט פאָרויס אויף אַן אויסגעטראָטענעם וועג. דערפאַר איז נייטיק צו וויסן וואָס און ווי, נישט נאָר וויפל יעדע געגנט האָט געשאַפן. מע מוז האָבן אַ כאַראַקטעריסטיק פון יעדער געגנט. כאַראַקטעריזירונג איז, אגב, דער יסוד פון יעדער אָפּשאַצונג אין ליטע־ראַטור. ערשט ווען מ'האָט אַ קלאָר בילד פון אַן אינדיווידועלער אָדער קאָלעק־טיווער פּערזענלעכקייט, קאָן מען אָפּשאַצן איר באַטייט. דאַרף מען פריִער ענט־פערן אויף דער פראַגע: „וואָס איז געטאָן געוואָרן אין דער אָדער יענער געגנט אין פּרט פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור?" ערשט דאַן קאָן מען פרעגן: „וואָס איז דאָרט אויפגעטאָן געוואָרן?"

די גרויס און ווערדע פון ליטעראַרישע ווערק איז, אגב, אַ סוביעקטיווע זאַך, אַ „געשמאַק־זאַך", וואָס לאָזט זיך נישט וויסנשאַפטלעך דערווייזן. אַ סך פּרוכט־באַרער איז, פון דעם היסטאָריש־קריטישן שטאַנדפּונקט, די כאַראַקטעריזירונג־אַרבעט. זי קאָן געטאָן ווערן אויפן סמך פון מער אָביעקטיווע סימנים. און זי קאָן באמת פירן צו ניצלעכע רעזולטאַטן. ווען עס זאָל, צום ביישפּיל, אויסגעפאָרשט ווערן די אייגנאַרטיקייט פון דעם וואָלינער אָדער ליטווישן אָדער פּוילישן אָדער רומענישן אָדער אַן אַנדער אָרטיקן יידישן סטיל, ווען עס זאָלן אָנגעצייכנט ווערן די גרענעצן פון דעם באַזונדערן ליטעראַרישן געביט, ווו דער אָדער יענער יידי־שער קיבוץ האָט געפּילט זיך שטאַרקער און איז געווען פּראָדוקטיווער ווי אויף אַלע אַנדערע געביטן, ווען עס זאָלן אָנגערופן ווערן מיטן נאָמען די פאָרמען, די מעטאָדן, וועלכע האָבן געפונען פאַר זיך אַ באַזונדער גינסטיקע לופט אין דעם אָדער יענעם אָרט, — וואָלט דאָס זיין גוט פאַר אונדזער זעלבסט־באַוווּסטזיין, וואָלט דאָס אונדז העלפן זיך פאַרטיפן אין דער דיפערענצירטקייט פון אונדזער ליטעראַרישער איינהייט, וואָלט דאָס אונדז געלערנט באַוווּסטזיניקער אויסצוניצן די דערפאַרונגען פון אונדזער גייסט. וואָלט דעריבער געווען געוווּנטשן, אַז די אויספאָרשונג פון דער געגנט־פראַגע אין דער יידישער ליטעראַטור זאָל גיין אויף דעם דאָזיקן — מער אָדער ווייניקער — וויסנשאַפטלעכן וועג, נישט אויפן וועג פון צופעליקע אָדער ריין סוביעקטיווע „לאָקאַלע פּאַטריאָטיזמען".

בעל־מחשבות האָט מיט זיין פרווו צו באַהאַנדלען די געגנט־פראַגע אין דער יידישער ליטעראַטור, געוויזן ווי שווער עס איז צו געפינען אָביעקטיווע באַווייזן פאַר אַזאַ מין מיינונג ווי די, אַז איין געגנט (די דרום־רוסישע) איז שיִער־נישט

אַלץ אין דער יידישער ליטעראַטור און אַנדערע געגנטן (די ליטווישע, די פּוילישע) זיינען גאָרנישט אָדער כמעט ווי גאָרנישט. באַטראַכטן די יידישע ליטעראַטור־אַנטוויקלונג לפּי דעם געגנט־שטאַנדפּונקט וואָלט, לויט מיין מיינונג, נישט גע־דאַרפט הייסן שטעלן הויך איין טעריטאָריעלן צענטער און אַראָפּוואַרפן אַנדערע צענטערס, נאָר — געבן יעדן וואָס אים קומט, אויסגעפינען יעדנס אָרט און ראָלע אין דער אַלגעמיינער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור, אויפדעקן יעדנס פאַר־באָרגענע אייגנשאַפטן, יעדנס באַזונדערע פעיקייטן.

אמת, היפּאָליט טען וואָס האָט אַנגעווענדט אין דער ליטעראַטור־ און קונסט־געשיכטע די מיליע־טעאָריע, האָט אין זיין „פילאָסאָפיע פון קונסט" גערעדט וועגן וויפל און ווי גרויס, נישט נאָר וועגן ווי און וואָס. ער האָט גערעדט וועגן אַ סביבה ווו קונסט קאָן זיך שטאַרק אַנטוויקלען און אַ סביבה, ווו איר אַנטוויקלונג ווערט געשטערט און ווו זי איז גאָר אוממעגלעך. טען האָט זיך דאָך נישט אַריינגעטאָן אין גאַנצן אין מעטן און וועגן די קונסטווערק, וואָס זיינען געשאַפן געוואָרן אין דעם אָדער יענעם לאַנד, אין דער אָדער אין יענער פּראָווינץ, פון אַזאַ אָדער אַן אַנדערער שול. ער האָט זיך זייער אַ סך אָפּגעגעבן אויך מיט כאַראַקטעריזירן די באַזונדערקייטן פון דער קונסט, וואָס איז אויסגעוואַקסן אונטער דער ווירקונג פון אַ באַשטימטער עפּאָכע אָדער אויף אַ באַשטימטן באָדן. זיין אַנאַליז און סינ־טעז פון דער לאַטיינישער (און ספּעציעל איטאַליענישער) קונסט — פון איין זייט — און דעם גערמאַנישן (און ספּעציעל האָלענדישן און פלעמישן) סאָרט קינסט־לערישן שאַפן — פון דער אַנדערער זייט — איז פאַר זיך אַליין אַ מייסטערווערק, אַ שטיק קונסט, און ער האָט דאָס הויפּט־געוויכט געלייגט טאַקע אויף אָט־דעם מער אָדער ווייניקער אָביעקטיוון אַנאַליז און סינטעז פון יעדן פון די פאַרשיי־דענע מינים קונסט און נישט אויף דער אָפּשאַצונג און פאַרגלייכונג פון זייער ווערט. שטעלנדיק אַנטקעגן דעם דאָגמאַטישן מעטאָד פון קונסט־באַטראַכטונג זיין היסטאָרישן מעטאָד, זאָגט ער: „דער נייער מעטאָד באַשטייט אין דעם אַז מע זאָל די מענטשלעכע ווערק און באַזונדערס די קונסטווערק באַטראַכטן ווי פּראָדוקטן און פאַקטן, וואָס מע דאַרף באַשטימען זייער תוך און אויספאָרשן זייערע סיבות — מער גאָר נישט...". טען האָט עס אַזוי פאַרשטאַנען אַז די פאָרשונג דאַרף מען טאָן נישט מיט קיין שטראָף און נישט מיט גנאָד, זי קאָנסטאַטירט נאָר און דער־קלערט. זי לאָזט יעדן די פרייהייט צו פאָלגן זיינע פערזענלעכע נייגונגען און באַזונדערקייטן, אויסצוקלייבן זיך דאָס, וואָס איז צוגעפּאַסט צו זיין געמיט און אַריינצוטאָן זיך אין דעם וואָס שטימט נאָר מיט זיין גייסט. וואָס עס איז שייך צו דער וויסנשאַפט אַליין, האָט זי אַ גלייכן אינטערעס צו אַלע מינים פון דער קונסט און צו אַלע „שולן", אַפילו צו די, וואָס זעען אויס צו זיין „קעגנזעצלעך איינע צו די אַנדערע". און טען האָט טאַקע מיט אַ גלייכער געטריישאַפט און אַ גליי־כער מייסטערשאַפט געשילדערט די באַזונדערקייטן פון יעדער שול. אַזוי דאַרפן מיר אויך טאָן ווען מיר ווילן באַטראַכטן די יידישע ליטעראַטור אין פאַרבינדונג מיט די פאַרשיידענע געגנטן און געגנט־קיבוצים, וואָס האָבן אַנטייל גענומען אין איר שאַפונג. מיר דאַרפן נישט זאָגן: פאַראַכט די יידישע ליטעראַטור וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין ליטע אָדער אין פוילן, שטאָלצירט מיט דער, וואָס שטאַמט פון אוקראַינע. מיר דאַרפן אויספאָרשן די אייגנשאַפטן אי פון דער, אי פון יענער.

יעדער טעריטאָריעלער ייִדישער קיבוץ האָט אַריינגעבראַכט אין דער ייִדי־שער ליטעראַטור און שפּראַך עפּעס אייגנס, עפּעס אייגנאַרטיקס, עפּעס אַזוינס וואָס האָט באַפרוכפּערט און רייכער און פאַרביקער געמאַכט די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור, די גאַנצע ייִדישע שפּראַך.

יעדעס נייע לאַנד, יעדע נייע פּראָווינץ וואָס די ייִדישע שפּראַך און ליטע־ראַטור האָט איינגענומען, איז אַגב געווען פאַר איר אַ נייע סאָציאַלע, נישט נאָר אַ נייע פיזישע סביבה. די עקאָנאָמישע, די געזעלשאַפטלעכע און אָפּט אויך די פּאָליטישע, נישט נאָר די קלימאַטישע און אַנדערע פיזישע תנאים פון דער ייִדי־שער ליטעראַטור און שפּראַך זיינען אין יעדן לאַנד, אין יעדן גרעסערן ראַיאָן געווען פאַרשיידן. און אויב מ׳וויל וויסן פאַר וואָס, נישט נאָר מיט וואָס, איז די ייִדישע שפּראַך, די ייִדישע אויסשפּראַך, דער ייִדישער פאָלקלאָר און די ייִדישע ליטעראַטור אין פּוילן אַנדערש ווי אין ליטע, אין ליטע אַנדערש ווי אין וואָלין אָדער פּאָדאָליע אד״גל, מוז מען אויספאָרשן אַלע פאַרשיידנאַרטיקע היסטאָרישע אַנטוויקלונגען, נישט נאָר די נאַטור־באַדינגונגען פון יעדן פון די דאָזיקע מקומות. אויך מוז מען זיך באַקענען מיטן לעבן און שאַפן פון דער אָרטיקער נישט־ייִדי־שער באַפעלקערונג. עס איז קיין שום ספק נישטאָ אַז אין פּוילן האָט אויף ייִדיש און דעם ייִדישן שאַפן געווירקט די פּוילישע שפּראַך, די פּוילישע פאָלקשאַפונג, אין אוקראַיִנע — די אוקראַיִנישע שפּראַך, די אוקראַיִנישע פאָלקסקולטור, אין ליטע — די ליטווישע אאַז״וו.

עס איז אַ ברייטע, אַ פילזייטיקע פּראָבלעם — אָט די פּראָבלעם פון די געגנטן און די פאַרשיידענע ווירקונגען וואָס יעדע פון זיי האָט געהאַט אויף דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. ווען מ׳זאָל זי ריכטיק פאָרמולירן און אַוועק־שטעלן ברייט און טיף ווי זי איז, וועט מען דערמיט אַליין שוין אַ סך אויפטאָן פאַר איר אויספאָרשונג. בעל־מחשבות האָט די פראַגע צום באַדויערן זייער איינזייטיק געשטעלט, ווען ער האָט פון איר גרויסן פאַרוויקלטן קנויל אַרויסגעכאַפּט, אַרויס־געריסן נאָר איין פאָדעם, דעם פאָדעם וואָס הייבט זיך אָן און ענדיקט זיך מיט דעם טעזיס, אַז אַלע גרויסע אויפטוען אין דער ייִדישער ליטעראַטור שטאַמען פון אוקראַיִנע און נאָר פון אוקראַיִנע, און אַז אַפילו „ליבע צו ייִדיש זעען מיר נאָר ביי די דרומדיקע ייִדישע שרייבערס“.

בעל־מחשבות באַנוגנט זיך נישט מיט דעם, וואָס ער ליבט און אַכפּערט אַלץ וואָס שטאַמט פון דרום־רוסלאַנד; ער וויל דערנידעריקן און פאַרקלענערן — ווי ווייט ס׳איז נאָר מעגלעך — די ראָלע, וואָס אַנדערע געגנטן און לענדער האָבן געשפּילט אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער שפּראַך און ליטעראַטור. זוכט ער אויס איינציקע, אָפּגעריסענע פאַקטן און טייטשט זיי אויס טענדענציעז, אָבי נאָר צו דערגרייכן זיין ציל. אויף די אַלע פאַקטן און אויסטייטשונגען איז נישט נייטיק זיך אָפּצושטעלן; איך וועל דערמאָנען נאָר אייניקע פון זיי, די מער כאַ־ראַקטעריסטישע.

מער ווי מיט אַלץ גיט זיך אָפּ בעל־מחשבות מיט דעם ייִדיש פון די דרום־רוסישע ייִדן. ער גיט נישט קיין אַנאַליז און קיין כאַראַקטעריסטיק פון דעם וואָ־לינער, פּאָדאָליער און בכלל דרום־רוסישן ייִדיש. ער ווייזט נישט, מיט וואָס דאָס דאָזיקע ייִדיש איז געווען אַנדערש (אין ריידן און אין שרייבן) פון דעם ייִדיש אין

ליטע, פוילן אָדער אַנדערע ערטער און אין וואָס ליגט דער ווערט פון דער דאָזיקער אַנדערשקייט. אים אינטערעסירט נישט די אייגנאַרטיקייט (די באמת זייער ווערטפולע אייגנאַרטיקייט) פון דעם אוקראַיִניש־יִדישן לשון; ער ווייזט נאָר אָן אויף דער „גוטער באַציִונג" וואָס עס זאָלן האָבן געהאַט צו דער יִדישער שפּראַך די אוקראַיִנישע — און נאָר די אוקראַיִנישע — יִדישע שרייבערס. אַזאַ „גוטע באַציִונג צו יִדיש" איז שוין געווען, זאָגט ער זייער ריכטיק, ביי די חסידים. אָבער צי נאָר ביי די חסידים אין דרום־רוסלאַנד? בעל־מחשבות אַליין דערמאָנט ר' דוב בערן, דעם ליאַדיער רב וואָס האָט אָנגעשריבן אַ ספרל אויף יִדיש — „פּוקח עורים", כאָטש ער איז געווען אַ פירער ביי די ליטווישע חסידים! בעל־מחשבות ציטירט די הקדמה צו „פּוקח עורים" (ער ציטירט זי נישט פון ערשטן מקור, דערפאַר — נישט ריכטיק). דאָרט שטייט אַזוי: „...און אגב איז דש איין פּעולה אַפילו פאַר דען למדן, ווייל עש איז גיזאָגט אויף מוטר שפּראַך, דרום דערוועקט זיך די האַרץ פון מענשען צו מקיים זיין ווש ער זעהט". אַזאַ באַציִונג צו יִדיש ווי צו אַ שפּראַך וואָס גייט פון האַרצן און צום האַרצן פון יִדן, איז געווען ביי אַלע חסידים, נישט נאָר ביי די דרום־רוסישע. ר' לוי־יצחק בערדיטשעווער, וואָס האָט ליב געהאַט אַריינצוברענגען יִדיש אין זיינע תפילות, האָט געשטאַמט פון זאַמאָשטש, פוילן, און איידער עס איז געוואָרן רב אין בערדיטשעוו האָט ער געלעבט אין פוילן און אין ליטע. מעשיות וועגן גוטע יִדן אויף יִדיש און די „סיפּורי מעשיות" פון רב נחמן בראַסלאַווער זיינען פאַרשפּרייט געוואָרן אומעטום ווו עס זיינען געווען חסידים, נישט נאָר אין דרום־רוסלאַנד. און אויב אַפילו זיי זאָלן האָבן געהאַט דאָרט אַ גרעסערע פאַרשפּרייטונג, איז עס דערפאַר, מחמת דאָרט זיינען געווען ווייניקער לומדים, ווייניקער יִדן וואָס האָבן גוט פאַרשטאַנען לשון קודש און נישט מחמת דאָרט זאָל זיך האָבן אויסגעאַרבעט ביי די יִדישע מחברים אַ „בעסערע באַציִונג" צו יִדיש, ווי אין ליטע אָדער פוילן.

אמת איז אַז די „סיפּורי מעשיות" אויף יִדיש זיינען דאָס גרעסטע קינסט־לערישע ווערק, וואָס עס האָט אונדז איבערגעלאָזן די תקופה פון חסידות. אָבער דער פאַקט וואָס דאָס דאָזיקע גרויסע ווערק שטאַמט פון אוקראַיִנע, וואָלט געווען אַ באַווייז פאַר דער אויסשליסלעכער שאַפונג־קראַפט פון דעם דרום־רוסישן יִדן נאָר דאַן, ווען מע זאָל אַזוינע פאַקטן קאָנען ברענגען אויך פון אַלע איבעריקע תקופות פון דער יִדישער ליטעראַטור־אַנטוויקלונג. זיינען פאַראַן אַזוינע פאַקטן? בעל־מחשבות האַלט פון דער אַלגעמיין־חסידישער באַציִונג צו יִדיש ווי צו דער שפּראַך פון האַרצן און ער פרווט דערפון צו מאַכן אַ ספּעציעל אוקראַיִנישע זאַך. אַזוי וויל ער אויך מאַכן אַן אויסנעם פאַר דרום־רוסלאַנד בנוגע די פאַרשטייערס פון דער השכלה־באַוועגונג און זייער באַציִונג צו יִדיש. אין אוקראַיִנע, וויל ער האָבן, זיינען אַפילו משכילים געווען פאַר יִדיש און אין דער השכלה־צייט, אַזוי ווי אין דער תקופה פון חסידות, זאָלן די וויכטיקסטע אויפטוען פון דער יִדישער שפּראַך און ליטעראַטור געהערן צו דרום־רוסלאַנד, נישט צו ליטע אָדער פוילן.

ווי אַזוי באַווייזט ער עס? ער דערמאָנט אַליין ר' מנשה איליער, איינעם פון די ערשטע משכילים אין רוסלאַנד, וועלכער האָט — ווי בעל־מחשבות דריקט זיך אויס — „גאַנצע טיילן פון זיינעם אַ ספר געשריבן אין יִדיש". ר' מנשה איליער איז געווען אַ טיפּישער ליטוואַק. און פאַר ר' מנשה איליער האָט מען אין ווילנע

(נישט אין דרום־רוסלאַנד!) זיך משתדל געווען ביי דער רעגירונג, זי זאָל אים לאָזן אַרויסגעבן אַ ציישונג אויף יידיש. דעם אָנהייב פון דער השכלה־ליטעראַטור און פּרעסע אויף יידיש דאַרף מען פאַרצייכענען נישט אין דרום־רוסלאַנד, נאָר אין פּוילן און ליטע.

אין דרום־רוסלאַנד, זאָגט בעל־מחשבות, איז געווען מענדיל לעפין (סאַטאַ־נאָווער, 1741—1819), איינער פון די ערשטע משכילים אין רוסלאַנד, מענדעל־סאָנס אַ תלמיד. מענדל לעפין האָט איבערגעזעצט אויף יידיש משלי, קהלת און תהילים *), און ער האָט באמת געהאַט אַ ווירקונג אויף אייניקע פון די שפּעטער־דיקע יידישע שרייבערס. וועגן זיין ווירקונג אויף זיי דערציילן אין זייערע זכרו־נות גאָטלאָבער און צוויפעל. אָבער דאָס דערמאָנט נישט בעל־מחשבות. ער שרייבט אַז לעפינס אויפטו אין דער יידישער ליטעראַטור איז באַשטאַנען אין דעם וואָס ער „האָט אַריינגעטראָגן דער ערשטער — און נאָך אַלס משכיל דערצו — די טענדענץ אין דער יידישער ליטעראַטור איבערצודיכטן דעם תנ״ך אויף יידיש“. אָבער איך קאָן נישט פאַרשטיין ווי עס איז מעגלעך, ער זאָל נישט האָבן געוווסט אַז די „טענדענץ איבערצודיכטן דעם תנ״ך אויף יידיש“ איז נישט אַריינגעטראָגן געוואָרן אין דער יידישער ליטעראַטור דורך מענדל לעפין אָנהייב ניינצנטן יאָר־הונדערט. די דאָזיקע „טענדענץ“ איז שטענדיק געווען אין דער יידישער ליטעראַ־טור. זי איז געבוירן געוואָרן אינאיינעם מיט דער יידישער ליטעראַטור. כמעט יעדע תקופה אין דער יידישער ליטעראַטור־ און שפּראַך־געשיכטע האָט אירע תנ״ך־אי־בערזעצונגען: פון דער האַנטשריפטלעכער תקופה האָבן מיר איבערזעצונגען פון אייניציקע ספרים, פון 16טן יאָרהונדערט די „קאָנסטאַנצער“, די „אויגסבורגער“ און די „קרעמאָנער“ איבערזעצונג פון גאַנץ חומש ווי אויך פיל איבערזעצונגען פון אייניציקע טיילן פון תנ״ך; אין 17טן יאָרהונדערט גייען כמעט גלייכצייטיק אַרויס צוויי פולשטענדיקע איבערזעצונגען פון גאַנץ תנ״ך — איינע פון וויצענהויזן, די אַנדערע פון בליץ; אין 18טן יאָרהונדערט ווערן געמאַכט פאַרשיידענע נייע אי־בערזעצונגען און אייניקע אַלטע ווערן פון דאָס ניי רעדאַקטירט און אַרויסגעגעבן. איך רייד שוין נישט פון אַזאַ וויכטיקן (אמת, קאָמפּילירטן, נישט איבערגעזעצטן) ביבלישן פאָלקס־ספר ווי „צאינה וראינה“ פון ר׳ יעקב בן יצחק מיאַנאָווע (אגב נישט קיין אוקראַינער!). זאָגן אַז מענדל לעפין איז געווען דער ערשטער וואָס האָט געשטרעבט צו געבן דעם פאָלק די ביבל אין זיין אייגענער שפּראַך, ד״ה זי אי־בערדיכטן און דערצו נאָך צוגעבן, אַז דאָס איז אַ ווונטש וואָס „איז נאָך עד־היום

*) בעל־מחשבות שרייבט, אַז לעפינס איבערזעצונגען פון תהילים און קהלת זיינען געבליבן אין מאַנוסקריפּט ביי די יורשים, און נאָר אין 1873 איז דער תהילים צום ערשטן מאָל אָפּגעדרוקט געוואָרן. קהלת איז נאָך עד־היום אין מאַנוסקריפּט. דאָס איז נישט פּינקט־לעך. קהלת איז נישט געבליבן אין כתב־יד. עס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן טאַקע אין יאָר 1873 (אַן עקזעמפּליאַר פון דער אויסגאַבע געפינט זיך אין דער ניו־יאָרקער עפנטלעכער ביבליאָטעק) און אין 1930 האָט ייוואָ אין ווילנע רעפּראָדוצירט דעם כתב־יד פון קהלת. אין מאַנוסקריפּט איז געבליבן די איבערזעצונג פון תהילים.

נישט מקוים געוואָרן" — הייסט איגנאָרירן די עלעמענטאַרסטע פאַקטן פון דער ייִדישער ליטעראַטור־געשיכטע.

אמת, די אַלע איבערזעצונגען פון תנ"ך, וואָס זיינען פאַראַן אויף ייִדיש, זייַנען נישט געמאַכט געוואָרן אויף דעם ייִדיש וואָס ייִדן האָבן גערעדט אין דער אָדער יענער געגנט, נאָר אויף דעם אָנגענומענעם ליטעראַרישן ייִדיש. אין דעם זינען זיינען זיי נישט גלייך צו דער איבערזעצונג פון מענדל לעפין. אין איר פאַרנעמען אַ גרויסן פּלאַץ די ייִדיש־עלעמענטן פון די דרום־רוסישע ייִדן. אָבער איך גלייב אַז די אַנדערע ייִדישע איבערזעצערס פונעם תנ"ך זיינען געווען אויפן ריכטיקן וועג. תנ"ך דאַרף איבערגעזעצט ווערן אויף אַן אַלגעמיינעם ליטעראַרישן, נישט אויף אַן אָרטיקן נוסח פון ייִדיש. דער תנ"ך איז געשאַפן געוואָרן פאַרן גאַנצן ייִדישן פאָלק און ער דאַרף „איבערגעדיכטעט" ווערן אויף אַזאַ — און נאָר אויף אַזאַ — ייִדיש, וואָס איז אַ סינטעז פון אַלע אָרטיקע דיאַלעקטן, אויף אַזאַ ייִדיש וואָס האָט אין זיך אַריינגעזויגן די ירושה פון אונדזער גאַנצער שפּראַכ־לעכער אַנטוויקלונג. צו אַזאַ לשון האָט געשטרעבט יהואש אין זיין איבערזעצונג פון תנ"ך. מענדל לעפין וואָלט מיט זיין וואָלינער ייִדיש פאַר יהואשן און פאַר קיין שום נייעם איבערזעצער פון תנ"ך נישט געווען און נישט געקאָנט זיין קיין מוס־טער. מענדל לעפין איז געווען אַ מייסטער פון ייִדיש, אָבער נאָר פון אַ געוויסן דיאַלעקט זיינעם — פון דעם דרום־רוסישן ייִדיש. איך מאַרטין לוטער האָט אי־בערגעזעצט די ביבל אויף אַ דייטש, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַ באַשטימטן דיאַלעקט, אָבער ער האָט דעם דיאַלעקט מיט זיין נייער איבערזעצונג געמאַכט דאָמינירן אין דער דייטשער ליטעראַטור, דערהייבנדיק אים ביז צו דער מדרגה פון דער אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער שפּראַך. האָט עפּעס ענלעכס געטאָן מענדל לעפין מיטן דרום־רוסישן ייִדיש־דיאַלעקט? האָט ער אַרויסגענומען פון אים טאַקע די עלעמענטן וואָס קענען אַריינגיין אין דעם אַלגעמיין־נאַציאָנאַלן ייִדיש? אַ פּאָר צי־טאַטעס פון זיין איבערזעצונג וועלן ענטפערן אויף דער פראַגע.

„איך האָב מיר ס פּ אַ ר אָ נ ד ז י ט ס ע ד ל י ך און לוסטגערטנער
און האָב מיר דרינען גיזעצט בוימער פון אַלערליי פירות".

„...קיינערליי שמחה האָב איך מיין האַרץ נישט ג ע ז ש אַ ל ע ו ע ט, מייז האַרץ האָט פון אַלע מיין האָרעוואַניע הנאה געהאַט און ט י ל ק אָ דאָס איז גע־ווען פון אַלע מיינע האָרעוואַניע".

דאָס זיינען פּסוקים פון מענדל לעפינס קהלת־איבערזעצונג.

בעל־מחשבות ברענגט אייניקע פּסוקים פון לעפינס משלי־איבערזעצונג און אַ טייל פון זיי איז באמת גאַנץ גוט, אָבער דאָס איז דווקא יענער טייל ווו לעפין איז נאָענט צו די אַלטע, אַרכאַישע, טראַדיציאָנעלע פאַרייִדישונגען פון תנ"ך. דאָרט ווו ער איז מחדש, דאָרט ווו ער פּרוּווט אַריינפירן דעם דרום־רוסישן ייִדיש, איז ער אַזוי פּראָווינציעל, אַזוי לאָקאַליסטיש אַז די איבערזעצונג קלינגט באמת ווי אַ פּאַראָדיע. צום ביישפּיל אַזעלכע פּסוקים פון „משלי" ווי: „אַ קלוגע אשה בויט אַ הויז, אַ שלימזלניצע ספּיסטאַסשיט דאָס הויז" (חכמת נשים בנתה ביתה, ואולת בידיה תהרסינה). פון לעפינס משלי־איבערזעצונג דרינגט בעל־מחשבות אַרויס אַז „סלאַווישע ווערטער ווערן צוערשט פריי און מיט געשמאַק אַריינגעפירט פון די דרומדיקע ייִדן". אָבער איך גלייב נישט אַז וועגן די סלאַווישע ווערטער,

וואָס געפינען זיך אין די געברױכטע פּסוקים, זאָל מע קענען זאָגן אַז זיי זיינען „פריי און מיט געשמאַק איינגעפירט". זיי זיינען אין דעם ליטעראַרישן ייִדיש נישט אַנגעגומען געוואָרן און קאָנען נישט אַנגענומען ווערן.

מיט אָט־די באַמערקונגען וויל איך נישט מבטל מאַכן די ווערדע פון מענדל לעפין. ער פאַרנעמט און דאַרף פאַרנעמען אַ באַדייטנדיקן פּלאַץ אין דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור און שפּראַך, ספּעציעל אין דער געשיכטע פון די ייִדישע ביבל־איבערזעצונגען. איך האָב נאָר געוואָלט אָנווייזן אַז בעל־מחשבות גייט אָן איינזייטיקן באַגריף וועגן זיין אַרבעט און רעדט אין אַ מגוזמדיקן טאָן וועגן זיינע אויפטוען. ער טוט דאָס נאָר כדי צו האָבן כלומרשט אַ באַווייז אַז „בנוגע צו דער שפּראַך איז דאָס ליטווישע ייִדיש געווען אַ ירידה און אַז די אמתע ריינקייט אירע דאַרף מען זוכן ביים דרום־ייִד, וועלכער האָט תמיד געהאַט אַ נאַטירלעך געפיל פאַר דער ייִדישער שפּראַך".

כדי דער לייענער זאָל אַליין קענען זען צי דאָס ייִדיש, וואָס איז געברויכט געוואָרן פאַר ביבלישע איבערזעצונגען אין ליטע, איז טאַקע אַ „ירידה" אין פאַר־גלייך מיט דעם דרום־רוסישן ייִדיש פון מענדל לעפינס איבערזעצונג אָדער אפשר איז עס גאָר אַ בעסער און אַ שענער און אַ מער געלייטערט ייִדיש, וויל איך ציטירן אַן איבערזעצונג פונעם קאַפּיטל ק"ד אין תהילים. די איבערזעצונג איז איבער־געדרוקט אין אַ סידור, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין ווילנע 1863, אָבער זי איז זייער באַענגט, לויט איר שפּראַך, צו אַלע אַנדערע איבערזעצונגען וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערט; איך וועל ברענגען נאָר די ערשטע עטלעכע פּסוקים:

„גאָט, מיין גאָט, דו ביסט זייער געאַכפּערט, דו האָסט זיך אָנגעקליידט מיט שיינקייט.

„גאָט קליידט אָן די וועלט מיט ליכטיקייט, ער האָט געצויגט די הימל, אַזוי ווי אַ פירהאַנג.

„די באַלקענס פון זיינע אויבערשטע חדרים האָט ער געמאַכט פון וואַסער, די וואָלקען האָט ער געמאַכט פאַר זיין רייטוואַגען, ער פיהרט די וואָלקען גיך מיט דעם ווינט אַזוי ווי מען פליהט מיט פליגעל.

„די ווינטען האָט גאָט געמאַכט פאַר זיינע שלוחים, זיינע באַדיענער זיינען אַזוי ווי פלאַמפייער" *).

ווי דער לייענער זעט, איז דאָס דאָזיקע — נישט דרום־רוסישע — ייִדיש ווייט פון צו זיין אַ „ירידה" אין פאַרגלייך מיטן ייִדיש פון מענדל לעפין. עס איז אי ריין און איינפאַך, אי פול מיט ווערדע און איז אויך „אַרכאַיש" גענוג צו פּאַסן זיך פאַרן ביבלישן סטיל. אָבער נישט נאָר בנוגע צו איבערזעצונגען, אויך אין שייכות צו אָריגינעלע ווערק איז בעל־מחשבות „אוקראַינאָפיליש", כאָטש ער אַליין איז געווען אַ ליטוואַק. איז אַ זאַך געשאַפן פון אַן אוקראַינער מחבר, האָט איר ייִדיש אַלע מעלות טובות; שטאַמט זי פון אַ פּוילישן אָדער ליטווישן ייִדן, איז עס נישט ווערט אַז מע זאָל ריידן וועגן דעם. ביי די דרום־רוסישע ישראל אַקסענפעלד

*) איך ציטיר די איבערזעצונג לויט גרינבוימס „אידיש־דייטשער כרעסטאָמאַטיע": דאָרט איז עס איבערגעדרוקט מיט לאַטייניש בוכשטאַבן, דערפאַר קאָן איך נישט אי־בערגעבן ריכטיק דעם אַלטן אויסלייג.

אָדער ב. לעווינסאָן באַמערקט ער נישט די סלאַווישע ווערטער, וועלכע פאַר־דאַרבן זייער — בכלל ריינעם און רייכן — ייִדיש; ער זאָגט קיין וואָרט נישט וועגן דעם וואָס דער דרום־רוסישער י. י. לינעצקי האָט מיט זיינע רוסיציזמען געמאַכט פון ייִדיש אַן אמתן זשאַרגאָן און געפּטרט דערמיט זיין לעבעדיקן, הייסן, אימ־פּעטיקן און בילדלעכן סטיל; דערפאַר אָבער ביי דעם ליטוואַק א. מ. דיק זעט ער קיין זאַך נישט, אַ חוץ „דייטשמעריש". אין דער אמתן האָבן די סלאַוויזמען פון די דרום־רוסישע שרייבערס טאַקע אַ נאָענטע — און לחלוטין נישט קיין פּאָזיטיווע — שייכות צו דעם דרום־רוסישן ייִדיש, בעת דיקס דייטשמעריש האָט גאָר נישט צו טאָן מיט ליטע און בכלל מיט דער פראַגע פון דער אָדער יענער געגנט. דאָס דייטשמעריש האָט זיך ביי דיקן אגב געוויזן ערשט ביים סוף זעכציקער יאָרן. אין די פופציקער און אין אָנהייב פון די זעכציקער יאָרן האָט דיק געשריבן אַן איינפאַכן און אַ ריינעם ייִדיש. (ער פלעגט דאַן נאָר געברויכן אַזוינע דייטשמעריז־מען ווי „אונד" אָדער „וואַר", אָבער דער גאַנצער סטיל זיינער איז געווען אידיאָ־מאַטיש ייִדיש).

און וואָס עס איז נוגע דער אידעאָלאָגישער באַציִונג צו דער ייִדישער שפּראַך, איז ווי געזאָגט, נישט געווען קיין שום אונטערשייד צווישן די משכילים פון ליטע און פוילן און די דרום־רוסישע משכילים. די לעצטע זיינען, פּונקט אַזוי ווי די ערשטע, געווען פּרינציפּיעלע קעגנערס פון ייִדיש.

עס זיינען געווען אויסנאַמען, אָבער זיי זיינען געווען אומעטום, נישט נאָר אין דרום־רוסלאַנד. בעל־מחשבות שרייבט אַז „די ערשטע מאָדערנע באַ־ציִונג צו ייִדיש אַלס שפּראַך, האָט אַרויסגעוויזן דער דרום־רוסישער יהושע ליפּ־שיץ. אָבער דאָס איז נישט ריכטיק. כמעט מיט אַ האַלבן יאָרהונדערט פאַר ליפּ־שיצן איז לטובת ייִדיש אַרויסגעטרעטן יעקב שמואל ביק, אַ משכיל פון גאַליציע. ער האָט געענטפערט אויף דעם פּאַמפלעט „קול מחצצים", וואָס טוביה פעדער האָט אויפגעשריבן קעגן מענדל לעפינס משלי־איבערזעצונג. אין דעם ענטפער פון יעקב שמואל ביק זיינען דאָ שוין כמעט אַלע אַרגומענטן פאַר ייִדיש, וועלכע עס האָט שפּעטער געבראַכט ליפּשיץ. אגב, האָט ליפּשיץ אַליין איבערגעזעצט ביקס אַפּאָלאָגיע אויף ייִדיש און עס אָפּגעדרוקט אין 1863 אין „קול מבשר"... נאָר אפשר דאַרף מען י. ש. ביקן אויך רעכענען פאַר אַן אוקראַיִנער? ער שטאַמט פון גאַליציע און אַזאַ „אוקראַיִנאָפיל" ווי בעל־מחשבות איז געוואָרן, האָט ער מסתמא געהאַלטן גאַליציע פאַר אַ טייל פון דער אוקראַינער טעריטאָריע... אָבער ד"ר שלמה עטינגער איז זיכער אַ פּוילישער, נישט קיין דרום־רוסישער, און עטינ־גער איז שוין אין דער ערשטער העלפט פון נייננצנטן יאָרהונדערט, אַ צייט פאַר יהושע ליפּשיץ, געווען ווייט פון צו שעמען זיך מיט ייִדיש. עטינגער האָט נישט נאָר געשריבן אויף ייִדיש; ער האָט קולטיווירט די ייִדישע שפּראַך. זיין ייִדיש איז ריין פון די סלאַוויזמען פון וועלכע עס ליידן די ייִדיש־שרייבערס פון דרום־רוס־לאַנד; ער האָט אויך פיינט טייטשמעריש. אַז עס פעלט אים אויס אַ וואָרט אין ייִדיש, שאַפט ער עס אַליין אין גייסט פון דער ייִדישער שפּראַך; ער געברויכט „זוך־צעטל" (אַנשטאט „אינהאַלטספאַרצייכעניש"), „אַריינקום" (אַנשטאט „אויפ־טריט"). און אָט איז אַ מוסטער פון דעם ייִדיש, וואָס ער האָט געניצט, איבער־זעצנדיק פראַגמענטן פון תנ"ך: „צו דעם פירזינגער אויף נגינות איין געזאַנגליד:

גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען איבער אונדז און זאָל אונדז בענטשן, ער זאָל באַלייכטן זיין פּנים ביי אונדז, סלה. מען זאָל פאַרשטיין דיין פירעכץ אויף דער ערד און דיין הילף ביי אַלע פעלקער. עס זאָלן דיך לויבן די פעלקער, גאָט, עס זאָלן דיך לויבן די פעלקער אַלע" אאַז"ו, אאַז"ו (איבערזעץ פון תהילים ס"ז, ציטירט לויט ד"ר מאַקס וויינרייכס „עטינגערס כתבים אין צוויי חלקים", II, ז' 550, פאַרלאַג ב. קלעצקין, ווילנע, 1925). פאַרגלייכט עס מיט מענדל לעפינס ייִדיש! אָבער עטינגערן איז באַשערט געווען געבוירן צו ווערן נישט אין דרום־רוסלאַנד, נאָר אין פוילן, איז ער פאַר בעל־מחשבותן געווען נישט מער ווי איינער פון די וואָס איז „באַיינפלוסט געוואָרן" פון דעם פּאָדאָליער אַקסענפעלד.

אין דער אמתן האָט עטינגער אי שפּראַכלעך, אי קינסטלעריש, אי ליטעראַטור־היסטאָריש אַ סך אַ גרעסערן באַטייט ווי אַקסענפעלד. יעדער וואָס איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פון דער ייִדישער דראַמע און דעם ייִדישן טעאַטער אין רוסלאַנד ווייס, וואָס פאַר אַ ווירקונג עס האָט געהאַט אויף זייביידע עטינגער מיט זיין דראַמע „סערקעלע". גאָטלאָבער האָט זיין קאָמעדיע „דאָס דעקטוך" געשריבן מער אונטער דעם איינדרוק פון „סערקעלע"; „סערקעלע" איז די דראַמע, אין וועלכער דער גרינדער פון ייִדישן טעאַטער אברהם גאָלדפאַדען איז צום ערשטן מאָל אויפגעטראָטן. און וואָס איז שייך צו זיינע משלים, לידער און עפּיגראַמען, האָט אַ טייל פון זיי נאָך עד־היום אַ ליטעראַרישן ווערט און מאַקס וויינרייך איז געווען גערעכט, ווען ער האָט אים אָנגערופן „דער עלטערזיידע פון דער ייִדישער ליטעראַטור", אָבער דער דיכטער פון די משלים און „סערקעלע" קומט פון פוילן, נישט פון רוסלאַנד. איז ביי בעל־מחשבותן נישט ער, נאָר דער דרום־רוסישער אַקסענפעלד „דער פאָטער פון דער דראַמאַטישער ליטעראַטור ווי פון ייִדישן טעאַטער".

אַקסענפעלד האָט געהאַט דאָס גליק געבוירן צו ווערן אין דער געבענטשטער אוקראַינע — ווערט אים צוגעשריבן פון בעל־מחשבותן אַ גרויסע ווירקונג נישט נאָר אויפן ייִדישן טעאַטער, נישט נאָר אויף דער ייִדישער דראַמע, נישט נאָר אויף גאָטלאָבערן און אַנדערע, נייערט אויף דעם זיידן פון דער נייער ייִדישער ליטעראַטור, אויף מענדעלע מוכר ספרים אַליין. דאָס טוט בעל־מחשבות אי כדי אָנצוטאָן מער כבוד דעם אוקראַינער אַקסענפעלד, אי צו לאָזן זיך ליטע איבערנעמען מיט איר מייסטער. מענדעלע איז פאַר בעל מחשבותעס טעאָריע געווען אַ שטער. ווערדליק איר אוקראַינאָמאַנישער אויפפאַסונג פון דער ייִדישער שפּראַך־און ליטעראַטור־געשיכטע איז אוקראַינע די היים פון ייִדיש און פון אַלץ וואָס איז אין ייִדיש געשאַפן געוואָרן. האָט אָבער גראָד מענדעלע, וועלכער האָט געמאַכט פון ייִדיש אַ ליטעראַרישע שפּראַך, געלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דער גאַנצער נייער ייִדישער ליטעראַטור — זיך נישט גערעכנט מיט דער טעאָריע, וואָס האָט זיך גענומען און איז געבוירן און אויפגעצויגן געוואָרן אין ליטע. אַזאַ שפּיצל קאָן אָפּטאָן נאָר אַ ליטוואַק. וואָס טוט מען? אויסמעקן פון דער שפּראַך־און ליטעראַטור־געשיכטע מענדעלען — איז אַ שווערע הלכה. מאַכן אים פאַר אויס ליטוואַק איז אויך נישט פון די לייכטע זאַכן. האָט בעל־מחשבות געפונען אַן אַנדערן אויסוועג. ער האָט אים באַשענקט מיט רביים פון דרום־רוסלאַנד. מענדעלע אַליין, הייסט עס, איז טאַקע אַ ליטוואַק, אָבער זיין תורה, זיין ליבע צו

יידיש האָט ער געפונען אין זשיטאָמיר און — „ביי אַקסענפעלדן געפינען מיר אַנ־געמערקט אַ סך טיפן וואָס זיינען געוואָרן נאָך דעם דורכגעפירט ביי מענדעלען״. דאָס איז גראָד ריכטיק. פון וואַנען וויסן מיר עס — אַז מען באַקאַנט זיך מיט אַקסענפעלדס ווערק? „מענדעלע האָט זיי געקענט״ — זאָגט בעל־מחשבות.

סתם אַזוי מאַכן השערות וועגן די „רביים״ פון מענדעלע מוכר ספרים? לייגט זיך מער אויפן שכל אַז איינער פון זיי איז געווען א. מ. דיק. אין די ווערק וואָס ער האָט געשריבן אין די פופציקער און אין אָנהייב זעכציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט זיינען דאָ טיפן, בילדער און שילדערונגען וואָס אַז מ׳באַקענט זיך מיט זיי קאָן גאָר נישט קומען אויפן געדאַנק אַז זיי זיינען געווען אָן אמתער עלעמענט אין מענדעלעס ווערק. איך קאָן דאָ נישט ברענגען דערויף קיין באַווייזן. איך טו עס אינעם בוך „מענדעלע מוכר ספרים״. איך וויל אָבער זאָגן אַז עס איז אין יעדן פאַל דאָ אַ דאָקומענט וועלכער ווייזט, אַז אין קאַפּוליע, אין דעם שטעטל ווו מענדעלע איז געבוירן געוואָרן און האָט פאַרבראַכט אַ טייל פון זיינע יונגע יאָרן, זיינען די ווערק פון אייזיק מאיר דיק געווען זייער גוט באַקאַנט און דאָס איז געווען דאַן, ווען מענדעלע האָט געלעבט אין זיין געבורטשטאָט. דער דאָזי־קער דאָקומענט איז דאָס עדות־זאָגן פון א. י. פּאַפּערנאַ, מענדעלעס אַ בן־עיר. אין זיינע מעמואַרן דערציילט פּאַפּערנאַ אַז דיקס מעשה־ביכלעך פלעגט לייענען אין קאַפּוליע יונגוואַרג אום שבת, „מיט פאַרגעניגן פלעגן זיי הערן עלטערע ווילקענעוודיקע יידענעס, אָבער אויך יידן־לומדים, טאַטעס פון פאַמיליעס... פלעגן זיך גערן צוהערן צו זיי. איינער אַ יונגער חברה־מאַן האָט זיך אַפילו אַטוואַזשעט אַ מאָל פאַרצולייענען „חייציקעל אַליין״ (דיקס אַ באַרימטע מעשה) אין קלויז פאַרן עמוד, ווען קיין עלטערע זיינען דאָרט נישט געווען״... איז פאַראַן אַ מער ענלעכער באַווייז פאַר דער השערה אַז מענדעלע האָט געקענט די ווערק פון ישראל אַק־סענפעלדן?

ווי ווייט בעל־מחשבות איז אין זיין „היסטאָריש־קריטישער שטודיע״ איינ־געגלייבט אין אוקראַינע און ווי ווייט דאָס איז ביי אים אַן איינריידעניש, זעט מען נישט נאָר פון זיין אָפּשאַצן די ווערק און די שפּראַך פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור: אויך אין דער נייער און אין דער נייסטער יידישער ליטעראַטור שעצט ער קיין זאַך נישט אַזוי הויך ווי די, וואָס שטאַמט פון דרום־רוסלאַנד און קיין זאַך איז ער נישט אַזוי מבטל ווי די, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין דער ליטע אָדער אין פוילן. די דריי קלאַסיקערס פון דער נייער יידישער ליטעראַטור — מענדעלע, שלום־עליכם און פּרץ — שטאַמען פון דריי פאַרשיידענע געגנטן; איז דאָס, דאַכט זיך, די בעסטע געלעגנהייט צו כאַראַקטעריזירן דעם כטיל און די אייגנאַרטיקייט פון יעדער פון די דריי הויפט־געגנטן — ליטע, וואָלין און פוילן — וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער שאַפונג פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. ניצט אָבער בעל־מחשבות אויס די געלעגנהייט נישט אויף צו באַווייזן די באַזונדערע אויפ־טוען פון יעדער געגנט, אָדער אויף צו כאַראַקטעריזירן די אייגנאַרטיקייט פון איין געגנט, פון וואָלין, נאָר אויך צו כאַראַקטעריזירן די אייגנאַרטיקייט פון איין גע־גנט, פון וואָלין, נאָר אויף אויסצוטיילן וואָלין, וואָס פון דאָרט קומט שלום עליכם, פון צווישן די אַנדערע געגנטן און צו שטעלן זי העכער פון זיי. בעל־מחשבותן האָט נישט אויסגעמאַכט וואָס דער גרעסטער טייל פון די בעסערע יידישע און

אויך העברעיִשע ליריקערס (אַ חוץ ביאַליקן) קומט פון פוילן און דערהויפּט פון גאַליציע, צווישן זיי אַזעלכע ווי ש. עטינגער, וועלוול זבאַרזשער, י. ל. גאָרדאָן, י. ל. פּרץ, מאָריס ראָזענפעלד, אברהם ליעסין, יהואש, דוד פרישמאַן, אברהם רייזען, יוסף ראָלניק, משה נאַדיר, י. י. שוואַרץ, ז. שניאור, דוד איינהאָרן, משה לייב האַלפּערן, זישע לאַנדוי, ה. לייוויק, מלך ראַוויטש און פיל אַנדערע — נאָר זיי זיינען עפּעס אַ מין צוגאָב צו פרוגן און ביאַליקן פון די עלטערע און צו דוד האָפשטיין און לייב קוויטקאָ און אַשר שוואַרצמאַן פון די יינגערע. די לעצטע דריי זיינען פאַר אים „באמת די ערשטע ליריקער וואָס דאָס ייִדיש פאַרמאָגט".

און דאָס איז אַלץ דערפאַר וואָס זיי זיינען... אוקראַיִנער. פוילן האָט אין דער לעצטער תקופה אַרויסגעגעבן די טאַלאַנטפולסטע ייִדישע פּראָזאַיִקערס (עס איז גענוג צו דערמאָנען די נעמען פון שלום אַש, א. מ. ווייסענבערג, יוסף אָפּאַטאָשו), אָבער „פוילן — פּסקנט אַפּ בעל מחשבות — בליט אָפּ". אַזוי ווי עס וואָלט געווען נייטיק באמת אַז פוילן זאָל „אָפּבליִען", כדי עס זאָלן קאָנען פאַרנעמען זייער פּלאַץ אין דער ייִדישער ליטעראַטור אַ בערגעלסאָן אָדער אַ נסתר. ליטע האָט אַרויסגעגעבן דעם גרינדער פון דער נייער ייִדישער ליטעראַטור, דעם שאַפער פון דעם נייעם ייִדיש לייענער, דעם גרויסן בילדונגס-טוער, עטנאָגראַף און פּאָלקלאָריסט א. מ. דיק און דעם קלאַסיקער און געזעצגעבער פון ייִדיש און דעם ערשטן גרויסן ייִדישן קינסטלער מענדעלע מוכר ספרים; דעם גרעסטן טייל פון די ייִדישע ליריקערס און אַ ריי טאַלאַנטפולע פּראָזאַיִקערס; ליטע האָט געשאַפן דעם בעסטן טייל פון דער העברעיִשער און ייִדישער השכלה-ליטעראַטור, אין ליטע איז געבוירן געוואָרן די ייִדישע און העברעיִשע קריטיק (און אויך דאָס זעלבסטבאַוווסטזיין פון אונדזערע, כמעט אַלע העברעיִשע און ייִדישע קריטיקערס פון א. קאָוונער ביז דעם קאָוונער בעל-מחשבות זיינען ליטוואַקעס), זי האָט אַרויסגעגעבן גרויסע, אויב נישט די גרעסטע אָרגאַניזאַטאָרס פון דער ייִדישער ליטעראַטור און פּרעסע... אָבער מען דאַרף אַוועקמאַכן ליטע מיט דער האַנט כדי עס זאָל בולטער ווערן די ראָלע פון אוקראַיִנע. ווי עס וואָלט באמת אַנגעגאַנגען עפּעס אַ קאָנקורענץ צווישן די פאַרשיידענע געגנטן, אַזוי ווי עס וואָלט באמת געווען נייטיק אויסצופּילפּולן אַז פון אוקראַיִנע זיינען „אַרויס אַלע שאַפנדיקע כוחות פון דער ליטעראַטור", כדי אָפּצושאַצן די אויפטוען און מעלות טובות פון די אוקראַיִנישע שרייבערס...

וואָס עס איז אויפגעטאָן געוואָרן אין איין געגנט און וואָס אין אַן אַנדערער, נישט וואָסערע געגנט עס איז מער יחסנטע — דאָס איז די הויפּטזאַך וואָס מיר דאַרפן וויסן, ווען מיר ווילן מעסטן אונדזער ליטעראַטור פון דעם רעגיאָנעלן שטאַנדפּונקט.

פינפטער טייל

אונדזערע קריטיקערס

1. קריטיקערס יידן און יידישע קריטיקערס

א.

דער חילוק צווישן יִדישע קריטיקערס און קריטיקערס־יִדן איז, פאַרשטייט זיך, אַ טייל פון דעם אונטערשייד וואָס איז בכלל דאָ צווישן יִדישע שרייבערס און שרייבערס־יִדן. אין שייכות צו אָט די ברייטערע צוויי פאַרשיידענע קאַטעגאָריעס געדענקט זיך מיר אַן אינטימער ליטעראַרישער שמועס בעת אַ קבלת־פּנים וואָס דער ניו־יאָרקער י. ל. פּרץ שרייבער־פאַראיין האָט געגעבן פראַנץ ווערפעלן, ווען ער איז געקומען צו־גאַסט קיין אַמעריקע. בעת אָט דער ליטעראַרישער שימחה האָט מען זיך געפירט גאָר אַ ביסל אַנדערש, ווי אויף געווינטלעכע שרייבערישע באַנקעטן. מען האָט זיך נישט באַנוגנט מיט זינגען דעם קרבן הויכע לויב־געזאַנגען. מ'האָט אָנגערירט תוך־פּראַגעס, — פּראָבלעמען פון ליטעראַרישן שאַפן. די וויכטיקסטע פראַגע איז געווען: ווער האָט דאָס גליק אָדער דאָס אומגליק צו רעכענען זיך פאַר אַ יִדישן שרייבער — יעדער שריפטשטעלער, וואָס איז אַ יִד, אָדער נאָר דער וואָס שרייבט יִדיש אָדער העברעיִש?

אויב דער עיקר איז די שפּראַך, איז, אַ שטייגער, ווערפעל אַ דייטשער, נישט קיין יִדישער שרייבער, און עס מאַכט נישט אויס, וואָס ער האָט דערקלערט אַז ער האָט נישט געדאַרפט וואַרטן אויף אַ קאָלומבוס, וואָס זאָל קומען און אַנטדעקן אין אים — פאַר אים אַליין — זיין יִדישקייט. ער מעג זיך טאַקע פילן פאַר אַ יִדן — דאָך געהערט ער נישט צו דער יִדישער, נאָר צו דער דייטשער ליטעראַטור. ער מעג זיך זיין טאַקע גערעכט, ווען ער זאָגט אַז נישט דער „ריינער אַריער" און נישט דער „ריינער יִד" וועט אים מאַכן פאַר אויס יִד, — דאָך געהערט ער צו דעם מין דיכטער יִדן, נישט צו יִדישע דיכטערס. אויב עס איז ריכטיק אַז מ'מוז באַנוצן אַ יִדישע שפּראַך ווען מען וויל זיין אַ יִדישער שריפטשטעלער.

אָבער— אויב אַזוי — לאָמיר זיין אויסגעהאַלטן. אויב אַזוי איז פילאָן דער יִד נישט געווען קיין יִדישער פילאָסאָף. ער האָט געשריבן גריכיש, נישט העברעיִש אָדער אַראַמעיִש. און וואָס עפּעס נאָר פילאָן? עס וועט ווערן אַ ספק אויך וועגן ר' יהודה הלוויס „ספר הכוזרי", וועגן דעם רמב"מס „מורה נבוכים"... און צו וואָס זאָל מען גיין אַזוי ווייט אין דער פאַרגאַנגענהייט? אין אונדזערע טעג האָט ש. דובנאָוו זיין „וועלט־געשיכטע פון יִדישן פאָלק" געשריבן נישט אויף יִדיש און נישט אויף העברעיִש, נאָר אויף רוסיש: געהערט דאָס דאָזיקע מאָנומענטאַלע ווערק

אפשר גאָר דער רוסישער, נישט דער ייִדישער ליטעראַטור? איז גרעצס „געשיכטע פון ייִדן״ אַ דייטשיש, נישט קיין ייִדיש ווערק.

וואָס דאַרפט איר מער: ש. אַנ־סקיס „דיבוק״, וואָס אין איינער אַ דייטשער „געשיכטע פון דער וועלט־ליטעראַטור״ ווערט עס דערמאָנט ווי דער איינציקער מוסטער פון ייִדישן ליטעראַרישן שאַפן אין אונדזער צייט, — אַנ־סקיס „דיבוק״ איז לכתחילה געשריבן געוואָרן אויף רוסיש. אויך זיינע דערציילונגען פון ייִדישן לעבן האָט ש. אַנ־סקי אין אָנהייב געשריבן אויף רוסיש: איז ער געווען דאַן אַ רוסישער אָדער אַ ייִדישער שרייבער?

דאָס זיינען אַלץ ספיקות וואָס לאָזן זיך נישט אָפּפּטרן מיט סתם אַזוי אַ יאָ אָדער אַ ניין. און דאָס איז דערפאַר ווייל עס איז נישט אַזוי לייכט צו ענטפערן אויף דער גרונט־פראַגע, צי מוז אַ ייִד, כדי ער זאָל זיין אַ ייִדישער שרייבער, שרייבן אויף דעם לשון פון זיין פאָלק אָדער ער מעג ניצן די שפּראַך פון אַן אַנדער פאָלק?

ביי אַנדערע אומות און אין אַנדערע ליטעראַטורן איז דאָס נישט קיין פּראָבלעם. קיינעם איז קיין מאָל נישט איינגעפאַלן צו האַלטן, אַ שטייגער, קאָנראַדן פאַר אַ פּוילישן דיכטער דערפאַר, וואָס ער איז געווען אַ פּאָליאַק. געוויינטלעך ווערט אַ שרייבערס נאַציאָנאַליטעט באַשטימט דורך זיין שפּראַך. ניצט ער ענגליש, איז ער אַן ענגלישער (אָדער אַן אַמעריקאַנער) שרייבער. אָבער ביי אונדז איז דאָס נישט אַזוי. און ס'איז נישט קיין טעאָרעטישע פראַגע. טעאָרעטיש און פּראַגראַמאַטיש וואָלטן מיר נישט וועלן זיין קיין אויסנעם. אָבער ס'איז אַ פאַקט — און מיר מוזן זיך רעכענען דערמיט, — אַז אַלע, נישט נאָר ייִדן, קוקן, צום ביישפּיל, אויף איזראַעל זאַנגווילן, ווי אויף אַ ייִדישן שרייבער. און אפשר זיינען מיר נישט אין גאַנצן אַן אויסנעם. נעמט אַ שטייגער אַזאַ שריפטשטעלער ווי ראַבינדראַנאַט טאַגאָר. ווען אַפילו ער זאָל גאָר נישט האָבן געשריבן אויף בענגאַליש נאָר דורכויס ענגליש, וואָלט מען אים פון דעסטוועגן גערעכנט פאַר אַן אינדישן, נישט פאַר קיין ענגלישן שרייבער. איז עס נאָר דערפאַר, ווייל ער שטאַמט פון אינדיע און ווייל ער האָט דאָרט פאַרבראַכט דעם גרעסטן טייל פון זיין לעבן? ניין, די אינטערעסן און די אידייען, וואָס דער שרייבער האָט, מוזן אויך שפּילן אַ ראָלע, ווען עס קומט צו באַשטימען זיין נאַציאָנאַל־קולטורעלן סטאַטוס, פּונקט אַזוי ווי עס איז וויכטיק צו וויסן פאַר וועמען ער שרייבט. דעם שרייבערס אַלגעמיין־קולטורעלע אינטערעסן, מאָטיוון און צילן, פּונקט אַזוי ווי זיין פּובליקום זיינען גאָר באַזונדערס וויכטיק, ווען עס רעדט זיך וועגן שרייבערס — ייִדן. און ווען י. צינבערג האָט זיך אונטערגענומען אויפצושרייבן אַ „געשיכטע פון דער ליטעראַטור ביי ייִדן״, האָט ער, אַזוי ווי אַלע אַנדערע היסטאָריקערס פון דער ליטעראַטור ביי ייִדן, זיך גערעכנט טאַקע מער מיט דעם גייסט און דער ווירקונג פון די ספרים, וואָס זיינען געשריבן געוואָרן פון און פאַר ייִדן, ווי מיט זייער שפּראַך. הייסט עס, אַז „שמע — בכל לשון שאתה שומע״, אַז ס'איז טאַקע אַלץ איינס, אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך איינער שרייבט? אָ, ניין, ס'איז גאָרנישט אַלץ איינס. ס'זיינען דאָ אַ סך וויכטיקע אונטערשיידן צווישן די ייִדן וואָס שרייבן אויף אונדזער אייגענער שפּראַך, און די וואָס שאַפן אויף אַנדערע לשונות. מעגן אי די, אי יענע געהערן צו די שאַפערס פון ליטעראַטור ביי ייִדן, האָבן דאָך די ווערק, וואָס ווערן געשאַפן פאַר ייִדן אויף

דער שפּראַך פון יידן, גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער און אַן אַנדער ווערט ווי יענע ליטעראַטור, וואָס יידן שרייבן אויף אַ ניט־יידישער שפּראַך, אַפילו ווען זיי שרייבן פאַר יידן.

אויסצוגעפינען אַט דעם אונטערשייד איז וויכטיקער ווי צו אַמפּערן זיך וועגן דעם טיטל „יידישער שרייבער". און אויף דעם דערמאָנטן ווערפּפעל־באַנקעט איז אָנגעוויזן געוואָרן, אַז ס'איז דאָ אַזאַ דיפערענץ, און עס איז אַפילו געמאַכט געוואָרן אַ פּרווו צו זאָגן אין וואָס זי באַשטייט.

דער גאַסט פון אָוונט איז געווען שטאַרק פאַראינטערעסירט אין דעם דאָזיקן פּונקט, און ער האָט זיך געאיילט צו דערקלערן, אַז שרייבן אויף אַ נישט־יידישער שפּראַך איז אין דער ליטעראַטור ביי יידן אַן אַלטע, שיִער נישט אַ טראַדיציאָנעלע זאַך. זינט דער עפּאָכע פונעם העלעניזם (גיבן מיר איבער דעם תוך פון ווערפּפעלס רייד) ציִען זיך צוויי שטראָמען אין אונדזער ליטעראַרישן לעבן, אַן אינעווייניקסטער, אַ היימישער, און אַ דרויסנדיקער, אַ פרעמד־שפּראַכיקער אָדער, ווי ווערפּעל האָט זיך אויסגעדריקט, אַ גייסטיק־„קאָלאָניזאַטאָרישער". דער ערשטער פאַרשטאַרקט זיך, ווען מיר טוען זיך אַריין אין אונדזער אייגענער פאָלקס־בויונג, דער צווייטער, — ווען מיר גייען „איינגעמען די וועלט", ריכטיקער, ווען מיר ווערן געצוווּנגען זיך צו שיצן קעגן דער וועלט.ביידע ליטעראַרישע שטראָמען זיינען אומפאַרמיידלעך ביי אַ פאָלק, וואָס האָט אי גייסטיקע צענטערס, אי גייסטיקע קאָלאָניעס. אָבער אויב פראַנץ ווערפּפעל איז געווען גערעכט, ווען ער האָט געזאָגט אַז זיי זיינען ביידע ביי אונדז היסטאָריש פאַרוואָרצלט, האָט ער נישט געטאָרט פאַרגעסן אַז אויך דער אונטערשייד און דער קאַמף צווישן זיי ביידן, דער קאַמף פאַר העגעמאָניע אין יידישן לעבן, איז היסטאָריש און טראַדיציאָנעל.

ער האָט זיך אָנגעהויבן, אָט דער קאַמף, טאַקע אין יענעם מאָמענט, ווען די ערשטע „קאָלאָניע" פון דער יידישער קולטור־„אימפּעריע" — אַלעקסאַנדריע — איז צום ערשטן מאָל געקומען צום וואָרט: די העלעניזירטע יידן האָבן איבער־געזעצט די תורה אויף גריכיש — און געעפנט דערמיט דאָס ערשטע בלאַט אין דער געשיכטע פון ליטעראַטור ביי יידן אויף נישט קיין יידישער שפּראַך. האָבן זיך די יידן אין אַלעקסאַנדריע געפרייט, בעת אין ארץ־ישראל האָבן יידן דאָס באַטראַכט פאַר אַן אומגליק.

קיין אומגליק איז דאָס נישט געווען, אָבער ס'איז געווען דער אָנהייב פון אַ נייעם מין ליטעראַטור ביי יידן, אַ ליטעראַטור אָן אַן אייגענער שפּראַך, אַ ליטע־ראַטור, וואָס איז איבערזעצעריש אַפילו ווען זי איז אָריגינעל, אַ ליטעראַטור פאַר עקספּאָרט, אַ ליטעראַטור וואָס איר הויפּט־מיסיע איז צו זיין מיסיאָנעריש, צו אָנטפלעקן פאַר יידן דאָס ליכט פון דער וועלט און פאַר דער וועלט — גאָטס ליכט, אַ ליטעראַטור, וואָס אויפן גייסטיקן געביט איז זי פּונקט אַזוי פאַרמיטלע־ריש, ווי דער ייד איז עס אָפט געווען אויפן געביט פון עקאָנאָמיק.

איז זיך נישטאָ וואָס צו שעמען דערמיט. פאַרקערט, עס איז דאָ וואָס טייער צו האַלטן אין דער גרויסער ליטעראַרישער אַפּאָלאָגעטיק, אין דער אַפּאָלאָגעטיק, וואָס ציט זיך פון פילאָנען ביז הערמאַן קאָהענען, פון פלאַוויוסן ביז גרעצן און ווייטער. עס זיינען דאָ אוצרות אין דער פרעמד־שפּראַכיקער ליטעראַטור, וואָס עס שאַפן אונדזערע גדולים און גאונים. דאָך איז עס אַ ליטעראַטור וואָס קען

אונדז בשום אופן נישט פאַרבייטן דאָס שאַפן אויף אונדזער אייגענער שפּראַך. אונדזער פרעמד־שפּראַכיקע שאַפונג האָט אמת טאַקע פליגלען, זי הייבט זיך אויף אויף זיי און פליט אַהין, אַהין אין די וואַרעמע לענדער פון דער פאַרגאַנגענהייט און אין די הויכע ספערן פון אַבסטראַקציעס. אָבער אַז ס׳קומט צום נאָענטן לעבן, צום ממשותדיקן לעבן פונעם היינט, אַז עס קומט צום פלייש און בלוט פונעם ייִדישן פאָלק, האָט זי אָפט נישט אויף וואָס זיך אָנצושפּאַרן, אויף וואָס זיך צו האַלטן. זי האָט אַ הימל אָבער נישט קיין ערד. זי וויל ריידן ייִדיש און רעדט אַרמעניש (אָדער גאָר קאַטויליש) ווי עס איז געווען דער פאַל מיט פראַנץ ווערפעל. זי פאַרשטעלט זיך. דאָס רוב גייט זי אָנגעטאָן אין שבת־יום־טובדיקע קליידער. אַפילו דאַן ווען זי רעדט צו אונדז מיטן לאַכעדיקן מויל פון אַ היינע, זינגט זי זמירות לכבוד דער „פּרינצעסן — סאַבבאַט" און דערציילט פון ניסים ונפלאות פון דעם „ראַבאַי פון באַכראַך" און פון אַנדערע וווּנדער־ראַבאַיס, זי איז צו גאַסט ביי דער וועלט, איז זי אָנגעצויגן, אויסגעפּוצט, פּייערלעך; זי איז זעלטן ווען היימיש־אינטים, היימיש־איינפאַך. זי איז נישט אין דער היים, ווי עס איז אונדזער ייִדישע ליטעראַטור. זי גייט „אויפן אייביקן וועג", ווי עס הייסט ווערפעלס אַ טעאַטער־שטיק. די וועגן פון דער צייט, די דערנער־וועגן פון אונדזער אַל־טעגלעכקייט זיינען איר פרעמד. פּרווט זי גיין אויף זיי מוז זי זיך אָנשפּאַרן אויפן שטעקן פון ייִדיש ווי דאָס האָט געטאָן זאַנגוויל אין זיינע „קינדער פון געטאָ", ווי עס טוען אַלע אַנדערע ווען זיי שרייבן וועגן „געטאָ"...

אָט דעם גרויסן און טיפן אונטערשייד צווישן ייִדיש־שרייבערס און די וואָס שרייבן נישט קיין ייִדיש, האָט בילדלעך אויסגעדריקט מענדעלע מוכר ספרים, אין זיין אַריינפיר צו „פישקע דעם קרומען", צו דעם בוך וואָס ער „ברענגט במתנה" זיין פריינד מנשה מרגליותן. מענדעלע פאַרגלייכט זיך אַליין מיט מנשה מרגליותן וועלכער האָט געשריבן דערהויפּט רוסיש און דערהויפּט וועגן דער ייִדישער געשיכטע: „יאָ, מיר ביידע, זאָגט ער, האָבן אָנגעהויבן אונדזער אַרבעט אין דער ליטעראַטור גלייך אין איין צייט, נאָר דאָס מזל אונדזערס איז נישט גלייך. איר זענט דאָרט אַרויף אויבן אין די הויכע פענצטער; איר האַנדלט דאָרט מיט בריליאַנטן און דימענטן פון דער ייִדישער היסטאָריע; איר שטעלט אַרויס די שענסטע צירונג פון אונדזער פאָלק פאַרצייטנס, דאָס בעסטע, דאָס טייערסטע אין זיין לעבן... מיר אָקעגן איז באַשערט געווען זיך אַראָפּצולאָזן אויפן נידעריקן טרעפּל פון ייִדישן לעבן אונטן, אין די קעלערס"...

און אָט דאָס איז דער גרעסטער קאָנטראַסט, צווישן שרייבערס — ייִדן און ייִדישע שרייבערס.

ייִדישע שרייבערס האָבן קיין מורא נישט זיך אַראָפּצולאָזן אויפן „נידעריקן טרעפּל פונעם ייִדישן לעבן", בעת די געוויינטלעכע עובדא פון שרייבער־ייִדן איז אויפצוהייבן זיך אין די הויכע פענצטער און דאָרט „אַרויסשטעלן די שענסטע צירונג פון אונדזער פאָלק פאַרצייטנס"...

ייִדן־שרייבערס אין אַמעריקע זיינען דאָ אַזוינע וואָס כאָטש זיי שרייבן ענג־ליש און זיינען נישט קיין ייִדישע שרייבערס, נאָר שרייבערס־ייִדן שרעקן זיי זיך נישט פאַרן נידעריקסטן טרעפּל פון ייִדישן לעבן אונטן אין די קעלערס, אָבער אַמעריקע איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך, אַ ניי קאַפּיטל אין דער אַלגעמיינער און אויך

אין דער יידישער געשיכטע. אָבער פּאַר אַנדערע לענדער איז דער נאָר־וואָס דערמאָנטער אונטערשייד צווישן יידישע שרייבערס און שרייבערס־יידן זייער כאַראַקטעריסטיש, און זיין וואַריאַנט איז דער חילוק צווישן יידישע קריטיקערס און קריטיקערס־יידן.

ב.

וואָס מיינט: זיי נישט קיין יידישער קריטיקער, נאָר אַ קריטיקער — אַ ייד? די דאָזיקע פראַגע האָב איך זיך געשטעלט מיט אַן ערך אַ פערטל יאָרהונדערט צוריק, ווען עס זיינען כמעט אין איין צייט — געשטאָרבן דריי רוסישע קריטי־קערס, אַלע יידן: דער טעאַטער־קריטיקער א. קוגעל (האָמאָ נאָוואוס), געבוירן 1864, אין מאָזיר, מינסקער גובערניע; י. אייכענוואַלד, ליטעראַטור־קריטיקער, געבוירן אין אָדעס, 1872; י. טוגענהאַלד, קונסט־קריטיקער, געבוירן אין 1883. דער לעצטער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעענעם אָרט אינעם רוסישן קונסט־לעבן ערשט נאָך דער באָלשעוויסטישער איבערקערעניש, און ער געהערט אייגנטלעך צום טיפּ אינטערנאַציאָנאַלע שרייבערס. ער האָט נישט געהאַט און נישט געזוכט קיין וואָרצלען אינעם נאַציאָנאַלן שאַפן פון זיין — אָדער אַן אַנדער פאָלק. ער האָט געשריבן רוסיש, אָבער עס איז נישט געווען צו פילן, אַז ער זאָל צום רוסישן קונסט־שאַפן האָבן אַ נאָענטערע, אַן אינטימערע שייכות, ווי צו דער קונסט פון אַן אַנדער פאָלק. אַנדערש זיינען געווען קוגעל און אייכענוואַלד. זיי האָבן זיך געפלייסט צו זיין — און זיי זיינען געווען — רוסישע קריטיקערס. קוגעל איז יאָרן לאַנג געווען רעדאַקטאָר פון דעם בעסטן רוסישן טעאַטער־זשורנאַל — „טעאַטער אי איסקוסטוואָ", און ער האָט טאַקע געהאַט אַ גרויסע און פּרוכט־באַרע ווירקונג אויפן רוסישן טעאַטער־לעבן. שפּורן פון זיין פּובליציסטישן טאַ־לאַנט און שאַרפע פּונקען פון זיין סאַטירע האָט ער איבערגעלאָזן אויך אין רו־סישן זשורנאַליזם. זיינע צייטונגס־פעליעטאָנען האָבן אין זייער צייט געהאַט אַ געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע און אַ ליטעראַרישע באַדייטונג. עס האָט זיך געפילט אין זיי די פאַראייניקונג פון שאַרפזין און שכל הישר. קוגעל איז, אגב, געווען איינער פון דער גאַנץ קליינער צאָל יידן אין דער רוסישער ליטעראַטור, וואָס האָט געשריבן אַן איינפאַכן, נישט קיין געקרייזלטן, נישט קיין געפּוצטן, רוסיש. יורי אייכענוואַלד האָט שוין גראָד געהאַט אַ שוואַכקייט צו פּוץ און מליצה. אין זיין „צו־גוטן", צו געשליפענעם, צו געצאַצקעטן רוסיש האָט זיך געשפּירט זיין ייִד־זיין. אָבער געוואָלט האָט ער, פאַרקערט, וויזן, אַז ער איז אַן אמתער רוס. און ער האָט באמת ליב געהאַט די רוסישע ליטעראַטור און די רוסישע שפּראַך. די פּע־טערבורגער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפטן האָט נישט אומזיסט באַערט מיט איר הסכמה זיינע „סילועטן פון רוסישע שרייבערס". עס איז אין זיי ערטערווייז צופיל אָנגערעדט, גוזמא איז ביי אייכענוואַלדן, ווי ביי יעדן אַנדערן, די לייבלעכע שוועס־טער פון מליצה. אָבער נישט געקוקט אויף דעם, פילט זיך אין זיינע ליטעראַרישע כאַראַקטעריסטיקעס אַ גרויסע פעיִקייט אַריינצולעבן זיך אין דער וועלט פון יעדן דיכטער, זיך פאַרטיפן אין איר, אויסגעפינען איר ליכט ווי אויך אירע שאָטנס.

י. אייכענוואַלד איז געווען אַ טיפּישער אימפּרעסיאָניסט. זיין הויפּט־ציל איז געווען איבערצוגעבן די אימפּרעסיעס, וואָס ער האָט פון דעם שרייבער, אַרומ־

וועבנדיק זיי מיט די געדאַנקען, די שטימונגען, די געפילן, וואָס יענעמס ווערק האָבן אין אים אַליין אויפגעוועקט. דעם שרייבערס סביבה, זיין גאַנצער קולטור־היסטאָרישער שורש עקסיסטירט נישט פאַר אייכענוואַלדן. דער מיליע־מעטאָד איז אים אין גאַנצן פרעמד. אָבער אין איין זאַך פאָלגט ער דעם פראַנצויזישן קונסט־טעאָרעטיקער — זיין געבאָט אויסצוגעפינען אין יעדן קינסטלער די „פאַקיולטע מעטרעס" — די הויפּט־פעיִקייט. אין יעדן פון זיינע „סילועטן" זוכט אייכענ־וואַלד דעם שרייבערס פינטעלע ייִד. און זיין ציל איז: נישט אַזוי אַ פולע, ווי אַ בולטע כאַראַקטעריסטיק. נישט אַלע, נאָר די הויפּט־שטריכן. וועגן די וויכטיקערע שטריכן אָבער זאָגט ער אונדז אַלץ, וואָס ער האָט צו זאָגן (און ער האָט פיל צו זאָגן). דערביי ווייזט ער אָפט אַרויס אמתע מייסטערשאַפט פון אויסדרוק. אַ רייכע אינטעלעקטועלע קולטור און פיינקייט פון פסיכאָלאָגישן אַנאַליז. זיינע מער גע־לונגענע עסייען זיינען, נישט געקוקט אויף דער צו־גרויסער און צו־שיינער באַ־רייד־עוודיקייט, נישט געקוקט אויף די צו־אָפטע וואָרט־שפּילערייען, מוסטערן פון קריטישער קונסט... אים האָט געפעלט די איינפאַכקייט, די דירעקטקייט און דער שאַרפער טעמפּעראַמענט מיט וועלכע עס האָבן זיך אויסגעצייכנט די טעאַ־טער־קריטיקן פון האָמאָ נאָוואוס (קוגעל), אָבער אויף זיין אייגענעם שטייגער איז ער געווען אַ גייסטרייכער און באַגייסטערטער קריטיקער. ער האָט געהאַט אַ „שיינע האַנטשריפט", בעת קוגעלס כתב איז געווען אַ ריינער. זיי זיינען בכלל געווען צוויי גאָר־פאַרשיידענע שרייבערס. וועגן אַ סך פראַגן זיינען זיי נישט געווען איינשטימיק צווישן זיך. דערהויפּט האָבן זיי זיך סותר געווען אין זייער קוק אויפן טעאַטער. אייכענוואַלד האָט אויך געשריבן אַ מאָל טעאַטער־רעצענזיעס, צום סוף אָבער האָט ער אָנגעהויבן צווייפלען צי איז בכלל דאָ אַזאַ קונסט, ווי טעאַ־טער. ער האָט אָנגעמאַכט אַ גרויסן טומל מיט זיין דערקלערונג, אַז דער אַקטיאָר איז אַן איינפאַכער אימיטאַטאָר, נישט קיין שעפערישע פּערזענלעכקייט. האָמאָ נאָוואוס האָט, פאַרקערט, שטאַרק געגלייבט אין דעם קרעאַטיוון כוח פון טעאַטער־קינסטלער און ער האָט זיין גאַנץ לעבן, קען מען זאָגן, געקעמפט פאַר דעם אַק־טיאָרס זעלבשטענדיקייט...

אָבער איך קלייב זיך דאָ נישט צו געבן אַן אויספירלעכע כאַראַקטעריס־טיק פון אייכענוואַלדס אָדער קוגעלס טעאָריעס. מיך אינטערעסירט דאָ אַן אַנדער פראַגע, אַ מער אַלגעמיינע. מיך אינטערעסירט דער פאַקט, וואָס ייִדן פאַרנעמען אין דער וועלט פון קינסטלערישער קריטיק אַזאַ גרויסן אָרט.

אין דער רוסישער בעלעטריסטיק ווי אויך אין דער רוסישער פּאָעזיע, זיינען ייִדן געווען זייער שוואַך רעפּרעזענטירט. סעמיאָן יושקעוויטש און אָסיפּ דימאָוו זיינען פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה שיִער נישט געווען די איינציקע פּאָפּו־לערע ייִדן אין דער רוסישער שייגער ליטעראַטור. אין דער ליריק איז, אַ חוץ מינסקין, געווען אַמאָל אַנגעזען פרוג, אָבער דאָס איז געווען אין דער איבערגאַנג־צייט, ווען אַפילו אַזאַ נאַיִווער און שוואַכער פּאָעט ווי נאַדסאָן איז געווען באַרימט און באַליבט.

יושקעוויטשעס פּאָפּולאַריטעט האָט זיך געהאַלטן מער אויף זיין אויסטער־לישער, שיִער נישט עקזאָטישער, אָדעסער „ייִדישקייט", ווי אויף זיין טאַלאַנט. דימאָוו האָט געבליצט מיט זיין פעיִקייט איינצוזאַפּן אין זיך מאָדערנע שטימונ־

גען, אויפצוכאַפּן נייע סטיל־פאָרמען. קיין שום קענטיקע שפּורן האָבן ייִדן נישט איבערגעלאָזן אין דער רוסישער דיכטונג. נישט נאָר איז קיין היינע נישט געווען צווישן די רוסישע ייִדן, עס איז נישט געווען אַפילו קיין שניצלער און קיין איז־ראַעל זאַנגוויל. זיי וואָלטן מן־הסתם געקומען — די רוסיש־ייִדישע אַסימילאַציע איז געווען נאָך בערך יונג און די ייִנגערע רוסיש־ייִדישע דיכטערס, אַזוינע ווי ערנבורג, פּאַסטערנאַק, מאַנדלשטאַם אָדער באַבעל האָבן שוין אָנגעהויבן צו האָבן אַ געוויסע ווירקונג אויף דער רוסישער ליטעראַטור. אָבער ביז דער לעצטער צייט האָט דאָס ריין־קינסטלערישע רוסישע וואָרט געהאַט זייער ווינציק — און זייער נישט־איינפלוסרייכע — פאַרשטייערס פון ייִדישן אָפּשטאַם. אַנדערש איז געווען די לאַגע אין דער רוסישער קריטיק. זי איז שוין לאַנג באַרייכערט און באַפּרוכפּערט געוואָרן פון ייִדישע טאַלאַנטן. שוין סוף פאָריקן יאָרהונדערט זיינען אין דער קריטיק און אין דער געשיכטע פון דער רוסישער ליטעראַטור געווען פּראָדוקטיוו אַ סך וויכטיקע וואָרט־פירערס — ייִדן. עס איז גענוג צו דערמאָנען אַזוינע נעמען, ווי פּראָפ׳ ווענגעראָוו, וואָלינסקי, גאָרנפעלד, י. אייכענוואַלד, שפּע־טער שעסטאָוו, גערשענזאָן.

ס. ווענגעראָוו האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די הומאַניסטישע סאָציאַל־עטישע טראַדיציעס פון דער רוסישער קריטיק. א. וואָלינסקי איז געווען דער אָנזאָגער פון די נייע שטרעמונגען, דער ענטוזיאַסט פון סימבאָליזם און איינער פון די וואָס האָבן געהאָלפן איינפירן די עסטעטיש־פילאָסאָפישע אָפּשאַצונג פון קינסטלערישע ווערק. שעסטאָוו האָט געשאַפן אַן אייגנאַרטיקע, שעסטאָווישע, עטיש־פילאָסאָפישע קריטיק. גערשענזאָן האָט געגעבן אויסגעצייכנטע בילדלעכע כאַראַקטעריסטיקעס פון די סלאַוואָ־פילן, פון „גריבאָיעדאָווס מאָסקווע״. א. גאָרנפעלד איז געווען איי־נער פון די פּעיִקסטע פאַרשטייערס פון דער רוסישער פילאָלאָגישער שול (פּאָ־טעבניאַ, וועסעלאָווסקי). וועגן אייכענוואַלדן האָבן מיר שוין פריִער גערעדט ווי וועגן אַ מוסטער פון אימפּרעסיאָניסטישער קריטיק. דאַן זיינען צוגעקומען די ריין־סאָציאָלאָגישע און ספּעציעל מאַרקסיסטישע קריטיקערס — אַזוינע ווי ל. טראָצקי, וו. פריטשע, קראַניכפעלד, לוואָוו־ראָגאַטשאָווסקי, פּ. קאָגאַן, ליובאָוו אַקסעלראָד, פּ. יושקעוויטש און פיל אַנדערע. וויטער, צווישן די פירערס פון דער נייער „פאָרמעלער״ ליטעראַטור־פאָרשונג, וועלכע איז אויסגעוואַקסן דערהויפּט ווי אַ רעאַקציע קעגן דער „פּראָלעטאַריש״־טענדענציעזער קריטיק, זיינען אויך דאָ ייִדן (שקלאָווסקי, זשירמונסקי, יאַקאָבסאָן).

ייִדן האָבן פאַרנומען אַן אָרט אויבן אָן אין דער רוסישער קריטיק. און אויב עס זיינען נישטאָ צווישן זיי אַזוינע גרויסע און פּאָפּולערע נעמען ווי ביעלינסקי, פּיסאַרעוו, דאָבראָליובאָוו, טשערנישעווסקי, מיכאַילאָווסקי, נעמט זיך עס דערפון, וואָס די צייט, ווען ייִדן האָבן אָנגעהויבן זיין שעפעריש אין דער רוסישער ליטע־ראַטור, איז געווען שוין נישט ענלעך אויף יענער עפּאָכע, ווען די „הערשער פון די געדאַנקען״ זיינען געווען די דערמאָנטע רוסישע קריטיקערס. אין יענער עפּאָכע איז קריטיק געווען מער ווי אַ ריין־ליטעראַרישע פונקציע. די קריטיקערס האָבן געשפּילט אַ רוישנדיקע געזעלשאַפטלעכע און אַפילו פּאָליטישע ראָלע. זיי האָבן געטאָן וואָס אין אַנדערע לענדער טוען געוויינטלעך פּאָליטישע קעמפערס. זיי האָבן די קונסט פון וואָרט אויסגענוצט פאַר די צילן פון געזעלשאַפטלעכער און פּאָלי־

טישער אויפקלערונג. די ליטעראַטור האָט אינדירעקט און פאַרשטעלט געמוזט זאָגן, וואָס אין פרייע לענדער האָט מען געקענט לייענען אָפן אין צייטונגס־אַרטיקלען אָדער הערן אין פּאַרלאַמענט, אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען... „נאָר אין ליטעראַטור איז דאָ לעבן" — האָט געשריבן ביעלינסקי. און איינער פון די שפּעטערדיקע קריטיקערס, מיכאַילאָווסקי האָט עס אַזוי ווי פאַרטייטשט: „אין אַנדערע לענדער, האָט ער געשריבן, עקסיסטירן שוין לאַנג אַלערליי אָרגאַניזירטע אופנים ווי אויסצודריקן געדאַנקען און געפילן. די ליטעראַטור איז דאָרט נאָר איינער פון די דאָזיקע אופנים. ביי אונדז, פאַרקערט, איז זי ביז אַהער געווען דאָס איינציקע אויסדרוק־מיטל. עס וועלן, פאַרשטייט זיך, ווייזן זיך אַנדערע מיטלען אויך, אָבער ביז אַהער האָט יעדער, וועלכער האָט געוואָלט און געקענט עפּעס זאָגן הויך אויפן קול, יעדער, וועמען עס האָבן געשטיקט טרערן אָדער געלעכטער, יעדער וועלכער האָט פּונקט אַזוי נישט געקענט שווייגן, ווי אַ טראָגעדיקע פרוי קען נישט ניט האָבן — יעדער איז געגאַנגען אין דער ליטעראַטור. אמת, ער איז געקומען אַהין מיט אַ האַלב־פאַרמאַכטן מויל, וועלכן מען האָט יעדע מינוט געקענט אין גאַנצן צומאַכן. אָבער קיין אַנדער אויסוועג איז דאָך נישט געווען..." און אַזוי ווי די דיכטונג איז אויך די קריטיק — די קריטיק אפשר נאָך מער ווי די דיכטונג — געווען די פירערן פון געזעלשאַפטלעכן געדאַנק, די טריבונע פון פּאָליטישן קעמפער, די בימה פאַר יעדן פריידיקער. איז דאָס געווען די הויפּט־סיבה פאַר וואָס ליטעראַרישע קריטיק האָט פאַרנומען אַמאָל אַזאַ גרויסן אָרט אין דעם רוסישן קולטור־לעבן. שפּעטער איז די לאַגע געוואָרן אַנדערש און טאַקע נישט איינער פון אָט די יידן, וועלכע זיינען סוף 19טן יאָרהונדערט אַריין אין דער רוסישער ליטעראַטור, האָט געהאָלפן ברענגען אָט די ענדערונג. די ליטעראַרישע קריטיק האָט זיך גענומען אָפּטיילן פון געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן קאַמף. דאָס איז נישט פאַרגעקומען מיט אַ מאָל. פלעכאַנאָוו־בעלטאָוו, ווי איינער פון די ערשטע מאַרקסיסטישע קריטיקערס, האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די געזעלשאַפטלעכע און פּובליציסטישע טראַדיציעס פון דער רוסישער קריטיק. ווענגעראָוו האָט אים אויף זיין שטייגער געשטיצט, הגם ער איז נישט געווען קיין מאַרקסיסט. אָבער אַן אַנדערער ייד, וואָלינסקי, איז געווען איינער פון די ערשטע, וועלכע זיינען שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן דער נישט־קינסטלערישער קריטיק. וואָלינסקי האָט דערפילט אַז עס קומט אָן אַ נייע צייט אין דער רוסישער ליטעראַטור, אַ צייט, ווען די קריטיק מוז זיך אָנהייבן שטעלן ריין־ליטעראַרישע אויפגאַבעס. די צייט איז געקומען — און די רוסישע קריטיק איז אָדער נישט געווען שוין מער דאָס איינציקע געווער, אָדער זי האָט אין גאַנצן אויפגעהערט צו זיין אַ קלינגענדיק געווער אינעם געזעלשאַפטלעכן קאַמף. זי איז אַריין אין די טיפע און שטילע וואַסערן פונעם קינסטלערישן לעבן. אָט פאַר וואָס צווישן די נייע קריטיקערס זיינען נישט געווען שוין אַזעלכע „הילכיקע" נעמען ווי די, וועלכע עס האָבן געהאַט די פאַרשטייערס פון דער קריטיק ווען זי איז געווען די וויכטיקסטע קאַמף־אַרענע. אָט פאַר וואָס אויך די יידן־קריטיקערס, וואָס האָבן זיך גענומען מערן אין אָט דעם פּעריאָד, זיינען נישט געוואָרן אַזוי פּאָפּולער, ווי עס זיינען געווען אַמאָל די קריטיקער־קעמפערס. אָבער די ריין־ליטעראַרישע קריטיק איז אויך געווען אַ גרויסע, כאָטש אַ שטילע דערציִונגס־קראַפט — און אין אָט דער קריטיק זיינען רוסישע יידן, ווי מיר האָבן

געזען, רעפּרעזענטירט אין אַ שטאַרקער מאָס... איז עס אַ צופֿאַל? און איז עס אַ צופעליקע זאַך, וואָס ביז דאַן זיינען אין רוסלאַנד געווען מער באַדייטנדיקע יידן־קריטיקערס ווי יידן בעלעטריסטן, יידן־פּאָעטן? ביין. עס איז נישט קיין צופאַל. די עצם־נאַטור פון קריטיק מאַכט, אַז יידן זאָלן זיך קאָנען צו איר צופּאַסן אין אַ פרעמדער ליטעראַטור גיכער און גרינגער ווי צו עפּאָס, ליריק אָדער דראַמע. פּאַר די לעצטע מוז מען זיין טיפער איינגעוואָרצלט אין דעם לעבן פון פאָלק און דערהויפּט אין דעם באָדן פון זיין שפּראַך. מען מוז זי האָבן אין בלוט, כדי צו קאָנען פון איר אַרויסכישופן אַלע אירע בילדלעכע און לירישע מעגלעכקייטן. מען מוז אַליין אין זיך האָבן אַ פונק פון דעם פאָלקס נשמה, כדי צו קאָנען אין איר קינסטלעריש טיף אַריינקוקן, כדי צו קאָנען זי באַלייכטן פון אינעווייניק. מען מוז זיין אַן אַלטער דור־דורותדיקער שותף צו דעם פאָלקס אינעווייניקסטער לעבנס־דערפאַרונג, כדי צו וויסן און פילן, וואָס עס טוט זיך אין אירע אונטערשטע פאַרבאָרגענע שיכטן, נישט נאָר אויפן אויבערפלאַך. מען מוז, הכלל, האָבן אַ שותפותדיקע פאַרגאַנגענהייט מיטן פאָלק אָדער כאָטש זיין מיט אים לאַנג און טיף אַסימילירט, כדי צו קענען אָנטיילנעמען אין זיין ליטעראַטור ווי אַ קינסטלערישער אויסדריקער פון זיין נשמה־לעבן. האָבן עס דאָך אַפילו די דייטשע יידן נישט אַזוי לייכט און נישט אַזוי שנעל דערגרייכט. זיי האָבן געלעבט אין שכנות מיט די דייטשן מער ווי טויזנט יאָר און זיי זיינען קיין מאָל נישט געווען אַזוי אָפּגעטיילט, אַזוי איזאָלירט פון דער אַרומיקער באַפעלקערונג, ווי דאָס זיינען געווען זייערע מיזרח־אייראָפּעיִשע ברידער — און פון דעסטוועגן האָבן אַפילו זיי ערשט סוף פאָריקן יאָרהונדערט (ביי אַ הונדערט יאָר נאָכן אָנהייב פון דער אויפקלערונגס־באַוועגונג אָנגעהויבן אויסצוטיילן פון זיך אין אַ באַדייטנדיקער צאָל וויכטיקע דערציילערס, דראַמאַטיקערס, פּאָעטן. היינריך היינע, וועלכער איז געווען באַרימט שוין אין דער ערשטער העלפט פון פאָריקן יאָרהונדערט, איז געווען אַן אויסנעם, און, אגב, זיינען אַ סך דייטשן ביזן היינטיקן טאָג נאָך נישט זיכער צי ער איז באמת אַ דייטשער און ניט קיין יידישער פּאָעט, וואָס האָט געשריבן דייטש. אָבער אַפילו היינע האָט זיך פונאַנדערגעבליט ערשט נאָך דעם ערשטן פערטל פון ניינצנטן יאָרהונדערט, בעת אין דער דייטשער ליטעראַרישער קריטיק האָט מאָזעס מענדעלסאָן שוין אין אַכצנטן יאָרהונדערט געשפּילט אַ געוויסע ראָלע און אין דער דייטשישער פילאָסאָפישער ליטעראַטור האָט אַפילו שלמה מיימאָן, אַ פּוילישער ייד, וואָס האָט זיך קוים אויסגעלערנט דייטש, פאַרנומען אַ געוויסן אָרט. ובכן, אַפילו אין דייטשלאַנד זיינען יידן פאַר דער גערדאַנקלעכער און קריטישער דייטשער ליטעראַטור געוואָרן „רייף" פריִער ווי פאַר דעם קינסטלערישן שאַפן — היינט וואָס איז דער וווּנדער, וואָס אין דער רוסישער (ווי אויך אין דער פּוילישער) ליטעראַטור האָבן זיך געוויזן פריִער יידן־קריטיקערס, יידן־זשורנאַליסטן און דערנאָך ערשט יידן־פּאָעטן, ראָמאַניסטן, אד"גל?

די באַגראָווס, די אָסיפּ ראַבינאָוויטשעס, די לעוואַנדעס און שפּעטער די בן־עמים און די אַנסקיס זיינען געווען אויסערלעך רוסיפיצירט, אָבער דאָס לעבן פון דער יידישער קהילה איז זיי דאָך געווען נעענטער און נישט אין ערך בעסער באַקאַנט, ווי דער רוסישער פּויער און דער רוסישער פּריץ. האָבן זיי גענומען מאַטעריאַל פאַר זייערע בעלעטריסטישע ווערק פון דער יידישער סביבה, נישט פון

דער רוסישער, און זיי זײַנען אין תוך געווען ייִדישע, נישט קיין רוסישע שרייבערס, כאָטש זיי האָבן זיך געמיט צו שרייבן אַ קאָרעקטן רוסיש. אַנדערש איז געווען די לאַגע פֿון די קריטיקערס. זיי האָבן זיך געקאָנט פֿאַרגינען עכט־רוסישע טעמעס און זיי זײַנען געוואָרן רוסישע שרייבערס. פֿון זיי האָט זיך נישט געפֿאָדערט אַזאַ אינטימע באַקאַנטשאַפֿט מיטן רוסישן לעבן און אַזאַ טיפֿע פֿאַרוואָרצלטקייט, ווי פֿון די, וואָס האָבן געשריבן רוסישע בעלעטריסטיק אָדער רוסישע פּאָעזיע. די קריטיקערס האָבן געדאַרפֿט זײַן נאָר גוטע געניםסערס, פֿיינע אויסטײַטשערס פֿון קינסטלערישן שאַפֿן, אָבער גוט קאָנען לייענען אַ פֿרעמדע ליטעראַטור איז נישט אַזוי שווער, ווי אָנטייל צו נעמען אין דער שאַפֿונג פֿון אירע קינסטלערישע ווערק.

אמת, לייענען איז, ווי מיר ווייסן, נישט קיין פּאַסיווע זאַך. מיר מוזן זײַן גייסטיק אַקטיוו, אויב איר ווילט, שעפֿעריש, ווען מיר לייענען; מיר מוזן קאָנען מיטפֿילן, מיטדענקען, מיטטרוימען מיט דעם דיכטער, אָבער כּדי צו זײַן פֿעיִק דערצו, איז נישט אַבסאָלוט נייטיק אַזאַ אינטימע און אַזאַ טיפֿע שײַכות צו דעם מאַטעריאַל פֿונעם ווערק, ווי דאָן, ווען מען איז אַליין זײַן שאַפֿער.

געוויס, ווען דער עיקר אין אַ קונסטווערק זאָל, ווי אַנדערע מיינען, זײַן דער לעבנס־מאַטעריאַל, וועלכער „שפּיגלט זיך אָפּ" אין דעם, און ווען די אויפֿגאַבע פֿון קריטיק זאָל ממילא באַשטיין אין פֿאַרגלײַכן דעם קינסטלערס ווערק מיט דעם שטאָף, וועלכן ער האָט באַנוצט, און צו זען ווי ווייט ער האָט אים „ריכטיק אָפּ־געשפּיגלט"; ווען דאָס זאָל זײַן אַזוי, וואָלט דער קריטיקער געמוזט שטיין פּונקט אַזוי נאָענט צו דער סביבה, פֿון וואַנען דער קינסטלער נעמט שטאָף פֿאַר זײַן שאַפֿן, ווי דער קינסטלער אַליין. אָבער ווען דאָס זאָל זײַן ריכטיק, וואָלט יעדער לעזער געווען אָנגעוויזן נאָר אויף אַזעלכע קינסטלערישע ווערק, אין וועלכע עס ווערט געמאָלן דאָס לעבן פֿון זײַן קרייז. יעדער לעזער, נישט נאָר דער אַזוי־אָנגערופֿענער קריטיקער, מוז פֿאַרשטיין און פֿילן און ווי געהעריק אָפּשאַצן, וואָס ער לייענט. יעדער לעזער איז פֿאַר זיך אַליין אַ קריטיקער. איז ווען קריטיק זאָל זיך אויסדריקן אין מעסטן אַ קונסטווערק מיט דער מאָס פֿון דעם שטאָף, פֿון וועלכן עס איז געשאַפֿן געוואָרן, וואָלט דער, וואָס איז, אַ שטייגער, באַקאַנט נאָר מיט דער שטאָט, נישט געקאָנט פֿאַרשטיין און אָפּשאַצן בילדער פֿון דאָרפֿס־שטייגער; דער וואָס האָט פֿאַרבראַכט זײַן גאַנצן לעבן אין דער סביבה פֿון זײַן אייגענעם פֿאָלק, פֿון זײַן אייגענעם קלאַס, וואָלט נישט געהאַט קיין צוטריט צו דער ליטעראַטור, וואָס גיט זיך אָפּ מיט דעם לעבן פֿון אַן אַנדער פֿאָלק, פֿון אַן אַנדער קלאַס, און קיינער פֿון אונדז וואָלט נישט געקאָנט לייענען די ווערק וואָס זײַנען געשאַפֿן געוואָרן אין פֿריִערדיקע תּקופֿות. וואָרעם נאָר פֿון ביכער, נישט אויף אַ דירעקטן אופֿן, קאָנען מיר וויסן, ווי מענטשן האָבן געלעבט און ווי זיי האָבן אויסגעזען אין די ביבלישע צייטן אָדער אַפֿילו אין די צייטן פֿון דאַנטע, שעקספּיר, מאָליער, גאָגאָל, מענדעלע מוכר ספֿרים. אין דער אמתן אָבער מוז נאָר דער קינסטלער אַליין האָבן אַ נאָענטע און אַן אינעווייניקסטע קרובֿהשאַפֿט מיט דעם לעבנס־מאַטעריאַל, וועלכן ער באַנוצט. נאָר ער אַליין מוז האָבן פֿאַרזוכט דעם טעם פֿון אָט דעם שטאָף (זאָל זײַן, כאָטש לויט אַנאַלאָגיע, ווי אַ שטייגער, אין היסטאָרישער בעלעטריסטיק). דער לעזער דאַרף עס נישט. דעם לעזער אינטע־רעסירט דער גראַד און דער ווערט פֿון דעם לעבן, וואָס דער קינסטלער אַליין

שאַפט. און אַזוי ווי דער קריטיקער איז פריִער ווי אַלץ און נאָך אַלעמען אַ לעזער, קאָן ער זיין דער געניסער און דער אויסטייטשער פון יעדן סאָרט שאַפונג, אַלץ איינס צי איז דער מאַטעריאַל, פון וועלכן זי איז אויפגעבויט, גענומען פון זיין אייגענער אָדער פון אַ פרעמדער וועלט.

עס איז אמת, אַז די אינטימערע פּרטים וועט ער אין אַ שלום עליכם (אויב ער איז אַ ייִד) באַנעמען טיפער ווי אין אַ טשעכאָוו אָדער אַ מאַרק טוועין; צו דער סביבה־און שטאָף־דערקלערונג וועט ער אין דעם ערשטן פאַל אויך זיין מער מסוגל ווי אין דעם צווייטן. דאָס איז געוויס אַזוי. אָבער דאָס רירט אָן אָדער נאָר די קלענערע שטריכן אָדער די דרויסנדיקע עלעמענטן, נישט דעם תוך און תמצית פונעם קונסטווערק. דער תוך, דער תמצית איז אַלגעמיין־מענטשלעך, מעג ער זיין ווי אייגנאַרטיק נאַציאָנאַל אין זיין פאַרבונג. איז אָט דער תוך אָפן אָדער גרייט זיך צו עפענען פאַר יעדן פעיִקן געניסער, פאַר יעדן קריטיקער, אַלץ איינס פון וואַנען ער שטאַמט. דערפאַר איז מעגלעך געווען, אַז אין דער רוסישער ליטע־ראַטור, ווי אויך אין אַנדערע ליטעראַטורן, זאָלן ייִדן־קריטיקערס זיך ווייזן פריִער און האָבן אַ גרעסערע ווירקונג ווי ייִדן־דיכטערס.

די דאָזיקע ייִדישע קריטיקערס האָבן ניט געקאָנט אפשר אַזוי גוט טרעפן אין דעם נאַציאָנאַלן פינטל פון דער ליטעראַטור, זיי האָבן אפשר ניט געפילט אַזוי טיף אירע היסטאָרישע וואָרצלען (הגם גערשענזאָן, אַ בן הרב, האָט אויפן פיינסטן, אויפן אינטימסטן אופן געמאָלן די סלאַוואָפילישע טראַדיציע פון דער רוסישער ליטעראַטור). דערפאַר אָבער האָבן זיי געהאַט (און האָבן) אַזעלכע מעלות, וואָס קומען דווקא פון זייער שייכות צו ייִדן און וועלכע זיינען גאָר באַזונדערס וויכטיק פאַר דער קונסט פון קריטיק. דער עצם חסרון, וואָס איך האָב נאָר וואָס דערמאָנט — דאָס פעלן פון היסטאָרישער צוגעבונדנקייט — איז פון אַ געוויסן שטאַנדפונקט אַ מעלה אין קריטיק. די וואָס זיינען ניט צוגעבונדן צו קיין שום מסורה, זיינען אויך ניט געבונדן פון איר. זיי האָבן פרייהייט פון גייסטיקער באַוועגונג. זיי שרעקן זיך ניט פאַר נייעסן. זיי האָבן אַ חוש פאַר אַנדערשדיקייט און פאַר פאַרשיידנאַרטיקייט. זיינען טאַקע די ייִדישע קריטיקערס אין אַלע ליטעראַטורן, און אויך אין דער רוסי־שער ליטעראַטור, געווען די פירערס פון נייע ריכטונגען, די זוכערס פון נייע וועגן, די אָנזאָגערס און די נייעס־ברענגער. זיי זיינען אין דער ליטעראַטור און אין קונסט אַזוי ווי אינעם געזעלשאַפטלעכן לעבן, געוואָרן די רו־שטערערס, די וואָס לאָזן ניט איינשלאָפן. מער געניסערס, ווי שאַפערס, — פאַראייניקן זיי אין זיך די פעיִקייט באַגייסטערט צו ווערן מיט דער מידה פון טאָלעראַנץ — אַ פאַראייניקונג, וואָס איז זייער נייטיק פאַרן קריטיקער. אָן וואָרצלען, קענען זיי לייכט אַריבער־טראָגן זייער געצעלט פון איין אָרט אין אַן אַנדערן — גייסטיקע נאָמאַדן קענען זיי באַגייסטערט ווערן היינט פאַר אַזאַ דיכטער, מאָרגן — פאַר אַן אַנדערן. ניט זייענדיק צונויפגעוואָקסן מיט איין ליטעראַטור, קאָנען זיי אויסשפּרייטן זייערע צווייגן איבער פאַרשיידענע ליטעראַטורן — און פאַרבינדן זיי איינע מיט די אַנ־דערע... דאָס ליטעראַרישע לעבן איז ביי יעדן פאָלק אי נאַציאָנאַל, אי אינטער־נאַציאָנאַל. באַצאָלן די ייִדן־קריטיקערס מיט זייער אינטערנאַציאָנאַלער ברייטקייט פאַר דאָס, וואָס זיי בלייבן שולדיק אין נאַציאָנאַלער טיפקייט. אגב איז בטבע קרי־טיק אַ קונסט פון דער ברייט, פון סימפּאַטיע, ניט פון דער טיף, ווו עס תהומט

שמאָל די ליבע — די ליבע, וואָס איז שטאַרק און ענג, ווי דער טויט... די ייִדן האָבן אַ סך פון די מעלות, וואָס זיינען נייטיק פאַר דער פרייער קונסט פון קריטיק, און אויך אַ סך פון די חסרונות, וואָס קומען צוניץ אין דער פרייער און דרייסטער קריטיק פון קונסט.

ייִדן האָבן שאַרפע קעפּ — און קריטיק איז די אינטעלעקטואַליסטישסטע און חריפותדיקסטע פון אַלע קונסטן. אויב עס איז דאָ אַזאַ זאַך ווי ייִדישע קונסט, איז עס די קונסט פון קריטיק, פריִער ווי אַלץ. מיט אָט דער קונסט — מיט דער קונסט צו טייטשן, אויסצוטייטשן און אַריינצוטייטשן, מיט דער קונסט צו קאָמענטירן, אַנאַליזירן, סומירן, פאַרגלייכן, וויכוחן זיך — האָבן מיר מער ווי מיט אַלץ זיך באַשעפטיקט אין אונדזערע ישיבות, אין אונדזערע שאלות ותשובות, אין אונדזער גאַנצער נאָך־ביבלישער ליטעראַטור. נעמט אַראָפּ דאָס ביסל שירים און די תפילות, וועט איר זען אַז אונדזער גאַנצע הלכה־, אגדה־, מוסר־ און השכלה־ליטעראַטור איז... קריטיק.

ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די עמאַנסיפּאַציע און די טויערן פון געטאָ האָבן זיך געעפנט, זיינען די ייִדן וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער ליטעראַטור פון דעם שכנישן פאָלק, צו קיין זאַך ניט געווען אַזוי צוגעגרייט פון דער גאַנצער ביז אַהעריקער ייִדישער טראַדיציע, ווי צו קריטיק. אָט פאַר וואָס ייִדן־קריטיקערס, קריטיקערס פון ליטעראַטור און קריטיקערס פון לעבן (פּובליציסטן, זשורנאַליסטן) — זיינען געווען די ערשטע צו שפּילן אַ ראָלע אין דער ליטעראַטור פונעם אַרומיקן פאָלק, און אויך אין דער רוסישער ליטעראַטור.

און נאָך איין זאַך: עס איז דאָ אַ געוויסע ענלעכקייט צווישן דעם קריטיקער און דעם אַקטיאָר (אויף דער ענלעכקייט האָט שוין אָנגעוויזן אָסקאַר ווײַלד). זיי מוזן ביידע קענען אויסטייטשן פרעמדע שאַפונגען. זיי בויען ביידע זייערע בנינים אויף פונדאַמענטן, וועלכע זיינען געלייגט געוואָרן פון אַנדערע. און אויב ניט יעדער אַקטיאָר איז אַ קריטיקער, האָט יעדער קריטיקער אין זיך עפּעס פון דעם טעאַטער־מענטש. און ווען מען האָט אין זינען, אַז די אַסימילאַציע מוז אויך אָנקומען ביי אירע ערשטע שריט צו געוויסע טעאַטראַלישע פעיִקייטן (מען מוז זיך מאַסקירן, מען מוז באַכמאַכן, מען מוז שפּילן די ראָלע פון אַ גוי, כאָטש מען איז עס נאָך ניט) — פאַרשטייט מען נאָך בעסער פאַר וואָס די ייִדן, ווען זיי הייבן זיך ערשט אָן צו אַסימילירן, גיבן פון זיך אַרויס מער ווי אַלץ טעאַטער־מענטשן און קריטיקערס. דערפאַר זיינען פאַראַן אַזוי פיל קריטיקערס ייִדן, כאָטש זיי זיינען ניט קיין ייִדישע קריטיקערס.

2. שמעון דובנאָוו (1941—1860)
ווי אַ ליטעראַטור־קריטיקער

ש. דובנאָוו האָט זיינע ערשטע שרייבערישע טריט געמאַכט אויף די געביטן פון זשורנאַליזם, פּובליציסטיק און ליטעראַטור־קריטיק. דאָס איז געווען דעם היסטאָריקערס ליטעראַרישע פאָרשול — און זי האָט אים זיכער נישט געשאַדט. זי האָט אים געלערנט ניצן זיין ספּעציעל פאָרשעריש, נישט בלויז זיין אַלגעמיין

ליטעראַריש געצייג. וואָרעם כאָטש נישט פון יעדן זשורנאַליסט אָדער פּובליציסט קאָן אויסוואַקסן אַ פאָרשער פון דער פאַרגאַנגענהייט, זיינען היסטאָריקערס זייער אָפט זשורנאַליסטן. עס איז דאָ עפּעס אַ שותּפותדיקייט אין די גייסטיקע אינטע־רעסן, כאָטש נישט אין די מעטאָדעס פוןביידע מיני שרייבערס. דאָס זיינען, פריער פון אַלץ, סאָציאַל־עטישע אינטערעסן. זייער מקור איז: די דינאַמיק פון געזעל־שאַפטלעכן לעבן, אירע סיבות, אירע רעזולטאַטן און אויך איר זינען.ביים פּובלי־ציסטישן אויסטייטשער פון סאָציאַלע געשעענישן איז מער אַקצענטירט, וואָס עס וואָלט געדאַרפט פּאַרקומען, ביים היסטאָרישן — וואָס ס׳איז פאַרגעקומען, אָבער ביידע האָבן אַ מאָס אויף צו מעסטן פאַקטן און פּאַסירונגען, ביידע האָבן אַ וואָג זיי צו וועגן; ביידע זיינען נישט גלייכגילטיק צו סאָציאַלע ווערטן. די עצם ענינים, מיט וועלכע זיי גיבן זיך אָפּ, זיינען איינע און די זעלביקע. דאָס זיינען ענינים, וואָס אין זיי אַנטפּלעקט זיך אָדער האָט זיך אַנטפּלעקט דער גאַנג פון דער געזעל־שאַפטלעכער אַנטוויקלונג און אירע פירנדיקע כוחות. מיט געוויסע רעזערוואַציעס וואָלט מען געקאָנט זאָגן, אַז זשורנאַליזם איז די געשיכטע פון איצט, בעת געשיכטע איז זשורנאַליזם אויף צוריק.

דער היסטאָריקער איז מער אויסקלייבעריש און ווינציקער פּאַרטייִש ווי דער זשורנאַליסט בנוגע די פאַקטן און געשעענישן וואָס ער זאַמלט, סיסטעמאַטיזירט און באַלייכט. בכלל אָבער באַשעפטיקט זיך סיי דער היסטאָריקער סיי דער וואָס שרייבט וועגן צייטפראַגעס מיט דעם אָפּקליי, מיט דער סיסטעמאַטיזירונג און דער אויסטייטשונג פון געזעלשאַפטלעכע געשעענישן און געזעלשאַפטלעכער אַנט־וויקלונג. ביידע מוזן זיי זיך צו זיין אָביעקטיוו אוןביידן געלינגט עס זייער זעלטן (דעם זשורנאַליסט, פאַרשטייט זיך, זעלטענער ווי דעם היסטאָריקער). דאָס איז ריכטיק וועגן יעדן אויסטייטשער פונעם אַמאָל, נאָר באַזונדער ריכטיק איז עס וועגן זשורנאַליסטן און היסטאָריקערס פון ש. דובנאָווס טיפּ און טעמפּעראַמענט. אין ביידע פאָרמען, סיי אין דער מער פּובליציסטישער, סיי אין דער מער וויסנשאַפט־לעכער פאָרעם, צייכענען זיך היסטאָריקערס פון דעם מין אויס דערמיט וואָס זיי טיילן אויס, שטעלן אַרויס און גלאָריפיצירן אַ געוויסן אמת, אַ געוויסן פּרינציפּ אין דעם גאַנג פון דער געזעלשאַפטלעכער עוואָלוציע; זייער ציל איז, ווען זיי שרייבן געשיכטע, צו לערנען עפּעס פונעם אַמאָל וועגן איצט, נישט נאָר פונעם איצט — וועגן דעם אַמאָל.

עס איז, פאַרשטייט זיך, דאָ אַ גרענעץ צווישן דער פאָרשונג פון איצט אָדער פּובליציסטיק און דער אַנאַליזירונג פון פריער אָדער געשיכטע. אָבער ביי היס־טאָריקערס און פּובליציסטן פון דובנאָווס סטיל און מעטאָד איז עס אַ גרענעץ וואָס ווערט נישט צו שטרענג באַוואַכט, — אַזוי אַז אין אַזאַ ווערק דובנאָווס ווי די „בריוו וועגן דער אַלטער און נייער ייִדישקייט" גייט ער איבער פון געשיכטע צו צייטפראַגעס און פון צייטפראַגעס צו געשיכטע כמעט אין גאַנצן אומגעשטערט.

דאַכט זיך מיר, דעריבער, אַז ש. דובנאָווס פּובליציסטישע און ליטעראַטור־קריטישע זשורנאַליסטיק וואָלט באמת טאַקע געקאָנט באַטראַכט ווערן ווי אַן אַריינפיר צו זיינע שפּעטערדיקע ריין היסטאָרישע פאָרשונגען, און עס וואָלט געווען כדאַי זיך אָפּצושטעלן אויף דעם פּאַראַלעליזם צווישן דעם אידייען־גע־

ראַנגל און דער אידייען־עוואָלוציע פון דעם פובליציסט דובנאָוו און דעם גע־ראַנגל און דער עוואָלוציע פון אידייען אין דובנאָוון דעם היסטאָריקער.

אָבער דאָ אינטערעסירט אונדז נישט אַזוי דער קאָנקרעטער אידייען־פּאַראַ־לעליזם ווי די אַלגעמיינע נאָענטקייט — די נאָענטקייט פון מעטאָד, צוגאַנג און איינשטעל — צווישן דובנאָווס זשורנאַליסטישע און היסטאָרישע אַרבעטן. דער עיקר וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דער גאָר באַזונדערס גרויסער קרובהשאַפט וואָס איז פאַראַן צווישן דובנאָוון דעם היסטאָריקער אָדער פאָרשער פון ליטעראַ־טור און דובנאָוון דעם קריטיקער און פאָרשער פון געשיכטע. יעדער מער אָדער ווינציקער אָביעקטיווער ליטעראַטור־קריטיקער איז אַ פאָרשער, ד״ה אַן אָפּ־קלייבער און אַ סיסטעמאַטיזירער פון פאַקטן און יעדער, אַפילו דער אָביעק־טיווסטער היסטאָריאָגראַף, איז אַ קריטיקער, ד״ה אַ כאַראַקטעריזירער און אַן אָפּשאַצער. סיי אויף דעם ליטעראַריש־קריטישן, סיי אויף דעם היסטאָרישן גע־ביט האָט דובנאָוו זיך געדאַרפט אָפּגעבן מיט דער אויפזאַמלונג, דער סעלעקציע, דעם אַנאַליז און דער אויסטייטשונג פון וואָרט־מאַטעריאַלן. די כוונות און די צילן פון הער אַרבעט זיינען ביי דעם קריטיקער און דעם היסטאָריקער נישט געווען איינע און די זעלביקע: דעם ליטעראַטור־קריטיקער האָבן די וואָרט־דאָקו־מענטן אינטערעסירט דער עיקר ווי אַ קוואַל פון ליטעראַרישן גענוס, דעם היס־טאָריקער — ווי אַ קוואַל פון אינפאָרמאַציע אָדער ווי אַ פאַקטאָר פון היסטאָ־רישער ווירקונג. ביידע האָבן זיי דאָך אָפּעירירט מיט דעם זעלביקן מין מאַטער־יאַלן — ליטעראַרישע דענקמאָלן.

דער קריטיקער דובנאָוו האָט פריִער פאַר אַלץ געדאַרפט זיין אַ לייענער, אויך דובנאָוו דער היסטאָריקער האָט עס געמוזט זיין. אמת, זיין צוגאַנג צו ייִדי־שער געשיכטע האָט אַלץ מער און מער אויפגעהערט צו זיין אַ „טעאָלאָגישער" און אָנגעהויבן צו ווערן סאָציאָלאָגיש. און להיפּוך צו פריִערדיקע ייִדישע היסטאָ־ריקערס, האָט ער געפאָרשט דעם גאַנג פונעם גאַנצן ייִדישן לעבן, נישט בלויז פון ייִדישע ספרים, ייִדישער גייסטיקייט און ייִדישע צרות; דאָך זיינען די הויפּט־קוואַלן, פון וועלכע ער האָט געשעפּט זיינע ידיעות, געווען וואָרט־קוואַלן, ליטע־ראַרישע ווערק, כראָניקעס, פינקסים אד״גל. און דאָס מיינט אַז סיי ווי אַ קרי־טיקער, סיי ווי אַ היסטאָריקער האָט ער זיך געמוזט אָפּגעבן מיט אַנאַליזן פון שפּראַכפּראָדוקטן. און דער אמת איז, אַז ער האָט טיילווייז אָנגעווענדט ליטעראַ־טור־קריטישע און ביבליאָגראַפישע מעטאָדעס אין זיינע היסטאָרישע פאָרשונגען. זיין „געשיכטע פון חסידיזם" איז פריִער ווי אַלץ אַ קאַפּיטל ליטעראַטור־קריטיק און ליטעראַטור־געשיכטע, פונקט אַזוי ווי איין טייל פון זיינע ליטעראַטור־קרי־טישע און ליטעראַטור־היסטאָרישע אַרבעטן ווי אַ שטייגער אין זיין „אַלגעמיינער בליק אויף דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור" (1886) האָט ער גענוצט און געמוזט ניצן היסטאָריאָגראַפישע פאָרשמעטאָדעס.

טייל פון זיינע סאַמע ערשטע אַרבעטן רירן אָן טעמעס וואָס שטייען אויפן גרענעץ צווישן ליטעראַטור־געשיכטע און געשיכטע בכלל. אַזוינע אַרבעטן אַ שטייגער ווי Несколько моментов из Истории развития еврей-
פונעם אַנטיוויקלונגס־געשיכטע דער אין מאָמענטן עטלעכע) ской мысли.

ייִדישן געדאַנק) אין „רוסקי יעווריי“, 1881, אָדער Религиозные поверия еврейского народа. („רעליגיעזע גלייבונגען פונעם ייִדישן פֿאָלק“) אין „וואָסכאָד“, 1885 — 1886.*) ס׳לעצטע איז אַגב געווען אַן אַרבעט ווו אין דער פֿאָרשונג פונעם ייִדישן פֿאָלקלאָר זײַנען צום ערשטן מאָל אָנגעווענדט געוואָרן די עוואָלוציע־טעאָריעס פון ספענסער, טיילאָר און לאָבאָק. דובנאָוו איז געווען שטאָלץ מיט דער דאָזיקער יוגנט־אַרבעט זײַנער און ער שרײַבט טאַקע אין זײַן אויטאָביאָגראַפֿיע אַז ער וואָלט איצט נאָך דערלויבט זי איבערצודרוקן מיט די נייטיקע אויסבעסערונגען („קניגאַ זשיזני“ I, ז׳ 181). איך דערמאָן עס דערפֿאַר, ווײַל דאָס ווײַזט אַז איינע פון זײַנע ערשטע, מער אָדער ווינציקער זעלבשטענדיקע וויסנשאַפֿטלעכע אַרבעטן האָט געהאַט צו טאָן מיטן ייִדישן פֿאָלקלאָר וואָס איז וויכטיק פֿאַר דער געשיכטע — אין יעדן פֿאַל פֿאַר דער פֿאָרגעשיכטע — פון דער ליטעראַטור ביי ייִדן.

דאָ וועלן מיר זיך אָפּשטעלן דערהויפּט אויף יענעם טייל פון דער ירושה וואָס ער האָט איבערגעלאָזן דער געשיכטע און דער קריטיק פון דער ליטעראַטור אויף ייִדיש.

דאָס איז אַ ירושה וואָס איז אָנגעזאַמלט געוואָרן דערהויפּט אין די 80ער און 90ער יאָרן פון פֿריִערדיקן יאָרהונדערט. אין די שפּעטערדיקע יאָרן האָט דובנאָוו זיך זייער זעלטן אומגעקערט צו דער פונקציע פון אַ ייִדישן ליטעראַטור־קריטיקער, — דער פונקציע וואָס ער האָט (אונטערן פּסעוודאָנים „קריטיקוס“) אויסגעפּירט אין די ערשטע אָנדערטהאַלבן צענדלינג יאָר פון זײַן ליטעראַרישן שאַפֿן. ווען־נישט־ווען פלעגט ער אויך אין די שפּעטערדיקע „ריין היסטאָרישע“ יאָרן אָפּשפּאָרן צייט אויף זאַכן וואָס זײַנען וויכטיק פֿאַר דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור און ליטעראַטור־קריטיק. ער פלעגט שרײַבן ליטעראַרישע זיכרונות. דעם תמצית פון די דאָזיקע זיכרונות האָט ער איבערגעגעבן אין זײַן דריי־בענדיקער אויטאָביאָגראַפֿיע אויף רוסיש. אויף ייִדיש האָט ער אַ טייל פון זײַנע ליטעראַרישע מעמואַרן — דערהויפּט די וואָס זײַנען שייך צו דער ייִדיש־ליטעראַטור — אויפגעזאַמלט אין זײַן בוך: פון זשאַרגאָן צו ייִדיש (ווילנער פֿאַרלאַג פון ב. קלעצקין, 1929, 177 זז׳). אין דעם דאָזיקן בוך גייען אַריין: 1) כאַראַקטעריסטיקעס פון יענע ייִדיש־שרײַבערס וואָס זײַנען געווען זײַנע צייט־חברים און וואָס ער איז פּערזענלעך געווען מיט זיי באַפֿרײַנדט (מענדעלע מוכר־ספֿרים, יעקב דינעזאָן, שלום־עליכם, מרדכי ספּעקטאָר, ש. פרוג און 2) זײַנע זיכרונות וועגן זיי ווי אויך זייערע בריוו צו אים.

דאָס זײַנען מאַטעריאַלן און דאָקומענטן וואָס האָבן אַ גרויסע באַדײַטונג פֿאַר דער געשיכטע פון דער ייִדישער ליטעראַטור און ליטעראַטור־קריטיק סוף 19טן און אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט. פון די דאַטעס מיט פֿאַקטן וואָס געפֿינען זיך אין דעם בוך קאָן מען, די ערשטע זאַך, זען די ראָלע וואָס ש. דובנאָוו אַליין האָט

*) אין נאָוועמבער־נומער 1885, זז׳ 43—63; אין דעצעמבער־נומער 1885; זז׳ 87—102; אין יאַנואַר־נומער 1886, זז׳ 113—133; אין פעברואַר־נומער 1886, זז׳ 58—73. דובנאָוו האָט דאָרטן זיך אונטערגעשריבן מיט זײַן פּסעוודאָנים מ. מסטיסלאַווסקי.

געשפּילט אין דעם דאָזיקן פּעריאָד ווי איינער פון די ערשטע יידישע ליטעראַטור־קריטיקערס.

ער איז געווען איינער פון די וואָס האָבן געהאָלפן אַנטוויקלען דעם יידישן ליטעראַטור־ און שפּראַך־באַוווסטזיין, געהאָלפן דער יידישער ליטעראַטור פאַרנעמען דאָס וואָס זי האָט פאַרנומען אין דעם יידישן קולטור־לעבן, געהאָלפן דער יידישער שפּראַך דורכמאַכן דעם איבערגאַנג — פון זשאַרגאָן צו יידיש.*)

דאָס לעצטע איז געווען אי אַ רעזולטאַט אי אַ פאַקטאָר פון דעם היסטאָרישן פּראָצעס וואָס האָט געפירט צו דער דערהייבונג און דעם וווקס פון אונדזער שעפערישן וואָרט. יידיש וואָלט געבליבן זשאַרגאָן, ווען עס זאָל נישט האָבן געוואָרן דער אינסטרומענט פון ווערטפולע ליטעראַרישע שאַפונגען, און פון דער אַנדערער זייט וואָלטן אָט די ווערטפולע ליטעראַרישע שאַפונגען נישט מעגלעך געוואָרן, ווען יידיש זאָל אינעם באַוווסטזיין פון דער גאַנצער יידישער אינטעליגענציע בלייבן אַ זשאַרגאָן. די דאָזיקע ביידע דערגרייכונגען זיינען איינע מיט דער אַנדערער פאַרבונדן, זיי האָבן איינע אויף דער צווייטער קעגנזייטיק משפּיע געווען. און ש. דובנאָוו האָט אין זיי ביידן אַ חלק. ווי ער אַליין דערציילט, האָט ער זוכה געווען „איבערצולעבן דעם היסטאָרישן פּראָצעס", וואָס אַ דאַנק אים „איז די יידישע פאָלקשפּראַך אַרויס פון פאַרוואָרפענעם ווינקל אין אונדזער ליטעראַטור און האָט פאַרנומען אין איר אַן אָרט אויבן אָן".**) דעם דאָזיקן היסטאָרישן פּראָצעס האָט דער היסטאָריקער נישט בלויז איבערגעלעבט, ער האָט אין אים גענומען אַן אַנטייל. ער האָט געהאָלפן יידיש אויפהערן צו זיין (אינעם באַוווסטזיין פון זיין דור אינטעליגענציע) אַ „זשאַרגאָן"; די שרייבערס, וואָס יידיש איז געווען זייער הויפּטמעדיום, האָט ער געהאָלפן קריגן מער צוטרוי צו זיך אַליין און ממילא אויך צו דערגרייכן בעסערע רעזולטאַטן. ער האָט אויף רוסיש געטאָן וואָס ראַבניצקי, י. י. לערנער און אַנדערע האָבן געטאָן אויף יידיש: צוגעגרייט דעם באָדן פאַר דעם אָרגאַן פון דעם יידיש־ליטעראַרישן זעלבסטבאַוווסטזיין — פאַר דער יידישער ליטעראַטור־קריטיק.

שוין אין יאָר 1881, אין נומער 35 פון דעם פּעטערבורגער רוסיש־יידישן וואָכנבלאַט „דאַזסוויעט", האָט דובנאָוו געשריבן אַן אַנאָנימען אַרטיקל, וואָס דער נאָמען זיינער סומירט שוין דעם אינהאַלט. דער נאָמען פונעם אַרטיקל איז געווען: „אַ יידישע צייטונג פאַרן פאָלק". מען האָט דעמאָלט נאָך ערשט געדאַרפט באַווייזן, אַז אַ צייטונג אויף יידיש איז וויכטיק — אויב נישט פאַר אַלעמען, איז ווינציקסטנס פאַרן פאָלק. דובנאָוו אַליין האָט זיך נאָך גענייטיקט אין אַזוינע באַווייזן. ער איז אַליין געווען איינער פון יענע וואָס האָבן געקוקט אויף זשאַרגאָן און זיין ליטעראַטור פון אויבן אַראָפּ ***), דאָך האָט ער איינגעזען אַז מיט העברעיש און מיט דער לאַנדשפּראַך אַליין קאָנען יידן זיך בשום אופן נישט באַנוגענען. מען מוז שרייבן אויך אויף יידיש. אין דעם „אויך" איז נאָך געלעגן היפּש משכילישער ביטול, אָבער דאָס איז געווען שוין אַ טריט פאָרויס אויפן וועג „פון זשאַרגאָן

* ש. ניגער, „ש. דובנאָוו און די יידישע ליטעראַטור", דער טאָג (ניו־יאָרק), 28סטן סעפּטעמבער 1930.

**) פון זשאַרגאָן צו יידיש, ווילנע, 1929, ז' 9.

***) דאָרטן, ז' 11.

צו ייִדיש". אַנדערע זיינען נאָך נישט גרייט געווען צו מאַכן אַט דעם נישט גאָר דרייסטן טריט. דובנאָוו האָט זיי געלערנט און געהאָלפן אים מאַכן. אין זיין אַר־טיקל האָט ער „באַוויזן, וואָס פאַר אַ מעכטיקע בילדונגסקראַפט עס ליגט אין אַ לעבעדיקער שפּראַך פאַר מיליאָנען ייִדן און וואָס פאַר אַ גרויסן פעלער עס האָבן געמאַכט אונדזערע משכילים וועלכע האָבן ביז אַהער מבטל געווען די דאָזיקע קראַפט, אָדער באַנוצט זשאַרגאָן אין ליטעראַטור נאָר צו צוועקן פון בדחנות אָדער נאַרישע מעשהלעך *).

אמת, עס זיינען פריִער שוין געווען משכילים וואָס האָבן געוווּסט צו שאַצן די „מעכטיקע בילדונגסקראַפט" און אויך די שעפערישע קראַפט וואָס ליגט אין דער לעבעדיקער פאָלקשפּראַך. עס זיינען געווען אַקסנפעלד און עטינגער, מענדל לעפין און יעקב־שמואל ביק, א. ב. גאָטלאָבער און אליעזר צווייפל, א. מ. דיק און אַלעקסאַנדער צעדערבוים, מענדעלע מוכר־ספרים און י. י. לינעצקי, שוין נישט גערעדט וועגן אַזאַ באַוווּסטזיניקן און קעמפערישן ייִדישיסט ווי עס איז געווען יהושע ליפשיץ. אָבער זיי אַלע זיינען סוף־כל־סוף געווען אויסנאַמען; דערצו זיינען זיי ס'רוב געווען פאָרשטייערס פון דער העברעיִשער און דער ייִדישער, נישט פון דער רוסיש־ייִדישער ליטעראַטור. די רוסיש־ייִדישע שרייבערס זיינען אַלע כמעט געווען קעגן „זשאַרגאָן", זיי האָבן אים פאַראַכט. „מיר, דער קרייז פון „וואָסכאָד", האָבן זיך גערעכנט פאַר מיוחסים און האָבן געקוקט פון אויבן אַראָפּ אויף די העברעיִסטישע מליצים, די „בטלנים", פון איין זייט, און אויף די זשאַר־גאָנישע 'לערבײַנגלעך' — פון דער אַנדערער" **). צו העברעיִש האָבן זיי דאָך אַרויס־געוויזן אַ שטיקל אינטערעס, ייִדיש האָבן זיי אין גאַנצן איגנאָרירט. און אַפילו נאָך דעם ווי קריטיקוס האָט זיין באַציִונג צו ייִדיש געביטן, איז אַזאַ טיפּישער פאָרשטייער פון דער דעמאָלטיקער רוסיש־ייִדישער אינטעליגענציע ווי אַדאָלף לאַנדוי, דער רעדאַקטאָר פון „וואָסכאָד", געבליבן ביי זיין סנאָביזם. „איך האַלט, — האָט ער געשריבן אין אַ בריוו צו זיין מיטאַרבעטער, — אַז מיר שמועסן שוין צו פיל וועגן זשאַרגאָנישער ליטעראַטור וואָס זי איז בכלל, אַזוי ווי די הײַנטיקע העברעיִשע ליטעראַטור, מיט עטלעכע אויסנעמען, קיין גראָשן נישט ווערט. אַט די אַלע מחברים און מחברימלעך זיינען דאָך אומגעבילדעטע מענטשן, און ווען מען וואָלט גענומען איבערזעצן זייערע שרייבעכצן אויף אַן אייראָפּעיִשער שפּראַך, וואָלטן זיי נישט דערוואַרט צו זען זייערס אַ געדרוקט וואָרט. צו פיל כבוד פאַר זיי, מיר זאָלן זיך מיט זיי אַזוי פיל באַשעפטיקן" ***). פאַר אַט די סנאָבן אָדער „יחסנים", ווי דובנאָוו האָט זיי גערופן, זיינען זיינע אַרויסטרעטונגען געווען אַ נייעס און — אַן אויפטו. אָבער נישט נאָר פאַר זיי אַליין. מיט זיין אַרטיקל האָט דובנאָוו דערמוטיקט אַל' צעדערבוימען, דעם רעדאַקטאָר פונעם „המליץ" און דעם פריִערדיקן אַרויסגעבער פונעם ייִדישן „קול מבשר". צעדערבוים האָט אין האַרבסט 1881 אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן „דאָס יודישע פאָלקסבלאַט". דובנאָוו אַליין האָט אין „פאָלקסבלאַט" נישט מיטגעאַרבעט, ער איז געווען דערהויפּט אַ שרייבער

---

*) דאָרטן, ז' 12.

**) דאָרטן, זז' 17—18.

***) דאָרטן, ז' 21.

פאַר דער אינטעליגענציע, נישט פאַרן פאָלק. ער האָט אָבער געהאַט אַ גוטע ווירקונג אויף יענע וואָס האָבן דאָרטן יאָ געשריבן.

ער האָט, אמת, אַליין נאָך נישט געהאַט קיין גאָר פעסטע מיינונג וועגן ייִדיש ווי וועגן אַ ליטעראַטור־שפּראַך. ער האָט זיך נאָך געקווענקלט. אַזוי שפּעט ווי אין 1886 האָט ער זיין רעצענזיע אויף י. ל. גאָרדאָנס „שיחת חולין — לידער אין דער פאָלקס שפּראַכע" אין וואָסכאָד, אָנגעהויבן מיט די ווערטער:

דעם אמת געזאָגט, זיינען מיר נישט אָן אַ פאָראורטייל צוגעטראָטן צו לייענען אָט דאָס קליינע ביכל וואָס האָט די חתימה פון אַ שרייבער מיט אַזאַ חשובן נאָמען אין דער ייִדישער ליטעראַטור. אונדזער פאָראורטייל האָט זיך באַצויגן בלויז צו דער פאָרעם פונעם נייעם פאָעטישן ווערק, פּינקטלעכער געזאָגט — צו זיין שפּראַך. די רעכט פונעם ייִדישן זשאַרגאָן אויף ליטעראַרישקייט און בפרט אויף דיכטערישקייט זיינען געווען ספקדיקע. איידער אַ שפּראַך ווערט אַ ליטעראַטור־שפּראַך, דאַרף זי קודם־כל זיין אַ שפּראַך, ד״ה האָבן אַ פעסט־איינגעשטעלטע גראַמאַטיק און פּראָזאָלאָגיע, וועלכע זאָלן נישט אַרויסרופן קיין חילוקי־דעות. זשאַרגאָן באַפרידיקט נישט אָט די פאָדערונגען. די זשאַרגאָנישע רייד האָבן אין זיך עפּעס אומגעלומפּערטס און לעכערלעכס און זיינען צוגעפּאַסט צו זייער אַ באַגרענעצטן קרייז באַגריפן *).

דובנאָוו האָט נאָך נישט געהאַט זיין שפּעטערדיקן קוק אויף ייִדיש ווי אויף אַ שפּראַך, אָבער די ליטעראַטור אויף ייִדיש האָט אים שוין אָנגעהויבן צו אינטערעסירן, און אין זיין מאָנאַטלעכער „ליטעראַרישער כראָניק" („ליטעראַטורנאַיאַ ליעטאָפּיס") אין „וואָסכאָד" האָט ער ביסלעכוויז אָנגעהויבן צו רעצענזירן אויך „זשאַרגאָנישע" ביכער און זאַמלביכער. דאָס איז פון דובנאָווס זייט געווען אַ טריט אויפן וועג צו דער גלייכבאַרעכטיקונג פון אַלע דריי שפּראַכן (דער לאַנדשפּראַך, העברעיִש און ייִדיש) — דער גלייכבאַרעכטיקונג, פאַר וועלכער ער האָט אַזוי ענערגיש זיך איינגעשטעלט אין די שפּעטערדיקע יאָרן. דערווייל האָט ער, ווי געזאָגט, נאָך אַליך געהאַלטן העברעיִש און די לאַנדשפּראַך פאַר די צוויי יחסנים. אָבער דער עצם פאַקט וואָס ער האָט גענומען „רייניקן די שטאַלן פון דער ייִדישער ליטעראַטור און (באַנוצנדיק זיין אייגענעם אויסדרוק) זוכן „דימענטן אין אירע קופּעס מיסט", — אָט דער עצם פאַקט האָט באַוויזן, אַז ער איז גרייט געווען אַריינצונעמען דאָס ייִדישע שטיפקינד אין דער מישפּחה אַריין און עס אַוועקזעצןביים טיש — זאָל זיין ביים ברעג טיש.

די יונגע ייִדישע ליטעראַטור האָט זיך געפילט דערמאָלט זייער עלנט, און דער וואָרעמער בליק פון קריטיקוס, דעם קריטיקער פון „וואָסכאָד", דעם הויפּט־אָרגאַן פון דער רוסיש־ייִדישער אינטעליגענציע — איז פאַר אירע יונגע חסידים און רביים געווען ממש אַ דערקוויקונג. ווינציקסטנס צוויי פון זיי, מרדכי ספּעקטאָר און שלום־עליכם, האָבן עס אַליין דערציילט: ספּעקטאָר אין זיינעם „אַ קאַפּיטל זכרונות" און שלום־עליכם אין זיינע בריוו צו י. ח. ראַבניצקין און ש. דובנאָוון.

ספּעקטאָר האָט אָט וואָס דערציילט אין זיינע זכרונות וועגן שלום־עליכמען:

...און מיר ביידע יונגע שריפטשטעלער (שלום־עליכם און ער) האָבן דער־

---

*) „וואָסכאָד", פעברואַר, 1886, ז' 26.

פּילט אויף זיך פליגלען און מיר זיינען געפלויגן אין הימל אַריין און (האָבן) גע־בויט נייע וועלטן. איין זאַך פּלעגט אונדז אָבער אַלע מאָל אַראָפּוואַרפן פון אונ־דזער הויכקייט און צעשמעטערן די נייע וועלטן, וואָס מיר האָבן אין אונדזערע יונגע פאַנטאַזיעס געבויט. **מען האָט נישט געוואָלט אָנערקענען נישט אונדזער שרייבן און נישט אונדזער ליטעראַטור בכלל.** די יידישע לעזער האָבן אונדז געלעזן מיט גרויס חשק... נאָר אונדזערע חברים, די העברעיִשע און די יידיש־רוסישע שריפטשטעלערס אינאיינעם מיט דער יידישער אינטעליגענץ האָבן נישט געוואָלט אָנערקענען די יידישע ליטעראַטור און (די) שריפטשטעלערס וואָס האָבן געשריבן יידיש *)... דערהויפּט האָט פון דער שינאה צו יידיש געליטן דער יונגער שלום־עליכם... וועגן יעדן נייַ ביכל, וואָס איז געדרוקט אויף העברעיִש אָדער רוסיש, שרייבן די צייטונגען און זשורנאַלן רעצענזיעס און „קריטיקעס" — און וועגן אונדז דערמאָנט קיינער קיין וואָרט: גוטס אָדער שלעכטס. פּשוט שרייב זיך אָפּ די פינגער — העלפט נישט **).

און שלום־עליכם האָט אין אַ בריוו געבעטן ספּעקטאָרן, ער זאָל נעמען זיינס אַ ביכל, אַריינטראָגן עס צו לאַנדוין, דעם דעמאָלטיקן רעדאַקטאָר פון „וואָסכאָד" — און מאָנען אַ רעצענזיע. ספּעקטאָר האָט עס געטאָן. עס האָט נישט געהאָלפן. „זשאַרגאָן איז נישט קיין ליטעראַטור, — האָט אים לאַנדוי געענטפערט, — דעריי־בער קאָן איך קיין רעצענזיעס נישט געבן אין מיין זשורנאַל" ***). ספּעקטאָר האָט זיך הייס איינגעשטעלט פאַר יידיש, אָבער דער רעדאַקטאָר פון „וואָסכאָד" האָט זיך נישט געלאָזט איבעררעדן. ער איז וויכער געוואָרן נאָר דעמאָלט, ווען ספּעק־טאָר האָט אים געוויזן שלום־עליכמס אַ בריוו צו אים. „לייענען שלום־עליכמס בריוו, דערציילט ספּעקטאָר, און נישט לאַכן איז געווען אַן אוממעגלעכע זאַך, און דער שטאָלצער „מוראדיקער" רעדאַקטאָר האָט זיך צעלאַכט און מיט אַ שמייכל געזאָגט: „לאָזט איבער, זייט מוחל, אייערע ביכלעך, מיר וועלן זען" ****).

אין אַ קורצער צייט אַרום (דאָס איז געווען אין יולי־אויגוסט 1887) איז אין „וואָסכאָד" פאַרעפנטלעכט געוואָרן דובנאָווס רעצענזיע וועגן שלום־עליכמס „דאָס מעסערל" — וועגן אָט דעם „דימענט" וואָס קריטיקוס האָט אָפּגעזוכט אין אַ קופּע „מיסט", וועגן „אָט דעם לעבעדיקן גראָשן אין אַן אָרעמאַנס טאָרבע".

עפּעס אַ פריש ווינטעלע — לייענען מיר אין דובנאָווס שפּעטערדיקע זכרו־נות, — האָט אויף מיר אַ בלאָז געטאָן פון אָט די עטלעכע בלעטלעך — פון דער טרויעריקער קינדער־מעשה, וואָס איז געווען לעבעדיק, הומאָריסטיש געשריבן.

נישט אַזאַ שטאַרקן רושם האָט ספּעקטאָר געמאַכט אויף קריטיקוסן, אָבער ער האָט באַגריסט ספּעקטאָרס ערשטע טריט אין דער יידישער ליטעראַטור. שלום־עליכם איז געווען אַזוי גליקלעך אַז ער האָט גראַטולירט ספּעקטאָרן מיט אַ טע־לעגראַם, ווו עס איז געשטאַנען, אַז „די יידישע ליטעראַטור האָט סוף־כל־סוף מנצח געווען".

---

*) צום אָנדענק פון שלום־עליכם, זאַמלונג, רעדאַקטירט פון י. צינבערג און ש. ביגער, פּעטראָגראַד, 1917, ז' 34.

**) דאָרטן, ז' 35.

***) דאָרטן, ז' 36.

****) דאָרטן, גופא.

ווי גרויס שלום-עליכמס פרייד איז געווען קאָן מען זען פון דעם אויטאָ־ביאָגראַפישן בריוו צו י. ח. ראַבניצקין, דאַטירט חוה"מ סוכות, תרס"ד (1903):

ויהי היום, איך לייען דעם „וואָסכאָד", טרעף איך אַן איבערבליק איבער ליטעראַטור פון קריטיקוס (דובנאָוו) וועגן פאַרשיידענע שמאַטעס ובתוכם מיין „מעסערל". מיט אַ שרעקלעך האַרצקלאַפּעניש האָב איך איבערגעלייענט די עט־לעכע וואַרעמע שורות פון דעם קריטיקוס, וואָס לויבט דאָס „מעסערל" מיינס און זאָגט נביאות, אַז דער יונגער מחבר פון דעם „מעסערל" וויזט אויס אַ טאַלאַנט צו זיין און ער וועט נאָך אַ מאָל געבן גוטע זאַכן פאַר אונדזער אָרעמער זשאַרגאָן־ליטעראַטור. מיט טרערן פון פרייד און דאַנקבאַרקייט האָב איך איבערגעלייענט נאָך אַ מאָל די דאָזיקע ווערטער פונעם ליבהאַרציקן קריטיקוס און האָב מיר גע־געבן דאָס וואָרט, איך זאָל שרייבן אין דעם אָרט נאָך און נאָך. פון דעמאָלט אָן ביזן היינטיקן טאָג שטייען מיר פאַר מיינע אויגן די עטלעכע וואַרעמע, גוטע, געטרייע ווערטער, און איטלעכס מאָל, ווען איך שרייב אָן אַ נייע זאַך, פאַרגעס איך נישט צו פרעגן ביי זיך אַליין: וואָס וועט זאָגן דערויף קריטיקוס? *).

אין דעם זעלביקן יאָר 1903 האָט שלום-עליכם צוגעשיקט דובנאָוון אַ מתנה די ערשטע בענד פון זיינע געזאַמלטע ווערק מיט אַן אויפשריפט („פון דעם דאַנק־באַרן מחבר"), וואָס האָט זיך געלייענט אַזוי:

דעם ערשטן אימפּולס און דעם ערשטן געדאַנק צו פירן ווייטער מיין לי־טעראַרישע טעטיקייט האָט מיר געגעבן די רעצענזיע פון קריטיקוס אין **וואָסכאָד** וועגן מיין ערשטן שטיקל אַרבעט, „דאָס מעסערל". אַט דעם צופאַל דאַרף איך באמת דאַנקען מיין גאַנצע ליטעראַרישע קאַריערע **).

און נישט נאָר שלום-עליכם אַליין האָט געהאַט פאַר וואָס דאַנקבאַר צו זיין קריטיקוס-דובנאָוון. די גאַנצע יונגע יידישע ליטעראַטור, איר פּרעסטיזש, איר זעלבסטבאַוווסטזיין האָט פיל געוווּנען דערפון וואָס קריטיקוס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוווייזן אַן אינטערעס צו דער יידישער ליטעראַטור.

איר וועט מסתמא נישט פאַרגעסן, האָט געשריבן צו אים שלום־עליכם אין אַ בריוו פון פעברואַר 1889, — אומצופרידן זיך (אין דער קריטיק־אָפּטייל פון „וואָסכאָד") צו אונדזער זשאַרגאָן, וואָס האַלט אייך פאַר זיין הויכן באַשיצער נאָך דעם ווי צען יאָר נאָך אַנאַנד, אויב נישט מער, האָט אונדזער עמאַנציפּירטע שוועסטער, די רוסיש־יידישע ליטעראַטור, אין גאַנצן איגנאָרירט איר פעיקן קליי־נעם ברודערל — דעם זשאַרגאָן ***).

אין דעם זעלביקן טאָן שרייבט צו אים שלום-עליכם אין אַ בריוו וואָס איז דאַטירט דעם 17טן אויגוסט 1889: „איר זייט דער איינציקער שרייבער וועלכער

---

*) דאָרטן, ז' 95.

**) פון זשאַרגאָן צו יידיש, זז' 60—61.

***) דאָרטן, זז' 37—38.

באַציט זיך מיט מיטגעפיל און הומאַניטאַר [!] צום אָרעמען זשאַרגאָן *). דעם „זשאַרגאָניסטס“ הכנעהדיקער טאָן קלינגט איצט מאָדנע אין אונדזערע אויערן, בפרט נאָך אַז דובנאָוו איז פּאַקטיש נישט געווען שוין דעמאָלט „דער איינציקער שרייבער“ וואָס האָט זיך אָפּגעגעבן מיט ייִדישער ליטעראַטור־קריטיק. י. י. לערנער, י. ח. ראַבניצקי און אַנדערע האָבן דעמאָלט שוין געשריבן — און פיין געשריבן — וועגן ליטעראַרישע שאַפונגען אויף ייִדיש (ראַבניצקיס אַרבעטן האָט שלום־עליכם אַליין געדרוקט אין זיין ייִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק). אָבער זיי האָבן געשריבן... אויף ייִדיש, — און אויף ייִדיש־שרייבערס האָט מען זיך נישט אומגעקוקט, מיט זייערע מיינונגען האָט מען זיך נישט גערעכנט, מען האָט זיי (מיטן אויסנעם פון מענדעלע מוכר־ספרים) נישט געהאַלטן פאַר קיין אויטאָריטעטן. סמיכה האָט אַ ייִדישן שרייבער געקאָנט געבן נאָר „אונדזער עמאַנציפירטע שוועסטער, די רוסיש־ייִדישע ליטעראַטור“... און דאָס איז געווען נישט נאָר דערפאַר וואָס „זשאַרגאָנישע“ שרייבערס האָבן נאָך דעמאָלט שטאַרק געליטן פון עפעס אַ שיפלות־געפיל. עס איז געווען נאָך אַ סיבה, אַ מער פּאָזיטיווע. די רוסיש־ייִדישע פרעסע איז דעמאָלט טאַקע מיט אַן אמת געשטאַנען אויף אַ העכערער קולטור־מדרגה ווי די העברעיִשע און די ייִדישע פרעסע — אַזוי אַז ש. דובנאָוו איז באַרעכטיקט געווען צו דערציילן אַז — „מען האָט געהאַט דרך־ארץ דווקא פאַר אַ רוסיש וואָרט, ווייל דאָ איז געווען אייראָפּעיִשע מעטאָדע, אָן בטלנות און קליינלעכער פּאָלעמיק. אַן אורטייל פון קריטיקוס איבער דער אָדער יענער ליטעראַרישער דערשיינונג פלעגט מאַכן אַ שטאַרקן רושם“ (פון זשאַרגאָן צו ייִדיש, ז׳ 20).

דערפאַר איז פּסיכאָלאָגיש גאָר באַזונדער וויכטיק געווען די „סמיכה“ וואָס קריטיקוס האָט געגעבן פריִער (מיט אַ האַלבן מויל) דער פרעסע אויף ייִדיש און דערנאָך — דער ניי אויפגעקומענער ייִדישער ליטעראַטור.

מיר האָבן שוין דערמאָנט זיינע אָפּרופן אויף שלום־עליכמס און ספּעקטאָרס דערציילונגען אין 1887. אָבער דערמיט אַליין האָט ער זיך נישט באַנוגנט. אין דעם זעלביקן יאָר האָט ער אָנגעהויבן אַ קאַמפּאַניע קעגן שמרן און דעם שמריזם **). ער האָט „געריניקט“, ווי ער האָט זיך אַליין אויסגעדריקט, מיט אַ האַרטן בעזעם די בטלנות אין אונדזער ליטעראַטור, געקעמפט קעגן דער פּוסטער העברעיִשער

---

*) דאָרטן, ז׳ 83. דער אמת איז אַז די ערשטע ליטעראַריש־קריטישע אָפּשאַצונגען פון דעם „אָרימען זשאַרגאָן“ און זיינע שרייבערס האָט מען געגעבן נישט אויף ייִדיש, נאָר אויף רוסיש. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט יוסף לערנער אַרויסגעגעבן זיין „קריטישן אַנאַליז... פון י. אַקסענפעלדס ווערק אויף רוסיש (אָדעס, 1868). די ערשטע כאַראַקטעריסטיק (און ביאָגראַפיע) פון מענדעלע מוכר ספרים האָט געשריבן ל. בינשטאָק אויף רוסיש („וואָסכאָד“, 1882). אויך שלום־עליכם האָט צום ערשטן מאָל געלייענט אַ גוט וואָרט וועגן זיך אויף רוסיש (ש. דובנאָוו — קריטיקוס אין „וואָסכאָד“, 1887).

**) ווי שמעון דובנאָוו האָט שפּעטער אַליין דערציילט, ׳האָט שייקעוויטש־שמר אַנגעמאַכט אַ רעש [צוליב די אַרטיקלען פון קריטיקוס] — און צו מיר האָט ער אונטערגעשיקט דעם ליטעראַרישן מעקלער יהושע מזח מיט בקשות און דראָונגען — איך האָב דעם שליח אַרויסגעטריבן“ (פון זשאַרגאָן צו ייִדיש, זז׳ 20—21. אין זיינע אָנפאַלן אויף שלום־עליכמען האָט שמר אויך „דעם שרייבערל פון „וואָסכאָד“ נישט געשאַנעוועט, און אין זיין פּאַמפלעט יהי אור, ניו־יאָרק, 1898, האָט ער געשריבן, אַז „די צוויי חברה־לייט [פרישמאַן און דובנאָוו] ווייסן נישט, וואָס זיי ריידן“ און געגעבן אָנצוהערעניש, אַז שלום־עליכם האָט זיי ביידן אונטערגעקויפט.

מליצה פון די משכילים און קעגן די נאַרישע בבא־מעשיות פון שמרס חברה אין זשאַרגאָן *)

קריטיקוס איז נישט געווען אַליין אין זיין קאַמף קעגן דער פוסטער העברעיִ־שער מליצה: דוד פרישמאַן (און פריִער נאָך קאָוונער) האָט דעם דאָזיקן קאַמף געפירט אין העברעיִש גופא. אויך אין זיין קאַמפּאַניע קעגן שמרן און זיין חברה האָט ער געהאַט מיטהעלפערס אין יידיש: שלום־עליכמען, ספּעקטאָרן, ראַבניצקין און אַנדערע. אָבער דובנאָווס אַרויסטרעטונגען אין „וואָסכאָד" האָבן געהאַט גאָר אַ באַזונדערע באַדייטונג; ווי זאָגט ער: „מען האָט געהאַט דרך־ארץ פאַר אַ רוסיש וואָרט". בפרט נאָך, אַז ער האָט באַקעמפט די שמרס און די בלאָשטיינס נישט בלויז כדי זיי צו באַקעמפן, נאָר אויך כדי צו מאַכן אַן אָרט פאַר די מענדעלעס און די שלום־עליכמס. ער איז אַרויסגעטראָטן קעגן דער „המון־ליטעראַטור" אין נאָמען פון דער יידישער „פאָלקס־ליטעראַטור" („פאָלקס־ליטעראַטור און המון־ליטעראַטור" האָט געהייסן זיין אַרבעט אין וואָסכאָד, סעפּטעמבער 1890). ער האָט זיך איינגעשטעלט פאַר די רעכט און דעם חוב פון דער פאָלקשפּראַך צו ווערן אַ ליטעראַטור־שפּראַך. יאָ, ער האָט גערייניקט און געגרייט דעם באָדן פאַר די ציטערדיקע קערנדלעך פון דער נייער יידישער ליטעראַטור.

ווי ער אַליין סומירט זיין דעמאָלטיקע אַרבעט, ספּעציעל זיין אָפּהאַנדלונג „וועגן דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור בכלל און עטלעכע נייע ווערק אין זשאַרגאָן בפרט" (אין וואָסכאָד, אָקטאָבער, 1888), האָט ער געפּריידיקט צוויי גרונט־פּרינ־ציפּן: 1) „דעמאָקראַטיזירונג פון אידייען" — „ליטעראַטור נישט פאַר מיוחסים־אינטעליגענטן אַליין, נאָר פאַרן גאַנצן פאָלק"; 2) „אין רוסלאַנד מוזן יידן האָבן אַ דריישפּראַכיקע ליטעראַטור — אויף רוסיש, העברעיִש און יידיש" **). דערביי האָט ער וואָס ווייטער אַלץ מער און מער איינגעזען די וויכטיקייט פון יידיש — דערהויפּט ביים שילדערן דאָס יידישע פאָלקלעבן. ער האָט מיט זיינע אייגענע אויגן געזען דעם וווּקס פון דער יידישער ליטעראַטור...

אין פאַרגאַנגענעם יאָר, — שרייבט ער אין איינעם פון זיינע ליטעראַרישע איבערבליקן, אין וואָסכאָד, יולי 1889 (זז' 19—37), — האָבן מיר געהאַט די גע־לעגנהייט זיך אָפּצושטעלן אין אונדזער כראָניק אויף אַ מערקווערדיקן פאַקט וואָס איז באמת דערפרייענדיק אין דעם איצטיקן בין־השמשות. מיר האָבן אָנגעוויזן אויף דעם איבערבויען זיך און דעם באַנייען זיך פון דער יידישער פאָלקס־ליטע־ראַטור, אויף דער יידישער שפּראַך אין דער לעצטער צייט, אויפן קענטיקן אַרי־בערגיין פון ביליקע מאַכעריייקעס, צוגעפּאַסט צום גראָבן געשמאַק פון המון, צו ערנסטע און נוציקע ווערק וואָס זיינען מסוגל אויסצואיידלען דעם געשמאַק און אַריינצוברענגען אין דער פאָלקסמאַסע מער דערהויבענע גייסטיקע שטרעבונגען. איצט קאָנען מיר מיט צופרידנקייט קאָנסטאַטירן, אַז אַט די צום גוטן ווירקנדיקע באַוועגונג ווערט נישט שוואַכער, נאָר אדרבא זי שטאַרקט זיך אַלץ מער, און אַז אונדזער באַנייטע פאָלקס־ליטעראַטור אַנטוויקלט זיך ווייטער אין דער פריִער אָנ־געצייכנטער און צום טייל פאַרויסגעזאָגטער פּראָגרעסיווער ריכטונג.

די דאָזיקע אַנטוויקלונג פון „אונדזער באַנייטער פאָלקס־ליטעראַטור" האָט

---

*) פון זשאַרגאָן צו יידיש, ז' 20.

**) דאָרטן, ז' 21.

ער נישט אויפגעהערט נאָכצוגיין אויך שפּעטער, ווען ער איז געווען שוין נאָך אירער אַ לייענער, נישט קיין קריטיקער, און אין 1929, פּונקט פּערציק יאָר נאָך דעם ווי ער האָט געשריבן דאָס וואָס איז נאָר וואָס ציטירט געוואָרן, האָט ער אין זיין הקדמה צום בוך „פון זשאַרגאָן צו יידיש" געמאַכט אַט־דעם סך־הכל:

אונדזער דור האָט דערלעבט צוויי וווּנדער: די אַלטע נאַציאָנאַלע שפּראַך וואָס איז שוין העכער צוויי טויזנט יאָר געווען נישט מער ווי אַ תפילה־ און בוך־שפּראַך ווערט אין ארץ־ישראל אַ לעבעדיקע שפּראַך אין הויז, שול און גאַס און די לעבעדיקע פֿאָלקשפּראַך פֿון מיליאָנען יידן, וואָס מען האָט נאָך נישט לאַנג באַהאַנדלט ווי אַ שטיפקינד אין דער ליטעראַטור, ווערט אַ רייכע ליטעראַטור־שפּראַך און דרינגט אַריין פֿון איר בעלעטריסטישן תחום אין פּובליציסטיק און וויסנשאַפֿט. שוין איצט קאָן מען אויפֿן גרונט פֿון געוויסע פֿאַקטן און דייטלעכע סימנים פֿאָרויסזאָגן אַז אין דער נאָענטער תקופה וועט העברעיש ווערן די הער־שנדיקע שפּראַך אין ארץ־ישראל, וואָס וועט צושטעלן העברעישע ליטעראַטור פֿאַרן גאַנצן „גלות", און אין מיזרח־אייראָפּע מיט אַמעריקע וועט הערשן די יידישע שפּראַך אין דער פּרעסע, ליטעראַטור און אין אַ גרויסן טייל פֿון דער פֿאָלקשול.

דער נייער דור מוז וויסן, אַז מיט פּערציק־פֿופֿציק יאָר צוריק האָט זיך אַפֿילו מענדעלען, שלום־עליכמען און אַנדערע „זשאַרגאָנישע" שרייבער נישט געחלומט, אַז ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען יידיש וועט קאָנען קאָנקורירן מיט העברעיש אָדער נאָך מער מיט די „געהויבענע" אייראָפּעישע שפּראַכן אין דער מאָדערנער שול און ליטעראַטור, אין דער פּרעסע און אין וויסנשאַפֿט, אַז זי וועט אַזוי גיך פֿון אַ „המון־שפּראַך" אויסוואַקסן צו אַן אמתער פֿאָלקשפּראַך.

ווען ער אַליין האָט אָנגעהויבן צו העלפֿן איר דורכמאַכן אָט דעם שווערן וועג, האָט ער פֿאַר די וויכטיקסטע פֿאַרשטייערס פֿון דער אויפֿקומענדיקער פֿאָלק־ליטעראַטור געהאַלטן מענדעלע מוכר־ספֿרים און שלום־עליכמען, — און ער איז געווען צווישן די סאַמע ערשטע וואָס האָבן אַנאַליזירט זייערע ווערק און אָפּגע־שאַצט זייער ווערט. ער האָט זיך שפּעטער באַפֿריינדט מיט זיי פּערזענלעך, זיך אָפּט באַגעגנט מיט זיי און געפֿירט מיט זיי אַ קאָרעספּאָנדענץ, וואָס איין טייל אירן (די בריוו, וואָס ער האָט באַקומען פֿון מענדעלען און שלום־עליכמען) האָט ער פֿאַרעפֿנטלעכט אין דעם פֿיל מאָל ציטירטן בוך „פֿון זשאַרגאָן צו יידיש". אָבער איידער ער האָט זיי געקענט און הויך געשאַצט פּערזענלעך, האָט ער געוווּסט ווי צו שאַצן זייער קינסטלעריש שאַפֿן.

אַנדערש איז געווען דער פֿאַל מיט דעם דריטן פֿון אונדזערע דריי קלאַסי־קערס, מיט י. ל. פּרץ. ער איז דובנאָוון, אַזוי ווי די ערשטע צייט אויך מענדעלען און שלום־עליכמען, געבליבן פֿרעמד און, ווי דובנאָוו אַליין דערציילט אין זיינע „זכרונות און רעיונות", האָט ער פֿאַרהאַלטן זיך צו פּרצעס ערשטע בעלעטריס־טישע פּרוּוון זייער בייז: „„אין זיינע עסקיזן און פֿערזן האָט מיך אָפּגעשטויסן דער מאַנעריזם און די פּרעטענציעזקייט פֿון סטיל, די קורצע אָפּגעהאַקטע זאַצן, די גאַנצע שורות מיט פּינטעלעך, און איך האָב אויסגעדריקט מיינע ספֿקות, צי דער לייענער וועט קאָנען כאַפּן דעם שרייבערס טונקעלע רמזים" *). ער האָט דער־

---

*) קניגאַ זשיזני, ב׳ I, זז׳ 208—209.

קלערט זיינע ספקות וועגן דעם יונגן פרצן דערמיט, וואָס — „אין דעם אָנפאַנגער פרצן דעם העברעיִשן איז שווער געווען צו דערשפּירן דעם קומענדיקן מייסטער" און וואָס „אויף די ערשטע זאַכן זיינע אויף דער פאָלקשפּראַך האָבן נאָך נישט עדות געזאָגט אויף אַ באַדייטנדיקן טאַלאַנט" *). ווען מען נעמט אָבער אין אַכט אַז צו אַט די ערשטע זאַכן פרצעס האָבן געהערט אויך די פאָעמע „מאָניש" אין אַנדערע אייגנאַרטיקע שאַפונגען, מעג מען מאַכן די השערה אַז ס'איז געווען אַ טיפערע סיבה פאַר וואָס קריטיקוס האָט געגעבן אַזאַ וואַרעמען קבלת־פּנים מענ־דעלען און שלום־עליכמען און אַזאַ קאַלטן — פרצן. צום טייל איז די סיבה געווען אין דעם קריטיקער גופא. לויט זיין אַלגעמיינעם וועלטבאַנעם איז ער געווען אַ פּאָזיטיוויסט; לויט זיין ליטעראַרישן געשמאַק — אַ רעאַליסט. פרץ האָט אַפילו אין דעם ערשטן, מער רעאַליסטישן פּעריאָד פון זיין שאַפן געהאַט אין זיך עפּעס פון אַ ראָמאַנטיקער. ער האָט שוין דעמאָלט זיך פאַרגונען יענע „פינטעלעך" און „טונקעלע רמזים", וואָס דובנאָוון זיינען זיי נישט געווען צום האַרצן. וועגן ר' נחמנס ספורי מעשיות האָט ער געשריבן, אַז „זיי זיינען די פּרוכט פון אַ נישט־איינגעצאַמטער פאַנטאַזיע, וויט פון דערווירקלעכקייט און פון געזונטן מענטשן־פאַרשטאַנד, פיבער־פאַנטאַזיעס פון אַ מענטשן וואָס איז קראַנק אויפן גוף און אויף דער נשמה" **).

דובנאָווס ליטעראַטור־קריטישע, אַזוי ווי זיין וויסנשאַפטלעך־היסטאָרישע ספערע איז געווען די ספערע פון קלאָרקייט, פון נגלה. פון נסתר האָט ער נישט געהאַלטן.

אמת, ער איז, ווי ער אַליין דערציילט, געווען פאַרכאַפּט פון טאָלסטאָיִזם און דערהויפּט פון רענאַניזם — וויט נישט קיין ריין ראַציאָנאַליסטישע אָדער פּאָ־זיטיוויסטישע שיטות. „רענאַנען האָט — ווי דובנאָוו דערקלערט עס — געצויגן צו דער פאָרשונג פון טיפע רעליגיעזע פּראָבלעמען צוליב זיין בענקען נאָכן פאַר־לוירענעם גלויבן; און דער גאָרנישט פריילעכער סקעפּטיציזם, די פּרוכט פון זיין כסדרדיקן פילן זיך אָפּגענאַרט סיי אין גלויבן, סיי אין פאַרשטאַנד, האָט אים אויפ־געהאַלטן אויפן גרענעץ צווישן אָט די צוויי סתירותדיקע עלעמענטן פון דער מענטשלעכער נשמה" ***). און אַזוי ווי דובנאָוו אַליין „האָט די רעליגיעזע פּראָגע אין אונטערבאַוווסטזיין נישט אויפגעהערט צו באַאומרויִקן", האָט ער זיך געפילט נאָענט צו רענאַנען; גלייכצייטיק אויך צו טאָלסטאָיען, דעם שאַפער פונעם עטישן גאָט און פונעם לאָזונג „גאָטס קיניגרייך אין אונדז אינעווייניק" ****). דאָס אַלץ האָט געפירט דערצו, אַז דער ערשטער נוסח פון זיינע ערשטע קאַפּיטלען „געשיכטע פון חסידות", דערהויפּט די קאַפּיטלען וועגן ר' ישראל בעל־שם־טוב, זאָלן זיין דורכגעדרונגען מיט אַ געוויסן ליריזם, — מיט אַ ליריזם וואָס האָט זיך באַזונדער שטאַרק געפילט „אין די זייטלעך, וווּ עס האָט זיך גערעדט וועגן דעם בעש"טס רעליגיעזן פאַנטאַזיזם, וועגן זיין פראַווען פּאָעטישע התבודדות אין די קאַרפּאַטן־

---

*) דאָרטן, ז' 209.

**) געשיכטע פון חסידות, ב' II, ז' 246, פולע בוענאָס איירעסער אויסגאַבע (1957).

***) קניגאַ זשיזני, ז' 221.

****) דאָרט גופא.

בערג, וועגן זיין נעגאַטיווער שטעלונג צום רבנישן פאָרמאַליזם״ *). אָבער... ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס אָט די אַלע פּאָעטישע שטעלן און שטעלונגען זיינען אין דעם לעצטן, העברעישן נוסח, פון תולדות החסידות (1930—1931) כמעט אין גאַנצן באַזייטיקט געוואָרן, און כאָטש די פּאָעטישקייט האָט, ווי דובנאָוו אַליין זאָגט אין זיין אויטאָביאָגראַפיע, געליטן דערפון, האָט די וויסנשאַפטלעכקייט געוואונען **). אויב מען זאָל אָנווענדן צו דובנאָוון זיין אייגענעם אויסדרוק וועגן רענאַנען, — קען מען זאָגן, אַז פון די צוויי כוחות וואָס ראַנגלען זיך אין דער מענטשלעכער נשמה, דעם כוח פון גלויבן און דעם כוח פון פאַרשטאַנד, האָט דער פאַרשטאַנד זיך אַרויסגעוויזן צו זיין דער דאָמינירנדיקער כוח. און נישט נאָר אין דער לעצטער, אויך אין דער פריערדיקער, מער פּאָעטישער רעדאַקציע, איז דובנאָווס פונדאַמענטאַלע שטעלונג צו חסידות און איר פאָטער, דעם בעש״ט, געווען מער אַ מתנגדישע און אַ משכילישע ווי אַ חסידישע. דערמיט, ווי געזאָגט, דערקלערט זיך וואָס אים האָט געלאָזט קאַלט אויך פרץ, דער רבי פון נעאָ־חסידיזם. אין פרצן איז געווען עפּעס חסידיש, ראָמאַנטיש, אַפילו דעמאָלט ווען ער איז געווען אַ משכיל, בעת אין דובנאָוון איז, פאַרקערט, געווען עפּעס פון אַ מתנגד און אַ משכיל אַפילו דעמאָלט, ווען דעם בעש״טס רעליגיעזער פאַנטאַזיזם האָט געמאַכט אין אים ציטערן סטרונעס פון עכטן ליריזם.

אפשר נעמט זיך עס דערפון, וואָס דובנאָוו איז געווען אַ ליטוואַק און נישט קיין פּוילישער ייִד ווי פּרץ. ביים פּוילישן ייִד איז אַפילו דער ראַציאָנאַליזם און דער משכיליזם נישט טרוקן; דער ליטוואַק זעט אויס צו זיין, פאַרקערט, איינגע־האַלטן, אויסגערעכנט און „ניכטער״, אַפילו ווען ער איז פול מיט חבדישער דבקות! „ווען גלייבט אַ ליטוואַק? ווען ער ציילט איבער צוויי מאָל״, און ער „ציילט צוויי מאָל״ אַפילו ווען ער ציילט די שטערן, די אומצאָליקע שטערן אין הימל.

צו דובנאָווס ליטוואַקישער טבע צו... פאַרשטעלן זיך פאַר אַ „ליטוואַק״ און צו מאַכן דעם אָנשטעל פון זאָגן פּראָזע אַפילו דעמאָלט ווען ער זינגט לידער, איז דאַכט זיך מיר צוגעקומען נאָך עפּעס וואָס האָט אים נאָענט געמאַכט דעם „זיידן״ און זיין „איניקל״, אָבער נישט פּרצן. אין ש. דובנאָוון האָבן „די צוויי עלעמענטן, וואָס ראַנגלען זיך אין דער מענטשלעכער נשמה״ און וואָס האָבן זיך געראַנגלט אויך אין זיין נשמה — דער גלויבן און דער פאַרשטאַנד — געמאַכט צווישן זיך עפּעס אַ פּשרה: דער גלויבן האָט זיך באַזעצט אין דובנאָווס כאַראַקטער, אין זיין פּערזענלעכקייט, און אים געמאַכט פאַר אַ מענטשן וואָס האָט אַ מיסיע, די מיסיע אָנצושרייבן די וועלט־געשיכטע פונעם ייִדישן פאָלק; פאַר אַ מענטשן, וואָס ס׳ער נישט יעדע מינוט אין זיין לעבן האָט געהאַט אַ ציל, אַ תכלית, אַ באַרעכטיקונג... און דער פאַרשטאַנד? ער האָט געגומען, איינגענומען דאָס געביט פון דובנאָווס וויסנשאַפטלעכן און ליטעראַרישן שאַפן. איז ער, דער פאַרשטאַנד, וואָס האָט זיך געבריהט צו שאַפן אַלץ אין זיין געשטאַלט און לויט זיין פורעם, געשטאַנען צווישן אים און דער אינעווייניקסטער וועלט פון חסידות, צווישן אים און דעם אינע־ווייניקסטן, דעם „סודותדיקן״ און „פינטעלעכדיקן״ פּרצן. און ער האָט, אַזוי ווי זיין פריינד שלום־עליכם, אַנטקעגנגעשטעלט דער שונד־פאַנטאַסטיק פון שמריזם,

---

*) דאָרטן גופא.
**) דאָרטן גופא.

נישט פּרצעס קונסט־פאַנטאַזיע, נאָר דעם „זיידנס" און דעם „אייניקלס" קינסט־לערישן רעאַליזם.

נישט געקוקט אויף זיין פאַרבאָרגענער רעגאַנישער רעליגיעזקייט און זיין אָפענעם טאָלסטאָישן עטיציזם, איז ער סיי אין זיין היסטאָריאָגראַפיע, סיי אין זיין פּובליציסטיק און קריטיק געווען אַ רעאַליסט.

3. י. ח. ראַבניצקי (1859—1944) ווי אַ יידישער קריטיקער

ווען מען זאָל איצט זאָגן אויף איינעם אַז ער איז אי אַ העברעיִסט, אי אַ יידישיסט, וועט עס נישט האָבן קיין טעם פון אַ קאָמפּלימענט. גיכער פאַרקערט. עס וועט הייסן, אַז מען איז יענעם חושד אין נישט־אויסגעהאַלטנקייט, אפשר גאָר אין צוויי־פּנימדיקייט, אין צביעות. העברעיִזם און יידישיזם זיינען געוואָרן צוויי עקסטרעמע היפּוכים — פייער און וואַסער. דער ריס איז נאָך טיפער, ווי אין די צייטן פון יהושע ליפשיץ (געשטאָרבן אין 1878), אָדער יצחק יואל ליניעצקי (1839—1915). דאַן, מיט אַ יאָר פופציק־זיבעציק צוריק, האָבן די העברעיִסטישע משכילים, פון איין זייט, חוזק געמאַכט פון „זשאַרגאָן" און, פון דער אַנדער זייט, האָבן אַזעלכע צו־פּרי־געבוירענע יידישיסטן, ווי ליפשיץ אָדער ליניעצקי, געשאָטן פעך און שוועבל אויף די „העברעיִשע גאַזעטניקעס", די „העברעיִשע צאַפּעס". אָבער ס'איז געווען נאָך אַלץ אַן אינערוויניקסטע מחלוקת, אַ קריג אין דער פאַמי־ליע. לעצטנס האַלט עס שוין שיִער נישט דערביי, אַז עס זאָלן געשאַפן ווערן צוויי באַזונדערע „נאַציעס": איינע אַ „העברעיִשע" און די אַנדערע אַ „יידישע". מען וועט שוין באַלד, האָב איך מורא, אויפהערן צו קריגן זיך אַפילו. מען וועט איינע די אַנדערע באַטראַכטן ווי ווילד־פרעמדע און מען וועט נישט קוקן איינער אין דעם אַנדערנס זייט...

ביי אַזעלכע אומשטאַנדן זאָגן אויף איינעם, ווי דאָס האָט אַמאָל געזאָגט אויף זיך אַליין י. ד. בערקאָוויטש אַז ער איז הונדערט פּראָצענט פאַר העברעיִש און פונקט אַזוי פיל פּראָצענט פאַר יידיש, — הייסט זאָגן עפּעס, וואָס זעלטן ווער עס וועט דאָס פאַרשטיין, זעלטן ווער עס וועט דאָס וועלן פאַרשטיין.

אָבער נישט אַלע מאָל איז עס אַזוי געווען. מיט אַ זעקס צענדלינג יאָר צוריק, דאַן, ווען מרדכי ספּעקטאָר האָט אַרויסגעגעבן זיין „הויזפריינד" און שלום־עליכם זיין „אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", איז די לאַגע געווען אַנדערש. דאַן האָבן איי־ניקע פאַרברענטע ליבהאָבערס פון העברעיִש זיך איינגעשטעלט פאַר די רעכט פון יידיש און געשטרעבט מיט אַלע זייערע כוחות און מיטן גאַנצן האַרצן אויפצוהייבן די יידישע ליטעראַטור אויף אַ העכערער און מער חשובער מדרגה. דאַן זיינען, ווידער, געווען „זשאַרגאָניסטן" (דער נאָמען פון די דעמאָלטיקע יידישיסטן), וועלכע האָבן נישט דורכגעלאָזט קיין איין געלעגנהייט צו דערקלערן זיך אין ליבע (און נישט דווקא אין פּלאַטאָנישער ליבע) צו דער „שפּראַך פון די נביאים".

דער ערשטער, ענערגישסטער און אַגרעסיווסטער צווישן זיי איז געווען שלום־עליכם, דער צווייטער רבי אָדער בר־קצין, וואָס דאָס איז דער פּסעוודאָנים

פון י. ח. ראַבניצקי... ביידע זיינען געווען און געבליבן העברעיִסטן; ביידע זיינען געווען יִדישיסטן...

אַ נאָמען געגעבן האָט מען זיי (און זיי אַליין האָבן זיך גערופן) „זשאַרגאָניסטן". אָבער זיי האָבן אַזוי ווי אַמאָל אין פראַנקרייך די סאַנקיולאָטן (די האָלאָדראַניקעס), געמאַכט פון דעם צונעמעניש אַ לאָזונג, אַן אויפשריפט אויף דער קאָמפּאַס־פאָן... „זשאַרגאָן איז מיין ליידנשאַפט, מיין צווייטע פּאַסיע, מיין אידייע פיקס" — האָט שלום־עליכם דאָן געשריבן אין אַ בריוו צו ראַבניצקין, זיין „אינטימסטן פריינד" און קאָמפּאַס־חבר. שלום־עליכם איז אין גאַנצן געווען פאַרכאַפּט, פאַרשלונגען פון זיין ליידנשאַפט, אָבער ער איז געבליבן געטריי דער „גבירה". נאָך טרייער איז איר געווען און געבליבן ראַבניצקי, דער רעדאַקטאָר און אַרויסגעבער פון „פּרדס", דער מחבר פון „דור וסופריו", גרינדער פון העברעיִשן פאַרלאַג „מוריה" אין אָדעס (שפּעטער „דביר", תל־אביב), דער מיטאַרבעטער און חבר פון ח. נ. ביאַליק (זיי האָבן ביידע בשותפות צוגעגרייט און פאַרעפנטלעכט „ספר האגדה", „סיפורי המקרא", „דברי הנביאים", „ספר המשלים", „שירי שלמה אבן גבירול", „שירי משה אבן עזרא", די היסטאָריש־עטנאָגראַפישע זאַמלביכער „רשומות" און נאָך און נאָך). אינאיינעם מיט שלום־עליכמען האָט י. ח. ראַבניצקי געדרוקט אין „המליץ" קריטיש־פּאָלעמישע פעליעטאָנען אונטערן נאָמען „קבורת סופרים, מכתבים פון אלדד און מידד". זיי ביידע האָבן, הייסט עס, געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבן געקאָנט פאַר העברעיִש און פאַר דער העברעיִשער ליטעראַטור, אָבער דאָס האָט זיי ניט געשטערט צו זיין אויפריכטיקע און אַקטיווע יִדישיסטן...

אין יאָר 1914, ווען איך האָב אין ווילנע רעדאַקטירט „די אידישע וועלט", האָט מיך י. ח. ראַבניצקי אין אַ בריוו אָנגעפרעגט, צי וועט דער זשורנאַל דרוקן זיינעם אַן אַרטיקל מיטן נאָמען: „צי בין איך אַ יִדישיסט?". אין דעם אַרטיקל האָט ער געוואָלט זיך אָפּגרענעצן פון דעם „עקסטן יִדישיזם", פון דעם יִדישיזם „וואָס באַשטייט די לעצטע צייט", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט אין יענעם בריוו, „ניט נאָר אין ליבע צו אונדזער מאַמע־לשון, נאָר אויך אָפן צי פאַרשטעלט, אין פאַרביסענע שינאה צו אונדזער אַלטער נאַציאָנאַלער שפּראַך *)". אָט די „שינאה" איז אים געווען דערווידער, פּונקט אַזוי ווי „די נאַרישע שינאה פון אונדזערע עברית־און־רוסיתניקעס צו אונדזער פאָלקס־שפּראַך..." אין אָט דעם כאַראַקטעריסטישן אַרטיקל וואָס איז געשריבן אין דער פאָרעם פון אַ בריוו צו אַ פריינד, האָט י. ח. ראַבניצקי געזוכט זיך אָפּצוגרענעצן ניט אַזוי פונעם יִדישיזם ווי פון יענע חסידים זיינע וואָס זיינען אַזוי ווייט אַוועק אַז זיי זיינען געוואָרן קעגנערס פון העברעיִש. פון אָט די עקסטרעמע יִדישיסטן „שאָקלט ער זיך אָפּ מיט הענט און מיט פיס", אָבער „אויב יִדישיסט, שרייבט ער, הייסט אַזעלכער וואָס האָט ליב אונדזער פאָלקס־שפּראַך און האָט אויך אָפּשיי פאַר אונדזער פאָלקס־ליטעראַטור, אַזעלכער וואָס האָט דעם אמתן פאַרגעניגן, ווען ער זעט ווי יִדיש וואַקסט, ווי יִדישע ביכער מיט אַ רעכטן אינהאַלט באַקומען אַלץ מער אָפּגאַנג צווישן פשוטן עולם און מע קויפט זיי און מע לייענט זיי געשמאַק; אויב יִדישיסט

*) מחמת דעם אויסברוך פונעם ערשטן וועלט־קריג האָט „די יידישע וועלט" אויפגעהערט אַרויסצוגיין רעגולער און דער אַרטיקל איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ערשט אין 1917, אין ראַבניצקיס ליטעראַרישן זאַמלבוך „אונטערוועגס", אָדעס.

הייסט ווייטער אַזעלכער, וואָס פילט אַ גרויס פאַרדראָס און ווערט שטאַרק אויפ־געבראַכט, ווען ער זעט ווי אַנדערע פון „אונדזערע אידעלע מפונקים״ פאַרקרימען זיך אַזוי מאָדנע אַז״ו — אויב דאָס הייסט ביי דיר „יידישיסט״, בין איך געוויס אַ יידישיסט, וואָס האָט מען דאָ צו ריידן, און איך הייב זיך גאָר נישט אָן מיט דעם צו שעמען; פאַרקערט, עס וואָלט פאַר מיר געווען דער גרעסטער אומכבוד, ווען דו זאָלסט מיך אַריינרעכענען אין צעטל פון יענע לייט, פון די „זשאַרגאָן־פּעוּ!״־שרייער, וועלכע איך קען בטבע אַזוי נישט סובל זיין, ווי דו קאָנסט זיך נאָר פאָר־שטעלן״. אַזוי האָט ראַבניצקי געשריבן אין 1917 און אויך אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ער געווען איינער פון יענעם דור העברעיש־יידישע שריפטשטעלערס, וואָס האָבן נישט געקענט פאַרשטיין ווי קען מען זיך עס צעטיילן מיט דער גייס־טיקער ירושה פון דעם אייגענעם פאָלק און זאָגן: „נעם זיך דיין חלק, איך וועל נעמען מיינעם״, איינער פון יענעם דור וואָס האָט געהיט און הויך געשעצט די גאַנצע יידישע קולטור־ירושה, איינער פון יענעם דור, וואָס הלוואי זאָלן מיר היינט זיך דערהייבן ביז צו דער ברייטקייט און דער פּילזייטיקייט פון זיין קוק אויפן יידישן לעבן און יידישן שאַפן.

ראַבניצקי האָט זיך דאַן געהאַלטן פאַר אַן אמתן, כאָטש (אָדער ווייל) נישט קיין עקסטרעמען, יידישיסט. נאָך מער אָבער איז ער עס געווען אין די אַכציקער און ניינציקער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט. דאַן האָט זיך יידיש געוואָלט שטעלן לעבן, נישט קעגן העברעיש, און ראַבניצקי איז געווען איינער פון די געציילטע, וואָס האָבן מיט גרויס איבערגעגעבנקייט און פיל טאַקט געהאָלפן דער פאָלקס־שפּראַך פאַרנעמען אָט די נייע, פעסטערע און מער חשובע פּאָזיציע.

זיין ערשטער, גרעסערער אויפטו איז געווען דאָס יידישע זאַמלבוך ״דער וועקער״ (אָדער „דער אידישער וועקער״, ווי דער צענזאָר האָט געוואָלט, אַז מען זאָל עס אָנרופן), אָדעס, 1887. אויפן שער־בלאַט פון דעם דאָזיקן היסטאָריש־ווערטפולן זאַמלבוך שטייט: „רעדאַקטירט פון מ. ל. ליליענבלום, הערויסגעגעבען פון י. ח. ראַבניצקי און צ. ז. פראַנקפעלד״. דער אמת איז אַז ראַבניצקי איז גע־ווען דער רעדאַקטאָר, נישט נאָר איינער פון די צוויי אַרויסגעבערס פונעם זאַמלבוך (אַזוי דערציילט ער אַליין אין זיינע זכרונות וועגן שלום־עליכמען, אין דעם זאַמל־בוך „צום אָנדענק פון שלום־עליכם״, פעטראָגראַד, 1917, אונטער דער רעדאַקציע פון י. צינבערג און ש. ניגער). ער איז געווען שוין דאַן אַ הייסער חובב ציון און, פאַרשטייט זיך, אויך אַ חובב שפת עבר; אָבער דעם זאַמלבוך, מיט וועלכן ער האָט געוואָלט „וועקן און מונטערן דעם עולם און אויפבלאָזן אין יידישע הערצער דעם פונק פון חיבת־ציון״, — האָט ער אַרויסגעגעבן אויף יידיש, און ער האָט געוואָלט צוציען צו אים, אַ חוץ ליליענבלומען, „אַלע אונדזערע שרייבער, וואָס האָבן אין יענער צייט געהאַט אַ נאָמען״. אים איז, ווי עס ווייזט אויס, נישט גע־לונגען צו פאַראינטערעסירן מיטן פּאַלעסטינאָפילישן זאַמלבוך מענדעלען; דאָך געפינען זיך צווישן די, וועלכע האָבן זיך אָפּגערופן אויף זיין ווענדונג מיט פּראָזע אָדער שירים, אַזוינע וויכטיקע פאַרשטייערס פון דער דעמאָלטיקער יידישער ליטעראַטור, ווי די עלטערע א. ב. גאָטלאָבער, אברהם גאָלדפאַדען, אליקום צונזער, פּלטיאל זאַמאָשטשין און דער דאַן נאָך יונגער שלום־עליכם. ראַבניצקי אַליין האָט אין „וועקער״ פאַרעפנטלעכט אי אַן אַרטיקל, אי אַ שיר פון אַ וואָסערע הונדערט

פּופּציק פּערזן. דער שיר האָט געזאָגט אין גראַמען שיִער נישט דאָס אייגענע, וואָס איז געשטאַנען אין דעם אַרטיקל. פון דאַן אָן האָט ראַבניצקי, ווי ווייט איך ווייס, מער קיין שירים נישט פּאַרעפנטלעכט, אָבער ער איז געוואָרן איינער פון די ערשטע פּובליציסטן און קריטיקערס אין דער יידישער אַזוי ווי אין דער העברעיִשער ליטעראַטור.

שלום־עליכם, ווען ער האָט דאַן טאַקע, אין פאַרבינדונג מיטן „וועקער", אָנ־געהויבן צו קאָרעספּאָנדירן און צו באַפריינדן זיך מיט אים, האָט דערפילט די אויפריכטיקייט פון זיין געדאַנק און די קלאָרקייט פון זיין סטיל, — און ווען ער איז, מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער, צוגעטראָטן צו דער „אידישע פאָלקס־ביבליאָ־טעק", האָט ער איינגעלאַדן ראַבניצקין צו פירן מיט אים אינאיינעם די קריטיש־ביבליאָגראַפישע אָפּטיילונג פון דער „ביבליאָטעק". און שוין אין דעם ערשטן באַנד געפינען מיר אַ גאַנצע סעריע קלאָר און פיין־געשריבענע רעצענזיעס פון רבי קצין (ראַבניצקי). אַזעלכע זאַכלעכע און קאָמפּעטענטע קריטיקן וועגן יידישע שרייבערס האָט דאַן געשריבן בלויז נאָך איינער: דאָס איז געווען קריטיקוס־דובנאָוו אין „וואָסכאָד". רבי קצין האָט געטאָן אין יידיש, וואָס דובנאָוו — אין רוסיש. ער האָט נישט נאָר אויסגעטייטשט און דערמוטיקט יעדן אמתן טאַלאַנט (מענדעלען, שלום־עליכמען, פרוגן, ספּעקטאָרן, פרישמאַנען); ער האָט געזוכט אויסצוראָטן די שונד־דערנער פונעם ליטעראַרישן וויינגאָרטן.

עס איז געווען דאַן אַ צייט ווען דער קריטיקער האָט געמוזט, פּשוט, זיין אַ ליטעראַרישער מלמד, שיִער נישט אַ דרדקי־מלמד. ער איז געצוווּנגען געווען אָפּ־צוגעבן זיך מיט אַזעלכע עלעמענטאַרע פראַגעס ווי אַ שטייגער: „צי איז קריטיקע אין דער פּראָסט יידישער שפּראַך אַזוי נייטיק און ניצלעך, גלייך ווי אין אַלע אַנדערע לשונות, אָדער ס'איז אפשר גאָר אַן איבעריקע און מע באַדאַרפט דאָס גאָר לחלוטין נישט האָבן?" („אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק", 2, ז' 277). אין אַ רעצענזיע אויף מ. זייפערטס אַ ראָמאַן, האָט ער געהאַלטן פאַר נייטיק צו דער־קלערן: „...דערפאַר טאַקע איז דאָס דער בעסטער סימן אויף צו מאַכן הבדלה בין קודש לחול, צו וויסן אַ חילוק פון אַ רעכטן סיפּור ביז אַ שלעכטן, ווי אַזוי איר פילט זיך בשעת דעם לייענען: לייענט איר אַן אמתע, גוטע דערציילונג, פילט איר זיך אין גאַנצן היימיש, איר פילט פונעם אָנהייב ביזן סוף, אַז אַזוי גייט עס פּאָר איינעם לעבן, דער דאַרף אַזוי ריידן, יענער מוז אַזוי טאָן, מיט איינעם וואָרט, ס'איז דאָס אמתע לעבן. ווען איר לעזט אָבער אַ ווערק פון די געוויסע העכסט־אינטע־רעסאַנטע ראָמאַנען־מאַכער, פילט איר זיך כסדר פרעמד, אַזוי ווי פון אַן אַנדער עולם, די מענטשן זיינען גאָר דאָרט משונה ברואים, זיי ריידן נישט ווי געוויינט־לעך, זיי טוען נישט ווי געוויינטלעך, און מעשיות פאַרלויפן זיך אַלץ משונה־וווּנ־דערלעכע, טאַקע נאָר „בבא־מעשיות" (דאָרט, ז' 291). ער האָט געמוזט קנעלן מיטן עולם, מיט שרייבערס אַזוי גוט ווי מיט לעזערס; געמוזט אָפּט קנעלן: קמץ א — אָ, קמץ ב — באָ. דאָס איז אין יענער צייט געווען אַבסאָלוט נייטיק און ניצלעך.

עס איז דאַן נאָך נייטיק און העכסט ניצלעך געווען אויך צו באַווייזן, אַז יידיש אָדער זשאַרגאָן איז אַ לשון ווי אַלע אַנדערע לשונות, און אַז אויך אויף יידיש מוז מען שרייבן לייטיש. און ראַבניצקי האָט אויסגענוצט יעדע געלעגנהייט צו מאָ־טיווירן און צו פּראָפּאַגאַנדירן אָט דעם איינשטעל בנוגע צו יידיש. ער איז אין

דעם פרט גערֶאטן געווען אין זיין פריינד שלום־עליכם. יענער האָט אין זיין פאָר־רעדע צום ערשטן באַנד פון זיינע כתבים אין העברעיש (פאַרלאַג „השחר") גע־שריבן: „וואָס איז שייך צו מיר, ווייס איך נישט פון קיין שום ויתרוצצו", ד"ה די צוויי שפּראַכן ביי מיר ראַנגלען זיך נישט צווישן זיך. פאַרקערט, זיי קושן זיך און האַליובען זיך, לעבן אין גרעסטער פריינדשאַפט צווישן זיך און עס איז נישטאָ צווישן זיי קיין קינאה־שינאה, חלילה, זיי נעמען איינע ביי דער אַנדערער און גיבן איינע דער אַנדערער אאַז"וו. און אַזוי ווי שלום־עליכם האָט אויך ראַבניצקי געקעמפט קעגן די, וועלכע האָבן נאָך אַלץ נישט פאַרשטאַנען דעם ווערט און די ווערדע פון דער פאָלקסשפּראַך און איר ליטעראַטור. מיט האַרץ און מיט ביטערער איראָניע האָט ער געשריבן וועגן די מפונקים, וועלכע האָבן, ווי ער האָט זיך אויס־געדריקט, ליב געהאַט צו שרייען: „ס'טייטש, אַזאַ רציחה אין דער וועלט! זיידענע שרייבער מיט אידעלע הענט זאָלן זיך גאָר אָפּגעבן מיטן פּראָסטן, גראָבן עולם און שרייבן אינעם מיאוסן, שמוציקן זשאַרגאָן!". נישט געשאַנעוועט האָט ער אויך יענע, וועלכע „האָבן דווקא יאָ מתיר געמאַכט צו שרייבן פּראָסט ייִדיש, נאָר קליי־ניקייטן, שמאָכטעלייען, אָבער עפּעס רעכטס — חלילה וחס! „פּראָסטע נפשות, מ'שטייגס־געזאָגט, זיי ווייסן דען וואָס איבערצוקלייבן, זיי פאַרשטייען דען, וואָס הייסט פליישׁ? נישקשה, זיי קאָנען גריזשען די ביינער און כאַפּן די ברעקלעך, וואָס פאַלן אַראָפּ פון טיש — און יוצא".... „מערקווירדיק איז נאָך דאָס", האָט געשריבן אָט־דער יונגער קריטיקער אין דער „אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק". — „וואָס די שונאים פון דער פּראָסט־ייִדישער ליטעראַטור זיינען נאָך כלומרשט גוטע פריינד פונעם פאָלק -- אַזאַ ליבע, זעט איר, איז גאָרנישט פאַר קיין פּראָסטע מוחות, עפּעס קומט זי אויס שטאַרק משונה: ליב האָבן דאָס פאָלק און פירן אַ שינאה צו דער איינציקער שפּראַך, וואָס דאָס דאָזיקע פאָלק רעדט און טראַכט אויף איר פונעם וויגעלע ביז צום קבר; ליב האָבן דאָס פאָלק און מאַכן מיט דער בלאָטע גלייך די, וואָס לאָזן זיך אַראָפּ צו אים אין די נידעריקע, ענגע קעלערס צו דערלאַנגען אים דאָרט געזונטע שפּייז פאַר זיין גייסט, דערהאַלטן אים די נשמה זיינע! עפּעס זייער אַ ווילדע ליבע!" (2, 273־272).

און נישט נאָר אין שלום־עליכמס „אידישע פאָלקס־ביבליאָטעק" פון 1889, אויך אין פינפטן באַנד פון ספּעקטאָרס „הויז־פריינד", אין יאָר 1896 האָט ראַב־ניצקי זיין אייגנאַרטיקע העברעיִסטיש־ייִדישיסטישע פּאָזיציע... „לשון קודש", האָט ער געשריבן דאָרט אין אַן אַרטיקל מיטן נאָמען „העברעיִש און ייִדיש" — „לשון קודש מעג זיין טויזנט מאָל הייליק און טייער, פון דעסטוועגן קאָן זי בשום אופן נישט פאַרנעמען דעם אָרט פון זשאַרגאָן. דו פאַרגעסט, ברודער, איין קלייניקייט, אַז העברעיִש איז דערווייל נאָך נישט קיין פאָלקס־שפּראַך אין דעם פשוטן זינען פון וואָרט... לשון קודש פאַרשטייען זייער ווינציק מענטשן, נאָר אַ קליינער חלק פונעם פאָלק"... געוויס, ווען אַלע ייִדן זאָלן קענען העברעיִש, וואָלט די לאַגע געווען אַנ־דערש. ער וואָלט דאַן זיך אפשר נישט איינגעשטעלט דווקא פאַר ייִדיש: ער איז געווען אַ הייסער העברעיִסט. אָבער אַזוי ווי נאָר אַ קליינער חלק פונעם פאָלק פאַרשטייט לשון־קודש, בעת אַלע כמעט פאַרשטייען ייִדיש איז די פאָלקס־שפּראַך ייִדיש.

אָבער דאָס הייסט נישט, אַז ייִדיש איז נאָר פאַר עם־הארצים. ניין, אויך די

אינטעליגענץ, שרייבט ער אין יענעם אַרטיקל, קאָן אַ סך לערנען פון דער ייִדישער ליטעראַטור. מען דאַרף נאָר זען, אַז זי זאָל זיין ריין און רייך. מען דאַרף זען, אַז די שפּראַך, אויף וועלכער זי ווערט געשאַפן זאָל געהאַלטן ווערן אין ריינקייט. „ממה נפשך, שרייבט ער אין דעם ערשטן באַנד „אידישע פאָלקס-ביבליאָטעק", אין דער רעצענזיע וועגן „הויז-פריינד" — „ממה נפשך: איז זשאַרגאָן אַ לשון, וואָס עס גיט זיך אין דעם אַרויס „אַ היסטאָריש-ליטעראַרישעס בוך", מוז מען זען, אַז עס זאָל האָבן אין אַלעמען אַ לייטיש פּנים, נישט פון חוזק". ער מיינט דערמיט צו זאָגן, אַז עס מוזן שטרענג אָפּגעהיט ווערן די כללים פון דער שפּראַך, דערהויפּט די עטימאָלאָגישע כללים, און אַז עס מוז איינגעפירט ווערן אַן איינהייטלעכע סיסטעם פון אויסלייג.

נאָך אויספירלעכער האָט ער געשריבן וועגן דעם אין זיין רעצענזיע אויף יונה טרובניקס „זשאַרגאָן-לערער"... עס איז אין יענעם אַרטיקל פון רבי קצין צום ערשטן מאָל, דאַכט זיך מיר, קלאָר און שאַרף אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער עלע־מענטאַרער, אָבער ביז איצט נאָך נישט פון אַלעמען אָנגענומענער געדאַנק, אַז מיט „זשאַרגאָן" ווערט מען נישט געבוירן, מען דאַרף עס לערנען, ווי יעדע אַנדער שפּראַך.

און נישט נאָר טעאָרעטיש האָט ראַבניצקי געזאָרגט פאַר דער קולטיווירונג פון ייִדיש און דער ייִדישער ליטעראַטור. ער איז געווען אויך אַ נאה מקיים, נישט נאָר אַ נאה דורש. ער איז עס געווען דאַן, ווען ער האָט איבערגעגעבן צום דרוק און פּאַקטיש רעדאַקטירט שלום-עליכמס יוגנט-ראָמאַנען „סטעמפּעניו" און „יאָ־סעלע סאָלאָוויי". ער איז עס געווען שפּעטער, ווען ער איז אויף אַ געוויסער צייט געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון „יוד", און אוודאי און אוודאי איז ער עס געווען ווען ער האָט, אינאיינעם מיט ביאַליקן פאַרעפנטלעכט די „אידישע אגדות" („ספר האגדה") און ווען ער האָט מיט גרויס ליבשאַפט געזאַמלט ייִדישע וויצן און ווערט־לעך.

ראַבניצקי האָט נישט נאָר דירעקט געטאָן זאַכן, וואָס זיינען געווען וויכטיק פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער ייִדישער שפּראַך, דעם ייִדישן פאָלקלאָר און דער ייִדישער ליטעראַטור. ער האָט אויך אומדירעקט מיטגעווירקט צו זייער וווקס. ער איז געווען, ווי מיר האָבן געזען, דער ערשטער ערנסטער און קאָמפּעטענטער קריטיקער אין (נישט נאָר ווי קריטיקוס-דובנאָוו, פון) דער ייִדישער ליטעראַטור. ער האָט געשריבן ייִדיש, בעת דובנאָוו איז געווען אַ רוסישער שרייבער.

ער איז יאָרן לאַנג געווען באַפריינדעט מיטן זיידן, נישט נאָר מיטן אייניקל, און ער איז, נאָך בינשטאָקן, דער ערשטער ביאָגראַף פון מענדעלע מוכר ספרים. די ערשטע פולע אויסגאַבע פון מענדעלעס ווערק איז אַרויס מיט זיינעם אַן אריינ־פיר. און נישט נאָר וועגן מענדעלען און שלום-עליכמען האָט ער געשריבן. עס זיינען דאָ ביי אים אַרטיקלען און דערינערונגען אויך וועגן אַנדערע עלטערע ייִדישע שרייבערס, דערהויפּט די אָדעסער (אַ טייל פון די דאָזיקע אָפּהאַנדלונגען און זכרונות זיינען אויפגעזאַמלט אין „דור וסופריו").

קרוב צו זעכציק יאָר איז ער געווען אַ פּובליציסט, אַ קריטיקער, אַ פאַר־לעגער, אַ רעדאַקטאָר און בכלל אַן ענערגישער טוער, סיי אין דער העברעישער, סיי אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

נאָכן ערשטן וועלט־קריג האָט ער זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל און זיך אָפּ־געגעבן דערהויפּט מיט העברעיש. אָבער ער האָט נישט פאַרלוירן דעם אינטערעס צו יידיש. אַרום 1923 האָט ער געוואָלט זיך פאַרבינדן מיטן „טאָג" אין ניו־יאָרק און דרוקן דאָרט דעם פינפטן טייל פון זיינע (און ביאַליקס) „אידישע אגדות", דעם טייל וואָס איז נאָך נישט אין גאַנצן פאַרטיק געווען אַפילו אין מאַנוסקריפּט. כ'האָב דאַן געקראָגן פון אים אַ בריוו וועגן אָט דעם ענין. דאָס איז, אגב, איינער פון אַ היפּש פּעקל בריוו זיינע, וואָס האָט זיך ביי מיר אָפּגעהיט *). מיר האָבן זיך אָנגעהויבן דורכצושרייבן נאָך אין די צייטן פון ווילנער „פּינקס" און „די אידישע וועלט" (1912—1913). אין 1916, ווען י. צינבערג און דער שרייבער פון דעם קאַפּיטל האָבן אין פּעטראָגראַד (לעני‌נגראַד) געגרייט צום דרוק אַ זאַמלבוך צו שלום־עליכמס אָנדענק, איז מיין קאָרעספּאָנדענץ מיט י. ח. ראַבניצקין באַנייט געוואָרן (ער איז דאַן נאָך געווען אין אָדעס). אין די ערשטע יאָרן פון דער רעוואָלוציע און בירגער־קריג זיינען די פּאָסט־פאַרבינדונגען צווישן אָדעס און פּעטראָגראַד אָדער מאָסקווע, אָדער ווילנע געווען שווער אָדער גאָר אוממעגלעך. ערשט אין 1923 האָב איך פון אים ווידער געקראָגן אַ בריוו, דעם בריוו וואָס איז נאָר־וואָס דערמאָנט געוואָרן און אַזוי ווי ער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ראַבניצקין און זיין שטיל, נישט פון אַלעמען באַמערקטן, הומאָר, וועל איך זיך דערלויבן אים דאָ צו פאַרעפנטלעכן ווי ער שטייט און גייט, בלויז נישט אָפּהיטנדיק זיין אויסלייג:

תל־אָביב, 12/5, תרפ"ג.

צופעליק האָב איך דאָ געזען אייניקע נומערן פון אייער „טאָג", האָב איך זיך דערוווּסט, אַז עס דרוקט זיך דאָרט „פון שלום עליכמס אַרכיוו", זיינע בריוו צו שריפטשטעלער און פריינד. איך וואָלט זייער חשק געהאַט צו זען די אַלע גע־דרוקטע בריוו, בפרט אַז צו אייניקע פון זיי האָב אויך אַ שטיקל שייכות. אויב ס'איז מעגלעך, זייט פאַר מיר אַ „מליץ יושר", מען זאָל מיר צושיקן די אַלע ביילאַגעס פון „טאָג", ווו עס דרוקן זיך די בריוו פונעם אַרכיוו.

און אַז מען וועט שוין האַלטן אין שיקן צו מיר נעכטיקע „טעג", אפשר וואָלט איר אַזוי גוט געווען און אויך צוגעלייגט דעם נומער, ווו ס'איז געדרוקט געווען אייער אַרטיקל: „אַ באַוועגונג, וואָס באַוועגט זיך נישט" (איך בין פון דעם געוויר געוואָרן מן הצד).

און נאָך אַ זאַך, וואָס האָט אפשר גאָר אַ וויכטיקן אינטערעס: ווי מיינט איר, אפשר וואָלט געווען אַ סברא, מען זאָל אָנהייבן דרוקן טאַקע אין „טאָג" „נייע יידישע אגדות פון תלמוד און מדרשים, געזאַמלט און באַאַרבעט פון ח"נ ביאַליק און י"ח. ראַבניצקי". ווי איר ווייסט, זיינען דערשינען ביז איצט פון אונדזערע „יידישע אגדות" אויף יידיש 4 טיילן (איך ווייס נישט צי איר האָט זיי אַלע געזען), און דאָ שמועסט זיך וועגן אַ 5טן, וואָס ער איז ביי אונדז נאָך נישט אין גאַנצן פאַרטיק. איך וועל נישט נעמען פאַר אייך לויבן די אַרבעט אין „טאָג" אַריין. איך וועל אויך נישט אַריינלייגן אין נדן דאָס, וואָס ער („דער טאָג", מיין איך) וועט

---

*) די בריוו זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „געדאַנק און לעבן", ניו־יאָרק, יולי־אָקטאָבער, 1944.

באַקומען דורך דעם צווײ נײע מיטאַרבעטער. איך רעכן פשוט, אַז עס דרוקט זיך אין „טאָג“ אונדזער „תורה שבכתב“*) (דרך אגב, אַן אויסגעצײכנטע איבערזעצונג, יישר־כוח דעם איבערזעצער!), פאַר וואָס זאָל זיך אויך נישט דרוקן אונדזער תורה שבעל פּה? וואָס איז, קאַראַ:מער זײנען מיר, צי וואָס? הכלל, ענטפערט. אויב יאָ (פאַרוואָס זאָל זײן נײן?), שרײבט די באַדינגונגען און איר באַקומט באַלד מאַטער־יאַל פאַר די ערשטע עטלעכע נומערן.

אַלנפאַלס בעט איך אײך נישט אָפּלײגן אײער ענטפער, ווי דער שטײגער אַמאָל.

מיט אַכטונג,

י״ח רבניצקי

נ. ב. — איז געווען געדרוקט אין אײער „טאָג“ אַ רעצענזיע אויף מײן בוך „יִדישע וויצן“?

פון אָט דעם בריוו איז צו זען, אַז ראַבניצקיס אינטערעס צו יִדיש און צו אַלץ, וואָס ווערט געשאַפן אויף יִדיש, איז נישט אָפּגעשוואַכט געוואָרן אויך נאָך דעם, ווי ער איז געוואָרן אַ תושב פון דער אײנציקער יִדישער שטאָט אין דער וועלט, וווּ די הערשנדיקע שפּראַך איז העברעיִש. ער האָט נישט אויפגעהערט צו אַרבעטן אויף דעם יִדיש־נוסח פון די אגדות, האָט געהאַט אַ וואָרט פון אָנערקענונג פאַר יהואשן, וואָס זײן תנ״ך אויף יִדיש האָט זיך געדרוקט דאַן אין „טאָג“. אגב, איז עס געווען דאָס יאָר, ווען עס איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן ראַבניצקיס אַן אײגן בוך אויף יִדיש — „יִדישע וויצן“. דאָס איז, אויב איך האָב נישט קײן טעות, געווען זײן לעצטע אַרבעט אויף יִדיש. פון דאַן אָן איז ער, נישט פאַרלירנדיק זײן אינטערעס צו יִדיש, געווען אין גאַנצן אַרײַנגעטאָן אין שרײבן העברעיִש. אָבער ביז דאַן איז ער אין אונדזער ליטעראַרישער וועלט געווען די פאַרקערפּערונג פון דער טעאָריע און דער פּראַקטיק פון צווײ־שפּראַכיקײט.

ראַבניצקי איז געווען דער לעצטער פון יענעם דור יִדישע שרײבערס, וואָס בײ אים איז טײער האַלטן און העלפן אַנטוויקלען אונדזער ליטעראַטור אין בײדע שפּראַכן געווען אַ נאַטירלעכע, כמעט אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכע זאַך. דאָס איז יענע גרופּע שריפטשטעלערס, וואָס האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אַ ראָלע בײ אונדז אין די 80ער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט. אירע ערשטע און וויכטיקסטע פאָר־שטײערס זײנען געווען שלום־עליכם, מרדכי ספּעקטאָר און י. ל. פּרץ צווישן די דיכטערס, און י. ח. ראַבניצקי — צווישן די פּובליציסטן און קריטיקערס.

נאָך אײדער ער איז נאָענט באַפרײַנדט געוואָרן מיט ביאַליקן, וואָס זײן ערשט ליד („על הצפּור“) האָט ער געדרוקט אין ראַבניצקיס זאַמלבוך „פּרדס“, איז ער, ראַבניצקי, געוואָרן שלום עליכמס „אינטימסטער פרײַנד“, ווי אונדזער גרויסער הומאָריסט האָט אים אַלײן אָנגערופן. אין 1886 האָט ראַבניצקי פאַרבעטן שלום־עליכמען אָנטײל צו נעמען אין דעם פרי:ער דערמאָנטן זאַמלבוך „דער וועקער“. מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער איז ראַבניצקי געוואָרן שלום עליכמס מיטאַרבעטער אין דער קריטיש־ביבליאָגראַפישער אָפּטײלונג פון דער „יִדישע פאָלקס־ביבליאָטעק“. שלום־עליכם האָט צו זײן מיטאַרבעטער געהאַט אַזאַ טיפן צוטרוי, אַז ער האָט

*) יהואשעס איבערזעצונג פון תנ״ך.

אים פּאַקטיש געמאַכט פאַר דעם רעדאַקטאָר פון זיינע צוויי „יידישע" ראָמאַנען:
„סטעמפּעניו" און „יאָסעלע סאָלאָוויי". זיי זיינען, ווי ביילאַגעס, צו דער „יידישע
פאָלקס־ביבליאָטעק", געדרוקט געוואָרן אין אָדעס אונטער ראַבניצקיס השגחה;
דערביי האָט דער יונגער אַמביציעזער ראָמאַניסט אים געגעבן רשות „גאַנצע ווער־
טער אויסבעסערן, אַרויסוואַרפן, צושטעלן", — עס האָט זיך גערעדט נישט נאָר
וועגן איינציקע ווערטער: „וואַרפט אַרויס", האָט ער אים געשריבן אין אַ בריוו,
„שטעלט אַריין, בראָקט, האַקט, נאָר — לאָמיך אויך זען וואָס און ווען" („צום אָנ־
דענק פון שלום־עליכם", פעטראָגראַד, 1917, ז' 50). שפּעטער האָבן זיי געשריבן
בשותפות אין „המליץ" די באַוווסטע סעריע ליטעראַרישע פעליעטאָנען אונטערן
נאָמען „קבורת סופרים", אונטערגעשריבן „מאלדד ומידד" (שלום־עליכם איז גע־
ווען אלדד, ראַבניצקי — מידד). דער עיקר אָבער איז געווען זייער „קאָלאַבאָרירן"
אין דער „יידישע פּאָלקס־ביבליאָטעק". ראַבניצקי איז געווען דאָרט דער הויפּט־
קריטיקער.

דעביוטירט ווי אַ קריטיקער האָט ער פריער נאָך אין „יידישן פאָלקסבלאַט"
(1888). אָבער דאָרט האָט ער געהאַט „אַן עסק מיט שמאַטעס", ווי זיין סעריע אַר־
טיקלען האָט געהייסן. ער האָט געזוכט דערהויפּט אויסצוראָטן דעם שמריזם און
די שונד־ליטעראַטור בכלל (ער האָט געטאָן אין יידיש די אַרבעט, וואָס קריטיקוס
(ש. דובנאָוו) האָט אָנגעהויבן צו טאָן מיט אַ יאָר פריער אין רוסיש). אין שלום־
עליכמס „יידישע פּאָלקס־ביבליאָטעק" איז ראַבניצקיס הויפּט־עובדאָ געווען אַ
פּאָזיטיווע: דאָרט האָט ער דער יידישער „המון־ליטעראַטור", ווי דובנאָוו האָט זי
אָנגערופן, אַנטקעגנגעשטעלט די „פּאָלקס־ליטעראַטור" וואָס האָט זיך דאַן אָנ־
געהויבן פונאַנדערצובליען. ער האָט אַרויסגעשטעלט די ווערק פון מענדעלע מוכר
ספרים און שלום־עליכם, ש. פרוג און דוד פרישמאַן ווי אַ קעגנגיפט קעגן די
העכסט־אינטערעסאַנטע ראָמאַנען פון די שמרס, די זייפערטס און די בלאָשטיינס.

אין אָדעס און שפּעטער אין תל־אביב האָט ראַבניצקי אין אַ געוויסן זינען
פאַרנומען דעם אָרט, וואָס יעקב דינעזאָן האָט פאַרנומען אין וואַרשע. אָבער טאַקע
נאָר אין אַ געוויסן זינען. קיין פולער פאַרגלייך קען דאָ נישט זיין. אין דינעזאָנען
איז געווען עפּעס פון „דעם רבינס גבאי". ראַבניצקי איז געווען, אי ווייניקער, אי
מער, ווי אַ ליטעראַרישער גבאי. אים האָט אינטערעסירט נישט אַזוי דאָס פּריי־
וואַטע, ווי דאָס ליטעראַרישע אויסלעבן זיך פון שריפטשטעלערס וואָס זיינען געווען
אים נאָענט. ער האָט נישט באַדינט שלום־עליכמען אָדער ביאַליקן פערזענלעך. ער
האָט מיט זיי, ווי אַ גלייכער מיט גלייכע, מיטגעאַרבעט. ער איז געווען איינער פון
די זוגות, די פּאָרלעך, וואָס האָבן געווירקט אינעם יידישן קולטור־לעבן. נישט די
פּאָרלעך פון דער תלמודישער צייט, — הלל און שמאי, אביי און רבא. יענע זיינען
געווען צוויי צדדים, נישט קיין שותפים. האָט איינער געזאָגט יאָ, איז דער אַנ־
דערער אַרויס מיט אַ ניין; וואָס איינער האָט געכשרט, האָט דער צווייטער טריף
געמאַכט. די פּאָרלעך פון אונדזער צייט — און זיי האָב איך אין זינען — האָבן
נישט געפירט קיין מחלוקת צווישן זיך; זיי זיינען, פאַרקערט, געווען חברים.
פרץ און דינעזאָן אויף זייער שטייגער אין וואַרשע, ביאַליק און ראַבניצקי אין
אָדעס (און שפּעטער — אין תל־אביב). יאָרן לאַנג, צענדליגער יאָרן נאָכאַנאַנד,
זיינען זייערע נעמען דערמאָנט געוואָרן צוזאַמען; אַן אַ שיעור זאַכן האָבן זיי צו־

זאַמען געטאָן. זיינען זיי דען געווען אין אַלץ איינשטימיק? איז געווען דען אַזאַ אינעווייניקסטע האַרמאָניע צווישן זיי? אָ, ניין, אין אַ סך פּרטים זיינען זיי געווען צוויי קאָנטראַסטן. די וואָס האָבן געקענט פּרצן און דינעזאָנען ווייסן, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרשיידענע סאָרטן מענטשן זיי זיינען געווען, ווי שטאַרק זיי האָבן זיך אָפּגעשיידט איינער פון דעם אַנדערן לויט זייערע כאַראַקטערן, טעמפּעראַמענטן, געוווינהייטן, סימפּאַטיעס און אַנטיפּאַטיעס. שוין דאָס אַליין, וואָס פּרץ איז געווען אַ פּוילישער ייִד און דינעזאָן אַ ליטוואַק, וואָלט געקענט זיך שטעלן ווי אַ הויכע וואַנט צווישן זיי. פּרצעס אומרויִקייט, פּרצעס אימפּולסיוויקייט און דינעזאָנס געלאַסנקייט וואָלט געקענט זיין גענוג צו צעשטערן דעם שלום־בית. דאָך (אָדער אפשר טאַקע דערפֿאַר) איז ער נישט צעשטערט געוואָרן. איינער האָט פֿאַרמאָגט אַזוינע אייגנשאַפֿטן, וועלכע האָבן ביי דעם אַנדערן געפֿעלט. דאָס האָט זיי דערנעענטערט צווישן זיך, געמאַכט אַז איינער אָן דעם צווייטן זאָל נישט קענען אויסקומען. און אַזוי איז עס געווען אויך מיט ביאַליקן און ראַבניצקין. זיי זיינען געווען פּאַסיקע שותפים, ווייל יעדערער פון זיי האָט אינעם עסק אַריינגעלייגט זיין באַזונדערן חלק. יעדערער האָט צוגעטראָגן צו דער חברשאַפֿט עפּעס אַזוינס, וואָס איז ביים צווייטן נישט געווען.

דער עיקר אונטערשייד צווישן די צוויי פּאַרפֿאַסערס פונעם „ספר האגדה" („אגדות"), די צוויי רעדאַקטאָרן פון די זאַמלביכער „רשומות", פון איבן גבירולס אָדער משה אבן עזראס שירים, — וואָלטן אויפֿן בעסטן אופן געקענט, דאַכט זיך מיר, אויסגעדריקט ווערן אין די צוויי קלאַסישע טערמינען, וואָס ביאַליק אַליין האָט אין איינעם פון זיינע עסייען אַזוי וווּנדערלעך פֿאַרטייטשט — די טערמינען הלכה און אגדה. ביאַליקס הויפּט־כוח איז סוף־כל־סוף געווען דער כוח פון אגדה, כאָטש ער האָט געמעגט ווי שטאַרק האַלטן פון הלכה. ראַבניצקיס צושטייער איז שייך צו הלכה.

ביאַליק האָט נישט געוואָלט און נישט געקענט זיך צופרידנשטעלן מיט אגדה אָדער פּאָעזיע אַליין. ער האָט זי זייער הויך געשעצט; איז ער דאָך געווען איר גאָט־געבענטשטער פֿאַרשטייער. אָבער טאַקע דערפֿאַר האָט ער געהאַלטן אַז זי פירט, דאַרף און מוז פירן צו הלכה; אויב נישט, איז זי קיין אגדה אויך נישט. בײדע סאָרטן שעפֿערישקייט זיינען, לויט זיין מיינונג, עפּעס אַ מין צוויי־אייניקייט. זיי זיינען אַזוי ווי צוויי פּאַזן אין איין־און דעם זעלביקן פּראָצעס; וואַסער און אייז...
„דאָס רוישן פון דעם האַרצנס תביעות אין זייער געלאַף צום ציל — דאָס איז די אגדה: דער פּלאַץ פון רו, די באַפרייונג פון אַלע תביעות און זייער איינשטילונג — דאָס איז די הלכה. דער חלום לויפט און ציט זיך צום באַשייד, דעד ווילן — צו דער טאַט, דער געדאַנק — צום וואָרט, דאָס בליִעכץ — צו דער פּרי און די אגדה צו דער הלכה" (אין י. י. שוואַרצס איבערזעצונג) און ווען ביאַליק האָט, ווי אַ טייל פון זיין גרויסער „כינוס"־פּראָגראַם, דער פּראָגראַם פון אָפּקלייבן און אויפֿזאַמלען די אוצרות פון אונדזער פֿאָלקס־שאַפֿן, — געוואָלט אונדז אין בײדע שפּראַכן געבן אַ סיסטעמאַטיזירטן אָפּקלייב פון די אגדות, האָט ער געמוזט אָנקומען צו י. ח. ראַבניצקיס הלכהשער מיטאַרבעטערשאַפֿט.

עס האָט זיך טאַקע געהאַנדלט וועגן אגדה, אָבער אויפֿזוכן, אָפּקלייבן, סיסטעמאַטיזירן, רעדאַקטירן אגדתאס, וואָס זיינען צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע

זיבן ימען פון גמרא, מדרש אד״גל — דאָס איז שוין אַן ענין נישט פון אגדה, נאָר פון הלכה. דערצו איז, אַ חוץ קענטשאַפט, לומדות און געשמאַק, נייטיק אויך אַר־בעט, התמדה און סיסטעמאַטישקייט.

פונקט אַזוי איז נישט גענוג געווען דעם פּאָעטס חלום, דעם פּאָעטס פאַנ־טאַזיע און באַגייסטערונג צו פאַרלייכטערן דעם לימוד פון חומש אָדער די נביאים אין דעם מאָדערנעם בית־ספר און אויף צוגענגלעך צו מאַכן דעם היינטיקן עולם די פּאָעזיע פון דער „גאָלדענער עפּאָכע״ אין ספרד. מען האָט דערצו געדאַרפט האָבן אויך די אַרבעט און די פּראַקטישע געניטקייט פון דעם פּעדאַגאָג, דעם אויפטו פון וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג: הלכה. עס איז, מיט אַנדערע ווערטער, נייטיק געווען די מיטהילף פון אַזאַ איבערגעגעבענעם ליטעראַרישן און וויסנשאַפט־לעכן טוער ווי עס איז געווען ראַבניצקי.

מיר קענען זיך נישט גאָר פאָרשטעלן אַ שותף צו ביאַליקן אין זיינע שירים אָדער דערציילונגען. פון דער אַנדערער זייט האָט ראַבניצקי געקאָנט טאָן אַליין זיין אַרבעט, ווען ער האָט געשריבן זיינע ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען אָדער זכרונות („דור וסופריו״), ווען ער האָט געזאַמלט „יידישע וויצן״, ווען ער האָט רעדאַקטירט דעם „פרדס״, דעם „יוד״. אָבער די מאָנומענטאַלע אַרבעט פון אויפזאַמלען די אגדות, די וויסנשאַפטלעכע רעדאַקטירונג פון דער ספרדישער פּאָעזיע און ענלעכע ליטע־ראַרישע אַרבעטן — זיי האָבן נישט געקענט געטאָן ווערן נישט פון ביאַליקן באַזונ־דער, נישט פון ראַבניצקין באַזונדער. זיי האָבן געפאָדערט די פאַראייניקונג פוןביידנס כוחות. פאַר זיי איז נייטיק געווען די שעפערישע קאָמבינירונג פון אַן אגדה־מענטשן מיט אַ בעל־הלכה. פונקט אַזוי ווי ראַבניצקי אַליין וואָלט עס נישט געקענט טאָן בשלימות, וואָלט עס נישט געקענט דערגרייכט ווערן אויך פון ביאַליקן אַליין. ראַבניצקין וואָלט געפעלט די שפּראַכלעכע און פּאָעטישע אינטויציע, וואָס איז נייטיק געווען פאַר דער אַרבעט; ער האָט נישט געהאַט ביאַליקס געניאַלע איינפאַלן. ביאַליק וואָלט נישט געפונען אין זיך די געדולד, די התמדה און די גרויסע עקשנות, וואָס מען האָט געמוזט האָבן אויף פּאַרטיק צו מאַכן די אַלע גרויסע ווערק.

ביאַליק האָט געוווּסט דערפון, — און ער האָט אַזוי הויך דערפאַר געשעצט ראַבניצקיס מיטאַרבעטערשאַפט. ביאַליק האָט געוווּסט אַז נישט נאָר ער אַליין, — די גאַנצע מאָדערנע יידישע קולטור נייטיקט זיך אין דעם אייז און אין דעם אייזן פון הלכה. ער האָט געוווּסט אַז בעת ער אַליין האָט כאָטש געחלומט דעם חלום פון הלכה, האָבן אַנדערע יידישע דיכטערס אפילו נישט געטראַכט וועגן איר. זיי האָבן געקוקט אויף איר מיט ביטול. זיי האָבן נישט צוגעגעבן, אַז זי איז, ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט, „נישט ווינציקער שעפעריש פון דער אגדה״. זיי איז נישט איינגעפאַלן צו טראַכטן, אַז איר קונסט איז „די גרעסטע אין דער וועלט: די קונסט פון לעבן און פון לעבנס־וועגן״... זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען, אַז זי „איז בשום אופן נישט די נעגאַציע פון געפיל, נאָר דאָס צאַמען פון געפיל״, אַז „איר אכזריות איז — פון אַ שעפערישער, אויפהאַלטנדיקער קראַפט״. עס איז אויפגעשטאַנען אַ דור, האָט זיך ביאַליק געקלאָגט, „וואָס איז אין גאַנצן אַגדה. הלכה אין לעבן און אגדה אין ליטעראַטור. די גאַנצע וועלט איז נישט מער ווי אַ לעגענדע אין אַ לעגענדע. פון דער הלכה אין אַלע אירע זינען איז קיין זכר נישט געבליבן. מיר וויסן נאָך, ווי ש. ראָזענפעלד האָט זיך אויסגעדריקט, פון איין סאָרט יידישקייט

— אַ „בעלעטריסטישער". ש. ראָזענפעלד האָט אין זינען געהאַט דערהויפּט די ייִדיש־ייִדישקייט. ביאַליק האָט אַריינגענומען אין כלל אויך העברעיִש. ער האָט געשריבן וועגן אונדזער גאַנצער נייער ליטעראַטור, אַז אין איר גרעסטן טייל האָט זי „זיך (ווי יעדער קבצן) געמאַכט איר באַשטענדיקע דירה אין סאַמע קעלער פון קולטורעלן געדאַנק און געפיל. פאַרשלאָסן זיינען פאַר איר אַלע פּופּציק טויערן פון „בינה", און עס איז בלויז געבליבן אַ קליין אונטערווינקל פון אַ צווייפל־האַפטיקער „שיינקייט" — די אגדה פון אונדזער צייט. אַ ביסל דערציילונגען און אַ ביסל לידער — דאָס איז איר גאַנצער באַגאַזש. קיין שום אַנדערע השפעה פון די העכערע גייסטיקע קוואַלן זיינען אין איר נישט פאַראַנען. אויסגעטריקנט איז הלכה געוואָרן ביי ייִדן" אאַז"וו.

און אויב ביאַליק האָט אַזוי געשריבן וועגן העברעיִש, הייַנט וואָס איז שוין צו ריידן וועגן ייִדיש? העברעיִש האָט געהאַט אַ גרויסע טראַדיציע פון הלכה, בעת די ייִדיש־טראַדיציע איז, פאַרקערט, אַ טראַדיציע פון „מעשיות און לידער". און די דאָזיקע טראַדיציעווירקט נאָך איצט אויך.

עד היום איז פאַרשפּרייט ביי אונדז די מיינונג, אַז אַ שעפערישער שרייבער איז דער, וואָס שרייבט אין דער פאָרעם פון לידער, דערציילונגען אָדער דראַמעס. דיכטערס זיינען נאָך איצט ביי אונדז די איינציקע וואָס זיצן אויבן־אָן און קוקן אויף יענע דאָרט, וואָס האָבן צו טאָן נישט מיט אויסגעטראַכטע אָדער אויסגעחלומטע זאַכן, נאָר מיט פשוטע ווירקלעכקייטן — פון אויבן אַראָפּ. אַ מעשה, אַ דראַמע אָדער אַ ליד רעכנט זיך נאָך אַלץ ביי אונדז פאַר דער איינציקער, נישט נאָר פאַר דער העכסטער, פאָרעם פון ליטעראַרישן שאַפן. וויסן, בילדונג, געדאַנק איז נאָך אַלץ ביי אונדז אַ לוקסוס־זאַך אָדער — ניין, נישט קיין לוקסוס, נאָר אַ פּראָסט שטיקל טעגלעך ברויט, וואָס איז נישט פאַרן גומען פון יענע וואָס זייער שפּייז איז קונסט־אַמבראָזיע. דערהויפּט איז מען מבטל קולטור־אַרבעט. מען זיצט אין דער היים אָדער מען שוועבט אין די הימלען — און מען שאַפט. דאָס הויכע וואָרט איז שאַפן. אַרבעטן איז אַ נידעריקע מדרגה. אַרבעטן איז קיין קונץ נישט, ווער קען עס נישט? דער אמת איז, אַז אָן אַרבעט, אָן התמדה, אָן מסירת־נפש און אָן געוויסע געניטקייטן און קענטענישן, וואָס קומען מיט און פון דער אַרבעט, קענען אויך נישט זיין קיין גרויסע שעפערישע דערגרייכונגען. דאָס איז דער היסטאָ־רישער אמת. פון דעסטוועגן האַלט מען ביי אונדז נישט פון די, וואָס זייער גייס־טיקע פּראָדוקטיוויטעט איז פאַרבונדן מיט לערנען, מיט פאָרשן, מיט זאַמלען, מיט וויסן ווי צו נוצן געצייג ווי אויך די פּראָדוקטן פון לערנען און זאַמלען און פאָרשן. ביי אונדז וויל מען נאָר שאַפן אַ יש מאין. דער „שאַפער", גלייבט מען ביי אונדז, נייטיקט זיך נישט אין אַזאַ וואָכעדיקער זאַך ווי וויסן, וואָס און ווי אַנדערע האָבן געשאַפן, אָדער אין וויסן בכלל. ער האָט אינטויִציע, אויף אים רוט די שכינה, דער רוח הקודש.

מיט דעם דערקלערט זיך וואָס מענטשן, וועלכע האָבן זיך קיין מאָל נישט אָפּגעגעבן מיט שטודירן, זאָגן מיר, שפּראַכן, אַפילו נישט מיט שטודירן זייער אייגענע שפּראַך, ייִדיש, מישן זיך אין פראַגעס פון לינגוויסטיק און „וויסן בעסער" פון אַלע פאַכלייט.

דערפון נעמט זיך, וואָס זעלטן ווען עמעצער קאָנצענטרירט זיך ביי אונדז

אויף זאַמלען, זאָגן מיר, יידישן פאָלקלאָר אָדער מאַטעריאַל פאַר יידישער געשיכטע. צו וואָס זאַמלען דאַטן, דאָקומענטן? צו וואָס זיך מיִען און מאַטערן? מען דאַרף נאָר זיין „שעפעריש“, ווערט מען אַ פאָלקלאָריסט, אַ היסטאָריקער, — וואָס נאָר מען וויל.

בכלל איז מען נאָך ביי אונדז אַלץ נישט צוגעגרייט צו אַזאַ זאַך ווי צו גרייטן זיך, מיִען זיך, גיין פאַמעלעך פון אונטן אַרויף, קריכן ביי די גרעסטע מניעות, אָפט פאַלנדיק און אָנווערנדיק די כוחות, באַרג־אַרויף. מען וויל גלייך אָנהייבן פון אויבן, פון שפיץ.

מ'האָט נישט קיין געדולד צום לאַנגן, שווערן צוגרייטונג־פעריאָד; מ'וויל גלייך ווערן אַ שאַפער, נישט זיין דאָרטן עפּעס אַ שטיקל טוער, אַן אַרויסהעלפער... י. ח. ראַבניצקי, אַ מענטש מיט גייסט און טאַלאַנט, מיט וויסן און בילדונג, אַ קלאָרער קאָפּ, אַ זאַכלעכער שריפטשטעלער, אַן ערלעכער דענקער, — י. ח. ראַבניצקי האָט זיך נישט געשעמט אָפּצולעבן אַ לעבן, וואָס איז געווען פול מיט אַרבעט, מיט מי, מיט האָרעוואַניע. ער האָט געהאַלטן פאַר אַ זכיה צו זיין אַן אַרויסהעלפער, אַ טוער. און חיים נחמן ביאַליק, דער גרויסער פּאָעט, האָט געוווּסט ווי צו שעצן דעם טוער אין ראַבניצקין. ביאַליק, דער גייסטרייכער שמועסער, איז געווען פול מיט דרך־ארץ פאַר דער שטילקייט פון זיין פריינדס מי, פאַר דער איידלקייט פון זיין קרבן. און אַזוי ווי דעם חלום ציט צום באַשייד, דעם ווילן — צו טאַט, דאָס בליִעכץ — צו דער פרי און דער אגדה — צו הלכה, אַזוי האָט ביאַליקן געצויגן צו ראַבניצקין.

דער פּאָעט האָט געוווּסט אַז „ יידישקייט, וואָס איז אין גאַנצן אגדה, איז געגליכן צום אייזן, וואָס איז צעגליט אין פייער און נישט אָפּגעטונקט געוואָרן אין קאַלט וואַסער“. ראַבניצקי איז געווען „דאָס קאַלטע וואַסער“, אין וועלכן ביאַליק האָט געזוכט אָפּצוטונקען זיין — אין פייער צעגליטן — אייזן.

ביאַליק האָט פאַרשטאַנען — און דאָס איז די צוואה, וואָס ער האָט אונדז איבערגעלאָזן, — אַז „שטרעבונג פון האַרץ, גוטער ווילן, גייסטיקע דערוואַכונג, אינערלעכע ליבע — (אַז) די אַלע זאַכן זיינען שיין און ניצלעך, ווען זיי שליסן זיך מיט מעשים, מעשים האַרט ווי אייזן, ווי גרויזאַמע פליכט“... דערפון נעמט זיך זיין מאַכן שותפות מיט י. ח. ראַבניצקין.

ראַבניצקי, דער שטילער טוער, דער קאַלטער אָפּקילער פון הייסן, צעגליטן אייזן, האָט ביאַליקן געהאָלפן באַשיידן זיינע חלומות, דערהויפט דעם חלום פון כינוס, האָט אים געהאָלפן אַריינבערענגען אין דעם בלויען בלוט פון זיין אגדה דעם גרויען אייזן פון הלכה, האָט אים געהאָלפן צוגעבן צו דער ווייכקייט פון פּאָעזיע די האַרטקייט פון מעשים, פון גרויזאַמער פליכט...

4. דוד פרישמאַן (1860—1922)

א.

ווען דוד פרישמאַן איז (דעם 4טן אויגוסט 1922) געשטאָרבן, האָט מע נישט געוווּסט — און מע ווייסט אויך איצט נישט — אַקוראַט ווי אַלט ער איז געווען:

צי 57 יאָר, לויט זיינע אייגענע נאָטיצן, צי 62 יאָר, אָדער מער, ווי עס זאָגן זיינע נאָענטע פריינד. אָבער אַלץ איינס ווי אַלט ער איז געווען, איז ער אַוועק פון אונדז יונג... טאַלאַנט איז אייביק יונג (דאָס איז געווען פרישמאַנס באַליבטע אידייע). ער איז געשטאָרבן אין מיטן דער פונאַנדערבליִונג פון זיין טאַלאַנט. איז ער הייסט עס געשטאָרבן יוגנטלעך. ער איז קיין מאָל נישט געווען אַזוי פרוכטבאַר אויף אַלע געביטן פון זיין ליטעראַרישער טעטיקייט — אויף די געביטן פון קריטיק, ליריק, דערציילונגען, עסייען, פעליעטאָנען, קינסטלערישע איבערזעצונגען, רעדאַקטאָרשאַפט — ווי אין דעם לעצטן פעריאָד פון זיין לעבן.

זיין שריפטשטעלערישע מייסטערשאַפט — די קלאָרקייט פון זיין געדאַנק, די קראַפט און די שאַרפקייט פון זיין אויסדרוק, די גראַציעזישקייט פון זיין סטיל, זיין סאַרקאַזם, זיין לירישקייט האָבן זיך געפילט שוין אין זיינע ערשטע ווערק אויף העברעיִש. אָבער צו זייער העכסטער מדרגה האָבן זיינע אַלע מעלות זיך דערנעענט ערשט אין דער צווייטער העלפט פון זיין מער ווי פערציק־יאָריקן ליטעראַרישן שאַפן. ווען ער האָט — נאָך גאָר יונג — גענומען שטורעמען די פעסטונגען פון דער העברעיִשער פּרעסע, דער העברעיִשער מליצה אָנהייב אַכציקער יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט, האָט ער געמאַכט אַן איינדרוק פון אַן „עילוי", אָבער ער איז נישט געבליבן קיין וווּנדערקינד. זיין קראַפט איז געוואַקסן און עס האָט אים געצויגן צו רייפקייט, צו שלימות. עס איז פאַר אים נישט געשטאַנען קיין גלית הפלישתי, ווען ער איז צום ערשטן מאָל אַרויס אויפן ליטעראַרישן „שלאַכטפעלד", — עס איז נישט געווען צו פיל האַפט און קראַפט אין דער מליצהדיקער בטלנות וואָס פרישמאַן האָט באַקעמפט; עס איז צום גרעסטן טייל געווען אַ שטרוי־אָנגעשטאָפּטע פּופּע פאַר דערוואַקסענע, וואָס פונעם ערשטן ריר פון לעבעדיקן לעבן וואָלט זי סיי־ווי אומגעפאַלן — אָבער ער, דער יוגנטלעכער קעמפער, האָט אויסגעזען ווי אַ קליינער דוד, אַזוי ווי ווען ער זאָל באמת האָבן זיך געצילט אין אַ מעכטיקן שונא און אים געטראָפן מיט אַ שטיין אין קאָפּ און אַ פייל אין האַרצן אַריין.

איצט קאָן אונדז אויסזען נאַיִוו אַט דאָס אַרויסטרעטן מיט אַזאַ אימפּעט, מיט אַזאַ ברענענדיקן צאָרן קעגן מליצות וואָס זייער אָנגעבלאָזנקייט האָבן פריִער נאָך פאַר פרישמאַנען געזען אַבראַמאָוויטש, קאָוונער און אַנדערע. ס'קאָן זיך אויסדאַכטן צו זיין אַ היפּש ביסל דאָן קיכאָטיש אַט דאָס שטיין קעגן פּוסטע ווינטמילן מיט אַ שווערד אין האַנט און מיט „בליצן און דונערן" פון נביאישע רייד אין מויל („חי אני, אם לא ביד חזקה ובזרוע נטיה"... — דאָס איז געווען דער טאָן אין וועלכן פרישמאַן האָט געשריבן), אָבער דאָן איז געווען אין דעם נישט נאָר ענטוזיאַזם און יוגנטלעכע קאַמפּלוסטיקייט, אמתער מוט דאָס צו טאָן... דער קיניג איז געווען נאַקעט, אָבער דער ערשטער וואָס שרייט אויס איז אַ העלד, אויב ער איז נישט קיין קינד.

אין דוד פרישמאַנען איז ווי אין יעדן אויפריכטיקן קעמפער געווען עפּעס קינדישס, תמימותדיקס, אָבער נאָך מער איז געווען אין אים פּאַטעטישקייט. ער האָט דאָך נישט געזאָגט מיט אַ שטילן שמייכל: „דער קיניג איז הויל און נאַקעט". ער האָט געמאַכט גוואַלדן. און אַ דאַנק אַט דעם געשריי, אַט דער וואָרע־

נונג, איז „תוהו ובוהו" — זיין הייסער פאַמפלעט קעגן די גדולים פון זיין צייט — געווען אַ דאַטע אין דער געשיכטע פון אונדזער קריטיק.

פאַר אונדז, איצטיקע, זיינען די צעדערבוימס, די יהל"לס און אַפילו די פּרץ סמאָלענסקינס שוין לאַנג זכרונות, ליבע זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט; מיר זעען זיי איצט אין אַ היסטאָרישער פּערספּעקטיוו, און די שוואַכקייטן און די לע־כערלעכקייטן (אַזוי ווי די פּאָזיטיווע זייטן) פון דער עפּאָכע און דעם סטיל, וואָס זיי רעפּרעזענטירן, זיינען איצט אונדז (און פרישמאַנען אַליין אין אַ שפּעטערדיקן פּעריאָד) געוואָרן קלערער, ווי זיי זיינען געווען ווען ער איז קעגן זיי אַרויסגע־טראָטן, אָבער דאַן איז עס געווען שווערער צו זען ווי איצט, און דערהויפּט איז געווען שווער ׳עפּעס צו זאָגן בפני כל עם ועדה. דאָס האָט דאָך געהייסן מורד זיין אין די געאַכפּערטע און געקרוינטע מנהיגי הדור! דעריבער איז נישט אַזוי וויכטיק, צי האָט דוד פרישמאַנס שאַרפע קריטיק געהאַט אַן אמתע ווירקונג אויף דעם ברייטן עולם לייענערס, אָדער זיי האָבן נאָר באַוווּנדערט זיין „לשון", אַזוי ווי זיי זיינען פריִער אַנטציקט געווען פון אר"זעס אָדער יהל"לס „ניבים נוים": — אַליין פאַר זיך איז עס געווען אַ שיינע און אַ געוואַגטע זאַך. און אין די הערצער פון יחידים האָט עס זיכער איבערגעלאָזט שפּורן. עס האָט לייכטער געמאַכט דעם וועג און שנעלער — דעם גאַנג פון די אַנזאָגערס פון אַ נייער תקופה.

עס וואָלט געווען אָבער אַ גרויסע אומגערעכטיקייט קעגן פרישמאַנס ליטע־ראַרישן שאַפן — אָפּצושטעלן זיך צו לאַנג אויף זיין „קאַמף מיט דער בטלנות", אויף זיין „איראָפּעיִשקייט" אד"גל. פרישמאַן וואָלט נישט פאַרנומען, נישט גע־קאָנט פאַרנעמען קיין אָרט אויבן־אָן אין דער מאָדערנער העברעיִשער (און צום טייל אויך ייִדישער) ליטעראַטור, ווען זיין הויפּט־פאַרדינסט זאָל זיין די „תוהו־ובוהו"־פּאָלעמיק און די פּראָגראַם פון „גוטן געשמאַק". מיט פּאָלעמיק אַליין גיט מען אין אַ ליטעראַטור נישט אַריין קיין נייעם גייסט, בפרט נאָך אַז אין היץ און רויך פון קאַמף זעט מען נישט ריכטיק דאָס אמתע געזיכט פון אַן עפּאָכע און אירע פאָרשטייערס. מען כאַפּט נאָר יענע אויסגעקרימטע שטריכן וואָס קענען לייכט פאַרגרעסערט און אויסגעלאַכט ווערן. און וואָס איז שייך „גוטן געשמאַק" איז עס בכלל נישט קיין פּראָגראַם פאַר אַ ליטעראַטור. דאָס איז אַן אויסדרוק וואָס דאַרף ערשט אָנגעפילט ווערן מיט אינהאַלט (איך ווייס אָבער נישט, צי איז עס אַ סימן פון גוטן געשמאַק אַז דאָס האַלטן אין איין ריידן וועגן גוטן געשמאַק). ווייטער: „איראָפּעיִשקייט" איז אוודאי נישט מער ווי אַ פאָרמעלער און זייער אומבאַשטימ־טער באַגריף. הינטער „איראָפּעיִזם" קאָן זיך באַהאַלטן אַ מאָל נישט ווייניקער בטלנות, פּוסטקייט און פּראָווינציִאַליזם ווי אין אַ חקירה פון „המגיד" אָדער „הלבנון". מיר היינט ווערן שוין בכלל נישט אַזוי נתפּעל פון די „ארצות המערב". אָנהייב אַכציקער יאָרן איז די לאַגע (דאָס דאַרף מע נישט פאַרגעסן) געווען אַנ־דערש; עס זיינען געווען אַנדערע השגות, אַנדערע פאָדערונגען. דאָך וואָלט געווען נישט ריכטיק אַריינצושטופּן אַזאַ לעבעדיקן גייסט ווי דוד פרישמאַן אין די אַרכיוו־קעלערס פון יענער, שוין לאַנג פאַרגאַנגענער עפּאָכע און האַלטן אין איין דער־טאָנען זיין „איראָפּעיִשקייט", זיין ריידן וועגן „הטעם הטוב" אד"גל.

אגב איז קיין שרייבער נישט דאָס וואָס ער פּריידיקט, נאָר דאָס וואָס ער איז.

וואָס איז פרישמאַן? ער איז מער ווי זיינע פּאַמפלעטן און פּראָגראַמען. עס

שעפּט אים נישט אויס זיין דורכזיכטיקע אָבער שיטערע ליריק; איר האָט אים נאָך נישט, ווען איר זייט מוסיף צו איר זיין קריטיק, זיינע עסייען, מעשיות, איבערזעצונגען. ער נעמט דאָס אַלץ אַרום, נעמט דאָס אַלץ אַריין אין זיך, און עס וואָלט הייסן צעברעקלען פרישמאַנען — אויב מ׳זאָל ריידן וועגן זיין פּאָעזיע באַזונדער, וועגן זיין קריטיק באַזונדער, וועגן זיינע דערציילונגען באַזונדער אאַז״וו. און מיר וואָלטן אויך נישט געהאַט דעם סך־הכל וואָס הייסט פרישמאַן, ווען מיר זאָלן פון זיינע איינציקע אויפטוען אויף פאַרשיידענע געביטן מאַכן אַ חיבור.

עס זיינען דאָ שרייבערס וואָס מיר שעצן זיי צוליב זייערע ווערק און עס זיינען דאָ אַזעלכע שריפטשטעלערס, וואָס מיר ווייסן ווי צו שעצן זייערע ווערק צוליב זיי. פרישמאַן געהערט צו די לעצטע. אָבער אויך זיי זיינען נישט אַלע גלייך. אין איינע באַוווּנדערן מיר די דינאַמישע גאַנצקייט, דעם סך־הכל פון אַלע זייערע כוחות און כשרונות, אין אַנדערע — איין דאָמינירנדיקע פעיִקייט זייערע, די, וואָס האָט ווערטפול געמאַכט אַלץ צו וואָס זיי האָבן זיך צוגערירט. צי אָט־די פון איין קראַפט באַהערשטע פּערזענלעכקייטן האָט געהערט פרישמאַן. זיין כוח איז געווען זיין שריפטשטעלערישע מייסטערשאַפט.

און ווען איך זאָג דאָס, מיין איך נישט נאָר זיין סטיל אַליין. עס וואָלט געווען פונקט אַזאַ אָרעמע באַנאַליטעט צו זאָגן אַז פרישמאַן האָט געהאַט אַ פיינעם סטיל, אַ געלייטערטן העברעיִש אד״גל, ווי צו זאָגן, אַז ער איז געווען אַן „איירא־פּעער״, האָט „פיינט געהאַט בטלנות״ אאַז״וו. איך מיין עפּעס מער ווי סטיל. סטיל אין ליטעראַטור איז דערהויפּט שייך צו דער שפּראַך. פרישמאַן איז געווען מער, אַ סך מער ווי אַ שפּראַך־מייסטער. ער איז געווען אַ בוי־מייסטער. ער איז געווען אַ פולשטענדיקער בעל־הבית נישט נאָר איבער זיין שפּראַכלעכן אינסטרומענט, ער האָט באַהערשט אויך דעם עמאָציאָנעלן און געדאַנקלעכן מאַטעריאַל וואָס ער האָט געניצט. ער האָט אים אַרויסגעבראַכט און אויסגעלייגט פונקט אין דעם סדר, לויט דעם פּלאַן און מיט דעם ציל וואָס איז אים געווען געוווּנטשן. זיינע געדאַנקען און געפילן, נישט נאָר די ווערטער, האָבן אים געפאָלגט פונקט אַזוי ווי די ציגל, ליים, צעמענט, שטאָל און אייזן, גיבן זיך אונטער דעם בויער פון אַ הויז.

ער האָט געמעגט האָבן פּראָדוקטיווע און אומפּרוכטבאַרע אָדער פאַלשע געדאַנקען; געפילן האָבן געקאָנט זיין ביי אים רייכע און אויך אָרעמע, אויבנאויפיקע געפילן; אָבער נישט דאָס איז דער עיקר. וויכטיק איז וואָס אַלע געדאַנקען, אַלע איבערלעבונגען, וועלכע ער האָט געוואָלט אַרויסברענגען, האָט ער אַרויסגעבראַכט און אַרויסגעבראַכט זיי אַזוי גאַנץ, אַזוי קלאָר אַז איר האָט נישט געטראַכט גאָר וועגן זיין אייגענעם ווערט. איר האָט ווייסנדיק אָדער נישט ווייסנדיק עס אַליין, באַוווּנדערט די קראַפט פון אויסדרוק וואָס איז אין זיי אַנטפּלעקט געוואָרן.

פערזענלעך איז ער געווען פול מיט עטישן פּאַטאָס, מיט בענקעניש נאָך אמת, נאָך עכטקייט. אַפילו אין זיין סקעפּטיציזם איז ער אָפּט געווען פּאַטעטיש (עס איז אַ טעות צו האַלטן אים פאַר אַ טיפּישן סקעפּטיקער; ער האָט גיכער געהערט צו יענעם סאָרט פּאָטענציעל־פרומע מענטשן וואָס זייער גאַנץ לעבן ליידן זיי דערפון, וואָס זיי האָבן נישט קיין רעליגיע, נאָר רעליגיאָזיטעט און סוראָגאַטן, דורך וועלכע זיי זוכן צו באַפרידיקן אָדער אָפּצונאַרן זייער רעליגיעזן הונגער. פרישמאַנס סוראָגאַטן פון הייליקייט זיינען געווען — העברעיִש און בכלל די קונסט פון וואָרט).

אָבער ניִשט געקוקט אויף די עטישע אימפּולסן פון פרישמאַנס שרייבן, איז אונדזער איינדרוק פון אים — אַ ריין עסטעטישער.

אונדז זאָגט ווייניק „פרישמאַן דער דערציילער", „פרישמאַן דער ליריקער", „פרישמאַן דער קריטיקער", אאַז"וו. אָבער זייער פיל באַטייט פאַר אונדז פריש־מאַן דער שריפטשטעלער.

דאָס איז בנוגע צו אים ניִשט קיין גענעראַליזאַציע, נאָר, פאַרקערט, זייער אַ קאָנקרעטע קוואַליפיצירונג. ווען מיר זאָגן „פרישמאַן דער שריפטשטעלער" רירן מיר אָן טיפער זיין „איך" ווי ווען מיר זאָגן „פרישמאַן דער דערציילער, דער ליריקער, דער קריטיקער". פרישמאַן איז פריִער פאַר אַלץ און נאָך אַלעמען — אַ פאַרקערפּערונג פון דער שריפטשטעלערישער קונסט, ד"ה אַ מענטש וואָס מיט דער הילף פון געשריבענעם וואָרט און זיין אָרגאַניזירונג און ריטמיזירונג קען ער אויסדריקן אַ מאַקסימאַלן טייל פון זיין דענקען און פילן. און זאָל דאָס ניִשט זיין גרינג אין אונדזערע אויגן. ביי שרייבערס מיט אָריגינעלע געדאַנקען און טי־פערע געפילן ווי די וואָס זיינען געווען ביי פרישמאַנען, קאָן טרעפן אַז זיי זאָל עס ניִשט געלינגען. גאַנץ אָפט איז אַ שרייבער נאָר אויף אַ העלפט, נאָר אויף אַ דריטל, נאָר אויף אַ צענטל אַ שרייבער. דאָס הייסט: אים געלינגט אויסצודריקן נאָר אַ העלפט, אַ דריטל, אַ צענטל פון דעם וואָס ער וויל זאָגן. עס בלייבט אין אים עפּעס, און מער ווי עפּעס ניִשט אַרויסגעזאָגטס. אָט האָט ער דאַכט זיך געפונען דאָס וואָרט וואָס ער זוכט: די נאַקעטע נשמה אין אים האָט זיך אָנגעטאָן אין אַ גוף, איז דערלייזט געוואָרן פון דער שטומקייט, פון דער טונקלקייט; אָבער באַלד דערפילט ער — און מיר, לייענערס, דערפילן — אַז דאָס וואָרט איז פאַר איר אַ תפיסה, ניִשט קיין דערלייזונג. זיין אמתן געדאַנק, זיין אמתן געפיל, זיין אמתע זעונג איז ענג אין דעם וואָרט, עס פעלט זיי פרייהייט, רחבות, לופט צו אָטעמען...

„אַ מחשבה ווערט אַ ליגן ווי נאָר מען זאָגט זי אַרויס", קלאָגט זיך דער רוסישער דיכטער טיוטשעוו. און ניִשט ער אַליין קלאָגט זיך אויף דעם. אויך אַנדערע וואָרט־קינסטלערס האָבן געשריבן וועגן דער פאַרפירערישקייט פון דעם מענטשנס שפּראַך. „עס איז שווער צו דערקלערן מיט אַ קאַלטן בוכשטאַב דעם קאַמף פון מחשבות; מענטשן האָבן ניִשט קיין קלאַנגען גענוג שטאַרק אויסצומאָלן דעם ווונק פון גליק. אַ ברען פון היכּע דערהויבענע באַגערן פיל איך, נאָר כ'געפין ניִשט קיין ווערטער" אאַז"וו (לערמאָנטאָוו). אויך פרישמאַן האָט געוויס געפירט אַ גרויסן און אַ שטענדיקן קאַמף פאַרן וואָרט און מיטן וואָרט. אָבער ער איז פון קאַמף אַרויס מיט אַ קרוין פון ניצחון אויפן קאָפּ. פאַר די צילן וואָס ער האָט זיך גע־שטעלט, האָט ער געפונען די נייטיקע מיטלען. דעם מאַטעריאַל, וואָס ער האָט געהאַט, האָט ער געגעבן אַ פאָרעם...

נעמט זיך עס אפשר דערפון וואָס ער האָט זיך ניִשט געשטעלט קיין צו גרויסע צילן, ניִשט געהאַט קיין צו רייכן מאַטעריאַל? דאָס קען זיין. ער האָט גע־וואָלט אויסדריקן נאָר דאָס וואָס ער האָט געקאָנט אויסדריקן. זיין ווילן האָט ניִשט איבערגעיאָגט זיין קענען. ניִשט אומזיסט איז אים אַזוי פרעמד געווען פּרץ. יענער האָט זיך געשטעלט אויך אַזוינע צילן, וואָס ער האָט ניִשט געקענט דערגרייכן. ער איז געווען אַ זוכער אַפילו ווען ער האָט ניִשט געקאָנט זיין קיין געפינער. פרישמאַן האָט אויך געוויס „געזוכט", געשטרעבט; ער האָט געוויס אויך געהאַט

זיין „בלויען פויגל" ערגעץ אין דער לופט, זיין „בלויע בלום" ערגעץ אין א ווייטן אומבאַקאַנטן לאַנד. עס זיינען ביי אים אויך מסתמא געווען אומקלאָרקייטן און אומבאַשטימטקייטן. אָבער מיר לייענערס האָבן נישט געוווסט דערפון. מיט אַלע זיינע קלערענישן, מיט זיינע אַלע טאָמערס און טונקלקייטן איז ער פּאַרטיק אָדער נישט פּאַרטיק געוואָרן אין דער שטיל, אין יענע לאַנגע, שווערע און פּיינ־לעכע שעהן ווען ער האָט זיך געגרייט צו זיין אַרבעט. צו אונדז לייענערס איז ער געקומען אַ צוגעגרייטער, אַ פּאַרטיקער, אַ זיכערער, אַ קלאָרער. ביז צום לעצטן פּינטעלע — אַ קלאָרער. פּרץ האָט געטראַכט הויך אויפן קול, מיט דער פּען אין האַנט, פאַר אַלעמען אין די אויגן; מיר האָבן געוווסט פון זיינע ספיקות, נישט נאָר פון זיינע געוויסהייטן; מיר האָבן געזען זיין עקספּערימענטירן; שיער־נישט אַלע מאָל, ווען מיר לייענען זיינע ווערק, געפינען מיר זיך אין זיין אָפענער לאַבאָראַ־טאָריע. פרישמאַן ווייזט זיך פאַר אונדז נישט אין פּראָצעס, נאָר מיט די רעזולטאַטן פון זיין אַרבעט. ביי אים זיינען געוויס אויך געווען צייטן פון קנאָספּן, פון בליען, פון אָנגיסן זיך מיט זאַפט און ציען זיך צו דער זון; אָבער דאָס אַלץ איז פון אונדז פאַרהוילן: מיר קומען אויף אַלעם פּאַרטיקן. נאָך מער: ער אַליין — האָב איך דעם איינדרוק — האָט זיך גענומען פאַר דער פּען ערשט דאַן ווען ער האָט געפילט אַז די קערנדלעך זיינען רייף. פּרץ האָט פאַר אונדז אין די אויגן געאַקערט און געזייט. ביי פרישמאַנען איז די פּען געווען אַ סערפּ פאַר פולע סוף־זומערדיקע זאַנגען *).

דאָס פילט זיך באַזונדערס שטאַרק אין די עסייען און אין די אַזוי־אָנגערופענע פעליעטאָנען: אין זיי פאַלט אַראָפּ די פרוכט פון זיין געדאַנק, פון זיין ליריזם,

---

*) אַ צייט נאָך דעם ווי דאָס איז געווען אָנגעשריבן, האָב איך אין יובילײ־נומער „היינט" (וואַרשע, 1928, ז' 19), געלייענט אין דעם רעדאַקטאָר א. גאָלדבערגס זכרונות: „מיר האָבן שטענדיק געוווסט פאָרויס דעם אינהאַלט פון דוד פרישמאַנס פעליעטאָן אין אַ צוויי־דריי וואָכן אַרום. ניין, נישט נאָר דעם אינהאַלט, איבער וואָס ער וועט שרייבן, אָבער אויך די פאָרעם, איינצלנע זאַצן, כמעט דעם גאַנצן פעליעטאָן, ווי ער איז אין אַ פּאָר וואָכן אַרום אַרויס פון זיין פּעדער. דוד פרישמאַן פלעגט זיין „מעובר" מיט זיין פעליעטאָן וואָכן־לאַנג. נאָכן „מעובר" ווערן מיט דער טעמע, פלעגט ער לאַנג טראַכטן איבער יעדן זאַץ, כמעט איבער יעדן וואָרט.

— איך וועל שרייבן איבער דעם און דעם.

און אין אַ פּאָר טעג אַרום:

— איך וועל שרייבן אַזוי און אַזוי.

און אין אַ פּאָר טעג אַרום:

— איך וועל אָנהייבן... דערציילן... ענדיקן... — און אַזוי כסדר.

— הייסט עס, אַז אין דער נעקסטער וואָך באַקומען מיר אייער פעליעטאָן אַרום מאָנ־טיק־דינסטיק, און נישט אין דער לעצטער מינוט?

— גאַנץ באַשטימט!

אָבער אויך די וואָך און די אַנדערע וואָך איז אַוועק. אויף דער דריטער וואָך פלעגט זיך די טיר פון רעדאַקציע עפענען שטיל, ערשט אַרום 4 אין מיטן דער נאַכט פון מיטוואָך אויף דאָנערשטיק. דוד פרישמאַן פלעגט זיך באַווייזן, כמעט אין נעגליזשע, ווי פון אַרבעטס־טיש, מיטן גראָבן ציגאַר אין מויל, מיטן אויפגעשטעלטן קראַגן, קינדיש־נאַאיוו, עטוואָס פאַרשעמט.

— אָט איז מיין פעליעטאָן... איר זיצט נאָך דאָ אַזוי שפּעט? אַך, איר צייטונגס־לייט!

— און ער איז אַוועק.

דערפאַר איז קיין איין שורה אין זיין פעליעטאָן נישט געווען געשטראָכן, קיין איין אות נישט געמעקט — דער פעליעטאָן, ווי ער איז איצט אַרויסגעקומען, איז דאָך אייגנטלעך געווען פּאַרטיק מיט וואָכן צוריק...".

ווי פון זיך אַליין — אַזוי פול איז זי, אַזוי צייטיק. אָבער אויך אין די לידער וואָס אין זיי וואָלט זיך וועלן האָבן מער אומגעריכטקייט, מער ספּאָנטאַנישקייט, מער גרינגקייט — אַפילו אין זיי שפּירט זיך דעם דיכטערס צוגעגרייטקייט. אַפילו זיי זיינען נישט געשריבן, נאָר געבויט — לויט אַ גוט־אויסגערעכנטן פּלאַן. אין אַ סך פון זיי איז פאַראַן לירישקייט, פייכטקייט („לחלוחיות״) פון עמאָציע, פון איבערלעבונג. אָבער די לירישקייט איז אַ דורכגעזייטע, די עמאָציע — אַן אָפּגעווייגענע, אַן אויסגעמאָסטענע, די איבערלעבונג — אַן איבערטראַכטונג. עס איז אין אַ סך לידער דאָ פּאַטאָס, אָבער פּונקט אַזוי פיל, נישט מער און נישט ווייניקער, וויפל עס קאָן זיך איינהאַלטן אין דער צייכענונג אָדער סטרוקטור פון ליד. אָט ווערט דער דיכטער אויפגעבראַכט, אָט ברויזט אין אים אויף עפּעס אַ שטאַרק געפיל, עס רוישט, עס שוימט — זייט רויק: ער וועט נישט אַרויס פון די כלים.

ווילט איר זען, עפּעס קאָכט זיך אויפן פייער, ווי עס זידט זיך און „לויפט״ און „לויפט אויס״ דעם שרייבערס קעסל — לייענט פּרצן, בערדיטשעווסקין, ברענערן, ביאַליקן. ביי פרישמאַנען קאָנט איר נאָר פאַרזוכן דעם טעם פון אַ פּאַרטיקן געריכט. עס קען אייך שמעקן אָדער נישט; איינס אָבער איז זיכער: ס'איז פּאַרטיק...

אין פרישמאַנס שרייבן איז דאָ די געמאָסטנקייט פון אַרכיטעקטור, די קלאָרקייט און איינדייטיקייט פון אַ מאַטעמאַטישן זאַץ. דאָס איז ריכטיק וועגן אַלע פּאַרמען פון זיין שאַפן און דאָס איז אין זיי אַלע דאָס כאַראַקטעריסטישסטע, דאָס פרישמאַנישסטע. צי איר לייענט זיינעם אַ געדיכט, צי אַ סקיצע, צי אַ געוויינטלעכן צייטונג־אַרטיקל — קיין מאָל הערט איר אים נישט שטאַמלענדיק, קיין מאָל זעט איר נישט, ער זאָל אָנהייבן עפּעס אַ זאַך און זי נישט ענדיקן, ער זאָל אויפשטעלן אַ פונדאַמענט און נישט מאַכן קיין ווענט, מאַכן ווענט און לאָזן זיי אָן אַ דאַך: ער גיט אונדז אפשר נישט קיין אימפּאָנירנדיקע אָבער פאַרענדיקטע בנינים.

די פעסטע און זיכערסטע פון זיינע בנינים זיינען די עסייען, די פעליעטאָנען. אין זיי גיט ער אונדז נישט ווי אין די דערציילונגען פרעמדע לעבנס, פאַר וועלכע ער האָט צו־ווינציק געשטאַלטונג־קראַפט, נאָר זיין אייגענעם לעבן, זיין אייגענע וועלט, וואָס ער קאָן אויסגעצייכנט קאָנטראָלירן; פאַר ריינער ליריק איז זיין פּסיכיש לעבן אָפט מאָל צו באַוווסטזיניק און נישט טיף גענוג. די העכסטע מדרגה פון זיין שריפטשטעלערישער קונסט דערגרייכט ער ווי אַן עסייִסט. ער אַרבעט פלייסיק אויס אַלע פּרטים און פאַרגרעסערט זיי. זיינען דאָס גאַנץ געוויינטלעכע מיטלען. אָבער אין דער קונציקייט, אין דער גראַציע, ווי ער מאַכט עס, האָט ער נישט צו זיך קיין גלייכן נישט אין דער העברעיִשער, נישט אין דער יידישער ליטעראַטור. ער צעגלידערט, טיילט אַרויס און מאַכט קענטיק די דעטאַלן פון דעם געדאַנק אָדער געפיל אָדער בילד אַזוי, אַז איר באַקומט צום סוף נישט קיין צעשויבערטן בינטל איינצלהייטן, נאָר אַ גאַנצע זאַך, אַן אָרגאַניזם. „סטיל״, זאָגט סטענדהאַל, „באַשטייט אין דעם, וואָס צום געדאַנק ווערן צוגעגעבן אַלע די אומשטענדן, וואָס זיינען אויסגערעכנט אַרויסצוברענגען די גאַנצע ווירקונג, וואָס דער געדאַנק קאָן אַרויסברענגען״. אין אָט דעם זינען איז פרישמאַן געווען אַ סטיליסט. ביי אים גיסן זיך האַרמאָניש צונויף דער אַנאַליטישער מיט דעם סינטעטישן אופן שרייבן. פון זיין סך־הכל קוקט אַרויס יעדע פון די שורות, וואָס שטעלן אים צונויף...

*

די דאָזיקע אַלע באַמערקונגען זיינען נישט גענוג פאַר אַ פולער כאַראַקטע־ריסטיק אָדער אָפּשאַצונג פון פרישמאַנס פּילזייטיקן שאַפן. איך האָב געוואָלט שטעלן די טראָפּ נאָר אויף איין פונקט — און דאָס איז די שריפטשטעלערישע בוימייסטערשאַפט, די קלאָרקייט און די אָרגאַנישע גאַנצקייט פון אויסדרוק, וואָס איז, ווי מיר דאַכט, דער ווערטפולסטער אין אַלע ספערן פון יענער אינטענסיווער און ריינער שריפטשטעלערישקייט, וואָס דער טויט האָט איבערגעריסן אין רעכטן מיטן פון אירע קלאָר־אויפגעגאַנגענע כוחות.

ב.

פינף יאָר נאָך פרישמאַנס טויט, אין 1927, האָט דער וואַרשעווער פאַרלאַג „אחיספר" אַרויסגעגעבן צוויי זאַמלונגען פון פרישמאַנס „פעליעטאָנען" אויף יידיש — איינע אונטערן נאָמען „מילחמה און שלום" און נאָך איינע — „וואָרט און בילד". ווער האָט די ביכער אַ נאָמען געגעבן? ווי עס ווייזט אויס, דער פאַרלאַג אַליין, נישט דוד פרישמאַן. געשאַפן אַ טיטל און אַ שער־בלאַט פאַר פרישמאַנס געקליבענע עסייען, האָבן זיך די פאַרלעגער באַרויִקט. געבן אויך אַן אַריינפיר, דערקלערן, פאַרוואָס האָבן זיי אויסגעקליבן גראָד די אַרטיקלען און נישט קיין אַנדערע, ברענגען כראָנאָלאָגישע דאַטן, — דאָס וואָלט געהייסן שוין צו פיל פאַר־לאַנגט פון אַ יידישן אַרויסגעבער. אַ יידישער אַרויסגעבער דאַרף זיך נישט זאָרגן פאַר אַזעלכע „אַקאַדעמישע" זאַכן. ער דאַרף נאָר זען, אַז עס זאָל זיין גענוג זייטלעך פאַר אַ בוך און — גענוג דרוק־פעלערן. ווייטער גייט אים מער גאָרנישט ניט אָן. אַזאַ סדר צי אַן אַנדער סדר, יאָ כראָנאָלאָגיע צי נישט כראָנאָלאָגיע, האָט דער שרייבער געשאַפן דעם טיטל פון זיין בוך אָדער דער בחור הפאַרלעגער — וועמען אַרט עס? דער יידישער לעזער האָט, נישקשה, אַ גוט קעפּל, און דער אַרויסגעבער דאַרף אים נישט אַריינלייגן קיין פינגער אין מויל. צו־וואָס זיך מטריח זיין? אגב, פרישמאַן האָט געשריבן אַזוי לייכט, אַזוי קלאָר, אַזוי דורכזיכטיק, אַז ער דאַרף אפשר טאַקע באמת נישט האָבן קיין שום פירושים און קיין שום הקדמות.

ווען האָט ער אויסגעצירקלט אויפן פּאַפּיר דעם אָדער יענעם וויץ? וואָס האָט אין אים אָנגעצונדן אַזאַ אָדער אַן אַנדער שטיק פאַטעטישן פייער? ווען האָט ער אונדז געגעבן דעם אָדער יענעם לירישן אויסגוס? וואָס פאַר אַ געלעגנהייט האָט אים געמאַכט אַזוי סאַרקאַסטיש? — דאָס וואָלט געקאָנט זיין אפשר וויכטיק ביי אַן אַנדערן שרייבער, נישט ביי פרישמאַנען. ביי אַנדערע שרייבערס אינטערעסירט אונדז, וואָס זיי זאָגן — און דאָ קאָן שוין האָבן אַ באַדייטונג די צייט, די סביבה. אָבער פרישמאַנס אידייען — זיי זיינען ביי דעם פיינערן לעזער קיין מאָל נישט געווען דער עיקר. פרישמאַנס אידייען זיינען זעלטן ווען אָריגינעל, זעלטן ווען טיף. אָפט זיינען זיי, פשוט, באַנאַל. זיי באַשטייען אָפט, אַ שטייגער, אין דעם, אַז איידער רחמנות צו האָבן אויף בהמות, דאַרף מען פריִער זיין גוט צו מענטשן („צער בעלי חיים"); אַז איראָפּע איז אַזוי פאַרווילדעוועט געוואָרן, אַז ווען מע וועט זאָגן אין דער נאָענטסטער צוקונפט „אייראָפּעיִש", וועט מען מיינען דאָס אייגענע וואָס איצטער מיטן וואָרט „אַזיאַטיש" (אייראָפּעיִש) אד"גל. די הויפּטזאַך ביי פרישמאַנען איז תמיד געווען טאַקע נישט וואָס ער זאָגט, נאָר וואָס ער זאָגט עס

און ווי אַזוי ער זאָגט עס. זיין אייגענער אינדיווידועלער שטייגער שרייבן, זיין ריטמישקייט, זיין פּאַטאָס, זיין ליריזם, זיין סאַרקאַסטישע איראָניע און די פּאַר־ענדיקטקייט, די שלימות פון אַט דעם נוסח איז שטענדיק געווען דאָס, וואָס אונדז האָט איין פרישמאַנען געררייצט. אָבער דאָס האָט ער געהאַט כמעט אַלע מאָל — ווען, ווו און וועגן וואָס ער זאָל נישט האָבן געשריבן.

קאָנען מיר באמת זיין גלייכגילטיק צו די צייט־ און אָרט־אומשטענדן, ביי וועלכע ער האָט געשאַפן דעם אָדער יענעם עסיי? ער האָט אַלע מאָל און אומעטום געקאָנט נעמען דעם אָרעמסטן שטאָף, דעם מאָגערסטן מאָטיוו, די עלעמענטאַרסטע אידייע און אויסשפּילן אויף דעם אַזאַ פּאַרקיילעכדיקטן ניגון, אַזאַ חנעוודיקע מע־לאָדיע אַז מיר זאָלן זיך אינטערעסירן שוין מער מיט זיין אויסדרוקפעיִקייט, ווי מיט דעם, וואָס ער האָט אויסגעדריקט.

ער האָט געוווּסט ווי צו שאַפן ביי אונדז אַן אילוזיע פון טיפער איבערלעבונג. אַט דער עמאָציאָנאַליזם, אַט דאָס לירישע איך־געפיל האָט געמאַכט פאַר אונדז לעבעדיק און אינטערעסאַנט אַפילו זיינע פּשוטסטע און פלאַכסטע געדאַנקען.

זעלטן ווען קינסטלעריש אין זיינע קונסט־זאַכן (אין זיינע דערציילונגען), איז ער געווען אַ קינסטלער אין זיין פּובליציסטיק.

אין „וואָרט און בילד“ האָבן די פאַרלעגערס ארייגעשטעלט אַ פּאָר פון זיינע בעלעטריסטישע זאַכן („געשטאַלטן“, „צוויי דעפּוטאַציעס“) — און זיי האָבן דאָס אַזוי ווי מיט אַ כיוון געטאָן, כדי מיר זאָלן קאָנען פאַרגלייכן זיין בעלעטריסטיק מיט זיינע עסייען און כדי מיר זאָלן זען אַז ער איז מער בעלעטריסט און מער פּאָעט, ווען ער שרייבט אַרטיקלען, ווי דאַן ווען ער שטעלט זיך דירעקט בעלעטריסטישע און פּאָעטישע אויפגאַבעס.

ווען ער דערציילט אונדז צום ביישפּיל די מעשה מיט די צוויי דעפּוטאַציעס — איין דעפּוטאַציע פון די בעלי־בתים צו די אַרבעטער, וועלכע האָבן געוווּנען אַ שטרייק, און אַ צווייטע — צו די בעלי־בתים פון אַרבעטער, וועלכע האָבן אַ שטרייק פאַרשפּילט — גיט ער אונדז אָן אַ שיעור פיינע פּרטים, אָבער נאָר פּרטים. דער עיקר — דער לעבעדיקער מענטש — פעלט. דער לעבעדיקער מענטש אין דער דערציילונג איז אָן אַרבעטער אָדער אַ פאַבריקאַנט, נישט פרישמאַן אַליין, און ער האָט קיין אַנדערע מענטשן, אַ חוץ זיך אַליין, נישט געקאָנט מאָלן. אַנדערש איז אָבער אין די — כמעט שטענדיק לירישע, כמעט שטענדיק בילדלעכע — עסייען. דאָרט איז דער העלד ער אַליין, — זיין איבערלעבונג, זיין כעס, זיין צער, זיין ביטערקייט — און דאָס דריקט ער אויס, ווי געזאָגט, אַזוי גאַנץ, אַזוי שטאַרק, אַזוי פול און מיט אַזוינע לעבעדיקע, פאַרביקע איינצלהייטן, אַז מיר לייענען אָפט זיינע אַרטיקלען ווי לידער אין פּראָזע...

ער רעכנט זיך ביי אונדז פאַר דעם פאַרשטייער פון „איראָפּעיִזם“, אָבער מיר דאַכט, אַז דער לירישער ברען און די סענטימענטאַל־ביטערע סאַרקאַסטישקייט מאַכט אים גראָד פאַר איינעם פון אונדזערע ייִדישסטע שרייבערס. נישט אומזיסט פילט זיך אַזוי אָפט אין זיין שרייבן דער ביבליש־נביאישער סטיל... „די פונדאַ־מענטן, אויף וועלכע עס איז געגרינדעט דאָס גזעלשאַפטלעכע לעבן, זיינען דער־שיטערט. גאַנץ איראָפּע וואַקלט זיך. ווו איז רעכטס? ווו איז לינקס? מ׳ווייסט נישט. וואָס מעג מען? וואָס טאָר מע נישט? קיינער ענטפערט נישט. וואָס איז מיין?

וואָס איז דיין? קיינער הערט נישט" („מילחמה און שלום", ז' 28). אָדער: „...און דער מבול פון בלוט שטייגט און באַדעקט שוין די שפּיצן פון די העכסטע בערג, און הונדערט טויזנט פאַלן אין נאָר איינציקע אַכט טעג, און שטעט ברענען און דערפער ווערן וויסט, און הונגער און עלנט און בויט הערשן איבערן גאַנצן לאַנד, און דאָס יאָמער־געשריי פון הונדערט טויזנט פרויען און קליינע קינדער, וועלכע זיינען נאָר־וואָס נאָך געווען גליקלעכע מענטשן, ערפילט די לופט און ציטערט ביז צום הימל"... (דאָרט, ז' 38).

איך וויל פאַרשטייט זיך נישט זאָגן אַז פרישמאַן האָט אין זיך געהאַט עפּעס פון אַ נביא. אַ, ניין, ער וואָלט געווען אַליין דער ערשטער צו פּראָטעסטירן קעגן אַזאַ מין פאַרגלייך (ער האָט אַפילו פון ביאַליקס קאָפּ געריסן די קרוין פון נבואה). איך מיין נאָר אַז אין זיין אופן שרייבן איז געווען אָפט עפּעס פון דעם נוסח הנביאות, פון אָט דעם אַלט־יידישן נוסח. פרישמאַן איז יידיש אי אין דער קראַפט, מיט וועלכער ער דריקט־אויס ליריש־עטישע שטימונגען, אי אין דער שוואַכקייט וועלכע ער ווייזט אַרויס, בעת ער פּרוווט מאָלן עפּישע געשטאַלטן.

אָבער זיין ליריש־עטישער כוח איז עכט, דערפאַר איז ער אַזוי אויסדרוקפול. ווען פרישמאַן איז פאַרכאַפּט פון עפּעס אַ געפיל, אַ זעונג, אַ וואָרט, איז דאָס גאַנצע לעבן פאַר אים דאַן אָט דאָס געפיל, אָט די וויזיע, אָט דאָס וואָרט. די גאַנצע וועלט ווערט פאַר אים באַלויכטן אינעם קאָליר פון דעם אַרטיקל וואָס ער שרייבט, איז יעדער אַרטיקל ביי אים אַ וועלט, אַ שטיק גאַנצקייט.

אין דעם פּרט איז ער געווען אַנדערש פון זיין יינגערן חבר אין אונדזער שיינער פּובליציסטיק — בעל־מחשבות. אויך ביי בעל־מחשבותן איז געווען אַ שטרעבונג צו מאַכן פון יעדן פעליעטאָן אַ קונסטווערק, אַ גאַנצע און אַ פאַרענ־דיקטע זאַך. אָבער בעל־מחשבות האָט זיין הויפּט־אידייע געלאָזט דאָמינירן דורך דעם וואָס ער האָט זי געהאַלטן אין איין וואַריאירן, אין איין מאַכן זי פיינער און קאָמפּליצירטער. פרישמאַן האָט דאָס אייגענע דערגרייכט דורך פאַראיינפאַכונג. ער האָט פונאַנדערגעגלידערט און פונאַנדערגענומען די פּרטים, לאָזנדיק גאַנץ דעם עיקר. בעל־מחשבות איז אין שרייבן געדיכטער, אינטענסיווער, אויך אָריגי־נעלער און ממילא אינטעלעקטועל אַ סך אינטערעסאַנטער ווי פרישמאַן. אין איין פּאַראַגראַף געפינט מען אַ מאָל ביי ד"ר עליאַשעוון מער און פיינערע ניואַנסן פון געדאַנק ווי אין פרישמאַנס אַ גאַנצן עסיי. אָבער בעל־מחשבותן פעלט — אפשר טאַקע דערפאַר — די קלאָרקייט, די דורכזיכטיקייט פון דוד פרישמאַן. בעל מחשבותס קוואַל איז אַ טיפערער, אָבער אַ מער טונקעלער. פרישמאַנס ברונעם איז נישט אַזוי טיף אָבער זיין וואַסער איז ריין ווי קרישטאָל.

פרישמאַן איז אין נוסח פון זיין שרייבן נישט אַזוי פאַרשיידנאַרטיק ווי בעל־מחשבות. פרישמאַנס פעליעטאָנען זיינען כמעט אַלע געמאַכט אויף איין מאָס — די מאָס פון איראָנישער אָדער סאַרקאַסטישער איבערטרייבונג. ווען איר האָט דורכגעליי'ענט איין אַרטיקל זיינעם, קאָנט איר נישט וויסן וואָס ער וועט זאָגן אין אַן אַנדער אַרטיקל, אָבער איר ווייסט שוין ווי אַזוי ער וועט עס זאָגן.

דאָס פאַרקלענערט אייער אינטערעס צו זיין שרייבן, אָבער נישט צו אים אַליין, נישט צו זיין לירישן געמיט וואָס ווערט יעדעס מאָל אַזוי ווי באַנייט און אָפּגעפרישט.

די אונטערשטע שורה איז: איר זוכט נישט ביי פרישמאַנען די פּאַרטיפונג פון אייער בליק אויף וועלט און צייט־פּראַגעס, איר גייט צו אים נישט לערנען קיין פילאָסאָפיע פון געשיכטע; איר געפינט ביי אים צו אָפט מיינונגען און אָפּשאַצונגען וואָס זיינען אָדער אויבנאויפיק אָדער זייער נאַיוו (איר לייענט ביי אים צום ביישפּיל וועגן דעם וועלט־קריג, אַז עס איז געווען „אַ מילחמה רק לשם הערשער תאוהס, רק לשם באַווייזן ווער עס איז שטאַרקער, ווער עס וועט הייסן אין דער געשיכטע „דער גרויסער״...) אָבער אויב איר קאָנט ביי פרישמאַנען זיך נישט לערנען דענקען, קאָנט איר זיך לערנען ביי אים שרייבן.

העברעיש האָט ער געשריבן אָפּגעהיטער, פיינער און פרומער ווי יידיש. געוויס — זיין יידיש גרענעצט זיך אַן אַנדערש מאָל מיט טייטשמעריש אָדער לאַדזשמעריש*) („אָהנע הענט און אָהנע פיס״, „ערלעבט״, „ווערענד״, אָדער גאָר: „די קישיניאָווער פּאָגראָמטשיקעס האָבן אין אַ געוויסער מאָס געהאַט דעם צוג פון דעם גרויסן״, „גלייכבאַרעכטיקונג און אין איין און דער זעלביקער צייט די באַטרעפנדע פולקאָמען רעכטלאָז באַהאַנדלען״). אָבער נישט געקוקט אויף זיין אָפּגעלאָזנקייט בנוגע צו איינציקע ווערטער און אויסדרוקן, איז זיין אַלגעמיינער שטייגער שרייבן אין יידיש כמעט אַזוי אויסדרוקפול ווי אין העברעיש.

ג.

פרישמאַנס בריוו**) זיינען אַ שליסל צו דעם מענטש און דעם קריטיקער דוד פרישמאַן. ווי אַלץ וואָס שטאַמט פון זיין פּען, זיינען די בריוו זיינע לעבעדיק, וויציק און טעמפּעראַמענטפול. זיי זיינען, אגב, בריוו און נישט קיין ליטעראַרישע אָפּהאַנדלונגען, ווי עס טרעפט אָפט מיט שרייבערישער קאָרעספּאָנדענץ. זיי האָבן אין זיך די אינטימיטעט און די נישט־געקינצלטקייט פון פּריוואַטע שריפטלעכע שמועסן. דאָך זיינען אַ סך פון זיי ליטעראַריש און מיר לייענען זיי אי ווי בריוו, אי ווי — ווערק פון דוד פרישמאַן. עס איז דאָ אין זיי עפּעס אי פון זיין היימישער אי פון זיין ליטעראַרישער פּערזענלעכקייט. זיי זיינען געשריבן מיט דער זעלביקער גראַציע, מיט וועלכער עס צייכנט זיך אויס דאָס העברעיש פון פרישמאַנס פעליעטאָנען, און עס איז דאָ אין זיי יענע שיטערע, אָבער פּאַטעטישע און זיך חנעוודיקע לירישקייט, וועלכע איז כאַראַקטעריסטיש פאַר פרישמאַנס גאַנצן שרייבן.

מיר קאָנען פון זיי פיל לערנען וועגן אים אַליין און וועגן זיין שאַפן, דערהויפּט אָבער וועגן זיין מעטאָד אין ליטעראַרישער קריטיק.

עס זיינען דאָ צוויי סאָרטן קונסט־קריטיק: אַ מאַסקולינער און אַ פעמענינער — שרייבט דער ענגליש־אַמעריקאַנער קריטיקער ספּינגאַרן, בענעדעטאָ קראָטשעס אַ תלמיד. ער מיינט דערמיט צו זאָגן אַז עס איז דאָ אַ קריטיקער וואָס זוכט צו באַאיינפלוסן דעם קינסטלער, זיך אַרויפצווינגען אויף אים, און אַ קריטיקער וואָס איז גרייט פון אים באַאיינפלוסט צו ווערן און זיך אים צו אונטערגעבן. דער ערשטער גיט אונדז זיינע מיינונגען וועגן ליטעראַטור, דער צווייטער — די איינ־

---

*) פרישמאַן ווי אַ לאַדזשער (און נישט גאָר שפּראַכלעך) איז גאָר אַ באַזונדער קאַפּיטל.

**) „אגרות דוד פרישמאַן״, נערכו בצירוף תולדות פרישמאַן, מבוא, הקדמות והערות על־ידי א. ר. מלאכי, הוצאת לילי פרישמאַן (בסיוע מוריס אייזמאַן), ניו־יאָרק, תרפ״ז.

דרוקן וואָס ער האָט פון איר. יענער איז האַרט, שטרענג, דיקטאַטאָריש, דער — ווייך, עלאַסטיש, אויפנעמעריש... דאָס איז כמעט דאָס אייגענע וואָס מיר האָבן אין אַ פריערדיקן קאַפּיטל אָנגערופן מיטן נאָמען: קריטיקערס רבי׳ים און קריטיקערס חסידים.

אידעאַלע קריטיק איז אין דער אמתן די וואָס האָט אין זיך ביידע מעגלעכקייטן, די וואָס קען זיין אי אַ „בייזער" פאָטער אי אַ מילדע מוטער, די, וואָס קען אי באַפעלן און באַפאַלן, אי פאָלגן און אי זיך אונטערגעבן. דאָס רוב קריטיקערס אָבער זיינען ווייט פון אָט דער געוווּנטשענער פּילזייטיקייט. זיי זיינען אָדער מענלעך אָדער ווייבלעך. אַזאַ איינזייטיקער קריטיקער, אַ קריטיקער אַ רבי, איז געווען פרישמאַן. ער האָט געמאָסטן די שרייבערס נישט מיט זייער, נאָר מיט זיין אייגענער מאָס. ער האָט געוואָלט זיין נאָר אַ געבער, נישט קיין נעמער. און אָפּט האָט זיך געדאַכט, אַז ער איז נישט קיין „מאַן" נאָר, פּשוט, אַ... „גזלן", אַ מאָדנער מין גזלן. ער וויל נישט נעמען, נאָר געבן מיט געוואַלד. ער האָט פאַרגעסן אַז ס׳איז לייכטער צו נעמען ביי איינעם, איידער אים עפּעס געבן קעגן זיין ווילן. ער האָט נישט געוווּסט, אַז אפילו מיט אַן אמתער תורה קאָן נאָר גאָט אַליין כופה זיין הר כגיגית אויף דעם אַנדערן. ער האָט זיך געשאַפן אַ גאָט אין זיין פאָרעם און לויט זיין געשטאַלט און געוואָלט אַז אַלע זאָלן זיך בוקן פאַר אים. ער האָט זיך נישט גערעכנט מיט דער דערציִונג, מיט דער אייגנאַרטיקער סביבה, מיט דער קולטור־טראַדיציע פון די שרייבערס. ער האָט געוואָלט זיי זאָלן אַלע ווערן „דייטשן", אייראָפּייער. דאָס האָט גורם געווען אַז די שטים פון זיין קריטיק זאָל סיי אין דער העברעיִשער, סיי אין דער יידישער ליטעראַטור בלייבן אַזוי ווי אַן אַפּקלאַנג. די היימישע שרייבערס האָבן אים נישט פאַרשטאַנען, די „אייראָפּייער" האָבן זיך אין אים נישט געניייטיקט... ער איז גאָר אייגנטלעך נישט געווען קיין קריטיקער. ער איז געווען אַ דאָגמאַטיקער (אַ דאָגמאַטיקער אָן דאָגמעס).

איינזייטיקייט קאָן אין קריטיק זיין פּרוכטבאַר, אָבער ווייסט איר ווען? ווען ס׳איז די פעמינינע, די אויפנעמענדיקע, די אייביק זיך בייטנדיקע איינזייטיקייט, נישט די איינגעשפּאַרטע מאַסקולינע איינזייטיקייט, וואָס איז געווען אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר דוד פרישמאַנען, — ווי מען זעט עס אין זיינע בריוו.

ער פאַרלאַנגט פון זיינע ליטעראַרישע פריינד אַז זיי זאָלן אים נעמען אַזוי ווי ער איז, אָבער ער זיי (און זייערע ווערק) וויל נישט נעמען אַזוי ווי זיי זיינען. ער וויל אַז זיי זאָלן נישט אַנדערש ווי זיין ענלעך צו אים... אין אַ בריוו (פון לאָדזש, דעם 14טן סעפּטעמבער, 1885) צו יצחק־יעקב וויסבערג, כאַראַקטעריזירט ער זיך אַליין און זיין קאָרעספּאָנדענט און זאָגט דערנאָך דעם: „איך האָב אויסגעפונען אַז מיר זיינען נישט גלייך איינער צום אַנדערן לויט אונדזערע כאַראַקטערן און אַז מיר קאָנען נישט זיין ביידע אין איין וועלט (וכי לא תוכל הארץ לשאת אותנו יחדיו), איז ביי מיר געבליבן נישט צו ווייזן זיך מער פאַר דיר און נישט צו זיין ווי אַ דאָרן אין דיינע אויגן, וואָרעם ווי ווייט איך קען זיך אַליין, קאָן איך זיך נישט אָפּזאָגן פון מיין וועג און שטייגער, און ווי באַלד אַז איך האָב גערעכנט אַז דו קאָנסט מיך נישט פאַרטראָגן אַזוי ווי איך בין, מיט מיינע מעלות און חסרונות אינאיינעם, האָב איך געוואָלט זיך דערווייטערן פון דיר, כאָטש מיר וואָלט דאָס געוויס פאַרדראָסן"

(ז׳ ס״א) *). אָבער אין דעם אייגענעם בריוו ווו ער פאַרלאַנגט פון וויסבערגן אַז יענער זאָל נישט האָבן צו אים קיין שום פּרעטענזיעס פאַר זיין אייגנאַרטיקייט, וואָרפט ער אויף זיין פריינד פאַר וואָס ער איז נישט גלייך צו אים. „אָ", שרייט ער אויס, „ווען איך זאָל קאָנען ענדערן דיין גוסט און מאַכן דיך פאַר אַן אַנדערן מענטשן! אָ, ווען דו זאָלסט זיין ווי איך!", אאַז״וו (ז׳ ס״ה). ער אַליין וויל נישט זיין אַנדערש ווי ער איז, אָבער זיין פריינד וואָלט ער געוואָלט מאַכן פאַר אַן אַנדערן! איז דאָס נישט כאַראַקטעריסטיש פאַר אים? און איז דאָס נישט געווען זיין מעטאָד אין ליטעראַרישער קריטיק? האָט ער דען נישט געוואָלט אַז זיין געשמאַק זאָל זיין אַלעמענס געשמאַק? האָט ער דען נישט אויפגעוואָרפן, אַ שטייגער, שלום-עליכמען פאַר וואָס ער האָט זיין „יידישן ראָמאַן" „סטעמפעניו" געשריבן אויפן אַלטן מענדעלע-שטייגער און נישט אין אַ מער „מאָדערנעם" סטיל? **). איז ער דען פעיִק געווען אויפצונעמען און אַקצעפּטירן אַ קינסטלערס נוסח, כאָטש עס איז נישט געווען ענלעך צו זיין נוסח? ניין, ער האָט אָט די אויפנעם-פעיִקייט, די פעיִקייט צו פאַרגעסן אָן זיך אַליין און אַריינצוטאָן זיך נאָר אין יענעמס ווערק, די הויפּט-פעיִקייט פון יעדן אמתן קריטיקער, נישט פאַרמאָגט. ער האָט געהאַט אַ גוט וואָרט פאַר ספּעקטאָרן (צי נישט דערפאַר, ווייל ער האָט דערשפּירט אין אים זיין אייגענע קלאָרקייט און דורכזיכטיקייט?), אָבער נאָר זידל-ווערטער פאַר פּרצן. פּרץ, דער „אומקלאָרער", דער אומבאַשטימטער, איז געווען אין גאַנצן אַנדערש, ווי ער: האָט ער אים נישט געקאָנט סובל זיין. ער איז געווען אין דעם פּרט אַ דיכטער, נישט קיין קריטיקער: אַ דיכטער קען נאָר איין וועג — זיין אייגענעם...

אין אַ בריוו צום קיִעווער משכיל משה קאַלמאַנסאָן שרייבט ער, פאַר וואָס אים איז נישט געפעלן געוואָרן יענעמס אַן אַרטיקל. ער איז נישט געשריבן געוואָרן אַזוי ווי ער, פרישמאַן, וואָלט אים געשריבן און ער ווייזט אים, ווי אַזוי ער וואָלט זיך אויפגעפירט אין אַזאַ פאַל (ז׳ ק״ט). ער און זיין סטענדער — דאָס איז דער תוך פון זיין קריטיק; דאָס איז דער טאָן פון זיין קאָרעספּאָנדענץ.

און דאָס איז נישט די איינציקע ענלעכקייט צווישן זיין ליטעראַרישער קריטיק און זיינע פּריוואַטע בריוו. זיי האָבן נאָך איין שטריך בשותפות, און דאָס איז — די אייביקע, שיִער נישט היפּאָכאָנדרישע פאַרביטערטקייט. זעלטן ווען ער זעט אין דער וועלט וואָס אַרום אים, אַ שטראַל ליכט, נאָר שאָטנס און שאָטנס! די חובבי ציון? — „גנבים"! (ז׳ נ״ב). די סמאָלענסקינס, די צעדערבוימס, די ליליענבלומס, די צווייפלס? — ער קאָן זיי נישט פאַרטראָגן! זיינען זיי באמת טאָקע געווען אַזעלכע גאָרנישטן? איז אין די ווערק פון פּרץ סמאָלענסקין, פון ליליענבלום, פון צווייפל, און אַפילו פון צעדערבוים, נישט געווען עפּעס, וואָס זאָל האָבן אַ ווערט? אָבער זיי האָבן נישט געטאָן וואָס פרישמאַן האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן טאָן, זיי האָבן נישט געשריבן אַזוי, ווי ער האָט געוואָלט, אַז זיי זאָלן שרייבן, — שרייט ער: „איז עס דען נישט קיין שאַנדע צו זען וואָס די אַלע שרייבערס האָבן אָפּגעטאָן? זיי זיינען אַלע מאַלפּעס", אאַז״וו (ז׳ נ״ד).

---

*) די דאָזיקע שטעלע ווי אַלע איבעריקע שטעלן פון פרישמאַנס בריוו ווערן דאָ נישט איבערגעזעצט בוכשטעבלעך. פרישמאַן האָט דאַן נאָך געברויכט אַ היפּש ביסל מליצה, — הײַנט ביי זעץ איבער ווערטעוולעך אַזאַ מין אויסדרוק, אַ שטייגער, ווי „כי היטיב ירעה לי נפשי בעשותי כדבר הזה ומעי המו"...

**) זע שלום-עליכם בוך, רעדאַקטירט פון י. ד. בערקאָוויטש, ניו-יאָרק, 1926, ז׳ 161.

מען האָט געפּראַוועט די יובילייען פון אַזעלכע שרייבערס, פון וועלכע ער האָט נישט געהאַלטן. מען האָט צונויפגערופן די ערשטע חיבת־ציון קאָנפערענץ אין קאַטאָוויץ און ער איז נישט געווען קיין „לאומי", — איז הימל עפן זיך! „יקח אופל", שרייבט ער צו ווייסבערגן, „את כל האנשים האלה ולא ימרדו ולא ישימו עוד ראש פתנים אכזר בכוסי הרויה, כי מדי זכרי אותם לא אוכל עוד לשקוט תחתי, ואכלה את שארי מעלי באפס מעשה!" (ז' ב"ה). — און ער סטראַשעט און ער זידלט זיך און ער שילט זיך מיט טויטע קללות. „אפשר האָט גאָט דיך פאַר־היט ביז איצט פון די פגע־רעס און מזיקים און דו ווייסט נאָך נישט וואָס איך ווייס", שרייבט ער מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער (אין 1887) צו שלום־עליכמען. „אפשר קענסטו נאָך נישט די גנבות און די פאַלשקייטן און דאָס אומרעכט און דאָס בייז, מיט וועלכע עס עוסקן זיך דאָס רוב פון אונדזערע שרייבער, וואָס שטייען בראש. אפשר ווייסטו נאָך נישט, אַז פאַר אַ קאָפּיקע וועלן אונדזערע „גדולים" אָפּטאָן, וואָס עס וועט נישט טאָן דער ערגסטער צווישן די ערגסטע? איך אָבער ווייס, צו מיין אומגליק, אָט די אַלע זאַכן פון דעם ערשטן טאָג, וואָס איך בין אַראָפּ צו אָט דעם ליבן פּובליקום און בין געוואָרן אַליין אַ שרייבער, און ווען דו וואָלסט קענען מיך און מיין דערציִונג, וואָלסטו פאַרשטאַנען ווי דערווידער און עקלהאַפטיק אַזאַ מין ליטעראַטור מוז זיין פאַר אַזאַ מענטשן, ווי איך בין" (ז' קי"ח).

ער האָט געקראָגן אַ וועלטלעכע, „אייראָפּעיִשע" דערציִונג, ער האָט גע־שטאַמט פון אַ רייכער סוחרישער פאַמיליע, דאָס האָט נאָך ביטערער געמאַכט זיין פאַראַכטונג צו די „בטלנים" די העברעיִשע שרייבערס, דאָס האָט נאָך גאַליקער געמאכט זיין סנאָביזם. אויך סנאָביזם קאָן זיין גאַליק. וואָס העכער ער אַליין און „זיין" אייראָפּע איז געווען אין זיינע אויגן, אַלץ קלענער און נישטיקער האָבן אויסגעקוקט אַלע איבעריקע יִדישע שרייבערס און אַלץ מער האָט ער געליטן דערפון וואָס ער דאַרף האָבן צו טאָן מיט זיי.

אין איינציקע פּרטים איז ער באמת געווען מער „וויל דערצויגן" און מער „אייראָפּעיִש" ווי אַ סך פון אונדזערע היימישע מחברים אין די 80ער און 90ער יאָרן; פון דעסטוועגן קלינגט עס מאָדנע ווען ער, אַ יונגער מאַן פון צוויי און צוואַנציק יאָר שרייבט צו ווייסבערגן אַז אים „ווילט זיך זייער אָנלערנען איין מאָל פאַר אַלע מאָל אונדזערע מחברים און שרייבערס, אָט די תלמידים און די ישיבה־בחורים, אַז זיי זאָלן וויסן אַז איך בין נישט זיי", אאַז"וו (ז' מ"ג). און דאָס איז נישט דאָס איינציקע מאָל וואָס ער דריקט אויס זיין ביטול צו דער העברעיִשער ליטעראַטור פון זיין צייט, און זעט אין איר אַ שטיקל „תוהו ובוהו"... זייער אָפט באַרימט ער זיך אַז ער לייענט נישט קיין העברעיִש, און — „ווען איך בין נישט געצוווּנגען דערצו (ווי דאָס איז געווען דער פאַל ווען איך האָב געאַרבעט אין רעדאַקציע), קאָנען איבערגיין וואָכן און חדשים איך זאָל נישט נעמען קיין העברעיִשן ספר און קיין העברעיִשע צייטונג אין האַנט אַריין" — שרייבט ער צו שלום־עליכמען אין יאָר 1888 (ז' ק"כ). ווער רעדט „זשאַרגאָן" — דאָס איז ביי אים פּשוט מוקצה מחמת מיאוס. „און נאָר לויט דעם פאַרלאַנג פון איינער אַ געשעצטער דאַמע האָב איך איין מאָל געשריבן (אין יִדיש — ש. נ.) דאָס וואָס איך האָב גע־שריבן (ז' קכ"א). ווי קומט ער צו „זשאַרגאָן"? ער ווייסט גאָר אַפילו נישט, ווי מען שרייבט אויף אָט דעם זשאַרגאָן ווי געהעריק איז („וגם את שפת זשאַרגאָן לא

ידעתי להשתמש בה כראוי" — ז' ק"כ). ער האָט אין דער אמתן געדאַרפט זיין גאָר אַ דייטשישער שרייבער! די העברעיִשע און די יִדישע ליטעראַטור האָבן זיך אים נישט געקאָנט אויסצאָלן, וואָס ער, וועלכער האָט געדאַרפט זיין גאָר אַ דייטשישער שריפטשטעלער, איז, נעבעך, „געצוווּנגען" געווען צו שרייבן העברעיִש אָדער גאָר „זשאַרגאָן"! *).

ער האָט זיין גאווה, זיין פילן זיך מיט צען קעפּ העכער פון זיין סביבה, קיין מאָל נישט באַהאַלטן, נישט אין זיין פּריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ, נישט אין זיינע עפנטלעכע ליטעראַרישע אַרויסטרעטונגען. אין זיין אויטאָביאָגראַפישן בריוו צו ש. ל. ציטראָן (אין יאָר 1898) האָט ער עס געפּרוווט דערקלערן דורך זיין אָפּשטאַמונג: „מיין מישפּחה", האָט ער געשריבן, „איז זייער אַ חשובע און אַ יחוסדיקע. רבנים זיינען דאָ אין איר אַזוי פיל וויפל פיש אין ים, אָבער מיינע עלטערן און די עלטערן פון מיינע עלטערן און דאָס רוב פון אונדזער פאַמיליע זיינען געווען סוחרים, פון די גרעסטע פאַבריקאַנטן, וואָס אין אונדזער געגנט, און אַלע זיינען זיי געווען רייכע, גבירים אדירים. איך דערמאָן עס דיר, מחמת דאָס האָט באמת געהאַט אויף מיר אַ גרויסע ווירקונג אין מיין קינדהייט, און עס קאָן זיין, אַז דאָס וועט דיר קלאָר מאַכן אַן ענין, וואָס קאָן אויסזען מאָדנע אויפן ערשטן בליק. די לאָדזשער לופט מאַכט יעדנפאַלס קלוג (אוירא דלאָדז מחכים) און לאָזט נישט זיין אַ בטלן אַפילו דעם גרעסטן שוטה, בפרט נאָך, אַז מען האָדעוועט זיך צווישן סוחרים און אין אַ סביבה, וואָס האָט צו טאָן מיט כלערליי מענטשן. אָט דאָס גיט איינעם עפּעס אַ פעסטקייט אָדער עפּעס אַ זיכערקייט אין זיין באַנעמונג און אין אַלץ, וואָס ער טוט, אָדער אויך, אויב דו ווילסט, אַ געוויסע חוצפּה" (ז' קנ"ז).

אָט די „חוצפּה" וואָס האָט פרישמאַנען דיקטירט זיינע ערשטע און זיינע שפּעטערדיקע ליטעראַרישע פּאַמפלעטן („תוהו ובוהו" און אַנדערע) פילט זיך אין זיין קאָרעספּאָנדענץ, און זי וואָלט געמאַכט אַ שווערן איינדרוק, ווען נישט זיין טיפע אויפריכטיקייט, זיין ריינע כוונה און זיין ליבע און זיין מוט צו זאָגן וואָס ער טראַכט.

אַזוי ווי אין זיינע פּאַמפלעטן און עסייען, האָט ער אויך אין זיינע פּריוואַטע בריוו זיך נישט געשראָקן פאַרן נאַקעטן אמת, ווי ער האָט אים געזען. ער האָט געהאַט מאָראַלישן מוט, נישט נאָר העזה. און אָט די מאָראַלישע קראַפט זיינע וואָלט זיכער געווען נאָך גרעסער און ווירקונגפולער, ווען ער זאָל נישט האָבן קיין שוואַכקייט צו חנפן זיך און מגזם צו זיין דעם אַנדערנס זינד און זיין אייגן אויפגעבראַכט־זיין...

אים האָט געפעלט די געדולד צו דער פאַרשיידנקייט פון מענטשלעכע כאַראַקטערן און סטילן, כדי צו זיין אַן אמתער קריטיקער, אַ דאַנקבאַרער געניסער פון יענעמס שאַפן און יענעמס מעטאָד פון שאַפן. אָבער אין איין זייער וויכטיקן פּרט קאָן ער זיין אַ מוסטער פאַר אַ קריטיקער — אין דעם פּרט פון זיין פריי אָדער

---

*) פון זיין סנאָבישער שטעלונג צו דעם גרעסטן טייל שרייבערס האָט ער זיך קיין מאָל נישט באַפרייט. אין אַ בריוו צו שלום־עליכמען וואָס ער האָט געשריבן אין 1910, זאָגט ער אַז מיר האָבן נאָר „צוויי אמתע ליטעראַטן און דאָס איז מענדעלע און שלום־עליכם („די גאָלדענע קייט", 14, ז' 224). אין אַ בריוו צו ז. שניאורן, פאַרעפנטלעכט אין „ידיעות אחרונות", תל־אביב, דערמאָנט ער קרוב צו אַ מנין שרייבערס — קיינעם נישט צו גוטן. מער פון אַלעמען איז ער זיך נוקם, פאַרשטייט זיך, אין פּרצן! און דאָס איז געווען שוין ווען סיי די העברעיִשע, סיי די יידישע ליטעראַטור האָבן געהאַלטן אין גיין באַרג אַרויף.

פון פלייסן זיך צו זיין פריי פון פערזענלעכע פניות. אין אַ צייט, ווען די קריטיק איז באמת טאַקע געווען פול מיט דעם קליינלעכן גייסט פון „שמור לי ואשמור לך" — איז ער אַרויס און האָט געזאָגט, וואָס ער האָט געטראַכט וועגן אַלעמען און וועגן יעדן. אַ פריינד אָדער אַ פיינד — אים איז עס געווען אַלץ איינס. „פּאַרוואָס האָסטו געזאָגט, אַז דו האָסט זיך געהיט שרייבנדיק (וועגן זיינער אַן איבערזעצונג — ש. נ.), כדי מיך נישט פוגע בכבוד זיין? — האָט ער געמוסרט זיין פריינד ווייסבערגן. „הייסט דאָס זיין אַן איש אמת? איז דאָס אומפּאַרטייִשע קריטיק? הלוואי וואָלסטו געווען דער שרייבער און איך דיין קריטיקער! אונדזער פּריוואַטע פריינד־שאַפט און אונדזער עפנטלעכע ליטעראַרישע טעטיקייט האָבן איינס צו דאָס אַנ־דערע קיין שייכות נישט. און אַט די אויפפירונג דיינע ווייזט, אַז דו קענסט מיך נאָך נישט און דו ווייסט נישט, אַז אַזאַ מין האַנדלונג פאַרביטערט מיך", אאַז"וו (ז' ל"ט). ווען די חובבי ציון האָבן אים געוואָלט פאַרגעלייגט אַ שטעלע, האָט ער נישט אָנגענומען דעם אָנבאָט, כאָטש די אַרבעט זיינע וואָלט נישט געהאַט צו טאָן מיט זיינע אידייען און ער וואָלט געווען נאָר „ווי אַן אָנגעשטעלטער אין אַ געֿ־שעפט", „מחמת", שרייבט ער צו ווייסבערגן, „איך וויל זיין פריי און אומאָפּ־הענגיק, כדי אַז ווען מיר וועט אויסקומען צו שרייבן אין אַ צייטונג, זאָל איך וויסן קלאָר און זיכער ,אַז איך בין פריי און ריין פון יעדער זייטיקער פּניה און איך מעג ריידן" (ז' ס"ט).

דאָס איז, אין פלוג, אַ זעלבסטפאַרשטענדלעכקייט, אָבער ווען מען קען די זיטן פון דער פּרעסע און דער קריטיק אין יענער צייט, ווען פרישמאַן האָט אָנ־געהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט, פאַרשטייט מען די גרויסע מאָראַליש־גע־זעלשאַפטלעכע באַדייטונג, וואָס עס האָבן געהאַט פרישמאַנס מוטיקע, ווען אַפילו מגוזמדיקע, פּאַמפלעטן.

ביישפּילן פון דער ליטעראַרישער עטיק וואָס האָט דאַן געוועלטיקט אין דער סביבה פון ייִדישע מחברים, געפינט מען טאַקע אין פרישמאַנס בריוו גופא. וועגן פרישמאַנס „תוהו ובוהו" האָבן די צייטונגען נישט געוואָלט דרוקן אַפילו קיין באַצאָלטע אַנאָנסן (ז' ל"א). פאַר פרישמאַנס קריטיק אויף דעם ערשטן טייל פון „נס לגויים" האָט יהל"ל אין דער הקדמה צום צווייטן טייל געשריבן, אַז פרישמאַן האָט נישט מער און נישט ווייניקער ווי אונטערגעצונדן אַ הויז, כדי צו באַקומען דאָס פאַרזיכערונגס־געלט (ז' מ"ב). עס פלעגט טרעפן, אַז אַ רעדאַקטאָר פלעגט אַריינשרייבן אין אַ מיטאַרבעטערס אַרטיקל זאַכן, פאַר וועלכע ער, דער מיטאַר־בעטער, האָט נישט געקאָנט זיין פאַראַנטוואָרטלעך (ז' ס"ו).

צום גליק, איז דאָס נישט די איינציקע זאַך, וואָס מיר קאָנען לערנען פון פרישמאַנס בריוו וועגן אַמאָליקע יאָרן. עס איז דאָ אין זיין קאָרעספּאָנדענץ אַ סך פּאָזיטיווער מאַטעריאַל וועגן דער העברעיִשער, ווי אויך וועגן דער ייִדישער לי־טעראַטור פון יענער צייט. אַ היפּש ביסל אינטערעסאַנטע שטריכן וועלן אין די בריוו געפינען סיי די, וועלכע ווילן אַריינקוקן אין דער וועלט פון די עלטערע העברעיִשע און ייִדישע שריפטשטעלערס, ווי, אַ שטייגער, יל"ג, סמאָלענסקין, לי־ליענבלום, סאָקאָלאָוו, שלום־עליכם, סיי די, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט דעם לעבן און שאַפן פון פרישמאַנען אַליין. וועגן אים אַליין דערוויסן מיר זיך פון זיין פּריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ, ווען אַפילו מיר זאָלן נישט האָבן געלייענט זיינע לי־

טעראַריש־קריטישע „מכתבים", אַז ער איז צו העברעיִשע און צו יידישע שרייבערס צוגעגאַנגען צופיל פון דרויסן (פון „אייראָפּע") און אַז ער האָט צופיל געקוקט אויף זיי פון אויבן אַראָפּ, אַז ער זאָל זיך קענען אַריינלעבן אין דער אייגנאַרטיקייט פון זייער שאַפן.

5. בעל־מחשבות (1873—1924)
דער עסייאיסט און קריטיקער

א.

מיר וואָלטן נישט געטאָן אונדזער חוב לגבי ד"ר איסידאָר (ישראל) עליאַשעוו, ווען מיר זאָלן נישט שרייבן וועגן זיין לעבן און ליטעראַרישן שאַפן אַזוי אויספירלעך ווי מעגלעך.

ער איז געבוירן געוואָרן אין יאָר 1873, אין קאָוונע, ליטע, און שוין אין די קינדער־יאָרן האָט ער איינגעזאַפּט אין זיך דאָס ליכט ווי אויך די טונקלקייט פון אונדזער פּאַרצייטיקן פרום־באַלעבאַטישן לעבן. זיין פאָטער, ר' שלמה זאַלקינד עליאַשעוו, איז געווען אַ סוחר, אַ רייכער קרעמער, אַ חשובער בעל־הבית אין שטאָט. ער האָט געשטאַמט פון אַ שיינער מישפחה אין זאַגער, וואָס איז באַרימט געווען מיט אירע לומדים און משכילים („חכמי זאַגער"). אין די יונגע יאָרן איז ער אַליין אויך געווען אַ האַלבער משכיל. אין די קאַפּיטלעך מעמואַרן („אַ מענטש — אַ לעבן"), וואָס בעל־מחשבות האָט אין יאָר 1922 פאַרעפנטלעכט אין „דעם אַמעריקאַנער" *), דערציילט ער וועגן זיין פאָטער, אַז אין דער יוגנט האָט ער „געלייענט דייטשישע ביכער און (איז) געווען אַ פיינער העברעער, אַן אָנגעשטאָפּטער פון די ערשטע השכלה ספרים". ער האָט געהאַט בדעה „זיך צו לערנען ווייטער, נאָר נישט צו בלייבן אין מצב פון זיינע חברים, וואָס האָבן פרי חתונה, און נעמען זיך באַלד פאַר עפּעס אַן עסקל, פאַר אַ קרעמל, פאַר וואָכער אד"גל, און צו דעם צוועק האָט ער, חוץ דייטש און העברעיִש, זיך נאָך אויסגעלערנט בוכהאַלטעריע, וואָרעם צו יענער צייט איז בוכהאַלטעריע אויך געווען אַזאַ מין אידעלע קענטשאַפט, ווי בן זאבס דיקדוק, און דערצו נאָך אַן אינטעליגענטע מלאכה, וואָס קען אָרנטלעך מפרנס זיין אַ מענטשן. קיין שידוכים האָט ער זיך נישט געלאָזט רעדן, און ביי 22 יאָר איז ער געבליבן אין זאַגער, אונטער דער השפעה פון ר' חיים זאַק און די מאַנדעלשטאַמס, וואָס זיינען געווען זיינע לייבלעכע שוועסטער־קינדער און וואָס זיינען שוין אָפּן אַרויס פאַר אַ ברייטער אוניווערסיטעט־בילדונג". אויך ישראלס מוטער, חיה־שרה זאַלקינד, איז געווען אַ ווילקענעוודיקע. זי האָט געקענט דייטש, פויליש, לשון־קודש. געווען אַן אמתע אשת־חיל, איינע פון די קאָוונער שטאָט־חכמות. איבערן גאַנצן הויז האָט געשוועבט דער רוח־ההשכלה, אָבער ער איז בטל געוואָרן לגבי דעם גייסט פון

---

*) פריער איז עס געדרוקט געווען אין דעם העברעיִשן זשורנאַל „העבר", פּעטראָגראַד, 1918, נומ' 11.

פרומקייט. דער פאָטער איז געווען „אַ האַלבער משכיל און אַ גאַנצער ירא שמים". כאָטש ער איז תחילת אַוועק אויפן וועג פון השכלה, איז ער געבליבן שטיין ביים רעכטן אָנהייב. אונטער דער ווירקונג פון זיין ווייבס פרומע קרובים און מחמת ער איז געווען אַליין „אַ טיפע רעליגיעזע נאַטור", האָט ער זיך אומגעקערט צוריק צו דער אַלטער גאָטספאַרכטיקער ייִדישקייט. שפּעטער, סוף 70ער יאָרן — ישׂראל איז דאַן געגאַנגען אין חדר, — איז ער גאָר געוואָרן אַ מוסרניק.

דאָס האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם גייסטיקן לעבן פון דעם צוקונפטיקן שרייבער. זיין פאָטער האָט אים אָפט מיטגענומען מיט זיך קיין סלאָ־באָדקע, די פאַרשטאָט אין קאָוונע, ווו עס האָט געלעבט און געווירקט ר׳ איצעלע פעטערבורגער, אַ פירער פון די מוסרניקעס. „דאָרטן", דערציילט בעל־מחשבות, „פלעג איך מיט אַ ייִנגלשער נייגער זיך צוהערן אין אַ קלייזל צו די דרשות פון ר׳ איצעלען, וועלכע ער פלעגט האַלטן פאַרן עולם אין דער טונקלקייט, צווישן מינחה און מעריב. און נאָך ביז היינט קאָן איך נישט פאַרגעסן דעם אומעט און דעם שוידער, וואָס פלעגט מיך מאַנכע מאָל אַרומנעמען, ווען איך פלעג, נאָך דער דרשה, וואָס פלעגט זיך ענדיקן קורץ פאַר מעריב אין דער אַרומיקער פינצטער־קייט, דערהערן מיט אַ מאָל דעם כאָר פון וויינענדיקע קללות: ׳שובה אלינו ונשובה׳, ׳מאין באת ולאן אתה הולך׳..."

טיפע שפּורן האָבן די מינוטן פון רעליגיעזן „שוידער" איבערגעלאָזן אין עליאַשעווס נשמה, און זי איז קיין מאָל נישט אויסגעליידיקט געוואָרן פון דער הייסער רעליגיעזיטעט, וואָס ער האָט געירשנט פון זיין פאָטער און וואָס האָט געפּייניקט און באַלויכטן זיין קינדהייט. אַפילו שפּעטער, ווען ער איז אַוועק פון פרומער ייִדישקייט, האָט ער אין האַרצן געטראָגן אירע ליבע געשטאַלטן און גע־בענקט נאָך דעם ליכט, וואָס אין אירע טונקלקייטן. אין איינער פון זיינע פּאָע־טישע עסייען וועגן „נאַציאָנאַל ייִדישע טעג" האָט ער געשריבן: „איטלעכס מאָל, ווען איך זע אַ דערוואַקסענעם מענטשן זיך צעגיסן אין אַ תפילה פאַרן רבש"ע, האָב איך אַן איינדרוק: דאָ שטייט און יאָמערט אַ מענטש, וואָס האָט אין די לאַנגע יאָרן פאַרלוירן זיין קינדיש געמיט, זיין קינדיש־לויטער האַרץ. אַ פאַר־פלעקטער, אַ פאַרשטויבטער האָט ער נאָר איין געבעט: קער מיר אום צוריק מיין זילבער־ריינעם געוויסן, מאַך, אַז איך זאָל ווייטער זיין אַ קינד ביי דיר, אַ קינד, אַ קינד!". דאָס איז געווען זיין אייגענע תפילה. ער האָט באַגערט דאָס פייער וואָס האָט אים אַמאָל אַזוי געוואַרעמט און געלויכטן, און וואָס איין פונק זיינס האָט נאָך אַלץ געטליעט אונטער דעם אַש פון אָפּגעקילטן גלויבן. ווייל עס האָט נאָך גע־טליעט אין אים אַ פונק, האָט זיך אים געגלוסט דאָס גאַנצע פייער. „מיינט נישט, אַז די יאָרן", האָט ער געשריבן, „מאַכן אונדז אין גאַנצן אויס קינד, די יאָרן פאַר־האַרטעווען דאָס האַרץ, פאַראומרייניקן אונדזער געוויסן, מאַכן קנייטשן אין אונ־דזער נשמה. זיי נעמען אונדז צו די מעגלעכקייט צו זיין דאָס, וואָס מיר זיינען געווען אין אונדזער גאָלדענער קינדהייט. זיי קאָנען אָבער קיין מאָל נישט באַ־גראָבן אין אונדז דעם אַלטן אייביקן ווונטש צו וועלן זיין „אַזוי ווי קינדער"."

ווער ווייס, צי וואָלט ער געקאָנט אַריבערטראָגן די אַלע יסורים פון גוף און גייסט, וואָס אים איז באַשערט געווען צו ליידן, ווען נישט די כוחות וואָס עס האָט

אים געגעבן זיין טיף־רעליגיעזע קינדהייט? אירע שטראַלן האָבן אים געוואַרעמט, ווען זיי זיינען געווען שוין האַלב פאַרלאָשן.

צו צען יאָר האָט דער פֿאָטער אים אָפּגעריסן פון דער היימישער סביבה און אַוועקשיקט לערנען אין דער ישיבה פון די מוסרניקעס, וואָס איז געווען אין גראָ־בין, אַ שטעטל אין קורלאַנד. אין דער ישיבה האָט מען געלערנט אויך חכמות חיצוניות (דייטש, געאָגראַפיע, אַריטמעטיק), דער עיקר איז געווען מוסר. מען האָט געהאַלטן אין איין שרעקן די קינדער מיטן גיהנום, אין איין שטראָפן זיי פֿאַר די זינד, וואָס זיי האָבן נישט געזינדיקט, אין איין מעורר זיין צו תשובה. אין זיינע מעמואַרן — אגב, אַ זייער אינטערעסאַנט קאַפּיטל יידישע קולטור־געשיכטע, וואָס איז אַלץ נאָך נישט אַרויס אין בוכפאָרעם — גיט אונדז עליאַשעוו אַ טרויעריק בילד פון דער דאָזיקער אייגנאַרטיקער פענסיאָן־ישיבה, ווו די קינדער האָבן גע־לעבט אין שמוץ און אין מורא פֿאַר די שטרענגע משגיחים.

עס וואָלט געווען אָבער אַ טעות צו טראַכטן, אַז די צוויי יאָר, וואָס דער יונ־גער ישראל האָט פֿאַרבראַכט צווישן די מוסרניקעס, האָבן געהאַט נאָר אַ נעגאַ־טיווע באַדייטונג. זיי זיינען געווען שווער און פינצטער פֿאַר זיין קינדערשער נשמה; זיי זיינען אָבער אויך געווען פֿאַר איר ווי אַ שאַרפֿער אַקער פֿאַר אַ יונגן פעלד. זיי האָבן עס אויפגעוועקט, געעפֿנט.

אויך דער גייסט פון צווייפלען און פֿאַרשן האָט אין אים אויפגעוואַכט בעת ער איז געווען צווישן די מוסרניקעס. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז מען זאָל אים אַרויסטרייבן פון דער ישיבה ווו ער האָט פֿריִער פֿאַרזוכט דעם טעם פון הייסן גלויבן און ווו עס האָט זיך אָנגעצונדן אין אים דאָס קאַלטע פייערל פון אפּיקור־סות. „מיט פֿאַרביסנקייט און כעס", שרייבט ער, „בין איך צום ערשטן מאָל פריי־טיק פֿאַרנאַכט אַרויס אויף די גראַבינער גאַסן פריי און הפקרדיק. אַ נקמה־געפיל האָט אין מיר געפֿלאַקערט. אָבער וואָס קאָן איך אַזוינס אָפּטאָן די משגיחים און רש"ז (ר' שמחה זיסל), אַז זיי זאָלן האָבן מיר צו געדענקען? מיין יונגער מוח האָט געקלערט און אויסגעקלערט. מען דאַרף מחלל שבת זיין בפרהסיא. וואָס קאָן נאָך מער דערצאָרענען זיי? און כאָטש איך האָב נאָך אין מיין לעבן נישט גערויכערט, בין איך אַריין אין אַ קראָם און געקויפט פֿאַר אַ פֿאַר קאָפּיקעס אַ צענדלינג פּאַ־פּיראָסן. צום ערשטן מאָל האָב איך פֿאַררויכערט אַ פּאַפּיראָס און נאָך פרייטיק־צו־נאַכט...". דאָך האָבן די לייכטנדיקע פענצטער פון שול, די שבתדיקע ליכט, אים באַגלייט אויף זיין וויטערדיקן וועג, נישט די אפּיקורסישע רויכלעך פון דעם „פּאַפּיראָס אום שבת". זיין יוגנט איז אויסגעפֿאַלן אין אַ צייט, ווען די אפּיקורסישע השכלה האָט שוין נישט געהאַט איר אַמאָליקן חן, און ישראל האָט פֿאַרגעסן די שאָטנס פון זיין קינדהייט, אים האָט געכישופט איר ליכט.

אים האָט עס נאָך מער געכישופט, ווייל אין דער יוגנט איז ער דערוווייטערט געוואָרן פון דער וועלט ווו ער האָט פֿאַרבראַכט זיינע קינדער־יאָרן, און פון דער וויטן זעט אויס אַלץ שענער. ער האָט שטודירט אין אויסלאַנד, פריִער אין אַ מיטל־שול אין דער שווייץ, דערנאָך אין די אוניווערסיטעטן פון היידלבערג און בערלין, ווו ער האָט אָנטייל גענומען אין דעם רוישיקן לעבן פון די סטודענטישע קאָלאָ־ניעס. אי די וואָך, אי דער שבת פון דער אַלט־יידישער וועלט האָט זיך פון אים אָפּגערוקט. ער האָט דאָס אַלץ באַטראַכט שוין פון דער ווייטן, אין דער פּערס־

פעקטיוו פון דעם היסטאָריש־נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין, וואָס האָט גענומען דאַן אויפוואַכן אין די הערצער פון דער יידישער יוגנט.

דאָס שלאָגוואָרט „פאָלק", „נאַציע" (אָדער ציוניזם) האָט געוואָלט איבער־שרייען דאָס וואָרט „קלאַס", „אַרבעטער" (אָדער סאָציאַליזם), וואָס האָט פאַר־הילכט די דיסקוסיעס פון די איראָפּעיש־יידישע סטודענטישע קרייזלעך. עליאַ־שעוו איז געווען מער מסוגל צו שטעלן זיך אונטער דער פאָן פון ציוניזם. נישט נאָר וויל ער האָט געשטאַמט פון אַ פרום־באַלעבאַטישער פאַמיליע, האָט געקראָגן אַ טיף־יידישע דערציִונג און איז געווען אַ מוסרניק אין די קינדער־יאָרן. עס איז געווען נאָך אַן אַנדער טעם, אַ וויכטיקערער. דאָס קינסטלערישע און דאָס טיף־אויפריכטיקע אין אים האָבן פאַראורזאַכט ס'זאָל אים ציִען צו עפּעס קאָנקרעטס, צו עפּעס אַזוינס וואָס האָט קאָליר, פאַרנעם, און רעדט צו זיין פאַנטאַזיע. אַרבע־טערשאַפט, סאָציאַליזם איז געווען פאַר אים צו אַבסטראַקט. „וועקן העראָיִשע גע־פילן ביי אַ פאָלק שוסטער, שניידער און פעדלער" — דאָס איז אים געפעלן געווען. דאָס פאָלק שוסטערס, שניידערס און פעדלערס איז געווען פאַר אים אַ מער לעבעדיקער, אַ מער בילדלעכער באַגריף, ווי דער קלאַס שוסטערס און שניידערס.

עליאַשעוו איז געוואָרן אַ ציוניסט. אָבער זיין ציוניזם איז געווען אַן אייגנ־אַרטיקער. ער האָט אים געשטעלט פאַר די אויגן נישט דעם אַבסטראַקטן אידעאַל פון אַ צוקונפטיקער יידישער נאַציע, נאָר דאָס בילד פון דעם רעאַלן יידישן פאָלקס־לעבן. פון דאַנען איז געווען איין טראָט צו דער יידישער פאָלקשפּראַך, צו דער יידישער פאָלקשאַפונג. און שוין אין יאָר 1895 האָט ער (ווי עס איז צו זען פון זיינעם אַ בריוו צו מיר) אָנגעשריבן עפּעס אַ זאַך אויף יידיש מיטן נאָמען „עס קאָכט און עס רודערט אין שטעטל אפיקומן" און עס געלייענט אין אַ סטודענ־טישן פאַראיין. אָבער ער האָט נאָך דאַן נישט געטראַכט צו ווערן אַ יידישער שריי־בער. (אין 1896 האָט זיינער אַ פריינד, אַ רעדאַקטאָר פון אַ רוסישער צייטונג אין אוקראַיִנע באַשטעלט ביי אים און פאַרעפנטלעכט זיינע אַ טעאַטער־רעצענזיע *) אָבער ער איז נישט געוואָרן קיין רוסישער זשורנאַליסט). אַפילו שפּעטער מיט עטלעכע יאָר, ווען אַ פאָר האַלב־בעלעטריסטישע זאַכן זיינע האָבן זיך שוין געהאַט געדרוקט אין עפּעס אַ רומענישער צייטונג, האָט אים נאָך אַלץ „מער אינטערע־סירט די אַפּאָסטאָלישע ראָל פון אַ יונגן ציוניסט, וואָס גאַרט מער צו קריטיקירן די יידישע קעגנוואַרט און וואָס שטרעבט צו וועקן העראָיִשע געפילן ביי אַ פאָלק שוסטערס, שניידערס און פעדלערס איידער אָנצוטאָן אויף זיך די עפּאָלעטן פון אַ ליטעראַט" **). די „חכמי הפען", ווי ער רופט זיי אָן, פון דער העברעיִשער און דער יידישער פרעסע, ווי ווייט זי האָט דאַן עקסיסטירט, האָבן אים צו זיך נישט געצויגן. און ווען זיין חבר און פריינד דר" יוסף לוריע, וועלכער איז אין יאָר 1899 געוואָרן דער רעדאַקטאָר פון וואָכנבלאַט „דער יוד", וואָלט אים נישט „מיט גע־וואַלד אַריינגעצויגן צווישן זיינע מיטאַרבעטער", וואָלט ער „אפשר נישט אַזוי גיך אַריין אין דער יידישער ליטעראַרישער וועלט" (דאָרט).

---

*) מ. קיטאַיס זכרונות אין „פרימאָרגן", נומער 38, ריגע, 1934.

**) זע זיין אַרטיקל „פינף און צוואַנציק יאָר ליטעראַטור", „מאָרגן־זשורנאַל", 31טער דעצ' 1922.

ער איז אַריין, אָבער ער האָט זיך נאָך אַלץ נאָך נישט געפילט ווי אַן איי־גענער מענטש אין דער יידישער ליטעראַטור, און ער האָט אונטערגעשריבן זיינע אַרטיקלען פריער „איש עלי“ און דערנאָך „גר צדק“. ער האָט נאָך אַלץ געטראַכט, אַז ער איז נישט אַריינגעגאַנגען אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָר „אַריינגע־פאַלן“, ווי ער שרייבט אין דעם פריער־ציטירטן אַרטיקל. „איך בין אַריינגעפאַלן אין דער יידישער ליטעראַטור, ווי אַ גוייִשער גאַסט“. אָבער ער האָט זייער שנעל אויפגעהערט צו זיין אַ גר און איז געוואָרן אַ תושב. נאָך דעם פינפטן באַזעלער קאָנגרעס, ווען עס איז געגרינדעט געוואָרן די „דעמאָקראַטישע (ציוניסטישע) פראַקציע“, ווו עליאַשעוו איז געווען אַ מיטגליד און דער אַרויסגעבער פון „יוד“, האָט מורא געהאַט פאַר עליאַשעווס פריערדיקן ליטעראַרישן נאָמען, טאָמער איז ער טריף געוואָרן אין צאַרישן רוסלאַנד, האָט דער יונגער שרייבער אָנגעהויבן צו דרוקן זיינע אַרטיקלען אונטער דעם פסעוודאָנים בעל־מחשבות און אונטער אַט דעם נאָמען האָט ד״ר עליאַשעוו פאַרנומען אַן אָרט אויבן אָן אין דער יידישער ליטעראַטור אויפן געביט פון דעם האַלב־בעלעטריסטישן עסיי, פון דעם איראָ־נישן מעשהלע — עליאַשעווס אַן אייגענע ליטעראַטור־פאָרעם, — פון דעם ערנסט־שפּילעוודיקן פעליעטאָן, פון דער לירישער פובליציסטיק. אונטער אַט־דעם נאָ־מען איז ער געוואָרן דער גרינדער פון דער מאָדערנער יידישער קריטיק — דער וואָס האָט געהאָלפן מאַכן פון די יידישע ליטעראַטן אַ יידישע לי־טעראַטור. ער האָט געשפּונען וויי טער דעם פאָדעם פון אונדזערע קלאַסיקערס און געלאָזט זיך אים אַריינוועבן אין דעם געוועב פון דעם יידישן באַוווּסט־זיין. און אין משך פון מער ווי צוויי צענדלינג יאָרן איז ער געווען דאָס אָפענע אויג און דאָס פיינע אויער, וואָס האָט געזען, געהערט אַלץ, וואָס האָט זיך געטאָן אין דער יידישער ליטעראַטור, און געמאַכט, אַז אַנדערע זאָלן עס זען און הערן. אַליין איז ער געווען איינער פון אונדזערע פיינסטע שרייבער און לייענערס, אַ חוץ דעם וואָס ער האָט אַנדערע שרייבערס געהאָלפן שרייבן און אַנדערע לעזערס — לעזן. מיט זיינע קריטישע עסייען האָט ער געוויזן אַז אַ קריטיקער איז נישט יענע בעקלינשע פאַרזעעניש, וואָס האָט אַ בייז צאַרנדיק פּנים און האַלט די פּען אין מויל ווי אַ שוחט דעם חלף, נאָר אַז ער איז דער אמתער פריינד פונעם קינסטלער און פון זיין קונסט. ער איז נישט געקומען „קריטיקירן“, נאָר שאַפן. צווישן אים און די דיכטערס איז געווען בלויז אַ חילוק וואָס זיי האָבן געבלע־טערט דאָס בוך פון לעבן, בעת ער האָט זיך פאַרטיפט אויך אין דעם לעבן פון בוך... איז דאָס לעצטע דען אַזוי געלייטערט, אַז עס קאָן נישט מער נאָך געליי־טערט ווערן? איז עס דען פלאַך אַזוי און אַן פאַרבאָרגענישן, אַז עס קאָן נישט קומען איינער און אויפדעקן אין דעם עפּעס נייס? איז עס דען אַזוי באַגרענעצט און אומבאַוועגלעך, אַז עס איז דאָ אין דעם אָרט נאָר פאַר דעם שרייבערס פער־זענלעכקייט און נישט אויך פאַר דער פאַנטאַזיע און דער שאַפונג־קראַפט פון דעם טאַלאַנטפולן לעזער?

מיט זיינע עסייען וועגן מענדעלען און שלום־עליכמען, ווי אויך מיט אַנדערע שפּעטערדיקע אַרטיקלען זיינע, האָט בעל־מחשבות געוויזן אַז נישט נאָר די שריי־בערס שאַפן די יידישע ווי יעדע ליטעראַטור, נאָר אַז אויך דעם לעזער שאַפט זי, ווען אים געלינגט נאָר צו באַפרייען זיך פון זיין לעזערישער שטומקייט. בעל־

מחשבות האָט געוויזן, אַז דער טאַלאַנטפולער געניסער פון קונסט, וועלכער האָט זיין אייגן גייסטיק לעבן, הערט אויף צו זיין דעם קינסטלערס מיטשאַפער און ווערט אַליין אַ שאַפער, ווי נאָר ער אַנטדעקט אין זיך די פעיקייט אויסצודריקן מיט דער הילף פון וואָרט די איינדרוקן, וואָס ער האָט פון וואָרט... בעל־מחשבות האָט זיכער רייכער געמאַכט די ווערק, וועגן וועלכע ער האָט געשריבן. ער האָט זיי געלייטערט. זיי זיינען דען געוואָרן אַנדערע, קלענערע, נאָך דעם ווי ער האָט געשריבן וועגן זיי? ער האָט אָפּגעוואָרפן אין זיי דאָס צופעליקע און נישט־וויכטיקע, אַזוי ווי דער קינסטלער לאָזט אין שאָטן דאָס נישט־עיקרדיקע, וואָס איז דאָ אין לעבן. ער האָט בולט געמאַכט, פונקט אַזוי ווי דער קינסטלער טוט, דאָס כאַראַקטעריסטישע און דאָס אויפטועדישע וואָס אין זיי. ער האָט געמאַכט אַ גאַנץ בילד פון די שטריכן און שטריכעלעך, וואָס אין די שאַפונגען פון די קינסטלער זיינען זיי געווען צעזייט און צעשפרייט.

די קינסטלערס האָבן אונדז געגעבן ריינע, געלייטערטע כאַראַקטערן אָדער פאַרגרעסערטע פאָרטרעטן פון פאַרשיידענע סאָרטן מענטשן און גרופּעס מענטשן. דער קריטיקער האָט אויסגעמאָלט די כאַראַקטערן און די בילדער פון פאַרשיידנערליי קינסטלער. איז שילדערן קינסטלערס און זייערע ווערק לייכטער, ווי שילדערן אַנדערע מיני מענטשן? פאָדערט זיך נישט קיין קונסט דערצו?

און האָט דען בעל־מחשבות דורך די ווערק פון אַנדערע נישט געגעבן אונדז זיך אַליין, אַזוי ווי די שרייבערס גיבן אונדז זיך דורך זייערע ווערק? לייכט דען דורך זיינע קריטישע עסייען נישט אַרויס זיין אייגן לעבן און זיין אייגענער קוק אויפן לעבן? איז דען בעל־מחשבותעס שמייכל פון ליבשאַפט און ראָמאַנטיק, וואָס האָט געשוועבט אויף זיינע ליפּן אין דעם ערשטן פעריאָד און די פאַרביטערטקייט, די איראָניע וואָס האָט זיי אָפּט צעקרימט אין דעם לעצטן פעריאָד — נישט געווען קיין אויסדרוק פון זיין פערזענלעכקייט?

אָבער איידער מיר פּרווון מאַכן אַ סך־הכל פון בעל־מחשבותעס ליטעראַטור־קריטישע אויפטואונגען, לאָמיר אַ קוק געבן אויף דעם מצב, אין וועלכן די יידישע קריטיק האָט זיך געפונען איידער ער האָט זיך באַוויזן.

עס איז געווען שוין קרוב צו פיר הונדערט יאָר זינט מען האָט אָנגעהויבן דרוקן ספרים אויף יידיש, ספרים מיט אַ וועלטלעכן און אַ רעליגיעזן אינהאַלט. עס איז געווען אַ יידיש וואָרטשאַפן אויף אַלערליי געביטן, אָבער נישט אויפן געביט פון קריטיק. עס איז אין די ווערק אויף עברי־טייטש געווען לעבנס־קריטיק (מוסר), אָבער די ווערק גופא זיינען נישט קריטיקירט געוואָרן. סיידן מען זאָל צורעכענען צו קריטיק די לויבגעזאַנגען פון די הסכמות און די איינציקע, צופעליקע, קריטישע באַמערקונגען, וואָס טרעפן זיך אין די הקדמות צו אַלטע יידישע ספרים.

אונדזער העברעיִש־אַראַמעיִשע ליטעראַטור איז גראָד געווען פול מיט פּירושים אויף ספרים, מיט הערות, הגהות, וויכוחים, וואָס דאָס זיינען אַלץ פאָרמען פון קריטיק. אָבער די יידיש־מחברים — זיי האָבן זיך זעלטן ווען אָפּגעגעבן איינער מיט דעם אַנדערנס ווערק. ערשט אין דעם וואָכנבלאַט „קול מבשר“, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצוגיין אין יאָר 1862, ווייזט זיך דער מין שרייבן, וואָס מיר רופן אָן ביבליאָגראַפיע, רעצענזיעס, קריטיק.

אויך אין אַנדערע שפּראַכן האָט ערשט די פּעריאָדישע פּרעסע, ווען זי איז אויפגעקומען, געהאָלפן זיך פונאַנדערבליִען דעם צווייג פון ליטעראַטור, וואָס הייסט קריטיק. אָבער געוואַקסן איז דער צווייג אויך פריִער. ביי אונדז אין דער יידישער ליטעראַטור האָט ער געפעלט. פאַרוואָס? ווייל אַפילו די פּרימיטיווסטע פאָרעם פון קריטיק, די פאָרעם וואָס באַשטייט אין זוכן מעלות און חסרונות, קען אויסוואַקסן נאָר ביי געוויסע באַדינגונגען, און די וויכטיקסטע פון זיי איז — אַ געוויסע מדרגה פון אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג און אינטעלעקטועלער זעלבשטענדיקייט ביי די לייענערס. די לייענערס פון די פאַרצייטיקע יידישע מעשה־ביכלעך אָדער מוסר־ספרים זיינען ס׳רוב געווען ווייבער אָדער מאַנסבילן — עם־הארצים. זיי האָבן געקאָנט לייענען, אָבער נישט שרייבן. טאָמער האָבן זיך צווישן זיי געפונען אַזעלכע, וואָס זיינען געווען בריות אויף אַנצושרייבן אַ בריוו און אַ מאָל אויך זאָגן אַ פּאָר גראַמען, מאַכן אַ לידל אָדער דערציילן אַ מעשה, הייסט עס נאָך נישט, אַז זיי האָבן געקאָנט שרייבן וועגן דעם, וואָס זיי האָבן געלייענט. כדי צו שרייבן וועגן דעם, האָבן זיי געדאַרפט האַלטן מער פון זיך אַליין און האָבן זעלבשטענדיקע מיינונגען. אָבער זיי זיינען געווען אין גאַנצן אין רשות פון ספר, ווען זיי האָבן אין אים אַריינגעקוקט; וואָס דער מחבר האָט געזאָגט, איז געווען הייליק... אַ פּראָסטער ייִד, אַ זינדיקע ייִדענע — ווי קומט ער אָדער זי צו זאָגן אַ דעה דעם מחבר? האָט זיי עפּעס אַ ספר „נישט גענומען״, האָבן זיי עס נישט געלייענט; איז עס זיי, פאַר־קערט, געווען צום הארצן, האָבן זיי זיך געקוויקט מיט דעם. אַן איינדרוק פון לייענען האָבן זיי געהאַט; ער האָט זיך אויסגעדריקט אין זייער פּאַקטישן פאַר־האַלטן זיך צום ספר; אָבער ער איז נישט פאָרמולירט געוואָרן אין ווערטער, נישט דערגאַנגען צום באַוווסטזיין. די פּשוטע ייִדענע האָט געוווסט אַז די בבא־מעשה, דער ספר מדות, דער „צאינה וראינה״ געפעלט איר, בעת פון אַן אַנדער ספר האָט זי נישט אַזאַ הנאה, אָבער פּאַר וואָס איין ספר פאַרשאַפט איר פאַרגעניגן און אַן אַנדערער נישט — אָפּגעבן זיך אַ רעכענונג אין דעם האָט זי נישט געקאָנט. איר קריטיק איז געווען אַן אומבאַוווסטזיניקע און דערפאַר אַ שטומע.

באַוווסטזיניקע און אויסדרוקפולע קריטיק ווערט מעגלעך ווען צווישן די לעזערס קומען־אויף מענטשן, וואָס פאַרלאָזן זיך אויף זיך אַליין און האָבן דעם מוט און די פעיִקייט אויסצודריקן, וואָס זיי טראַכטן און פילן. וואָס איז אייגנטלעך אַ קריטיקער? אַ לייענער וואָס דערפילט אין זיך דעם כוח צו ווערן אַ שרייבער. צווישן די לעזערס אָדער ריכטיקער, לעזערינס פון דער עלטערער יידישער ליטעראַטור זיינען אַזעלכע מענטשן נישט געווען. זיי האָבן נישט געקאָנט זיין, מחמת זיי האָבן כמעט אַלע געהערט צום סוג „שטומע נשמות״.

און וואָס שייך צו די מחברים, האָבן זיי נישט אַזוי שטאַרק געהאַלטן פון די עברי־טייטש ספרים, אַז זיי זאָלן מאַכן אויף זיי פירושים אָדער אַריינלאָזן זיך אין חקירות וועגן זיי.

נאָך אַ מאָטיוו איז, וואָס עס זיינען נישט געווען צווישן די אַלטע יידישע מחברים קיין וויכטיקע מיינונג־פאַרשיידנקייטן: זיי האָבן כמעט אַלע געשעפּט פון די זעלביקע קוואַלן, געשטיצט זיך אויף די זעלביקע אויטאָריטעטן. אַפילו דער אופן שרייבן איז געווען כמעט ביי אַלעמען גלייך. אין דער השכלה־צייט האָט זיך גענומען ווייזן ביי אונדזערע לעזערס אַ פרייערע באַציִונג צו די אַלטע אָנגענומענע

אויטאָריטעטן. מען האָט געגומען שרייבן וועגן נייע זאַכן אויף אַ נייעם שטייגער, עס איז נישט געווען מער קיין איינגעשטעלטער נוסח, — איז געוואָרן אָרט פאַר קריטיק. אגב, האָבן די השכלה־ביכלעך נישט סתּם אַזוי געמוסרט אָדער אַמוזירט דעם עולם, זיי האָבן אויף זיך גענומען אַ שליחות אומצובייטן דאָס גאַנצע לעבן. זיי האָבן געוואָלט עפּעס אויסוואָרצלען, עפּעס איינפלאַנצן; זיי זיינען געווען דאָס ווירטיקסטע אָדער גאָר דאָס איינציקע קאַמף־געווער אין די הענט פון דעם נייעם דור. איז קיין וווּנדער נישט וואָס מען האָט גענומען ערנסטער זיך פאַרהאַלטן צו זיי — אויספּרובירן זייער שאַרפקייט, זייער קאַמף־פעיקייט, זייער אויפקלער־רונג־ווערט... אַ ליטעראַטור וואָס איז געווען געבויט אין גאַנצן אויף קריטיק, אויף דער קריטיק פון די עקסיסטירנדיקע פירונגען און מיינונגען, האָט געמוזט פאַרמאָגן אויך אַן אָרגאַן פון זעלבסטקריטיק. אין דער קריטיק־ליטעראַטור האָט זיך געמוזט אָנהייבן צו אַנטוויקלען אויך אַ ליטעראַטור־קריטיק.

אָבער דאָס איז געווען נאָך זייער אַ נידעריקע מדרגה פון ליטעראַרישער קריטיק. דאָס איז געווען קריטיק אין דעם זינען, אין וועלכן דאָס וואָרט ווערט געברויכט אין דער אַלט־גריכישער שפּראַך, פון וועלכער עס שטאַמט. קריטיק אויף גריכיש הייסט מישפּטן, פּסקענען. צו אַ מישפּט, וואָס דאַרף זיך אויסלאָזן מיט אַ פּסק־דין, קומט אַ פּראָקוראָר, וואָס זוכט חטאים, און אַן אַדוואָקאַט, וואָס זיין עובדאָ איז צו געפינען אַ זכות אויף דעם געמישפּטן. די וואָס האָבן געשריבן אויף יידיש קריטיק ביז בעל־מחשבותן, האָבן דאָס רוב גערעכנט אַז זייער אויפ־גאַבע איז צו זיין וואָס שטרענגערע פּראָקוראָרן. אין בעסטן פאַל, האָבן זיי געזוכט צו פאַרקערפּערן אין איין פּערזאָן ביידע צדדים — אי דעם באַשולדיקער אי דעם פאַרטיידיקער: זיי האָבן געלייגט אויף איין וואָגשאָל דעם מחברס מיצוות און אויף דער אַנדערער — די עבירות: וואָס וועט איבערוועגן? דאָס האָט מען געוויס גע־געקאָנט רעכענען פאַר קריטיק, אָבער נישט פאַר קריטיק פון העכערן סאָרט. דאָס איז געווען עלעמענטאַרע מבינות־זאָגעריי. אַזאַ מין מבינות־זאָגעריי האָט פאַרנומען דעם הויפּט־אָרט אין די ליטעראַרישע איבערבליקן פון י. י. לערנער און י. ח. ראַבניצקי, שוין נישט גערעדט וועגן אַלעקסאַנדער צעדערבוימען.

דער מבין איז אַ ניצלעכער מענטש אין דער ליטעראַטור, אָבער אַ ליטעראַרישער אויפטוער, אַ שאַפער איז ער, וואָס קען שלייפן אַ טייערן שטיין, מאַכן, אַז ער זאָל לייכטן העלער, מער כּישופן, נישט נאָר זאָגן, צי איז עס אַן עכטער דימענט אָדער נישט.

ערשט אין די 90ער יאָרן פון פאַריקן יאָרהונדערט איז צוגעגרייט געוואָרן דער באָדן פאַר דעם קריטיקער־לעזער, וואָס דערהייבט זיך צו דער מדרגה פון אַ קריטיקער־שרייבער. ערשט דאַן איז אויפגעקומען דער טיפּ פון אַ יידישן לעזער, וואָס זוכט נישט בלויז בילדונג אין דער יידישער ליטעראַטור, נאָר אויך — לי־טעראַטור. ערשט דאַן האָט דער יידישער שרייבער זיך געקאָנט פאַרגינען אַוועק־צולייגן דעם משכּיליש־מלמדישן טייטל און — נעמען די פּען אין האַנט, ד״ה ווערן אַ שרייבער, אַ דיכטער.

דאָס איז פאָרגעקומען אין פאַרבינדונג מיט אַט די אומשטאַנדן:

די יידישע פאָלקסמאַסן זיינען צו דער צייט, ווען עס האָבן זיך גענומען אויסשפּרייטן דער ציוניזם און דער בונדיזם, שוין געווען בכוח אויסצוטיילן פון

זיך אַ געווי‍סע צאָל אינטעליגענטערע לייענערס. די דאָזיקע לייענערס האָבן זיך נישט געקאָנט באַנוגענען דערמיט, וואָס אַ ביכל איז זיי „געפעלן“. זיי האָבן געמוזט זוכן אַ פאַרבינדונג צווישן איין ביכל און דעם אַנדערן. זיי האָבן געמוזט שטרעבן צו קריגן אַ בילד פון דעם גאַנצן גאַנג פון דער ליטעראַטור. די ייִדישע ליטעראַטור האָט שוין געדאַרפט זיי געבן נישט נאָר שיינע מעשיות, קלוגע איינפאַלן, פּראָגרעסיווע געדאַנקען; זי האָט געדאַרפט פאַר זיי ווערן אַ פולער אויסדרוק פון דעם ייִדישן פאָלקלעבן און פאָלקשטרעבן. זיי זיינען געווען באַוווסטזיניק (נישט, ווי פריִער, בלינד) צונויפגעבונדן מיטן כלל (מיטן כלל־ישראל אָדער מיטן אַרבעטער־כלל), און עס איז ביי זיי געווען אַ נאַטירלעכע באַדערפעניש אָנצוטאַפּן די פעדעם, וואָס פאַרוועבן די ייִדישע ליטעראַטור מיט דעם ייִדישן כלל. אַ סך פון זיי האָבן געהאַט שוין אויך אַ שטיקל באַקאַנטשאַפט מיט דער רוסישער ליטעראַטור (פריִער האָט דער, וואָס האָט זיך אויסגעלערנט אַן „אייראָפּעיִשע“ שפּראַך, זעלטן ווען זיך „דערנידעריקט“ צו לייענען „זשאַרגאָן“. איצט האָבן זיך שוין געוויזן אַזעלכע, וואָס זיינען געווען גרייט צו לייענען אַ ייִדיש ביכל, כאָטש זיי האָבן געקענט רוסיש). אין דער רוסישער ליטעראַטור האָט קריטיק געשפּילט אַ קאָלאָסאַלע ראָלע. פאַרן רוסישן קריטיקער איז דעם קינסטלערס ווערק געווען אַן אויסרייד צו אַנטוויקלען זיינע אייגענע געדאַנקען, אַ מיטל אַרויסצוברענגען זיינע אייגענע אידייען. דעד רוסישער קריטיקער האָט אויפגעכאַפּט דעם קינסטלערס פאָדעם, כדי אים ווייטער צו שפּינען און כדי אים אַריינצוּוועבן אין דעם גרויסן געוועב פון געזעלשאַפטלעכן און נאַציאָנאַלן לעבן. דאָס האָט דעם ייִדישן לעזער געמוזט צוגרייטן אויפצונעמען ענלעכע קריטיק אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

אויך די ייִדישע פּובליציסטיק האָט דאַן זיך שוין מער נישט באַנוגנט מיט קריטיקירן דאָס ייִדישע לעבן אין דעם פּרימיטיוון משכּלישן זינען פון וואָרט. נישט נאָר פּעלערן האָט זי געזוכט שוין דאַן ביי ייִדן. זי האָט געמאַטערט זיך צו מאַכן אַן אַנאַליז און אַ סינטעז פון אַלע פאַרשיידענע עלעמענטן פונעם ייִדישן לעבן. זי האָט עס געוואָלט פאַרשן, וויסן, פאַרשטיין, נישט אָפּפּטרן עס מיט אַזעלכע אַלגעמיינע השׂכּלה־באַגריפן ווי „ליכט“ און „פינצטערניש“. אָט די ענדערונגען, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן צו מערקן אין דער קריטיק פון לעבן, אין דער פּובליציסטיק, האָט ביי די אינטעליגענטערע לעזערס געמוזט אויפוועקן אַ פאַרלאַנג צו זען אויך אַזאַ מין ענדערונג אין דער ליטעראַטור־קריטיק. אויך זי האָט נישט געקענט שוין מער יוצא זיין מיט סתּם אַזוי באַגייסטערן זיך אָדער קרימען מיט דער נאָז. אַזוי ווי די פּובליציסטיק און אַזוי ווי די שיינע ליטעראַטור האָט זי געמוזט אָננעמען אַ מער קאָנסטרוקטיוון און מער פילזייטיקן כאַראַקטער.

דאָס האָט שטומערהייט געפאָדערט נישט בלויז דער מער אינטעליגענטערער טייל פון פאָלקס־לייענער, נאָר אויך — און נאָך מער — דער נייער טיפּ ייִדישער לעזער, וואָס האָט זיך געגומען ווייזן, — דער לעזער פון דער אינטעליגענץ. דער דאָזיקער מין לעזער האָט פריִער כמעט אין גאַנצן געפעלט אין דער ייִדיש־ליטעראַטור. אַפילו פּרץ האָט אין אָנהייב פון די 90ער יאָרן געשריבן ייִדיש נאָך אַלץ פאַר די, וואָס האָבן נישט געקאָנט קיין אַנדערע שפּראַך אַ חוץ מאַמע־לשון. אמת, אין דעם פּראָגראַם־אַרטיקל פון זיין „ייִדישע ביבליאָטעק“ (1890) האָט ער גערופן די אינטעליגענץ צו שטיצן די „זשאַרגאָנישע“ ליטעראַטור. אָבער ווי האָט

ער עס מאָטיווירט? ער האָט געשריבן: „...ווער עס וויל דאָס פאָלק קענען און ווער עס וויל דאָס פאָלק לערנען — דער מוז קאָנען ריידן און שרייבן זשאַרגאָן". לערנען דאָס פאָלק איז, ווי מען זעט פון דעם גאַנצן אַרטיקל, געווען נאָך אַלץ דער עיקר־ציל פון דער יידישער ליטעראַטור. אָבער אָט איז צוגעקומען אַ נייער מאָמענט: קענען דאָס פאָלק. און וואָס טיפער אין די ניינציקער יאָרן, וואָס נאָענטער צו בעל־מחשבותעס אויפטריט, אַלץ גרעסער איז געוואָרן די צאָל יידישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן געוואָלט קענען דאָס פאָלק, דערנענטערן זיך (נישט אַראָפּלאָזן זיך) צום פאָלק. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו אינטערעסירן מיט דער ליטעראַטור פון פאָלק. „מיט איטלעכן יאָר", האָט געשריבן בעל־מחשבות אין אַן אַרטיקל „דער זשאַרגאָן", וואָס איז דערנאָך געדרוקט געוואָרן ווי אַ פאָררעדע צום ערשטן באַנד פון זיינע „געקליבענע שריפטן", — „מיט איטלעכן יאָר וואַקסט די חשיבות פון דער זשאַרגאָן־ליטעראַטור. נישט נאָר דער המון לייענט די ווערק פון אונדזערע זשאַרגאָן־שרייבער, נאָר אויך די אינטעליגענץ, די געבילדעטע פון פאָלק. די יידישע נאַציאָנאַל־באַוועגונג האָט אַרויסגערופן אַ וואַרעמען אינטערעס צו אַלצדינג, וואָס האָט נאָר אַ שייכות צום יידישן לעבן. זי האָט אונדז אויך שעצן געלערנט דעם זשאַרגאָן און זיין ליטעראַטור"... „יאָרן זיינען פאַרגאַנגען", שרייבט ער ווייטער אין דעם זעלביקן אַרטיקל, „און די קלוגע קעפּ האָבן פּלוצלינג דערזען פאַר זיך, ווי עס וואַקסט־אויף אַ נייע פאָלקס־ליטעראַטור, ווי זי ווערט ברייטער און ברייטער און באַשענקט אונדז מיט טיפע און שטאַרקע טאַלאַנטן. זיי האָבן מיט איין מאָל באַמערקט אַז דער זשאַרגאָן האָט אַ טאָפּלטן ווערט: ערשטנס, טראָגט ער אַריין נייע באַגריפן און קלאָרע בילדער אין מוח פון פאָלק; צווייטנס, שפּיגלט ער אָפּ אין זיין ליטעראַטור די נשמה פון דער יידישער מאַסע, דאָס הייסט ער לערנט אונדז אויס בעסער צו פאַרשטיין און צו באַגרייפן אונדזער אייגן פאָלק, און די זשאַרגאָן־ליטעראַטור איז היינט נישט נאָר אַ מיטל צו בילדן דאָס פאָלק, נאָר אויך אַ טייערער מיטל צו בילדן אונדזער אינטעליגענץ, די דאָזיקע קלאַסן ביי יידן וואָס האָבן זיך דערווייטערט פון פּראָסט־יידישן לעבן און האָבן עס אויפגעהערט צו פאַרשטיין".

„בילדן" די אינטעליגענץ האָט די יידישע ליטעראַטור געקאָנט דורך דעם, וואָס זי האָט אָנגעהויבן צו זיין, וואָס ווייטער אַלץ מער, וואָס זי דאַרף זיין, ד"ה אַ ליטעראַטור, נישט קיין חדר. פאַר דער נייער אינטעליגענץ האָט די יידישע ליטעראַטור געקענט האָבן אַ ווערט נאָר אויף אַזוי ווייט, ווי זי איז געווען אַן אויסדרוק פון דעם פאָלקס לעבן און שאַפן. די מוסר־זאָגעריי פון די שרייבער־משכּלים איז צו איר נישט געווען שייך, סיידן דאָס איז געווען דער מוסר פון אַ מענדעלע, וועלכער האָט אין זינען געהאַט מיט זיין שרייבן די אינטעליגענץ מער ווי די מאַסע. דער נייער אינטעליגענט האָט דורך דער יידישער ליטעראַטור זיך געוואָלט באַהעפטן מיטן פאָלק. ער האָט געוואָלט בעסער קענען די יידישע ליטעראַטור, כדי צו קענען בעסער דאָס לעבן און שטרעבן פון יידישן פאָלק. דאָס איז נישט געווען נאָך קיין נאָרמאַלער טיפּ פון אַ לעזער אַן אינטעליגענט, פאַר וועמען די ליטעראַטור פון זיין פאָלק איז אַ ציל פאַר זיך אַליין. די יידישע ליטעראַטור איז פאַר אים נאָך אַלץ געווען אַ מיטל, אָבער עס איז שוין געווען אַ מיטל פאַר אים אַליין, נישט פאַר אַנדערע. און דער עיקר איז, וואָס אין דעם מיטל איז געווען שוין אַ

טייל פון דעם ציל, וואָרעם דאָס דערנענטערן זיך צו דער יידישער ליטעראַטור איז געווען אויך אַ שטיק דערנענטערונג צום יידישן פאָלק.

מיטן פאָלק גופא און מיט זיין טאָג־טעגלעכן לעבן זיך צונויפגיסן איז פאַרן יידישן אינטעליגענט געווען אַ שווערע און כמעט אוממעגלעכע זאַך. דערפאַר איז ער צופרידן געווען זיך צוצורוקן נאָענטער כאָטש צו דעם יידישן פאָלקשאַפן. אין אָנהייב האָט עס געהייסן, אַז ער וויל זיך באַקענען מיט זיין פאָלקס שאַפן און זיין פאָלקס ליטעראַטור. ביסלעכווייז האָט ער אָנגעהויבן צו קוקן אויף דעם, ווי אויף זיין שאַפן און זיין ליטעראַטור. און ווי באַלד אַז עס איז זיינס, נישט נאָר דעם פאָלקס, איז אויף דעם חל אַלץ, וואָס עס איז חל אויף יעדער ליטעראַטור. מוז עס שטודירט ווערן נישט נאָר פון נייגעריקייט וועגן אָדער כדי מקיים צו זיין די נאַציאָנאַלע מיצווה פון פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע. עס דאַרף מיט ליבשאַפט און התמדה אויסגעפאָרשט ווערן. עס דאַרף זיין וויכטיק צו וויסן נישט בלויז וואָס דאָס פאָלק און זיינע שרייבערס שאַפן, נאָר אויך וואָס ער, דער אינטעליגענט, לייענט אַרויס פון זייערע ווערק און וואָס ער לייענט אין זיי אַריין. ער איז שוין מער נישט קיין זייטיקער צוקוקער; ער איז שוין אויך נישט מער קיין משגיח אויף דער משכילישער כשרות פון דער ליטעראַטור. ער איז אַ לעזער. אָבער נישט קיין שטומער לעזער ווי דער, וואָס קומט פון דער מאַסע, ווי דער וואָס האָט נישט קיין בילדונג און איז זעלטן ווען זעלבשטענדיק אין זיינע מיינונגען, נאָר אַ לעזער וואָס האָט אַ מויל און אפשר אויך אַ פען אין האַנט, אַ לעזער, וואָס איז באַקאַנט מיט אַנדערע ליטעראַטורן, אַ חוץ דער יידישער; אַ לעזער, וואָס וויל נישט אַז דער קריטיקער זאָל קנעלן מיט אים ווי אַ דרדקי־מלמד און טייטלען קמץ אלף — אָ, פתח בית — באַ. צו אים מוז דער קריטיקער ריידן, ווי אַ גלייכער צו אַ גלייכן. ער דאַרף אים דערציילן, וואָס עס איז פאַר אים אַליין די ליטעראַטור וואָס ער שרייבט וועגן איר, ווי פאַרשטייט ער זי, וואָס פאַר אַ געדאַנקען און געפילן רופט זי אין אים אַרויס, וואָס פאַר אַן עסטעטישע און אַלגעמיין־גייסטיקע באַפרידיקונג גיט זי אים, וואָס פאַר אַ פאָדערונגען שטעלט ער צו איר, וואָס פאַר אַ האָפענונגען לייגט ער אויף איר, וואָס פאַר אַ שייכות געפינט ער צווישן איר און דער עפּאָכע, ווען זי ווערט באַשאַפן, צווישן איר און דער באַזונדערער לעבן־דערפאַרונג, פון וועלכער זי איז אַרויסגעוואַקסן, צווישן איר און די פערזענלעכקייטן פון אירע שרייבערס און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער...

אַזאַ מין לעזער האָט זיך אָנגעהויבן ווייזן אין דער יידישער ליטעראַטור סוף 19טן יאָרהונדערט — אין אָנהייב פון אונדזער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער אויפוואַכונג. און אָט דער מין לעזער האָט מעגלעך און נייטיק געמאַכט דאָס אויפקומען פון יענעם נייעם מין קריטיק, וועלכן עס האָט איינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור בעל־מחשבות. ער אַליין האָט, אייגנטלעך, פאַרקערפּערט מיט זיך דעם אָנקום פון אָט דעם נייעם אינטעליגענטן לעזער. ער האָט אַליין געהערט צו יענעם סוג יידישער אינטעליגענץ, וואָס איז אַ צייט געווען אָפּגעריסן פון דעם יידישן פאָלקס־לעבן. דאָס זיינען געווען די יאָרן פון זיין שטודירן אין אויסלאַנד. אונטער דער ווירקונג פון די נייע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אידייען האָט ער אין די 90ער יאָרן אָנגעהויבן זוכן אין דער יידישער ליטעראַטור אַ וועג און אַ מיטל זיך צוריק אומצוקערן צום פאָלק.

לאָמיר אים אַליין לאָזן דערציילן...

„איך בין געקומען", דערציילט ער וועגן דער צייט, ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייבן, — „איך בין געקומען דעמאָלט פון בערלין, ווו ליטעראַטור, קונסט און פאָלקס־קונסט האָט שטאַרק מתעסק געווען די יונגע שנעקעס, געקומען פון די סטודענטישע וויכוחים־שטיבלעך, וואָס האָבן אויף אַלע זייטן געקערט דאָס וואָרט „פאָלק", ווי אַ שניידער זיין שטיקל יתור, נישט וויסנדיק צו מאַכן דערפון אַ יאַרמלקע אָדער אַ קאָלנער. עס איז געווען דעמאָלט די צייט, ווען די ווערטלעך נאַציע, נאַציאָנאַל, נאַציאָנאַלע נשמה און נאַציאָנאַליטעט זיינען נאָך אָקערשט פון נאָדל אַרויס, ווען דער דייטשישער זידלוואָרט „יודע" איז געוואָרן פאַרוואַנדלט אין אַ פשוטן „ייִד", מיט וועמען מיר האָבן אָנגעהויבן זיך שטאַרק צו גרויסן" *).

דאָס מיינט נישט, פאַרשטייט זיך, אַז ד"ר איזידאָר עליאַשעוו איז אַזוי פאַרפרעמדט און דערווייטערט געוואָרן, ווי אַ סך ייִדישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן דעמאָלט אָנגעהויבן תשובה צו טאָן. ניין, עליאַשעוו, ווי מיר האָבן געזען, איז פון קינדוויז אויף געווען טיף פאַרוואָרצלט אין ייִדישע לעבן. מען קען אים בשום אופן נישט פאַרגלייכן מיט יענע ייִדישע אינטעליגענטן, וואָס האָבן קיין מאָל נישט פאַרזוכט דעם טעם פון ייִדישקייט און וואָס זיינען אין גאַנצן געווען אָפּגעריסן פון דער ייִדישער סביבה. עליאַשעוו האָט אין זיך איינגעזאַפּט, ווען ער איז געווען נאָך גאָר יונג, דעם גייסט און לעבנסשטייגער פון די ליטווישע ייִדן, דאָך איז ער אַ לאַנגע צייט געווען ווייט און דערווייטערט פון זיי. אַ פּאָר יאָר נאָך דעם ווי מען האָט אים (פאַר אַפּיקורסישע געדאַנקען) אַרויסגעטריבן פון דער גראָבינער ישיבה, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין אויסלאַנד שטודירן. אַרום אַ צוועלף יאָר האָט ער פאַרבראַכט פריִער אין דער שווייץ און דערנאָך אין דייטשלאַנד. ער פלעגט קומען אַ מאָל אַ היים אויף וואַקאַציע, אָבער גייסטיק האָט ער שוין געלעבט נישט אין דער היימישער, נאָר אין דער אייראָפּעיִשער קולטור־וועלט. ער האָט פאַרגעסן אַ סך פון דעם, וואָס ער האָט אין די יונגע יאָרן געלערנט. „איך בין געווען דעמאָלט", שרייבט ער בלשון גוזמא אין דעם פריִער ציטירטן אַרטיקל, „אַ מוראדיקער עם־הארץ. די ייִדישקייט, וואָס איך האָב געלערנט ביז 14 יאָר, איז צעקראָכן. קוים־קוים האָב איך געקאָנט דורכלייענען מיט פאַרשטאַנד אַ בלאַט גמרא מיט רש"י. אויך פון דער פריִערדיקער ייִדישער ליטעראַטור האָב איך ווייניק וואָס געוווּסט. אַ ביסל געקאָנט שמ"רן, אונדזער מענדעלען; פרצן האָב איך ערשט אָנגעהויבן צו לייענען..."

עס איז נייטיק געווען די געדיכטע תשובה־שטימונג פון אַ גרויסן טייל ייִדישער אינטעליגענץ, בכדי עליאַשעוו זאָל זיך ווענדן אומקערן צוריק צום ייִדישן לעבן. די דאָזיקע שטימונג האָט ער אַליין אויסגעדריקט אין איינעם פון זיינע ערשטע, האַלב־לירישע, אַרטיקלען: „איך בין געגאַנגען", האָט ער געשריבן, „און געבלאָנדזשעט. מיין זעלע האָט געוואַנדלט אויף פינצטערע וועגן, נאָר ערגעץ ווו האָט זיך באַוויזן אַ שיין, נאָר זעלטן ווו האָט אויפגעפלאַקערט אַ ליכט. קאָן מען גיין פון זיין פאָלק? **) זיינען מיר נישט, ווי די ביימער מיט דער ערד, צו־

*) „פינף און צוואַנציק יאָר ליטעראַטור", „מאָרגן־זשורנאַל", דעצ' 31, 1922.

**) ד"ר עליאַשעווס ייִדיש איז געווען נאָך דאַן אַ ביסל פאַרדייטשמעריש. ער האָט געוואָלט זאָגן: „קען מען דען אַוועקגיין פון דעם אייגענעם פאָלק?".

זאַמענגעוואַקסן מיט דעם גייסט פון אונדזער פאָלק? הונדערטער פּעדעם פאַר־בינדן אונדז מיט די אַלטע ייִדישע דורות און ווען מיר וועלן צערייסן די פּעדעמער, צי וועלן מיר דורך דעם צוזאַמענוואַקסן מיט אַנדערע פעלקער? צוריק! צוריק! אָבער ווי? איך בין נישט געווען דער איינציקער. טויזנטער מיט באַנגעגדיקע הער־צער האָבן געזוכט דאָס אייגענע וואָס איך, און אויף פאַרפלאָנטערטע וועגן שפּריי־זנדיק זיינען מיר אַלע געקומען צו דעם זעלביקן אָרט. מיר האָבן אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אונדזער פאָלק און זיין שטומע גרויסאַרטיקע זעלע און אַזוי ווייטער *).

דאָס דאָזיקע וועלן „פאַרשטיין די שטומע גרויסאַרטיקע זעלע" פון זיין פאָלק האָט אויפגעוועקט אין עליאַשעוון אַן אינטערעס צו דעם וויכטיקסטן אויסדרוק פון דער „שטומער זעלע" — דער ייִדישער ליטעראַטור. ער האָט זי געוואָלט אַליין קענען. און ווען ער האָט אָנגעהויבן שרייען וועגן איר, האָט ער דערפאַר טאַקע געשריבן אַנדערש, ווי די, וואָס האָבן ביז אים רעצענזירט ביכער אויף ייִדיש. יענע האָבן אין זינען געהאַט די אויפקלערונג פון די לעזער: האָבן זיי זיך אָפּגע־שטעלט דערהויפּט אויף „מעלות און חסרונות". ער אָבער האָט זיך אַליין געוואָלט העלפן פאַרשטיין דאָס ייִדישע לעבן דורך דער ייִדישער ליטעראַטור. ער איז גע־ווען דער ערשטער ייִדישער לעזער פון דער אינטעליגענץ, וואָס האָט גענומען דערציילן אַנדערע אינטעליגענטע ייִדישע לעזער, וועלכע האָבן דאַן זיך אָנגעהויבן צו ווייזן ביי אונדז, וואָס ער טראַכט און פילט וועגן דעם ייִדישן וואָרט.

פריִער האָט געפעלט דער באָדן פאַר אַזאַ מין קריטיק נישט נאָר אין דעם ייִדישן לעזער־פּובליקום, ווי איך האָב פריִער באַוויזן, נאָר אויך אין דער ייִדישער ליטעראַטור. כדי עס זאָל אויפקומען אַזאַ קריטיק, וואָס איר תוך איז דעם קרי־טיקערס אייגן שאַפן, דעם קריטיקערס זעלבסט־אויסדרוק, נישט נאָר זיין מבינות, איז נייטיק אַז עס זאָלן זיך אָנקלייבן ווערק, וואָס קאָנען באַגייסטערן דעם לעזער־שרייבער, ווערק, וואָס קאָנען אויפוועקן זיין פאַרלאַנג און זיין פעיִקייט ווייטער צו שפּינען זייערע פּעדעם. דער דאָזיקער אָנזאַמלונג־פּראָצעס איז פאָרגעקומען אין משך פון דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט. אין די נייַנציקער יאָרן האָט דער ייִדישער קריטיקער שוין געהאַט פון וואַנען צו שעפּן באַגייסטערונג, און ווו צו געפינען אַ סטימול צו זיין אייגנאַרטיקן שאַפן. עס זיינען דאַן פאַרגעסן (אָדער פאַרוואָרלאָזט) געווען די ווערק פון די עלטערע ייִדישע שרייבערס — פון אַקסנפעלד, פון עטינגער, פון דיק. אָבער ס'איז געווען מענדעלע, וועלכער האָט שוין געהאַט אַרויסגעבראַכט ביז יענער צייט אַלע זיינע גרעסערע זאַכן, אַ חוץ „שלמה ר' חיימס"; עס איז געווען שלום־עליכם, וואָס האָט שוין אויך באַוויזן דאַן אויפצושרייבן אַ גרויסן טייל פון זיינע בעסערע ווערק, און עס האָט זיך געהאַלטן אין פונאַנדערבליִען דער אומרויִקער, תמיד זוכנדיקער טאַלאַנט פון י. ל. פּרץ. עס איז, קורץ, געווען שוין אַזאַ לייענער און עס זיינען אויך שוין געווען אַזעלכע דיכטערס וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט אַ מיטשאַפנדיקע און נאָכשאַפנדיקע, אַ כאַ־ראַקטעריזירנדיקע און באַלייכטנדיקע, נישט נאָר אַ גוט־ אָדער שלעכט־זאָגנדיקע קריטיק.

בעל־מחשבות האָט דערשפּירט אָט די נייע מעגלעכקייט — און ער איז גע־

*) „חנוכה־בלעטל" פון ד"ר איס על, „דער יוד", נומ' 22, 1899. דאָס איז אַן אַרטיקל, וואָס איז נישט אַריין אין זיינע „געקליבענע שריפטן".

ווארן דער פאטער פון דער קינסטלערישער קריטיק אין דער ידישער ליטעראטור. ער איז עס געווארן ביסלעכווייז. אין אנהייב איז ער נישט אין גאנצן פריי געווען פון דער אלטער, אויפקלערערישער טענדענץ. אזוי, צום ביישפיל, געפינען מיר אין זיין ערשטן ארטיקל וועגן פרצן (1901) אזא מין שטעלע: „איידער מיר וועלן אנהייבן ריידן וועגן פרצעס ווערק, מוזן מיר, אין קורצע ווערטער, אנווייזן, ווי נייטיק און וויכטיק עס איז די שיינע ליטעראטור, די פאעזיע, פאר יעדער מענטש־לעכער געזעלשאפט. נאך ביז היינטיקן טאג קוקן א סך פון די ידישע לעזער אויף א פאעטיש ווערק, אויף א גוט ליד, א גוטער דערציילונג, ווי אויף א פוסטער זאך, מיט וואס מען צעשלאגט זיך נאר די צייט. דאס איז א שרעקלעכער טעות, מען דארף וויסן...“ און אזוי ווייטער. דא האט זיך ארויסגעכאפט דער אינטעלי־גענט, וואס וויל קליגער מאכן די מאסע. אבער דאס איז נישט געווען כאראקטע־ריסטיש פאר בעל־מחשבותן. כאראקטעריסטיש איז, ווי געזאגט, געווען זיין שרייבן פאר זיך און זיינס גלייכן, זיי וועלן זיך אליין — און יעדן אינטעליגענטן לעזער — קלערער מאכן דעם זינען פון די ליטעראַרישע ווערק און זייער שייכות צו דער סביבה, אין וועלכער זיי זיינען אויסגעוואקסן און וועלכע האט זיך אין זיי „אפגעשפיגלט“.

ב.

דאס ארומיקע געזעלשאפטלעכע און נאציאנאלע לעבן איז געווען די הויפטזאך וואס האט אינטערעסירט בעל־מחשבותן אין אלע זיינע גרעסערע ארבעטן. ער איז גע־ווען א תלמיד פון דעם פראנצויזישן קריטיקער און קונסט־פילאסאף היפאליט טען. אזוי ווי זיין רבי טען, האט אויך ער זיך נישט באנוגנט מיט דער סביבה אליין. גאנץ אפט האט ער זיך פארטיפט אין די פערזענלעכקייטן פון די דיכטערס. אן אמתער קריטיקער פארגעסט נישט דעם קינסטלערס „איך“, דעם הויפט־קוואל פון אייגנ־ארטיקייט און טאלאנט. מעג ער טעארעטיש ווי שטארק האלטן פון דעם מיליע־מעטאד, וועט ער פראקטיש באנוצן דעם דאזיקן מעטאד דערהויפט דאן, ווען ער האט צו טאן מיט דער געשיכטע פון דער קונסט און מיט אירע פארשיידענע שולן און ריכטונגען, ד"ה ווען עס דארפן דערקלערט ווערן געוויסע מאסן־דערשיינונ־גען אינעם קינסטלערישן לעבן. אנדערש איז די באלייכטונג פון איינציקע שריי־בערס און איינציקע ווערק. זי מוז אינדיווידואליזירט ווערן. און בעל־מחשבות האט זיך אפט טאקע אפגעשטעלט אויף די אינדיווידועלע שטריכן פון דעם אדער יענעם שרייבער. דערהויפט האט ער עס געטאן, ווען עס איז אים לייכט געווען אויפצו־דעקן די הויפט־אייגנשאפט אדער, ווי מען רופט עס אן אין פראנצויזיש, די „פא־קיולטע מעטרעס“ פון דעם שרייבער (דינעזאנס „רחמנות“ אדער מאמעשאפט, ביאליקס „גבורה“, שניאורס „יוגנט“, ווייסנבערגס „ליידנשאפטלעכקייט“ אד"גל). אבער מער ווי אלץ האט אים געצויגן צום אנאליז פון דער סביבה, ווו עס האט זיך אנטוויקלט די אדער יענע פארעם, די אדער יענע ריכטונג פון דער ליטע־ראטור. ער האט געפילט אז דא, אין דער שילדערונג פון דעם ארום, פון דער כלל־פסיכאלאגיע ליגט זיין אייגענע „פאקיולטע מעטרעס“. אפט האט ער זיך אזוי שטארק אריינגעטאן אין את דער כאראקטעריזירונג פון דער סביבה, אז עס האט אויפגעהערט צו זיין א מיטל צו דערקלערן דעם שרייבערס ווערק, נאר פאר־

קערט, דאָס ווערק איז געוואָרן גאָר אַ מיטל צו שאַפן אַ בילד פון דער סביבה. ער האָט אָבער קיין מאָל נישט צונויפגעמישט דאָס היסטאָרישע סביבה־לעבן מיט די מאָמענטאַנע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אומשטאַנדן. טאָמער האָט ער אויף אַ ווײַלע אַ מאָל פאַרגעסן, אַז ער איז אַ קריטיקער, וואָס זוכט דעם שורש פון זאַכן און איז אַרײַנגעפאַלן אין דעם טאָן פון פּובליציסט, האָט ער זיך באַלד געכאַפּט אַז ער איז פאַרקראָכן אָן אַ זײַט און זיך צוריק גענומען פאַר תוך־זאַכן, פאַר יענע שטריכן, וואָס האָבן אַ דויערנדיקע פּסיכאָלאָגישע און קולטור־היסטאָרישע באַדײַטונג. ער איז נישט געווען צופרידן מיט יענע פאַרשטייערס פון דער רוסישער ליטעראַטור־קריטיק וואָס האָבן זיך צופיל אָפּגעגעבן מיט צײַט־פראַגעס און אַרײַנגעבראַכט אין דער ליטעראַטור אַרײַן זײַטיקע טענדענצן און פּניות. ער האָט קיין מאָל נישט אויסגעטײַטשט בפירוש, ווי ער אַליין פאַרשטייט טענס קונסט־פילאָסאָפיע. אָבער אין אַ בריוו, וואָס ער האָט מיר געשריבן אין יאָר 1908 *), האָט ער זיך שאַרף אַרויסגעזאָגט קעגן יענע רוסישע קריטיקערס וועלכע האָבן גענומען טענס מיליע „אין מגושמדיקן זין פון פּאָליטישן דרוק", און די פּערזענלעכקייט, — וועלכע שפּילט, לויט זײַן נישט גאָר באַרעכטיקטער מיינונג, פּונקט אַזאַ וויכטיקע ראָלע אין טענס קונסט־פילאָסאָפיע ווי ראַסע און מיליע, — אָט די פּערזענלעכקייט האָבן די רוסישע קריטיקערס פאַרשטאַנען „נישט אַלס מושל מעצמו, נאָר אַלס... סאָציאַל־עטישע פּערזענלעכקייט אין גייסט פון ראַדיקאַלן ליבעראַליזמוס". אין זייער קריטיק איז דעריבער, זאָגט ער, געווען מער „פּובליציסטיק און סאָציאַל־פּאָליטישע בעל־דרשעריי", ווי אמתע קריטיק. זיי האָבן, לויט זײַן מיינונג, נישט פאַרשטאַנען דעם אמתן מיין פון היפּאָליט טען. טענס מעטאָד איז, ווי ער שרײַבט אין דעם בריוו, דער מעטאָד פון דער הײַנטיקער עסטעטישער קריטיק, און ער האָט זיך אַליין געהאַלטן פאַר אַן עסטעטישן קריטיקער, כאָטש (אָדער ווײַל) ער איז געגאַנגען אין טענס דרכים. „עסטעטישע קריטיק", זאָגט ער, „איז די, וואָס האָט אַ רויִק־אָביעקטיווע פאַרהעלטעניש צו יעדער ליטעראַטור־דערשײַנונג אויפן גרונט פון דער סינטעזע, וואָס דער קריטיקער האָט פון זײַן פאָלקס נשמה, אויפן גרונט פון דעם זאַמל־באַגריף וואָס ער האָט פון זײַן צײַט און פון די עקסיסטירנדיקע נאַציאָנאַלע פּערזענלעכקייטן, אַלס גאַנצע אָדער אַלס ברעקלעך, פּיצלעך. אָט די פאַרהעלטעניש איז נישט קיין סאָציאַל־פּאָליטישע אָדער עטישע פאָרמולע — מען קען דאָס בכלל נישט פאָרמולירן, דאָס איז אַ גאַנצע, אומטײלבאַרע, ווי דער טאַלאַנט פון בעלעטריסטן, ווי דאָס מוזיקאַלישע געפיל, ווי דאָס אויג פאַר פאַרבן, שאַטירונגען".

צי איז די דאָזיקע דעפיניציע פון עסטעטישער קריטיק ריכטיק — איז אַ גרויסע פראַגע. אין דער „רויִקער, אָביעקטיווער פאַרהעלטעניש צו יעדער ליטעראַרישער דערשײַנונג" איז געוויס פאַראַן עפּעס עסטעטישס (דער סאָציאַל־פּאָליטיקער אָדער דער עטיקער האָט נישט קיין רויִקע אָביעקטיווע באַציִונג צו די זאַכן, וואָס ער באַטראַכט). אָבער אויב אַזוי, איז יעדער היסטאָריקער אַן עסטעטיקער. אין דער אמתן פאַרשטייט מען איצט אונטער עסטעטישער קריטיק נישט אַזאַ קריטיק, וואָס האָט סתם אַזוי אַ „רויִקע, אָביעקטיווע" באַציִונג צו קונסט, נאָר אַזאַ, וואָס זוכט אין איר נישט קיין שום אַנדערע ווערטן, אַ חוץ ריין עסטעטישע.

---

*) פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין „טעאַליט", ב"י, פעב' 1924.

פון דעם שטאַנדפּונקט איז בעל־מחשבות אין זײַנע גרעסערע און מער כאַראַקטעריסטישע אַרבעטן, ווי צום בײַשפּיל, אין זײַנע אַרטיקלען וועגן מענדעלע מוכר־ספרים, פּרץ, פייערבערג אָדער אין אַזוינע עסייען ווי „די לעצטע ליטעראַרישע עפּאָכע“, „דרײַ שטעטלעך“, נישט קיין עסטעטישער, נאָר אַ סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישער, קולטור־היסטאָרישער קריטיקער.

ער ווײַזט אין די אַלע אַרטיקלען אַרויס „אַ רויִקע, אָביעקטיווע באַציִונג צו יעדער ליטעראַרישער דערשײַנונג“, ער מאָראַליזירט נישט און פּריידיקט נישט, ער זוכט נאָר צו וויסן און צו פאַרשטיין, וואָס ער לייענט; אָבער וואָס זוכט ער צו פאַרשטיין? וואָס וויל ער וויסן? נישט דעם אויסדרוק־אופן, נישט די ריין עסטעטישע אויפטואונגען און אײַגנשאַפטן (מיט זיי גיט ער זיך אָפּ בלויז צופעליק און אגב אורחא). וואָס אים אינטערעסירט — איז די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע און די קולטור־היסטאָרישע אומשטאַנדן, וואָס האָבן געווירקט אויף דער אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור און אירע איינציקע פאָרשטייערס.

איך זאָג נישט, אַז עס איז אַ פעלער. אויב עס זײַנען דאָ קריטיקערס וואָס טיילן אויס דעם עסטעטישן מאָמענט און מיינען, אַז דאָס איז אַלץ, מעגן זײַן קריטיקערס וואָס קאָנצענטרירן זיך אויף קולטור־היסטאָרישע און סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע פאַקטאָרן. אַ קונסטווערק קען מען בכלל נישט אויסשעפּן מיט איין פאָרמולע. עס איז אַ סך־הכל פון אַלע כוחות, וואָס דער קינסטלער האָט אין זיך אינעווייניק, אַ סינטעז פון אַלע ווירקונגען, וואָס קומען פון דרויסן. און אויך דאַן ווען מיר געניסן דאָס ווערק פון אַ קינסטלער, געניסן מיר עס מיט אַלע אונדזערע חושים, מיט אונדזער גאַנצן וועזן. עס איז נאָך נישט אויסגעטראַכט געוואָרן אַזאַ אַפּאַראַט, וואָס זאָל קענען אויף אַ ווײַלע אָפּשטעלן אין אונדז דאָס עסטעטישע לעבן אָדער פאַרשטאָפּן אויף אַ ווײַלע דעם קוואַל פון אונדזער עטישן באַוווּסטזײַן, אָדער פּאַראַליזירן אויף אַ געוויסער צײַט אונדזער אינטעלעקט. סײַ ווען מיר שאַפן, סײַ ווען מיר געניסן קונסט, שאַפן מיר עס און געניסן מיט אונדזער גאַנצן יש, מיט אַלע אונדזערע פעִקייטן און מיט דער גאַנצער און פילפאַכיקער אַסאָציאַטיווער טעטיקייט פון אונדזער פּסיכיק. דער אידעאַל פון קינסטלערישער קריטיק איז דערפאַר נישט עסטעטישע, נישט עטישע, נישט פילאָסאָפישע און נישט קיין שום ספּעציאַליזירטע און קינסטלעך־איזאָלירנדיקע קריטיק, נאָר אַזאַ וואָס זאָל דאָס אינדיווידועלע בילד און דעם אייגנאַרטיקן סינטעז, וואָס דער קריטיקער האָט פון דעם ווערק, געבן אונדז אין זײַן גאַנצקייט, אין דער איינהייטלעכקייט פון זײַנע פאַרשיידנאַרטיקע עלעמענטן.

עסטעטישע קריטיק איז איינזײַטיק ווי יעדע ספּעציעלע קריטיק און צײַטנווײַז ניצלעך ווי יעדע איינזײַטיקייט. דאָס אייגענע איז ריכטיק וועגן אַנדערע אופנים פון קריטיק. ווען איך האָב געזאָגט, אַז אין בעל־מחשבותס קריטיק דאָמינירט נישט דער עסטעטישער מעטאָד, נאָר דער סביבה־מעטאָד, האָב איך נישט געוואָלט דערמיט פאַרמינערן איר ווערט. איך האָב זי נאָר געוואָלט כאַראַקטעריזירן.

*

דער סביבה־מעטאָד איז געווען איינע פון די סיבות, פאַר וואָס בעל־מחשבות האָט מער און אויספירלעכער געשריבן וועגן יענע ייִדישע דיכטערס וואָס זײַנען

טיף פאַרוואָרצלט אין דעם ייִדישן כלל־לעבן, אין דער נאַציאָנאַלער סביבה, ד״ה וועגן יענע דיכטערס וואָס געהערן צום עלטערן דור. צווישן די ייִנגערע זײַנען דאָ אַ סך, וואָס זײַנען אַזוי ווי אָפּגעריסן פון יעדן כלל, זיי גיבן זיך אָפּ מיטן יחיד אָדער מיט זיך אַליין. זיי האָבן נישט געקענט וועקן אין בעל־מחשבותן אַזאַ רצון צו שרײַבן, אַזוי סטימולירן זײַן געדאַנק און אַרויסרופן אין אים אַזאַ שפע פון בילדער, רעיונות און אַסאָציאַציעס, ווי די פאַרשטייערס פון אונדזער כלל־ און סביבה־ליטעראַטור. עס איז געווען נאָך אַ טעם, פאַר וואָס ער האָט אין דעם צווייטן פּעריאָד פון זײַן טעטיקייט נישט געשאַפן אַזעלכע אויספירלעכע און אַל־זײַטיקע קריטישע ווערק ווי אַמאָל, פאַר וואָס ער האָט אין יענער צײַט אונדז געגעבן גרעסערע אַרבעטן נאָר וועגן גאַנצע גרופּעס אָדער עפּאָכעס („די לעצטע ליטעראַרישע עפּאָכע״, „דרום־ייִדנטום און ייִדישע ליטעראַטור״), אָבער נישט וועגן איינציקע שרײַבערס ווי דאָס איז געווען אין אָנהייב פון זײַן ליטעראַריש־קריטישער טעטיקייט. דער טעם איז, וואָס ער האָט שוין נישט געהאַט מער דעם אַמאָליקן גלויבן און ענטוזיאַזם, הגם ער האָט אויך צו אַ טייל פאַרשטייערס פון דעם ייִנגערן ליטעראַרישן דור אַרויסגעוויזן אַ טיפן אינטערעס.

בעת ער האָט אָנגעהויבן שרײַבן, איז די ייִדישע ליטעראַטור פאַר אים געווען — דער וועג צום פאָלק. עס איז בײַ אים געווען דאַן אַ שטאַרקער אינטערעס צום פאָלקס לעבן און ממילא אויך צו זײַן העכסטן אויסדרוק — דער ליטעראַטור. עס איז נאָך, אגב, געווען דאַן אַלץ די פּיאָנערן־צײַט אין דער נײַער ייִדישער ליטעראַטור. און ער איז אויך אַליין געווען פול מיט יוגנט־כוחות. וואָס ווײַטער, אַלץ אָפטער פלעגט ער אַרײַנפאַלן אין עצבות. זײַן קראַנקייט און דאָס נישט־גליקלעכע פאַמיליע־לעבן האָבן אים, וואָס ווײַטער, אַלץ מער געמאַטערט. אין זײַן שרײַבן האָט ער עס אָפן נישט אַרויסגעוויזן. ער האָט זיך געוואָרטלט, געוויצלט, ווען עס איז אים געווען נישט גוט אויפן האַרצן — געשריבן זײַנע סקעפּטיש־מידע פעליעטאָנען, זײַנע איראָנישע מעשהלעך. אָבער אין בריוו צו פרײַנד און אין פריוואַטע געשפּרעכן האָט ער נישט באַהאַלטן זײַן מרה־שחורהדיקייט.

כ׳געדענק זײַנע בריוו צו מיר אין די יאָרן 1910—1912. ער האָט רעדאַקטירט דאַן אַ טעגלעכע צײַטונג „די ייִדישע שטימע״ אין ריגע. נישט מעדיצין, ווי פריִער, נאָר זשורנאַליזם און קריטיק איז געווען דאַן זײַן הויפּט־באַשעפטיקונג. פון דעסטוועגן האָט ער זעלטן־ווען פאַרעפנטלעכט אַזעלכע גרינטלעכע קריטישע אָפּהאַנדלונגען ווי די, וועלכע ער האָט געשריבן פריִער וועגן די קלאַסיקערס. פאַר וואָס שרײַבט ער נישט קיין גרעסערע אַרבעטן, האָב איך אים צווישן אַנדערע זאַכן געפרעגט אין אַ בריוו. פון זײַן לאַקאָנישן ענטפער איז מיר קלאָר געוואָרן אַז אַ חוץ דעם, וואָס ער האַלט זײַנע קורצע שמועסן, נאָטיצן, אד״גל „פאַר נישט ווייניקער ווערט, ווי די גרויסע אַרטיקלען״, — „האָבן מיך פאַסט שטענדיק און אויך איצט (גיב איך איבער זײַנע אייגענע ווערטער) הויפּטזאַכלעך אינטערעסירט (פון) די ייִדישע שרײַבערס נאָר זייער ווייניקע, ווײַל סוף־כל־סוף, — כאָטש איך מעסט זיי נישט מיטן גרויסן ליטעראַרישן מאַסשטאַב, אָבער פאַרן קליינעם זײַנען זיי נישט מער אינטערעסאַנט ווי צו שרײַבן איבער זיי נאָטיצן״. און דאָס איז נישט געווען דאָס איינציקע מאָל, וואָס ער האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט. אין אַ פריִערדיקן בריוו, אין דעם זעלביקן יאָר, 1910, האָט ער צו זײַן באַמערקונג

וועגן פּרצן און פרישמאַנען, אַז „אינערלעך זיינען זיי ביידע קאַלט“, צוגעגעבן, אַז „סוף־כל־סוף איז, נאָך מיין מיינונג, פאַלש אָנצווועגדן צו דער יידישער ליטעראַטור פון היינט אַן אייראָפּעישן מאַסשטאַב. „יידן אַלס פאָלק“, האָט ער ווייטער געשריבן, „פאַרמאָגן ווייניק קינסטלערישע קולטור, און מיר שטייען נאָך ביים אָנפאַנג“.

ער האָט וואָס ווייטער אַלץ מער געליטן פון דער קראַנקייט וואָס האָט אים פאַרשאַפט אַזוינע יסורים און וואָס האָט שפּעטער געמאַכט אַ סוף צו זיין לעבן. די ליידן האָבן אים נישט געלאָזט זיין גוט אויפגעלייגט, און זיי האָבן, גלייב איך, אַ חלק אין זיין פעסימיסטישן קוק אויפן יידישן לעבן און שאַפן. אין דעם זעלביקן בריוו, וואָס איך האָב נאָר־וואָס ציטירט, טיילט ער מיר מיט, אַז ער „ליידט אָפּט פון קאָפּשמערצן און פון ניירעסטענישע קריזען“ און ער גיט צו: „צייטנווייז וואָלט איך זיך רויק געלייגט שלאָפן אַן אייביקן שלאָף. ווער איך אינערלעך מיזאַנטראָפּיש, כאָטש אויסערלעך בין איך פריינדלעכער און דעליקאַטער מיט מענטשן, ווי אַמאָל“... אויסערלעך איז ער געווען „פריינדלעך און דעליקאַט“, אָבער די „אינערלעכע מיזאַנטראָפּישקייט“ האָט אים נישט אָפּגעלאָזן און אין זיין קאָרעספּאָנדענץ מיט פריינד און קאָלעגן האָט ער נישט געזוכט זי צו באַהאַלטן... אין תוך איז עס נישט געווען קיין „מיזאַנטראָפּישקייט“ — בעל־מחשבות איז בטבע געווען אַ פריינדלעכער מענטש, אַ גוטער חבר. דאָס איז געווען עצבות, אָפּהענטיקייט... „אין 1914“, האָט ער נאָכן ערשטן וועלט־קריג געשריבן אין איינעם פון זיינע האַלב־ליִרישע עסייען, — „אין 1914 האָבן מיר, די פערציקיאָריקע, שוין געפילט די שאָטנס פון קבר“... וואָס איז שייך צו אים אַליין האָט ער די דאָזיקע „שאָטנס“ שוין געשפּירט נאָך פאַר 1914, ער איז דאַן שוין געווען אָפּט „אַן אויסגעמאַטערטער“... „איבעריקנס“, האָט ער מיר געשריבן אין 1911, „האָב איך בכלל פאַרלוירן דעם אינטערעס צו אונדזער ליטעראַטור און פרעסע“.

דעם אינטערעס האָט ער, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרלוירן, אָבער ער האָט פאַרלוירן דעם גלויבן — דעם גלויבן, וועלכן עס האָט שוין לאַנג ביי אים געגעסן „דער וואָרעם פון צווייפל“. „איך בין בכלל אין דער שטימונג“, לייען איך אין זיינעם אַ בריוו צו מיר מיט אַ קאַרגן יאָר שפּעטער, „אין אַ ריי אַרטיקלען די שפּעטערע אַנטוויקלונגען פון אונדזערע טאַלאַנטן זייער פעסימיסטיש אויפצופאַסן. איך בין איצט אין דער שטימונג, וואָס איך האָב עס צו אַלע צייטן געוווסט און זאָגאַר אַרויסגעזאָגט, נאָר איך האָב עס נישט צוגעלאָזן צו מיין געמיט, נעמלעך, אַז דאָס, וואָס מען רופט „יידישע שעפּפונג“ איז נאָך בכוח אַן אויגנבליק צו בליִען — און נאָך איידער דאָס בליט אויף צו אַ געוויסער פאָרעם, ווערט דאָס פאַרוועלקט, מוז דאָס פאַרוועלקן. פון אַלע יידישע איבערלעבונגען בלייבן נאָר ספרים, אייגנטלעך שלעכטע ספרים, דער ציוניזמוס וועט איבערלאָזן נאָך אַ פאָר ספרים, ווי דער חסידיזמוס. פון דער יידישער ליטעראַטור וועלן נאָר בלייבן די ספרים פון די פאָר קריטיקער, וואָס האָבן אַמאָל אין זיי געגלייבט. די ווערק אַליין וועט מען נישט לעזן. אויך נישט פאַרשטיין. גלייבט מיר, פון דעם גאַנצן „יידישן טאַראַראַם“ וועט מען אַמאָל אפשר לייענען מיך, אייך, נישט אַבראַמאָוויטשן, ש״ע־ען, נאָמבערגן אאַז״וו. דאָס איז איצט מיין געמיט־פאַרהעלטעניס צו דער יידישער ליטעראַטור, און מיט אַזאַ שטימונג איז שווער עפּעס צו שרייבן. ווער ווייסט, אפשר

ווען עס וועט מיר מעגלעך זיין, וועל איך בכלל אויפהערן שרייבן ערנסט. בעסער זיך ווערטלען און אַ ביסל חוזק מאַכן פון דעם ידישן מוח, וואָס גייט ציטנווייז אַ טענצל, ד״ה (חוזק מאַכן) פון זיך און אַנדערע... טינטשמירער״...

דער דאָזיקער בריוו האָט אויף מיר, געדענק איך, געמאַכט זייער אַ שווערן און ביטערן איינדרוק. דערהויפּט איז מיר פּיינלעך געווען דעם עלטערן טיף־גע־שעצטן קאָלעגעס עצה „בישט צו נעמען ׳דאָס ידישע׳ אַלס הויפּט־באַשעפטיקונג אין לעבן״ און „פאַרברייטן זיך פאַר איראָפּע״. פאַר מיר איז „איראָפּע״, פאַר־קערט, געווען אַ מיטל צוצוגרייטן זיך פאַר „דאָס ידישע״. דער גאַנצער ניט־גלויבן בעל־מחשבותעס, זיין אומעט, איז מיר געווען פרעמד און מיר האָט מוראדיק פאַרדראָסן, וואָס ד״ר עליאַשעוו מיט זיין טיף־שעפערישן געמיט לאָזט אויף זיך פאַלן אַט די וויסטע „שאָטנס פון קבר״. איך האָב נישט געוווּסט אַז ער קאָן זיך נישט העלפן. כ׳בין נישט געווען אַזוי רייף און געניט, ווי ער. כ׳האָב אָבער גע־פילט אַ באַדערפעניש צו „באַשווערן״ די שאָטנס, אָוועקצוטרייבן זיי. הפּנים, אַז ערגעץ ווו אין דער שטיל האָבן זיי מיך דאָך באַאומרויקט, געשראָקן. האָב איך גע־וואָלט ענטפערן עליאַשעוון אויף זיינע אומעטיקע טענות — געוואָלט זיך אָראָפּ־ריידן פון האַרצן. אָבער עפּעס האָט געשטערט, ביז איך האָב איין מאָל זיך דאָך געזעצט אים שרייבן אַן ענטפער. אָנגעהויבן — און נישט געענדיקט, און נישט אָוועקגעשיקט. דער ענטפער איז געבליבן ליגן איינגעוויקלט אין בעל־מחשבותעס בריוו. אַקוראַט פאַר וואָס דער ענטפער איז געבליבן ליגן נישט קיין געענדיקטער און נישט קיין אָוועקגעשיקטער, איז מיר איצט שווער צו זאָגן. זיינען דאָך שוין פיל צענדליגער יאָרן אַריבער פון אַט יענער צייט. מעגלעך, אַז עס איז געווען אפשר צו שאַרף דער קאָנטראַסט צווישן מיין געמיט־צושטאַנד און זיינעם. כ׳האָב אָנגעהויבן דעם ענטפער מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „איך קאָן נישט זאָגן, אַז איך האָב געלייענט אייער בריוו, ווי מען איז געוווינט צו שרייבן, מיט פריידן. איך האָב געוווּסט, אַז איר זייט נישט פון די גרויסע אָפּטימיסטן, נאָר אויף אַזוינע אומעטיקע, פאַרצווייפלטע שורות האָב איך זיך נישט געריכט. ביי אייך קלינגען זיי מיר שרעקלעכער נאָך ווי ביי אַ ד״ר בערדיטשעווסקי (אין זיין בריוו צום בעל „העתיד״), ווייל איר זייט דאָך נישט אַזוי ווייט פונעם (אָפּגעשריִענעם) „מת״, ווייל... איר זייט דאָך אַ מעדיצין־דאָקטער, נישט קיין דאָקטער־פילאָסאָפיע. שטעלט איר דאָך נישט קיין דיאַגנאָז סתם אין דער וועלט אַריין, אויפן סמך פון „שטימונגען״. מוז דאָך עפּעס זיין. אַלזאָ, וואָס איז דאָ געשען? פאַרוואָס זיינען די אַלע סימנים פון לעבן (ווען מען זאָל שוין לאָזן אָן אַ זייט די „אויפלעבונג״), וואָס זיינען דאָך פאַראַן, — פאַר וואָס זיינען זיי סימנים פון טויט? וואָלט איך אייך גע־שריבן דעם בריוו גלייך ווי איך האָב דורכגעלייענט אייערן, וואָלט איך געהאַט מיט אייך אַ גרויסן וויכוח וועגן אַט דער „פראַגע פון אַלע פראַגן״, האָט מען מיר דאַן אָבער געשטערט, און איצט איז די זאַך אָפּגעקילט געוואָרן. און עס האָט נישט קיין צוועק צו שרייבן וועגן דעם אין אַ בריוו. בפרט אַז אַלע אונדזערע גוטע אָדער בייזע נביאות וועגן דעם (טויזנטיאָריקן) ידישן „מת״ זיינען דאָך סוף־כל־סוף גע־בויט אויף אימפּאָנדעראַביליען. מיר פערעזענלעך, ווייטער, וואָלט גאָר נישט אַרן אַזוי שטאַרק דער נאַציאָנאַלער גלויבן אָדער אומגלויבן, ווען ס׳וואָלט נישט גע־ווירקט אַזוי אויף דער „נאַציאָנאַלער אַרבעט־פעיִקייט״ פון יעדן איינעם פון אונדז. און אויב מיך האָט אַזוי אָנגערירט אייער בריוו, איז עס נישט צוליב דער בייזער

נביאות, נאָר ווייל אייער אַרבעט־פעיִקייט איז געשטעלט אין סכנה. וועט איר נע־מען אויף זיך די שטראָף צו ווערן נאָר אַן „אַפּלאַכער", וועט איר זיין, חלילה, טאָפּלט געשטראָפט, ווייל ס'איז דאָך אַן אומפּרוכטבאַרע און אומדאַנקבאַרע אַרבעט".

מיין מורא פאַר בעל־מחשבותעס שטימונגען איז געווען צו גרויס. ער איז נישט געוואָרן קיין אַפּלאַכער, כאָטש ער האָט פון צייט צו צייט געשריבן זיינע „איראָנישע מעשהלעך". ער האָט נישט געקאָנט ווערן קיין אָפּשפּעטער. לויט זיין עצם־כאַראַקטער איז ער געווען אַ גלויביקער. זיין סקעפּטיציזם האָט זיך גענומען פון זיין „איראָפּע"־מידקייט, פון זיין „ייִדישער" מידקייט, פון זיין ציוניסטישער „גלות־פאַרניינונג" און — פון זיין נעווראַסטעניע... דאָס איז געווען אַ שווערע קראַנקייט, און זי האָט געווירקט. מיין מורא פאַר זיין „אַרבעט־פעיִקייט" איז נישט געווען אין גאַנצן אומזיסט. ער איז זייער אָפט געווען נישט אויפגעלייגט צו שרייבן... אין יאָר 1916 האָב איך געבעטן ביי אים אַן אַרטיקל פאַרן „זאַמלבוך" צום אָנדענק פון שלום עליכמען, וואָס איז אַרויס אין פּעטראָגראַד (לענינגראַד), אונטער י. צינבערגס און מיין רעדאַקציע. זיין ענטפער איז געווען: „איך שרייב איצט בכלל נישט. צי איז דאָס אַ קראַנקייט אָדער דאָס, וואָס מיך אינטערעסירן איצט גאָר אַנדערע, נישט קיין ליטעראַרישע פראַגן — איך ווייס אַליין נישט, נאָר איך האָב איצט נישט קיין שום באַדערפעניש צו שרייבן".

נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה און דער רוסישער רעוואָלוציע האָט אין אים אויפגעוואַכט, אויפגעפלאַקערט „די באַדערפעניש צו שרייבן". ער האָט דאַן אַזוי ווי דערפילט אין זיך עפּעס אַ צווייטע שטאַרקע יוגנט. „די פיר וועלט־קריג־יאָרן, — לייענען מיר אין זיינעם אַן אַרטיקל פון יענער צייט, — „האָבן אונדז די עלטערע, די אויסגעמאַטערטע, ווידער צוריקגעגעבן די צייט. — — — דער קול פון האַרמאַטן האָט צעבראָכן דעם פאַנצער פון די מיטעלע עלטערס, זיי זיינען ווידער געוואָרן ווי אין די צייטן פון דער יוגנט, ווען דאָס גאַנצע לעבן איז געווען נאָר איין איינציקע שורה פון אַלערליי באַוועגונגען און ענדערונגען" („אונטערן ראַד", ז' 9). אין יענע יאָרן, אין אָט די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן, איז ער געווען פּראָדוקטיוו און שעפעריש, ווי אפשר קיין מאָל נישט פריִער. עס זיינען געקומען נייע וווּנדערלעכע אויפבליצונגען פון געדאַנק. אַ באַגעגעניש פון רייפקייט מיט אויפגעוואַכטן יוגנטלעכן אימפעט. אַ לעצטע אויפפלאַמונג... אָבער גראָד אָט די לעצטע שאַפונגען זיינע ליגן אין גרעסטן טייל באַגראָבן אין אַלטע פאַרשטויבטע צייטונגען... אַ לעבעדיקע נשמה ציטערט אין זיי, רייסט זיך צו ליכט, — און עס איז נישטאָ ווער עס זאָל איר געבן אַ תיקון...

ג.

בעל־מחשבות האָט אין דער ליטעראַטור, אַזוי ווי אין לעבן, געזוכט דאָס פאָלקס־פּסיכאָלאָגישע מער ווי דאָס אינדיווידועל־עסטעטישע. אָבער אַרויסגע־בראַכט האָט ער עס שטענדיק אויף אַן עסטעטישן, ד"ה אויף אַ בילדלעכן און קינסטלערישן אופן. ער האָט געזען און אַזוי ווי אָנגעטאַפּט מיט די הענט, וואָס ער האָט געטראַכט. זיין מאַרך האָט נישט אַרויסגעגעבן קיין הוילע לאָגיק. זיין געדאַנק האָט געאַרבעט אינאיינעם מיט זיין פאַנטאַזיע און זיין איבערצייגונג־קראַפט איז געלעגן מער אין זיין בילדלעכקייט ווי אין זיין לאָגישקייט... ער האָט

געירשנט פון זיין זאַגערער פּאָטער, ווי ער אַליין דערציילט, אַ „ליטווישע קאָפּ־
קלאָרקייט", און פון זיין מוטער — „אַ פּוילישע, מיט אַ גרויסער פאַנטאַזיע, מיט
אַ שטאַרקן לעבנגעפיל" — האָט ער בירושה איבערגענומען „אַ פּראָדוקטיוון,
האַלב־באַוווסטזיניקן לעבן". אָט די טאָפּלטקייט, די ליטווישע קאָפּקלאָרקייט גע־
כפלט אויף דעם פּוילישן האַלב־באַוווסטזיניקן סענסואַליזם, האָט אַרויפגעלייגט
איר שטעמפּל אויף דעם גאַנצן שאַפן בעל־מחשבותעס. דער ליטוואַק, וואָס איז אין
אים געזעסן, האָט אים געטריבן צו זיין אַ דענקער, אַ לאָגיקער, אַ קריטיקער; די
פּוילישע ירושה פון זיין מוטערס צד, די „גרויסע פאַנטאַזיע" און „דאָס שטאַרקע
לעבנגעפיל", האָט אין אים געוועקט דעם בעלעטריסט, דעם דערציילער, דעם
פּלאַסטיקער (און ווער ווייסט, אפשר האָט אים דערפאַר אַזוי געצויגן, אין דער
לעצטער צייט, צום „דרום־יידנטום", מחמת ער האָט אומבאַוווסטזיניק געגלייבט
צו געפינען אין דעם דרום־יידן די זעלביקע פאַראייניקונג פון „קאָפּ" און „געפיל",
וואָס ער אַליין האָט פאַרמאָגט!). אָבער כאָטש ער איז געווען אַ גאַנצער קריטיקער
און נאָר אַ האַלבער בעלעטריסט, איז דאָך דאָס „בעלעטריסטישע", כ'מיין דאָס
בילדלעכע, דאָס פאַנטאַזיע־פולע, געווען דער דאָמינירנדיקער און כאַראַקטעריס־
טישסטער שטריך פון זיין שרייבן. און נישט נאָר פון זיין שרייבן אַליין — פון
זיין גאַנצן גייסטיקן לעבן.

ער וואָלט נישט געוואָרן גאָר קיין יידישער שרייבער, ווען ער זאָל זיך לאָזן
פירן נאָר פון זיינע לאָגישע איבערצייגונגען און נישט פון זיין פאַנטאַזיע און
לעבנגעפיל. ער איז געווען אַ ציוניסט, און על פּי לאָגיק האָט ער געמוזט האַלטן
אַז נישט יידיש, נאָר העברעיש איז די שפּראַך פון אונדזער צוקונפט; אָבער זיין
וואַכע פאַנטאַזיע און זיין בילדלעך דענקען האָבן זיך געקענט אויסלעבן נאָר אין
יידיש, נאָר אין דער שפּראַך פון זיין קינדהייט און יוגנט, אין דער שפּראַך פון
יענער יאַטקעווער גאַס אין קאָוונע, אין וועלכער ער האָט זיך אויפגעהאָדעוועט און
וועלכע איז תמיד געשטאַנען פאַר זיינע אויגן, ווי אַ לעבעדיקע. בלויז די יידישע
שפּראַך מיט אַלע אירע אוצרות פון פאָלקלאָר האָט געקענט שטילן זיין שטענדיקן
דורשט נאָך לעבעדיקע פאַרגלייכענישן. זיין שטעלונג צו אונדזער שפּראַכן־פראַגע
האָט ער אויסגעדריקט אין די ווערטער: „צוויי שפּראַכן — איין איינציקע ליטע־
ראַטור". ער אַליין אָבער האָט וועגן ביידע ליטעראַטורן אונדזערע געשריבן און גע־
קענט שרייבן נאָר אויף איין שפּראַך — אויף יידיש. ביי זיין גאַנצער אייראָפּעיש־
קייט האָט ער אַנדערש נישט געקענט שרייבן ווי אויף דער פאָלקשפּראַך, אויף
דער שפּראַך, וואָס האָט געוועקט אין אים פּלאַסטישע אַסאָציאַציעס און וואָס האָט
צופרידנגעשטעלט זיין קאָנקרעטן און בילדלעכן שטייגער דענקען. ביי זיין גאַנצער
„אָפּגעפרעמדטקייט" איז ער געווען דער פאָלקסטימלעכסטער פון אַלע אונדזערע
שרייבער־אינטעליגענטן. ער איז געווען פאָלקסטימלעכער ווי פּרץ. זיין יידיש איז
פון דעם אייגענעם מין, וואָס מענדעלעס און שלום עליכמס. אויב עס האָט זיך
געטראָפן אַ מאָל אַז די פאָלקסטימלעכקייט פון זיין סטיל האָט זיך שיער נישט
געגרענעצט מיט וווּלגאַריזמען, איז עס געווען נישט דערפאַר, וואָס ער איז געווען
אַ „פרעמדער" און האָט זיך געוואָלט „צופּאַסן" צו דער „מאַסע" — נאָר מחמת
ער האָט געמוזט נעמען יענע אויסדרוקן, וועלכע ער האָט געפונען אין דער לע־
בעדיקער, פולבלוטיקער און פאַרבנרייכער שפּראַך פון דעם יידישן פאָלקסלעבן.

דאָס פאָלקסלעבן — דאָס איז געווען די איינציקע פאָרעם פון ייִדישקייט, וואָס איז אין זיינע אויגן געווען לעבעדיק און ווירקונגספול. די ייִדישע אינטעליגענץ, די ייִדישיסטישע ווי די ציוניסטישע, איז געווען פאַר אים אַן אַבסטראַקציע. זי האָט נישט קיין אייגענעם לעבנשטייגער און איז אָן פאָרעם. האָט ער נישט געקענט קוקן אויפן ייִדישן לעבן מיט די אויגן פון דער אינטעליגענץ, מיט אירע פראָגראַם־אויגן, כאָטש ער איז אַליין געווען איינער פון אירע בעסטע פאָרשטייערס. ער האָט נישט געקענט שטעלן דעם ייִדישן טעאַטער און דער ייִדישער פרעסע, צום ביישפּיל, יענע פאָדערונגען, וועלכע עס האָבן געשטעלט צו איר אַנדערע ייִדישע שרייבערס — אינטעליגענטן. דאָס ייִדישע טעאַטער און די ייִדישע פרעסע איז פאַר אים געווען דער אויסדרוק פון יענעם גייסטיקן צושטאַנד, אין וועלכן עס געפינען זיך די ייִדישע מאַסן. ער האָט גענומען די ייִדישע מאַסן, ווי זיי זיינען, ווי זיי גייען און שטייען. און נישט נאָר זיי אַליין. אַלץ וואָס איז געווען אַרום אים, האָט ער גענומען אַזוי ווי עס איז, נישט ווי עס דאַרף זיין. ער האָט געזוכט צו פאַרשטיין אַלץ, און פאַרשטיין הייסט פאַרגעבן. ער האָט געהאַט אין זיך אַ געוויסע רויִקייט און פילאָסאָפישקייט, וואָס האָט געמאַכט, אַז פריִער ווי אַלץ זאָל ער וועלן זען און באַנעמען, וואָס עס טוט זיך אַרום אים, סיי אין דער ליטעראַטור, סיי אין לעבן.

אין זיין טאָג־טעגלעכן פאַרהאַלטן זיך צו די מענטשן און צו זיך אַליין, ווי אויך אין זיין פּריוואַטער קאָרעספּאָנדענץ איז ער געווען געפילפול, סענטימענטאַל, און מען האָט געקענט מיינען אַז ער איז געווען נישט אַזוי אַ בעל מחשבות, ווי אַ בעל־הרגשות, אָדער גאָר אַ בעל התרגשות. אין זיין שרייבן איז ער פאָרט געווען אַ בעל־מחשבות, ד״ה אַן אַלץ־באַטראַכטנדיקע און אַלץ־באַנעמענדיקע פילאָסאָפיש־קינסטלערישע נאַטור — אַ קריטיקער מיט די אויגן און מיט דער שפּראַך פון אַ קינסטלער.

*

ער איז געשטאָרבן דעם 13טן יאַנואַר 1924. אָבער דער טויט איז נישט געקומען צו אים אומגעריכט. ד״ר עליאַשעוו האָט לאַנג שוין געוווסט, אַז ער גייט אויס — און עפּעס פון אַט דעם לעצטן אמת, פון אַט דער לעצטער אויפריכטיקייט איז געווען אין זיין שרייבן פון די לעצטע יאָרן. ער איז תמיד געווען אַן אָפענער שרייבער (דאָס איז אפשר די הויפּט־שיינקייט זיינע). ער איז געבענטשט געווען מיט דער זעלטענער פעיִקייט צו לאָזן דעם לעזער זען אים פנים אל פנים, אָן קיין שום מחיצות. אָבער קיין מאָל איז די דאָזיקע פעיִקייט נישט געווען אין אים אַזוי שאַרף, ווי אין די לעצטע צוועלף־דרייצן יאָר פון זיין לעבן, נאָך דעם ערשטן שווערן אָנפאַל פון זיין קראַנקייט, ווען ער האָט שוין אייגנטלעך נישט געלעבט, נאָר פון צייט צו צייט אויפגעפלאַמט און אויפגעלויכטן ווי אַ ליכט איידער עס לעשט זיך אויס. ער האָט קורץ פאַר זיין טויט אָנגעשריבן אַן אויטאָביאָגראַפישן עסיי, און אין יענעם שטילן ווידוי האָט דאָס אויסגייענדיקע ליכט גאָר באַזונדערס העל אויפגעלויכטן. עס איז געווען אין דעם אַזוי פיל אמת און אַזוי פיל געלייטערטעליידן, אַז ווען איך זאָל עס זיך קאָנען פאַרגינען, וואָלט איך עס בעסער איבערגעשריבן אָנשטאָט צו שרייבן וועגן אים. וואָרעם קיינער קאָן נישט מאַכן

וועגן אים אַזאַ הספד, ווי דעם, וואָס ער האָט געמאַכט אויף זיך אַליין! ער האָט עס אָנגערופן „מאַכן זיך אַליין אַ יובילײ"... „כל ימי" — זיינען געווען די לעצטע אומעטיקע ווערטער פון דער דאָזיקער זעלבסט־כאַראַקטעריסטיק — „כל ימי האָב איך אויסגעמידן יובילעומס און לוויות. איצט מאַך איך זיך אַליין אַ יובילײ. צי איז דאָס נישט די בעסטע ראיה, אַז מען לאָזט דיך געבאָרן ווערן, לעבן, שטאַרבן און פרעג דיך בחרם — פאַר וואָס? צו וואָס?" און אין דער פראַגע איז נישט געווען די מינדסטע רעטאָריק. עס איז, פאַרקערט, געווען אין איר די טיפסטע אויפריכטיקייט פון אַ מענטשן, וואָס מאַכט דעם סך־הכל פון זיין לעבן און ווייס, אַז דער חשבון לאָזט זיך אויס.

פאַר אים האָט זיך דער חשבון אויסגעלאָזן, אָבער נישט פאַר אונדז, נישט פאַר דער יידישער ליטעראַטור.

בעל־מחשבות איז מער ווי אַ יחיד, וואָס האָט פינף צענדלינג יאָר נאָכאַנאַנד געלעבט און געליטן און צום סוף געפרעגט זיך אַליין: „צו וואָס?". בעל־מחשבות איז אַ זעלטענע גייסטיקע דערשיינונג און פאַר אַלע די, פאַר וועמען עס לעבט די נייע יידישע ליטעראַטור, לעבט ער, ווי אירער אַן אָרגאַנישער טייל. זיין ליטעראַרישע עקסיסטענץ שטייט נישט אונטער דער טרויעריקער פראַגע: „צו וואָס?". מיר ווייסן צו־וואָס ער האָט געשריבן, אַזוי ווי מיר ווייסן צו־וואָס מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ און אַנדערע האָבן געשריבן. זייער שאַפן האָט מעגלעך און נייטיק געמאַכט זיין שאַפן... זיי האָבן קעגנזייטיק זיך באַפרוכפּערט *).

*) מער פרטים וועגן בעל־מחשבותן אין מיינע „געקליבענע שריפטן" II, זז' 495־529.

S. NIGER

CRITIC and CRITICS

•

CONGRESS FOR JEWISH CULTURE

Ayacucho 483 - 85 Buenos Aires

S. NIGER

CRITICA y CRITICOS

ASOCIACION PRO CULTURA JUDIA

Ayacucho 483-85 Buenos Aires